STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00789

KVALN UN BEYMER

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Ron & Doreen Lever
in honor of
the Lever family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קוואַלן און ביימער

ניו־יאָרק, 1958

שער־בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

י. י. טרונק

קוואַלן און ביימער

היסטאָרישע נאָוועלן און עסייס

J. I. TRUNK

KVALEN UN BEIMER

Copyright, 1958
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U. S. A.

Grenich Printing Corp.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166

מיט פרייד ברענגען מיר צו דער עפנטלעכקייט דאָס בוך קוואַלן און ביימער פון אונזער יובילאַר י. י. טרונק.

אין דעם בוך גייען אַריין נאָוועלן און עסיים, געשריבן אין פאַרשידענע צייטן. זיי ברענגען בולט אַרויס די פולע געשטאַלט פון מחבר אין איר גאַנצער קאָלירפולער רייכ־קייט. די פאַרשידנאַרטיקייט פון די טעמעס ווייזט די גרויסע שעפערישקייט פונם מחבר, זיין טיפן וויסן און אָריגינעלן צוגאַנג צו אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען. דאָס ווערק איז אַ סינטעז פון געזוכטע פאָרמען און דערגרייכונגען.

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק די אַלע, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט צו ברענגען די דאָזיקע מתנה סיי דעם יידישן לייענער, סיי אונזער טייערן י. י. טרונק צו זיין 70־יאָריקן געבוירנטאָג.

י. י. טרונק יובליי־קאָמיטעט.

אינהאַלט

ערשטער טייל — נאָוועלן

יאָזעפוס פלאַוויוס — 11
יוסף דיילה ריינה — 67
פלוטארך — 99
דער יידישער פויפסט — 127
אַ רוימישער פילאָזאָף שרייבט אַ בריוו — 156
ראָמאַן פון אַ שטערנקוקער — 163
דער טויט פון אַן עפיקורעער — 211
בבא־מעשה — 222

חשבון (ליד) — 322

צווייטער טייל — עסייס

איוב — 323
אסתר — 343
יעקב און עשו — 356
שפּאַציר־וועגן איבערן תנ״ך — 368
מיניאַטורן — 384
טשאַרלי טשאַפּלין — 392
דער מענטש — 400
סאָציאַליסטישע מחשבות — 407
פסיכאָלאָגיע פון יידישן סטיל — 428
פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור — 443
אַנטיסעמיטיזם — 454

ערשטער טייל

נאָוועלן

יאָזעפוס פלאַוויוס

קאַפּיטל איינס

יאָזעפוס פלאַוויוס דער זון פון מתתיהו, פון די געבירטיקע אין ירושלים, געוועזענער יידישער פעלדהאַר, כוהן און שריפטשטעלער, — און פון קעניגלעכן חשמונאישן געשלעכט, — וואוינט זינט דעם לעצטן יידישן קריג אין רוים.

הגם ער האָט איצטער דאָס רוימישע בירגער־רעכט, טראָגט די טאָגאַ און איז אַן אינטימער פריינט פון קייזער טיטוס, לאָזט ער זיך פונדעסטוועגן ווינציק זען אין דער עפנטלעכקייט. ערשטנס וויל ער דערמיט באַוויזן זיין טיפן טרויער איבער דעם חורבן פון זיין פאָטער־שטאָט ירושלים און איבער דעם חורבן פון יידישן בית־המקדש. צווייטנס האָט ער בדעה — ווערליק דעם ביישפּיל פון פאַרשידענע גרויסע פעלדהאַרן, וואָס זענען געווען סטאָאיקער, — צו באַטראַכטן אַלע קריגס־טאַטן ווי בכלל די מעשים פאַרן עפנטלעכן וואויל, ווי זאַכן, וואָס האָבן נישט צו טון מיט דער אייביקייט און מיט דעם שלמות פון דער מענטשלעכער נשמה.

ווי ס'איז באַקאַנט, האָבן יענע סטאָאישע פעלדהאַרן, — פון וועלכע דער חשובער יאָזעפוס וויל נעמען אַ ביישפּיל — זייערע שפּעטערע יאָרן, — די יאָרן פון רייפערן ישוב־הדעת, — געווידמעט דער חכמה פון די גריכישע פילאָזאָפן אָדער זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור און דיכט־קונסט).

אויך דער איידעלער יאָזעפוס פלאַוויוס האַלט זיך פון דערווייטן פון אַלע עפנטלעכע אויפטריטן אין הויף־ימים־טובים.

אין די קייזערלעכע קרייזן האָט מען געוואוסט צו שעצן זיינע גרויסע קענטעניש אין די גריכישע און לאַטיינישע וויסנשאַפטן. מען האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ באַדייטנדיקן סטראַטעג, קלוגן בעל־יועץ, און איבערהויפּט פאַר אַ מענטש, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער געטלעכער מתנה פון אַ זעער. יאָזעפוסעס חלומות פלעגן אָפטמאָל אויסטייטשן דאָס, וואָס עס טראַכט די השגחה איבער דער צוקונפט פון אַ מענטשן. די פריינטשאַפט פון קייזער ווי אויך אַלע חשיבותן און לאָקונגען פון כבוד, וואָלטן אַיעדן אַנדערן הויף־מענטש פול געמאַכט מיט גאווה און שטאָלץ. ער וואָלט דעריבער פאַרגעסן, אַז אומשטערב־לעך איז נאָר די נשמה. דאָס, מיט וואָס עס שטאָלצירט דער גוף איז אייטל און פאַרגענגלעך. — יאָזעפוס האָט זיך געוואָלט האַלטן ווייט פון דער עפנט־לעכקייט. ער וויל בעסער גלייך זיין צו די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער תכלית פון אַ מענטש ליגט אין דער חכמה און אין דער פאַרנונפט.

די יאָרן, וואָס ער האָט נאָך איבערצולעבן דעם חורבן פון יידישן לאַנד,

וויל ער, יאָזעפוס, בעסער ווידמען דעם שטודיום פון דער פילאָזאָפיע און אַנדערע געטלעכע וויסנשאַפטן, איבעהויפּט דער שריפטשטעלעריי. יאָזעפוס פלאַוויוס קאָן שרייבן אין איידעלן גריכישן סטיל און מיט גריכישער רעטאָריק. ער וויל באַווייזן פאַר די געבילדעטע גריכן און רוימער ווי טיף די יידן דענקען וועגן גאָט און זיין וועזן. ווי אויך ווי פיל מאָראַל און דערהויבענער לעבנס־שטייגער עס שטעקט אין די געזעצן פון דער יידישער תורה און אין די מצוות, וואָס די יידן מוזן היטן. דאָס אַלצדינג וואָלט פאַר די היידן אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע חכמות פון די הייליקע יידישע ספרים, און אויך צום לויב פון גאָט דעם אַלמעכטיקן.

מחמת די אַלע סיבות זעט מען יאָזעפוסן זייער ווייניק אויף די רוימישע גאַסן, אין די בעדער אָדער אויף אַנדערע עפנטלעכע ערטער. ער באַמיט זיך נייערט צו פאַרברענגען אין שטילער איינזאַמקייט און אַליין מיט זיינע געדאַנקען, אין דער פּרעכטיקער ווילאַ זיינער, וואָס איז געבויט אויס ווייסן גריכישן מאַרמאָר. די ווילאַ האָט ער באַקומען אַ געשאַנק פון פאַרשטאָרבענעם קייזער אספּסינוס ווי אַ באַוויז פון צוגעניגטקייט. דער גרויסער קייזער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט, ווען יאָזעפוס פלאַוויוס, אַ הונגעריקער, געפאַנגענער יידישער מורד, איז געשטאַנען פאַר אים אין זיין געצעלט הינטער יודפת וואָס אין גליל, אַנגעטון אין שווערע קייטן און אין אַנגעזיכט פון אַלע רוימישע אָפיצירן און קריגס־לייט אים (אספּסינוסן) דערציילט דאָס, וואָס די גאָטהייט האָט אים (יאָזעפוסן) מודיע געווען אין חלום, נעמלעך: אַז נעראָ וועט שטאַרבן מיט נישט קיין נאַטירלעכן טויט און אויף דעם פעלדהאַר אספּסינוסן וואַרט דער טראָן און די וועלט־הערשאַפט פון די רוימישע קיסרים. גלייך ווי זיין זון דער איצטיקער קייזער, דער געטלעכער טיטוס, האָט דער גרויסער אספּסינוס נישט געקוקט אויף די מסירות און רכילותן פון די פילע שונאים יאָזעפוסעס. אַלערליי שאַלקהאַפטיקע מענטשן האָבן אונטער אים געגראָבן און אים געוואָלט פאַרשוואַרצן ביים קייזער. אספּסינוס איז געווען צוגעניגט צו יאָזעפוסן מיט אמתער פריינטשאַפט און האָט אים געשאָנקען זיין אייגענע ווילאַ.

אין אָט דער קייזערלעכער ווילא וואוינט אויך איצט יאָזעפוס, דער געוועזענער יידישער פעלדהאַר, דער כוהן און דער שריפטשטעלער. זי ליגט אין אַ זייער אָפּגעלעגענער גאַס אין רוים, צווישן אַ גאָרטן פון פּיניען און ציפּריס־ביימער.

די שלאַנקע און שוואַרצע ציפּריסן, די ביימער, וואָס זענען איינגעהילט אין זייער שוואַרצקייט ווי אין טרויער־טיכער, האָט יאָזעפוס באַזונדערס ליב. זיי דערמאָנען אים די ביימער אויפן הר־הזיתים און אָן דער שטאָט ירושלים. דערמיט האָט דער פעלדהער תמיד פאַר די אויגן דעם טרויער אויף זיין פאָטער־שטאָט. ער קאָן לעבן ווי אַ שטילער יידישער אָבל אין דער קייזערלעכער ווילאַ. איצטער, ווען עס איז שוין מער נישטאָ קיין האָפנונג צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש, איז עס צייט מיט אַנדערע טאַטן זיך צו קויפן דעם רום ביי דער גאַנצער וועלט, נעמלעך: מיט דער שריפטשטעלעריי.

יאָזעפוס פלאַוויוס ווייסט, אַז נישט בלויז מיט דער שווערד קאָן מען זיך אויס־קעמפן אַ רומפול־געדעכעניש ביי דער נאָכוועלט. דער זכרון, וואָס אַ שטערב־לעכער איז ביכולת נאָך זיך איבערצולאָזן אין די דערהויבענע חכמות, פון דיכטונג, פילאָזאָפיע און מאָראַל איז פיל דויערהאַפטער און בכבודער ווי דער אָנדענק פון דידאַזיקע וואָס ווילן פאַראייביקן זייער נאָמען אויפן שלאַכט־פעלד.

מען זעט טאַקע יאָזעפוסן זייער זעלטן אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן. ער גרייט זיך אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט צו די ווערק, וועלכע ער האַלט פאַר זיין לעבנס־ אויפגאַבע און צוליב וועלכע די גאָטהייט האָט אים געגעבן דעם טאַלאַנט צו קאָנען אויסדריקן זיינע געדאַנקען אויפן פאַרמעט מיט די שיינקייטן פון גריכישן סטיל, די ווערק וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן דעם לעבנס־וועג פון די יידישע געזעצן און מצוות, וואָס איז דער וועג צו העכסטער קלוג־שאַפט און אָפּגעהיטנקייט.

כדי צו זאַמלען זיינע געדאַנקען און צו זיין קלאָר און רואיק אין זיין גייסט (נאָר אין דעם קלאָרן גייסט וואוינט די אמתע חכמה) פאַרברענגט יאָזעפוס פלאַוויוס גאַנצענע טעג אין זיין ביבליאָטעק, וואָס איז פול געווען מיט יידישע און היידענישע ביכער, אָדער ער גייט אַרום פאַרטיפט אין געדאַנקען אונטער די שאָטנס פון זיינע ציפּריסן־ביימער אָדער ער וואַנדלט אין דעם זיילן־גאַנג פון זיין ווילאַ. טיילמאָל פלעגט ער אָפּזיצן שעהן־לאַנג אויף דעם מאַרמאָרנעם ראַנד פון דעם שפּרונג־ברונעם, וואָס אין אַטריום. ער איז נישט מיד געוואָרן פון צוקוקן אויפן שטילן אומאויפהערלעכן פליסן פון וואַסער. ביים ברונעם זיצט ער נישט כדי זיך צו קילן. אין פליסן פון וואַסער באַטראַכט דער חשובער יאָזעפוס דאָס פליסן פון דער וועלט און דאָס אומבאַשטענדיקייט פון די דער־שיינונגען. פאַר די וואָס לעבן מיט דער פאַרנונפט, איז אַ יעדע דערשיינונג אין דער אומבאַשטענדיקער פאַרגענגלעכער וועלט נאָר אַ משל און אַ ביישפּיל פאַר אַ טיפער געטלעכער מאָראַל.

קאַפּיטל צוויי

דאָס שיקזאַל לויערט ווי אַ באַהאַלטענער דעמאָן אויף יעדן מענטשלעכן לעבן. עס באַדראָט נאָך מער יענע מענטשן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אינערלעכע דערהויבנקייטן און ווילן ווידמענען זייערע טעג און צייט די פלענער פון גרויסע טאַטן, גרויסע געדאַנקען און צום אייביקן וואויל פון דער נשמה. ווען עס מיינט אינדעראמתן די גאָטהייט מיט די חכמים און פילאָזאָפן איז פאַר אונז וואונדערלעך און פאַרהוילן. די, וואָס טראַכטן צום טיפסטן וועגן איר וועזן, זיי מאַכט די גאָטהייט צום שווערסטן דאָס לעבן. גראָד זייערע ליבלינגען שטעלן די גאָטהייטן אויס אויף כלערליי נסיונות און לייגן אויס דעם לעבנס־וועג פון דעם חכם מיט דערנער און שטיינער.

נישט געקוקט אויפן אויסערלעכן גלאַנץ איז דאָס לעבן פון דעם שריפט־שטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס אין דער וואָרהייט געווען גענוג שווער. די טריט

זיינע, — מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז זיי גייען אויף דעם זיכערסטן באָדן, — זענען גראָד כסדר געגאַנגען איבער די געפערלעכסטע אָפּגרונטן. ווער זעט דען דעם וואָרעם, וואָס הויזט אין דער שיינער פרי און עסט אין איר?

יאָזעפוס איז רייך, האָט לאַנד־גיטער הינטער רוים און אין יהודה, איז חשוב אין די הויף־קרייזן, דער פריינט פון קייזער. הגם ער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן געקעמפט קעגן די רוימישע חילות, — פונדעסטוועגן האָט ער איצטער דאָס רוימישע בירגער־רעכט. טראָגט די טאָגאַ. דאָך דאָס האַרץ פון דעם גליקלעכן שריפטשטעלער איז פול מיט כסדרדיקער אימה. (עס איז זעלטזאַם דער גורל פון אַ מענטש. אַנדערש איז דאָס, וואָס דוכט זיך אונז אויס, אַנדערש איז דאָס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט). דער חשובער יאָזעפוס ציטערט טיילמאָל אויף פון זיינע דערהויבענע באַטראַכטונגען, ווען ער דער־הערט אַ פרעמד קול הינטער אַ פאָרהאַנג. ער גלויבט תמיד הינטער זיך צו הערן די שטילע טריט פון דעם הענקער. נישט איין טאָג, וואָס שיינט־אַריין אין זיינע פּרעכטיקע חדרים, גלויבט יאָזעפוס פלאַוויוס, אַז עס איז דער לעצטער טאָג, וואָס די השגחה האָט אים געשענקט.

ביי אַזעלכע אָפּטע זעלישע מעמדים איז עס נישט קיין וואונדער, וואָס עס איז דעם שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס שווער צו זאַמלען זיינע געדאַנקען און זיך צו באַהערשן אין דער קאַלטער רואיקייט פון חכמה, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק, כדי צו שרייבן די וויכטיקע ווערק וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן דער יידישער תורה. אין די פרישע קוואַלן פון דער חכמה דערשפּירט טיילמאָל דער גרעסטער חכם דעם טעם פון ביטערקייט. דער וואָס שטייט אויף דער הויכקייט פון חשיבות, רייכקייט און כבוד, טרינקט נישט איין מאָל פון זיין שפּע ווי פון אַ גאָלדענעם גיפט־בעכער.

די סיבות, וואָס מאַכן פול דאָס האַרץ פון שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס מיט טיפער אומרואיקייט און מיט אימה זענען פון צווייערליי כאַראַקטער. ערשטנס זיין מצב ווי אַ ייד אין רוים, ווי אַ יידישער רוימישער בירגער און דער יידישער פריינט פונם קייזער.

די היידענישע פעלקער האָבן זיך פון תמיד־אָן באַצויגן צו יידן מיט שנאה און פאַראַכטונג. זיי האָבן נישט געוואָלט מודה זיין אין דער יידישער אויסדערוויילטקייט, אין די יידישע געזעצן און אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער. אַ גרויסער טייל פון די איצטיקע גריכן און רוימער, — אפילו אַ סך פון די באַקאַנטע שריפטשטעלער — זענען באַזונדערס פאַרביטערט אויף יידן, אויף די יידישע מנהגים און אויף דעם יידישן דת.

אָט־אָ די היידענישע שריפטשטעלער באַמיען זיך פאַרצושטעלן די יידן ווי אַ שעדלעך געשלעכט, וואָס מאַכט פול מיט זיך די ערד. יידן — שרייבן זיי — זענען פיינט פון דער מענטשהייט, פיינט פון די געטער, פיינט פון דעם קייזער. פיינט פון דעם פאָטערלאַנד. דער יידישער דת איז אַ באַרבאַרישער אַבערגלויבן, יידן — שרייבן זיי — בוקן זיך אין זייער בית־המקדש צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל און פאַראַכטן אַ יעדן, וואָס געהערט נישט צו זייער שטאַם. אָט די אַלע בלבולים לייענט מען אין די אָנגעזעענסטע הייזער אין רוים, מען

רעדט וועגן זיי. אין די הויף־קרייזן באַקומען זיי ביי נישט איינעם אַן אָפּקלאַנג און אַ גלויבן. אַ סך חשובע און איינפלוסרייכע רוימער און זייערע גריכישע פריינט קוקן מיט גרויס חשד אויף אַ יעדן יידן און האַלטן אים פאַר אַ בלוטדורשטיקן און כיטרען באַרבאַר, וועלכער וויל נאָר שאַדן אַלעמען, וואָס פאַרערן די געטער, אַ שמוציקע און קרעציקע בריאה, אַן אָפּשפּעטער פון אַלע שיינקייטן פון דער קונסט, אַן אומרואיקער אויפהעצער פון המון אַקעגן די פּאַטריציער און די רייכע לייט. (איבערהויפּט איז אַלעמען געווען באַקאַנט, אַז גראָד אַ סך גלילער יידן העצן אונטער דעם פינצטערן רוימישן המון, אַ מערקווירדיקע יידישע סעקטע העצט די שקלאַפן אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן יידישן משיח). הגם אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס האָט נישט קיין שייכות צו די אַלע פינצטערע עלעמענטן, וואָס ברויזן צווישן דער מאַסע פון די יידן אין רוים, אַז ער, יאָזעפוס, איז אַ געבילדעטער מאַן, שרייבט אויף גריכיש און איז אַן אויפריכטיקער פריינט פון די רוימער, — פונדעסטוועגן איז פאָרט יאָזעפוס פלאַוויוס קיינמאָל נישט זיכער געווען, וואָס עס וועט אים ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג. דאָס האַרץ פון די חשובע און שרים איז פאַרענדערלעך, דער חסד פון די קיסרים איז אומדויערהאַפטיק ווי דער טוי אויף די פעלדער. דער מענטש, וואָס הענגט אָן זיין מזל אויפן גענאָד פון די מעכטיקע, איז געגליכן צו די גלאַדיאַטאָרן אין צירקוס, זיי שטעלן תמיד זייער גליק אין קאָן און מוזן אומבאַהאָלפן צוקוקן ווי עס וועט שפּילן דאָס שיקזאַל. דערצו איז די שנאה צו יידן אין רוים געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. דער קייזער טיטוס אַליין, כדי מען זאָל אים נישט חושד זיין אין באַהאַלטענע נייגונגען צום יידנטום, האָט לזכרון זיין רומפולן נצחון איבער דער שטאָט ירושלים נישט געוואָלט אָננעמען דעם טיטול „אימפּעראַטאָר יודאַיקוס".

און דאָ איז עס פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אַז דער נאָענטער פריינט פון קייזער, דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים פירט זיך אויף ביי זיך אינדערהיים אין דער קייזערלעכער ווילאַ ווי אַ שטרענג פרומער ייד. ער עסט נישט קיין חזיר־פלייש און היט דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך. די סטאַטועס פון סאַטירן, געטער און נימפעס, מיט וועלכע דער קייזער אספּסינוס האָט אויסגעצירט די ווילאַ (וואו עס וואוינט איצטער דער חשובער יאָזעפוס) האָט ער, יאָזעפוס, געלאָזט פאַרהענגען מיט טיכער, כדי מיט געטער־בילדער נישט צו באַליידיקן זיין יידישע גאָטהייט, וואָס קאָן נישט אָנזען די שטאַנד־בילדער פון אַנדערע געטער. דאָס האָבן אויך אַלע געוואוסט: יאָזעפוס פלאַוויוס באַווייזט זיך טאַקע אין דער עפנטלעכקייט אין דער טאָגאַ, ווי אַ פרייער רוימישער בירגער און אַ פריינט פונם פּאַטערלאַנד. ביי זיך אינדערהיים טראָגט ער נישט די טוניקאַ ווי יעדער רוימער, ער קליידט זיך דאָרט אין דעם לאַנגן באַרבאַרישן געוואַנד פון אַ ירושלימער איידלמאַן.

די צווייטע סיבה פון יאָזעפוסעס כסדרדיקער אומרואיקייט זענען געווען זיינע יידישע פיינט. דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס האָט געהאַט זייער פיל שונאים צווישן זיינע אייגענע ברידער, — אַ טייל פון קנאה אויף זיין

רייכקייט און חשיבות, אַ טייל — פול נאָך מיט האַרטנעקיקן כעס אויף זייערע רוימישע באַזיגער, — האָבן זיך ווי די אַלטע צעלאָטן און בריונים אַרומגע־טראָגן מיט אומזיניקע געדאַנקען וועגן אַ יידישער מרידה. זיי האָבן באַ־שולדיקט דעם פעלדהאַר יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים, אַז ער האָט בייז־וויליק ווי אַ בוגד שאַדן געטון די אויסזיכטן אויף אַ יידישן נצחון און זיך איבערגעגעבן צו די רוימער. נישט בלויז, וואָס ער האָט געראַטעוועט ווי אַ פחדן זיין אייגן לעבן, ער האָט זיך אויך אונטערגעחנפעט ביי די אונטער־דריקער פון יידישן פאָטערלאַנד. כדי צו באַקומען פון זיי מתנות און לאַנד־גיטער, האָט ער שענדלעך פאַראַטן זיין פאָלק און געשריבן שריפטן צום לויב פון די רוימישע זיגער. אָט די פאַרביטערטע פאַטריאָטן, האָבן זיך אַרומגע־בלאָנקעט אין רוים ווי שקלאַפן, אָדער פשוטע לאַסט־אַרבעטער און האָבן צווישן די אָרטיקע יידן פאַרשפּרייט זייערע רכילותן אַקעגן יאָזעפוסן. זיי האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז אַלצדינג, וואָס יאָזעפוס האָט געטון, האָט ער נישט געטון פאַר זיין אייגענעם נוצן. אַלע זיינע מעשים אין לעצטן יידישן קריג זענען געשען נאָך אַ לאַנגן און קאַלטן ישוב־הדעת, וועדליק די חלומות, וואָס די גאָטהייט האָט אים געוויזן אין די נעכט און נאָך אַ מיזאַמען פאָרשן אין די אַלטע ספרים פון די אָבות. דאָרט שטייט געשריבן פאַר אַלע דורות, אַז יידן באַדאַרפן זיך פאַרלאָזן נישט אויף זייערע אייגענע כוחות, נייערט אויף דער השגחה פון גאָט און אויף די רייד פון די זעער. ווי גרויס עס איז איב־דעראמתן געווען דער ווייַ פון יאָזעפוסן, ווי טיף ס'איז געווען זיין טרויער אויפן חורבן פון יידישן לאַנד, קאָן יעדער אויפריכטיקער לייענער דערקענען אין דעם קלאָג־ליד, וואָס יאָזעפוס האָט געשריבן אויף דער שטאָט ירושלים. דאָס נעמלעכע ליד האָט ער מיט גרויס מייסטערשאַפט און סטיל אַריינגע־פלאָכטן אין זיין בוך וועגן דעם לעצטן יידישן קריג. הגם וועדליק אַלע געזעצן ווי אַזוי מען דאַרף צו שרייבן געשיכטע, טאָר דער מחבר פון אַ היסטאָרישער שריפט נישט אַרויסווייזן דאָרט זיין פערזענלעכן ווייַ און טאָר נישט איבעררייסן דעם גאַנג פון די געשעענישן מיט קיין קלאָג־לידער, — פאָרט אָבער האָט דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס נישט געקאָנט באַהערשן זיין צער, וואָרים טיף איז געווען זיין טרויער.

קאַפּיטל דריי

דער ערגסטער און בייזוויליקסטער שונא זיינער איז איינער אַ יידישער שריפטשטעלער, יוסטוס פון טבריה. יוסטוס, פון אייטל פערזענלעכער נקמה — יאָזעפוס האָט נאָך זייענדיק אין טבריה, אים געשטערט אין זיינע שענדלעכע כוונות — האָט אָנגעשריבן אַ בוך. דאָרט דערציילט ער אויך די געשיכטע פון לעצטן יידישן קריג. אין אָט־אַ דעם בוך וויל יוסטוס אַוועקשטעלן דעם פעלדהאַר יאָזעפוס פלאַוויוס אין די שוואַרצסטע פאַרבן. הגם יאָזעפוס האָט אין זיינע שריפטן — שרייבט יוסטוס — זיך באַמיט צו געפינען חן אין די אויגן פון די רוימער און היידן און זיך צו ווייזן דאָרט אַלס זייער פריינט האָט ער, יאָזעפוס אָבער נישט געקוקט דערויף—שרייבט יוסטוס—דער ערשטער

אונטערגעהעצט די יידן אַקעגן דער רוימישער הערשאַפט. אין דער שטיל איז ער געווען דער אָנפירער פון דער גאַנצער יידישער מרידה. יוסטוס איז דערמיט אויסן געווען, נעמלעך, צו מסרן יאָזעפוסן און וועקן צו אים אומצוטרוי און אומגלויבן ביים קייזער טיטוס, ביים סענאַט, און ביי די אָנפירנדיקע קרייזן אין רוים, דאָס איז געווען קלאָר.

אויסצופירן זיינע שאַלקהאַפטיקע פּלענער אַקעגן יאָזעפוסן און צו גראָבן אונטער אים אַ גרוב, האָט יוסטוס אַ סך פון יענע קריגס-געשעענישן גע־שילדערט אין אַ פאַלש ליכט און קאָמענטירט די פאַקטן נישט אַזוי ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט. מיט דעם האָט יוסטוס באַגאַנגען נאָך אַ גרעסערע בייזוויליקייט. די, וואָס דערציילן נישט די היסטאָרישע מעשים אָביעקטיוו און דרייען־אויס דעם לויף פון דער געשיכטע ווערדליך זייערע פּערזענלעכע פּניות, זיי זענען נישט בעסער פון די, וואָס פעלשן צוואות אָדער בריוו.

אַזוי ווייט וועגן דעם שריפטשטעלער יוסטוס פון טבריה, דער גרעסטער שונא פון יאָזעפוס פלאַוויוס און וועגן זיינע כוונות צו גיין יאָזעפוסן אויפן לעבן.

אָט די אַלע בלבולים אויף יאָזעפוסן, הגם אין זייער תוך און וועזן האָבן זיי זיך אַלע מיטאַנאַנדער סותר געווען, דאָך אָבער וואָס איז שייך צו שאַדענען יאָזעפוסן, האָט אויסגעקוקט ווי אַלע די פאַרשיידנאַרטיקע שונאים זיינע האָבן פאַרגעסן ווי עס ווידערשפּרעכן זיך זייערע בלבולים. זיי האָבן ווי געשלאָסן אַ יד־אחת אים צו שטויסן אין אָפּגרונט.

דער פרייער רוימישער בירגער, דער נאָענטער מקורב ביים קייזער, דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים, אַנשטאָט צו טון מיט אַ פילאָזאָפישער רואיקייט דאָס, וואָס עס איז געווען דער חוב און דאָס הויפּט־ווערק פון זיין לעבן, נעמלעך, אָוועקזעצן זיך און אויפשרייבן דאָס גרויסע ווערק וועגן געטלעכן וועזן און וועגן דער יידישער תורה, האָט ער ווי דער מלך אַדיסעוס פון איטאַקאַ, דער אַלטער הייזעניסער העלד, מיט כיטרעקייט און ערמה זיך געמוזט ווערן אַקעגן זיינע שונאים. (דאָסדאָזיקע גייסטיקע כלי־זין פון ערמה האָט יאָזעפוסן שוין ניט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט פון טויט). אַנשטאָט צו בויען דעם אייביקן בנין פון גייסט, ד.ה. זיינע הויפּט־ווערק, צו וועלכן דער שריפטשטעלער יאָזעפוס האָט זיך געפילט בארופן, האָט ער גאָר געמוזט שפּאַנען דעם בויגן פון פּאָלעמיק, אין דער נויט פון באַשיצונג כסדר אָפּשיסן זיינע פיילן אַקעגן מחנות פון פיינט, צום ביישפּיל: זיין ווערק אַקעגן אַפּיאָן פון אלכסנדריה און דעם עגיפּטער מאַנעטאָן (די לעצטע האָבן אָנגע־שריבן שריפטן פול מיט די שענדלעכסטע מסירות אויף יידן און אויף דעם יידישן דת). כדי צו באַווייזן די שקרים און דאָס נישט־אָביעקטיווע שרייבן היסטאָריע פון דעם שאַלקהאַפטיקן יוסטוס, האָט ער אויף זיינע עלטערע יאָרן נאָך אַמאָל געמוזט איבערשרייבן זיין זעלבסט־ביאָגראַפיע.

קאַפּיטל פיר

אין דער נאַכט איז דאָס רוימישע חיל אַריינגעדרונגען אין דער יידישער פעסטונג יודפת. דער פעלדהאַר יאָזעפוס פלאַוויוס האָט איינגעזען, אַז יעט־ווערער ווייטערער ווידערשטאַנד איז אָן אויסזיכט. ער האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן אין אַ פאַרלאָזענער ציסטערנע. אין דער ציסטערנע האָט ער אָנגע־טראָפן אויף אַ מאָן פערציק פון אויסגעמאַטערטע יודפתער פאַרטיידיקער. די השגחה האָט סוף כל סוף באַוויזן, אַז גערעכט איז געווען יאָזעפוס, וואָס ער האָט פון תמיד־אָן פאַרשטענדיק געעצהט שלום צו מאַכן מיט די רוימער און זיך צו פאַרהאַלטן רואיק. אָבער די פאַרביטערטע הונגעריקע קריגער האָבן נאָך דאָ, אונטער דער ערד, אין דער חרובער ציסטערנע נישט פאַרגעסן דאָס אומזיניקע עקשנות פון די צעלאָטן און האָבן צווישן זיך באַשלאָסן, בעסער מיט דער אייגענער האַנט זיך צו נעמען דאָס לעבן, איידער איבערצוגיין צו די רוימער. ווערליק זיין מאָראַליש געוויסן און ווי עס פאָדערן די געזעצן פון די אָבות האָט זיי יאָזעפוס געפּרואווט אָפּצוהאַלטן פון דעמדאָזיקן אומאיבער־געלייגטן טריט. עס איז ניט קיין העלדטאַט זיך זעלבסט צו טייטן. ניין, עס איז דאָס ערגסטע פּחדנות. דער זעלבסטמאָרד איז דערווידער דעם אינערלעכן וועזן פון אַלצדינג וואָס לעבט, און עס איז אַ זינד אַקעגן גאָט אונזער באַשעפער. אין דעם לייב וואוינט די נשמה, דער טייל פון דער גאָטהייט, מ׳טאָר זי נישט מיט געוואַלט אַרויסטרייבן פון גוף. אַזעלכע קלוגע און גאָטספאַרכטיקע רייד האָט יאָזעפוס גערעדט צו זיינע חברים אין דער ציסטערנע. די אומגליקלעכע בריונים האָבן אים נישט געוואָלט הערן און זיך גאָר געוואָרפן אויף אים מיט זייערע אַנטבלויזטע שווערדן, כדי אים צו דערשטעכן. אַזוי גרויס איז געווען זייער אומזין. דאָ האָט זיך ווידער דער פאַרשטענדיקער יאָזעפוס געמוזט באַנוצן מיטן וואָפן פון ערמה. ער האָט זיי קוים איבערגערעדט, אַז איידער זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן, איז שוין גלייכער צו וואַרפן גורל. זאָל דאָס שיקזאַל אַנטשיידן, ווער עס זאָל פאַלן פון דער שווערד פון זיין חבר. דער־דאָזיקער פּלאַן האָט זיי באַרואיקט. יאָזעפוס, ווי דער פעלדהאַר, האָט געמישט די גורלות. זיי האָבן זיך באַלד צווישן אַנאַנדער אויסגעקוילעט ווי די שאָף. ס׳זענען נאָך איבערגעבליבן בלויז צוויי: ער, דער חשובער יאָזעפוס פלאַוויוס, און נאָך איינער, אַ פּשוטער פויער פון גליל, אַ געוויינטלעכער עם־הארץ, נישט געלערנט אין דער תורה, אַ תמימותדיקער מענטש, דאָך איינער וואָס האָט מוטיק פאַרטיידיקט יודפת אונטער דער אָנפירונג פון יאָזעפוס פלאַוויוס. אָט דער פּשוטער פויער, נאָך דעם ווי ער איז געבליבן ווערליק דעם גורל איינער אַליין מיט יאָזעפוסן, — האָט באַלד אויסגעשטרעקט זיין האלז און געוואָרט אַז יאָזעפוס זאָל אים דאָרט אַריינשטעכן די שווערד.

אַנשטאָט אָבער דעם דאָזיקן פּשוטן מענטש צו דערקוילענען, האָט עס יאָזעפוס פלאַוויוס געפונען פאַר וויכטיקער סיי ווערליק דעם שכל און סיי ווערליק זיין געפיל פון מענטשלעכער באַרימהערציקייט, אָט־אָ דעם אומ־שולדיקן קרבן אויפצוקלערן ווי אומזיניק עס איז דער זעלבסמאָרד, און אַז דאָס איבערגעבן זיך די רוימער איז נישט קיין פּחדנות און אויך נישט קיין בגידה.

דער ווילן פון דער גאָטהייט איז בכלל נישט גענויגט געווען לטובת דעם גאַנצן אויפשטאַנד. יאָזעפוס האָט אים דערצו נאָך אויסגעטייטשט פאַרשידענע פסוקים פון די נביאים און אים דערציילט די אייגענע חלומות. אין די ערשטע מינוטן האָט דער גלילער פויער גאָרנישט דערפון געוואָלט הערן, ער האָט דאָ געווײנט, דאָ געשריגן און כסדר אונטערגעטראָגן זיין האַלז, יאָזעפוס זאָל אים דערשטעכן, אַזוי ווי עס האָט באַשטימט דער גורל. דער פויער האָט גאָר אָנגעהויבן חושד צו זיין יאָזעפוסן אין אַ בייזוויליקן שווינדל און אַז ער זאָל האָט געפעלשט די גורלות. יאָזעפוס האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע פעאי־קייטן, דעם גאַנצן טאַלאַנט פון זיין רעדן. מיט פאַרשידענע אַרגומענטן און ווערטער פון ווירקלעכער חכמה איז אים קוים געלונגען דעמדאָזיקן פאַר־עקשנטן גלילער אַ ביסל שוואַכער צו מאַכן. יאָזעפוס האָט אויסגענוצט דעם גינסטיקן מאָמענט און האָט דעם חבר זיינעם כמעט ווי אַרויסגעשלעפּט פון דער ציסטערנע און מיט אים אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער.

וואָס עס איז ווייטער געשען מיט דעם פעלדהער יאָזעפוס פלאַוויוס איז באַקאַנט פון זיין ווערק איבער דעם יידישן קריג. דאָרט שטייט אַלצדינג באַשריבן.

די זעלביקע נאַכט איז יאָזעפוסעס חבר, דער פויער פון גליל, פאַר־שווונדן געוואָרן פון רוימישן לאַגער. ער איז אַנטלאָפן.

ביי דער ערשטער ידיעה, וואָס יאָזעפוס האָט פאַרנומען פון דעמדאָזיקן אַנטלויפן, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. אָט דער עם־הארץ, דער גלילער פויער, וועט דאָך נישט וועלן פאַרשטיין די טיפערע סיבות פון יאָזעפוסעס טאָט: אַז אַלצדינג, וואָס ס'איז געשען אין דער ציסטערנע איז געווען דער באַשיינפּערלעכער ווילן פון דער השגחה. אַנשטאָט דעם, וועט ער איבערן גאַנצן לאַנד, אין אַלע שטעט און דערפער, פאַרשפּרייטן דעם פאַלשן בלבול, אַז דער פעלדהאַר יאָזעפוס פלאַוויוס איז זיך באַגאַנגען ווי אַ בוגד מיט זיינע חברים, וואָס האָבן צו אים געהאַט דעם בלינדסטן צוטרוי. ער האָט זיי צוגעג־רעדט זיך אַליין אויסצוקוילענען און געפעלשט די גורלות. איבער די טויטע גופים פון די פּאַטריאָטן וואָס האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם טויט ווי די שקלאַפעריי, איז ער שפּעטער ווי אַ פשוטער פחדן אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער.

ביי דער מעגלעכקייט, אַז ס'וועלן זיך אפשר פאַרשפּרייטן אַזעלכע ידיעות וועגן אים, האָט אויך דאָס רואיקע האַרץ פון יאָזעפוס פלאַוויוס (ער איז גע־וואוינט געווען צו זיין גלייכגילטיק אין דער גרעסטער סכנה, און ביי אַ יעדער סיטואַציע נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און דעם ישוב־הדעת) זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דער שטאָלצער און איבערגעלייגטער פעלדהאַר האָט פּלוצלונג דערפילט אַ קאַלטן שוויס אויף די שלייפן. ער האָט אפילו געבעטן אַספּסיגוסן אַרויסצושיקן שליחים און דעם פויער אויפצוזוכן. די אַרויסגע־שיקטע רוימישע רייטער זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. דער פויער איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דער יידישער קריג האָט נישט אויפגעהערט יאָזעפוסעס אומרואיקייט וועגן אים. ער האָט דעם

פאַרשוואונדענעם פויער געזוכט צווישן די געפאַנגענע און הרוגים, ער האָט אויף אים געוואַרט הינטער ירושלים. טײַלמאַל מיט סכנה פאַר זײַן לעבן האָט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס דערנענטערט צו דער מויער פון ירושלים, טאָמער וועט ער דעם גלילער פויער באַמערקן צווישן די פאַרטיידיקער. פון דעמדאָזיקן מענטש איז נישט געווען קיין שפור. ער איז אַזוי ווי אַריין אין וואַסער. יאָזעפוס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַרואיקן. ער האָט געטראַכט: מן־הסתם איז יענער מענטש געפאַלן ערגעץ אַלס אַן אומבאַקאַנטער חלל, אָדער די רוימער האָבן אים געקרייציקט צווישן טויזנטער אַנדערע בריונים, אָדער די ווילדע חיות האָבן אים אויפגעפרעסן אויף אַ פאַלקס־שפּיל אין צירקוס.

יעדנפאַלס האָט יאָזעפוס אָנגעהויבן צו פאַרגעסן דעם גלילער עם־הארץ און וואָס אַמאָל ווייניקער צו טראַכטן וועגן אים.

קאַפּיטל פינף

אין די לעצטע צײַטן, איידער עס הייבן זיך אָן די געשעענישן, פון וועלכע מיר וועלן דאָ באַריכטן דעם הויך־חשובן לעזער, געפינט זיך גראָד דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס אין אַ צושטאַנד פון מער זעעלישער באַ־רואיקונג. (ווי אויף אַ יעדן חכם קומט אויך טײַלמאַל אויף יאָזעפוס פלאַוויוס אַ גרויסע אינערלעכע מנוחה). ער הייבט ווידער אָן צו טראַכטן מיט גרויס ערנסטקייט דערפון, אַז ער באַדאַרף ענדלעך דערפילן זײַן חוב אַקעגן דעם יידישן פאָלק און אַקעגן דער מענטשהייט און אָנהייבן שרײַבן זײַנע הויפּט־ווערק: וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן די יידישע מצוות. אין אַזעלכע צײַטן פון באַרואיקונג הערט ער ווי עס רופט אים די אומשטערבלעכקייט. (דער דאָזיקער רוף פון דער אומשטערבלעכקייט איז אַזוי ווי באַלזאַם אויף זײַנע נשמה־וואונדן).

דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים פילט זיך האָפּערדיק און שטאָלץ דערמיט, וואָס די גאָטהייט איז אויף אים אויפמערקזאַמער ווי אויף די מיליאָנען פון שטערבלעכע. זיי פאַרווייען ווי די שאָטנס אויף די דעכער. ער אָבער, איז פון דער גאָטהייט באַשאָנקען געוואָרן מיט דעם טאַלאַנט צו דענקען און צו שרײַבן וועגן די דערהויבנקייטן. ער גייט זייער פיל אויף־און־אָפּ איבער זײַן ביבליאָטעק־צימער. זיצט אַ סך אין אַטריום ביים שפּרונג־ברונעם, דערבײַ האַלט ער אין דער האַנט ווענדליק זײַן שטייגער דעם שפּיץ פון זײַן געדיכטער, שוואַרצער, קוים גרויליכער באָרד. דאָס איז שטענדיק אַ סימן, אַז דער שריפטשטעלער געפינט זיך אין אַ געהויבענער שטימונג.

אין אַ געוויסן טאָג איז אים צוגעגעסן געוואָרן די איינזאַמקייט, ער האָט מודיע געווען זײַנע שקלאַפן, אַז ער וויל זיך לאָזן אַרויסטראָגן איבער די רוימישע גאַסן אין אַ לעקטיקאַ. ער האָט געוואָלט זען מענטשן און זײַן צווישן מענטשן.

דער שקלאַף, דער טויער־היטער דעמעטריוס, איז אַרײַנגעקומען אין דעם ביבליאָטעק־חדר, האָט זיך טיף פאַרנויגט און געמאָלדן, אַז די לעקטיקאַ

מיט אַ גרויס שקלאַפן באַגלייט וואַרטן שוין פאַרן טויער פון דער ווילאַ. דער שריפטשטעלער האָט אָוועקגעלייגט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און באַפוילן זיך צו ברענגען איינע פון די שענסטע טאָגאַס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַ טאָגאַ פון טייערן פורפּור, רייך אויסגעהאַפטן מיט גאָלד.

מיט דעם זשעסט פון אַ גרויסן פעלדהאַר האָט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס אַריבערגעוואָרפן די טאָגאַ.

מיט פעסטע און זיכערע טריט איז ער געגאַנגען איבער די חדרים און איבערן אַטריום צו דעם ווילאַ־טויער צו.

ס'איז געווען שפּעט נאָך מיטאָג. אין דרויסן האָט געווייעט אַ שטאַרקער ווינט. יאָזעפוס פלאַוויוס איז געבליבן שטיין אַ קליינע ווײַלע אויף דער גאַס און אין זיך טיף אַרײַנגעאָטעמט דעם ווינט ווי אַן אַנטלאָפענער שבוי, וואָס פאַרלאָזט נאָך לאַנגע יאָרן די מויערן פון זיין תפיסה. ס'איז אים געקומען אויפן זינען זיין קינדהייט אין ירושלים, זיין פאַרגאַנגענהייט, יודפת, די גלילער פעלדער, איבער וועלכע ער פלעגט יאָגן אויף זיין פערד אין געוויטער און שטורמווינט. ער האָט געפילט ווי דער שטאַרקער און פרישער ווינט ווייעט אים אונטער דער טאָגאַ, קילט אים די באָרד, עס איז אים געוואָרן פריש און יונג אין זיין גוף. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער איז געשטאַנען אין קייטן אין רוימישן קריגס־געצעלט פאַר אַספּסינוסן. ער האָט געטון אַ צי צוזאַמען די ברעמען. ער האָט פאַמעלעך אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף דער רייכער לעקטיקאַ, אויף דער מתנה שקלאַפן, וואָס וואַרטן אויף אים. ער האָט קוים אַ שמייכל געטון. זיך לייכט אַ גלעט געגעבן מיט דער האַנט איבער דער פּורפּורנער טאָגאַ, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין אויב ס'איז נישט קיין חלום.

אין דער לעקטיקאַ האָט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס אויסגעלייגט איבער די זעלטענע און טייערע מיט זילבער און פּערל געשטיקטע קישעלעך. ער האָט געהייסן צוזאַמענרוקן די רויט־זיידענע פאָרהאַנגען.

די שקלאַפן האָבן אים אַוועקגעטראָגן. ער האָט גליקזעליק פאַרמאַכט די אויגן ווי אין האַלב־שלומער און זיך אָנגעהאַלטן מיט דער האַנט ביי דער טאָגאַ. עס איז אים געווען לייכט אויפן האַרצן און גוט אין געמיט. זיין ברוסט האָט געאָטעמט וואָס אַמאָל פרייער, וואָס אַמאָל שטאָלצער.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרנומען דורך די זיידענע פאָרהאַנגען דאָס לעבהאַפטע געטויש פון דעם מענטשן־געווימל. ער האָט געהערט דאָס ברומען פון אַ סך מענטשן, דאָס רופן פון פאַרקויפער. זיין לעקטיקאַ האָט זיך געפונען אויף די באַלעבטע רוימישע גאַסן. דאָך האָט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס געפילט קאַלט און איינזאַם אין דער פאַרהאַנגענער לעקטיקאַ, — די קילע גליקזעליקע איינזאַמקייט פון דעם דערהויבענעם, וואָס פילט זיך וויכטיקער, בעסער און גרעסער פאַר אַלעמען. צווישן דעם גאַנצן פאַרגענגלעכן לעבן, וואָס רוישט ווי אַ ים אין זיינע אויערן, טראָגט מען אים, דעם רייכן מאַן, דעם פעלדהאַר, דעם אומשטערבלעכן שריפטשטעלער.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט געטראַכט וועגן די צוקונפטיקע דורות. ער האָט שטיל געשמייכלט.

זיינע שקלאַפן האָבן כסדר אויסגערופן:

— מאַכט פלאַץ פאַרן איידעלן יאָזעפוס פלאַוויוס! מאַכט פלאַץ פאַרן איידעלן יאָזעפוס פלאַוויוס! —

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן און חלומען.

פלוצים האָט זיך די לעקטיקאַ אָפּגעשטעלט. יאָזעפוס פלאַוויוס האָט פויל אויפגעטון די אויגן, ער האָט זיך געוואָלט בייזערן, ער האָט זיך נישט געקאָנט בייזערן. ער האָט זיך געפילט מילד ווי אַ קינד. פון הינטער דער פאָרהאַנג הערט ער ווי אין דרויסן זידלען זיינע שקלאַפן און פלוכן ברוטאַל. באַלד: ווי אַ סך שטעקענעס פּאַכן אין דער לופטן און קלאַפּן זיך אָן עפּעס אַ משא.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט מיט די פעטלעכע שפּיצן פון זיינע פינגער לייכט אַוועקגעשאַרט די פאָרהאַנג. ער האָט אַפּערגעקוקט.

אַן אַלטער אָרימער שקלאַף, אַנגעלאָדן מיט אַ גרויסער משא, האָט פאַרשטעלט דעם וועג. דער שקלאַף האָט זיך אין דרייען געבויגן אונטער דער משא, וואָס איז צו שווער געווען פאַר זיינע כוחות. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט אויסמיידן די לעקטיקאַ און זי לאָזן אַדורכטראָגן. ער האָט געהאַט אַ שמוציקע צעקאַלטנטע באָרד און זייער אַן אָפּגעריסענע שקלאַפן־הלבשה. באָרוויס. אַן אויסגעדאַרטער האַלב־נאַקעטער זקן. די שקלאַפן פון יאָזעפוס פלאַוויוס האָבן וואָס אַמאָל העכער געפּליכט. מיט זייערע שטעקנס האָבן זיי דעם אַלטן באַלאַדנטן שקלאַף געשלאָגן ווי מ'שלאָגט אַן אָפּגעמאַטערטן אייזל.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט זיך געפּרוווט טיפער אַרויסצובייגן פון דער לעקטיקאַ. ער האָט געוואָלט זען. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן דערפון, וואָס זיינע שקלאַפן שלאָגן דעם, וואָס האָט די חוצפּה אים צו פאַרשטעלן דעם וועג. ער האָט געוואָלט קוקן אים אין פּנים אַריין.

דער חשובער יאָזעפוס פלאַוויוס האָט זיך פלוצים געטון אַ וואַקל אויף די זיידענע קישעלעך אין דער לעקטיקאַ, גלייך ווי ער וואָלט באַקומען מיט אַ מעסער אין האַרץ אַריין.

ער האָט אין דעם געשלאָגענעם שקלאַף דערקענט דעם פויער פון דער יודפתער ציסטערנע.

דער גלילער פויער האָט יאָזעפוסן נישט באַמערקט.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט אומווילקירלעך געוואָלט אַ געשריי טון פון שרעק. ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט געוואוסט: קוים ווערט ער דערקענט, יאָזעפוס פלאַוויוס, דאַן איז ער פאַרלוירן. ער האָט זיך שנעל אַריינגערוקט טיף אין דער לעקיטקאַ און זיך איינגענורעט אין די ווייכע פאַלדן פון זיין טאָגאַ. ער האָט זיך אין דעם געוואַנד געוואָלט באַהאַלטן ווי אַ געיאָגטער הונט. פלוצים האָט ער דערפילט ווי עס שווינדלט אים פאַר די אויגן, אַז די וואָרצלען פון זיין באָרד שטעכן אים און זענען נאַס פון קאַלטן שוויס. ער האָט פיבערדיק געציטערט מיט די לעפצן.

ווען די שקלאַפן האָבן אים אַהיימגעברענגט צוטראָגן צו דער ווילא און האָבן פונאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ האָבן זיי אים קוים דערקענט. יאָזעפוס פלאַוויוס איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין די קישעלעך ווי אַ שווער ליידנדיקער חולה. ער איז געלעגן אַ טויט־בלייכער, כמעט שוואַרץ אויפן פנים. די האָר און די באָרד ווילד און צעשויבערט. די טייערע פורפּולנע טאָגאַ האָט אים ווי אַ צעקנייטשטע שמאַטע ענג אַרומגעוויקלט דעם גוף. די שקלאַפן האָבן געגלויבט, אַז דער באַרימטער שריפטשטעלער איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן. זיי האָבן אים געמוזט העלפן אַרויסגיין פון דער לעקטיקאַ.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין זיין שלאָף־חדר. ער האָט זיך געהייסן נישט וועקן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער און זיך צוגעדעקט דעם גוף מיט וואָל־טיכער. ס'איז אים געווען קאַלט, ער ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

קאַפּיטל זעקס

עטלעכע חדשים שפּעטער נאָך דעם פריער־באַשריבענעם געשעעניש, אין אַ הייסער נאָכמיטאָג־שעה, זיצט יאָזעפוס פלאַוויוס איינער אַליין אין זיין ביבליאָטעק־חדר. ער בלעטערט אין אַ בוך. אַ שקלאַף ברענגט אים אַריין אַ בריוו. דער שקלאַף דערוזייטערט זיך. יאָזעפוס קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, אויב עס לוישט אים קיינער נישט. ביי יעדן דערהאַלטענעם בריוו האָט אים אַ קלאַפּ־געטון אין האַרצן. ווען ער זעט זיך אַליין אין פולקאָמענער שטילקייט, וויקלט ער זייער נערוועז, אָבער פאָרזיכטיק אויף דעם אָנגעשריבע־נעם פּאַרמעט. אינעם בריוו זענען געשטאַנען די פאָלגנדיקע קורצע שורות, געשריבן סיריש פון אַ פרויען־האַנט:

„איידעלער פריינט און קרוב יאָזעפוס פלאַוויוס. איך באַהאַלט מיך שוין אויס זיבנט עטלעכע טעג אין רוים. עס איז פאַר מיר אַ לעבנספראַגע אייך צו זען. ס'וועט נאָר פינצטער ווערן, קום איך צו אייך".

אונטערגעשריבן: „בערעניקע".

דאָס פנים פון יאָזעפוס פלאַוויוס פאַרכמורעט זיך ערנסט. ער טוט זיך אַ לייכטן הייב פון זיין אָרט.

— בערעניקע. — ברומט ער בייז אין זיין שוואַרצער, קוים גרוילעכער באָרד אַריין, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן אַ שלעכטער דערינערונג. ער האַלט הויך דעם בריוו אין דער האַנט. קוקט אויף אים ווי אויף אַן אומווירדיק און גיפטיק באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין שטוב און דראָט אים מיט אַ נייער סכנה.

ער ברומט עטלעכע מאָל צו זיך, ווי ער וואָלט זיך אַלץ געוואָלט פאַר־זיכערן דעם דאָזיקן נאָמען:

— בערעניקע... בערעניקע...

יאָזעפוס פלאַוויוס, וועלכער זעט אין אַ יעדן פון זיינע נאָענטע און ווייטע

באַקאַנטע אַ באַהאַלטענעם שונא, האָט בערעניקען כמעט אינגאַנצן פֿאַרגעסן. זינט בערעניקע האָט געמוזט פֿאַרלאָזן רוים, האָט ער זי נישט געזען. וועגן איר נישט געטראַכט. יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס האָט בכלל געהאַט אַן אָפּשיי צו ווייבער: ער האָלט זיי פֿאַר מינדערווערטיק; ער האַלט, — אַז די ווייבער זענען באַשאַפֿן געוואָרן פֿון דער גאָטהייט נישט בלויז כדי צו געבערן קינדער. זיי זענען די איינציקע סיבה פֿון פֿאַרשידענע תאוות און ליידנשאַפֿטן, וואָס האָבן שוין נישט איין מענטש דערפֿירט צום אָפּגרונט. אויפֿן בוים פֿון זינד איז דאָס ווייב די גלוסטיקסטע פּרי. איבעהויפּט דאָס שיינע ווייב. די שיינקייט פֿון דער פֿרוי איז נישט דאָס שיינע, וואָס איז צוגלייך דאָס גוטע. די שיינקייט פֿון דער פֿרוי איז דער גרעסטער שונא פֿון דער חכמה, פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע און פֿון אַלע שיינקייטן און דערהויבנקייטן פֿון שכל. דאָס שיינע פֿון דער וויסנשאַפֿט איז געטלעך. דאָס ווייב איז דעמאָניש. דער אמתער חכם דאַרף זיך האַלטן פֿונדערווייטנס פֿון די אַלע טייוולאָנישע פֿאַרפֿירערישקייטן פֿון דעם ווייב. די אשה איז אײטל און פֿאַרגענגלעך.

דער חשובער יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס האָט זיך קיינמאָל נישט ווי אַנדערע רייכע לייט געיאָגט נאָך די ווייבער. שוין צו דרייסיק יאָר האָט ער אין זיך פֿולשטענדיק באַהערשט די דאָזיקע נישט־נויטווענדיקע תאווה. ווי ווייט דאָס ווייב איז שאַלקהאַפֿטיק און פֿאַלש, ווי ווייט אַלע אירע געדאַנקען צילן נאָר צו זינדיקן און אויך צו פֿאַרפֿירן אונז אויפֿן וועג פֿון חטא, האָט יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס געשפּירט אויף זיין אייגן נפֿש. דאָס ערשטע ווייב זיינס, — אַ בתולה פֿון קסריה, וואָס ער האָט באַקומען אַלס געשאַנק (אַחוץ דער ווילא) פֿון קייזער אַספּסינוס — איז פֿון אים אַנטלאָפֿן געוואָרן. אויך דאָס צווייטע ווייב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן. מיט דעם לעצטן ווייב האָט ער זיך געגט און זי דערווייטערט פֿון זיין הויז. זי איז אונטער זיין רוקן געגאַנגען אין פֿאַרדאָרבענע דרכים און זיך נישט אָרנטלעך אויפֿגעפֿירט. נאָך די אַלע דערפֿאַרונגען, וואָס יאָזעפֿוס האָט געהאַט מיט דעם ווייבער־געשלעכט האָט ער גלייך איינגעזען, ווי ווייט עס זענען גערעכט געווען די אַסקעטן און די שרייבער פֿון מוסר־ספֿרים, וואָס עצהנען, אַז פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיקן מענטש איז פֿיל בעסער אינגאַנצן צו איגנאָרירן דאָס דאָזיקע שאַלקהאַפֿטיקע געשלעכט, אָפּצואָווענדן די אויגן פֿון זיי. לגמרי וועגן ווייבער נישט צו טראַכטן.

יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס האָט טאַקע — נאָכדעם ווי ער האָט זיך געגט מיט דעם לעצטן ווייב, — געלעבט אין זיין ווילא צווישן זיינע ביכער און געשריפֿטן ווי אַן אמתער אַסקעט. (ער האָט געוואָלט זיך אויסטון פֿון דער וועלט, כדי די וועלט בעסער צו באַטראַכטן). אַפֿילו די עטלעכע גריכישע שפֿחות, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, האָט ער פֿאַרקויפֿט. ער האָט געוואָלט פֿולשטענדיק אַרויסצוטרייבן דעם יצר־הרע פֿון זיין הויז. יאָזעפֿוס האָט געהאַלטן, אַז אין דער מדרגה פֿון איידלקייט אין געבורט איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם האַר און דעם שקלאַף. דערפֿאַר אָבער איז כמעט ווי נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם שכל פֿון דער רייכסטער מאַטראָנע ביז צו דעם שכל פֿון דער נידעריקסטער שפֿחה. זיי ביידע האָבן נישט קיין חלק אין דער געטלעכער פֿאַרנונפֿט. זיי זענען

ביידע געבוירן געוואָרן צו זנות און צו הורעריי, צו זינד און צו שטרויכלונג. דער גוף פון דער אשה איז די זינדיקע שלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער צאַרטער מענטשלעכער הויט. דערפון נעמט זיך די בויגעוודיקייט און די פאַרפירערישע גראַציע פון דעם ווייבערשן גוף.

צו בערעניקען האָט יאָזעפוס פלאַוויוס געהאַט גאָר אַ באַזונדערן האַס. אין דער דאָזיקער פערזאָן האָט ער געזען, ווי עס קומען באַזונדערס שטאַרק צום אויסדרוק די אַלע דעמאָנישע חסרונות פון דעם ווייבערשן מין: אויסער־געוויינלעכע שיינקייט, פאַרשייטקייט, חשיבות און רייכקייט. דערצו: אַ קלוגשאַפט, וואָס מען באַגעגנט זייער זעלטן ביי אַ פרוי. די קלוגשאַפט, וואָס מיר טרעפן טיילמאָל ביי דער פרוי, שטאַמט בשום אופן נישט פון די קוואַלן פון דעם געטלעכן שׂכל. ניין. די ווייבערשע קלוגשאַפט איז שעדלעך. זי איז אַ געפערלעכע נעץ. ווען מען פאַרפלאָנטערט זיך דאָרט אין די דינע קוים־אָנזעעוודיקע פעדים, קאָן מען קיינמאָל נישט אַרויסקומען.

שוין אין ירושלים האָט קיינער נישט געקאָנט ביישטיין די שיינקייט און די רייצן פון בערעניקען. זי האָט געשמט סיי ביי יידן, סיי ביי היידן אַלס אַ צווייטע קלעאָפּאַטראַ. זי האָט אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ. אַ סך מאָל חתונה־געהאַט. אפילו דער אַלטער אַספּסינוס איז געווען באַנומען פון איר שיינקייט, וואָס האָט יוגנטלעך געבליט, ווי גיפטיקער כשוף. תמיד, ווען יאָזעפוס פלאַוויוס איז מיט איר צוזאַמענגעקומען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענעם שטנישן ווייב, פאַר וועלכער דער מלך שלמה וואָרנט דעם חכם צו מיידן איר טיר. איר געשטאַלט וויגט זיך אומשולדיק, ווי די לייכטע אינד אויפן פעלד, אירע טריט שמעקן נאָך בשמים. איר שמייכל דערפרישט ווי טוי. דער קלאַנג פון אירע ווערטער איז זיס און וואולטוענדיק פאַרן אויער. דאָך פירט זי דעם מענטשן אויף רויזן, וואָס וואַקסן איבער פאַנג־גריבער. דער חן פון דעם ווייב איז געגליכן צו דעם שוים, וואָס פערלט זיך איבער פאַרסמטן ווייַן.

ווי ווייט שעדלעך עס זענען די רייצן פון דער דאָזיקער יידישער פּרינצ־עסין, ווי טיף פאַרדאַרבלעך עס זענען אירע מחשבות, דערין האָט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס אַמשטאַרקסטן איבערצייגט, וואָס איז שייך אירע באַציאונגען צום קייזער טיטוס. זי איז עלטער געווען פון טיטוסן מיט גאַנצע דרייצן יאָר. בערעניקע האָט אָבער פאַרשטאַנען שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אויף טיטוסן צו מאַכן אַ רושם מיט איר ווייבערישער שיינקייט. דער יונגער פעלד־האַר האָט זיך אין איר שטערבלעך פאַרליבט. בערעניקע האָט גוט געוואוסט דעם פאַרליבטן טיטוס אַרומצושפּינען מיט אירע נעצן. זי האָט אויפגעבלאָזן זיין ליידנשאַפט און געפאַנגען גענומען זיין האַרץ, ס'איז געווען אַ צייט, ווען טיטוס האָט נישט געקאָנט אָן איר לעבן. (זי האָט אויך געוואוסט ווי צו וועקן די אייפערזוכט פון דעם דאָזיקן קלוגן רוימער). בערעניקע האָט דאַמאָלט געוואוינט מיט איר ברודער אַגריפּאַ אויפן פּאַלאַטין.

די מחשבות פון דעם שיינעם ווייב זענען אין זייער גלוסטיקייט טיפער ווי דער אָפּגרונט. זיי קאָנען זיך נישט זעטיקן. בערעניקע האָט צום סוף אָנגעהויבן צו וואַרפן אירע בליקן אויפן רוימישן טראָן. זי האָט געוואָלט

חתונה־האָבן מיט טיטוסן. דערמיט דערגרייכן די העכסטע שטעלונג אין דער אימפּעריע: די ערשטע פרוי. די קייזערין פון רוים. ס׳וואָלט זיך איר אפשר איינגעגעבן, ווען נישט די שנאה פון רוימישן פאָלק צו יידן און צום יידישן דת. איבערהויפּט האָבן די רוימער נאָך געדענקט די בלוטיקע פּאַפּעא, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט בסוד פאַרערט די יידישע גאָטהייט. דאָס רוימישע פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן נעראָ.

דער קלוגער און פאַרשטענדיקער טיטוס האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז דער רוימישער טראָן איז וויכטיקער ווי די יידישע בערעניקע. ער האָט באַצייטנס מיט איר איבערגעריסן. בערעניקע איז אויסגעוויזן געוואָרן פון רוים.

האַלטנדיק איצטער בערעניקעס בריוו אין דער האַנט און וויסנדיק, אַז דאָס דאָזיקע פּרויענצימער געפינט זיך בסוד אין רוים, דערפילט יאָזעפוס פלאַוויוס פון אומדערוואַרטן עגמת־נפש אַ שלעכטן טעם אין מויל. ער ציטערט לייכט מיט די פינגער. מיט אַ שטאַרקן כעס צעדריקט ער עטלעכע מאָל דעם פּאַרמעט אין דער האַנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דאָרט פאַרניכטן. דער געקנייטשטער פּאַרמעט קנאַקט יאָזעפוסן צווישן די פינגער. דאָס געקנאַק פון דעם שטייפן פּאַפּיר שרעקט אים אומהיימלעך אויף. יאָזעפוס פלאַוויוס קוקט זיך אום מיט באַהאַלטענעם פחד איבער די קאַלטע שטומע ווענט פון זיין ביבליאָטעק־חדר, גלייך ווי פון די ווענט־אַראָפּ וואָלט אים עמיצער געדראָט. דער פאַקט פון בערעניקעס פלוצלונגדיקן אויפטויכן אין רוים און איר בריוו צו אים, האָט יאָזעפוסן געטראָפן ווי אַ דונער. דער ערשטער איינדרוק האָט אים צעמישט. דער קאָפּ רוישט אים פון די געדאַנקען: ווער ווייסט בערעניקעס מחשבות? ווער ווייסט אירע פּלענער? דאָס שיינע געפּערלעכע וייב, — האָט זיך אים אויסגעדוכט, — שלייכט איצט אַרום איבער דער הויפּט־שטאָט. זי באַהאַלט זיך אויס פון אַלעמען, ווי אַ כיטרער און בלוט־דורשטיקער טיגער. זי איז געקומען קיין רוים מיט זייער ווייטגייענדע פּלענער — אין דעם איז ער זיכער. ער קען בערעניקען .זי איז פעאיק אויף יעדער אַוואַנטורע. זי איז ווידער אַהערגעקומען אינטריגירן? זאָל זי נאָך נישט האָבן פאַרגעסן אירע האָפענונגען אויפן רוימישן טראָן? זאָל זי ווידער וועלן אויפרייצן די אַלטע ליידנשאַפט פונם קייזער?

אומווילקירלעך כאַפּט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס אָן מיט אַ האַנט פאַרן קאָפּ: אויב בערעניקע איז געקומען קיין רוים וועגן אָט די אַלע מעגלעכקייטן (אין דעם איז ער זיכער), — דאַן ערשט דראָען אים, יאָזעפוסן, סכנות, וועגן וועלכע ער קאָן זיך אין דעם דאָזיקן אויגנבליק כמעט נישט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון. די שונאים זיינע וועלן עס לייכט אויסטייטשן: דאָס האָט ער, יאָזעפוס פלאַוויוס, בסוד בערעניקען אַראָפּגעברענגט קיין רוים, כדי אינגאַנצן צו באַקומען טיטוסן אונטער זיין השפעה, נאָכאַמאָל צוזאַמענצוברענגען דעם קייזער מיט זיין פריערדיקער געליבטער. אַזוי־אַרום אַרויפצובאַקומען אויף דער העכסטער שטעלונג אין דער מלוכה אַ טאָכטער פון דעם געשלעכט, וואָס איז פאַרהאַסט ביים רוימישן פאָלק און ביי אַלע געבילדעטע גריכן. אָדער גאָר

(אַזוי האָט יאָזעפוס פלאַוויוס אַדורכגעבליקט די אינטריגעס פון זיינע שונאים):
דער ייד יאָזעפוס פון ירושלים וויל אין דער שטיל דערהויבן די אומבאַקאַנטע גאַטהייט פון די יידן איבער די געטער פון רוים און העלאַס. ער וויל דערמיט אַרונטערבאַקומען דאָס איידעלע פאָלק פון רוים אונטער די טיראַניי פון יידן און שקלאַפן. יאָזעפוסן שווידערט, ווען ער טראַכט דעמדאָזיקן געדאַנק. ער קריצט אומבאַהאָלפן מיט די ציין. וואָס וועט זאָגן דער קייזער ווען ער וועט דערהערן, אַז בערעניקע איז אין רוים, און זיין יידישער מקורב, דער געוועזע־נער מורד, יאָזעפוס פלאַוויוס, נעמט זי אויף ביינאַכט אין זיין ווילא, עצהט זיך מיט איר און שטייט מיט איר אין געהיימע פאַרבינדונגען? זאָל טיטוס גלויבן די מלשינים, דאַן קאָן ער זיך, יאָזעפוס, ריכטן אויפן הענקער. ווען אפילו דער קייזער וועט זיין איבערצייגט אין דער איבערגעבנקייט און טריי־שאַפט פון זיין פריינט און ער וועט וויסן, אַז יאָזעפוס געדענקט געטוענע טובות, — וועט ער אויך, דער קייזער, נישט אימשטאַנד זיין צו באַהערשן זיין כעס. זיכער נישט. טיטוס וועט זוכן אַ קרבן. ווער וועט זיין דער ערשטער קרבן? בלי ספק יאָזעפוס פלאַוויוס. דער קייזער וועט אויסגיסן זיין שטראָף אויף יאָזעפוסן שוין דורכדעם, כדי זיך ריינצוּוואַשן אין די אויגן פון סענאַט און הויף־לייט, וואָס זיי האָבן פון תמיד אָן דעם צעזאַרס אַמאָליקע ליבע צו בערעניקען פאַרבונדן מיט באַהאַלטענע נייגונגען פון טיטוסן צום יידנטום.

דער ערשטער באַשלוס, וואָס פאַלט איין אינם געדאַנק פון חשובן יאָזעפוס פלאַוויוס, איז: צו מעלדן בערעניקען, אַז ער (יאָזעפוס) ליגט שווער קראַנק צו בעט און קאָן זי היינט בשום אופן נישט אויפנעמען. מיט דעם וויל ער געווינען צייט. אָדער גאָר לאָזן איר מודיע זיין, — ווען זי וועט ביינאַכט אָנקלאַפּן ביי דער ווילא, — אַז ער האָט פאַרלאָזט רוים אויף אַ לענגערע צייט און האָט זיך איינגעשיפט קיין מצרים. הגם אין יאָזעפוסן קאָכט דאָס בלוט אויף בערעניקען און ער איז פול מיט כעס און ביטערקייט, זעט ער אָבער באַלד איין, אַז דער דאָזיקער אויסוועג איז אַ פאַלשער. בערעניקע וועט דערוויל אויף אייגענער האַנט אָנהייבן איר שפּיל פון אינטריגעס. זי וועט זיך לאַנג אין רוים נישט קאָנען אויסבאַהאַלטן. קוים קומט אַלצדינג אַרויס, וועט ער, יאָזעפוס פלאַוויוס, סיי־ווי־סיי זיין דער פאַראַנטוואָרטלעכער. פּשוט דער־פאַר וואָס ער איז בערעניקעס קרוב, אַליין אַ פרומער ייד, האָט אַ סך שונאים.

יאָזעפוס איז זיך דעריבער מישב: ס׳גלייכסטע איז באַלד זיך פאַרזעגנלען צו זען מיט בערעניקען, איר נישט אַרויסצובאַווייזן נישט זיין שרעק און נישט זיין צאָרן, געוואויר ווערן אַלע אירע מחשבות. זייער פאַרזיכטיק מיט קלוגשאַפט און ערמה ווי תמיד, זיך אַקעגנשטעלן אַלע אירע וועגן. אפשר וועט עס אים פאַרט געלינגען בערעניקען צוצורעדן נאָך באַצייטנס צו פאַרלאָזן רוים.

ווען ער באַשליסט ביי זיך ענדגילטיק, אַז אָט דער פלאַן איז דער פאַר־נונפטיקסטער, טוט ער נאָך אַמאָל מיט טיפער פאַראַכטונג אַ קוק אויף בערעניקעס בריוו, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. אחוץ דער גרויסער אומ־רואיקייט קאָן ער נישט באַהערשן דאָס געפיל, אַז ער, יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס האָט ווי אַ פעלדהאַר אָנגעוואָנדן זיינע ערמות אין יודפת אַקעגן די רוימישע

לעגיאָנען. אַלס שריפטשטעלער און רעטאָר האָט ער מיט זיין קלוגשאַפט געשלאָגן אַזעלכע באַקאַנטע היסטאָריע־שרייבער ווי אַפּיאָן און יוסטוס. גראָד ער, מוז איצטער מיט דעם גייסטיקן כלי־זין קעמפן קעגן אַ פּשוט ווייב, אַ שאַלקהאַפטיקע יפת־תואר.

יאָזעפוס באַפעלט אַריינצורופן צו זיך איינעם פון זיינע פאַרשטענדיקסטע שקלאַפן, דעם טיר־היטער דעמעטריוס.

— דעמעטריוס, — זאָגט יאָזעפוס פלאַוויוס זייער שטיל און קוקט זיך אַרום אויב קיינער הערט נישט, — מען קאָן זיך פאַרלאָזן סיי אויף דיין פאַרשטאַנד, סיי אויף דיין פאַרשוויגנקייט?

דער שקלאַף פאַרבויגט זיך טיף.

— הער, דעמעטריוס, — יאָזעפוס דערנענטערט זיך צו אים אויף עטלעכע טריט, — היינט, באַלד ווי עס וועט נאָר צופאַלן די נאַכט, וועט אָנקלאַפּן ביי דעם טויער אַ ... ווייב.

יאָזעפוס קוקט דעמעטריוסן אין פּנים אַריין. ציילט דערביי די ווערטער:

— פרעג זי נישט ווער זי איז, דאָס ווייב, און וואָס זי וויל, דאָס ווייב. פיר זי גלייך אַריין צו מיר אין ביבליאָטעק־חדר. ס׳זאָל קיינער נישט באַמערקן.

דער שקלאַף פאַרבויגט זיך און פאַרלאָזט די ביבליאָטעק.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט אַ קוק אויפן זון־זייגער וואָס אין אַטריום, ס׳איז נאָך עטלעכע שעה צו נאַכט.

די צייט, וואָס ער האָט נאָך צו וואַרטן פאַרלויפט פאַר אים זייער לאַנג. ווען עס דערנענטערט זיך דער זמן צו דעם אומאַנגענעמען אָבער שיקזאַלפולן באַגעגעניש צווישן אים און בערעניקען, ווערט ער וואָס אַמאָל אומרואיקער, אומגעדולדיקער. „ווי וועט זיין דער אויסגאַנג?" עגבערט עס אים אין קאָפּ. ער באַטראַכט כסדר דעם גאַנצן פּלאַן ווי ער האָט זיך מיט בערעניקען אויפצופירן. וועגט־אָפּ ביי זיך יעדעס וואָרט, וואָס ער באַדאַרף מיט איר צו רעדן.

קאַפּיטל זיבן

באַלד ווי עס ווערט בין־השמשות און ביי יאָזעפוסן אין ביבליאָטעק־חדר הייבט אָן צו ווערן טונקל, באַפעלט ער דעמעטריוסן אָנצוצינדן אַ קאַסטבאַרן קאָרינטישן לייכטער און אים שטעלן אויפן אַרבעטס־טיש אין דער ביבליאָטעק.

יאָזעפוס אַליין דרייט זיך אויפגערעגט און האַסטיק אַרום איבערן צימער. ער באַמיט זיך צו באַהערשן זיין אויפרעגונג. ווען בערעניקע וועט קומען, וויל ער זיין ביי פולן ישוב־הדעת. ער ווערט אָבער אומרואיקער מיט יעדער מינוט, וואָס עס דערנענטערט זיך די צייט פון איר קומען.

ענדלעך זעצט ער זיך אַנידער ביים טיש. פון צווישן די הויפנס ביכער און פאַרמעטן, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן איבערן טיש, נעמט ער אָפּער די שריפט פון פלאַטאָ וועגן דער אומשטערבלעכקייט. פעידאָן. ער מישט אויף די סצענע, וואו עס שטייט באַשריבן ווי אַזוי סאָקראַטעס טרינקט דעם גיפט־בעכער. דער דערהויבענער סטיל פון פלאַטאָנישן גריכיש באַרויקט תמיד

דעם גייסט פון יאָזעפוס פלאַוויוס. אויך איצט וויל ער לייענען דעם געטלעכן ריטמוס פונם דיאַלאָג און זיך באַרוישן.

נאָר די אותיות טאַנצן אים פאַר די אויגן.

פלוצלונג שאַרכן די פאַרהאַנגען. עס דערהערן זיך טריט.

יאָזעפוס פלאַוויוס וויל זיך אַ הייב טון פון זיין אָרט. ער דערפילט ווי זיין גוף וואָלט אינעווייניק פאַרשטיינערט געוואָרן. זיין אויפגערעגטער גייסט ווערט פלוצלונג מאָדנע באַרואיקט, ווי אין האַרצן ביי אים וואָלט זיך אַלצדינג מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט. אָפּגעשטאָרבן. דער דאָזיקער צושטאַנד דויערט עטלעכע רגעס. עס הייבט זיך עטוואָס ביי אים אָן צו וועקן אינם גוף ווי ווידער באַלעבט, נאָר זייער שוואַך. ער דערפילט אַ שרעקלעכע מידקייט אין זיינע גלידער.

ער שטרענגט זיך אָן און דערהייבט זיך פון זיין שטול.

אין יאָזעפוסעס ביבליאָטעק־צימער אויף דער זייט פון דער שווערער זיידענער פאַרהאַנג שטייט בערעניקע.

יאָזעפוס פלאַוויוס פאַרנייגט זיך אומווילקירלעך, לייכט און מיט דעם זשעסט, ווי מען פלעגט אין קיניגלעכן הויף אין ירושלים זיך פאַרנייגן פאַר אַ הויכגעשטעלטער פערזענלעכקייט.

בערעניקע גייט אָנגעטון אין שוואַרצע טרויער־קליידער. די האָר און דאָס פּנים זענען איר טיף פאַרשלייערט. מיט שנעלע און נערוועזע טריט גייט זי צו צום טיש.

דאָ נאָענט פאַר יאָזעפוסן, גיט זי מיט איר קליינער צאַרטער האַנט אַ וואָרף אַריבער דעם שלייער פון איבער איר פּנים.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט איר אַ קוק אין פּנים אַריין. ער האָט זי שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען. נישט געקוקט אויף אירע עטלעכע־און־פופציק יאָר, טראָגט זי נאָך אויף זיך אַלע שפּורן פון איר אַמאָליקער שיינקייט. איר צאַרטער,ביט־גרויסער קערפּער איז נאָר געוואָרן עטוואָס פולער. אויך דאָס פּנים איז איר פולער. דאָס צניעותדיק־פרעכע עקזאָטישע שיינקייט, וואָס ליגט אויסגעגאָסן איבער איר ווי אַ בליענדיקער גאָרטן, האָט באַקומען — דורך איר עלטער — דעם רייץ פון איבערגעלאָדענער רייפקייט. דאָס מיטע פון איר לייב האָט איצט דאָס גלוסטיקייט פון אַ הייסן שפּעט־זומער. די גרויסע שוואַרצע אויגן, פאַרשלייערט מיט אַ מעלאַנכאָלישער מידקייט, — וואָס זיי האָבן יאָזעפוסן תמיד דערמאָנט אָן דער הייסער ווילדער מדבר, — זיי ברענען נאָך מער. זיי ברענען, ווי בערעניקע וואָלט איצטער געווען שכור אָדער שווער קראַנק. די אויגן־ראַנדן זענען איר טונקל געשמינקט. דאָס גיט נאָך מער צו אירע אויגן דעם גלאַנץ פון פיבערדיקער קרענקלעכקייט. אַ לייכטער און איידעלער ריח פון ווייַרויך און זאַלבן ווייעט־אָפּ פון בערעניקעס לאַנגע שוואַרץ־צעפאַלדעוועטע טרויער־קליידער.

בערעניקע הייבט באַלד אָן צו רעדן. זי רעדט שנעל. נערוועז, מיט דעם טאָן פון אַן אָקאַרשט־איבערגעהאַקטן שמועס:

— יאָזעפוס דער זון פון מתתיהו, — זאָגט זי, — איך ווייס, אַז איר

שטייט איצטער אין גרויס חשיבותביים קייזער. איך האָב צו אייך אַ בקשה.

די אויגן פון יאָזעפוס פלאַוויוסן פינקלען פלוצלונג אויף מיט אַ ווילדן כעס, ווי די אויגן פון אַ גערייצטער רויב־חיה. די ליפּן ווערן אים בלאַס. זיי ציטערן. ער באַהערשט זיך אָבער באַלד, איידער בערעניקע האָט עס נאָך באַמערקט. ער לאָזט עניוותדיק אַראָפּ דעם קאָפּ. זאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע, וואָס קלינגט מיט איבערגעטריבענער באַשיידנקייט:

— איר זענט זיך טועה, איידעלע בערעניקע. איך האָב אַ סך שונאים. זינט דעם לעצטן יידישן קריג איז איך מן־הסתם באַקאַנט דער מצב פון אונזער פאָלקס־שטאַם אין רוים.

בערעניקע קוקט נישט אויף אים, ווי זי וואָלט אים נישט געהערט. זי האַלט אירע אויגן געוואָנדן אויפן קאַרינטישן לייכטער, וואו די אויל־קנויטן פלאַקערן העל. בערעניקעס פולע ליפּן, וואָס זענען באַמאָלט, פאַרציען זיך אומגעדולדיק איבער איר מויל:

— ניין, יאָזעפוס, איר זענט אַ גרויסער חשוב ביי טיטוסן, — זאָגט זי פעסט און אַנטשלאָסן, איר שטימע קלינגט מיט אַ געקרענקטן שטאָלץ, — איר זעצט היינט צו טאָג איבער אייער בוך וועגן יידישן קריג פון דער הימישער סירישער שפּראַך אויף אַ סטילפולן גריכיש. טיטוס זעט אין אייך דעם באַשרייבער פון זיינע טאַטן. יאָזעפוס פלאַוויוס (זי באַטאָנט באַזונדער דאָס וואָרט פלאַוויוס), איר פאַראייביקט דעם נאָמען פון קייזער פאַר דער נאָכוועלט.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ביס אויף דער צונג. (ער וואָלט איר אָמ־בעסטן געוואָלט אַרויסוויזן זיין האַס, זיין פאַראַכטונג). זיין קול ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער. ער זאָגט מיט אַ הכנעה, וואָס פאַרדריסט אים אַליין:

— איך בין נאָר אַ ייד, בערעניקע. איך וויל באַקענען די היידן, וואָס פאַראַכטן אונז, מיט דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. וואָס עס איז מיינע שונאים נישט געלונגען מיך צו פאַרדאַרבן (זאָגט ער נאָך באַשיידענער), איז נאָר דעריבער, ווייל די גאָטהייט, וואָס האָט פון תמיד־אָן געטון חסד מיט אונזער שטאַם, האָט מיר מוסר געווען חלומות, וואָס זענען געווען גינסטיק פאַר דער משפחה פון די פלאַוויער...

אַ בייזער און איראָנישער שמייכל באַווייזט זיך אויף בערעניקעס ליפּן. אירע פון פיבער מידע אויגן פינקלען־אויף מיט באַהאַלטענעם שפּאָט. —

— איר זענט פון תמיד־אָן געווען צו פיל עניו, איידעלער יאָזעפוס — זאָגט זי ביטער. — אין אייער יוגנט אין ירושלים האָט איר געהערט צו דער פאַרטיי פון די פרושים. איצטער, ווי איך האָב געהערט, שטייט איר נאָענט צו דער שול פון די סטאָיקער. זיי באַטראַכטן כבוד און חשיבות פאַר הוילע אייטלקייט... — בערעניקע הייבט־אויף אירע לאַנגע שוואַרצע ברעמען, וואָס הענגען ווי צאַרטע, אָפּקילנדיקע שאָטנס איבער אירע הייסע מעלאַנכאָלישע אויגן. זי וואַרפט אַ גאווהדיקן בליק אויף דער זייט פון יאָזעפוסן: — מיין ברודער, דער קעניג אַגריפּאַ (זי באַטאָנט דאָס וואָרט קעניג), האָט מיר פאַר־געלייענט פראַגמענטן פון אייער ווערק. נאָר אַלכסנדר מוקדון און דער

גרויסער פּאָמפּעוס האָבן געהאַט אַזעלכע באַשרייבער פון זייערע מעשים. טיטוס וועט אײַך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט טון. אָ, ניין, יאָזעפוס פלאַוויוס. איר קאָנט זיין רואיק. ער באַדאַרף אײַך צו האָבן, דער קייזער... צו זיין רום...

יאָזעפוס טוט אַ קוק אויף איר. דער שטאָלצער און באַהאַלטענער שפּאָט פון בערעניקעס רייד ברענט אים ווי פייער אויף דער נשמה. זי וויל אים דערנידעריקן. דאָס בייזוויליקייט רויטלט איר די באַקן און מאַכט זיי פריש. אין די טונקל־געשמינקטע ראַנדן גלאַנצן בערעניקעס אויגן ווי אַנגעשכורטע. זיי גלאַנצן אַקעגן די העל־צעפלאַקערטע קנויטן פון דעם בראַנזענעם קאַריגטישן לייכטער. זי קוקט איצטער אויס נאָך שענער, יונגטלעכער, עקזאָטישער, ווילדער. אירע האָר, וואָס זענען לויט סירישער אַרט געפלאָכטן אין דיקע פלעכטן, האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעלאָזן פון אונטער איר שלייער. די שוואַרצע פלעכטן, האָבן זיך ווי שלאַנגען אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן איבער אירע אַקסלען.

דער האַס און פאַראַכטונג צו איר וואַקסט אין יאָזעפוסן. אויך פינף־און־פופציק יאָר קאָנען די ווייבערישע שיינקייט נישט פאַרטיליקן! די שאַלק־האַפטיקע בערעניקע קאָן מען נאָך באַגערן. ער דערמאָנט זיך אָן דער באַרימט־קייט פון דער עגיפּטישער קלעאָפּאַטרע און אָן זיינע אייגענע ווייבער, וואָס זענען פון אים אַנטלאָפן. ער ווינטשט אין זיין האַרצן בערעניקען דעם טויט. נאָך אַ קורצער ווייל זאָגט ער:

— וואָס ווילט איר פון מיר בערעניקע?

בערעניקע אָטעמט אויף. זי זאָגט:

— איך וויל וואוינען אין רוים.

יאָזעפוס פלאַוויוס ריכט זיך אויף דעם, פאַר אים שרעקלעכן ענטפער. פאַרט טרעפט עס אים, — דערהערנדיק אָט די תשובה פון בערעניקעס מויל, — ווי מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ. איבערן רוקן גייט אים דורך אַ שוידער. עס שטעכן אים די האָר־וואָרצלען פון זיין באָרד. יאָזעפוס פלאַוויוס הייבט אויף זיינע אויגן צו בערעניקען. ער וויל כמעט פאַר איר פאַרברעכן זיינע הענט:

— עס איז בשום אופן נישט מעגלעך, אַז כ'זאָל דערפון רעדן מיטן קייזער, איידעלע בערעניקע, — זאָגט יאָזעפוס מיט אַ דערהויבענער ציטערדיקער שטים. — איר ווייסט דאָך (גיט ער צו מיט אומבאַהאָלפענער ביטערקייט), נישט בלויז איך, אויך איר האָט פיל שונאים אין רוים. שונאים, וואָס האָבן אייך מקנא געווען מיט דעם, וואָס דער צעזאַר האָט אַרויסגעוויזן צו אייך געוויסע סימפּאַטיעס. איר געדענקט דאָך די אינטריגעס... די בלבולים, בעת איר האָט נאָך געוואוינט אויפן פּאַלאַטין...

בערעניקע טוט טריאומפירנדיק אַ וואָרף מיטן קאָפּ. די האָר־פלעכטן צעלאָזן זיך איר נאָך מער אַפער פון אונטערן שלייער. אונטער אירע טרויער־קליידער הייבן זיך די קליינע ווי נאָך מיידלשע ברוסטן. אירע שוואַרצע אויגן־אַפּלען גליען אין די ברוינלעכע ווייסלען:

— איר מיינט דאַמאָלס, ווען כ'האָב געזאָלט ווערן טיטוסעס ווייב? —

זאָגט בערעניקע מיט אַ געשרייצט, כמעט שרייענדיק קול. — איר האָט דאָך אַלע געזאָגט, אַז טיטוס האָט נאָר געמיינט מיין גאָלד, — גיט זי צו מיט שפּאָט. — האָב איך אים געבעטן? ניין, יאָזעפוס פלאַוויוס. טיטוס איז מיר געלעגן צו די פיס. ער האָט מיך געהיטן און נישט איינעם שיעור אומגעבראַכט פון אייפערזוכט צו מיר. בלבולים! — שרייט זי אויס. אירע ליפּן אונ־דער שמינקע ווערן בלאַס, — איך האָב קיינמאָל טיטוסן נישט צוגערעדט צום יידנטום. איך זעלבער, בערעניקע, האָב גאָרנישט צו טון מיט דער גאָטהייט פון די פּרושים און פון דעם פעבל אין יהודה. מאָדנע מענטשן, זיי ווילן בעסער דעם טויט איידער אויפצועסן אַ שטיקל חזיר־פלייש אָדער צו טון אַ מלאכה אין זיבעטן טאָג פון דער וואָך... — בערעניקע לאַכט פּלוצלונג בייזוויליק אויף: — יידן זענען די ווילדסטע באַרבאַרן. זיי גלויבן אָבער קליגער צו זיין ווי אַלע גריכן און רוימער. דער גאָט פון ירושלים האַלט זיך פאַרן אַלייניקן האַר פון דער וועלט. האָט ער צומאָל געקאָנט אָפּראַטעווען פון די רוימישע פלאַמען זיין איינציק הייליקטום אויפן באַרג מוריה? איך בין גריכין, — שרייט אויס בערעניקע, וואָס אַמאָל היסטערישער, — איך גלויב בלויז אין די אָלימפּישע געטער. זיי האָבן ווירקלעך איבערגעגעבן אינם באַזיץ פון זייערע פאַרערער אַלע רייכטימער און דאָס עשירות פון דער וועלט. דער גרויסער הורדוס האָט געבויט טעמפּלען פאַר די רוימישע געטער. די געטער האָבן אים דערפאַר באַלוינט. איך האָס די יידן. איך — פאַראַכט זיי גלייך ווי אַלע רוימער, — גיט זי צו. — איך בין געשטאַנען אויפן פּאַלאַטין און האָב מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעקוקט, ווי מ'שלעפּט די בריונים אין טיטוסעס טריומף־צוג צום קאַפּיטאָלאָנישן יופּיטער. זאָגט עס דעם קייזער, — שרייט זי הייזעריקלעך אויס צו יאָזעפוסן. אירע באַקן גליען דערביי מיט קרענקלעכער רויטקייט, — זאָגט אים, אַז איך, די פּרינצעסין בערעניקע, האָב אים באַוואונדערט אין זיין טריומף־צוג צום קאַפּיטאָל.

יאָזעפוס פלאַוויוס שוויַגט. ער ווערט וואָס אַמאָל בלאַסער. זיינע אויגן זענען שטום אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שוואַרצער, קוים גרוילעכער באָרד.

נאָכדעם ווי בערעניקע האָט געענדיקט צו רעדן, הערט מען איר שנעלן אויפגערעגטן אָטעם. בערעניקעס קערפּער ציטערט לייכט אין די זיידענע טיכער פון די שוואַרצע טרויער־קליידער. איר איז פּלוצלונג קאַלט געוואָרן. איבער די געריטלטע באַקן אירע באַווייזט זיך אַ שווייסיקע פייכטקייט. עלטער־שווייס.

— איידעלע בערעניקע, — רופט זיך מיטאַמאָל אָן יאָזעפוס פלאַוויוס, — זייער פאַמעלעך רעדט ער אַרויס יעדעס וואָרט ווי ער וואָלט אָנגענומען אַ באַשלוס נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, און ער האָט איצט בדעה מיט יעדן וואָרט ערגעץ־וואו צו טרעפן. — איר זענט שוין פון אַ לענגערער צייט נישט געווען אין רוים, אייך איז דעריבער נישט באַקאַנט ווי די שנאה צו אונזער פאָלק שטאַרקט זיך דאָ פון טאָג צו טאָג. די שריפטשטעלער, וואָס שרייבן כסדר קעגן אונז פאַמפלעטן און בלבולים, — זייער השפעה ווערט וואָס אַמאָל גרעסער צווישן אַלע קרייזן אין רוים. איך וויל נישט רעדן וועגן מיר זעלבער.

חשובע בערעניקע, נאָר אַ דאַנק דעם גענאָד פון דער השגחה האַלט איך מיך נאָך אויף. אַ סך פון עכט־רוימישע משפחות האָט נישט אויסגעמיטן דער פאַרדאַכט, אַז זיי פאַרערן בסוד דעם יידישן גאָט. איבערהויפט איז מען חושד די פרויען, — גיט יאָזעפוס פלאַוויוס צו מיט באַזונדערער באַטאָנונג. באַמיט זיך דערביי אַ קוק צו טון אויף בערעניקען, — מען איז חושד די פרויען, אַז זיי שטיצן אונטער די פאַרשפרייטונג פון יידישע דת. אַ יעדע רוימישע משפחה איז איצט נישט זיכער פון קיין אייגענעם שונא. ווען נישט וואָס דער קייזער טיטוס איז אַן אויפריכטיקער פריינט פון יידישן פאָלק און זיין האַרץ איז פול מיט רחמנות צו אונזער אומגליק (וואָרים ווי איר ווייסט, איידעלע בערעניקע, האָט זיך דער קייזער באַמיט צו לעשן די שרפה אין בית־המקדש), וואָלטן מיר שוין לאַנג דאָ באַפאַלן געוואָרן פון אונזערע שונאים. זיי וואָלטן אונז גערן אויסגעהרגעט אָדער אונז לעבעדיקערהייט געוואָרפן ווי אַ שפּייז פאַר די הונגעריקע חיות אין צירקוס. ווען ס'איז אונטערגעגאַנגען די שטאָט פאָמפּעאַ, האָבן עס די שונאים פון יידן געוואָלט אויסטייטשן ווי אַ שטראָף פון די געטער אויפן רוימישן פאָלק. די געטער צערענען וייל רוים לאָזט וואוינען צווישן זיך די פאַרהאַסטע יידן. און יידן פאַראַכטן די געטער. דער חסד פון קייזער האָט אונז באַשיצט. ביי דער לעצטער שרפה אין רוים זענען פאַרשפרייט געוואָרן בלבולים, אַז דאָס האָבן יידן אונטערגעצונדן די טעמפּלען און די הייזער פון דער הויפּט־שטאָט, מחמת איביקן האַס צו די געטער און צו דעם מענטשן־געשלעכט. ס'וואָלט זיך איבער אונז לייכט איבערגעחזרט די שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער שרפה פון רוים אין די צייטן פון נעראָ . נאָר אַ דאַנק דעם חסד פון קייזער זענען מיר ניצול געוואָרן.

יאָזעפוס פלאַוויוס דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער. ער ווערט מיט אַמאָל שטיל. דערזעענדיק אָבער בערעניקעס פלוצלונגדיקע אומ־באַשטימטע האַלטונג: ווי אירע בליקן בלאָנדזשען אומרואיק, ווי זי באַוועגט אומגעדולדיק מיט די הענט, — וועקט זיך ביי אים די האָפנונג: אפשר האָט ער זי פאָרט אָנגעשראָקן? ער הייבט זיך אָן צו פילן עטוואָס רואיקער, זיכערער.

— צו אונזער אייגן אומגליק מוז מען צוגעבן, — רעדט ווייטער יאָזעפוס פלאַוויוס. ער באַמיט זיך איצטער נישט צו באַגעגענען בערעניקעס בליקן — דאָס אומזיניקייט פון די בריונים, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לאַנד, חרוב געמאַכט די שטאָט ירושלים און פאַרברענט דאָס בית־המקדש, אָט דאָס אומזיניקייט, יאָ, דאָס הפקרדיקע אומזיניקייט, — גיט יאָזעפוס צו מיט אַ דערהויבענער פאָטערלעכער שטים ווי ער וואָלט עמיצן געמוסרט, — שלאָגט אירע וואָרצלען דאָ אין דער הויפּט־שטאָט פון דער וועלט־מלוכה, אין רוים. יידישע געפאַנגענע — און דער טייל פון די פינצטערע עלעמענטן, וואָס האָבן גערויבט און געהעצט צו מרידה אין יהודה און אין גליל, — זיי האָבן איצטער אַריבערגעטראָגן זייערע פאַרברעכערישע און העצערישע אַרבעט אַהער דאָ אינם האַרץ פון דער וועלט־שטאָט. דער נידעריקסטער רוימישער המון ווערט אויפגעפּאָדערט צו רויב, נישט דרך־ארץ צו האָבן פאַר די געזעצן פון סענאַט, נישט צו אַכטן דאָס אייגנטום פון די רייכע. די

שקלאַפּן ווערן אַנגערעדט מורד צו זיין אין זייערע באַלעבאַטים, און אַז די וועלט איז די נחלה פון די אָרימע. איך מוז מיט בושה מודה זיין, איידעלע בערעניקע: די אומגליקלעכע צעלאָטן, וואָס לעבן אין די רוימישע הינטער־גאַסן אָרים און עלנט ווי די ווערים און מוזן טון די געמיינסטע שקלאַפּן־אַרבעט, — זיי רעדן מיט פאַראַכטונג וועגן זיגרייכן קייזער. גראָד יידן זאָגן אָן דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער וועלט־הערשאַפט און דעם אונטער־גאַנג פון דער וועלט. —

קאַפּיטל אַכט

בעת ער רעדט, פילט, יאָזעפוס פלאַוויוס ווי עס וואַקסט אין אים דער מוט. ער גלויבט, אַז זיינע ווערטער האָבן אַ פּעולה אויף בערעניקען. זי ענטפערט אים נישט. זי שטייט שטיל, ווי זי וואָלט זיך באַטראַכט. הגם וואָס מיט זיינע ווערטער וועגן די יידן אין רוים האָט ער אַרויסגערעדט פאַר די אייגענע אויערן די באַהאַלטענע אימה פון זיין הארצן, — די אַלע אומזיכער־קייטן און סכנות, וואָס באַדראָען זיין מאָרגן, — פונדעסטוועגן טוט עס אים אַ הנאה און ער פילט אַ נקמה דערפון, וואָס דוקא זיי, די פאַראַכטעטע, די אָרימע און די שקלאַפּן שטעלן זיך אין וועג פאַר די שטאָלצע פּלענער פון דער שיינער בערעניקע.

יאָזעפוס פלאַוויוס וויל ווייטער רעדן. ער שפּירט אין זיך ביסלעכווייז אַ פאַרצווייפלטן כוח. דער פּלאַן איז געווען אַ גוטער. יאָ, זיינע אַרגומענטן וועלן עס באַווייזן. יאָזעפוס פלאַוויוס, — ער איז פּאַרט דער פּעאיקער רעטאָר (טראַכט ער אַליין מיט צופרידנקייט). ער רעדט קלוג, כיטרע. ער ווייסט ווי אָנצוגרייפן. דאָס פאַרהאַסטע וויב, די בערעניקע, זי וועט ציטערן. ער וועט איר צו נישט מאַכן אַלע די שאַלקהאַפטיקע חלומות. זי דערמיט דערנידעריקן. ער סדרט־צוזאַמען זיינע געדאַנקען (דער קאָפּ אַרבעט איצט ביי אים מאָדנע קלאָר). ער וויל ווייטער אָנהייבן צו רעדן, יאָזעפוס פלאַוויוס, נאָר עס גיט אים פּלוצלונג אַ שוידער. —

פון הינטער די טיר־פאָרהאַנגען דערהערט ער אַ שטילן צייכן.

דאָס גיט דער טיר־היטער דעמעטריוס צו וויסן יאָזעפוסן (ווערליק אַ פון לאַנג אָפּגערעדטן סימן), אַז ס'איז אין דרויסן עפּעס פאָרגעפאַלן.

יאָזעפוס פלאַוויוס לויפט שנעל צו צו דער טיר. ער ווערט ווידער בלייך און דערשראָקן. (אַ יעדע אומגעריכטע ידיעה פילט אים אָן מיט אומבאַקאַנטער שרעק). ווי מיטאַמאָל האָט ער פאַרגעסן אָן בערעניקען. יאָזעפוס פלאַוויוס שטעקט פאָרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ פון צווישן די טיר־פאָרהאַנגען.

אויף דער צווייטער זייט שטייט דער טיר־היטער דעמעטריוס.

—האָר, — זאָגט דעמעטריוס טרוקן, — עפּעס אַ שקלאַף וויל מיט אייך רעדן.

— אַ שקלאַף? — פרעגט יאָזעפוס שוואַך און אומאַנטשלאָסן, — וואָס וויל ער?

— ער האָט צו איך אַ זייער וויכטיקן ענין, זאָגט ער. ער וויל נישט אָפּטרעטן. כ׳האָב אים שוין געגעבן מיט אַ שטעקן איבער דער פּלייצע, ער טרעט נישט אָפּ. דערצו דערמאָנט ער מיט חוצפּה אייער נאָמען.

— אפשר פון.. קייזער? אַ בריוו?... אַ שליחות?... — פליסטערט אומרואיק יאָזעפוס.

— ס׳איז נישט קיין קייזערלעכער שקלאַף, האַר, — ענטפערט דעמעט־ריוס, — אַזוי איינער אַ געמיינער שקלאַף, שוין אַן עלטערער און אין אָפּגע־ריסענער הלבשה. זאָל איך אים אַוועקיאָגן, האַר? — פרעגט דעמעטריוס קאָלט, — מיר וועלן אים אין דרייען גוט צוריכטן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן, דער מנובל.

— וואַרט, דעמעטריוס, וואַרט, — שעפּטשעט וואָס אַמאָל אומרואיקער יאָזעפוס פלאַוויוס. עס ווערט אים אומהיימלעך אויפן האַרצן. ער דערפילט דעם באַקאַנטן שלעכטן טעם אין מויל, וואָס קומט אים תמיד ביי אַ פלוצלונגדיקער אויפרעגונג. ער דערמאָנט זיך אָן בערעניקען, וואָס שטייט איצטער רואיק ביים טיש. יאָזעפוס פלאַוויוס דרייט פאַרזיכטיק אויס דעם קאָפּ, כדי צו זען, וואָס בערעניקע טוט און אויב זי הערט זיינע ווערטער. גלייכצייטיק שטרעקט ער אינסטינקטיוו אויס די האַנט נאָך דעמעטריוסן. ער וויל אים אויפהאַלטן. — וואַרט צו דעמעטריוס, — זאָגט יאָזעפוס וואָס אַמאָל שטילער, — כ׳וועל אַליין אַ קוק טון...

קאַפּיטל ניין

דער חשובער יאָזעפוס פלאַוויוס גנבעט זיך בסוד אַרויס פון דעם קייזער־לעכן ביבליאָטעק־חדר. ער שלייכט זיך אַרונטער הינטער די טיר־פאַרהאַנגען און גייט פאַרויס פאַר דעמעטריוסן.

ערשט אין אַטריום דערפילט ער ווי עס היצן אים די באַקן. אַ לייכטער נאַכט־ווינט בלאָזט אַריין דורך דער אויבערשטער דאַך־עפענונג, קילט אים. אינעם אַטריום איז נישט גאַנץ פינצטער. אַ שוואַכע שיין פון דער לבנה באַהעלט עטוואָס דעם חלל. אין דער שטילקייט הערט זיך ווי עס רוישט פרעמדלעך דאָס וואַסער אין דעם שפּרינג־ברונעם. יאָזעפוס פלאַוויוס באַמערקט פלוצלונג זיין אייגענעם שאָטן ווי ער פאַרגרעסערט זיך און וואַנדערט אים נאָך אויף דעם מאָזאַיק־דיל, אויף דער רייך־באַמאָלטער וואַנט. ער דרייט זיך אום. דערזעט דעמעטריוסן. יאָזעפוס ווייזט אים מיט אַ פינגער ער זאָל בלייבן.

דורכן אָסטיום גייט ער צו צום הויז־טויער. שפּאַרט עס לייכט אויף. שטרעקט פאַרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ. אין דרויסן שטייט אַ קילבלעכע לבנה־נאַכט. געדיכטע שטיקער וואָלקן שוועבן איבער דעם טונקעלן אויס־געשטערנטן הימל. ווי אַ שווערע זילבערנע שיף שווימט די לבנה צווישן די ליכט־באַזוימטע וואָלקנס.

די לבנה טויכט אַרויס הינטער אַ וואָלקן. עס ווערט טונקעלער.

יאָזעפוס באַמערקט קיינעם נישט. מיט שטילע טריט גייט ער אַפּער אויף דער טונקעלער גאַס. דער ווינט בלאָזט שטאַרקער. ביי יאָזעפוסן ווייען זיך, דורכן ווינט, די פּאָלדן פון זיין לאַנגן סירישן מלבוש. ער קוקט זיך זאַכט אום. נעבן דער מאַרמאָרנער דאַרישער זייל, וואָס פאַר יאָזעפוסעס ווילא, שטייט די נישט־הויכע פיגור פון אַ מענטש.

יאָזעפוס פלאַוויוס באַמיט זיך צו דערקענען: ווער איז עס? — רעדט ער צו זיך אַליין. די פיגור איז אים עפּעס ווי קענטלעך.

אויף די אומבאַקאַנטע מענטשלעכע פיגור האָט יאָזעפוסן נישט באַמערקט.

די לבנה שיינט פּלוצים אַפּער פון הינטער אַ וואָלקן. עס ווערט מיט־אַמאָל ליכטיקער...

יאָזעפוס פלאַוויוס גיט זיך אינסטינקטיוו אַ צי צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט דערקענט דעם פויער פון דער יודפתער ציס־טערנע.

דער פויער שטייט איינגעבויגן. ער איז שטאַרק אָפּגעריסן און מיט אַן אַנטבלויזטן צעשויבערטן קאָפּ. ביי דער לעצטער באַוועגונג פון יאָזעפוס פלאַוויוס דערזעט ער אים. דער אַלטער פויער, דער אָרימער שקלאַף גייט גלייך צו צום באַרימטן שריפטשטעלער.

איר דערקענט מיך, יוסף דער זון פון מתתיהו? — זאָגט ער מיט אַ שטילער אָבער זייער פעסטער שטים.

יאָזעפוס פלאַוויוס גיט זיך אַ וואַקל. ער באַהערשט זיך אויגנבליקלעך. שטעלט זיך שטייף אַנידער. הייבט אויף די אויגן צו דער לבנה.

— ניין... איך קאָן מיר נישט דערמאָנען, — זאָגט ער רואיק

דער אַלטער שקלאַף לאַכט אויף ווי אַ משוגענער: — יאָזעפוס... יוסף בן מתתיהו... איר דערקענט מיך נישט? איר געדענקט, — זאָגט ער פאַר־ביטערט, — הינטער יודפת, אין אספּסינוסעס קריגס־געצעלט? מירביידע זענען פאַרן רוימער געשטאַנען געשמידט אין שווערע קייטן. איר געדענקט דעם ברונעם אין יודפת? אָ, ווי איר האָט מיך דאָרט פאַרבלענדט. איך האָב נישט געוואוסט, אַז איר פעלשט די גורלות. —

דער שקלאַף הייבט אָן צו רעדן וואָס אַמאָל העכער: — יוסף דער זון פון מתתיהו, ניין, איר דערקענט מיך נישט? ווירקליך נישט? — זאָגט ער ביטער — וואָרים ווי אַזוי זאָלט איר מיך דערקענען?... איר זייט איידלמאַן, רוימישער האַר, פּאַטריציער. איך בין פאַרקויפט געוואָרן צו אַ שכורן גריך. איך אַרבעט פאַר אים ווי אַן אייזל. די שווערסטע אַרבעט. דער שכור שלאָגט מיך יעדן טאָג. יוסף בן מתתיהו, חשובער כוהן, איר האָט פאַרראַטן דאָס יידישע לאַנד. איר האָט אייערע חברים אויסגעקוילעט און זיך אַליין פאַר־קויפט צו די רוימער. יאָרן האָב איך אייך אַרומגעזוכט. אומעטום. איך האָב נישט געקאָנט אויסגעפינען אייער געביין. וואו זענט איר געווען די גאַנצע צייט, יוסף פלאַוויוס, ווען טויזנטער העלדן זענען געשטאָרבן אויף די קרייצן? איר האָט זיך געלאָזט וואוילגיין אין די פּאַלאַצן פון די טיראַנען. איר האָט

אַנגענומען דעם נאָמען פון די דאָזיקע צו וועמען איר האָט פאַרקויפט דאָס ייִדישע פאָטערלאַנד און אייער ערע. פלאַוויוס! — יאָזעפוס פלאַוויוס! שאַנד און פלוך דיר, יאָזעפוס פלאַוויוס! — הייבט דער שקלאַף אינמיטן דער ליידיקער ביינאַכטיקער גאַס אָן צו שרייען מיט אַ הייזעריק און וואַנזיניק קול. ער דערנעענטערט זיך מיט כעס צו יאָזעפוסן, נעמט אים ברוטאַל אָן פאַר דעם קאָסטבאַרן סירישן מאַנטל, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דאָס מלבוש אַרונטעררייסן.

יאָזעפוס פלאַוויוס וואַקלט זיך. ער ציטערט ווי אַ בלאַט. קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. דער שקלאַף טאָרעט אים פאַרן רייכן זיידענעם מאַנטל. יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעוועהרט, אָדער געבעטן הילף. נאָך אַ קליינער ווייל קייכט ער ענדלעך אַרויס:

— אפשר ווילט איר געלט?... — זאָגט ער שוואַך. — איך וועל אייך אויסקויפן. איך וועל אייך רייך מאַכן. שווייגט. אין גאָטס נאָמען, שווייגט.

דער שקלאַף טוט אַ שפּיי אויס פאַר יאָזעפוסן, די אויגן לויפן אים אָן מיט בלוט.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט אַ קוק אויף די ווילדע, מיט בלוט אָנגעלאָפענע אויגן. ווי די אויגן פון אַ צעיושעטן וואָלף גלאַנצן זיי אים אַקעגן אין דער נאַכט. יאָזעפוס פילט זיך פלוצלונג אָנמעכטיק ווי אַ קינד. ער קאָרטשעט זיך איין אין זיין לאַנגן סירישן מלבוש. ער פּרוּווט זיך אַרונטערצורוקן הינטער איינער פון די מאַרמאָרנע זיילן, וואָס שטייען פאַר זיין ווילא. דער שקלאַף האַלט אים אַלץ פאַרן מאַנטל.

— איך שפּיי אויף דיין געלט, בוגד, פעלשער, — שקלאַף פון די טיראַנען! שרייט דער שקלאַף אויף אין דער נאַכט מיט אַ ווילד קול.

דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט נאָך געלעבט אין דעם געהירן פון יאָזעפוס פלאַוויוס, איז געווען: ס׳קאָנען נאָך לייכט דערהערט ווערן די געשרייען פון דעם שקלאַף. ס׳וועט ווערן אויף דער גאַס אַ צונויפּלויף. אַלע וועלן הערן. דאַמאָלס — איז ער, יאָזעפוס פלאַוויוס, ענדגילטיק פאַר־לוירן אויף תמיד. (דאָס האָט ער נישט פאַרגעסן אין זיין הילפלאָזער אָנ־מעכטיקייט). מיט די לעצטע כוחות, וואָס יאָזעפוס פילט נאָך אין זיינע אברים, כאַפּט ער דעם שקלאַף אָן פאַר דער האַנט. יאָזעפוסעס פינגער זענען איינ־געשטאַרט, ווי געפרוירן, פונדעסטוועגן כאַפּט ער אָן דעם איינגעדאַרטן אָרעם פון דעם פרעמדן ווי מיט צוואַנגען. דער שקלאַף שפּירט גאָרנישט ווי יאָזעפוסעס פינגער גראָבן זיך איין אין זיין פלייש. ער שרייט כסדר. וואָס אַמאָל העכער. אויפגעברויזטער. ער רייסט יאָזעפוסן פאַרן מאַנטל. ער באַ־מערקט נישט ווי יאָזעפוס ציט אים פּאַמעלעך נאָך, נאָך זיך אַריין אין דער ווילא.

ערשט אין אַטריום גיט יאָזעפוס פלאַוויוס אַ טיפן אָטעם. אַלצדינג קלעפּט אויף אים אין קאַלטן שווייס. די באָרד קלעפּט אים אויף די באַקן. ער פאַר־האַקט הינטער זיך דאָס טויער. דער שקלאַף באַמערקט כסדר נישט וואו ער געפינט זיך. ער היצט זיך. שרייט וואָס אַמאָל שטאַרקער. יאָזעפוס פלאַוויוס

שלעפט אים מיט זיך. דער פרעמדער רייסט יאָזעפוסן און הייבט אויף אַ האַנט אים צו געבן איבערן קאָפּ. יאָזעפוס בייגט אַוועק דעם קאָפּ, כדי אויסצומיידן דעם קלאַפּ.

אין אַטריום ביים שפּרונג־ברונעם אין דער טונקלעניש וואַרט דער טיר־היטער דעמעטריוס. ער זעט ווי אַ שקלאַף שרייט און רייסט יאָזעפוסן פאַרן מאַנטל און יאָזעפוס רופט אים נישט צו הילף. דעמעטריוס פאַרבאַהאַלט זיך שנעל הינטער אַ פאַרהאַנגענער סטאַטוע פון קייזער אַספּסינוס.

ביי די שווערע טיר־פאָרהאַנגען פון דעם ביבליאָטעק־חדר לאָזט יאָזע־פוס פלאַוויוס אָפּ דעם פרעמדן. יאָזעפוס גיט זיך אַ וויש מיט דער האַנט איבערן פּנים.

פלאַוויוס... בוגד! — קייכט דער פרעמדער. ער זוכט יאָזעפוסן נישט אָפּצולאָזן. זיי אַמפּערן זיך אין דער טונקלעניש פאַר די פאָרהאַנגען.

פון דרינען אין דער ביבליאָטעק הערט זיך אַ לייכטער אויפשריי פון אַ פרוי. בערעניקעס קול. יאָזעפוס פלאַוויוס גיט אומווילקירלעך אַ שאַר־אויף די טיר־פאָרהאַנגען. בערעניקע שטייט ווי ראַטלאָז אינמיטן דעם ביבליאָטעק־חדר. די שוואַרצע קאָפּ־שלייערן הענגען איר אין אומאָרדנונג אַראָפּ איבער די צעפּ. דער רויטלעכער שיין פון די אייל־פלאַמען אין דעם גרויסן קאַרינטישן לייכטער וואַרפט אויף איר אַן אָפּגלאַנץ. בערעניקע איז בלאַס. די ווינקלען פון איר מויל ציטערן.

זי טוט אַ קוק אויף יאָזעפוסן:

דערשראָקן, צעשויבערט, פאַרשוויצט, מיט שוים אויף די ליפּן, אַזוי אַמפּערט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס מיט אַן עלטערן אומבאַקאַנטן שקלאַף. דאָס איז יאָזעפוס פלאַוויוס? — פליט איר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. זי ווערט צופרידן דערפון, וואָס זי האָט אים קוים דערקענט. דאָס איז ער, דער חשובער יאָזעפוס פלאַוויוס, דער אַלטער שטאָלצער כוהן פון ירושלים. דער באַרימ־טער לאַנד־נשיא פון גליל. יאָזעפוס פלאַוויוס, דער רוימישער בירגער. טיטוסעס פריינט. אָקאָרשט האָט ער צו איר גערעדט אַזוי זעלבסטבאַוואוסט. איר, דער פרינצעסין בערעניקע, אָפּגעזאָגט אַ בקשה! די באַקן רויטלען זיך איר פאַר בייזווילקייט. ער קוקט איצט אויס, יאָזעפוס פלאַוויוס, אַרימער און הכנעהדיקער ווי דער אָפּגעריסענער שקלאַף, מיט וועלכן ער אַמפּערט זיך אויף דער שוועל פון דער געוועזענער קייזערלעכער ביבליאָטעק. בערעניקע דערפילט אַן עקל צו יאָזעפוסן. די פייערלעך פון אירע אויגן גלאַנצן־אויף מיט שפּאָט. פּלוצלונג קומט עס איר אויפן זינען, אַז זי איז אַנטדעקט. דאָס האָט טיטוס אַהערגעשיקט אַ באַהאַלטענעם תליון איר צו נעמען דאָס לעבן.

אַן אייזיקע אַנונג פונם טויט שוידערט זי אַדורך. צוגלייך וועקט זיך די האַרטנעקיקע גאווה אין דער שטאָלצער פרינצעסין. זי ציט־איין די פּלייצעס און שטעלט זיך גלייך, — ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן.

— וועמען ברענגט איר מיר דאָ אַריין, יאָזעפוס? — זאָגט זי הויך אויפן קול. זי איז אַריין אין צאָרן.

יאָזעפוס פלאַוויוס וואַרפט איר צו אַ בליק פול טויט־שרעק, פול ווילדן האַס. זאָל זי שווייגן!

דער שקלאַף לאָזט אָפּ יאָזעפוסן. זאָגט מיט אַ מיד און איראָניש געלעכטער:

— יוסף, דער זון פון מתתיהו, חשובער כוהן... זונות און קעבס־ווייבער האַלטן זיך אויף אין דיינע מויערן. ווער איז דאָס ווייב, יוסף בן מתתיהו? אַ רוימערין? האָט זי דיר טיטוס געשענקט אַ מתנה?

ער ווייזט דערביי מיט זיין האַנט אויף בערעניקען.

אומווילקירלעך און שנעל לאָזט בערעניקע אַראָפּ די שוואַרצע שלייערן איבער איר פּנים. בושה און אומגעהייערע ביטערקייט דריקט איר אויף דער נשמה. אין יאָזעפוסעס קעגנוואַרט זידלט זי אַ געמיינער שקלאַף. זי וויל אויפשרייען, נאָר זי בייסט זיך די ליפּן ביז בלוט.

דער גלילער פּויער, — ווי ער וואָלט זיך פּלוצעם באַרואיקט, — ווענדט זיך צו יאָזעפוסן:

— יאָזעפוס, דער זון פון מתתיהו, — זאָגט ער — יעדע מינוט וועלן ביי דיין טיר אָנקלאַפּן די קייזערלעכע זעלנער. די צענטוריאַ און ליקטאָרן. איך בין אַנטלאָפן פון מיין האַר. עס איז אַנטדעקט געוואָרן אַ געהיימער בונט פון שקלאַפן. מ'האָט אונז אַנטדעקט, בעת מיר האָבן זיך געזאַמלט אין די קברים־היילן הינטער רוים. מ'באַשולדיקט אונז, אַז מיר ווילן אונטערצינדן רוים, כדי זיך נוקם צו זיין אָן אונזערע באַלעבאַטים. ווייניקע פון אונז האָבן באַוויזן צו אַנטקומען. די צענטוריאַ זענען אויף אונזערע שפּורן. באַלד וועלן זיי אויפרייסן די טירן פון דיינע פּאַלאַצן, איידעלער יאָזעפוס פלאַוויוס. דיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון אַ צעבונטעוועטן שקלאַף. וואָס וועט זאָגן טיטוס? וועסטו דיר איצט אויך קאָנען ראַטעווען דאָס לעבן ווי דאַמאָלס אין דער ציסטערנע פון יודפת? וועט דיר דער רוימער גלויבן? — דער שקלאַף זעצט זיך אַנידער אויף אַ קאָסטבאַרער מאַרמאָרנער שטול, וואָס שטייט אינמיטן דעם ביבליאָטעק־חדר. ער לייגט אויס די הענט אויף דער קני. קוקט אויף יאָזעפוסן מיט אַ בליק פול ציינישער נקמה: — איצטער וועלן מירביידע ענדלעך אומקומען צוזאַמען, — לאַכט ער אויף ווי אַ משוגענער. ער פּאַטשט מיט די הענט אויף דער קני: — יוסף בן מתתיהו. יאָזעפוס פלאַוויוס. חשובער כוהן. דו וועסט צוזאַמען געקרייציקט ווערן מיט אַ געמיינעם אויס־געשמיסענעם שקלאַף. —

דאָס בלוט שלאָגט דעם חשובן יאָזעפוסן אין פּנים אַריין. ער פאַרלירט מיטאַמאָל די הערשאַפט איבער זיך. ער שרייט אויס ווי נישט מיט זיין קול:

— וואָס האָסטו געטון... עלנטער?

קאַפּיטל צען

דער גלילער פּויער זאָגט געלאַסן מיט האָפנונגסלאָזער רואיקייט: — איך האָב דיך געזוכט, יוסף בן מתתיהו. שוין יאָרן ווי איך זוך דיך. אין דעם יודפתער ברונעם האָסטו מיר נישט אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אין האַלז אַריין. דאָס מעסער אָבער וועט אונז נישט מיידן. אַזוי איז אויסגעפאַלן דער

גורל. טאָג־טעגלעך האָט מיך דער שכורער גריך געשלאָגן. איך בין אַנטלאָפן געוואָרן. אין די היילן הינטער רוים זאַמלען זיך די שקלאַפן און די געפאַנגענע פון יהודה. — טויט דעם קייזער, די האַרן און די מעכטיקע פון דער ערד! די וועלט איז די נחלה פון די אָרימע.

באַוועגונגסלאָז, ווי פאַרשטאַרט, קוקן די אויגן פון יאָזעפוס פלאַוויוס אויף דעם שקלאַף אויף דער שטול. זיינע אויערן גלויבן זיך נישט צו. צי הערט ער ריכטיק? שאַנד! פרעכע ווערטער פון מרידה אין דער קייזערלעכער ווילאַ! רעדער דרייען זיך יאָזעפוסן פאַר די אויגן. ער דערקענט זיין אייגן צימער נישט. די טייערע מעבל־שטיקער, — וואָס דערמאָנען אים תמיד אָן דעם קייזערלעכן חסד, — עס דוכט זיך אויס יאָזעפוסן, אַז זיי פאַרבאַהאַלטן זיך פון אונטער זיינע בליקן, כדי נישט צו זיין קיין עדות פון אָט־אָ דער שרעקלעכער סצענע, וואָס שפילט זיך איצט אָפּ אין דער ביבליאָטעק פון קייזער אַספּסינוס. יאָזעפוסעס בליקן זוכן בערעניקען. זי שטייט פאַרשטיינערט אויף איר אָרט. טיף אַראָפּגעלאָזענע שלייערן איבער איר פּנים. ער קוקט אויף איר ווי ער וואָלט געבעטן ביי איר הילף. די קניען ציטערן אונטער אים. איינזאַם. שרעקלעך עלנט אין גאַר דער וועלט. עלנטער ווי אין זיין גאַנצן שווערן סכנותפולן לעבן איז ער איצט, יאָזעפוס פלאַוויוס. טרערן שטיקן אים אין האַלז. ער דערשפירט ווי די אויגן־אַפּלען טוען אים וויי. מיט טויט־שרעק קוקט ער אויף דעם אָפּגעריסענעם שקלאַף, וואָס זיצט פאַר אים אויף דער קונסטפולער שטול פון איידעלן פאַרישן מאַרמאָר. יאָזעפוס פלאַוויוס דערמאָנט זיך פּלוצלונג, ווי ער איז געשטאַנען מיט שווערע קייטן אויף די פיס פאַרן קייזער אַספּסינוס אין רוימישן קריגס־געצעלט הינטער יודפת (אויך דעמאָלט האָט ער געשוועבט צווישן טויט און לעבן). איצטער שטייט ער, יאָזעפוס פלאַוויוס, דער באַרימטער פעלדהאַר, דער כוהן, דער פריינט פון קייזער טיטוס, פאַר אַ שטינקענדיקן שקלאַף. יאָזעפוס פילט זיך פאַרמאַטערט. דער־נידעריקט. אָרימער יאָזעפוס (טראַכט ער מיט איראָניע), דיין גאַנצער רום איז צעטרעטן, די נאַכוועלט וועגדט אָפּ פון דיר איר פּנים פאַר בושה. שעם זיך, יאָזעפוס פלאַוויוס! — עס לויפט אים מיטאַמאָל אַדורך דער געדאַנק דורכן קאָפּ: זי, בערעניקע, דאָס שאַלקהאַפטיקע ווייב, איז דער עדות פון זיין שאַנד. זי קוקט אים ציניש אַריין אין דער נשמה. זי האָט הנאה. פאַר־ביטערסטע פאַרצווייפלונג שלאָגט יאָזעפוסן אין פּנים אַריין. זיינע פינגער בלאָנדזשען קראַמפּהאַפט ביי דער זייט פון זיין זיידענעם סירישן קלייד, ווי זיי וואָלטן דאָרט געזוכט אַ שווערד. ער וואָלט אַמבעסטן זיי ביידע דערשטאָכן. דעם שקלאַף און דאָס ווייב. זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. פּלוצלונג פילט ער זיך ווידער שוואַך. עלנט. אַנטמוטיקט. די קני בייגן זיך אונטער אים. קוים ער האַלט זיך אין נישט אַנידערצופאַלן.

— ווייסן די צענטוריאָ, אַז איר זענט דאָ אַהערגעלאָפן אין מיין הויז? — פליסטערט ער ענדלעך קוים אַרויס.

דער שקלאַף לאַכט יאָזעפוסן קאַלטבלוטיק אין פּנים אַריין:

— זיי ווייסן, יוסף בן מתתיהו. (ער האַרכט אויף) — אָט קלאַפּן זיי שוין

אין דרויסן. מיר האָבן צוגעשוואוירן — און מיר טאָרן נישט לעבן. געדענקט איר דעם גורל? אָ, יאָזעפוס, יאָזעפוס, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט? — זאָגט ער מיט אַ מידן קול. ער ווערט שטיל און האָרכט אויפמערקזאַם אויף. ער זאָגט שוואַך און האָפנונגסלאָז: — פאַרוואָס הערט מען נאָך נישט קלאַפּן ביי דער טיר די כלי־זין פון די צענטוריאָ? טויט דעם קייזער, די האָרן! — שרייט ער ווידער מיט כעס. ער ווענדט זיך מיט ברענענדיקע אויגן צו יאָזעפוסן: — ווען די צענטוריאָ באַלד נישט קומען, וועל איך זיי רופן. איך וועל שרייען. זאָלן זיי דערהערן מיין רופן און קומען. יוסף בן מתתיהו, גרייט איך צו.

דער שקלאַף גיט זיך אַ ריס פון זיין אָרט. ער וויל צולויפן צו דער טיר. דאָ טוט זיך פּלוצלונג ברעניקע אַ באַוועג. — מיט איר גאַנצער געשטאַלט ווענדט זי זיך שטרענג צו דער זייט פון יאָזעפוסן:

— יאָזעפוס פלאַוויוס, — זאָגט זי רוי און גיפטיק. טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. — איר זייט דער פריינט פון קייזער, כוהן, אַ שפּראָץ פון דעם קעניגלעך־חשמונאישן געשלעכט...

— דער שקלאַף פּרואווט צוצולויפן צו יאָזעפוסן און אים אָנצוכאַפּן פאַרן מאַנטל. מיטאַמאָל הייבט ער אָן צו שרייען:

— דאָ זענען מיר, איר תלינים פון קייזער. קומט, קומט. קרייציקט אונז, קרייציקט אונז!

יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט הילפלאָז ווי אַ קינד. זיינע אויגן פינטלען. ער וואַקלט זיך.

פול מיט שפּאָט זאָגט ברעניקע:

יאָזעפוס פלאַוויוס איר זענט אַ פּחדן ווי אַלע פּרושים. דאָס ליגט אין אייער כאַראַקטער, יידישער כוהן. איך האָב פון תמיד אָן נישט געליטן די כוהנים, — זאָגט זי טרוקן. — דער וואָס באַשרייבט פאַר די קומענדיקע דורות די טאַטן פון קייזער טיטוס, איז שוואַך ווי דאָס שוואַכסטע ווייב. נישט בחנם זענען אייערע ווייבער פון אייך אַנטלאָפן, — לאַכט זי גיפטיק. — אַ שקלאַף באַשפייט אייער כבוד און אייער ערע. דער באַרימטער מאַן שווייגט. איז נישטאָ דער מינדסטער שטאָלץ אין אייער האַרצן?

דער שקלאַף לויפט וואָס אַמאָל ווילדער אַרום איבער דער ביבליאָטעק, — קרייציקט אונז, קייזערלעכע הענקער, קרייציקט אונז — שרייט ער — יוסף בן מתתיהו , פעלדהאַר פון יידישן חיל, באַצאָל דיין חוב! —

יאָזעפוס פלאַוויוס הייבט־אויף אַ פּאָר טויטע אויסדרוקסלאָזע אויגן צו ברעניקען.

ברעניקע זאָגט ציניש:

— גייט מיט אים, יאָזעפוס פלאַוויוס! — און איך בין געקומען צו אים בעטן אַ בקשה, — גיט זי צו מיט איראָניע.

דער שקלאַף ווערט וואָס אַמאָל וואַנזיניקער. ער לויפט אַרום איבערן ביב־ליאָטעק־צימער. ווענדט זיך כסדר צו יאָזעפוס פלאַוויוס מיט די ביטערסטע זלזולים און דראָונגען. יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט אין זיין צוזאַמענגעבראָכנקייט.

זיין געשטאַלט איז געבויגן. אין זיין האַרצן איז קאַלטע לערקייט. וויסטע פוסטקייט. מאַמענטנוויז גלויבט ער פולשטענדיק צו האָבן פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. עס וואונדערט אים נאָר, ווי ער האַלט זיך נאָך אויף די פיס. אַ יעדע הערשאַפט איבער זיינע הענט האָט ער פאַרלוירן. ער קאָן מיט זיי נישט באַוועגן. די אויגן בריען אים אין די אויגן־לעכער ווי צוויי פייערדיקע שטיינער. זיי קוקן בלויז אויף איין זייט. ווי אַ שוואַרצער, בייזער דעמאָן שטייט די שטאָלצע געשטאַלט פון בערעניקען דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אין דער נשמה ביי אים, ביי יאָזעפוסן, איז דער טעמפּער און ווילדער האָס צו דער דאָזיקער שוואַרצער געשטאַלט. ער קוקט אויף איר — און אים איז, ווי מען וואָלט זיין לייב געבראָטן אין זידיקן אייל. טיילמאָל וויל ער אויפשרייען. די צונג איז אים געליימט אין מויל. צווישן די ציין איז אים זויער. די ליפּן הענגען אים שלאַבעריק איבערן מויל. ער זעט בערעניקעס געשטאַלט. עס דוכט זיך אים: בערעניקעס גוף פאַרנעמט דעם גאַנצן חלל פון דעם קייזערלעכן חדר. אַרימער יאָזעפוס פלאַוויוס! — דער דאָזיקער געדאַנק בליצט צייטנווייז אויף אין זיין געהירן. ער האָט אויף זיך זעלבסט רחמנות. פאַראַכטונג. ער דערמאָנט זיך זיין אייגענעם נאָמען ווי וועגן עפּעס אַ פרעמדער זאַך, וואָס געהער זיך מיט אים נישט אָן.

ווידער קלינגט אים אין די אויערן דאָס רויע, בייזוויליקע און שפּאָטפולע קול בערעניקעס. זי איז אים מבזה. זי לאַכט אים אויס. אַרימער יאָזעפוס! נישט אַלצדינג הערט ער, וואָס זי זאָגט. ער הערט ווערטער. ווערטער וועגן קייזער, וועגן זיין דערנידעריקטקייט. ווי אומריינקייטן וואָלטן זיך אים גע־גאָסן איבער די האָר, איבער די באַקן, איבער דער באָרד. יאָזעפוס פלאַוויוס פּרוּוט צום לעצטן מאָל צוזאַמענעמען אַלע זיינע כוחות, ווי אַ טיגער וויל ער זיך וואַרפן אויף דער שוואַרצער פאַרהאַסטער געשטאַלט. מיט די פינגער וויל ער זיך איינגראָבן אין איר האַלז און זי דערשטיקן. אָט דערפילט ער ווי אַלע זיינע אברים טוען אים ווייַ פון כעס און פאַרביטערטקייט. עס רירן זיך ביי אים די הענט, די פיס. אַנשטאָט זיך צו באַוועגן פון אָרט, דערשפּירט ער מיטאַמאָל ווי עפּעס אַ גרויסע לאַסט טוט זיך אַ ריס אָפּ ביי אים אין האַרצן. אַ הייזעריק און ווילד קול, אַ קול, — וואָס דערשיטערט און דערשרעקט פּלוצים אים אַליין, — רייסט זיך אים אַרויס פון האַלז:

— דעמעטריוס! — קלינגט זיין אייגן קול ווילד און פרעמד אין זיינע אויערן.

ער דערזעט ווי די שוואַרצע געשטאַלט בערעניקעס גיט אַ ציטער. דער שקלאַף האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן. אַנטשטומט געוואָרן.

דעמעטריוס און עטלעכע שקלאַפן לויפן אַריין אין דעם ביבליאָטעק־צימער.

— דעמעטריוס! — שרייט וואָס אַמאָל ווילדער יאָזעפוס פלאַוויוס. ער האָט פאַרלוירן יעדע מאַכט איבער זיך. זיינע גלידער ציטערן ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פונאַנדעררייסן. יאָזעפוס איז נישט מער דער האַר פון זיינע אייגענע ווערטער. ער הערט נאָר דאָס קול זיינס, וואָס שטראָמט אים הייזעריק אַרויס

פון האַלז: — נעמט אים, דעמדאָזיקן עלנטן, נעמט אים! לייגט אים אין קייטן... אין דער ציסטערנע מיט אים. איך קען אים נישט. ער וויל אונטערצינדן רוים... איך... איך... בין דער... האַר, איר שקלאַפן!

ער האַקט אָפּ. אים ווערט שרעקלעך קאַלט.

ווי די חיות באַפאַלן די שקלאַפן פון יאָזעפוס פלאַוויוס דעם גלילער פּויער. זיי דרייען אים אַרונטער די הענט. כאַפּן אים פאַר די פּיס. דער פּויער ווערט זיך נישט. ער זיפצט שטיל אין די הענט פון די צעיושעטע שקלאַפן. זיי טראָגן אים שנעל אַרויס פון דער קייזערלעכער ביבליאָטעק. ביי די טיר־פאַרהאַנגען באַוויזט דער פּויער נאָר אַ געשריי צו טון: — צום צווייטן מאָל האָסטו מיך פאַרראַטן, יוסף דער זון פון מתתיהו. שאַנד דיין געביין. פלוך דיין געדעכעניש!

בערעניקע שאַרט אָוועק דעם שלייער פון איר פּנים. זי לאַכט העל אויף.

יאָזעפוס פלאַוויוס וואַקלט זיך. ער פאַלט אָנמעכטיק אַנידער אויף דער מאַרמאָר־שטול, וואו עס איז אָקאַרשט געזעסן דער גלילער פּויער. טרערן פליסן אים איבער די הייסע באַקן. אים ווערט דערפון עטוואָס לייכטער.

בערעניקע מאַכט עטלעכע טריט צו אים. איר פּנים איז אָפן. גליקלעך צעשמייכלט. די פלאַמען אינם קאַרינטישן לייכטער באַוואַרפן מיט שוואַך ליכט איר געשטאַלט. אירע אויגן גלאַנצן פריידיק. זי איז איצטער זייער שיין.

— יאָזעפוס פלאַוויוס, איר זענט אַ ווייב, — זאָגט זי הויך אויפן קול און שטעלט זיך אַקעגן יאָזעפוסן.

יאָזעפוס גלאָצט אויף איר. אַלצדינג איז אים פּלוצלונג גלייכגילטיק. צומאָל אירע ווערטער טרעפן אים נישט. ער זעט ווי גלוסטיקע שיינקייטן גליען־אויף אויף בערעניקעס פּנים צוזאַמען מיט איר בייזקייט. ער דערמאַנט זיך: דאָסדאָזיקע ווייב איז אַלט פינף און פופציק יאָר. ער באַוואונדערט זי. עס חדושט אים נאָר, וואָס אַ יעדער האָס צו איר איז ווי מיטאַמאָל אין אים אָפּגעשטאָרבן. אַלצדינג איז אין אים אָפּגעשטאָרבן. וואָס וויל זי פון אים? עס קומט איבער אים אַ מאָדנע רואיקייט. ווי ער וואָלט שווער, זייער שווער קראַנק געווען און די כוחות פאַרלאָזן אים ביסלעכווייז. זיין שווער לעבן, זיינע אַנגסטן, צרות, שונאים, אַלץ פאַרלאָזט אים. ער האָט עס הינטער זיך. אַזוי גערן וואָלט ער איצט איינגעשלאָפן. זיך אויסגערוט. אַלצדינג איז אויס פאַר אים, דעם חשובן יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים. דאָך טוט עס נישט וויי. אומווילקירלעך פאַלן אים איין עטלעכע ציטאַטן פון גריכישע פילאָזאָפן וועגן די אייטלקייטן פון לעבן. ווי עמיצער וואָלט צו אים גערעדט די ווערטער פון אַלטער גריכישער חכמה, וויל ער צושאָקלען מיטן קאָפּ. ער באַוויזט זיך נישט צו רירן. כסדר קוקט ער אויף בערעניקען. ער געדענקט: זי שטייט פאַר אים, דאָס ווייב און קוקט אויס זיין טויט. דאָך דוכט זיך אים מאָמענטנווייז, אַז עס שטייט פאַר אים זיין מוטער. בילדער פון זיין קינדהייט שווימען אויף אין זיין מוח. די פּרעכטיקע שטאָט ירושלים. דאָס בית־המקדש. דאָס געזאַנג פון די לויים. דער קעניגלעכער הויף. די כוהנים אין זייערע פּראַכט־געוואַנ־

דער. שפעטער — יודפת. די קאַמפּן. איז דאָס אַלצדינג אַ חלום? יאָזעפוס שמייכלט שטיל און מיד צו בערעניקען.

די פאָרהאַנגען פון דער טיר טוען זיך ראַש אויף. דעמעטריוס קומט אַריינצולויפן.

— האַר, — זאָגט ער אָן אָטעם צו יאָזעפוסן, — דער קייזער קומט!

יאָזעפוס פלאַוויוס קוקט אויף אים, דעמעטריוסן מיט דעמזעלבן מידן שמייכל, ווי ער וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען. פּלוצים ווערן יאָזעפוסעס בליכע באַקן שטאַרק רויט. דאָס בלוט שלאָגט אים אין די אויגן אַריין. ער גיט זיך אַ ריס־אויף פון דער מאַרמאָר־שטול, ווי אויפגעוואַכט פון אַ שווערן חלום. יאָזעפוס פלאַוויוס פילט, ווי דאָס בלוט קומט צוריק אין זיינע אברים.

ער לויפט אַרום איבערן זאַל, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. ער ווענדט זיך מיט זיין גאַנצן גוף צו דעמעטריוסן. ער הייבט אָן צו שרייען הויך אויפן קול:

— וואָס שטייסטו נאָך, שקלאַף?! העי, איר שקלאַפן! מער ליכט. מער ליכט. אַהער די גאָלדענע קרוגן, די בעכער, מישט דעם ווייַן! ברענגט פרישע רויזן!. צינדט־אָן די פאַקעלן. אַ סך פאַקעלן. שנעלער, איר הינט! — יאָזעפוס פאַרקייכט זיך. רעדט שטיל צו זיך: — דער קייזער קומט, דער קייזער...

בערעניקע וואַקלט זיך. יאָזעפוס פלאַוויוס באַמערקט זי פּלוצים. ער לויפט צו צו איר מיט געביילטע פויסטן:

— דער קייזער קומט, וואָס טוסטו דאָ? — שרייט ער גראָב. ער כאַפּט בערעניקען אָן פאַרן אַקסל און פילט ווי איר קערפּער איז שוואַך אין זיינע הענט. בערעניקע גיט זיך נאָך. דאָס שטייגערט נאָך מער יאָזעפוסעס צאָרן. ער נעמט זי פעסטער און זיכערער אָן פאַרן אַקסל. בערעניקע שווייגט. זי לאָזט אַלצדינג מיט זיך טון. יאָזעפוס שפּירט ווי בערעניקעס לייב איז קיל און ציטערט לייכט אין זיינע הענט.

— וואָס טוסטו דאָ? — חזרט ער נאָכאַמאָל איבער גראָב. ער שטופּט זי שנעל אַרויס דורך אַ זייטן־טיר.

ראַש לויפט ער צו צום טיש. מיט זיינע שווייסיקע און פיבערדיקע הענט מאַכט ער זיך גלייך די באָרד. ער באַוויזט נאָך אויף זיך אַרויפצוגיסן אַ ביסל פון דעם שמעק־וואַסער, וואָס שטייט אין אַ בראָנזענעם קרוג אויפן טיש.

פון הינטער די טיר־פאָרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט. יאָזעפוס פלאַוויוס קאָרטשעט זיך איין. האָרכט אויף ווי אַ געהעצטער הונט. ער שפּיצט אויף די אויערן. די טריט הינטער די טיר־פאָרהאַנגען קלאַפּן ריטמיש. שווער. ווי מיליטער וואָלטן געגאַנגען.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָרכט.

ברייט טוען זיך אויף די טיר־פאָרהאַנגען. אַ סך שקלאַפן שטייען שורות־וויַיז מיט צעפלאַקערטע שטורקאַצן אין די הענט. דער גאַנצער הינטער־גרונט איז רויט באַלויכטן פון די שטורקאַצן. אינמיטן דער פייערלעכער שורה פון שקלאַפן גייט שווער און מיזאַם די דיקלעכע געשטאַלט פון קייזער טיטוס.

איינגעבויגענערהייט לויפט יאָזעפוס פלאַוויוס טיטוסן אַקעגן. יאָזעפוס

פלאַוויוס בוקט זיך טיף ביז צו דער ערד. קוים וואָס ער האַלט זיך אײַן טיטוסן נישט צו פאַלן צו די פיס.

קאַפּיטל צוועלף

טיטוס טראָגט אַ רויטע טאָגאַ פון פורפּור. אויף זײַנע דיקלעכע אומ־געלומפּערטע פיס טראָגט ער די האַלב־שטיוול פון אַ קאָנסול. די האָר אויפן קאָפּ זענען אים צעשויבערט. ער זעט אויס מיד. נישט אויסגעשלאָפן. דער פולער אויפגעבלאָזענער גוף פונם קייזער איז נישט אין דער פּראָפּאָרציע צו דעם קליינעם קאָפּ זײַנעם. דאָס שמאָלע צאַרטע פרויען־מויל אונטער דער שאַרף־צוגעשפּיצטער אָדלער־נאָז גיט אים צו עטוואָס פון אַ קינד.

אַ ווײַלע בלײַבט טיטוס שטיין אויף דער שוועל. קוקט זיך אום איבער דעם ביבליאָטעק־חדר. ער קוקט אַריבער איבער דער אײַנגעבויגענער גע־שטאַלט פון יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס שטייט אין טיפער הכנעה צוגלײַך מיט די איבעריקע שקלאַפן. עס דוכט זיך: ער באַמערקט גאָרנישט יאָזעפוסן. די מידע בליקן פונם קייזער בלאָנדזשען איבער די טונקעלע ווענט פון דער ביבליאָטעק. דאָ האָט זיין פאָטער אַספּסינוס אַזוי לאַנג געוואוינט! באַלד, — ווי ער וואָלט דערוואַכט פון זײַנע געדאַנקען, טוט טיטוס שוואַך אַ מאַך מיט דער האַנט, די שקלאַפן זאָלן זיך דערווייטערן.

דאָס גרויסע ביבליאָטעק־חדר ליידיקט זיך אין דער מינוט אויס פון ד׳ פיל שקלאַפן. ערשט איצט ווענדט זיך דער קייזער צו דער זייט פון יאָזעפוס פלאַוויוס. די שמאָל־געשניטענע שאַרפע אויגן דעם קייזערס טוען יאָזעפוסן אַ קוק אָן, ווי ער וואָלט אים אָקאָרשט דערזען:

— דערלאַנגט מיר ווײַן, יאָזעפוס, — זאָגט ער שוואַך, — איך האָב דורשט. הייסט מאַכן מער ליכט. ס׳איז אַזוי טונקל דאָ.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ריס־אויף פון זיין אָרט. ער לויפט אײַנגע־בויגענערהייט אַרויס דורך די טיר־פאָרהאַנגען. אין אַ קורצער ווײַל קומט ער צוריק צולויפן. טראָגט מיט ביידע הענט אַ קאָסטבאַרן גאָלדענעם בעכער. הינטער אים טראָגט דעמעטריוס אַן אָנגעצונדענעם בראָזענעם לייכטער.

דער קייזער זיצט שוין אויף דער מאַרמאָרנער שטול. זיצנדיקערהייד קומט ער אויס נאָך מידער. דער גוף זײַנער נאָך אויפגעבלאָזענער. טיטוסעס גוף גיסט פול אָן מיט זיך די שטול. די שמאָלע שאַרפע אויגן זענען אים רויט־לעך פון נישט־אויסגעשלאָפנקייט. ער נעמט פון יאָזעפוסעס האַנט דעם גאָלדענעם בעכער. טרינקט האַסטיק.

שטיל, אויף די שפּיץ־נעגל שלײַכט זיך דעמעטריוס אַרויס פון ביבליאָ־טעק־חדר.

די ביידע מענער שווייגן. יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט פאַרן קייזער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי וואַרטנדיק אויף באַפעלן. טיטוס באַטראַכט אים אויפמערקזאַם.

טיטוס טוט פּלוצים אַ דריי־אַוועק דעם קאָפּ. ער קוקט זיך אום אויב קיינער הערט נישט. שפּעטער זאָגט ער מיט אַ מיד קול:

— שוין עטלעכע נעכט ווי איך שלאָף נישט צוליב אייך, יאָזעפוס, — זאָגט ער נישט זיכער. — אַ יעדעס פון טיטוסעס ווערטער קלינגט אומאַנט־שלאָסן. — געדאַנקען לאָזן מיך נישט שלאָפן, — זאָגט ער שטיל, — איך מוז מודה זיין. אייער ווערק וועגן דעם לעצטן קריג אין יהודה דערציילט די מלחמה־געשעעענישן מיט אַ מייסטערהאַפטקייט פון סטיל. אַזאַ סטיל וואָלט געפּאַסט פאַר איינעם פון די אַלטע גריכן. איר פאַראייביקט פאַר די שפּעטערע דורות דעם נאָמען פון מיין פּערזאָן. דעם רום פון אונזער הויז. איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער, יאָזעפוס, — זאָגט דער קייזער מיד. האַקט פּלוצלונג אָפּ, ווי ער וואָלט זיך ווייטער פאַרקלערט.

יאָזעפוס פלאַוויוס בייגט אונטערטעניק אַראָפּ דעם קאָפּ:

— איך דערצייל נאָר דעם אמת, — זאָגט ער שטיל. באַשיידן. ער באַמיט זיך זייער פאַרזיכטיק צו וואַרפן אַ בליק אויפן קייזער.

אַ לייכטער צופרידענער שמייכל באַוויזט זיך אַ רגע אויף טיטוסעס ליפּן. זיין פּנים ווערט באַלד צוריק מיד. פאַרכמורעט. אומבאַשטימט.

— אַן אויסטערלישן גורל האָבן מיר באַשערט די געטער, מיין יאָזעפוס. — זאָגט ער שוואַך. נאָכאַמאָל טוט דער קייזער אַ זופּ פון דעם ווייַן אין דעם גאָלדענעם בעכער, ווי ער וואָלט געוואָלט, וואָס ער וויל זאָגן, נאָך אָפּלייגן אויף אַ קורצער ווייל. — די גרויסע מעשים פון אַנדערע באַרימטע רוימער זענען פאַרבונדן מיט מפּלות פון פעלקער. אַ יעדער זיג איבער דידאָזיקע פעלקער האָט דאָס מענטשן־געשלעכט פול געמאַכט מיט ערע און פּחד פאַרן רוימישן וואָפן. דער רום פון מיין נאָמען שטייט אין שייכות מיט דער מפּלה פון אַ פאָלק, וואָס איז אומבאַדייטנדיק אפילו צווישן די באַרבאַרן. זענט איר דען אַמאָל געוועזן פריי? — זאָגט טיטוס מיט ביטערקייט און פאַרוואורף. ווענדט זיך צו יאָזעפוסן, גלייך ווי ער, יאָזעפוס, וואָלט דערין שולדיק געווען.

יאָזעפוס פלאַוויוס שווייגט.

— ניין — איר זענט קיינמאָל נישט געוועזן פריי, — גיט טיטוס צו נאָך אַ קליינער פּויזע. — ווען האָט איר דען שוין נישט געדינט, איר יידן? ווען יאָך האָט איר נישט געשלעפּט אויף אייער נאַקן? איר זענט אייביקע שקלאַפן, — פליסטערט דער קייזער אַרויס צווישן די ציין, ווי דאָס וואָרט וואָלט אים באַנג געטון, — דאָך זענט איר, איר יידן, האַרטנעקיקער און איינגערעדטער ווי די שטאַרקסטע פעלקער פון דער ערד. איר זענט האַרט־נעקיקער ווי די בריטן און גערמאַנען.

יאָזעפוס פלאַוויוס ענטפערט שטיל מיט געמאַכטער פעסטקייט:

— אַ יעדער נצחון איז רומפול. אין דער באַלעגערונג פון דער שטאָט ירושלים האָט איר באַוויזן וואונדער פון קריגס־קונסט.

טיטוסעס אויגן לייכטן אַ רגע גליקזעליק אויף. באַלד באַקומען זיי ווידער דעם מידן פאַרשלאָפענעם קאָליר.

— רעדט מיר נישט פון דער שטאָט ירושלים, — זאָגט ער מיט פאַר־וואורף. — איך בין רוימער. זעלנער. דאָך האָב איך אויף די שלאַכט־פעלדער הינטער ירושלים געהאַט טעג, שרעקלעכע טעג, יאָזעפוס פלאַוויוס. נישט

די גרויזאַמקייטן פון מיינע לעגיאָנען. ניין, דער גרויזאַמער אופן, לויט וועלכן איר פאַרטיידיקט זיך, איר יידן. ווי איר פּאַסט אויף אייער פרייהייט און אייער ערד, — דאָס האָט מיך פול געמאַכט מיט ווידערווילן און שרעק. הינטער ירושלים איז נישט געווען קיין קאַמף פון מענטשן מיט מענטשן, נייערט אַ קאַמף פון מענטשן מיט געשפּענסטער. געשפּענסטער, וואָס האָסן דאָס לעבן, הענגען זיך אָבער אָן און בייסן זיך איין אין לעבן מיט אומפּאַר־שטענדלעך עקשנות. וואָס ווילט איר פון אַלע, איר יידן? וואָס ווילט איר פון אייך זעלבער? איך האָב איינער אַליין בעת דער באַלעגערונג געמאַכט רונד־גענג אין די טאָלן אַרום אייער הויפּט־שטאָט ירושלים. די טויטע אין די שלוכטן, די צעפוילטקייטן פון די הונגער־פּגרים האָבן איבערגעשטיגן אין עלנטקייט די אַלע מלחמה־גרויזאַמקייטן, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטיי נאָך עד־היום נישט, פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי עקשנותדיק, יאָ מיט אַזויפיל וואַנזיניקער פרייד געוואָרפן אין דעם זיכערן אונטערגאַנג. וואָס האָט איר געוואָלט, איר יידן? אומאָפּ־העגניקייט? ווען זענט איר דען געווען אומאָפּהענגיק? איך האָב גערעדט צו די פירער פון דער יידישער מרידה מיט ווערטער, וואָס שטאַרקערע און וויכטיקערע פעלקער פון אייך האָבן קיינמאָל נישט באַקומען צו הערן פונם מויל פון אַ רוימישן פעלדהאַר. אייער לאַנד איז געלעגן צעטרעטן אונטער מיינע פיס. איך האָב גערעדט צו אייך נישט ווי אַ זיגער, נייערט ווי אַ פריינט. ווי אַ ברודער, — גיט טיטוס צו נישט־זיכער. — איך, טיטוס פלאַוויוס, רוימישער צעזאַר, האָב מיך געבעטן שלום. ירושלים האָט שוין געברענט. איר האָט מיר כסדר געענטפערט מיט חוצפה, ווי איר וואָלט געווען די זיגער, איר יידן.

אין קייזערס טאָן, וואָס קלינגט וואָס אַמאָל ביטערער, פילט זיך נישט דער מינדסטער שפור פון געקרענקטקייט אָדער פאַרדרוס. זיין קול קלינגט גרוי, איינטאָניק.

— ס׳זענען געווען פאַרברעכערישע משוגעים, — זאָגט כמעט פליסטערנ־דיק יאָזעפוס, — זיי האָבן נישט געוואוסט אָפּצושאַצן אייער חסד.

— וואָס? משוגעים? — שרייט פּלוצים טיטוס. — זיי האָבן אונטער־געצונדן זייער אייגן פאָטערלאַנד, כדי צו פאַרברענען די וועלט. מיט פאַקעלן טראָגט איר זיך אַרום איבער דער וועלט, איר יידן, כדי זי אונטערצוצינדן. פאַר קיינעם פון אירע פיינט האָט רוים נישט אַזוי מורא, ווי פאַר אייך. רוים איז די מענטשהייט. איר זענט די שונאים פון דער מענטשהייט. איר דינט צו עטוואָס, וועמענס נאָמען איר קאָנט צומאָל נישט אָנרופן. נאָמענלאָזע! — קייכט דער קייזער אַרויס. ער וויל זיך אַ הייב טון פון דער שטול. פאַלט אַ פאַרמאַטערטער צוריק. ער זאָגט שטיל און ביטער:

— אָט די האַנט מיינע, די האַנט פון אַ רוימישן קייזער, איז הינטער ירושלים פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ יידישן שטיין. פון דאַמאָלס אָן איז זי שוואַך.

יאָזעפוס פלאַוויוס הייבט צו טיטוסן אויף זיינע אויגן. ער קוקט אויף

אים מיט דער אונטערטעניקסטער בקשה און ביטערער אויספאַרשונג, ער פילט פלוצים אין זיך די אַלטע כוחות. ווי פריער אין זיין יוגנט־צייט, בשעת ער האָט זיך געפונען אין אַ סכנה. ער שפּיצט אויף זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט.

— איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעלייענט אייערע שריפטן וועגן דעם יידישן קריג, וואָס איר זעצט איצט איבער אויף גריכיש, — זאָגט מיטאַמאָל דער קייזער. ער טוט אַ קוק אויף יאָזעפוסן. גיט צו: — איידעלער פריינט. דער שווערער שיקזאַל פון אייערער פאָלק איז מיר תמיד נאָענט געווען צום האַרצן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דער טעמפּל פון אייער גאָטהייט זאָל ווערן דער רויב פון פלאַמען. דאָך לייגט איר מיר אין מויל אַריין ווערטער, יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס איך זאָל האָבן גערעדט צו די רוימישע זעלנער. אָט די ווערטער קאָנען זיך אויסדוכטן מער לויבגעזאַנג פאַר די מורדים, ווי נצחון־רייד צו אונזערע לעגיאָנען. איך האָב געזאָלט זאָגן וועדליק אייך: די יידן, הגם תמיד באַזיגט, זענען זיי אָבער קיינמאָל נישט שוואַך און מאָט געוואָרן. די יידן פאַרמאָגן אַ נשמה־גרויסקייט, וואָס שטעלט זיי העכער פון הונגער, בירגער־קריג און מלחמה, — און אַז איבער זייער האַרטנעקיקן אויסדויער אין אומגליק איז די יידן שווער מנצח צו זיין. נאָך ענלעכע אויסדרוקן, — וואָס עס איז זייער מעגלעך כ׳האָב זיי געזאָגט, דאָך, — דאָ טוט דער קייזער אַן אויסדרוקסלאָזן שמייכל צו יאָזעפוסן, — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, איידעלער פריינט. מען פאַרהערלעכט אַמאָל אַ באַזיגטן פיינט, כדי דערמיט בולטער אונטערצושטרייכן דעם רום פון דעם זיגער. איר האָט מיר זיכער שלעכט פאַרשטאַנען, איידעלער יאָזעפוס, — גיט צו דער קייזער מיט אַ שוואַכער שטים.

יאָזעפוס פלאַוויוס בייגט זיך טיף אין פאַר טיטוסן. ער הייבט־אויף צו אים זיינע אויגן:

— איך האָב אייך אַלצדינג אָפריער געוויזן, געטלעכער. איר האָט געציילט יעדעס וואָרט, וואָס כ׳האָב געשריבן.

דער קייזער טוט זיך אומגעדולדיק אַ הייב פון זיין אָרט. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. זיין שטים באַלעבט זיך פון באַהאַלטענער ביטערקייט:

— יאָ, אָבער אייער לאַנד איז חרוב. דער מקדש פון אייער גאָטהייט איז אַש און שטויב. טויזנטער פון אייך זענען פאַרקויפט אין דער שקלאַפעריי. אייער שטאַם פאַרהאַלט זיך מיט אַ האַרטנעקיקייט, וואָס די ווילדע פאַר־עקשנטע גערמאַנען זענען אַ גאָרנישט דערקעגן. איר פאַרהאַלט זיך אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע ווי אַ זיגרייך פיינטלעך חייל. איר זענט די שונאים פון דער מענטשהייט. נישט חרוב געמאַכט אייער לאַנד האָבן מיר. ניין. מיר האָבן צעבראָכן די שטייג פון ווילדע, געפערלעכע חיות. די חיות זענען זיך צעלאָפן איבער דער וועלט. זיי באַדראָען אונז אַלעמען. די מענטש־הייט שטייט דורך אייך אין סכנה. נישט געקוקט דערויף, וואָס אייער גאָטהייט האָט אייך נישט געראַטעוועט, איר יידן, אונזערע רוימישע געטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס דיווירקלעכע האַרן פון דער וועלט, פאַראַכטעט איר

די געטער. איר פאַראַכטעט דעם קייזער, — זאָגט טיטוס אומגעדולדיק. — איר העצט אַלע באַרבאַרן קעגן אונז. איר העצט די שקלאַפן אַקעגן די פרייע, דעם פעבל אַקעגן די האַרן. איך האָב ידיעות. די בריונים, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין מצרים פירן דאָרט אַ העצערישע אַרבעט קעגן רוים. מ׳האָט זיי דאָרט געפאַנגען גענומען, געמאַטערט זיי און געריסן לעבעדיקע שטיקער פון זייער לייב זיי זאָלן אָנערקענען דעם אימפּעראַטאָר אַלס זייער האַר, זיי האָבן דאָס בשום אופן נישט געוואָלט טון. אין די טעאַטערן טוט מען איך אָן כלערליי ענויים, מ׳מאַטערט איך צום טויט איר זאָלט עסן אַ קליין שטיקל חזיר־פלייש אָדער אַרויסזאָגן אַ וואָרט קעגן אייערע באַרבאַרישע געזעצן און קעגן די הייליקע ספרים פון אייער גאָטהייט. איר טוט עס נישט. פאַרוואָס עסט איר נישט קיין חזיר־פלייש, איר יידן? — ווענדט זיך פלוצלונג דער קייזער מיט ביטערן פאַרוואורף צו יאָזעפוסן. טיטוסעס רויטלעכע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן גלאַנצן דערביי אויף אין טיפן כעס. ער טוט זיך אַ הייב אין דער מאַרמאָרנער שטול. די פינגער אין זיין רעכטער האַנט ציטערן נערוועז. — אָ, איך ווייס, — ברומט ער צווישן די ציין, — איר זענט פול מיט האַס צו אונז. אַלצדינג, וואָס ווערט אַרויפדערלאַנגט אויף אונזערע טישן איז ביי אייך טמא, אומריין...

יאָזעפוס פלאַוויוס קאַרטשעט זיך איין, כדי צו ווייזן טיטוסן זיין טיפע הכנעה:

— שונאים, געטלעכער קייזער, טראַכטן אויף אונז אויס בלבולים, — זאָגט יאָזעפוס פאַרזיכטיק. זיין קול קלינגט נידערשלאָגן, — די העכערע און איידעלע קלאַסן פון אונזער שטאַם זענען טריי דער רוימישער מלוכה. אין בית־המקדש האָבן מיר מקריב געווען קרבנות צום וואויל פון די קיסרים. איך בין כוהן און פון איידלסטן געשלעכט אין ירושלים. איר ווייסט מיין איבערגעבנקייט צו אייך. איך שרייב איצט אַ ווערק, דורך וועלכן איר וועט זיך איבערצייגן, געטלעכער (יאָזעפוסעס שטים קלינגט דערהויבענער, גערירטער), אַז אונזערע געזעצן זענען פול פון מענטשלעכער מאָראַל. איך וועל דאָרט ווערליק די אידעען פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן דערקלערן, פאַרוואָס טייל זאַכן זענען ביי אונז אָסור און טייל מותר. די תורה און די לערע פון דער איידלסטער פאַרטיי ביי יידן, די פאַרטיי פון די פרושים, שטימען פולשטענדיק איין מיט די דערהויבנסטע געדאַנקען פון די סטאָיקער. גלויבט נישט די שונאים אונזערע, געטלעכער אימפּעראַטאָר.

טיטוס רופט אויס וואָס אַמאָל געררייצטער:

—רעדט נישט פון די סטאָיקער, יאָזעפוס פלאַוויוס, דאָס זענען געווען די איידלסטע פון די גריכן. אייך האָבן די אַלטע עגיפּטער אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד, ווייל איר זענט געווען קרעציקע. איר דינט צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל, — זאָגט טיטוס וואָס אַמאָל אומגעדולדיקער, — איר שעכט מענטשלעכע קרבנות. איר היט דעם טאָג שבת, ווייל איר זענט פויל צו דער אַרבעט. אין אייער אַבערגלויבן בוקט איר זיך צו די וואָלקנס און צום הימל. אייער געזעצגעבער משה, צי מאָזיס, איז געווען אַן אַנטלאָפענער שקלאַף. נישט

בחנם העצט איר די שקלאַפֿן. בלוט־נאַנטקייט, — זאָגט דער קייזער פֿול ביטערקייט.

יאָזעפֿוס שטאַמלט:

— אַלצדינג די שונאים אונזערע, געטלעכער. אין מײַן שריפֿט אַקעגן אפּיאָן...

— איך האָב געלייענט אייער שריפֿט אַקעגן אפּיאָן. — די פּרויען־ליפּן פֿון קייזער באַגיסן זיך דערביי מיט שוים. עס כאָרכלט אים אין זיין קורצן, דיקלעכן האַלז. — פּלוידעריי. איר איבערצייגט מיך נישט. די דערבײַדעריקסטע זענט איר, איר יידן. די שוואַכסטע זענט איר, איר יידן. תּמיד מוז מען אייך האַלטן אין צוים, שונאים פֿון דער מענטשהייט. ריכטיק האָט געטון דער סענאַט, וואָס האָט אויף אַ יעדן פֿון אייך אַרויפֿגעלייגט צו צאָלן צוויי דינאַרן אַ יאָר פֿאַרן קאַפּיטאָלאַנישן יופּיטער. מ׳מוז אייך האַלטן פֿאַר די אויגן אייער פֿאַרברעכערישן אָפּשטאַם. — דער קייזער טוט מיטאַמאָל אַ קוק אויף יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס, וואָס שטייט פֿאַר אים אַן אײַנגעקאָרטשעטער. די ליפּן טוען זיך טיטוסן אַ קרום אין לייכטן שפּאָט. באַלד לעשט זיך אים ווידער אויס דאָס כעסדיקע פֿייערל אין די אויגן.

קאַפּיטל עלף

— טיטוס גיט אַ גענעץ. ער זאָגט מיט דעם מידן אויסדרוקלאָזן טאָן פֿון פֿריער:

— איך מיין נישט אייך, איידעלער יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס, — זאָגט ער שטיל און טרוקן. — איך בין פֿולשטענדיק איבערצייגט אין אייער ערלעכער פֿריינטשאַפֿט. אין אייער טריישאַפֿט. איר האָט פֿאַרדינסטן פֿאַר אונזער הויז. אייערע חלומות וועגן אונזער משפּחה האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר וואָר. די געטער, צי אייער יידישע גאָטהייט (טיטוס האַקט איבער אויף אַ רגע זיין קול) זענען צו אייך גינציק. פֿאַמפּעוס האָט דעם באַשרייבער פֿון זיינע טאַטן, דעם מיטילענער טעאָפֿאַנוס, באַשאָנקען מיטן רוימישן בירגער־רעכט. אויך מײַן פֿאָטער אַספּסינוס האָט אייך אין אַנגעזיכט פֿון די רוימישע הויפּט־לייט אַראָפּ־גענומען די קייטן פֿון די פֿיס. אייך געשענקט אַ פּראַכט־געוואַנד. איר האָט באַ־קומען ערד אין יהודה און הינטער רוים. איר האָט דאָס רוימישע בירגער־רעכט. איר איינער צווישן אַלע יידן צאָלט נישט די צוויי דינאַרן אַ יאָר פֿאַרן קאַפּיטאָ־לאָנישן יופּיטער. אונזער הויז האָט צו אייך צוטרוי. מיר ווייסן אייך צו שעצן. איר זענט אַ גרויסער שרײַפֿטשטעלער, חשובער יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס. פֿאַר די שפּעטערע דורות וועט איר זיין דער באַשרייבער פֿון אונזערע טאַטן. אויך אין אייער שריפֿט קעגן אַפּיאָן זענען צעוואָרפֿן שיינע פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען. איך בין מודה. מעגלעך, אַז אַ סך פֿון די פּרושים זאָגן דאָס אייגענע וואָס די סטאָי־קער. אַגריפּאַ פֿלעגט מיר דערציילן פֿון די פּרושים. איר ווייסט עס גוט, יאָזע־פֿוס. וואָס מער טיטוס צערעדט זיך, ווערט זיין קול אומבאַשטימטער, פֿאַרבלאָ־זער,—נישט איך, נישט מײַן פֿאָטער אַספּסינוס האָבן באַלאַנגט צו די פֿיינט פֿון

אייער שטאָם. דער חורבן פון ירושלים האָט מיר ווײ־געטון, איך האָב געהאַט רחמנות. איך האָב קיינמאָל נישט באַטרעטן דאָס קדשי־קדשים פון אייער טעמפּל, הגם מ׳האָט מיר דערציילט פון דאָרט מערקווירדיקע זאַכן. איך האָב געאַכט אייערע געזעצן. וואָס זאָל איך טון? דאָס רוימישע פאָלק איז קעגן אייך פאַרביטערט. ווען אין איטאַליע איז געוואָרן רואיק, האָבן זיך אַלע פעלקער אונטערגעגעבן. איר, די איינציקע, זענט געבליבן האַרטנעקיק, איר יידן. איר זענט תמיד האַרטנעקיק. איר טייטשט אויס אַ יעדעס אָראַקעל, נישט אַזוי ווי עס האָט געמיינט די גאָטהייט, נאָר ווערדליק אייער עקשנות און איינרעדעניש. — טיטוס שוויגט אַ ווייל. שפּעטער רעדט ער ווייטער: — אַ קורצע צייט פאַרן יידישן קריג, האָבן זיך מיטאַמאָל געעפנט די טירן פון קדשי־קדשים אין ירושלים. מ׳האָט פון דאָרט דערהערט אַן איבערמענטשלעך קול: „די געטער ציען אַרויס״. אין די אַלטע ספרים פון אייערע כוהנים שטייט געשריבן: „גראָד אין יענער צייט וועט דאָס מאָרגן־לאַנד ווערן מעכטיק. יהודה וועט איבערנעמען די הערשאַפט איבער דער וועלט״. טיטוסעס ליפּן פאַרקרימען זיך שפּאָטיש: — דאָס גרעסטע אומגליק ברענגט אייך נישט צום פאַרשטאַנד. דעם קלאָרסטן אָראַקעל־שפּרוך באַנעמט איר ווי אַבער־גלויבערישע באַרבאַרן. דאָס ווינציקע יהודה, דאָס נישטיקע לאַנד אייערס — און אַ וועלט־הערשאַפט? — זאָגט טיטוס געריצט. דער אָראַקעל־שפּרוך האָט געמיינט מיין פאָטער אַספּסינוס, וואָס איז גראָד אין יהודה אויסגערופן געוואָרן אַלס אימפּעראַטאָר, ווי אויך מיך, דעם איצטיקן רוימישן קייזער. — גיט טיטוס צו מיט ווירדע.

יאָזעפוס זאָגט שטיל:

— די חלומות, וואָס די גאָטהייט האָט מיר געוויזן ביינאַכט, האָבן אויס־געלייגט דעם אָראַקעל ווערדליך אייערע ווערטער, געטלעכער אימפּעראַטאָר. איך האָב עס דער ערשטער געזאָגט אייער קייזערלעכן פאָטער. די בריונים און די מורדים האָבן פאַלש געלערנט פשט. די שריפטגעלערנטע און די חכמים אונזערע האָבן תמיד געהאַלטן פאַרן רוימישן פאָלק.

— אייערע שריפטגעלערנטע, — זאָגט טיטוס אומגעדולדיק, — מ׳זאָגט, זייערע ספרים זענען געשריבן אין אַ באַרבאַרישן סטיל און די שפּראַך איז אַ שלעכט אַראַמעאיש. דערווייל האָבן זיך אָבער גרויסע מאַסן פון די יידישע מורדים ווי אַ גיפטיקע בראַנד צעגאָסן איבערן קערפּער פון דער אימפּעריע. זיי רעדן וועגן אַ וועלט־הערשאַפט. די באַרבאַרן פון ירושלים.

— נישט אַלע יידן טוען עס, ניירערט די בריונים, וואָס האָבן זייער אייגן פאָטערלאַנד חרוב געמאַכט, — זאָגט יאָזעפוס נידערגעשלאָגן.

טיטוס גיט זיך אַ ריר אויף דער שטול ווי עס וואָלט אים ענג געוואָרן. טוט אַן אומבאַהאָלפענעם קוק אויף יאָזעפוסן: — איר זענט אַליין אַ ייד, אַ פרומער ייד, דאָך זענט איר מודה. איך שעץ אייך דערפאַר, איידעלער יאָזעפוס פלאַוויוס. איר זענט תמיד געווען אונטער אונזער קייזערלעכן חסד. זיי אָבער, די מורדים, די יידן, האָבן זיך ווי אַ בראַנד צעגאָסן איבער רוים. ווי אַ מגפה. אין יעדן הויז איז מען נישט זיכער פון זיי. די פרויען, דאָס פעבל, די שקלאַפן.

דער באַרבאַרישער שגעון פון אייער שטאַם איז אַנשטעקנדיק, — זאָגט דער קייזער, — רוים האָט אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאַר דעם נצחון איבער אייך.

יאָזעפוס זאָגט שטיל. ער רעדט מעכאַניש. זיינע ווערטער קלינגען טויט:

— די שונאים אונזערע, גרויסער קייזער, טרייבן־איבער אונזער קראַפט, כדי אונז צו פאַרדאַרבן. דאָס יידישע פאָלק וויל רואיק לעבן אונטערן רוימישן שוץ. עס וויל נאָר פריי אָפּהיטן דאָס געזעץ פון די אָבות, וואָס איז נאָך עלטער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. איך וועל עס באַווייזן אין מיין נייעם ווערק... — שעפּטשעט יאָזעפוס פלאַוויוס אומבאַהאָלפן.

טיטוס ווערט אומגעדולדיקער. געררייצטער. ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. האַקט יאָזעפוסן איבער די רייד, ווי ער וואָלט זיי נישט געהערט:

— איך האָב אייך צעטרעטן, איר יידן. די זוילן פון מיינע פּיס בריען מיך, ווי איך וואָלט געטרעטן אויף פייער. איך האָב געקאָנט האָבן זייער פיל רום פון מיין זיג איבער ירושלים. איר זענט געווען דער עדות פון דעם פראַכטפולן טריאומף־צוג צום קאַפּיטאָל. דער סענאַט און דאָס פאָלק פון רוים ווילן מיר בויען אַ נצחון־טויער אינמיטן דעם פאָרום. מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך אָוועקגעוואָרפן דעם רום. ניין. איך וויל נישט זיין דער אימ־פּעראַטאָר יודאַיקוס, — אַ טיטול, מיט וועלכע מיינע זיגרייכע לעגיאָנען האָבן מיך געוואָלט באַקרוינען. אונטער מיין זיג זע איך מיין שוואַכקייט, איידעלער יאָזעפוס. דער זיג איבער אייערע יידן האָט מיך מיד געמאַכט. איך האָב גרויסע מלחמות געפירט, פעלקער אונטערגעיאָכט. פעלקער פאַרקויפט אין דער שקלאַפעריי. וואָס האָב איך געזיגט קעגן אייער עקשנות? די יידישע מורדים רייסן מיר אַרויס דעם זיג פון די הענט. נישט אין ירושלים, — אין רוים, אין דער גאַנצער אימפעריע וויקלען זיי פונאַנדער די פאָנען פון מרידה. ווי אויסטערליש זייער וואָפן איז, איידעלער יאָזעפוס פלאַוויוס. איך האָב ביי זיי צוגענומען די פייל־בויגנעס, די וואָרף־שפּיזן, די וואָרף־שטיינער, דאָס פאַטערלאַנד. זיי האַלטן מיט מיר כסדר מלחמה. וואָס אַמאָל פאַרביסענער, האַרטנעקיקער. איך בין מיד, פריינט יאָזעפוס, איך בין אָנמעכטיק. אויפן אָפענעם שלאַכט־פעלד הינטער ירושלים, ווען די דיסציפּלין פון די רוימישע לעגיאָנען האָט אייך צעטרעטן, זענט איר פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן, דאָרט וואו מיר האָבן זיך אויף אייך נישט געריכט. איר האָט אונז געשלאָגן און פאַרברענט אונזערע שאַנץ־אַרבעטן. נאָך אונזער נצחון איבער אייער פאָטער־שטאָט וואַקסט איר אויס אין אונזערע הייזער, הינטער אונזער רוקן. קיין רוימער אין דער רוימישער מלוכה איז איצט נישט זיכער מיט זיין ווייב, מיט זיין האָב און גוטס, מיט זיין שקלאַף. אומעטום פאַרשפּרייט איר מרידה. וואַנזיניקע מרידה. איר מאַכט אַלעמען וואַנזיניק. די יידישע מורדים, די באַזיגטע פון ירושלים, צעטראָגן אַ פייער איבער דער וועלט. אייער גאָטהייט, וואָס האָט אייך קיינמאָל נישט געקאָנט העלפן, זאָגט אייך צו וועלט־הערשאַפט. איר גלויבט דערין, ווי באַרבאַרן. אייער גאָטהייט האָט נישט קיין נאָמען. אַלצדינג וואָס האָט נישט קיין נאָמען איז געפערלעך, איידעלער יאָזעפוס.

טיטוס אָטעמט שווער אָפּ. מיט אַ פאַלד פון דער טאָגאַ פּעכערט ער זיך איבערן פּנים. יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ הכנעהדיקע באַוועגונג צו ענטפערן. דער קייזער לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט. טיטוסעס קול ציטערט גערירט:

— הינטער ירושלים האָב איך נאָך געגלויבט צו ראַטעווען דעם טעמפּל. איך האָב געוואָרנט. איך האָב רחמנות געהאַט. די מורדים האָבן מיר גע־ענטפערט די פאַלגנדיקע ווערטער: „אין דער פאָטער־שטאָט ליגט אונז דאָס מינדסטע. זי מוז אונטערגיין. גאָט האָט נאָך אַ בעסערן טעמפּל ווי דער אין ירושלים. נעמלעך: „די וועלט”. יאָזעפוס פלאַוויוס! — דער קייזער טוט זיך שווער אַ הייב אין דער שטול. — אין די דאָזיקע ווערטער ליגט אייער גאַנצער שגעון. כסדר רעדט איר פון דער וועלט. דערביי זענט איר דער וועלטס גרעסטע שונאים. איר פאַראַכטעט די וועלט, ווייל איר פאַראַכטעט די מענטשן. וואָס ווייסט איר פון דער וועלט, איר וועלט־אָרימע? דאָס גרעסטע גליק־זעליקייט איז ביי אייך צו שטאַרבן פאַר אייער געזעץ. ווי אַלע בלינדע און וואַנזיניקע לעבט איר מיט די כימערעס און פאַנטאַזיעס פון אַ צוקונפט. אַ, די צוקונפט, זי קלינגט ווי אַ ווילדער טאָן אין דעם אויער פון אַ רוימער! וואָס איז די צוקונפט? זי איז נישט די נאָכוועלט, איידעלער יאָזעפוס. — די נאָכוועלט איז דער המשך פון דער וועלט. די האָפענונג פון דער וועלט. אונזער אַלעמענס האָפענונג איז די נאָכוועלט. אין דער נאָכוועלט זעען מיר ווי דאָס לעבן איז אייביק און אומשטערבלעך. אייביקער פרילינג איז דאָס לעבן. פול מיט פרייד איז דאָס לעבן. פול מיט פרייד. אייביק און אומשטערבלעך זענען די געטער. די נאָכוועלט האָבן מיר אין זיך. אינעווייניק אין זיך. מיר זענען איר קוואַל. דער שטאַם אויף וועלכן עס וועט זיך צעבליען יענע הער־לעכע בלום פון דער נאָכוועלט. צוקונפט? אַ פרעמדער שטערן איבער אונזער לעבן. וואָס איז צוקונפט? בלינדער שיקזאַל. טאַפּן אין דער פינצטעניש. זוכן דעם וועג אין די וועג־לאָזיקייטן, די באַרבאַרישע צוקונפט, אייער יידישער וואַנזין, מאַכט די קלאָרע וואַסערן פון לעבן מוטנע. — טיטוס צעהיצט זיך שטאַרקער, זיינע אויגן באַקומען אַ לעבעדיקערן און יוגנטלעכן גלאַנץ: — איר דורות (טיטוס הייבט־אויף זיינע הענט ווי צום געבעט), דאָס אַלטע העלאַס און די אידלסטע פון רוימישן פאַטערלאַנד — וועגן אייך האָבן זיי געטרוימט. צו אייך האָבן זיי געהאָפט. אין אייערע הענט, איר דורות, האָבן זיי געוואָלט איבערגעבן די קלוגשאַפטן, די וויסנשאַפטן, די שיינקייטן און דערהויבנקייטן פונם מענטשלעכן גייסט. נייערט דו ביסט דאָס לעבן, אַ נאָכוועלט! צוקונפט? פרעמדער שטערן. אומבאַקאַנט. פינצטערניש. דאָס הימל מלכות. — לאַכט טיטוס ביטער. צום הימל־מלכות מוז מען זיך אַדורכשיפן די וואַסערן פון סטיקס. די וואַסערן פון טויט. איר זענט די געשפּענסטער פון דעם דאָזיקן הימלדיקן צוקונפט־מלכות, איר יידן. אין די ליכטיקייטן פון לעבן זענט איר די שאָטנס. מיר ווילן אייך פאַרטרייבן פון לעבן און איר מאַכט פול מיט זיך די ערד. מיר האַסן אייך, — קריצט טיטוס מיט די ציין. באַלד גיט ער צו איראָניש: — קעמפן מיט אייך? אויסראָטן אייך? אומזיסט איז דער קאַמף

מיט געשפּענסטער, אײדעלער יאָזעפוס. אונזערע כלי־זין טרעפן נישט קיין געשפּענסטער.

דער קייזער טיטוס האַלט אַ רגע איין דעם אָטעם. ער פּעכערט זיך פאַרן פּנים מיט אַ פאַלד פון דער טאָגאַ. די אויגן ברענען אים ווי פון פיבער. עס פעלט אים לופט. יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דעם קייזערס קול קלינגט מיט נידערגעשלאָגענער מידקייט:

— קוקט, מיין יאָזעפוס, — זאָגט ער, — איר זענט מיר אַ נאָענטער פריינט. די געטער האָבן געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין דער באַשרייבער פון מיינע טאָטן פאַר דער נאָכוועלט. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער. דאָך, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אײדעלער יאָזעפוס. איר לייגט מיר אין מויל אַריין ווערטער, וואָס איך זאָל האָבן געזאָגט צו די רוימישע קריגער, ווערטער פול מיט ליב פאַר די יידישע מורדים און פאַר דער יידישער צוקונפט. אויך איר קאָנט נישט אַרויס פון אייער יידישער הויט, חשובער יאָזעפוס. ניין, איך וויל זי נישט די יידישע צוקונפט! וואַנזין! — שרייט דער קייזער אויס. — זי שטערט מיין שלאָף ביי דער נאַכט ווי אַ בייזער חלום. אויך די שלאַכטן אין די טאָלן הינטער ירושלים דערמאָנען מיך ווי אַ בייזער חלום. ליכט און לעבן וויל איך, יאָזעפוס. איר געטער פון רוים! הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער, יאָזעפוס פלאַוויוס. זאָל דאָ ווערן ליכטיקער. ווי אַלע יידן האָט איר ליב צו זיין אין דער טונקלעניש, מ׳זאָל אייך נישט זען. מעקט־אויס פון אייער ווערק, — די שריפט, וואָס זאָל פאַראייביקן אַ רוימישן קייזער, — די שטעלן, וואָס פאַרהערלעכן אייער קראַפט. איך האָס די דאָזיקע קראַפט. שרייבט וועגן דעם טריומף־צוג צום קאַפּיטאָל. שרייבט ווי די יידישע מורדים זענען געגאַנגען צוגעבונדן צו מיינע קריגס־וועגענער. שרייבט פון די שפּילן אין צירקוס, וואו די חיות האָבן אייך געפרעסן. דאָס פאָלק פון רוים האָט זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז איר זענט גאָרנישט. די שוואַכסטע. די נידעריקסטע. אַז מיר האָבן אייך פאַרטיליקט. שרייבט דערפון, יאָזעפוס פלאַוויוס, אויב איר זענט ווירקלעך אַ פריינט אונזער הויז. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער. אייער סטיל שטייט אָן פאַר איינעם פון די אַלטע גריכן. איר זענט דאָך נישט קיין מורד... יאָזעפוס?

יאָזעפוס פלאַוויוס צעשפּרייט זיינע הענט ווי ער וואָלט געבעטן. ער פּליסטערט קוים אַרויס:

— קייזער... געטלעכער...

— איך ווייס, איר זענט מיר אַ פריינט, — זאָגט דער קייזער וואָס אַמאָל אויפגערעגטער. ער באַמיט זיך מיט זיין גאַנצער אויפמערקזאַמקייט צו באַאַבאַכטן יאָזעפוסן, — איר זענט געוועזן קעגן דער דאָזיקער וואַנזיניקער יידישער מרידה. איר זענט נישט קיין עקשן ווי אַלע יידן. דאָך, — הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער און גיט מיר ווין. אַ סך ווין. מיך דורשט, יאָזעפוס.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ריס־אויף פון זיין אָרט. ער וויל לויפן,

פלוצים גיט ער זיך אַ וואַקל, ווי די פיס וואָלטן אים אונטערגעהאַקט געוואָרן.
פון הינטער די טונקעלע ווענט פון דעם ביבליאָטעק־חדר, ווי פון דער ערד אַרויס, הערט זיך אַ שוואַך מענטשלעך קול.
דער קייזער טיטוס גיט אַ שפרונג־אויף פון דער מאַרמאָר־שטול.
יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג אים צו פאַלן צו די פיס.
טיטוסעס אויגן גיבן אַ פינקל אין ווילדן כעס.
דאָס קול פון אַ מאַן אונטער דער ערד, דייטלעכער: „יוסף דער זון פון מתתיהו! יוסף דער זון פון מתתיהו!"
— אַ שטים הינטער דער מויער. אייער נאָמען. יאָזעפוס! — זאָגט טיטוס דער ערשטער.
—איינער פון מיינע שקלאַפן איז משוגע געוואָרן. ער ליגט אין קייטן, אינם ברונעם... שעפּטשעט יאָזעפוס פלאַוויוס.
דאָס קול הינטער דער מויער (וואָס אַמאָל העכער): „יוסף דער זון פון מתיהו! יוסף דער זון פון מתתיהו!
דער קייזער קוקט זיך מיט אַ צעמישטן בליק אַרום איבער דער ביבליאָ־טעק.
—אַ יידישער שקלאַף. ער רופט אין אייער יידישער שפּראַך. אַ משוגענער... זאָגט דער קייזער אומאַנטשלאָסן. ער זעצט זיך צוריק אויף דער מאַרמאָר־נער שטול. מיטאַמאָל האַקט טיטוס איבער. ער ענדערט זיין טאָן. זאָגט שאַרף:
— יאָזעפוס איר זענט בלאַס געוואָרן.
— איך בין קראַנק, — ענטפערט יאָזעפוס פלאַוויוס, ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, אַז זיין קול זאָל קלינגען קלאָרער, זיכערער. — איך שרייב גאַנצע... נעכט, — גיט ער צו, — איך אייל זיך מיט דער איבערזעצונג פון „יידישן קריג".
די ווינקלען פון די קייזערלעכע ליפּן קרימען זיך אין אַ לייכטן, קוים באַמערקבאַרן שמייכל. — איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער. איר באַ־שרייבט מיינע נצחונות אין יהודה, — זאָגט שוואַך דער קייזער. זיין שטים איז ביטער. ער קוקט מיט אַ שאַרפן, דורכשפּיזנדיקן בליק אָן יאָזעפוסן. יאָזעפוס האַלט זיך שטייף אויף די פיס מיט דער מאַנעקינהאַפטיקייט פון אַ זעלנער. דער קייזער שליסט פאַמעלעך די אויגן, ווי ער וואָלט זיך מיט־אַמאָל פאַרטראַכט. אַ קרענקלעכע רויטקייט בליט אים אויף אונטער די אויגן:
— אומעטום זענען ביי אייך משוגעים, יאָזעפוס פלאַוויוס... אין די מויערן פון דער קייזערלעכער ווילא האַלטן זיך אויף אייערע יידישע משוגעים. איך וויל אים זען — זאָגט ער פּלוצלונג.

קאַפּיטל דרייצן

יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג זיך אָנצוכאַפּן פאַרן קאָפּ:
— אימפּעראַטאָר, קייזער, — פּליסטערט ער מיט טויט־קאַלטע ליפּן, — ס'איז אַ נישטיקער שקלאַף, אַ משוגענער, ער איז ווילד... איך האָב אים געלאָזט לייגן אין קייטן... ער... לעסטערט...

— אַלע יידן לעסטערן, — זאָגט טיטוס ביטער. די אויגן־אַפּלען גליען אים פלוצלונג אויף אין טיפן צאָרן. די אָדערלעך אין די פאַרלאָפענע ווייסלען אַרום די אויגן־אַפּלען ווערן אָנגעשוואָלן. — אַלע יידן לעסטערן... אַלע, וואָס לעסטערן דעם קייזער, באַדאַרף מען לאָזן קרייציקן. זיי אַלעמען. די מורדים.
— טיטוס קוקט מיט אַן אויספאָרשנדיקן בליק אויף יאָזעפוסן. באַלד ענדערט זיך ביי טיטוסן דאָס קול. — הייסט אים אַריינפירן, יאָזעפוס פלאַוויוס, — זאָגט ער הייזעריק, —איך וויל אים זען. איך וויל מיט אים רעדן. אויך הינטער ירושלים האָב איך ליב געהאַט צו רעדן מיט די מורדים...

יאָזעפוס פליסטערט: — קייזער...

דער קייזער ווערט אומגעדולדיקער. ער טוט אַ פּאַטש מיט די הענט. רופט אויס הויך אויפן קול:

— העי, איר שקלאַפן!

דאָס געוועזענע קייזערלעכע ביבליאָטעק־חדר פילט זיך אין דער מינוט אָן מיט אַ מחנה שקלאַפן. טייל פון זיי טראָגן ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. די טונקעלע ווענט פון דער ביבליאָטעק ווערן מיטאַמאָל רויט באַלויכטן. די איינגעבויגענע פיגור פון יאָזעפוס פלאַוויוס ווערט ווי פאַרלוירן אינם געדראַנג פון די שקלאַפן.

— אַ שקלאַף ליגט דאָ געבונדן הינטער די מויערן פון דער ביבליאָטעק, — זאָגט טיטוס באַפעלעריש. ער וויזט מיט אַ פינגער אויף דער וואַנט. — אַ יידישער שקלאַף. ברענגט אים שנעלער אַריין, איר שקלאַפן, דעם מורד. — גיט ער צו צווישן די ציין. ער זעצט זיך ברייט אויס אין דער מאַרמאָרנער שטול ווי צום משפּטן.

טיטוס קלאַפּט מיט זיין דיקלעכן פוס אויף דעם מאָזאַיק דיל. ער קלאַפּט צום טאַקט. זיין שכור־טריומפירנדיקער בליק זוכט יאָזעפוסן.

— געטלעכער. — שעפּטשעט טויט־בלאַס יאָזעפוס פלאַוויוס. ער באַוועגט אומבאַהאָלפן מיט די הענט.

הינטער די טיר־פאָרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט. פעסטע זעלנערישע טריט. דערצווישן: אַ שווער געשאַרעריי אויפן דיל גלייך ווי מען שלעפּט אַ משא.

די קייזערלעכע שקלאַפן ברענגען אַריינצושלעפּן דעם גלילער פויער.

די קרעפּטיקע אַנטבלויזטע הענט פון די שקלאַפן האַלטן אים אָן פאַר די פּלייצעס. זיי טראָגן אים ברוטאַל, ווי מען וואָלט אים שוין געפירט צום שענדלעכסטן הענקער־טויט. דער פויער שווייגט. ער לאָזט אַלצדינג מיט זיך טון. די ליפּן איבער דעם איינגעפאַלענעם מויל זענען ביי אים פאַרביסן. דאָס נישט גרויסע ביינערדיקע פּנים — וואָס איז ווילד באַוואַקסן מיט אַ גרויער צעקאָלטנטער באָרד, — האָט דעם פאַרגליווערטן אויסדרוק פון אָפּוועזנהייט.
די שטורקאַצן, וואָס די שקלאַפן האַלטן אין די הענט, באַגיסן דעם פויערס פּנים רויט, אַזוי, אַז די גערונצלטע פּנים־הויט קוקט אויס, ווי זי וואָלט זיך געבראָטן. די גרויסע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אין אָט דעם פּנים שטאַרן אַרום זיך. זיי זוכן עמיצן אין דעם מיט שקלאַפן און שטורקאַצן אָנגעפולטן חדר.

די שקלאַפן טוען אים אַ וואָרף אַנידער פאַר די קייזערלעכע פיס.

טיטוס גיט שנעל אַ קוק אויף אים. אַ שמייכל באַווייזט זיך טיטוסן אויף די דינע ליפּן. די איידעלע פּרויען־ליפּן פאַרקרימען זיך אים באַלד, ווי ס'וואָלט אים געעקלט.

אין זיינע צעריסענע שמאַטעס ליגט דער גלילער פּויער אויף דער ערד צו טיטוסעס פיס. ער ליגט ווי אַ שמוציק פאַרוואָרלאָזט באַשעפעניש. ער ליגט מיטן פּנים צו דער ערד. די פּלייצעס הייבן זיך אים אין האַסטיקן אָטעם. טיטוסעס אויגן פאַרוואַנדלען זיך פּלוצים אין אַ כעסדיקן שפּאָט. זיי זוכן יאָזעפוסן. ער קאָן אים נישט געפינען. יאָזעפוס שטייט אינגאַנצן פאַרשטעלט פון די שקלאַפן.

דער קייזער טוט זיך נאָך אַמאָל אַ ווענד צו דעם שמוציקן אָפּגעריסענעם מענטש, וואָס ליגט אים צופוסנס. זאַכט שטרעקט טיטוס אָפּער זיין דיקן אומגעלומפּערטן פוס. מיט דעם שפּיץ פון זיין שטיוול באַרירט ער דעם דאָזיקן גוף, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַ שטויס־טון, אָדער זיך איבערצייגן אין זיין לעבעדיקייט.

דער פּויער דרייט־אויס דעם קאָפּ. ער גיט שטום אַ קוק אויף טיטוסן.

מיט טיפסטן ווידערווילן פינקלען־אויף די אויגן ביים קייזער. ער גיט דעם פּויער גראָב אַ קאָפּ מיט דעם שטיוול:

— שטיי־אויף, הונט, — ברומט ער מיט כעס. — ייד... — זאָגט ער צווישן די ציין. שפּעטער זאָגט ער מיט קורצן אָטעם: — ווער רעדט צו דיר, שקלאַף?

דער פּויער גלאָצט אויף אים פאַרשטאַרט.

—טיטוס... — כאָרכלט עס מיטאַמאָל אַרויס פון פּויערס האַלז.

אַ ציטער גייט דורך צווישן די קייזערלעכע שקלאַפן אַרום אין קרייז.

דער קייזער טוט נערוועז אַ שאַר מיט דער האַנט איבער דער טאָגאָ (דאָס מאַכט ער תמיד ווען אים טרעפט אָן אומאַנגענעמע זאַך). אין אַנגעזיכט פון די שקלאַפן רופט אים דער גלילער ייד אָן ביים נאָמען! דאָס פּנים ביי טיטוסן ווערט בלאַס פון צאָרן.

— הונט. — קייכט ער אומבאַהאָלפן. שוים באַווייזט זיך אים אויף די ליפּן. טיטוס גיט דעם גוף, וואָס ליגט אויף דער ערד נאָכאַמאָל ברוטאַל אַ שטויס מיטן שטיוול.

דער גלילער פּויער דרייט פאַמעלעך אויס דעם קאָפּ. זיינע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן זוכן דעם קייזערס בליק. אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף דעם פאַרווילדעוועטן, מיט באָרד באַוואָקסענעם פּנים. אַ שמייכל פון זעלטענער רואיקייט. די באַוואָקסענע קין־באַקן פון פּויערס פּנים הייבן מיטאַמאָל אָן צו ציטערן:

— טי־טו־ס — ציט ער דאָס וואָרט. ער זאָגט עס שאַרף, מיט גאַל און ציניש ווי דער קייזערלעכער נאָמען וואָלט געווען אַ זידל־וואָרט.

שפּעטער גיט דער גלילער ייד אַ לאַך־אַרויס מיט אַ הילכיק און פרעך

געלעכטער. ער פֿאַרגראָבט זיך דאָס פּנים אין די שמאַטעס, וואָס הענגען אויף אים. קאַרטשעט איין זיין גוף צופֿוסנס דעם רוימישן קייזער.

ווי אַ געביסענער שפּרינגט טיטוס אויף פֿון דער שטול. אין דער ערשטער רגע מאַכט ער אַ באַוועגונג זיך צו וואַרפֿן אויף דעם שמוציקן באַשעפֿעניש און עס צו פֿאַרניכטן. טיטוסעס פֿינגער זוכן עפּעס אין דער לופֿטן. אומ־ווילקירלעך טוט ער אַ הייב אויף דעם קאָפּ. די שקלאַפֿן שטייען אַרום אים, ווי פֿאַרשטיינערטע מיט שטורקאַצן אין די הענט. די טויטע שטילקייט, וואָס האָט ווי מיטאַמאָל אַנגעגאָסן דאָס ביבליאָטעק־חדר דערשרעקט דעם אויפֿגע־ברויזטן קייזער. ער קוקט זיך אַרום.

— אַזוי זענען זיי. — זאָגט טיטוס פּלוצלונג שוואַך און אומאַנטשלאָסן, ווי ער וואָלט אַליין צו זיך גערעדט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ בליק פֿול מיט פֿאַראַכטונג אויף דעם איינגעקאַרטשעטן גוף, וואָס ליגט אים צופֿוסנס. — הינטער ירושלים, אין יהודה, אין דער אימפּעריע, אויף דער גאַנצער ערד. — אומעטום זענען זיי די אייגענע. דו גלויבסט זיי צו זען צעטרעטן אונטער דיינע פֿיס און אין זייער מוח ניסטן געדאַנקען, וואָס באַדראָען די מענטשהייט. האַרטנעקיק געשלעכט. — דער קייזער טוט זיך פּלוצים אַ ווענד צו דעם מענטשלעכן קערפּער, וואָס ליגט אים צופֿוסנס:

— האָסט געקעמפֿט קעגן קייזער? קעגן רוים? — פֿרעגט ער מיט ווידערווילן.

— יאָ, — הערט זיך אַ שטאָלץ, זיג־באַוואוסט ווידערקול פֿון דעם שמוציקן מענטשלעכן גוף, וואָס ליגט צוזאַמענגעקנוילט אויף דער ערד. שפּעטער אַ ווילד אויפֿלאַכן פֿון שאָדן־פֿרייד.

דער קייזער טוט אַ טופּ מיטן פֿוס: — האַרטנעקיק געשלעכט! — ער טוט נאָך אַמאָל לייכט אַ טרעט מיט שטיוול אויפֿן פֿויערס גוף.

— אָט דאָס וויל איבערנעמען די הערשאַפֿט איבער דער וועלט! — זאָגט טיטוס מיט ביטערן שפּאָט. — איר געטער! — רופֿט ער אויס ווי צו זיך. ער קערט זיך צו מיט זיין רויט געוואָרן פּנים צו די שקלאַפֿן:

— גיט אים איבער צום קרייציקן, איר שקלאַפֿן. די ווילדע פֿייגל זאָלן אויפֿפֿרעסן זיין פּגר. מאַטערט אים, — זאָגט ער הייזעריק

די שקלאַפֿן גיבן זיך אַלע אַ וואָרף אויפֿן גלילער פּויער. דער קייזער שמייכלט מיד.

פּלוצים שליסן זיך טיטוסן די אויגן, ווי ער וואָלט זיך באַזינען.

— ניין, — זאָגט ער שוואַך. — וואַרפֿט אים צוריק אין דעם לאָך אַריין, דאָ, הינטער דער מויער, פֿון וואו איר האָט אים אַרויסגענומען. איינער מער, אָדער ווייניקער. איר וועט זיי סיי־ווי־סיי נישט אויסראָטן. לאָזן צווייי אים אַוועקטראָגן. לייכט מיר דעם וועג, איר שקלאַפֿן, איך וויל פֿאַרלאָזן דאָס דאָזיקע הויז.

ווען דער קייזער מיט זיין באַגלייט האָבן זיך דערווייטערט, שטרעקט יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס ווי אַ חסד־בעטנדיקער נאָך אים נאָך די הענט. ער וויל אים נאָכלויפֿן.

נאָר ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ביי דער ערשטער באַוועגונג וואָס ער מאַכט, פאַלט ער ווי אַ שווערער סנאָפּ אַנידער אויף דער ערד.

אויפן אָפּהילך פון קלאַפּ לויפט־אָן דער טיר־היטער דעמעטריוס. ער בייגט זיך אַריבער איבער זיין האַר. יאָזעפוס פלאַוויוס ציטערט ווי אַ קליין קינד. זיין פּנים איז שוואַרץ. די האָר און די באָרד צעשויבערט.

דעמעטריוס הייבט יאָזעפוסן אויף. לייגט אים אַוועק אויפן שלאָף־געַ־לעגער. דעקט אים צו מיט אַ סך וואָל־טיכער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט יאָזעפוס פלאַוויוס דערוואַרט דעם הענקער.

עפּילאָג

קאַפּיטל פערצן

אין דעם צווייטן רעגירונגס־יאָר פון קייזער אדרינוס, אין די זומער־חדשים, געפינט זיך דער אײדעלער יאָזעפוס פלאַוויוס (אין אַלע קרייזן הויך־חשובער שריפטשטעלער) אין די וואַרים־בעדער פון באַיע. יאָזעפוס פלאַוויוס ציילט שוין דאָס צוויי און אַכציקסטע יאָר. די רוימישע דאָקטוירים האָבן אים אַהערגעשיקט צו די באַרימטע שוועבל־קוואַלן, כדי צו לינדערן זיין שווערע גיכט־קראַנקהייט, פון וועלכער ער ליידט זינט טעלעכע יאָר. זי פאַרערגערט זיך כסדר. ער מוז תמיד גיין אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. ער הינקט.

די קראַנקהייט מאַטערט אים. די אברים זענען ביי אים שטייף און אויס־געטריקנט פון גיכט און עלטער, — דאָך — דער גייסט פון חשובן יאָזעפוס איז פול מיט קלאָרקייט און רואיקייט. אין דעמדאָזיקן פּרט איז דער חכם געגליכן צו וויין. עלטער מאַכט זיי געזעצטער. גיט זיי צו אַ באַזונדערן טעם און קאָסטבאַרקייט.

צוויי און אַכציק יאָר, ביים ראַנד פון קבר. אַן אויסגעדאַרטער גוף, אין וועלכן ס׳זענען אויסגעלאָשן אַלע תאוות און ליידנשאַפטן (דער חשובער יאָזעפוס האָט שוין צו דרייסיק יאָר אין זיך מנצח געווען די נישט־נויט־ווענדיקע תאוות פונם פלייש), — אין אַזאַ גוף קומען באַזונדערס צום אויס־דרוק די כוחות פון דער נשמה. דער שטערבלעכער קערפּער איז די תפיסה פאַרן אומשטערבלעכן גייסט. וואָס מערער די דאָזיקע תפיסה ווערט חרוב. — אַלץ קלאָרער קוקט דאָס גייסטיקע אויג אַריבער צו די ברעגעס פון דעם אייביקן.

אין דעם קילן שאָטן פון דעם טויט וואָס דערנעענטערט און דערנעענטערט זיך, דערפילט דער אײדעלער יאָזעפוס פלאַוויוס ווי ער וואַקסט איבער־לעבט אויס. אים דוכט זיך טיילמאָל, אַז ער וואַנדערט שוין ביי די ברעגעס פון דער אומשטערבלעכקייט. פול רואיקייט, באַטראַכטונג, אינערלעכן גלייכ־געוויכט. די דערהויבענע געדאַנקען, וואָס האָבן פון תמיד־אָן פול געמאַכט זיין גייסט זענען אין אים איצט רייף געוואָרן ווי צייטיקע פּרוכטן. ער קוקט אויף זיין קראַנקן אויסגעטריקנטן גוף, ווי אויף אַן איבעריקער לאַסט, וואָס

שלעפּט זיך אים נאָך. דער חשובער יאָזעפּוס פלאַוויוס פילט זיך גליקזעליק. רואיק. פון דעם אומרואיקן דור, — אין וועלכן ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געפּונען ווי אַן איינזאַמער שיפער צווישן שטורעמדיקע פעלזן, איז ער דער לעצטער. אַלע זענען טויט. דער דור הינטער אים איז פאַרשוואונדן אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער חשובער יאָזעפּוס פלאַוויוס גלויבט נאָר צו פאַרנעמען דערפון עפּעס ווי אַ ווייטן אָפּקלאַנג. ער פילט זיך זיכערער אין זיין איינזאַמקייט. הינטער אים — ווען ער קוקט זיך אום — אַ ווייטער, מיזאַם־דורכגעגאַנגענער וועג. אין זיינע איצטיקע לעצטע יאָרן לעשט זיך דאָס לעבן פּאַמעלעך אויס אין זיינע ביינער, ווי אַ קנויט, וואָס ברענט אויס. ער באַטראַכט דאָס ווי אַ גרויסע מנוחה. ער שמייכלט ווי אַ זיגער. שעהן פון אמתער פילאָזאָפישער דערהויבנקייט מאַכן איצטער פול די טעג פון אײדעלן יאָזעפּוס. די לאַנגע דורכגעלעבטע יאָרן ליגן הינטער אים ווי אָפּגעשניטענע זאַנגען. פון גאַנצן דור — איינער. ער. יאָזעפּוס פלאַוויוס. עלטער און רום באַשאָטענען אים. ער צאָלט ניט קיין מסים. זיינע ווערק געפינען זיך אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין רוים. זיין נאָמען געהער צו דער נאָכוועלט. קיינער באַדראָט אים נישט מער. זיינע שונאים, — יידישע און נישט־יידישע שונאים, — וואָס זענען נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט, האָט אויסגעראָט דער געטער־ענלעכער קייזער דאָמיציאַנוס (ביי וועלכן יאָזעפּוס איז געשטאַנען אין אַן אויסערגעוויינלעכער חשיבות).

דער אמתער חכם קאָן פילן די געטלעכע גליקזעליקייט ערשט שפּעטער, — ווען דאָס לעבן הייבט זיך אָן אוסצולעשן אינם גוף.

קאַפּיטל פופצן

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, אין אָנהייב חודש סעפּטעמבריס, טראָגן אים זיינע שקלאַפן אַרויס אויף דער לופט. אַרום זיין ווילא ציען זיך ווייַן־בערגלעך. יאָזעפּוס פלאַוויוס האָט באַפוילן מ'זאָל אים אַהינטראָגן אויף איינעם פון די בערגלעך פון וואו־אויס מען האָט אַן אויסבליק אויף דעם רייכן באַיע. אונטער אַן איינזאַמען זייער אַלטן איילבירטן־בוים, וואָס וואַקסט אויף אָט־אָ דעם בערגל, לייגן יאָזעפּוסעס שקלאַפן אַוועק פּורפּול־דעקן אַ סך און געפּאַרבטע וואָל־טיכער. עס זאָל דעם אַלטיטשקן, אויף גיכט־ליידנדיקן יאָזעפּוס פלאַוויוס זיין ווייך צום זיצן. יאָזעפּוס פלאַוויוס זעצט זיך אופן געלעגער אונטערן בוים. ער הייסט זיינע שקלאַפן זיי זאָלן אים פאַרלאָזן. ער וויל בלייבן אַליין.

ווען די שקלאַפן דערווייטערן זיך, אָטעמט יאָזעפּוס פלאַוויוס לייכט אויף. זיין קראַנקער, פון אַלטקייט אויסגעדאַרטער גוף דערשפּירט די הייסע ערד אונטער די דעקן. פון ים בלאָזט אַ ווינטל. דער אײדעלער יאָזעפּוס דערפילט דעם פרישן הויך פון ים אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן. אים ווערט וואויל. ער הייבט אויף די אויגן: די פּרוכטבאַרע לאַנדשאַפט פון באַיע ליגט באַגאָסן מיט זון. אויף די בערגלעך רייפן גאָלדיק די ווייַן־שטאָקן. תבואה־פעלדער פאַליען זיך.. אין דער נידערונג, צווישן גערטנער, פּיניען־וועלדער און

ציפּריסן־ביימער זענען צעוואָרפן די מאַרמאָר־ווייסע ווילעס און די קונסט־פולע זיילן־געגנג פון באַיע. אין דער שטילער, לינדער לופט, אונטער דעם איינזאַמען בוים, וואו ער זיצט, גלויבט ער צו הערן ווייטע אָפּקלאַנגען פון געלעכטער. קולות. געזאַנג.

— דאָס איז דאָס לעבן, — טראַכט דער חשובער יאָזעפוס פלאַוויוס, — אין שפע און אין זון רייפט די פאַרגענגלעכקייט.

אומווילקירלעך באַרירט ער אַליין זיינע הענט. די הענט זיינע זענען קאַלט. הוילע ביינער. קילע געדונצלטע הויט איבערציט זיי געל, ווי זיי וואָלטן נאָך לעבעדיקערהייט איינגעטריקנט געוואָרן. ער טוט פלוצים אַ ציטער פון ווידערווילן. אים דוכט זיך אויס: אָט האַלט ער זיין אייגענעם סקעלעט אין די הענט. ער באַטאַפּט זיין אייגענעם פּגר.

פון הינטער די בערגלעך הערט זיך געזאַנג. יאָזעפוס פלאַוויוס הייבט אויף דעם קאָפּ.. ערשט איצט באַמערקט ער ווי דער איילבירן־בוים, אונטער וועלכן ער זיצט איז אַלט און קנאָכערדיק. פאַרקרימט און איינגעבויגן. איז וויניק באַבלעטערט. זיי ביידע, ער און דער בוים זענען פרעמדע אין דעם לעבן, וואָס וואַקסט און רייפט אַרום זיי.

קאַפּיטל זעכצן

יאָזעפוס פלאַוויוס זיפצט אָפּ. נאָכאַמאָל טוט ער אַ קוק אויף באַיע. ער נעמט פאַמעלעך אַרויס פון די פאַלדן פון זיין טאָגאַ זיין ליבלינגס־בוך. דאָס ווערק פון געטלעכן פלאַטאָ. פעידאָן. די שריפט וועגן דער אומשטערבלעכקייט.

יאָזעפוס פלאַוויוס פאַרטיפט זיך צן לייענען. ער האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגעסן אין די דערהויבענע געדאַנקען און אין דעם ריטמוס פונם דיאַלאָג. דאָס איידעלע פלאַטאָנישע גריכיש ווירקט אויף אים ווי שטילקייט. ער פאַר־נעמט נאָר די גרויסע רואיקייט, וואָס הערשט אין אים. אַרום אים. ביי דער סצענע, ווי סאָקראַטעס טרינקט דעם גיפט־בעכער, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמיצער שטייט פאַר אים און וואַרט.

ער הייבט אויף די אויגן. אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער שקלאַף שטייט נעבן אים אונטערן בוים.

דער פרעמדער שקלאַף פרעגט מיט גרויס דרך־ארץ: — זענט איר דאָס דער איידעלער יאָזעפוס פלאַוויוס?

דער שקלאַף האָט אים געשטערט צו לייענען, און יאָזעפוס פלאַוויוס וויל זיך בייזערן. ער פילט נאָך אין זיך דעם געהויבענעם ריטמוס פון פלאַטאָנישן סטיל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז כעס איז נישט קיין מידה פאַר אַ חכם, דעריבער רופט זיך יאָזעפוס פלאַוויוס אָן מיט איבערגעטריבענער מילדקייט:

— איך בין עס. וואָס ווילסטו, שקלאַף?

— מיין האַרין וויל אייך זען, — זאָגט שטיל דער שקלאַף. איידער יאָזעפוס פלאַוויוס האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, הייבט דער שקלאַף אויף אַ פינגער און ווייזט אים אין אַ זייט.

יאָזעפוס פלאַוויוס קוקט זיך אום. נישט ווייט פון דעם אָרט וואו ער זיצט, אין מרחק פון אפשר דרייסיק טריט, דאָרט וואו דאָס בערגל בייגט זיך שוין צו ווערן משופּע — אויף אַ שמאָל, קוים אָנזעעוודיק שטעגל, וואַרטן עטלעכע שקלאַפן מיט אַ לעקטיקאַ.

ווערדליק די זיידענע טיכער און די שווערע פּורפּורנע פאָרהאַנגען, מיט וועלכע די לעקטיקאַ איז באַוואָרפן, ווערדליק דעם שקלאַפן־באַגלייט, דערקענט יאָזעפוס פלאַוויוס — דער חשובער שריפטשטעלער האָט נאָך געהאַט אַ גוטע ראיה, — אַז דאָס מוז זיין די לעקטיקאַ פון זייער אַ פאָרנעמער מאַטראָנע. וואָס אַ בכבודיקע רוימישע דאַמע וויל אים זען, חדושט אים נישט. אפשר פון קייזערלעכן הויף? לויט זיין חשיבות ביי דער קייזערין דאָמיציאַ האָבן זיך אין די הויף־קרייזן געפונען פיל פרויען, וואָס האָבן געלייענט זיינע ווערק, באַוואונדערט זיין קלאָרן גייסט, אים פאַרערט.

יאָזעפוס פלאַוויוס באַמיט זיך אויפצוהייבן פון זיין זיץ אונטערן בוים. דער פרעמדער שקלאַף העלפט אים דערביי. שווער אָנגעלענט אויף זיין שטעקן הינקט יאָזעפוס פלאַוויוס צו צו דער לעקטיקאַ.

אָן איבערגעראַשטער בלייבט ער שטיין.

די פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ זענען פונאַנדערגערוקט. יאָזעפוס פלאַוויוס דערזעט, ווי אויף אַ גאַנצן הויפן פון קאָסטבאַרע קישעלעך ליגט עפּעס ווי אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. אַ קליין איינגעשרומפּן גופל אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. דאָס פּנים פון אַט־אַ דעם גופל איז געל. צעאַקערט אין טיפע קנייטשן. איינגעטריקנט. דער געראַנצלטער שטערן, — אַזש אַרויף איבערן קאָפּ־שאַרבן — איז איבערגעצויגן מיט אַ נעץ פון בולטע בלויע אָדערן. דער ביינערדיקער קאָפּ־שאַרבן איז שיטער באַוואַקסן מיט לאַנגע גרויע האָר. די ליפּן איבערן צאָנלאָזן מויל הענגען שלאַף אַראָפּ. ציטערן כסדר. דאָס גופל ליגט אויף די קישעלעך אין דער לעקטיקאַ אין דער פּאָזע פון אַ קרענקלעך אומבאַהאָלפן קינד. יאָזעפוס פלאַוויוס טוט אין דער ערשטער רגע אַ קוק מיט ווידערווילן אויף דער איינגעשרומפּענער חורבה. די צוויי אויגן, — וואָס קוקן צו אים אַרויס פון דעם געלן צעאַקערטן פּנים, — האָבן יאָזעפוסן אָן עפּעס דערמאָנט. ערשט אין די פרויען־קליידער דערקענט יאָזעפוס פלאַוויוס, אַז אַט־אָ דאָס מענטשלעכע געשפּענסט איז פון ווייבערישן געשלעכט.

זי טוט זיך אַ ביסל אַ בייג אויף די קישעלעך, ווי זי וואָלט זיך דערמיט געוואָלט דערנענטערן צו יאָזעפוסן. „איר דערקענט מיך נישט, יאָזעפוס פלאַוויוס?״ — ציטערט זי מיט די אַלטע ווייכע ליפּן. איבער דער טרוקענער געלער הויט פון איר פּנים צעגיסט זיך מעכאַניש אַ העסלעכער אומנאַטיר־לעכער שמייכל. דאָס שוואַכע קוויטשיקע קול אירס גרילצט פרעמד אין דער לינדער לופט.

יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אויף ס׳מויל. ער קוקט.

— בע־רע־ני־קע, — שטאַמלט ער קוים אַרויס.

— יאָ, איך בין עס, איידעלער פריינט, קרוב, — באַמיט זי זיך צו זאָגן

וואַרעם. בערעניקעס אויגן, דאָס אײנציקע לעבעדיקע אין דעם געלן, אײנ־געדאַרטן פּנים, — אַ פּנים וואָס האָט נאָך קוים דאָס אַנזען פון אַ מענטש, — קוקן אויף יאָזעפוסן פול מיט טרויער. שטומער, צערפולער טרויער. מיט איר קלײן קינדיש הענטל גיט זי מאַכטלאָז אַ צײכן אירע שקלאַפן, זײ זאָלן זי אונטערהאַלטן, כדי עס זאָל איר לײכטער זײן דאָס רעדן. — לאַנגע פערציק יאָר ווי מיר האָבן זיך נישט געזען, אײדעלער פרײנט, — זאָגט בערעניקע שטיל. יאָזעפוס האָט זי קוים דערהערט.

יאָזעפוס פלאַוויוס שטײט דערשיטערט אויף זײן אָרט.

— פערציק לאַנגע יאָר, — זאָגט ער איר נאָך ווי אַפּוועזנדיק. ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. אָט די חורבה פון אַ מענטש האָט ער אַמאָל געהאַסט ווי דעם טויט. ער טוט לײכט אַ שמײכל. די חשובסטע רוימער זענען איר נאָכגעלאָפן. טיטוס. ער באַמיט זיך אין זײן זכרון אַרויסצורופן איר אַמאָליקע שײנקײט.

— פערציק לאַנגע יאָר, — חזרט נאָכאַמאָל איבער בערעניקע. איר קול איז איצט נידערגעשלאָגענער. צערטלעכער. — איר געדענקט, יאָזעפוס פלאַוויוס? אין רוים. אין אײער הויז? איך בין געקומען בײ דער נאַכט. דער קײזער איז פּלוצים געקומען. טיטוס. איך בין געשטאַנען אין אַנדערן חדר הינטער די פאָרהאַנגען. כ׳האָב געהערט דאָס גאַנצע געשפּרעך (בערעניקע האָקט אָפּ אַ ווײלע און גיט לאַנגזאַם צו) די ווערטער פון קײזער. דער, — וואָס האָט פאַרברענט ירושלים. כ׳האָב זײ נישט אַלע פאַרשטאַנען. אין טיטוסעס מויל זענען געווען ווערטער פון דראָונג. פאַרצווײפלונג. ער האָט אַלעמען געדראָט. זיך. אונז. רוים. עס האָט אים געכאָרכלט אין האַלז. ער האָט גערעדט און גערעדט און געטופעט מיט די פיס. אײערע שקלאַפן האָבן מיך שפּעטער אַרויסגעפירט דורך אַ הינטער־טיר. איך האָב פאַרלאָזן רוים אויף אײביק. איצטער איז ער טויט, טיטוס. אַלע זענען טויט. מיר זעען זיך ווידער, יאָזעפוס. איר זענט אויך שוין אַלט, און איך? איך בין אַ זקנה. — בערעניקע שטרעקט צו אים אויס אירע קלײנע אײנגעשרומפענע, שוואַרץ־געלע הענט, ווי זי וואָלט אים דערמיט געוויזן איר אַלטקײט. זי גיט צו מיט ביטערקײט, וואָס קלינגט ווי שפּאָט אין איר צאָנלאָז אײנגעפאַלן מויל: — די דאָזיקע בײנער מײנע, וואָס ליגן דאָ פאַר אײך, צײלן פינף און נײנציק יאָר.

— איך געדענק , בערעניקע, איך געדענק אַלצדינג, אײדעלע בערעניקע. פרײנדין. קרובה. — זאָגט אויך יאָזעפוס פלאַוויוס וואַרעם. ער באַקומט פּלוצלונג טרערן אין די אויגן. ער באַמיט זיך כסדר אַרויסצורופן אין זײן זכרון איר אַמאָליקע שײנקײט. די ווײבערישע רײצן אירע. די זעלטענע און זינדיקע פאַרפירערישקײט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ קוק. אין דער לעקטיקאַ פאַר אים ליגט זי. אַ מענטשלעכע חורבה. אַן אײנגעטריקנטער סקעלעט. אירע שלאַפע ליפּן ציטערן פון אַלטקײט. דאָס איז בערעניקע? ער זוכט אין זיך דעם אַלטן האַס צו איר. קײן שפּור. ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אין זיך דאָס געפיל פון הילפלאָזער באַרימהאַרציקײט. הילפלאָזע גערירטע נאָנטקײט. ווי צו אַ שוועסטער. ער וויל צו איר אויסשטרעקן זײנע הענט. ער טוט עס נישט.

ער זאָגט נאָר זייער שטיל: — אַלצדינג פליסט, אײדעלע פריינדין, אַלצדינג פליסט, בערעניקע, דאָס לעבן פליסט. די וועלט פליסט, אַלצדינג פליסט...

זי הייבט אויף צו אים די אויגן פול באַהאַלטענער דאַנקבאַרקייט:

— דער רום פון אייער נאָמען איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן. איך האָב אייך געזוכט, יאָזעפוס, אײדעלער יאָזעפוס. מיין לעבן נייגט זיך צו ענד. איך וויל מיט אייך רעדן, מיין פריינט. כ׳האָב אַזוי פיל מיט אייך צו רעדן, — גיט זי צו מיט אַ שוואַך קול, — דאָ שטייען מיר אויפן פעלד, ס׳רוקן־אָן די שעהן פון אָוונט. דער ווינט נעמט־צו. מיר מוזן אונזערע אַלטע גלידער אַוועקטראָגן אַוואו ס׳איז וואַרעמער. זאָגט מיר נישט אָפּ מיין לעצטע בקשה, טייערער פריינט, קומט צו מיר מאָרגן.... איך בעט אייך, מאָרגן — חזרט זי נאָכאַמאָל איבער דאָס וואָרט „מאָרגן”. זי גיט צו מיט אַ ביטערן שמייכל: — אויב אַ פינף־און ניינציק־יעריקער גוף קאָן נאָך זאָגן מאָרגן...

— אויב די גאָטהייט וועט וועלן, וועל איך קומען, אײדעלע בערעניקע, — זאָגט מיט אַ צערטלעך קול יאָזעפוס פלאַוויוס.

— איך דאַנק אייך טייערער פריינט. פרידן מיט אייך און רו, יאָזעפוס פלאַוויוס, — ענטפערט אים בערעניקע. זי זאָגט אים די געגנט, וואו זי וואוינט און דעם סימן פון איר ווילא.

זי גיט אַ צייכן די שקלאַפן. זיי לייגן זי ווי אַ הילפלאָז קינד אויס אויף די קישעלעך. דעקן זי וואַרעם צו. דאַן פאַררוקן זיי די שווערע פורפּולנע פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ. הייבן זי אָן פּאַמעלעך אַוועקצוטראָגן.

יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט אויף זיין אָרט. ער קוקט נאָך בערעניקעס לעקטיקאַ, ווי זי דערווייטערט זיך לאַנגזאַם. פאַרשווינדט ענדלעך אויפן וועג צווישן די וויין־בערגלעך. יאָזעפוס הייבט אויף די אויגן. טוט נאָכאַמאָל אַ קוק אויף באַיע. שלאַנקע ציפּריסן־ביימער שטייגן פון דאָרט אויף ווי טונקעלע אײדעלע זיילן פון רויך. די מאַרמאָרנע זיילן־גענג, די צעוואָרפענע ווילעס גלאַנצן אין דער זון. ער זעט דעם בלויען שפּיגל פון ים, וואָס לאַכט אין דער ווייטקייט. ער זעט די תבואה־פעלדער, וואָס וויגן זיך. די גאָלדענע ווײנשטאָקן, וואָס רייפן. פונדערווייטנס הערט ער יוגנטלעך געלעכטער. געזאַנג.

יאָזעפוס פלאַוויוס דערפילט פּלוצלונג אַ קעלט אין זיינע קראַנקע ביינער. מיד הינקט ער צוריק צו דעם אַלטן פאַרקנאָדערטן איילבירטן־בוים.

קאַפּיטל זיבעצן

צומאָרגנס אינדערפרי ברענגען די שקלאַפן פון יאָזעפוס פלאַוויוס אים צו טראָגן צו בערעניקעס ווילאַ. פאַרן טויער האָט שוין אָפּגעוואַרט אַן אַלטע דינערין.

די דינערין נעמט יאָזעפוסן אָן פאַר דער האַנט. פירט אים אַריין אינעם טויער פון דער קליינער באַשיידענער ווילאַ. הגם דאָס גיין קומט יאָזעפוסן אָן שווער און ער הינקט זייער שטאַרק, — קאָן ער דאָך נישט אָפּרייסן זיין אויפמערקזאַמקייט פון צו באַטראַכטן דאָס ווינציקע, באַשיידענע הויז, וואו

עס וואוינט די פּרינצעסין בערעניקע. די ווענט פון די אינעווייניקסטע זיילן־גענג זענען באַמאָלט מיט געשעענישן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. די ווענט זענען האַלב אָפּגעריסן. די געמעלן אָפּגעבליאַקעוועט. ס׳פעלט אין זיי גאַנצע שטיקער. אומעטום אָפּגעלאָזנקייט. דער אַטריום, דורך וועלכן יאָזעפוס פלאַוויוס איז אַדורכגעגאַנגען, איז אַ קליינער פּירעקיקער חלל. אַ שפּרונג־ברונעם שפּריצט דאָרט וואַסער אויף דעם גרין־פאַרזשאַוועטן גוף פון אַ בראָנזענעם סאַטיר. עטלעכע ווייסע ליליעס וואַקסן איבער דעם ראַנד פון דעם שפּרונג־ברונעם. נישט ווייט פון דעם בראָנזענעם אומהיימלעך־שמייכל־דיקן סאַטיר שטייט פאַרוואָרלאָזט דער הויז־מזבח.

מ׳פירט יאָזעפוסן אַריין אין דעם חדר צו בערעניקען. זי האָט אים אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט. בערעניקע ליגט אויף אַ ברייט געלעגער. צוגע־דעקט מיט וואָל־טיכער. יאָזעפוסן דוכט זיך אויס, אַז זי איז איבער נאַכט געוואָרן נאָך עלטער. געשפּענסטהאַפּטיקער. דאָס פּנים געלער. איינגעשרומפּ־ענער. די אויגן אירע האָבן אויפגעלויכטן, ווען זי האָט אים דערזען. אָט דאָס געשלעכטלאָזע באַשעפעניש האָט זיך געפרייט ווי אַ קליין קינד, בעת יאָזעפוס פלאַוויוס האָט אַריינגעהינקט אין צימער.

די דינערין לאָזט זיי איבער אַליין. בערעניקע שטרעקט יאָזעפוסן אַנט־קעגן אירע הענט, וואָס ציטערן.

— טייערער פריינט... קרוב, — שעפּטשעט זי שטיל מיטן וויכן צאַנלאָזן מויל. וויזט יאָזעפוסן, אַז ער זאָל זיך נעבן איר אַוועקזעצן.

ער זעצט זיך נעבן איר אַנידער. פאַרזיכטיק, נישט־זיכער דערנענטערן זיך בערעניקעס הענט צו די הענט פון יאָזעפוס פלאַוויוס. ער באַמיט זיך נישט צו קוקן. ער פילט ווי בערעניקעס קאַלטע ביינערדיקע הענט גלעטן אים לייכט און מוטערלעך. בערעניקעס אויגן דריקן אויס גליקזעליקייט. זי ווערט צו אים וואָס אַמאָל הערצלעכער. היימישער. הייבט אים אָן אויסצופרעגן אויף יעטווידער קלייניקייט פון זיין לעבן. ער האָט איר שטיל געענטפערט. זי פריידט זיך. לאַכט ווי אַ קינד. שפּעטער, — ווייל זי איז עלטער געווען פון אים מיט גאַנצע דרייצן יאָר, — הייבט זי אים אָן צו דערציילן פון זיינע קינדער־יאָרן אין ירושלים. זי דערמאָנט אים עטלעכע קליינע, נישטיקע עפּיזאָדן, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, ווען זיין חשובער פאָטער האָט אים, יאָזעפוסן, נאָך אַלס יינגל מיט זיך געבראַכט אין ירושלימער קעניגלעכן הויף.

יאָזעפוס לאָזט זי רעדן. ער שווייגט. ס׳איז אים געוואָרן וואַרעם אויפן געמיט דורך דעם, וואָס די אָרימע האַלב־טויטע זקנה גלעט אים איבער די הענט.

בערעניקע ווערט מיטאַמאָל ערנסטער. אירע פינגער ווערן שטאַר, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשטאָרבן איבער די הענט פון יאָזעפוס פלאַוויוס. זי קוקט זיך אַרום אין צימער. זי וואַרט אַ ווײַלע. ווענדט זיך צו יאָזעפוסן:

— האָט איר עפּעס ידיעות פון יהודה? פון ירושלים?... פרעגט זי אים שטיל, ווי זי וואָלט זיך פאַר עמיצן געהיטן.

— אויפשטאַנד, — ענטפערט איר קורץ יאָזעפוס פלאַוויוס.

בערעניקע פרעגט מיט אַ שוואַך קול:

— ווידער באַוועגן זיי זיך, די יידן, אין דער גאַנצער אימפּעריע?

— יאָ, ענטפערט ער קורץ.

זי שווייגט אַ ווײַלע. זאָגט:

— די יידן ווילן די הערשאַפט איבער דער וועלט. גלויבט איר, יאָזעפוס פלאַוויוס, אַז דאָס אָרימע און חרובע ירושלים וועט אַמאָל נעמען פאַרגעלטונג?

דאָס פּנים פון יאָזעפוס פלאַוויוס פאַרכמורעט זיך ערנסט. ער ציט צוזאַמען די ברעמען. ער טוט אַ שמייכל אין זיין ווייסער באָרד אַריין. זאָגט:

— די וועלט איז אַ פלוס צווישן טונקלקייט און טונקלקייט. איבער אָט־אָ דעם פלוס, וואָס הייסט וועלט, טראָגן זיך די דורות ווי די שפּענדלעך. ווען כ'בין יינגער געווען האָב איך גיכער געקאָנט פאַרויסזאָגן דעם וועג וואוהין עס טראָגן זיך די דורות. כ'האָב געהאַט חלומות. יוגנט איז נאַכט. אין דער נאַכט אַנטפּלעקט טיילמאָל די גאָטהייט די צוקונפט אין חלום. איצטער בין איך אַלט. עלטער איז וואַכקייט. איך חלום נישט מער. איך זע בלויז. איך ווייס נישט...

אַ שקלאַף טרעט אויף.

— איר האָט באַפוילן, האַר, אייך צו דערמאָנען, — זאָגט ער אונטער־טעניק, — אין דער איצטיקער שעה באַדאַרפט איר נעמען אַ שוועבל־באָד.

— איך גיי שוין, — זאָגט יאָזעפוס פלאַוויוס. ער מאַכט אַ באַוועגונג זיך צו דערהויבן. דער שקלאַף איז אים דערביי באַהילפיק. יאָזעפוס שטייט אויף די פיס און לענט זיך מיט זיין קערפּער שווער אָן אופן שטעקן. ער דרייט זיך אויס צו בערעניקען. טוט אויף איר אַ שטומען קוק.

— פרידן מיט אייך, איידעלע פריינדין, — זאָגט ער וואַרעם.

— פרידן מיט אייך, יוסף דער זון פון מתתיהו, — זאָגט בערעניקע, — ווען איר וועט הערן, אַז דאָס לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן אין די ביינער מיינע, געדענקט מיך צום גוטן.

— די עלטער מאַכט אונז קליגער. די קלוגשאַפט מאַכט אונז בעסער. זאָל אייך די גאָטהייט תמיד האַלטן אין איר חסד, טייערע בערעניקע. יאָזעפוס פלאַוויוס הינקט אַרויס.

יוסף דיילה ריינה

היסטאָרישע דערציילונג

קאַפּיטל איינס

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון ה׳אַלפים לבריאת העולם האָבן זיך אין חברון עיר־הקודש פּלוצים געמאַכט שטאַרקע שטורעם־ווינטן. די הימלען זענען געוואָרן שוואַרץ ווי די זעק פון די אבלי־ציון. עס האָט געדונערט און געבליצט. די ישמאלים האָבן זיך באַהאַלטן אין זייערע ליים־הייזלעך. די אייזעלעך האָבן דערשראָקענע אַריינגערעוועט אין די לופטן. אין די שולן האָבן זיך — פון זיך אַליין — אָנגעצונדן אַלע נר־תמידס, אַלע מנורות און הענג־לייכטערס. די ספרים און די גמרות האָבן זיך פון — פון זיך אַליין — אויפגעמישט. דאָס אָרון־קודש האָט זיך ברייט אויפגעפּראַלט.

אין די אינדרויסנס האָבן זיך געעפנט די טירן פון דער מערת־המכפּילה. פון די פינצטערע און צעוואָיעטע שטורעם־ווינטן איז אַרויסגעפלויגן אַ גרויסער פויגל. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ ייד מיט לאַנגע באָרד און פּיאות. ער האָט אַריינגעפּאַכעט מיט די פליגל אינעווייניק אין דער מערת־המכפּילה און צוגעפלויגן צו דעם שטיינערנעם בעט וואו עס רוט אברהם־אָבינו. פון אונטער אברהם אָבינוס קישן האָט ער אַפּערגענומען די בלעטער פון „ספר הזוהר״. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ גאָלדענער שנור און פאַרזיגלט מיט אַ סך חתימות. אָט דאָס ספר וואָס הייסט „ליכט״ איז געלעגן באַהאַלטן אין די טונקלענישן פון דער מערת־המכפּילה צווישן די אָבות פון יידן. געשריבן האָט עס מפּי גבורה אָדם־הראשון קודם החטא. ער האָט טאַקע נישט געוואוסט, אַז זיין גוף איז שפּילטער נאַקעט. ער האָט אָבער געוואוסט אַלע וויסענישן פון אויבן און אונטן. דער עיקר האָט ער געוואוסט: אַז אַלע וויסענישן און אַלע מציאותן שטייען צווישן זיך אין אַן אייביקן שייכות און זענען מיטאַנאַנדער געקניפּט און געבונדן ווי אַ פלאַם מיטן שייטער.

אין אָט די בלעטער זענען געשטאַנען באַשריבן די לעצטע סודות פון דער גאָטהייט און פון דער שאַפונג. זיי זענען ביידע פאַראייניקט אין דעם סוד פון „נצח״. מען האָט זיך דאָרט פאַדריבנע געקאָנט דערוויסן פון די מרכבות און אופנים וואָס באַוועגן אַלצדינג און באַלעבן אַלצדינג אין די אויבערשט־קייטן און אין די אונטערשטקייטן. גאָר די וועלט וואָס מיר זעען מיט אונזערע אויגן איז נישט מער ווי דער הוילער משל. די נמשלים אָבער פון די משלים וואָס מיר רופן „וועלט״ און „קיום״ — זיי שטייען שוואַרץ אויף

ווייס באַשריבן אין „זוהר". פון יענע געהיימנישן האָבן צומאָל נישט די מלאכים די מינדסטע השגה. דער „זוהר" איז געלעגן ביי אברהם אָבינו אונטערן קישן.

דער פויגל מיטן קאָפּ פון אַ ייד האָט פאַמעלעכל מיט זיין שנאָבל אָפּגער־געגנומען דאָס פאַרחתמעטע פּעקל מיט בלעטער און איז צוריק אַרויסגעפלויגן פון דער מערת־המכפּלה. ער איז אַרויפגעפלויגן גאָר הויך ביז צו די וואָלקנס.

אין חברון עיר־הקודש האָט אויפגעהערט צו דונערן און צו בליצן. די שטורעם־ווינטן האָבן זיך איינגעשטילט. די ישמעאלים זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע ליים־הייזלעך און פאַרויכערט וואַסער־ליולקעס. אין די שוהלן האָבן זיך — פון זיך אַליין — פאַרמאַכט די ספרים און די גמרות. די טירלעך פון אָרון־קודש האָבן זיך צוגעמאַכט. אינדרויסן האָבן זיך די טירן פון דער מערת־המכפּלה צוריק פאַרשלאָסן אויף זייערע טויזנט באַהאַלטענע שלעסער.

דער פויגל מיטן קאָפּ פון אַ ייד איז לאַנג געפלויגן צווישן די וואָלקנס. אין זיין אויסגעקרומטן און שפּיציקן שנאָבל האָט ער געהאַלטן דעם „זוהר". ער האָט דעם מטמון אַוועקגעלייגט אויף אַ שטיין אין אַ טונקעלער הייל וואָס אין לאַנד ספרד.

קאַפּיטל צוויי

אין לאַנד ספרד אין דער שטאָט אַווילאַ האָט דאַמאָלסט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ משה די ליאָן. אים האָבן שטאַרק געפּאַרקעט די פאַרנעפּלטע ערטער אין דער גמרא וואו עס רעדט זיך — אין קורצע ווערטער — וועגן דער מעשי־בראשית און דער מעשי־מרכבה. עס זענען ענינים וועגן וועלכע מען מעג נאָר רעדן אין געפליסטער און נאָר אַלטע און רעכטפערטיקע חכמים מעגן דערפון שמועסן. ווען די הייליקע תנאים האָבן דערפון גערעדט, האָבן זיך באַלד אַלע ביימער אויפן פעלד אָנגעצונדן מיט פייער. אויבן אין די הימלען האָבן זיך די מלאכים געשטופּט צו הערכן וואָס אַלטע קלוגע יידן שמועסן. עס האָט זיך זיי, די מלאכים, אויסגעדוכט, אַז זיי הערן ווי עס פליסטערט דאָס ליבשאַפט צווישן אַ חתן און אַ כלה.

ווען ביי אַ ייד איז דער קאָפּ כסדר פאַרנומען מיט אַזעלכע טראַכטענישן, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט מער קיין געמיט צו שאַפן פּרנסה פאַרן הויז־געזינט, און צו טראַכטן וועגן האַנדל און וואַנדל. דער נעמלעכער ר׳ משה די ליאָן איז טאַקע געווען דער גרויסער עני ואביון און אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. זיין ווייב שרה האָט אים כסדר געיאַדעט, אים שפּאָטיש גערופן „הימל־קריכער" און אים געוויזן אויף דער איינציקער טאָכטער רחל און דערביי געזאָגט, אַז אויף די שטערן געפינען זיך נישט קיין חתנים, און אַז ר׳ משהן הייסט עס, ליגט עס אין דער לינקער פּיאַטע אויב די טאָכטער רחל וועט פאַרזיצן אין גרויע צעפּ און ווערן אַן אַלטע מויד.

ר׳ משה די ליאָן האָט מכלומרשט אָנגעקוקט די בתולה און געטאָן אַ זיפץ. באַלד האָבן ווידער אין זיינע מחשבות געקלאַפּט די רעדער פון דער מעשי־מרכבה. די זאָרג פאַר דער שכינה — וואָס פלאָנטערט זיך ווי אַ

דערשראָקענע טויב צווישן דער איבערשטער הייליקייט און דער אונטער־שטער קליפּה — איז אים נענטער געווען צום האַרצן ווי די זאָרג פאַר זיין טאָכטער די בוגרת.

טיילמאָל איז ער גאָר אַוועקגעגאַנגען פון דער היים, און אויף גאַנצע טעג פאַרפאַלן געוואָרן אין די אינדרויסנס. תחילת האָט זיין ווייב שרה געמיינט, אַז ער גייט אַרום איבער די דערפער און זוכט פּרנסה. שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט איר ביטערן טעות. ר׳ משה די ליאַן האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן ציטער פון דאגת־פּרנסה. דער קאָפּ האָט אים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די סודות פון דער גאָטהייט און פון דער יצירה. ער האָט געלעבט ווי אין היגער־פלעט. סוף כּל סוף האָט ער מער נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים.

אין ספרד זענען פון קדמונים פאַראַנען אַ סך היילן און מערות. זיי שפּייען ממש פון זיך אַרויס מיט אַלטע פאַרדומפּעצטע טונקלענישן און קוקן באַ־שיימפּעלעך אויס ווי פינצטערע סודות אין די ליכטיקייטן פון די אינדרויסנס. פאַר ר׳ משה די ליאָנען זענען זיי אויסגעקומען ווי דמותן און אָפּבילדונגען פון זיין אייגענער נשמה. זיין נשמה האָט אויך געגליכן צו אַ זוניקע לאַנד־שאַפט מיט אַ סך צעבליטע עפּל־ביימער, אָבער אומעטום האָבן פון איר אַרויסגעקוקט די אומהיימלעכע טונקלענישן פון מערות און היילן. די נשמה פון אַ מענטש איז אינגאַנצן אויפגעבויט ווערדליק דעם פּלאַן פון דער וועלט.

שעהן לאַנג איז ר׳ משה די ליאַן אַרומגעגאַנגען איבער די איינזאַמע אינדרויסנס אַרום זיין שטאָט אַווילאַ. זיינע בגדים זענען צעריסן געוואָרן פון אַלערליי דערנער. זיינע פיס זענען צעבלוטיקט געוואָרן. די ווינטן האָבן געראַשט אין זיינע אויערן. ער האָט געגלויבט צו הערן ווי אַלערליי קולות רעדן צו אים אַרויס פון די ווינטן. רעדן פון אַלערליי סודות התורה און סודות פון דער וועלט — נייערט ער פאַרשטייט נישט דאָס לשון. —

אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך פאַרבלאָנדזשעט צו אַ הייל. זי איז אים אויסגעקומען גאָר אויסטערליש. לעבן איר איז געוואַקסן אַן אויסגע־טרוקנטער זית־בוים. זיין שטאַם איז געווען איינגעבויגן און פאַרקנאָכערט פון אַלטקייט. עטלעכע אָרימע בלעטלעך האָבן נאָך געשפּראָצט אויף זיינע צווייגן. דער בוים האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי אַ סקעלעט פון אַ פאַרצייטישן מענטשלעכן ריז.

עס איז געווען אַ ליכטיקער זוניקער טאָג. אַלצדינג איז געווען פאַרפלאָסן מיט ווייסן און שאַרפן זון־ליכט. די הימלען האָבן געפינקלט פון בלויקייט. פון דער עפענונג פון דער הייל האָט אָבער אַרויסגעשלאָגן אַ פינצטערניש וואָס מען האָט זי ממש געקאָנט אָנטאַפּן מיט די פינגער. ר׳ משה די ליאָנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז צוגעקומען צו אַ טויער פון תהום.

פלוצים איז פון דער מערה־פינצטערניש אַרויסגעקומען אַ שלאַנג. זי האָט זיך אויסגעלייגט אויף אַ שטיין. איר הויט האָט אָנגעהויבן צו גלאַנצן אין דער זון ווי אַ שטיק זעלטן גינגאָלד.

ר׳ משה די ליאַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער. אים האָט זיך

אויסגעדוכט: אַ זעלטן וועלט־ספר האָט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט. אַ קול פליסטערט צו אים אַראָפּ פון דעם איינגעדאַרטן זית־בוים: לייען משה!

עס האָט אים איצט אויפגעלויכטן אין די מחשבות דער „ספר הבהיר" פון ר׳ יצחק סגי־נהור. יענער וואונדערלעכער מאַן איז געווען בלינד פון גרויס זעעניש. נישט־זעען און זעען איז ביי ר׳ יצחקן געווען ווי אַ פלאַם און איר קנויט. אין „ספר הבהיר" רעדט זיך וועגן דער גאָטהייט ווי וועגן אַן „אין־סוף" און אַן „אין". עקזיסטירנדיקער אַלצדינג און פאַרהוילענע עקזיסטענצלאָזיקייט. דער „אין־סוף" און דער „אין" — זיי זענען סיי דאָס ליכטיקסטע פון ליכטיקסטן און סיי דאָס טונקלסטע פון טונקלסטן. דער ערשטער יצירה־ציטער פון דער גאָטהייט — דער ציטער וואָס רופט זיך „כתר" איז — ווערדליק ווי עס שרייבט דער בלינדער ר׳ יצחק אין דעם „ספר פון דער ליכטיקייט" („ספר הבהיר") — אַ בוצינא דקרדוניתא, אַ ליכט וואָס איז טונקל.

ר׳ משה די ליאָן קוקט אַריין אין דער הייל וואָס פינצטערט אַרויס אין די זוניקע ליכטיקייטן. ער קוקט אויף דער שלאַנג וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם „אין" פון די תהומישע טונקלענישן און וואַרימט זיך אויף דער ליכטיקייט ווי אַ זעלטן שטיק גינגאָלד.

ר׳ משה די ליאָנען איז עס באַשיימפּערלעך קלאָר געוואָרן: די אינדרויסנס אַרום אַווילאַ זענען דער אויפגעבלעטערטער „ספר הבהיר". דער אַלטער זית־בוים איז ר׳ יצחק סגי־נהור. ער ווייזט אים אויף דער הייל און זאָגט אים:

— גיי אַריין אין די טונקלענישן, משה. דו וועסט דאָרט געפינען דאָס ליכט.

קאַפּיטל דריי

ווען ר׳ משה די ליאָן האָט געמאַכט די ערשטע טריט אַראָפּ אין דער הייל האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין אַ געדיכטע דעמפּיקע חשכות. ער האָט פאַרלוירן דעם אָטעם, — איז שטיין געבליבן און אַרומגעטאַפּט מיט די הענט אין די פינצטערנישן ווי אַ דערטרונקענער אין טיפע וואַסערן. ער האָט אפילו אָנגעהויבן צו טראַכטן זיך אומצוקערן און צוריק אַרויסצוגיין פון דער מערה. אים איז אָבער אויסגעקומען, אַז אַלצדינג הינטער אים האָט זיך פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלעסער און ער איז אַליין אין אונטערשטסטן תהום פון פאַר דער מעשי־בראשית. זיינע אויערן זענען געווען ווי פאַרשטאָפּט מיט דער חושך־מצרימדיקער שטילקייט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין זיין בלוט רוישן די ווינטן פון די אינדרויסנס, און אַז ער איז פול מיט אינערלעכע הערעניש.

ער איז געשטאַנען און אַרומגעטאַפּט מיט די הענט. פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל האָבן זיך די אויגן־אַפּלען אים אָנגעהויבן צו עפענען ווי צווי צוגעוויקלטע בלומען אין טויאיקן קאַיאָר. עפּעס אַ ציטער פון ליכטיקייט ציט זיך אַרויס פון דעם חושך־מצרים. דאָס ליכטיקייט ווינקט און רופט אים ווי אַן אויסגעצויגענער פינגער.

ר׳ משה די ליאָן האָט אָנגעהויבן ווייטער און טיפער אַריינצוגיין אין

דער הייל. די דומפּעכצן אין זיין אָטעם האָבן זיך ווי אויפגעלייזט. זיי זענען געוואָרן לופטיקער און לינדער. פּאַמעלעכל האָבן זיי פון זיך אַרויסגעגעבן אַ ריח וואָס האָט ר׳ משהן דערמאָנט אין די הבדלה־בשמים פון מוצאי־שבת קודש. די פינצטערנישן האָבן זיך ווי אויפגעריסן. דורך זייערע געשפּאָלטנ־קייטן איז דאָס ליכט געפלאָסן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. ר׳ משה די ליאָן איז ווייטער און טיפער געגאַנגען. אַלצדינג אין אים האָט זיך אויפגע־טייעט ווי אין אַ ניי אינערלעך לעבן. די טויבע שטילקייטן אין זיינע אויערן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קול־נגינה. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט שפּילן אַ זיסע פּאַסטוך־פּלייט.

ער איז געגאַנגען. געגאַנגען טיפער און טיפער אין דער מערה.

פלוצים האָט ער דערזען צוויי לייכטנדיקע שטערן. הימלישע שטערן אין אונטערשטן תהום? ניין. עס זענען נישט קיין שטערן, נייערט ברייט אויפ־געעפנטע אויגן פון אַ גרויסן פויגל.

דער פויגל האָט געהאַט דעם קאָפּ פון אַ ייד. אַ קאָפּ מיט באָרד און פיאות. דער שטערן פון אָט דעם פויגל־ייד איז געווען מעכטיק און ברייט און אויף אים איז געשטאַנען אויפגעשריבן מיט כתב־אשורית: — „רעיא מהימנא״.

דער פויגל־ייד איז געזעסן אויף אַ פעלזן־שטיין. דעם יידס פליגל זענען געווען אויסגעשפּרייט ווי די פליגל פון אַ כרוב. ער האָט שאַרף אָנגעקוקט ר׳ משה די ליאָנען און אים געוויזן מיטן שנאָבל אויף אַ פּעקל כתבים, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גאָלדענער שנור און פאַרזיגלט מיט אַ סך חתימות.

ר׳ משה די ליאָן האָט דאָס פּעקל מיט כתבים גענומען אין דער האַנט אַריין. אויפן שער־בלאַט וואָס האָט געקלעפּט אינדרויסן אויפן פאַרזיגלטן פּעקל איז געשטאַנען אָנגעשריבן „ספר הזוהר״.

קאַפּיטל פיר

ר׳ משה די ליאָן איז געשווינדט אַהיים געלאָפן מיט דעם געפונענעם אוצר.

ער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין חדר־מיוחד, טיף אַראָפּגעלאָזט די לאָדנס פון פענצטער. אָנגעצונדן אַ ליכט. מיט הענט וואָס האָבן געציטערט פון אומגעדולד האָט ער אויפגעריסן די זיגלען פון פּעקל און אויפגעקניפּט די גאָלדענע שנור. ער האָט זיך גענומען לייענען אין די אַלטע פאַרמעטענע כתבים, וואָס האָבן געשמעקט ווי בלעטער פון זעלטענע רויזן.

עס זענען פאַרלאָפן שעהן און שעהן — ער איז געזעסן און געלייענט. ער האָט אפילו געוואוסט שוין פון לאַנג, אַז סיי אין דעם גרעסטן שטערן און סיי אין דעם קלענסטן זאַמדל ליגן באַהאַלטן אייביקייטן ווי די שפּראָצונגען אין דעם זאָמען. ער האָט געוואוסט אַלצדינג, וואָס דער בלינדער זעער ר׳ יצחק סגי־נהור האָט אַזוי וואונדערלעך־אָפן געשריבן אין „ספר הבהיר״. יענע

וויסעגישן פון דעם וועלט־סוד זענען פאַרט נישט מער געווען ווי ווייטע אָפּ־קלאַנגען פון די געזאַנגען, וואָס זענען פאַרוויקלט אין די בלעטער פאַר וועלכע ער איז איצט געזעסן. אַלע זיינע פריערדיקע וויסענישן זענען נייערט געווען ווי אָפּשיינען פון דעם ליכט, וואָס איז געלעגן אין די פינצטערנישן פון דער הייל הינטער אַווילאַ. אַ פויגל מיט אַ קאָפּ פון אַ ייד האָט אויף זיי געוויזן מיט זיין שנאָבל. דאָס טונקלסטע טונקלעניש האָט זיך פאַר ר׳ משה די ליאָנען אַנטפּלעקט ווי אַ בוצינא דקורדנייתא, ווי אַ טונקעלער פייער־פלאַקער. אַלצ־דינג האָט פאַר אים אויפגעלויכטן. סיי די זיבן חכמות פון דער קדושה און סיי די זיבן נאַרישקייטן פון דער קליפּה. סיי דאָס פייער און סיי דאָס וואַסער פון וואָס עס איז צוזאַמענגעמישט די יצירה. אַלצדינג, וואָס ר׳ משהס אויגן האָבן נאָר געזען אין זיין ביז איצטיקן לעבן איז געווען נייערט דער משל. איצט זיצט ער און דערוואוסט זיך פון דעם נמשל. — און עס דוכט זיך אים אויס, צו הערן דאָס געפּליסטער פון דער ערשטער און העכסטער מחשבה.

די גאָר און גאַנץ פון דער וועלט האָט זיך פאַר ר׳ משהן געוויזן אין די דריי געשטאַלטונגען פון דער געשטאַלטונג. אין דעם געשטאַלט פון דעם מענטש, דעם אָדם־קדמון מיט אַלע אברים פון זיין גוף און מיט אַלע קנייטשן און שטרייכעלעך פון זיין פנים. אין דער געשטאַלט פון דער תורה מיט אירע מצוות און עבירות, און אין דער געשטאַלט פון דעד העכסטער און נידעריקסטער ווייבלעכקייט, די „אימא עילאה" און די „אמא תתאה" — די אויבערשטע און די אונטערשטע וועלט־מוטער. אונטן איז זי לילית אין דער גלוסטעניש, וואָס איז ווי זיסער סם, אָבער רגליה יורדות מות, אירע פיס זענען אייטל אומקום. אויבן איז זי די העכסטע ליבשאַפט, די מידת־הרחמים, וואָס פירט אַלצדינג צוריק צו דער ערשטער באַהעפטונג. דאָס הימלישע ווייב איז אַ געמיש פון קדושה און קליפּה, און זי איז באַהאַנגען מיט די ליכטיקע און פינצטערע געשמיידן פון ניגודים און קעגנזאַצן.

די תורה און די „אימא עילאה", — די שכינה — האָבן אין ר׳ משהס אויגן אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון אַ יידישע כלה. אַ חולת־אַהבה. אַ יפת־תואר ווי די שולמית פון „שיר השירים". זי איז געשטאַנען אין אַ פענצטער הינטער די לאַדנס, ווי אַ פאַרליבטע שפּאַנישע סעניאָריטע. רויטע רויזן האָבן געברענט אין אירע האָר. האָר, וואָס זענען געווען שוואַרץ ווי די נאַכט. זי איז געווען געהילט אין אַ שאַל פון טייערע שפּיצן. די שפּיצן זענען געווען לויטער און וויס ווי דער טאָג. מיט אויגן פולע מיט רחמים און ליבשאַפט האָט זי אַרויס־געקוקט פון די שפּאַלטן פון די אַרונטערגעלאָזענע לאַדנס. הציצה מן החרכים. זי האָט ווי געזאָגט צו ר׳ משה די ליאָנען:

— זינג מיר אַ סערענאַדע פון ליבשאַפט, ריטער דו מיין. לריח שמניך טובים. אין מיין האַרצן האָט זיך געוועקט די גלוסטונג פון דער העכסטער ליבשאַפט. דו ביסט מיין חתן. מיין האַרץ איז פאַר דיר אָפן ווי די רויז, וואָס וועקט זיך אין טויאיקן קאַיאַר און ווי דער עפּל־־בוים, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין צוויט. זינג מיר אַ סערענאַדע, געליבטער, און פיר מיך אונטער דער חופּה פון דער וועלט. —

קאַפּיטל פינף

תחילת האָט זיך שרה גאָרניט געכאַפּט, אַז איר מאַן זיצט שוין צוויי טעג פאַרמאַכט אין זיין חדר און לייענט אין די אַלטע מגילות. זי איז געוואוינט געווען, אַז ר׳ משה פלעגט פאַרפאַלן ווערן. זי האָט אויף אים כסדר געהאַט אַ ביטער האַרץ, אים מבטל געווען און געהאַלטן, אַז זי האָט אַ פינצטער מזל ביי אָט דעם פאַרחושטן בטלן, וואָס פרנסה און די פאַרזעסענע טאָכטער גייען אים אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

זי האָט אָבער צופעליק געטון אַ שפּאַר אויף די טיר. אין קליינעם חדר זענען די לאָדנס אַרונטערגעלאָזט. ס׳איז טונקל. די לופט איז פאַרדומפּעצט. אויפן טיש האַלט אַ ליכט ביים אויספלאַקערן. אַ צעשויבערטער זיצט ר׳ משה פאַר אַ פולן טיש מיט עפּעס אַלטע פאַרמעטן און עסט זיי פּשוט אויף מיט די אויגן.

— ווידער שפּאָגל־נייע משוגעתן — האָט שרה געזאָגט אַ פאַרביטערטע.

ר׳ משה די ליאָן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך ווי געוועקט פון אַ טיפן שלאָף. זיינע אויגן האָבן געברענט. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ און צעשראָקן. ער האָט געזען ווי שרה שטייט אויף דער שוועל. די הענט אונטער די באָקעס. זי קוקט אויף אים מיט דעם גאַנצן ביטול פון אַ ווייב, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ שלימזל.

— וואָס האָסטו דיר עפּעס אָנגעלייגט אַ טיש מיט אַלטע שמאַטעס, אַרונטערגעלאָזט די לאָדנס און ברענסט אומזיסט ליכט? — האָט זי געזאָגט — זאָרג זיך בעסער אויף נדן פאַר רחלען.

מיט דער האַנט, וואָס איז געווען פאַרשטויבט פון די אַלטע פאַרמעטן, האָט זיך ר׳ משה די ליאָן פלוצים אַ קלאַפּ געטון אויפן שטערן. ער האָט זיך מיד און אומגעדולדיק אויסגעשמייכלט און געזאָגט צו שרהן:

— איך זיץ טאַקע און אַרבעט אויס פאַר רחלען אַ נדן. אין אָט די כתבים ליגן שטיקער גאָלד. יידן וועלן מיך מאַכן פאַר אַ קצין, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, וואָס איך טראָג זיי אונטער.

שרה האָט זיך מיט די הענט געווישט איבער די באָקעס. זי האָט געזאָגט מיט פאַראַכטונג:

— ביסט אַ גולם פון אַ ייד. פאַר אָט די שמאַטעס וועט דיר דען עמיצער באַצאָלן אַ צעבראָכענע פּרוטה? יידן זענען קליגער פון דיר. אָט נעמען זיי און טראָגן אונטער אַ ייד אַ שוטה אוצרות מיט נדן —

— לאַך, לאַך שרה. פעסער מיט גאָלד ליגן ביי מיר איצט אויפן טיש, — האָט ר׳ משה די ליאָן געזאָגט מיט האַפּערדיקער זיכערקייט.

די סקעפּטישע יידענע האָט אים אין האַרצן נישט ליב געהאַט. פאָרט איז זי געבליבן שטיין ווי פאַרבליפט. זי האָט אַ ווייַלע געשוויגן. באַלד האָט זי געפרעגט ביי ר׳ משה די ליאָנען:

— אָט די אַלע געשריפטסן האָסטו אויסגעטראַכט פון דיין אייגענעם קאָפּ? — האָט זי געפרעגט האַלב ערנסט און האַלב איראָניש — וואָלסט בעסער

געטראַכט וועגן פּרנסה און וועגן דער פּאַרזעסענער טאָכטער, — האָט זי צוגעגעבן.

— איך האָב אַלצדינג אויסגעטראַכט פון אייגענעם קאָפּ — האָט ר׳ משה די ליאָן געזאָגט אויף דער אין געשווינדט... ער האָט געוואָלט פאַר שרהן אויפשפּילן זיין אייגענע חשיבות ווי אויך זי באַרויקן. זאָל זי אים לאָזן במנוחה ווייטער לייענען אין די מגילות פון „זוהר״.

שרה האָט צוגערופן דאָס אומעטיקע, פּאַרזעסענע מיידל. זי האָט איר מיט אַ פינגער געוויזן אויף ר׳ משהן, וואָס איז ווידער געזעסן — ווי ער וואָלט אַלצדינג געהאַט פאַרגעסן — מיטן קאָפּ טיף איינגעגראָבן אין די אַלטע פּאַרמעטן.

— עפּעס אויסצוטראַכטן אויף פּרנסה ווייסט ער נישט — האָט זי געזאָגט איראָניש און ביטער — אָבער אויסצוטראַכטן גאַנצע בערג מיט געשריפטסן — אויף דעם סטאַיעט אים דער נאַרישער קאָפּ. פריי זיך טאָכטער — האָט זי געזאָגט — דער טאַטע זאָגט, אַז פאַר אָט די שמאַטעס וועלן אים יידן אָנשיטן די קעשענעס מיט גאָלד און עס וועט זיך פאַר דיר יאָוווען אַ חתן — האָט ער געזאָגט — דאָס מינדסטע דער משנה־למלך ביים קיניג פון גראַנאַדע.

שרה האָט בייז פאַרהאַקט די טיר.

קאַפּיטל זעקס

צווישן די מקובלים אין ספרד האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט די שמועה, אַז ר׳ משה די ליאָן האָט הינטער אווילאַ געפונען דאָס ספר, וואָס איז דער מקור פון סוד. דעם מדרש הנעלם, דעם „זוהר״. געשריבן אייגנהענטיק האָט דאָס ספר נישט קיין קלענערער און נישט קיין שפּעטערער, ווי אָדם הראשון. הגם עס רעדט זיך דאָרט פון ר׳ שמעון בר יוחאי, פון ר׳ המנונה סבא און פון דער חברותא בעלי־סוד אין די צייטן פון די הייליקע תנאים. אין מוקדם ומאוחר בתורה. אין דעם ליכט פון די זיבן טעג אין וועלכע די וועלט איז געווען געהילט איידער דער מענטש האָט געזינדיקט, איז אדם הראשון געזעסן און געשריבן דעם „זוהר״. אין דער אויבערשטער חכמה איז דער מענטש געווען סיי תמימותדיק ווי אַ קינד אין דער וויג — און סיי וויסנדיק ווי אַ חכם אויף דעם שפּיץ פון זיינע יאָרן.

אָבער דער מענטש האָט זיך פאַרזינדיקט און ער האָט דווקא געוואָלט די אונטערשטע חכמה פון עץ־הדעת. אָט די אונטערשטע חכמה איז געווען פאַרוויקלט אין אַ שיין און גלוסטיק עפּעלע. דאָס עפּעלע איז דעם מענטש דערלאַנגט געוואָרן דורך דעם נחש־הקדמוני און דורך דעם וויב חוה, וואָס איז האַלב־מענטש, האַלב־שלאַנג, האַלב הימל און האַלב תהום —

אין די צייטן קודם החטא ווען אדם־הראשון האָט געשריבן דעם זוהר, האָבן נאָך די טעג געהאַט די זיבן ליכטער פון די זיבן חכמות. אַלע אייביקייטן האָבן אויסגעקוקט ווי אַ פּינטל אין אַן עיגול. עס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן דעם איצטער און צווישן דעם, וואָס איז געווען און דעם, וואָס וועט זיין.

אַלצדינג האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שפּיגל פון דעם הרף־עין. דאָס אַלצדינג איז צוגלייך געווען דאָס איינע. דער ערשטער מענטש פון דעם קודם־החטא איז צוגלייך געווען דער לעצטער מענטש פון דעם סוף כל הדורות.

מיטן חטא זענען פאַרלאָשן געוואָרן די זיבן ליכטער, די קלאָרע און לויטערע. די וועלט ווערט באַלויכטן פון אַ טריבער האַלעוועשקע. מיר זעען מער גאָרנישט פון דעם, וואָס איז דאָ צו זען. מיר זעען צומאָל נישט דאָס, וואָס ליגט אונז אונטער די פיס. סיידן די פּראָסטאַקעס, די למד־וויוו, האָבן יאָ עפּעס פון דער פריערדיקער השגה. די מקובלים זוכן בלויז דאָס וויסן.

עס איז נישט קיין חידוש, וואָס די בשורה, אַז עס איז געפונען געוואָרן דאָס ספר, וואָס דער מענטש האָט געשריבן אין זיין נאַקעטער תמימות, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם צווישן די בעלי־סוד אין ספרד. זיי זענען געקומען איינציקווייז קיין אַווילאַ, אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר פון ר׳ משה די ליאָן און אויך געוואָלט אַ קוק טון אויף די זיבן ליכטער פון „זוהר״.

שרה האָט געזען ווי פרעמדע יידן קומען פּלוצים אַריין צו איר ר׳ משהן און ער וויזט זיי די געשריפטסן, „וואָס ער האָט אויסגעטראַכט״ פון אייגענעם קאָפּ. תחילת האָט זי געמיינט, אַז הגם זיי קוקן נישט אויס ווי קצינים, און זענען, ווי עס זעט אויס, פּראָסטע אָרעמעלייט, זיינען זיי פּונ־דעסטוועגן שליחים צי מעקלערס, וואָס זענען געקומען באַקוקן ר׳ משהס אויסטראַכטענישן און ווילן זיי פאַרצוקערן מיט גאָלד. סוף כל סוף וועט מען מיט רחלען קאָנען טון אַ שיינעם שידוך. צווישן די קצינים ביי יידן זענען אויך פאַראַן אַזעלכע משוגענע קעפּ ווי איר משה — האָט שרה אין זיך געלאַכט, — וואָס זענען גרייט אויפצועפּענען די בייטלען און צו באַצאָלן לעבעדיק געלט פאַר אַזעלכע באַקריצטע פאַרמעטן.

אַ קלוגע יידענע איז זי געווען און זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס זענען יידן, וואָס זענען עוסק אין הוילער לופט ווי איר שמעיה־בעל־פרנסה. זיי ווייסן אויך נישט ווי אַזוי מען פאַרדינט אַ פּרוטה. זייערע ווייבער ווערן אויך גוט אויסגעריסן און זייערע טעכטער פאַרזיצן אין די גרויע צעפּ. שרה האָט געטראַכט מיט ביטערניש, אַז אומעטום אויף דער וועלט געפינען זיך קלוגע און נאַראָנים און קיין יידישע טאָכטער ווייסט נישט מיט וועמען עס איז איר באַשערט צו גיין אונטער דער חופּה.

קאַפּיטל זיבן

צו ר׳ משה די ליאָנען זענען געקומען און געקומען יידן מיט לאַנגע גרויע בערד. די מקובלים און די בעלי־קבין. צווישן זיי סגי־נהורס און לאָמע מיט קוליעס. יידן, וואָס זענען בלינד פון אַ סך זעעניש און לאָם פון אַ סך גיין אין די העכסטע וועגן פון דער מעשי־בראשית און מעשי־מרכבה.

זיי זענען געקומען אָרעמע און שוויַגנדיקע. לאַנגע טעג און נעכט זיינען זיי געזעסן אין חדרל ביי ר׳ משה די ליאָן. ליכט נאָך ליכט האָט זיך אויס־געברענט. עס איז פאַרגאַנגען — און נאָך אַמאָל פאַרגאַנגען — די זון אין די בין־השמשותן. די שטערן און די לבנה האָבן זיך פאַרלאָשן אין די באַגינענס.

די מקובלים פון ספרד זענען געזעסן, געקוקט, געלייענט אין די פֿאַר־מעטענע מגילות, וואָס אַ פֿויגל מיט אַ קאָפּ פֿון אַ ייד האָט אַוועקגעלייגט אין דער פֿינצטערסטער מערה הינטער דער שטאָט אַווילאַ.

דער בלינדער ר׳ יצחק האָט אין „ספר הבהיר" עפּעס געשריבן פֿון די צען היכלות פֿון הייליקייט און צען היכלות פֿון טומאה, דורך וועלכע גאָר די יצירה איז אַדורכגעגאַנגען ביז זי איז צוגעקומען צו דער נקודה, וואו דאָס אויבערשטע דמות פֿון אדם־קדמון האָט זיך איבערגעחזרט אין דער געשטאַלט פֿון דעם אונטערשטן מענטש. ר׳ יצחק האָט אויך דערציילט פֿון די זיבן חכמות און די זיבן נאַרישקייטן פֿון וועלכע עס באַשטייט די דער־קענטעניש. דער בלינדער ר׳ יצחק האָט עס אָבער דערציילט ווי אַ ווידער־קול, וואָס האָט ווייט אַוועקגעשוועבט פֿון איר מקור און בלאָנדזשעט אַרום אין אונזערע השגות ווי אַ שכינה אין גלות. ערשט אין „זוהר" האָבן די „בלינדע יידן" דערזען דעם לויטערן קוואַל. די „לאָמע יידן", די בעלי־קבין, זענען געגאַנגען מיט זייערע קוליעס און דערגרייכט צו די זיבן ליכטער און די זיבן פֿינצטערנישן.

קאַפּיטל אַכט

אין הייליקן לאַנד אין דער שטאָט צפֿת, וואָס אין גליל העליון, האָבן זיך דאַמאָלסט אויף הימל און ערד באַוויזן צייכנס, אַז די גאולה איז נאָענט. די מידת־הרחמים האָלט ביים פֿאַריאָגן אַלע מקטרגים אויף יידן און אויף דער וועלט. אין דער פּמליא של מעלה גרייט מען זיך צו שיקן די אויבערשטע שמידן קיין רוים און דאָרט אויפֿצובינדן משיחן פֿון די צוועלף קייטן. אין ירושלים של מעלה בלאָזט מען שופֿר.

דערציילט די ערשטע דערפֿון האָבן די למד־וויוו אין די וועלדער פֿון די תפֿוצות. זיי האָבן עס פֿאַרשווינדלעך געהערט פֿון אליהו הנביאן. אליהו הנביא ווייסט נישט צו האַלטן קיין סוד ווען עס גייען ישועות אויף יידן.

פֿון די למד־וויוו איז עס דערגאַנגען צו די מקובלים. פֿון אַלע תפֿוצות זענען זיי געקומען קיין צפֿת אַ קוק צו טון אויף דעם, וואָס עס גרייט זיך.

מען האָט פּשוט באַדאַרפֿט צו זיין טויב און בלינד, נישט צו זען ווי ארץ־ישראל שיילט זיך אַרויס פֿון די קליפּה ווי אַ זיסע נוס־יאָדער פֿון דער ביטערער שאָל. איבער די בערג פֿון צפֿת, אַזש ביז מירון, האָט — אין די בין־השמשותן צו מנחה־צייט — די זון אָנגעהויבן אַרויסצווייזן ליכטער, וואָס האָבן אין זיך געהאָט אָפּגלאַנצן פֿון די שבעת־הימים. ביי אַלע בעלי־חיימס, און אפֿילו ביי די שטומע דוממס, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אויף דעם אויבערפֿלאַך די ניצוצים פֿון די געשטאַלטן פֿון דעם אדם־קדמון, געשטאַלטן, וואָס גאָר די שאַפֿונג האָט אויף זיך געטראָגן קודם החטא. די פֿייגעלעך אויף די ביימער און די ווערימלעך אויף דער ערדן האָבן פּלוצים אָנגעהויבן צו רעדן לשון־קודש. די שטיינער, די געוויקסן און די דערנער האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען עפּעס אַזוינס, ווי די צורה פֿון אַלף־בית. צווישן די פֿעלזן, אין די קאָרע־שפּאַלטן פֿון די טייטל־ביימער, וגם אויף די ביידעמער

פון צפת, זענען ווי כמאַרעס שוואַרצע פליגן געזעסן זינדיקע נשמות, וואָס זענען אַהער געקומען פון די תפוצות ישראל, געוויינט, געיאָמערט און געקלעפּט אויף די פּאָלעס פון די מקובלים און געבעטן תיקון.

אויף דער קליפּה האָט געציטערט די הויט. זי איז געוואָרן מרה־שחורה־דיק ווי אַ באַרג און געשטומט ווי אַ געשלאָגענער הונט. ביי די שדים האָט זיך געטון חושך. נעמה מיט איר ליובאָווניק תובל־קין זענען ווי צוויי פלעדער־מייז געקומען צו פליען פון דער מדבר. לילית האָט העגדום־פּענדום פאַר־לאָזט די ווייטע כרכי־הים און איז אַהער געקומען קיין צפת. די „בישט־גוטע" פון אַלע תפוצות האָבן זיך באַזעצט אין די בלאָטעס הינטער דער הייליקער שטאָט און געמאַכט אסיפות ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם רשע אַרמילוס פון די הענט פון משיחן. ביי די שדים איז געווען תשעה־באָב. די איינציקע האָפענונג איז געווען לילית. טאָמער וועט איר פּאָרט געראָטן צו פאַרפירן אַ מקובל און דערמיט צו מאַכן חוזק פון דער מידת־הרחמים.

ליליתן איז געווען גוט אַנגעמאָזאָליעט אויפן האַרצן — פונדעסטוועגן האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט ביים שפּיגל און זיך אָנגעהויבן אָנצוטון די ניין און דרייסיק תכשיטים פון דער קליפּה. געשמיידן אין וועלכע זי האָט מכשיל געווען יידן בהקיץ ובחלום.

עס איז אָבער שווער געווען צו געפינען אין צפת אַ מקובל, וואָס זאָל זיך לאָזן כאַפּן פון ליליתן אויף דער ווענדקע. ווען מען ליגט איצט אין קאָפּ אירע האָר, וואָס זענען רויט ווי פייערדיקע רויזן און איר הויט, וואָס איז ווייס ווי דער טאָג ווען דער נחש האָט דערזען חוהן? אָט הערט מען שוין אין די בערג אַרום צפת ווי עס שאַרכן משיחס פּאָלעס. אומעטום זינגען די פייגל אויף לשון־קודש און תרגום־אונקולוס. מען דאַרף נאָר צו הערן דאָס כליפּען פון די זינדיקע נשמות, וואָס בעטן תיקון, כדי עס זאָלן זיך אויסלעשן די לעצטע פונקען פון דער קליפּה אין די מחשבות פון אַ ייד.

לילית איז אָבער נישט קיין נעבעכל פון אַ ווייבעלע. זי איז ווי אַ זלידנע פליג. נעמט זי זיך עפּעס אין קאָפּ אַריין, באַשטייט זי דערויף בייטאָג און ביינאַכט.

אין די בלאָטעס און זומפּן אַרום צפת איז דערווייל געוואָרן אַ געשטופּעניש פון „יענע לייט". די פרומערע און עלטערע שדים האָבן זיך אָנגעטון פּסולע טלית און תפילין און מכוון געווען די נעמלעכע כוונות מיט וועלכע יאָסעלע פּאַנדרע איז אַרומגעפלויגן אין די וואָלקנס. — סמאל אַליין האָט נאָר גע־האָפט אויף ליליתן.

ווי מיר וויסן פון דער גמרא געפינט זיך ביי שדים איינער אַ וואַזשנער שד מיטן נאָמען יוסף. דער דאָזיקער בר־נש אויף הינערישע פיסלעך איז אַ געוואַלדיקער למדן און אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן אין ש״ס ופוסקים. אין דער גמרא געפינען מיר, ווי יוסף שידאָ פלעגט זיך מפלפל זיין אין לערנען מיט די גרעסטע תנאים ואמוראים.

אויף זיינע הינערישע פיסלעך האָט זיך יוסף שידא אָנגעטון אַ פּאָר גרויסע רבנישע לאָטשן. ער האָט זיך אָנגעטון אַ זיידענע פאַרשלומפּערטע

בעקעשע מיט ברייטע פּאַלעס און זיך טיף אַראָפּגעלאָזט די רויטע געקרייזלטע פּיאות. אויפן קאָפּ האָט ער זיך אָנגעטון אַן אויסגעקראַכענעם ספּאָדיק. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ יאַמשענעם שטעקן און זיך געגרייט אַוועקצוגיין קיין צפת.

די ימח־שמו־ניצע נעמה, די באָבע פון די שדים, האָט אים אונטערן פּסולן טלית־קטן אָנגעטון אַ קמיעה פון דער קליפּה. לילית האָט אים אייגנהענטיק געגעבן אַ גלעט איבערן בעקל און געווונטשן הצלחה.

ווען יוסף שידא איז געקומען קיין צפת האָט ער ערשט געזען ווי ביטער עס איז. ער האָט אָנגעכאַפּט יונגעלייט אויף דער גאַס און זיי געוואָלט כאַפּן אויף אַ שמועסל פּלפּול. קיינעם זענען אָבער נישט געלעגן אין קאָפּ די הוויות פון אביי ורבא. די לופטן האָבן געשמעקט מיט רזי דשבת און מיט סודות התורה. מען האָט געוואָלט הערן נייערט די צירופים און יחודים פון דער קבלה.

לאָם, קרום און שטום, האָט זיך יוסף שידא קוים צוריק דערשלעפּט צו די בלאָטעס און זומפּן הינטער צפת.

קאַפּיטל ניין

עס האָבן דערגרייכט אין דער עיר הקודש צפת עטלעכע איבערגע־שריבענע עקזעמפּלאַרן פון דעם „ספר הזוהר", וואָס ר' משה די ליאָן האָט געפונען אין דער מערה הינטער אַווילאַ. ביי די צפתער מקובלים האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט די זיכערקייט, אַז דער שטן מעג זיך נייען אַ טאָרבע און צוזאַמען מיטן יצר־הרע גיין איבער די הייזער. אין דער לופטן האָט מען בפירוש געהערט די טריט פון קול־מבשר און ווי משיח פּאַכעט מיט זיינע פּאָלעס. אין די בין־השמשותן, ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָבן זיך די הימלען אָנגעטון אַ טלית פון גאָלד און תכלת. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען — די מטרוניתא גרייט זיך פונדאַסניי צום אויבערשטן זיווג. יידן־מקובלים דאַרפן נאָר צו צוהעלפן מיט זייערע ריינע מחשבות. מען דאַרף נישט זשאַלעווען קיין תעניתים און סיגופים און מען דאַרף לויפן אין די מיקוואות.

וואָס קאָן זיין מער באַוויז פון דער אויבערשטער ליבשאַפט, ווען אין דער פּמליא של מעלה האָט מען צוליב געטון דער מידת הרחמים — און טאַקע פון אות אַלף ביז אות תיו — און צעבראָכן אַלע זיגלען פון דעם פּאַר־הוילענעם? אַמאָל האָבן עס אפשר קוים געוואוסט די זעלטנסטע פון די זעלטענע. דיביימער אויפן פעלד האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פייער ווען די לעפּצן האָבן נאָר דערפון געפּליסטערט. — היינט צו טאָג ליגט עס אָפן פאַר יעדנס אויג אין די געפונענע בלעטער פון „זוהר". דער מינדסטער ייד אין ארץ־ישראל און אין די תפוצות קאָן זיך דערוויסן פון דעם לעצטן און פּאַר־הוילנסטן. דער רבונו של עולם האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער כנסת ישראל ווי אַ חתן פאַר זיין כלה . ער קלאַפּט אין אַלע יידישע לאַדנס און זיין קול איז ווי בשמים. פּתחי לי אחותי, רעיתי תמתי. ראש נמלא טל קווצותי —

רסיסי לילה. ער האָט איר געברענגט ווי אַ כלה־מתנה די זיבן ליכט־געשמיידן פון „זוהר". ויהי אור! די שכינה שמייכלט זיך אויס איבער גאָר דער וועלט ווי אַ בת־מלכה, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון געפענקעניש. אפילו איבער דער קליפה „נוגה" שפּראָצט שוין דער קאַיאָר פון דער קדושה, און זי טראַכט דערפון זיך אויסצוטון פון די זיבן היכלות פון טומאה און ווי אַ ליבהאַרציקע שוועסטער זיך צו דערנענטערן צום „כתר" פון דער ספירה „מלכות". עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס די מקובלים אין צפת הערן ווי די פייגל אין די גרעזער רעדן לשון־קודש און תרגום־אונקולוס — און אויף דיביידעמער און אין די ראָגעס פלאַטערן ווי שוואַרצע פליגן כמאַרעס מיט זינדיקע נשמות און קוקן אויס דעם תיקון.

קאַפּיטל צען

בימים ההם, אין יענע וואונדערלעכע צייטן האָט אין דער הייליקער שטאָט חברון געוואוינט אַ יונגערמאַן ושמו יוסף דיילה ריינה. ער האָט גע־שטאַמט פון די גולי־ספרד און איז געווען שיין ווי אַ בן־מלך. זיינע האָר זענען געווען שוואַרץ ווי די שפּאַנישע נעכט אין וועלכע מען זינגט סערענאַדעס. אין די אויגן זיינע האָט געברענט אַ פייער, וואָס איז געווען אַ געמיש פון תשובה און גלוסטונג. זיין בלוט איז געווען הייס. אין זיין מוח האָבן געשוויבלט און געגריבלט אַלערליי דמיונות.

פון די ספרים הקדושים וויסן מיר — דמיונות זענען געגליכן צו מרכבות און וועגענער וואָס פאָרן אין נעפלען און מאַכן אַ רעש. טיילמאָל פאָרן דאָרט די ספירות פון דער הייליקייט. טיילמאָל כאַפּן זיך דאָרט אַרויף די לצים פון דער סיטרא־אחרא און מאַכן אַן אַ געוואַלדיקן האַרמידער. פויקן, טרומייטערן, און פייפן זיס אויף פייפאַלן. מיר פאַלן נעבעך אַריין אין אַן אויסדוכטעניש, אַז עס פאָרן די צען מדרגות פון דער יצירה. אין דער אמתן איז עס דער האָקוס־פּאָקוס און דאָס פורים־שפּיל פון לייליתן און אירע משחיתים. זיי זענען אַרויס־געפאָרן פון דעם פינצטערן „אבדון" אויף מרכבות פון אַ מיקלאָמפּערשטן „אויבן" און ווילן פאַנגען צדיקים און זיי ברענגען צו סמאלן.

יוסף דיילה ריינהן האָבן טאָג ווי נאַכט געפּאַרקעט מחשבות וועגן משיחן. ער האָט דווקא זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס עס טוט זיך הינטערן „פּרגוד" און הינטער דער פאָרהאַנג הינטער וועלכער מען טאָר נישט אַרונטערקוקן. ער האָט גריילעך געוואוסט, אַז די שיינקייט פון זיין אייגענעם חומר, פון גוף זיינעם הייסט עס, שטייט ווי אַן אייזערנע מחיצה און לאָזט אים נישט אַריבער־שפּרינגען די גרענעצן.

ער האָט טאָקע נאָך ביים לעבן געוואָלט אַרונטערברענגען דעם גוף צו שטויב — וואָס איז די לעצטע מדרגה פון חומר — און אים צוברעכן ווי אַ לעסטיקן שאַרבן. ער האָט געפאַסט לאַנגע תעניתים, געמאַכט סיגופים, זיך געוואַלגערט אַ נאַקעטער איבער שפּיציקע שטיינער און זיך געבראָטן אויף דער שרפהדיקער ארץ־ישראל־זון. ער האָט געגעסן דערנער און געוויקסן, וואָס האָבן אים צעשטאָכן די צונג און די יאַסלעס און ביי אים געברענט אין די

איינגעווייקט ווי דאָס פייער פון גיהנם. ער האָט געטרונקען נייערט וואַסער פון די זומפּן. וואַסער וואָס איז ביטער ווי דער טויט. גאַנצע נעכט איז ער אָפּגעלעגן פאַר דער טיר פון דער מערת־המכפלה און געיאָמערט פאַר די אבות, אַז זיי זאָלן אויף אים רחמנות האָבן און אים מגלה זיין זייערע וויסענישן. די ישמעאלים, וואָס היטן די מערת־המכפלה, האָבן אים געקאַטעוועט מיט זייערע בייטשן, און אים געוואָלט אַוועקטרייבן. יוסף דיילה ריינה האָט זיך אָבער מיט זיינע צעבלוטיקטע פינגער געקלאַמערט אין די ערדן וואו עס רוען די אבות. ער איז געלעגן ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם און געיאָמערט: „נצח".

ווען ער איז אויף אַ רגע אַנטשלאָפן געוואָרן האָט ער געזען: — פאַר זיינע אויגן קומט צופאָרן אַ גאָלדענע מרכבה. אויף איר זיצט אַ מטרוניתא מיט אַלע שיינקייטן און געשמיידן פון דער מידה „תפארת". איר געשטאַלט בלענדט אין די אויגן ווי די זון אין קאַיאַר. אירע הענט שמעקן מיט די בשמים פון „שיר־השירים". — זי האָט צו יוסף דיילה ריינהן געשמייכלט מיט די טויזנט שמייכלען פון דער מידת־הרחמים און האָט אים לייכט אַ גלעט געטון איבער דער באָרד. ער האָט פּלוצעם דערשפּירט ווי אַלע געבליטן ווערן אין אים הייס ווי די לופטן אין תמוז.

ער איז זיכער געווען — די שכינה איז צו אים אַראָפּגעקומען פון די אויבערשטע היכלות און וויל אים אַרונטערפירן הינטערן „פרגוד".

ער האָט זיך שאַרפער צוגעקוקט צו דער שטראַלנדיקער מטרוניתא. אים האָט זיך אויסגעדוכט — אירע פיס זענען געשמיידיק און לאַנג ווי די צוויי גאָלדענע שלאַנגען — די לינקע ספירות „נצח" און „הוד" — די געפלעכטן פון אירע האָר זענען רויט ווי פייערדיקע רויזן. איר הויט איז ווייס פון פאַרשייטער גלוסטונג. אין די לעפלעך פון אירע אויערן הענגען די ניין און דרייסיק אוירינגלעך פון דער קליפּה.

זי האָט יוספן געוויזן הינטער אַ פּרגוד. ער האָט אַרונטערגעקוקט און געזוכט דעם „נצח". דאָס לעצטע און דאָס אייביקע. דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט פון אייטל זהב־טהור. דאָס בעטגעוואַנט, וואָס איז געווען ווייס ווי דער שניי אויפן באַרג חרמון, איז געווען באַשיט מיט איינשלעפערנדיקע בשמים. יוסף דיילה ריינה האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן אין שלאָף. ער האָט דערקענט די מטרוניתא פון דער „סיטרא־אחרא", ליליתן די שאַלקהאַפטיקע.

האָט ער געפאַסט נייע תעניתים. זיך מסגף געווען מיט די פיינלעכסטע סיגופים. ער האָט פאַרשאַלטן זיין גוף וואָס האָט אַזוי פיל נושא־חן ביי דער מטרוניתא לילית און זי גלוסט מיט אים זיך צו באַהעפטן.

ערשט ווען ס'איז צו ר' יוספן קיין חברון דערגאַנגען וועגן דעם געפונענעם „זוהר", האָט זיך אין אים געוועקט די האָפענונג — אַז ענדלעך איז געקומען די גאולה צו זיינע מחשבות. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין צופוס קיין צפת.

קאַפּיטל עלף

אין צפת איז יוסף דיילה ריינהן אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן. ערהאָט געזען אויף דער וואָר, וואָס אין חברון האָט מען אים קוים געוויזן אינם פאַרנעפּלטן שפּיגל פון דמיונות. ער האָט גיריק איבערגעלייענט דעם „זוהר". באַשיימפּערלעך איז אים אויסגעקומען, — דער „אַלטער פון די טעג" האָט זיך איינגעהילט אין אַלע זיינע מידות און ספירות ווי אין אַ טלית — און האָט זיך מצמצם געווען אין די אותיות פון די בלעטער פון „זוהר". דער „אַלטער פון די טעג" זאָגט צו אים: יוסף מיין זון, דו האָסט אומזיסט אַנגעקלאַפּט אין די טירן פון דער מערת־המכפלה. אונטער אברהם אבינוס קישן איז שוין דאָרט גאָרנישט געלעגן. אַ פויגל מיט אַ קאָפּ פון אַ ייד האָט פון דאָרט אַפּערגענומען דעם פּלאַן וועדליק וועלכן איך האָב באַשאַפן די וועלטן. ער האָט מיין מחשבה אַוועקגעטראָגן אין אַ הייל אין מדינת־ספרד. דער מקובל ר' משה די ליאָן האָט זי געפונען. יוסף בני, — האָט צו אים געזאָגט דער „עתיק יומין" וואָס איז צוגלייך דער העכסטער „אין" — אין מיין האַרצן האָט זיך געוועקט די אַמאָליקע ליבשאַפט צו דער מטרוניתא. איך האָב צוריק אַנגעצונדן איבער דער וועלט די זיבן ליכטער פון די זיבן טעג און די דריי ליכטער פונם רעגנבויגן. איך זוך אַרום די את שאהבה נפשי, מיין ליבסטע טויב, די שכינה וואָס וואַלגערט זיך אין די בלאָטעס פון גלות צוזאַמען מיט דער כנסת־ישראל. יוסף בני, העלף מיר זי אויסלייזן, די האַרץ־געליבטע מיינע, די זיסע טויב מיינע, די שכינה. מיט מיין טלית פון צען ספירות וועל איך איר אויסווישן די טרערן פון די אויגן און זיי קושן.

יוסף דיילה ריינה האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון די אותיות פון „זוהר" און זיך אַרומגעקוקט איבער דער עיר־הקודש צפת, איבער אירע ביימער, צמחים און בערג. עס האָט זיך אים באַשיימפּערלעך אויסגעדוכט — אַלצדינג וואָס ער זעט מיט זיינע לייבלעכע אויגן אין די צפתער אינדרויסנס זענען נייערט די איבערחזרונגען פון דעם, וואָס די אויגן פון זיין נשמה האָבן געזען אין די אינעווייניקייטן פון דעם וואונדערלעכן ספר. אַלצדינג האָט זיך פאַרקניפּט און פאַרבונדן אין אַן איינס ווי די צען ספירות אין דעם וואָרט „אחד". די צפתער אינדרויסנס זענען נייערט די תגין אין די אותיות פון דעם „ספר־העולם" פון דער פמליא של מעלה.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער צפת און איר אומגעגנט. זיינע אויערן האָבן אויפגעהאָרכט ווי דער „אַבאַ" און די „אמאַ" — דער „פאָטער" און די „מוטער" פון דער יצירה — זוכן זיך איבער די בערג ווי צוויי טויבן וואָס וואָרקען פון ליבשאַפט. אין די צפתער הימלען האָט זיך עפּעטער אַנגעהייבן צו באַווייזן דער רעגנבויגן. יוסף דיילה ריינה האָט באַשיימפּערלעך געזען — די שכינה האָט זיך אָנגעטון אין די געשמיידן פון „תפארת". איר געוואַנט לייכט רויט, גרין און ווייס, — און וואָס דאָס זענען די דריי קאָלירן פון די דריי אבות פון דער כנסת־ישראל.

ווען יוסף דיילה ריינה איז צוגעקומען צו די בלאָטעס און זומפּן הינטער צפת האָט ער געהערט דאָס יאָמערן און פּישטשען פון דערשראָקענע שדים.

נעמא און איר ליובאָווניק תובל־קין זיצן אויף אָבל־בענקעלעך און זענען שוואַרץ ווי קויל. לילית וואָס האָט זיך אים אַזוי שטראַלנדיק געוויזן אין זיינע חברונער חלומות קוקט איצט אויס ווי אַן אַלטע בעטלערקע און גייט אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס. אירע רויטע האָר וואָס האָבן אים אַמאָל געלויכטן ווי רויזן אין קאַיאָר, קוקן איצט אויס ווי קאַלטענעס. עס הערט זיך פון זיי דער ריח פון זומפּ און בלאָטע. לילית אונטן אין דער צפּתער בלאָטע, אַקעגן דער שכינה און די געוועגדער פון צפתער רעגנבויגן, קוקט טאַקע אויס כקוף בפני בן־אדם, ווי אַ מאַלפּע קעגן די שיינקייטן פון דער מלכה פון רזא דשבת.

— די טומאה איז נישט מער ווי דאָס פּסולת פון דער דערקענטעניש־מחשבה — די מחשבה וואָס נאָר זי דערגרייכט צום קן־צפור, דער היכל פון יחוד און כוונה — האָט יוסף דיילה ריינה צו זיך געפּליסטערט אין גייסטיקער תשוקה — די טומאה איז נייערט דער צעבראָכענער שאַרבן פון די הייליקע געפּעסן פון דער שאַפונג. דאָס ליכט פון דער קליפּה קומט פון הינטערשטן טייל פון דער גאָטהייט. די גאָטהייט האָט אַמאָל אָוועקגעדרייט איר פּנים פון איר אייגענער מחשבה. דעמאָלט האָט דאָס שאַפונגס־ליכט פון איר אַרויסגעשלאָגן נייערט ווי די שיינע ווידל־פּעדערן פון אַן אָוועקגייענ־דיקער פּאַווע. דעמאָלט האָט די קליפּה אַרויסגעקוקט פון חשכות אין אַ מאַסקע פון ליכט.

— מען מוז צוהעלפן דעם „גרויסן אַלטן" זיך צוריקצוקערן מיטן פּנים צו גאָר דעם אַלצדינג. מען מוז באַפרייען די שכינה פון ליליתעס נעצן און זי צוריקפירן צו איר ליבסטן, צו איר אויבערשטן חתן. מען מוז משיחן פירן אונטער דער חופּה מיט דער כנסת־ישראל. עס מוז ווידער קומען די שעה פון זיווג אַזוי ווי זי איז געווען קודם־החטא.

— אָבער אין חבוש מתיר את עצמו מבית־אַסורים. די גאָטהייט קען זיך אַליין נישט באַפרייען פון אירע אייגענע נויטן. אין דער גאולה מוז איר דורכאויס צוהעלפן דער מענטש. דער אונטערשטער אדם־קדמון, נייערט דער אדם־קדמון פון אונטן קאָן צעברעכן די קייטן פון אויבערשטן אדם־קדמון.

דער אונטערשטער מענטש מוז זיך אַליין באַפרייען פון זיינע נויטן איידער ער גייט ברענגען די גאולה אין גאָר די עולמות. אַלצדינג איז דער מענטש. אין זיינע הענט ליגן די שליסלען סיי צו דער קדושה און סיי צו דער טומאה. וואָס ווייסן די מלאכים און די שרפים? זיי ווייסן גאָרניט אין אַלע זייערע וויסענישן. זיי ווערן ווי זומער־פייגעלעך געבוירן אינם געזאַנג פון די שטערן. זיי פאַרשווינדן ווידער אינם געזאַנג ווי די ווינטן אין די וועלדער. בלויז מטטרון שטייט הינטערן „פּרגוד" ווי דער „צווייטער" לעבן דעם „גרויסן אַלטן". מטטרון האַלט די שליסלען צו אַלע וויסענישן. און מטטרון איז אַ מענטש. אַ מענטש וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ פּשוטער שוסטער אין די זינדיקע דורות פון מבול. ווען ער איז געזעסן אויפן שוסטער־בענקל און גענייט שיך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַרבינדן דאָס אונטער־שטע מיטן אויבערשטן איז דער צייכן און דער שליסל פון גאָר דער „יצירה".

נישט די חיות־הקודש נייערט פראָסטע האָרעפּאָשנע שיך האָבן אים געלערנט די לעצטע סודות פון דער שאַפונג. און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיינע מעשים און מחשבות. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט און געטון אויפן וועג פון די „פאַרבינדונגען" ביז ער האָט דערגרייכט צו זיין די „צווייטע האַנט" לעבן דער „ערשטער האַנט", וואָס איז דער מקור פון אַלע טועכצן. מטטרון איז דאָס קליינע געשטאַלט פון „יש" לעבן דער גרויסער געשטאַלט פונם „אין".

— איך וועל אויך ווערן אַ מטטרון — האָט יוסף דיילה ריינה צו זיך געזאָגט מיט התלהבותדיקער פעסטקייט און זיך אַרומגעקוקט איבער די בערג פון צפת. — אַלצדינג דאָ וואַרט אויף מיר אין דער תשוקה פונם „זיווג". אַלצדינג וויל געבוירן ווערן פון אויפסניי. איך מוז זיין די הייבאַם, וואָס זאָל דער מטרוניתא צוהעלפן צו געבערן אויף דער בראָך־שטול פון דער גאולה.

יוסף דיילה ריינה האָט ווידער אָנגעהויבן צו עסן שטעכלקעס מיט דערנער, וואָס האָבן אים געברענט אין די אינגעווייידן ווי דאָס פייער פון גיהנם. ער האָט זיך געוואַלגערט אויף בייסנדיקע פּאָקשיוועס און אויף שפּיציקע אייזנס. זיין גוף איז געווען צעשטאָכן ווי אַ זיפּ. אָבער ער, דער גוף, איז נאָך שענער געוואָרן אונטער יוספס פּייניקונגען ווי גינגאָלד, וואָס מען פּוצט עס און מען רייבט עס. גאַנצע נעכט האָט יוסף געיאָמערט און זיך מסגף געווען. ער האָט זיך געשמיסן מיט רימענס און זיך צעקראַצט דעם זינדיקן חומר מיט נעגל. בייטאָג האָט מען אין צפת געהערט ווי עס וויינען אַלערליי מקובלים ווי הונגעריקע שאָקאַלן. צווישן זיי האָט זיך מיט באַזונ־דערער ביטערניש אַרויסגעהערט דאָס געיאָמער פון יוסף דיילה ריינה. ער האָט געקלאָגט ווי די גאָטהייט אין די חורבות פון דער מדבר און געשריען „נצחו!".

קאַפּיטל צוועלף

מיר ווייסן עס הן פון ספרים און הן פון אַלטער יידישער פּראַקטיק — אין דעם זכותו יגן עלינו, אליהו־הנביא, פלאַקערט די אהבת־ישראל ווי אַ העלישער פלאַם. ער קאָן נישט איינזיצן צווישן די גרויסע נפטרים אין גן־עדן און זען ווי זיי באָדן זיך אין נהר־אפרסמון און מען שיט זיי אָן די קעשענעס מיט שכר פאַר זייער לעבן אויפן עולם־השפל. אליהו־הנביא האָט דווקא ליב די קליינע זינדיקע יידעלעך וואָס מוטשען זיך נעבעך אונטן אויפן עולם־התחתון און פירן נאָך ביטערע מלחמות מיטן יצר־הרע און מיט דער קליפה. אָט די קליינע זעלנערלעך פון השם־יתברך זענען אליהו־הנביאן ליבער ווי די גרויסע שישקעס אויבן אין די גנזי־מרומים.

מחמת דערימעך איז אליהו־הנביא דער פּורים־שפּילער אין די עולמות עליונים און האָט זיך ליב צו פאַרשטעלן פאַר אַ ייד אַן אָרעמאַן, צי גאָר אַ ייד אַ פּראָסטאַק און טרייבט אפילו אַ קעלבל אויפן מאַרק. ער האָט האָלד אַרומצוגיין איבער די תפוצות און זען וואָס יידן טראַכטן און טון און ווי עס גייט זיי אין פּרנסה.

גייט זיך אַזוי אליהו־הנביא כדרכו איבער די תפוצות און קוקט אַריין דורך די שפּאַרונעס פון די טירן און פענצטער און קוקט אָן זיינע צאן־קדשים און שעפּט נחת.

פאַר אליהו־הנביא האָט מען נישט קיין סודות אין דער פּמליא של מעלה. עס איז שוין אויך אויבן אַ סוד פאַר בראַד. די חיות־הקודש שמועסן דערפון אויף די דעכער און עס קלינגט דערמיט אין אַלע זיבן היכלות, — היינו, אין דער עיר־הקודש צפת שטייען יידן אונטער אַ נייעם באַרג סיני און זענען מקבל דעם „זוהר".

איז זיך מישב אליהו־הנביא און טראַכט ביי זיך כהאי לישנא: איך וועל מיר אויף טשעקאַוועס אַ ביסל אַהין גיין קיין צפת און אַ קוק טון ווי הויך יידעלעך קלעטערן שוין אַרום אויף דער מעשי־מרכבה.

ווען זכותו יגן עלינו איז אַריינגעקומען אין הייליקן שטעטל האָט עס געהאַלטן ביינאַכט ביי דער ערשטער אשמורה. אים איז אַקעגן געשפּרונגען אַ גרויסער ווייסער האָן און האָט זיך צעקרייעט. אליהו־הנביא טוט אַ קוק אויפן רויטן צעפּעכערטן קאַם פון האָן. דער קאַם ווערט בלאַס און בלאַסער ווי דער שמייכל אויף די לעפצן פון אַ כשרער בתולה. אליהו־הנביא טראַכט מיט שמחה: כביכול איז איצט גאַר אויפגעלייגט און שפּילט זיך מיט די צדיקים אין גן־עדן. די מידת־הרחמים איז געוואָרן די פאַלנע באַלעבאָסטע אין די עולמות־עליונים. עס איז פּשוט אַ נחת איצט זיך אַרומצודרייען צווישן יידן.

אליהו־הנביא גייט ווייטער איבערן הייליקן צפת. אין אַלע פענצטערלעך צאַנקען ליכטעלעך. יידן שוויגן נישט — טראַכט ביי זיך אליהו־הנביא — זיי ריכטן אָפּ „חצות" און זיצן און לערנען ביינאַכט. פון די פענצטער פון די שולן און בתי־מדרשים הערט זיך דער זיסער זינג־זאַנג פון דער גמרא. קיין עין־הרע — שעפּטשען אליהו־הנביאס ליפּן — ס'איז לייכט צו זיין אויבן אַ מידת־הרחמים ווען מען פאַרמאָגט אונטן אַזעלכע יידן.

און אליהו־הנביא שפּאַנט ווייטער אַ האַפּערדיקער.

פּלוצעם הערט ער פון אַ פענצטער אַ ביטער געיאָמער.

עס האַלט אַ ייד חלילה ביי יציאת־נשמה און עס איז נעבעך דאָרט אַ ביטער געוויין — טוט אליהו־הנביא אַ זיפץ.

פּלוצעם האָט זיך אַ הונט צעוואָיעט אינמיטן די צפתער פרומע ביינאַכטן.

אליהו־הנביא איז זיכער געוועזן — אויך דער מלאך־המות איז דאָ אַהער געקומען אין שטעטל און פאַרעט זיך ביי אַ גוסס און וויל ביי אים צונעמען די נשמה. דערימעך איז דאָרט דאָס געוויין אַזוי ביטער אינמיטן דעם זיסן זינג־זאַנג פון תורה וואָס שאַלט פון אַלע צפתער באַלויכטענע פענצטער.

—אַן אַלטער שוטה, — שמייכלט צופרידן אליהו־הנביא — ער האָט טאַקע, דער טיפּש, זיין אייגנס קיילעכדיקע טויזנט אויגן, אָבער אַ פּייג זעט ער, וואָס עס טוט זיך ביי משיחן. אליהו־הנביא טוט אַ שקאָציש קנאַק מיטן פינגער און שמייכלט אין דער לופטן אַריין: אָקערשט וועט זיין תחית־המתים און דער מלאך־המות וועט בלייבן ביים פּעטאַך.

פּאַרט שטאַרבט אַ ייד און אליהו־הנביא איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען דאָס געיאָמער.

אויפן לײמענעם דיל צווישן הויפנס מיט פּאַקשיוועס און שפּיציקע אײזנס האָט זיך געוואַלגערט אַ שפּילטער־נאַקעטער יונגערמאַן. זיין הויט איז געווען צעקאַטעוועט און צעשונדן פון סיגופים און פּייניקונגען. אָבער אַ גופישע שײנקײט האָט פון דאָרט אַרויסגעשמעקט ווי אַ צעבליטע רויז צווישן דערנער. דער יונגערמאַן האָט הויך געיאָמערט. ער האָט זיך גע־קנוילט צווישן די פּאַקשיוועס ווי אַ צעבלוטיקטע שלאַנג און געשריִען „נצח ישראל!״.

קאַפּיטל דרייצן

אליהו־הנביא האָט נישט לאַנג באַדאַרפט טראַכטן. ער האָט פאַר זיך געזען אַ מקובל וואָס וויל מיט די נעגל אַרויסקראַצן די סודות פון דער מעשי־מרכבה. אָט דער צעשונדענער שפּילטער־נאַקעטער קיבעלניק האָט זיך פּאַרנומען צו דערלאַנגען מיט בייזן צו השגות פון אַ וועלט, וואָס איז היינט צו טאָג היגטערן פּאַרטעך פון דער מידת־הרחמים. אליהו־הנביא איז עפּעס גאָרנישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע יידן. ער האָט נייערט געקאַנט די למד־וויוו צדיקים וכדומה יידן באַלמעלאַכעס און אַרענדאַרן, וואָס טאַפּטשען אַרום אין די עולמות־עליונים אין פּראָסטע פויערשע שטיוואַלעס. יידן וואָס זענען מהנה דעם האַר פון די וועלטן מיט אַ ליבהאַרציקן שמייכל, מיט אַ קאַפּיטל תהילים. צי גאָר מיט דערלאַנגען אַ הונגעריקן אָרעמאַן אַ טעפּל וואַרעמע גריץ. עמך־שער־און־אײזן־צדיקים. וואָס פּייניקט זיך נעבעך אָט דער מקובל? — האָט זיך אליהו־הנביא געחידושט און געזיפצט — וואָס רייסט ער פון זיך דאָס בשר און וואַלגערט זיך צווישן פּאַקשיוועס?

זכותו יגן עלינו האָט זיך דאָך אָבער געלערנט אהבת־ישראל ביי די למד־וויוו צדיקים און ביי פּראָסטע באַלמעלאַכעס און אַרענדאַרן, איז עס אים אויסגעקומען פּריקרע. עס איז דאָס הייליקע צפת. פון אומעטום הערט זיך דאָס זיסע זינג־זאַנג פון תורה. יידן רעכטן־אָפּ חצות. די קאַמען פון אַלע הענער אין שטעטל זענען ווייס פון אויבערשטער רחמים, — און איך — האָט זיך אליהו־הנביא געמוסרט — שטיי מיר דאָ און בין איך די מחשבות מקטרג אויף אַ ייד.

ויכמרו רחמיו — האָט אליהו־הנביא באַלד רחמנות באַקומען אויף דעם צעקאַטעוועטן און צעבלוטיקטן מקובל, וואָס הערט נישט אויף צו יאָמערן: „נצח ישראל!״ און ער איז אַריינגעגאַנגען צו יוסף דיילה ריינהן אין שטיבל.

ער האָט אים, דעם מקובל, לייכט אָנגערירט מיטן אָרעמאַנסקן וואַלד־שטעקן, מיט וועלכן זכותו יגן עלינו האָט שוין אויסגעמאָסטן גאָר די תפוצות ישראל.

— איר מאַכט דאָך נעבעך פון זיך אַ תל־עולם, ר׳ ייד — האָט אליהו־הנביא געזאָגט מיט אַ וואַרעם קול.

יוסף דיילה ריינה האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר ווילדע צעיושעטע אויגן צום פרעמדן אָרעמאַן וואָס איז אים מבטל אינמיטן די סיגופים.

— מן־הסתם האָט איך אין די אינדרויסנס לילית אַהער געשיקט צו מיר — האָט ער ביטער געיאָמערט — צי זענט איר נישט אַמאָל תובל־קין צי גמגימה דער שר פון ערשטן היכל־הטומאה און איר ווילט מיך אַרונטער־נעמען פון די רעדער פון דער מעשי־מרכבה?

זינט אליהו־הנביא דרייט זיך אַרום צווישן יידן האָט אים נאָך חלילה קיינער נישט חושד געווען צו זיין דער שליח פון דער קליפה. ביי זיין גאַנצער גוטסקייט און עניוות האָט זיך אליהו־הנביא געשפּירט געטראָפן אין האָנער. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטיל ציטערדיק קול:

— ווי פּאַלט עס אייך איין, ר׳ יוסף, אַזעלכעס אויף מיר צו טראַכטן? איך בין דאָך אליהו־הנביא, — האָט זכותו יגן עלינו געזאָגט כמעט ווי אַ באַליידיקטער. מחמת דערימעך האָט ער פאַרגעסן, אַז ס׳איז זיין דרך צו זיין צווישן יידן גאָר גאָר בהצנע לכת און נישט אויסצוטרומייטערן זיין יחוס.

יוסף דיילה ריינה האָט זיך איינגענורעט אין די פּאָקשיוועס ווי אין אַ גיפּטיקן טלית. מען האָט פּשוט געשפּירט ווי זיי בריען און סיקען אויף זיין גוף. ער האָט זיך צוגעריטשעט צו אַליהו־הנביאן און אים אָנגעכאַפּט פאַר די פּאַלעס.

— איך ווייס גאָרנישט פון די צירופים און פון די צוויי און זיבעציק אותיות פון העכסטן נאָמען — האָט ער געיאָמערט און זיך מיט ביידע הענט אָנגעהאַלטן אין אליהו־הנביאס פּאַלעס ווי מיט צוואַנגען — און איך קאָן מיך אַ טריט ווייטער נישט רירן. איבער צפת ווײנט די מטרוניתא. איך קאָן איר דאָס מינדסטע נישט העלפן. ווי אַזוי קאָן איך באַהעפטן דעם גרויסן „זיווג״ ווען איך קאָן נישט באַהעפטן די אותיות? ווען איר, אליהו־הנביא, וועט מיר נישט עפענען דאָס טירל צום סוד פון צירוף, — האָט ער געיאָמערט — נעם איך און הענג מיך אויף אויף אַ בוים לעבן די בלאָטעס פון דער קליפה. בעסער וועל איך זיין אַ מאבד עצמו לדעת — האָט ער געשריען — איידער צו צוקוקן דעם צער פון דער וואָרקענדיקער טויב, דעם צער פון דער אויבער־שטער מאָמע אין די קייטן פון איר געפאַנגענשאַפט.

יוסף דיילה ריינה האָט ווידער איינגענורעט זיין פּנים אין די פּאָקשיוועס און ביטער אָנגעהויבן צו וויינען.

האָט זיך דאָך אָבער אליהו־הנביא געלערנט אהבת־ישראל ביי פּראָסטע יידן באַלמעלאָכעס און אַרענדאַרן, האָט ער וואויל געוואוסט, אַז סתם השגות זענען ווי שוואַכע זומער־פייגעלעך. זיי פּלאָנטערן אין דער לופטן נאָר פליען נישט הויך. מיט רחמנות און ליבשאַפט דערגרייכט מען מער אין די עולמות־עליונים ווי מיט די שענסטע געזאַנגען פון די שרפים און חיות־הקודש. האָט ער, זכותו יגן עלינו, גאָר פאַרגעסן, אַז אויפן געביי פון די צוויי און זיבעציק אותיות האַלטן זיך די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, און אַז אָט דעם סוד מוז מען באַהאַלטן אפילו פאַר די לעפצן פון אליהו־הנביאן. אויב אַ ייד וואַלגערט זיך אין פּאָקשיוועס און סטראַשעט זיך חלילה אויפצוהענגען אויף אַ בוים — איז וואָס דאַ שייך זיך צו שפּילן אין סודות און באַהעלטעניש? האָט ער, זכותו יגן עלינו, זיך אָנגערופן מיט אַ ליב־האַרציק שמייכעלע:

— איך בין אפילו נישט פון די שאַרפע קעפּ און לומדים פון דער פמליא של מעלה. פונדעסטוועגן, ווײַנט נישט, יונגערמאַן, און עסט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ. דאָס ביסעלע וואָס איך ווייס, וועל איך אײַך דערציילן.

יוסף דיילה ריינה האָט אָבער נישט אויפגעהערט אליהו־הנביאן צו האַלטן פאַר די פּאָלעס און צו יאָמערן, אַז איידער צו צוזען דעם צער פון דער שכינה — וויל איך זיך ליבערשט אויפהענגען אויף אַ בוים.

— איך וועל אײַך זאָגן פון די צירופים פון דעם ביסעלע וואָס איך ווייס, — האָט זיך אליהו־הנביא געבעטן ביים ווילדן מקובל. פאָרט האָט אליהו־הנביא צוגעגעבן מיט אַ שמייכעלע:

— עס איז טשעקאַווע מיט די מענטשן אויפן עולם־התחתון — האָט ער געזאָגט — אין איין רגע ווילן זיי מיט די צוויי און זיבעציק אותיות אויפ־בויען דאָס זעלביקע, וואָס דער כביכול פּרוּווט שוין צו טון זינט אַ סך אייביקייטן און ס׳איז אים, כביכול, נישט געראָטן. די געפּעסן אין וועלכע ער האָט געוואָלט אַריינבויען די צוויי און זיבעציק יסודות פון זײַן „אחד" זענען אים כסדר צעבראָכן געוואָרן פון דער שפע פון דער מחשבה פון דער יצירה. אין די שאַרבנס פון אָט די געפּעסן קלעפּט זיך, ווי מיר ווייסן, די סיטרא־אחרא.

אליהו־הנביא האָט עס ווי געשמועסט מיט זיך אַליין. יוסף דיילה ריינה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעגלאָצט מיט אַ פּאָר פלאַמיקע און צעיושעטע אויגן. ער האָט כסדר געסטראַשעט אליהו־הנביאן מיט זיך אויפ־הענגען אויף אַ בוים.

— אין צפת — האָט אליהו־הנביא ווײַטער ווי גערעדט צו זיך אַליין — שינדט פון זיך אַ יונגערמאַן די הויט און וויל זיך נעמען דאָס לעבן אויב ער וועט נישט וויסן די פאַרבינדונגען פון די צוויי און זיבעציק צייכנס פון דעם איינס. אויך איבער די זיבעציק אומות אין גאַר דער וועלט טריפט עס איצט מיט סוד און מיט „זוהר". אַ סך פון זייערע חכמים האָבן אַוועקגעוואָרפן די זיבן וויסענישן, וואָס איז דערלויבט אַ מענטש צו וויסן און האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אויוונס און ביי קיכן. „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייער" — טוט אליהו־הנביא פלוצעם אַ זינג אינדערלופטן די ערשטע סטראָפע פון אַ יידיש פאָלקס־לידל — טאָג און נאַכט פלאַקערט דאָרט אַ רויטע סלמנדרא. זיי קוקן אַריין אין דעם אונטערשטן „זוהר", וואָס איז געשריבן מיט די צוויי און זיבעציק אותיות פון חומר און „עולם־העשיה". זיי ווילן אויך אויסגע־פינען דעם מקור און צוריק אויפבויען דעם „אחד" מיט די פאַרשטעלטע יסודות פון דער פילהייט. אומעטום זוכט מען איצט דעם סוד פון דער יצירה. מען זוכט אים סיי אין די השגות פון מוח סיי אין די יסודות פונם גוף. עס איז געוואָרן אַ זוכעניש אויף דעם וועלטעניו און מען שטופּט זיך אַרונטער צו קוקן הינטערן „פּרגוד". עפּעס דוכט זיך מיר אויס — האָט אליהו־הנביא געזאָגט און אָנגעקוקט יוסף דיילה ריינהן — אַז דאָס תמימותדיקע וויסעניש האָט זיך אָפּגעטון פון די פּראָסטע אַרענדאַרן און פון די שעפּעלעך אויף דער לאָנקע. דאָס תמימותדיקע וויסעניש איז דאָך געווען אַ גרויסע השגה, וואָס

האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ פויערישער סוקמאַנע. איי אלי, אלי — האָט זיך זכותו יגן עלינו אַליין געסטראַשעט מיטן פינגער — אויף דער עלטער וועסטו נאָך מוזן גיין אין חדר אַריין צו די מקובלים און צו די אַלכעמיקער.

אליהו־הנביא האָט אַ קאַפּעלע ביי זיך געמוזט זיין געפּאַלן. מחמת דערימעך האָט ער זיך געלאָזט אָפּסטראַשען פון יוסף דיילה רייַנהן און האָט זיך לעבן אים אָוועקגעזעצט אויף אַ הויפן פּאַקשיוועס. ער האָט דעם צפתער מסגף אָנגעהויבן מוסר צו זיין אַביסעלע סודות פון די צוויי און זיבעציק אותיות פון וועלכע עס ווייסן בלויז מטטרון און אליהו־הנביא. די צונג האָט זיך דעם זכותו יגן עלינו אַ קאַפּעלע אויפגעבונדן און ער האָט יוסף דיילה רייַנהן געלאָזט אַ קוק־אַרונטער טון הינטערן „פּרגוד".

קאַפּיטל פערצן

איידער אליהו־הנביא איז נאָך צוריק אַרויפגעקומען אין דער פּמליא של מעלה האָט מען שוין אויבן אין די עולמות עליונים דערהערט אַ גרילץ איבמיטן דער גרויסער האַרמאַניע פון רחמים און ליבשאַפט. אַ האַרמאַניע וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די וועלטן זינט מען האָט מגלה געווען דעם „זוהר". מען האָט אויבן געהערט אַ ביטער געשריי פון אַ ייד אינמיטן דעם זיסן זינגזאַנג פון תורה, וואָס איז ביינאַכט אויפגעשטיגן פון צפת. לעבן דעם שטילן קול פון דער שכינה וואָס האָט אין די צפתער בערג געוואָרקעט ווי אַ פּאַרליבטע טערקלטויב, האָט מען דערהערט דאָס קראַקען פון אַ שפּאַרבער וואָס שרייט נאָך רויב. שפּעטער האָט מען געזען ווי צווישן די צוויי און זיבעציק אותיות — וואָס פון זיי באַשטייען אַלע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן — שטופּן זיך אויך אַריין עפּעס אַנדערע צוויי און זיבעציק אותיות. פּאַרגרייזטע און צעבלוטיקטע אותיות ווי געמאַטערטע פייגל. עפּעס ווי די מידת־הדין וואָלט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי וויל ביי דער מידת־הרחמים אַרויסרייסן פון די הענט די שליסלען צו אַלע טויערן.

תחילת האָט מען זיך אויבן נישט געכאַפּט פון וואַנען עס קומט דער טשאַד. מען האָט גאָר געמיינט, אַז עס איז דעם סמס אַ שטיקל שניידערישע אַרבעט. דער ימח־שמו נעמט אַרויס פון דער קעשענע די לעצטע פינצטערנישן וואָס זענען אים נאָך איבערגעבליבן און וויל מאַכן אַ רויק.

פון אויבן קוקט מען אַראָפּ אויף די בלאָטעס און זומפּן הינטער צפת. זיי זענען טאַקע באַקלעפּט מיט שדים ווי מיט זלידנע פליגן. אָבער עס איז דאָרט תשעה־באָב. לילית זיצט ווי אַן ארחי־פּרחיטע ביי אַ צעבראָכן שפּיגעלע און קעמט זיך די רויטע קאָלטענעס. זי שושקעט זיך עפּעס מיטן אַלטן יוסף שידאַ. לאָזן זיי זיך שושקען — לאַכט מען אין די עולמות־עליונים — עס איז נישט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק.

מען נישטערט ווייטער איבער צפת. ענדלעך געפינט מען אַ יונגנמאַן, וואָס זיצט אַ שפּילטער־נאַקעטער צווישן פּאַקשיוועס און שפּיציקע אייזנס. ער פּלאָנטערט זיך ווי אַ סגי־נהור צווישן די צוויי און זיבעציק אותיות פון

דער „זעאונג״. פון דאָרט פליען אַרויס די הייליקע צייכנס ווי צעבלוטיקטע פייגל.

— ווער האָט דעם ראָצער געלאָזט אַרונטערקוקן הינטערן „פּרגוד״? חדושט מען זיך אין דער פּמליא של מעלה.

אינצווישן איז אַרויפגעקומען אליהו־הנביא. ער איז נאָך געגאַנגען אָנגעטון אין די אָרעמאַנסקע מלבושים און געטאָפּטשעט מיטן פּראָסטן וואַלד־שטעקן איבערן לבנת־הספיר פון די אויבערשטע דילן.

דערהערט וואָס עס טוט זיך אויבן, איז דאָך אָבער אליהו־הנביא דער גרויסער ערלעכער מאַן, האָט ער געגומען און דערציילט די גאַנצע מעשה. איך האָב רחמנות באַקומען — האָט ער געזאָגט אָן קונצן — אויף אַ ייד און יענער האָט ביי מיר אויסגענאַרט דעם סוד.

— גייט, זייט מוחל, באותו הרגע צוריק אַראָפּ אויפן עולם־השפל און זאָגט דעם סמאַרקאַטש, אַז ער זאָל נישט דרייען קיין ספּאָדיק, — האָט מען שאַרף געזאָגט צו אליהו־הנביאן.

קאַפּיטל פופצן

נישטאָ אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן נאָך אַזאַ אומגע־לומפּערטע זאַך ווי נעמען אליהו־הנביאן און אים הייסן זיך בייזערן. זכותו יגן עלינו ווייסט גאָרנישט ווי מען עסט עס. ער האָט עס נישט צוגעזען נישט ביי די למד־וויוו צדיקים, נישט ביי פּראָסטע אַרענדאַרן און נישט ביי די דריי אבות און ביי די פיר אמהות.

עס איז נעבעך אליהו־הנביאן געווען זייער פּריקרע אָט דאָס שאַרפע שליחות פון דער פמליא של מעלה. וואָס הייסט? ער וועט אַראָפּגיין קיין צפת און דאָרט אויסשייגעצן יוסף דיילה ריינהן? נאָר פּאַרפאַלן. אַז מען הייסט, מוז מען גיין.

אליהו־הנביא האָט געגומען דעם וואַלד־שטעקן. ס'ערשטע מאָל זינט זיין אייביק לעבן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן עולם־התחתון אַ פּאַר־מרה־שחורהטער.

עס האָט אים, זכותו יגן עלינו, אָבער כסדר געפּאַרקעט. ס'הייסט כ'וועל אויסשייגעצן און חלילה מבייש זיין אַ ייד? שאַרפע ווערטער האָבן זיך אים גאָרנישט געלייגט אויף דער צונג. זיי האָבן אים געביסן ווי פּעפּער. האָט ער זיך, נאָך אַ שוועבנדיקער אין די וואָלקנס, מיישב געווען: אויף דער וועלט בלאָזט עס מיט מידת־הרחמים, און איך וועל גאָר אַריינפאַלן אין כעס? איך וועל פּרוּאוון — האָט אליהו־הנביא ביי זיך פּעסט באַשלאָסן — איך וועל פּרוּאוון מיט גוטן. איך וועל מיך פּשוט ביים צפתער יונגערמאַן בעטן, אַז ער זאָל אויפהערן זיך צו פּלאָנטערן אין די צוויי און זיבעציק אותיות.

ווען אליהו־הנביא האָט אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר פון יוסף דיילה ריינה, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן דעם האַרבן פּסוק, וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט אין דער פמליא של מעלה. נאָך קיינמאָל האָט אליהו־הנביא נישט

געפילט אַזאַ גוטסקייט אין געמיט. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז די מידת־הרחמים הייסט אים נישט פאָלגן, וואָס מען האָט אים אויבן אָנגעזאָגט וועדליק די אַלטע שטייגערס פון דער מידת־הדין. בייזער זיך נישט, אלי — הערט ער בחוש ווי די מידת־הרחמים פליסטערט אים אין די אויערן אַריין — וואָס מען פועלט נישט אויס מיט גוטן — מיט בייזן וועט מען עס אוודאי נישט אויספועלן!

זכותו יגן עלינו האָט שטיל געעפנט די טיר. מיט אַ ליב־האַרציק שמייכעלע אויפן פנים איז ער אַריינגעקומען צו יוסף דיילה רייִנהן.

קאַפּיטל זעכצן

ער האָט דעם מקובל געטראָפן זיצן שפּילטער־נאַקעט אויף אַ הויפן פּאַקשיוועס. איבער די קניען איז אים געלעגן אויסגעשפּרייט אַ פּאַרמעט. דאָרט זענען געשטאַנען אויפגעשריבן די צוויי און זיבעציק אותיות. יוסף דיילה רייִנה שרייבט און מעקט, רעכנט און איז מצרף. אָבער אַלעמאָל מאַכט ער אַ געוואַלד, אַז עס שטימט אים נישט דער וועלט־חשבון.

אליהו־הנביא טוט אַ קוש דער מזוזה און זאָגט שטיל „גאָט העלף!"

יוסף דיילה רייִנה האָט באותו הרגע דערקענט אליהו־הנביאן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון דעם הויפן פּאַקשיוועס, צוגעלאָפן צום זכותו יגן עלינו און אים גראַב אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעס.

— גוט וואָס איר זענט געקומען — האָט ער געיאָמערט צו אליהו־הנביאן — איך זיץ דאָ און בין מצרף און מצרף. אַלצדינג קומט מיר אַרויס קאַפּויער. אַנשטאָט דער „גרויסער נאָמען" קומען מיר אַרויס די אותיות „שעטנז". ווי מיר ווייסן איז דאָס דער צירוף פון דער קליפּה. יוסף דיילה רייִנה האָט ווידער געסטראַשעט אליהו־הנביאן, אַז אויב ער וועט אים נישט ווייזן ווי אַזוי מען איז ריכטיק מצרף די אותיות נעמט ער און הענגט זיך אויף אויף אַ בוים.

אליהו־הנביא האָט געעפנט זיינע לעפצן מיט אַ קול־תחנונים און זיך געבעטן ביים מקובל:

— פאָלגט מיך, ר' יוסף, און האַקט אָפּ.

—וואָס הייסט אָפּהאַקן? — האָט יוסף דיילה רייִנה געיאָמערט — די מטרוניתא וויינט אין צפת און רופט מיך זי אויסצולייזן. זי איז שוין בלינד פון וויינען און זי שרומפּט איין און ווערט קלענער און קלענער ווי די לבנה אין סוף חודש. דער נחש־הקדמוני איז אויפגעשטאַנען פון זיינע ניין פינצטערע טייכן און ער איז אַהערגעקומען קיין צפת און פאַרט דאָ אַרום איבער די בערג אויף זיינע פאַלשע מרכבות. ער מאַכט דאָ פון אַלעמען געלעכטער און וויל אויסשטעלן דעם „זוהר" פאַר אַ חוזק.

— פאָלגט מיר, ר' יוספשי, האַקט אָפּ — האָט זיך אליהו־הנביא געבעטן — די מידת־הרחמים וועט זיך שוין ווי־עס־איז אַן עצה געבן.

— מידת־הרחמים! וואָס ווייסט די מידת־הרחמים פון דעם נחש־הקדמוני, וואָס פאַרנעמט זיך צו ווערן דער איינציקער האַר פון די וועלטן!?

נישטאָ קיין מידת־הרחמים — האָט יוסף דיילה ריינה געשריען. — מען מוז אַנדערש איבערשטעלן די צוויי און זיבעציק אותיות און אויפבויען די וועלט לויט אַנדערע צירופים — האָט ער געשריען צום זכותו יגן עלינו.

— ר׳ יוספשי סערדצע — האָט זיך אליהו־הנביא געבעטן — אין דער פמליא של מעלה...

יוסף דיילה ריינה האָט שוין מער נישט געהערט.

— פאַר מיר איינעם אין צפת — האָט ער געשריען — האָט נאָך דער סמאל מורא. ער קוקט מיר אויף די פינגער טאָמער וועט מיר פּאָרט געראָטן דער צירוף. מחמת דערימעך וויל ער מיך כסדר מבלבל זיין און שטעקט מיר אַריין אַ שטעקן צווישן די רעדער און רוקט מיר אונטער אַ פאַלשן חשבון. ביינאַכט וויזט מיר אַ חלום, אַז איך בין פּרעה מלך מצרים. עס מעקען צו מיר זיבן מאָגערע קי און עס טרייסלען זיך אין די ווינטן זיבן מאָגערע זאַנגען. עס זענען אָבער נייערט די זיבן היכלות פון דער טומאה, וועלכע דער אדם־בליעל וויל מיר פאַרשאַכערן, אַבי איך זאָל אים לאָזן צורו.

— ר׳ יוספשי — האָט זיך אליהו־הנביא געבעטן — מען וועט זיך שוין אויבן אָן עצה געבן אָן אייערע צירופים. איך וואָלט אייך פאַרגינען דעם נחת אָנצוקוקן דאָס פּנים פון דער מידת־הרחמים. קיין עין־הרע פאַרשיינט עס איצטער אַלע זיבן הימלען.

— וואָס רעדט איר פון מידת־הרחמים אליהו־התשבי — האָט זיך יוסף דיילה ריינה פּלוצעם ביטער צעלאַכט — איר ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט מיט יידן און משיח קאָן דערווייל נישט רירן מיט קיין פינגער. אין צרפת טרייבט מען זיי ווי אַ פאַרלאָזענע סטאַדע. אין ספרד ברענט מען זיי אויף שייטער־הויפנס און מען גרייט זיך צו אַ נייעם גירוש. עס וועט נישט איבערבלייבן קיין שריד ופליט פון דער כנסת־ישראל אויב מען וועט דאָ אויפן עולם־התחתון נישט נעמען די לייצעס אין דער האַנט אַריין און באַפרייען משיח פון זיינע קייטן.

ווען מען נעמט און מען גיט אליהו־הנביאן אַ דערצייל פון דעם פּעקל יידישע צרות, —דעמאָלט בלייבט ער, זכותו יגן עלינו, שוין אינגאַנצן אָן לשון און אָן אָפּגעקאָכטער. וועלכער פּאַסטעך וועט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווען וועלף פרעסן זיינע שעפעלעך?

יוסף דיילה ריינה האָט געיאָמערט און ווייטער דערציילט ווי עס שטייט איצט מיט יידן אין דער וועלט. אין דער פמליא של מעלה מאַכט מען צו לאַנגע צערעמאָניעס און עס וועט ווערן צו שפּעט.

— וואָס הייסט זיי האָבן מיר אויבן אָנגעזאָגט צו היטן די צונג? — האָט זיך אליהו־הנביא געמוסרט — מען ברענט יידן אויפן פייער און מען גרייט צו גירושים און איך וועל מיר אַזוי שטיין אינמיטן פון דער צפתער נאַכט און וועל האַלטן סודות אין דער קעשענע? מי יודע? דער יונגערמאַן דאַרט אויף די פּאַקשיוועס וועט אפשר פּאָרט לויפן און ברענגען משיחן, הגם אין דער פמליא האַלט מען עס פאַר נאָך צו פרי? איך וועל אים העלפן — און זאָלן זיי אויבן מיט מיר טון וואָס זיי ווילן.

אליהו־הנביא האָט פאַרגעסן צו וואָס מען האָט אים אַהער געשיקט און וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. ער האָט זיך פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און האָט זיך לעבן יוסף דיילה ריינהן אַוועקגעזעצט אויף דעם הויפן פּאָקשיוועס. ער האָט געעפנט דאָס זעקל מיט שמות און צירופים, וואָס ער האָט געהאַט הינטער די פּאָלעס, ויפתח את פיו — די צונג האָט זיך אים פונאַנדערגעבונדן.

קאַפּיטל זיבעצן

קודם־כל האָט אליהו־הנביא יוסף דיילה ריינהן דעציילט וואו עס זיצט די סמעטענע פון דער סיטרא־דשמאָלא, די הויפּט רעדל־פירער פון די קליפּות. זיי זיצן אין די הררי־קדם. דאָס זענען די פינצטערסטע בערג צווישן די הרי־חושך. אין די זומפּן פון זייערע טיפע טאָלן הערשט דער חושך־מצרים. אייביק הערט מען דאָרט ווי עס וואָיען און בילן די כלבי־דחציפין, די פאַרשייטע הינט פון דער טומאה. דאָרט אין די זומפּן טוישן זייערע הויטן און סיקען די שלאַנגען „עקלתון" און „בריח". שדיכעס אין דער געשטאַלט פון פלעדער־מייז לאַכן אינדערלופטן און שמועסן צווישן זיך ניבול־פה.

אין יענע מקומות, געבונדענע אין קייטן און מיט זעק איבער די אויגן, — זיצן צוויי אַמאַליקע מלאכים עוזא און עויזיאל. זיי זענען אַראָפּגעקומען פון אויבן כלומרשט די וועלט מחזיר־למוטב צו זיין. האָבן אָבער געוואָרפן אַן אויג אויף די שיינע מענטשלעכע טעכטער און מיט זיי אָנגעפּלאָדיעט אַ וועלט מיט קליפּות. בלויז די בתולה איסטהר איז געווען אַן עומדת בנסיון און האָט זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן מיט קיין שאַלקהאַפטיקע מלאכים. פון איר איז טאַקע געוואָרן אַ שטערן און זי לייכט אין די הימלען.

— פון דער וועלט וואָלט געוואָרן אַ שאול־תחתית — האָט אליהו־הנביא געזיפצט — ווען אין דער פמליא של מעלה כאַפּט מען זיך נישט באַצייטנס. האָט מען טאַקע גענומען העגדום־פענדום און די צוויי געפאַלענע תכשיטים געשמידט אין קייטן און זיי אַוועקגעזעצט אין די חשכותן פון די הררי־קדם.

—די געפאַלענע, די אַמאַליקע, עוזא און עויזיאל — זענען אָבער נישט אַזעלכע מלופם־קינדערלעך, וואָס זאָלן וועלן שטיל איינזיצן אין די פינצטער־נישן. עס פלאָנטערן זיך נאָך אין זייער זכרון אַ סך פון די אויבערשטע וויסענישן. נעמען זיי אָט די וויסענישן און טראָמפּייטערן זיי אויס איבער אַלע פיר עקן פון דער וועלט. זיי רופן אַלעמען אַהין צו קומען צו זיי — וועלן זיי אויספּלוידערן אַלע סודות פון דעם כביכול. די קלענסטע פליג — באַרימען זיי זיך — קענען מיר אויסשטעלן פאַרן גרעסטן מכשף און מיט איר הילף אַרויסטרייבן פון דער וועלט אַלע צען ספירות פון דער הייליקייט. מיר וועלן ליליתן אַוועקזעצן אויף דער שטול — באַרימען זיי זיך — און איר אָנטון אויפן קאָפּ די פיר און צוואַנציק כתרין־תתאין, די טאָפּל־צוועלף קרוינען פון די אונטערשטקייטן.

— דעמאָלט וואָלט שוין חלילה — זאָגט אליהו־הנביא צו יוסף דיילה ריינהן — געקומען אַ סוף צו דער כנסת־ישראל.

— זעט איר דאָך, אליהו־הנביא, — האָט יוסף דיילה ריינה געשריען — אַז מען טאָר מער נישט וואַרטן.

— על כן דערימעך, בני היקר, — האָט אליהו־הנביא געזאָגט — אַחוץ די צירופים וואָס איך וועל דיר זאָגן, וועל איך דיר נאָך מוסר זיין אַ קייט. אויף דער קייט שטייט אויסגעקריצט דער „שם המפורש". דאָ האָסטו אויך אַ פּאַפּירל. אינם פּאַפּירל ליגט אַ געמיש פון די עלף קרייטעכצער „לבונה־זכה". פון די זעלביקע עלף קרייטעכצער האָט דאָס בית־אבטינס געמאַכט דאָס קטורת פאַרן בית־המקדש. מיט דער הילף פון די „צירופים" וועסטו געשווינד דערגרייכן אַהין אין דעם מיטן פון די הררי־קדם. זאָלסט זיך ניט דערשרעקן, יוספשי, און האַלט זיך. אין די פינצטערנישן וואָיען און בילן דאָרט די כלבי־דחציפין, די פאַרשייטע הינט פון דער טומאה. פון די לעכער הערט מען דאָס סיקען פון די שלאַנגען „עקלתון" און „בריח", וואָס בייטן כסדר זייערע הויטן. פונדערלופטן וועסטו הערן דאָס לאַכן און דעם ניבול־פּה פון דער שדים־באָבע נעמא. ווייז איר אַ פייג און הער זי ווי אין טראָק. ווען דו וועסט ווייטער גיין וועט דיר אַקעגנקומען אַ שוואַרצער הונט. גרויס און מוראדיק אין געשטאַלט. זיינע אויגאַפּיס שפּריצן מיט פייער. זיין פּיסק איז אָפן ווי אַ שאול־תחתית און עס גייט פון דאָרט אַרויס אַ ריח־רע. צינד אָן דעם קטורת, יוספשי, כדי דו זאָלסט חלילה נישט דערשטיקט ווערן פון דעם הונטס אָטעם — האָט אליהו־הנביא געזאָגט. — דער שוואַרצער כלב וועט זיך אויף דיר וואַרפן און דיך וועלן צערייסן אויף שטיקער. שרעק זיך נישט, יוסף דיילה ריינה, און האַלט זיך — האָט אליהו־הנביא געזאָגט און דאָס קול האָט ביי אים געציטערט — נעם די קייט מיטן „שם־המפורש" און וואַרף אויף אים אַרויף. די הייליקע קייט וועט זיך איבער אים אַרומוויקלען און ער וועט בלייבן ליגן אַ געבונדענער.

— הנה, זיי וויסן, ר' יוספשי, אַז אָט דער כלב איז ער אַליין ימח־שמו. דער סאַמעראָדנער סמאל הרשע. דער בליעל, דער אדם־קדמון פון אַלצדינג שלעכטן. זיי נאָר מכוון די כוונות און יחודים, וואָס איך בין דיר דאָ מוסר — האָט אליהו־הנביא געזאָגט און דערלאַנגט יוסף דיילה ריינהן אַ שטיקל פּאַרמעט מיט אויפגעשריבענע יחודים. דו זאָלסט נישט באַלאַמוטשען, בני־היקר, נעם אַ חלף מיט פגימות און שנייד דעם בעל־דבר איבער דעם גאָרגל. מאַך דיר אַ האַרץ פון אַ שטיין. האָב נישט קיין רחמנות אויפן שלעכטן. דער שוואַרצער כלב וועט פאַר דיר וויינען און דיר לעקן די שטיוול און דיך וועלן מאַכן פאַר זיין האַר. הער אים ווי אין טראָק. זאָלסט אים חס־ושלום נישט געבן צו שמעקן פון קטורת. האַלט זיך ר' יוסף. טו אַזוי ווי איך הייס דיך און ברענג משיחן פאַר דער כנסת־ישראל.

נאָכדעם האָט זיך אליהו־הנביא אויפגעהויבן פון דעם הויפן פּאַקשיוועס און אַרויסגעגאַנגען פון יוסף דיילה ריינהעס שטיבל. צפת האָט בלאָס געלויכטן אין דעם שיין פון דער לבנה. פון אַלע פענצטער האָט זיך געהערט דער זיסער זינג־זאַנג פון תורה.

אליהו־הנביא זכותו יגן עלינו האָט זיך אַרומגעקוקט אין די לבנה־

ליכטיקייטן אין וועלכע צפת איז געווען געהילט ווי אין אַ הימלישן טלית. ער האָט צו זיך געזאָגט:

— זיי וועלן אויבן אין דער פמליא זיין אַנגעדרילעט אויף מיר. וואָסער אליהו־הנביא וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל נישט קודם־כל הקודמס מיך זאָרגן פאַר יידן?

קאַפּיטל אַכצן

יוסף דיילה ריינה האָט מצרף געווען די ריכטיקע צירופים און יחודים. באַלד איז ער אַהין געקומען אינמיטן פון די הררי־קדם. עס איז דאָרט געווען אויף דער האָר ווי זכותו יגן עלינו האָט געזאָגט.

מיט אַ מוראדיק געביל איז אָנגעקומען צו לויפן אַ שוואַרצער הונט און געוואָלט אויפן מקובל אַרויפשפרינגען. דער ריח־רע פון דעם הונטס פּיסק האָט ביי יוספן פשוט צוגענומען דעם אָטעם. אָבער יוסף האָט זיך געשטאַרקט און אַ וואָרף אַרויף געטון אויפן הונט די קייט מיטן „שם המפורש".

דער הונט איז אים געבליבן ליגן פאַר די פיס אַ געבונדענער ווי אַ שעפּס. ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און זיך צו בעטן ביים מקובל אויף פּראָסט עברי־טייטש.

יוסף דיילה ריינה האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ גרויסן חלף. דער חלף איז פול געווען מיט פּגימות ווי אַ זעג, אָבער ער האָט געפינקלט אין דעם חושך־מצרים פון דער קליפּה ווי אַ שאַרפער בליץ אין דער נאַכט. יוסף האָט זיך פאַרנומען צו צולייגן דעם חלף צום כלבס גאַרגל.

ויפתח את פיו — דער הונט, וואָס האָט פריער אַזוי פירכטערלעך געהאָט געוואָיעט און געבילט, איז פלוצעם געוואָרן איינגעלייגט ווי אַ לעמעלע. פון זיין צונג האָט זיך געשיט צוקער. ער האָט גערעדט אויף לשון־קודש, אויף יידיש־טייטש, אויף לאַדינאָ, און אויף ענלעכע לשונות, וואָס יידן רעדן אין די תפוצות. מיט זייער זיסקייט וואָלטן אָט די ריידעלעך געקאָנט איבער־ריידן אַ טויבן. עס זענען בעמלעך געווען די זעלביקע דיבורים, וואָס האָבן אדמען צוגערעדט צו אַלדאָס בייז און ביי קורחן געפּועלט מורד צו זיין אין משה רבינון.

דער שוואַרצער הונט האָט יוסף דיילה ריינהן אויסגעמאָלט די עשירותן פון דער גופישער וועלט און די גלוסטענישן און תענוגים, וואָס אין די לייבער פון די ווייבער. איך וועל דיר געבן בתולות, וואָס אָקעגן זיי איז לילית נישט מער ווי אַ קאַלטער טשאָלנט־טאָפּ — האָט דער געבונדענער סמאל געזאָגט צום מקובל.

יוסף דיילה ריינה האָט אָבער אויפגעהויבן דעם חלף מיט די פּגימות און זיך געגרייט דעם בעל־דבר צו דערקוילענען.

דער געבונדענער שוואַרצער כלב האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט צוקער. זיין קול איז געווען זיסער ווי דאָס קול פון דעם האַרציקסטן זינג־פייגעלע.

— איך ווייס ר׳ יוסף — האָט ער געזאָגט — אַז איר האָט דעם שענסטן

גוף פון אַ מאַנסביל. לילית ווערט נאָך איך די כפרה. זי זעט איך כסדר אין חלום און איר זענט מבלבל אירע הרהורים. ווי נעמט מען, ר׳ יוספשי, אַזאַ שיינקייט און מען וואַלגערט עס אין פּאַקשיוועס? ס׳הייסט, איר זענט זיך מסגף, עסט שטעכעדיקע דערנער און טרינקט פאַרשטונקען זומפּ־וואַסער? וואָס וועט איר שוין דערפון האָבן ווען אפילו איר וועט ברענגען משיחן און ווען אפילו איר וועט זיך דערוויסן ווי אַזוי עס פאָרן די רעדער פון דער מעשי־מרכבה? גלייבט מיר, ר׳ יוסף סערדצע, איך בין אויסגע־קניפּט און אויסגעבונדן אין די אַלע סודות, וואָס איר זוכט און וואָס אייערס גלייכן זוכן. איך זאָג עס אייך בהן צדקי: אין פיצעלע עולם הזה וועגט איבער דעם גאַנצן האַרמידער מיט העכערע השגות.

בשעת יוסף דיילה ריינה האָט זיך אַלץ כסדר געפּאָרעט מיטן חלף, האָט זיך דערווייל דער כלב אַנגעהויבן אַריינצולאָזן אין טיפן מחקר. ער האָט געבערענגט פּעק מיט ראיות. איטלעכע ראיה האָט געשניטן ווי אַ מעסער און זיך געלייגט אויפן שכל ווי אַ ליכט אין די פינצטערנישן. נעמלעך, אַז אַלע העכערע השגות זענען נישט מער ווי אויסדוכטענישן פון עפּעס אַ מענטשלעכן דמיון. דער דמיון פונם מענטש רייסט זיך צו פאַרשלאָסענע טירן הינטער וועלכע עס איז דאָס מינדסטע נישט פאַרשלאָסן. עס איז נישטאָ קיין מעשי־מרכבה און קיין מעשי־בראשית. די וועלט איז אַ קדמונדיקע נפלע און זי דרייט זיך צווישן די אַנדערע וועלטן ווי אַ פּוסטע ווינט־מיל צווישן פּוסטע קרעטשמעס. נישטאָ קיין איינס און קיין צוזאַמענבינדעניש. ר׳ יוספשי. אַלע צירופים און יחודים זענען גאָלע אויסדוכטעניש. עס עקסיסטירט בלויז דער גוף און דער חומר — און זיי זענען צוזאַמענגע־שטוקעוועט פון שטיקלעך און פיצעלעך. די פיצלעך זענען שנאה און סתירות. אַלצדינג איז זיך כסדר סותר און ווידערשפּרעכט זיך אַליין. איטלעכעס פיצעלע פירט אָן אייביקע מלחמה מיטן צווייטן פיצעלע. די אייביקע ארומ־רייסענישן צווישן אַלצדינג און אַלעמען — דאָס איז דער דמות פון דעם איינציקן אמת. —

עס דוכט זיך אייך נאָר אויס, ר׳ יוסף סערדצע — האָט דער ס״ם ווייטער געשיט מיט מחקר — אַז עס זענען פאַראַנען יידן, וואָס מען דאַרף אויסלייזן, אַז עס ווייבט ערגעץ־וואו אַ שכינה ווי אַ טויב אין ליבשאַפט און אַז ס׳איז פאַראַן אַ משיח ביי די טויערן פון רוים און אַז ס׳היט אים אַרמילוס און לאָזט אים נישט גליקלעך מאַכן די וועלט. עס דוכט זיך אייך נאָר אויס, אַז עס וועלן אַמאָל שפּילן קלעזמער און ס״וועט זיין אַ חתונה און אַ זיווג אין אָט די פּוסטע קרעטשמעס פון וועלטן און כוונות. איין און איינציקער וויל נישט אָפּנאַרן אין אָט דעם פּורים־שפּיל פון אויסדוכטענישן. ער , דער כביכול. ער זיצט ווי אַן איינזאַמער שפּאַרבער אויפן שפּיץ פון דעם קן־צפּור. אַרום אים בושעווען די ווינטן פון תוהו־ובוהו. ער אַליין, דער כביכול אין זיין איינזאַמקייט, רופט זיך „אין״, „אפס״ און אַנדערע אמתן פון דער עקסיסטענצלאָזיקייט. איטלעכער יש מחוץ דעם „אין״ איז הוילע אויסדוכטעניש. ווי האָט איר דערימעך דאָס יאַנדעס ר׳ יוספשי, צו נעמען אַ לעבעדיקן נפש ווי איך דער אַני הקטן בין, און עס אַוועקצוקוילענען צוליב עפּעס דאָרט אַ פּוסטן בוידעם?

יוסף דיילה רײנה האָט טאַקע געהאַלטן דעם חלף איבער סמאָלס גאָרגל, אָבער ער האָט זיך מבלבל געווען אין אַלערלײ פרעמדע מחשבות און פאַרגעסן צו שנײַדן.

— איר פײניקט זיך נעבעך אומזיסט, ר׳ יוסף סערדצע — האָט דער אדם־בליעל געלאַכט אונטערן חלף — איר פײניקט זיך אומזיסט פאַר זאַכן, וואָס זענען נישט מער ווי די שאָטנס פון אײַערע אויסדוכטעניש. אַלצדינג איז אַ האָקוס־פּאָקוס־שפּיל פון אײטל שקרים. אין מיטן פון די אַלע שקרים איז פאַרט דאָ אײן און אײנציקע ווארהײט, — און זי איז לילית די מטרוניתא פון דער קליפּה. די ווארהײט לילית האָט צו אײַך חשק און גלוסטונג און איר ווילט נײַערט פון איר אַנטלויפן. איר זענט אַ גרויסער נאַר, יוסף דיילה רײנה — האָט דער ס״ם זיך הויך צעלאַכט אונטערן חלף — די תענוגים וואָס לילית קאָן אײַך געבן, שטײַגן אַריבער אַלע מרכבות און ספירות פון אײַערע אויסגעדוכטע הײליקײטן. אדם־הראשון, דער קליגסטער מענטש, וואָס האָט ווען עס איז עקסיסטירט, האָט אויך אויסגעפונען, אַז דער כביכול נאַרט אים אָפּ און וויל אים נישט ווײַזן, וואָס עס טוט זיך הינטערן פּרגוד פון דעם „אפס״ און דעם „אין״. און אַז כביכול איז מקנא דעם אונטערשטן מענטש און וויל אים כסדר פירן אין באָד אַרײַן. אדם־הראשון איז דערימעך געקומען צום שכל און זיך דערנענטערט צום אמת „לילית״. די מטרוניתא פון דער קליפּה איז צו אים געקומען אין דער שענסטער געשטאַלט פון אירע געשטאַלטן, אין דעם געשטאַלט פון דער בתולה „פּיזנא״. די מטרוניתא האָט זיך ענדלעך באַהאָפטן מיטן ערשטן מענטש און האָט מיט אים געהאַט שדים און רוחות און ענלעכע פירשטן און פרינצן פון דער טומאה. וואָס טויג אײַך, ר׳ יוספשי, משיח, דער בטלן וואָס זיצט ערגעץ־וואו צווישן די ארחי־פרחי, און די שכינה, די טויב, וואָס וואַרקעט אין די זומפּן פון גלות? פאָלגט מיך, ווערט בעסער אַן אדם־הראשון און האָט חתונה מיט דער לילית —

ווען יוסף דיילה רײנה האָט וואָס אַמאָל שוואַכער געפאַכטן מיטן חלף, האָט זיך דער ס״ם געמאַכט פאַר אַ נעבעכל און פון אויפסנײַ אָנגעהויבן צו ווײנען.

— איך זע דאָך — האָט ער קוים געפּישטשעט — אַז איך מוז אָנהײבן צו זאָגן ווידוי. טאָ זײַט נישט קײן אכזר, ר׳ יוספשי, און גיט מיר כאָטש אַ שמעק צו טון צו דעם שמעק־טאַבאַק דאָרט, וואָס איר האָט אין אײַער פּאַפּירל.

בײַ דיילה רײנהן אין קאָפּ האָבן זיך שוין געדרײט די פרעמדע מחשבות פון דעם אדם־בליעל. האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס אליהו־הנביא האָט אים אָנגעזאָגט. ויכמרו רחמיו — האָט ער פּלוצעם רחמנות באַקומען אויף דער קליפּה און געלאָזט דעם געבונדענעם סמאל אַרײַנשטעקן די נאָז אין די עלף קרײַטעכצער לבונה־זכה.

עס האָט אַ זעץ געטון אַ דונער ווי הימל און ערד וואָלטן זיך געשפּאָלטן. די הררי־קדם האָבן זיך געטרײסלט ווי זײ וואָלטן געווען הוילע פּאַפּירענע שאַכטלען. די פינצטערנישן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רויט בלוטיק ליכט

ווי אין די תהומות וואָלט אויסגעבראָכן אַ שרפה. די לופטן האָבן זיך איבער־געקערט אויף אַ שאַליק געלעכטער.

אין דעם שיין פון דער שרפהדיקער רויטקייט האָבן זיך באַוויזן די צוויי טויערן „צלמות". איין טויער האָט דאָס געשטאַלט פון אַ נאַקעטן ברונסטיקן זכר. דאָס צווייטע טויער קוקט אויס ווי אַ נאַקעטע ברונסטיקע נקבה.

יוסף דיילה ריינה האָט געשפּירט — ער ווערט אַדורכגעטראָגן דורך אָט די צוויי טויערן ווי אַ פּלעווע אין די ווינטן. באַלד האָט ער פאַרלוירן די חושים.

קאַפּיטל ניינצן

ווען ער איז אויפגעקומען און האָט געעפנט די אויגן איז ער געשטאַנען הינטער אַ קליין אָרעם יידיש שטעטעלע. ס'איז געווען אין דער מדינה פּוילן. יוסף דיילה ריינה האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַ מדינה־גייער. די ווינטן, וואָס האָבן אים אַהער געטראָגן פון די הררי־קדם, האָבן אויף אים צעריסן די מלבושים. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס.

דער מקובל האָט געזען פונדערווייטנס קליינע הילצערנע מפּולתלעך. ער איז צו זיי אַהין געגאַנגען. ס'איז געווען אַ שטעטעלע מיט גאָר גאָר אָרעמע יידן. לאַטוטניקעס און דאָרפס־גייער. יוסף דיילה ריינה איז אַוועק־געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט פון מאַרק ווי אַן אויסגעשלאָגענע לאַמטער. ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום ספרים־אַלמער און דאָרט געזוכט דעם „זוהר".

יידן האָבן געזען ווי אַ פרעמדער ארחי־פרחי נישטערט אין ספרים־אַלמער, זענען זיי צו אים צוגעגאַנגען און אים געפרעגט פונוואַנען ער קומט.

ער האָט זיי דערציילט, אַז ער קומט פון דער עיר־הקודש צפת, וואָס אין ארץ־ישראל, און ער גייט קיין רוים מלחמה צו האַלטן מיט אַרמילוס הרשע און באַפרייען משיחן פון זיינע קייטן.

יידן האָבן אָפּגעזיפצט און זיך געוויזן אויף די שטערנס — נעבעך אַ משוגענער ארחי־פרחי.

מען האָט אים געגעבן עפּעס צו עסן. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער און מען האָט אָפּגעדאַוונט „מעריב" האָט מען אים אַוועקגעפירט אין הקדש אַריין, וואָס אויפן בית־הקברות.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף צעפוילט שטרוי צווישן אַנדערע אָרעמע־לייט. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט צירופים. פון אַן אויסגעהאַקט פענצטער האָט שאַרף און בלאַס אַריינגעשיינט די לבנה.

ווען יוסף דיילה ריינה האָט צוגעמאַכט די אויגן האָט ער געהערט שפּילן שאַלאַמייען און פייפאַלן. ער האָט בחוש געזען — ווי דער דאַך פונם הקדש האָט זיך געעפנט. פון דער פאַרפּושטער מפּולת איז געוואָרן אַ גאָלדענער פּאַלאַץ. דער פּאַלאַץ האָט געפינקלט ווי אַ טייערע אויסטערלישע עבודה־זרה אינמיטן דעם ווייסן שאַרפן ליכט פון דער לבנה.

ער האָט געהערט ווי אַ בדחן זאָגט גראַם ווי צו כלה־באַדעקנס. פידעלעך

פאַרגייען זיך אין אַ ווייַנעדיקס, וואָס איז זיס ווי צוקער. מען רופט צו אים, צום מקובל אין הקדש: האָסט אויסגעפירט דאָס דייַניקע און דו ביסט הינטערן פּרגוד, יוסף דיילה רייַנה. גרייט זיך, שיינער חתן, צו דער שעה פון זיווג!.

פונם אָפענעם דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קעמל. דאָס קעמל איז געווען באַהאַנגען מיט גאָלד און זילבער. אויף אַ זאָטל פון אייטל פּערל און אבנים־טובות זיצט די מטרוניתא לילית. זי גייט אָנגעטון אַ חופּה־קלייד פון סאַמע שלאַנגען און עקדישן. אָט די ווערים האָבן געלויכטן אין אַ ליכטיקייט ווי דער שנײ אויף די העכסטע שפּיצן פון די הרי־חושך. לעבן דער מטרוניתא לילית זענען אויף צוויי ציגן געריטן די צוויי אונטערפירערס צום זיווג פון דער טומאה. ליליתעס לייבלעכער זון הורמוז, וואָס האָט דעם קאָפּ פון אַ קייסער מיט צוויי לאַנגע רציחהדיקע וואָנצעס. דער צווייטער אונטערפירער איז געווען דער שד „קטב־מרירי״, וואָס טראָגט אויף זיך דעם קאָפּ פונם קאַלב צו וועלכן יידן האָבן געדינט אין דער מדבר. די צוויי אונטערפירערס האָבן זיך געוואַקלט אויף די ציגן. זיי זענען געווען שיכור ווי לוט.

אויף אַ צעפּליקטן בעזים איז פון הינטן נאָכגעפלויגן אגרת בת מחלת די באָבע פון די שדים. זי איז געווען אויסגעפוצט און אויסגעפּיאָקעט אין בגדי־שבת ויום־טוב. זי האָט געשפּילט אויף אַ צימבל און געזונגען שירי־עגבים וכדומה געזאַנגען פולע מיט ניבול־פּה.

ווי אַ שעמעוודיקע כלה איז לילית צוגעגאַנגען צו יוסף דיילה רייַנהן. ער האָט איר געקוקט אויף די אויערן און האָט דערקענט די ביין און דרייסיק אוירינגלעך פון דער קליפּה. פון ליליתעס ווייסע שלייערן האָבן אַרויסגע־קוקט אירע צעפּ. צעפּ וואָס זענען פּאַדראַבנע באַשריבן אין „זוהר״. זיי זענען רויט ווי פייערדיקע רויזן. איר פּנים איז לויטער און ווייס אין אַ ליכטיקייט ווי דער שניי אויף די העכסטע שפּיצן פון די הרי־חושך. אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי צוויי רויזן־בלעטער אין די לינדע ווינטן פון זון־פאַרגאַנג. לילית האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן. אים אַ קוש געטון. דער קוש איז געווען זיסער ווי האָניק.

פון אומעטום האָט זיך געהערט אַ שאַליק געלעכטער. פידעלעך זענען פאַרגאַנגען אין אַ ווייַנעדיקס. פייפיאַלן האָבן געפּיפּן. פּייקעלעך האָבן גע־פּויקט. פלוצעם האָט שאַרף אַ קריי געטון אַ האָן, ווי עס קרייען די ווייסע הענער פון צפת צו דער אשמורה פון חצות. יוסף דיילה רייַנה האָט ווייט אויפגעריסן די אויגן —

ער גייט אָנגעטון אין בגדי־שבת ויום־טוב און שטייט מיט ליליתן אונטער אַ חופּה.

די מטרוניתא פון דער קליפּה האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ פינגער. ער האָט זי מקדש געווען כדת משה וישראל.

די לופטן זענען דערציטערט געוואָרן פון די געשרייען „מזל־טוב!״.

פּלוטאַרך

בילדער פון דער אַנטיקער וועלט

— 1 —

זיין קליינע פּאַטער־שטאָט כאַרינעאַ אין בעאָטיע האָט דעם יונגן פּלוטאַרך נישט איינמאָל באַשיינפּערלעך אויסגעקוקט ווי אַ מדבר. שוין אין זיין יוגנט איז ביי אים דער דורשט נאָך וויסן נישט געווען קלענער ווי דער דורשט נאָך וואַסער, וואָס אַ וואַנדערער האָט אין דער טרוקענער וויסטעניש. וויסן איז דאָס לעבנס־וואַסער פאַר דער נשמה. בעאָטיע איז געווען אַ לאַנד פון פּויערים און פּאַסטוכער, ד״ה מענטשן וואָס האָבן מער צו טאָן מיט די הצטרכותן פונם פאַרגענגלעכן חומר איידער מיט די איידעלע באַדערפעענישן פונם דערקענענדיקן גייסט. פּלוטאַרך האָט זיך אָנגעהערט פון די שטעט אַטען און רוים, וואָס האָבן געשמט מיט זייערע ביבליאָטעקן, אַקאַדעמיעס און פילאָזאָפן־שולעס. די קוואַלן פון וויסן האָבן דאָרט שפּעדיק געשטראָמט ווי דאָס פרישע און קילע וואַסער אין די אָאַזיסן פון דער מדבר.

פּלוטאַרך האָט שוין אין זיינע יוגנטלעכע יאָרן פאַרלאָזן כאַרינעאַ און איז אַוועקגעפאָרן אין די גריכישע און רוימישע הויפּט־שטעט. פון די פּאַרמעט־ראָלן וואָס זענען טויזנטערווייז דאָרט אין אַטען און אין רוים געלעגן אין די קאַלטע מאַרמאָרנע זאַלן פון די ביבליאָטעקן האָט זיך פאַר אים, פּלוטאַרכן, פונאַנדערגעעפנט די וועלט. זי האָט זיך פונאַנדערגעעפנט נישט אַזוי ווי מען זעט זי אינם בלענדנדיקן שפּיגל פונם פאַרשווינדנדיקן איצט. אינם אַספּעקט פונם קלאָמפּערשטן רעאַלן איצט איז די וועלט נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן אין דעם אויגנפּינטל צווישן פאַרגענגלעכקייט און צוקונפט. נייערט אין די ביכער איז די וועלט אַ דויערהאַפטיקייט, אַן אַנהאַלט און אַ יש. וואָס איז די וועלט מחוץ ווי זי עקסיסטירט אין די ביכער? הויל, אַן עקסיסטענץ־לאָזיקייט. — זי איז געגליכן גריילעך צו דעם שאָטן פון אַ פויגל וואָס פליט פאַרביי. אין די ווערק פון די גרויסע שריפטשטעלער דויערט די וועלט און עקסיסטירט. דאָרט לעבט די וועלט אויף די פליינען פון דער צייטלאָזיקייט. זי טוט דאָרט פון זיך אָפּ די אילוזאָרישע געוואַנדער פון דער פאַרשטעלונג. זי ווערט ענדלעך פאַקט אוןווירקלעכקייט. אַלע געשטאָרבענע לעבן אין די געשריבענע אותיות ווי אויף די פעלדער פון די גליקזעליקע. אַלע גוטאָענע טאָטן פון די העלדן און פון די באַדייטנדיקע מענער זענען דאָרט אין די אותיות אייביק קעגנוואַרטיק. מיט זייערע שרייב־פעדערס האָבן די גרויסע שריפטשטעלער אַרויסגעיאָגט דעם טויט פון זייערע

געשריפטן אַזוי ווי מען פּאַרטרייבט דעם פּיינט מיט די פּיילן פון דעם פּיילנ־בויגן. מיט אָטאָ־די שרייבפעדערס האָבן די גרויסע שריפטשטעלער אַרונטער־גענומען די פּלאַטאָנישע אידייען־וועלטן פון די גייסטיקע הימלישע ספערעס און זיי אויסגעלייגט אין די פּאַרמעטענע געשריפטן פון די ביבליאָטעקן. אפילו אַטען און רוים פון דער קעגנוואַרט זענען ממש גאָר ווינציקע און נישט־אַנזעעוודיקע זאַמד־שטויבעלעך אַקעגן דעם אַטען און רוים אויף די אייבי־קייטס־פּליינען פון די ביכער. אַ וועלט, נאָר אויפן פּאַרמעט ביסטו וואָר־האַפטיק אייביק!

לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט פּלוטאַרך דעריבער פאַרבראַכט אין די דאָ־זיקע צוויי וועלט־הויפּט־שטעט ווייט פון זיין קליינער פּאַטערשטאַט כאַרינעאַ. זיין וויסן און זיינע וועלט־קענטשאַפטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל רייכער און טיפער. די פריינטשאַפטן זיינע מיט אַ סך באַקאַנטע גריכן און רוימער האָבן אין קלוגע שמועסן און סימפּאָזיומס באַלויכטן און פאַרטיפערט די קוואַלן פון חכמה, וואָס זענען געפלאָסן אין די ביבליאָטעקן. ביים בעכער וויין, אויפן גאַסטמאָל פון געלערנטע, ביים פּליטן־שפּיל פון גריכישע יונג־פרויען, באַלעבט זיך דער פאַרשנדיקער גייסט ווי אַ פעלד אונטערן רעגן. אין געזעמל פון חכמים פאַרגעסט אויך דער לייכטזיניקער עראָס זיין אייטל ליבע־שפּיל און הייבט אָן צו רעדן ווי אַ פילאָזאָף.

דאָס שענסטע און דאָס טיפסטע וואָס האָט אויף פּלוטאַרכן געמאַכט אַן איינדרוק איז געווען די מענטשלעכע געשיכטע.

אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע האָט ערשט פּלוטאַרך באַמערקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג וואָסער וואונדערלעך שפּיל עס שפּילן די געטער מיט די מענטשן. דער עיקר: ווי קלוג און מיט וויפל חכמה עס באַהאַלטן זיך די געטער אין די געוועבן פון דער מיקלאָמפּערשטער צייט. וואָס איז צייט? נישט מער ווי די גלייכע ליניע פון אַ שאָטן וואָס די געטער האָבן אויסגע־שפּרייט איבער דעם פּנים פון דער ערד. קאָנען מיר אויף אַן אמת גלויבן, אַז מיט אָטאָ־דער גלייכער ליניע דערגרייכט מען טאַקע דעם גאָלדענעם פּונקט פון אַ צוקונפט? אָ, — די צוקונפט אין דעם מרחק פון דער צייט איז אינגאַנצן געגליכן צו דעם שפּיגל־בילד פון אַ וואַסער, וואָס באַווייזט זיך דעם דורשטיקן וואַנדערער אויף די אויסגעטריקנטע זאַמד־ווייטקייטן פון דער מדבר. דער פרעמדער וואַנדערער, גלייבט, אַז אָט איז ער נאָענט ביי קלאָרע און קילע וואַסערן. ער וועט אין זיי שטילן זיין דורשט. דער וואַנדערער איז גענאַרט. און די מרחקים זענען געגאַרניקעס. מיט יעדן טריט, וואָס ער דערנעענטערט זיך צו דעם בלענדנדיקן וואַסער־בילד אַנטלויפט פון אים די פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אויף צען טריט ווייטער. — ער וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן זיין פאַרלאַנג. קיינמאָל נישט שטילן דעם פּייניקנדיקן דורשט אין יענע געגאַרנדיקע וואַסערן. דאָס דאָזיקע משל פּאַסט וואונדערלעך צו צו דער צוקונפט, וואָס ווייזט זיך דער געפּייניקטער מענטשהייט אויף די פּוסטע ווייטקייטן פון דער צייט. די צוקונפט איז נישט מער ווי דאָס שפּיגל־בילד פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון אַן אויסזיכטלאָזער האָפענונג. קיין שום

דור, — מעג עס געבוירן ווערן אין טויזנטער יאָרן אַרום — וועט זי קיינמאָל נישט דערגרייכן, — און שטענדיק נאָך איר נאָכלויפן ווי נאָך אַ גאָלדענעם שאָטן וואָס דערווייטערט זיך כסדר און דערווייטערט זיך. די ליניע פון דער צייט איז נישט מער ווי די ליניע פון אַ קרייז וואָס דרייט זיך אַרום און אַרום ווי אַ שקלאַף ביי אַ מילשטיין. די צייט קומט תמיד צוריק צו דעם אויסגאַנג־פונקט פון אַן אָנהייב, דאָס הייסט צו דעם עלנטסטן גאָרנישט. וואָרהאַפטיק — אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע קומען מיר צו דער אמתער דערקענטעניש פון דעם קרייז־לויף פון דער צייט.

פלוטאַרך האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין די געשיכטס־פאַרמעטן — וואָס זענען אויך טויזנטערווייז געלעגן אין די ביבליאָטעקן צוזאַמען מיט די אַנדערע אָנגעזאַמלטע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער שרייבפעדער — ער האָט געזען: אין די אַנדערע חכמות האָבן מענטשן אָנגעהויבן אַריינצוקוקן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, אין די אייביקע ווערק פון די געטער, אין די וועלטן, אין די שטערן און אין די אַטאָמען. אין די געשיכטס־וויסנשאַפטן, אָבער, האָבן מענטשן ענדלעך אָנגעהויבן צו באַנעמען, וואָס עס טוט זיך טיף אינעווייניק אין די געדאַנקען פון די געטער. וואָס די גאָטהייטן מיינען מיט זיך און מיט דער וועלט. דאָ, אין דער געשיכטס־וויסנשאַפט, האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו אַנטציפערן דעם מיין פון די געטלעכע מחשבות און פון דער געטלעכער טבע בכלל.

גאַנצע טעג איז פלוטאַרך געזעסן אין די קילע מאַרמאָר־זאַלן פון די ביבליאָטעקן, איינגעבויגן איבער די געשריפטן פון דער געשיכטע. פלוטאַרך האָט אַליין טיף געגלייבט אין די געטער. איבערהויפּט אין דעם דעלפישן אַפּאָלאָ. דאָך אונזער נשמה איז אַ צווייאיקייט. — דער גרעסטער און דער העלסטער גלויבן טינקט זיך אין די טונקלקייטן פונם ספק, ווי דער טאָג אין די שאָטנס פון דער נאַכט. פלוטאַרך האָט איינציקווייז אָנגעהויבן צו טראַכטן און צו צווייפלען אין זיין געמיט, נעמלעך: ווער ווייסט צי די געטער האָבן ניט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט דערמיט, וואָס אַ חוץ די אַלע אומצייליקע וועלטן פונם קאָסמאָס, האָבן זיי נאָך באַשאַפן דעם דערקענענדיקן און דעם ליידנדיקן מענטש? אינם דמות פונם מענטש און אין דער צייט, וואָס ער באַוועגט זיך, האָבן די געטער באַשיינפּערלעך אומפאַרזיכטיק אויפגעדעקט דעם זעלטענעם סוד, דאָס הייסט די מעגלעכקייט, אַז עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז עפּעס זאָל אויסקוקן ווי אַ ליניע וואָס ציט זיך אַוועק אָן אַ גרענעץ. אין דער אמתן אָבער איז עס נישט מער ווי אַ קורצע ליניע, וואָס דרייט זיך אין אַ קרייז־לויף. דער קרייז־לויף — הגם ער איז גאַנץ קורץ און ענדלעך — האָט גראָד דעם שיין פון אַ מיקלאָמפּערשטער אומענדלעכקייט. פלוטאַרך האָט געוואָלט ציען דערפון דעם לאָגישן פועל־יוצא: צי זיינען דען נישט סוף כל סוף די געטער פונקט אַזוי אָנמעכטיק און פאַרגענגלעך ווי די מענטשן, אויב די שטאַרקסטע אַטריבוטן פון זייער אומשטערבלעכקייט, — נעמלעך די אייביקע צייט, — איז נישט מער ווי אַ קרייז־שפּיל?

וועגן די געטער האָט פלוטאַרך סוף כל סוף אַ סך נישט געוואָלט טראַכטן.

די סיבה איז געווען די פֿאָלגנדיקע: איינמאָל ביינאַכט האָט ער געהאַט אַ חלום: דער ליכטיקער אַפּאָלאָ שטייט פֿאַר אים אין אַ געוואַנד, וואָס איז פֿינצטערער ווי די נאַכט. אין האַרץ פֿונם גאָט שטעקט אַ פֿייל און ס׳רינען פֿון דאָרט שטראָמען מיט בלוט. דאָס רויטע בלוט צעגיסט זיך טייכנווייז איבער גאָר דער ערד. אין די בלוט־טייכן באָדן זיך די ערינעען. די ערינעען האָבן ווילד־לאַכנדיקע פּנימער און צעפֿלאָשעטע האָר. די שרעק־מיידלעך פֿונם געוויסן זינגען עפּעס אַ פֿרעך גאָט־לעסטעריש געזאַנג און קראַקען ווי קראָען. אַפּאָלאָ אָבער, דער גאָט פֿון ליכט און חכמה, שטרעקט צו אים, פּלוטאַרכן, אויס די הענט ווי אַ שוץ־בעטנדיקער און מאַכט מיט די ליפּן. דער גאָט ציטערט אינגאַנצן און וויינט אַ ביטער געוויין. מיט אַ מאָל גיט עס אַ קראַך. דאָס הייליקטום פֿון דעלפֿי צעפֿאַלט אין חורבות. ס׳בלייבט איבער דערפֿון נישט מער ווי דאָס טויער מיט דער אויפֿשריפֿט „דערקען דיך אַליין״.

פּלוטאַרך האָט אויפֿגעוואַכט אַ דערשראָקענער און באַלד אויסגעטייטשט די דעלפֿישע אויפֿשריפֿט ווי אַן אָראַקל, נעמלעך: דערקען דיך אַליין מענטש. לאָז אָפּ צו דערקענען די געטער.

פּלוטאַרך, וואָס האָט אַלץ ליב געהאַט צו פֿאַרשטיין ווי אַ משל, האָט אויפֿגעהערט צו שרייבן פֿילאָזאָפֿישע טראַקטאַטן וועגן וועזן פֿון דער אומשטערבלעכקייט, ווי עס האָט געטאָן דער געטלעכער פּלאַטאָ. דערפֿאַר האָט ער, פּלוטאַרך, זיך גענומען צו שרייבן פֿונם לעבן פֿון די מענטשן. אינעם לעבן פֿונם מענטש האָט ער געגלייבט צו דערקענען דאָס לעבן פֿון דער וועלט, די געשעענישן פֿון דעם קאָסמאָס און דעם גאַנג פֿון דעם אמתן וועלט־לויף. פּלוטאַרך האָט געפּרואווט צו פֿאַרגלייכן די איינצלנע ביאָגראַפֿיעס פֿון אַזוי גערופֿענע אומשטערבלעכע מענער. מענער וואָס האָבן געלעבט אין פֿאַרשיידענע דורות, אין פֿאַרשיידענע צייטן און אין פֿאַרשיידענע לענדער. פּלוטאַרך איז געווען ביי דער מיינונג, אַז די דאָזיקע אומשטערבלעכע מענטשן וועט ער אַמבעסטן אויסגעפֿינען צווישן די גריכן און די רוימער. די גדאַנקען און די טאַטן פֿון די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנטן פֿונם מענטשן־געשלעכט האָט ער מיט גרויס שריפֿטשטעלערישער מייסטערשאַפֿט אַרויסגעפֿישט פֿון דעם מיקלאָמפּערשט ־ אייביקן שטראָם פֿון דער צייט. די גרויסע מענטשלעכע טאַטן אויף די פֿלאַכן פֿון דער וועלט, האָט פּלוטאַרך מיט דער אויפֿמערקזאַמסטער פּרעציזקייט אָפּגעוואויגן אויף די וואָג־שאָלן פֿון דער דערקענטעניש. פּלוטאַרך האָט זיי געוואויגן און געוואויגן. צום־סוף איז ער וועגן דער מענטש־לעכער אומשטערבלעכקייט געקומען צו די פֿאָלגנדיקע זייער טרויערדיקע אויספֿירן, נעמלעך: דער מענטש טויכט אויף ווי אַ שיינער און פֿאַרביקער זייפֿן־בלאָז פֿון דעם כאַאָטישן גאָרנישט. דער מענטש וואַקסט און וואַקסט, ביז ער קומט צו צו אַ געוויסער הויך. ביי דער דאָזיקער הויך וואַרט אים אָפּ דאָס אומבויגזאַמע שיקזאַל און טוט אים אַ קלאַפּ. די זייפֿן־בלאָז וואָס הייסט מענטש פּלאַצט און ווערט צוריק אַ גאָרנישט.

אַזוי האָט זיך פּלוטאַרך פֿאַרגעשטעלט דעם קרייז־לויף פֿון דער וועלט ווערדליק די אַנאַלן פֿון דער געשיכטע.

פלוטאַרך איז געזעסן אין די ביבליאָטעקן איבער די פּאַרמעטענע געשריפטן ווי אַ צושויער וואָס זיצט אין טעאַטער און קוקט זיך צו צו דעם שוישפּיל, וואָס וויקלט זיך אָפּ אויף דער בינע. די וועלט האָט זיך דאָ פּאַר אים פולשטענדיק אויפגעטאָן אין איר אמת, ד״ה אין איר טראַגישער האָפענונגסלאָזיקייט. די גרויסע מענער פון דער טאָט זענען פאַר אים פאַרביי־געגאַנגען ווי די קאָמעדיאַנטן אויף דער שמאָלער ראַמפּע פון דער סצענע. אַטאָ־די ווינציקע ראַמפּע איז די אייביקע צייט — האָט פלוטאַרך ביי זיך געטראַכט און דערביי זיך געפילט רואיק ווי אַ דערקענענדיקער גאָט. ווען בלויז אין די ביכער שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גרויסע שוישפּיל פון דער וועלט, איז ווי־זשע קאָן מען דאָן לעבן אָן ביכער? צי איז דען פאַראַן אָן אַנדער וועלט־אמת אַ חוץ דעם וועלט־אמת וואָס עקסיסטירט אַזוי וואונדערלעך־האָפענונגס־לאָז און אַזוי טראַגיש אינם וואָרט און אין אות?

כדי זיך נאָך טיפער און טיפער צו דערגרונטעווען צום מהות פונם מענטש, ד״ה צום מהות פון וועלט־אַל ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אינם מענטש, האָט זיך פלוטאַרך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדער פלייס צו לערנען די לאַטיינישע שפּראַך. הגם — די מוטערשפּראַך פון פלוטאַרכן, גריכיש, איז אין דער גאַנצער געלערנטער וועלט אָנגעגאַנגען ווי די העכסטע און איידלסטע דערגרייכונג פון שפּראַכלעכן אויסדרוק. גריכיש איז די שפּראַך פונם מענטש וואָס דענקט אַבסטראַקט. לאַטיין אָבער, איז די שפּראַך פונם מענטש פון דער טאָט. דערקענענדיק גרינטלעך די לאַטיינישע שפּראַך — די מכלומרשטע טאָטהאַפטיקע אַנטיטעזע צום אַבסטראַקטן גריכיש — האָט זיך פלוטאַרך נאָך מער איבערצייגט ווי ענלעך די מענטשן זיינען צו זיך אויפן פליסנדיקן שטראָם פון די צייטן. די שפּראַכן זענען דער לעבעדיקסטער און קעגנוואָרטיקסטער ריטמוס פון דער געשיכטע אין דער נשמה פון דעם אינדיווידועלן מענטש. אַלצדינג פליסט. אין דער אמתן שטייט אַלצדינג כסדר אויף איין און דעם זעלביקן אָרט. די טאָט פון דעם רוימער און די פאַרשטעלונג פון דעם גריך — נישט פאַראַן צווישן זיי קיין שום וועזנטלעכער חילוק. די טאָט איז נישט ווייניקער די אילוזיע פון דער פאַרשטעלונג ווי די פאַרשטעלונג די אילוזיע פון דער טאָט.

ווען פלוטאַרך האָט געגלייבט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אים שוין אַנטפּלעקט צווישן די שטילע ווענט פון די ביבליאָטעקן האָט ער זיך געפילט מאָדנע באַרואיקט. נישטאָ מער וואָס צו זוכן — האָט ער געטראַכט — סיי ווי קומט מען צוריק צום אויסגאַנג־פּונקט. אָ, גליק פון דער וועלט! — האָט ער געטראַכט ביי זיך אין האַרצן — נאָר אויף איין אָרט קאָן מען דיך געפינען אויף זיכער. דאָס נעמלעך, ביי דיאָגענעסן אין פאַס. וואָרהאַפטיק, די טאָטן פון אַלעקסאַנדער זענען מיט גאָרנישט דויערהאַפטיקער ווי דער רעזיגנירנדיקער שמייכל פון אַ דיאָגענעס. אַלצדינג איז פאַרגענגלעכער ווי די פאַרגענגלעכקייט. די וועלט איז אייטל שאָטן. די מענטשן זענען די שאָטנס פון דעם דאָזיקן שאָטן. פלוטאַרך האָט אָנגעהויבן אָפּטער אַרום צו

שפּאַצירן אויפֿן רוימישן פֿאָרום צווישן דעם רעשדיקן געווימל פֿון מענטשן. דערביי האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע בליקן און באַטראַכט די מעכטיקע קייזער־לעכע פּאַלאַצן אויפֿן פּאַלאַטין. ער האָט עס געטאָן אומישנע. ער האָט לגמרי נישט באַדויערט דאָס, וואָס ער רייסט אָפּ זיך אויף גאַנצע שעהן פֿון די ביבליאָטעקן און פּטרט די קאָסטבאַרע צייט פֿון שטודיום אויף אַזעלכע קנאַפּ־וויסנשאַפֿטלעכע זאַכן ווי שפּאַצירן גיין אויפֿן פֿאָרום. נייִן. אין די צייטן ווען פּלוטאַרך האָט אין זיך געגלויבט צו פֿילן דאָס פֿולשטענדיקע רייף־ווערן פֿון דער דערקענטעניש האָט ער נאָך גיכער הנאה געהאַט דערפֿון צו זען ווי דער האַסטיקער מענטשלעכער געטומל איז נישט מער ווי אַ פּוסטער חלום.

אין אַ קילן פֿרילינג־אָוונט איז ער אַהיים געקומען פֿון זיינע שפּאַצירן איבערן פֿאָרום אַ מידער און אַ רואיקער. פּלוטאַרך האָט זיך געלייגט אויף זיין מאַרמאָר־בעט וואָס איז געווען באַצירט מיט זייער אַ קינסטלערישן באַרעליעף. דער באַרעליעף האָט פֿאַרגעשטעלט אַ סצענע פֿון טראָיאַנישן קריג, נעמלעך, דעם קאַמף צווישן אַכילעס און העקטאָר. צוקאָפּנס פֿון פּלוטאַרכס בעט איז געהאַנגען אַ לוקסוריעז בראָנזן אייל־לעמפּל. עס האָט געהאַט די געשטאַלט פֿון אַ שוועבנדיקן אַמאָר וואָס האַלט אין זיין מויל אַ פֿאַקל. פּלוטאַרך האָט אויסגעבלאָזן דאָס אייל־לעמפּל און זיך איינגעטוליעט אין די דעק־טיכער. פּלוטאַרך האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַנטשלאָפֿן געוואָרן דעם שלאָף פֿון גערעכטן.

פּונקט צו האַלבער נאַכט האָט ער געהאַט דעם פֿאָלגנדיקן חלום:

לעבן אים שטייט דער גאָט אַפּאָלאָ ליכטיק ווי דער מאָרגנשטערן. דער גאָט האַלט אין זיין האַנט אַ גאָלדענע האַרף און שפּילט אויף איר, די האַרף איז אָבער שטום און גיט נישט פֿון זיך אַרויס דעם מינדסטן קלאַנג. פּלוצים באַווייזט זיך איבערן קאָפּ פֿון גאָט אַ פֿייערדיק געשריפֿט מיט די פֿאָלגנ־דיקע ווערטער:

— געפֿין דיך אַליין!

פּלוטאַרך האָט אויפֿגעציטערט אין די וואַרעמע דעק־טיכער און געפֿרעגט זיין געוויסן:

— צי האָב איך מיך דען נישט געפֿונען אין דעם וועלט־שפּיגל פֿון די ביכער? צי איז נאָך פֿאַראַן אַ טיפֿערע וואָרהייט ווי די מענטשלעכע וואָרהייט פֿון דער געשיכטע?

— טיף אין דיין האַרץ איז פֿאַראַן נאָך אַ טיפֿערע מענטשלעכע וואָרהייט, האָט אים שטראָפֿנדיק געענטפֿערט דאָס געוויסן.

דער גאָט אַפּאָלאָ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט מסכים געווען, און פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין זיין ליכטיקייט.

פּלוטאַרך האָט זיך איבערגעדרייט אויף זיין געלעגער. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ גרויסער אומרואיקייט און מער נישט געקאָנט אַנט־שלאָפֿן ווערן.

צומאָרגנס האָט ער זיך געפֿעדערט גאַנץ פֿרי. אַנשטאָט צו גיין ווי זיין

שטייגער איז אין דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך פֿאַמעלעך אַוועקגעלאָזט צו די ברעגעס פֿון טייך טיבער.

פּלוטאַרך איז געגאַנגען און געגאַנגען כסדר ווייט אַוועק מ̇יט די ברעגעס פֿונם טייך. עס האָט געווייעט אַ פֿרישער פֿרילינג־ווינט. די הייזער זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל שיטערער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער הינטער־שטאָט. דער טיבער האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעגאָסן אונטער די מילדע פֿרילינג־הימלען. די זון האָט אויף אים געשפּילט מיט אירע ליכט־פֿלעקן. דער ווינט האָט געררונצלט זיין וואַסער־שפּיגל. פּלוטאַרך איז אַריינגעקומען אין אַ ציפּרעסן־וועלדל. אינם וועלדל איז געווען אויסטערליש שטיל. שטיל און קיל. די ערד האָט יונגפֿרוילעך געשמעקט מיט אירע גראָזן. בינען האָבן געזשומעט אין דער וואַלד־שטילקייט. האַרט ביים ברעג, אין איידעלן שאָטן פֿון די טונקל־שלאַנקע ציפּרעסן, איז איינזאַם געשטאַנען אַ קליינער ווייסער טעמפּל פֿון דער געטין ניקע. דער טעמפּל איז געווען געבויט פֿון פֿאַרישן מאַרמאָר און אין ריינעם יאָנישן סטיל, — זייער אַ געלונגענע קאָפּיע פֿון דעם ניקע־טעמפּל אויפֿן אַקראָפּאָליס אין אַטען. דער טעמפּל האָט אַרויסגעשימערט פֿון די טונקעלע ציפּרעסן אין צניעותדיק־שטילער און ווייכער ליכטיקייט.

פּלוטאַרך האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּן פֿון הייליקטום מיטן פּנים צום ברייט־צוגאָסענעם טיבער.

פֿון זיין לאַנגן און כסדרדיקן שטודירן אין די ביבליאָטעקן און דורך מ̇יזאַמער שריפֿטשטעלערישער אַרבעט — צו יענער צייט האָט שוין פּלוטאַרך געהאַט אָנגעשריבן כמעט ביי אַ דריי הונדערט מייסטערהאַפֿטיקע ווערק — איז פּלוטאַרך געוואוינט געווען צו קוקן אויף יעדער דערשיינונג, סיי אין דער נאַטור סיי אין לעבן, נישט מער ווי אויף אַ משל און אַ באַשטעטיקונג צו די הנחות און דעם נמשל פֿון דעם אינטעלעקטועלן געדאַנק. די וועלט און אַלע אירע דערשיינונגען זענען גריילעך נאָר די טריבע און צעריסענע שפּיגל־בילדער פֿון העכערע אייביקע אמתן. דאָס האָט געלערנט דער געט־לעכער פּלאַטאָ. פּלוטאַרך האָט זיך דערין אַליץ פֿעסטער איבערצייגט, וואָס מערער ער האָט די גאָר גרויסע וועלט־געשעענישן באַוויזן אַרויסצוהייבן אויף דער שפּיץ פֿון זיין שרייבפֿעדער און די וועלט איינצושליסן אין דעם שאָטנהאַפֿטן געפֿעס פֿונם וואָרט. ד"ה באַשיינפּערלעך צו באַווייזן אַז די רעאַלע און טאַטהאַפֿטיקע אוןווירקלעכע וועלט איז נישט מער ווי די אילוזיע פֿון אַן איקס. דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן און נישט באַגריפֿענעם איקס האָט פּלאַטאָ אין זיין וואונדערלעכער עלאָקווענץ אָנגערופֿן מיט זייער אַ פּאָעטישן נאָמען, נעמלעך די אייביקע אידייע. דאָ האָט ווידער פּלאַטאָ ריכטיק באַוויזן אַז פֿון דער גאַנצער רעאַליטעט פֿונם קאָסמאָס האָבן מיר נישט מער ווי די רעאַליטעט פֿונם וואָרט, ד"ה די רעאַליטעט פֿון דער אילוזיע. פּלוטאַרך, — ווי אַ רייף געוואָרענער חכם — האָט געקוקט אויף דער וועלט ווי מ'קוקט אויף די אָנגעשריבענע פּאַרמעטן אין די ביבליאָטעקן. אויך איצטער, זיצנדיק אויף די טרעפּן פֿון דעם ניקע־טעמפּל און אין דער שטילקייט פֿון ציפּרעסן־וועלדל און קוקנדיק אויפֿן פֿליסנדיקן טיבער,

האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן פונקט דאָס זעלביקע וואָס העראַקליט אויף די ברעגעס פון דעם גרויסן ים אין עפעזאָס, נעמלעך, אַז דער עצם פון דער וועלט איז אַן אייביקע באַשטאַנדלאָזיקייט, אַן אומאויפהערלעך שאָטן־שפּיל פון ליבע און האַס. אַז אַלצדינג האָט נישט קיין שום אייגנטלעכן האַפּט און פליסט כסדר אין דער קאַריטע פון דער צייט. נייך, העראַקליט האָט נאָר אָנגעכאַפּט ביי אַן עק פון דעם געוואַנד פון דעם וועלט־אמת, — האָט פּלוטאַרך מיט אַ וויטיקלעכער רואיקייט צוגעגעבן אין זיינע געדאַנקען — דער שטראָם פון טאָטן וואָס פליסט אין דער צייט־קאַריטע פון דער געשיכטע איז פיל באַלערנדיקער ווי די גרויסע וואַסער־באַוועגונגען אויף די האַרי־זאָנטאַלע אומענדלעכקייטן פון די ימים. אין דעם שטראָם פון דער געשיכטע זעען מיר אַ סך באַשיינפּערלעכער, אַז די אייביקייט פליסט און פליסט און בלייבט סוף כל סוף שטיין אויף איין און דעם זעלביקן אָרט. די אומענד־לעכע צייט איז סך־הכל נישט מער ווי איין אומענדלעכער מאָמענט, וואָס בייט זיינע פאַרבן ווי אַ שוישפּילער די קאָמעדיאַנטן־קליידער. ס׳איז נאָר איין און איינציקער מענטש וואָס לויפט מיקלאָמפּערשט אויף די גײעג־ברעטער פון דער געשיכטע און קומט תמיד צוריק צו זיך, ד״ה צו זיין טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט.

טראַכטנדיק אַזוי און דערמאָנענדיק זיך, וואָס ער האָט געלייענט און וויס וועגן מענטשן, האָבן זיך ביי פּלוטאַרכן די אויגן פאַמעלעך צוגעקלעפּט. די יונגפרוילעכע ריחות פון גראָז און ערד האָבן אים איינגעשלעפערט. פּלו־טאַרך האָט פאַרנומען אַרום זיך אַ שטיל געררויש. ס׳איז געווען דאָס בלאָזן פונם ווינט צווישן די ציפּרעסן־בוימער און דער וואַסער־לויף פונם טיבער. אין זיין האַלב־שלאָף האָט זיך פּלוטאַרכן אויסגעדוכט, אַז די טויערן פונם ניקע־טעמפּל האָבן זיך אויפגעטון. די געטין איז פון דאָרט אַרויסגעפלויגן ווי אַ ווייסע טויב פונם טויבנשלאַק. די נצחון־געטין ניקע, אין דעם געשטאַלט ווי פּלוטאַרך האָט זי אַמאָל געזען אויפן מאַוזאָלעאום אין סאַמאָטראַט, האָט איבער אים געשוועבט. דער לינדער פרילינג־ווינט, וואָס האָט אים געקילט דעם מידן קאָפּ איז פּלוטאַרכן אויסגעקומען, אַז דאָס פאָכעט די געטין איבער אים מיט אירע פליגל און קילט אים דעם קאָפּ. די געטין ניקע האָט כסדר געשוועבט ווי אַ גרויסע וואונדערלעכע טויב און פּלוטאַרכן געפליסטערט אין די אויערן אַריין:

— מאַן פון כאַרינעאַ! באַזין זיך און זיי זיך מנצח.

ניקע איז פאַרשוואונדן. פאַר פּלוטאַרכן איז פּלוצעם געשטאַנען דער גאָט אַפּאָלאָ, — אָבער נישט אין דעם מאַיעסטעטישן געשטאַלט פון דעלפי. עס איז געווען דאָס באַשיידענע און נישט זייער קינסטלערישע געטער־בילד פון אַפּאָלאָ, אַזוי ווי עס געפינט זיך אין דעם טעמפּל פון פּלוטאַרכס קליינער פאָטער־שטאָט כאַרינעאַ. אַפּאָלאָ האָט שטום געמאַכט מיט דער האַנט גלייך ווי ער וואָלט אים, פּלוטאַרכן, גערופן צו זיך. שפּעטער איז אַפּאָלאָ פאַמעלעך און מיט שווערע טריט אַוועק אין די ווייטקייטן.

פּלוטאַרך האָט אַ ריס־אויף געטון די אויגן און זיך אומגעקוקט. די

ציפּרעסן־בוימער זענען געשטאַנען. אין זייערע שלאַנקע טונקעלע שאָטנס. דער לינדער ווינט האָט געוויִעט אין דער לופטן. דער טיבער איז געפלאָסן אין זיינע ברעגעס. די זון־פלעקן האָבן זיך אויף אים געוויגט ווי גרויסע אָפּגעריסענע ליכט־בלעטער. פּלוטאַרך האָט אַ דריי־אויס געגעבן דעם קאָפּ און געוואָלט אַ קוק טון צו די טויערן פונם ניקע־טעמפּל האָבן זיך טאַקע געעפנט. פלוצעם — ווי אויף אַ דערשיינונג — זענען זיינע בליקן געפאַלן אויף אַ געגנשטאַנד וועלכן ער האָט ביז אַהער גאָר נישט באַמערקט.

— עטלעכע טריט פון אים, האַרט לעבן ניקע־טעמפּל איז איינזאַם געוואַקסן אַן אָרכידייע. דאָס געשטאַלט פון דער בלום איז געווען שלאַנקער ווי דאָס שענסטע געטער־בילד פון אַפּאָלאָ, וואָס פּלוטאַרך האָט ווען עס איז געזען. אירע צעוויקלטע בלעטער — איידעלער ווי די פליגל פון ניקע. דאָס שאָטנהאַפטיקע ווייסקייט פון דעם בלומען־פלייש איז געווען שטיל און וואונ־דערלעך, גלייך ווי די קאַלירן פונם העלסטן טאָג וואָלטן זיך דאָרט דיסקרעט געשפּילט מיט די אומעטיקע טונקלקייטן פון אַן אָוונט. עפּעס ווי אַ טרויעריקע צוזאַמענקייט צווישן די צוויי אייביקע קעגנזאַצן, טאָג און נאַכט. אַזוי קאָן נאָר אויסקוקן די געשטאַלט פון דער צניעותפולער טוגנט! פּלוטאַרך דער רייפער חכם, וואָס האָט זיך דורך די ביכער אויסגעלערנט צו לייענען אין דעם גרויסן בוך פון דער וועלט, האָט אין דער שטילער איינזאַמער בלום ווידער געזען אַ משל מיט וועלכן די געטער רעדן צו אים. עס איז געווען פאַר אים ווי אַן אַנטפּלעקונג פון אַ נייער און טיפער חכמה. ער האָט זי צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג, גאָר נישט געפונען אין די אַנאַלן פון די ביבליאָטעקן. פּלוטאַרך האָט מיט אַ מאָל פאַרשטאַנען, אַז זיין אינערלעכער דעמאָן האָט דאָ צו אים גערעדט אין די געשטאַלטן פון דער געטין ניקע, פון גאָט אַפּאָלאָ און אין דער געשטאַלט פון דער בלום. פּלוטאַרך האָט גע־טראַכט ביי זיך אין האַרצן די פאָלגנדיקע געדאַנקען:

גרויסע קונסט־ווערק, גרויסע שוישפּילן און דיכטונגען, די אומשטערב־לעכע דערקענטענישן פון דער פילאָזאָפיע, — זיי קאָנען נאָר געדייען אין אַזעלכע שטעט ווי אַטען און רוים. די גוטע מידות אָבער און די מאָראַל געדייען אַמבעסטן אין דער שטילקייט פון אַן אָפּגעלעגן אָרט. די גוטע מידה איז די שטילסטע בלום פון דער נשמה. זי איז, — ווי די געטין ניקע, דער לעצטער נצחון פונם מענטש, — ד"ה דער נצחון איבערן מענטש. די גוטע מידות ווערן געהיט פון דער געטין ניקע. די טוגנט, וואַקסט לעבן די קוואַלן פון דער דערקענטעניש. די טוגנט איז די גאָלדענע פרוכט וואָס וואַקסט אויף די ביימער פון וויסן. די וויסן־ביימער וואָס טראָגן זי נישט, זענען עקרים און פרוכטלאָז.

אַזוי האָט ביי זיך געטראַכט דער חכם פּלוטאַרך. אין דעם טונקעלן שווייגן פונם ציפּרעסן־וועלדל האָט ער גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן צוריק צו פאָרן אין זיין פאָטער־שטאָט כאַרינעאַ — וועדליק דעם רוף פון אַפּאָלאָ — און אין דער שטילקייט פון זיין האַרץ האָדעווען די בלום פון דער טוגנט און די שיינקייט פון מידות.

פלוטאַרך האָט זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו זיין אַהיים־רייזע נאָך כּאַרינעאַ. ער האָט געגליבט צו פאַרלאָזן רוים אויף שטענדיק, דערימעך האָט ער זיך געוואָלט גזעגענען מיט זיינע פילע פריינט. פלוטאַרך האָט געהאַט פריינט נישט בלויז צווישן די געלערנטע און פילאָזאָפן נאָר אויך אין די הויכגעשטעלטע רוימישע קרייזן. אפילו אין די הויף־קרייזן. פלוטאַרך האָט זיך דערמאָנט, אין אַ סך פון די ציניקער און סטאָאיקער וואָס האָבן — פון פאַראַכטונג צו זייער אייגענעם גוף — זיך קיינמאָל נישט געוואַשן. ווי סאָקראַטעס האָבן זיי געטראָגן שמוציקע און אָפּגעריסענע פילאָזאָפן־מאַנטלען. זיי האָבן דערמיט געהאַט די אַמביציע פּטור צו ווערן פון אַלע פליישלעכע ליידנשאַפטן. יענע וועלט־פאַראַכטער האָבן פונדעסטוועגן נישט אויסגעמיטן אָפּצוגעבן כּבוד די מעכטיקע פון דער ערד. אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, איין און איינציקער אויסנאַם, און דאָס נעמלעך, דער ציניקער דיאָגענעס. מיט דעם איז פלוטאַרך גאָרנישט אומטריי געוואָרן די מיינונגען פון זיין געוויסן. פלוטאַרך האָט בעסער פון אַלעמען געוואוסט, אַז די לייטזעליקייטן פונם שיקזאַל זענען קיינמאָל נישט קיין דויערהאַפטיקע. פאַר די עטלעכע טראָפּן וויין, וואָס דאָס שיקזאַל דערלויבט דעם שטערבלעכן מענטש צו טרינקען פון איר גאָלדענעם בעכער, מוז דער מכלומרשט באַגינסטיקטער מענטש באַצאָלן מיט טויזנט מאָל טויזנט טאָפּעלע ביטערנישן. אין די שעהן ווען די שיקזאַל־געטינס שמייכלען צו אַ שטערבלעכן באַדאַרף מען זיך זייער שטאַרק אויסהיטן מיט גאָרנישט דעם געטערישן שמייכל צו פאַרפינצטערן. דער חסד פון די געטער איז נישט מער ווי אַ לעצטער שטראַל, וואָס ער וועט זיך באַלד לעשן אין אַן אייביק־פינצטערער נאַכט.

עטלעכע טעג פאַר פלוטאַרכס אָפּפאָר האָט איינער פון זיינע רייכע רוימישע פריינט לכּבוד אים איינגעאָרדנט אַ סימפּאָזיום. דער רוימישער מאַגנאַט האָט אומישנע קאָפּירט דעם סימפּאָזיום פון געטלעכן פּלאַטאָ. אַ חוץ רוימער איז אויך געווען אַ היפּשע צאָל גריכישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוים, ס'רוב סטאָאיקער. מ'האָט געטרונקען וויין פון קונסט־פולע קאָרינטישע בעכער. פלייטן־שפּילערינס האָבן געשפּילט און געזונגען אַלטע אַטישע לידער. די אָנטיילנעמער, באַקראַנצט מיט פרישע רויזן־קראַנצן, זענען געלעגן אָנגעלענט אויף רייך־באַצירטע געלעגערס. מ'האָט געשמועסט אויף דער אייגענער טעמע וואָס אין פּלאַטאָס סימפּאָזיום, נעמ־לעך, וועגן דער ליבע און וועגן דעם גאָט עראָס. פלוטאַרך האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק אַז דער שטאַרקסטער פון די געטער איז אַפּאָלאָ, וואָרעם אַפּאָלאָ איז דער גאָט פון דער חכמה. ס'איז אַ טעות צו גלייבן, אַז עראָס וועט ווען־עס־איז זיין דער איינציקער הערשער איבער דער וועלט. די חכמה איז שטאַרקער פון דער ליבע. די חכמה איז די טאָכטער פון דער דערקענטעניש. די ליבע איז די טאָכטער פון דער בלינדקייט. אַ טייל פון די סטאָאיקער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן סימפּאָזיום, זענען געווען אין אַן אַנדער מיינונג, נעמלעך, אַז דער שעפערישסטער כּוח אין דער וועלט איז די גלייכגילטיקייט.

די גריכישע פילאָזאָפן זענען שוין געווען אַ ביסל שיכורלעך. די געשפּרעכן זענען געווען זייער גייסטרייך. אין די צווישן־פּויזעס האָבן די שקלאַפן געמישט דעם ווײַן אין זילבערנע קאַנען און כסדר אָנגעפילט די בעכער. פּלוטאַרך האָט אויך געטרונקען אַ סך פון דעם שטאַרקן גריכישן ווײַן און איז געווען גאָר אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק.

דער סימפּאָזיום איז פאַרלאָפן אין גייסטרייכע געשפּרעכן ביז שפּעט אַריין אין דער נאַכט. וואָס אַ מאָל מער אָנטיילנעמער זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אויף די בענק, אָדער גאָר אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און איינגעשלאָפן אונטערן טיש. אין אויסגעגאָסענע קאָלוזשעס פון גריכישן ווײַן האָבן זיך אויפן דיל געוואַלגערט צעבלעטערטע רויזן־קראַנצן. ס׳האָט געשמעקט מיט רויזן און ווײַן. די גריכישע פילאָזאָפן האָבן געכראָפּעט. די לעצטע זענען פאַרבליבן וואָך פּלוטאַרך און דער רוימישער גאַסט־געבער. זיי האָבן ווײַטער געפירט דאָס געשפּרעך.

ערשט ווען דער האָן האָט געקרייט האָבן זיך די שמועסער געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין טאָג און מ׳דאַרף גיין צו רו. אין די שיסלען פון די גרויסע בראָנ־זענע לאָמפּן־שטענדערס, וואָס זענען אַרום געשטאַנען איבערן עס־זאַל, האָבן זיך נאָך שוואַך געריכערט און געצאַנקט די אייל־פלאַמען. דורך די אויפ־געפּראַלטע טירן צום אַטריום האָט דער יונגער פרימאָרגן העל באַלויכטן די שלאָפער און די גאָלדענע און זילבערנע טרינק־געפעסן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן טיש. אַ שקלאַף האָט פּלוטאַרכן געברענגט צו טראָגן אַ גאָלדענעם בעקן מיט רויזן־וואַסער. פּלוטאַרך האָט זיך אַרומגעוואַשן דאָס פּנים און די האָר, ער האָט זיך געפילט עטוואָס פרישער. אינם מויל האָט ער נאָך געהאַט אַן איבלקייט פון ווײַן.

פּלוטאַרך האָט זיך געזעגנט מיט זײַן פרײַנט און אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים. ער האָט נאָך געהאַט אַ סך ענינים צו דערלעדיקן פאַר זײַן רייזע.

ווען פּלוטאַרך איז אַרויסגעקומען אויפן גאַס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. די בלעטער פון די איינצלנעביימער זענען געווען נאַס פון טוי. ס׳האָט נאָך געשמעקט מיט די רויע לופטן פון דער אַנטשוואונדענער נאַכט. די הימלען איבער דער וועלט־שטאָט האָבן זיך וואָס אַמאָל מער אָנגעגאָסן מיט טאָג. ראָזיקע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט איבערן ליכטיק־בלויען הימל־לאַזור ווי שפּילנדיקע אַמאָרעטן. אין די רוימישע גאַסן האָט זיך אָנגעהויבן צו וועקן דאָס אַלטעגלעכע לעבן. בעקער האָבן געטראָגן קויבערס מיט פריש־געבאַקענעם ברויט, לאַסט־טרעגער — כלערליי משאות, איבערהויפּט גרינסן און פרוכטן. פאַסטעכער וואָס זענען געקומען פון די סאַבינער בערג, האָבן געטריבן רינדער און שאָף אין די שחיטה־הייזער אַריין. און אויפן פי־מאַרק. די שאָף האָבן געמעקעט. דאָ און דאָרט זענען אַהיים געגאַנגען פאַרשפּע־טיקטע שיכורים און געזונגען אויסגעלאַסענע ווײַן־ און ליבע־לידער. שקלאַפן האָבן פאַרבײַגעטראָגן אַ לעקטיקע, אין וועלכער ס׳איז געזעסן אַ דרימלדיקע קורטיזאַנע. אויך אויפן פאָרום האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפענען די קלייטן. די געלט־וועקסלער האָבן אָנגעהויבן אויסצולייגן זייערע מטבעות אויף קליינע מאַרמאָרנע טישלעך.

פלוטאַרך איז געווען אַנגעטאָן אין אַ לייכטן גריכישן מאַנטל. אים איז געווען קאַלט און ער האָט געציטערט.

כדי זיך וואָס מער אויסצוניכטערן פון דער דורכגעוואַכטער נאַכט און פון דעם מידן ווייך־רויש וואָס ער האָט געפילט אין די שלייפן, האָט פלוטאַרך ביי זיך באַשלאָסן אַהיים צו גיין דורך אַ ווייטערן וועג.

ער איז געגאַנגען איבער אָפּגעלעגענע רוימישע גאַסן און אָנגעקומען צום שקלאַפן־מאַרק.

אויך דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן די טאָג־טעגלעכע באַוועגונג. רוימישע שקלאַפן־סוחרים אין רייכע ווייסע טאָגעס, ים־פיראַטן פון די גריכישע אינזלען, באַרבאַרישע סוחרים — אין בונטע גאָלד־געשטיקטע אָריענטאַלישע געוואַנדער און מיט בלוי־געפודערטע און קינסטלעך־געקרייזלטע בערד — זענען בייז און האָפּערדיק אַרומגעגאַנגען און מיט לאַנגע בייטשן געקנאַלט אין די לופטן און גערופן צום אויפשטיין. אויף דער הוילער ערד, און צווישן די — אין עגיפּטישן סטיל — באַמאָלטע זיילן־גענג, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן איבערן שקלאַפן־מאַרק, האָבן זיך מאַסנווייז מענטשלעכע לייבער דערהויבן פון דער ערד. אומעטום זענען געלעגן מענטשן, — אויף דער ערד, צווישן די זיילן־גענג, און לעבן די הויערנדיקע קעמל־קאַראַוואַנען, וואָס זענען געקומען מיט שקלאַפן אַזש פון די ווייטע אַראַבישע מדבריות.

אויפן מאַרק האָט זיך געשטאַרקט וואָס אַ מאָל מער דער פאַרביקער מענטשן־געטומל און דער געשריי־געמיש פון פאַרשיידענע שפּראַכן און פעלקערשאַפטן: גריכן, נעגער, סודאַנער און עטיאָפּיער, יידן פון ארץ־ישראל און אַראַבער פון אַלערליי שבטים, קריגס־געפאַנגענע אַזש פון הינטער די זיילן פון העראַקלעס, און אַנגעהעריקע פון אַנדערע באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע פעלקער. ס'האָבן געשריען מענער און ווייבער, זקנים, יונג־פרויען און קינדער. דער דור־הפלגה פון דער גאַנצער וועלט איז דורך די מעכטיקסטע און רייכסטע סוחרים אַהער געבראַכט געוואָרן אויפן רוימישן שקלאַפן־מאַרק און אויסגעשטעלט צום פאַרקויף.

אָטאָ־די קאָסטבאַרע לעבעדיקע סחורה האָט מען פאַרן רוימישן פאָלק געבררענגט פון אַלע עקן וועלט. מ'האָט זיי געבררענגט צו שלעפּן אויף גע־פּאַקטע שיפן, אויף וועגענער, אויף אייזלען, אויף קאַראַוואַנען, אָדער סטאַדעסווייז געטריבן צו פוס. אַ חוץ געוויינטלעכע אַרבעטס־שקלאַפן און אַרבעטס־שקלאַפינס האָבן זיך אינם פאַרביקן געווימל אויפן שקלאַפן־מאַרק געפונען געפאַנגענע חכמים און געלערנטע, פּרינצן און פּרינצעסינס, פעלד־הערן און שטאַטס־לענקער, פּאָעטן און פילאָזאָפן, פעדאַגאָגן, קאָמעדיאַנטן, זינגער, מכשפים, דאָקטוירים, שוואַרץ־קינצלער און שוישפּילער, טענצער און טענצערינס, לוסט־יונגלינגען און קורטיזאַנעס. די טייערערע און פיקאַנטערע מענטשן־סחורה האָבן די סוחרים ס'רוב אָפּגעקויפט ביי זיגרייכע חיילות אָדער פיראַטן האָבן זיי געכאַפּט אויף שיפן.

איצטער, אין די מאָרגן־שעהן, האָבן די סוחרים אָנגעהויבן צונויפצו־זאַמלען זייער מענטשיש פאַרמעגן און די שקלאַפן אויסצושטעלן און אויס־

צוסדרן צום אָנגעבאָט און אָנבליק פּאָר די קויפער, וואָס דאַרפן באַלד אָנ־קומען. מ׳האָט געשריען און זיך גערופן אין אַלערליי שפּראַכן. אויך אייזלען האָבן הויך גערעוועט. הויערנדיקע קעמלען, וואָס האָבן געלאָזן געמעלה־גרהט, האָבן אויסגעשטרעקט זייערע לאַנגע העלזער אין דער זיך באַוועגנ־דיקער מאַסע אַריין און ווילד געשריען. די סוחרים האָבן דערווייל איינ־צווישן, איטלעכער באַזונדער, צוזאַמענגעטריבן די שקלאַפן און אָנגעהויבן מאַכן צווישן זיי אַן אָרדענונג. די, וואָס האָבן געהאַט בלויז אַרבעטס־שקלאַפן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצוטאָן האַלב־נאַקעט און אויסשטעלן שורותווייז. די יעניקע שקלאַפן, וועלכע האָבן שוין אַמאָל געפּרואווט צו אַנטלויפן האָט מען מיט פעסטע שטריק צוגעבונדן צו די קאָלומנעס פון די זיילן־גענג. מיט זשעסטן פון גרויסע מבינים האָבן די סוחרים נאָך אַמאָל באַטאַפּט דאָס לייב און די מוסקלען פון די צום פאַרקויף אויסגעשטעלטע מענטשן, דערנאָך זיי באַגאָסן מיט קאַלט וואַסער און געריבן מיט בערשטן, כדי זייער הויט זאָל אויסקוקן רויטער און געזינטער. סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט איידעלערע יונגפרויען, האָבן אַנטבלויזט די שענסטע קערפּער־טיילן פון די שקלאַפינס און באַזונדערס אַרויסגעשטעלט די קערנדיקע ווייבערישע ברוסטן, כדי צו וועקן לוסט. די לייבער פון די שיינע יונגפרויען האָבן די סוחרים באַשמירט מיט שמעקנדיקן רויזן־אייל, צעפלאָכטן זיי די האָר אין לאַנגע און קינציקע צעפּ, אָנגעטון גאָלדענע רינגען אויף די אָרעמס און אויף די פוס־קנעכלען פון די יונגפרויען און אונטערגעצייכנט די אויגן מיט שוואַרצער ציר־זאַלב. די קורטיזאַנעס און די לוסט־יונגלינגען האָט מען אויסגעפּוצט מיט זאַרגפעלטיקן געשמאַק — אויף צו מערן זייערע חנען. אויך די סוחרים וואָס האָבן מער ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, נייערט פילאָזאָפן און דיכטער, האָבן אויסגעזעצט זייער סחורה אויף אַ שורה רונדיקע בענק, ווי אין אַן אַקאַדעמיע, און געגעבן די פילאָזאָפן און די דיכטער אין די הענט אַריין שווערע ביכער־מגילות און זיי באַפוילן אַרויסצולייענען הויך אויפן קול פאַרשיידענע ציטאַטן.

איינציקווייז האָבן זיך אויך די קויפער אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפן שקלאַפנמאַרק. ס׳רוב זענען געקומען בעלנים אויף אַרבעטס־שקלאַפן. אַרום די אַרבעטס־שקלאַפן האָט זיך דערווייל געמאַכט די גרעסטע באַוועגונג. די קויפער האָבן אָנגעהויבן ברוטאַל אויסצוטאַפּן די לייבער פון דער מענטשישער סחורה, אַריינגעקוקט די שקלאַפן אין די אויגן, געפּרואווט זיי די שטאַרקייט פון די הענט און פון די ציינער און געהייסן זיי לויפן. אויף דעם אָרט וואו ס׳זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די יונגפרויען, איז נאָך אין די מאָרגנ־שעהן דער קויפער־עולם געווען אַ קלענערער. דערפאַר האָבן זיך דאָ צו־נויפגעזאַמלט אויסגעקליבענע מבינים. צום מיינסטן עלטערע מענטשן. די קויפער האָבן זיך אונטערגעהאַלטן מיטאַנאַנדער. געשמועסט, און זיך באַראָטן. טייל קויפער האָבן מיט גרויס געניטשאַפט אָפּגעשאַצט די מעלות און די חסרונות פון די ווייבערישע גלידער. פון זייער זייט האָבן די שקלאַפן־סוחרים נישט אויפגעהערט צו רימען די ווייבערישע רייצן... מיט די שפּיצ־

פינגער באַרירט די יונגפרוישע בריסטן כדי צו ווייזן די פרישע קערנדיקייט. נישט ווייט פון דעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן געטאַנצט די טענצער. די קורטי־זאַנעס האָבן הויך געזונגען ליבע־לידער און ריטמיש געבויגן זייערע קערפּערס אין ליידנשאַפטלעכע באַוועגונגען. אויך דאָ האָבן מבינים הויך דיסקוטירט מיט די שקלאַפן־סוחרים. טייל פון די קויפער האָבן שפּילעוודיק אָנגענומען פּאָר די רייך־פּריזירטע לאָקן פון די לוסט־יונגלינגען.

פלוטאַרך איז רואיק פאַרבייגעגאַנגען דעם געטומל אויפן שקלאַפן־מאַרק. אויף די אַרבעטס־שקלאַפן האָט ער זיך איבערהויפּט נישט אומגעקוקט. אויף די אויסגעשטעלטע שיינע ווייבער און אַנטבלויזטע יונגפרויען האָבן ווייניק געלאָקט זיינע בליקן. פלוטאַרך איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַזונדערן חשק צו קוקן אויף ווייבערישע רייצן. די שיינקייטן פון דער חכמה זענען אין זיינע אויגן געווען טויזנט מאָל לאָקנדיקער ווי דאָס שענסטע ווייב. דערפאַר האָט זיך פלוטאַרך אָפּגעשטעלט ביי דעם געזעמל פון די שקלאַפישע פילאָזאָפן. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער השגחה און וועגן שיקזאַל. פלוטאַרך האָט אויפגעשפּיצט זיינע אויערן צו הערן, וואָס די דאָזיקע פילאָזאָפן לייענען. די ציטאַטן זענען געווען קנאַפּ אינטערעסאַנט. וועדליק זיין מענטשן־קענטשאַפט האָט פלוטאַרך גלייך אָפּגעשאַצט ביי זיך אין האַרצן אַז אַטאַ־די פילאָזאָפן־סחורה איז נישט פון קיין איבעריק הויכער מדרגה. פלוטאַרך האָט ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַנגעהויבן אַוועקצוגיין.

באַלד האָט ער געהערט, ווי עמיצער לויפט אים נאָך פון הינטן און רופט אים.

פלוטאַרך האָט זיך אומגעקוקט.

אַ קליינער גריכישער שקלאַפן־סוחר אין אַ שמוציקן אָפּגעריבענעם געוואַנט און מיט אַן אויסגעקראָכן שפּיציק ציגן־בערדל האָט פלוטאַרכן נאָכגעשריען. פלוטאַרך האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער גריך האָט זיך הכנעהדיק געבויגן אין דרייען. טיף זיך געבוקט. דאַן האָט ער צו פלוטאַרכן אויפגעהויבן אַ פּאָר רויטלעכע כיטרע אויגן און געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— האַר, איר קוקט מיר אויס צו זיין אַ גרויסער געלערנטער. כ'האָב צו פאַרקויפן זייער אַ באַדייטנדיקן פילאָזאָף. ער איז אַ באַקאַנטער סאָפיסט און שטאַמט פון דעם אינזל קאָס, וואו ס'איז געבוירן געוואָרן דער אומשטערבלעכער היפּאָקראַטעס. איך וועל אים אייך פאַרקויפן פאַר ביליק געלט.

דער הענדלער האָט פלוטאַרכן אָנגענומען פאַרן מאַנטל און צוריק געפירט אויף עטלעכע טריט.

דער שקלאַף איז געזעסן אויף אַ שטיין, געקייט אַ טרוקן רעפטל ברויט און פאַרטיפט געלייענט אין אַ פאַרמעט, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף זיינע קניען.

ס'האָט אויסגעקוקט, ווי ער באַמערקט קיינעם נישט אַרום זיך.

דער גריכישער סוחר האָט פלוצעם געביטן זיין האַלטונג. ער איז ווי מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן העכער, און אַ געשריי געטאָן:

— אַנכיזעס!

דער שקלאַף אַנכיזעס האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען אַ קליינער, דאַרער מאַן אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט געטראָגן אַ צעפליקטן מאַנטל פון וועלכן ס'האָט זיך געלאָזט היפּש פילן אַן אומאָנגענעמער ריח. פון די ריסן פון דעם מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען אַ שמוציק־באַהאָרטער גוף. אַנכיזעס האָט געהאַט גראַלעכע צעקנוידערטע קאָפּ האָר. דאָס פּנים איז ביי אים געווען רוי און ווילד באַוואַקסן ווי ביי אַ סאַטיר. פּלוטאַרך האָט באַמערקט, אַז איין פוס איז ביים שקלאַף קירצער פונם צווייטן און אַז ער הינקט.

— וואָס לייענט איר דאָ? — האָט אים פּלוטאַרך געפרעגט מיט אַ רואיק געלאַסן קול.

— איך לייען פּראָטאַגאָראַס פונם געטלעכן פּלאַטאָ, האָט אַנכיזעס געענטפערט האַלב־הייזעריק — ער האָט זיך געקראַצט אין די האָר און דערביי זיך אפילו נישט באַמיט אַ קוק צו טון אויפן פרעגער — אויף יעדן זאַך, וואָס עס זאָגט סיי סאָקראַטעס סיי דער סאָפיסט, האָב איך טויזנט באַווייזן קעגן און טויזנט באַווייזן פאַר. ס'איז נישטאָ קיין באַשטימטערע זאַך, ווי די לאָגיק. אַלצדינג קאָן באַוויזן ווערן מיט דער לאָגיק. דערפאַר טאַקע, ווייל אַלץ קאָן באַוויזן ווערן דעריבער קאָן גאָרנישט באַוויזן ווערן. מיט דער זעלביקער לאָגיק קאָן איך אייך למשל באַווייזן, אַז איר עקסיסטירט פונקט אַזוי ווי איך קאָן באַווייזן, אַז איר עקסיסטירט נישט. פּלאַטאָ איז געווען דורכאויס איינזייטיק. אין זיינע דיאַלאָגן קומט כמעט תמיד סאָקראַ־טעס אַרויס דער זיגער. ווי קאָן מען זיגן אין אַ וועלט, וואָס איז סך־הכל נישט מער ווי אַ סך־הכל פון לאָגישע ווידערשפּרוכן?...

אַנכיזעס האָט געוואָלט ווייטער רעדן. דער שקלאַפן־סוחר האָט טרי־אומפירנדיק געשמייכלט און צופרידן געקלאַפּט מיט די בלוטלאָזע לעפצן. פּלוטאַרך האָט דעם סאָפיסט אומגעדולדיק איבערגעהאַקט:

— וואָסער אַרבעט קענט איר טאָן פאַר אייער האַר, אַ חוץ פילאָזאָפירן?

אַנכיזעס האָט אַ קוק געטאָן אויף פּלוטאַרכן און געענטפערט:

— איך קאָן גאָרנישט און קאָן אַלצדינג, פונקט ווי יעדער מענטש. יעדער מענטש איז נישט מער ווי אַ צווייפלהאַפטיק שאָטן־בילד פון אַ צווייפלהאַפטיקן וועלט־שאָטן. ווען איך טו עפּעס — וואָסער ווערט האָט מיין טאַט, ווען עס קאָן, גריילעך, געמאָלט זיין, אַז איך עקסיסטיר בכלל נישט, און איר עקסיסטירט נישט, און קיינער פון אונז עקסיסטירט נישט. אפילו מיין איצטיקער באַלעבאָס אַנדראָמאַכאָס, וואָס קאָרמעט מיך נישט מער ווי מיט טרוקן ברויט און מיט וואַסער — דערפאַר גיט ער מיר אָפּט צו פאַרזוכן דעם טעם פון זיין בייטש — אויך ער, דער זייער חשובער אַנדראָמאַכאָס, עקסיסטירט נישט. מיר זענען נישט מער ווי די שאָטנס פון אַן עקסיסטענצ־לאָזיקייט און לעבן אין הינער־פּלעט פון אַ קאָשמאַרישן חלום. איין זאַך, אָבער, האַר, קאָן איך צוזאָגן אויף זיכער: איך וועל פון אייך נישט אַנטלויפן. וואָרעם וואו אַהין וועל איך לויפן, ווען ס'איז נישטאָ קיין שום רעאַליטעט,

אַלצדינג איז נישט מער ווי אַ תוהו ובוהו פון ווידערשפּרוכן? אפילו, ווען איר וועט מיך לייגן אין קייטן, בין איך פּאַרט פרייער פון אייך, האַר. ווער קאָן מיר דען באַווייזן, אַז די קייטן עקסיסטירן?...

אַנכיזעס האָט זיך פּלוצעם שטאַרק צעהוסט פונם שנעלן רעדן. איבערן באַוואַקסענעם סאַטיר־פּנים האָט זיך אים געגאָסן דער שוויס. די האָר האָבן זיך אים פונאַנדערגעקלעפּט אויפן פּנים, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ חיהשע מאַסקע.

פלוטאַרך האָט שוואַך געשמייכלט. ער האָט זיך געווענדעט צום סוחר:

— וואָס קאָסט אָטאָ דער שקלאַף?

דער גריך האָט געזאָגט אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וויל גערן פּטור ווערן פון דער סחורה.

פלוטאַרך האָט דעם סוחר אויסגעצאָלט די געלט־סומע און אַ זאָג געטאָן צו אַנכיזעסן:

— איך וועל דיר באַווייזן, אַ אַנכיזעס, אַז די עקסיסטענצן זענען פיל רעאַלער ווי דו מיינסט. קום!

אַנכיזעס האָט געקייט זיין ברויט, צוזאַמענגענומען דעם פּאַרמעט און נאָכגעהינקט פלוטאַרכן.

— 4 —

אין ברינדיזיום האָט זיך פלוטאַרך מיט זיין שקלאַף אַנכיזעס איינגעשיפט אויף אַפּצופאָרן צו די גריכישע ברעגעס. די שיף איז געווען אַ גרויסע. אַ חוץ מיט זעגל־טיכער איז זי נאָך געטריבן געוואָרן דורך אַ סך רודער־שקלאַפן. די שיף איז געווען רייך באַמאָלט מיט בילדער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אויף איר שנאָבל איז געווען אַ גרויס פּאַרגאָלדיקט בילד פון דער געטין טעטיס. די געטין האָט מיד און מוטערלעך געשמייכלט. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט געוואָלט אַראָפּשווענבן אין די וואַסערן.

ווען די שיף האָט אויפגעהויבן איר אַנקער איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. די לבנה איז, ווי אַ גרויסער זילבערנער טעלער, פול געשוואומען איבער די הימלען. די וואַסער־פעלדער פון ים זענען געלעגן רואיק אינם בלייכן לבנה־שיין ווי אונטער אַ טויטן ליכטיקן טוי. זיי האָבן פייכט געאָטעמט אונטערן פאַרגאָסענעם לבנה־ליכט און זיך פאַרלוירן אין דער שטילער ביינאַכטיקער ווייטקייט. די שיף האָט פונאַנדערגעלאָזט אירע זעגלען. די זעגלען האָבן זיך אָנגענומען מיטן קילן ים־ווינט. די שיף האָט זיך אומהיימ־לעך, ווי אַ פרעמדע אויסטערלישע בריאה, געגעליטשט איבער די ווייכע באַלבנהטע וואַסערן. אינם האַלב־צעעפנטן בויך פון דער שיף האָבן די רודער־שקלאַפן לעבעדיק געקלאַפּט מיט זייערע לאַנגע וועסלעס איבער די ביינאַכ־טיקע וואַסער־פלאַכן. די פינצטערע און העל־פאַרחלומטע וואַסערן — ווי זיי וואָלטן זיך געוועקט — האָבן געענטפערט מיט אַ געפּליעסק. באַלד האָט זיך אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט געהערט אַ געזאַנג. אַ כאָר־געזאַנג. טיף אין דער שיף האָבן די רודער־שקלאַפן אָנגעהויבן צו זינגען אַלטע גריכישע שיפער־לידער צום מאָנאָטאָנעם טאַקט פון די וועסלעס.

אויפן דעק זענען געווען ווינציק פּאַסאַזשירן. ס׳רוב מיטפּאָרנדיקע האָבן זיך שוין געהאַט געלייגט שלאָפן. איבער די תּהומות האָט מען נאָר פֿאַר־נומען דאָס שיפער־געזאַנג פון די שקלאַפן און דאָס גליטשן זיך פון דער שיף.

אויף אַ באַקוועמען שטול פון געפלאָכטענע פּאַלמען־בלעטער, לעבן אַ געצעלט פון פּורפּורלנע טיכער, איז פּלוטאַרך געזעסן און אַרויסגעקוקט אויף דער ווייכער לבנה־נאַכט, וואָס האָט ווייס געציטערט אין דער לופט און איבער די פּייכט־אָטעמדיקע וואַסערן. פּלוטאַרכן צופוסנס איז געלעגן דער שקלאַף אַנכיזעס, צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ גרויסער הונט. אַנכיזעס איז פעסט גע־שלאָפן. צייטנווייז האָט ער ווילד אויפגעשנאָרכט אין דער נאַכט־שטילקייט, אָדער גאָר אַרויסגערעדט פון שלאָף אָפּגעריסענע און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. פּלוטאַרך האָט געקוקט דאָ אויף דער לבנה, דאָ אויף אַנכיזעסן. פּלוטאַרך האָט זיך געפילט מאָדנע באַרואיקט און פריש. זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ האָט געקילט דער ווינט. זיינע נאָז־לעכער האָבן אין זיך אַריינגעזויגן דעם זאַלץ־ריח פון די ימישע טיפענישן. פּלוטאַרך האָט זיך דערמאָנט זיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן אין אַטען און אין רוים. ער האָט זיך דערמאָנט אין די טויזנ־טער ביכער, וואָס ער האָט אין זיין לעבן אַדורכגעלייענט, און אין די גע־רוימיקע קאַלטע זאַלן פון די ביבליאָטעקן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע קייזערלעכע פריינט, אָן די פילע פילאָזאָפן און מאַגנאַטן, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין טיפע געשפּרעכן און אין גייסטרייכע סימפּאָזיומס. ער האָט זיך דערמאָנט זיינע רייזעס אין דעם געהיימנישפולן לאַנד מצרים און זיינע שמועסן דאָרט מיט די חכמים פון טעמפּל פון סעראַפּיס. ווי וואונדער־לעך פאַרשיידנאַרטיק און פאַרביק עס זענען פאַרלאָפן זיינע טעג אויף די פליינען פון דערקענטעניש. דאָס לעבן פון גייסט קאָן זיין פונקט אַזוי רוישיק און אַוואַנטוריסטיש, ווי דאָס לעבן פונם גוף. די ליידנשאַפטן פון דעם שׂכל זענען נישט ווייניקער היציק און אויפברויזנדיק, ווי די ליידנשאַפטן פון דער ליבע. מיט וויפל לוסט רייצן די שיינקייטן פון געדאַנק! וויפל געניוס ליגט אין די געפעסן פון דער חכמה! אין דער פאַרחלומטער לבנה־נאַכט האָט פּלוטאַרך צוריק געקוקט אויף זיין לעבן, ווי אַ פעלדהאַר אויף די שלאַכט־פעלדער פון זיין רום. ווי ווילד האָט דאָ געקלונגען דאָס געפעכט! איצט, ווען זיין האַרץ שווייגט שטיל אין וואונדערלעכער רו, פאַרבלאַסט אַלצדינג, ווי דער לבנה־נעפּל אויף די וואַסערן, און לעשט זיך בענקשאַפטלעך אויס אין די מרחקים פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אַלצדינג איז נישט מער ווי דאָס שאָטן־שפּיל פון אַ חלום. אַלצדינג. פּלוטאַרך האָט זיך צוגעהערט צו דעם שיפער־געזאַנג פון די רודער־שקלאַפן טיף אונטן אין דער שיף. די גרויסע און רומפולע גריכישע און רוימישע מענער, וועמענס טאַטן און ליידן ער האָט באַשריבן — צי זענען זיי מער געווען, ווי דער וועג פון דער שיף אויף די בלייך־טונקעלע וואַסערן? ווי דער ווינט וואָס בלאָזט אים איבערן קאָפּ? ווי דאָס געזאַנג אונטן פון די שקלאַפן, וואָס צערינט אַזוי האָפענונגסלאָז אין די וויטקייטן פון דער נאַכט און ס׳בלייבט דערפון נישט איבער קיין שום ממשות?

אין דער אומעטיקער בלאַסקייט פון דער לבנה־נאַכט האָט פּלוטאַרך זיך דערמאָנט אָן דער שטילער און בלאַסער ליכטיקייט פון דער אַרכידייע, וואָס איז געוואַקסן צופוסנס דעם ניקע־טעמפּל און וואָס האָט דעמאָלט אין זיינע אויגן אויסגעדריקט דאָס צניעותפולע ליכט פון אַ גרויסער און אייביקער וועלט־גוטסקייט. אַלצדינג איז הוילע פאַרבלענדעניש אַ חוץ דער וועלט־גוטסקייט. די וועלט־גוטסקייט איז די איינציק־מעגלעכע רעאַליטעט. זי איז די אור־אידייע פון אַלע פּלאַטאָנישע אידייען. אַלע פּלאַטאָנישע אידייען זענען נישט מער ווי איר שפּיגל־בילד און די שאָטנס פון דער דאָזיקער איינציק־וואָרער אידייע — גוטסקייט. פאַרוואָס איז די גוטסקייט די איינציקע רעאַלע עקסיסטענץ? דאָ האָט פּלוטאַרך צוגעמאַכט די אויגן און לייכט זיך אויסגעשמייכלט אין זיין באַרואיקט געמיט: די גוטסקייט איז דאָס גרויסע וועלט־געפיל פון רחמנות צו אַלע קרעאַטורן, וואָס פּייניקן און מאַטערן זיך אין דער האָפענונגסלאָזער איינרעדעניש פון אַן עקסיסטענץ וואָס עקסיסטירט נישט. אַלע טאָטן ווערן געטון אין אַ תהום פון טאָטלאָזיקייט. דאָס איז די טראַגעדיע פונם מענטש. ווי אָרעם איז דער מענטש! ווען דאָס מענטשלעכע האַרץ ווערט פול מיט גוטסקייט און מיטלייד, קאָן אַלעמען מוחל זיין און אַלעמען ליב האָבן, דעמאָלט ערשט דערגרייכט עס די העכסטע מדריגה פון אַ וועלט־אמת. דאָס געפיל פון דער גוטסקייט וועקט אויף דעם מענטש פון זיינע חלומות און ער דערקענט, וואָס ער איז אַליין און וואָס איז אַלצדינג אַרום אים. די גוטסקייט איז די העכסטע חכמה אונזערע. אונזער הערשאַיש־סטער זיג איבער די טונקלקייטן פון דער וועלט. מיר באַזיגן אין דער גוטס־קייט די אילוזיע וועגן זיך אַליין, ד״ה די אילוזיע וועגן אונזער אייגענער עקסיסטענץ. דערמיט ענדלעך פאַרענדיקט זיך פאַר אונז דאָס גרויסע און טראַגישע שפּיל פון אַלע וועלט־אילוזיעס. מיר קאָנען זיך באַרואיקן און אויפהייבן און אַוועקגיין פון דעם גרויסן וועלט־טעאַטער און זיך מיטליידפול אויסשמייכלען אין דעם גרויסן און ביטערן געוויין פון דער וועלט.

די שקלאַפן אונטן אין דער שיף האָבן כסדר געזונגען זייער שיפער־געזאַנג.

פּלוטאַרך האָט זיך ברייטער אויסגעזעצט אויף דער געפלאָכטענער פאַלמען־שטול לעבן דעם געצעלט פון פורפור־טיכער. ער האָט אָנגעהויבן אויסצולייגן אין זיינע געדאַנקען די פּלענער פון די נייע ווערק, וואָס ער האָט בדעה אָנצושרייבן אין זיין פאַטערשטאָט כאַרינעאַ. אַ ווערק אין דער שטיל־קייט פון חשבון־הנפש, נעמלעך, אַ ווערק וועגן מאָראַל און וועגן דערציאונג. עס האָט זיך פּלוטאַרכן אויסגעדוכט, אַז ער האַלט אין זיינע קילע פייכטע הענט די פעדער. דעם גרויסן שריפטשטעלער איז באַפאַלן דער חשק צו שרייבן און אויסצודריקן — ווערדליק זיין געוואוינהייט — זיינע געפילן אויפן פּאַפּיר. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צו פאַרבלאַסן אויף די אומענדלעכע וואַסער־שטחים פון ים. די מזרח־הימלען האָבן זיך שטיל אָנגעהויבן פונאַנדער צו בליען מיט דער רויז פון קאַיאָר. דער ווינט האָט שטאַרקער געבלאָזן אין די זעגלען פון דער שיף. דער ים איז געוואָרן באַוועגטער. די שיף האָט זיך

צעוויגט. אויף די פּאַליעס וואָס האָבן זיך געוועקט אויף די קאַיאַר־וואַסערן האָט זיך לייכט געזילבערט דער שוים.

דאָס שיפער־געזאַנג אונטן, אין דער שיף, האָט פּאַמעלעך אויפגעהערט, ווי עס וואָלט זיך אויסגעלאָשן צוזאַמען מיט דער נאַכט.

פּלוטאַרך האָט זיך געוואָלט אויפהייבן פון זיין שטול און גיין צו רו. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן מידקייט. די מזרח־הימלען זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל ליכטיקער. די זיך־באַוועגנדיקע וואַסערן וויקלען זיך וואָס אַ מאָל אָפענער אַרויס פון די מרחקים און צינדן זיך לייכט אָן מיט דעם רויט פון קאַיאַר. איינצלנע מעוועס שרייען אין די לופטן און קרייזן אַרום די פונאַנדער־געבלאָזענע זעגל־ביימער פון דער שיף. פּלוטאַרכס בליקן פאַלן אויף אַנכיזעסן. פּלוטאַרך שמייכלט: אָט ליגט דאָ אים צופוסנס דער רעזיגנירנדיקער סאָפיסט. די חכמה, וואָס ווייס אַלצדינג, שלאָפט דאָ איר הינטישן שלאָף. פּלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּונקט אַזוי האָבן אויסגעקוקט די גרויסע גריכישע ציניקער, וואָס זענען פון מכלומרשטן ביטול צו דער וועלט, נאַקעטע גע־שלאָפן אויף מיסטהויפנס. דער האַמאַ סאָפיענס ווען ער שלאָפט, וויפל רחמנות וועקט ער. ווי אומבאַהאָלפן איז ער! מיט דעם שפּיץ פון זיינע ווייכע סאַנדאַלן האָט פּלוטאַרך באַרירט דעם רוקן פון דעם שנאַרכנדיקן פילאָזאָף.

אַנכיזעס האָט אויפגעריסן די אויגן.

— ס׳איז שוין טאָג, אַנכיזעס, האָט פּלוטאַרך ערנסט געזאָגט. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט גרינגשעצנדיקער איראָניע: אַנכיזעס פון דעם אינזל קאָס, וועלטבירגער און שקלאָף, וואָס איז טאָג?

דאָס באַוואָקסענע חיה־פּנים פונם סאָפיסט, וואָס איז נאָך רויער געוואָרן אין דער אויסגעשלאָפנקייט, האָט זיך אויסגעצניכטערט. אַנכיזעס האָט פונדאָס־ניי צוגעמאַכט די אויגן. געענטפערט פּלוטאַרכן גלייך, ווי ער וואָלט גערעדט פון שלאָף:

— אין דער נאַכט פאַרזינקען מיר אין דער פאַרגעסנקייט פון דעם אור־צושטאַנד פון דער וועלט. מיר טראַכטן נישט. אין דער נאַכט זענען מיר פּונקט ווי די קרעאַטור, וואָס לעבט אין כסדרדיקער און טעמפּער געדאַנקענ־לאָזיקייט. אין דער נאַכט זענען מיר נישט קליגער פון די פליגן, וואָס שלאָפן איין אויף דער וואַנט. די נאַכט איז דאָס אור־בילד פון דעם אייביקן גאָרנישט. איך ווייס דערימעך, וואָס זי איז, די נאַכט. דער טאָג, אַ האַר, איז, אַזוי צו זאָגן דאָס שאַפנדיקע ליכט און די דערקענענדיקע וואַכקייט. אין דעם מצב פון אַ מכלומרשטער וועלט־ליכטיקייט איז דער אמתער חכם געגליכן צו דער פלעדערמויז. גראַד אין טאָג איז זי בלינדער פון אַלע בלינדע. ווען אַלע מיינען צו וויסן, ווייסט דער חכם אַמווייניקסטן. דאָס דאָזיקע נישט־וויסן איז דער קוואַל פון זיין חכמה. דער טאָג, אַ האַר, איז פאַרן דערקענענדיקן מענטשן פינצטערער און נאַכטישער פון אַלע נעכט.

פּלוטאַרך האָט אים נישט געענטפערט און געגאַנגען צו רו.

דער סאָפיסט האָט זיך פונדאָסניי צוזאַמענגעקנוילט. ער האָט זיך אויס־געדרייט מיטן רוקן צו די הימלען און אָנגעהויבן הויך צו שנאַרכן.

איבערן ים האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן דער טאָג.

זינט די עטלעכע וואָכן וואָס פּלוטאַרך וואוינט אין זיין פּאַטערשטאָט כאַרינעאַ האָט ער זיך פאַמעלעך אַנגעהויבן איינצואָרדענען ווערדליך די נייע וואונטשן פון זיין האַרץ. זיינע טעג האָבן שוין גענויגט צו זייער לעבנס־אָוונט. די עלטער האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוגיסן אין זיין בלוט מיט דער גליק־זעליקייט פון דער וועלט־רואיקייט. אין דער עלטער ווערט דאָס לעבן רייף אין אונזער באַוואוסטזיין ווי אַ פּרוכט וואָס ווערט צייטיק אויפן בוים. די עלטער מאַכט זיך צו אין איידעלן דופט פון איר בליאונג ווי אַ בלום אין זון־פאַרגאַנג. עלטער אַליין איז שוין אַ גרויסע חכמה פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט זי און וויס זי צו געניסן. זיין ניי בוך „מאָראַליאַ", דאָס בוך פון פּלוטאַרכס עלטער, האָט געזאָלט זיין פּלוטאַרכס גרויסער און לעצטער חשבון מיטן מענטשלעכן געוויסן, פונקט ווי זיינע פריערדיקע היסטאָרישע פאַרגלייכונגען זענען געווען דער חשבון מיט דער מענטשלעכער טאַט.

ווען ער איז געזעסן אין דער שטילקייט פון זיין הויז, אין עק־שטאָט צווישן ציפּרעסן־ביימער, און געשריבן די בלעטער פון אָטאָ־דעם לעצטן בוך זיינעם, האָט פּלוטאַרך געפילט אַ זעלטענע קלאָרקייט אין זיין גייסט. ניין. דאָס איז נישט מער געווען צו איבערדערציילן דאָס לעבן פון די מוטיקע מענער, וואָס זענען העראָאיש אַרויסגעטראָטן אויפן אויבערפלאַך פון דער געשיכטע און דאָרט געוואָרפן זייערע טאָטן אויף די וואָגשאָלן פון דער וועלט און דאָרט געפּרוואוט זיך צו פאַרמעסטן מיטן אומבויגזאַמען שיקזאַל. אָט די מענער, וואָס האָבן פאַר אַלעמענס אויגן געוואָלט קעמפן מיט די ווירקלעכקייטן פון דער וועלט זענען אונטערגעגאַנגען אין זייער קאַמף. די העלדן ווערן פאַרברענט ביים פייער פון זייערע טאָטן ווי די נאַכט־זומער־פייגעלעך ביי דעם פלאַם פון אַ לאָמפּ. אויף די בלעטער פון „מאָראַליאַ" האָט זיך פונאַנדערגערעדט די שטים פון מענטשלעכן געוויסן און זיינע פליכטן צו זיך אַליין. די פליכטן לגבי דער אייגענער פערזענלעכער עקסיסטענץ אין דער וועלט. דער מענטשלעכער העראָאיזם אויף אינעווייניק. דער דאָזיקער שווערער קאַמף מיטן שיקזאַל אויף די פעלדער פון דער אייגענער פליכט שפּילט זיך אָפּ אין די תהומישע שטילקייטן פון דער נשמה. אים זעט קיינער נישט. אים הערט קיינער נישט. די פאַנפאַרן פון רום טראָגן אים זעלטן פונאַנדער איבער די מענטשלעכע דורות. דאָ פאַרמעסט זיך דאָס שיקזאַל, אויף טויט און לעבן, אויג אויף אויג מיטן מענטש אַליין, מחוץ פון אַלע באַוואונדערנדיקע צושויער. און דער זיג? שווייגט איר אַלע אומשטערבלעכע געטער! אין דעם שווערן קאַמף פון פליכט און געוויסן, באַווייזט זיך גאָר דער קליינער, אומבאַקאַנטער און נאָמענלאָזער שטערבלעכער אין זיין טיטאַנישער גרויסקייט. ס'איז די אומבאַקאַנטע מענטשלעכע טאַט, וואָס ווערט דאָ געטון בסוד פון אַלע געטער. די קליינע טאַט ווערט געטון אינם טונקעלן שאָטן פון דעם וועלט־אַל.

פּלוטאַרך דערמאָנט זיך אָן דער אָרימער אַרכידייע אין וועמענס בלומען־פּלייש עס האָבן אַזוי באַשיידן און אַזוי טיף זיך געראַנגלט דער טאָג מיט

דער טונקלקייט. פּלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט: פּונקט אַזוי ראַנגלען זיך אַלע וועלט־אמתן אין זייער לעצטער סינטעזע.

נאָך שעהן רואיקן און גליקזעליקן טראַכטן און שרייבן האָט ער געלאַסן אַוועקגעלייגט די פּען און אַוועקגעגאַנגען אינם טעמפּל פון אַפּאָלאָ. זינט זיין אָנקומען אין כאָרינעאַ, האָט פּלוטאַרך דאָרט געהאַט אָנגענומען דעם אַמט פון אַ כוהן.

לאַנג, לאַנג פלעגט ער אָפּשטיין פאַרן געטער־בילד און דערויף קוקן. דאָס אַפּאָלינישע געטער־בילד אינם טעמפּל אין כאָרינעאַ האָט פולשטענדיק צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער שטימונג פון פּלוטאַרכס געמיט. די גאָט־הייטן ווייזן זיך דעם מענטש אין דעם וועזן און אין דעם באַשטאַנד פון מענטשנס וועלט־קוק. פּלוטאַרך האָט געזען דערין אַ סימבאָלישן צייכן. גראָד אין דער באַשיידענער און ווינציקער געשטאַלט פון זיך האָט אים דער גאָט אויסגעקליבן פאַר אַ כוהן. פּלוטאַרך האָט געהאַט געזען דאָס געשטאַלט פון אַפּאָלאָ אין די רייכסטע טעמפּלען פון רוים און גריכנלאַנד. די גרעסטע מייסטער האָבן זיך דאָרט באַמיט דעם גאָט פון ליכטיקייט און חכמה פאַר־צושטעלן אין די וואונדערלעכע מאַטעריאַלן פון גאָלד און עלפאַנט־ביין. אַפּאָלאָ האָט דאָרט געזאָלט אויסדריקן די מענטשלעכע וועלט־דערקענטעניש אין איר ראַפינירטסטער שיינקייט. אַלצדינג וואָס געפיל און פאַנטאַזיע זענען נאָר בכוח געווען צו דערגרייכן, אַלע דערהויבנקייטן פונם געמיט, האָבן יענע מייסטער געוואָלט געשטאַלטיקן אין די קינסטלערישע קערפּער־פאָרמען פון דעם גאָט אַפּאָלאָ. אַלע וועלט־ליכטיקייטן האָבן אויפגעלויכטן אין זיין שטאָלצער שיינקייט. דער אומאייביקער און ענדלעכער מענטש וויל כסדר אַוועקלייגן אין די געטערישע הענט אַריין די השגות וועגן אייביקייט און אומענדלעכקייט פון וועלכע דער מענטש האָט נישט אויפגעהערט צו חלומען אין זיינע זעאונגען. אין די געטער־הענט האָט דער מענטש זיינע נישט־דערפילטע בענקשאַפטן געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר דעם שיקזאַל פון דער צייט. ער וויל אַז די געטער זאָלן אים באַשיצן פאַר דער טראַגישער פאַר־גענגלעכקייט.

דאָס געטער־בילד אַפּאָלאָ אין דעם היימישן טעמפּל פון כאָרינעאַ האָט לגמרי נישט געהאַט די אַמביציעס אויסצודריקן דעם מענטש אין די ספערעס פון די גאָטהייטן. דער גאָט פון שיינקייט און חכמה האָט דאָ, אין כאָרינעאַ־אישן טעמפּל, געהאַט דאָס אויסזען ווי אַ פּשוטער בעאָטישער פאַסטוך. ער איז געווען זייער פּרימיטיוו אויסגעהאַקט פון אַ גראָען און רויען פעלד־שטיין. אים האָט געמאַכט קענטיק עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאָלקס־קינסטלער, וואָס האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה וועגן די פּראָפּאָרציעס פון דער אַבסאָלוטער געטלעכער האַרמאָניע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די העכסטע גאָטהייט אויף גאָר אַן אַנדערן אופן, ד״ה אויף דעם אופן פון דעם שווערן האָרעפּאַשנעם מענטשלעכן לעבן. דער דאָזיקער פּרימיטיווער אַפּאָלאָ איז איינזאַם געשטאַנען אין די קילע טונקלקייטן פונם טעמפּל גלייך ווי ער וואָלט געפּאַשעט אומ־געזעענע שאָף.

פלוטאַרכן האָט זיך באַשײנפּערלעך אויסגעדוכט: אַז דאָס אָרעמע געטער־בילד האָט אים אין חלום צוריקגערופן קיין כאַרינעאַ ווי צו די קוואַלן פון אַ לעצטן אמת. זיין גאַנץ לעבן לאַנג האָט ער, פּלוטאַרך, זיך באַמיט אַוועקצורייסן פון דעם קליינעם מענטש און פון דער קליינער מענטשלעכער טאַט, און אַהין צו דערגרייכן העכער אַרויף צו אַן אַבסטראַקטער אידייע פון מענטשלעכער העלדישקייט. צו דער אומשטערבלעכער מענטשלעכער טאַט. ניין, דאָ האָט ער געהאַט אַ זיכערן טעות. די גרעסטע מענטשלעכע מדרגה, דער דערהויבנסטער אויסדרוק פון מענטשנס עצם — איז די פליכט פון מענטש צו מענטש. די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי די מיט־מענטשן און לגבי דעם לעבן. דער גרעסטער דערקענער צווישן די פילאָזאָפן, דער געטלעכער פּלאַטאָ, האָט במשך זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, כסדר אַראָפּגעגנידערט פון די העכסטע אידייאישע ספערעס צום מענטש און צום מענטשלעכן לעבן. אין לעבן פון מענטש האָט פּלאַטאָ געזען דאָס קלאָרסטע שפּיגל־בילד פון דער וועלט־דערקענטעניש. פּלאַטאָס לעצטע ווערק און דער עפּילאָג פון זיינע אַלע קאָסמישע דערקענטענישן איז געווען די „פּאָליטעאַ", נעמלעך, דאָס בוך, וואָס איז דורכאויס געווידמעט דעם מענטשלעכן צוזאַמענ־לעבן.

פּלוטאַרך האָט אַרויפגעקוקט צום גאָט און געטראַכט אין זיינע געדאַנקען:

— צי שטעקן נישט אין דעם דאָזיקן גאָר פּרימיטיוון געטער־בילד די ריינסטע דערגרייכונגען פון דער חכמה? צי איז נישט דער דאָזיקער אַפּאָלאָ דער העכסטער אויסדרוק פון דער אַפּאָלאָנישער גאָטהייט? די געטער־בילדער פון אַפּאָלאָ פון גאָלד און עלפאַנט־ביין, — געמאַכט פון די גרעסטע מייסטער פאַר די וואונדערלעכע טעמפּלען פון רוים און אַטען — זענען געווען אינגאַנצן אויסגעלייזט פון דער מאַטעריע. זיי שוועבן איבער איר ווי ענדגילטיקע און אייביקע איבערוועלטישע רואיקייטן. די מאַטעריע איז דאָרט אויסגעגאַנגען אין דער ליכטיקייט פון אַ שלימות ווי אַ נעפּל אין דער זון. דער גאָט פון כאַרינעאַ, שטייט אינמיטן פון דעם פולשטענדיקן חומר פון דער מאַטעריע. ער שטייט אינמיטן דעם אומדערענדיקטן קאַמף מיט איר שווערקייט. די גאָטהייט דאָ באַטייליקט זיך צוזאַמען מיטן מענטש אין שווערן מיזאַמען גראַנגל מיטן אייביקן כאַאָס.

אַפּאָלאָ, קעמפנדיקער און ליידנדיקער מענטש! ווי נאָענט דו ביסט מיר ענדלעך געוואָרן, אָ, טיפסטער קוואַל פון דער חכמה! אַזוי האָט פּלוטאַרך געפּליסטערט אין דער קילער שטילקייט פונם הייליקטום. ער האָט לאַנג געקוקט אויפן גאָט און הויך אויפגעהויבן צו אים די פלאַכן פון זיינע הענט אין שטילן געבעט.

— 6 —

אינמיטן פון דער אַרבעט פלעגט פּלוטאַרך צוזאַמענגעמען די אָנגעשריבענע בלעטער און אַוועקגיין אויף אַ איינזאַמער לאַנקע לעבן אַ טייכל. דאָס טייכל און די לאַנקע זענען געווען געווידמעט די מוזעס. אַהינצוצו האָט

פלוטאַרך באַפוילן דעם שקלאַף אַנכיזעס אַז ער זאָל אים באַגלייטן. דער סאָפיסט האָט אים נאָכגעהינקט.

פלוטאַרך האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים גראָזיקן ברעג פונם טייכל אונטערן שאָטן פון אַ פייגנבוים. הויך אויפן קול פלעגט ער פאַרלייענען פאַר אַנכיזעסן דאָס וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן. פלוטאַרך האָט עס ליב געהאַט צו טון. אַנכיזעס האָט זיך כמעט אויף יעדער שורה אָפּגעשטעלט און אָנגע־הויבן פלוטאַרכן צו פאַרשיטן מיט די האַלז־ברעכערישע אַרגומענטן און קעגנבאַווייזן פון דער סאָפיסטיק. — אין דער רואיקער רייפקייט פון זיין וועלט־דערקענטעניש — זענען זיי איצט פלוטאַרכן אויסגעקומען פאַלש און אויבנאויפיק. פלוטאַרך האָט געשמייכלט. דאָס היציקע ווידערשפּרעכן פונם שקלאַף האָט אים געקילט און דערפרישט דעם גייסט ווי דער לייכטער ווינט פון אַ פּאַלמענפעכער. פון דעם שאַרף־געשליפענעם שפּיגל פון די ווידער־שפּרוכן האָט צו פלוטאַרכן אַרויסגעקוקט דאָס ערנסטע פּנים פון זיין אייגענעם אמת.

פלוטאַרך האָט געשוויגן. זיך צוגעהערט צום סאָפיסט. אַנכיזעס האָט זיך וואָס אַ מאָל מער צעקאָכט. ער איז פלינקער און שניידיקער געוואָרן אין זיינע איינוועגדונגען. דאָס באַוואָקסענע סאַטיר־פּנים איז אים געוואָרן רויט און דערשוויצט פון אינערלעכער אויפרעגונג. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַנכיזעס ווערט כמעט ווי שכור פון זיינע אייגענע ווערטער, וואָס האָבן אים געברענט אויף דער צונג ווי שאַרפע געווירצן. אַנכיזעס האָט אפילו פאַרגעסן זיין שקלאַפישן מעמד און אָנגעהויבן צו שרייען הויך אויפן קול אינמיטן דער שטילקייט פון דער לאַנקע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אָנ־געפאַנגען אַהער און אַהין צו הינקען. אַזוי הינקענדיק האָט ער האַסטיק גע־זשעסטיקולירט מיט די הענט. זיך כסדר באַמיט צו באַווייזן די אומהאַלט־באַרקייט פון פלוטאַרכס געדאַנקען. ווען פלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער שקלאַף הייבט אָן צו ווערן צו חוצפּהדיק, האָט זיך אים דאָס פּנים פאַר־כמורעט. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און געזאָגט מיט אַ רואיקע און באַפעלערישע שטימע:

— אַנכיזעס, שעפּ אָן וואַסער פון טייך און גיס מיר אויף די הענט.

אַנכיזעס האָט געקייכט. פינצטער אַ קוק געטאָן אויף זיין האַר. געטון וואָס מען האָט אים געהייסן.

איינמאָל איז פלוטאַרך אַרויסגעגאַנגען אויף דער איינזאַמער לאַנקע און מיט זיך מיטגענומען אַ קאַפּיטל פון זיין ווערק „מאָראַליאַ". ער האָט עס געהאַלטן פאַר באַזונדערס געראָטן ווי אַ שריפטשטעלערישע דערגרייכונג. אַנכיזעס איז אים אַ פאַרכמורעטער נאָכגעהינקען. קומענדיק אויף דער לאַנקע האָט זיך פלוטאַרך אַנידערגעזעצט אויפן ווייכן שמעקנדיקן גראָז און באַפוילן אַנכיזעסן זיך לעבן אים אַנידערצוזעצן אויף דער ערד. דאָס טייכל האָט ליב געררוישט אין די ברעגעס. אַ לינדער ווינט האָט געווייעט צווישן די גראָזן. פלוטאַרך האָט אָנגעהויבן צו לייענען הויך אויפן קול. דאָס קאַפּיטל איז געווען אָנגעשריבן אינם סטיל פון די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער.

פלוטאַרך האָט זיך דאָ באַמיט צו דערגרייכן דאָס אידעלע און געמיטפולע שיינקייט פונם פּלאַטאָנישן גריכיש. ער האָט געגלייבט, אַז ער האָט עס באַוויזן צו טון. דאָס קאַפּיטל איז פול געווען מיט ציטאַטן פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן. זיי האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין פלוטאַרכס אייגענע געדאַנקען מיט אַ וואונדערלעכער האַרמאָניע ווי זיי וואָלטן געפלאָסן פון איין און דעם זעלביקן קוואַל. פלוטאַרך האָט געפילט אַן אינערלעכע שטאָלצע באַפרידיקונג פון אָט־אָ דער טאַט פון זיין פען. שוין ביי די ערשטע זאַצן האָט אַנכיזעס אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אַ ווידערשפעניקע אומרואיקייט. וואָס ווייטער פלוטאַרך האָט געפּרואווט צו לייענען איז אַנכיזעס גאָר מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. אָנגעהויבן נאָכצואווייזן גרויסע פעלערן סיי וואָס שייך דעם עצם פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, סיי וואָס שייך די פולקומענהייט פונם סטיל. ער האָט אָנגעהויבן צו זידלען די פילאָזאָפן וועמענס ציטאַטן פלוטאַרך האָט מיט פיל זאָרגפעלטיקייט אויסגעזוכט. דעם סטיל און די שפּראַך וואָס האָבן פלוטאַרכן אַליין אַזוי וואוילטועוודיק געקלונגען אין די אויערן און זיי זענען קלאָר געפלאָסן פון זיין צונג ווי גוטער און אַלטער וויין, — האָט אַנכיזעס זיך דערלויבט אָנצורופן מוטנע און פאַרדרייט. אין זיין ווילדער צעהיצטקייט האָט אַנכיזעס אפילו אויסגעשריען, אַז פּלאַטאָ איז סך־הכל נישט מער געווען ווי אַן אומאויפריכטיקער פלוידערזאַק, וואָרעם ער רעדט פון אַ מכלומרשט הויך־עטישן שטאַט, דערביי לאָזט ער גאַנץ רואיק באַשטיין דעם שטאַנד פון די שקלאַפן. ד״ה אַז דער געטלעכער פּלאַטאָ האָט געהאַט זייער אַ קנאַפּע השגה וועגן דעם ווערט פונם מענטש. סאָקראַטעסן האָט אַנכיזעס אָנגערופן אַן אוממאָראַלישן פאַרפירער און פאַרדאַרבער פון דער יוגנט. מיט בייזוויליקער פרייד האָט דער הינקנדיקער שקלאַף געריסט די אַטענער, וואָס האָבן סאָקראַטעסן פאַרמשפּט צום גיפט־בעכער.

וואָס פלוטאַרך זאָל נישט האָבן געענטפערט און באַפוילן אַנכיזעסן אויסצוהערן דעם ווייטערן פאַרלויף פונם אָנגעשריבענעם קאַפּיטל — עס האָט אויף אַנכיזעסן נישט געהאַט די מינדסטע פּעולה. דער שקלאַף האָט זיך כסדר אַלץ ווילדער צעהיצט. דאָס מויל זיינס האָט געשפּריצט מיט שפּייעכץ. די אויגן האָבן ביי אים אומהיימלעך געפינקלט. דאָס באַהאַרטע רויע פּנים איז אים געוואָרן נאַס און העסלעך. פלוטאַרך האָט ענדלעך אומגעדולדיק און גערייצט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צוריק אַריינגעלייגט די באַשריבענע פּאַפּירן אין דער טאַש פון זיין מאַנטל. אַן אומצופרידענער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אָנגעהויבן צוריק אַהיים צו גיין.

אים פון הינטן האָט אַנכיזעס נאָכגעהינקט. ער האָט כסדר נישט אויפגעהערט צו רעדן.

פלוטאַרך האָט זיך געמאַכט נישט הערן. ער האָט זיך געפילט נישט גוט. זיין געמיט איז געווען פול מיט אַ טונקעלע און נאַגנדיקע בייזקייט. ער האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, צי ער האָט בכלל ריכטיק געהאַנדלט אָנצופאַרטרויען זיינע טיפסטע געדאַנקען אָט־אָ־דעם אומהיימלעכן און פאַר־

ביסענעם שקלאַף. אים, אַנכיזעסן, האָט ער געגלייבט צו קאָנען אַנטפּלעקן די טיפענישן פון זיין נשמה. איז עס נישט געווען אַ ביסל איבעראייליק און נאַאיוו? פּלוטאַרך האָט אפילו מיט אַ מאָל היפּש חרטה געקריגן דערויף, וואָס ער האָט אַנכיזעסן איבערהויפּט געקויפט און אַריינגעברענגט דעם דאָזיקן שקלאַף אונטער דעם היימישן באַלקן פון זיין הויז. אַנכיזעס באַמיט זיך אומישנע און מיט באַשיינפּערלעכער שאַדן־פרייד אים צו שטערן די אינערלעכע רו — דאָס שטילע און קלאָרע גלייכגעוויכט פון גייסט, וואָס אַ רייפער שריפטשטעלער באַדאַרף אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן כדי צו שרייבן וועגן די העכסטע ווערטן פון דער עטיק. ניין, אָט דער הינקנדיקער שקלאַף איז זיכער אויף אים אָנגעשיקט געוואָרן ווי אַ בייזער דעמאָן. אין פּלוטאַרכן האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן אויסצווואַקסן אַ טעמפּער האַס צו אַנכיזעסן. פּלוטאַרך האָט זיך אפילו דערמאָנט אין דער אַרכידייע, און אין דעם פּשוטן אַפּאָלאָ־בילד אינם טעמפּל פון כאַרינעאַ וועמענס כוהן ער איז. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע אייגענע געדאַנקען — די וואונדערלעכע בלומען פון זיין עלטער — וועגן מאַראַל און וועגן דער גרויסער ליבע צו אַלע קרעאַטורן. פונדעסטוועגן — דעם פונדעסטוועגן האָט פּלוטאַרך געטראַכט מיט טיפער ערפורכטיקייט — דער געטלעכער פּלאַטאָ, וואָס האָט אין זיינע וועלט־דער־קענטענישן דערלאַנגט צו די סובסטאַנצן פון די העכסטע עקסיסטענץ־אידייען, האָט ביי זיך נישט געקאָנט פועלן אָפּצושאַפן אין זיין אידעאַלן שטאַט דעם שטאַנד פון די שקלאַפן. וועלכער חכם — פּלוטאַרך האָט זיך ביטער אויסגעשמייכלט — קאָן האָבן אין זיך די אַמביציע צו זיין קליגער, בעסער און דערקענטעניש־רייכער ווי דער גרעסטער פון אַלע פילאָזאָפן?

פּלוטאַרך האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. זיך אומגעדרייט. אַ קוק געטון אויף אַנכיזעסן. אַנכיזעס האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. פּלוטאַרך האָט אָנגעהויבן ווייטער צו גיין און ווי צו זיך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. דערביי איז אים געקומען אויפן זינען דאָס וואָרט פון אומשטערבלעכן דעמאָ־קריט, נעמלעך, אַז אין דעם קעגנוואַרטיקן מלוכה־סדר איז נישט אַנדערש מעגלעך, נאָר אַז די מאַכטהאָבער זאָלן טאָן אומרעכט — הגם פּערזענלעך קאָנען זיי זיין די בעסטע מענטשן. דעמאָקריט — וואָס זעט די לעצטע סובסטאַנץ נישט אין דער העכסטער אייביקער אידייע נייערט אין דעם קליינעם און אייביקן אַטאָם — איז דאָ פולשטענדיק מסכים מיט פּלאַטאָן. ניין, אין דעם פּרט פון זייערע באַציאונגען צו שקלאַפן האָבן די אַלטע פילאָ־זאָפן ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו זאָגן דאָס ענדגילטיקע וואָרט. —

אין דער היים איז פּלוטאַרך גלייך אַוועק אין זיין ביבליאָטעק־חדר. ער האָט זיך אַ מידער אַנידערגעזעצט אויף אַ גרויסע מאַרמאָרנע שטול און שווער געאָטעמט. ער האָט מיט אַ בייזן טאָן באַפוילן אַנכיזעסן אים צו ברענגען אַ בעכער מיט לייכטן גריכישן וויין געמישט מיט וואַסער. פּלוטאַרך האָט געגלייבט, אַז אָט־דאָס זיסע און מילדע געטראַנק וועט אים אויפהייטערן.

נאָך אַ קליינע ווילע איז אַנכיזעס צוריקגעקומען. אין זיינע הענט וואָס האָבן כסדר געציטערט פון אויפרעגונג האָט ער געטראָגן דעם בעכער מיט

ווייַן. ער האָט נאָך שטאַרקער געהינקט ווי תמיד און ניט אויפגעהערט צו רעדן. צוקומענדיק נעענטער צו פּלוטאַרכן און ווילנדיק אים דערלאַנגען דעם בעכער האָט זיך אַנכיזעס מיט אַ מאָל אָן עפּעס געשטרויכלט. ס'האָט זיך געהערט אַ קלינגענדיקער קלאַפּ אויפן דיל, גלייך ווי אַ סך האַרפּע־זייטן וואָלטן געפּלאַצט. אַנכיזעס איז דערביי אומגעפאַלן און אויסגעגאָסן דעם פולן בעכער ווייַן אויף פּלוטאַרכס געוואַנט.

דאָס, אין וואָס אַנכיזעס האָט זיך געשטרויכלט און עס צעבראָכן, איז געווען אַן אַלטע וואַזע פון קונסטפּולער אַטישער פאַבריקאַט. וואונדערפולע קעראַמיק. אויף איר בויך איז מיט שוואַרצע און רויטע ליניעס געווען געצייכנט ווי אַזוי אַגאַמעמנאָן איז מקריב זיין טאָכטער איפיגעניע. מ'האָט געזען דעם ים און ווי אויך דאָס טראַגישע בילד פון דעם מקריב־זיין. די וואַזע איז געווען איינע פון די קונסט־קעגנשטאַנדן וואָס פּלוטאַרך האָט פאַרמאָגט. זי איז זאָרגפעלטיק געווען אַוועקגעשטעלט צווישן די מאַרמאָר־געשטעלן מיט ביכער־מגילות.

פּלוטאַרך איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן שאָדן. זיינע הענט, וואָס האָבן געציטערט, האָבן פעטלעך געקלעפּט פונם פאַרגאָסענעם ווייַן. אין זיינע שלייפן האָט ער געפילט קאַלטן שווייס.

— וואָס האָסטו געטון? האָט פּלוטאַרך אויפגעשריען ווי נישט מיט זיין קול.

ליגנדיק אויף דער ערד צווישן די שערבלעך פון דער צעבראָכענער וואַזע, האָט אַנכיזעס אויפגעהויבן זיין ווילדן צעקנוידערטן סאַטיר־קאָפּ צו פּלוטאַרכן:

— כ'האָב צעבראָכן אַ קונסט־ווערק, האַר, האָט אַנכיזעס געענטפערט מיטן טאָן פון זיינע פריערדיקע רייד. די קונסט־ווערק זענען די גרעסטע פאַרפירער פונם מענטש. זיי דערציילן ליגנערישע טאַטן פון אַ וועלט וואָס איז אַליין נישט מער ווי אַן אייביקע טאַטלאָזיקייט. די שיינקייט, האַר, איז די אויסגעלאַסענע טאָכטער פון דער פאַרבלענדעניש. די שיינקייט פאַרשטעלט אונז דאָס ליכט פון דער דערקענטעניש, גלייך ווי דער וואָלקן וואָס פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער זון. די מלחמה פון טראָיאַ איז קיינמאָל נישט געפירט געוואָרן. האָמער, אַזוי צו זאָגן דער קיניג פון די דיכטער, איז סך־הכל דער גרעסטער און שעדלעכסטער ליגנער, וואָס האָט ווען עס איז אַמאָל עקסיסטירט. ער האָט די אויסגעטראַכטע טראָיאַנישע מלחמה וואונדערלעך זיס און וואונדערלעך פאַלש באַזונגען אין זיינע געזאַנגען, און לאָזט דאָרט קעמפן העלדן און פולטוען טאַטן, וואָס זענען נישט מער געווען ווי די שאָטנס פון זיין ליגנערישן ווילן. דאָס קונסט־ווערק וואָס ליגט דאָ צעבראָכן, איז צעבראָכן געוואָרן מיט פולשטענדיקן רעכט. עס האָט געוואָלט פאַראייביקן פאַר אַלע צייטן אַ מעשה פון אַ וועלטליגנער, וואָס אַליין איז ער געווען שטאָק־בלינד ווי די נאַכט און האָט געהאַט די אומפאַר־שעמטע חוצפה זיך אָנצורופן דער זעער. ער האָט צומאָל נישט געזען זיין אייגענע נאָז און געלעבט ווי אַ בעטלער, און האָט זיך גענומען דעם מוט צו דערציילן, וואָס עס טוט זיך אויפן אָלימפּ און ווי אַזוי עס עסן זייערע מאָלצייטן

די געטער. אָ, דער דאָזיקער האָמער האָט ביז גאָר פאַרגרעסערט דעם פּלאַנטער פון אַלע דערקענטעניש און וועגן אַ וועלט, וואָס קאָן סיי ווי נישט דערקענט ווערן. די ספּאַרטאַנער, האַר, האָבן אויסגעראָטן די קונסטן פון זייער פאַרנונפטיק לאַנד ווי מ׳ראָט אויס דאָס גרעסטע בייז. די דאָזיקע פאַרנונפטיקע טאָט פון די ספּאַרטאַנער איז באמת ווערט צו לויבן.

פלוטאַרך האָט אינגאַנצן געציטערט מיט זיין לייב. פון זיין ווייסן גריכישן געוואַנט האָט געטריפט דער ווייַן. ער האָט באַוועגט מיט די בלייכע לעפצן. געקוקט אויפן שקלאַף וואָס איז געלעגן אויפן דיל צווישן די שערבלעך און כסדר נישט אויפגעהערט צו רעדן. פלוטאַרך האָט פּלוצעם אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

זיין צווייטער שקלאַף אַביזיוס, אַ הויכער, טונקעלער און קרעפטיקער עטיאָפּיער, איז אויפגעטראָטן אויף דער שוועל פונם ביבליאָטעק־חדר.

— פיר דעם שקלאַף אַנכיזעס אַרויס אויפן הויף, — האָט פלוטאַרך הויך און שטרענג באַפוילן ציילנדיק יעדעס וואָרט, — דאָרט וועסטו אים, אַביזיוס, געבן צוואַנציק שטאַרקע שמיץ מיט פייכטע ריטער. געשמיסן זאָל ער ווערן אויפן נאַקעטן טייל פון אויבערשטן קערפּער, אַזוי ווי מען שמייסט שקלאַפן. ווען אַלצדינג וועט זיין גרייט צו דער עקזעקוציע און דו וועסט האַלטן ביים שמייסן זאָלסטו מיך רופן.

דער עטיאָפּיער האָט אַנכיזעסן אויפגעהויבן פונם דיל ווי מ׳הייבט אויף אַ ווינציק בינטל בייגער און אים שנעל אַרויסגעטראָגן פונם ביבליאָטעק־חדר.

אין אַ היפּשע ווײַלע אַרום האָט זיך דער עטיאָפּיער ווידער באַוויזן אויף דער שוועל.

— האַר, — האָט ער געזאָגט און זיינע ציינער האָבן ווייס געבלאַנקט הינטער די דיקע און צימערינג־רויטע ליפּן, — ס׳איז אַלצדינג פאַרטיק. איך וואַרט נאָר אויף דיינע באַפעלן.

פלוטאַרך האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער מאַרמאָרנער שטול. מיט רואיקע און לאַנגזאַמע טריט איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שקלאַף.

אַנכיזעס מיט אַ פולשטענדיק נאַקעטן אויבער־קערפּער איז אויפן הויף געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ קליינער דאָרישער זייל וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן ברונעם. דער שקלאַפישער פּילאָזאָף האָט זיין קאָפּ פעסט צוגעדריקט צום שטיין ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דאָרט קילן. זיין אויסטערליש דאַרער, שטאַרק־באַהאָרטער גוף איז געווען אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום הויף.

אויפן ראַנד פונם ברונעם זענען געלעגן פייכטע ריטער. אַביזיוס האָט גענומען די ריטער אין זיינע גרויסע טונקעלע הענט אַריין.

— האַר, האָט פּלוצלונג געזאָגט אַנכיזעס און אויסגעדרייט צו פלוטאַרכן זיין ווילד־צעקנוידערטן סאַטיר־קאָפּ, — איר האָט נישט וואָס צו טאָן. אַביזיוס איז פאַרנומען מיט אייערע באַפעלן — לייענט מיר איצטער ווייטער דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אייער „מאָראַליאַ״. דער סטיל דאָרט און די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זענען נישט אַנטבלויזט פון אַ געוויסער שיינקייט.

אַביזיוס האָט דערוויל געוואָרט מיט די ריטער.

— שמייס, אַביזיוס, האָט פלוטאַרך געזאָגט. ער האָט זיך געוואָנדן צו אַנכיזעסן און צוגעגעבן:

— כ'דאַרף נאָר דאָרט צו פאַרריכטן עטלעכע סטיל־פעלערן אויף וועלכע דו האָסט מיך מיט רעכט אויפמערקזאַם געמאַכט. שפּעטער נאָכן שמייסן וועל איך עס דיר איבערלייענען. שמייס, אַביזיוס, — האָט פלוטאַרך הויך אויפן קול איבערגעחזרט זיין באַפעל און זיך אָוועקגערוקט אין אַ זייט.

איבער אַנכיזעסעס מאָגערער פלייצע האָבן אָנגעהויבן צו פייפן די ריטער.

ווילנע 1940

דער יידישער פויפסט

היסטאָרישע דערציילונג

קאַפּיטל איינס

לאָמיר צוגיין צו די ספרים־אַלמערס און אויפמישן די אַלטע פּאַרמעטן

אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: יידישע צרות זענען אייביק ווי די וועלט. זיי האָבן טאַקע געוואוסט וואָס זיי זאָגן. אויך היינט צו טאָג לעבן, מיר יידן, אין אַ ביטערער וועלט. שה פזורה ישראל. שטויבעלעך אין שטורעם־ווינטן. אויך היינט צו טאָג האָבן מיר מיט איר, מיט דער וועלט הייסט עס, צו זינגען און צו זאָגן. אויך דאָס היינטיקע דור יידן זענען נישט קיין בני־יחידימלעך פון אונזער געשיכטע. בנוגע צרות האָבן מיר, די היינטיקע יידן, נישט אַנדעקט אַמעריקע.

דערימעך — שאַט עס נישט צוצוגיין פון צייט צו צייט צו אונזערע אַלטע אַלמערס, אויפצועפענען דאָרט די פאַרשטויבטע פּאַרמעטן. אַ קוק צו טון אויף דעם הכצעקתה, דאָס הייסט, ווי האָבן אונדזערע זיידעס און באָבעס געלעבט פּאַרצייטנס.

מיר גיבן אַ מיש אויף דאָס דאָזיקע פּאַרצייטנס, — וואָס באַקומען מיר צו זען? די אייגענע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט.

די חוקרים ווילן אונז איינוויגן אין אַן איינרעדעניש, אַז די צייט איז אַ קאַרעטע אַן איינגעשפּאַנטע אין פייערדיקע סוסים. זי פליט הענדום־פּענדום אין שנעלן גאַלאָפּ. אין אָט דער קאַרעטע זיצט די וועלט ווי אַ פּריץ — און פאָרט. גלייבט מיר, ליבע לייענער, עס איז נאָר אַ שיינע באָבע־מעשה. אין דער אמתן שטייען מיר נאָך טיף אין די בלאָטעס פון מעשה־בראשית. עס חלומט זיך אונז בייערט אַז מיר פאָרן.

יידן לאָזט מען צומאָל נישט חלומען אַז זיי פאָרן. אין די וועלט־בלאָטעס האַלטן יידן נאָך כסדר ביי „מה טובו”, דאָס הייסט, גאָר גאָר פון פאָרנט.

איז זשע, ליבע לייענער, לאָמיר כאַפּן אַ קוק אויף אַן אייביקן איצט אין וועלכן אַלע זייגערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. לאָמיר זיך אַ קירעווע טון אויף היפּשע עטלעכע הונדערט יאָר צוריק און זען ווי יידן האָבן דעמאָלט געלעבט און געוואוינט אין אַזאַ באַרימטער שטאָט ווי פראַנקפורט ביים מאַין.

קאַפּיטל צוויי

גויים און יידן אין פראַנקפורטביים מאַין

פראַנקפורט ביים מאַין איז געווען איינע פון די רייכסטע שטעט אין דער דעמאָלטיקער מדינת אשכנז. אַ שטאָט פון קורפירשטן, בישאָפן און פּאַט־ריציער. די שטרענגע און פאַרביקע שפע פון קריסטלעכן מיטלאַלטער איז געווען אויסגעגאָסן סיי אויף אירע הייזער און געמאַרקן, סיי אויף די הנהגות און הלבשה פון אירע גויאישע איינוואוינער. עס איז געווען דער שטייפער און שטרענגער פּראַכט פון דאַמאָלסטיקן עולם־הזה.

ביי דער זייט פון אָט דער קייזערלעכער און בישאָפלעכער שטאָט איז די יידן־געטאָ געלעגן ווי אַן איינגעצוימטע און אָפּגעשלאָסענע חשכות. מען האָט אפילו דער זון נישט דערלויבט, אַז זי זאָל יידן שענקען איר ליכטיקייט, — און דער לופט נישט דערלויבט, אַז זי זאָל דאָרט בלאָזן מיט איר פרישקייט. אין דער געטאָ זענען די געסלעך געווען ענג און שמוציק. די הייזער אָרעמע און אָפּגעריסענע. זיי האָבן זיך נישט געטאָרט פאַר־שפרייטן אין דער רחבות נייערט זיך אויסציען און וואַקסן אין דער הויך ווי אין שווינדזיכטיקער בלוט־אָרעמקייט. די דורות יידן וואָס זענען צו־געקומען אין דער געטאָ האָבן זיך געמוזט אַריינשטופּן אין די דאָזיקע פינצטערע דעמפּיקע שטייגן. איין דור אויפן אַנדערן, איין דור אויפן אַנדערן. ווייטער זיך אויסשפרייטן איז נישט געווען דערלויבט. די געטאָ איז געווען אָפּגעמאָסטן אין איר שטח ווי אַ חסד פון די גויים.

אויך דעם דאָזיקן אָרימען חסד האָבן די פראַנקפורטער בירגער צוגע־וואָרפן זייערע יידן ווי אַ בעטלערישע נדבה. דאָ מעגט איר לעבן און שטאַרבן איר יידן. ווייטער קיין טריט נישט.

אָבער תמיד איז אין אָט דער יידן־געטאָ געווען ווי אין אַ בינשטאָק.

אין די וואָכעדיקע זעקס טעג, אויפן ערשטן בליק, וואָלט דאָרט אַ פרעמדער נישט געוואוסט, מה רעש? וואָס איז דאָס אייביקע געשמייע אין די דאָזיקע ענגע טונקלענישן? עס וואָלט זיך אים גאָר געווען אויסגעדוכט, אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַ מקום פון סאַמע אָרעמעלייט און בעטלערס. די מאַנסבילן זענען געגאַנגען קרואה־ובלואה. די ווייבער האָבן זיך געטונקט אין אָרעמקייט. איז וואָס לויפן און האָוען אַזוי די יידן?

שפּעטער וואָלט זיך דער פרעמדער געווען דערוואוסט, אַז עס רעשט אַזוי דער מסחר אין אָט די חורבות פון אַ לעבן. יידן האָבן דאָרט געהאַנדלט מיט אַלטע קליידער. מען האָט געקענט זען די טייערע ריטערלעכע גע־ווענדער וואָס אַמאָל — ווען זיי זענען געווען איינדרויסן אין גויאישן פראַנק־פורט ביים מאַין — האָבן זיי געגלאַנצט אויף די בעלער אין די פּאַלאַצן, אין דעם ליכט און ווייררויך פון די קאַטוילישע קאַטעדראַלן און קירכעס. איצט — מן־הסתם געהער עס צו די דרכים פון עולם־עובר, — ליגן זיי הויפנ־ווייז אין די טונקלענישן פון דער יידישער געטאָ. יידן טרייבן מיט אָט דער

גויאישער אַמאַליקייט מסחר. האָבן דערפון שיין פּרנסה. יידן האָבן אויך גע־האַנדלט מיט אַנטיקן. מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט אײדל־שטיינער. אין זייערע קופּערטס האָבן זיי אויך געהאַט ליגן גאָלדענע דוקאַטן. די איידל־לייט און פּאַטריציער פון פראַנקפורט זענען אַריינגעקומען אין די יידישע טונקלענישן כדי צו קויפן און צו פאַרקויפן. ווי אויך צו לייען די גאָלדענע דוקאַטן, וואָס ליגן אין די יידישע קופּערטס.

לעבן די יידן וואָס האָבן אין די געטאָ־ענגשאַפטן געהאַנדלט מיט אַלט־וואַרגן און מיט גאָלד, האָבן זיך אויך געפונען יידן, וואָס זייערע טועכצן זענען געווען דאָס גאָלד און די אבנים־טובות פון די אויבערשטע וועלטן. היינו יידן מופלגי־תורה, מקובלים און חוקרים. אין דער יידן־געטאָ איז געווען ענג — מחמת דערימעך האָט זיך אַלצדינג דאָ צענויפגעמישט ווי אין איין גאַנצקייט. די שמועסן פון עולם־הזה און די שמועסן פון עולם־הבא האָבן זיך געפּאָרט מיט אַנאַנדער ווי די האַרמאָניעס פון עפּעס אַ טיפער און טונקעלער וועלט־סימפאָניע.

קיין גבורה, ווי זייערע גוישע שכנים מחוץ די מויערן פון דער געטאָ, האָבן זיי נישט געקאָנט ווייזן. תולעת יעקב. יידן זענען געווען שוואַך פון דער אייביקער טונקלעניש און אַלט פון אַן אייביקן עול. אויך די כלי־זיין וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער געטאָ האָבן געהערט צו די אַלטוואַרגן — און האָבן געטויגט נייערט צום מסחר און נישט צו קאַמף און מלחמה.

פון אַלטער דערפאַרונג וויסן אָבער יידן ווי מען קאָן אַלצדינג אויס־נוצן פאַר אַ משל. די גאַנצע וועלט איז נישט מער ווי אַ משל. אין די טיפסטע טיפענישן קאָן מען זיך שפּילן מיט וואָלקנס. — האָבן זיי אויך געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם קול ענות גבורה אין די קאַמפן פון חיילות.

אין זייערע מלחמות האָט זיך חלילה נישט געגאָסן קיין בלוט. זייערע חיילות זענען געווען דורכאויס הילצערנע פיגורלעך. מיט אָט די חיילות האָבן זיי אָפט געקעמפט קעגן די שרים און פּאַטריציער פון פראַנקפורט ביים מאַין. די מעכטיקע גויים זענען אָפט פון יידן געשלאָגן געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד און באַקומען מפּלות.

עס איז געווען דאָס שלאַכט־פעלד פון שאַך־שפּיל.

די מענטשלעכע נשמה איז געגליכן צו אַ פליסנדיקן טייך. ווען מען פאַרשטעלט זיין לויף ביי איין ברעג, רייסט ער זיך אין אַן אַנדערן ברעג. שטראָמט דאָרט נאָך מיט מער אימפּעט. דער חשבון פון די מענטשלעכע פאַרלאַנגען מוז ערגעץ־וואו ווערן אויסגעגליכן. דערימעך ליגן גשמיות און רוחניות כמעט ווי אויף איין פלאַך. — דער מענטש, — וואָס בטבע קאָן ער זיך קיינמאָל פון גאָר נישט אָפּזאָגן — ער בייט נאָר די פעלדער פון זיינע מעשים און פאַרלאַנגען. דאָס וואָס ער פאַרלירט אין גשמיות באַמיט ער זיך אָפּצונעמען אין רוחניות. און חלילה פונקט פאַרקערט. דער יצר־הרע און דער יצר־טוב זענען מן־הסתם דער איינער און דער זעלביקער מלאך. עס איז אַ מלאך אַ פּורים־שפּילער. אַ שקאָץ און אַ גנאַרניק, וואָס טוט זיך נאָר אָן די קאַפּאָטע אין וועלכער מיר ווילן אים זען.

אויך די איינגעשלאָסענע יידן אין דער געטאָ פון פראַנקפורט ביים מאַין האָבן אויף אַ האָר נישט געוואָלט מוותר זיין פון דעם וואָס עס געניסן זייערע מעכטיקע שכנים און באַדריקער מחוץ די מויערן. זיי האָבן זיך עס נאָר אָפּ־גענומען אויפן שטח פון אַנדערע עולמות. די תענוגים און פאַנטאַזיעס פון דער וועלט האָבן זיי געשעפּט פון אַ מדרש, פון דער קבלה און פון אַנדערע ספרי־תורה.

אויך פון מלחמות און ריטער־געפעכטן האָבן זיי נישט געוואָלט מוותר זיין — און האָבן דווקא געוואָלט אויסקעמפן אַ גרויסן קאַמף מיט זייערע מעכטיקע שכנים.

דאָס שאַך־ברעט איז געווען דאָס איינציקע שלאַכט־פעלד וואו די געטאָ־יידן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין געפּאַנצערטע ריטער.

ביי זייער גאַנצער שנאה און פאַראַכטונג צו די יידן אין די ענגשאַפטן פון דער געטאָ, האָבן די גוים אין פראַנקפורט ביים מאַין נישט אויפגע־הערט צו באַוואונדערן די יידישע מייסטערשאַפט אין שאַך־שפּיל. אַט די רעכטלאָזע באַווייזן גאונות און שאַרפע קאָמבינאַציעס אין דער תכסיס־המלחמה פון די הילצערנע פיגורלעך. פּאַטריציער, גלחים און בישאָפן פלעגן אָפט צו רופן יידן אין זייערע פּאַלאַצן אַריין. דאָרט מיט זיי זיך פאַר־מעסטן אין דער שטילער קאָמפּליצירטער מלחמה — און טאַקע דערביי כאַפּן קלעפּ און מפּלות. —

אין איין וועגס האָבן יידן אין די פּאַלאַצן געקויפט און פאַרקויפט. געליען גאָלדענע דוקאַטן, גענומען משכנות. געמאַכט מסחר ביד רחבה.

קאַפּיטל דריי

ר׳ שמעון באַרבון און זיין שם־טוב

אין יענע פאַרצייטישע יאָרן האָט אין דער פראַנקפורטער געטאָ געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ שמעון באַרבון. דער ייד איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ בעל־מקובל וגם אַ שאַרפער חוקר. ער איז אויך געווען אַ יפה־תואר פון אַ ייד. אַ הויכער מיט אַ שיינער לאַנגער באָרד. דאָס יידישקייט האָט פון אים אַראָפּגעלויכטן ווי אַ שם־טוב. ער איז געווען אַ ייד אַ ירא־שמים און אַ בעל־מידות־טובות. אחוץ אין תורה האָט ער אויך עוסק געווען אין מצוות און אין גמילת־חסדים. ער האָט געהאַנדלט מיט אַלטע מטבעות, — אַנטיקן אַזעלכע. מחמת אָט דעם מסחר האָט ער געהאַט צו טון מיט די גרויסע לייט און די שרים פון פראַנקפורט ביים מאַין.

נאָר זיין גרעסטן שם צווישן די גוים האָבן אים געמאַכט זיינע קלוג־שאַפטן און קענטשאַפטן אין די גענג פון די שאַך־פיגורלעך. ווען ר׳ שמעון באַרבון האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שאַך־ברעטל האָט אויסגעקוקט ווי עס שניידט און בליצט דער שכל מיט באַהאַלטענע און שאַרפע ליכטיקייטן.

אין פלוג וואָלט גריילעך געקאַנט אויסקוקן, אַז וואָס שייך אָט דעם ר׳

שמעונען, איז דער מאמר חז"ל וועגן תורה וגדולה במקום אחד צוגעפּאַסט אויף דער האָר. וואָס האָט זיך אַ ייד געקאָנט מער ווינטשן ווי אַ שם־טוב אין אַלע זיינע טועכצן?

דאָס מעסטל פון כבוד איז פול געוואָרן ווען די פּרנסי־קהל זענען געקומען צו ר' שמעונען און אים געוואָלט מאַכן פאַר רב אין דער פראַנקפורטער געטאָ. ר' שמעון האָט געזאָגט: ניין! ווען איך שפּיל שאַך מיט די שרים — האָט ר' שמעון געזאָגט צו די פּרנסים — און געווין ביי זיי קאָן איך גיכער אויסבעטן טובות פאַר יידן איידער ווי ווען איך וואָלט געזעסן ביי איך אויפן כסא־הרבנות.

קאַפּיטל פיר

ער וועט נישט מיטבליען מיט די יידישע ביימער

הינטער יעדער ליכטיקייט שטייט אַ שאָטן. די זון האָט פלעקן. שלמות געפינען מיר נאָר ביים בורא־עולם און נישט ביי אַ בשר־ודם. אַ מענטש איז נישט מער ווי פראַך און שטויב. וימיו כצל עובר — זיינע טעג זענען ווי די הרף־עינס וואָס מיניען פאַרביי.

וואָס איז דאָ אַ סך צו דערציילן? ר' שמעון בארבון איז, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, געווען אַ חשוך־בנים.

ווידער וועלן מיר נעמען פאַר אַ משל דעם פרעמדן, וואָס וואָלט אין יענע פאַרצייטנס אַריינגעקומען אין דער יידן־געטאָ פון פראַנקפורט ביים מאַין. ער וואָלט געווען געזען די ענגשאַפטן, די טונקלעניש. ער וואָלט געווען געזען די אָפּגעריסענע יידן, וואָס דרייען זיך דאָרט אַרום ווי בלאַסע שאָטנס. דער פרעמדער וואָלט אַוודאי געווען געטראַכט ביי זיך אין האַרצן:

— די עלנטע יידן אין די פאַרשלאָסענע טונקלענישן, — וואָס רייסן זיי זיך אַזוי צו האָבן קינדער? און טאַקע וואָס מער קינדער? קיין אָרט, אויף זיך מער צו פאַרשפּרייטן ווערט זיי נישט באַוויליקט. צו וואָס דאַרפן זיי אַזוי פיל דורות פאַר אָט די ענגשאַפטן? נייע דורות פאַר דעם יידישן עלנט? איז עס נישט קיין משוגענע עקשנות אַרויסצורופן נייע יידישע דורות פון די קומענדיקע צוקונפטן?

ווען דער פרעמדער וואָלט נאָר געווען אַ קלוגער באַטראַכטער און זיך אויך געקאָנט אויסגעפינען אין די טונקלענישן פון דער מחשבה פון דער וועלט, — ער וואָלט דעמאָלט מן־הסתם געקומען צום באַשלוס: אַז דאָס וואָס ער זעט אין דער געטאָ איז נאָך נישט אַלצדינג וועגן יידן. עס איז טאַקע פינצטער דאָ, אָבער עס איז פינצטער ווי דער בין־השמשות פון אַ נייער ליכטיקייט, וואָס גרייט זיך צו קומען איבער דער וועלט. פאַר אָט דער קומענדיקער ליכטיקייט גרייטן יידן זייערע דורות.

אַ ייד אָן דורות איז אַ בוים וואָס וועט נישט מיטבליען ווען איבער דער וועלט וועט קומען דער נייער חודש אָביב.

— ער וועט נישט מיטבליען מיט די יידישע ביימער — דאָס איז געווען דאָס גרויסע עצבות פון ר׳ שמעון באַרבון, דעם מיקלאָמפּערשט גליקלעכן אין דער יידן־געטאָ פון פראַנקפורטביים מאַין.

קאַפּיטל פינף

אַ חלום אין דריי טייל

ערב ראָש־חודש אין פינף און דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן — עס איז געווען יום־כפור־קטן און אַ תענית — איז ר׳ שמעון באַרבון אַהיים געקומען פון דער שול. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס ער איז היינט מידער ווי נאָך אַן אַנדער תענית — די אויגן קלעפּן זיך צום שלאָף.

ר׳ שמעון באַרבון האָט עפּעס טועם געווען. מחמת דאָס שלעפעריקייט האָט אים געמוטשעט האָט ער ווייניק געגעסן און האָט זיך באַלד געלייגט אין בעט אַריין.

קוים האָט ער געהאַט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן איז ער באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז זיין ווייב מרת גליקל איז געלעגן געוואָרן מיט אַ ייִנגעלע. ער פּראַוועט איצט די גרויסע סעודת־מצווה פונם ברית.

תוך כדי דבור — ר׳ שמעון באַרבון האָט זיך אין שלאָף געוואונדערט ווי אַזוי אין חלום פאַרלויפן די יאָרן ווי הרף־עינס — זענען פאַרלאָפן דרייצן יאָר. ר׳ שמעון פּראַוועט שוין איצט די „בר־מצווה״ פון זיין זון. זיין זון האָט דעם שם־טוב פון אַ גרויסן עילוי. מאַמעס ווינטשן זיך אַזעלכע קינדער.

די פרייד האָט אויפגעוועקט ר׳ שמעונען פון שלאָף. ער האָט געעפנט די אויגן. אין דער שטוב איז פינצטער. ערגעץ אין אַ ווינקל צאַנקט אַ קליין קנייטל אין אַ נאַכט־לעמפּל.

ר׳ שמעון באַרבון איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און ווידער געזען אַ חלום —

אין חלום האָט ער געהערט ווי עס קלינגען אַ סך גלאָקן. עס איז אַ גרויסער פּלאַץ. עס שיינט די זון. זיין זון — וואָס איז שוין אַן עטלעכע און צוואַנציק יאָריקער שיינער יונגערמאַן — שטייט אינמיטן אויפן פּלאַץ. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַן אויסטערלישע און שפּיציקע גאָלדענע קרוין. די קרוין פינקלט אין דעם זון־ליכט. דער פּלאַץ איז פול מיט טויזנטער און טויזנטער מענטשן. אַלע קניען פאַר זיין זון אין דער גאָלדענער קרוין. ר׳ שמעון באַרבון, האָט געוואָלט צוגיין נענטער און פרעגן ביי זיין זון: — ווער זענען די מענטשן און וואָס האָט צו באַטייטן דאָס קלינגען און דאָס קניען? — מען האָט אים, ר, שמעונען, אָוועקגעיאָגט מיט קנאַלנדיקע בייטשן.

פון גרויס צער וואָס מען יאָגט אים אָוועק פון זיין אייגענעם זון, האָט ר׳ שמעון אין שלאָף אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען. דאָס געוויין האָט אים אויפגעוועקט.

ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן — והנה חלום. אין דער שטוב איז פינצטער. דאָס קליינע קנויטל צאַנקט אין נאַכט־לעמפּל.

ער איז פונדאָסניי אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווידער האָט ער געחלומט —

זיין זון גייט אָנגעטון ווי אַ ייד אַן אָרעמאַן. ער האָט אַש אויפן קאָפּ. אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער זיצט אויף דער ערד לעבן אַ קאַרג־ברענעדיקן קינדל האָלץ — זאָגט הויך אויף אַ צעבראָכן קול דאָס קאַפּיטל תהילים פון „תפילה לעני כי יעטוף".

מיט גרויס שרעק האָט זיך ר' שמעון באַרבון אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אין דער שטוב איז פינצטער. אין ווינקל צאַנקט דאָס קליינע קנויטל אינם נאַכט־לעמפּל.

קאַפּיטל זעקס

דער ערשטער טייל פון חלום ווערט מקוים
ר' שמעון באַרבון קוקט אַרויף צו די שטערן און זאָגט תהילים

די וועלט זאָגט: אַ חלום איז אַ נאַר. ווער גלייבט דעם נאַר? ר' שמעון באַרבון האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן דעם חלום וואָס איז געוועזן אַזוי מאָדנע. אַזוי פריידיק. אַזוי אומעטיק. וישכחהו — פאַמעלעך האָט ער אים טאַקע פאַרגעסן.

נישט איינמאָל ווייזט זיך אַרויס, אַז גראָד אַ נאַר זאָגט די טיפסטע חכמה און אַ חלום אַנטפּלעקט אונז די גרעסטע וואָרהייט. עס זענען נישט פאַר־גאַנגען קיין דריי חדשים. מרת גליקל, ר' שמעונס ווייב, האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה טובה: הרה אָנכי, איך בין געוואָרן טראָגעדיק.

ר' שמעון באַרבון האָט אויפגעציטערט פון פרייד. דער חלום איז אים פלוצעם אַרויסגעקומען פון אַלע פאַרגעסענישן. בחוש האָט ער שאַרף געזען פאַר די אויגן אַלע דריי סצענעס. ער האָט אויפגעשווידערט פון די דריי טיילן פון אַ חלום, וואָס אַן אומבאַקאַנטע האַנט האָט אים אויפגעשריבן אויף די נאַכט־פינצטערנישן — ווי אַ „תקל, תקל, מיניה ופרסין".

ער האָט זיך געפרייט. געהאַפּט. געוועזן אומעטיק.

עס זענען פאַרבייגעלאָפן די ניין חדשים פון שוואַנגערשאַפט. מרת גליקל איז געלעגן געוואָרן מיט אַ ייִנגעלע וואָס האָט פּשוט פאַרלויכטן די וויג. ווידער זענען פאַרלאָפן די חדשים. מען האָט געזען ווי דאָס ייִנגעלע וואַקסט ווי אַ גלוסטונג פון יידישע מאַמעס. שיין און קלוג. די יידן־געטאָ פון פראַנקפורט ביים מאַין האָט דערמיט געקלונגען.

צו דריי יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אין חדר. דער מלמד האָט זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן פון דעם שאַרפן קעפּל און געזאָגט, אַז דאָ וואַקסט אַ גדול בישראל.

צו צוועלף יאָר האָט מען פאַר אים נישט געקאָנט געפינען קיין מלמד. ער האָט געקאָנט בעסער פון אַלעמען.

צו בר־מצווה האָט ער באַקומען „סמיכה" אויף רבנות פון די באַרימטסטע רבנים פון פראַנקרייך און אַשכנז. די גרעסטע קצינים אין די תפוצות ישראל האָבן געשיקט שדכנים צו ר' שמעון באַרבון. אים געוואָלט באַשיטן מיט גאָלד כדי צו באַקומען דעם זעלטענעם עילוי יוסף באַרבון (אַזוי האָט ער געהייסן) פאַר אַן איידעם.

אַלע האָבן מקנא געווען דעם ר' שמעון באַרבון. אָבער זיין האַרץ איז פול געווען מיט ציטעריניש און אומהיימלעכער דערוואַרטונג. דער ערשטער טייל פון חלום איז מקוים געוואָרן — האָט ער געטראַכט — ווען ווייסט צי וועלן חלילה נישט מקוים ווערן די צוויי שפּעטערע טיילן?

אין דער נאַכט ווען קיינער האָט נישט געהערט, האָט ער געעפנט אַ פענצטער. אַרויפגעקוקט צו די שטערן. זיינע ליפּן האָבן שטיל געפליסטערט דאָס קאַפּיטל תהילים „תפילה לעני כי יעטוף".

קאַפּיטל זיבן

יוסף באַרבון גייט זיך באָדן אין טייך מאַין

אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: צווישן גן־עדן און גיהנם איז נישט מער פאַראַן ווי איין ווענטל. עס איז דין ווי אַ האָר. דאָס ווענטל פון אַ האָר שטייט אויך צווישן גליק און אומגליק. עס שטייט אויך צווישן אונזערע גוטע און שלעכטע טועכצן. עס שטייט אויך צווישן אונזערע האָפענונגען און אַנטוי־שונגען. מן־הסתם שטייט עס אויך צווישן דעם טויט און דעם לעבן.

פונקט איז געווען ביי ר' שמעון באַרבונען אַ טאָג פון גרויסער שמחה. אַ קצין ושר בישראל — וואָס איז צוגלייך געווען אַ גדול בתורה, אַ געוויסער דאָן מנחם פון אָרלעאַנס וואָס אין צרפת, האָט געזאָלט קומען קיין פראַנקפורט ביים מאַין און זען דעם באַרימטן עילוי יוסף באַרבון, מיט אים שמועסן אין לערנען און טאָקע באַלד מיט אים שרייבן תנאים פאַר זיין בת־יחידה תירצה, וואָס איז געווען אַ זעלטענע מלומדת און אַ יפת־תואר איינס אין דער וועלט.

די שמחה איז געווען אין לשער. ר' שמעון האָט ממש פאַרגעסן דעם חלום, וואָס האָט אים כסדר געטאָטשעט אין האַרץ.

עס איז געווען אינגמיטן זומער־לעב. דער שר דאָן מנחם האָט ערשט געזאָלט קומען אם ירצה השם מאָרגן כאַאור. אין דער געטאָ איז געווען אַ גרויס שטיקעניש. דער עילוי יוסף האָט געבעטן אַ דערלויבעניש ביי זיינע עלטערן אַוועקצוגיין הינטער דער שטאָט און זיך דאָרט באָדן אינם טייך מאַין. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן אָרט וואו יידן איז דערלויבט זיך צו באָדן.

מחמת דער שטיקנדיקער היץ אין דער געטאָ האָבן די עלטערן אים עס דערלויבט. זיי האָבן מיט אים מיטגעשיקט אַ משרת ווי אַ היטער.

קאַפּיטל אַכט

טרוף טורף יוסף
ר׳ שמעון באַרבון קעמפט מיט די ווינטן

דאָס איז געשען אינדערפרי.

עס איז געוואָרן מיטאָג־צייט. עס איז געוואָרן אָוונט. די זון האָט זיך געזעצט. איבער פראַנקפורטביים מאַין. יוסף באַרבון מיטן משרת זענען נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען.

עס איז געוואָרן נאַכט.

דאָס געוויין פון ר׳ שמעונען מיט זיין ווייב מרת גליקל האָבן אָנגעפילט די געטאָ. יידן האָבן מיטגעזיפצט. ווייבער האָבן מיטגעוויינט. מען האָט געפּרואווט צו טרייסטן: אפשר האָבן זיי זיך פאַרבלאָנדזשעט? אפשר האָט מען דערוויל צוגעמאַכט די טויערן פון דער געטאָ און יוסף מיטן משרת האָבן געמוזט איבערנעכטיקן אין דרויסן?

ויהי אור — עס איז געוואָרן צומאָרגנס.

אַלע דברי־תנחומים האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַלשע. מען האָט געזוכט וואו יידן האָבן נאָר געמעגט זוכן. ר׳ שמעון האָט געדונגען גויאישע פישערס. זיי זענען אַרומגעפאָרן מיט שיפלעך איבערן מאַין און געוואָרפן נעצן אין זיינע טיפענישן. אולי ירחם — טאָמער וועט מען פאָרט געפינען עפּעס אַ שפּור פונם פאַרלוירענעם?

אין קול ואין עונה — דער טייך מאַין האָט געשוויגן.

אין אַ חודש אַרום האָט אַ פרעמדער בעטלער געפונען יוספס היטל אויפן ברעג פון מאַין. דאָס היטל איז שוין פול געווען מיט זאַמד.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אָנגעכאַפּט דאָס היטל מיטביידע הענט. אין גרויסע אַנגסטן האָט ער אַ געשריי געטון: טרוף טורף יוסף! ער איז טויט יוסף. מיינע אויגן וועלן אים שוין קיינמאָל נישט זען. אַ, איר חלומות — האָט ער געשריען — אַלע זענט איר פאַלשע, — סיי ווען איר זענט פריילעכע און סיי ווען איר זענט אומעטיקע.

ר׳ שמעון באַרבון און זיין ווייב מרת גליקל האָבן זיך אַוועקגעזעצט שבעה. אַלע יידן פון דער געטאָ זענען געקומען אים טרייסטן. דאָס אומגליק איז אויך דערגאַנגען צו די אויערן פון די שרים אין פראַנקפורט ביים מאַין, וואָס האָבן מיט ר׳ שמעונען געפירט מסחר און געשפּילט אין שאַך. ביי אַ טייל פון זיי האָט זיך גערירט דאָס רחמנות. זיי האָבן ביי זיך געטראַכט: אין אומגליק זענען אַלע גלייך, סיי אַ קריסט און סיי אַ ייד. דער גורל מאַכט נישט קיין חילוק צווישן מענטש און מענטש.

אויך פראַנקפורטער שרים זענען געקומען צו ר׳ שמעונען. צו אים גערעדט דברי־תנחומים.

ווי אַזוי האָבן מענטשן באַוויזן אים צו טרייסטן ווען די יאָרן האָבן עס נישט געקאָנט טון? די וואונד האָט אפילו די צייט נישט געקאָנט צומאַכן.

הגם עס ליגט אין איר טבע צו פאַרשליסן אַלע וואונדן. מרת גליקל איז געוואָרן בלינד פון אייביקן וויינען. זי איז אַרומגעגאַנגען, געטאַפּט מיט די הענט אין דער לופטן און גערופן: יוסף! ר׳ שמעון איז געוואָרן איינגע־בויגן און גראָ ווי אַ טויב. ער איז אַראָפּ פון מעמד, מער נישט געהאַט דעם קאָפּ צו פירן זיין מסחר מיט די אַנטיקן פון אַלטע מטבעות.

נישט ווילנדיק האָט ער געמוזט ווערן רב אין דער געטאָ פון פראַנק־פורט ביים מאַין.

פון אַלע תענוגי־עולם־הזה פון וועלכע עס איז דערלויבט אַ ייד צו געניסן האָט זיך ר׳ שמעון באַרבון אָפּגעזאָגט. אין זיין טרויער האָט ער מער נישט געפילט דעם מינדסטן טעם אין די גלוסטענישן פון גוף.

נאָר פון איין זאַך האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן — פון שאַך־שפּיל. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שאַך־ברעטל האָט זיין שאַרפער שכל באַלד פונאַנדערגעפלאַקערט אַ מלחמה צווישן די הילצערנע פיגורלעך. ר׳ שמעון האָט עס געטון מיט ליידנשאַפט. מיט הנאה. ער האָט געוואָלט קעמפן און ער האָט געקעמפט. קעגן וועמען? קעגן די ווינטן צי קעגן דעם שיקזאַל?

קאַפּיטל ניין

עס זענען פאַרביגעלאָפן דריי און צוואַנציק יאָר

עס זענען אַוועקגעלאָפן דריי און צוואַנציק יאָר.

אין דער יידן־געטאָ אין פראַנקפורט ביים מאַין האָט מען זיך געריכט אויף פסח. מען האָט געראַמט און געשייערט אין די יידישע טונקלענישן. מען האָט געבאַקן מצות. דער רב ר׳ שמעון באַרבון איז מיט אַ גרויסער פאַטשיילע אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און גענומען געלט קימחא־דפסחא פאַר די יידן, וואָס האָבן נעבעך נישט אויף יום־טוב.

עטלעכע טעג פאַר פסח איז געקומען צו אים ר׳ זלמן־זיסקינד דער ראש־הפרנסים. דער ייד האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן. מיט אַ צעבראָכן קול האָט ער ר׳ שמעונען אָנגעזאָגט אַ ביטערע בשורה.

קאַפּיטל צען

ר׳זאַלקינד דער שול־קלאַפּער פויקט אין די גאַסן — מען לייענט „ויחל"

— רבי — האָט ר׳ זלמן־זיסקינד דער פרנס־חודש געזאָגט צו ר׳ שמעונען — עס איז אַן עת־צרה אויף יידן. היינט איינדערפרי האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון קורפירשטלעכן בישאָף, אַז במשך זעקס וואָכן מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן די פראַנקפורטער געטאָ. אויב מיר וועלן דאָ בלייבן אַ טאָג לענגער וועט מען אונז אויסטון נאַקעט ביז אַ פאָדים — און די קורפירשטלעכע לאַנד־קנעכט וועלן אונז אַרויסטרייבן מיט הינט און מיט בייטשן.

— עס איז שוין לאַנג שטיל געווען ביי די גויים — האָט ר׳ שמעון זיך אָנגערופן מיט אַ טיפן און ביטערן זיפץ.

— איר מוזט זיך מטריח זיין — האָט ר׳ זלמן־זיסקינד געזאָגט צו ר׳ שמעונען — און בכבודו ובעצמו פּרואוון אַהין צו גיין צום קורפירשטלעכן בישאָף. זענט איר דאָך אַמאָל ביי אים געווען אַ גרויסער חשוב, רבי. אַמאָל אין די ייִנגערע יאָרן האָט איר דאָך מיט אים אָנגעשפּילט אַ וועלט מיט שאַך. אַלע האָבן מיר אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן שר און אַן אוהב־ישראל. דאָס האַרץ האָט זיך אים פּלוצעם איבערגעדרייט.

— נעבעך אַזאַ ביטערער גזר — האָט ר׳ שמעון נישט אויפגעהערט צו זיפצן — ווי איך געדענק דעם בישאָף פון אַמאָל, איז ער געווען פון די חסידי־אומות העולם. אפשר, ר׳ זלמן־זיסקינד — האָט זיך ר׳ שמעון מיטאַמאָל אָנגערופן צום פּרנס־חודש — האָט זיך עמיצער פון די אחינו בני ישראל חלילה מיט עפּעס פאַרזינדיקט פאַרן מלכות, צי ער האָט חלילה עמיצן פון די שרים אָפּגענאַרט און אים געגעבן פאַלשע מינץ? איר ווייסט דאָך, ר׳ זלמן־זיסקינד, ווען ערלים זאָגן ייִד, מיינען זיי באַלד אַלע ייִדן.

— עס איז מיין עצה־טובה — האָט ר׳ שמעון ווייטער געזאָגט צום פּרנס־חודש — אַז ר׳ זאַלקינד דער שול־קלאַפּער זאָל תיכף ומיד נעמען די קהלישע פּויק און מיט איר אַרויסגיין איבער דער געטאָ און אויספּויקן בגזירת חרם ושמטא, אַז ווער עס האָט חלילה עפּעס פּוגם געווען קעגן די שרים, זאָל מנחה־צייט קומען אין שול אַריין און אויסזאָגן דעם אמת. אולי אכפרה פניו במנחה — מיט אַן אמת וועלן מיר אפשר גיכער ווייכער מאַכן די הערצער פון די קצינים אינדרויסן.

כך־הוה — ר׳ זאַלקינד דער שול־קלאַפּער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער געטאָ און געפּויקט און אויסגערופן די גזירה פון בית־דין־צדק.

צו מנחה אין שול האָט זיך קיינער נישט אין דעם מינדסטן מודה געווען.

ר׳ שמעון האָט געהייסן אויסרופן אויפן מאָרגנדיקן טאָג אַ תענית־ציבור און מען זאָל זאָגן סליחות.

ער אַליין האָט זיך אָנגעטון דעם שפּיציקן ייִדנהוט, גענומען דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קנאָפּ, איז אַוועקגעגאַנגען אין דעם פּאַלאַץ פון קורפירשט־לעכן בישאָף.

קאַפּיטל עלף

ביים קורפירשטלעכן בישאָף

גראַד ביים קורפירשטלעכן בישאָף האָט מען דעם פראַנקפורטער רב ר׳ שמעון באַרבון אויפגענומען זייער פריינטלעך. דער בישאָף האָט אים געהייסן אַריינפירן צו זיך אין קאַבינעט. ער איז אפילו ר׳ שמעונען אַקעגן געגאַנגען, אויסגעשטרעקט צו אים ביידע הענט, אים געפרעגט וואָס ער מאַכט אויפן געזונט.

— עמינענץ — האָט ר׳ שמעון אַ פינצטערער געזאָגט צום בישאָף —

האָט איך עמיצער פון אונז יידן חלילה באַליידיקט צי חלילה באַשווינדלט אין מסחר? איש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף — איינער האָט זיך פאַרזינ־דיקט — איר גייט אויסגיסן אייער גרימצאָרן אויף דער גאַנצער עדה? — האָט ר׳ שמעון געזאָגט צום בישאָף דעם פסוק פון חומש אָבער אויף אַ ריינעם גלחישן לאַטיין.

— גאָט באַהיט, רבי — האָט דער בישאָף געזאָגט אַ דערציטערטער — קיינער פון איך האָט מיר נישט דאָס מינדסטע געטון. עס בלוטיקט מיר דאָס האַרץ, וואָס איך מוז אייך באַהאַנדלען מיט אַזויפיל אכזריות. עס איז אויך אַ שאָדן פאַר דער שטאָט פראַנקפורט. מיר האָבן פון אייך גרויסע הכנסות. איר האָט באַרייכערט די שטאָט מיט האַנדל און וואַנדל. נאָר וואָס זאָל איך טון? די גזירה קומט אייגנהענטיק פון פויפסט אין רוים. זיין הייליקייט האָט עס באַוויליקט אַזוי צו באַפעלן. מיין עצה איז, איר זאָלט פערזענלעך פאָרן קיין רוים און פאַלן דעם הייליקן פאָטער צו די פיס און אָפּבעטן די ביטערע גזירה.

— איך קאָן אייער גוט האַרץ, עמינענץ — האָט ר׳ שמעון געזאָגט — נאָר ווי אַזוי קאָן אַ ייד אַליין דערגרייכן צום טראָן פון פויפסט? אפשר וואָלט איר מיר מיטגעגעבן אייערס אַ בריוו, וואָס זאָל מיר עפענען די טירן פון וואַטיקאַן און מען זאָל מיך צולאָזן צו די פיס פון זיין הייליקייט.

— מיטן גרעסטן כבוד — האָט דער בישאָף געזאָגט אַ צופרידענער — נישט בלויז, וואָס איך וועל אייך מיטגעבן אַ בריוו, נייערט איך וועל דאָרט שרייבן, אַז איר זענט אַ גרויסער שאַך־שפּילער. דער הייליקער פאָטער האָט זייער ליב צו שפּילן שאַך. גלייבט מיר, רבי, ביים שאַך־ברעטל וועט איר גיכער אויספּועלן ביי זיין הייליקייט, אַז ער זאָל צוריקרופן די גזירה.

דער בישאָף האָט געשריבן אַ לאַנגן בריוו צום פויפסט אין רוים. דעם בריוו איבערגעגעבן ר׳ שמעונען.

ר׳ שמעון באַרבון האָט דעם בישאָף געדאַנקט אין נאָמען פון אַלע יידן אין דער פראַנקפורטער געטאָ. ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול און זיך געוואָלט געזעגענען, האָט דער בישאָף לאַנג געהאַלטן ר׳ שמעונס הענט און אים פּלוצעם געפרעגט צי ער האָט עפּעס ידיעות וועגן זיין פאַר־לוירענעם זון.

ר׳ שמעון באַרבון האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— מען קאָן גאָרנישט וויסן, רבי —האָט דער בישאָף געזאָגט און כסדר געהאַלטן ר׳ שמעונס הענט — די וועלט איז גרויס אין אירע שטחים און וואונדערלעך אין אירע צופאַלן. אַ מענטש טאָר זיך קיינמאָל נישט מיאש זיין. קיינמאָל נישט אויפהערן צו האָפן.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ביי זיך געטראַכט: וואָס וויסן די אומות־העולם פון בטחון?

קאַפּיטל צוועלף

ר׳ שמעון באַרבון און דריי פּרנסי־חודש לאָזן זיך אַוועק קיין רוים

ווען ר׳ שמעון באַרבון איז צוריק געקומען אין דער געטאָ האָט ער באַלד צונויפגערופן די פּרנסי־חודש אויף אַן אסיפה. ער האָט זיי דער־ציילט פון זיינע געשפּרעכן מיטן בישאָף. מען מוז דורכאויס באַלד פאָרן קיין רוים און זיך דאָרט משתדל זיין ביים סאַמעראָדנעם פּויפּסט. עס דאַרפן מיט אים, מיט ר׳ שמעונען הייסט עס, מיטפאָרן דריי פּרנסי־חודש. זאָל עס אויסקוקן ווי אַ דעלעגאַציע פון פראַנקפורטער יידן. אַזוי זענען זיך יידן נוהג פון קדמונים ווען זיי גייען אָפּשרייען גזירות ביי די מעכטיקע פון דער וועלט.

מען האָט געמאַכט אַ גענויען חשבון פון די הוצאות. עס האָט באַדאַרפט קאָסטן מער ווי טויזנט טאָלער.

עטלעכע גבירים פון דער געטאָ האָבן געגעבן די טויזנט טאָלער.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אויסגערופן אַ תענית־ציבור. געהייסן לייענען „ויחל״. אין אָוונט פונם תענית פאַר דער „קריאה״ האָט אין דער גרויסער שול ר׳ שמעון געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה. די שול און די ווייבער־שול זענען געווען געפּאַקט. ס׳איז געווען אַן ענגשאַפט פון יידן. די גרויסע ליכט אין דער שול האָבן אַזש געשמאָלצן. ר׳ שמעון האָט געזאָגט דברי מוסר. יידן האָבן געוויינט. פון דער ווייבער־שול האָט זיך געהערט דאָס כליפּען פון פרויען.

צומאָרגנס נאָכן תענית איז ר׳ שמעון צוזאַמען מיט דריי פּרנסי־חודש אָפּגעפאָרן אויף דער לאַנגער נסיעה צום וואַטיקאַן, וואָס אין רוים.

קאַפּיטל דרייצן

מען פאָרט איבער די תפוצות ישראל

פון פראַנקפורט ביים מאַין ביז קיין רוים האָט מען באַדאַרפט פאָרן וואָכן. איבער די תפוצות ישראל דורך וועלכע ר׳ שמעון און די דריי פּרנסים זענען פאַרבייגעפאָרן איז אַדורכגעגאַנגען אַ ציטערניש. אומעטום ביי יידן האָט מען שוין געהאַט געוואוסט פון דער ביטערער גזירה, וואָס דער פּויפּסט האָט אַרויסגעגעבן אויף דער קהילה־קדושה פון פראַנקפורט ביים מאַין. יידן האָבן געזיפצט. מען האָט דעם פראַנקפורטער רב און די דריי פּרנסים אין אַלע געטאָס אויפגענומען בכבוד גדול. מען האָט לכבוד זיי אין די שולן געזאָגט תהילים און פּיוט, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין אויף די קינדער פון ישראל, וואָס אין פראַנקפורט ביים מאַין.

אַזוי פאָרנדיק איבער די תפוצות זענען די פיר יידן אָנגעקומען צו די טויערן פון רוים.

קאַפּיטל פערצן

פיר יידן אין שפּיציקע יידנהיט אויף די רוימישע גאַסן

ווען אַ ייד זעט אַ צלם ווייסט ער נעבעך מיט וואָס עס שמעקט.

ווען די פיר פראַנקפורטער יידן זענען אריינגעקומען אין די רוימישע גאַסן האָט זיי אַרומגענומען אַ ציטערניש. רוים האָט אויסגעקוקט ווי אַן אייביקער „גרינער דאָנערשטיק". ס'איז גראָד געווען נאָך קריסטלעכער פּאַסכאַ. די בלוי־וואַרימע הימלען זענען פול געווען מיט אַ קלינגען פון תפלהס. די גאַסן זענען געווען חושך פון די שוואַרצע סוטאַנעס פון טויזנטער גלחים. אינמיטן די שוואַרצע סוטאַנעס האָבן רויט געברענט די מאַנטלען פון הויכגעשטעלטע קאַרדינאַלן. עס זענען געגאַנגען באַרוועסע נזירים. זייערע קעפּ זענען געווען אָפּגעשוירן. זייערע לענדן זענען געווען אַרומגע־גאַרטלט מיט שטריק. אומעטום האָבן זיך געצויגן פּראָצעסיעס. מען האָט געטראָגן הייליקע בילדער פון גאָלד און מירמלשטיין. מען האָט געבלעקעכצט. אינמיטן דעם געווימל פון סוטאַנעס און פּראָצעסיעס האָט מען אויך געזען פאַרן רייכע קאַראָסעס. אין די קאַראָסעס זענען געזעסן אַלערליי יפי־פיות אָנגעטוענע אין פּראַכט און אין לוקסוס. שפּעטער זענען די פראַנקפורטער פרנסים געוואויר געוואָרן, אַז די יפי־פיות אין די קאַראָסעס זענען באַקאַנטע רוימישע לוסט־ווייבער און קורטיזאַנעס. אַ סך פון זיי זענען די געליבטע פון הויכגעשטעלטע קאַרדינאַלן און האָבן אפילו גרויסע דעות אין וואַטיקאַן.

די פיר יידן אין די שפּיציקע יידנהיט האָבן זיך געפילט ווו שטויבעלעך אין צעפּענטעטע ווינטן. פון אַלע זייטן האָבן זיי אויף זיך געפילט בליקן פון האַס און פאַראַכטונג.

קוים קוים, וואָס די פראַנקפורטער יידן האָבן זיך אַדורכגעשטופּט צו דער געטאָ אין רוים. זיי האָבן ערשט אָפּגעאָטעמט ווען זיי האָבן זיך ווידער געפונען צווישן יידן.

קאַפּיטל פופצן

מה טובו אָהליך יעקב!

די יידישע געטאָ אין רוים איז געלעגן האַרט ביי דער נידערונג פון טייך טיבער, הינטער די חורבות פון די אַמאָליקע רוימישע קיסרים, דער עיקר הינטער דער חורבה פון אַן אַמאָליקן גרויסן רוימישן צירקוס, וואָס האָט געהייסן „צירקוס מאַקסימוס". אין די ציטן פון חורבן ירושלים פלעגן דאָרט געוואַלדיקע המונים רוימער צוקוקן צו דעם שפּיל פון גלאַדיאַטאָרן און צו די קאַמפן פון מענטשן מיט חיות. די געטאָ איז נישט געווען ווייט פון דעם „קאַפּיטאָל", דעם רוימישן געטער־באַרג, פון די חורבות פון דעם „פאָרום ראָמאַנום" ווי אויך פון „טיטוסעס טויער" וואו עס איז געשטאַנען אויס־געקריצט פאַר אַלע דורות טיטוסעס טריאומף־צוג מיט די הייליקע כלים פון בית־המקדש און מיט די לעצטע געפאַנגענע אַבלי־ציון.

רוימישע יידן פלעגן דורך דעם טויער נישט אַדורכגיין.

די יידנגעטאָ אין רוים איז געווען ווי אַ לעבעדיקער פראַגמענט פון טיטוסעס טריאומף־טויער. אויב רוים האָט דעמאָלט געהייסן „דאָס טויער פון דער וועלט" — איז די יידנגעטאָ געווען דער טרויער־פלעק אויפן נצחונדיקן וועלט־טויער.

פון דעם גרויסן פּראַכט און לוקסוס פון די פּראָצעסיעס מיט צלמים, אָנגעצונדענע ליכט און בלעקעכצן אויף די רוימישע גאַסן, זענען די פיר פראַנקפורטער יידן אַריינגעקומען אין דער געטאָ ווי אין די צעפאַלענע ביידלעך פון אָהלי־יעקב. זיי האָבן געטראַכט: מה טובו אָהליך יעקב! די וועלט איז טאַקע גרויס, אויסטערליש, מעכטיק, אָבער אומעטום זעט מען ברוך־השם די אייגענע יידן.

ווידער זענען עס געווען די אייביקע טונקלענישן ווי אין דער יידנגעטאָ אין פראַנקפורט ביים מאַין. די געסלעך זענען געווען פול מיט בלאַסע, אָפּ־געריסענע יידן און ווייבער. ווידער זענען אומעטום אַרומגעלעגן די קופּעס מיט זעלטענע אַלטוואַרגן, וואָס האָבן פון גויאישן רוים אַהער געוואַנדערט אין דער יידנגעטאָ. יידן האָבן די גויאישע אַלטוואַרגן אויסגעעסדרט, פאַריכט און געהאַט דערפון פרנסה.

נאָר איין זאַך האָט אויסגעקוקט ווי אַ געוואַלדיקער חידוש אין די אויגן פון די פיר פראַנקפורטער יידן —

אינעווייניק ביים אַריינגאַנג צו דער געטאָ, נישט ווייט פון דער פוסטער חורבה פון „צירקוס מאַקסימוס", איז געשטאַנען אַ קליינע ווייסע תיפלה. פון איר טורעם האָט נישט געקלונגען קיין גלאָק. אירע טירן זענען געווען פאַר־שלאָסן. קיינער האָט אין איר נישט געבלעקעכצט. מען איז אַרום איר נישט געגאַנגען מיט פּראָצעסיעס און נישט געטראָגן די געטער פון מירמלשטיין און גאָלד. די מעכטיקע קאַטוילישע געטער האָבן זי פאַרלאָזט. זי שטייט אומעטיק און אומהיימלעך צווישן יידן. די תיפלה האָט זיך עפּעס ווי אַהער פאַרבלאָנדזשעט אין די טונקלענישן פון יידישן גלות. אַרום איר האָבן זיך געדרייט די בלאַסע אָפּגעריסענע יידן און געטראָגן פעק מיט אַלערליי גויאישע אַלטוואַרגן.

— אַ תיפלה צווישן יידן? — האָבן די פיר פראַנקפורטער יידן זיך שטאַרק געחידושט אין האַרצן.

— זעט רבי — האָט דער פרנס־חודש ר' זלמן־זיסקינד געזאָגט צו ר' שמעונען און געוויזן מיט אַ פינגער.

אונטערן שוואַרצן צלם פון דער תיפלה איז געווען אָנגעשלאָגן אַ מירמלשטיינערנער טאָוול. אויף דער טאָוול איז געווען אָנגעשריבן אויף לשון־קודש דער פּסוק פון ישעיה קאַפּיטל ס"ה:

„פרשתי ידי כל היום אל עם סורר ההולכים הדרך לא־טוב אחר מחשבותיהם".

„איך האָב אויסגעשפּרייט מיינע הענט אַ גאַנצן טאָג צו אַ פאָלק אַן אָפּקערער, וואָס גייט אויפן ניט גוטן וועג נאָך די טראַכטונגען זייערע".

קאַפּיטל זעכצן

מען זוכט תחבולות

יידן פאַרשטאָפּן זיך די אויערן און שמועסן אויף שטום־לשון

ר' שמעון באַרבון מיט די דריי פראַנקפורטער פּרנסים זענען גלייך אוועקגעגאַנגען צום רוימישן רב ר' שמשון פּראָסקאַטי. ער האָט געוואוינט האַרט לעבן דער שול.

ר' שמשון פּראָסקאַטי האָט שוין געהאַט געהערט די גזירה פון פראַנקפורט. פּאַרצייטנס זענען טאַקע נישט געווען קיין טעלעגראַפן, אָ יידישע צרה האָבן אָבער געברענגט סיי די ווינטן אויבן אויף די דעכער, סיי אונטן אויף דער ערד די מדינה־גייער און אָרעמעלייט, וואָס האָבן צופוס אויסגעמאָסטן די תפוצות איבער גאָר דער וועלט. ארחי־פּרחי האָבן געברענגט נייסן צו יידן און נייסן פון יידן.

דער רוימישער רב האָט די פראַנקפורטער אויפגענומען הן בסבר פּנים יפות און הן מיט ביטערע זיפצן. די פראַנקפורטער האָבן צוריק געזיפצט. מען האָט נישט מער באַדאַרפט צו פרעגן. ס'איז נעבעך אַלצדינג געווען ווי אויפן טעלער. — איך האָב נישט געוואוסט — האָט געזיפצט ר' שמשון פּראָסקאַטי — אַז דער פּויפּסט איז אַזאַ שונא־ישראל. פאַרקערט: דאָ אין רוים האָבן מיר דערוויל ברוך־השם פון אים מנוחה.

דער רוימישער רב האָט געזאָגט, אַז באַלד וועלן קומען די פּרנסי־חודש פון דער קהלה־קדושה רוים. מען וועט צוזאַמען טראַכטן, וואָס ווייטער צו טון און וועמען פון די קאַרדינאַלן מען דאַרף משחד זיין כדי צו קאָנען אַריינ־קומען אין וואַטיקאַן, דאָרט איבערצוגעבן דעם פּויפּסט דעם בריוו פון פראַנק־פורטער בישאָף און פּרוּוון אָפּשרייען די גזירה.

דערוויל האָבן די יידן מכלומרשט פאַמעלעכל פאַרגעסן זייערע צרות. צווישן ר' שמעון באַרבון און ר' שמשון פּראָסקאַטי האָט זיך פונאַנדער־געפלאַקערט אַ שאַרפער פּלפּול אין חידושי־תורה.

עס האָט זיך פאַרוויקלט אַ שאַרף ריטער־געפעכט צווישן צוויי גדולי־התורה, וואָס זענען געקומען פון די ווייטע עקן אין די תפוצות־ישראל און זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער אַלטער שטאָט רוים. עס זענען געפלויגן די פיילן פון פּלפּול. די וואָרף־שפּיזן פון סברות. עס האָט עפּעס ווי אויסגעקוקט, אַז אָט די צוויי זיך־אַמפּערנדיקע יידן האָבן חלילה פאַרגעסן צו וואָס זיי זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען — און אַז מען דאַרף זוכן תחבולות ווי אַזוי צו דערגרייכן צום וואַטיקאַן.

די גדולי־התורה האָבן זיך ערשט באַרואיקט ווען די פּרנסי־חודש פון רוים זענען אַריינגעקומען, אָפּגעגעבן די פראַנקפורטער שלום־עליכם און באַלד אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עצות.

ר' שלמה איבן עטר, אַ ספרדי טהור און דער ראָש־הפּרנסים אין רוים, האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען נעמען פון קאַרדינאַלן צו וועלכע מען קאָן

צוקומען דורך היפשע סומעס. ער האָט אפילו אויסגערעכנט די נעמען פון באַרימטע רוימישע קורטיזאַנעס. זיי האָבן השפּעה אויף מעכטיקע קאַרדינאַלן. פאַר געלט קאָן מען אַ סך אויפטון. ר׳ שמעון באַרבון האָט געהאַרכט. אינם געשפּרעך האָט ר׳ שלמה איבן עטר אויך דערמאָנט, אַז מען מוז געפינען אַ גוטן מתורגמן וועלכער זאָל מיטגיין מיטן פראַנקפורטער רב אין וואַטיקאַן אַריין און דאָרטן רעדן לאַטיין. אין וואַטיקאַן שמועסט מען נאָר על שפת לאַטיין — האָט ר׳ שלמה איבן עטר געזאָגט.

— וועגן דעם דאַרף מען זיך נישט מטריח זיין — האָט ר׳ שמעון באַרבון געזאָגט — איך אַליין רעד גלחיש לאַטיין כאחד מהם, ווי איינער פון זיי.

עס זענען פאַרגאַנגען עטלעכע שעה אין אַלערליי שמועסן. ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך. מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה.

נאָך מנחה האָט זיך דער פּרנס־חודש ר׳ שלמה איבן עטר אָנגערופן צום מרא־דאתרא ר׳ שמשון פּראָסקאַטי:

— מען מוז היינט, רבי, אַהין גיין אין יענעם מקום.

דער רוימישער רב האָט געטון אַ שטאַרקן זיפץ און דערציילט ר׳ שמעון באַרבונען אַ מעשה נורא —

— פון קדמונים, זינט די ערלים האָבן גענומען די אחינו בני ישראל און זיי אָוועקגעזעצט און פאַרשלאָסן ביים טייך טיבער, האָבן זיי גענומען און אַוועקגעשטעלט לעבן טויער פון דער געטאָ אַ שיקוץ־משומם. אַ גאַנצן חודש שטייט זי אַ צוגעמאַכטע. איין מאָל אין חודש אין אַ מיטוואָך אָונט עפנט זי זיך ווי אַ שאָול־תחתית. אַלע יידן מוזן אַהין גיין און הערן ווי אַ כומר וויל זיי מסית ומדיח זיין און אָפּרעדן פון לעבעדיקן גאָט. עס קומען דעמאָלט די פּויפּסטלעכע סבירן מיט בייטשן אין די הענט און זוכן אַרום אין אַלע שטיבער צי האָט זיך אַמאָל אַ ייד באַהאַלטן און וויל נישט הערן די פּרעדיק.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אויפגעציטערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן אין האַרצן. ער האָט געהאַט רחמנות אויף די רוימישע יידן, וואָס האָבן נעבעך נישט קיין כח מקדש השם צו זיין.

מן־הסתם האָט דער רב ר׳ שמשון פּראָסקאַטי פאַרשטאַנען ר׳ שמעונס מחשבות און ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— יידן זענען ברוך־השם אַן עם־קשה־עורף. זיי געפינען שוין תחבולות ווי אַזוי חלילה נישט אָפּצוטרעטן פון איינציקן גאָט. אַלע מאַנסבילן און ווייבער, וואָס מוזן נעבעך אַהין גיין אין יענעם מקום און הערן די רייד פונם כומר — איז מקטן ועד גדול לייגן זיי זיך אַריין שטיקלעך טוך אין די אויערן און זיי ווערן טויב ווי די וואַנט. קיין שמץ פון אַ גלחיש וואָרט דערגרייכט חלילה נישט צו קיין יידיש אויער.

תוך כדי דיבור האָט טאַקע די רבנית מרת עספּעראַנצע אַריינגעבראַכט אַ גרויסע טאַץ. אויף דער טאַץ זענען געלעגן פּיצלעך טוך. אַלע האָבן זיך אַריינגעלייגט טוך אין די אויערן. ר׳ שמשון פּראָסקאַטי האָט ר׳ שמעון באַרבונען און די דריי פראַנקפורטער פּרנסים געוויזן זיך צו פאַרשטאָפּן די

אויערן מיט טוך. וואָרעם פרעמדע יידן וואָס געפינען זיך גראָד אין דער געטאָ מוזן אויך מיטגיין אין דער תפילה אַריין.

רעדן האָט מען נישט געקאָנט. קיינער האָט איצט ניט געהערט דעם אַנדערנס קול. די וויטערע שמועסן האָט מען זיך געוויזן מיט די פינגער.

קאַפּיטל זיבעצן

דער כומר רעדט צו טויבע

ווען די רוימישע און פראַנקפורטער רבנים און פרנסים זענען אַרויס־געקומען אויף דער גאַס איז זי געווען פול מיט אָפּגעריסענע יידן און ווייבער. עס איז שוין געווען גוט אין אָוונט. דאָ און דאָרט האָט אויף אַ מויער געברענט אַן אייל־לאָמפּ. די טונקלענישן זענען געווען שוואַך באַלויכטן.

ר׳ שמעון באַרבון האָט געזען ווי אַלע גייען אין איין ריכטונג. אַלע מאַכן מיט די פינגער. שמועסן צווישן זיך אויף שטום־לשון.

— אַ טייער עם־קשה־עורף זענען יידן — האָט ר׳ שמעון באַרבון גע־טראַכט אין דער טויבקייט פון זיינע אויערן.

זיי זענען צוגעקומען צו דער ווייסער תפילה ביים טויער פון דער געטאָ. די תפילה־טירן זענען געווען ברייט אויפגעמאַכט. פון אינעווייניק האָט אַרויס־געשלאָגן אַ בלאַס ליכטיקייט.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אינעווייניק, איז די תפילה שוין געווען פול מיט יידן. אַלע האָבן צווישן זיך געמאַכט מיט די פינגער. געשמועסט אויף שטום־לשון.

דערווייל איז נאָך קיינער נישט געווען פון די כומרים. אויפן „אַלטאַר" האָבן געברענט צוויי לאַנגע ווייסע ליכט. פון צווישן די ליכט אַרויס האָט מען געזען ווי הינטערן „אַלטאַר" שטייט אַ הויכער שוואַרצער צלם. איבער דער גאַנצער לענג פון דעם צלם האָט געהאַנגען אַ געשטאַלט, וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַן אויסגעדאַרטן פאַרצבבהטן ייד. ער איז געווען שפּילטער נאַקעט. האָט געהאַט אַן אויסגעקראַכן בערדל. זיינע אויגן זענען געווען האַלב פאַרגלייזט. אויפן, אין דער זייט פאַרבויגענעם קאָפּ, האָט ער געטראָגן אַ שטריימעלע פון דערנער. איבערן שטריימעלע, אויף אַ ברעטל, איז געווען אָנגעשריבן מיט שוואַרצע לשון־קודשדיקע אותיות „דער קיניג פון די יידן".

אַט דער אָרעמער און ווי אויסגעהונגערטער „קיניג פון די יידן" האָט מיט זיינע האַלב־פאַרגלייזטע אויגן עפּעס ווי אַראָפּגעקוקט און עפּעס ווי ביטער געשמייכלט צו די אָפּגעריסענע יידן און ווייבער, וואָס זיצן אין די פאַרדומפּעצטע טונקלענישן פון דער תפילה — און שמועסן צווישן זיך אויף שטום־לשון.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט. אויפן „אַלטאַר" איז אַרויפגעקומען אַ באָרוועסער נזיר. ער האָט געהאַט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ און אַ שטריק אויף די לענדן. זיין פּנים איז געווען פול און אויסגעפּאַשעט. הינטער דער גראָבער נזירישער „קוטע" האָט זיך אים געבאָמבלט דער בויך.

ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. די יידן זענען געזעסן מיט פאַרשטאָפּטע אויערן. קיינער האָט אים נישט געהערט. מען האָט נאָר געזען ווי זיינע אויגן פינקלען. ער הייבט אויף די פויסטן און דראָט די טויבע יידן. זיי האָבן אויף אים געקוקט שווייגנדיקע. הינטער אים אויפן צלם איז געהאַנגען דער פאַר־פייניקטער נאַקעטער ייד מיטן דערנער־שטריימעלע אויפן קאָפּ. דער „קיניג פון די יידן" האָט אויך געקוקט אַ שווייגנדיקער. ווען דער נזיר האָט אויפגע־הויבן די פויסטן און געדראָט, האָט אויסגעקוקט, אַז ער דראָט נישט בלויז די יידן אין די טונקלענישן פון דער תיפלה, נאָר אויך דעם יוזל, וואָס הענגט אים הינטערן קאָפּ.

דער נזיר אויפן „אַלטאַר" האָט געשריען. די יידן אין די טונקלענישן האָבן אים אָנגעקוקט טויבע. טייל יידן זענען פאַמעלעכל איינגעשלאָפן.

ווען מען איז אַרויסגעקומען פון דער תיפלה האָט זיך דער עולם יידן און ווייבער אַרויסגענומען די פּיצלעך טוך פון די אויערן. מען האָט אָנגע־הויבן צו הערן קולות.

גייענדיק אַהיים האָט זיך צווישן ר' שמעון בארבון און ר' שמשון פּראָס־קאָטי פונאַנדערגעפּלאַקערט אַ שאַרפער פלפול וועגן הלכות „עבודה־זרה".

קאַפּיטל אַכצן

די קורטיזאַנע אימפּעריאַ

באַלד צומאָרגנס האָט דער רוימישער ראָש־הפּרנסים ר' שלמה איבן עטר אָנגעהויבן זיך משתדל צו זיין ביי זיינע באַקאַנטע קאַרדינאַלן וועגן אַ וועג ווי אַזוי ר' שמעון באַרבון זאָל ווערן אויפגענומען פון פּויפּסט.

אין רוים האָט דעמאָלט געלעבט אַ וועלט־באַרימטע קורטיזאַנע מיטן נאָמען אימפּעריאַ. קאַרדינאַלן און בישאָפן זענען איר געלעגן צופוסנס. זי איז געפאָרן אין אַ גאָלדענער קאַראָסע. איר פּאַלאַץ האָט זיך געקאָנט פאַר־גלייכן מיט די שענסטע פּאַלאַצן אין רוים. די גרעסטע לייט האָבן געוואַרט ביי אירע טירן. געבעטלט ביי איר אַ בליק.

יידן זענען דעמאָלט נישט געווען קיין גרויסע מבינים אויף ווייבערישע שיינקייטן. אָבער רוים האָט מיט איר געקלונגען. ווען אימפּעריאַ איז אַדורכ־געפאָרן אין דער גאָלדענער קאַראָסע זענען המונים גויים געשטאַנען. איר נאָכגעקוקט. מען האָט געשמועסט, אַז אַ יעדער קאַרדינאַל צי בישאָף, וואָס זינדיקט מיט איר ווינטשט זיך נישט קיין בעסערן גן־עדן אויף יענער וועלט. אין איר שיינקייט, — האָבן גויים געזאָגט, — שטעקן טייוולאָנישע כוחות. עס איז נישט אַנדערש, סיידן אַ געפאַלענער מלאך האָט מזנה געווען מיט איר מאַמע.

אויך צו דער דאָזיקער אימפּעריאַ האָט ר' שלמה איבן עטר געוואוסט ווי אַנצוקומען. ער האָט איר געברענגט אַ מתנה אַ פּאָר אַלטע זעלטענע אוירינגלעך — פון די אַנטיקן מיט וועלכע יידן האַנדלען אין דער געטאָ.

די קורטיזאַנע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון די שיינע אוירינגלעך — זי האָט דעם פּרנס־חודש ר' שלמהן אויפגענומען אינדערפרי בעת זי איז געזעסן פאַר אַ גרויסן גאָלדענעם שפּיגל. אירע דינסט־מיידן האָבן זי געקעמט. זי האָט מיטן ייד פריינטלעך געשמועסט, געהערט די גזירה פון דער פראַנקפורטער געטאָ. ויכמרו רחמיה — זי האָט צוגעזאָגט אַלצדינג צו טון ר' שמעון באַרבון זאָל צוקומען צום פּויפּסט.

קאַפּיטל ניינצן

ר' שמעון באַרבון יאָגט פון זיך אַוועק די פינצטערע מחשבות

יעדן אָוונט איז ר' שלמה איבן עטר אַריינגעקומען צו ר' שמעון באַרבונען און האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט איבערן טאָג אויסגעפּועלט ביי די גדולי־הגלחים. מיט גרויס שמחה האָט ער צוגעגעבן: איך זע באַשיימפּערלעך די סייעתא דשמיא. איך בין זיכער, אַז די גזירה אויף פראַנקפורטער יידן וועט אם ירצה השם בטל ווערן. זינט ער איז אַ יידישער שתדלן ביי די אומות־העולם — האָט ר' שלמה איבן עטר געזאָגט — האָבן זיך אים די טירן נישט אַזוי לייכט געעפנט ווי ביים איצטיקן שתדלנות. די קאַרדינאַלן זאָגן אים פּשוט אַלצדינג צו. מען האַלט שוין כמעט ביי דעם פּויפּסט.

ר' שמעון באַרבון האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט דאָס קאַפּיטל תהילים „תפילה לעני כי יעטוף". דאָס דאָזיקע קאַפּיטל תהילים זאָגן זיינע לעפצן כמעט פון זיך אַליין ווען עס האַלט ביי אים מיט אַן עת צרה. ער האָט אויף קיין רגע נישט מסופק געווען, אַז אויב דער רבונו של עולם שטראָפט יידן, טוט ער עס נאָר ווייל ער גרייט זיי צו צו אַ גרויסן ליכטיקן טאָג. אַ מענטש מוז זיך לייטערן כדי אַרויפצוקומען אויף די מדריגות. כי תעבור במים אתך אני ובנהרות לא ישטופיך, כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך — אַז דו וועסט גיין דורך וואַסער, בין איך מיט דיר, און אַז דורך טייכן, וועלן זיי דיך נישט פאַרפלייצן; אַז דו וועסט גיין דורך פייער, וועסטו נישט אָפּגעברענט ווערן און קיין פלאַם וועט דיך נישט אָנ־צינדן". ר' שמעון באַרבון איז זיכער געווען ווי דער טאָג, אַז יידן ווערן געטראָגן פון אַ גרויסער רחמים.

אַיי זיין אייגענע וואונד, וואָס האָט זיך נאָך נישט פאַרשלאָסן? וואו האָט גאָט באַוויזן רחמים צו אים אַליין, צו ר' שמעון באַרבונען?

ר' שמעון האָט אַ זיפץ געטון אינמיטן דער גרויסער שמחה פון דער בשורה, אַז עס וועט אם ירצה השם אַלצדינג זיין בכי־טוב מיט די פראַנק־פורטער יידן.

ער האָט אַוועקגעיאָגט די פינצטערע מחשבות וועגן זיין אייגענעם גורל. האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מעריב מיט גרויס התלהבות.

קאַפּיטל צוואַנציק

יידן אין שפּיציקע יידנהיט גייען איבערן פּויפּסטלעכן רוים

עס האָט נישט לאַנג געדויערט — ר׳ שלמה איבן עטר איז אַריינגעקומען צו ר׳ שמעון באַרבונען און אים געהייסן זיך מכין זיין צו דער אוידענץ ביים פּויפּסט. דער פּויפּסט איז גרייט אויפצונעמען די יידישע דעלעגאַציע פון פראַנקפורט ביים מאַין.

אַ טאָג פאַר דער אוידענץ האָבן די פראַנקפורטער יידן געפאַסט און געזאָגט די געהעריקע תפילות.

צום וואַטיקאַן זענען געגאַנגען בלויז די דריי פראַנקפורטער פרנסי־חודש מיט ר׳ שמעונען בראָש. דער פרנס־חודש ר׳ שלמה איבן עטר האָט זיי באַגלייט ביז צו די טויערן פון וואַטיקאַן. דאָרט האָט ער זיי געזאָלט איבערגעבן צו די הענט פון אַ גלח, וואָס וועט זיי אַריינפירן צום פּויפּסט. ר׳ שלמה איבן עטר האָט געדאַרפט וואַרטן דרויסן עד שובם — ביז זיי וועלן בשלום צוריק אַרויסקומען פונם וואַטיקאַן.

אַ גאַנצן וועג זענען זיי געגאַנגען צופוס. די יידן האָבן געשוויגן. ר׳ שלמה איבן עטר האָט זיי געפירט איבער אַ סך גאַסן און פלעצער. אומעטום זענען געשטאַנען תיפלהס. פּאַלאַצן. סטאַטועז. אויף די פלעצער האָט מען געזען גרויסע און זעלטענע שפּרונג־ברונעמער פון ווייסן, רויטן און שוואַרצן מאַרמאָר. די שפּרונג־ברונעמער זענען געווען ווי באַפּעלקערט מיט אַ שלל פון פאַנטאַסטישע שטיינערנע פיגורן און מאַסקעס. טייל פון די פיגורן האָבן געהאַט קעפּ פון מענטשן — אָבער לייבער האָבן זיי געהאַט פון אַלערליי צעהירזשעטע פערד און ווילדע בופל־אָקסן. זיילן וואַסער האָבן געשפּריצט אין דער הייך אין דער פאָרם פון אַלערליי ליניעס. עס האָט דערימעך אויס־געקוקט ווי אַ וואַלד־געדיכטעניש פון וואַסער. אויך די אַלערליי שטיינערנע נפשות און מאַסקעס האָבן פון זייערע פּיסקעס געגאָסן און געשפּריצט מיט וואַסער גלייך ווי זיי וואָלטן געווען געשריען און געוואָיעט מיט וואַסער־קולות.

די בלאַסע יידן אין די שפּיציקע יידנהיט האָבן אויסגעקוקט ווי אָפּגעשראָקענע פרעמדע אין דער וועלט פון פּאַלאַצן, תיפלהס און מאַרמאָרנע שפּרונג־ברונעמער. אַ וועלט, וואו אפילו די שטיינער לאַכן און פרייען זיך אין אַ תאווהדיקער און ברונסטיקער פרייד.

זיי זענען צוגעקומען צום ברעג פון יענעם טייל טיבער, וואָס שיידט אָפּ דעם וואַטיקאַן פון דער שטאָט רוים. ערשט דאָ האָט ר׳ שלמה איבן עטר אויפגעהויבן אַ פינגער און געוויזן אויף אַ גראָען רונדיקן טורעם. פונם טורעם האָבן אַראָפּגעקוקט די שוואַרצע מיילער פון קאַנאָנען. וואַכן מיט האַלי־באַרדן אין די הענט זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ.

— עס איז דאָס קבר פון אַדרינוס הרשע — האָט ר׳ שלמה איבן עטר געזאָגט.

די קעפּ מיט די שפּיציקע יידנהיט האָבן זיך אויפגעהויבן. באַקוקט דעם רונדיקן טורעם פונם קבר פון אַדרינוס הרשע.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ביים פּויפּסט אין וואַטיקאַן

באַלד זענען זיי צוגעקומען אויפן פּעטרוס-פּלאַץ פאַרן וואַטיקאַן. ער איז געווען פאַרפּלייצט מיט זון-ליכט. ר׳ שמעון באַרבון האָט אַ ציטער געטון. אָט אָ דעם פּלאַץ האָט ער מיט יאָרן און יאָרן צוריק געזען אין דעם צווייטן טייל פון זיין חלום —

ר׳ שלמה איבן עטר האָט זיי אַדורכגעפירט דורך לאַנגע שורות פון זיילן און קאָלומנעס.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ שמאָל טויער. פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ וואַך פון פּויפּסטלעכע לאַנד-קנעכט. זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון אין געל-סאַמעטענע מלבושים און געהאַלטן האַליבאַרדן אין די הענט. ר׳ שלמה איבן עטר האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ קאַרדינאַל. איינער פון די לאַנד-קנעכט איז פאַרשוואונדן הינטערן טויער. באַלד איז ער צוריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ בלאַסן פּשוטן גלח אין אַ שוואַרצער סוטאַנע.

דער גלח האָט זיך נישט באַגריסט. ער איז געווען שטייף. געוויזן מיט אַ פינגער אויף דער פראַנקפורטער דעלעגאַציע.

ר׳ שמעון באַרבון און די דריי פראַנקפורטער פּרנסים זענען מיטגע-גאַנגען מיטן גלח.

ער האָט זיי געפירט דורך טרעפּ און דורך פינצטערע און ליכטיקע קאָרידאָרן, דורך זאַלן, וואָס זענען געווען אויסגעמאָלן מיט געמעלעכצן פון די גרעסטע מייסטער. יעדער זאַל האָט ממש אויסגעקוקט ווי אַן אַנדער וועלט. טייל זאַלן זענען געווען שפּעדיק און רייך ווי די געמעכער פון די שטאַרקסטע מלכי-ארץ, — און טייל — טונקל און נאַקעט ווי אַ קריסטלעכע „יענע וועלט״. עס האָבן געברענט ליכט אין הויכע קאַנדעלאַברעס פון גאָלד און מירמל-שטיין. אויך אַלערליי אייל-לאָמפּן האָבן געברענט איבער הילצערנע און גאָלדענע צלמים — און באַלויכטן די פּנימער פון אַלערליי יויזלס.

ענדלעך האָט דער גלח שטיל געעפנט אַ טיר.

ס׳איז געווען נישט קיין גרויס חדר מיט ווייסע נאַקעטע ווענט. איבער אַ גרויסן שוואַרצן צלם האָט געברענט אַן אייל-לאָמפּ. ביי אַ טיש, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט קופּערנע בלעכן איז געזעסן דער פּויפּסט.

דער פּויפּסט איז געווען אָנגעטון אין ווייסן. אַלצדינג איז אויף אים געווען ווייס. ער האָט געטראָגן אַ ווייסע פעלערינקעלע אויף די אַקסלען און אַ ווייס יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ. בלויז אויף די פיס האָט ער געטראָגן רויטע סאַמעטענע לעטשלעך. אויף די לעטשלעך זענען געווען אויסגעהאַפטן צוויי גאָלדענע שליסלען.

די פיר יידן האָבן זיך טיף פאַרנויגט.

דער פּויפּסט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. באַטראַכט די פראַנקפורטער דעלעגאַציע. ער האָט לאַנג געקוקט אויף ר׳ שמעון באַרבונען. ענדלעך האָט ער שטיל געפרעגט אויף לשון לאַטיין:

— וואָס איז אייער באַגער?

— ר׳ שמעון באַרבון האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם בריוו פון קורפירשטלעכן בישאָף פון פראַנקפורט ביים מאַין. ער האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ דערנענטערט צו דער ווייסער געשטאַלט אויף דער שטול. איר דערלאַנגט דעם בריוו.

דער פויפּסט האָט אויפגעריסן דעם בריוו און גענומען לייענען.

ער האָט לאַנג געלייענט. געשמייכלט. אַלעמאָל אויפגעהויבן די אויגן. אַנגעקוקט די פראַנקפורטער יידן און דער עיקר ר׳ שמעון באַרבונען. ענדלעך האָט ער צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו און געזאָגט:

— ר׳ שמעון באַרבון, דער קורפירשטלעכער בישאָף שרייבט מיר, אַז איר זענט דער גרעסטער למדן צווישן יידן ווי אויך, אַז איר זענט אַ זעלטענער שאַך־שפּילער.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— אַ שאַך־שפּילער — האָט דער פויפּסט נאָך אַמאָל געזאָגט — איך האָב זייער ליב צו שפּילן שאַך און וואָלט זייער גערן זיך מיט אייך געוואָלט פּאַרמעסטן אויפן שאַך־ברעטל.

דאָ האָט זיך דער פויפּסט פּלוצעם געוואַנדן צו די פראַנקפורטער פּרנסי־חודש און געזאָגט אַן אומגעדולדיקער:

— וועגן פראַנקפורטער גירוש וועט איר מאָרגן באַקומען תשובה. איר קאָנט שוין גיין און וואַרטן אין איינעם פון די דרויסנדיקע צימערן, — אָבער אייער ר׳ שמעון וועט דערווייל ביי מיר בלייבן. איך וויל מיט אים שפּילן אַ שאַך.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

יוסף אין מצרים

ויהי — עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי דער פויפּסט האָט געוואָלט. ער איז געבליבן אַליין מיט ר׳ שמעונען. דער גלח אין דער שוואַרצער סוטאַנע האָט אַריינגעברענגט אַ שאַך אַ געשניצטן אויס אַלטן עלפאַנט־ביין. די פיגורן האָבן געהאַט די צורה פון ריטער און לאַנד־קנעכט. דער מלך און די מלכה זענען געווען מייסטער־שטיקער פון שניצעריי.

דער פויפּסט האָט געהייסן ר׳ שמעונען אַוועקזעצן לעבן זיך ביים טיש און האָט אָנגעהויבן צו מאַכן דעם ערשטן צוג. ר׳ שמעון האָט געענטפערט מיט אַ צוג. ער האָט גאָר פאַרגעסן ווער עס זיצט אים קעגנאיבער און האָט פּאַמעלעך זיך פאַרטיפערט אין דעם גאַנג פון דער שלאַכט. ער האָט זיך אפילו בנעימותדיק אָנגענומען פאַר דער באָרד. שטיל געברומט אַ זמרל. די פיגורן האָבן זיך באַוועגט וואָס אַמאָל קאָמפּליצירטער.

פּלוצעם האָט דער פויפּסט געמאַכט אַ צוג.

ר׳ שמעון באַרבון האָט אויפגעציטערט. זיין האַנט איז געבליבן אומ־באַוועגלעך הענגען איבערן שאַך־ברעט.

— פֿאַרוואָס מאַכט איר נישט אייער צוג, ר' שמעון באַרבון? — האָט זיך דער פּויפּסט געפֿרעגט כלומרשט אַ קאַלטבלוטיקער.

— אייער לעצטער צוג, אייער הייליקייט — האָט ר' שמעון שטיל געזאָגט — האָט מיך אויסטערליש פֿאַרוואונדערט. עס איז אַ צוג, וואָס קיין שאַך־שפּילער אויף גאָר דער וועלט ווייסט נישט פֿון אים. ער געפֿינט זיך בלויז ביי מיר אין אַן אַלטן העברעאישן כתב־יד.

— איר האָט עס קיינעם נישט געוויזן, ר' שמעון? האָט דער פּויפּסט געפֿרעגט.

ר' שמעון האָט געטון אַ שווערן זיפֿץ:

— נאָר איינעם אויף גאָר דער וועלט האָב איך עס ׳מוסר געווען. יענער — האָט ר' שמעון ווייטער געזאָגט ׳מיט טרערן אין די אויגן — איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. עס זענען שוין פֿאַרלאָפֿן יאָרן און יאָרן. די וואונד הערט נישט אויף צו בלוטיקן. טרוף טורף יוסף — האָט ר' שמעון ווי צו זיך געזאָגט אויף לשון קודש. אומווילקירלעך האָט ער צוריקגעצויגן זיין האַנט פֿון שאַך־ברעט. געבליבן זיצן פֿאַרן פּויפּסט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

אַ קליינע ווילע האָט געהערשט אַ שטילעניש.

—טרוף טורף יוסף — האָט דער פּויפּסט פּלוצעם אויך געזאָגט אויף לשון קודש. ר' שמעון באַרבון איז געוואָרן אַ דערציטערטער. די וועלט איז וואונדערלעך אין אירע מרחקים און אין אירע צופֿאַלן — האָט דער פּויפּסט ווייטער געזאָגט אויף אַ ריינעם קלאַסישן לאַטיין — אפֿשר וועט ער נאָך צו אייך צוריקקומען דער פֿאַרלוירענער יוסף —

ר' שמעון באַרבון האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

דאָ האָט זיך דער פּויפּסט פּלוצעם אויפֿגעשטעלט פֿון זיין שטול. ער איז געפֿאַלן ר' שמעונען אויפֿן האַלז און האָט זיך שטאַרק צעהעשעט.

— איך בין דיין זון יוסף, האָט ער געזאָגט מיט אַ דערשטיקט קול.

די שטים פֿון דעם בלוט האָט זיך אָנגערופֿן אין דעם אַלטן ייד — און ער האָט יוספֿן באַלד דערקענט. ער האָט געוואָלט אויפֿהויבן די אויגן צום הימל און אויסשרייען זיין גרויסע אינערלעכע פֿרייד. ער האָט אָבער אָנגעקוקט דעם פּויפּסט אין וויסן און דעם שוואַרצן צלם, וואָס איז אים געהאַנגען איבערן האַלז — זיינע לעפֿצן האָבן זיך פֿאַרמאַכט. ער איז אַן אַפּטריניקער, יוסף! די שטים פֿון פֿאָטערלעכן בלוט איז כמעט ווי איבערגעשריען געוואָרן פֿון דער שטים פֿון אַלטן פֿאָלק ישראל. אַ שטים פֿון וועלכער עס האָבן אַרויסגערעדט אַלע נסיונות און יענע וואונדערלעכע עקשנות, וואָס רופֿט זיך יידישע געשיכטע אין דער וועלט.

— יוסף איז אַן אַפּטריניקער — האָט ער צו זיך געזאָגט — ער האָט פֿאַרלאָזן די אַלטע געצעלטן פֿון יעקב.

ר' שמעון באַרבון האָט צוגעהאַלטן די אויגן. זיינע לעפֿצן זענען געווען בלאָס ווי דער טויט און ווי פֿאַרשלאָסן ׳מיט טויזנט שלעסער. אומווילקירלעך

האָט ער נאָר געשפּירט ווי זיי שעפּטשען קוים, קוים דאָס קאַפּיטל תהילים פון „תפילה לעני כי יעטוף".

— דער צווייטער חלום איז מקוים געוואָרן — האָט ער געטראַכט — צי וועט אויך דער דריטער חלום מקוים ווערן?

דער שאַך אויפן טיש איז געשטאַנען ווי אַ שווייגנדיקער אינמיטן דער גרויסער שלאַכט.

דער פּויפּסט איז געשטאַנען לעבן דעם צוזאַמענגעבראָכענעם ייד און האָט אים מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט איבערן קאָפּ.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

יוסף דערציילט זיין געשיכטע

ר' שמעון באַרבון איז כסדר געזעסן מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. לעבן אים איז געשטאַנען דער פּויפּסט און האָט גערעדט שטיל אויף אַ פּראָסטן עברי־טייטש ווי עס רעדן יידן אין דער געטאָ אין פראַנקפורט ביים מאַין. צוהאַלטנדיק די אויגן האָט זיך ר' שמעונען אויסגעדוכט, אַז אַמאַליקע, אַמאָליקע יאָרן ווערן עפּעס ווי קעגנווערטיקע איבערלעבענישן. ער הערט זייער קול מיט זיינע אויערן.

— עס איז געווען אַ הייסער שטיקנדיקער טאָג און איך בין מיך געגאַנגען באָדן — האָט ר' שמעון באַרבון געהערט יוספס קול — דו האָסט מיט מיר מיטגעשיקט אַ באַדינער. איך האָב מיך נישט אויסגעקענט אין דער הינטער־שטאָט. דער באַדינער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ געסל צווישן צוויי גראָע פאַרשלאָסענע קלויסטערס. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קליין טירל. אַ צי געטון פאַר אַ שטריק. דאָס טירל האָט זיך געעפנט. אַ קאָפּ פון אַ נזירטע האָט זיך אַרויסגעשטעקט.

עס האָט געדויערט אַ רגע. עטלעכע קרעפטיקע הענט האָבן מיך אַריינ־געשלעפּט אינעווייניק אין קלויסטער. דאָס טירל האָט זיך ראַש הינטער מיר פאַרהאַקט. איך בין פאַרבליבן אין אַן אויסטערליש שטילעניש. איך האָב קיינעם מער נישט געזען. איך האָב מיך אַרומגעקוקט. איך האָב מיך געפונען אין אַ קליינעם פּירעקיקן הויף וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט זיילן. אינמיטן הויף איז געשטאַנען אַ שטיינערנער ברונעם אויף וועלכן עס האָט געהאָנגען אַ קייט. אופן ראַנד פונם ברונעם זענען געזעסן עטלעכע טויבן.

איך האָב מיך אָנגעזעצט ביים ברונעם. אָנגעהויבן צו וויינען.

איך האָב אַזוי לאַנג געוויינט ביז כ'בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען איך בין אויפגעוואַכט האָב איך מיך געפונען אין אַ קליינערקלויס־טער־צעלע. די ווענט זענען געווען ווייסע און נאַקעטע. עס איז נישט מער געשטאַנען ווי אַ האַרט בעט, אַ הילצערנער טיש און אַ האַרטע באַנק. דאָס איינציקע — אַזוי ווי לעבעדיקע — אין דער צעלע איז געווען דער געקריי־ציקטער אויפן שוואַרצן צלם. מען האָט מיר באַלד אַריינגעבראַכט עסן און

טרינקען. איך האָב נישט געוואָלט עסן קיין טרפות און האָב געלעבט מיט ברויט און וואַסער. אויפן בעט האָב איך מיך מורא געהאַט צו לייגן, טאָמער איז די קאָלדרע שעטנז. איך בין געשלאָפן אויף דעם קאַלטן שטיינערנעם דיל פון דער צעלע.

פּאַמעלעכל האָט מען מיט מיר אָנגעהויבן שמועסן. מען האָט גערימט מיינע גרויסע פעאיקייטן. אַז עס איז אַ שאָד איך זאָל זיי פאַרטאַכלעווען צווישן יידן. איך קאָן אַמאָל ווערן אַ וועלט־באַרימטקייט. — ביי יידן וואָס וועל איך ווערן? אַן אַלטוואַרג־הענדלער מיט אַ שפּיציקן יידנהוט צי גאָר אַ רב. די ווערטער זענען פּאַמעלעכל געפאַלן ווי וואַסער־טראָפּן אויף אַ פעלז. מיינע אויערן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצוטון פאַרן רום פון דער וועלט — און אויך פאַר מיין יידיש שפלות. איך האָב געהאַט די ברירה אויסצוקלייבן. איך האָב מיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו וואַקלען. וואָס זענען יידן? אַן אייביק טונקלעניש. אַן אייביק שפיל מיט נסיונות. וואָס עס וועט ווערן פון דעם יידישן בלוטיקן שפּיל? — דאָס ווייס קיינער נישט. דאָ — ווינקט צו מיר אַזאַ ליכטיקער פרייער מאָרגן פון דעם פענצטער פונם קלויסטער —

איך האָב געזען פאַר זיך צוויי לייטערס. איין לייטער פירט אַרויף צו כבוד, צו רום. צו אַ מאַכט פאַר וועלכער אַלע פעלקער בוקן זיך און זענען איר אונטערטעניק ווי די לעמעלעך. די צווייטע לייטער — זי פירט אויך ערגעץ וואו אַהין. אויף איר גייען די פראַנקפורטער יידן. די אָפּגעריסענע און די אָפּגעשליסענע מיט די זעק אַלטוואַרג אויף די פלייצעס און מיט די שפּיציקע יידנהיט אויף די קעפּ. איך אונטער דער צווייטער לייטער וואו עס גייען די יידן שטייען די פעלקער פון דער וועלט. נאָר זיי שטייען נישט ווי די לעמעלעך, נייערט ווי צעיושעטע לייבן און לעמפּערטן און שרייען נאָך בלוט און פאַר־צוקונג.

איך האָב מיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו פאַרטיפערן אין די קריסטלעכע ספרים. געהערט די שמועסן און די רייד פון די גלחים. מיינע אויערן האָבן זיך געעפנט. איך האָב פּאַמעלעך פאַרגעסן די פראַנקפורטער געטאָ און אירע טונקלענישן. איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אויפן וועג פון דערפאָלג און וועלט־מאַכט.

דאָס מזל האָט מיך געטראָגן אויף זיינע פליגלען. איך בין שנעל געשטיגן העכער און העכער. איך זיץ טאַקע אויף דער שטול פון דער העכסטער מאַכט אין דער וועלט. פאַר מיר בוקן זיך די פעלקער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

ר׳ שמעונס לעפצן זענען פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלעסער

ר׳ שמעון באַרבון איז כסדר געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט צוגעמאַכטע אויגן. זיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן אין דעם שטורעם פון די קעגנזעצלעכע געפילן. דאָ האָט ער געוואָלט אויסשטרעקן די הענט

און אַרויפּפאַלן יוספן אויפן האַלז. זיך פונאַנדערוויינען און אים אַלצדינג מוחל זיין. אַ מענטש איז נאָר אַ שוואַך באַשעפעניש — האָט ער געטראַכט — גאָט איז אַן אל רחום וחנון. דאָ ווידער — האָט אין אים אַלצדינג געשריען: אַנטלויף, שמעון! וואָס איז אַ ייד אָן נסיונות? אַ שטויבעלע אין די ווינטן. מה טובו אהליך יעקב! אַ ייד וואָס קאָן נישט בייגן דעם קאָפּ און וואַרטן אין די טונקלעניש — ער איז אַ בוים וואָס וועט נישט מיטבליען אין דעם לעצטן טאָג פון דער וועלט. דער טאָג פון צדק ומשפט. דיין יוסף איז אַן אָפּטריניקער! פאַרשטאָפּ דיר די אויערן, שמעון, ווי די יידן, וואָס דו האָסט געזען אין דער רוימישער געטאָ. וואָס איז אַ ייד אָן גרויסע פּרוואָוועגישן?

ער האָט אויף זיך געפילט יוספס הענט. זיי גלעטן אים מיט ליבשאַפט די האָר. ער האָט פעסטער פאַרשלאָסן די אויגן און אַראָפּגעזונקען זיין קאָפּ טיפער און טיפער.

ר׳ שמעון באַרבונס לעפצן זענען געווען פאַרשלאָסן מיט טויזנט שלעסער. נאָך לאַנגע אינערלעכע קאַמפן און מאַטערנישן האָט ער קוים באַוויזן צו פרעגן ווי אין דער לופטן אַריין:

— וואָס וועט זיין מיט די יידן אין פראַנקפורטביים מאַין?

— קיין האָר וועט זיי נישט געקרימט ווערן אויפן קאָפּ. די גאַנצע גזירה איז נאָר געווען אַ שפּיצל כדי איך זאָל דיך קאָנען אַהער ברענגען צו מיר קיין רוים און מיט דיר רעדן.

אַ צוזאַמענגעבראָכענער און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך ר׳ שמעון באַרבון אויפגעשטעלט פון דער שטול. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער ווי אַ בלינדער געטאַפּט אין דער לופטן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט צי זיינע הענט זוכן זיין יוספן, צי די טיר דורך וועלכער ער זאָל קאָנען אַנטלויפן פון זיינע אינערלעכע פּייניקונגען און פונדאַסניי אַלצדינג פאַרגעסן.

דער פּויפּסט האָט אויפגעהערט צו רעדן. ר׳ שמעון האָט געפילט ווי מען פירט אים לייכט אַרויס פון צימער. הינטער אים פאַרמאַכט זיך שטיל די טיר.

ווען ר׳ שמעון באַרבון האָט אויפגעמאַכט די אויגן האָט ער פאַר זיך געזען די דריי פראַנקפורטער פרנסי־חודש. ווערליק דער בלאַסקייט אויף ר׳ שמעונס פּנים האָבן די יידן געמיינט, אַז עס איז אים חלילה נישט געראָטן אָפּצושרייען די פראַנקפורטער גזירה. אויך זיי זענען געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און באַקומען טרערן אין די אויגן.

— עס איז ברוך־השם אַלצדינג בכי טוב. די גזירה איז אָפּגעשריען, האָט ר׳ שמעון באַרבון געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פעסטקייט.

די יידן האָבן אים מער נישט געפרעגט. שווייגנדיקע האָט מען פאַרלאָזט דעם וואַטיקאַן. אינדרויסן איז געשטאַנען און געוואַרט ר׳ שלמה איבן עטר. אַלע צוזאַמען איז מען צוריק געגאַנגען אין דער געטאָ.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַ שמחה אין די תפוצות ישראל

איידער די פינף יידן האָבן באַוויזן צופוס אַהיים צו קומען אין דער געטאָ, איז שוין אַ פּויפּסטלעכער שליח־מיוחד אויף אַ פערד אָנגעקומען צו רייטן צום רוימישן רב ר׳ שמשון פּראַסקאַטי און אים איבערגעגעבן אַ פאַרזיגלט פּאַפּיר פון דער פּויפּסטלעכער קאַנצעלאַריע, אַז דער גירוש אויף פראַנקפורטער יידן איז בטל ומבוטל. די פריילעכע בשורה האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט צווישן יידן אין דער געטאָ. מען קאָן זיך פאַרשטעלן די שמחה. ווען די פינף יידן זענען אַדורכגעגאַנגען דאָס טויער פון דער געטאָ, זענען לעבן דער וויסער פאַרשלאָסענער תיפלה געשטאַנען יידן און אויפגעהויבן די הענט און מבשר געווען די בשורה טובה.

ר׳ שמעון באַרבון האָט זיך מיטגעפרייט מיט דער שמחה פון יידן. אינעווייניק אין זיין האַרצן האָט נאָך געשטורעמט דאָס געוויטער.

צומאָרגנס איז די פראַנקפורטער דעלעגאַציע צוריק אַהיים געפאָרן. מען האָט זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט — און געוואונטשן מזל־טוב די פראַנקפורטער יידן. איבער אַלע געטאָס אין די תפוצות דורך וועלכע די דעלעגאַציע איז אַדורכגעפאָרן האָט געהערשט די נעמלעכע פרייד. אַזוי איז מען פאַמעלעכל צוריק געקומען קיין פראַנקפורט ביים מאַין.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אין אַ שטורעמדיקע נאַכט

אין די יידישע טונקלענישן אין פראַנקפורט ביים מאַין האָט מען זיך צוריק גענומען צום מסחר מיט אַלטוואַרג און הלוואות.

דער רב ר׳ שמעון באַרבון האָט זיך מער און מער אָפּגעגעבן מיט התבודדות. מען האָט זיך געוואונדערט, אַז דעם איינציקן תענוג־עולם־הזה וואָס ער האָט געהאַט, נעמלעך צו שפּילן אין שאָך, האָט ער אויך אויפגעגעבן. ער האָט זיך מער נישט מיט קיינעם געוואָלט אָנרירן צו ביים שאַך־ברעטל.

גאַנצע נעכט האָט מען געזען ברענען דאָס לעמפּל אין זיין ספרים־שטוב. מען האָט נישט געוואוסט ווען דער ייד שלאָפט. אין זייער שטילע נעכט האָט מען טייל מאָל אפילו געקאָנט הערן ווי ער ברומט ווי אַ טרויערנדיקע טויב. מען האָט געשמועסט, אַז ער איז שטאַרק עוסק אין קבלה און קלייבט זיך צו פאַרלאָזן פראַנקפורט און אַוועקצופאָרן קיין צפת אין ארץ־הקדושה, — דאָרט זיך משתטח זיין אויף די הייליקע קברים און אָפּוואַרטן דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן צווישן די גרויסע צפתער מקובלים.

אין אַ געוויטער־נאַכט —

ר׳ שמעון באַרבון איז געזעסן אויף דער ערד מיט אַש אויפן קאָפּ.

אָפּגעריכט חצות. פּלוצעם האָט זיך אין דרויסן געמאַכט אַ געוואַלטיקער שטורעם־ווינט. עס האָבן מוראדיק געקנאַקט די דונערן. די פינצטערנישן זענען אַדורכגעריסן געוואָרן מיט שאַרפע שניידיקע בליצן. דאָס געוויטער איז געוואָרן שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. עס האָט געדונערט. עס האָט געבליצט. עס האָבן אָנגעהויבן צו וואָיען ווילדע שטורעם־ווינטן. ר׳ שמעונס פענצטער איז אַלעמאָל ליכטיק געוואָרן פון אַ בליץ ווי עמיצער וואָלט צו אים אַריינגעקוקט —

דערנאָך האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ שלאַקס־רעגן.

ר׳ שמעון באַרבון האָט צוגעהאַלטן די אויגן און שטיל געוויינט אויפן חורבן ירושלים.

אינמיטן דעם געוויטער האָט ער געהערט ווי עס קלאַפּט ביי דער טיר.

— מן־הסתם אַ פרעמדער אָרעמאַן נעבעך, וואָס זוכט אין איצטיקן מבול אַ דאַך איבערן קאָפּ — האָט ר׳ שמעון ביי זיך געטראַכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָבל־בענקל. געגאַנגען עפענען די טיר.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ פרעמדער אָפּגעריסענער ארחי־פרחי מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס.

אַ דונער האָט אַ קנאַק געטון. אַ שאַרפער בליץ האָט אויפגעלויכטן די טונקלענישן ווי אויך דאָס פּנים פון דעם פרעמדן ארחי־פרחי.

ר׳ שמעון באַרבון האָט געטון אַ ציטער. אינם שאַרף־אויפגעלויכטענעם געוויטער איז פאַר אים געשטאַנען זיין זון יוסף.

ר׳ שמעון באַרבון האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויף די לעפצן. ער האָט זיין זון יוסף אָנגענומען פאַר דער האַנט. אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער ערד.

דאָס געוויטער אינדרויסן האָט זיך געשטאַרקט. די פינצטערנישן זענען צעשניטן געוואָרן מיט שאַרפע ליכטיקע בליצן.

ר׳ שמעון באַרבון האָט הויך געזאָגט דאָס קאַפּיטל תהילים „תפילה לעני כי יעטוף״, און דעם פרעמדן ארחי־פרחי, זיין צוריקגעקומענעם זון יוסף, געגלעט איבערן קאָפּ.

אַ רוימישער פילאָזאָף שרייבט אַ בריוו

לוציוס אַננעוס סענעקאַ, איז געווען אַ באַזיצער פון גרויסע לאַנד־גיטער. מיניסטער און הויף־מענטש ביי נעראָ, מלוה־ברבית. סטאָאישער פילאָזאָף.

אומקערנדיק זיך אַ מאָל אַהיים פון די קייסערלעכע פּאַלאַצן אויפן פּאַלאַטין, האָט ער נאָך געהאַט צו טון אַ שפּאָרע צייט אויפן פאָרום. סואיליוס האָט אים עפנטלעך באַשולדיקט אין פעלשן צוואות און אין נעמען געוואַלטיק הויכע פּראָצענטער. אַ סך פון סענעקאַס בעלי־חובות, — אונטער דעם אויסרייד, אַז זייערע שטרות זענען געפעלשט, — האָבן זיך איצט געפּרואווט אַרויסצודרייען פון זייערע התחייבותן.

די באַשולדיקונגען פון סואיליוסן און די איבעריקע פיינט זיינע, האָט דער געטלעכער סענעקאַ אויפגענומען מיט עכט סטאָאישער נשמה־רואיקייט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די אַטענער האָבן באַשולדיקט סאָקראַטעסן. ווי רואיק סאָקראַטעס איז געשטאָרבן. דער פילאָזאָף איז אָבער אַרויס פון זיין אײנערלעך גלייכגעוויכט, וואָס שייך דער העסלעכער ערמה פון זיינע בעלי־חובות. דאָ האָט אים געדראָט מיט אַ גרויסן געלט־שאָדן. (מ׳מוז צוגעבן: דער געטלעכער סענעקאַ האָט זיינע שוואַכקייטן צו גאָלד געהאַלטן פאַר אַ קראַנקהייט און אומפאַרשטענדלעכע שטראָף פון די געטער), מיט אמתער אויפגעבראַכטקייט האָט ער זיך פאַרטראַכט ווי די מענטשן, וואָס מען זעט אויפן פאָרום און אין צירקוס, זענען פול מיט שלעכטע מחשבות צו שאָדענען איינער דעם אַנדערן. ניין. עס איז נישטאָ קיין פרידן אונטער די אַלע, וואָס טראָגן די טאָגע.

דער היינטיקער בעל־חוב זיינער, — מיט וועלכן דער סטאָאיקער סענעקאַ האָט געהאַט געלט־סכסוכים אויפן פאָרום, — איז געווען אַ הינקענדיקער פרייגעלאָזענער. דער גריך פּאַנדאַראַס. מיט אַ באַזונדערער כיטרעקייט, — וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שקלאַפן און קאַליקעס, — האָט פּאַנדאַראַס נישט געוואָלט באַצאָלן די פּראָצענטער. ער האָט זיך אפילו באַמיט צו באַווייזן, אַז די שטרות זיינע, וואָס געפינען זיך אין באַזיץ פונם פילאָזאָף, זענען נישט אייגנהעגטיק אונטערגעשריבן. דער גריך האָט זיך פאַר סענעקאַן געבויגן מיט היגטישער הכנעה (נישט געקוקט דערויף, וואָס דער זעלבער האָט אויך געהאַט אַ באַדייטנדיקן פאַרמעגן), געחנפט. גערעדט שטיל. דערביי אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט באַצאָלן דעם חוב. סענעקאַ האָט אויף אים געקוקט מיט פאַראַכטונג, אָבער נישט אָן פילאָזאָפישער מיטלייד. די נשמה פון אַ מענטש, וואָס איר מקור איז אין די העכסטע ספערן פון די

פלאַטאָנישע אידייען, קאָן אין דעם גוף פון אַ פּאַנדאַראַס דערנידעריקט ווערן צו אַ שפּלער מדרגה. די וועגן פון די געטער זענען וואונדערלעך. ביי דעם דאָזיקן בעל־חוב איז סענעקאַ גראָד פאַרבליבן אין זיין גאַנצער זעלישער רואיקייט. ער האָט געהאַט ביי זיך אין דער ביבליאָטעק אַ געשריפט, וואָס האָט מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט באַוויזן די התחייבותן פון דעם פרייגעלאָזענעם פּאַנדאַראַס. דערימעך טאַקע האָט דער פילאָזאָף סענעקאַ מיט פולשטענדיקער אָביעקטיוויטעט געקאָנט באַטראַכטן אַ יעדע באַוועגונג פון דער דאָזיקער קליינמוטיקער נשמה.

פון פאָרום איז ער געגאַנגען אַהיים.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך. טריט ביי טריט. ער האָט געטראַגן אַן אַלטע אָפּגעריבענע טאָגע, מ'זאָל זען, אַז דאָס גייט נישט קיין רייכער מאַן און אַ מיניסטער, נייערט איינער וואָס ווייסט אַז רייכקייט און כבוד זענען פאַרגענגלעך. אייביק איז דער פילאָזאָפישער געדאַנק און דאָס רואיקע געמיט. דער מיניסטער און פילאָזאָף סענעקאַ איז איצט געווען אין דער גליקזעליקער שטימונג פון דעם וועלט־אָרעמסטן סטאָאיקער. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן שיקזאַל. דורך אַ פיינטשאַפט צו דער פילאָזאָפיע, אַ שנאה וואָס מען קאָן זי פשוט נישט דערקלערן — באַשווערט טיילמאָל דאָס שיקזאַל דאָס לעבן פון אַ פילאָזאָף מיט לאַנד־גיטער און גאָלד. עס שמידט דעם פילאָזאָף מיט גאָלדענע קייטן ווי מען שמידט דעם געמיינסטן שקלאַף. עס שטעלט זיך דערמיט ווי אַ מחיצה אויף דעם וועג, וואו עס גייט דער פילאָזאָף צו דער גרויסער רואיקייט. ווען אונזער זענאָ איז געוואויר געוואָרן, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן איז דערטרונקען געוואָרן אין ים, האָט ער געזאָגט: דאָס שיקזאַל וויל ,אַז איך זאָל אומגעשטערט פילאָזאָפירן. ווי באַזיצלאָז עס זענען די געטער! — פליסטערט צו זיך סענעקאַ. זיי האָבן נישט קיין לאַנד־גיטער און גערטנער. נעמען נישט קיין וואוכער־צינזן אויפן פאָרום. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ געדראַנג פון שקלאַפן, וואָס האָבן באַגלייט אַ דיקן, אין פורפור געקליידעטן פּאַטריציער. דעם באַקאַנטן קאַרגן קווינטוס מוציוס. אויפהויבנדיק די אויגן און קוקנדיק אַ ווײַלע אויף דעם געדראַנג אַרום מוציוסן, האָט סענעקאַ גענומען באַטראַכטן די בונטע באַוועגונג אויף די רוימישע גאַסן. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט ווי גליקלעך דיאָגענעס איז געווען אין זיין פאַס.

נאָך אַ סך טעג עגמת־נפש פון זיינע בעלי־חובות, האָט דער היינטיקער טאָג נאָכן פאָרום, אָנגעהויבן צו ווערן פאַר סענעקאָן אַן אמתער טאָג פון אַ באַזיצלאָזן סטאָאיקער.

עס איז אים געקומען אויפן זינען זיין פריינט און תלמיד נאַוואַטוס.

נאוואטוס, אַ יונגער און זייער רייכער רוימער, האָט געוואוינט אין זיינע לאַנד־גיטער אויף דער צפון־גרענעץ פון איטאַליע. נאָך זייענדיק אין רוים, האָט נאָוואַטוס געהאַט באַציאונגען צו דער סטאָאישער שולע און זיך באַ־פריינדעט מיט סענעקאָן. איצט האָט נאָוואַטוס געלעבט אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט. זיין הויז פון ווייסן גריכישן מאַרמאָר איז געשטאַנען אויפן ברעג

פון אַ שטילער בלויער אַזיערע. ער האָט געלעבט אין גרויס רייכקייט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט שקלאַפן, וואָס האָבן אים באַדינט ווי אַ יונגן גאָט. נאַוואַטוסן איז פאַרמאָוסט געוואָרן זיין רייכקייט. ער האָט געלייענט ביכער, געטראַכט וועגן די פאַרגענגלעכקייטן פון דער וועלט. פון זעלבסט־איבערדריסיקייט האָט ער געפייניקט זיינע שקלאַפן. יעדע מינדסטע קלייניקייט האָט אים אויפגעברויזט אין צאָרן. דער יונגער סטאָאיקער האָט נישט געהאַט קיין רואיק געוויסן.

ער האָט זיך שריפטלעך באַריכות געווענדט קיין רוים צו זיין מייסטער סענעקאַ, זאָל דער גרויסער פילאָזאָף אים אַן עצה געבן ווי אַזוי ביי־צוקומען די געמיינע מידה פון כעס.

סענעקאַ האָט עס געהאַלטן פאַר אַ געוויסנס־חוב בייצושטיין זיינע פריינט. איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פילאָזאָפישע עצות.

ער האָט דערימעד אין אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס האָט פאַרנומען דריי ביכער, אַרומגערעדט אַלע סיבות וואָס ברענגען צו דער שעדלעכער און העסלעכער מידה פון כעס. ער האָט אויך געשריבן פאַרשיידענע מאָראַלישע עצות ווי אַזוי דעם צאָרן צו באַהערשן. דאָס דאָזיקע ווערק, געשריבן ווי אַ בריוו צו דעם יונגן נאַוואַטוס, האָט געזאָלט זיין ענטפער נאַוואַטוסן, סיי אַן אומ־שטערבלעכער דענקמאָל פאַר אַלע דורות. סענעקאַ האָט זיך אינם דאָזיקן בריוו באַמיט אויך פאַר זיין אייגענער נשמה צו באַקומען אַ פעסטן אָנהאַלט. ער האָט אין אָטאָ דעם ווערק געזען דעם שפּיגל פון זיין מאָראַלישן אַני־מאַמין. דאָרט האָט ער באַשריבן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פונם לעבן פון גרויסע מענער, כדי זייערע מעשים תמיד צו האָבן פאַר די אויגן. אין די מעשים פון גרויסע מענער זעען מיר, וואָס מען קען מיט נשמה־רואיקייט דערגרייכן. דער היינטיקער נצחון וואָס דער פילאָזאָף סענעקאַ האָט געהאַט איבער זיינע אייגענע מענטשלעכע שוואַכקייטן, — וואָס שייך זיין בעל־חוב, דעם פריי־געלאָזענעם פאַנדאַראָס — האָט אים נאָך מער געשטאַרקט אין דער איבער־צייגונג, אַז נאָר אַ דאַנק דער פילאָזאָפיע איז ער געבליבן גלייכגילטיק און רואיק צו דעם בייזוויליקן לאָמען גריך. די פילאָזאָפיע איז אַ טרייסטנדיקע מאַמע פאַר אירע קינדער. זי באַרואיקט זייערע געמיטער. אין אָט דער מינוט האָט זיך נעראָס מיניסטער געפילט ווי אַ שטיל אומשולדיק קינד אין דעם שאָטן פון זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען. ער איז געווען האַפּערדיק אין זיין וועלט־ביטול. נשמה־גרויסקייט געפינט זיך ניט ביי שלעכטע מענטשן — האָט סענעקאַ צו זיך געזאָגט — דיאָגענעס דער חכם האָט מיט געלאַסנקייט איבערגעטראָגן ווען עמיצער האָט אים אָנגעשפּיגן אין פנים אַריין. ער האָט דעמאָלט געזאָגט: איך בין נישט אין כעס.

סענעקאַ האָט נאָך צוגעטראַכט עטלעכע וויכטיקע זאַכן, מיט וועלכע ער זאָל פאַרענדיקן זיין בריוו צו נאַוואַטוסן. באַלד האָט ער זיך געפונען פאַר זיין הויז.

דאָס פאַרמעגן פון סטאָאיקער סענעקאַ האָט באַטראָפן דריי הונדערט מיליאָן סעסטערצן. זיין הויז אין רוים איז געווען פּראַכטפול און רייך. אָבער

דאָס אַרבעט־צימער סענעקאַס, די ביבליאָטעק זיינע, איז געווען זייער באַשיידן איינגעאָרדנט. אין זיין ביבליאָטעק האָט דער פילאָזאָף זיך געוואָלט זען נישט ווי קיין מאַן פון דער וועלט, דער באַרימטער, דער לערער, דער פריינט און מיניסטער פון נעראָ, — נאָר ווי אַ פילאָזאָף. ווי אַ פילאָזאָף האָט ער דאָרט געוואָלט לעבן. דער פילאָזאָף דאַרף פאַרברויכן נישט מער ווי אַ האַלבע סעסטערציע אַ טאָג, פלעגט סענעקאַ זאָגן. הגם ער האָט דאָס וועדליק זיין פאַרמעגן און געזעלשאַפטלעכער שטעלונג נישט געקאָנט באַווייזן. וויניקסטנס אין דעם ביבליאָטעק־צימער, וואו ער פלעגט פאַרברענגען איינזאַם מיט זיינע געדאַנקען, האָט ער געוואָלט האָבן די אילוזיע, אַז ער איז נישט רייכער ווי סאָקראַטעס.

דאָס ביבליאָטעק־צימער סענעקאַס איז געווען באַשיידן. אָן דעם מינדסטן לוקסוס. כמעט אָרעם. מען האָט דאָרט געשפּירט בלויז דעם ריח פון שטויב און פון פאַרמעט. די ביכער־מגילות זענען געלעגן אָנגעוואָרפן הויפנווייז איבער פּראָסטע שטיינערנע בענק און טישן. דער פילאָזאָף האָט נישט געקויפט קיין ביכער גלאַט זיי אָנצוקוקן, ווי אַנדערע, וואָס קויפן זיך געמעלן און קאָרינטישע וואַזעס. ער האָט געזוכט אין די ביכער דעם רוף פון דער אייביקייט און דאָס רואיקייט און גלייכגעוויכט פאַר זיין געמיט. אויך איז דאָס ביבליאָטעק־צימער געווען ווייט אָפּגעלעגן פון אַלע אַנדערע חדרים אין הויז, כדי עס זאָל נישט צוקומען דערצו דאָס מינדסטע גערויש פון דער וועלט. אין מיטן דער קייזערלעכער שטאָט רוים, צווישן זיינע רייכטימער און שקלאַפן, האָט דער מיניסטער סענעקאַ געלעבט אין זיין ביבליאָטעק־צימער ווי דיאָגענעס אין זיין פאַס. ווי קלוג זענען די, וואָס גייען אין די וועגן פון דער חכמה!

דאָס איינציקע מעבל, וואָס דער פילאָזאָף האָט באַנוצט אין אָטאָ דעם צימער, איז געווען נישט מער ווי אַ פשוטער טיש און אַ מאַרמאָרנע שטול, אָן שום באַצירונגען און באַרעליעפן.

איינאיינציק לוקסוס־שטיק האָט זיך געפונען אויף סענעקאַס אַרבעטס־טיש צווישן די פאַרשיידענע ביכער־מגילות און באַשריבענע פאַרמעטן, נעמלעך: די אייל־לאָמפּ. זי איז געווען פון בראָנז און האָט פאַרגעשטעלט אַ ראַפינירט־סטיליזירטן ציטרינען־בוים. קליינע אייל־שאָלן האָבן אַרומ־געהאָנגען ווי אויסגערייפטע פרוכטן צווישן די בראָנזענע צווייגן און גע־העמערטע בלעטער. אונטערן שטאַם, אין הויך־געוואַקסענעם גראָז האָט דער קינסטלער פאַרגעשטעלט אַ ליבע־שפיל צווישן אַ קליינעם אַמאָר מיט דריי נאַקעטע נימפעס. דאָס דאָזיקע איינציקע לוקסוס־שטיק האָט סענעקאַ גע־האַלטן אין זיין ביבליאָטעק נישט דערפאַר, אַז זיין אויג זאָל דערויף קוקן און הנאה האָבן. גראָד אינם עראָטישן שפיל צווישן דעם אַמאָר מיט די נימפעס האָט סענעקאַ, דער סטאָאיקער, אין דער איינזאַמקייט פון זיינע געדאַנקען תמיד געוואָלט האָבן פאַר זיך נישט בלויז די שוואַכקייטן פון די מענטשן, נייערט אויך די שוואַכקייטן פון די געטער.

ער איז איצטער מיט שטילע און פאַמעלעכע טריט אַריינגעקומען אין

זיין ביבליאָטעק־צימער. פעסט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. צוזאַמענגערוקט די פאָרהאַנג איבער דער טיר, כדי זיך פולקום אָפּצושליסן פון דער וועלט. דער קאָפּ זיינער איז פול געווען מיט דערהויבענע געדאַנקען. פול געמיט. פול אינערלעכע רואיקייט. די שענסטע פון אָטאָ די געדאַנקען האָט סענעקאַ בדעה געהאַט אַריינצופלעכטן אין דעם סוף פון זיין בריוו צו נאָוואַטוסן, דעם בריוו קעגן צאָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון די טאַשן פון זיין טאָגע אַ קליין בענדל שריפטן פון דעם אומשטערבלעכן עפּיקור. עפּיקורס שריפטן, פלעגט ער תמיד ביי זיך אַרומטראָגן. ער האָט ליב געהאַט דאָרט אַריינצוקוקן סיי בעת ער פלעגט שרייבן זיינע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע טראַקטאַטן, סיי אפילו ווען ער איז געזעסן צוזאַמען מיט נעראָן און גערעדט וועגן פאַרשיידענע הויפישע און מלוכישע ענינים.

סענעקאַ האָט אויך אין זיין אַרבעט ווי נעראָס הויף־מיניסטער נישט פאַרגעסן די נשמה. דער אומשטערבלעכער טייל אינם מענטש!

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן דעם גריך פּאַנדאַראָס און האָט זיך מיישב געווען, — איידער ער זעצט זיך שרייבן וואָלט גלייכער געווען נאָכאַמאָל איבערצוקוקן דאָס געשריפטס, וואָס ווייזט אַזוי אומצוויידייטיק די התחייבותן פון אַט דעם פרייגעלאָזענעם. סענעקאַ האָט בדעה געהאַט אָטאָ דאָס זייער וויכטיקע געשריפט איינצוואוויקלען אין זיין ליבלינגס־בוך פון עפּיקור, כדי עס צו האָבן ביי זיך מאָרגן אויפן פאָרום. מיט אָט דער טאָט האָט זיך דער פילאָזאָף געוואָלט פולשטענדיק אָפּשליסן פון אַלע זיינע געלט־זאָרגן. ער האָט געוואָלט שרייבן צו זיין תלמיד נאָוואַטוס אין אַ געמיט פון זעלישע גלייכגעוויכט. די טוגנט אַליין שטייט הויך און דערהויבן. מען קאָן נישט דערגרייכן נשמה־גרויסקייט ווען מען איז נישט רואיק און ליידנשאַפטלאָז.

בנעימות האָט זיך סענעקאַ אַנידערגעזעצט אויף דער שטול און אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן צווישן די פּאַרמעטן און מגילות, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף זיין טיש. באַלד איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. דאָס בלאַסלעך אַסקעטישע פּנים זיינס איז פּלוצלונג פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט. דאָס געשריפט איז נישט געווען.

זייער נערוועז, מיטביידע הענט האָט ער אַרומגענישטערט אין די הויפנס פון פּאַרמעטן. וואָס אַמאָל אומרואיקער האָט ער זיי געוואָרפן פון אָרט צו אָרט. ער האָט זיך אַ ביס געטון אויף די ליפּן. די פאַרב פון זיין פּנים האָט זיך איצטער כסדר געביטן, דאָ בלאַס, דאָ רויט.

ער האָט אַ שטאַרקן פּאַטש געטון אין די הענט.

די טיר פון סענעקאָס ביבליאָטעק האָט זיך ראַש, דערביי זייער שטיל, געעפנט. אַ שקלאַף איז געקומען אַנצולויפן אויף די שפּיץ־נעגל. טיף זיך פאַרבויגן. געוואַרט אויף אַ באַפעל.

— ווער האָט דאָ פון טיש אַראָפּגענומען אַ באַשריבענעם פּאַרמעט?!

— איז סענעקאַ אַרויס מיט אַ געשריי. די קינבאַקן פון זיין לענגלעך פּנים און די קאַלך־ווייסע ליפּן האָבן ביי אים געציטערט.

די געשטאַלט פונם שקלאַף איז געוואָרן ווי איינגעשרומפּן. ער האָט געוואוסט — עס איז ניט קיין שפּיל, ווען דער גרויסער סענעקאַ געפינט זיך אין אַזאַ מעמד.

— איך ווייס נישט... — האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט דער שקלאַף.

דער פילאָזאָף האָט זיך נאָך העכער צעשריען. ער האָט געהאַקט מיט ביידע הענט אין די הויפנס פון מגילות און פּאַרמעטן וואָס זענען געלעגן אויפן טיש.

— דו הונט דו. דער לאָמער פּאַנדאַראַס האָט דיך אונטערגעקויפט, דו זאָלסט אים אַרויסגעבן דאָס שטיק פּאַרמעט. אַזאַ געלט־שאָדן! — האָט דער פילאָזאָף געשריען, — אַלע זענט איר איין כנופיא, איר געמיינע שקלאַפן־באַנדע.

דער שקלאַף האָט געשטאַמלט:

— איך קאָן נישט קיין שום פּאַנדאַראַס, געטלעכער האַר...

דער פילאָזאָף האָט וואָס אַמאָל רציחהדיקער געהאַקט מיט די הענט אין טיש אַריין. זיינע בלייכע אויסגעטריקנטע לעפצן האָבן זיך באַגאָסן מיט שוים. — גיב אָפּ דאָס שטיק פּאַרמעט, דו הונט דו, — האָט ער אַרויס־געקייכט.

דער שקלאַף האָט געציטערט ווי אַ בלאַט. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס:

— איך בין אומשולדיק, געטלעכער האַר...

— דו רעדסט מיר נאָך אַקעגן? — האָט דער פילאָזאָף אויסגעשריען נישט מיט זיין קול. מיט ביידע הענט האָט ער אָנגעכאַפּט די בראָנזענע אייל־לאָמפּ, וואָס אויפן טיש — און מיט אַלע זיינע כוחות זי אַ שליידער געטון אויפן שקלאַף.

עס האָט זיך געהערט אַ שווערער קלאַפּ. דאָס קונסט־ווערק איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דעם מאָזאאיק־דיל פונם ביבליאָטעק־צימער. דער שקלאַף האָט זיך געטון אַ וואַקל און איז אומגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ נעבן דעם קונסט־ווערק. דער קאָפּ־שאַרבן זיינער איז געוועזן צעהאַקט. אַ שטראָם בלוט אויסגעמישט מיט מאַרך איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם צעהאַקטן קאָפּ. דער שקלאַף האָט זיך געוואָרפן אויף דער מאָזאאיק־דיל ווי אַ געשחטן קאַלב.

אינם קונסט־ווערק האָט זיך אַ קליין אייל־שאָלעכל אָפּגעבראָכן. דער אָמאָר האָט זיך אַ ביסל אָוועקגעבויגן אין דער זייט.

סענעקאַ האָט נאָך אַ קליינע ווײַלע אַרומגעוואָרפן די מגילות און די פּאַרמעטן. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעשמייכלט.

אויף דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען די בראָנזענע אייל־לאָמפּ, איז געלעגן דאָס געזוכטע שטיק פּאַרמעט.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. זיך אָוועקגעזעצט אויף דער מאַרמאָרנער שטול ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט. מיט ביידע הענט זיינע, — וואָס האָבן נאָך געציטערט, — האָט ער אָנגענומען דעם געזוכטן פּאַרמעט. אין אים געלייענט.

ער האָט וואָס אַמאָל דערלייכטערטער געשמייכלט. כסדר געלייענט אין דעם פּאַרמעט.

פלוצלונג האָט ער אָפּערגעהויבן די אויגן פון געשריפט און באַמערקט דעם געממיתטן שקלאַף. דער שקלאַף איז איצט געלעגן רואיק, ער האָט קוים באַוועגט מיט די פּיס.

דער פילאָזאָף האָט געטון עטלעכע מאָל אַ פּאַטש מיט די הענט.

צוויי שקלאַפן זענען שטיל אַריינגעקומען צו לויפן. זיי האָבן זיך טיף פאַרנויגט. געוואַרט.

— נעמט אים אַרויס — האָט דער פילאָזאָף באַפוילן. ער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף זיי. מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים האָט ער כסדר באַקוקט דאָס געשריפט.

די שקלאַפן האָבן אויפגעכאַפּט דעם געממיתטן פון דר'ערד, אים שטיל אַרויסגעטראָגן פון דעם ביבליאָטעק־צימער.

דער פילאָזאָף האָט פאַמעלעך צוזאַמענגעוויקלט דעם פאַרמעט און אים אַריינגעשטעקט אין דעם בענדל שריפטן פון געטלעכן עפּיקור. דאַן האָט ער זיך גלייכגעזעצט אויף דער שטול. ער האָט זיך פאַרטראַכט — און זיך גענומען שרייבן דעם סוף פון זיין בריוו צו נאַוואַטוסן.

צווישן די פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון לעבן פון גרויסע מענער, וואָס סענעקאַ האָט דאָרט אַריינגעשריבן, צווישן די פאַרשיידענע דערהויבענע געדאַנקען — האָט ער זיך באַזונדער אָפּגעשטעלט אויף דעם פאָלגנדן געדאַנק (ער האָט אים געהאַלטן פאַר אומשטערבלעך):

— קיין זאַך באַווייזט נישט אַזוי דעם גייסט פון אַ מענטש - שרייבט סענעקאַ צו נאַוואַטוסן, — ווי אין אַלע געשעענישן פון לעבן צו בלייבן רואיק. אין די שטחים פון די שטערן איז ניטאָ קיין שטורעם און קייןווירבל־ווינטן. דאָרט הערשט פולקומענע רואיקייט.

ראָמאַן פון אַ שטערן־קוקער

דער מחבר הייבט אָן זיין ווערק מיט עטלעכע ווינציקע נאָר זייער קלוגע געדאַנקען וועגן סדר־העולם

קאַפּיטל איינס

אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט לעבן מיר איבער — היינט צו טאָג — אויסטערלישע קאַטאַסטראָפעס און קאַטאַקליזמען. גראָד די קאַטאַקליזמען און קריזיסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף די שטחים פון וויסנ־שאַפט און דערקענטעניש, זענען טיפער, דערשיטערנדיקער אין זייערע גרונד־יסודות און אויסזיכטלאָזער אין זייערע פּערספּעקטיוון, ווי די קאַטאַס־טראָפעס וואָס קומען פאָר אין דעם אָרימען, סוף כל סוף ענדלעכן און פאַר־גענגלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מענטשן.

פאַרגענגלעכקייט און קאַטאַסטראָפע פאָרן זיך מיטאַנאַנדער ווי צוויי זייטן פון איין און דעמזעלביקן באַגריף. זיי געהערן צו די דיאַלעקטישע געזעצן פון דער אַנטוויקלונג. מיר לעבן אונזער מענטשלעך לעבן אויף אַ באָדן פון צווייפלהאַפטיקע פאַרשטעלונגען און כסדרדיקע ווידערשפּרוכן. דאָ געהערן אַלע אומנאַטירלעכע קאַטאַקליזמען צום נאַטירלעכן לויף פון די זאַכן. זיי דאַרפן קיינעם פון אונז נישט צו איבערראַשן. מיר באַדאַרפן גרייט זיין און זיך ריכטן אויף אַלע איבערראַשונגען און קאַפּריזנדיקייטן.

אָבער קאַטאַסטראָפעס אין די אייביקייט־דערקענטענישן? דערצו אין אַזעלכע פּרעציזע אומענדלעכקייט־דערקענטענישן ווי עס איז למשל די מאַטעמאַטיק? — דאָס זענען באמת זייער טראַגישע ווידערשפּרוכן. קאַטאַ־קליזמען און איבעררעאשנדיקע סתירות אין די געטלעכע רואיקייטן פון דער אַבסאָלוטער אייביקייט! — ס'קלינגט עפּעס גאָר אויסטערליש. כמעט ווי לעכערלעך. עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו גלויבן, אַז אין דעם דענעמאַרק פון די געטער זאָל עפּעס דאָרט זיין פויל און ס'זאָל נישט קלאַפּן! אייביקע געטער און רעלאַטיווע וואַרהייטן — ווי אומעטיק קאָמיש!

מיר ווינציקע און שטערבלעכע מענטשן, — נו, מיר קאָנען נאָך גוט אויסקומען אין אונזערע באַדערפענישן אָן די אַבסאָלוטע וואַרהייטן. ס'איז אונז אפשר נאָך בעסער אָן זיי, אָן די וואַרהייטן הייסט עס. צו וואָס זאָלן מיר אונזער ביסעלע מיט יאָרן צובינדן צו דער טרייסטלאָזער שיף פון אַן אַבסאָ־לוטער און אומענדלעכער אייביקייט? צו וואָס זאָלן מיר מיטשלעפּן מיט זיך אַ משא, וואָס איז אומבאַקאַנט און פרעמד פאַר אונזערע מענטשלעכע השגות?

די אייביקייט, אָבער, אָן אייביקע אמתן? די אומענדלעכקייטן באַגרענעצט אויף אַן ענגן פֿאַרשלאָסענעם רוים פֿון ענדלעכקייט? ווי האָפֿנונגסלאָז און ווי טרויעריק!

די אומרואיקע (און פֿאַרצווייפֿלטע) מענטשהייט האָט זיך גריילעך גוט אָנגעמאַטערט אויף דעם קליינעם און אומברחמנותדיקן צייט־שפּאַן צווישן געבוירן־ווערן און טויט. די מענטשהייט האָט תמיד געקאָנט איבערטראָגן איר ליידן מיט איין און איינציקער טרייסט. אינמיטן אַלע אירע ביטערע נויטן האָט זי אויפֿגעהויבן אירע אויגן צו די שטערן מיט דער מאָדנער, — אַבסאָלוט נישט באַוויזענער — זיכערקייט, אַז דאָרטן אויף די שטערן איז, אַזוי צו זאָגן, אַלצדינג בעסער און קלאָרער. ס׳האָט געהייסן: לאָמיר נאָר אַ קליין ביסעלע זיין געדולדיק און אָפּקומען דאָ אינם אויסטערלישן תוהו־ובוהו פֿון געזעצלאָזיקייט. דערפֿאַר, וועלן מיר שפּעטער דערוואַרט ווערן ווי ליבע געסט אויבן ערגעץ אין אַן אומענדלעכן שטח וואו עס הערשן אייביקע און רואיקע געזעצן.

לאָמיר אויף טשעקאָוועסט לייענען דעם טרייסט־בריוו, וואָס דער געט־לעכער סענעקאַ האָט געשריבן צו דער טרויערנדיקער מוטער מאַרציאַ. איך וועל אומישנע ציטירן דעם דאָזיקן אומשטערבלעכן בריוו, זאָל דער לייענער זען וויפֿל האָפֿענונגען דער ליידנדיקער מענטש האָט פֿאַרבונדן מיט דער ליידלאָזער אומענדלעכקייט. „דיין פֿאָטער” מאַרציאַ, — שרייבט סענעקאַ צו דער מוטער, וואָס האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט טרייסטן איבערן געשטאָרבענעם זון — „דיין פֿאָטער, מאַרציאַ — וועט נעמען צו זיך דאָס אייניקל זיינס, וואָס פֿרייט זיך איצט מיט דעם נייעם ליכט (פֿון די שטערן) און וועט אים לערנען די וועגן פֿון נאָענטע שטערן, וואָס די ידיעות וועגן זיי באַרוען נישט מער אויף השערות, נייערט אויף דעם אמת פֿון דער דערפֿאַרונג. אין אַלע סודות פֿון דער נאַטור וועט ער אים אַריינפֿירן מיט פֿיל פֿרייד. פּונקט ווי דעם פֿרעמדן אין אומבאַקאַנטע שטעט איז נויטיק אַ פֿירער, אַזוי איז אויך דעם, וואָס וויל דערפֿאָרשן די געזעצן און די כוחות פֿון די הימלען, נויטיק אַ דערקלערער, וואָס איז דאָרטן אין די הימלען ווי ביי זיך אין דער היים. מיט פֿאַרגעניגן וועט ער זיין בליק צוריק אַראָפּ צו דער ערד, וואָס ליגט טיף אונטן. אַראָפּ צו קוקן פֿון די הויכענישן אויף דעם אַדורכגעגאַנגענעם וועג איז זייער דערפֿרייענדיק”.

וויפֿל טרייסט פֿאַר אונזער טרייסטלאָזיקייט ליגט אין אָט דער וואונדער־לעכער, הגם מיט גאָר נישט באַוויזענער זיכערקייט!

ליידער זענען די היינטצייטיקע פֿיזיקער אָנגעפֿאַלן ווי אמתע באַרבאַרן אויף די גרענעצן וואָס טיילן אָפּ די קאַטעגאָריעס פֿון אונזער מענטשלעך לעבן פֿון די שטחים פֿון דער צייטלאָזער און אַבסאָלוטער אומענדלעכקייט. די היינטצייטיקע פֿיזיקער האָבן אויפֿגעריסן די פֿעסטונגען פֿון די אייביקע געזעצן און אויפֿגעשראָקן די אומשטערבלעכע געטער פֿון זייערע טיפֿע געדאַנקען וועגן די לעצטע וועלט־אמתן. ביי די טויערן פֿון די הימלען האָט ס׳ערשטע מאָל אָנגעקלאַפּט דאָס שיקזאַל אין דעם געשטאַלט פֿון טויט און

פאַרגענגלעכקייט. אויך די אומשטערבלעכע האָבן זיך מיט אַמאָל געזען אַלט, אָנמעכטיק און טרייסטלאָז. אומעטום הערשט דאָס געזעץ פון דער פאַרניכ־טונג. דער טויט אַליין איז אייביק.

אין אַזעלכע אומאָנגענעמע מאָמענטן האָבן די געטער אַ טבע אַ זופּ צו טון פון נעקטאַר כדי זיך אַליין צו באַרוישן. דאָ האָט דער נעקטאַר מער נישט געהאַט די פעולה אויפצוהייטערן זייער געמיט. אין די בעכער פון נעקטאַר האָבן די באַרבאַרן פון דער הייִנצייטיקער וויסנשאַפט אַריינגעגאָסן דעם סם־המות פון ספקות. — ספקות דאָס איז דער איינציקער סם אַקעגן וועלכן די געטער האָבן נישט קיין באַשטאַנד און זיי שטאַרבן אַוועק ווי די פליגן אין סוף זומער.

אויף די אַבסאָלוטע שטחים פון דעם אומענדלעכן האָט ס׳ערשטע מאָל — זינט אַלע צייטלאָזיקייטן — אויסגעבראָכן אַן אמתע קאַפּלאָזיקייט.

די פיזיקער האָבן אומברחמנותדיק געפּריידיקט:

— די דערקענטעניש־וויסנשאַפטן האָבן פון תמיד־אָן מודה געווען, אַז די וועלט איז נישט מער ווי דאָס בלענדעניש־שפּיל פון דער מענטש־לעכער פאָרשטעלונג. די אַמאָליקע דערקענטענישן זענען דערביי באַגאַנגען זייער אַ וויכטיקן גרייז, נעמלעך: הגם וועדליק דער קאָנסטרוקציע פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש קאָנען מיר נישט האָבן קיין באַגריף און קיין פאָרשטעלונגען וועגן דעם וועזן פון אַבסאָלוטן, — אָבער — אַזוי האָבן געזאָגט די אַמאָליקע פיזיקער — דאָס איז נאָר די שולד פון דעם שלעכטן מעכאַניזם פון אונזער דערקענטעניש. דאָס אַבסאָלוטע ווי אַזעלכעס, „דאָס דינג אַן זיך״ הייסט עס, עקסיסטירט מחוץ די גרענעצן פון אונזערע השגות. עקסיסטירט, אַזוי צו זאָגן, אַלס אַ פּלאַטאָנישע אידייע און לעבט אין דער ווידערשפּרוכ־לאָזער האַרמאָניע פון אַ געזעצפולן געטלעכן אמת. די מענטשן האָבן זיך אַליין איינגערעדט צו זיין די שולדיקע און בלאָנדזשענדיקע — אַבי נאָר דער וועלט־אַל זאָל זיין אין בעסטער אָרדענונג.

די הייַנטצייטיקע פיזיקער לאַכן דערפון אין די פויסטן און באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַ פּשוטע בבא־מעשה. מיר מאַכן אומזיסט אונזערע חושים פאַר ליגנער, כדי אָפּצוראַטעווען אַ מיקלאָמפּערשטן וועלט־אמת. אַרויסגעוואָר־פענע מי. מיר וועלן אים, דעם וועלט־אמת, נישט אָפּראַטעווען. דער כאַאָס אין אונז? די מאַיאַ און דער אויסטערלישער און זייער בייזוויליקער וועלט־האָקוס־פּאָקוס? — ניין, דאָס זענען נישט אונזערע טעותדיקע באַגריפן וועגן דער וועלט. פּונקט קאַפּויער: גראָד באַנעמען מיר די וועלט און איר לעצטן אמת. און דער לעצטער אמת איז דער תוהו־ובוהו. לאָמיר זיך נישט טרייסטן אַז מיר נאַרן זיך אָפּ און מיר ווייסן גאָרנישט. מיר נאַרן זיך נישט אָפּ אויף דאָס מינדסטע און מיר ווייסן אַלצדינג אויף דער האָר. אויב מיר ווייסן גאָרנישט איז עס טאַקע דעריבער — ווייל ס׳איז גאָר נישט — נישטאָ וואָס צו ווייסן. דעם תוהו־ובוהו פונם מענטשלעכן לעבן קאָן מען מיט גאָר־נישט אָפּגרענעצן פון דעם תוהו־ובוהו אינם אוניווערס. ס׳איז דאָס אייגענע און דאָס זעלביקע ווי צוויי טראָפּן וואַסער. דער קאָסמאָס איז פּונקט אַזוי

מיקלאָמפּערשט־וואָר ווי דער מענטש. ס׳איז אומעטום נישטאָ דאָס מינדסטע געזעץ. אַלצדינג איז כאַאָס. דער קאָסמאָס איז פּונקט אַזוי טונקל און קאַפּריזנע ווי דער מענטש. ער איז אַזוי האָפענונגסלאָז, טרייסטלאָז און אומגליקלעך ווי דער מענטש. דער עיקר: די אומענדלעכקייט איז פּונקט אַזוי ענדלעך און פאַרגענגלעך ווי דער מענטש, איר גורל איז פּונקט אַזוי אומבאַשטימט ווי דער גורל פונם מענטש.

קאַפּיטל צוויי

קאַלענס לעבנס־שטייגער, זיין וויסנשאַפטלעכער דרך. זיינע נייראָטישע קאָמפּלעקסן.

דער פאַריזער אַסטראָנאָם, פּראָפעסאָר קאַלען, האָט זיך געפונען אין זיין אָבסערוואַטאָריום מער אין הימל ווי אויף דער ערד. אין דעם קליינעם אָבסערוואַטאָריום איבער די דעכער פון דער וועלט הויפּט־שטאָט האָט ער געלעבט ווי אין אַ פאַרפאַסטן פון די אומענדלעכקייטן אויף אונזער ווינציקן פּלאַנעט. שוין צענדליקער יאָרן ווי ער פאַרברענגט דאָ ביי דעם וואונדער־לעכן פענצטער צו די אמתן פון דעם וועלט־אַל. דאָ איז ער אַלט געוואָרן. ער איז פּונקט ווי דיאָגענעס אין פאַס, געוועזן גליקלעך ווי אַ רעזיגנירנדיקער פילאָזאָף. די גרויסע שטילקייט פון די וועלטן האָט אים קאַליע געמאַכט דעם חוש־השמיעה. ער האָט נישט תמיד גוט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. די האָר זענען אים אויסגעקראָכן פון קאָפּ. ס׳איז אים נישט מער איבער־געבליבן ווי אַ שפּיציקער קאָפּ־שאַרבן, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ געל פאַרוויאַנעטער הויט. אַ קאָפּ־שאַרבן, וואָס גלאַנצט אומהיימלעך, ווי פון אים וואָלט עפּעס אַרויסגעלויכטן. ער קוקט גיכער אויס ווי אַן אַלטער שפּיץ־הוט פון אַ געלערנטן אײדער אַ לעבעדיקער מענטשלעכער קאָפּ. אין זיינע יוגנט־יאָרן איז דער אַסטראָנאָם קאַלען מן הסתם געווען אַ הויכער, ביינערדיקער און בלאָנדער מאַנספּערשוין. פון זיין שלאַנקייט איז נישט מער איבערגעבליבן ווי אַ דינער פאַרמלאָזער גוף, וואָס האָט זיך שפּועדיק גע־צייכנט ווי אַ באַוועגלעכער אײנגעטריקנטער שטעקן — און האָט כמעט ווי נישט פאַרנומען קיין אָרט אין דער לופטן. פון די בלאָנדע האָר זענען אים פאַרבליבן נישטיקע צייכנס פון ברעמען. זיי האָבן זיך געריטלט ווי שטיקלעך פון האַרבסטיקן מאָך איבער טיפע אויגן־היילן. אויגן־היילן אין וועלכע ס׳האָבן זיך כסדר באַוועגט און לעבעדיק געפינקלט צוויי קליינע בלויע אויגעלעך, ווי צוויי רירעוודיקע חיהלעך, וואָס וואוינען אָפּגעזונדערט אין די דאָזיקע היילן. נאָך כמעט צווישן די אויגן־ברעמען האָט זיך דין אָנגעהויבן די נאָז, — זי האָט זיך לאַנג אויסגעצויגן ביז אַראָפּ צו די ליפּן. קאַלענס נאָז איז געוואָרן דורכויס וואָס אַמאָל רונדיקער און דיקער און זיך פאַרענדיקט מיט צוויי אויפגעשאַרצטע נאָז־לעכער וואָס האָבן כסדר גע־ציטערט און געוואָרפן טונקעלע שאָטנס אויף דער פלאַכער הויטיקער ליפּ.

אויף דעם טרוקענעם אויסגעצויגענעם פּנים האָט דאָס ווייכע איינגע־פאַלענע מויל אויסגעקוקט פּרעמדאַרטיק און קרענקלעך.

מיט דער וועלט־שטאָט פּאַריז, — וואו ער איז געבוירן געוואָרן און וועמענס גרענעצן ער האָט זינט ער לעבט נישט פאַרלאָזט, — האָט דער אַסטראָנאָם קאַלען איבערהויפּט נישט געהאַט קיין מחזקות. ער האָט זיך אין פּאַריז אַבסאָלוט נישט אויסגעקענט. ער האָט דאָרט נישט געוואוסט וואו איין און וואו אויס. אפילו אין זיין אייגענעם „קאַרטיע לאַטען", — וואו ער איז געבוירן געוואָרן, וואוינט אָפּ זיינע יאָרן און וועט שוין דאָ מן־הסתם שטאַרבן, וואָלט ער פאַרלוירן געוואָרן ווי אַ קליין הילפלאָז קינד. ער האָט זי כמעט ווי נישט געזען, די שטאָט פּאַריז. נישט געטראַכט וועגן איר. פּאַריז האָט פאַר אים נישט עקסיסטירט.

דער אַסטראָנאָם קאַלען האָט טאַקע געהאַט צו טון מיט די דימענסיעס און די מאָסן פון דער צייט. אָבער די צייט, וואָס עס פאַרנעמט פּאַריז, האָט פאַר אים נישט מיטגעציילט אויף דעם שטח פון די ליכט־יאָרן, מיט וועלכע זיין מוח איז כסדר געווען פאַרטון. פאַר אַ צייט־באַגריף האָט פּראָפעסאָר קאַלען אָנערקענט נאָר אַזאַ אַסטראָנאָמישע צייט, וואָס לאָזט זיך לאָגיש און געזעצמעסיק אַריינפּאַסן אין אַ לאַנגער שורה פון מאַטעמאַטישע ציפערן. פּאַריז האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין צייט. קיין שום לאָגיק און קיין שום געזעצמעסיקייט. דאָס רוישיקע און פאַרביקע לעבן אויף די פּאַריזער בולוואַרן האָבן אין די אויגן פון פּראָפעסאָר קאַלען געהערט צו דעם אַבסאָלוטן גאָרנישט. פּאַריז איז צומאָל נישט געווען קיין פּינטל אין דעם גרויסן אויג פון דער וועלט.

פּראָפעסאָר קאַלען האָט נאָר געקאָנט איין וועג אין דער הויפּט־שטאָט פון דער וועלט. דעם וועג פון זיין היים ביז צום פאַרפאַסטן פון דער געזעצ־מעסיקער אומענדלעכקייט. ד״ה ביז צום אָבסערוואַטאָריום.

עס איז אַ היפּש רעלאַטיווער באַגריף ווען מען זאָגט די היים פון דעם אַסטראָנאָם קאַלען אין דעם לאַטייניש קוואַרטאַל אין פּאַריז. אַטאָ די מיקלאָמפּערשטע היים איז סך־הכל געווען אַ קליין אָפּגעלעגן חדרל אין אַ פינפטראַנגיקן אַלטן האָטעל, אַן אַלטער האָטעל וואָס קוקט כלל נישט אויס אויף אַ הויז, נייערט גיכער ווי אַ גרויס צעפאַלן מעבל־שטיק מיט דינע אָפּגעשיילטע ווענט. ווען מ׳גייט צווישן די דאָזיקע ווענט ציטערן זיי. רוישן זיך פונאַנדער ווי מען וואָלט אין זיי אויפגעוועקט אַ פאַרגעסענעם שטורעם־ווינט, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקע צייטן. דער האָטעל שטאַמט פון די צייטן פון לודוויק דעם פופצענטן. אין די האַלב־צעלייגטע אויוונס פון פאַרגאַלדיקטן פאַר־צעלאַן און שוועבנדיקע אַמאָרעטן טראָגט עס די שפּורן פון ראָקאָקאָ. דער האָטעל בייט כסדר זיינע בעלי־בתים. קיינער פון די בעלי־בתים געדענקט נישט זינט ווי לאַנג פּראָפעסאָר קאַלען וואוינט שוין דאָ. ער געהער צו די פאַרצייטישקייטן פונם בנין. איין קויפער נעמט איבער ביים צווייטן דעם דאָזיקן הויכלעכן, אויסגעדאַרטן, עטוואָס־טויבלעכן לאָקאַטאָר. דער אַסטראָ־נאָם באַלאַנגט צום צעשיטן און צעבראָכענעם אינווענטאַר.

הגם פּראָפעסאָר קאַלען האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס צו טון מיט די האַריזאָנטן פון אומענדלעכע דימענסיעס און מיט די הימלען, — פונדעסט־וועגן האָט מען נאָך פון זיין חדרל קיינמאָל נישט געזען דאָס מינדסטע שטיקל הימל. האַרט קעגנאיבער דעם פענצטער ציט זיך אַרויף אין דער הויך אַ רויטע אויסגעקרישלטע וואַנט. זי ציט זיך און ציט זיך ווי ס'וואָלט זי עמיצער אַרויף געשלעפּט און האָט עפּעס ווי קיין סוף נישט. אינם חדרל, — וואו אפילו ביינאַכט חלומען זיך דעם אַסטראָנאָם די מיליאַרדן פון ליכט־יאָרן, — איז תמיד האַלב־טונקל. פויל און בן־השמשותדיק. עס שמעקט מיט אַלטע פאַרדומפּעצטע לופט. אַ היפּשן טייל פונם חדרל פאַרנעמט אַ ברייט געשטעל פון אַ בעט מיט פיר דינע געשניצטע זיילן. אַן אַמאָליק הימל־בעט. אויפן דיל, — וואָס איז תמיד נישט געווען ריכטיק אויסגעקערט, — וואַלגערן זיך אַרום הויפנס צעשיטע זשורנאַלן און אַלטע צעריסענע פּאַ־ליאַנטן. עטלעכע אויסגעטריקנטע פלעשער פון טינט טונקלען זיך אויף אַ טיש. די טינט־פלעשער שטאַמען נאָך פון קאַלענס סטודענטישע יאָרן. היינט אַרבעט נישט דער פּראָפעסאָר אין דער היים.

קאַפּיטל דריי

דער אַסטראָנאָם פאַרלאָזט דעם האָטעל יעדן טאָג פּינקטלעך ניין אַזייגער אינדערפרי. ער טראָגט אַ ברייטן סאַמעטענעם באַרעט — וואָס האָט זיין שמאָל, דאַר, אויסגעצויגן פּנים געגעבן דעם כאַראַקטער פון אַן אַסקעטישן שפּאַנישן אינקוויזיטאָר פון דער רענעסאַנס־צייט, — ווי אויך אַ לאַנגע אויסגעריבענע פעלערינע. ווען ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און די פעלערינע האָט זיך צעפלאַטערט אַרום די הויכלעכע געשטאַלט פונם אַסטראָנאָם, האָט עס אויסגעקוקט ווי דער פאַרטראַכטער אַסטראָנאָם וואָלט אויסטערליש און איינזאַם געפלויגן איבער די גאַסן פון „קאַרטיע לאַטען". ער איז שטענדיק געגאַנגען אַפּוועזנדיק און פאַרטראַכט ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין אויף דער גאַס. קיינעם נישט געזען און נישט באַמערקט די וועלט. פּראָפעסאָר קאַלען קוקט נישט אויף דער וועלט. ער גלייבט נישט, אַז מ'קאָן קוקן אויף דער וועלט אָן אַ טעלעסקאָפּ. די עקסיסטענצן, וואָס מ'זעט מיט די בלויזע אויגן האָבן פאַר קאַלענען נישט דעם מינדסטן באַדייט. ער האַלט זיי נישט בכלל פאַר קיין רעאַלע עקסיסטענצן. זיי פאַלן כלל נישט אַרונטער די אייביקע געזעצן פון דער קאָסמישער מאַטעמאַטיק. פאַר די בלויזע מענטשלעכע אויגן ווייזט זיך די וועלט אין די מאַסקעס פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. זי באַווייזט זיך אונז ווי אַן אילוזיע און אַ בינע־שפּיל פאַר דעם טעאַטער־צושויער. די וועלט האָט זיך ליב צו באַהאַלטן און אַפּצונאַרן. ערשט פאַר די וואונדערלעך־געשליפענע גלעזער פונם טעלעסקאָפּ, ד"ה פאַר די אויגן פון דער וויסנשאַפט אַנטפּלעקן זיך די וועלטן אין זייערע הינטער־קוליסן, ד"ה אין די אייגנטלעכע אַבסאָלוטע וואַרהייטן.

דער וועג צו זיין אָבסערוואַטאָריום האָט דעם פּראָפעסאָר קאַלען

געפירט איבער די ברעגעס פון דער סען. ערשט דאָ, צווישן די קעסטלעך פון די ביכער־הענדלער, האָט קאַלען אָנגעהויבן צו באַמערקן, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. מיטן שאַרפן בליק פון אַן אָדלער־אויג פלעגט ער שוין פונאַנדערוויטנס אויסשפּירן די ביכער, וואָס קאָנען אים אינטערעסירן. קאַלען האָט ביכער דערקענט מיט אַ מאָדנעם אינסטינקט. די ביכער־הענדלער האָבן עס געוואוסט. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קעסטל פלעגט ער באַלד אָנהויבן אומגעדולדיק און נערוועז צו נישטערן צווישן די פאָליאַנטן; צו בלעטערן. צו באַטראַכטן די פאַרשיידנערליי צייכענונגען. אין מיטן דערין האָט ער צוגעלייגט זיין לאַנגע אויפגעשאַרצטע נאָז צו די אַלטע בלעטער. צו שמעקן. קאַלען האָט בכלל ליב געהאַט צו שמעקן צו ביכער און אינסטרומענטן, וואָס האָבן אים באַזונדערס אינטערעסירט. ער האָט זיך דערמיט געוואָלט איבערצייגן אין זייער וואָגיקן באַדייט. קאַלען האָט געגלויבט אינם ריח ווי אַ חיה אין וואַלד. האָט ער אין די ביכער־קעסטלעך ביי דער סען אויסגעפונען אַ באַזונדער וויכטיקן אָדער זעלטענעם אַסטראָנאָמישן צי מאַטעמאַטישן פאָליאַנט, — האָט ער אים אַרומגעשמעקט מיט דער נאָז. ער האָט דעם פאָליאַנט פּאַמעלעך און מיט פיל צערטלעכקייטן אַרויסגעהויבן פון די אַנדערע ביכער. אים לאַנג געוואויגן אויף זיין דאַרער אויסגעצויגענער האַנט ווי מען וועגט אַ זעלטענע און איידעלע פּרוכט. זיין גאַל ביינערדיק פּנים האָט שטיל געשמייכלט. עס איז געווען אַ סימן, — פּראָפעסאָר קאַלען איז אַ בעלן אויף דעם פאָליאַנט. קוים האָט ער עס געקויפט אַזוי האָט ער זיך באַלד — גייענדיק איבער די רוישיקע גאַסן פון פּאַריז, — פאַרטיפט אין לייענען. די פיס האָבן קאַלענען אַליין געטראָגן אין דער ריכטונג פון אָבסערוואַטאָריום.

נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַז אַזוי לייענענדיק, — אַ גייענדיקער אינמיטן דער גאַס, — האָט זיך פּראָפעסאָר קאַלען געשטרויכלט אַן עפּעס און זיך אויסגעצויגן אויפן טראָטואַר. די פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגע־שטעלט. געלאַכט. פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, זיך נישט אומגעקוקט. ווייטער געגאַנגען און געלייענט. ער האָט זיך נאָר דער־מאָנט אַן דעם געטלעכן טאַלעס. טאַלעס, — ווען ער פלעגט גיין אַ פאַר־טראַכטער איבער מילעט און קוקן אויפן גאַנג פון די שטערן אין די ביי־נאַכטיקע הימלען, האָט ער זיך גאָר אָפּט געשטרויכלט אַן דעם מינדסטן שטיין און אומגעפאַלן. די מילעזער האָבן אויך געלאַכט.

ערשט ווען ס'האָבן אים אַרומגערינגלט די גראָע און שטומע ווענט פון זיין אַרבעט־צימער אין אָבסערוואַטאָריום, האָט זיך פּראָפעסאָר קאַלען געפונען אויפן באָדן פון זיין לעבנס־באַשטימונג. אין זיין אמתער היים. מיט אַ מידער און אומגעדולדיקער באַוועגונג — ווי אַן אַקטיאָר נאָכן אויפטריט, — האָט ער אין דעם דעמפיקן אַרבעט־צימער פון זיך ראַש אַראָפּגעוואָרפן די פעלערינע און דעם בערעט. איז געבליבן שטיין אין דער דינער לופטיקער ליניע פון זיין פיגור. ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנדער אויסזען, קאַלען. ווי געוואָרן אומגעוואַנדלט, מיקלאָמפערשט יונגער

— און דערביי געוונצלטער. זיין שפּיציקער קאָפּ־שאַרבן האָט געגלאַנצט גלייך ער וואָלט פון אינעווייניק־אויס געלויכטן ווי אַ געהיימנישפולע אַסטראַלע לאַמטער. די ווינציקע רויטע בערגלעך האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט איבער די טיפע אויגן־לעכער פון וואו עס האָבן אַרויסגעקוקט קליינע לעבעדיקע אויגן. קאַלען פלעגט אַביסל אַזוי שטיין. שמעקן מיט דער נאָז צו דער דעמפּיקער לופט, און — באַלד זיך נעמען צו דער אַרבעט.

ביי טאָג האָט ער געשריבן און צונויפגעשטעלט זייער קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע טאַבעלעס. פון די לאַנגע שורות ציפערן און פאָרמולעס, וואָס זענען אַרויסגעפלויגן פון זיין פעדער, האָט באַשיינפּערלעך געשמעקט מיט אומענדלעכקייט. ס׳זענען געווען שטומע הערראָגליפן, אין וועלכע די וועלט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין אירע לעצטע וואַרהייטן. אין אירע יסודות. קאַלען האָט געאַרבעט מיט אומגעדולד. די נאַכט און די שטערן אויפן הימל האָט ער אַ גאַנצן טאָג אָפּגעוואַרט מיט דער טיפער אומרואיקייט פון אַ פאַרליבטן, וואָס ציילט די שעהן צום „ראַנדעוואו״, און איז כסדר ניט זיכער צי די געליבטע פּערזאָן וועט קומען. הגם פּראָפעסאָר קאַלען האָט מיט דער גענויסטער זיכערקייט געקאָנט אויסרעכענען דעם אָנקום פון אַ קאָמעט אין אַ מיליאַרד יאָרן אַרום, צי גאָר אַ ליקוי־לבנה אויפן אומגעהויערן שטח פון מיליאָנען פון ליכט־יאָרן, צי דעם גאַנג פון די נעבל־פלעקן אויף דעם מילך־וועג, — אַלצדינג — דאָס פאַרויס באַרעכענען אויף דער טויזנטסטל סעקונדע, — פונדעסטוועגן האָבן אים ביי טאָג כסדר געשראָקן אויסטערלישע און מאָדנע אַבערגלויבערישע ספקות, למשל, צי דער היינטיקער טאָג וועט זיך אַמאָל נישט מישב זיין און נישט וועלן פאַרגיין? צי די הימלען וועלן נישט אַנטשוויגן ווערן מיט טיף־טונקעלער נאַכט און די שטערן וועלן מער נישט דערשיינען אויפן פירמאַמענט? די אויסטערלישע און ווילדע אַבערגלויבערישקייטן, — וואָס פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך אַליין נישט געקאָנט דערקלערן ווי אַזוי זיי קאָנען אים גאָר איינפאַלן, — האָבן אים פונדעסטוועגן צייטנווייז גענאָגט ווי אַ וואָרעם איבערן טאָג. האָבן אים באַאומרואיקט. זיי האָבן אפילו אים טיילמאָל צעמישט. געפּרואווט צו פאַרפּלאָנטערן די געוואָלטיק לאָגישע הערראָגליפן פון זיינע טאַבעלן.

דער לייענער וועט מיט רעכט לאַכן ווען איך וועל אים דערציילן: קאַלען איז אין די אומענדלעכקייטן געווען יוגנטלעך פאַרליבט ווי אין אַ פרוי. דאָס איז די איינציקע ליבע אין זיין לעבן. דער איינציקער אָביעקט פון זיינע געפילן און צערטלעכקייטן. אומעטום קאָן זיין ליבע, ליבע לייענער און לייענערינס. אפילו אין דעם אָפּעקטלאָזן אַבסאָלוטן קאָנען זיין אָפּעקטפולע ליבע. אומעטום קאָנען מיר יוגנטלעך ליבן. אפילו נאַריש ליבן. נו, — אין דער ליבע שטאַרקן זיך אונזערע מענטשלעכע שוואַכקייטן אויף אַ האַרט־נעקיקן אופן. קיין שום פאַרנונפטיקע אַרגומענטן זענען נישט בכוח די דאָזיקע שוואַכקייטן גובר צו זיין.

אָטאָ די אומגלויבלעכע ביראַטישע קאָמפּלעקסן — (נישט געקוקט דערויף, וואָס עס קלינגט משונהדיק און פּאַראַדאָקסאַל, וואָלט אַ פּסיכאָ־

אַנאַליטיקער מיט אַ געוויסן רעכט געקאַנט צוגעבן: סעקסועלע קאָמפּלעקסן) — וואָלט אַ גרינדלעכע פּסיכאָ־אַנאַליזע מן־הסתם אונז גריילעך אויפגע־קלערט פון וואַנען זיי וואַקסן? וואָס האָט עראָס בכלל צו זוכן ביים טעלע־סקאָפּ פון פּראָפעסאָר קאַלען?

אַחוץ אָטאָ די אַבערגלויבערישע שוואַכקייטן — פון וועלכע קיינער פון אונז איז ליידער נישט פריי — האָט פּראָפעסאָר קאַלען געהאַט אויף די הימלען אמתע רעאַלע און פּערזענלעכע פיינט. — דאָס זענען די וואַלקנס. די וואַלקנס זענען געווען די ווענס אויף דער וועלט, וואָס פּראָפעסאָר קאַלען האָט באַטראַכט פאַר די איינציקע שונאים וואָס ער האָט אין זיין לעבן. קיין אַנדערע שונאים האָט ער נישט געהאַט. נישט אין איין אויסגעבענקטע און אויסגעוואַרטע נאַכט פאַרשטעלן זיי פאַר זיינע בליקן דעם וועג צו די שטערן.

דערפאַר האָט קאַלען געהאַט אַ סך גליקלעכע שעהן אין זיין לעבן. און דאָס דעמאָלט — ווען די נעכט זענען געווען קלאָרע, טונקעלע, טיפע, — פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טעלעסקאָפּ. אין אָבסערוואַטאָריום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. וויט הינטער די ווענט האָט זיך אַהער געטראָגן דאָס טויבע גערויש פון דער שטאָט פּאַריז. אין די פינצטערע צימער־ווינקלען האָבן אומהיימלעך געגראַבלט די מייז. פּראָפעסאָר קאַלען האָט אָנגעשטעלט דעם טעלעסקאָפּ. די הימלען האָבן זיך מיט אַ גרויזאַמער קלאָרקייט און מיט אַ וואונדערלעכער קעלט — די קעלט פון דער אייביקייט — געעפנט פאַר די געשליפענע גלעזער. מיט זיין לאַנגער נאָז האָט דער אַסטראָנאָם קודם־כל געגעבן אַ שמעק צו די שטילע ביינאַכטיקע פירמאַמענטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן צי זענען עס טאַקע, די אייגענע פירמאַמענטן אויף וועלכע ער האָט געוואַרט.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין קוקן.

אין די אומענדלעכע מרחקים פון קאָסמאָס האָבן געשוויגן די וועלטן. אויף די וועגן פון מיליאַרדן פון ליכט־יאָרן האָט פּראָפעסאָר קאַלען זיכערער און היימישער אַרומגעשפּאַצירט ווי אויפן בולוואַר סאַן־מישעל. דאָ איז ער געווען אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט און געניטשטערט אין די אייביקייטן ווי אין שופלאָדן. די אייביקע געזעצן פון דער וועלט און די אומדערשיטער־לעכע קאָסמישע וואַרהייטן האָבן זיך אים אויפגעטון אין די שטילע ביי־נאַכטיקע פירמאַמענטן. קאַלענס אויסטערלישע נאָז האָט געשמעקט צו די פּלאַנעטן, צו די זונען־סיסטעמען און צו די נעבל־פלעקן. זיי האָבן זיך גע־דרייט אין אייביקן קרייז־לויף ווי קאַרוזעלעס אויף אַ יאַריד. די ריטמיש זיך־באַוועגנדיקע הימלישע גופים האָבן ווי צו אים גערעדט מיט אַן אינטימער האַרציקייט.

עס לוינט זיך טאַקע צו לעבן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל אומפאַר־גענגלעכע אמתן! דער אַסטראָנאָם קאַלען האָט זיך געפילט באַרואיקט. ער האָט זיך געפילט גליקלעך. אין די טונקעלע ווינקלען פון צימער האָבן וואָס אַמאָל דרייסטער געגראַבלט די מייז. אין דעם בלוט זיינעם האָט קאַלען געפילט יוגנטלעכע וואַרעמקייט בעת ער האָט זיך געפונען איינער אַליין אויג־אויף־אויג מיטן אַבסאָלוטן.

קאַפּיטל פיר

די נייע טעאָריעס פון דער פיזיק און די טראַגעדיע פון קאַלענס וועלט - דערקענטעניש. קאַלען האָט אויסטערלישע חלומות אויף זיין הימל־בעט.

די קלאָרע האָריזאָנטן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעפּלען מיט די זייער־געוואַגטע רעוויזיעס פון דער נייער פיזיק. פּראָפעסאָר קאַלען האָט עס נישט גענומען פאַר ערנסט. די נייע סקעפּטישע געדאַנקען, וואָס שייך די פעסטע יסודות פון דער וועלט, האָט פּראָפעסאָר קאַלען באַטראַכט כמעט ווי מיט דער אייגענער אומגעדולדיקער פאַרביטערטקייט ווי ער קוקט אויף די וואָלקנס אין הימל. דער מענטשלעכער שכל האָט שונאים, האָט ער געטראַכט. אומעטום באַווייזן זיך דיווערסאַנטן, וואָס ווילן שטערן די ריינע דערקענטעניש פון דער וועלט.

פּראָפעסאָר קאַלען איז געווען כמעט ווי זיכער, — די מיספאַרשטענדענישן אין דער מאָדערנער פיזיק וועלן לייכט אויפגעקלערט ווערן. ס'וועט אַלץ צוריק בלייבן ביי דער אַלטער רואיקייט.

ער האָט געוואוסט: ספקות, לויגען, קאַפּריזן, נישט־זיכערקייטן, נישט־פּינקטלעכקייטן — דאָס אַלצדינג ליגט אין דער טבע פון מענטשלעכן לעבן. פונקטום.

אָבער, — אַז אויך די אומענדלעכקייטן זאָלן האָבן זייערע שוואַכקייטן און קאַפּריזן פונקט ווי דער מענטש. די אייביקע צייט זאָל נישט זיין פּינקטלעך, אַזוי ווי דער מענטש. אויך אין שייכות צו דער טבע פונם קאָסמאָס זאָל מען מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק און אים, דעם קאָסמאָס, נישט צופיל גלויבן, — אויך פונקט ווי דעם מענטש. דער עיקר: אַז די אומענדלעכקייטן זענען גאָר ענדלעך. די גלייכע ליניע פון דער צייט קרימט זיך ערגעץ־וואו אויס אינם וועלט־חלל און דערפירט דעם אין־סוף צו אַ סוף. אַלצדינג איז אַ שפּיל פון ווידערקער און חזרט זיך לאַנגווייליק איבער, — אויך אַזוי פונקט ווי דער מענטש. די דאָזיקע ווילדע וואַגענישן ווילן דעם וועלט־אַל שטעלן אויפן קאָפּ. ניין! דער אַסטראָנאָם קאַלען האָט דאָס נישט געקאָנט ביי זיך פועלן.

ער איז כמעט געווען ווי איבערצייגט, — דאָ מוז ערגעץ שטעקן אַ פאַטאַלער טעות. נישט די מאַטעמאַטיק איז טעותדיק. קאַלען האָט געהאַלטן די מאַטעמאַטיק פאַר דער איינציקער קלאָרער שפּראַך פון דעם אַבסאָלוטן. נאָר וואָס דען? שלעכטע מאַטעמאַטיקער האָבן זיך פּיפּיק גענומען צו די הימל־לאַנדשאַפטן און דרייען דאָרט אַ ספּאָדיק. ווילן מאַכן פון דער וועלט אַ פורים־שפּיל.

פּראָפעסאָר קאַלען איז אָבער געווען ערלעך אין דער וויסנשאַפט ווי אַ ליידנשאַפטלאָזער סטאָאיקער.

איידער ער האָט זיך פאַרנומען אַרויסצוגעבן אַ טויט־אורטייל אויף די נייע טעאָריעס אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן, האָט ער זיי נאָכאַמאָל געוואָלט גרינטלעך דורכשטודירן, איבערקאָנטראָלירן. לאַנגע טעג און

וואָכן האָט ער איבערגעפּרואווט אַלע עקספּערימענטן, אַלע טאַבעלן, אַלע קאָמפּליצירטע חשבונות. ליידער. — פּראָפעסאָר קאַלען האָט פאַמעלעך אַנגעהויבן צו פילן אַ קעלט אונטערן האַרץ. די געדונצלטע הויט איבער זיין שפּיציקן קאָפּ־שאַרבן האָט אויפגעהערט צו גלאַנצן ווי דאָרט אינעווייניק וואָלט זיך עפּעס אויסגעלאָשן. די ווינציקע און רויטע בערגלעך האָר האָבן זיך אים בייז אויפגעשטעלט איבער די טיפע אויגן־היילן. ער האָט געשמעקט מיט דער נאָז צו די ציפערן. נייַן. דער וועלט־חשבון שטימט עפּעס נישט. די גרויסע וועלט־מוטער, די צייט, האָט מאָדנע ווייבערישע קאַפּריזן. זי פּלאָנטערט זיך. די וואָג־שאָלן, אויף וועלכע עס וויגט זיך דער אייביקער וועלט־אמת, זענען נישט פּרעציז. דער קאָסמאָס איז טאַקע נישט מיט אַלעמען.

ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט פּראָפעסאָר קאַלען אָנגעהויבן צו באַקומען קאָפּ־ווייטיקן. ער האָט געהאַט שלאָפלאָזע נעכט אויף זיין הימל־בעט אין האָטעל. ווען ער פלעגט אַנטשלאָפן ווערן פאַר באַגינען, האָט ער געהאַט ווילדע קאָשמאַרן.

איין נאַכט האָט זיך אים געחלומט: דאָס ניוטאָנישע גראַוויטאַציע־געזעץ שטייט אים צוקאַפּנס אין דער געשטאַלט פון אַ הויכן אויסגעדאַרטן אשמדאי. קאַלען האָט זיך נענטער צוגעקוקט צום פאַנטאָם. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, — אַז ס׳איז גאָר ער אַליין, דער לייבלעכער פּראָפעסאָר קאַלען, אַזוי ווי ער ווייזט זיך אים אין דעם צעבראָכענעם שפּיגל פון זיין וועש־שאַנק אין האָטעל. אשמדאי האָט אויף קאַלענען אַרויסגעשטעקט אַ רויטע שפּיציקע צונג. זיך טייוואָליש צעלאַכט. באַלד האָט זיך דאָס בייזוויליקע געשפּענצט פאַרוואַנדלט אין אַ דיקן פּאַליאַנט, וואָס האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן אָנצוצינדן פון אַלע זייטן און איז פאַמעלעך פאַרברענט געוואָרן אויף אַש און רויך.

אין אַן אַנדער נאַכט האָט קאַלען געהאַט דעם פאָלגנדיקן חלום: ער שטייט אויפן פּלאַץ פון נאָטער־דאַם אין פּאַריז. די שווערקראַפט־פּראָפּאָר־ציעס פונם וואונדערלעכן גאָטישן בנין צעשיטן זיך מיטאַמאָל ווי אַ הויפן פון ליידיקע הוט־שאַכטלען. דער נאָטער־דאַם דרייט זיך איבער אויף קאַפּויער. די שפּיציקע טורעמס פליען אַראָפּ פון די פאַסאַדן ווי ווייסע אויסטערלישע אָדלערס. פון די מעכטיקע פראָנט־פּאָרטאַלן נידערן אַראָפּ די שטיינערנע פיגורן פון הייליקע און דעמאָנען און לאָזן זיך פייערלעך אַוועק אויפן פּלאַץ אין אַ טרויער־פּראָצעסיע. פאַר דער טרויער־פּראָצעסיע — אַ מתים־וואָגן. אויפן מתים־וואָגן ליגט די לבנה ווי אַ פאַררינצלטער גילאָטינירטער קאָפּ. שפּעטער האָט זיך פּראָפעסאָר קאַלען געפונען אויף זיין הימל־בעט. די כימערעס פון די ווענט פונם נאָטער־דאַם זענען אַרומ־געקראָכן ביי קאַלענען אויף דער קאָלדרע און אומהיימלעך געברומט: מיר זענען די וועלט.

נאָך אַ חלום האָט געהאַט דער פּראָפעסאָר קאַלען: שלאַנגען קנוילן זיך און סיקען אין די ביכער־קעסטלעך ביי דער סען. ווען קאַלען האָט זיך

בעסער צוגעקוקט האָט ער געזען, אַז דאָס זענען גאָר שוואַרצע פּרעג־צייכנס.

עס זענען געווען אומרואיקע און בייזע קאָשמאַרן פון אַ שלעכט געוויסן. ווען דער פּראָפעסאָר קאַלען איז אין לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין הימל־בעט אינעם האָטעל, האָט זיך אים אויסגעדוכט: ער אַליין איז ווירקלעך עפּעס מיטשולדיק אין דעם תוהו־ובוהו, וואָס האָט זיך אַזוי באַרבאַריש אָנגעהויבן אינעם קאָסמאָס.

קאַפּיטל פינף

קאַלען אין לוקסעמבורגער גאָרטן. זיינע געשפּרעכן מיט ד"ר בערטיע.

ס'זענען פאַרגאַנגען לאַנגע חדשים. פּראָפעסאָר קאַלען איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרואיקער. קאָפּ־ווייטיקן האָבן אים בייטאָג געגאַגט אין די שלייפן, ווי נודנע ווערים. זיינע נעכט זענען געוואָרן שלאָפלאָזע. קוים איז ער אַנדרימלט געוואָרן, האָבן אים אָנגעהויבן צו פּייניקן די קאָשמאַרן. קאַלענס קליינע אויגן זענען רויט געוואָרן אין די אויגן־היילן, ווי בייזע חיהלעך. דער עיקר, ער האָט אין זיך אַרומגעטראָגן אַ מאָדנע געפיל, נעמלעך: אין אים אינעווייניק וויקלט זיך משוגענערווייז אָפּ די צייט, ווי אַ פאָדים אויף אַ שנעלער ניי־מאַשין, — און אַז ער ווערט פון מינוט צו מינוט עלטער און עלטער.

די אייביקייטן האָבן פאַר אים פאַרלוירן פון זייער פאַרכצימער געזעצמעסיקייט, דעריבער האָבן די צייט־און דימענסיע־דיספּראָפּאָרציעס צווישן די אייביקייטן און פאַריז זיך אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן. די קלאָרע מאַטעמאַטישע גרענעצן צווישן פאַרענגלעכקייט און אומפאַרגענגלעכקייטן האָבן זיך אין די אויגן פון פּראָפעסאָר קאַלען באַשיינפּערלעך אָנגעהויבן צו פאַרווישן. אין מיטן דער זיך וואַקלענדיקער וועלט־עקסיסטענץ האָט גראָד די קליינע אָבער קאָנקרעטע עקסיסטענץ פון פאַריז באַקומען פאַר אים אַ ממשות־דיקן יש. מ'קאָן זאָגן, — דער פּראָפעסאָר קאַלען האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו באַמערקן די שטאָט פאַריז.

ווען ער האָט אינדערפרי פאַרלאָזט זיין האָטעל און איז געגאַנגען צום אָבסערוואַטאָריום, איז ער מער נישט אַדורכגעגאַנגען די פאַריזער גאַסן ווי אַפּוועזנדיק און ווי אַ נפש, וואָס געהער זיך מיט זיי גאָרנישט אָן. קאַלען האָט אָנגעהויבן פאַמעלעכער און געדולדיקער צו גיין איבער די גאַסן פון לאַטיינישן קוואַרטאַל. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו איילן. דאָס אויג פונם טעלעסקאָפּ זעט סיי־ווי נישט די אמתן פון דער וועלט. קאַלען האָט זיך אפילו אָנגעהויבן גלייכגילטיקער צו באַציען צו די וואַלקנס. אויף דער גאַס האָט ער אָנגעהויבן צו זען פנימער פון מענטשן. אין מיטן גיין זיך גאָר אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם שפּיציקן קאָפּ זיינעם און באַטראַכט די פענצטער פון די, אין גראָען שטילן ליכט איינגעהילטע, פאַריזער הייזער.

אַלצדינג אין פּאַריז איז אים אויסגעקומען ניי און האָט עפּעס אַן אויסטערלישן אומדערקלערלעכן באַטייט. טייל מאָל האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ בריק, באַטראַכט דאָס וואַסער פון דער סען, וואָס פליסט טונקל און מאַנאָטאָן צווישן די פאַרמויערטע ברעגעס. ער האָט געקוקט אויפן שטיל־פליסנדיקן וואַסער — און זיך דערמאָנט: הערַאַקליט האָט אין אָטאָ דער באַוועגונג פונם וואַסער געזען דעם לעצטן מהות פון דער באַוועגונג פון דער וועלט. „אויך הערַאַקליט האָט געהאַט אַ טעות" — האָבן ווי צו זיך געפּליסטערט קאַלענס ווייכע איינגעפאַלענע ליפּן. „די טונקעלע סען צווישן די הייזער פון פּאַריז פליסט אפשר פיל געזעצמעסיקער ווי עס פליסט די צייט אין דעם בעט פון דעם כאַאָס".

אין אַ הייסן יוני־טאָג, ווען קאַלען איז אַזוי פּאַמעלעך געגאַנגען איבערן בולוואַר סאַן־מישעל, איז ער אַריינגעקומען אין לוקסעמבורגער גאָרטן. די אַלטע פאַרצווייגטע פּאַרק־בוימער זענען שטילע און פאַרשטויבטע געשטאַנען אין הייסן פאַרמיטאָג. אויפן גראָז האָבן זיך געשפּילט קינדער. פּראָפעסאָר קאַלען איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ זייטיקער טונקעלער אַלייע און זיך מיד אַנידערגעזעצט אויף אַ האַלב־צעבראָכענער מאַרמאָרנער באַנק. ער האָט זיך איצטער געפילט באַזונדערס שוואַך און קרענקלעך. דער הייסער טאָג האָט מילד און געלייטערט אַריינגעקוקט דורך די אַלטע צעשאָטנטע בוימער־צווייגן.

דאָ איז געווען עטוואָס קילער. קאַלען האָט טיף אָפּגעזיפצט. הינטער קאַלענס באַנק האָט אַ מאַרמאָרנע פיגור פון אַ סאַטיר געשפּילט אויף אַ פלייט. אַ יונגע נאַקעטע נימפע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַראָפּצונידערן אין אַ קוואַל. קאַלענען זענען איינציקווייז צוגעפאַלן די אויגן. ער האָט געוואָלט אַנדרימלט ווערן.

פּלוצעם האָט ער דערהערט נעבן זיך אַ קול:

— וואָס טוט איר דאָ אינמיטן טאָג אין לוקסעמבורגער גאָרטן, הער פּראָפעסאָר? עס געהער נישט צו אייערע געוואוינהייטן.

פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך אויפגעכאַפּט. אין די אויגן־היילן האָבן אים די קליינע אויגעלעך געבערענט פון מידקייט.

פאַר אים, אין אַ ווייסן פּאַנאַמע־הוט און אין אַ העלן זומער־אַנצוג איז געשטאַנען די פריילעכע און דיקלעכע פיגור פון ד"ר זשאַן בערטיע, קאַלענס אַ ווייטער קרוב, אַ מעדיצינער.

ד"ר בערטיע האָט נישט געוואַרט אויף קיין תשובה. ער האָט זיך צו־געזעצט צו קאַלענען אויף דער באַנק און כסדר ווייטער גערעדט:

— אַך, די הייסע זומער־טעג אין פּאַריז. מ'קאָן קוים אָטעמען. פּאַריז איז אין זומער דאָס ריינע גיהנום, — און דאָ לויף אַרום צו די פּאַציענטן, נו, און אויך איר, הער פּראָפעסאָר, קוקט מיר אויס אַרונטערגעקומען אין געזונט. נאָך אַ גריפּע אוודאי? צי גלאַט אַזוי נישט מיט אַלעמען... האַ?

קאַלען האָט געקוקט אין דער וועלט אַריין. ער האָט גאַנץ שטיל געזאָגט:

— יאָ, מ'ווערט אַלט, ליבער בערטיע. מען עלטערט זיך מיט דער צייט.

בערטיע האָט געמאַכט אַ לעבהאַפטע באַוועגונג:

— אויך איר ווערט אַלט, הער פּראָפעסאָר? וואָס האָט איר דען צו טון מיט דער צייט, דאָס הייסט, מיט דער פאַרגענגלעכקייט און מיט דעם עלטער? אייער פאַך איז דאָך די צייטלאָזיקייט. אייערע שטערן שטאַרבן נישט. די אייביקייט ווערט נישט אַלט, ווי מיר דוכט זיך. די אייביקייט האָט קיין סוף נישט. די עלטער איז דער אָנהייב פון אַ סוף.

ד״ר בערטיע האָט אַ ווייז געטון אויפן מילדן הימל, וואָס האָט אַדורכ־געקוקט דורך די צווייגן, און האָט צוגעגעבן:

— אַזוי צו זאָגן, הער פּראָפעסאָר, אייער פאַך איז די אומענדלעכע וועלט.

קאָלען האָט זיך אומהיימלעך אויסגעשמייכלט:

— איר האָט אַ טעות, דאָקטער, גראָד די עלטער איז געזעצלעכער ווי דאָס פּרעציזסטע געזעץ און אייביקער פון אַלע אייביקייטן. אויך די אומענד־לעכע וועלט ווערט אַלט.

בערטיע האָט זיך אַליין אַ קלאַפּ געטון אויף דער קני:

— אָ, האָ. איר זענט סקעפּטיש, פּראָפעסאָר. איר זענט סקעפּטיש, ווי אַן אמתער מעדיצינער. מיר, מעדיצינער, — האָט בערטיע געזאָגט — האָבן צו טון מיטן ווינציקן מיקראָקאָסמאָס וואָס הייסט מענטש. דערפאַר האָבן מיר דאָס רעכט צו זיין סקעפּטיש. אויב ס׳זאָל ווירקלעך וואָר זיין, אַז דער מיקראָ־קאָסמישער מענטש איז סך־הכל אַ פאַרקלענערטע מאַקראָקאָסמישע וועלט, דאַן זענען מיר, מעדיצינער, דעם באַשאַף און דעם עקסיסטענץ־פאַרלויף פון דעם גאַנצן וועלט־אַל. דאָס זיכערסטע, וואָס מיר קאָנען באַשטימען איז, אַז דער דאָזיקער וועלט־אַל האָט זייער אַן אומבאַהאָלפענעם אָנהייב און זייער אַ טרויעריקן סוף. דער עיקר: דער וועלטאַל־מענטש — איז זייער קאַפּריזנע סיי אין זיינע פיזישע און סיי אין זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן. ער איז אויס־געשטעלט אויף כלערליי צופעליקייטן. די צופעליקייטן באַשטימען דעם גאַנג פון מענטשלעכן לעבן. די מיקלאָמפּערשטע געזעצן וואָס די אַמאָליקע פּאָ־זיטיווע מעדיצין האָט זיך אויסגעטראַכט ווי דעם אייגנטלעכן וועג פון לעבן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שאַלקהאַפטיקע גענאַרניקעס. נישטאָ קיין געזעצן אין דער אייביקער געזעצלאָזיקייט! גלייבט מיר, הער פּראָפעסאָר, די מאָדערנע מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט ענדגילטיק איינגעזען, אַז די צופעליקייטן זענען פיל באַשטענדיקער און נאַרמאַלער, ווי דאָס רעגלמעסיקע און נאָרמאַלע געזעץ. מיר מעדיצינער האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם מענטש ווי דעם סך־הכל פון צופעליקייטן. דער מיקראָקאָסמאָס, מיט וועלכן מיר האָבן צו טון, דער מענטש הייסט עס, איז אַ זייפן־בלאָז. מיר ווייסן קיינמאָל נישט ווען ער וועט פּלאַצן. אויב מיר קאָנען נישט די דאָזיקע קלייניקייט, — ווייסן מיר בכלל זייער וויניק פונם מענטש. מיר שעמען זיך גאָרנישט דאָס מודה צו זיין. דער וועג צום מענטש איז אַ כסדרדיק בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש. אָט דאָס בלאָנדזשעניש רופן מיר אָן — מענטשנקענטשאַפט. איר אַסטראָנאָמען וואָס האָט צו טון מיטן מאַקראָקאָסמאָס, שיינט אויס צו וויסן פון אייער אומענדלעכן געגנשטאַנד אַ סך מער, ווי מיר ווייסן פון דער מענטשלעכער ענדלעכקייט. און ס׳איז נישט דערפאַר, ווייל איר זענט די קלוגערע, נאָר פשוט,

ווייל איר ווייסט נישט ווען דער מאַקראָקאָסמישער וועלטאַל האָט זיך אָנגעהויבן און ווען ער וועט זיך אויסלאָזן. אייך דוכט זיך אויס, אַז די וועלט איז, אַזוי צו זאָגן, קאָנסטרואירט אויף אַ פעסטן און זיכערן באָדן: — אויף דער אייביקער צייט און אויפן מאַטעמאַטישן גערעץ. איין־שעה־אינזעקטן, — וואָס זאָלן באַזיצן, למשל, אונזער אינטעליגענץ און זאָלן קוקן אויפן מענטש פונם שטאַנדפונקט פון זייער אינזעקטישער צייט־דימענסיע, — וואָלטן אויך געקומען צו דער אויסטערלישער זיכערקייט, אַז דער מענטש האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף, און געהאַט מן־הסתם וועגן מענטש פונקט די אייגענע מיינונג, ווי די אַסטראָנאָמען וועגן וועלטאַל.

קאַלען טוט אַ שטילן זיפץ און שמייכלט זיך אומהיימלעך אויס.

— אויך מיר אַסטראָנאָמען, — זאָגט ער נאָך אַ קליינער פויזע, — האָבן מיט אַמאָל אויפגעהערט צו זיין די איין־שעה־אינזעקטן. מיר דערנענטערן זיך קאַטאַסטראָפאַל צו דער וועלט־דערקענטעניש פון די מעדיצינער. נאָר מיר קומען דורך אַ פאַרקערטן וועג. איר גלייבט, אַז דער מענטש איז אַ פאַר־קלענערטער וועלטאַל. אין דערין שטעקט אייער טעות. דער וועלטאַל איז סך־הכל נישט מער ווי אַ פאַרגרעסערטער מענטש מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. פאַרשטייט זיך — אַלצדינג אין אַ פאַרגרעסערטער מאָס. דער וועלטאַל איז אין זיין אָנהייב פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן ווי דער מענטש, און איז אַנטוישט אין אַלע זיינע האָפענונגען פונקט ווי דער מענטש. דער וועלטאַל איז נאָך אַלע זיינע חכמות דאָס אומוויסנדיקסטע באַשעפעניש. פונקט ווי דער מענטש. און האָט אויך אַזאַ טרויעריקן סוף. אַלצדינג פונקט ווי דער מענטש.

דורך דער טונקעלער אַלייע זענען פריילעך אַדורכגעלאָפן אַ כאָפּטע צעשפּילטע קינדער. ווען זיי זענען פאַרשוואונדן צווישן די בוימער און די קינדערשע קולות זענען פאַרלאָשן געוואָרן אין דער ווייטקייט, האָט זיך בערטיע אָנגערופן:

— אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך געלייענט אַ מעשהלע אויף אומ־געפער פאַלגנדיקע מאָטיוון: די שטערן אויפן הימל זענען די וועלט־קינדער. די לבנה היט זיי ווי אַ ניאַניע. די זון איז אַ ווייטע וועלט־מומע, וואָס קומט אַלע אינדערפרי צו גאַסט אויף אַ גאָלדענעם וואָגן און ברענגט מתנות. בכלל איז דער גאַנצער וועלטאַל איין גרויסע קינדער־שטוב. די מיקלאָמ־פערשט־אייביקע עקסיסטענץ איז נישט מער ווי אַן אייביק שפּיל פון קינדער מיט מאַריאָנעטן. דאָס איז דער איינציקער זין פון דער גאַנצער זינלאָזיקייט. הייסט עס, אַז אַ פאָלקס־שול בוך האָט דערציילט פון די לעצטע רעזולטאַטן פון דער וועלט־דערקענטעניש?

קאַלען האָט אַ מאַך געטון מיט זיין ווייך מויל. די קליינע מידע אויגעלעך האָבן זיך אים ווי אויפגעשטעלט אין די טיפע אויגן־הייגן. קאַלען האָט אויס־געשטרעקט זיין לאַנגע נאָז צו בערטיען ווי ער וואָלט צו אים אַ שמעק געטון — און אַרויסגעברומט:

— כמעט...

בערטיע האָט געענדערט דעם טאָן:

— פונדעסטוועגן, הער פּראָפעסאָר, איך קער מיך צוריק צו מיינע פריערדיקע השערות. איך בין אַ מעדיצינער, און מיר טוען עס פּשוט פון געוואוינהייט. מיר אינטערעסירן זיך כסדר מיט יענעמס געזונט, ד״ה מיט אַ באַשטאַנד פון אַ געוויסן מיקראָקאָסמאָס. נאָך דערצו מיט אייער געזונט, הער פּראָפעסאָר. נו, באמת. איר קוקט מיר אויס ווי נאָך אַ קרענק.

קאַלען זאָגט שטיל. נישט דרייסט:

— איך לייד לעצטנס אויף שטאַרקער שלאָפלאָזיקייט. מיר איז שווער איינצושלאָפן.

בערטיע טוט זיך ראַש אַ באַוועג אויף דער באַנק.

— דאָס גאָר — זאָגט ער — איר מוזט טוישן די לופט, ליבער פּראָפעסאָר. ס׳איז דאָס איינציקע נאַטירלעכע מיטל קעגן שלאָפלאָזיקייט. איר מוזט פאָרן אין די בערג אָדער צום ים. דער פּאַריזער זומער טויג נישט פאַר שלאָפלאָזיקייט. האָט איר בכלל אַמאָל פאַרלאָזן פּאַריז? בכלל, האָט איר ווען עס איז גענומען אורלויב פון אייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן?

קאַלען האָט זיך אויסגעשמייכלט:

— פאַרלאָזן פּאַריז? ניין. כ׳קאָן מיר נישט דערמאָנען. די צייט און די שטערן, וואָס זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, מיין פאַך, האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט, כדי איך זאָל מיר קאָנען נעמען אורלויב. דערוויַיל, הייסט עס, ווי ס׳הייבט אָן אויסצוקוקן, האָבן זיי איצטער יאָ אין דער דעה עס צו טון.

בערטיע לאַכט זיך אויס הויך אויפן קול:

— איז דאָך גוט. נוצט אויס די געלעגנהייט, וואָס די שטערן ווילן זיך אָפּשטעלן, און פאָרט אַ ביסל אַרויס פון פּאַריז. איר וועט בעסער שלאָפן, פּראָפעסאָר. דערצו — נו, לאָמיר זאָגן, איר קאָנט די לעבעדיקע וועלט נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון די שטערן און פון דעם אומענדלעך־גרויסן. דאָס איז נאָר אַ האַלבע וועלט. די אַנדער האַלבע וועלט, וואָס איז פּונקט אַזוי וואונדערלעך, פּונקט אַזוי אומדערפאַרשבאַר, פּונקט אַזוי אייביק, און פּונקט אַזוי אומענדלעך, — איז דאָס אומענדלעך־קליינע, — דאָס הייסט, — דער אומענדלעכער קאָסמאָס פון דעם אַטאָם, פון דעם עלעקטראָן, צי גאָר פון דעם קוואַנט, צי נאָך אַ קלענערער אומענדלעכקייט. די פיזיקאַלישע כעמיע, למשל, האָט אַבסאָלוט אַנדערע באַגריפן וועגן קאָסמישע דימענסיעס ווי די אַסטראָנאָמיע. די דימענסיעס פון דעם גאָר קלענסטן, זענען פיל תהומיקער און אומענדלעכער, ווי די דימענסיעס פון דעם אַסטראָנאָמישן וועלטאַל. דער ווערטאַל אינעווייניק אין די עלעקטראָנען און אין די קוואַנטן איז פיל קאָמפּליצירטער און אומדערגרינדלעכער. נאָך מער: דער אייגנטלעכער וועלט־סוד און דער ענדגילטיקער ענטפער אויפן וועלט־סוד ליגט אפשר גאָרנישט אין דעם מאַקראָקאָסמישן וועלט־רוים פון דער אַסטראָנאָמיע, נייערט אין דעם מיקראָקאָסמישן וועלט־רוים פונם עלעקטראָן, צי פונם קוואַנט. אייער אייביקער טעות, אַסטראָנאָמען, שטאַמט גאָר דערפון, וואָס איר זוכט די אַבסאָלוטע וואַרהייט אין דער דימענסיע פון גרעסטן — און זי — די וואַרהייט הייסט עס, — געפינט זיך גראָד אין דער דימענסיע פונם קלענסטן.

גראַד אין דעם ווינציקסטן טייל פון דער וועלט טרעפן זיך האַרמאָניש צוזאַמען די מאַטעריע און דער גייסט, און ס'הערט דאָרט אויף די גרענעץ פון אַלע צווייאיקייטן. אין דעם קלענסטן איז דאָ די גרעסטע פרייהייט און ס'איז דאָרט מער נישט פאַראַן דאָס קאַץ־און מויז־שפּיל פון דער סיבה און דעם פּועל־יוצא. איר מאַקראָקאָסמיקער, דערווייטערט זיך כסדר פון דער דאָזיקער גרענעצלאָזיקייט. דאָס איז אייער פאַטאַלער טעות. איר אַנטלויפט פון די לעצטע אמתן, — אַנשטאָט זיך צו זיי צו דערנענטערן. איר גייט אויף אַ פאַלשן וועג. דעריבער אַנטוישט איר זיך כסדר און פּלאָנטערט זיך אין די ווילדסטע ווידערשפּרוכן. פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן וועט איר קיינמאָל נישט אַרויס, און וועט קיינמאָל נישט באַוויזן צו פאַרבינדן אין פּראָבלעם מיטן צווייטן. אייער וועלט־דערקענטעניש וועט זיך אייך כסדר שטעלן פּאַפּעריק. איר קוקט אויף די שטערן — און זענט די בלינדסטע פון אַלע בלינדע. איר בלאָנדזשעט, און פאַרבלאָנדזשעט זיך כסדר טיפער און כסדר ווערגלאָזער אין די שטחים פונם אומבאַקאַנטן. איך וועל אייך נאָר ווייזן אין ביישפּיל: די פרייהייט און די נויטווענדיקייט. אויף די פליינען פונם מאַקראָ־קאָסמאָס קאָנט איר אייך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. פרייהייט און נויט־ווענדיקייט זענען צוויי עלעמענטאַרע וועלט־כוחות, וואָס עקסיסטירן טאַקע. אָבער פאַר אייך עקסיסטירן זיי ווי די אַנזאָגער פון אַן אייביקער קאַטאַס־טראָפע. איר פאַרגרעסערט דעם קאָסמאָס מיט אומצייליקע ביליאָנען פון ליכט־יאָרן, כדי אים מיקלאָמפּערשט צו דערגרונטעווען. — מיט דער זעלביקער אומענדלעכער גרויס וואַקסן צוגלייך אויס די ווידערשפּרוכן צווישן פרייהייט און נויטווענדיקייט. זיי מאַכן אייך אַ טראַגישן שטריך אונטער אַלע אייערע חשבונות. קוקט, ווי איר ווייסט גאָרנישט! די קוואַנטן־טעאָריע, — די וועלט־קאָנסטרוקציע פון דעם אומענדלעך־קליינעם — האָט פיל גליקלעכער צונויפגעבונדן די פרייהייט מיט דער נויטווענדיקייט. אַוואו די עקסיסטענץ קומט צו צו די לעצטע גרענעצן פון דעם גאָרנישט — דאָרט האָט די קוואַנטן־טעאָריע אויסגעפונען די סינטעזע צווישן אַלע ווידערשפּרוכן ד"ה די סינטעזע צווישן דעם געזעץ און דער וואַרשיינלעכקייט. די קוואַנטן־טעאָריע האָט פּראָקלאַמירט די וואַרשיינלעכקייט און דעם אפשר — ווי דאָס אַבסאָלוטע געזעץ פון דער וועלט. וויפל פּסיכאָלאָגישער וועלט־אמת! איר הערט, הער פּראָפעסאָר, דער אפשר איז דער זיכערסטער וועלט־אמת. דער אפשר וועט קיינעם נישט אַנטוישן. אפשר און מעגלעך! ווי וואונדערלעך און ווי קלוג! ווען אַלצדינג איז בלויז וואַרשיינלעך, אפשר, און נישט באַשטימט, — דעמאָלט הערט די פרייהייט אויף צו זיין די וועלט־קאַטאַסטראָפע. זי הייבט אָן צו ווערן די וועלט־דערלייזונג.

קאַפּיטל זעקס

אין דער צייט, ווען בערטיע האָט גערעדט, האָט זיך קאַלען צוגעוואַנדן צו בערטיען, ווי ער וואָלט געוואָלט בעסער הערן, ער האָט כמעט ווי אויף אים געאָטעמט. בערטיע האָט גערעדט גענוג הויך, — מחמת דער אַסטראָנאָם

האָט נישט געהאַט קיין זייער גוטע שמועה. קאַלענס לאַנגע נאָז האָט זיך אויסטערליש בלייך אויסגעצויגן. די דינע פליגלען אירע האָבן זיך לעבעדיק באַוועגט. קאַלענס טיפע אויפגעשאַרצטע נאָז־לעכער האָבן זיך מיטאַמאָל אַ הויב אויף געטון אַקעגן די הימלען ווי די לונעטן פון אַ טעלעסקאָפּ.

— יאָ, פּראָפעסאָר, — האָט בערטיע צוגעגעבן נאָך אַ קליינע פּויזע, — איר קאָנט נאָר דאָס גרויסע. דאָס גרויסע איז נאָר אַ האַלבע וועלט. גראָד די איבנאַויפיקע און אַמווינציקסטן כאַראַקטעריסטישע העלפט פון דער וועלט. דער פּלאַנעט, אויף וועלכן מיר וואוינען — און דער, מענטש וואָס איז כלומרשט דער העכסטער אויסדרוק און דאָס באַוואוסטזיין פון דעם דאָזיקן פּלאַנעט — זיי זענען דער מיטלפונקט צווישן דעם גרויסן און דעם קליינעם. זיי זענען דער מיטלפונקט צווישן דעם שטערן סיריוס, וואָס איז מיליאַנען מאָל גרעסער פון דער זון און דעם קוואַנט, וואָס איז מיליאַרדן מאָל קלענער פונם עלעקטראָן. דער מענטש איז נישט אַבסאָלוט נויטווענדיק — ווי עס זענען די שטערן, ער איז אויך נישט אַבסאָלוט וואַרשיינלעך, — ווי עס איז דער קוואַנט. דער מענטש שטייט אינמיטן צווישן דער מיקלאָמפּערשטער נויט־ווענדיקייט און דער מיקלאָמפּערשטער פרייהייט. ער איז דער טראַגישסטער מיטלפונקט פון דער עקסיסטענץ. ער איז דער שייד־וועג, אַוווּ די עקסיס־טענץ בלייבט ראַטלאָז שטיין און ווייסט נישט וואו אַהין צו גיין. און ווייסט נישט ווער זי איז. דער מענטש איז דער שוואַרצער פרעג־צייכן און די דאַמאָקלעס־שווערד, וואָס הענגט איבערן קאָפּ פון אַלע געטער. אינם מענטש באַגעגענען זיך דאָס אייביקע לעבן און דער אייביקער טויט. די ליבע און דער האַס. דער כאַאָס און די האַרמאָניע. דער שיקזאַל און דער ווילן. דער טרויער און די פרייד. די אַנטווישונג און די האָפענונג. דאָס ליכט און די פינצטערניש. דער גאָט און דער דעמאָן. אַלצדינג קומט זיך צונויף אינם מענטש. דער מענטש איז נישט דאָס אַבסאָלוט גרויסע און נישט דאָס אַבסאָלוט קליינע, דעריבער איז ער דער דער מיטל־פונקט פון דעם וועלטאַל — און דער איבערגאַנג פון די וועלטן צו דער דערקענטעניש. דער מענטש שטייט אינמיטן. דעריבער זעט ער אַלצדינג. דער וועלטאַל איז סך־הכל נישט מער ווי דער אומגעפער פון דער מענטשלעכער פאַרשטעלונג. דאָס איז דער ריכטיקסטער שטאַנדפּונקט וועגן דער וועלט. די מעדיצין איז די גרעסטע וויסנשאַפט, — איר געגנשטאַנד איז דער מענטש און די באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט אויף אונזער פּלאַנעט. די פיזיאָלאָגיע איז פיל אמתער און פיל וואַרשיינלעכער ווי די אַסטראָנאָמיע, מחמת די פיזיאָלאָגיע איז די לערע פון דעם אפשר און פון דעם אַבסאָלוט נישט־זיכערן, ד״ה די לערע פונם מענטשלעכן לעבן.

די רויטע האָר־בערגלעך איבער די אויגן־היילן פון פּראָפעסאָר קאַלען האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי געררייצטע חיהלעך. קאַלען האָט אויסטערליש געקוקט אין דער זייט פון ד״ר בערטיע.

בערטיע, ווי ער וואָלט עס נישט באַמערקט, האָט זיך כמעט ווי צעשריען:

— איר האָט אייערע יאָרן פאַרברענגט מיט די שטערן און מיט די הימל־

מרחקים. זיי וועלן אייך תמיד געגאַרן, די שטערן. אומזיסט וואָס איר זוכט. איר וועט דאָרט אין יענע אומגעהויערע מרחקים גאָרנישט געפינען. איר זענט שוין אַן עלטערער מענטש, — און איר האָט פאַרלוירן אייער צייט אין יענער מיקלאָמפערשטער אייביקייט, ווי מען פאַרלירט אַ שטויבעלע געווירץ אין די אָפגרונטן פון וועלט־אָקעאַן. איר קאָנט נישט שלאָפן, — ווייל איר באַווייזט עס נישט, אייער שטויבעלע צייט דאָרט צו געפינען. ווי נאַאיוו איר זענט צו זוכן אייער אייגענעם אפשר אין די כאַאָטישע אָפגרונטן פון דעם וועלטאַל. איר יאָגט נאָך אייער אייגענעם שאָטן אויף שטחים, וואָס איר האָט בידים אויסגעצויגן אַזוי ווייט, אַז איר האָט שוין פאַר זיי נישט געהאַט קיין מאָס. פאַר זיך אַליין נישט אויסצוקוקן ווי אַ דאָן־קישאָט, האָט איר זיך גע־מוזט באַנוצן מיט ווילדע און פאַנטאַסטישע דימענסיעס פון אומצייליקע ליכט־יאָרן. איר האָט אייך כסדר פאַרפּלאָנטערט אין ווידערשפּרוכן. די ווידערשפּרוכן האָבן אייך אומברחמנותדיק פאַראַטן. צום סוף — נישט מודה צו זיין, אַז איר זענט געבליבן דער נאַר, — האָט איר גאָר געוואָלט פאַר־גרעסערן דעם מענטש און דערמיט ברענגען די ווידערשפּרוכן צו וואָסער עס איז אויסגלייך. פריער, הער פּראָפעסאָר, האָט איר געלאָזט פאַלן זייער אַן אומבאַהאָלפענעם געדאַנק, נעמלעך, אַז דער וועלטאַל איז סך־הכל נישט מער ווי אַ פאַרגרעסערטער מענטש. אַן איבער־מענטש, — אַזוי צו זאָגן. איר באַגייט ווידער אַ פאַטאַלן פעלער. ניין, גרעסער ווי דער מענטש, איז שוין מער נישט קיין מענטש, גרעסער ווי דער מענטש איז נייערט דער תוהו־ובוהו.

ד"ר בערטיע ווערט פייערלעך. ער רוקט זיך האַסטיק צו צו דעם שווייגנדיקן קאַלען:

—איך בין אַ מעדיצינער, פּראָפעסאָר, — זאָגט ער — און איך וועל אייך היילן. איר וועט ווידער רואיק שלאָפן אין אייערע נעכט, נאָר איר מוזט מיך פאָלגן. איך וועל אייך געבן שטיקער וועלט אין די הענט אַריין, וואָס זענען נישט גרעסער און נישט קלענער, ווי דער מענטש. זענען נישט קיין הוילע מאַטעמאַטישע זייפן־בלאָזן, ווי אייערע קאָסמישע וועלט־מרחקים. קודם־כל קומט מיט מיר אויף מיטאָג. מיר האָבן היינט מיטוואָך. איך ווייס פון אַ קליינעם רעסטאָראַן אויפן בולוואַר סאַן־זשערמען. יעדן מיטוואָך באַקומט מען דאָרט באַזונדערס וואונדערלעך גאַרנירטע באַזשאַנטן. קענער קומען פון אַלע עקן פאַריז אין דעם דאָזיקן רעסטאָראַן. מיר וועלן עסן די איידלסטע וואַלד־פייגל און צוטריניקען אַ לייכטן באָרדאָ. איר וועט זען, אַז עסן איז נישט סתם קיין ווילקירליכער צינש, וואָס דער מענטש מוז צאָלן די פיזיאָלאָגישע פונקציעס פון דעם גוף. עסן איז איינס פון די פיקאַנטסטע שפּילן פון מענטשלעכן גייסט. עס געהער, דאָס עסן הייסט עס, צו די פונקציעס פון זיין וועלט־דערקענטעניש. מיר זענען משיג די וועלט און פאַרבינדן זיך מיט איר מיט אונזער גומען — נישט ווייניקער ווי מיט אונזער געהירן. ביי די גלעזער פונם טעלעסקאָפּ, האָט איר לייכטזיניק איגנאָרירט די וועלט־דער־קענטעניש פונם גומען. איר האָט איינעם פון די רייצנדיקסטע טיילן פון דער וועלט באַטראַכט ווי אַן אָפּקומעניש. איר האָט ווידער געמאַכט אַ פעלער.

איר האָט זיך כסדר דערוויטערט פון די אַבסאָלוטע וואַרהייטן פון דער וועלט.

איצט נאָך איינס. איר מוזט דורכאויס אַרויספאָרן אויף אַ קורצע צייט פון פּאַריז. דערמיט וועט איר ענדערן אייער קוק־ווינקל. עס וועט אייך צו נוץ קומען אפילו אין אייערע אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען. איר קאָנט אייך קוים פאָרשטעלן, הער פּראָפעסאָר, וויפל דער שטאַנדפּונקט דעצידירט אפילו ביי די אָביעקטיוויסטע וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונגען. דאָס וועלט־בילד ענדערט זיך ווערדליך די קאַפּריזן פונם שטאַנדפּונקט. די שטאַנדפּונקטן זענען דער שטאַף־וועקסל פון דער דערקענטעניש. אַ קולטור, וואָס איז בכוח צו טוישן אירע שטאַנדפּונקטן — קומט עס איר אַרויס נאָר צום געזונט. אַזוי אַרום לעבט זי מיט אין דעם אייביקן שטאָף־וועקסל־קרייז פון דעם וועלטאַל. אַלזאָ, פּראָפעסאָר, נעמט אורלויב ביי זיך אַליין און ביי די שטערן אין הימל. פאָרט אַרויס פון פּאַריז. איך האָב פאַר אייך אַ גלענצנדיקן פּלאַן. איר מוזט מיך פאָלגן. איך האָב איינעם אַ פּאַציענט, ער איז אַ דירעקטאָר פון אַ שיפס־געזעלשאַפט. זיי אָרגאַניזירן איצט אויף יולי און אויגוסט אַ גרויסן אויספלוג צום אייז־מעער. אַ באַקוועמע שיף און אַ געקליבענע געזעלשאַפט. פאָלגט מיך, פּראָפעסאָר, שרייבט אייך איין אויפן אויספלוג, פאָרט מיט. איר וועט פאַרברענגען אייערע פעריען צווישן הימל, וואַסער און אייז־פעלדער. איר וועט אַריינפאָרן אין די שטחים פון אַן אייביקן טאָג און וועט זיך מיט די אייגענע אויגן איבערצייגן, אַז אפילו אין די געזעצן פון דער נאַטור זענען ליכט און פינצטערניש רעלאַטיווע באַגריפן. מכל־שכן, אַז עס איז שווער די מענטשלעכע פּסיכיק איינצוטיילן אויף ספערעס פון ליכט און פינצטערניש, ווי עס טוען אַ סך מאָראַליסטן. איר וועט זען ממשות־דיק, אַז אַלצדינג איז רעלאַטיוו. עס זענען רעלאַטיוו די טעג און די נעכט. עס איז רעלאַטיוו דאָס ליכט און דאָס פינצטערניש. ד״ה דאָס גוטע און דאָס שלעכטע. — אויפן אייז־ים זענען די נעכט גאָר ווייסע ווי אויסטערלישע טעג — און ס'איז אַבסאָלוט נישט קיין ווידערשפּרוך. איך קען יענע געגנט. דער־וויל קומט. די שעה איז שפּעט. אויף אונז וואַרטן שוין די באַזשאַנטן.

ד״ר בערטיע האָט קאַלענען אָנגענומען פאַר דער האַנט. קאַלען איז אים אומבאַהאָלפן נאָכגעגאַנגען. אַזוי האָבן זיי פאַרלאָזט דעם לוקסענבורגער גאָרטן.

קאַפּיטל זיבן

ד״ר בערטיע צווינגט דעם אַסטראָנאָם קאַלען אָוועקצופאָרן אויף אַן אַרקטישע רייזע

ד״ר בערטיע איז געווען זייער אַמביציעז. קוים האָט ער זיך עפּעס גענומען אין קאָפּ אַריין האָט עס געמוזט אויסגעפירט ווערן. אין אָט דעם פּרט האָט ד״ר בערטיע געהאַט ממש די ווילדע טעמפּעראַמענטפולע עקשנות פון אַ פאַרפּיעשטשעט קינד. קאַלען מוז אָוועקפאָרן! בערטיע האָט זיך אַליין אַריינ־געפּלאָנטערט אין די דאָזיקע הערשערישע אַמביציעס. ס'איז געוואָרן ביי אים אַן ענין פון פּרעסטיזש.

עטלעכע טעג כסדר האָט ער קאַלענען שוין גאַנץ פרי אין די מאָרגן־שעהען אויפגעזוכט אינם האָטעל. אין דעם האַלב־טונקלקייט פונם פּאַרדומ־פּעצטן צימער, — נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט, איז קאַלען — ווי אַ געשפּענצט פון הויט און ביין — געלעגן אויסגעצויגן אויפן ברייטן הימל־בעט צוגעדעקט מיט זיין אַלטער אויסגעריבענער פּעלערינע. צוויי לאַנגע דאַרע און שטאַרק באַהאָרטע פיס האָבן ווי צוויי מאַלפּעס אַרויסגעשטאַרצט פון דער פּעלערינע. קאַלען האָט צוגעהאַלטן די מידע אויגן. בערטיע האָט זיך צו אים צוגעזעצט אויפן ראַנד פון הימל־בעט. מיט אים איינגעטענהט. בערטיע האָט גערעדט הויך, פריילעך געלאַכט. דערביי היימישלעך געקלאַפּט אויף די נאַקעטע פיס פונם אַסטראָנאָם. די דינע פּאַפּירענע ווענט פון דעם אַלטן האָטעל־צימער האָבן מיטגעציטערט און האָבן אַרויסגעגעבן אַ קול ווי זיי וואָלטן זיך אינעווייניק געשיט.

בערטיע פלעגט אויך קומען צו קאַלענען אין אָבסערוואַטאָריום און אַריינגעברענגט זיין (בערטיעס) רוישיקן טעמפּעראַמענט אין די גרויע אומע־טיקע ווענט פון דעם פאַרפּאַסטן צו דער אומענדלעכקייט. אין דער שטילער טויבלעכער איינזאַמקייט פון אָבסערוואַטאָריום, — וואו מ׳האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין הויך וואָרט, — האָט בערטיעס רירעוודיקייט געווירקט ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. די מייז זענען אַנטלאָפן טיף אין די לעכער. בערטיע האָט דעם אַסטראָנאָם צעטומלט אין מיטן די קאָמפּליצירטסטע חשבונות און אים אָוועקגעשלעפּט פונם טעלעסקאָפּ.

קאַלען איז נישט בכוח געווען צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד. ער האָט נאָכגעגעבן.

בערטיע איז געווען אַנטציקט פון זיין דערפאָלג. ער איז אַזש אַרויפ־געשפּרונגען אויפן אַסטראָנאָם און אים אַ קוש געטון אויפן נאַקעטן שפּיציקן קאָפּ־שאַרבן. קאַלען האָט אויפגעציטערט. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געפילט אַ פּאָר ווייכע מענטשלעכע ליפּן אויף זיין געלבלעך־טרוקענער הויט. ער איז רויט געוואָרן. אָנגעהויבן מיט זיין לאַנגער נאָז צו שמעקן אין דער לופטן אַריין. די צייט איז געווען קורץ. ס׳זענען פאַרבליבן נישט מער ווי צוויי טעג צום אָפּפאָר פון דער אויספלוג־שיף. בערטיע האָט אַליין אויף אינדערגעשווינד באַזאָרגט פאַר קאַלענען אַ שיפס־קאַרטע און אַן אָרט אין אַ קאַבינע. קאַלען איז געווען פּאַסיוו און אומבאַהאָלפן. בערטיע האָט אַלצדינג געמוזט פאַר אים טון.

קיין סך געפּעק האָט דער אַסטראָנאָם נישט געהאַט. ער האָט אויך כמעט נישט געהאַט וואָס איינצופּאַקן. ביים פּראָפעסאָר אין צימער האָט זיך געפונען אַן אַלט־מאָדישע צעריסענע וואַליזקע אין דער פאָרם פון אַ טיפן לעדערנעם זאַק. קאַלען האָט זיך אַליין נישט געקאָנט דערמאָנען פון וואַנען די וואַליזקע קומט צו אים. זי איז תמיד פול געפּאַקט געווען מיט אַלטע צייטונגען. פאַר די מייז איז עס געווען אַן אידעאַלע נעסט. גאַנצע דורות מייז האָבן זיך דאָרט געפּאָרט, געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און צעשפּרייט איבער פּאַריז. ביינאַכט האָט עס אין דער וואַליזקע געראַדערט פון

פון מייז אין פּאַפּיר. ווען דער פּראָפעסאָר איז געשלאָפן און אומהיימלעך געשנאָרכט אויפן הימל־בעט (קאַלען פלעגט זייער שטאַרק שנאָרכען אינ־מיטן שלאָף ווי די לאַנגע נאָז זיינע וואָלט איבער אים געוואַכט און צו אים געו עדט) האָט די וואַליזקע געברומט. כמעט ווי זיך באַוועגט. זי האָט אויס־געקוקט ווי אַ געשפּענצטהאַפטיקער הונט, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין דער טיף־שטילער נאַכט פון קאַלענס צימער און רעאַגירט בייז אויף קאַלענס שנאָרכען. ווען בערטיע האָט זיך צו אָט דער וואַליזקע צוגערירט און אָנ־געהויבן אַרויסצונעמען די פּאַפּירן, האָט פון דאָרט אַ שאָס אַ רויס געטון אַ פולער שטויב־וואָלקן ווי פון אַ וואולקאַן. טעלעכע מייז זענען אַרויס־געשפּרונגען איבערן וואַליזקע־ראַנד. זיך צעלאָפן. ענדלעך איז דער פינצ־טערער תהום אויסגעליידיקט געוואָרן. בערטיע האָט דאָרט אַריינגעלייגט דאָס ביסל וועש פון פּראָפעסאָר, אַ שטיקל זייף, אַ צאָן־בערשטל, אַ וואַטאָווען געבלומטן שלאָף־ראָק און אַ שלאָף־מיצל. דאָס איז געווען כמעט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט קאַלענס. שפּעטער האָט בערטיע די וואַליזקע אַרומגע־בונדן מיט שטריקלעך. דער אַסטראָנאָם איז געווען רייזע־פאַרטיק.

די שיף האָט באַדאַרפט אָפּגיין פון דונקירכען צוויי אַזייגער ביינאַכט, דער צוג פון פּאַריז פאָרט פיר נאָכמיטאָג. אין דעם טאָג ווען דער פּראָפעסאָר האָט געדאַרפט פאַרלאָזן פּאַריז האָט ער נאָך באַוויזן אין די מאָרגן־שעהן צו זיין אין אָבסערוואַטאָריום. קאַלען האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן און ־ידערגעשלאָגן פון דער רעוואָלוציע אין זיין מאָנאָטאָן בחוריש לעבן. פון גרויס אויפרעגונג איז ער נישט אין שטאַנד געווען צו טון די מינדסטע אַרבעט. טרויעריק האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף די שטילע גרויע ווענט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער גרויסער טעלעסקאָפּ איז אויף אים ברוגז און דרייט זיך פון אים אַוועק אַ פאַררעטענער. ניין. קאַלען האָט נישט געהאַט קיין ריין געוויסן לגבי דער אומענדלעכקייט. ער האָט אָבער גע־וואוסט — פאַר אים איז נישט פאַרבליבן קיין צוריקוועג. פּסיכיש איז ער איצט געווען אינגאַנצן אין די הענט פון ד״ר בערטיע — ער האָט פאַר אים באַקומען אַ מאָדנע קינדישע מורא.

איינס אַזייגער מיטאָג האָט קאַלען דערהערט בערטיעס רוישיקן גאַנג אויף די טרעפּ. בערטיע האָט הויך געפּיפן אַן אַלט פראַנצויזיש וויין־לידל.

בערטיע האָט האַסטיק אָן עפן געטון די טיר.

— נו, פּראָפעסאָר, מיר פאָרן — האָט ער פריילעך אויסגעשריען.

קאַלען האָט געשוויגן. ער האָט צוגעמאַכט די טיר. בערטיע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ.

עס איז נאָך געווען גענוג צייט צום צוג. בערטיע האָט דעם פּראָ־פעסאָר אַריינגעפירט אין אַ קליינעם רעסטאָראַן אויפן מאָנפּאַרנאַס. זיי האָבן אָפּגעגעסן מיטאָג. קאַלען האָט געגעסן ווי אָפּוועזנדיק. ער האָט שווער געקייט. האָט נישט געפילט קיין טעם אין די מאכלים, וואָס בערטיע האָט כסדר געריימט.

דריי נאָכמיטאָג זענען זיי ביידע מיטן מעטראָ צוגעפאָרן צום גאַר־דע־

נאָרד. בערטיע האָט קאַלענען פּאַטערלעך געהאַלטן אונטערן אָרעם. דער פּראָפעסאָר איז געווען בלאַס. האָט זיך אומבאַהאָלפן אומגעקוקט אויף די רוישיקע זאַלן פונם ריזיקן באַנהויף. אַ טרעגער האָט זיי נאָכגעטראָגן די אַלטמאָדישע וואַליזקע.

דער צוג נאָך דונקירכען איז געשטאַנען אויף דער ליניע. פריילעכע פּאָרלעך האָבן זיך אויף און אָפּ געדרייט נעבן די וואַגאָנעס. קאַלען האָט זיך באַצייטנס אַריינגעזעצט אינם וואַגאָן. ער האָט שווער געאָטעמט. איבערן פּנים האָט זיך אים געגאָסן דער שווייס. דער צוג האָט גערירט. קאַלען האָט אַ צעשראָקענער אַרויסגעקוקט פונם פענצטער און נאַריש געשמייכלט צו בערטיען. בערטיע האָט אים צוגעוואונקען מיטן פּאַנאַמע־הוט און נאָכגעשריען:

— ווילט אייך גוט, הער פּראָפעסאָר. שיקט אנזיכטס־קאַרטלעך.

קאַפּיטל אַכט

קאַלען אין בויך פון דער שיף „בראַצאַ". ער וויגט זיך אויף די וואַסערן און טראַכט פאַרשיידענע געדאַנקען.

אין די ברייטע באַלויכטענע זאַלן און קאָרידאָרן פון דער שיף „בראַצאַ" האָט דער פּראָפעסאָר קאַלען איינגאַנצן זיך פאַרלוירן. ווען ער האָט זיך איינגעשיפט איז געווען סוף אין דער זומער־נאַכט. ער האָט זיך געפונען אין אַ נערוועזן געווימל פון מענטשן. מ'האָט אים כמעט ווי אַריינגעטראָגן אינם בויך פון דער שיף. קאַלען איז געווען פולשטענדיק ראַטלאָז צווישן די אייליק זיך באַוועגנדיקע שיף־פּאַסאַזשירן. ער האָט זיך ציטערדיק געהאַלטן אָן דער אַלטער וואַליזקע ווי אָן דעם איינציקן שטיצפּונקט אין דעם רוישיקן פרעמדן לעבן, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן. מען האָט אים אַראָפּגעפירט טיפער אין זיין שמאָלער שלעכט־באַלויכטענער קאַבינע. אים אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשטן בעט וואָס געהער צו אים. דער אַסטראָנאָם האָט זיך באַלד אַנידערגעלייגט אויפן קאַרגן שיף־געלעגער, אַנידערגעשטעלט די וואַליזקע צוקאָפּנס. צוגעמאַכט די אויגן. צומאַכנדיק די אויגן האָט ער געגלויבט זיך צו איזאָלירן פון דעם טומל און צוריק געווינען זיין רו. באַלד זענען אין דער קאַבינע אַריינגעקומען די אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס באַדאַרפן דאָ צו וואוינען. זיי זענען אַריינגעקומען מיט גערודער, מיט אַ סך געפּעק און זיך גענומען פונאַנדערבאַלעבאַטעווען איבער דער קאַבינע. קאַלען האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו הערן און פעסט צוגעהאַלטן די אויגן. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט דער טאָג אַריינגעגראָט אין די קליינע רונדיקע פענצטערלעך פון דער קאַבינע. די שיף האָט זיך ריטמיש געוויגט און זיך באַוועגט פאָרויס. ס'איז שוין געווען דער אינמיטן ים.

געבוירן און אויפגעצויגן צווישן די מויערן פון פּאַריז, האָט קאַלען

נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען דעם ים. אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט איז אים באַפאַלן ווען ער האָט זיך פּלוצעם געפונען אינמיטן אַ נייעם וועלט־עלעמענט. די מעבל אין דער קאַבינע האָבן זיך געוויגט. קאַלען אויף זיין געלעגער האָט זיך מיטגעוויגט אינעם עלעמענטאַרן ריטם פונם ים. אויך די אַלטע וואַליזקע אים צוקאָפּנס האָט זיך מיטגעוויגט. קאַלען האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו אַן אינערלעכן ריטם. די אייביקע באַוועגונג פון די וואַסערן! — האָט ער געטראַכט. זיך דערמאָנט אַן טאַלעס פון מילעט. די באַוועגונג וואָס וויגט אים צוזאַמען מיט דער שיף, מיט דער קאַבינע, מיט אַלע פּאַסאַזשירן וואָס שלאָפן דאָ איבער אים און אַקעגנאיבער אים — די שטילע ריטמישע באַוועגונג פון ים איז די אורשפּרונגלעכע באַוועגונג פון דער וועלט־עקסיסטענץ. דאָס וואַסער איז די קינדהייט פון דעם וועלט־אַל — האָט קאַלען געטראַכט. ווי וואונדערלעך! ער האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן. זיך אומגעקוקט. דורך די אייזערנע שיף־וואַנט האָט מען געהערט דאָס געדעמפּטע רוישן פון ים. די פּאַסאַזשירן אַרום אים האָבן זיך געוויגט אויף זייערע געלעגערס. פעסט געשלאָפן.

קאַלען איז פונדאַסניי אַנדרימלט געוואָרן.

ווען ער האָט זיך דאָס צווייטע מאָל אויפגעכאַפּט, איז געווען שפּעט אין די מאָרגן־שעהן. פון זיינע קאַבינע־שכנים איז קיינער נישט געווען. קאַלען איז אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער. אַ קוק געטון אויף זיינע לאַנגע באַוואָקסענע פיס, וואָס האָבן אומבאַהאָלפן אַפּערגעהאַנגען פון זיין גוף. ער האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעטון. נישט דרייסט אַרויסגעגאַנגען אויפן קאָרידאָר.
אַ שיפס־דינער האָט אים אַריינגעפירט אין עס־זאַל פאַר טוריסטן.

קאַפּיטל ניין

דער אַסטראָנאָם קאַלען פּלאָנטערט פונאַנדער רעבוסן. דערזעט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן די מרחקים פון ים. באַקומט אין קאָפּ אַריין אַ טענים־באַלעם און מיינט, אַז ס'איז אַ מעטעאָר. זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט זשאַנעט.

ס'איז פאַרלאָפן אַ פולער מעת־לעת זינט פּראָפעסאָר קאַלען געפינט זיך אויף דער שיף און פאַרט אויפן ים. דעם ים גופא האָט ער נאָך נישט געזען. ס'איז געווען קודם־כל דערפאַר, וואָס אין דעם לאַבירינט פון די שיפס־קאָרידאָרן האָט ער נישט געקאָנט אַרויסטרעפן אויפן דעק. נישט דאָס איז געווען די אייגנטלעכע סיבה. פּראָפעסאָר קאַלען איז גאָר אינערלעך צופרידן געווען, וואָס ס'האָט זיך אים אַזוי פונאַנדערגעלייגט, אַז ער קאָן נישט אַרויסטרעפן צום אָפענעם ים. די דאָזיקע מיקלאָמפּערשטע אויסערלעכע שטערונגען האָבן צוגעשפּילט צו די אינערלעכע העמונגען, וואָס פּראָפעסאָר קאַלען האָטגעהאַט צו יעדער נייער איבערלעבונג. ס'וועט

דעם לייענער אויסקומען וואונדערלעך, — דער אַלטער געלערנטער האָט כל ימיו געהאַט צו טון מיט די געוואָגסטע טעמעס פון קאָסמישער אומ־ענדלעכקייט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר ציפערן, וואָס זייער אויסגעשטעלט זיין אין אַ שורה האָט אונז געגעבן דאָס אומהיימלעכע בילד פון גרענעצלאָזע און אומבאַקאַנטע וועלט־מרחקים. אָבער — דאָס איז דאָס מערקווירדיקע — צו פרעמדע און אומבאַקאַנטע מענטשן, צו די נייע סיטואַציעס און איבערלעבענישן אינם קרייז פון זיין טאָג־טעגלעכקייט האָט קאַלען געהאַט דאָס שעמעוודיקע נישט־דרייסטקייט פון אַ קינד. פּראָפעסאָר קאַלען איז געווען אַן אַלטער בחור. אַחוץ די הימל־וויסנשאַפטן האָט ער צו אַלע זאַכן, וואָס רינגלען אים אַרום, געהאַט די העמונגען פון אַן אַלטן בחור. אַלצדינג האָט אין אים געוועקט אומהיימלעכקייט. ער האָט געהאַט דאָס שטאַלצע ווערט־געפיל אַקעגן די אַבסטראַקטע באַגריפן פון די ליכט־יאָרן. דאָרט האָט ער געבאַלעבאַטעוועט מיט פיל זשעסט. פאַר דער קליינער צייט פון לעבן און פאַר דעם ווינציקן שטח פון זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען האָט ער אָבער געהאַט אַן אויסטערליש און פייניקדיק געפיל פון מינדערווערטיקייט. סיידן אין די הימלען. אויף דער ערד, צווישן מענטשן איז קאַלען געוואוינט געווען צו גיין אויף די נעגל.

אין אַ זייטיקן סאַלאָן פון דער שיף האָט ער באַלד געפונען אַן אָפּגעלעגן טישל וואו אַהין ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. אין דעם דאָזיקן קליינעם סאַלאָן איז זעלטן ווען עמיצער אַריינגעקומען. דער אַסטראָנאָם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן. אינם סאַלאָן איז געשטאַנען אַ קליינער ביבליאָטעק־אַלמער. קאַלען האָט אָנגעהויבן צו נישטערן צווישן די ביכער. ס׳רוב זענען עס געווען סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען. פּראָפעסאָר קאַלען האָט במשך זיין גאַנץ לעבן געהאַט אַ ווידערווילן צו דער שיינער ליטעראַטור. צווישן די ביכער האָבן אין שיף־אַלמער זיך געפונען געזאַמלטע זשורנאַלן. קאַלען האָט זיי געבלעטערט. פּלוצעם איז זיין אויג געפאַלן אויף גאַנצע זייטן מיט רעבוסן.

ער האָט די זשורנאַלן אַרויסגענומען פון דעם אַלמער. מיט זיי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. צום ערשט האָט ער זיך נאָר מיט אַן אויבנ־אויפיקער נייגעריקייט צוגעקוקט צו די צייכנס און ציפערן פון די רעבוסן. ער האָט זיי באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ. די הערגליפן הינטער וועלכע עס האָבן געשטעקט קאָמפּליצירטע לייזונגען פון געוויסע פראַגעס, — האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו רייצן דעם אַסטראָנאָמס אַלטע געוואוינהייטן. קאַלען האָט מיט זיין לאַנגער נאָז אַ שמעק געטון צו די חשבונות. דער וואָלף איז אַרויס פון וואַלד.

ער האָט פאַרגעסן, אַז אין די אומשולדיקע רעבוסן האַנדלט זיך נישט מער ווי אין אַ שפּיל פון אומבאַדייטנדיקע קלייניקייטן. נישט אין דעם גייט עס. עס איז געגוג געווען פאַרן אַסטראָנאָם, אַז עס זענען צייכנס פון קאָמ־פּליצירטע — לאָמיר זאָגן מכלומרשטע — פּראָבלעמען. אין דער פרעמד־קייט פון דער סביבה, וואו ער האָט זיך איצטער געפונען, — האָבן די צייכנס פאַר אים אויפגעלויכטן ווי ליבע היימישקייטן. קאַלענס געלע

ביינערדיקער פּנים האָט אַ שמייכל געטון. ער האָט זיך נישט געפילט מער אַזוי פּאַראייניזאַמט. ער האָט זיך אַ וויש געטון מיטן האַנט איבערן שפּיציקן געדרונצלטן קאָפּ־שאַרבן. האָט זיך געגומען פּאַרטיפן אין די רעטענישן. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער די זשורנאַלן, אָנגעהויבן פּרואוון אויפצופלאָנטערן דעם פאָדים פון די קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס. פּאַמעלעך האָבן זיך אים די רויטע האָר־בערגלעך אויפגעשטעלט איבער די טיפע אויגן־לעכער. די קליינע אייגעלעך, — וואָס זענען ביז אַהער אין די אויגן־לעכער געווען כמעט ווי געליימט און פאַרשלאָפן, — האָבן צוריק אָנגעהויבן זיך אָנצוצינדן. זיך צו באַוועגן ווי געררייצטע חיהלעך. קאַלענס בליקן האָבן אויפגעפרעסן דאָס געדרוקטע פּאַפּיר. די לייזונגען האָבן פאַר אים אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַרויסצוקריכן פון די ציפערן ווי ווערים פון מושלען. ער האָט זיי אויפגעכאַפּט מיט יענער זיסער פאַרשכורנדיקער ליידנשאַפט, מיט וועלכער ער האָט ליב געהאַט אויפצוכאַפּן די באַהאַלטענע וועלט־אמתן אין די פאָרמולעס פון דער מאַטעמאַטיק. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, די קאָסמישע אומענדלעכקייטן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין די שטויבן פונם אָבסערוואַטאָריום, האָבן זיך אים פלוצעם אַרויסגעוויקלט פון די חשבונות אין די זשורנאַלן. עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, — זיי פאָרן מיט אים מיט אויף דער שיף. וואַקסן זיך פונאַנדער אויפן טיש ווי קאַרליקעס אין געוועגדער פון פּאַיאַצן. זיי לאַכן. רייצן זיך מיט אים. וויגן זיך אויף די שטראַלן פון דער זון, וואָס שיינען אַריין דורכן פענצטער. און אָט — באַהאַלטן זיי זיך פונדאָסניי אין די חשבונות, און לאָזן זיך פון אים כאַפּן.

קאַפּיטל צען

די שעהען זענען געפלויגן, פּראָפעסאָר קאַלען האָט גאָרנישט געפילט ווי די שיף וויגט זיך אונטער אים. ער איז כסדר געזעסן טיף איינגעבויגן איבער די זשורנאַלן. די געלע אויסגעטריקנטע הויט איבערן קאָפּ־שאַרבן האָט ווידער אָנגעהויבן צו גלאַנצן. קאַלען איז געוואָרן פולקום רואיק. ס'איז אים געוואָרן לייכטער אויפן געמיט. די נישט־קלאָרע אויפגאַבן האָבן זיך פּאַמעלעך צונויפגעזאַמלט אין אַ סינטעטישער לייזונג. איינציקווייז איז אַלצדינג געוואָרן קלאָר. קלאָר און ווידערשפּרוכלאָז. קאַלען האָט געהאַט דאָס גליקזעליקע געפיל פון די צייטן, איידער ס'איז אויפגעקומען די מאָדערנע פיזיק.

ווען פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך גלייכגעבויגן האָט שוין געהאַט דער זייגער געשלאָגן צוועלף. אַלע אויפגאַבן זענען געווען געלייזט. דער אַסטראָנאָם איז געווען מיט זיך אויסטערליש צופרידן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער סאָפקע. נאָך לאַנגע חדשים האָט ער ס'ערשטע מאָל געשפּירט אמתן הונגער.

קאַלען איז אַרויסגעגאַנגען פונם סאַלאָן. דער קאָפּ איז אים נאָך לייכט פאַרנומען געווען מיט דעם אָפּקלאַנג פון די געלייזטע אויפגאַבן. ער איז זיך

אומבאַמערקט פֿאַרגאַנגען אין דעם לאַבירינט פֿון די שיפֿס־קאָרידאָרן. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסטרעפֿן. ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די שטאָקן, איבער וואָס אַמאָל נייע קאָרידאָרן און דורכגענג. מיטאַמאָל, ווי גאַנץ צופֿעליק האָט ער ערגעץ־וואו אַ שטופּ־אויף געגעבן אַ טיר.

פּראָפֿעסאָר קאַלען איז געבליבן שטיין פֿולשטענדיק צעטומלט.

פֿאַר זיינע בליקן, — וואָס זענען געוואוינט געווען מיט ווענט און מיט מויערן, — האָט פּלוצלונג אַ שלאָג־אויף געגעבן אַ שאַרפֿע און צוגלייך מילדע ווייטקייט. די וועלט האָט זיך פֿונאַנדערגעעפֿנט ווי אַ וואונדערלעכע און שמעקנדיקע פּרוכט. ס'איז געווען דער אָפֿענער ים. פּראָפֿעסאָר קאַלען איז אין די לאַנגע שטילע און פֿינצטערע נעכט געוואוינט געווען צו זען דורכן טעלעסקאָפּ די קאַלטע עטערישע ווייטקייטן פֿונם וועלטאַל. דאָס זענען געווען ווייטקייטן טויטע, גרויזאַמע ווי די שווייגנדיקע אייביקייט. עקסיסטענצן אָן פֿרישקייט און ריח. איבער־וועלטישע דימענסיעס. די ווייטקייט וואָס האָט זיך איצטער פֿונאַנדערגעוויקלט פֿאַר קאַלענס אויגן, האָט אים פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

די אָקעאַנישע ווייטקייטן זענען געלעגן אויסגעבעט אין איידל־בלויע האָריזאָנטן. די פֿולע הימלען זענען געווען ליכטיק. די זון האָט געשיינט און געבלענדט. די וואַסערן האָבן זיך געהויבן. זיך געשוימט אין דעם געפּעס פֿון די ימישע מרחקים. דער ים־שפּיגל, באַגאָסן מיט ליכט און שוים, איז געגאַנגען אין דער הויך. ער האָט שווער און פּאַמעלעך געאָטעמט. מעכטיקע פֿאַליעס האָבן זיך אַרויסגעוויקלט פֿון די שווער־צעוויגטע וואַסערן. זיך שוימיק צעגאָסן. דער ים האָט געברומט און געררוישט, ווי די וואַסערן וואָלטן אַרומגעלאָפֿן און געשריען אין די אָפֿענע לופֿטיקע האָריזאָנטן. שטאַרקע און פֿרישע ווינטן האָבן געבלאָזן. די „בראַצאַ“ האָט זיך פֿאָרויס באַוועגט. זיך שפּילעוודיק געוויגט איבער די פֿאַליעס.

קאַלען איז געבליבן שטיין. ער האָט געפֿינטלט מיט די קליינע אייגע־לעך.ברייט אויפֿגעריסן ס'מויל. דער ים־ווינט האָט אים אַרומגענומען דעם אַלטן אויסגעדאַרטן גוף מיט אַ מאָדנער יוגנטלעכער פֿרישקייט. דער ווינט האָט אים געפּיפֿן אין די טויבלעכע אויערן. אים געווייעט איבער דעם שפּיציקן קאָפּ־שאַרבן. די „בראַצאַ“ האָט זיך געוויגט איבער די צעגאָסענע פֿאַליעס. קאַלען איז געשטאַנען. זיך פֿעסט געהאַלטן ביי דער טיר. זיך מיטגעוויגט מיטן רוישיקן און וואונדערלעך יוגנטלעכן ריטם פֿון ים. קאַלען האָט זיך געפֿילט אויסטערליש. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, צי ער פֿילט זיך איצטער גליקלעך צי אומגליקלעך? פֿריילעך און לעבנס־לוסטיק, צי איינזאַם פֿאַרלאָזן? די וואַסערן האָבן זיך געשוימט. געשריען ווי אויפֿגעברויזטע לעבנס. קאַלען האָט פּלוצלונג געוואָלט אַנטלויפֿן צוריק אינם טונקעלן בויך פֿון דער שיף. ער האָט נישט באַוויזן זיך צו רירן פֿון אָרט. זיין בליק איז געווען ווי צוגעשמידט. דער ברייטער שיפֿס־דעק איז געווען פֿול מיט פּאַסאַזשירן. מ'האָט געשפּאַצירט, מ'האָט געלאַכט, זיך געשפּילט. געוואַרימט אויף דער זון. גאָר באַזונדערס האָט זיך געטומלט

די יוגנט און געשפּילט כלערליי ספּאָרט־שפּילן. די „בראַצאַ" האָט זיך געוויגט. דער ווינט און דער ים־רויש האָט איינגעהילט די מענטשלעכע קולות אויפן שיפס־דעק ווי אין לופטיקע זיך באַוועגנדיקע זעגל־טיכער.

פּראָפעסאָר קאַלען האָט זיך כסדר אָנגעהאַלטן פאַר דער טיר. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער חלומט. אַז עס איז איינער פון די קאָשמאַרן פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט. אַלצדינג איז אים פאָרגעקומען וואונדערלעך און פרעמד. ער האָט געוואָלט רעדן צו זיך — נאָר ער האָט נישט דערהערט זיין אייגן קול. אין זיינע טויבלעכע אויערן האָט שניידיק געבלאָזן דער שטאַרקער ווינט. דער ים האָט געראַשט ווי טויזנטער חיות וואָלטן געוואָיעט. קאַלען האָט אינסטינקטיוו געזוכט מיט די אויגן.

קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

די באַוועגונג אויפן שיפס־דעק איז געוואָרן וואָס אַמאָל פאַרביקער און לעבהאַפטיקער. קאַלען איז מיטאַמאָל ווידער געוואָרן אומעטיק. ער האָט זיך געוואָלט צוריקציען און צוריק אַראָפּגיין אינם שטילן איינזאַמען סאַלאָן. פונדאַסניי אויפזוכן אַלטע רעבוסן, וואָס ער זאָל אויפלייזן און פונאַנדער־פּלאָנטערן — און דערמיט צוריקגעפינען זיין גלייכגעוויכט און זיין רו. ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער שטאַרק אַ שמעק געטון מיט זיין לאַנגער נאָז אין דער ווינטיקער לופט אַריין ווי ער וואָלט וועלן זיך אָננעמען מיט מוט.

פּלוצעם האָט ער זיך אַ וואַקל געטון. עפּעס אַ האַרטלעכער געגנשטאַנד איז פון ערגעץ־וואו אָנגעפלויגן און אים לייכט אַ זעץ געטון אינם סאַמע שפּיץ פון זיין אויסגעקראַכענעם קאָפּ־שאַרבן.

פּראָפעסאָר קאַלען, וואָס איז כסדר געוואוינט געווען צו טראַכטן נייערט וועגן הימל־קערפּערס, האָט מעכאַניש אַ קלער געגעבן: אַ מעטעאָר... ס'איז געווען אַן אויבנאויפיקער רעפלעקס, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זיין געהירן פון פּשוטער געוואוינהייט. ער האָט זיך דערשראָקן אַרומ־געזען. אים צופוסנס האָט זיך געקאַלערט אַ קליינער טעניס־באַלעם. קאַלען האָט זיך פונדאַסניי שטאַרק צעפינטלט מיט די אויגן. זיך געפילט מאָדנע ראַטלאָז און אומבאַהאָלפן. ס'האָט נישט מער געדויערט ווי צוויי מינוט. עמיצער איז אויפדערגעשווינד אַ לויף־צו געגעבן צו קאַלענען. ער האָט דערהערט נעבן זיך אַ פרישע און זאַפטיק־קלינגענדיקע פרויען־שטימע:

— אַך, ס'טוט מיר ווירקלעך לייד. ענטשולדיקט מיר...

קאַלען האָט פּאַמעלעך אויפגעשלאָגן די בליקן.

קאַפּיטל עלף

נעבן אים איז געשטאַנען אַ שלאַנק יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן. זי האָט געהאַט רויטלעך־בלאָנדע האָר ווי די מאַדאָנעס אויף די בילדער פון אַלטע פלעמישע מייסטער. איר פּנים — לענגלעך־קינדיש מיט אַ פּאָר גרויסע און נאַאיוו־בלויע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אין דער בלויקייט

פון די מאָרגן־הימלען אַנהייב פרילינג. די ליפּן ליידנשאַפטלעך און פריש ווי אויפגעשניטענע טויאיקע עפּל. זי האָט געטראָגן אַ ווייס טעניס־קלייד. דער ווינט האָט געבלאָזן, געווייעט אַרום דער מיידלשער געשטאַלט ווי ער וואָלט זיך מיט איר געשפּילט. זי געוואָלט אַוועקטראָגן אין זיינע פאַלדן. דאָס מיידל האָט מיט אירע בלויע אויגן פריי געשמייכלט צום אַסטראָנאָם און אויף אים געקוקט מיט אַ זיסער שעלמישקייט.

— זשאַנעט, — האָט זי הויך געזאָגט איר נאָמען. — ס׳האָט אייך וויי־געטון, מאָסיע? — האָט זי נאָך אַמאָל געפרעגט.

— קאַלען, פּראָפעסאָר קאַלען... האָט דער אַסטראָנאָם קוים אַרויס־געשטאַמלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. צעמישט און אומבאַהאָלפן גע־שמייכלט. דערביי האָט ער שטאַרק געאָטעמט מיט דער לאַנגער נאָז. געקלאַפּט מיט די אַלטע וויכע ליפּן.

זשאַנעט איז געוואָרן דרייסטער. זי האָט אָפן און מיט אַ שמייכל באַ־טראַכט די הויכע אויסטערליש־אויסגעצויגענע פיגור פון פּראָפעסאָר קאַלען, זיינע אייגעלעך אין די טיפע אויגן־לעכער, זיין שפּיציקן שאַרבן־קאָפּ, וואָס האָט פון אויפרעגונג געגליט מיט אַ קרענקלעכער רויטקייט. מיט־אַמאָל איז זי אויפגעשפּרונגען. מיט איר קליינע האַנט האָט זי שטיפעריש און היימיש אַ גלעט געטון קאַלענען איבער דעם אויפגעשפּיצטן פליך:

— נו, איר וועט אַנטשולדיקן הער פּראָפעסאָר, ס׳איז געווען בלויז אַ קליינער טעניס־באַלעם, — האָט זי געזאָגט.

זשאַנעט האָט געמאַכט אַ קינדערשן קניקס, זיך פאַרנויגט פאַר קאַלענען און צוריקגעלאָפן צום טעניס־שפּיל.

קאַלענען האָט אַ ברי געגעבן פאַרן האַרצן ווי דאָס בלוט אין זיינע אָדערן וואָלט פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הייס זידיק וואַסער. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, — דער גאַנצער גוף זיינער איז אינעווייניק אָפּגעבריט געוואָרן און עס טוט אים וויי. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געפילט אַזאַ וווייטיקלעכע דערשיטערונג פון אַן אויסטערלישער גליק־זעליקייט. אינם קאָפּ האָט אים געשווינדלט ווי נאָך אַ שטאַרק־באַרוישנדיקן האַשיש. אויף דעם שפּיץ פון דעם פליך איז אים נאָך געלעגן דער וואונדער־לעך־ווייכער באַריר פון דער פרויען־האַנט. ס׳איז געווען אַ גליקזעליקייט, וואָס האָט אים כמעט ווי פיזיש וויי־געטון. אים דערפרישט — גלייך ווי אַ ניי יוגנטלעך לעבן וואָלט אים אויסגעוואַקסן אין די געבלוטן. ער האָט געגלויבט, אַז אַרום שמעקט עס מיט פרילינג. דער ים רוישט ספּעציעל לכבוד אים. די פאַליעס צעפאַלן פאַר זיינע אויגן אין ליכטיקן שוים. די שיף וויגט אים צו אין דער וואונדערלעכער גליקזעליקייט. די ווינטן הילן אים איין ווי אַ קינד. די ווינטן גלעטן אים און באַרירן כסדר דעם שפּיץ פון זיין פליך. — ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט דער אַסטראָנאָם געפילט ווי מ׳קאָן גליקלעך זיין פון אַ באַריר פון אַ האַנט. עס זענען מיטאַמאָל אים געקומען אויפן זינען די פעטע פליישיקע ליפּן פון ד״ר בערטיע. ליפּן, וואָס זענען אים אַרומגעקראָכן ווי צוויי פעטע מייז אויפן קאָפּ־שאַרבן. ס׳איז אויך געווען

אַ צערטלעכער קוש פון אַ צווייטן מענטש, וואָס האָט ס׳ערשטע מאָל זיך צוגערירט צו קאַלענס גוף. אַ גוף אויסגעטריקנט און איינזאַם אויף גאָר דער וועלט. אַ גוף, וואָס האָט נאָך קיינמאָל אויף זיך נישט געפילט קיין הויך פון מענטשלעכער וואַרעמקייט. אָבער דער ריר פון דער פרויען־האַנט איז געווען עפּעס אַנדערש. גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען דער שטילער הויך פון אַ גרויס אומבאַקאַנט גליק.

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז קאַלען איז קיינמאָל נישט גליקלעך געווען. ער דערמאָנט זיך איצטער אין אַן אַנדער גליק. אַ קאַלטע אויסגעשטערנטע נאַכט. ער איז געזעסן איינער אַליין צווישן די שטומע טונקעלע ווענט פונם אָבסערוואַטאָריום און געקוקט דורכן טעלעסקאָפּ. ער איז געזעסן איינזאַם. ווייט פון דער וועלט. ער איז געזעסן אויג־אויף־אויג מיט דער ביינאַכטיקער אומענדלעכקייט. פון דער תהומלאָזער אומענדלעכקייט האָט אים אַנטקעגן געגרינצט די טויטע, פינצטערע און פּראָסטיקע קעלט פון דעם אייביקן. ער האָט געגישטערט. געזוכט. געדעכנט. אין דער זעלבער נאַכט האָט ער אַנדעקט אַ נייעם שטערן, וואָס האָט זיין נאָמען באַקאַנט געמאַכט אין דער וויסנשאַפט. אויך אין יענעם מאָמענט פון דער אַנדעקונג האָט ער זיך געפילט שטאָלץ און גליקלעך. דאָס קאַלטע און שטאָלצע גליק פון רום און נישט־פאַרגענגלעכקייט. די וועלט־תהומות האָבן אין גרויזאַמען שווייגן אים אָקעגן געטראָגן דעם רום פון זיין נאָמען. ס׳איז דאָס גליק פון פון די געטער.איצט דוכט זיך אים אויס, אַז דאָס שטאָלצע גליק פון רום גלייכט זיך גאָרנישט צו דעם טיפן אומבאַקאַנטן גליק, וואָס האָט אויף אים אויסגעשפּרייט די קליינע פרויען־האַנט. אַלע אומענדלעכע צייטן זענען נישט אין שטאַנד זיך צו פאַרגלייכן מיט אָטאָ דער וואונדערלעכער רגע.

קאַלען האָט געפילט — די אויגן ברענען אים. ער איז נישט בכוח זיך צו האַלטן אויף די פיס. אין זיינע טויבלעכע אויערן האָבן ווילד געבלאָזן די ווינטן. דער ים האָט געראַוישט. די „בראַצא״ האָט זיך ריטמיש געוויגט איבער די בלוילעך־גרויע ווייטקייטן.

קאַפּיטל צוועלף

אין מיטן דרינען פון דער דערציילונג גיסט זיך דער מחבר פונאַנדער מיט פּאַטעטישע געפילן וועגן דער ליבע.

זינט עס דערלאַנגט דאָס געדעכעניש פון מענטשן איז די ליבע געווען דער וואונדערלעכסטער סוד פון לעבן. פון די דריי טונקלסטע אייביקייטן פון דעם וועלט־וועזן, — גאָט, טויט און ליבע — איז די ליבע די טיפסטע און די טונקלסטע אייביקייט. ליבע! אָט דוכט זיך האָבן מיר זי אין דער האַנט. מיר האָבן זי אָפּגעריסן פון לעבנס־בוים ווי אַ ווייסע איידעלע קווייט, — אָט — פאַרווייעט זי ווידער ווי ווינט און שוים. ווי אַ הויך, ווי אַ חלום —

וואָס איז ליבע?

פרעג דעם לבנה־שטראַל, וואָס ציטערט אויף אַ בלאַט אין אַ שטילער זומער־נאַכט. ציטערט און פאַרשווינדט. פרעג דעם שאָטן פון אַ וואָלקן וואָס שוועבט איבער אַ בלויען וואַסער־שפיגל. פרעג די איינזאַמע מעווע, וואָס וויגט זיך אויף אַ זעגל־בוים. פרעג די פּאַליעס, וואָס טויכן אויף פון די אָפּ־גרונטן. פרעג דעם ווינט, וואָס בלאָזט אויפן ים. פרעג דעם פויגל, וואָס האָט זיך אַ מידער אָפּגעשטעלט אויפן דאַך. פרעג די טעג וואָס זענען פאַרגאַנגען. פרעג די נעכט וואָס פאַרבלאָסן אין מאָרגן־רויט. פרעג די האָפענונגען וואָס זענען צערינען. פרעג די שמייכלען אויף די פּנימער פון קינדער נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך גוט אויסגעוויינט.

פרעג די פרייד. פרעג דעם טרויער. —

אַלצדינג איז זי, די ליבע. אומעטום איז זי, די ליבע — און איז אין ערגעץ נישט.

די ליבע איז ווייטער און אומבאַקאַנטער ווי גאָט אין די הימלען. זי איז אומבאַקאַנטער ווי די טונקעלע גופים פון אויסגעלאָשענע שטערן. דאָך — טייל מאָל טרעט זי גאָר נאָענט פון אונז. מיר הערן מיט אונזערע אויערן דעם שאָרך פון אירע געווענדער — ווען זי שוועבט פאַרביי. מיר פילן אויף אונזערע באַקן איר אָטעם.

דו האָסט זיך געפּעדערט אין באַגינען. האָסט זיך געשטעלט אויף אַ שייד־וועג און אָפּגעוואַרט די ליבע. דו האָסט זי אויסגעקוקט ווי מ׳קוקט אויס דעם בושל אין אָנהייב פרילינג. —

זי איז נישט געקומען.

טייל מאָל — דו האָסט שוין פאַרגעסן אַלע האָפענונגען. אַלע חלומות זענען דיר פאַרבלייכט געוואָרן ווי די שטערן וואָס לעשן זיך. דו האָסט זיך אָוועקגעזעצט אינם טונקעלן געצעלט פון דיין איינזאַמקייט — שטיל געוואַרט אויף דער לעצטער שעה וואָס זאָל דיך אָוועקרופן און אויסבלאָזן דעם קנויט פון דיין לעבן. דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן. געוואַרט. פּלוצלונג האָט עס שטיל אָנגעקלאַפּט ביי דיין אומעטיקער טיר.

די ליבע האָט שטיל אָנגעקלאַפּט ביי דיין טיר. זי האָט אַרויסגערופן דיין נאָמען פון דער איינזאַמקייט.

שטילער פון אַלע שטילקייטן איז געווען דער קוש, וואָס די ליבע האָט דיר אַ קוש געטון אויף דיין מידן שטערן.

דו אַליין ווייסט נישט פאַרוואָס דו ביזט דער געלייטזעליגטער —

די ליבע איז געשטאַנען פאַר דיין טיר אינעם געשטאַלט פון אַ וואונדער־לעכער יונגפרוי. אויף אַ זילבערנעם טעלער האָט זי דיר אָקעגן געטראָגן אַלע זונען.

עס שטייט אַ גרויסער בוים אויפן פעלד. פול מיט זאַפטן זענען זיינע וואָרצלען. גרין איז זיין שטאַם פון בלעטער. ס׳ציען אָן איבער זיין קאָפּ שוואַרצע כמאַרעס. ס׳טראָגט זיך אָן ס׳געוויטער. ס׳קומט דער דונער און דער שטורעם־ווינט און רייסן אים אויס, דעם בוים. רייסן אים אויס מיט די וואָרצלען.

אַן אַנדער בוים, אַ טרוקענער בוים, באַדעקט זיך מיט בליטן און בלעטער. די בעכערס פון זיין שטאַם פילן זיך אָן מיט די געטראַנקען פון דער וועלט.
ס'איז די ליבע.
וואָס איז די ליבע?
פרעג די איינזאַמע מעווע, וואָס וויגט זיך אויפן זעגל־בוים. פרעג דעם לבנה־שטראַל אין אַ שטילער זומער־נאַכט. פרעג דעם שאָטן פון אַ וואָלקן וואָס שוועבט פאַרביי איבער אַ בלויען וואַסער־שפיגל.

קאַפּיטל דרייצן

התנצלות פון מחבר. קאַלען האָט פּנטאַסטיישע חלומות.

קעגן אַלע אָנגענומענע כללים פון דער דערציילערישער קונסט האָט דער מחבר איבערגעריסן דעם לויף פון די געשעעניש מיט אַן אויסגאָס פון געפילן וועגן ליבע בכלל און וועגן איר וועזן. דער קריטיקער וועט עס זיכער אויפשרייבן אויפן חשבון פון מחברס אומבאַהאָלפנקייט צו שילדערן דער־ציילערישע געשעעניש, זיי קאָנסטרוקטיוו צו מאָטיווירן. דאָ וועט דער קרי־טיקער נישט גערעכט זיין. דער מחבר האָט עס דורכאויס געמוזט אַזוי טון, כדי איבערצוגעבן דעם לייענער די אויסטערלישע געמיט־שטימונג, וואָס האָט באַהערשט דעם אָרעמען אַסטראָנאָם זינט דער צופעליקער באַגעגעניש מיטן מיידל. אַ שטימונג, וועגן וועלכער קאַלען אַליין האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, נישט געוואוסט דערפאַר קיין נאָמען.
מיט וואָס זאָל עס דער מחבר מאָטיווירן? ליבע? ס'וואָלט געווען אי לעכערלעך אי נאַאיוו־ראָמאַנטיש דאָס אומהיימלעך־גליקזעליקע געפיל, — וואָס האָט קאַלענס געבלוטן פול געמאַכט ווי אַ פאַרנעפּלדיקער רויש, — אָנצורופן ליבע. קאַלען וואָלט זיך פאַרשעמט ווען מ'וואָלט אים זאָגן, אַז ער איז פלוצעם מיט אַמאָל, — ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, דערצו אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן פאַרליבט. ער וואָלט עס זיכער געלייקנט. קאַלען — פאַרליבט? מיט וואָסערע האָפענונגען און אין וועמען? צופעליק האָט אים אַ טעניס־באַלעם אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ אַריין. די טעניס־שפּילערין, — וואָס האָט אומפאָרזיכטיק דעם דאָזיקן באַלעם געוואָרפן, — האָט אים געבעטן אַנטשולדיקונג און דערביי אים לייכט אַ גלעט געגעבן איבערן אויסגע־קראָכענעם קאָפּ־שאַרבן. נו? איז וואָס־זשע וואָס אַלטער נאַר? דאָס מיידל האָט זיכער שוין פאַרגעסן דעם צופעליקן צווישן־פאַל. זי וועט אים, קאַלענען, שוין אפילו נישט דערקענען. ווי נאַאיוו איז די דאָזיקע איינציקע מינוט אָנצורופן ליבע.
דאָך איז קאַלענס האַרץ פול מיט אַ וואונדערלעכער אומרואיקייט. זיינע געדאַנקען זענען ווי אין אַן אומבאַשטימטער דערהויבנקייט. דעם ריר פון איר האַנט טראָגט ער נאָך אויפן קאָפּ ווי אַ נישט־אָנזעעוודיקע קרוין.
קאַלענען האָט זיך אויסגעדוכט, — אינעווייניק אין אים האָט זיך עפּעס געעפנט. ער ווייסט אַליין נישט וואָס.

די „בראצא״ האָט זיך געוויגט איבער די ימישע פּאַליעס. קאַלען האָט אַ צעמישטער זיך אַרומגעדרייט איבער די שיפס־קאָרידאָרן, — און מער זיך נישט געוויזן אויפן דעק. ער האָט נישט באַוויזן אויפצופלאָנטערן קיין שום רעבוסן. ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. ס׳האָבן זיך ווידערגעקערט די שווערע שלאָפלאָזע נעכט. פונדאָסניי זענען אָנגעקומען די קאָשמאַרן ווען ער האָט נאָר געפּרוווט איינצושלאָפן. ס׳האָבן זיך אים געחלומט מאָדנע חלומות.

ס׳האָט זיך אים געחלומט: אַ העלע לבנה־נאַכט אויף אַ פרילינג־לאַנד־שאַפט. אַ סך ווייס־צעבליטע עפּל־בוימער. רוישנדיקע וואַסער־קוואַלן. לינדע ווינטעלעך בלאָזן איבערן בלייכן גראָז. עס שמעקט מיט טוי און מיט פייכטע ערד. אַ פליט שפּילט שטיל און בענקשאַפטלעך. די לבנה הענגט אויף אַ בוים און ווינקט צו אים שעלמיש אַראָפּ. רופט אים. ער, קאַלען, רייט אויף אַ העל־ליכטיקן וואָלקן. ער רייט צו צו דער זילבערנער צעשמייכלטער לבנה. ער איז אינמיטן אין די טונקעלע נאַכט־הימלען, ער רייט און פאָכעט מיט אַ קינדער־בייטשל.

אין אַן אַנדער נאַכט האָט ער געהאַט דעם פאָלגנדיקן חלום:

ער גייט איינער אַליין אין אַ טיפן און איינזאַמען וואַלד. די ביימער שאָקלען זיך און שיטן אים אַראָפּ אויפן קאָפּ אַ סך, אַ סך טעניס־באַלעמער. אַ יונגפרוי קומט אַן ראַש צופליען פון אַ בוים. זי נעמט אים אַן פאַר דער באַהאַרטער אויסגעדאַרטער האַנט. פירט אים אַרויס פון וואַלד. פירט אים ערגעץ אַוועק. ערגעץ אַוועק.

דאָ איז קאַלען אויפגעוואַכט.

קאַפּיטל פערצן

די פּאַסאַזשירן פון דער שיף „בראַצאַ״ גרייטן צו אַ מאַסקן־באַל. זשאַנעט בעט קאַלענען אַנטייל צו נעמען אין דעם באַל.

ווידער זענען פאַרגאַנגען טעג. די „בראצא״ האָט זיך דערנענטערט צו די אַרקטישע ימים.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייסע נעכט.

די טעג האָבן זיך געצויגן אַריבער איבער די זומערדיקע נעכט. שפּעט אַזייגער צען אין די ביינאַכט־שעהען זענען די צפון־טעג געוואָרן בלאַסער און בלאַסער. דאָס ליכט אינעווייניק אין זיי האָט פאַמעלעך אויסגעטריפט ווי גאָלדענער ווייַן פון בלייכע זיידענע לאָגלען. אין די הימלען, אין די שטילע לופטן און אויפן פולן זיך־וויגנדיקן און שוימיקן ים זענען די טעג געבליבן הענגען שוואַכע און אויסגעהויכטע. טויטע געשטאָרבענע טעג האָבן אָנגע־פילט דעם שטילן חלל פון דער וועלט. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט גע־קאָנט אויסלעשן — און זיך געוויגט. זיך מיד געוויגט איבער די ים־־וואַסערן. דער בלאַסער נאַכט־טאָג האָט זיך אויסגעמישט מיטן שוים און צעפלאָסן

איבער די וואַסער־תהומות. די בלאַס־ווייסע אָוונטן האָבן רואיק געשוועבט און געדעמערט איבער די אָפענע צפון־ימים ווי גרויסע וועלט־אומעטן.

אַ רויטלעכע קילע זון קייקלט זיך שווער איבער די מעריב־האָריזאָנטן. זי טונקט זיך. טונקט זיך אין די בלאַסע ים־וואַסערן. קאָן נישט אונטערגייען. די הימלען זענען לייכטע און רויטלעך־בלויע. וואונדערלעך איידל און וואונדערלעך דורכזיכטיק ווי דאָס צניעותדיקע און שטיל־גאָלדיקע בלוי אויף די בילדער פון פראַ־אַנדזשעליקאָ.

אין די ווייסע נעכט איז די „בראַצאַ״ געשוואומען מיט נישט אָנגעצונדענע ליכטער. אין אַלע קאַבינעס אַריין האָט אומהיימלעך־אומעטיק אַריינגעקוקט דער בלאַסער נאַכט־טאָג. אויף דער שיף איז שטילער געוואָרן. אין די אָוונטן האָט מען נישט געשפּילט די געוויינטלעכע שיף־שפּילן.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געזאַמלט אויפן שיף־דעק. שווייגנדיק באַוואונדערט די ווייסע אַרקטישע נעכט.

מ'האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס איז געקומען דער אויסטערלישער געדאַנק צו מאַכן אַ גרויסן מאַסקן־באַל אין איינעם פון די בלאַסע טאָג־נעכט וואָס זענען כסדר געוואָרן ווייסער און ווייסער, וואָס מער די „בראַצאַ״ איז אַרויסגעשוואומען צו צפון צו.

אַלע שיפס־פּאַסאַזשירן האָבן מיט ליידנשאַפטלעכער נייגעריקייט אויפגעכאַפּט דעם געדאַנק.

אַ מאַסקן־באַל אין די ווייסע אַרקטישע נעכט, — ווי אויסטערליש און ווי אָריגינעל!

די „בראַצאַ״ האָט זיך געוויגט. געשוואומען כסדר העכער צום צפון.

די מיידלעך און די פרויען האָבן אָנגעהויבן אין די קאַיוטעס צו נייען קאָסטיומען פאַרן מאַסקן־באַל. מ'האָט זיך געסודעט און געשושקעט מיט די מאַנסבילן. ס'האָט געזאָלט זיין אַ גרויסער באַל מיט מאַסקן־צוגן, מיט מוזיק און טענץ און פּרייזן, — דעריבער האָט מען זיך אויסגעהיט איינער פאַרן אַנדערן. די קאָסטיומען האָט מען אויפגענייט און צוזאַמענגעשטעלט בסוד.

קאַפּיטל פופצן

אין איינעם פון די שיפס־קאָרידאָרן האָט זשאַנעט ווידעראַמאָל אָנגעטראָפן דעם פּראָפעסאָר קאַלען.

זי האָט געזאָגט הויך מיט איר יוגנטלעכע זאַפטיק־קליגנדיקע שטימע:

— נו, הער פּראָפעסאָר, איר האָט שוין פאַרטיק אייער קאָסטיום אויפן מאַסקן־באַל?

קאַלען איז געבליבן שטיין פאַרלוירן. ער האָט אומבאַהאָלפן געפינטלט מיט די אויגן. די רויטע האָר־בערגלעך האָבן זיך אים אויפגעשטעלט איבער די אויגן־לעכער. זשאַנעטס קול האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין ווי אַ שטראָם ליכט.

— אַ מאַסקן־באַל... וואו אַ מאַסקן־באַל? האָט ער קוים אַרויסגערעדט און איך איר נישט דרייסט געקוקט.

קאַלען האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג פון דעם מאַסקן־באַל וואָס גרייט זיך.

זשאַנעטס העלע אויגן האָבן אויף אים מוטערלעך געקוקט. קאַלען האָט ווידער דערפילט אין זיך די אומהיימלעכע גליקזעליקייט. זשאַנעט האָט זיך צעלאַכט.

— נו, איר ווייסט גאָרנישט, הער פּראָפעסאָר, פון דעם גרויסן מאַסקן־באַל וואָס מיר גרייטן דאָ צו פאַר דער ווייסער אַרקטישער נאַכט? — האָט זי געפרעגט — זייער נישט שיין פון אייער זייט, הער פּראָפעסאָר, וואָס איר ווייסט נישט פון דעם אַלצדינג וואָס ס'טוט זיך אויף דער שיף. מיר איז איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק — האָט זשאַנעט פונדאַסנײַ אָנגעהויבן און שעלמיש געשמייכלט צו קאַלענען. אויף אים וואַרימלעך געקוקט — איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן, הער פּראָפעסאָר?

אויפן געראונצלטן און ביינערדיקן פּנים פון קאַלענען האָט זיך אויסגעגאָסן אַ שעמעוודיקע רויטקייט. ער האָט שטאַרק געאָטעמט מיט דער לאַנגער נאָז. געציטערט מיט די ווייכע ליפּן.

איך אָפּזאָגן, פריילײַן... האָט ער קוים אַרויסבאַקומען עפּעס צו זאָגן.

זשאַנעט איז געוואָרן לעבהאַפטיקער און אים אָנגענומען פאַרן אָרעם.

— אָפּגעמאַכט, טייערער פּראָפעסאָר, גוטער און ליבער פּראָפעסאָר. ווי וואונדערלעך מיר וועלן זיין אַלס פּאָרל! — האָט זי פריילעך אויסגערופן — מיר איז איינגעפאַלן אַ גרויסאַרטיקער פּלאַן פאַר קאָסטיומען. מיר וועלן זיכער באַקומען דעם ערשטן פּרייז. ליבער הער פּראָפעסאָר, כ'וואָלט אייך אַ קוש געטון פאַר פרייד. זשאַנעט האָט קינדיש געפּאַטשט מיט די הענט און דערביי לייכט קאַלענען אַ גלעט געטון איבערן שטערן.

קאַלענען האָט באַגאָסן אַ קאַלטער שוויס. אין האַלז האָט אים געדריקט אַן אויסטערליש גוט און טונקל געפיל. ער האָט שטאַרק געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס טון כדי פּלוצלונג נישט אַוועקצופאַלן. אים איז פאָרגעקומען גלייך ווי זיינע דאַרע אַלטע הענט הייבן מיט אַמאָל אָן צו וואַקסן. זשאַנעט האָט אים אָנגעהאַלטן פאַרן אָרעם און געצויגן מיט זיך אין ווייטערן קאָרידאָר אַריין.

— ס'וועט זיין שיין, הער פּראָפעסאָר, — האָט זי געזאָגט — ס'וועט זיין וואונדערלעך שיין. מיר מוזן זיך נאָר דאָ ערגעץ אויסבאַהאַלטן, כדי איך זאָל אייך קאָנען אַראָפּנעמען די מאָס. האָט זשאַנעט קאַלענען געפּליסטערט אין די טויבלעכע אויערן אַריין.

קאַלענען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז יינגער געוואָרן מיט אַ סך אַ סך צענדליקער יאָרן. די האָר שפּראָצן אים צוריק אַרויס אויפן פּליך. די צייט האָט פאַרקירעוועט איר לויף. פליסט אויף צוריק. אים האָט זיך אויסגעדוכט — ער, קאַלען, פילט אויף זיך די פרישקייט פון אַ לינדן ווינט. ער זיצט אויף אַ שטערן און שוועבט מיט אויף צוריק מיטן שטראָם פון דער צייט. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געוואָלט זינגען. ער האָט אַליין נישט באַמערקט ווי אַנשטאָט אַ מעלאָדיע איז אים פון זיינעם האַלז אַרויסגעקומען אַן אומהיימלעכע הייזעריקייט ווי אַ געקראַך פון אַ קראָ.

קאַפּיטל זעכצן

דער מאַסקן־באַל. דער אַסטראָנאָם קאַלען אַלס סאַטיר.

אין דער נאַכט, אויף וועלכער ס׳איז באַשטימט געוואָרן דער מאַסקן־באַל, האָט זיך די „בראַצא" דערנענטערט צו די ברעגעס פון שפּיצבערגן. ס׳איז שוין געווען דאָס פולע אײַז־מעער.

די זון איז מער נישט אונטערגעגאַנגען במשך דעם גאַנצן מעת־לעת און אין ווייסער ליכטיקייט געקרייזט אין די האָריזאָנטן. איבערן וואַסער האָבן געבלאָזן שאַרפע און קאַלטע ווינטן. פון די שוימיקע פּאַליעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן בלוילעכע שטיקער אײַז ווי קאַלטע פּאַרמלאָזע ים־רוחות. דאָס בלויקייט פון די הימלען איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער און אײדעלער. העלער און גאָלדיקער. יונגפרוילעכער.

די „בראַצא" איז געשוואומען. די אײַז־בערג פון דעם אינזל שפּיצבערגן האָבן זיך וואָס אַמאָל מעכטיקער און זילבערנער אַרויסגעשיילט פון די ים־ווייטקייטן. פון דעם קאַלטן אַרקטישן ים האָט די אינזל אויפגעטויכט אין דעם וויסטן און מאַיעסטעטישן פּראַכט פון אירע פעלזן און גלעטשער־בערג. זיי זענען געלעגן און זיך געטורעמט אין מיטן צעוויגטן אָקעאַן ווי אַ קייט אַלטע פאַרפרוירענע און מיט שניי באַדעקטע חורבות. חורבות פון אויסגע־שטאָרבענע און געשפּענצטערהאַפטיקע פּאַלאַצן און פּאַרמהאַפטיק־אויסטער־לישע גאָטישע קאַטעדראַלן. דער ים האָט געשוימט און געשפּריצט ווי ער וואָלט זיי געוואָלט צודעקן מיט זײַנע בלאַסע וואַסערן. דאָס וואונדערלעכע אַרכיטעקטאָנישע טויטן־בילד פון פעלז און אײַז האָט זיך אײַנזאַם און פאַרלאָזן פונאַנדערגעוויקלט אויפן צעשטורעמטן רוקן פון די אַרקטישע אָקעאַנען. וואָלסט געזאָגט: אַ פאַרגליווערטע ווייסע פאַטא־מאָרגאַנאַ האָט זיך אָפּגע־ריסן פון ערגעץ־וואו. אומבאַקאַנטע וועלטן — וואָס האָבן שוין לאַנג אויס־געהויכט זייער לעבן — האָבן אַקעגן געבלאַנדזשעט דער „בראַצא" איבער די וואַסערדיקע ווייטקייטן. וואָס מער די שיף האָט זיך דערנענטערט צו דעם אינזל, אַלץ בולטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוזען די אינזל־בוכטעס. זיי האָבן אַרויסגעשטאַרט אין ים אַריין ווי אומגעהויערע און אויסטערליש־אומגעלומפּערטע לאַפּעס. ס׳האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן די צעשפּאָלטענע קאַלט־בלויע אײַז־ווענט פון די גלעטשערס. טיפע און קאַלט־בלויע אײַז־ווענט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, — דאָרטן האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אָפּגעריסענע שטיקער פון אַלטע הימלען. געוועזענע און פאַר־גאַנגענע זוניקע טעג, וואָס ווילן נישט פאַרשווינדן, האָבן זיך אין זייער שטילער אײדעלער בלויקייט פאַרשלאָסן אין די מעכטיקע און דורכזיכטיקע אײַז־מאַסן.

די אַרקטישע זון האָט זיך ווי אַ ליכטיקע שיף שווער געקײַקלט אין די האָריזאָנטן איבער דעם אינזל. אויף דעם אינזל איז געלעגן דער ווייסער אַרקטישער טאָג, לײַכט אַרומגעזוימט מיט די טונקעלע שאָטנס פון די בערג־

שפּיצן. דער ים אַרום די ברעגעס האָט היהש געברומט. זיך געגאָסן איבער די פעלזן. זיך געוויגט. זיך געפּאַליעט.

דאָ האָט די „בראַצאַ" מיט אַמאָל אויסגעשאָסן.

די ווייטקייטן — ווי עמיצער וואָלט אָנגעקלאַפּט אין זייערע טירן — האָבן טויב אָפּגעהילכט. די האָריזאָנטן האָבן אויפגעלעבט. נאָך אַ קורצער פּויזע האָבן די בערג אויפן אינזל אָנגעהויבן אָפּצוענטפערן מיט הוילע עכאָס. ס'האָט אויסגעקוקט — ווי דאָס גאַנצע אינזל וואָלט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט פון איר טיפער אומהיימלעכער שטילקייט און זיך צעטרייסלט. אויך פון די בערג־שפּיצן, פון די אייז־בערג, פון די געשפּענצטערישע פאָרמ־האַפּטיקייטן פון די טויטע פּאַלאַצן און קאַטעדראַלן, האָט מען צוריקגעשאָסן מיט די אומהיימלעכע אַנדער־וועלטישע עכאָס. די עכאָס האָבן זיך וואָס אַמאָל ווייטער צעשיט איבער די האָריזאָנטן און זיך אויסגעמישט מיטן געברום פונעם ים.

די אינזל איז צוריק שטיל געוואָרן. די עכאָס האָבן זיך פּאַמעלעך געלאָשן איבער די גילדענע בלויקייטן פון דער ווייטקייט און איבער דעם שוים פון די פּאַליעס. — מיט אַמאָל האָט אויפן דעק פון דער „בראַצאַ" אַ שפּיל־אויף געטון די מוזיק. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסקן־באַל.

די מוזיק האָט געשפּילט דעם אויפמאַרש פון מענדעלזאָנס „חלום פון אַ זומער־נאַכט".

דאָס פּובליקום, יומטובדיק אָנגעטון, האָט זיך אין צוויי לאַנגע שורות אויסגעשטעלט אויפן דעק. ס'האָבן שאַרף אַ בלאָז געטון פאַנפאַרן. די טירן פון די סאַלאָנען האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט.

אונטער די קלאַנגען פון מענדעלזאָנס מוזיק — וואָס האָט ווי אַ פאַנטאַסטיש בענקשאַפטלעכער ריטם געשוועבט אין מיטן דעם געברום פון ים, האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסקן־צוג.

קאַפּיטל זיבעצן

די מאַסקעס האָבן זיך איינצלנע און פּאָרלעכווייז אַרויסבאַוועגט פון די צעעפנטע טירן. די „בראַצאַ" האָט זיך געוויגט. די מאַסקעס זענען פּאַמעלעך געגאַנגען איבערן דעק. זיי זענען געגאַנגען מיטן ריטמישן טאַקט פון דער „זומער־נאַכט־חלום" מוזיק. ס'איז געווען אַ רייכע און שפּעדיקער אויסוואַל פון מאַסקן־פיגורן. פּיעראָס, פּאַיאַצן און קאָלאָמבינעס. פאַרשיידענע קאָמישע און קאַריקאַטורעלע געשטאַלטן פון דער וועלט־געשיכטע און פון דער וועלט־געגנוואַרט. קאַריקאַטורן פון אַלערליי געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און שטאַנדן. קאַריקאַטורן פון פּיקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון דער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. סטיליזירטע עופות און חיות אין מענטשלעכע געשטאַלטן. אונטער־וועלט־טיפּן, בעטלערס, מוזיקאַנטן און לאַנד־קנעכט, הויף־זינגער, קאַטערינ־שטשיקעס מיט שפּיל־קאַסטנס, קונצנמאַכער און אַקראָבאַטן, געפאַנגענע וואָס זענען כלומרשט געווען געשמידט אין קייטן, תלינים אין רויטע געווענ־

דער, אין טיראָלאַנישע מאַסקעס און אין די הענט — לאַנגע העק פון האָלץ און קאַרטון. קלאָונס מיט האַלב־טרויעריקע און האַלב־לאַכנדיקע ווייס־געשמינקטע פּנימער. מלכים און מלכהס אין קעניגלעכע געוואַנדער און מיט פּאַפּירענע קרוינען אויף די קעפּ. הויף־דאַמען און הויף־לצים. קורטיזאַנעס און גאַסן־פּרויען. פּאָעטן, נאַראָנים און פילאָזאָפן. טענצער און טענצערקעס. לאָמפּנלעשער און גאַסן־קערער. אויסרופער, פּאָליציאַנטן און פאַקל־טרעגער. מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיטאָרן און ריטער האָט מען פייערלעך געטראָגן אין צוג. מען האָט זיי געטראָגן אויף קאָמבינירטע וועגענער צוזאַמענגעשטעלט פון מאַסקירטע מענטשלעכע פיגורן. ס׳איז געווען זייער אַ מאָלעריש־רייכער און פאַרביק־האַרמאָנישער צוג פון מאַסקעס און קאָלירן. דער צוג האָט זיך ריטמיש און גראָטעסק געצויגן איבערן דעק ווי אַ פאַנטאַסטישע פּאַנטאָמינע.

די מענדעלזאָנישע מוזיק איז בענקשאַפטלעך געפלאָסן. פון די טירן האָבן זיך אַרויסגעשיט מאַסקעס און מאַסקעס.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ באַוויזן־געטון אַ ניי מאַסקן־פּאָרל.

קאַלען און זשאַנעט.

קאַלען איז געגאַנגען אָנגעטון ווי אַן אַנטיקער גריכישער סאַטיר. ער איז געווען כמעט ווי האַלב נאַקעט. זיין לאַנגער, אויסגעצויגענער, אויסטערליש־דאַרער און טונקל־באַהאָרטער גוף אין אַ געשפּרענקלטן פעלאיבערוואָרף — האָט זיך לייכט געוויגט, גלייך ווי ער — דער מאַסקירטער סאַטיר — וואָלט זיך געווען געפונען אויף אַ בויגיקן נישט־אָנזעעוודיקן בוים. דער געלער אויסגעקראָכענער קאָפּ־שאַרבן איז אים געווען אַרומגענומען מיט אַ קראַנץ פון גרינע וויין־בלעטער. אַ פּאָר דיקלעכע באָק־הערנער האָבן קאַלענען אַרויסגעשטאַרצט פונעם ברייטן פילאָזאָפישן שטערן. דער שפּיץ פון קאַלענס קאָפּ־שאַרבן האָט זיך איצטער נאָך בולטער און גראָטעסקער אָפּער געהויבן פונעם באַקראַנצטן און באַהאָרנטן שטערן. זיינע אַנטבלויזטע דינע און מיט שמוציקע האָר באַוואַקסענע פיס, — אין פּאַפּירענע פּאַנטאָפל — צוגעשניטן לויטן געשטאַלט פון באָק־קאָפּיטעס, — האָבן ציטערדיק געטענצלט אונטער קאַלענס גוף ווי זיי וואָלטן אים האָפּערדיק געטראָגן אין מאַסקן־צוג. דאָס פּנים איז קאַלענען געווען באַגאָסן מיט אַ פעטלעך־צופרידענע און אומסימפּאַטישע רויטקייט. די ווייכע אָפּענע ליפּן האָבן אומבאַהאָלפן און מאַכטלאָז זיך געשאָקלט. פונעם פינצטערן מויל איז אים נאָס און ליידנשאַפטלעך אַרויסגעהאַנגען אַ שפּיץ פון אַ רויטער צונג. נעבן קאַלענען איז זשאַנעט געטראָטן אין לייכטן ריטמישן שריט. זי איז געווען אָנגעטון ווי אַ נימפע. איר ווייס מיידליש לייב האָט מיט אַ שטילער באַהאַלטענער ליכטיקייט אַרויסגעשימערט פון די העל־גרינע טיולן און שלייערן, וואָס האָבן אויף איר געהאַנגען אין אַ געשמאַקפולער אומאָרדענונג, — און זי איינגעהילט און באַוויעט ווי פייכטע גרעזער און וואַסער־געוויקסן. די רויט־בלאָנדע האָר זענען איר צולאָזן געווען איבער די האַלב־אַנטבלויזטע אַקסלען — און זיי זוניק באַשאָטנט. אין די ווייסע נאַקעטע הענט האָט זי הויך געטראָגן אַ ברייטן גאָלדענעם בעכער. אַ בעכער ווי מ׳זעט אים אויף די אַנטיקע אַטישע

וואַזעס. זשאַנעט האָט זיך צוגעגויגט צו קאַלענען מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט אים ליידנשאַפטלעך אַרויסגעפֿאָדערט און געלאָקט צו ווייַן און ליבע. די צאַרטע געשטאַלט פון זשאַנעטן האָט לייכט און ריטמיש געשוועבט אין דער זייט פון דער לאַנגער אויסגעדאַרטער סאַטיר־געשטאַלט פון קאַלענען. ער האָט זיך כמעט ווי געבראָכן אין דער לופטן. זשאַנעט האָט געשמייכלט, געטראָטן אין טאַקט פון דער מענדעלזאָנישער מוזיק — און צוגעבויגט דעם גאָלדענעם בעכער צו די ווייכע און אָפענע ליפּן פון קאַלענען. קאַלען האָט מיט אַן אומגעלומפּערטער און אומבאַהאָלפערנער עלעגאַנץ זיך באַמיט זשאַנעטן נאָך צו פירן אין ריטם פונעם טאַנץ. דאָס אַלטע מויל האָט זיך אים דערביי וואָס אַמאָל ברייטער און פינצטערער פונאַנדערגעשפּרייט. די רויטע צונג איז פון דאָרט אַרויסגעפאַלן אויף די באַנעצטע ליפּן. פון גרויס תענוג און גליקזעליקייט האָט קאַלען צוגעשאָקלט מיטן באַהאָרנטן סאַטיר־קאָפּ צו די קלאַנגען פון דער מוזיק. קאַלען האָט מיט אַ גראָטעסקער יוגנטלעכקייט צוגעטענצלט און אונטערגעשפּרונגען.

אַזוי האָט דאָס פּאָרל אַדורכגעמאַרשירט אינם צוג פון די מאַסקעס.

קאַפּיטל אַכצן

קאַלען ביטער פאַרליבט. ער האָט ווידער חלומות.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכן מאַסקן־באַל איז פּראָפעסאָר קאַלען שלעכט געשלאָפן. אינם צעהיצטן קאָפּ האָבן זיך אים געפּלאָנטערט שוואַרצע און ראָזע קאָשמאַרן. דאָס האַרץ האָט אים געציטערט אין אַ פּייניקנדיקער און אומהיימלעכער דערוואַרטונג. ער האָט קוים געקאָנט אויסקוקן די פּרימאָרגן־שעה. ווען קאַלען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קאָלדרע און אַרויסגעשטעקט פונם קאָיוטע־בעט זיינע לאַנגע באַהאָרטע פיס האָט ער געשפּירט ווי די שלייפן האַקן אים. די צונג איז אים געווען טרוקן אין מויל. ער האָט געהאַט אין מויל אַן אויסטערלישע און איבלדיקע זויערקייט. ער האָט זיך האַסטיק אַ הויב־אויף געטון פונם געלעגער. שנעל אַרומגעוואַשן. אָנגעטון. אַרויס אויפן קאָרידאָר.

די „בראַצאַ" האָט זיך געוויגט. מיט די ווייטיקלעכע און נישט אויסגעשלאָפענע אויגן האָט זיך קאַלען אַרומגעקוקט אין די שמאָלע שיף־דורכגענג. יעדן מענטשלעכן שאָטן וואָס ער האָט געזען, יעדן טריט וואָס זיינע טויבלעכע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט האָט ער געגלויבט אַז דאָס איז עס זי. זשאַנעט. — זי גייט פאַרביי. וואַרט אויף אים. קאַלען האָט צומאָל נישט געגעסן קיין פרישטיק. שעהען־לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אַלע קאָרידאָרן. דערביי זיך אָנגעשטויסן אָן פאַרשיידענע מענטשן. ער האָט זיי דערשראָקן געגריסט.

שפּעטער איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן דעק.

דער ים האָט זיך הויך און פול געשוימט. אין דער זייט פון דער שווימענ־

דיקער „בראַצאַ„ האָבן זיך וואָס אַמאָל ווייסער און ווייסטער געצויגן די אייז־בערג פון שפּיצבערגן. טונקל־גרויע נעפּלען אָנגעזויגענע מיט שאַרפן און שטעכעדיקן זון־ליכט, האָבן זיך געקייטלט אין די בערג־שפּיצן ווי וואונדער־לעכע זילבערנע שיפן. זיי האָבן זיך געטונקט אין די קילע שאָטנס פון די בערג. קאַלען האָט זיך אַרומגעדרייט אין די אַרקטישע ווינטן וואָס האָבן גע־ווייעט און אייזיק געבלאָזן אויפן דעק. אים איז געווען קאַלט. ער האָט געפרירט. געציטערט פון קעלט. ער האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. אומזיסט געזוכט. זיין האַרץ איז געוואָרן כסדר מאָדנע אומרואיקער אין דער ווינטיקער קעלט — און געקלאַפּט, ווי עס וואָלט זיך אים געוואָלט פונאַנדעררייסן.

קאַלענס פיגור האָט זיך אויסגעצויגן און דאַרער געוואָרן איבערן טאָג. דער קאָפּ־שאַרבן איז אים ווי אינגאַנצן פּאַרוויאַנעט געוואָרן. עלטער. געלער. איינגעשרומפּענער. דער אַסטראָנאָם האָט שווער און קורץ געאָטעמט. איבער דעם ווייכן איינגעפאַלענעם מויל האָט זיין אויפגעשאַרצטע סאַטיר־נאָז זיך געשאָטנט. זיך פאַרלענגערט ווי אַ משונהדיקער שנאָבל פון אַ רויב־פויגל.

פאַרנאַכט־צו האָט קאַלען אַ מידער און אויסגעמאַטערטער פון זוכן און זעלבסט־פּייניקונגען זיך צוגעשלעפּט צו דער שיף־ביבליאָטעק. ער איז געווען זייער דערשלאָגן. ער איז זיכער געווען, אַז זשאַנעט געפינט זיך ערגעץ־וואו נישט ווייט פון אים און וואַרט אומגעדולדיק אויף עפּעס אַ געוויסע טאַט פון אים. אפשר טופעט זי גאָר מיט די פיס פון אומגעדולד? אפשר וויינט זי פון פאַרדרוס איבער זיין מאַנספּאַרשויןישער אומבאַהאָלפנקייט? קאַלען האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערקלערן וואָסער טאַט ווערט פון אים גע־פאָדערט? — וואָס ער באַדאַרף אייגנטלעך צו טון? ער האָט אַרויסגענומען פון דעם ביבליאָטעק־אַלמער זיינע געליבטע זשורנאַלן מיט רעבוסן. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער זיי פונאַנדערגעבלעטערט, ווי ער וואָלט אין יענע צייכענונגען און פיגורן געזוכט אַ ראַט און אַ טרייסט. די צייכענונגען האָבן צעמישטע געטאַנצט פאַר זיינע אויגן.

ער איז צוריקגעגאַנגען אין דער קאַיוטע. זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער.

די „בראַצאַ" האָט זיך געוויגט. קאַלען האָט פּאַמעלעך צוגעמאַכט די אויגן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, — ס'איז אים בעסער און רואיקער אין דעם וויגן פון דער שיף. זיינע טויבלעכע אויערן האָבן פאַרנומען דעם געברום פון ים אינדרויסן. די פאַליעס האָבן זיך רוישיק אויסגעגאָסן איבער דעם צוגעצ־מאַכטן קאַיוטע־פענצטערל. באַלד איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

קאַלען איז געשלאָפן זייער אומרואיק. זיך געדרייט אויפן געלעגער. אים האָבן געפּייניקט קאָשמאַרן און חלומות.

אים האָט זיך געחלומט —

ס'קלאַפּט האַסטיק ביים פענצטערל פון דער קאַיוטע. מע רופט אים ביים נאָמען. ער הערט בפירוש ווי מען רופט „קאַלען". עמיצער הייבט אים אַרויס פונעם בעט. זעצט אים אַנידער אויף אַ גאָלדענעם שטול. טראָגט אים צו צום פענצטער. ס'איז אַ טונקל־רויטער זון־אונטערגאַנג. די הימלען וויקלען זיך וייך פונאַנדער ווי בלוט־רויטע בלעטער פון רויזן. קאַלען פילט ווי די הימלען

שמעקן און פילן אָן די מרחקים מיט אַ וואונדערלעך־אידעלן דופט. די זון קוקט אַרויס פון די הימלען ווי אַ גרויס גאָלדן אויג. אין די פונאַנדערגעוויקלטע טונקל־רויטע האָריזאָנטן שוועבן אַרום ראָזע וואָלקנדלעך — ווי יונגע נאַקעטע אַמאָרעטן. די ים־פּלאַכן הויבן זיך. אָטעמען. וויגן זיך שטיל ווי רויזן־בלעטער אין ווינט. ס'איז אַ וועלט פון רויזן. וואונדערלעך שטיל. וואונדערלעך דופטיק. מיט אַמאָל הייבט אָן אַן איינציקע גאָלדענע שיף אַראָפּצו בידערן פון די רויטע הימלען. אַ גאָלדענע זעגל־שיף. די זעגל־בוימער זיינען פון אייטל גינגאָלד, די זעגל־טיכער אייטל פּורפּול. אויפן רייכן און ראָמאַנטיש־געשניצטן שיף־שנאָבל שטייט זשאַנעט אָנגעטון ווי אַ נימפע. די האָר אירע האָבן די פאַרבן פון דעם זון־אונטערגאַנג — און זיי זענען צעפלאָסן איבער אירע אַנטבלויזטע אַקסלען. זשאַנעט הייבט אויף צו אים, צו קאַלענען, אַ גרויסן גאָלדענעם ווין־בעכער, ווינקט צו אים מיט דער האַנט. לאָקט אים צו טרינקען. קאַלען וויל שרייען און אַראָפּשפּרינגען פון דער גאָלדענער שטול אין די ראָזיקע און דופטיקע וואַסערן אַריין. זיין האַלז גיט נישט אַרויס קיין קול.

דאָ גיסט זשאַנעט אויס דעם בעכער איבערן ראָזיקן ים־פלאַך. ס'רעגנט מיט ווין אינמיטן דעם רויטלעכן זון־פאַרגאַנג. די וועלט שמעקט נאָך שטאַרקער מיט רויזן און ווין. דאָס גרויסע גאָלדענע אויג פון דער זון גיט דערביי אַ ציטער צווישן די הימלען ווי עס וואָלט זיך אומהיימלעך און ליב צו אים, צו קאַלענען, אויסגעשמייכלט.

קאַלען האָט אַזש אַ ברום געטון אינם שלאָף. אויסגעשטרעקט זיינע נאַקעטע דאַרע און באַהאָרטע הענט אין דער לופטן אַריין. ער וויל זשאַנעטן כאַפּן. ער האָט זיך קרעמפּיק אַ וואָרף געטון אויפן געלעגער. די קאָלדרע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. קאַלען איז געבליבן אַ נאַקעטער ליגן אויפן קאַיוטע־בעט. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן. דער אייביק־טאַגיקער אַרקטישער ים האָט וויסט גערוישט אינדרויסן. קאַלען האָט געפילט אַ באַגנדיקע קעלט אין זיין נאַקעטן גוף. ער האָט זיך אומגעקוקט. ס'איז אים מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. אַ קלאָרער און שאַרפער געדאַנק האָט אים בליצאַרטיק אַ שנייד געטון ווי מיט אַ מעסער. ער ווייסט שוין וואָס צו טון. ער ווייסט אויף זיכער וואָס צו טון, — ער מוז צו זשאַנעטן שרייבן אַ בריוו.

קאַפּיטל ניינצן

קאַלען שרייבט אַ ליבע־בריוו צו זשאַנעטן.

קאַלען האָט אויף איינדערגעשווינד אָפּגעגעסן דאָס פרישטיק און אויפגעזוכט אַ שטיל און זייטיק שרייב־צימערל אין דער שיף. קיינער זאָל אים נישט שטערן. ער האָט פונאַנדערגעלייגט אַ ריינעם און ווייסן בויגן פּאַפּיר, גענומען די פעדער אין האַנט, זיך גוט אויסגעהוסט. געפּרוּווט אָנהויבן שרייבן אַ ליבע־בריוו צו זשאַנעטן.

דער באַרימטער אַסטראָנאָם, דער מחבר פון היפשע וויסנשאַפטלעכע

ווערק, האָט נאָך זינט ער לעבט נישט געהאַט צו טון מיט אַן ענלעכן שטאָף. וויפל מאָל ער האָט ניט געזאָלט האַסטיק אײנטונקען די פעדער אין טינטפאַס און זיך איבערבויגן איבערן פאַפיר, האָט ער נישט געוואוסט ווי מען הייבט אָן. קאַלען האָט זיך אומגעדולדיק געקראַצט מיטן פעדער־האַלטער איבערן נאַקעטן קאָפּ־שאַרבן. ער האָט נישט באַוויזן אַוועקצושטעלן דאָס ערשטע וואָרט. ענדלעך האָט ער מיט גרויסע אָנשטרענגונגען צענויפגעקליבן אין זיין זכרון באַנאַלע און אויסגעדראָשענע פראַזן פון ליבע־בריוו. ער האָט זיך דערמאָנט — אין זיינע שול־יאָרן האָט ער אַזעלכע פראַזן געמוזט אויסלייענען אין כרעסטאָמאַטיעס. אויך דעמאָלט, אין זיין יוגנט, האָבן אים אָט די לעקטורן נישט אינטערעסירט. — ער האָט זיי געהאַלטן פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן בייז פון דער שול. אינטערעסירט האָט אים נאָר די מאַטעמאַטיק. איצטער האָט זיך דער אָרעמער אַסטראָנאָם געמוזט צוריקווענדן צו יענע ברעקלעך לעקטורן, וואָס זענען פאַרגעסענע און פאַרוואָרלאָזטע געלעגן ביי אים ערגעץ וואו אין די קעלערן פון זכרון. קאַלען האָט זיי ווי אַלטע רעקוויזיטן, צוריק אַרויסגענומען אויפן ליכטיקן שיין פון דער וועלט און אָנגעהויבן מיט זיי צוזאַמען צו שטעלן די ערשטע שורות פון זיין בריוו צו זשאַנעטן. זיי האָבן זיך מעכאַניש און אומבאַהאָלפן געקלעפּט מיט אַן אַנדער אָטאָ די בלוט־אָרימע און אויפגעבלאָזענע ליבע־פראַזן. קאַלען האָט צוגעלייגט זיין לאַנגע אויפגעשאַרצטע נאָז צו די ערשטע אָנגעשריבענע שורות, — צי האָבן זיי עפּעס אַ ריח פון דעם אויסטערלישן און לעבעדיקן געפיל, וואָס ברענט אַזוי אומהיימלעך אינעווייניק אין זיין בלוט? זיי האָבן געהאַט אַ קנאַפּן ריח. קאַלען האָט זיך מיט אַ פּיינפולע אומגעדולד געדרייט אויף דער שטול.

פּאַמעלעך, — מאַטערנדיק זיך צו געפינען אַן אויסדרוק האָט קאַלען איינציקוויז פאַרגעסן די מליצהדיקע ציטאַטן פון זיינע יוגנטלעכע שול־לעקטורן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי זיין סטיל ווערט אינטימער, וואַרעמער. קאַלען האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט אַזאַ געריכטקייט. זיינע אייגענע געשריבענע ווערטער האָבן אויף אים אַליין צוריקגעווירקט. זיין האַרץ איז ווייך געוואָרן ביים ריטם פון זיין אייגענעם לעבנס־גורל. קאַלענס פעדער איז תמיד געוואוינט געווען צו שרייבן וועגן אויסטערלישע און אומגעהויערע קאָסמישע מרחקים. פּלוצלונג האָט די פעדער אָנגעהויבן צו שרייבן און אויסצודריקן זיינע אייגענע, קאַלענס פּערזענלעכע נויטן. זיינע פּערזענלעכע בענקשאַפטן. די ווייטאָגן פון דער אייגענער מענטשלעכער אָרימקייט. קאַלען האָט מיט אַמאָל דערזען ווי עלנט, אָרים און טרייסטלאָז זיין אייגן לעבן איז צווישן די אומענדלעכע קאָסמישע רוימען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טון. ביי אַלע מיליאַרדן זונען, וואָס האָבן זיך געדרייט אין זיין וויסן, איז ער אַליין אין זיין האַרץ פאַרבליבן אָן שום ליכטיקייט. אין אַלע די קאַלטע אייביקייטן האָט ער נישט געהאַט קיין שום חלק, — כדי אויף דאָס מינדסטע צו באַפרידיקן די באַהאַלטענע און פון אים אויסגעמיטענע נאָגנדיקע בענקשאַפטן. בענקשאַפטן אין דעם וויסטן אומעט פון זיינע יאָרן. קאַלען האָט דאָ זשאַנעטן דערציילט דעם גרויען לויף פון זיין בחורישן געלערנטן־לעבן. שוין זיינע יוגנט־יאָרן זענען פאַרלאָפן ביי די פאָליאַנטן פון טרוקענער וויסנ־

שאַפֿט. צווישן די פֿריידלאָזע צייכנס פֿון דער מאַטעמאַטיק. ער האָט איר דערציילט פֿון זיינע יאָרן אינם אַלטן צעשאָטענעם האָטעל אויפֿן הימל־בעט. פֿון די קאַלטע איינזאַמע ווענט אין אָבסערוואַטאָריום. מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער האָט קאַלען געענדיקט זיין לאַנגן בריוו צו זשאַנעטן:

„ליבע, ליבע זשאַנעט — שרייבט דער אַסטראָנאָם קאַלען — מיינע טעג זענען פֿאַרגאַנגען צווישן מייז און צווישן שטערן, צווישן לאַנגע שלאָף־לאָזע נעכט. צווישן אייביקייטן, וואָס מ׳קאָן קיינמאָל נישט דערגרונטעווען זייער סוף. אָט ביזטו געקומען, זשאַנעט. ס׳ערשטע מאָל האָט די וועלט זיך צו מיר אויסגעשמייכלט אויף אַ רגע. איין רגע אין דיין באָענטקייט איז פֿאַר מיר געוואָרן אייביקער פֿון אַלע אייביקייטן. ביזט געקומען. דיין קליינע געשטאַלט האָט אויפֿגעלויכטן אין מיין פֿינצטערניש, ליכטיקער פֿון זונען. דו ביסט געווען דאָס ערשטע און דאָס איינציקע מענטשלעכע גליק אין מיין לעבן. יאָ, ליבע זשאַנעט, איך בין מודה. דאָס מענטשלעכע גליק קאָן זיין אומפֿאַרגלייכלעך וואונדערלעכער, אומפֿאַרגלייכלעך גרעסער ווי דער שטערן סיריוס. דו האָסט מיך באַשאָנקען מיט אידעלע געפֿילן וואָס מיין ווינציקייט האָט גאָרנישט פֿאַרדינט. איין שמייכל אויף דיינע ליפּן וועגט איבער דעם רום פֿון דער אומשטערבלעכקייט. מיין דאַנקבאַרקייט צו דיר, די ציטער־דיקע דאַנקבאַרקייט פֿון אַן אָרימען מענטש, איז גליקזעליקער, גרענעצלאָזער און טיפֿער אין איר טונקעלן ווי, טייערע, טייערע זשאַנעט, ווי די תהומות פֿון דעם קאָסמישן עטער“.

אונטערגעשריבן:

פֿראַנסואַ קאַלען.

קאַפּיטל צוואַנציק

קאַלען האָט פֿאַרענדיקט צו שרייבן דעם בריוו. דאָס האַרץ האָט אים וואָרעם און העפֿטיק געקלאַפּט. מיט קינדערישער דערוואַרטונג האָט ער נישט דרייסט איבערגעלייענט די אָנגעשריבענע שורות. זיי זענען אים אויסגעקומען אַזוי וואונדערלעך היימיש און אַזוי וואונדערלעך פֿרעמד, גלייך ווי ער אַליין וואָלט זיי גאָרנישט געווען געשריבן. נייערט זשאַנעט האָט צו אים געשריבן די שטילע, האַרציקע, אינטימע ווערטער. און געשטאַנען לעבן אים. לעבן אים געאָטעמט. געגלעט לייכט מיט דער האַנט זיין נאַקעטן שפּיציקן קאָפּ־פּליך. קאַלען האָט טיף אָפּגעאָטעמט. אַ שווערע לאַסט איז אים אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון האַרצן. זיינע קליינע רויטלעכע אייגעלעך — אין די טיפֿע אויגן־היילן אונטער די האָריקע ברעמען — זענען אים פֿייכט געוואָרן אינם גליקזעליקן טרויער. די אויגן זענען אים געוואָרן וואָס אַמאָל פֿייכטער. קאַלען האָט געקוקט אויף די שורות. געקוקט. זיין אויסגעטריקנט ביינערדיק פּנים האָט שטיל און קינדיש געשמייכלט. שפּעטער האָט קאַלען זיך אַראָפּ־געבויגן און צוגעלייגט זיינע טונקעלע, חיהיש־אויפֿגעשאַרצטע נאָז־לעכער צו די נאָך כמעט פֿייכטע אותיות, און לאַנג, לאַנג געשמעקט צו זיי, פּונקט ווי ער פֿלעגט עס טון מיט די הימלען אין קלאָרע טיף־אויסגעשטערנטע נעכט.

ער האָט גענומען דעם בויגן פּאַפּיר, אים צערטלעך צונויפֿגעוויקלט. אים אַריינגעלייגט אין דער בוזים־קעשענע.

קאַלען האָט פּאַמעלעך מיט אַ גליקזעליקער שעמעוודיקייט זיך אַרויסגע־שלייכט פֿונעם ביבליאָטעק־צימער. ביים אָנבליק פֿון ערשטן מענטש, וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אין שיפֿס־קאָרידאָר, האָט זיך זיין געל־אויסגעטריקנט פּנים באַגאָסן מיט רויטקייט ווי ער וואָלט זיך פֿאַראַטן. ביי יעדן טריט, וואָס ער האָט געהערט זיך דערנענטערן, האָט ער אויפֿגעציטערט. די פֿיס זענען אים געוואָרן שוואַך. ער האָט געגלויבט, — אָט קומט אָן זשאַנעט. ער האָט זי איצטער מורא געהאַט צו טרעפֿן. ער האָט צום ערשט געוואָלט זיך אַליין באַרואיקן אין זיין פֿרייד. זיך צוגרייטן צו דער גרויסער שעה, וואָס וועט אַנטשיידן אין זיין לעבן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ווי אַ גנבֿ. ער איז געזעסן אין דער קאַיוטע און זיך לאַנג, לאַנג צוגעהערט צום רוישן פֿון ים אינדרויסן. ער איז היפּש אַזוי געזעסן און זיך צוגעהערט. די שיף האָט אים געוויגט. די אויגן זענען אים פּאַמעלעך צוגעפֿאַלן. ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום קאָשמאַרן און חלומות. ער איז געווען מאָדנע רואיק און באַרואיקט.

קאַלען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. אַ קוק געטון אויפֿן זייגער. ס'איז שוין געווען דער אַסטראָנאָמישער צוועלף ביינאַכט. דער ים האָט כּסדר גערוישט. דורך דעם קאַיוטע־פֿענצטערל האָט מיט קאַלטער ליכטיקייט אַריינגעקוקט דער ביינאַכטיקער אַרקטישער טאָג. קאַלען האָט זיך נישט־דרייסט אומגע־קוקט. זיינע קאַיוטע־שכנים זענען פֿעסט געשלאָפֿן אויף זייערע געלעגערס.

פּאַמעלע, אויף די שפּיץ־פֿינגער, האָט זיך קאַלען אַרויסגעשלייכט פֿון דער קאַיוטע.

דורך די מענטשן־ליידיקע און ענגע שיף־קאָרידאָרן, — וואָס האָבן זיך אונטער אים געוויגט און געהויבן אינעם ריטם פֿון דער ים־באַוועגונג, — איז ער אַרויסגעקומען אויפֿן דעק.

אויפֿן הויך־צעשוימטן ביטאָגיקן ים איז די „בראַצאַ" געשוואומען אין איר אומהיימלעכער איינזאַמקייט. די שיף האָט זיך ריטמיש געהויבן און געטונקען אינעם שוים. די פּאַליעס האָבן זיך צערוישטע אַרויסגעוויקלט פֿון איבער די קאַלטע ימישע וויטקייטן און אָנגעפֿילט די האָריזאָנטן ווי אומציילִיקע סטאַדעס פֿון גרויע שפּרינגענדיקע באַשעפֿענישן, באַשעפֿענישן וואָס יאָגן זיך און שפּילן זיך איבער די צעוויגטע אָפּגרונטן. דאָס ביינאַכטיקע זון־ליכט האָט מיט בלאַס־טויטלעכער אומעטיקייט מאַט געגלאַנצט אויף זייערע רוקנס. רעכטס פֿון דער „בראַצאַ" האָט זיך די אינזל שפּיצבערגן כּסדר געצויגן און געצויגן ווי זי וואָלט מיטגעשוואומען מיט דער שיף. איבער־מיטן די טאָג־בלאַסע אַרקטישע וואַסערן האָט זיך שפּיצבערגן — ווי אַ טויטע אויסגעשטאָרבענע וועלט — וויסטער און ווילדער צעטורעמט אין איר אייזיקער ווייסקייט.

קאַלען איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פֿאָדערשטן שנאָבל פֿון דער שיף.

פון די צעשוימטע אָפּגרונטן האָבן אים אַקעגן געבלאָזן די ווינטן. קאַלען האָט ברייט אויפגעריסן זיינע אויגן. זיך אומגעקוקט איבער די מאַט־ליכטיקע ים־ווייטקייטן וואָס גיסן זיך פונאַנדער און הייבן זיך אין דעם בלאַס־בלויען בעכער פון די האָריזאָנטן. די ים־ווייטקייטן זענען געווען אויסגעמישט מיט ווינט און מיט שוים. אין דער זייט האָט זיך שפּיצבערגן מאַיעסטעטיש געצויגן ווי דאָס גרויזאַם ווייסע קיניגרייך פון טויט. דער ים האָט געוואָיעט קאַלענען אין די טויבלעכע אויערן אַריין ווי דאָס אויפגעברויזטע אור־עלעמענט פון אַן אייביק־אומגעשטילט לעבן. קאַלען האָט געפילט עפּעס ווי אַ שטיל אומענדלעך מענטשלעך גליק וואַרעמט זיין האַרץ אינמיטן דער עלעמענטאַרער וועלט־איינזאַמקייט. אַן איינזאַמקייט וואָס האָט זיך געוויגט אַרום אים אין ווינט און אין שוים. מיט ציטערדיקע הענט האָט קאַלען אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־טאַש דעם בריוו צו זשאַנעטן. נאָך אַמאָל האָט ער זיך לאַנג אומגעקוקט און אויפגעהאָרכט מיט די טויבלעכע אויערן, — דאַן האָט ער זיין ליבע־בריוו הויך מיט אַ גערירט קול איבערגעלייענט פאַר די ווינטן און פאַר די ווייטקייטן פון די בלאַסע אַרקטישע ימים.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

קאַלענס אַנטוישונג. ער צעוויינט זיך אינמיטן דעם כאַאָס פון דער וועלט.

צומאָרגנס האָט די „בראצא" פאַרלאָזן הינטער זיך די אינזל שפּיצבערגן. די שיף איז ווייטער געפאָרן צו צפון צו.

פרי ביים אָוונט־ברויט איז געמאָלדן געוואָרן צו די פּאַסאַזשירן, היינט פּונקט צוועלף ביינאַכט וועט די שיף דערגרייכן דעם ענד־ציל פון דער אַרקטישער רייזע. די „בראצא" וועט ענדלעך צוקומען צו די אַרקטישע אייז־פעלדער, וואָס ציען זיך פון דאָרט אַזש ביז צום נאָרד־פּאָל.

שוין היפּש אין דער בייטאָגיקער נאַכט האָבן זיך די פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן צו זאַמלען אויפן שיפּס־דעק. די „בראצא" איז איצט געשוואומען אין די ברעגלאָז־אויסגעגאָסענע ים מרחקים. זי איז געשוואומען צווישן איינזאַמען אייביק־טאָגיקן גאָלד־בלאַסן הימל און קאַלטע אויפגעשוימטע וואַסער־ווייטקייטן.

די אייזיקע ווינטן האָבן וואָס אַמאָל שניידיקער און ווילדער געוואָיעט איבער די צעוויגטע אָפענע וואַסערן. די ווינטן האָבן זיך געמישט מיט די גרוי־ליכטיקע וואַסער־תהומות אין איין עלעמענט. אין זיין באַוועגונג האָט דער ים אויסגעקוקט ווי אור־וועלטיש. אין זיינע האָריזאָנטן און פלאַכן איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל בייזער און אומרואיקער. פאַרשיידנפאָרמיקע קלענערע און גרעסערע אייז־שטיקער האָבן אָפּטער און געדיכטער אָנגעהויבן אויפצוטויכן פון צווישן די צעשוימטע ים־פּאַליעס. זיי האָבן זיך געטראָגן ווי אויסטערלישע, בלוילעכע און אומגעלומפּערטע אור־באַשעפענישען און אַרומ־

געשוואומען נעבן דער „בראצא״. — זיך אָן איר אָנגעקלאַפּט. די „בראצא״ האָט זיך שווער געוויגט. זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרן פּאַמעלעכער.

אויפן שיף־דעק, האָבן כסדר אָנגעהויבן צונויפקומען מער פּאַסאַזשירן. די שטימונג צווישן די מענטשן איז געווען אַ פייערלעכע. אַ דערוואַרטנדיקע.

פון די ווייטע האָריזאָנטן האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצושיילן ווייסע ברעג־שטרייפן. אויפן שיף איז דורכגעלאָפן ווי אַ שוידער: די אייז־פעלדער!

דער ים האָט זיך געשוימט. זיך הויך געוויגט אין זיינע ווייטקייטן. די ווינטן האָבן געוואָיעט. זיך געוויקלט אין די וואַסערן. די „בראצא״ האָט זיך פול געהויבן אַרויף און אַראָפּ. זי איז לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק געגאַנגען איר וועג. זיך כסדר דערנעענטערט צו די ווייסע שטרייפן אויפן האָריזאָנט. אָפטער און געדיכטער האָבן די משונה־פאָרמיקע אייז־שטיקער אויפגעטויכט פונעם וועלן־שוים — און זיך אָנגעשלאָגן אָן דער „בראצא״.

אויף די בלאָס־בלויע האָריזאָנטן האָט ליכטיק און גרויס געהאָנגען די זון.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן זיך די ווייסע פלאַכן פון די אייז־פעלדער דערנעענטערט צו דער שיף. ס'האָט זיך איצטער קלאָר געזען, ווי די אייז־פלאַכן ציען זיך אַוועק אויפן האָריזאָנט אויף וועלכן ס'הענגט די ביינאַכטיקע אַרקטישע זון. די ווייסע שאַרף־באַלויכטענע אייז־פעלדער האָבן זיך געוויגט איבער די ווייטקייטן. זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ לויט דער שווערער און פולער באַוועגונג פון די ימישע אָפּגרונטן. דער ים איז געוואָרן כסדר אומרואיקער, אויפגעברויזטער. געשפריצט מיט צעפּאַליעטן שוים.

נאָך אַ היפּשע צייט איז די „בראצא״ צוגעקומען צום ענד. ווייטער האָט מען נישט געקאָנט פאָרן.

דער גאַנצער אומענדלעכער שטח ביז הינטער די בלאַסע האָריזאָנטן איז געלעגן אַ צעבראָכענער אין אומגעהויערע אייז־שטיקער. די אייז־שטיקער האָבן מיט אַ ווילדן אומהיימלעכן ריטם זיך געהויבן איבערן אומענדלעכן שטח. הויך און וואוכטיק אָנגעקלאַפּט איינער די אַנדערע. די צעהאַקטע, חרובע און צעוויגטע וועלט האָט מיט אַן עלעמענטאַר אור־ווילד געקלאַפּערייי געשריען. געוואָיעט אונטער די הימלען. אינמיטן דעם כאַאָטישן עלעמענטן־געשריי האָבן די אייזיקע און רייסנדיקע ווינטן ווי צוהפקרטע געפּיפן און געברומט איבערן צעהויבענעם אייז־כאַאָס פון דעם חרובן וועלט־שטח. ס'האָט אויסגעקוקט, גליך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט דאָ געלעגן אַ צעשטערטע און צעשמעטערטע. אַ קאָסמיש־צעשריענע אין איר פאַרניכטונג וואָלט זי זיך אומגעקערט צו איר כאַאָטישן אור־צושטאַנד.

די ביינאַכטיקע חצות־זון האָט ווי אַ גרויס ליכטיק אויג געהאַנגען אויפן דערשראָקענעם בלוי־גאָלדענעם האָריזאָנט. רואיק באַלויכטן דעם שרייענדיקן און אויפגעוואָיעטן תוהו־ובוהו פון דער וועלט.

די „בראצא״ האָט זיך פאַרזיכטיק געהאַלטן ביים ברעג פון די כאַאָטישע אייז־פעלדער. זי האָט זיך געוויגט צווישן שוים און אייז. הינטער איר האָט

דער אָפּענער ים זיך געהויבן מיט זיינע מוטנע וואַסערן. ווייס געשוימט. געוויקלט זיך אין די צעוואַיעטע ווינטן, געפּאַליעט. אַ צעשפּריצטער זיך געוואָרפן אויף די ברעגעס פון הויך קלאַפּנדיקן און צעשריענעם אייז.

די פּאַסאַזשירן פון דער „בראַצאַ" האָבן זיך קופּקעלעך־ווייז פעסט אָנגעהאַלטן ביי די געלענדערס פון דער שיף. שוויגנדיק האָבן זיי זיך צוגעקוקט צו דעם געוואַלטיקן און קאַטאַסטראָפאַלן נאַטור־שפּיל. פון פאָרנט האָבן די אייז־מאַסן פאַרטויבנדיק געקלאַפּט אויף אַנאַנדער. פון הינטן האָבן געברומט און געראַשט די וואַסער־תהומות. די ווינטן האָבן געפּיפן און געריסן. די ביינאַכטיקע זון האָט טויט און אומהיימלעך געלויכטן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אין אַן אָפּגעלעגענעם שיף־ווינקל האַרט נעבן געלענדער איז געשטאַנען דער אַסטראָנאָם קאַלען. ער איז געווען אָנגעטון אין דעם שפּאַנישן בערעט און אין דער אַלטער אָפּגעריבענער פּעלערינע. די ווינטן האָבן צעבלאָזן די פּעלערינע אַרום אים און עס האָט אויסגעקוקט, גלייך ווי דער אַסטראָנאָם וואָלט ווי אַן אויסטערלישע פלעדער־מויז פונאַנדערגעשפּרייט אין די ווינטן זיינע משונהדיקע פליגלען אויף אַוועקצופליען. דער אַסטראָנאָם האָט ווי אָפּוועזנדיק געקוקט אויף דער צעהאַקטער און צעשמעטערטער וועלט, וואָס בושעוועט, קלאַפּט און שרייט אַרום אים. אָבער אַלעמאָל האָט ער אויסגעדרייט זיין לאַנגע צעפלויגענע פיגור אויף אינעווייניק. אויפן דעק צו. געקוקט מיט זיינע קליינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך, וואָס זענען נאָך רויטער געוואָרן פון אייזיקן ווינט. דער אַסטראָנאָם האָט עפּעס געזוכט אויפן דעק. ער האָט עפּעס געזוכט. דערביי זיך פעסט געהאַלטן מיט דער האַנט ביי דער בוזים־טאַש וואו ער האָט געהאַט ליגן דעם בריוו צו זשאַנעטן.

קאַלען האָט כמעט זיך נישט באַמערקט דעם וועלט־כאַאָס וואָס האָט געשטורעמט אַרום דער „בראַצאַ" און אים אַריינגעשריען אין די טויבלעכע אויערן אַריין — דעם וועלט־כאַאָס, וואָס ער האָט זיין לעבן לאַנג אַזוי גיריק אַרומגעזוכט מיטן טעלעסקאָפּ אין אַלע אומענדלעכקייטן פונם קאָסמאָס. דאָס האַרץ פונם אַסטראָנאָם קאַלען האָט העפטיק געקלאַפּט אין ציטערנדיקער דערוואַרטונג.

קאַלענס בליקן האָבן צווישן די פּאַסאַזשירן אויפן דעק אַרומגעזוכט זשאַנעטן.

זשאַנעטן איז ניט געווען צו זען.

קאַלען האָט כסדר געשטרייפט זיינע בליקן דאָ אויף די צעוואַיעטע אייז־האָריזאָנטן — דאָ אויף די פּאַסאַזשירן אויפן דעק. —

מיט אַמאָל האָט ער אַ ציטער־אויף געטון.

נישט ווייט פון אים, קאַלענען, הינטער אַ גרויסן און בייכיקן שיף־קוימען האָט ער דערזען זשאַנעטן. זשאַנעט איז געשטאַנען אינם ווינט פעסט צוגעטוליעט צו אַ הויכן בלאָנד־האָריקן יונגנמאַן. דער יונגערמאַן האָט געטראָגן

אַ העלן וועג־מאַנטל. ער האָט זשאַנעטן צערטלעך אַרומגענומען מיט דער האַנט. זי צו זיך צוגעדריקט. אין די צעבושעוועטע ווינטן זענען די צוויי יונגע מענטשן געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. זיי האָבן מיט גרויס ליבשאַפט זיך געקוקט אין די אויגן אַריין גלייך ווי זיי וואָלטן קיינעם נישט געזען און געהערט.

באַלד האָט זשאַנעט אויסגעצויגן איר גאָלדיק־באַהאָרטן קאָפּ צו די בליקן פונם יונגנמאַן. זשאַנעטס ליפּן האָבן זיך האַלב געעפנט. געציטערט פון דערוואַרטונג. דער יונגערמאַן האָט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַראָפּ־געבויגן צו זשאַנעטן. זייערע ביידנס ליפּן האָבן זיך אינמיטן פונם ווינט באַהאַפטן אין אַ לאַנגן, לאַנגן קוש.

די צעפלויגענע פעלערינע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון קאַלענס פּלייצעס. זיין דאַרע אויסגעצויגענע פיגור האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דער פעלערינע. אויסגעוואַקסן וואָס אַמאָל העכער ווי אַ מאָגערער שאָטן. געהויבן זיך אינם ווינט. קאַלען האָט אויסגעקוקט ווי אַן איינזאַמער טרויערנדיקער מעפּיס־טאָפּל וואָס שטייגט אַפער פון אַ קליין שוואַרץ וואָלקנדל.

קאַלען איז אַ היפּשע ווילע געשטאַנען אויף זיין אָרט. ער האָט געקוקט דאָ אויפן זיך־קושנדיקן פּאָרל, דאָ אויפן צעשריענעם כאַאָס אַרום זיך. באַלד האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגענומען פון דער בוזים־טאַש זיין איינציקן ליבע־בריוו. קאַלען האָט דעם בריוו צעריסן אויף פּיצלעך — און די פּיצלעך פּאַפּיר פונאַנדערגעשיט אויפן ווינט און אויפן אייז.

דער אַסטראָנאָם האָט נאָכאַמאָל א קוק געטון אויף דער בלאַסער חצות־זון וואָס האָט געהאַנגען אויפן האָריזאָנט ווי אַן אויסטערלישער און אייביקער לאַמטערן. דער אומענדלעך צעבראָכענער אייז־שטח האָט געשטורעמט, געקלאַפּט אויף אַנאַנדער. אור־וועלטיש געוואָיעט. קאַלען האָט אַן איינ־געבראָכענער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן געלענדער פון דער שיף. זיין אויס־געטריקנטער גוף האָט איצטער אויסגעקוקט גאָר אָרימזעליק. קאַלען האָט שטיל געוויינט. ער האָט געוויינט דאָס געוויין פונם מענטש אינמיטן דעם צעשטורעמטן כאַאָס.

וואַרשע — ווילנע

1940 — 1939

דער טויט פֿון אַן עפּיקורייער

היסטאָרישע נאָוועלע

נאָכדעם ווי דער סטאָאישער פילאָזאָף סענעקאַ האָט זיך, לויט אַ טויט־אורטייל פֿון נעראָ, אויפגעשניטן די אָדערן אין באָד־וואַנע און געשטאָרבן אין דעם וואַנע־וואַסער, האָט זיך דער צווייטער חשוב ביים קייזער, גאַיוס פּעטראָניוס, ערנסט אָנגעהויבן צו פֿאַרטראַכטן אַז איצטער הייבט אָן אַנצו־רוקן זיין שעה. נעראָ האָט געהאַט אַ ווילדע ליידנשאַפט אויסצוראָטן זיינע נאָענטסטע.

דער חשובער פּעטראָניוס האָט ווייניק־וואָס געהאַלטן פֿון דער אומ־שטערבלעכקייט, פֿונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן צו זען דעם שאָטן פֿון דעם אומגעקומענעם סטאָאיקער. גאַיוס פּעטראָניוס האָט קיינמאָל נישט געפילט קיין גרויסע פריינטשאַפט צו סענעקאַן. ער האָט בכלל געהאַט אַ ווידערווילן צו אַלע סטאָאישע פילאָזאָפן, איבערהויפּט צו די סטאָאיקער וואָס האָבן זיך געדרייט אין די ווילעס פֿון די רוימישע מאַגנאַטן און געגעסן ביי זייערע טישן. צו סענעקאַן האָט גאַיוס פּעטראָניוס געהאַט אַ באַזונדערע אָפּנייגשאַפט. ער האָט עס נישט באַנומען ווי אַזוי אַ מענטש — וואָס איז סך־הכל געווען נעראָס אַ לערער און איינער פֿון די אָנגעזעענע יועצים אין נעראָס הויף — קאָן נישט געניסן פֿון זיינע אָנגעזאַמלטע עשירות, לעבט ווי אַן אַסקעט און באַרגט אומעטום אויס זיינע געלטער אויף גרויסע פּראָצענטער. סענעקאַ האָט געהאַט זיינע בעלי־חובות אפילו צווישן די באַרבאַרן אויף דעם אינזל בריטאַניאַ. פּעטראָניוס האָט נישט געליטן וואָס סענעקאַ, נאָכדעם ווי ער פֿאַרלאָזט דאָס „גאָלדענע הויז" פֿון קייזער, האָט ער אַ טבע זיך אַרומצו־רינגלען מיט אַ כאָפּטע פֿאַרדעכטיקע פילאָזאָפן. פילאָזאָפן וואָס טראָגן לאַנגע צעשויבערטע האָר, נישט אויסגעקעמטע ציגן־בערד, אָפּגעריסענע מאַנטלען, און שטינקען. אים פּעטראָניוסן, האָט זיך באַשיינפּערלעך אויסגע־דוכט: אויך אָט דער מאַגנאַטישער הויף־מאַן, דער סטאָאיקער סענעקאַ הייבט אָן צו שטינקען אינמיטן די פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער פֿון דער חכמה. פילאָזאָפן! נו, גאַיוס פּעטראָניוס האָט וואויל געוואוסט, ווער זיי זענען. וויפל מ׳קען בויען אויף זייערע ווענן צו דער וואָרהייט. זיי זאָגן, אַז דער חכם באַדאַרף נישט מער ווי אַ צעבראָכענעם קרוג, אַ קאַלטן אויוון, אַ לויזיק העמד און אַ קורצע טאָגע, וואָס דינט אים אויך ביינאַכט אַלס אַ צודעק, — אין דער אמתן זענען זיי מיאוסע פּאַראַזיטן ביי די טישן פֿון די רייכע און לאָזן זיך באַצאָלן פֿאַר פֿרעדיקן אָרעמקייט.

איין און איינציקן פילאָזאָף האָט גאָיוס פּעטראָניוס אָנערקענט. ער האָט זיך אפילו געהאַלטן פאַר זיינעם אַ תלמיד, און דאָס נעמלעך, דעם געטלעכן עפּיקור.

די עפּיקורעאישע פילאָזאָפיע האָט פּעטראָניוס גענומען ווערטלעך און פשוט. אין די רייד און אין דעם זין ווי עפּיקור האָט זי געלערנט. ער האָט נישט געגלייבט, אַז דער אמת באַדאַרף זיך שעמען מיט זיין נאַקעטקייט און מוז זיך אָנטאָן כלערליי מענטעלעך און פאַרצירונגען כדי צו פאַרהוילן זיין מיין. דער אמת וואָס ווייזט זיך אונז אין דעם שפּיגל פון משלים, ווייזט זיך אַליין דערמיט, אַלס דער אויסגעפּוצטער ליגן. די וואָרהייט דאַרף נישט מורא האָבן צו רעדן דאָס וואָרהאַפטיקע. פּעטראָניוס האָט זיך דעריבער אַבסאָלוט נישט פאַרגליכן צו יענע מכלומרשטע עפּיקורעער וואָס מאַטערן זיך אַריינצוטייטשן מאָראַלישע און סטאָאישע געדאַנקען אין די זייער קלאָרע ווערטער פונעם מייסטער. ווען עפּיקור האָט גערעדט וועגן גענוס און וועגן דעם איינציקן אמת וואָס הייסט גוף און פאַרגענגלעכקייט, האָט ער — אַזוי טייטשן זיינע פאַלשע תלמידים — מכלומרשט געמיינט דעם גענוס פון דעם פאַרנונפטיקן טראַכטן און פון אַ לעבן אין אַ מאָראַלישער אַסקעזע, און אַז אויך ער, עפּיקור הייסט עס, האָט ווי אַלע ליגנהאַפטיקע פילאָזאָפן, דער אילוזיע פון אַ מיקלאָמפּערשט אומשטערבלעכער נשמה געגעבן די איבער־האַנט איבער דער איינציקערווירקלעכקייט וואָס איר וואָרהאַפטיקייט ליגט נישט אין קיין שום ספק — און דאָס נעמלעך איז, אונזער גוף און זיינע חושים. דער גלויבן אין גייסט און אין זיין אומשטערבלעכקייט איז דער גרעסטער ליגן וואָס מיר זאָגן וועגן דער וועלט. מיר ווייסן גאָרנישט, אַ חוץ פון דער פאַרגענגלעכקייט, — און זי איז די העכסטע גאָטהייט. אונזער גרעסטע עבודה לגבי דער דאָזיקער גאָטהייט איז נעמלעך, — פול און איבער־פול צו געניסן די פאַרגענגלעכקייט. די פאַרגענגלעכקייט פון אונזער גוף און זיינע חושים גלייכט צו די פאַרגענגלעכקייט פון אַלע גאָטהייטן. דערמיט געהער זי צו דער געטערישער סובסטאַנץ. דער שטערבלעכער גוף איז משיג דאָס געטלעכע אַ סך מער ווי עס דערגרייכן די השגות פון דער איינרעדעניש וואָס מיר רופן די אומשטערבלעכע נשמה. שטאַרבן און פאַרגיין — איז די טיפסטע טבע פון דער אייביקייט. דאָס העכסטע געבאָט. אַלע שטאַרבן און אַלע פאַרגייען. די גאָטהייטן זענען די אינערלעכסטע סובסטאַנצן פון דער עקסיסטענץ, דעריבער שטאַרבן זיי אויך און פאַרגייען. דאָס אָנטשלאָפן־ווערן אינעם טויט קומט דעם מענטש ווי אַ מתנה נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגע־טרונקען מיטן וואונדערלעכן פאַרגענגלעכן לעבן ווי אַ פרוכט מיט זון. דער טויט איז די גליקזעליקע רואיקייט אין אַ פולשטענדיקן זיך־פאַרגעסן. צו וואָס זאָל דער מענטש זיין אומשטערבלעך אין זיין גייסט, ד"ה ער זאָל זיך קיינמאָל נישט קאָנען פאַרגעסן? דער העלער טאָג פון זיין און די פינצטערע נאַכט פון נישט זיין — גענוס און רו — דאָס איז אַלצדינג און דאָס איז דאָס בעסטע. אומשטערבלעכקייט וואָלט געווען די גרעסטע קללה ווען זי וואָלט עקסיסטירט. צום גרויסן גליק פון דער וועלט עקסיסטירט נישט די אומ־

שטערבלעכקייט. אויך די געטער שטאַרבן ווייל זיי זענען גליקזעליק אין זייער גאָטהייט און ווילן זיך פאַרגעסן. —

דאָס איז געווען די חכמה פון געטלעכן עפּיקור אַזוי ווי עס האָט זי פאַרשטאַנען דער חשובער גאַיוס פּעטראָניוס. אין היפּך צו די סטאָאיקער — וואָס רעדן פון אַן עטישן און עניוותדיקן לעבן און פירן זיך אויף אין שרייענדיקסטן ווידערשפּרוך צו זייערע ווערטער, האָט טאַקע דער נאָבעלער גאַיוס פּעטראָניוס אַלצדינג געטון, אַז זיינע טאַטן זאָלן פולשטענדיק באַשטעטיקן דאָס, וואָס ער טראַכט. ער האָט זיך באַמיט אויפצופירן ווערדליק ווי עס האָט געלערנט דער וואָרהאַפטיקער עפּיקור. ער האָט געעפנט די חושים פון זיין גוף ווי די בעכער אַקעגן די גאָלדענע ווײַנשטאָקן פון לעבן. ער האָט זיך באַמיט מיט דעם גרעסטן חשק אויסצוטרינקען דעם געטלעכן נעקטאַר פון דער פאַרגענגלעכקייט. Carpe Diem געניס דעם טאָג וואָס פאַרגייט. — האָט ער נישט בלויז געהאַלטן ווי אַ געבאָט פאַר זיך. ער האָט עס אויך געפּריידיקט פאַר אַלעמען ווי אַן אמתער עפּיקורעאישער פילאָזאָף. דער סטאָאיקער סענעקאַ האָט אַ חוזק זיינע מלוכהשע געשעפטן און געלט־עסקים אין קייזערלעכן הויף, זיך באַמיט דעם ליידנשאַפטלעכן קייזער צו באַקענען מיט די עטישע לערן פון דער סטאָאַ און מיט די אַסקעטישע בענקשאַפטן פון דער נשמה. דער חשובער פּעטראָניוס האָט אויסגענוצט זיין הויפישן אַמט נאָר אויף איין זאַך — און דאָס אין דער פולסטער איינשטימונג מיט דער עפּיקורעאישער פילאָזאָפיע, — נעמלעך, צו באַקענען דעם קייזער מיט די באַהאַלטנסטע וועלט־השגות פון די גופישע חושים. השגות וואָס ליגן ווי די זיסטע געהיימנישן אין די געבליטן, אין די אברים, און אין די זאַפטיקע געוועבן פון דער צונג און פון דעם גומען.

פּעטראָניוס האָט נעראָנען געלערנט דאָס העכסטע געבאָט פון דער וועלט צום שטערבלעכן מענטש, און דאָס איז דער גענוס. סענעקאָס פילאָזאָפיע האָט דער קייזער אויסגעהערט אַ שלעפעריקער און אַן אומגעדולדיקער און געקוקט אויף דער טיר ווען דער באַרימטער און רייכער סטאָאיקער וועט שוין ענדלעך אַוועקגיין. דעם עפּיקורעער פּעטראָניוס האָט נעראָ אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און מיטן גרעסטן חשק. דער אומגעלומפּערטער ליידנשאַפטלעכער גוף פון קייזער האָט זיך ווי אַ חיה געוואָרפן אויף אַלע פליישלעכע תאוות. אָבער ער האָט די תאוות גענאָסן מיט דער בלינדער גיריקייט פון דעם געטיער. ער האָט די וועלט גענאָסן אין דער געשטאַלט פון אַ הייסער פינצטערער נאַכט. דער נאָבעלער פּעטראָניוס האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען די קלאָרע פאַרנונפטיקע וואַכקייט אין די תאוות פון צעיושעטן קייזער. ער האָט געלאָזט אויפשיינען די זון פון באַוואוסטזיניקסטן גענוס אין די פינצטערקייטן פון נעראָס צעחיהטע חושים. דער געדאַנק איז בכוח צו באַנעמען די וועלט נאָר מיטן קילסטן און איבערגעלייגטן ישוב־הדעת. דער געדאַנק איז נישט מער ווי דער שוואַכער שאָטן פון אַן אילוזיע און איז אויך משיג די וועלט נאָר ווי אַ שוואַכן שאָטן פון אַן אילוזיע. מכל שכן דער גוף און זיינע חושים וואָס געהערן אַליין צו דער

עקסיסטירנדיקער סובסטאַנץ פון דער וועלט, — זיי מוזן אוודאי אויפנעמען די וועלט אין קלאָרסטן און ראַפינירט־איבערגעלייגסטן געַנוס. געַנוס איז די העכסטע פאַרנונפט פון אונזערע גופישע חושים. דער וואָס דערגרייכט צו דער מדרגה פון געניסערישער פאַרנונפטיקייט, ער האָט דערגרייכט די העכסטע השגות וועגן עצם פון דער וועלט און דעם עצם פון אירע רייצן און שיינקייטן. נייערט אין געַנוס זענען מיר די אמתע פילאָזאָפן, ד"ה די וואָרהאַפטיקע דערקענער פון דער וועלט.

אויף דעם דאָזיקן דרך פון אמת האָט פעטראָניוס געפירט דעם רוימישן קייזער. ער האָט אים געלערנט געניסן די ראַפינירטסטע תאוות וואָס ליגן אין דער וואונדערלעכער קערפּערהאַפטיקייט פון דעם ווייב. ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די טויזנטפאַכע רייצן פון געשלעכטלעכער גלוסטונג. ער האָט אים געלערנט די דופּטיקע געהיימנישפולקייטן וואָס ליגן אין גומען און אין דער צונג, ווען מען ווייס נאָר צוצוגרייטן די געהעריקע מאכלים און די געהעריקע געטראַנקען. ער האָט אים געלערנט געניסן די אײדעלע צאַרטקייטן פון געוועבן ווען מ'הילט אין זיי איין די גלידער. די שיינקייטן פון לוקסוס וואָס דערפרייען און באַרייכערן דאָס אויג, און ווייזן די וועלט אין דעם רויש פון איר פרייד. ער האָט אים אויך געלערנט די זיסקייטן פון נקמה. עס איז זיס צו זען דאָס בלוט און די פייניקונגען פון פיינט. אויך נקמה איז רייך אין אירע ראַפינירטע געַנוסן, — און מ'מוז וויסן ווי אויסצושפּילן אירע ניואַנסן. אַלצדינג מוז מען טאָן קאַלט. אַלצדינג מוז מען טאָן מיט דעם גרעסטן ישוב־הדעת.

נעראָ האָט זיך געקוויקט מיט דער חכמה פון גאַיוס פעטראָניוס. זי האָט אויף אַ רגע געקילט זיינע ברענעדיקעליידנשאַפטן ווי שווערער טונקעלער ווין וואָס ווערט אין די זומער־טעג געהאַלטן אין די אײדעלע קילקייטן פון שניי. פון גרויס הנאה האָט נעראָ אפילו הויך אויפן קול איב־מיטן דעם געזעמל פון די הויף־לייט געריִמט דעם נאָבעלן עפּיקורעער און אים אָנגערופן Arbiter Elegantiae די אויגן פון די הויף־לייט האָבן דערביי געברענט פון קנאה. און גאַיוס פעטראָניוס האָט זיך געשאַפן געַנוג שונאים.

אָבער נעראָ איז געווען אַ טעמפּער תלמיד נישט בלויז פון דעם סטאָאיקער סענעקאָ נאָר אויך פון דעם עפּיקורעער פעטראָניוס. נישט נאָר האָט ער נישט באַנומען די אײדעלע גענג פון דער פאַרנונפטיקער נשמה. אויך די פאַרנונפט פון די געניסערישע חושים איז פאַר נעראָן סוף־כל־סוף געווען אַ צו פרעמדער און אַ צו הויכער ענין. דאָס בלוט פון זיין זיידן דעם וואָגן־לענקער און פון זיין פעטער דעם באַרבער האָט פּלעבעאיש געזאָטן אין דעם קייזער וואָס איז געזעסן אויפן רוימישן טראָן. נעראָ האָט נישט געקאָנט לענקען זיין גוף אין די וועגן פון וואונדערלעכער לעבנס־פרייד און לעבנס־עשירות, אין וועלכע עס האָט אים געוואָלט פירן דער עפּיקורעאישער חכם. די חיה איז תמיד אַרויסגעקראָכן פון אונטער נעראָס קייזערלעכן פּורפּול. אַ גיריקע און האַסטיקע חיה. פעטראָניוס האָט נישט ווייניקער פאַראַכטעט

נעראָס גוף ווי סענעקאַ האָט פאַראַכטעט נעראָס נשמה. נעראָ האָט שטענדיק געפילט די שטילע און טיפע פאַראַכטונג פון די דאָזיקע צוויי באַרימטע הויף־לייט, און כסדר געטראַכט וועגן זייער טויט. אויך פעטראָניוס איז אים געווען לעסטיק, הגם ער, נעראָ, האָט טייל מאָל זיינע געשפּרעכן אויסגע־האָרכט מיט פאַרגעניגן. אויך קעגן פעטראָניוסן האָט נעראָ געגליט מיט נקמה, פּונקט ווי אַקעגן סענעקאַן. די בײדע פילאָזאָפן האָבן דאָס גריילעך געוואוסט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך מיטאַנאַנדער פיינט געהאַט. כדי זיי צו פאַרביטערן, האָט נעראָ נישט איינמאָל געמאַכט דעם פאַלגנדיקן ספּעקטאַקל: ער האָט עס געמאַכט אין מיטן פון זיינע שפּעדיקע און פרעסערישע קייזערלעכע מאָלצייטן און אונטער דעם שאַליקן שאָדן־געלעכטער פון די מחנות הויף־לייט. נעמלעך, ער האָט צונויפגעזאַמלט פון אַלערליי פילאָזאָפן־שולעס גאַנצע כאָפּטעס פון סטאָאיקער און עפּיקורעער און זיי געלאָזט דיספּוטירן אין אָנגעזיכט פון די שוין שכורלעכע קייזערלעכע מקורבים און אין אָנגעזיכט פון סענעקאָן און פעטראָניוסן. ער האָט די פילאָזאָפן־כאָפּטעס אָנגערייצט איינע אויף די אַנדערע ווי בייזע הינט. דערמיט האָט נעראָ אַרויסגעוויזן זיין טיפע שנאה און גרינגשעצונג צו זיינע פילאָ־זאָפישע לערער.

***

ווען סענעקאָ האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין דעם וואַסער פון דער באָד־וואַנע, איז דער חשובער גאַיוס פעטראָניוס אַלט געווען שוין קרוב ביי אַ זעקס־און־זעכציק יאָר. פעטראָניוס האָט אָנגעהויבן צו פילן שוואַכקייט אין זיין געפלעגטן גוף. ער האָט כסדר ווייטער געלעבט אין גענוס און אין רייכקייט, פונדעסטוועגן האָט ער געפילט ווי די עלטער הייבט זיך אָן צו מישן אין זיין בלוט ווי דאָס אומעטיקע גאָלד פון האַרבסט אין דער גרינקייט פון די בלעטער. טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט — אָט די קילקייט פון דער על־טער איז שוין אייגנטלעך דער הויך פון דעם גרויסן זיך־פאַרגעסן וואָס רופט זיך טויט. עס איז דער טויט וואָס ווייעט קיל אַהער צו די ברעגעס פון לעבן. — די לעבנס־סופן הייבן זיך אָן צו גרענעצן מיט דער אייביקער עקסיסטענצ־לאָזיקייט. פעטראָניוסן איז אויסגעקומען, נעמלעך, אַז אָט־אָ די עלטער שוואַכט גאָרנישט אָפּ די רייצן פון לעבן. פאַרקערט: זי לייטערט זיי. מאַכט זיי רייפער און פאַרקלערטער אין טעם ווי די אַלטע ווײַנען וואָס לייטערן זיך און ווערן רייכער אין דער טיפקייט פון זייערע אַראָמאַטן דורך די קעלטערס פון יאָרן. אים האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודוכטן, דעם חשובן פעטראָניוס, אין דער עלטער הייבט זיך דאָס וואונדערלעכע גופישע לעבן פאַמעלעך אָן צו דערנעענטערן צו די שיינקייטן פון געדאַנק — לעבן און טראַכטן הייבן ביידע אָן צוזאַמענצושוועבן אין אַ האַרמאָניע.

אַ חוץ זיינע קערפּערלעכע גענוסן — וואָס אויך אין זיי איז ער געווען מיושב ווי אַן עפּיקורעער — האָט ער, פעטראָניוס, אָנגעהויבן נאָך מער ליב צו באַקומען זיין ביבליאָטעק און זיך צו פאַרטיפן אין אירע פאַרמעטן. ער האָט

נאָך אַמאָל און מיט דער טיפסטער הנאה אָנגעהויבן צו באַוואונדערן דעם קלאַנג און דעם ריטם אין די לידער פון די פּאָעטן. די רואיקייט אין די דיאַלאָגן פון פּלאַטאָ. דאָס גרויסע און העראָאישע גוראַנגל פון שיקזאַל אין די טראַגעדיעס פון די אַנטיקע גריכן. די ביכער זענען פול מיט וואונדער־לעכער פרייד ווי די לאָגלען מיט וויין. דער חשובער פּעטראָניוס האָט גענומען די פּען אין דער האַנט און אויף די ווייסקייטן פון פּאַפּיר האָט ער זיך געלאָזט פירן פון איר לויט דעם ריטם פון זיין געמיט. אין דעם גאָלדענעם אָוונט פון זיין לעבן — וואָס האָט גריילעך געגליכן צו די זון־פאַרגאַנגען אין די קילע טונקלקייטן פון אַ ציפּרעסן־וואַלד — האָט דער נאָבעלער עפּיקורעער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן טויט. ער האָט געטראַכט וועגן טויט ווי וועגן דער גרויסער שטילער רואיקייט וואָס וואַרט אויף אים, פּעטראָניוסן, אין די שאָטנס פון דער גליקזעליקער פאַרגענגלעכקייט. ער האָט געוואוסט — נעראָס געדאַנקען ווערן וואָס אַמאָל פינצטערער. יעדן טאָג קאָן דער קייזער אים צושיקן דעם טויט־אורטייל.

ווי אַן אמתער עפּיקורעאישער פילאָזאָף האָט פּעטראָניוס, נאָך האַלטנ־דיק ביי די ליפּן דעם גאָלדענעם בעכער פון לעבן, זיך אינערלעך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צום טויט. צוגלייך איז זיין פאַראַכטונג צו נעראָן געוואַקסן אין זיינע ביינער. ער האָט געפּלאַנט נקמה. נקמה אין אָט אַ דעם אייניקל פון אַ וואָגן־לענקער, וואָס זיצט אויפן טראָן פון געטלעכן אויגוסטוס און געניסט זיינע ליידנשאַפטן נישט ווי אַ קייזער נאָר ווי אַ באַרבער. ער האָט געוואוסט, — די פּען פון אַ שריפטשטעלער איז שאַרפער אין איר שנייד ווי די שווערד פון אַן אַלעקסאַנדער. פּעטראָניוס האָט די דאָזיקע שרייבערישע שווערד געוואָלט אויפהייבן אויף נעראָס קאָפּ און אים פאַרניכטן אין איראָנישן שפּאָט אין אָנגעזיכט פון אַלע צוקונפטיקע דורות.

ער האָט דעריבער אין זיין ביבליאָטעק אָנגעהויבן בסוד צו שרייבן אַ שפּאָט־שריפט אויף נעראָן.

דעם העלד פון זיין שפּאָט־שריפט האָט פּעטראָניוס אָנגערופן מיט אַ שקלאַפישן נאָמען: טרימאַלכיאָ. עס איז גענוג געווען אין טרימאַלכיאָן צו דערקענען אַלע פיזיאָנאָמישע און גייסטיקע שטריכן פון רוימישן קייזער. פּעטראָניוס האָט מייסטערלעך געצייכנט דעם אומגעלומפּערטן אָנגעגאָסענעם גוף פון נעראָן, זיינע וואַסערדיקע טעמפּע אויגן, זיין דיקן און קורצן חיהשן האַלז. טרימאַלכיאָ איז אַ גראָב נפש און אַ פרייגעלאָזענער שקלאַף. דערביי האָט פּעטראָניוס דערמאָנט נעראָס נידעריקן אָפּשטאַם. דורך פאַרשיידענע נידערטרעכטיקייטן און שווינדלעריין איז טרימאַלכיאָ געקומען צו אַ געוואַל־דיקן פאַרמעגן. דער געוועזענער שקלאַף פאַרנעמט זיך דווקא צו שפּילן דעם גרויסן האַר. כדי זיך צו גרויסן מיט זיין רייכקייט, טוט ער — פאַר אַלעמענס אויגן — זיינע מענטשלעכע געברויכן אין אַ גאָלדענעם נאַכט־טאָפּ. איינער פון די אַלעקסאַנדרינישע שקלאַפן מוז אים, טרימאַלכיאָן, דעם גאָלדענעם נאַכט־טאָפּ אונטערהאַלטן. דאָ האָט פּעטראָניוס ווידער געוויזן דעם גראָבן פּעבלהאַפטיקן געשמאַק פון רוימישן קייזער.

פעטראָניוס האָט געשילדערט ווי אַט אַ דער עם הארצישער געלט־זאַק רינגלט זיך אַרום מיט די באַרימטסטע קינסטלער. די באַצאָלטע קינסט־לער דערציילן וועגן אים און זיין אָפּשטאַם די אומפּארשעמטסטע ליגנס. זיי מאָלן טרימאַלכיאָן אין דער געשטאַלט פון אַ באַקראַנצטן ייִנגלינג. מינערוואַ אַליין פירט אים אַריין אין די טויערן פון רוים. פאָרטונאַ מיט דריי פּאַרצן טרעטן אים אַנטקעגן און טראָגן אין די הענט גאָלענע פעדעם.

דעם גרעסטן שפּאָט האָט פעטראָניוס אויסגעגאָסן ווען ער האָט באַ־שריבן סיי די מאָלצייטן וואָס טרימאַלכיאָ האָט געגעבן אין זיין רייכער ווילאַ, סיי די פּעבלהאַפטיקע און קאָמישע עטיקעטע וואָס האָט דאָרטן געהערשט. דערביי האָט פעטראָניוס געשילדערט די חיהשע פרעסערישקייט און די אומ־געלומפּערטע שפע מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די עפּנטלעכע מאָלצייטן, וואָס נעראָ האָט געגעבן פאַר זיינע הויף־לייט. ער האָט באַשריבן — דאָ איז ווידער אַרויסגעקומען דאָס וואָרהאַפטיקסטע בילד פון הערשנדיקן רוימישן קייזער — ווי טרימאַלכיאָ גרויסט זיך מיט זיין געלערנטקייט אין האָמער און אין אַנדערע גריכישע דיכטער. דערביי ווייזט ער אַרויס די גרעסטע אומוויסנקייט. טרימאַלכיאָ קאָפּירט דעם באַרימטן פאַנטאַמינען־טענצער סיריוס. די גאַנצע דינערשאַפט מוז דערביי זינגען אַ גריכישן טעקסט. ער לאָזט אויפטרעטן שוישפּילער צוזאַמען מיט די ביליקסטע און געמיינסטע קונצן־מאַכער. די אַריעס פון מענעקראַטעס זינגט ער מיט דעם ריטם פון אַ קאַצן־מוזיק. טרימאַלכיאָ — ד״ה נעראָ — האָט ליב צו זינגען און צו שפּילן אויף דער האַרפע. ער טוט עס ווי אַ טויבער אָן דעם מינדסטן געהער פאַר מוזיק. באַשרייבנדיק די מאָלצייטן פון טרימאַלכיאָ דערמאָנט פעטראָ־ניוס נאָך אַמאָל זיינע קולינאַרע קענטעניש און זיין אויסערגעוויינטלעכע באַהאַוונטקייט אין די תענוגים פון גומען. ער האָט נאָכן טויט נאָך, געוואָלט רייצן נעראָס פרעסערישקייט. זאָל ער זען, דער קייזער, וואָס ער האָט אין פעטראָניוסן פאַרלאָרן.

צום סוף פון דער שריפטשטעלעריש זייער געלונגענער שפּאָט־שריפט לאָזט פעטראָניוס דעם שפּלן טרימאַלכיאָ פירן געשפּרעכן וועגן דער אומ־שטערבלעכקייט. דער נאָבעלער גאַיוס פעטראָניוס האָט — באַגלייך מיט דעם שפּאָט אויף נעראָן — אויך געוואָלט אָפּלאַכן פון דער הילפלאָזער האָפענונג פון אַלע נידעריק־געזינטע מענטשן. די האָפענונג וואָס רופט זיך אומשטערבלעכקייט.. די אידייע פון דער אומשטערבלעכקייט שטאַמט פון דער חיהשער פרעסערישקייט וואָס קאָן זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן מיטן לעבן און וויל עס האָבן אויך אויף די טונקעלע פליינען פון דער עקסיסטענצ־לאָזיקייט. די אומשטערבלעכקייט איז דער גלויבן פון אַלע אָרימע אין גייסט. דער אמתער חכם באַדאַרף זי נישט די אומשטערבלעכקייט. ער איז געזנוג און איבערגעזנוג זאַט פון לעבן און אירע עשירותן. ער פאַרלאַנגט איצט די אומגעשטערטע רו.

דער חשובער פעטראָניוס האָט אומישנע אויסגעמיטן צו שרייבן אָט אַ די שריפט — „די סעודה פון טרימאַלכיאָ״ — אין דעם געהויבענעם סטיל

פון אַ ציצעראָ. ער האָט זיך געהאַלטן ביים לאַטיין וואָס ווערט גערעדט אויף דער גאַס און אין די רוימישע שענקען. האָט זיך אַבסאָלוט נישט געשעמט אינמיטן פון זיין שפּראַך אַריינצומישן אַ היפּשע צאָל וואולגאַריזמען און גראָבע רייד. אַן עפּיקורעאישער חכם מעג אַלצדינג טאָן וואָס שאַפט אים פאַרגעניגן. דער עיקר האָט פּעטראָניוס געגלייבט, דאָס געקרוינטע אייניקל פון דעם וואָגן־לענקער ווערט גיכער פאַרשטיין ווען מען רעדט צו אים אויף אַ גאַסן־שפּראַך.

***

ווען נעראָ האָט דעם חשובן גאַיוס פּעטראָניוס צוגעשיקט דעם לאַנג דערוואַרטן טויט־אורטייל, איז דער עפּיקורעער שוין אינערלעך פּולקום גרייט געווען אַוועק צו גיין פון דעם וואונדערלעכן און געטלעכן שוישפּיל וואָס הייסט לעבן. ער האָט דעם טויט־אורטייל איבערגעלייענט מיט אַ שמייכל און מיט רואיקייט. ער האָט געבענקט נאָך רו און עקסיסטענצלאָזיקייט. ער האָט געבענקט נאָכן טויט. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דער וועלט לויט די לערן פון עפּיקור, ד"ה מיטן פולן באַוואוסטזיין פון אַ פריידהאַפטיקער דערקענטעניש.

גאַיוס פּעטראָניוס האָט אויך באַשלאָסן צו שטאַרבן מיט דעם איידעלן פאַמעלעכן טויט פון אַ קאַלטבלוטיקן רוימער. הגם ער האָט נישט געהאַלטן פון סענעקאָן, וואָס האָט זיך — שטאַרבנדיק — געגרייט צו דער אומשטערבלעכקייט, האָט ער אָבער — זיך אַליין גרייטנדיק צו דער עקסיסטענצלאָזיקייט — אויסגעקליבן סענעקאָס אופן פון זעלבסטמאָרד. פּעטראָניוס האָט אויך באַשלאָסן זיך אויפצושניידן די אָדערן אין זיין גראַסאַרטיקער באָד־וואַנע, וואָס איז אינגאַנצן ענלעך געווען צו אַ גריכישן סאַרקאָפאַג מיט געטער־שלאַכטן, ליבע־סצענעס צווישן געטער און מענטשן־טעכטער, און אָלימפּישע מאָלצייטן.

אינעם טאָג, ווען פּעטראָניוס האָט אויסגעקליבן אויף צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, האָט ער צונויפגעזאַמלט זיינע פריינט אויף אַ סימפּאָזיום. פּעטראָניוס האָט געוואָלט שטאַרבן אינמיטן אַ רייכן מאָלצייט. צווישן מיט רויזן־באַ־קראַנצטע עפּיקורעער, וואָס וועלן עסן מיט אים צוזאַמען די אויסגעזוכטסטע מאכלים און טרינקען די איידלסטע ווינען. אינמיטן געזאַנג און טענץ. אינמיטן דעם לעצטן געשאַל פון לעבן. אַזוי האָט געוואָלט אַוועקגיין דער חשובער גאַיוס פּעטראָניוס. אַוועקגיין אַ זיגרייכער. אַ רואיקער. אַ באַקראַנצ־טער ווי אַ שוישפּילער וואָס גייט אַוועק פון דער בינע.

זיינע עפּיקורעאישע פריינט זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם באָד־צימער פון פּעטראָניוסעס ווילע. אין באָדצימער וואו דער נאָבעלער פּעט־ראָניוס וועט זיך אויפשניידן די אָדערן און זיך מיט זיי געזעגענען אינעם טויט פון אַן עפּיקורעער.

דאָס באָדצימער אין דער ווילע פון פּעטראָניוסן האָט געהאַט אַ שם איבער גאַנץ רוים. עס האָט מער געגליכן צו אַ געטער־טעמפּל ווי צו אַ באָד־

צימער. עס איז אינגאַנצן געווען פון געלן מאַרמאָר. די געלקייט פונעם אײדעלן געשטײן האָט אין דעם באַדצימער געשימערט מיט אַן אייגנטימ־לעכער און קילער ליכטיקייט. די דילן פון אַ וואונדערלעכער מאָזאַאיק, אין וועלכער עס איז געווען קאָפּירט די באַרימטע פּערסישע שלאַכט פון אַלעק־סאַנדער מוקדון און אַנדערע באַרימטע שלאַכטן פון דער וועלט־געשיכטע. ווען דער עפּיקורעער איז זיך געגאַנגען באָדן און איז געטראָטן אַ באָרוועסער איבער דער דיל־מאָזאַאיק, האָט עס אויסגעקוקט ווי ער טרעט איבער די גרעסטע און וויכטיקסטע געשעענישן פון דער וועלט. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען אַ סך סטאַטועס פון גריכישע פילאָזאָפן. די סטאַטוע פון עפּיקור איז געשטאַנען אינמיטן אַ כאָר פון סאַטירן און נימפעס. איבער דער סאַקראָפאַג־ענלעכער וואַנע האָט געשוועבט אַ גרויסע פיגור פון פּאַן, וואָס שפּילט אויף אַ פלייט.

ביי די געל־מאַרמאָרנע ווענט האָבן פאַנטאַסטיש ־ קאָנסטרואירטע ברונעמער געשפּריצט מיט שמעקנדיקע וואַסערן. גריכישע געטער האָבן געהאַלטן אַלערליי פילאָזאָפישע סימבאָלן אין זייערע הענט. פון די דאָזיקע סימבאָלן האָבן זיך אויך געגאָסן שמעקנדיקע עסענצן.

פּעטראָניוסעס פאַרבעטענע געסט אין ווייסע בלאַנקענדיקע טאָגעס און מיט פרישע רויזן־קראַנצן אויף די קעפּ האָבן זיך אויף מאַרמאָרנע געלעגערס אויסגעלייגט אַרום דער סאַקראָפאַגאַרטיקער באָד־וואַנע. שקלאַפן האָבן פונאַנדערגעשיט בלומען אויף די דילן און אָנגעהויבן אָנצופילן די וואַנע מיט וואַרעם וואַסער. דער צום שטאַרבן־גייענדיקער עפּיקורעער איז אַריינגעקומען צו זיינע געסט אין אַ ווייסער טאָגע און אַ באַקראַנצטער. ער האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. ער איז געווען רואיק. האָט געשמייכלט. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ צוזאַמענגעוויקלטן פּאַרמעט וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גאָלדענעם פאָדעם. עס איז געווען די אָקערשט פאַרענדיקטע שפּאָט־שריפט אויף נעראָן.

ווען אַ טייל שקלאַפן האָבן אָנגעהויבן פּעטראָניוסן אויסצוטון, האָבן אַנדערע שקלאַפן אַרומגעטראָגן אין גאָלדענע קאַנען ווייַן געקילטן אויף שניי. זיי האָבן דעם ווייַן פונאַנדערגעגאָסן אין די זעלטענע קאָרינטישע בעכער וואָס זענען געשטאַנען פאַר די באַקראַנצטע און אויסגעלייגטע געסט. דער דופט פון די אַלטע וויינען האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן באָדצימער און זיך אויסגעמישט מיט דעם ריח פון די שמעקנדיקע וואַסערן און עסענצן וואָס האָבן זיך געגאָסן פון די פאַנטאַסטישע ברונעמער און פון די פילאָ־זאָפישע סימבאָלן אין די הענט פון די גריכישע געטער. פּעטראָניוס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון זיינע פּראַכטפולע געווענדער. איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער. זיין זעקס־און־זעכציק־יאָריקער גוף איז נאָך געווען פריש. פּעטראָניוס איז פאַמעלעך אַריינגעגאַנגען אין דער וואַנע. ער האָט זיך אויס־געזעצט אין וויכן וואַרעמען וואַסער. דערלאַנגט זיין האַנט צו איינעם פון זיינע שקלאַפן. דער שקלאַף איז געווען אַ געניטער באַרבער.

דער שקלאַף האָט מיט אַ קליין גאָלדן מעסערל אויפגעשניטן די אָדערן

פון פעטראָניוסעס אָרעם. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן צו פליסן. דאָס קלאָרע וואַנע־וואַסער האָט זיך אָנגעהויבן רויט צו פאַרפאַרבן מיטן פליסנדיקן בלוט. פעטראָניוס איז געבליבן רואיק און געלאַסן ווי תמיד. די פאַרבעטענע עפּיקורעער האָבן אים באַוואונדערט און צוגענומען די פולע קאָרינטישע וויין־בעכער צו זייערע ליפּן.

פעטראָניוס האָט אָנגעהויבן מיט אַמאָל צו רעדן און אויסצולאַכן דעם באַרימטן סטאָאיקער קאַטאָ פון אוטיקאָ וואָס בעת ער האָט זיך אויפגעשניטן די אָדערן האָט ער געלייענט פלאַטאָס פעידאָן. ניין, ער , גאַיוס פעטראָניוס האָט זיך אויסגעקליבן אַנדערע געשפּרעכן און אַנדערע דיכטער אין די שעהן פון זיין שטאַרבן.

די געסט האָבן ערפורכטיק געשוויגן. שטיל געטרונקען דעם אָפּגע־קילטן וויין.

פעטראָניוס האָט געגעבן אַ צייכן דעם שקלאַפישן באַרבער אים פונ־דאַסניי צוצובינדן די אויפגעשניטענע אָדערן. פעטראָניוס האָט געוואָלט געניסן דעם טויט פּאַמעלעך. איינציקוויז. מיט ישוב־הדעת. פונקט ווי ער האָט גענאָסן דאָס לעבן.

דער שקלאַף האָט אים פאַרבונדן די אָדערן. דאָס פליסנדיקע בלוט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָ האָט פעטראָניוס ווידער געגעבן אַ צייכן. אַ כאָר פון שקלאַפן איז פייערלעך אַריינגעטראָטן אין באָדצימער. זיי זענען געווען פאַרקליידט ווי די דעמאָנען פון דער אונטערוועלט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ גרופּע און אָנגעהויבן צו זינגען ווי אין אַן אונטערערדיש טונקל געזאַנג:

ניטשט וואַרט אויף אונז קיין שיפל אין פינצטערן האַדעס.
נישט וואַרט אויף אונז דער שיפער כאַראָן,
נישט דער שומר עקוס,
נישט דער הונט צערעבערוס. —
מיר אַלע זענען אין טויט
צעפאַלענע ביינער און שטויב —
מער נישט.

ווען איינער פון די מאַסקירטע דעמאָנען האָט אָנגעהויבן פאַרצולייענען פראַגמענטן פון אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס, האָט פעטראָניוס באַפוילן אויפצובינדן די איבערגעשניטענע אָדערן. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן צו פליסן.

שפּעטער האָבן אַלעקסאַנדרינישע פלייטן־שפּילער געשפּילט. זינגער האָבן געזונגען אַלערליי לייכטע וויין־ און ליבע־לידער. ווען פעטראָניוס האָט אָנגעהויבן צו פילן ווי דער טויט הייבט שוין אָן צו קילן זיינע געבליטן און ער ווערט בלאַסער האָט ער באַפוילן פאַרצולייענען שטיקער פון זיין אָנגעשריבענער **שפּאַט־שריפט.**

דער עפּיקורעער האָט געשמייכלט אין די שאָטנס פון טויט, וואָס האָבן

אַנגעהויבן צו ווייען איבער זיין קאָפּ. די געסט האָבן געטרונקען וויין. זיי האָבן זיך לייכט און מיט שרעק אַרומגעקוקט איבער די געל־מאַרמאָרנע ווענט, ווען זיי האָבן געהערט די שאַרפזיניקע און פרעכע אָפּשפּעטענישן אויפן קייזער. פּעטראָניוס איז שוין געלעגן אַ בלאַסער אין דעם רויטן בלוטיקן וואַסער פון דער וואַנע און מיט אַ שוואַכער שטים באַפוילן באַלד נאָך זיין טויט אָפּצושיקן די שפּאָט־שריפט אין קייזערלעכן הויף אַריין און זי אייגנהענטיק אָפּצוגעבן נעראָנען.

פּעטראָניוס האָט געגעבן אַ צייכן. אַ האַלב־טויטן האָבן אים די שקלאַפן אַרויסגענומען פון דער וואַנע. דאָס בלוט איז נאָך שוואַך געפלאָסן פון זיין אָרעם. די שקלאַפן האָבן אים אויסגעלייגט אויף איינעם פון די מאַרמאָרנע געלעגערס. אים צוגעדעקט מיט אַ רייכער אין גאָלד־געהאָפטענער פּורפּולנע טאָגע. דער רויזן־קראַנץ אויף זיין קאָפּ האָט זיך לייכט צעשיט. די שקלאַפן האָבן צוגעניגט צו די גוססע ליפּן פון פּעטראָניוסן אַ טייערן בעכער פון אַכאַד פול מיט וויין. פּעטראָניוסעס ליפּן האָבן געציטערט דערפילנדיק דעם דופט פון וויין. — זיי האָבן אָנגעהויבן צו פליסטערן. די יעניקע פון די עפּיקורעאישע געסט וואָס זענען געזעסן נאָענט צום גוסס האָבן געהערט ווי ער זאָגט:

— דער וויין לעבט לענגער ווי אַ מענטשן־קינד.

ער איז געשטאָרבן מיט אַ שמייכל גלייך ווי אַ קינד וואָס ווערט אַנט־שלאָפן אין דער וויג.

דער שקלאַפישער כאָר פון דעמאָנען האָט שטיל און טונקל געזונגען:

ביסט אַראָפּגעפאַלן
ווי אַ צייטיקע פרוכט
פון לעבנס־בוים,
אָ, גאַיוס פּעטראָניוס.
לייטזעליק איז די פאַרגענגלעכקייט!

בבא—מעשה

לויט דעם ראָמאַן פון אליהו בחור

הקדמה פון מחבר

— 1 —

דאָס „בבא־בוך" פון אליהו־בחור האָט במשך פון הונדערטער יאָרן געהאַט אַ מעכטיקע השפעה אויף דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע. טיילן פון דעם בוך זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם באַשטאַנד פון יידישן פאָלקס־מיטאָס. אַלערליי נעמען און אויסדרוקן פון דער „בבא־מעשה" זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דעם אוצר פון דער יידישער שפּראַך.

שפּראַך איז אַ דינאַמישע עקסיסטענץ. זי איז ווי אַ לויפנדיק וואַסער אויף די לאַנדשאַפטן פון די דורות. זי אַנטוויקלט זיך און ענדערט זיך אָן אויפהער. דאָס ערשטע „בבא־בוך" פון אליהו־בחור איז פּאַמעלעכל געוואָרן גאָר גאָר אַרכאַאיש און שפּראַכלעך אומפאַרשטענדלעך ווערדליק דער אַנט־וויקלונג פון דעם שפּעטערן יידיש. שפּעטערע מחברים האָבן גענומען און אָט דאָס בוך פונדאַסניי איבערגעשריבן אויפן מאָדערנערן לשון יידיש, כדי די ווייטערדיקע דורות יידן זאָלן עס פאַרשטיין. אַ יעדער שפּעטערער איבערשרייבער האָט צוגעגעבן דאָס זייניקע. ער האָט איבערדערציילט די בבא־מעשה ווערדליק זיין אייגענעם נוסח און ווערדליק זיין אייגענער איינ־זעעניש. —

פּראָפ. יודאַ א. יאָפע האָט אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן די ערשטע אויס־גאַבע פון „בבא־בוך" (בבא דאנטונא"). די ערשטע אויסגאַבע וואָס ד"ר מאַקס ווײַנרייך האָט אַנדעקט אין דער ציריכער „צענטראַל־ביבליאָטעק" איז אַרויס אין איזנאַ אין יאָר 1541.

ווערדליק ווי נ. ב. מינקאָוו שרייבט אין זיין ווערטפול בוך „אליהו־בחור" זענען נאָך אין די יאָרן 1909 - 1910 אין ווילנע דערשינען נייע אויפלאַגעס פון „בבא־בוך". נ. ב. מינקאָוו גיט צו, אַז עס זענען מעגלעך נאָך געווען שפּעטערע אויפלאַגעס.

אין די „ייווא־בלעטער" יאַנואַר־מאַי 1932 איז געדרוקט אַן אינטערע־סאַנטע אַרבעט פון נח פּרילוצקי מכח די אַלערליי גלגולים פונעם „בבא־בוך".

מיין אַרבעט האָב איך באַזירט אויף דער לעמבערגער אויסגאַבע פון יאָר 1851. איך ציטיר אומישנע דאָס שער־בלאַט פון אָט דער אויסגאַבע:

„דיזע שײנע מעשה פון בבא האָבן מיר געדרוקט אויפסניי און עס איז פּאַר לענגסטע צײַט געדרוקט געוואָרן אָבער עס איז שוין לאַנג פאַרביי. אויך איז עס פריער געדרוקט געוואָרן אין איין שווער לשון און ניט איטלעכער האָט קאָנען פאַרשטיין. דרום האָבן מיר עס איבערגעשטעלט, אַז עס זאָל קאָנען לייענען אַ יעדער פון דעם געמיין. אויך האָבן מיר עס געדרוקט אויף שײנע אותיות און שײן פּאַפּיר און שײנע טינט און איין יעדער זאָל דערצו לויפן געשווינד".

יידן האָבן טאַקע ווייטער געלייענט און געלייענט די „בבא־מעשה" און זיך מיט איר געקוויקט און געהאַט הנאה.

— 2 —

אין פלוג איז עס אַ בוך וואָס אליהו־בחור האָט גענומען פון אַ פרעמדן קולטור־אוצר. די „בבא־מעשה" איז אַ הונדערט פּראָצענטיקער ריטער־ראָמאַן פון קריסטלעכן מיטלעלטער. אַלע געשעענישן דאָרט זענען כרחוק מזרח למעריב ווייט פון די געשעענישן פון יידישן לעבן. טאַקע דערפאַר, איז עס אפשר דער פּסיכאָלאָגישער סוד וואָס דאָס „בבא־בוך" האָט געהאַט אַזאַ אומגעהויערן דערפאָלג ביי די יידישע מאַסן. יידן האָבן געלעבט בייערט אין שאָטן פון פרייען אַוואַנטוריסטישן ריטערלעכן לעבן. אין ווייטן ווייטן שאָטן פון די ריטערלעכע לעבנס־השגות, ליבעס און שלאַכטן.

וואָס יידן האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן אין די טאָג־טעגלעכע טונק־לענישן פון זייער לעבן האָבן זיי אָבער געוואָלט איבערלעבן — און דאָס איז זייער מענטשלעך! — אין די אַוואַנטוריסטישע ליכטיקייטן פון דער פאַנטאַזיע. אין זייערע יידישע אינערלעכקייטן האָבן זיי געוואָלט לאָזן אַריינשײַנען די פרעמדע זון פון אַ פרעמדער נישט דערגרייכבאַרער וועלט. זיי האָבן פּשוט געוואָלט אַ טאַנץ טון אויף אַ פרעמדער חתונה. יידן האָבן זיך דאָ געוואָלט באַרוישן מיט די גלוסטיקייטן פון אַנדערע לעבנס־קולטורן.

מיר לעבן טאַקע אינעם שטייגער פון אונזער אייגן לעבן — אָבער תמיד ווילן מיר זיך אידענטיפיצירן מיט דעם אופן ווי עס לעבן אַנדערע. וואָס פרעמדער — אַלץ פּיקאַנטער און אויפרייצנדיקער.

אין דער סינטעזע פון קעגנזאַצן פאַרטיפערט זיך יעדע קולטור און וואַקסט אויס אין אירע דימענסיעס.

— 3 —

אין „מסעות בנימין השלישי", האָט מענדעלע מוכר־ספרים אויך גע־פּרוווט זיינע מאָטיוון צו נעמען פון אַ מוסטער פון אַ פרעמדן קולטור־אוצר. ער האָט זיך איינגעקוקט אויף דער אומשטערבלעכער סאַטירע „דאָן קיכאָט" און לויט איר געוואָלט שאַפן עפּעס אַזוינס ווי אַ יידישן צווילינג־ברודער. אָבער מענדעלע האָט גענומען נישט מער ווי די אַבסטראַקטע אידייע און די אַבסטראַקטע סכעמע פון די העלדן אין סערוואַנטעסעס

מייסטער־ווערק. בנימין און סענדערל זענען נישט מער ווי נאָכמאַכערישע איינפאַלן וואָס האָבן מענדעלען געררייצט זיי צו צופּאַסן צו דער סכעמע פון דאָן־קיכאָט און סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ. אין תוך האָבן „דאָן־קיכאָט" און „מסעות בנימין השלישי" נישט קיין שום געמיינזאַמעס אין דעם אויפבויערישן עפּאָס פון די געשעענישן. זיי זענען נישט טעטיק זייט ביי זייט ווי אַ סינטעזע פון ווידערשפּרוכן.

אין דער „בבא־מעשה" אָבער האָט זיך אליהו־בחור פאַרנומען צו גיין אין דעם שעפערישן דרך פון אַלע גרויסע מייסטער פון דער אַנטיקע און פון דער רענעסאַנס־צייט. ער האָט נישט בלויז נאָכגעמאַכט די סכעמע פון אַלטע מוסטערן און זיי אימיטאַטאָריש צוגעפּאַסט לויט זיין תקופה. ניין. ער האָט זיין אייגענע תקופה — און דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין וועלכן ער האָט געלעבט — סינטעטיש אַריינגעפלאָכטן און אַריינגעגאָסן אין דעם אַלטן און פרעמדן מוסטער. דעם אַלערליי ליכטער פון די דורות און די צייט־לאַנדשאַפטן האָט ער צונויפגעמישט אין איין פייער־טאָפּ און פון זיי געמאַכט גאָר אַ נייע באַלויכטונג פון דער מענטשן־געשטאַלט אויף דער וועלט. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט אַזוינס נאַציאָנאַלע קעגנווערטיקייט אויף די פליינען פון אַן אַלמענטשלעכן היסטאָרישן המשך. ווי ווייט אליהו־בחור האָט געקוקט אויף דער יידישער ליטעראַטור ווי אויף אַ באַשטאַנדטייל פונעם גייסטיקן המשך פון יידן, איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די „בבא־מעשה" רופט ער אָן מיט דעם גמרא־נאָמען מסיכתא: „חסל מסכת בבא דאנטונא". (דער סוף פון דער ערשטער אויסגאַבע).

די גרעסטע מדריגה פון אָט דעם אַלמענטשלעכן המשך האָט שעקספּיר דערגרייכט אין זיינע קאָמעדיעס. אין „אַ חלום פון אַ זומער־נאַכט" און אין „טראָאילוס און גרעסידאַ" האָט שעקספּיר אין דעם געביי פון אַנטיקע טעמעס — און ער האָט זיי על פּי רוב גענומען ביי פרעמדע מחברים — אַריינגעבויט זיין אייגענע צייט־תקופה אין ענגלישן רענעסאַנס ווי אויך די מענטשן פון זיין זיין פערזענלעכער סביבה. אַזוי אַרום האָט ער געשטאַלטיקט אַ דינאַמישע סינטעזע פון געשיכטע און קעגנווערטיקייט. די פּערסאָנאַזשן אין „אַ חלום פון אַ זומער־נאַכט" זענען טאַקע אַנטיקע גריכן, אָבער צוגלייך זענען זיי פּאָרט לייבהאַפטיקע ענגלענדער מיט די כאַראַקטערן און מאַניערן פון דער רענעסאַנס־צייט. די גריכן אין „אַ חלום פון אַ זומער־נאַכט" זענען „איינגעפליישטע ענגלענדער", האָט געטע געזאָגט וועגן שעקספּירן און ער האָט עס געזאָגט מיט דער גרעסטער אָנערקענונג. דאָס נעמלעכע — און נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן — זעען מיר אין דער דראַמאַטישער קאָמעדיע „טראָאילוס און גרעסידאַ". די געשעענישן קומען פאָר אויף דעם באַרימטן שלאַכט־פעלד פון טראָיאַ. די שפּילער זענען די האָמערישע העלדן. אָבער עס איז דאָס עליזאַבעטיאַנישע ענגלאַנד, וואָס איז אַריינגעבויט אין דער האָמערישער תקופה. ענגלאַנד מיט איר לעבנס־שטייגער, מיט דעם וועלט־קוק פון אירע פּאַטריציער, הויף־לייט, הויף־פּאַראַזיטן און קאָך־לעפל! כדי נאָך קלאָרער צו מאַכן וואָס ער איז אויסן,

לאָזט שעקספּיר העקטאָרן ציטירן דעם פילאָזאָף אַריסטאָטעלעס. הגם קינד און קייט ווייסן, אַז אַריסטאָטעלעס האָט געלעבט ביי אַרום טויזנט יאָר שפּעטער נאָך אָט די געשעענישן.

אליהו־בחור פאַרמאָגט נישט די מייסטערשאַפט פון אַ שעקספּיר. און האָט נאָך מורא צו וואָגן און סינטעטיש צוזאַמענצובינדן אַזעלכע צוויי היפּוכים ווי דער מיטלעלטער פון יידן און דעם מיטלעלטער פון די קריסט־לעכע ריטער־בורגן, ריטער־ליבעס און ריטער־קאַמפן. אָבער ער מאַכט פאַרט דעם אַנטשיידנדיקן טריט צו אַן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן סינטעז, וואָס איז ממש אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר אַ געשטאַלט פון אַ יידישער ליטע־ראַטור. הגם ער טוט עס זייער פאַרזיכטיק, ווי מען טוט אַ וואָגנדיקן און דרייסטן אָנהייב, — פונדעסטוועגן האָט אָט די סינטעזע טיף אַנגערירט די יידישע פאָלקס־נשמה און זי באַפרייט פון אַ סך אומעטיקע דעפּרעסיעס. אליהו־בחור האָט אויפגעעפנט דעם שטראָמיקן קוואַל פון אַלערליי פּסיכישע מעגלעכקייטן און דעם שלל פון קאָמפּענסאַציעס. די יידישע פאַנטאַזיע איז געוואָרן פול מיט גלוסטונגען צו זען איר וועלט־אַטמאָספערע און איר לעבנס־שטייגער אין דער באַלייכטונג פון אַ גאָר פרעמדער און אַ גאָר ווייטער און אַ גאָר קעגנזעצלעכער וועלט. צו אָטאָ דער פּיקאַנטער פרעמדקייט האָבן דאָך יידן געבענקט אין זייערע אומבאַוואוסטע טיפענישן און זי געזען ווי אַן אַנטיטעטישע וויזיע. די שענסטע וויזיעס אין אונדזער מענטשלעך לעבן זענען די אַנטיטעטישע זעאונגען צו וועלכע מיר בענקען.

איך וועל נישט גיין צו ווייט און באַהויפּטן, אַז אויך שלום־עליכם, — דער גרעסטער מייסטער צו שילדערן די יידישע קאָמפּענסאַציע — איז אין תוך פון דער זאַך אויך געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אליהו־בחורס „בבא־מעשה". וואָס איז שלום־עליכמס יידישער עפּאָס אויב נישט אַ בבא־מעשה אויף די ראַז־באַלויכטענע ווינט־מילן פון דער וועלט? נישט דאָס בין איך אויסן. וואָס שייך שלום־עליכמען, וועל איך דערוויל בלייבן ביי דער בלויזער השערה.

אָבער דער עיקר — און דאָס איז סימפּטאָמאַטיש — במשך הונדערטער יאָרן האָבן יידן נישט אויפגעהערט צו לייענען אליהו־בחורס „בבא־מעשה" און אירע עלעמנטן אַריינצונעמען אין זייער פאַנטאַזיע, אין זייערע זאָגענישן און אין זייער יידיש־לשון. אַ קייט פון מחברים האָבן דור ביי דור זי נישט אויפגעהערט איבער צו דערציילן אין נייע צייט־מעסיקע און פריי־באַ־אַרבעטע נסחאָות און וועדליק דעם אַנטוויקלונגס־באַשטאַנד פון דער יידישער שפּראַך. מדפּיסים און מוכרי־ספרים האָבן זי נישט אויפגעהערט איבערצודרוקן. אַלערליי פאַקנטרעגער — צופוס און צו בויד — האָבן זי פאַרשפּרייט איבער די תפוצות ישראל.

— 4 —

אין מיין ווינציקייט האָב איך, דער אַני הקטן, אויך זיך אַוועקגעשטעלט — און האָפנטלעך נישט דער לעצטער — אין דער ריי פון די יידישע מחברים

וואָס האָבן יעדעס מאָל געפּרואווט צו געבן אַ נייעם נוסח דער „בבא־מעשה״. אַ נייעם נוסח הן וואָס שייך שילדערונג און הן וואָס שייך לשון. דער לעצטער וואָגט תמיד מער ווי די פריערדיקע פּאַרגייער. יש לו על מה לסמוך. ער קוקט זיך גוט צו וואָס די פריערדיקע זענען געווען אויסן און ווי זיי האָבן געמאַכט די מלאכת־הקודש. ער, דער לעצטער הייסט עס, טוט עס זייער פּאַרזיכטיק און זייער באַדאַכט איידער ער גייט מאַכן דעם נייעם עקספּערי־מענט און אָנהייבן די „בבא מעשה״ פון אַ נייעם „מה־טובו״.

איך, דער אני הקטן, האָב געפּרואווט אָנצוהייבן מיטן פאַרקערטן קוק־ווינקל און גאָר אויסצודרייען דעם דישל אין דער פאַרקערטער ריכטונג. די פריערדיקע מחברים האָבן יידיש לעבנס־שטייגער און יידיש וועלט־געמיט געפּרואווט אַריינצומאָנטירן אין דעם גאָר פרעמדן ריטער־ראָמאַן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך באַמיט צו דערגרייכן די געזוכטע סינטעזע. איך האָב דעם לעבנס־שטייגער און דאָס וועלט־געמיט פון יידן אין מזרח־איראָפּע — איבערהויפּט פון יידן אין קרוין־פּוילן — אַוועקגעשטעלט אויפן ערשטן פּלאַן און אויפן פאָדערגרונט פון דער שפּיל־בינע. נייערט אין אָט דעם ספּעציפישן יידישן ליכט האָב איך געוואָלט ווייזן סיי די אויסערלעכע און סיי די אינערלעכע געשעענישן פון דער „בבא־מעשה״. דאָס פרעמדע און אַנטיטעטישע ריטער־לעבן האָב איך געפּרואווט אַריינצובויען אינמיטן פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע געשעענישן פון אַ טיפן און שפּרודלדיקן יידישן לעבנס־שטייגער. איך האָב דאָס פּיקאַנטע גויישע אויסגעשטעלט אין דעם ליכט און שאָטן פון אַ פולשטענדיק־סטילפולער יידישער וועלט. אויף אַזאַ אופן האָב איך עקספּערימענטירט צו דערגרייכן די סינטעזע פון די קעגנזאַצן.

אין דער שרייבערישער טעכניק האָב איך מיך געהאַלטן ביי דער הנחה ווי ווייט מעגלעך צו סוגערירן דעם לייענער אַן איינדרוק, נעמלעך: אַזוי ווי דער מחבר איז פון קאָפּ ביז די פּיס משוקע אין יידישקייט, האָט ער גאָר פאַרגעסן, דער בטלן, אַז ער האָט צו טון מיט די אילי־האַרץ, מיט די גרויסע לייט פון דער וועלט. מיט ריטערס, הערצאָגן און העלדן. מיט מלחמות און ריטער־טורנירן. ער, דער מחבר מיינט הייסט עס, אויף אַן אמתן אַז אַלצדינג וואָס געשעט אויף דער וועלט און אויף אירע פּליינען — זינט אדם הראשונען ביז משיח וועט קומען, — געשעט טאַקע נישט מער און נישט ווייטער ווי אין די דלד אמות פון יידיש לעבן און יידישער וועלט־פאַרשטעלונג. די גוים זענען נישט מער ווי שבת־גוים. אַלע יונים האָבן דאָס פּנים פון יידן רחמנים בני רחמנים און זענען גאָר צופרידן אויסצוקוקן ווי מחותנים אויף אַ יידישער חתונה און צו הערן די גראַמען און די זאָגענישן פון ר׳ נח נאַשעלסקער פון קרוין־פּוילן וכדומה בדחנים.

צו דער דאָזיקער נייער סינטעזע האָב איך אויך צוגעפּאַסט דעם נוסח, דעם סטיל און דאָס לשון. איך האָב געפונען פאַר נויטיק צו שרייבן כמעט דאָס גאַנצע ווערק אין געגראַמטער פּראָזע. די גראַמען הייבן זיך ערשט אָן שפּעטער ווען די קאַפּיטלען צעוואַרימען זיך. עס איז אַ שפּיל מיט יידישער

פאַנטאַזיע. געגראַמטע ווערטער־קלאַנגען ברענגען אין אַ אַזאַ פאַנטאַזיע־שפּיל אַריין לעבן, לופטיקייט און ריטם.

צום סוף וועל איך זאָגן דאָס, וואָס אליהו־בחור האָט געשריבן אינעם אַריינפיר פון „בבא־בוך". עס וועט זיך אויך גוט צופּאַסן צום געמיט פון אַ הײנטצײטיקן שרײבער און הײנטצײטיקע לײענער. —

„איך, אליה לוי, דער שרײבער, דינער אַלער פרומען ווײבער, מיט ערן און מיט צוכטן (העפלעכקייט), און איך לאָז מיך אַלזאָ בידוכטן (באַטראַכטן), און שטייט אייך וואויל צו גלאָבן (גלויבן), דאָס מיר איטליכע פרויען פאַראיבל האָבן, ווארום איך ניט אויך פאַר זיי דרוק, מיינער טייטש־ביכער איין שטוק (שטיק), דאָס זיי זיך מאָגן ד(ר)ינען דערמייען (דערפרייען), און שבתות און ימים טובים ד(ר)ינען לייען, נון, די וואָרהייט זאָגן וויל איך, עס דוכט מיך אויך זיין רעכט און ביליך, אַזוי ווי איך אין דער הייליקן געשריפט אַכט אָדער ניין ביכער האָב געשטיפט, און מיט דער דרוק אין דער וועלט האָב מאַכן קומען, זאָ האָב איך מיר אויך פאַרגענומען בעת איך האַלט אַן ענד מיינער טאַגן (טעג), און הײנט אָדער מאָרגן קער איך אויף די גאַגן (אויפן רוקן; איך וועל שטאַרבן), דא ווערן אַל מיינע ביכער און מיינע לידער פאַרגעסן און געלייגט דער נידער. דרום זאָל מיר קיינס דערפון רוקן, איך וועל זיי אַל נאָכאַנאַנדער דרוקן.

ניו־יאָרק, יולי 24, 1955

קאַפּיטל איינס

דער אַלטער מלך הערציק גווידאָן און דאָס יינגע ווייבל בראַנדאָניע.
בבא ווערט געבוירן הגם דעם אַלטן איז קאַלט אונטער די אויערן.

אַמאָל איז געווען אַ מלך איז ער געווען אַן אַלטער מאַן ושמו הערציק גווידאָן. האָט אים געפּאַרקעט דער יצר־הרע חתונה צו האָבן מיט אַ בתולה ושמה בראַנדאָניע. צום יאָר האָט זי געמאַכט אַ ברית און געלעגן געוואָרן מיט אַ בן־זכר, ושמו בבא.

נישט ווייט פון דער הויפּט־שטאָט פון קיניג הערציק גווידאָן האָט זיך געצויגן אַ טיפער וואַלד. אינמיטן וואַלד איז געשטאַנען אַן אַלטער פינצטערער שלאָס וואָס איז געווען אַרומגעמויערט מיט מויערן און טורעמלעך און אַרומגעגראָבן מיט טיפע גרובנס. צום שלאָס האָט מען געקאָנט צוקומען נייערט אויף אַלערליי הענג־בריקן וואָס זענען תמיד געווען אויפגעצויגן. דאָס שלאָס האָט געהייסן שנושומן. דאָרט האָט דער קיניג הערציק גווידאָן געהאַט באַהאַלטן זיינע אוצרות. דער ממונה איבער דעם דאָזיקן שלאָס האָט געהייסן סיני־בלד. ער איז געווען אַ גרויסער איש־מלחמה און האָט געקאָנט איינער אַליין אַוועקלייגן אַ וועלט מיט שונאים. אָבער ער איז טריי געווען דעם אַלטן קיניג אויף טויט און אויף לעבן.

צו אָט דעם סיני־בלד אין שלאָס שנושומן האָט דער קיניג אַוועקגעגעבן זיין בן־יחיד בבא, ער זאָל אים לערנען פעכטן, שיסן און רייטן, וכדומה תכסיסי־מלחמה.

ויגדל הילד — ווען בבא איז אַלט געוואָרן צען יאָר האָט ער שוין דריי גיבורים אַוועקגעלייגט ווי די פליגן.

קאַפּיטל צוויי

בראַנדאַניע האָט געטון ווײנען און קלאָגן:
סטייטש פון אַזאַ שברי־כלי בין איך געוואָרן פאַרנומען אין טראָגן?

די בתולה בראַנדאַניע וואָס דער קיניג הערציק גווידאָן האָט זי אַרויס־גענומען פון שמאַטעס און טראַנטעס און זי געמאַכט פאַר אַ מלכה, איז געווען פון יענע זיסע ווייבעלעך, וואָס מען זאָל זיי געדיכט זייען און זיי זאָלן שיטער אויפגיין. זי איז געווען פאַלש און שאַלקהאַפטיק ווי דער נחש־הקדמוני. דער יצר־הרע האָט זי באַטראַכט ווי זיינס אַ לייבלעכע רביצן.

האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויף די שרים און גענעראַלן וואָס כאַפּן פאַר איר אַראָפּ די היטלען. אַלע זענען זיי אייטל בלוט און מילך. האָט זי זיך ווייטער אַרומגעקוקט און געזען איר מאַן דעם מלך, וואָס איז שוין אַ זקן און אַ חלוש אין די לענדן. גאַנצע נעכט ליגט ער לעבן איר אין בעט און הוסט. ותאמר בלבה, האָט זי צו זיך געזאָגט:

—וואָס טויג מיר אַזאַ אַלטע שברי־כלי, און אַזאַ צעבראָכענער פידל?

שפּעטער האָט זי אַ קוק געטון אויף איר זון בבא, — און אויך ותאמר בלבה, האָט זי ביי זיך געטראַכט:

— פון אָט דער שברי־כלי בין איך פאַרנומען געוואָרן אין טראָגן און אָט איז די פּרי און דאָס לידל.

אין אירע געדאַנקען איז געוואָרן פינצטער און פינצטערער.

קאַפּיטל דריי

דעם פאַלשן ווייבל האָט פאַרשמעקט דעם יצר־הרעס ריח ־ ניחוח,
ותאמר בלבה: מיטן גענעראַל ריצער וועל איך מירצעשעם עסן
די גילדענע יויך —

וואָס אַן אשה רעה באַטייט, דאַרף מען לאַנג נישט ברייען. שלמה המלך עליו השלום האָט מיט זיי, מיט די פאַלשע ווייבער הייסט עס, געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. זיי האָבן אים וואַזשנע דעם קאָפּ געטון פאַרדרייען. הגם ער האָט געגלויבט זיך מיט זיי צו דערפרייען. ער האָט עס שפּעטער נעבעך דערציילט אין ספר „משלי״.

ותשא את עיניה — די שאַלקהאַפטיקע יידענע בראַנדאַניע — אַמאָל איז זי געגאַנגען אין שמאַטעס און אין טראַנטעס און היינט גייט זי אין בגדי־זהב — האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו איינעם אַ גענעראַל פון קיניגס חיילות. ער איז געווען בלוט און מילך, ושמו ריצער.

די מלכה בראַנדאַניע האָט זיך אויסגעטון פון יעדער בושה און אָנגעהויבן צו וואַרפן אייגלעך אויפן יונגן גענעראַל.

דער יצר־הרע האָט איר צוגעשפּילט אויף זיין פידעלע — און דער גענעראַל האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען ביי די וואָנצעס.

וואָס עס באַטייט ווען אַ גענעראַל — בלוט און מילך — דרייט זיך ביי די וואָנצעס, — וועגן דעם צו דערציילן איז ממש אַ שאָד פּאַפּיר און טינט.

ותלחוש — האָט די שאַלקהאַפטיקע בראַנדאַניע איינגערוימט דעם גענעראַל ריצער אַ סוד אויפן אויער. דערביי האָט זי געשמייכלט מיט אַלע זיבן שמייכלען פונעם נחש־הקדמוני. היינו: אַז באם ער וועט זען משלח צו זיין דעם אַלטן תרח צו זיינע עלטערן — און זאָל ער דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן —וועט זי מיט אים, מיטן רוצח הייסט עס, עסן די גילדענע יויך און אים מאַכן פאַר מלך.

אויב דער נחש האָט געקאָנט פּועלן ביי אַזאַ צדיקת ווי אונזער מוטער חוה צו עסן אַן עפּעלע פון עץ־הדעת — פאַרוואָס זאָל ער נישט פּועלן ביי אַ גענעראַל — וואָס איז כולו בלוט און מילך —צו ווערן אַ מלך?

דער גענעראַל ריצער האָט געזאָגט שטיל — און אויך אויפן אויער — צו דער מלכה בראַנדאַניע:

נישט געדאגהט אדוני המלכה. דער אַלטער וועט שוין ביי מיר באַקן בייגל. זע נאָר, אַז ער זאָל גיין מיט מיר אין וואַלד אַריין אויף געיעג.

קאַפּיטל פיר

די מלכה מאַכט זיך קראַנק. דער אַלטער גווידאָן רייט אַוועק אויף געיעג. עס האָט זיך דעם יונגן ווייבל פאַרגלוסט אַ הערשעלע וכדומה אַ זיסע חיה. ריצער שיקט דעם אַלטן אין גן־עדן אַוועק — און מאַכט אים אַ שיינע לוויה.

די מלכה בראַנדאַניע האָט נישט לאַנג געטראַכט און זיך געמאַכט קראַנק. זיך אַוועקגעלייגט צו בעט און געשריען, אַז עס קוועטשט זי ביים לעפעלע.

ויבוא המלך — איז דער אַלטער קיניג הערציק גווידאָן אַריינגעקומען צום יונגן ווייבל און זי מבקר חולה געווען. מיט גרויס ליבשאַפט האָט ער געפרעגט וואָס איר פעלט.

— אויב איך וועל נישט באַקומען אַ שטיקל געבראָטן הירשן־פלייש — האָט זי געיאָמערט — איז למה לי לחיים? — נעם איך און מאַך אַ שטאַרב און זוך דיר אַן אַנדער מלכה.

דער אַלטער קיניג גווידאָן האָט וואויל געוואוסט, אַז אַ יונג ווייבל האָט אַלערליי גלוסטענישן. אפשר איז זי פונדאַסניי אויף דער צייט? — האָט דער אַלטער הערציק גווידאָן געטראַכט מיט שמחה — אויב איך וועל איר נישט געבן קיין הירשן־פלייש קאָן זי גאָר נעמען און חלילה מפּיל זיין?

ויאסוף — האָט ער צוזאַמענגעפויקט זיינע גענעראַלן. מען האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף מילך־ווייסע סוסים. מען האָט מיטגענומען סטאַדעס מיט יאַג־הינט. דער אַלטער הערציק גווידאָן האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין באַליבטן סוסל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן זיין באַליבטן שפּאַרבער־פויגל, וואָס איז געווען אַ גרויסער מאַדים אויף געיעגן און האָט געכאַפּט

באַהאַלטענע חיות וואָס קיין שום גענעראַל האָט זיי נישט באַוויזן צו זען מיטן אויג.

וילכו — מען איז אַרויסגעריטן אין די וועלדער אַריין. מען האָט גע־טראָמפּייטערט און געשאַלט מיט הערנס און געטריבן די סטאַיעס כלבים. דעם קיניגס שפּאַרבער־פויגל האָט טאַקע געכאַפּט גאַר אַ קליין הערשעלע, וואָס האָט נאָך געזויגן דער מאַמעס מילך. דער גענעראַל ריצער האָט גענומען דעם פּיילנבויגן און כלומרשט געשאָסן אויף אַנדערע הערשן. ער האָט אָבער געצילעוועט דעם קיניג אין האַרץ אַריין און האָט אים געטראָפן די טייטנ־דיקע פייל.

וימת — דער קיניג הערציק גווידאָן איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין פערד אַ טויטער. — והעיר שושן נבוכה — אין דער הויפּט־שטאָט האָט מען פאַר־האַנגען אַלע שפּיגלען און דעם אַלטן הערציק גווידאָן געמאַכט די שיינע לוויה.

קאַפּיטל פינף

ריצער און בראַנדאַניע טוען טראַכטן בייטאָג און ביינאַכטן:
ווי דערלעבט מען צו זען בבאָן אַן אומגעבראַכטן?

ויהי ממחרת נאָך דער שבעה. די מלכה בראַנדאַניע האָט זיך אָקערשט אויפגעהויבן פון אָבל־בענקעלע. מיט איר שאַרף צינגל האָט זי באַלד אָנגע־הויבן איינצוטענהן מיט די זיבעציק יועצי־המלך, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר צו ברעכן טעלער און זי דערנאָך צו פירן אונטער דער חופה מיטן גענעראַל ריצער. ראשית — האָט זי געטענהט — קאָן מען נישט נעמען אַ יונג ווייבל און זי לאָזן זיצן אַן אייביקע אַלמנה. שנית: קאָן מען די כסא־מלוכה נישט איבערלאָזן ווי אַ פּוסטן בוידעם.

אַ צינגל האָט זי געהאַט ווי די ריכטיקע פאַלשע יידענע און עס האָט זיך פּשוט געווייקט אין האָניק. דערביי האָט זי געמאַכט אַלערליי ווייבערישע חנדלעך. דער יצר־הרע האָט איר צוגעשפּילט אויפן פידעלע. בקיצור, איך דער מחבר ווייס נישט אויף קלאָר וואָס די זיבעציק יועצים האָבן ביי זיך איטלעכער באַזונדער געטראַכט, — נאָר ביי זיי אַלעמען איז פּלוצעם געוואָרן עפּעס ווי איין מחשבה אויף דער קלעפּקע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען ביי די וואָנצעס.

זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געדרייט ביי די וואָנצעס ביז מען האָט געמאַכט די גרויסע חתונה. באַלד נאָך שבע־ברכות האָט מען געמאַכט דעם רוצח ריצער פאַר קייסער.

וחמת המלך שככה — די מרשעת בראַנדאַניע און דער גענעראַל ריצער זענען געווען צווישן זיך קוצעניו־מוצעניו. די מלכה בראַנדאַניע האָט שוין איצט געהאַט אַ מאַן פון סאַמע בלוט און מילך און נישט עפּעס דאָרט אַן אַלטע שברי־כלי וואָס הוסט גאַנצע נעכט.

ויהי כשבת המלך — ווען זיי זענען ביידע געזעסן צוזאַמען און זיך גע־

געסן פון די פיסקעלעך האָט זיך דער מלך ריצער אָנגערופן צו דער מלכה בראַנדאַניע כהאי לישנא:

— אַנומלטן האָט מיך געחלומט — האָט דער רוצח געזאָגט — אַז דאָס תכשיטל בבא וואָס דו האָסט געהאַט מיטן אַלטן תרח איז אייגנס געקומען פון שלאָס שנושומן וואָס אין וואַלד. ער האָט מיר אַרונטערגעהאַקט דעם קאָפּ און איז געוואָרן קייסער. מחמת דערימעך, נשמה מיינע, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט צו טון קיין אויג.

די שאַלקהאַפטיקע בראַנדאַניע איז דאַך געווען שלעכט ווי דער נחש הקדמוני. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, הלמאי זי איז געוואָרן טראַגנ־דיק פון אַ מאַן אַ שברי־כלי, האָט זי, די מרשעת, פאַרצויגן די ליפּעלעך מיט אַ חנדלעלע און געזאָגט צום מלך ריצער:

— עס דיר נישט אָפּ דאָס האַרץ קעצעלע. איך וועל אַהער ברענגען דאָס תכשיטל און אים אָפּסמען ווי אַ מויז.

וייטב הדבר בעיני המלך — ריצער האָט איר געטון אַ קוש אין בעקעלע אַריין און האָט באַפוילן צוזאַמענצופּויקן חייל און זיי אָוועקגעשיקט אין וואַלד אַריין צום שלאָס שנושומן כדי אַהער צו ברענגען בבאן.

קאַפּיטל וועקס

עס איז ליהודים —
מיר זענען אויף מלחמות און נישט אויף קיין לייפּציקער ירידים;
מען האַנדלט נישט מיט שעפּסן־פעל
נייערט מען האַקט זיך מיט שפּיזן און האַליבאַרדן.
בלוט גיסט זיך — ווי וואַסער אין ירדן.

מיר, דער מחבר און די לייענער ווייסן, אַז דער שר סיני־בלד איז געווען דער ממונה אויף שנושומן און ער האָט דאָרט געקנעלט מיט בבאן תכסיסי־מלחמה וכדומה צו פעכטן, צו רייטן און צו שיסן. סיני־בלד איז געווען פון די פאַרצייטישע אנשי־אמת און האָט נישט געוואוסט פון קיין פאַלשקייטן. אין האַרצן האָט ער נעבאַך געוואוסט את כל הנעשה און ווי אַזוי דער רוצח ריצער איז אַרויפגעקראָכן אויפן קייסערלעכן בענקל און אַז עס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך מיטן יונגן ווייבל פּטור צו ווערן פון דעם אַלטן קיניג.

האָט ער זיך מישב געווען, סיני־בלד, און אויפגעצויגן די הענג־בריקן פאַרן שלאָס שנושומן. ער האָט זיך אָנגעטון אַ שוואַרצן שטאָלענעם פּאַנצער, אויך בבאן האָט ער אָנגעטון אַ שוואַרצן שטאָלענעם פּאַנצער. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעגורט מיט שווערדן און פיילנבויגנס און אָפּגעוואַרט ריצערס חיילות וואָס זענען געשיקט געוואָרן צו ברענגען בבאן מיקלאָמפּערשט מיט גוטן. מיקלאָמפּערשט האָט זיך דאָס זיסע מאַמעלע נאָך אים פאַרבענקט. דער שר סיני־בלד איז נישט געווען קיין נאַר און האָט אַדורכגעקוקט דאָס גאַנצע שמד־שטיק פון אַלף ביז תיו.

ויבואו — די חיילות זענען טאַקע געקומען צו פוס און צו פערד. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט שווערדן און האַליבאַרדן און געפּאַנצערט אין שטאָל און אין אייזן. דער שר זייערער מיטן נאָמען עמלק האָט געהייסן בלאָזן מיטן רוף־האָרן און מעלדן סיני־בלדן הלמאי זיי זענען געקומען און אַז ער זאָל זיי אַרויסגעבן דעם בן־מלך בבא.

סיני־בלד האָט געזאָגט לא מיט אַן אלף.

ביי געגעראַלן האָט מען נישט ליב קיין לאַנגע דין־תורהס. עמלק האָט ווידער געבלאָזן מיטן שלאַכט־האָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה.

מען האָט זיך געהאַקט מיט שווערדן און האַליבאַרדן. דער וואַלד האָט אָפּגעהילכט פון דעם געקלאַפּ פון די שטאָלענע שווערדן אויף די שטאָלענע פּאַנצערס. סיני־בלד און בבא, — הגם זיי זענען נישט מער געווען ווי צוויי קעגן צוויי טויזנט — האָבן אַרונטערגעהאַקט קעפּ ווי קרויט. די פערד און די זעלנער האָבן געטאָפּטשעט אין בלוט. סיני־בלד האָט אָבער באַקומען אַ פייל אין רוקן און ער איז אַנידערגעפאַלן אַ שווער פאַרוואונדעטער.

בבא איז געבליבן אַליין מיט זיין חרב־פּיפיות. האָט ער אָבער געוויזן וואָסער תכלית ער האָט געהאַט ביים שר סיני־בלד אין חדר און אַז זיינע הענט ליגן אויך נישט אין קימפּעט. איינער אַליין האָט ער נאָך אָוועקגעהאַקט ביי אַ דריי הונדערט קעפּ. לסוף האָט ער געמוזט אַוועקלייגן די קאַרטן און זאָגן „פּאַס".

מען האָט אים געבונדן די הענט מיט גאָלדענע קייטן. דאָס איבעריקע ביסל חייל, וואָס זענען נאָך געבליבן ביים אָטעם, האָבן אים בתופים ובמחולות אָוועקגעפירט אין די חצרות־המלכים צו זיין מאַמע בראַנדאַניע.

איבער די נייצן הונדערט געפּאַנצערטע פּגרים וואָס זענען געלעגן פאַרן וואַלד־שלאָס שנושומן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די קראָען פון דיביימער און די שפּאַרבערס פון די הימלען. עס איז אויך געקומען מיט אַ פייערדיקער בייטש דער מלאך־דומה. חברה רויב־פייגל האָבן געפּראַוועט אַ סעודת־שלמה.

קאַפּיטל זיבן

ביטער איז די ליבשאַפט פון אַ פאַלשער מאַמען —
די ליפּן מאַכן חנדלעך, אָבער די מחשבות טראַכטן: ס מ ע ן.

דאָס פאַלשע מאַמעלע בראַנדאַניע האָט זיך געמאַכט געפּגרט. מיקלאָמפערשט איז איר שמחה מיטן בן־יחיד געוואַלדיק גרויס. מיקלאָמפּערשט האָט זי פון אים דעם גרויסן מאַמע־נחת און זי זעט באַשיימפּערלעך דעם וואָזשנעם תכלית, וואָס ער האָט געהאַט ביי סיני־בלדן אין שקאָלע. אַ ווערטעלע צו זאָגן — איינער אַליין האָט ער אָוועקגעלייגט די סמעטענע פון איר חייל. זי האָט אים טאַקע מכבד געווען מיט לעקאַך און בראַנפן. במסתרים האָט זי געטראַכט בבאַן אַריין צו טון סם אין אַ געבראָטן הינדל און אים משלח צו זיין צו זיין טאַטן דעם אַלטן שברי־כלי.

זי האָט עס מיט אַ געלעכטערל געזאָגט צו איר מאַן דעם רוצח ריצער. יענער האָט זיך האָפּערדיק געדרייט ביי די לאַנגע וואָנצעס.

קאַפּיטל אַכט

בראַנדאַניע רעדט צו בבאַן מיט אַ קול אַ זיסן —
און טוט אים שפּעטער אין אַ גאָרטן פאַרשליסן.

ויהי ממחרת, האָט די פאַלשע בראַנדאַניע פאַרצויגן די ליפּעלעך און מיט אַ זיס שמייכעלע אַ זאָג געטון צו בבאַן:

— קוקסט מיר אויס, זונעשי, עפּעס ניט מיט אַלעמען. ווינציק האָסטו דיך נעבעך אָנגעפּראַצעוועט מיט דיין חרב־פּיפיות. עס איז נישט קיין ווערטעלע נעבעך איינער אַליין זיך אָוועק צו ספּראַווען מיט אַזוי פיל געפּאַנצערטע קעפּ. על כן דערימעך, בני היקר, לאָמיר נעמען און זיך אַ ביסעלע איבערשפּאַצירן אין מיינע לוסט־גערטנער. עס איז אַ סגולה בדוקה צו אַפּעטיט.

איז דאָך בבא געווען דער גרויסער תם — האָט ער אַלצדינג אָנגענומען פאַר גוט געלט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער מוטער שפּאַצירן.

בראַנדאַניע האָט בבאַן אַרומגעפירט אין אַלערליי לוסט־גערטנער וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ. אַקוראַט איז געווען חודש תמוז זומער־לעב. די זון האָט געשיינט. די פייגעלעך האָבן געטשוויטשערט. דער לעצטער לוסט־גאָרטן איז געוואַקסן אָפּגעלעגן מן־הצד. קיין שום בן־אָדם איז דאָרט נישט אַהינגעקומען. וגם איז ער געווען אַרומגעמויערט מיט אַ הויכער מויער. דאָרט אין יענעם גאָרטן האָט די מרשעת בראַנדאַניע געזאָגט צו בבאַן, אַז זי גייט אויף אַ רגע טון מענטשלעכע געברויכן, און אַט קומט זי, הייסט עס, באַלד צוריק און אַז ער זאָל אויף איר וואַרטן.

זי איז געשווינדט אַרויסגעגאַנגען פון דעם נעמלעכן לוסט־גאָרטן. פאַר־שלאָסן דאָס טויער. דעם שליסל האָט זי גענומען צו זיך.

בבא איז געבליבן איינער אַליין אַ פאַרשלאָסענער.

ער וואַרט אַ היפּשע צייט. בראַנדאַניע קומט נישט צוריק.

איז ער דאָך בבא, הייסט עס, געווען דער גרויסער תם — האָט ער געמיינט אַז מיט דער מאַמע איז חלילה עפּעס געשען. לויפט ער צו צום טויער. דאָס טויער איז פאַרשלאָסן. האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעהויבן צו וויינען און אָנגעהויבן צו רופן: מאַמע!

ביי בבאַן איז טאַקע געווען כרחם אָב על בנים, אָבער פון בראַנדאַניע — שריי צום רבונו יונה — עס איז געווען ווי צו מיינע שונאים — אין קול ואין עונה.

קאַפּיטל ניין

שפּינט זי, שפּינט זי אַ מעשה די דינסט־מויד שפּרינצע —
אַן אַנדער קינד ליגט אין אַ גאָלדן ווינדעלע,
בבאַן אָבער דערלאַנגט מען אַ פאַרסמט הינדעלע.

די שאַלקהאַפּטיקע בראַנדאַניע האָט געהאַט דאָס יאַנדעס איבערצולאָזן בבאַן אַ פאַרשלאָסענעם דריי טעג און דריי נעכט. זאָל ער זיך דאָרט גוט אויס־פאַסטן — האָט זי געזאָגט אין אירע זינדיקע מחשבות, — ער וועט זיין טויט־

הונגעריק און וועט זיך צוכאַפּן צום פּאַרסמטן הינדל. זאָל ער האָבן אַ גוטן שליטוועג צו דעם אַלטן תּרח זיין טאַטן אין גן־עדן. אַזוי אַרום וועל איך זיין צו ווילן פון מיין מאַן ריצער און ער וועט אויף מיר קוקן מיט חן און מיט חסד.

ויהי ביום השלישי, — האָט זי טאַקע גענומען אַ געבראָטן הינדעלע און עס באַשיט מיט סם־המות. זי האָט גערופן די אַלטע דינסט־מויד שפּרינצע און האָט צו איר געזאָגט בזה הלשון:

— איך האָב פאַרגעסן, שפּרינצעשי, אַז בבא האָט שוין ניט געגעסן דריי מעת־לעתן. נעם אָט דאָס הינדעלע און טו עס צו בבאן אַהין טראָגן, וועט עס זיין אַ לאָבונג פאַר זיין מאָגן.

די אַלטע שפּרינצע האָט אַ קוק געטון אויפן הינדל און געזען מיט וואָס עס איז באַשיט. זי האָט אָבער געמאַכט אַ שוויג. ותקח — האָט זי גענומען דאָס הינדל און דעם שליסל צום טויער און אַהין געגאַנגען צו בבאן.

די אַלטע שפּרינצע איז געווען אַן אָרנטלעכע מויד און אַ בעל־רחמים. ווען זי האָט געזען ווי דער טויט־הונגעריקער בבא וויל זיך צוכאַפּן צום הינדל, האָט זי אים געוויזן אויפן סם און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

איז דאָך אָבער בבא געווען דער איש תם וישר, האָט ער נישט געוואָלט גלויבן און געמיינט אַז די אַלטע שפּרינצע איז משוגע געוואָרן.

אומעטום געשעען נסים. האָט שפּרינצע פּלוצעם דערזען ווי אונטער אַ בוים ליגט אַ קאַץ און דרימלט. האָט זי געכאַפּט די קאַץ און איר געגעבן דאָס הינדל.

די קאַץ האָט נאָר געטון אַ לעק צו די מיקלאָמפּערשטע מטעמים. באַלד האָט זי פאַרגלייזט די אויגן און זיך איבערגעקערט מיטן בויך קאַפּויער און מיט די פיר פּיסלעך אויף אַרויף.

בבא האָט זיך צעווײנט פון גרויס דאָסאַדע וואָס אַ לייבלעכע מאַמע זאָל וועלן אַזוינס אָפּטון.

די אַלטע שפּרינצע האָט צו אים געזאָגט בזה הלשון:

— וואונדער זיך נישט בבאשי. די גאָר די וועלט איז אין די ששת ימי בראשית אָפּגעקאָכט געוואָרן ווי אָט דאָס געבראָטענע הינדעלע. מעדני־מלך באַשיט מיט סם־המות.

האָט דאָך בבא געזען, אַז אונטער זיין מאַמעס פאַרטעך שטייט דער מלאך־המות, האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, איז צוגעלאָפן צו דער מויער, אויסגעהאַקט דאָרט אַ לאָך און אַנטלאָפן געוואָרן וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן.

קאַפּיטל צען

אויפן ים איז פון שיפן אַ יאַריד. — דער גייער איז מיד.
אויפן פעלד שטייט אַ בוים. — אַן איינזאַם בלימעלע בליט.
בבא זינגט אַ ליד.

הענדום־פּענדום איז בבא געלאָפן און געלאָפן דורך בלאָטעס און זומפּן, אַבי וואָס ווייטער צו זיין פון זיין זיס מאַמעלע. די כוחות זענען אים פּשוט

ווי אויסגעגאַנגען פון לויפעניש און הונגער. ווען עס האַלט אָבער ביי סכנות־נפשות באַקומט אַ מענטש עפּעס גאָר אַ באַזונדערן אימפּעט.

ער איז אַזוי לאַנג געלאָפן ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ים און איז דאָרט אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער.

די מרחקים פון ים זענען געגליכן צו אַ גרויסן וועלט־יאַריד און עס שווימען דאָרט אַרום אַלערליי שיפן. פּונקט איז טאַקע פאַרבייגעשוואומען אַ שיף מיט סוחרים. זיי קוקן מיט שפּאַקטיוון און זעען ווי עס ליגט אַ מענטש אויף די זאַמדן. מיינען זיי — עס איז אַ מת־מצווה און מען דאַרף אים ברענגען צו קבר־ישראל. גייען זיי אַראָפּ פון דער שיף און טוען אַ קוק. עס ליגט טאַקע אַ האַלב־טויטער מענטש, נייערט עס קלאַפּט נאָך אין אים אַן אָדער. האָט מען אים העגדום־פּעגדום איינגעריבן מיט עסיק און מיט „האַרץ־שטאַרק״ און אים אַריינגעגאָסן אין די פאַרהאַקטע ציינער אַריין אַ לעפעלע מיט ישן־נושן. לא אָרכו הימים — עס האָט נישט לאַנג געדויערט. בבא האָט געעפנט די אויגן.

בבא האָט די פרעמדע סוחרים נישט געוואָלט דערציילן דעם אמת ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען. וועלכער מענטש וועט גלויבן, אַז אַ לייבלעכע מאַמע, נאָך דערצו אַ מלכה, וועט גיין און פאַשען איר בן־יחיד מיט פאַרסמטע הינ־דעלעך? האָט ער אויסגעטראַכט עפּעס אַ בבא־מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט״.

ער איז די פרעמדע סוחרים שטאַרק געפעלן געוואָרן. אַזאַ שיינקייט פון אַ מאַנסביל געפינט זיך גאָרנישט אין זייערע מדינות־הים.

מען האָט בבאן מיטגענומען אויף דער שיף. דאָרט איז געוואָרן נפשם קשורה בנפשו. די סוחרים האָבן אים ליב באַקומען. בבא איז געווען ביי זיך אַן עניו און אַלעמען באַדינט ווי אַ חדר־יינגל. שפּעטער האָט ער זיי געוויזן וואָס דער שר סיני־בלד פון שנושומן האָט אים אויסגעלערנט. ער האָט גאָר קונציק געפאַכטן מיט אַ שווערד און געשאָסן מיט אַ פיילנבויגן. די סוחרים האָבן זיך נישט געקאָנט אויסחידושן.

די סוחרים זענען געווען טשעקאַווע צו וויסן ווער עס זענען דער טאַטע און די מאַמע פון אַזאַ געראָטענעם זון. זיי האָבן ביי אים געפרעגט יחוס־אָבות.

איז דאָך בבא שטאַרק נזהר געווען אין כיבוד־אם און חלילה נישט געוואָלט מבזה זיין אַן אייגענער מאַמע, און מעג זי זיין אפילו אַזאַ צאַצקע ווי די מלכה בראַנדאָניע — האָט ער זיך מיישב געווען און גערעדט צו די סוחרים אויף אַ פאַרשטעלט לשון און אויף גראַם, בדרך שיר הייסט עס:

אַ בעטלער כולו לאַטע
איז געווען מיין טאַטע.
מיין מאמע — אַן אָרעמאַנטע, אַ האָרבאַטע.
די ווינטן האָבן אים געטון יאָגן
איבער די וועגן
צו זוכן בעטל־ברויט.
דערווייל האָט אַ שד

שוואַרץ ווי דער טויט
מיין מאַמע געטון פלאָגן
מיט ליבע. ער האָט איר צוגעזאָגט
אַ גרויס פאַרמעגן.
איך בין געווען שיין ווי אַ רויז,
נאָר נאַקעט און בלויז,
אין ווינט און אין רעגן.
ס'איז געווען פונקט ווי אין אַ ליד
צו זינגען און צו זאָגן.

די סוחרים האָבן געזען, אַז אַ חוץ זיינע אַלע מעלות איז אויך בבא אַ בדחן איינער אין דער וועלט. ער איז זיי נאָך מער געפעלן געוואָרן.

קאַפּיטל עלף

דער מלך פון אַרמוניה וואַרנט טאַקע ביי די שיינע ימען,
ער האָט אָבער נישט האַלט קיין לידער און קיין גראַמען.
פאַעטן האָט ער אין דער ערד. — ער שיקט זיי אַוועק צו די פערד.

דערווייל איז די שיף צוגעקומען צו אַ שיינער שטאָט מיטן נאָמען אַרמוניה. ס'איז געווען אַ הויפּט־שטאָט פון אַ מלך ושמו זיגמונדוס. מען האָט די פרעמדע שיף מקבל־פּנים געווען מיט שיסן פון האַרמאַטן וכדומה בתופים ובמחולות.

בבא איז געווען אַן איש תם וישר. אים איז אויסגעקומען פריקרע, הלמאי ער קאָן נישט באַצאָלן דעם שיף־לוין פאַרן פאָרן. לא יישן ולא ינעם, ער האָט נישט געוואָלט פאָרן בחנם. האָט ער געבעטן די סוחרים, אַז זיי זאָלן אים אין דער דאָזיקער שטאָט פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט און זיך טיילן מיט די געלטער.

— „איך בין ווערט טויזנט רענדלעך אַ מציאה פאַר אַ גנב" — האָט בבא געזאָגט.

דערהערט טויזנט רענדלעך האָבן די סוחרים נישט געקאָנטביישטיין דעם יצר־הרע און זענען באַשטאַנען אויף בבאס עצה־טובה.

אינצווישן איז זיגמונדוס דער מלך פון דער שטאָט מיט אַלע זיינע גענעראַלן און יוצר־משרתים געקומען צו דער שיף און געוואָלט עפּעס קויפן. מען האָט זיי געוויזן דעם קנעכט. מען האָט דעם קיניג דערציילט וואָסער בריה נפלאה ער איז אין אַלערליי קונץ־שטיק. דער מלך האָט אים אָנגעקוקט. דער קנעכט איז גאָר אַ יופי פון אַ מאַנסביל. ער וועט ממש זיין אַ צירונג פאַר די חצרות־המלכים. האָט דער קיניג נישט לאַנג געטראַכט און אַרויסגענומען דעם בייטל פון דער קעשענע און אויסגעציילט די סוחרים טויזנט גאָלדענע רענדלעך ווי די בערן.

ער איז מיט בבאן צוריק אַהיים געגאַנגען. אויפן וועג האָט ער אים אויסגעפרעגט ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און ווער עס זענען זיינע עלטערן.

בבא האָט ווי געווייינטלעך חס געווען אויפן כבוד פון זיין מאַמען, און ער

האָט דעם קיניג אָפּגעענטפערט דעם זעלביקן געגראַמטן פּזמון וואָס ער האָט געזאָגט צו די סוחרים.

כנראה האָט דער קיניג נישט האַלט געהאַט ווען מען רעדט צו אים אויף גראַם וכדומה פּצון־לשון.

— איך בין נישט טשעקאַווע צו הערן פון דיר גראַמען און פּאָעזיע — האָט דער מלך געזאָגט. נעם אים, אָט דעם חכם, — האָט ער זיך געוואָנדן צום מיניסטער פון די פערד־שטאַלן — און מאַך אים פאַר אַ פּראָסטן פערד־יונג. זאָל ער דאָרטן גיין פּאַיען די בהמות און אויסקערן דאָס מיסט. ער קאָן מיינסטאַלבן צו די פערד רעדן אויף גראַם.

— און זשאַלעווע אים נישט די בייטש און אויך אויף גראַם, — האָט דער קיניג געזאָגט און זיך אָפּגעקערט פון בבאן.

ויקח — האָט טאַקע דער מיניסטער פון די פערד גענומען בבאן צו זיך אין די שטאַלן אַריין. ער האָט דאָרט געמוזט פירן די פערד צום ברונעם און זיי פּאַיען, צושיטן אָבריק אין זייערע קאָריטעס און אַוועקרוימען דאָס מיסט פון אונטער זייערע פיס.

אָבער בבא איז געווען לוסטיק און פריילעך ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פון טויט. אויב עס איז יאָ אַ מענטש באַשערט אַ לעבן צווישן פערד איז עס פאַרט בעסער ווי צו קייען ערד. ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט האָט ער גענומען אַ שווערד און געפאָכטן מיט איר ווערליק עס האָט אים געלערנט סיני־בלד אין שנושומן, אָדער ער האָט זיך סתם אַזוי, אַרויפגעזעצט אויף אַ ווילד סוסל און געשפּרונגען דערמיט ניין איילן הויך וכדומה די רייטערישע קונץ־שטיק פון סיני־בלדס חדר.

אפילו אין די פערד־שטאַלן איז ער געוואָרן פון טאָג צו טאָג שענער אין געשטאַלט און מוטיקער אין האַרץ. אַ פאַרשוין און אַ יאַלד. די באַקן רויט, ווייס די הויט. אויגן ווי קוילן שוואַרץ — די האָר ווי אייטל גאָלד. עס איז נישט קיין חידוש וואָס ווען אַ בתולה האָט אויף אים אַ קוק געטון האָט זי אים באַלד באַקומען האָלט. ער איז טאַקע געוואָרן וואונדער־שיין. אפילו אַ בת־מלכה האָט נישט געקאָנט קעגן אים ביישטיין. די ליבשאַפט האָט זיך אין איר פאַרוואַנדלט אין בענקשאַפט און געוויין.

קאַפּיטל צוועלף

ולמלך בת ושמו דרוזיאַנע:
זי איז געווען שיין ווי אַ רויז און זיס ווי אַ מאַרצעפּאַנע.
גייט זי אַרויס אויפן גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן —
קומט די ליבשאַפט און גיט איר אַ קלאַפּ אין רוקן.

ולמלך בת — דער נעמליכער קיניג זיגמונדוס האָט געהאַט אַ בת־יחידה ושמה דרוזיאַנע. זי איז ערשט אַלט געווען זיבעצן יאָר. אין אַלע לענדער האָט שוין איר שיינקייט געקלינגען ווי אַ גאָלדענער גלאָק. אַזאַ יפיפיה איז נאָך נישט געהאַט געזען געוואָרן זינט אונזער מוטער חוה. מען האָט זי אומעטום גערופן, „די שיינע דרוזיאַנע”. כל מלכי ארץ האָבן געשיקט שדכנים.

שטייט אַמאָל די שיינע דרוזיאַנע ביים פענצטער צוזאַמען מיט אירע חברטעס און קוקט אַרויס אין דרויסן אויפן זומער־לעב און הערט זיך צו ווי די פייגעלעך טשוויטשערן אויף די ביימער.

מאַכט זיך אַ מעשה — פונקט ווען די בת־מלכה דרוזיאַנע האָט אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער האָט זיך בבאן גראָד פאַרגלוסט אַדורכצורייטן אויף אַ פערדל. ער האָט אפילו נישט געוואוסט ווער עס קוקט אויף אים אַראָפּ און אַז עס רוען אויף אים אויגן פון אַ גאָלדענער פּאַווע — און דאָס מיינט די גרעסטע יפת־תואר זינט אונזער מוטער חוה. ער האָט זיך סתם אַזוי צעהוליעט אויפן סוסל און געוויזן, אַז זיין רבי אין שנושומן, דער שר סיני־בלד, האָט אים געלערנט רייטן, אָבער חלילה נישט קיין טריף־פסול.

ותשאָ את עיניה — טיילמאָל קומט די ליבשאַפט צו אַ מיידל אין האַרץ אַריין ווי אַ שאַרפער בליץ אין אַ געוויטער. אַ בתולה פאַלט אַוועק פאַר אַ בחור ווי אַ זאַנג פאַר אַ שניטער. דרוזיאַנעס האַרץ איז פול געוואָרן מיט ליב־שאַפט ווי אַ בעכער מיט זיסן יין־המשומר. עס איז איר הייס געוואָרן אין קאָפּ, הגם עס איז געווען אַ קילער זומער. האָט זי אַראָפּגענומען דאָס פייגנבלעטל פון מויל און געזאָגט צו אירע חברטעס:

— ווייל איך לעב האָב איך נאָך נישט געזען אַזאַ זיסן פאַרשוין, הגם ער איז אַ פּראָסטער פערד־יונג קוקט ער מיר אויס ווי אַ מלך אין אַ קרוין. אין בלוט איז מיר הייס. אין האַרצן איז מיר באַנג. איך האָב אים האָלט. איך וואָלט פאַר אים אַוועקגעגעבן טויזנטער פעסער מיט גאָלד. די נשמה גייט מיר אויס. מיינע באַקן ווערן בלאַס און בלאַסער ווי אַ רויז וואָס שטייט אָן וואַסער. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן איז געקומען צו פליען אַ פייגעלע — און איך טו זיך צו אים בוקן. —

קאַפּיטל הדרייצן

ליבע איז ניט קיין שפּאַסער —
זי איז הייסער ווי פייער און פלינקער ווי וואַסער.
די שטערן פאַרלעשן, אין די הימלען ווערט העלער.
דרוזיאַנע וויל נאָר עסן וואָס בבא דערלאַנגט איר אויפן טעלער.

שלמה המלך עליו־השלום האָט געזאָגט אין „שיר־השירים״, אַז טויזנט וואַסערן קאָנען נישט לעשן די ליבשאַפט. די שיינע דרוזיאַנע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג בלאַס און בלאַסער ווי אַ רויז אָן וואַסער. איר שיינער שטערן האָט זיך באַדעקט מיט זאָרגן ווי מיט טונקעלע וואָלקנס דער פרימאָרגן.

דער קיניג זיגמונדוס האָט אָנגעקוקט די טאָכטער. האָט ער נעבעך געטון אַ זיפץ. וואָס איז דיר מיין שיין טייבעלע און וואָסער פאַרלאַנג באַדריקט דיין נשמה? האָט ער זי געפרעגט.

— שאלתי ובקשתי — האָט די שיינע דרוזיאַנע געזאָגט צום טאַטן — ראשית: דו זאָלסט מאַכן לכבוד מיר אַ גרויסע סעודה. שנית: מיר זאָל דער־לויבט זיין אויסצוקלייבן אַ סאַרוועד וועדליק ווי עס גלוסט מיין האַרץ.

— עד חצי המלכות — האָט דער קיניג זיגמונדוס געזאָגט. — ס'וועט זיין אַ סעודהניו וואָס שטעטל האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען מיום הולדה, זינט די וועלט שטייט. וועלכן סאַרווער פאַרלאַנגסטו טאָכטערשי און אויג פון מיין קאָפּ?

די שיינע דרוזיאַנע האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און אַנגערופן דעם נאָמען פון בבאַן.

והרצים יצאו דחופים — הענדום־פענדום האָט מען געשיקט אין די פערד־שטאַלן אַריין צו ברענגען בבאַן.

ווען די שיינע דרוזיאַנע האָט אים דערזען האָבן זיך אירע באַקן אָנגע־הויבן צו רויטלען. אירע ליפּן זענען געוואָרן ווי צוויי רויזן־בלעטער וואָס וויקלען זיך פונאַנדער אין מאָרגן־טוי. אירע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי שטערן אין אַ קלאָרער זומער־נאַכט.

— בבא — האָט די שיינע דרוזיאַנע געזאָגט, איר קול האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין אַ שטורעם־ווינט — איך בעט דיך, דו אַליין זאָלסט מיר דער־לאַנגען דאָס עסן אויפן טעלער.

— אַלצדינג וואָס די מאַיעסטעט באַפעלט איז פאַר מיר אַ געבאָט, — האָט בבא געזאָגט און געמאַכט איינעם פון די קיניגלעכע קניקסן וואָס סיני־בלד פון שנושומן האָט אים געלערנט.

די באַקן פון דער שיינער מויד זענען געוואָרן צונטער־רויט ווי אַ רויז וואָס טראָגט אין זיך אַ דופּטיקן סוד.

קאַפּיטל פּערצן

אין די טונקלענישן באַגעגענען זיך די ליפּן.
דרוזיאַנע טוט זיפצן און כליפּן:
דיינע פערד־שטאַלן, בבא, זענען דאָס ליכטיקסטע גן־עדן.
איך — די אָרעמסטע פון די מיידן.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער סעודה. דער קיניג זיגמונדוס האָט פאַרבעטן זיינע זיבעציק יועצים. מיט דרוזיאַנען צוזאַמען זענען געזעסן אַלע אירע חברטעס. איינס ביי איינס שיינקייטן וואָס עין לא ראתה. דרוזיאַנע האָט צווישן זיי געלויכטן ווי די פולע לבנה צווישן שטערן.

מען האָט דערלאַנגט מעדני־מלכים. מען האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. בבא האָט באַדינט ווי אַ סאַרווער. יעדע מינוט האָט דרוזיאַנע פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איר עפּעס אַרויפלייגן אויפן טעלער. פּשוט זי האָט אים נישט געלאָזט אַוועק פון זיך אויף אַ רגע.

עס איז די זיבעציק יועצים די מעשה געוואָרן אויפפעליק. זיי האָבן זיך געדרייט ביי די לאַנגע וואָנצעס און צוגעקוקט ווי די שענסטע בת־מלכה פון דער וועלט וואַרפט אייגלעך אויף עפּעס דאָרט אַ פערד־יונג.

מיר האָבן אַ כלל אַן אַלטן — די ליבשאַפט לאָזט זיך נישט באַהאַלטן אין קיין שום געפעסן. די ליבשאַפט טוט פאַרגעסן וואָס ס'איז שיין און איידל פאַר

אַ קיניגלעך מיידל. מען האָט געזען בחוש ווי אויף דרוזיאַנעס ליפּן ברענט אַן אומגעזעענער קוש. האָט זי מיקלאָמפּערשט אַראָפּגעלאָזט איר מעסער אונטערן טיש און זיך אַראָפּגעבויגן. מיקלאָמפּערשט געזוכט פון זוכן די אבידה.

בבא האָט זיך אויך אַרונטערגעלאָזט אונטערן טיש און געוואָלט העלפן דרוזיאַנען זוכן דאָס פאַרלוירענע מעסער.

זייערע פּנימער האָבן זיך נאָענט באַגעגנט אין די טונקלענישן פון אונטער דעם קיניגלעכן טיש. דרוזיאַנע האָט זיך דאָרטן נישט לאַנג מיישב געווען און בבאן געטון אַ הייסן קוש אויף די ליפּן.

איז דאָך בבא געווען דער איש תם וישר און געוואָלט אַלצדינג זאָל זיין גלאַט־כשר. חוץ־מזה האָט ער זיך דערמאָנט אין די ווייבערישע גלוסטענישן פון זיין מאַמע בראַנדאַניע. דער קוש האָט טאַקע געברענט אויף זיינע ליפּן זיס און טייער ווי אַ הימליש פייער פון גאָר אַן אויבערשטן היכל, פאָרט האָט ער נישט פאַרלוירן דעם שכל. ער האָט מורא געהאַט, אַז עמיצער פון די זיבעציק יועצים קאָן עס נאָך דערזען און טראַכטן ביי זיך אין האַרצן מיט שפּאָט און געלעכטער: אַ נס וואָס די שיינע דרוזיאַנע איז נישט פון מיינע טעכטער.

דרוזיאַנע איז נאָך כסדר געלעגן אונטערן טיש און צו בבאן אויסגעצ־שטרעקט אירע שמעקנדיקע ליפּן. אָבער בבא האָט שוין געהאַלטן דאָס פאַר־לוירענע מעסער אין דער האַנט און צונטער־רויט פון יינגלישער בושה האָט ער געזאָגט צו דרוזיאַנען דער וואונדערלעכער אשה:

— איך קאָן דאָ לענגער נישט בלייבן. איך מוז צוריקגיין אין די שטאַלן און צושיטן אָבריק אין די קאָריטעס.

דרוזיאַנעס אויגן האָבן געלויכטן אין די טונקלענישן ווי די ערשטע צוויי שטערן אין דעם בין־השמשות. שטערן ווייסן נישט פון קיין בושות. דרוזיאַנע האָט געטון אַ זיפץ און געזאָגט צו בבאן:

— די שטאַלן פון דיינע פערד זענען פאַר מיר דאָס שענסטע גן־עדן. אַן דיר בין איך פון די אָרעמסטע מיידן. בבא, מיין ליכטיקייט! אין פריידן און אין ליידן וועלן מיר זיך שוין קיינמאָל נישט צעשיידן.

קאַפּיטל פופצן

מקברון קומט קיין אַרמוניה און סטראַשעט אויסצוהרגנען דאָ אַלע,
אויב ער וועט נישט באַקומען דרוזיאַנען פאַר אַ כלה.

לא אָרכו הימים ויבואו — איז געקומען צורייטן קיין אַרמוניה אַ גרויסער קיניג פון אַ ווייט לאַנד, ושמו, — ער האָט געהייסן מקברון. צו זיינע אויערן זענען דערגאַנגען די שיינקייטן פון דער בת־מלכה דרוזיאַנע. האָט ער עס נישט פאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק און איז געקומען צורייטן מיט זיין גאַנצן הוד־מלכות, מיט הונדערטער געפּאַנצערטע ריטער וואָס אַ יעדער איינער פון זיי האָט זיך געגומען איבער צו זיין אַ שימשון הגיבור. וגם זענען מיט אים אָנגעקומען מתנות מיט לאַנד־קנעכט וואָרע ריזן. זיי האָבן געטראָגן האַליבאַרדן און שפּיזן, און זענען אויך געווען געפּאַנצערט אין אייזן און

שטאָל, ווי מלאכי־חבלה פון אַ גיהנמדיקן טאָל. בראש פון זיי איז דער קיניג מקברון געריטן אויף אַ פערד וואָס איז געווען כולו געפּאַנצערט מיט גאָלד און מיט זילבער און מיט אַלערליי אבנים טובות ומרגליות. פון פערדס קאַפּיטעס האָבן געשפּריצט פונקען. מקברון איז צוגעריטן צום קיניגלעכן פּאַלאַץ און באַפוילן צו שאַלן מיט אַ שלאַכט־האָרן און מודיע צו זיין דעם אַרמוניהער קיניג זיגמונדוס, אַז הנה באָתי, איך בין געקומען נאָך די שיינע דרוזיאַנע. אויב איך וועל מיט איר נישט גיין אונטער דער חופּה, מאַך איך פון אַלצדינג אַ תל־עולם און אַש אַ קופּע.

דער קיניג זיגמונדוס פון אַרמוניה איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף די מחנות רייטער און לאַנד־קנעכט, ויאמר בלבו, האָט ער ביי זיך געטראַכט: מהיכי־תיתי. מקברון געפעלט מיר פאַר אַן איידעם. ער האָט באַפוילן צוריק אַרויסצובלאָזן מיט אַ שאַל־האָרן: מזל־טוב!

דערהערט מזל־טוב האָבן זיך די ריטערס אויסגעטון פון זייערע פּאַנ־צערס. די לאַנד־קנעכט האָבן אָוועקגעלייגט זייערע שפּיזן און האַליבאַרדן. מען האָט געמאַכט אַ סעודת־שלמה וואָס אַזוינס און אַזעלכעס האָט נאָך שטעטל ניט געזען, זינט יידן זענען אַריבער דעם ירדן.

קאַפּיטל זיבעצן

איבער דער וועלט גייט אַ ציטער
ווען עס שטרייטן די ריטער.

ביי די פּאַרצייטישע מלכי־ארץ איז געווען אַ מנהג פון קדמונים — אויב אַ פרעמדער קיניג איז געקומען נעמען אַ בת־מלכה פאַר אַ כלה, איז איידער מען האָט האָט געשריבן תנאים און געבראָכן טעלער, האָט דער רך־הנימול, דער חתן הייסט עס, געמוזט ווייזן פאַר אַלעמענס אויגן, און טאַקע פאַר די אויגן פון דער בתולה המהוללה די כלה, פאַר דעם מחותן און פאַר די זיבעציק יועצים, וואָס ער, דער חתן הייסט עס, קאָן אין דער תורה פון פעכטן מיט אַנדערע ריטערס. אַז ער, דער רך־הנימול, הייסט עס, איז נישט קיין מלופּים־קינד און יכולט מיט דער שפּיז אַוועקצולייגן אַ וועלט מיט שונאים.

כך הוה. מען האָט טאַקע באַשטימט אַ טאָג ווען דער קיניג מקברון דאַרף פעכטן מיט די ריטערס פון לאַנד אַרמוניה. פאַרשטייט זיך — אַלע מוזן רייטן אויף פייערדיקע פערד און זיין געפּאַנצערט פון קאָפּ ביז די פיס ווי שטאָלענע מלאכי־המות.

ותהום כל העיר — קינד און קייט זענען געלאָפן קוקן אויף דעם חתן־געפעכט צווישן דעם קיניג מקברון מיט די ריטערס פון לאַנד אַרמוניה. מען איז טשעקאַווע געווען צו וויסן במה כוחו גדול. מקברון האָט וועגן זיך צעפּויקט, אַז ער קאָן נעמען דעם סאַמאַראַדנעם עוג מלך הבשן און אים אַוועקלייגן אויף די לאָפּאַטקעס.

אויף אַ גרויס פעלד מחוץ לעיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ בימה. די בימה איז געווען באַהאַנגען מיט טייערע טעפּיכער און מיט אַלערליי פאָנען.

אויף דער בימה זענען געזעסן דער מלך פון אַרמוניה און די שיינע דרוזיאַנע.ביידע זענען געגאַנגען אָנגעטון אין בגדי־זהב און געטראָגן קרוינען אויף די קעפּ. דרוזיאַנע האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ שאַל־האָרן פון אייטל גאָלד און זילבער.

ברצותו מרחיב וברצותו מקצר, אַלע האָבן געוואוסט — ווען דרוזיאַנע וועט נאָר אַ בלאָז־טון מיטן שאַל־האָרן, וועט זיך אָנהויבן די שיינע חתונקע. די שטאָלענע משחיתים אויף די געפּאַנצערטע פערד וועלן פּרואוון איינער פון דעם אַנדערן צו מאַכן פּיפּקע. וועט דרוזיאַנע ווידער אַ בלאָז־טון אויפן שופר — וועט ווערן שלום על ישראל. די צעקאָכטע ריטער וועלן מוזן ווערן שטילע לעמעלעך.

קאַפּיטל זיבעצן

בבא שטייט אויף אַ לאַנקע און שניידט היי.
הערט ער פון שטעטל אַ געשריי.
כאַפּט ער די שווערד און דאָס פערד, —
אונטער אים ברענט די ערד.

אינדרויסן מחוץ לעיר האָט זיך געקאָכט דאָס גרויסע געקאָכעניש. אַלעמענס אויגן זענען געווען געוואַנדן צו דער שיינער דרוזיאַנע. זאָל מען שוין דערלעבן צו זען ווי זי וועט אַ בלאָז־טון אויפן שאַל־האָרן פון אייטל גאָלד און זילבער. ס'וועט זיך אָנהויבן דאָס וועט־געפעכט צווישן די ריטערס.

גראָד דעמאָלט איז בבא געשטאַנען מיט אַ קאָסע אויף אַ שמעקנדיקער שטילער לאַנקע און געשניטן היי פאַר דעם מלכס סוסים. וישמע — האָט ער געהערט דעם ותהום כל העיר און געזען ווי קינד און קייט לויפן. באַלד האָט ער זיך דערוואוסט דעם מה הרעש. האָט ער זיך מיישב געווען און צו זיך געזאָגט: איך וועל זיי אויף טשעקאַוועסט ווייזן וואָס סיני־בלד פון שנושומין האָט מיט מיר אַריינגעקנעלט.

וירץ אל הבקר — איז ער הענדום־פּענדום צוריקגעלאָפן אין די שטאַלן אַריין און דאָרט אַרומגעזוכט צווישן דעם קיניגלעכן ברוכוואַרג. וימצא — האָט ער דאָרט באַלד געפונען אַן אַלטע שווערד פון די שווערדן וואָס רופן זיך „דיקער רוגל". דאָס איז אַ חרב־פּיפיות וואָס נאָר גרויסע גיבורים קאָנען זיך מיט איר אומגיין. ער האָט זיך געמאַכט אַ קרענצל פון היי און דערמיט זיך אַרומגעבונדן דעם קאָפּ. ויקח — האָט ער גענומען דאָס בעסטע פערדל וואָס אין מלכס שטאַלן. דאָס נעמלעכע פערדל האָט געהייסן רענדיליה. שפּעטער אין אונזער סיפור־המעשה וועלן מיר נאָך דערפון האָבן צו זינגען און צו זאָגן. בבא האָט זיך אַ זעץ־אַרויף געטון אויפן פערדל רענדיליה און האָפּ, — ער איז שוין אויפן געפעכט־פעלד.

ויצעק — האָט בבא אַ געשריי געטון מיט אַ קול פון אַ לעמפּערט:

— ריטער מקברון, אויב דו ווילסט האָבן אַ משפט אַ גערעכטן, וועדליק היינט און וועדליק נעכטן, קום — וועלן מיר פעכטן!

ויהי כראות — מקברון טוט אַ קוק אויף דעם נייעם ריטער וואָס איז

צומאַל נישט געפּאַנצערט און טראָגט אַ היי־קרענצל אויפן קאָפּ, איז ער אַרויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער. דער שטאָלענער פּאַנצער אויף אים האָט זיך אַזש געטרייסלט.

— אָט דעם פערד־יונג וועל איך צעטרעטן ווי אַ ווערימל — האָט ער געלאַרעמט און מיט גרויס רעש צוגעריטן צו בבאן און אויפגעהויבן קעגן אים אַ שפּיז וואָס איז מינדעסטנס געווען אַזוי לאַנג ווי אַ טענענבוים.

דאָ האָט האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן וואָסער בריה פון אַ מלמד עס איז געווען סיני־בלד פון שנושומין. באותו הרגע איז בבא אקעגנגעריטן אויפן פערדל רענדיליה. איידער מקברון האָט באַוויזן אַ שטאָך צו געבן מיט דער שפּיז, האָט אים בבא געטון אַ זעץ אין געפּאַנצערטן קאָפּ אַריין מיט דער אַלטער חרב־פּיפיות „דיקער רוגל". זי איז טאַקע נעבאַך געהאַט געלעגן צווישן ברוכוואַרג אין שטאַל, אָבער אין בבאס הענט האָט זי זיך דערמאָנט את חסד נעוריה, אין אירע מיידלשע יאָרן. דער געפּאַנצערטער קנאַקער מקברון האָט פּלוצעם פאַרגעסן ווי עס מאַכט אַ וויוו מיט אַ חולם און איז אַראָפּגעפּאַלן פון זיין גאָלד־און זילבערנעם זאָטל ווי אַ ליימענער גולם.

עולם אויפן געפּעכט־פּעלד האָט אָנגעהויבן צו שפּאָטן און צו לאַכן אויף אַלערליי שפּראַכן. מען האָט געטון הויך חוזק מאַכן פון אַ קיניג וואָס האָט זיך געלאָזט מנצח זיין פון פערד־יונג.

מקברון איז געלעגן אויף דער ערד אין די הינער־פּלעט צווישן טאָג און נאַכט. די שיינע דרוזיאַנע האָט געטון אַ שאַרפן בלאָז מיטן שאַל־האָרן פון אייטל גאָלד און זילבער. דאָס האָט געמיינט: ביי אַזאַ לאַגע איז מקברון גע־בליבן ביי שראַגע. זאָלן די ריטערס אַרויסלאָזן די שפּיזן פון די הענט. דאָס געפּעכט־שפּיל איז צו ענד.

בבא איז אין צווישן צוריק אַהיים געריטן אין זיינע שטאַלן. האָט ווידער אָוועקגעלייגט די שווערד „דיקער רוגל" צווישן דעם קיניגלעכן ברוכוואַרג. ער אַליין האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ קופּע פריש אָפּגעשניטן היי. איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

קאַפּיטל אַכצן

דרוזיאַנע די שיינע פאַרגעסט איר מורי־מורינו.
די פייגעלעך זינגען אין די צווייגן.
קעפּ טוען זיך נייגן. אייזן טוט זיך בייגן.
די הערצער — צי קאָנען זיי שווייגן?

אין דער שטאָט אַרמוניה האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק. קינד און קייט האָבן געשמועסט פון בבאס שיינקייט און פון זיין גבורה. והמלך והמן ישבו לשתות — אין די קיניגלעכע פּאַלאַצן האָט מען זיך געזעצט עסן וועטשערע.

אַלע זענען דאָרט געווען פאַרטון אין די מעדני־מלכים. די שיינע דרו־זיאַנע האָט זיך אָבער אַוועקגעגנבעט פון טיש און הענדום־פּענדום אַהינ־געלאָפן צו בבאן אין די פערד־שטאַלן.

ויהי כראות — זי האָט אים אָנגעקוקט ווי ער שלאָפט אויף אַ קופּע שמעקנדיק היי. זיינע באַקן זענען רויט ווי דופּטיקע רויזן־בלעטער צוויי. די ליבשאַפט האָט געברענט אין דרוזיאַנעס בלוט. אויב זי וועט אים נישט אַ קוש טון וועט זיין מיט איר נישט גוט. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און בבאַן אָנגענומען פאַר דער האַנט.

ער האָט אויפגעשלאָגן די אויגן.

דרוזיאַנע די שיינע האָט פאַרגעסן איר גאַנצן מורי־מורינו. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און בבאַן אַ קוש געטון אין די ליפּן.

— דיין אָטעם שמעקט ווי זעלטענער וויין, ליבסטער דו מיין — האָט זי געזאָגט און איר קול האָט געציטערט — ס'איז זיס און געשמאַק אַ יעדער קוש אויף דיין באַק. ביסט אַ פּערל, דו זיסער פאַרשוין, פון אַ גילדענע קרוין. זאָג מיר בבאַשי — האָט זיך די שיינע דרוזיאַנע געבעטן — ווער איז דיין טאַטע און דיין מאַמע? קיניגן מסתמא.

בבא האָט געשמייכלט. ער האָט גענומען אַ ביסל היי אין דער האַנט אַריין און עס געוואָרפן אין דער לופטן. שפּעטער האָט ער געזאָגט:

אַ בעטלער כולו לאַטע
איז געווען מיין טאַטע.
מיין מאַמע — אַן אָרעמאַנטע אַ האָרבאַטע.
די ווינטן האָבן אים געטון יאָגן
איבער די וועגן
צו זוכן בעטל־ברויט.
דערווייל האָט אַ שד
שוואַרץ ווי דער טויט
מיין מאַמע געטון פּלאָגן
מיט ליבע.
ער האָט איר צוגעזאָגט
אַ גרויס פאַרמעגן.
איך בין געווען שיין ווי אַ רויז,
נאָר נאַקעט און בלויז
אין ווינט און אין רעגן.
ס'איז געווען פּונקט ווי אין אַ ליד
צו זינגען און צו זאָגן.

קאַפּיטל נײַנצן

דער טויט איז ביטער — דאָס לעבן איז ניט זיסער,
ווען די כלה איז אַ שיינע און דער חתן איז אַ מיאוסער.
דער טיוול לוציפער קומט צו רייטן ווי אַ בן־מלך צוציפּר.
זיינע ליפּן זענען געשפּאָלטן. דיין באָרד איז אייטל קאָלטן.
ביי וועלכן מיידל וואָלט ער געגאָלטן?

עס איז פשוט אַ שרעק צו דערמאַנען —
צוציפּר וויל ווערן אַ חתן פאַר דרוזיאַנען.

עודם מדברים — אַרמוניה האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעטשוכניעט פון די נייסן פון דעם ריטער־געפּעכט. דער קיניג מקברון איז נאָך געלעגן צעמזיקט פון די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען פון בבאַן און פון דער אַלטער שווערד „דיקער רוגל". בבא אַליין האָט ווידער כמקדם געפּאַיעט דעם קיניגס פערדלעך און זיי צוגעשיט אָבריק אין די קאַריטעס. די שיינע דרוזיאַנע איז יעדע מינוט געלאָפן צו בבאַן אין שטאַל אַריין, זי האָט געוואָלט געפינען אין זיינע אויגן לייטזעליקייט און חן און אים געטון האַלזן און קושן גאָר זיס און גאָר פיין.

והנה רוח סערה — עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב איבער אַרמוניה. ודהרות דהרות אַביריו. מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון קאָפּיטעס און דאָס הירזשען פון פערד. ויביט — דער שטאָט־וועכטער פון אַרמוניה קריכט אַרויף אויף אַ טורעם צו זען מה רעש — ווער איז געקומען צו רייטן פון דער ווייטן? צי מיינט ער שלום צי מיינט ער חלילה עמיצן צו טייטן? ער טוט אַ קוק — חייל כחול הים. אַלע זענען זיי געפּאַנצערט ווי די מלאכי־חבלה און זיצן אויף געפּאַנצערטע פערד. זייערע שפּיזן גלאַנצן אין דער לופטן ווי אַ ים מיט ליכט.

דער וועכטער האָט נישט לאַנג געדאַרפט קוקן און טראַכטן. צום טויער פון אַרמוניה איז צוגעריטן אַ רייטער וואָס איז מינדסטן געווען אַזוי גרויס ווי עוג מלך הבשן. ער איז געווען כולו באַדעקט מיט שטאָל און אייזן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ היטל פון שטאָל און אייזן. זיין פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ מאַסקע פון שטאָל. דעם וועכטער אויפן שטאָט־טורעם האָט כמעט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

דער געפּאַנצערטער ריז האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אויף אַ שאַל־האָרן וואָס האָט כמעט אויסגעקוקט ווי דער שופר של משיח.

ואַחרי כן האָט ער אויסגעשריען בזה הלשון:

— הנה זייט וויסן: פון אַ ווייטער מדינה איז געקומען צוריטן ירום הודו דער קיניג סולדאַן. ער האָט מיט זיך מיטגעבערענגט זיין בן־יחידל צוציפּר וגם הונדערט טויזנט חיל ווי די געפּאַנצערטע בערן. וועט דער בן־מלך צוציפּר באַקומען די שיינע דרוזיאַנע פאַר אַ כלה, דעמאָלט וועט זיין גימל. מען וועט ברעכן טעלער און פּראַווען די חתונה און שלום על ישראל. באם אָבער דער קיניג פון אַרמוניה וועט נישט באַשטיין אויפן שדוך — וועט ער דער מלך סולדאַן טון אַ ווינק צו זיינע ריטער. פון גאַנץ אַרמוניה מיט אירע מענטשן און בעבעכעס וועט ווערן אַש און בלאָטע.

כדי דער לייענער זאָל וויסן ווי ער האָלט אין דער וועלט וועט דער מחבר אים אויסמאָלן דאָס געשטאַלט פון דעם חתן־בחור צוציפּר.

ער איז געווען ווי די אַרזי־לבנון הויך. אומגעלומפּערט דיק ווי דער שור־הבור. שוואַרץ איז ער געווען ווי די בלאָטע. האָט אויף זיך געטראָגן אַ שטאָלענע קאַפּאָטע. זיינע ליפּן זענען געווען צעשפּאָלטן. זיין רויטע באָרד האָט אויס־

געקוקט ווי אַ קאַלטן און האָט אים דערגרייכט ביז צום בויך. ער האָט געהאַט קרומע פיס. אים אָנצוקוקן איז געווען מיאוס. הערט טייערע לייענער אַלע, אַט דאָס פאַרזעעניש האָט געוואָלט די שיינע דרוזיאַנע פאַר אַ כלה.

ויהי כשמוע — ווען דער קיניג זיגמונדוס פון אַרמוניה האָט געהערט ווער עס וויל זיין זיין איידעם, האָט ער באַפוילן צוריק אַרויסצובלאָזן מיט אַ טראָמפּייט: לא מיט אַן אלף!

דער קיניג סולדאַן און זיין יפת־תואר צוציפר האָבן נישט געוואוסט פון קיין לאַנגע דיבורים. האָבן זיי טאַקע נישט באַלאַמוטשעט און געוואָלט נעמען מיט בייזן דאָס וואָס מען האָט זיי נישט געוואָלט געבן מיט גוטן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ בלוטיקע מלחמה.

זיגמונדוס דער קיניג פון אַרמוניה האָט זיך אָבער נישט געשראָקן. ער האָט זיך אָנגעטון אין שטאָלענע שיך און זאָקן און געהייסן קלינגען אין די גלאָקן. זיינע רייטערס האָבן זיך געפּאַנצערט און גענומען כלי־זין. זיי האָבן נישט לאַנג געטון ברייען נייערט גענומען האַקן און בראָקן. בלוט האָט זיך געגאָסן ווי טייכן. מען האָט נישט געזשאַלעוועט קיין אָרעמען און קיין רייכן. ס'איז ממש געווען פינצטער פאַר די אויגן. קעפּ זענען געפלויגן ווי פיילן פון בויגן. דער קיניג מקברון וואָס איז נאָך געלעגן אַ צעניזוקטער אין בעט האָט אויך נישט געקאָנט זיין אַן עומד ביצרו ווען ער האָט געהערט, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל. ער האָט צונויפגעטראָמפּייטערט זיין חיל און ס'איז געווען ליהודים.

פערד און מענטשן האָבן געטאָפּטשעט אין שטראָמען בלוט. אפילו אַ קינד אין וויג, אפילו אויף דער שויב אַ פליג, האָבן נישט געקאָנט כאַפּן קיין דרימל מחמת די געשרייען און געוואָלדן וואָס זענען געגאַנגען ביז צום הימל. סולדאַן און זיינע חילות האָבן געמאַכט די ביטערע שחיטה. גאַנץ אַרמוניה האָבן זיי געוואָלט אַוועקלייגן אויף אַ שוואַרצער מיטה. דאָס תכשיטל צוציפר איז געפלויגן אויף אַ פערד און געהאַלטן אין דער האַנט אַ שפּיז וואָס האָט געהאַט די לענג פון פופציק איילן. וואו ער האָט זיך נאָר געטון קערן און ווענדן — האָט ער אַלעמען געטון פאַרלענדן.

פלוצעם האָט ער דערזען מקברונען. וחמתו בערה בו — אין צוציפרן האָט זיך אָנגעצונדן דאָס טריפה בלוט. ער איז צוגעריטן צו אים מיט גרויס רעש און אים געטון אַ זעץ מיט דער שפּיז. מקברון האָט פונדאַסניי פאַרלוירן דעם קאָפּ און איז אַרונטערגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ. צוציפר האָט צוגערופן זיינע יוצר־משרתים וואָס זענען אויך געווען פינצטערע אפיקורסים און זיי געהייסן מקברונען בינדן ווי אַ שעפּס.

דערנאָך האָט ער געזען דעם קיניג פון אַרמוניה, דעם מחותן הייסט עס. ווידער האָט זיך אין צוציפרן אָנגעצונדן דאָס טריפה בלוט. מיט גרויס געפּילדער איז ער צוגעריטן צום קיניג זיגמונדוס און פון אים געמאַכט אַן אַלטן עובר־בטל און אַרונטערגעוואָרפן פון זאָטל. און אים אויך געהייסן בינדן ווי אַ שעפּס.

וחמת המלך שככה — נאָכדעם ווי זיינע צוויי גרעסטע שונאים זענען

געלעגן געבונדענע פאַר זײַנע פיס, האָט צוציפּר אַרויסגענומען אַ גאָלדענע פּאַטשיילע און זיך אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן.

קאַפּיטל צוואַנציק

די וועלט איז נישט קיין פינצטערער פּורים —
אַ חתן איז ניט קיין המן.
דרוזיאַנע זוכט איר באַשערטן אין שיר־השירים.
בבא איז דאָרט זײַן נאָמען.
עס אײַך צו זאָגן בין איך אָקערשט אַ בעלן.
צווישן היי און אין שטאַלן זינגען ניט איינמאָל די זיסטע נאַכטיגאַלן.

ווי מיר ווייסן האָט די שיינע דרוזיאַנע נישט מער געטון נייערט געלאָפן צו בבאן אין די שטאַלן. זי איז דאָרט מיט אים געווען קוצעניו־מוצעניו, צו אים גערעדט מיט אַ זיס קול און אים געקושט אויפן מויל.

וישקני מנשיקות פּיהו — בעת די שיינע דרוזיאַנע האָלט בבאס קאָפּ צווישן אירע הענט און טוט זיך ביי אים בעטן, אַז ער זאָל זי אויך קושן און גלעטן — והנה — הערן זיי ווי אין שטעטל טוט זיך חושך. מען האַקט זיך מיט שפּיזן און האַליבאַרדן.

בבא לויפט אַרויס פון שטאַל און וויל זיך דערוויסן מה רעש. מען דער־ציילט אים די גאַנצע מעשה און אַז דער קיניג, דרוזיאַנעס טאַטע, וגם מקברון, ליגן געבונדענע ווי די לעמער. בלוט שעפּט מען מיט עמער. גאָרנישט ווי קיין שטיפער שטייט צוציפּר אויף אַ באַלעמער פון קעפּ — און פאָכעט מיט דער שפּיז און האַלט ביי מאַכן פון אַלצדינג אַ תל־עולם.

בבא לויפט צוריק אין שטאַל אַריין און דערציילט דרוזיאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט דרויסן אין שטעטל.

ותבך — די שיינע דרוזיאַנע האָט נעבעך אָנגעהויבן צו וויינען. אירע ליכטיקע אויגן האָבן זיך פאַרלאָשן, ווי צוויי שטערן וואָס האָבן אויפגעהערט צו שיינען, און זענען געוואָרן טונקל ווי ליכטלעך מי׳גראָשן.

ויכמרו רחמיו — בבא האָט רחמנות געקראָגן אויף דער שיינער דרוזיאַנע. הגם ער האָט איר כסדר דערציילט, אַז זײַן לייבלעכער טאַטע איז געווען אַ טראַנטע און אַ שמאַטע און זײַן מאַמע — אַ מדינה־גייערקע אַ האָרבאַטע, פאָרט טיף אין האַרצן האָט ער דרוזיאַנען געהאַט גאָר שטאַרק האָלט און האָט נישט געקאָנט צוקוקן איר געוויין און אירע שמאַרצן.

וילך בבא — איז ער געגאַנגען און האָט ווידער אַרויסגענומען פון די קיניגלעכע ברוכוואַרגן די אַלטע בתולה, די חרב־פּיפיות „דיקער רוגל״ און איז צוגעגאַנגען צו די קאָריטעס און אָנגעזאָטלט דאָס פערדל רענדיליה. ער האָט זיך פאַרנומען אַרויסצורייטן אויפן שלאַכט־פעלד און מציל צו זײַן די געפאַנגענע וגם צו ווייזן דעם פּאַסקודנעם צוציפּר די תורה וואָס ער, בבא, האָט געלערנט ביים שר סיני־בלד פון שנושומן.

ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, אַז אַ מלחמה מיט צוציפּרן איז נישט

קיין שפּיל אין חנוכה־דריידלעך. מען קאָן אַמאָל באַקומען מיט דער שפּיז, אַז מען זאָל פאַרגעסן דער מאַמעס מילך.

טאָמער חלילה ווי עס מאַכט זיך מיטן אַל תפתח פה לשטן, האָט ער, בבא, נישט געוואָלט, אַז די שיינע דרוזיאַנע זאָל בלייבן ביי דער מיינונג, אַז זי האָט געהאַלזט עפּעס דאָרט אַ פּראָסטן פערד־יונג, וואָס איז נאָך דערצו אַ זון פון אַ בעטלער.

ויאמר בבא אל השיינע דרוזיאַנע, האָט בבא פּלוצעם געזאָגט צו דער שיינער דרוזיאַנע: — הנה — זיי וויסן, אַז איך בין אַ בן־מלך. מיין טאַטע איז געווען קיניג אין לאַנד ענטינע און האָט געהייסן הערציק גווידאָן.

דרוזיאַנע האָט באותו הרגע פאַרגעסן אירע צרות. מיט גרויס פרייד איז זי בבאן אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז. חסד ואמת נשקו — זיי זענען געבליבן שטיין אין אַ הייסן לאַנגן קוש.

ויהי כעמדם — ווי זיי שטייען אַזוי אַרומגענומען און קושן זיך און פאַר־געסן די וועלט, קומט פּלוצעם אַריין אין שטאַל דער גראַף אויגלין, דעם קיניגס לייבלעך געשוועסטער־קינד. ער זעט ווי די בת־מלכה דרוזיאַנע קושט זיך מיטן פערד־יונג. ויפתח את פיו — איז ער אַרויס מיט דברי־מוסר.

— דו ביסט אַ פאַרשייטע חצופה, דרוזיאַנעשי — האָט ער געזאָגט — דער טאַטע ליגט געבונדן ווי אַ שעפּס צו די פיס פון צוציפּר און דו פאַלסט טיף און טיפער, און קושט זיך מיט אַ פערד־יונג?

וחמתו בערה בו — בבא האָט אַ כאַפּ געטון די „דיקע רוגל”, די אַלטע בתולה פון אַ שווערד, און געטון דעם גראַף אַ זעץ איבערן „של ראש”.

ווי אַ סנאָפּ איז דער גראַף אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַן אונטערגעהאַקט אויער און האָט זיך איבערגעקערט אויף קאַפּויער.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ליבע איז שטאַרקער ווי פייער און טיפער ווי דער ים.
צוציפּר ליגט אין טריפהנעם דם. — בבא זאָגט גראַם.
פאַר איינעם איז ליבע לעבן, פאַרן צווייטן איז זי סם.
ליבע איז אַ בלום פון שיינקייט און פלאַם

בבא איז אַרויסגעריטן אויפן פערדל רענדיליה. ער איז געריטן ווי דער פייל פונעם בויגן. אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ סך פון דעם מלך פון אַרמוניהס חייל. זיי זענען געהאַט אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד. צוציפּר האָט דאָרט נישט געשוינט יונג און אַלט. וועמען ער האָט געטראָפן האָט ער געמאַכט קאַלט. ווען די אַנטלאָפענע האָבן געזען ווי בבא רייט מיט אַזאַ פלאַם־פייער איז ביי זיי דער נצחון פון אויפסניי געוואָרן טייער. זיי האָבן גענומען זייערע שפּיזן און ביי זיך געטראַכט: אפשר וועלן מיר פאַרט צוריק ווערן די אַמאָליקע ריזן?

אַרויסקומענדיק אויפן שלאַכט־פעלד איז בבאן פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. אומעטום זענען געלעגן קופּעס מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ וכדומה אָפּגע־

האָקטע הענט און פיס. ועוד ידו נטויה — צוציפּר הייבט זיך ערשט אָן פונאנדערצונעמען מיט זיין ארזי־לבנונדיקער שפּיז און מענטשן פאַלן פאַר אים ווי די פליגן.

בבא האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און נישט געפרעגט ביי קיינעם קיין עצות. ער האָט אַ צי געטון רענדיליהן פאַר די לייצעס. צוגעריטן צו צוציפּרן, און האָט אַ געשריי געטון: דו בלוטיק פאַרזעעניש! באותו הרגע האָט ער אויפגעהויבן די אַלטע מיוחסת, די שווערד „דיקער רוגל", וואָס ליגט צווישן די קיניגלעכע ברוכוואַרגן. ער האָט מיט איר צוציפּרן געוואָלט מאַכן פאַר אַ „קדוש".

— דו פאַרשיוועּר פערד־יונג — האָט צוציפּר געטון אַ ריטש ווי אַ בופלאָקס און זיין שוואַרצע צורה האָט זיך פאַרקרומט אין אַ פאַסקודנעם שמייכל. ער האָט אויסגעקוקט ווי די טויז אייכל פון סמאלס שוואַרצן היכל. — עס שטייט מיר גאָרנישט אָן פון דיר צו מאַכן קרעפּל־פלייש, האָט ער געשריען צו בבאן.

עודם מדברים — צוציפּר האָט נאָך נישט פאַרענדיקט צו ריטשען — די אַלטע שווערד „דיקער רוגל", האָט אַ ווייז געטון אירע אַמאָליקע מיידלשע יאָרן און זי איז אַ קריך אַריין געגעבן צוציפּרן אינעם געפּאַנצערטן בויך און איז מיטן שפּיץ אים אַרויסגעקראָכן פון אונטערווייַלעכס.

צוציפּר האָט אַ קוק געטון אויף בבאן דעם נוקם־ונוטר. באַלד האָט ער פאַרגלייזט די אויגן און בלע המות לנצח — ער איז אַראָפּגעפאַלן אַ טויטער.

ויהי כראות — ווען צוציפּרס ריטערס האָבן געזען ווי דער גרויסער קנאַקער ליגט מיטן בויך קאַפּויער, וימס לבבם — האָט זיי אַרומגענומען אַ ציטערניש אין די לענדן. זיי זענען געוואָרן פילוסופים און געזען, אַז דאָס גליק טוט זיך ווענדן. ווי אַלע פילוסופים האָבן זיי גאָר געשמאַק געטראַכט, צו געפינען אַ קלוגן אופן פון אַנטלויפן.

ויבוא הפליט — אינצווישן איז דער קיניג סולדאַן געזעסן אין אַ געצעלט פון אייטל גאָלד און פּורפּול און גערויכערט אַ טייערן ליולקע־ציביק. מען האָט אים צוגעטראָגן די ביטערע בשורה. ער איז אויך געוואָרן שוואַך אין די לענדן.

דאָס גאַנצע פיינטלעכע חיל האָט געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און הלך משה־מרדכי, מען איז ווי די האָזן פאַרשוואונדן אין די ווינטן און אין די גראָזן.

והעיר שושן צהלה ושמחה — מען האָט אויפגעבונדן דעם מלך פון אַרמוניה זיגמונדוס און דעם מלך מקברון — און מען האָט האָט געהוליעט אין די גאַסן.

מען האָט געפּויקט מיט פּויקן און געשאַלט מיט שאַלאַמייען און טראָמפּייטן, כדי פון בבאס נצחון זאָל מען הערן פון נאָענט און פון וייטן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

פאַר אַ מחבר איז אַ נחת צו שרייבן פון שמחות ביי יידן.
יעדע ליבשאַפט האָט שונאים — אָבער איך טו זיי להכעיס.
זיגמונדוס איז געווען צופרידן און פריילעך
צו הערן אַז בבא איז אַ בן־מלך — זיין טאַטע איז הערציק גווידאָן.
אינעם שטעטל פון אונזער מעשה איז געווען שמחה וששון.
אויפן דאַך האָט געוואָרקעט אַ טויב אַ ווייסע.
עולם האָט געוואוסט וואָס דאָס האָט צו באַטייטן.
מזל־טוב איך לייטן! — בבא ווערט דרוזיאַנעס חתן.

די וועלט שמועסט אפילו, אַז מענטשן — איבערהויפט מענטשן וואָס זיצן אויבנאָן אויפן וועלט־שטייסל — האָבן דעם זכרון פון אַ קאַץ. זיי פאַרגעסן באַלד געטוענע טובות. פונדעסטוועגן האָט דער זיגמונדוס, מלך פון אַרמוניה נישט פאַרגעסן, אַז ווען נישט בבא וואָלט איצט צוציפּר און נישט ער, דער מלך הייסט עס, געווען דער קאַפּעליוש־מאַכער און געהאַט דעם ירום־הודו פאַר אַ טיטל און געטראָגן דאָס גאָלדענע היטל און געזעסן אויפן גאָלדענעם בענקל. ער, דער מלך הייסט עס, וואָלט איצט געמוזט וואַשן ביי צוציפּרן די פּאָמעניצעס און אויסווישן די דילן מיט אַ פלעדערוויש.

ויקרא — האָט ער געשיקט רופן בבאן מתוך גדרות הצאן — פון די פערד־שטאַלן אַרויס. די שווערד „דיקער רוגל״ איז דאָרט ווידער געלעגן צווישן די ברוכוואַרגן. בבא איז געשטאַנען צווישן די קאַריטעס און צוגעשיט אָבריק.

— נאָדיר — האָט זיגמונדוס דער קיניג געזאָגט צו בבאן — מזומענע טויזנט רענדלעך און ווער אַ נגיד אין שטעטל. איך וועל עס מיר נאָך בלי־נדר איבערלייגן. אפשר וועל איך דיך מאַכן פאַר עפּעס דאָרט אַ שטיקל גראַף.

ותשמע דרוזיאַנע — די שיינע דרוזיאַנע האָט געהערט ווי אַזוי דער פאָטער אירער רעדט צו בבאן. זי איז באַלד אַרויס מיטן גאַנצן פּסוק און דערציילט, אַז אין סך־הכל איז גאָר דער מיקלאָמפּערשטער פערד־יונג דער קרוין־פּרינץ פון לאַנד ענטינע. זיין טאַטע איז געווען דער מלך הערציק גווידאָן. דאָס איז נומער איינס. נומער צוויי, פאַרלאַנגט זי פון קעניג, אַז ער זאָל איר אָט דעם קרוינפּרינץ בבאן געבן פאַר אַ חתן. מען זאָל באַלד מאַכן די חתונה מיט גרויסע פאַראַדן און מיט שמחה וששון. ליבע איז אַ געשמאַקער מעדן — האָט די שיינע דרוזיאַנע געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע — דער שענסטער נדן ווער פאַר מיר זיין ווען בבא וועט מיט מיר גיין צו דער חופה שפּאַצירן און שפּעטער נאָכן מיצווה־טענצל ביי פאַרשלאָסענע טירן מיך לייגן פירן.

האָט דער מלך זיגמונדוס פון אַרמוניה נישט לאַנג געטראַכט און געזאָגט: „מזל־טוב״ און געהייסן ברעכן טעלער און שרייבן תנאים.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

את גוי נתתי למכים.
דער טרויער איז געקייטלט מיט פריידן.
די וועלט איז האַלב ליכטיקייט האַלב מחשכים.
אַ גיהנם שטייט הינטער יעדן גן־עדן.
הינטער דער ליבשאַפט שטייט דער האַסער.
פייער ווערט געלאַשן פון וואַסער.
די רויטסטע רויז ווערט בלאַסער.

פון די פריערדיקע קאַפּיטלען פון אונזער שיינעם סיפור־המעשה געדענקען מיר, אַז דער מלך זיגמונדוס פון אַרמוניה האָט געהאַט זיין אייגנס אַ לייבלעך געשוועסטער־קינד מיטן נאָמען גראַף אויגלין. מיר געדענקען אויך, אַז דער נעמלעכער גראַף האָט באַקומען פון בבאן אַ זעץ אין קאָפּ אַריין מיט דער שווערד „דיקער רוגל". אַ מענטש האָט טאַקע דעם זכרון פון אַ קאַץ און האָט האַלט אַלצדינג צו פאַרגעסן — אָבער קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווען מען האָט אים חלילה אַנגעריירט דעם האָנער.

דער גראַף אויגלין האָט געברענט אויף בבאן מיט אַ שנאת־מות. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז בבא גייט חתונה האָבן מיט דער שיינער דרוזיאַנע און ווערט דעם מלכס איידעם — האָט ער, אויגלין הייסט עס, אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען און איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג בלאַסער און גרינער. עס זענען אים נישט איינגעגאַנגען נישט קיין ווייַן און נישט קיין געבראָטענע הינער, נישט קיין שיינע ווייבער, צו לאַנד און צו וואַסער וכדומה פּאַיאַצן און שפּאַסער.

דער נעמלעכער גראַף אויגלין האָט געהאַט זיין אייגנס אַ שאַלאַטאַן־שמשל וואָס איז מצדו געווען אַ לייבלעך געשוועסטער־קינד פון נחש־הקדמוני. מען האָט אים טאַקע גערופן דער שאַלקהאַפּטיקער יאַגוס. אין פאַלשקייטן און אין רשעות האָט ער געלעבט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ויהי כראות — ווען דער שאַלקהאַפּטיקער יאַגוס האָט געזען אַז גראַף אויגלין ווערט פון טאָג צו טאָג מאָגערער און דינער און זיין צורה ווערט בלאַסער און גרינער, האָט ער זיך עס, דער נחש, דער לשון־הרע־שפּינער, מיקלאָמפּערשט געגומען צום האַרצן און מיט אַ רחמנות־פּנימל געפרעגט ביים גראַף וואָס עס קוועטשט אים ביים לעפּעלע.

דער גראַף אויגלין האָט אים אַלצדינג דערציילט.

דער שאַלקהאַפּטיקער יאַגוס האָט זיך צוקער־זיס אויסגעשמייכלט און געזאָגט צום גראַף אויגלין:

— נישט געדאגהט, גראַף. גייט עסן וועטשערע. איך וועל שוין בבאן מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער און ער וועט מירצעשעם פּראַווען שבע־ברכות אויף „יענער וועלט" ביי זיין טאַטן דעם בעטלער די טראַנטע און די שמאַטע און ביי זיין מאַמען די ארחי־פּרחיטע די האַרבאַטע.

גראַף אויגלין האָט צוגעוואָרפן דעם שאַלקהאַפּטיקן יאַגוס אַ בייטל מיט רענדלעך און האָט זיך געהייסן דערלאַנגען וועטשערע.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אײנער לעבט און מאַכט גליקן —
דער צווייטער ליגט אין אָרצה און באַקט בייגל.
מען האָט בבאן געטון אָװעקשיקן.
וואו אַהין? אויף די דעכער האָבן עס בלויז געוואוסט די פייגל.
נעם דיר אַ טיכעלע, ווײנערקע, און וויש דיר די טרערן פון אייגל.
אַזוינס האָט מען נישט געהערט זינט יידן האָבן געמאַכט דעם עגל.

וילך — דער שאַלקהאַפּטיקער יאַגוס איז געגאַנגען און געשריבן צווי בריוו.. אין איין בריוו האָט ער ווי צווי טראָפּן וואַסער נאָכגעמאַכט דאָס אייגנהעגטיקע כתב פון אַרמוניהער מלך זיגמונדוס. דאָרט איז געשטאַנען געשריבן מיט זייער האַרציקע ווערטער בזה הלשון:

— בני היקר — שרייבט מיקלאָמפּערשט דער מלך זיגמונדוס צו בבאן — איידער איך וועל דיך בלי־נדר פירן אונטער דער חופה מיט דער שיינער דרוזיאַנע און דו וועסט מיט איר עסן די גילדענע יויך, איז מיר איינגעפאַלן אַ וואַזשנער סוד־מלכות. קיין פויגל טאָר דערפון נישט וויסן. איך מוז דעם קיניג סולדאַן עפּעס אָפּטאָן אויף טערקיש .עס וועט דערפון אַרויסקומען אַ געוואַלדיקע טובה סיי פאַר מיר פאַרשווינדלעך און סיי פאַר בתי היקרה די שיינע דרוזיאַנע. רכב וצלח בני היקר. פויל זיך נישט און זאָטל אָן דאָס פלינקע פערדל רענדיליה. רייט אַהין ווי אַ פייל פון בויגן צום לעקיש סולדאַן. גיב אים איבער דעם צווייטן בריוו. דער צווייטער בריוו איז געשטעמפּלט און געחתמעט און זיין רעיון איז זייער טיף. עס איז אַ סוד כמוס. ער איז נישט אויפצושליסן ווי די שטומע נשמות. אפילו אַ פויגל פון מיין גינת־הביתן טאָר פון אים נישט וויסן. די פייגל פּלוידערן ניין מאָס רייד אויף די דעכער און טריפן אַריין לייד אין די בעכער וואָס זענען פולע מיט אַ סוד אַ זיסן. סולדאַן קאָן זיך נאָך חלילה דערוויסן פונעם שפּיצל און זיך מאַכן געפּגרט און ווערן ניצול.

אין דעם צווייטן פאַרחתמעטן בריוו איז געשטאַנען כתוב וחתום שוואַרץ אויף ווייס, אַז דער שליח הייסט בבא. ער איז אַ פּראָסטער פערד־יונג און אַז ער האָט דערהרגעט דעם בן־יחיד צוציפּר. וואָס סולדאַן דאַרף טון מיט אָט דעם בבאן — אויף דעם איז איבעריק דעם מלך אַריינצושטעקן אַ פינגער אין מויל אַריין.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

בבא וויל טרינקען וויין פולע פלאַשן
און עסן מאַרצעפּאַנעס מיט לעקאַך.
אוי ווי — אויב מען גלייבט די דייטשע בר־נשן
בלייבט מען ביי ליידיקע טאַשן און ביי אַן אָפּגענאַרטן מקח —

ווי מיר וויסן איז בבא געווען אַן איש תם וישר. אויף אַלצדינג האָט ער געקוקט ווי אויף גלאַט־כשר. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויף קיין שקר און האָט נישט געוואוסט, אַז יאַגוס איז אויף ליגנס אַ בעקער און ביים גראַף

אויגלין אַ טעלער־לעקער. ביי בבאן איז אונזער וועלט געווען דער כולו אמת ויציב. אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז יאַגוס איז אַ מערדער און אַ קצב.

האָט זיך בבא טאַקע נישט לאַנג מיישב געווען און ווידער אַרויסגענומען פון ברוכוואַרג די אַלטע בתולה „דיקער רוגל״ און אָנגעזאָטלט דאָס פערדל רענדיליה • אַזוי ווי עס איז מיקלאָמפּערשט געווען אַ סוד־כמוס מיט וועלכן מען מוז זיך היטן סיי פאַר אַ פליג אויף דער שויב, סיי פאַר אַ פויגל, און סיי פאַר אַ טויב האָט ער קיינעם נישט דערציילט די מעשה. קאַיאַר, קוים וואָס דער מאָרגנשטערן האָט געבראַזגעט אין אַ ליכט אַ ווייסע, האָט ער זיך אַרויס־געלאָזט אין וועג אַריין כמצוות המלך. און איז דערביי געווען האָפערדיק און פריילעך.

רענדיליה האָט זיך טאַקע געטון מיען און טויגן און איז געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע טעג. מען איז געריטן און געריטן אויף אַלערליי וועג און שטעג. עס איז געוואָרן אָוונט. די זון האָט זיך גענומען זעצן. דיביימער־שפּיצן האָבן זיך אָנגעצונדן רויט. די ערד האָט זיך אָנגעצונדן רויט. די וואָלקנדלעך אין די הימלען האָבן זיך אָנגעצונדן רויט.

דעמאָלט איז בבא צוגעקומען צו די גרענעצן פון דער מדינה פון קיניג סולדאַן.

פון לאַנגן וועג איז ער געווען מיד, הונגעריק און דורשטיק. ער האָט געזוכט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין.

וירא — בבא זעט — אונטער אַ בוים זיצט אַ דייטשישער בעטלער. לעבן אים ליגט אַ גרויסע טאָרבע. דער בעטלער עסט ברויט מיט קעז און טרינקט ווין אַ פלאַש.

ויבקש — בבא האָט געבעטן ביים בעטלער אַ שטיקל ברויט און אַ זופּ ווין.

— איך בין אַ בעטלער — האָט דער דייטשישער ארחי־פרחי געזאָגט — און דערלאַנגט בבאן אַ שטיקל טרוקן ברויט — איך בין אַן אָרעמאַן — האָט ער געזאָגט — און הגם מיינע אבות האָבן אויך גענומען נדבות זענען זיי פונדעסטוועגן געווען מיאַכקע לבבות און רחמנות געהאַט אויף הונגעריקע מענטשן און מעגן זיי, די הונגעריקע, אפילו זיין שיינע נגידים און רייטן אויף שיינע פערדלעך.

בבא האָט דאָס ברויט נישט געקאָנט עסן, עס איז געווען פאַרדומפּעצט און גרין פון שימל.

דערנאָך האָט דער בעטלער בבאן געגעבן צו טרינקען ווין פון דעם פלאַש. דער ווין איז געווען אַ זעלטענער טוב־ומטיב. בבא האָט פאַרלאַנגט נאָך.

— אין אָט אָ דער פלאַש — האָט דער בעטלער געזאָגט און געוויזן בבאן אַ צווייטע פלאַש — האָב איך אַ ווין פון די אמתע יין־המשומרס. ער איז אַ זקן מופלג פון אפשר אַ הונדערט זומערס. אין יענעם זומער, ווען דער ווין איז נאָך געשטאַנען אין די טרויבן, האָט די זון פון אויבן אים געוואָרימט מיט אַ גאָלדן פייער. דערימעד איז ער טאַקע זיס און טייער.

— איך האָב האַלט אַ ווײַן וואָס איז אַלט און אײטל — האָט בבא געזאָגט און דעם דײַטשישן בעטלער געגעבן אַ גאָלדן רענדל פֿון זײַן בײַטל.

דער בעטלער האָט אים דערלאַנגט די פֿלאַשקע און געהייסן טרינקען די זעלטענע משקה.

דער דאַזיקער מיקלאַמפּערשטעטער ישן־נושן איז געווען אַ שווערער שלאָף־געטראַנק. קוים האָט בבא געטון דעם ערשטן שלוק, איז ער באַלד אַנידער־געפֿאַלן ווי אַ טויטער און אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

דער דײַטשישער בעטלער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און בבאן אויסגעצויגן ביז צום העמד. ער האָט בײַ אים צוגענומען דעם בײַ־גאַרטל מיט רענדלעך, די שווערד „דיקער רוגל" וגם דאָס פֿערדל רענדיליה. ער האָט זיך איבערגעטון אין בבאס נגידישע קליידער און איבערגעלאָזט אונטערן בוים די בעטלערישע טראַנטעס. וגם האָט ער איבערגעלאָזט דעם בריוו צום מלך סולדאַן. פֿאַרן דײַטשישן בעטלער האָט אַזאַ בריוו נישט געהאַט דעם מינדסטן ווערט.

ויברח משה־מרדכי — דער דײַטשישער בעטלער האָט צום שלאָפֿנדיקן בבאן אויסגעשטעלט אַ פֿײַג און איז פֿאַרשוואונדן אין די מרחקים ווי אַ רויב־פֿויגל פֿון דער צווײַג.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

ערלעך איז שווערלעך. אשרי אָדם —
וואויל איז דעם מענטשן,וואָס ווען ער הענגט אַפֿילו אויף אַ פֿאָדעם
און גייט אָנגעטון אין טראַנטעס וכדומה אָרעמאַנסקע בגדים,
פֿאַרלאָזט ער ניט דעם דרך־הישר —
און וויל, אַז זײַן לעבן זאָל זײַן גלאַט־כשר.
אשרי, וואויל דעם, וואָס איז אויף זיך אַלצדינג מקבל,
ער שווימט רואיק אַדורך דעם גרעסטן מבול.

בבא איז געלעגן אונטערן בוים און געכראָפּעט אַ גאַנצן מעת־לעת. ויקץ משנתו — אויפֿן דריטן טאָג באַגינען האָט ער אויפֿגעמאַכט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. ער זעט ווי דער דײַטשישער בעטלער האָט אים אָוועק־געשטעלט בדלות ווי אַ נאַקעטן שיר־המעלות, און אים אָפּגעטאָן אַ גנבֿיש שפּיצל. באין ברירה האָט ער זיך געמוזט אָנטון די בעטלערישע טראַנטעס. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַרײַן דעם בריוו צום קיניג סולדאַן. אַזוי ווי בבא איז געווען דער איש תם־וישר האָט ער צו זיך געזאָגט:

— אין טראַנטעס און אין שמאַטעס קוק איך אויס ווי אַ בידנע קרבן־חטאת. אין אַלע בייזע רוחות מוז איך אויך האַלטן וואָרט און ערלעך טון מײַן שליחות.

וילך — ער איז ווײַטער געגאַנגען צו די רעזידענצן פֿון קיניג סולדאַן דעם שוואַרצן מיט אַ זמרל אויף די ליפּן און האָפֿערדיק אין האַרצן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

סולדאַן לייענט דאָס וטע בריוול — קלאַפּט ער מיטן ליולקע־ציביק
קאַפּעט ער מיט די שטיוול און ריטשעט ווי אַ דיבוק.
די יועצים שרייען — טייטן! מען לייגט בבאַן אין קייטן.
תרועה, שברים, תקיעה, בלאָזן די טראָמפּייטן,
ווען מען פירט בבאַן צו דער תליה.

ויהי כבוא—בבא איז געקומען אין שטאָט אַריין און איז באַלד אַוועק צו די קיניגלעכע פּאַלאַצן. די וואַכן האָבן געזען אַ בעטלער אין טראַנטעס וואָס וויל אַריינגיין צום מלך סולדאַן, האָבן זיי אים געוואָלט אַוועקיאָגן מיט די בייטשן. ער האָט אָבער געוויזן אַ בריוו פון קיניג פון אַרמוניה זיגמונדוס. דער בריוו איז פאַרזיגלט און געחתמעט מיט אַלערליי קיניגלעכע חתימות. באין ברירה האָבן די וואַכן בבאַן דעם אַרעמאַנסקן כושל אַריינגעלאָזט צום שוואַרצן מושל.

סולדאַן איז געזעסן אויף זיין כסא־מלוכה אַרומגערינגלט מיט אַלע זיינע זיבעציק יועצים. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קרוין וואָס איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט אבנים־טובות. ער האָט געזופּט אַ שעלעכל שוואַרצע קאַווע און געריכערט אַ לאַנגן טערקישן ליולקע־ציביק.

בבא האָט זיך פאַר אים פאַרנויגט ביז צו דער ערד און אים דערלאַנגט דעם פאַרזיגלטן בריוו.

סולדאַן האָט אויפגעריסן דעם בריוו, זיך אָנגעטון די שפּאַקולן און אָנגעהויבן לייענען.

קוים האָט ער איבערגעלייענט די ערשטע שורה האָט ער תיכף ומיד אַוועקגעוואָרפן דעם טערקישן ליולקע־ציביק אויף דער ערד, האָט זיך געריסן פאַר דער געקרייזלטער באָרד און געמאַכט געוואַלדן.

סולדאַן האָט געטופּעט מיט זיינע ברייטע פיס וואָס זענען געווען אָנגעטון אין גאָלדענע לאַטשן מיט שנאָבלען.

— אַזוי גאָר — האָט ער געוואַלדעוועט — ביסטו מיר גאָר דאָס אַנטיקל וואָס האָט אומגעברענגט מיין צוציפּרן?

דער אויפגעקאָכטער מלך האָט אַ געשריי געטון צו זיינע יועצים:

— כאַפּט דעם רוצח און פירט אים באותו הרגע צו דער תליה!

די זיבעציק יועצים זענען באַפאַלן בבאַן ווי זיבעציק פליגן און אים געוואָלט בינדן. בבא האָט וואויל געוואוסט, אַז ווען ער האָט איצט ביי דער האַנט די אַלטע בתולה, די שווערד „דיקער רוגל” וואָלט ער פון אַלע זיבעציק קלוגע לייט געמאַכט פּיפּקע. נאָר וואָס זאָל ער טון? די שווערד ליגט איצט ביים דייטשישן בעטלער אין דער טאָרבע.

— סיני־בלד פון שנושומן האָט מיך אַמאָל געלערנט — האָט בבא צו זיך געזאָגט — אַז במקום שאין איש איז אַ הערינג אויך אַ פיש. ווען עס טרעפט זיך אַ מכשול און מען האָט נישט גראָד ביי דער האַנט אַ שווערד צי אַ שפּיז קאָן מען מיט די בלויזע פויסטן אויך ווייזן ווער מען איז —

ער האָט די זיבעציק חכמים אָנגעהויבן צו ווייזן מיט די בלויזע פויסטן וואָס ער האָט געלערנט ביי סיני־בלדן אין חדר.

באַלד זענען געווען געשפּאָלטענע קעפּ. בלוט האָט זיך געגאָסן שטראָמענ־וויז איבער די קיניגלעכע דילן.

שפּעטער האָט ער געכאַפּט סולדאַנס לאַנגן ליולקע־ציביק וואָס איז געלעגן צופוסנס פון דער כסא־מלוכה. דער ליולקע־ציביק האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין לעמעשקע און קיין גולם. ער האָט געמאַכט אַ נייעם תל־עולם צווישן די זיבעציק וואָס זענען זיבעציק קלוגע קעפּ צווישן אַ נאַרישן עולם.

וויפל פון די זיבעציק יועצים עס האָבן פאַרלוירן זייערע קעפּ, זייערע אויגן וכדומה חשובע איברים, האָב איך, דער מחבר, נישט געציילט. פאַרשוויג־דלעך בין איך נישט געווען ביי דער בלוטיקער חתונה. איך האָב עס בלויז געלייענט מפּי השמועה ביי ר׳ אליהו בחור אין דער „בבא מעשה״.

קוים מיט צרות האָט מען אַריינגערופן טויזנט פּראָסטע גויים עמך, שער און אייזן. זיי האָבן ענדלעך באַוויזן בבאַן אַוועקצולייגן און אים געבונדן ווי אַ שעפּס.

ויריעו — עס האָבן אויפגעשאַלט פייפאַלן און שאַלאַמייען. מען האָט בבאַן מיט פיל פּאַראַד אַוועקגעפירט צו דער תליה, כדי דאָרט פון אים צו מאַכן אַ שהיה־פּיה.

אין די חצרות המלכים זענען אַריינגעקומען די קיניגלעכע פעלדשערס און זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן צווישן די געפאַלענע זיבעציק בעלי־עצה — ווער עס זשיפּעט און רירט נאָך מיט אַ פלייצע און ווער עס באַקט שוין בייגל.

ביים טהרה־שטיבל האָט דער קברן איינגעשפּאַנט דאָס שוואַרצע פערדל פאַר דער לייצע.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

הרבה דרכים — פאַרשידן זענען די וועגן.
איינער גייט אויף דער תליה, דער צווייטער גייט אויף געיעגן.
אויף בבאַן וואַרט די שוואַרצע מיטה.
פּלוצלונג קומט צו רייטן פון וואַלד די בת־מלכה מאַרגאַריטע.
אַרום איר אין בגדי־זהב רייט אַ קיניגלעכע סוויטע.
אַ איידעלע מאַטראָנע!
אין אונזער סיפּור־המעשה פאַלן צו די נאַכטן.
דו ביסט די ליכטיקע לבנה.
דיין ברודער איז דער פינצטערער צוזיפער.
שענער אָבער און טיפער זענען דיינע מחשבות ווען זיי טראַכטן.
אין דער ליבשאַפט ביסטו ווי אַ רויז וואָס טוט בליען און שמאַכטן.

דער מלך סולדאַן האָט געהאַט זיין איינגנס אַ טאָכטער מיטן נאָמען מאַרגאַ־ריטע. ווי דער שטייגער פון אַ בת־מלכה איז זי געווען אַ גרויסע שיינקייט און אַ מלומדת אין אַלערליי כלי־זיין. אין דעם זעלביקן טאָג איז זי מיט אירע קנעכט און דינסטמיידן אַרויסגעריטן אין וואַלד אַריין אויף געיעג. עס האָט זיך איר פאַרגלוסט צו שיסן אויף הירשן און הירשעלעך.

ויהי כבוא — מאַרגאַריטע קומט צוריק אַריין צורייטן אין שטעטל מיט

איר גאַנצער סוויטע. אויפֿן זאַטל פֿון איר פֿערד ליגן עטלעכע טויטע פֿאַר־בלוטיקטע הירשעלעך ווי קעלבלעך נאָך דער שחיטה. פּונקט רייט זי פֿאַרביי פֿאַרן מאַרק. והנה — עס שטייט אַ תליה. מען פּייַפֿט און מען פּויקט מיט קעסל־פּויקן און טראָמפּייטן. דער הענקער פֿאַרעט זיך אַרום בבאן און וויל אים אַוועק־שיקן אויף אַ נסיעה אין די „יענע־וועלטישע" ווייטן. זאָל ער דאָרט לעבן אויפֿן גרייטן.

וירא — מאַרגאַריטע טוט אַ קוק אויפֿן נידון־למיתה. אַזאַ שיינעם פֿאַרשוין האָט זי נייערט געזען אין אירע מיידלשע חלומות די זיסע. עס האָט אין איר זיך אויפֿגעקאָכט דער כוח־הדם. עס האָט אין איר געשטורעמט ווי אַ הייסער ים. ווי אַ פֿייל פֿון בויגן האָט זי אַ רייט געטון צום פּאַלאַץ פֿון איר פֿאָטער און איז דאָרט דעם קיניג סולדאַן געפֿאַלן צו די פֿיס.

סולדאַן אַ צעשראָקענער האָט זי געפֿרעגט וואָס עס איז איר באַגער. ער איז גרייט איר צוליב צו טון עד חצי המלכות און נאָך מער.

— פֿאַרוואָס האָסטו געהייסן הענגען אַזאַ שיינקייט פֿון אַ מאַנסביל? — האָט מאַרגאַריטע געכליפּעט אַ ליגנדיקע אויף דער ערד.

— דער נעמלעכער פֿאַרשוין האָט דערהרגעט דיין ברודער צוציפֿער און איך באַצאָל אים זיין לוין, האָט סולדאַן געזאָגט און געפּרוּווט מאַרגאַריטען אויפֿצוהייבן.

— מוז ער דאָך דערימעך זיין אַ גרויסער העלד — האָט מאַרגאַריטע געזאָגט. אין אירע פֿאַרווייַנטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ זיסער שמייכל — עס איז אַן עבירה אים אַוועקצושיקן פֿון דער וועלט. פֿאַרן גאָטזעליקן צוציפֿער איז אַן ערע צו האָבן געפֿאַלן פֿון אַזאַ האַנט אויפֿן פֿעלד.

סולדאַן האָט נישט געהאַט ביי דער האַנט זיינע זיבעציק יועצים. דער גרעסטער רוב פֿון זיי איז שוין געלעגן דרויסן אין טהרה־שטיבל ווי געקוילעטע הענט און געוואַרט, אַז מען זאָל זיי טון זייער רעכט. אַ טייל האָבן איצט נישט געטאַנצט אויף קיין בעלער, נייערט געזשיפּעט אין די שפּיטעלער. סולדאַן איז געוואָרן ווייכער און זיך געגלעט פֿאַר זיין געקרייזלטער באָרד.

מאַרגאַריטע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד און געזאָגט צום קיניג:

— שמעני — האָט זי געזאָגט — עס איז אַ שאָד צו פּטרן אַזעלכע גילדענע הענט וואָס אַלצדינג אונטער זיי ווערט פֿאַרלענדט און פֿאַרברענט. ווי נעמט מען אַזאַ אוצר און מען שיקט אים אַוועק אויף דער תליה? שענק אים דאָס לעבן אָבי היקר, בתנאי ער זאָל בייטן דאָס רענדל און זיך בוקן צום יוזל.

סולדאַן איז געוועזן אַ פֿרומאַק און וואָלט נישט אַוועקגעגעבן פֿאַרן יוזל קיין זאַק באָרשטש. ער האָט אויך געוואָלט צוליב טון זיין יפֿת־תואר פֿון אַ טאָכטער. האָט ער זיך ווידער אַ גלעט געטון פֿאַרן געקרייזלטן בערדל און געזאָגט: „מהיכי־תיתי" און געהייסן צוריקברענגען בבאן.

בבא איז געקומען מיט דער שטריק אויפֿן האַלז.

מאַרגאַריטע האָט צו אים געשמייכלט מיט אַלע ווייבערישע חנען. זי האָט מיט אירע אייגענע הענט בבאן אַראָפּגענומען פֿון האַלז די גראָבע תליה־שטריק. במקומה האָט זי אים אָנגעטון אַ טייערע קייט, זהב־טהור, אַכציקער פּראָבע.

מאַרגאַריטע האָט זיך ווידער צו אים אויסגעשמייכלט מיט אַלע טויזנט שמייכלען פון דער ליבשאַפט. מיט אַ קול וואָס איז געווען זיסער פון האָניק האָט זי אים אָנגעהויבן צו צורעדן, אַז באַם ער וועט בייטן דאָס רענדל און זיך בוקן צום יוזל וועט אים זיין גוט און וואויל און ער וועט דאַ דערגרייכן העט־העט.

בעתן „העט־העט" האָט מאַרגאַריטע בבאן געטון אַ גלעט. איר שמייכעלע איז געוואָרן נאָך וואַרעמער. איר קול האָט זיך געבאָדן אין גאָר דעם האָניק.

בבא איז דאָך געווען דער איש תם וישר און האָט נאָר געקאָנט דעם גלאַט־כשר, ער האָט נישט געוואוסט וואָס הייסט שקר, אפילו ווען דער שקר קלינגט מיט גאָלדענע גלעקער און איז צום לעבן אַ וועקער, — האָט ער נישט געקוקט אויף די זיסע ריידעלעך פון דער שיינער מאַרגאַריטע, איידער כופר זיין וויל ער זיך בעסער לאָזן שחטן מיט אַ חלף —

ער האָט געענטפערט לא מיט אַן אלף.

— איך וועל מיך נישט מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט — האָט ער געזאָגט אַ פינצטערער — און וועל נישט אָפּטרעטן פון לעבעדיקן גאָט און פון זיין געבאָט.

סולדאַן האָט ווידער געגעבן אַ טראַסק דעם ליולקע־ציביק אין דער ערד אַריין און איז געוואָרן צונטער רויט פון כעס.

— פירט מיר אָט דעם פערד־יונג אַוועק אין דער תפיסה — האָט ער געוואָלדעוועט — מאָרגן בלי־נדר קאַיאָר וועט ער ביי מיר באַמבלען אין דער לופטן.

מען האָט בבאן אַוועקגעפירט אין דער תפיסה.

מאַרגאַריטע איז געפאַלן דעם פאָטער צו די פיס און מיט גרויס געוויין אים געבעטן אַז מען זאָל בבאן נישט הענגען. — ניחיי — האָט זי געכליפּעט — זאָל ער ליגן אין תפיסה ביז ער וועט קליגער ווערן און פאַרט זיך בוקן צום יוזל.

סולדאַן האָט עס איר צוליב געטון און געלאָזט בבאן אין תפיסה.

מאַרגאַריטע האָט אים בסתר געשיקט צו עסן מאַרצעפּאַנעס, זיסע קוי־לעטשן און המן־טאַשן, וויין און מעד פולע פלאַשן, הינער פון רעמסס און פיתום וכדומה ברבורים־אבוסים אינדיקעס און פיש שמעקנדיק און פריש פון מלכס טיש.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

בבא ליגט אין תפיסה. מאַרגאַריטע שיקט אים הינדעלעך,
מי־דבש און מאַרציפּאַנעס. וועד קאָן צו אים האָבן טענות
ווען די שענסטע מיידלעך זענען פאַר אים אָפּגעקלאַפּטע הושענות?
וואָס טרינקען און עסן? ער קאָן נישט פאַרגעסן
די קושן די זיסע, פון די ליפּן דרוזיאַנעס.
אונטער דער ערד לויפן פינצטער די מעת־לעתן.
ליבשאַפט באַלייכט די נעכט ווי די לבנה אויף די דעכער.
ויהי אור! — אין די לעכער

געפינט בבא אַ שניידיקע שווערד. אַ שווערד אַ גערעכטער.
ער לויפט אַרויף אויף די טרעפ העכער און העכער.
עס פליען קעפּ. די וועכטער פאַלן ווי די פליגן
אין סולדאַנס געמעכער.

אין די ערשטע טעג איז בבא געלעגן ווי אין אַ פינצטערן זאַק. ער האָט געגרישט געזען אַרום זיך. פּאַמעלעכל האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוואוינט צום חושך־מצרים. דער שוואַרצסטער חושך האָט אויך זיין אינערלעך ליכטיקייט. מען דאַרף זיך נאָר דערצו צוגעוואוינען.

ויבּיט — ער קוקט זיך אַרום אין דעם אויפגעטייעטן חושך, והנה — אין אַ ווינקל ליגט אַ קופּע מיט ברוכוואַרג.

בבא האָט זיך דערמאָנט די ברוכוואַרג אין די פערד־שטאַלן פון אַרמוניה. דאָרט איז אַ פאַרשעמטע געלעגן די אַלטע בתולה „דיקער רוגל״, נישט געקוקט אויף איר שפלות האָט זי באַוויזן וואונדער.

וילך — איז ער אַהין געגאַנגען צו די ברוכוואַרג און דאָרט אָנגעהויבן צו אַרומזוכן.

ער האָט נישט לאַנג געזוכט און האָט ווידער געפונען עפּעס אַן אַלטע פאַרגעסענע שווערד. האָט ער זי אויפגעהויבן ממעמקים פון איר שפלות און האָט זי אָנגעהויבן צו באַטראַכטן ווי אַ מבין.

— אמת — האָט בבא צו זיך געזאָגט — קעגן דער „דיקער רוגל״ איז זי אַ חדר־יינגל. נישט געדאגהט! איך האָב מיך געלערנט ביי סיני־בלדן אין שנושומן לאמור, אַזוי צו זאָגן: עס איז נישטאָ קיין שלעכטער בראַנפן און עס איז נישטאָ קיין שלעכטע שווערד. ווען מען האָט נאָר בטחון אין גאָט אין הימל איז אַלצדינג — גימל.

ויקח — האָט ער טאַקע גענומען די אַלטע וויסטע יתומה און האָט אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן אויף די טרעפּ פון דער תפיסה —

כּנהוג זענען דאָרט געשטאַנען וואַכן מיט שפּיזן און האַליבאַרדן און האָבן געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג —

בבא האָט אויפגעהויבן די אַלטע שברי־כלי — שוין אויבן אויף די טרעפּ האָבן אָנגעהויבן צו פליען קעפּ.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פאַרן טויער האָבן זיך אַנדערע וואַכן אויף אים געוואָרפן מיט זייערע שווערדן און שפּיזן.

בבא האָט געקאָסיעט מיט דער אַלטער כלי ווי מיט דער קאָסע אַ שניטער און אַלעמען געמאַכט פינצטער און ביטער. באַלד איז געוואָרן אין שטעטל אַ גרויסע מהומה. סולדאַן האָט אַרויסגעשיקט קעגן בבאן אַ גאַנצע באַוואָפנטע אומה.

בבא האָט געפאָכעט מיט דער צובראָכענער שווערד און געמאַכט פּיפּקע. ותהום כל העיר — שטעטל האָט זיך געהויבן אין דער לופטן.

בבא איז געלאָפן און געאַרבעט מעשים. הינטער אים זענען געלאָפן סולדאַנס חיילות ווי זאַמד און ערד. ער איז צוגעלאָפן צום ברעג פון ים. און איז דאָרט אַרויפגעלאָפן אויף אַ פרעמדער שיף און געהייסן פאָרן.

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיך תחילת געקוװענקלט. האָט אים בבא געװיזן די שװערד און צוגעזאָגט דאָ פֿון אַלצדינג צו מאַכן פּיפּקע.

באין ברירה האָט מען אױפֿגעהױבן דעם אַנקער און פֿונאַנדערגעלאָזן די זעגל־טיכער. די װינטן זענען געװען גוטע. די שיף איז פֿלינק אַװעקגע־שװאומען װי אַ װאַסער־קאַטשקע פֿון די הענט פֿון יעגער.

והעיר שושן נבוכה — אין סולדאַנס פּאַלאַצן האָבן געװײנט און געקלאָגט סײ אײנגעריסטע קױמענקערערס סײ שרים הױכע. אונטן אין די קעלערס און אױבן אױף די טרעפּ האָבן זיך חמרימװױז געװאַלגערט אָפּגעהאַקטע קעפּ.

די שײנע מאַרגאַריטע אָבער האָט זיך געפֿרײט מיט גרױסע פֿרײדן װאָס בבא איז אַנטרונען געװאָרן פֿון סולדאַנס פֿינצטערן גן־עדן.

קאַפּיטל דרײַסיק

װאו אַהין, איר װינטן, איז אַװעקגעפֿלױגן בבא מײן זיסער פֿױגל
און איבערגעלאָזט זײן גילדענע פּאַװע?
האָט ער צו אַן אַנדער מײדל באַקומען אַ גלוסטונג און אַ תאוה?
ענטפֿערן די װינטן: פֿרעג נישט „מה נשתנה״, דרוזיאַנע!
זײ נישט טשיקאַװע װי די מוטער חוה.

לאָמיר דערװײל איבערלאָזן בבאן צװישן גוטע װינטן אױף דער זעגל־שיף.

איצט װעלן מיר זיך אומקערן פֿון דער פֿינצטערער תּפיסה לאידך גיסאָ — צו דרוזיאַנען די מטרוניתא, די שײנע און די זיסע — מיר װעלן דאָרט אַ קוק טון מה כדת.

ולא ידעה בשכבה ובקומה — די שײנע דרוזיאַנע האָט נעבאַך נישט געװאוסט פֿון דער שאַלקהאַפֿטיקער מעשה װאָס דער גראַף אױגלין האָט אָנגע־דרײט. באַלד קאַיאָר האָט זי זיך אַװעקגעזעצט בײ אַ גאָלדענעם טיש װאָס איז פֿול געװען ביזן אױג מיט אַלערלײ פֿוטער־קיכלעך וכדומה זיסע קױלעטשן און געבעקסן. זיצט זי אַזױ ועיניה כלות — זי װאַרט אױף בבאן ער זאָל מיט איר צוזאַמען עסן אָנבײסן. די שײנע דרוזיאַנע האָט נישט געקאָנט לעבן קײן אײן מינוט אָן בבאן —

זיצט אַזױ די מטרוניתא בײ פֿוטער־קיכלעך און חלילה נישט בײ גסיסה. זי װאַרט האַפֿערדיק און זינגט אַ לידעלע. בבא קומט נישט. שיקט זי אַרױס קנעכט און דינסטמײדן אים צו זוכן. זײ קומען צוריק מיט לײדיקע הענט —

דאָס האַרץ האָט איר נישט געזאָגט קײן גוטס. לױפֿט זי מיטן גרױסן געװײן צו איר טאַטן דעם קיניג זיגמונדוס און דערצײלט אים איר ביטער האַרץ.

— װײסטו װאָס טאָכטערשי? — האָט דער קיניג זיגמונדוס געזאָגט — איך װעל לאָזן אױספֿױקן אין אַלע גאַסן און געמאַרקן, אַז דער װאָס װעט ברענגען בבאן באַקומט טױזנט רענדלעך פֿון אוצר־המלך.

כך הוה. מען האָט געפֿױקט אין די גאַסן װעגן בבאן און װעגן די טױזנט רענדלעך.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

בור ויחפרהו ויפול בשחת יפעל.

ווי דער שאַלקהאַפטיקער יאַגוס האָט געהערט וועגן די טויזנט רענדלעך האָט ער זיך מישב געווען כהאי לישנא:

— אַ שאָד אַרויסצוואַרפן אויפן ניוועץ לעבעדיקע טויזנט רענדלעך. איך וועל אַהין גיין צום מלך און אים דערציילן די גאַנצע מעשה מיט בבאן. פאַר־שווינדלען וועל איך מיך מאַכן פאַר אַ נעבעכל. דעם בייגל וועל איך אַרויפֿ־וואַרפן אויפן גראַף אויגלין.

דער תאוות הממון האָט יאַגוסן פאַרפינצטערט דעם שכל. ער איז אַליין פאַרשווינדלען געגאַנגען זיך גראָבן אַ גרוב.

מען האָט סיי דעם גראַף אויגלין און סיי דעם שאַלקהאַפטיקן יאַגוס נישט געגעבן קיין קניפּ אין די בעקעלעך. מיט גרויס פּאָמפּע האָט מען זיי צום יאַטקע־קלאָץ געטון שלעפּן. דאָרט האָט מען זיי גאָר שיין געטון קעפּן.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

דער חתן איז געשטאָרבן — די זון האָט אויפגעהערט צו שיינען.
דער חתן איז באַגראָבן — ווידער בליען בלומען אויף די ליינען.
מתים ליגן אין אַ טלית. פּאַראַלמנותטע כלות הערן אויף צו וויינען.
יינגער ווערט דאָס פּנים ווען עס רופט די ליבע אַ נייע:
עס קומען חתנים און שדכנים. אַלטע ליבשאַפט פליט אַוועק,
ווי אַ בושל אין דער סטאַיע.
אייביק ליבן נאָר פּאַעטן און נאַראַנים.
וועלכעס מיידל בלייבט אַ געטרייע נאָך דעם חתנס לוויה?
נאָר צוויי האָב איך געטון קענען.
ביי זיי האָט די ליבשאַפט נישט אויפגעהערט צו לייכטן און ברענען.
יידן וויסן ווער זיי זענען:
אין „ספר שמואל" די שיינע חנה. אין דער „בבא מעשה", דרוזיאַנע.

ביי זיגמונדוסן איז טאַקע געוואָרן דער וחמת המלך שככה — אָבער די שיינע דרוזיאַנע האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו וויינען נאָך איר בבאן.

מען האָט שוין געהאַלטן בבאן פאַר אַן עליו־השלום און פאַר אַ פאַראַיאָריקן חלום. מען האָט צעטראָגן די שמועה, אַז סולדאַן האָט בבאן אויפגעהאַנגען אין מיטן מאַרק. די רויב־פייגל פון דער לופטן האָבן בבאן צעפּיצלט און אויפ־געפרעסן אויף דער תליה. דער מלך זיגמונדוס האָט אַ מאָך געטון מיט דער האַנט. קיניגן האָבן נישט האַלט זיך לאַנג אָפּצועסן דאָס האַרץ.

די שיינע דרוזיאַנע אָבער האָט זיך געטון קרענקען און האָט נישט געוואָלט טרינקען און עסן. זי האָט נישט אויפגעהערט בבאן צו געדענקען און אים נישט געקאָנט פאַרגעסן. —

גאַנצע מעת־לעתן איז זי געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צו

די פייגל און צו די בוימער. די וועלט איז מיר פינצטער — האָט זי געכליפּעט — ווען דו בבא באַקסט בייגל און דער מלאך־המות איז דיין שומר.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די פינצטערע נעכט באַלייכטן בליצן.
ליבע? — בבא־מעשיות און וויצן — ·
זאָגן פילוסופים קלוגע קעפּ.
עס שמועסן אויך אַזוי אַלטע ווייבער ביי פּייער־טעפּ.
ווען דאָס שענסטע מיידל טוט פאַרזיצן —
באַקומט זי גראָע צעפּ.
יעדע חשכות ווערט העלער ־ ביי יעדן מיידל מוז מען ברעכן טעלער.

— בתי היקרה — האָט דער קיניג זיגמונדוס געזאָגט צו דער שיינער דרוזיאַנע — זינט מענטשן געדענקען גילט דער מנהג, אַז דאָס וואָס די ערד פּאַרדעקט פאַרגעסט זיך. מן־הסתם האָט שוין איצט בבא אַ שטול אין ליכטיקן גן־עדן. ער זיצט דאָרט צווישן אייטל רעבעצנס און אַנדערע פרומע מיידן. קיין יידישע קלויסטערס זענען נישט בנמצא אויף דער וועלט. דו זיצסט און וויינסט דיר אויס די שיינע אויגן. פּאַמעלעכל וועט דיר אָנוואַקסן אַ גראָער צאָפּ און וועסט ווערן אַן אַלטע מויד.

דרוזיאַנע האָט זיך נאָך שטאַרקער פונאַנדערגעכליפּעט.

— ווייִן נישט, טאָכטערשי — האָט דער קיניג געזאָגט — דערווייל ביסטו נאָך די גרויסע יפת־תואר. מקברון ווערט נאָך דיר די כּפּרה.

— און בבא? האָט דרוזיאַנע זיך פונאַנדערגעהעשעט.

— בבא כאַפּט מן־הסתם פיש אין נהר־אַפּרסמון אָדער טרינקט יין־המשומר וכדומה לויתן מיט מאַרצעפּאַנעס. פאָלג מיך, בתי היקרה, מאַך ניט קיין לאַנגע טענות. זאָג באַם און נעם מקברונען פאַר אַ חתן. ס׳וועט דיר זיין ביי אים גימל וואָס גימל הייסט.

— זאָל מקברון כאָטש וואַרטן נאָך אַ יאָר — האָט דרוזיאַנע געכליפּעט — אפשר וועט אינצווישן פּאַרט בבא קומען צופאָרן. —

— דו רעדסט ווי אַ בר־דעת און טרייבסט ניט מיט שידוכים קיין שפּאַס, האָט דער קיניג זיגמונדוס געזאָגט אַ צופרידענער — דאָס יאָר איז קיילעכיק ווי אַ חנוכה־דריידל. מקברון איז נישט קליין צו וואַרטן אויב ער וויל חתונה האָבן מיט אַ שיין מיידל.

מקברון האָט זיך פאַר פרייד געריבן די הענט, אָבער דרוזיאַנע האָט אַרומגעשלייכט ווי אַ שאָטן ביי די ווענט און האָט קיינעם נישט דערקענט.

⁂

ווען די זון איז צוריק געקומען אויף איר פּאַראַיאַריקן אָרט האָט דרוזיאַנע געמוזט האַלטן איר קיניגלעך וואָרט. מען האָט געשריבן תנאים, געבראָכן טעלער, געמאַכט בעלער און אָפּגעשטעלט דעם זמן חופּה. מקברון האָט צווישן

די אַרחי־פּרחי פּאַרטיילט רענדלעך אַ קופּע. ער האָט פאַרשריבן דרוזיאַנען אַ גרויסן נדן און איז מיט איר אַהיים געפאָרן אין זיינע רעזידענצן ווי מיט אַ מאכלדיקן מעדן. ער האָט דאָרט געוואָלט פּראַוועןן די חתונה בתופים ובמחולות און מיט פּאַראַדן.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

קינדער שלאָפן אין די וויגן.
צווישן ראַזשינקעס מיט מאַנדלען שטייען גאָלדענע ציגן.
אַ בעטלער זינגט אַ ניגון. אַ ניגון נישט קיין היגן.
קומט אַ בעטלער מיט אַ שטעקן. אַלעמען טוט ער דערשרעקן.
וועמען טוט ער וועקן?
די קינדער אין די וויגן, די ראַזשינקעס און די ציגן,
אויף די פעלדער די בלומען.
אין טויבן־שלאַק טערקלען טויבן. פליגן אויף די שויבן זשומען:
בבא איז געקומען.

נחזור לענינגו — לאָמיר צוריקקערן צו בבאַן אויף דער זעגל־שיף.

ער פאָרט אַזוי עטלעכע וואָכן און זעט פון דער וויטנס אַ שיינע שטאָט. אויפן ים אַרום דער שיף פאָרן פישער־שיפלעך און וואַרפן נעצן אין ים אַריין און כאַפּן פיש. בבא באַפעלט דעם קאַפּיטאַן אים אַראָפּצולאָזן אויף אַזאַ שיפל. איר קאָנט זיך ווייטער פאָרן, פּאַניע, — האָט בבא געזאָגט צום קאַפּיטאַן — וואו אַהין אייער האַרץ גלוסט. האָט מיר אַ גוטן שליטוועגס.

פאַרנדיק אויפן פישער־שיפל צו צום ברעג האָט בבא געפרעגט ביים פישער וואָסער שטאָט עס איז.

— עס איז די הויפּט־שטאָט פון קיניג מקברון — האָט דער פישער געענטפערט — עס טוט זיך דאָרט איצט אויף טיש און אויף בענק. דער קיניג גייט חתונה האָבן מיט די שיינע דרוזיאַנע די בת־מלכה פון אַרמוניה.

— איר שיינקייט האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין גאָר דער וועלט, — האָט דער פישער געזאָגט — זיין קאַרגשאַפט צו להכעיס האָט מקברון געעפנט אַלע בייטלען און קאַסעס. זיין פנים שיינט פון נחת. עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַפעל וועגן לעבן און לעבן לאָזן. ער הייסט הוליען אין די גאַסן. אַ חתונה וועט זיין אַ פּראַכט ווי די מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט". מקברון שווערט ביי זיין שיינער באָרד דרוזיאַנען אייביק ליב צו האָבן — הגם זי איז שוין געווען אַ כלה מיט עפּעס דאָרט אַ בבאַן. עס איז ליהודים. מען קוילעט אינדיקעס און עתודים. יידן שמועסן אין שטעטל — דער מלך וועט די יפת־תואר לייגן־פירן אין אַ גינגאָלדן בעטל.

בבא האָט ביי זיך געטראַכט: איך וועל מקברונען אויפשפּילן אַ חתונה וועט ער עס האָבן צו געדענקען. עס זאָל מיך קאָסטן דאָס לעבן — איך וועל אים דרוזיאַנען ניט שענקען.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

לאָזט פּינצטערקייט נישט טאָגן?
נאַרט אָפּ דער נאַר דעם קלוגן?
ווערט באַרויבט דער גוטער פון דעם שלעכטן?
אַ שופט מיט אַ משפט אַ גערעכטן איז פאַראַנען
אויך פאַר בבאן און דרוזיאַנען.
דער טאָג ווערט ווידער זיגער.
דער נאַר ווערט אויף אַ האָר נישט קליגער.
באַצאָלן מוז דער שלעכטער.

ויפגש — ווי בבא גייט זיך אַזוי אַ האָפּערדיקער צו מקברונען אין שטעטל אַריין, טרעפט ער אויפן וועג דעם דייטשישן בעטלער הנ״ל. ווי מיר געדענקען האָט ער בבאן געגעבן אַ שלאָף־געטראַנק, אַלצדינג ביי אים צוגענומען און אים איבערגעלאָזט אַ נאַקעטן ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

דער דייטשישער בעטלער איז געגאַנגען אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס און געטראָגן אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע.

בבא האָט זיך געשטעלט, אַז כלומרשט דערקענט ער נישט דאָס פאַרשוינדל. ער איז צוגעגאַנגען צום יעקע און אים פאָרגעשלאָגן אַ מסחר, היינו: ער וועט אים, דעם דייטש הייסט עס, געבן זיינע גוטע מלבושים ובזכות זה, זאָל ער אים, דער דייטש הייסט עס, אָוועקגעבן די שמאַטעס און די טראַנטעס —

— אויב איך וועל נישט אויסקוקן ווי אַן ארחי־פרחי — האָט דער דייטש געשמייכלט ווי אַ פּגר אומגעוואַשן — ווער וועט מיר געבן אַ נדבה אַ האַרטן פּוילישן גראָשן?

בבא טוט אַ קוק — פון הינטער די בעטלערישע טראַנטעס קוקט אַפּער די אַלטע בתולה די שווערד „דיקער רוגל״. —

ויהפוך — האָט בבא באותו הרגע איבערגעמישט דאָס טעשל קאָרטן און איז אַרויס מיטן שאַרפן פּסוק:

— דו דייטשישער כלב — האָט ער געזאָגט צום בעטלער — דו מיינסט איך דערקען דיך נישט און אַז איך האָב שוין פאַרגעסן ווי דו האָסט מיר אָפּגע־טון אויף טערקיש? — אויב דו גיסט מיר נישט באותו הרגע דיינע פאַרשיווע שמאַטעס וגם די שווערד „דיקער רוגל״ — האָט בבא געזאָגט און געוויזן דעם בעטלער די צווייטע שווערד וואָס ער האָט געפונען צווישן סאָלדונס ברוכוואַרג — איז מיין נאָמען נישט בבא אויב איך וועל דיר נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ און מאַכן פון דיר קרעפּל־פלייש.

דער בעטלער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און זיך געבעטן ביי בבאן, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן.

בבא האָט אים דערמאָנט די מעשה מיטן שלאָף־געטראַנק און ווי אַזוי ער איז באַראַבעוועט געוואָרן, — און האָט ווידער אויפגעהויבן די שווערד. —

דער בעטלער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט און געשוואוירן, אַז פון איצט

אָן וועט ער שוין זיין גוט און פרום און גיין אויפן ערלעכן וועג און טון גאָלע צדקה און מעשים־טובים.

— קודם־כל גיב מיר אַהער דיינע טראַנטעס, דו דייטשישער פאַרך, און די שווערד „דיקער רוגל״ — האָט בבא געזאָגט — און זאָג מיר וואו דו האָסט אַהינגעטון מיין פערדל רענדיליה?

— דאָס פערדל האָב איך פאַרשפּילט אין קאָרטן ביי אַ חברה ציגיינער — האָט דער בעטלער געזאָגט און זיך אָנגעהויבן אויסצוטון — דאָס פינגערל וואָס כ׳האָב אַראָפּגענומען פון דיין האַנט האָב איך אַוועקגעגעבן אַ שיקסע אין אַ הורן־הויז.

בבא איז כסדר געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד און דער דייטשישער ארחי־פרחי איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. עס האָבן געציטערט ביי אים די ליפּן. ער האָט געטון וויינען און כליפּען, פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן ווי וואַסער פון די זיפּן. ער האָט אַרויסגענומען פון די טאַשן צוויי פאַרשימלטע פלאַשן און האָט זיי געוויזן בבאן.

— אויב דו וועסט מיר שענקען דאָס לעבן, האַר — האָט דער בעטלער געזאָגט — וועל איך דיר שענקען אָט די צוויי פלאַשן. אין איינע איז פאַראַן אַ שלאָף־געטראַנק וואָס קאָן איינשלעפערן אפילו אַ שטורעם־ווינט. אין דער צווייטער פלאַש איז פאַראַן אַזאַ מין וואַסערל וואָס ווען מען שמירט זיך דערמיט איין דאָס פּנים ווערט דאָס פּנים גרין און אויסגעקרימט און משנה־צורה. ס׳איז נישטאָ דער טאָטער אויף דער וועלט וואָס זאָל דערקענען ווער עס איז. טוט מען אַ צווייטן מאָל אַ שמיר מיטן וואַסערל הנ״ל, פאַרשווינדט דאָס פאַר־בלענדעניש. מען ווערט צוריק כמקדם. שענק מיר, האַר, דאָס לעבן, און איך וועל אייך די צוויי פלאַשן געבן.

— אויב דו האָסט נישט קיין ליגן און ווילסט מיך נישט כאַפּן ווי אַ שפּין כאַפּט פליגן, וועסטו דאָס פאַרשיווע לעבן דיינס קריגן — האָט בבא גע־זאָגט און ווידער אַ פאָך געטון מיט דער שווערד.

ויעש — האָט זיך דער בעטלער אַ שמיר־איין געטון מיטן וואַסערל, עס איז געווען דאָס גרויסע חלשות אויף אים צו קוקן. שפּעטער האָט ער ווידער אַ שמיר געטון מיטן וואַסערל, ער איז צוריק געוואָרן דער פריערדיקער דייטשישער בעטלער.

— זאָל מיינס איבערגיין — האָט בבא געזאָגט און ביים דייטש צוגענומען די צוויי פלאַשן, די טראַנטעס און די שווערד „דיקער רוגל״ —

— לאָמיך מער דיין צורה נישט אָנקוקן דו יעקע — האָט בבא אַ ברום געטון.

דער בעטלער איז אַנטלאָפן צווישן דיביימער. בבא האָט זיך איבערגעטון אין די טראַנטעס, האָט זיך איינגעשמירט דאָס פּנים מיטן וואַסערל. באַלד האָט ער טאַקע באַקומען די אָרעמע אויסגעקרומטע צורה פון אַן ארחי־פרחי. הינטער די טראַנטעס האָט ער זיך אָנגעהאַנגען די שווערד „דיקער רוגל״ —

וילך משה מרדכי — מיט אַזאַ אָרעמאַנסקן צעטל האָט זיך בבא אַוועק־געלאָזט צו מקברונען אין שטעטל.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

אַ ווייבל טראָגט אַ שטערן־טיכל, אַ כלה טראָגט אַ שלייער.
אַ פּאָעט שרייבט אַ ביכל, אַ מאָלער נוצט אַ בלייער.
אַ בריוול טראָגט דער גייער. אַן אָרעמאַן באַקומט אַ צווייער.
דאָס היי שמעקט אין שייער. אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייער.
די ליבשאַפֿט וואַרט אויף דעם וואָס איז איר טייער. —

ויבוא — בבא קומט אין שטעטל אַריין. ס׳איז דאָרט ליהודים. מען הוליעט אין די גאַסן. עולם איז באַשניאָשקעט. מקברון זשאַלעוועט נישט דעם ביטערן טראָפּן. מען שפּרינגט. מען זינגט. מען פייפט מיט פייפיאָלן. מען ברומט מיט די באַסן. עס לאַכן און שפּאַסן סיי דער פריילעכער סיי דער כעסן. טייל האָבן זיך פֿאַרשטעלט ווי פּורים־שפּילער און טראָגן אויף די פּנימער אַלערליי מאַסקעס וכדומה משוגעתן. טייל האָבן זיך סתם איינגעריכט מיט סאַזשע און זינגען פון די פולע העלזער. אין די ראָגן שטייען קלעזמאָרים און שפּילן. לצים, איבערגעטוענע ווי פּאַיאַצן און אַרלעקינס שפּרינגען אין דער לופטן, מאַכן קאָזשעלקעס און זאָגן גראַם. עולם קייכט פון געלעכטער. אין שטעטל איז הפקר־פּעטרישקע. עס קושן זיך בפרהסיה שטאָטישע זין מיט פּויערשע טעכטער. אפילו אַלטע פּאַרזעסענע מיידן טראַכטן פון „אַ מירצעשעם אין פריידן”. עס האָפּסן ווי די ציגן די זעלנער און די שעכטער. עס טאַנצן אַ „פּאַטשער” די שטאָטישע וועכטער.

בבא קומט אַרויף אויפֿן מאַרק. עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. איטלעכער דרייט זיך דאָרט אַרום ווי אַ וואַזשנער באַלעבעסל. עס שטייען לאַנגע טישן אָנגע־שטעלטע מיט מזמרת־הארץ — פיש און מאַרצעפּאַנעס. אינדיקעס און אָקסן־פלייש וכדומה דאָס פּימסנהאָלץ פון דער אכילה. עס שטייען אָפענע פעסער מיט בראַנפן און אַלטן פּוילישן מי־דבש. עולם פרעסט צוזעצטערהייט פון די טישן, זויפט פון די פעסער און ריטשעט: זאָלן לעבן די טרינקער און די פרעסער! זאָל לעבן דער מלך מקברון וואָס גייט מאַכן „המוציא” איבער אַזאַ זיסע חלה ווי עס איז די שיינע דרוזיאַנע די וועלט־באַרימטע כלה.

בבא אין זיין בעטלערישן הילוך און מיטן אויסגעקרימטן אָרעמאַנסקן פּנים האָט זיך קוים געקאָנט אַדורכשטופּן דורך דעם הילולא־וחינגא פון די פרעסער און די זויפער, די פּאַיאַצן, די אַרלעקינס און אַלערליי פּורים־שפּילער און טענצער —

ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם וואָס איז געזעסן ביים טיש און איידער צו ריטשען „מזל־טוב”, האָט ער בעסער ווי אַלע קלוגע קעפּלעך, געטראַכט וועגן תכלית און זיך געפּאָרעט ביי אַ פולע שיסל מיט קרעפּלעך.

— איך בין אַ שליח פון בבאן — האָט ער געזאָגט צום קרעפּל־בעל־תכלית — איך האָב פון אים אַ בריוועלע צו דער שיינער דרוזיאַנע.

יענער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט בבאן — דערביי האָט ער נישט אויפגעהערט צו קייען די מטעמים.

— אויב דו ווילסט ווייטער זיין דער באַלעבאָס איבער דיין קאָפּ און ווילסט

נישט אַז מען זאָל דיין לונג־און־לעבער פאַרקויפן אין די היגע קצבישע קראָמען, — האָט ער געזאָגט —זאָג פּתח שין שאַ — מאַך דיך נישט צו גנאַי. דערמאָן נישט בבאס נאָמען. נעם דיך בעסער צו אָט די קרעפּלעך וואָס אין טאָפּ. ווען דרוזיאַנע הערט בבאס נאָמען ווערט זי נישט פריילעך און זי וויל מער נישט אַ קוק טון אויפן היגן מלך. מחמת דערימעך האָט מקברון אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז לא יזכר ולא יפקד. ווער עס וועט נאָר אַ פּיפּס טון „בבא" וועט ווערן געפערטלט אין מיטן מאַרק. —

האָט זיך בבא מיישב געווען און איז אַוועקגעגאַנגען צו מקברונען אין די חצרות־המלכים. אַזוי ווי אַ בעטלער האָט מען נישט דאָרט אַהין אַריינגעלאָזט איז ער אַוועקגעגאַנגען אין די קיניגלעכע קיכן.

אין די קיכן האָט זיך געטון דאָס גיהנם דאָס וואַרע. מען האָט געקאָכט און געפּרעגלט אויף דער פולער פּאַרע.

בבא האָט פון דאָס ניי געזאָגט, אַז ער איז אַ שליח פון בבאן —

די קוכערס האָבן אים דערפאַר געוואָלט אָפּשיטן מיט ברענענדיקע קוילן.

ויקח — האָט בבא אַפּער גענומען פון אונטער זיינע טראַנטעס די שווערד „דיקער רוגל". ער האָט מיט איר אַ פּאַך געטון אין דער לופטן. — עס זענען אַראָפּגעפלויגן מינדסטנס ביי אַ פינף קעפּ.

נאָך אַזאַ וואָזשנעם ברוך־הבא האָט מען אין דער קיך מורא געהאַט בבאן צו זאָגן אַ וואָרט. ער האָט ווידער באַהאַלטן די „דיקע רוגל" הינטער זיינע בעטלערישע טראַנטעס, און איז אַהין געגאַנגען צו דער טיר פון וואַנען מען האָט געהערט שפּילן.

ער האָט זי געעפנט און אַריינגעקומען אין אַ גרויסער סאַליע. דאָרט זענען געשטאַנען קיניגלעכע קלעזמאָרים און געשפּילט פאַרשידענע טענץ. די הויף־דאַמעס — אָנגעטוענע אין בגדי־שבת ויום־טוב וכדומה גינגאַלדענע קרינאָלינעס — האָבן געטאַנצט קאַדרילן און מענועטן. אין מיטן פון זיי האָט דרוזיאַנע זיך געדרייט ווי די לבנה צווישן שטערן. זי איז געגאַנגען אָנגעטון פון קאָפּ ביז פּיס אין בגדי־זהב און באַהאַנגען מיט פּערל, בריליאַנטן און שמאַראַגדן, ווי אַ פּאַווע פון גן־עדן. צו איר יופי האָט נישט געהאַט קיין גלייכן. אַזוי שיין זענען סיידן די וואַסער־געגנז אין טונקל־אָוונטלעכע טייכן. אירע אויגן זענען אָבער געווען פול מיט טרויער. זי האָט געטאַנצט ווי אין די הינער־פלעט פון אַ טרוים. איר געשטאַלט האָט זיך געבויגן ווי אַ צעבראָכענער בוים, וואָס עס האָט אים געטראָפן דער דונער און דער שטורעם, און ער קאָן נישט פאַרגעסן זיינע יסורים.

בבא איז צו איר צוגעגאַנגען.

מחמת ער איז געווען אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס און זיין פּנים איז געווען אָרעמאַנסקע און אויסגעקרומט פון דעם וואַסערל הנ"ל, וואָס דער דייטשישער בעטלער האָט אים געגעבן, — האָט אים, פאַרשטייט זיך, די שיינע דרוזיאַנע נישט דערקענט.

— איך האָב צו דיר אַ שליחות פון בבאן, — האָט ער איר איינגערוימט אַ סוד אין אויער.

די שײנע דרוזיאַנע האָט װי אױפֿגעװאַכט פֿון אירע הינער־פֿלעט. עס האָט זיך אָפּגעטון פֿון איר דער חלום. אירע אױגן האָבן אָנגעהױבן צו לײכטן װי דער מאָרגנשטערן. איר ברוסט האָט זיך געװיגט אין מײדלישע לוסט.

זי האָט געפֿרעגט דעם מיקלאָמפּערשטן ארחי־פּרחי פֿון װאַנען ער װײסט פֿון בבאן.

אין שטילן געפּליסטער האָט ער איר דערצײלט, אַז צוזאַמען מיט בבאן איז ער געלעגן בײ סאַלדונען אין אַ פֿינצטערע תּפֿיסה. זײ זענען דאָרט אױס־געשטאַנען געברענטע צרות.

װאו איז איצטער בבא? — האָט דרוזיאַנע אַ דערציטערטע געפֿרעגט און אַרױסגענומען פֿון אירע טאַשן אַ הױפֿן מיט גאָלדענע רענדלעך און זײ דערלאַנגט דעם בעטלער.

נאָכדעם האָט זי אים אַרײנגעפֿירט אין אַ חדר־מיוחד. זײ האָבן זיך בײדע אַװעקגעשטעלט בײם פֿענצטער. דרוזיאַנע האָט זיך אױסגעפֿרעגט אױף בבאן און אױף זײנע מחשבֿות און צי גלױבט ער אין ליבשאַפֿט און אין זכות־אָבֿות? און צי טראַכט ער װעגן אַנטלױפֿן פֿון סאַלדונס געפֿענגעניש?

— ער איז שױן אַנטלאָפֿן — האָט דער בעטלער געזאָגט — און ער איז אױפֿן װעג אַהער. זײן האַרץ איז פֿול מיט האָפֿן מיט דיר צו גײן אונטער דער חופּה.

די שײנע דרוזיאַנע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע אױגן האָבן געלױכטן װי צװײ שטערן און זענען פֿול געװען מיט טרערן.

אין צװישן איז מקברון אַרײנגעקומען און געזען װי זײן כּלה שמועסט מיט עפּעס דאָרט אַ בעטלער אין שמאַטעס און אין טראַנטעס.

װער איז ער? — האָט מקברון געפֿרעגט אַ פֿינצטערער.

— ער איז אַ הײמישער בעטלער פֿון אַרמוניה און איז אַהער געקומען צופֿוס און מיר געבראַכט פֿון טאַטן אַ גרוס, — האָט דרוזיאַנע דעם שײנעם ליגן געטון אָפּטאָקן און האָט זיך פֿאַר מקברונען נישט דערשראָקן.

קאַפּיטל זיבן און דרײסיק

אַזױ איז־דאָס, זאָגט דער קיניג מידאַס.
דער פּאַסטעך האָט געטריבן זײנע שאָף אױף דער פּאַשע.
איך בין געזעסן אין חדר און געלערנט חומש מיט רש״י.
אין חומש גיט זיך יוסף צו דערקענען זײנע ברידער.
אױף דער לאָנקע זינגט דער פּאַסטעך זיסע לידער.
הײנט בין איך עלטער און מידער.
אײביק זענען די מעשׂיות און אײביק זענען די לידער.
אַזױ איז־דאָס, זאָגט דער קיניג מידאַס.

מיט די װאַסערן זענען אָפּגעלאָפֿן די יאָרן.
אין אַ שטיבעלע זיץ איך מיר ביחידות — זאָגט דער קיניג מידאַס,
און לעב בלױז מיטן זכרון.

די בלעטער אויף מיין בוים פאַלן און פאַרוויאַנען.
אויף דער לאַנקע מעקן לעמער. אויפן ברונעם הענגט אַן עמער.
אַ טיר האָט אַ ריגל און אַ מעשה געשיט אין אַן עיגול.
איך טו מיך ווידער דערמאנען:
יוסף גיט זיך צו דערקענען זיינע ברידער, און בבא — דרוזיאַנען.

מקברון שטייט אַ פינצטערער און מעסט אָפּ דעם מיקלאָמפּערשטן בעטלער פון קאָפּ ביז די פיס. עודם מדברים — קומט הענדום־פענדום אַריינצולויפן דער שטאַל־מייסטער און דערציילט: — אין די קיניגלעכע שטאַלן טוט זיך חושך. דאָס נייע פערדל וואָס מען האָט געקויפט ביי די ציגיינער האָט זיך אָפּ־געריסן פון דער קאַריטע. עס קאָפּעט. עס שפּרינגט. עס בייסט און רייסט זיך אַרויסצולויפן אין דרויסן. ואין נותן — ווער עס וויל עס כאַפּן, דעם צעטרעט עס ווי אַ וואָרעם אויף דער ערד. עס וואַלגערן זיך שוין ביי אַ זיבן צעממיתטע שטאַל־קנעכט.

מקברון איז אַרויסגעלאָפן איינצונעמען דאָס צעווילדעוועטע ציגיינערישע פערדל . די שיינע דרוזיאַנע וגם דער פאַרשטעלטער בבא זענען אויך גע־גאַנגען קוקן —

— ס׳איז רענדיליה — האָט דרוזיאַנע שטיל געזאָגט צום בעטלער און האָט אַ זיסן זיפץ געטון — קיינער פון די לייטן האָט נישט באַוויזן דערויף צו רייטן אַ חוץ בבאן דעם ליבן, — אָבער ער איז געבליבן איצט אין די וויטן.

— וויזט מיר דאָס פערד — האָט דער בעטלער פלוצעם געזאָגט מיט אַ געהויבן קול.

— גיי נישט צו צו רענדיליהן, בעטלערשי, — האָט דרוזיאַנע געזאָגט און איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט — רענדיליה וועט דיך צעטרעטן. ביסט דאָך מיר עפּעס אַזוינס, דו בבאס שליחל, ווי אַ שטערנטיכל און ווי אַ ליבע־בריוועלע פון קיניג דוד צו זיין כלה מיכל.

וכאַשר שמעה — ווי רענדיליה האָט דערהערט בבאס קול איז זי גאָר געוואָרן ווילד און רוישיק. זי האָט געקאָפּעט אויף לינקס און אויף רעכטס. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן. מען האָט געמיינט, דער שור־הבור האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און ס׳איז ביי אים אַ חשק און אַ פאַרגעניגן חרוב צו מאַכן מקברונס שטעטל. ס׳איז געוואָרן אַ פחד און מהומה. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אונטן אין די לעכער און אויבן אויף די דעכער. דער העלד מקברון האָט אַראָפּגעלאָזט די וואָנצעס און פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע זיגן. ער איז זיך פאַרקראָכן הינטערן איוון ווי אַ שוואַך לעמעלע צווישן צעשראָקענע ציגן.

ויהי כראות — ווען רענדיליה האָט געזען, אַז אין איש. אַלע האָבן זיך אָפּגעטראָגן ווי צעיאָגטע פיש — איז זי צוגעגאַנגען צו בבאן, זיך אַוועקגע־לייגט פאַר אים ווי אַ קעצעלע. באַשמעקט מיט דער מאָרדע זיינע בעטלערישע טראַנטעס.

בבא האָט זיך אַרויפגעזעצט אַ רייטנדיקער אויף רענדיליהס רוקן. דאָס פערדל האָט באַשמחהדיק זיך געטון אומקוקן, געדרייט מיטן וויידל און גע־

טרייסלט מיט דער גזשיווע. ביי בבאן האָט זיך פאַרשאַרצט אַ פאַלע פון זיינע טראַנטעס. דרוזיאַנע האָט פּלוצעם דערזען די שווערד „דיקער רוגל".

— בבא! — האָט דרוזיאַנע אַ געשריי געטון ווי נישט מיט איר קול.

ולא יכול להתאפק — בבא האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך אַ שמיר געטון מיטן וואַסערל. והנה — ער האָט צוריק כמקדם באַקומען זיין פריערדיקע מאַנסבילשע שיינקייט.

דרוזיאַנע האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און איז אַרויפגעפאַלן בבאן אויפן האַלז און אָנגעהויבן צו וויינען פון פרייד. אירע לעפצן האָבן געפלי־סטערט נייערט זיסע און צערטלעכע רייד.

— היינט וועט מיט מיר מקברון עסן די גילדענע יויך. שפּעטער וועט ער מיך לייגן פירן — האָט דרוזיאַנע געכליפּעט אויף בבאס האַלז.

— נישט געדאגהט — האָט בבא געזאָגט און דרוזיאַנען געקושט אויף די אויגן — אָט האָסטו דיר אַ פלאַש מיט שלאָף־געטראַנק. ווען מקברון וועט דיך לייגן פירן און ער וועט שוין ליגן אין בעט, און זיך גרייטן ביי דיר צו צונעמען די מיידלשאַפט. זאָג צו אים כהאי לישנא: אדוני מלך, לכבוד דער גרויסער שמחה טרינק אַ ביסל פון אָט דעם ישן־נושן. מקברון וועט טרינקען און וועט באַלד אַנטשלאָפן ווערן ווי ער וואָלט געווען אין גושן אָדער געלעגן ביי די בושלען אין די קוישן. באותו הרגע לויף אַרויס צו מיר אין שטאַל אַריין. דאָרט וועל איך וואַרטן מיטן פערדל רענדיליה און מיט דער שווערד „דיקער רוגל". מיר וועלן אַנטלויפן ווי די ווינטן.

דרוזיאַנע איז צוריק געגאַנגען אין פאַלאַץ אַריין. בבא האָט רענדיליהן צוריקגעפירט צו דער קאַריטע.

ווען דרוזיאַנע האָט זיך געגרייט צו גיין מיט מקברונען אונטער דער חופה האָט זיך דערווייל בבא באַהאַלטן אין שטאַל אונטער שטרוי אַ קופּע.

קאַפּיטל אכט און דרייסיק

מאַלע וואָס מקברון האָט באַקומען דרוזיאַנען פאַר אַ כלה.
גילדן איז געווען די יויך, זיס איז געווען די חלה.
מאַלע וואָס די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט אויף די כלי־זמר אַלע.
דאָס שפּלע ווערט נישט נתעלה
און אויף ליבשאַפט פרעגט מען נישט קיין שאלה.

דרוזיאַנע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ פון פאַמעראַנצן־צוויט
אַ קרענצל.
זי האָט זיך געדרייט מיטן חתן אין שיינעם מצווה־טענצל.
געטעפנט האָבן זיך די גאָלדענע טירן.
מקברון האָט דרוזיאַנען געטון לייגן פירן.

לחיים! — זאָגט דרוזיאַנע — מיר הייבן אָן אַ לעבן אַ נייעס.
לחיים! זאָגט מקברון. ער מיינט, אַז דרוזיאַנע איז געטריי אים.

לחיים! זאָגט דרוזיאַנע און דערלאַנגט אים ווײַן אַ פולן בעכער.
דער ווײַן איז געוואַקסן אין טײַוולאַנישע געמעכער.

מקברון טרינקט דעם ווײַן און פאַלט אַוועק אין שלאָף אין טיפֿן.
דער טײַוול האָט געשמייכלט און דאָס שלאָף־ליד אים געפיפֿן.
דרוזיאַנע אין די חופה־שלייערן קוקט אויס ווי אַ ווײַסע ליליע.
זי זעט נאָר איין אידיליע: בבא און דאָס פערד רענדיליה.

דרינען אין דער קיניגלעכער סאַליע האָט מען אָנגעצונדן די לײַכטערס און וואַנט־העסעס אַלע. ס'איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די חתונה. מען האָט גע־שפּילט און געטאַנצט. בדחנים האָבן באַזונגען חתן־כלה. מען האָט מקברונען מיט דרוזיאַנען געפירט אונטער דער חופה בתופים ובמחולות, מיט וויוואַטן און מיט קולות. שפּעטער האָבן חתן־כלה צוזאַמען געגעסן די גילדענע יויך. מען האָט געפּראַוועט אַ סעודה, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך. שפּעטער האָט מען געטאַנצט דאָס מיצווה־טענצל. ביי מקברונען האָבן די אויגן געפלאַמט ווי ביי אַ וואָלף. ער האָט שוין געוואָלט דערלעבן די גליקלעכע מינוט ווען ער וועט זײַן מיט דרוזיאַנען אויג אויף אויג און ס'וועט אים זײַן וואויל און גוט.

מען האָט טאַקע די כלה און דעם חתן בשמחה ובששון און מיט פידלען און טראָמפּייטן אַרײַנגעפירט אויף יחוד אין אַ חדר־מיוחד. זאָלן זיי נאָך דער גרויסער גראַטשקע ענדלעך בלײַבן צו צווייטן און זיך נוהג זײַן ווי עס פירט זיך ביי לײַטן.

מקברונען איז געריגען די סלינע איבער די ליפּן. ער האָט זיך בחוריש געדרייט ביי די לאַנגע וואַנצעס. אָט האָט ער געוואָלט אַראָפּנעמען פון דרוזיאַנעס קאָפּ דעם כלה־שלייער וכדומה געשמיידן און איר, די שענסטע פון די מיידן, טון דעם ערשטן קוש און האָבן דעם טעם גן־עדן.

ותקח — דרוזיאַנע האָט פון די טאַשן פון איר ווײַס זײַדן חופה־קלייד אַרויסגענומען די פלאַש מיטן יין־המשומר און אָנגעגאָסן אַ פולן גאָלדענעם בעכער, אַ בעכער זהב־טהור און ער האָט געפינקלט ווי די זון אין זומער. זי האָט די משקה דערלאַנגט דעם קיניגלעכן חתן.

— אויב מיר ביידע האָבן שוין יאָ דערלעבט אַזאַ גרויסע פריידע — און מיר וועלן זיך מירצעשעם עלטערן אין נחת און ווערן אַ באָבע און אַ זיידע — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע — טאָ טרינק זשע צו מיר „לחיים". שפּעטער וועל איך אויסטרינקען דײַנע שיריים.

מקברון האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן און האָט אַ זופּ אויס געטון דעם בעכער מיט שלאָף־געטראַנק ווי אַן אבן־טוב.

באותו הרגע איז ער אַנידערגעפאַלן אויפֿן בעט און אָנגעהויבן צו כראָפּען.

דרוזיאַנע האָט נישט לאַנג געבריייעט. אין איר חופה־קלייד און מיטן כלה־שלייער אויפן קאָפּ איז זי אַרויסגעלאָפּן אין שטאַל אַרײַן צו בבאן.

דאָרט האָט שוין בבא געוואַרט מיטן געזאָטלטן פערד רענדיליה און מיט די שווערד „דיקער רוגל".

דאָס פּאָר פאָלק האָבן זיך בײדע אַרױפֿגעזעצט אױפֿן פּערדס רוקן. בבא פֿון פֿאָרנט און דרוזיאַנע פֿון הינטן. רענדיליה האָט מיט זײ געטון אַ פֿלי אַװעק װי אַן אָדלער אין די װינטן.

קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק

פֿאַר אײנעם איז ליבשאַפֿט אַ ציטער פֿון אַ בלאַט,
פֿאַרן צװײטן — געלעכטער פֿאַרשײטער.
פֿאַר אײנעם איז די ליבשאַפֿט די הײליקסטע טאַט,
אַ שטאַפּל פֿון אַ לײטער צו אַ װעלט אַ געמעכטער.
עס באַזינגען פּאָעטן אױף חתונה־בעטן,
װאו עס פֿאַרשענקען זײער מײדלשאַפֿט מענטשלעכע טעכטער.
אָבער עס לאַכן און שפּעטן — דאָס שענסטע צעטרעטן,
דער נאַר און דער שלעכטער.

ויהי ערב ויהי בוקר — עס איז פֿאַרבײגעגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט ויריחו סגורה ומסוגרת — די טירן צו מקברונס שלאָף־חדר זענען פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן. עס געפֿינען זיך נאָך דרינען די כלה מיטן חתן.

מקברונס הױף־לײט זענען געװען גאָר פּראָסטלעכע נפֿשות און האָבן נישט געװאוסט פֿון רײנע מײלער. האָבן זײ דערימעך צװישן זיך געכיכיקעט און גערעדט לצנות און גראָבע רײד אױפֿן חשבון פֿון דער חופּה־נאַכט פֿון קיניג מקברון און דער שײנער דרוזיאַנע. מן־הסתם — האָבן זײ צװישן זיך געשמועסט — האָט זיך נאָך דאָרט אין דרינען נישט אױסגעלאָזט די עת־דודים און די הענער קרײען נאָך אױפֿן בוידעם.

לכל קץ — אױך אױף די דעכער הערן אױף צו מיאַוקען די קעץ. — װאָס איז דער מענטש? נעבאַך נישט מער װי אַ שװאַך עוף. צו קוצעניו־מוצעניו מוז נעמען אַ סוף אפֿילו בײ אַ רעביצן מיט אַ רבֿ. אַ חופּה־נאַכט איז נישט קײן בלאָף. מוז מען זי טאַקע אױסנוצן פֿון אַלף ביז תּיו?

האָט מען צװישן די הױף־לײט פּלוצעם גענומען איבערדרײען דעם ספּאָדיק און צו טראַכטן, אַז עפּעס איז די מעשה נישט פֿױגלדיק און נישט גראָדיק.

װען די זון האָט זיך פֿון דאָס נײ גענומען זעצן, האָבן די שׂרי־מלכות אױפֿגעהערט צו שפּאַטן און צו לצן. מען האָט אױפֿגעהאַקט די טיר און אױפֿגעריסן דאָס שלאָס כּדי צו זען מה כּדת.

האָט מען געזען, װי מקברון ליגט מיטן פּופּיק קאַפּויער און כראַפּעט. די יפֿת־תּואר מרת דרוזיאַנע איז פֿאַרשװאונדן װי דער שאָטן אױף אַ מױער.

האָט מען דעם קיניג אָנגעהױבן צו מינטערן מיט עסיק, מיט שמעקװאַסער, מיט בשׂמים און מיט אָפּגעשפּראָכענע קנױטן. מען האָט אים געשטאָכן און געריבן די הױטן — רפֿואות װאָס זענען בדוק ומנוסה אפֿילו אױפֿצוװעקן אַ טױטן.

ענדלעך האָט מקברון אױפֿגעעפֿנט די אױגן און דערצײלט זײנע הױף־

לייט די גאַנצע מעשה, — ווי דרוזיאַנע האָט אים דערלאַנגט אַ בעכער מיט ישן־נושן וואָס איז זיכער געווען אייטל שלאָף־געטראַנק. ווי די שיינע כלה האָט ביום חחופה געשמועסט ביים פענצטער מיט עפּעס אַ בעטלער וואָס איז קענטיק אַ נכתב אין נעכטיקע טעג און אין פּלוישן. אַז עס מוז אויך האָבן אַ שייכות מיטן ציגיינערישן פערדל, וואָס מען האָט געקויפט ביים יידל משהן.

— לויפט אַרויס אין שטאַל אַריין — האָט מקברון געזאָגט צו זיינע יוצר־משרתים און זעט וואו עס איז דער בעטלער און וואו דאָס פערדל —

לויפט מען הענדום־פּענדום אַרויס אין שטאַל אַריין און מען זעט די בראָך — והילד איננו, נישטאָ דאָס פערדל, נישטאָ דער בעטלער און נישטאָ די שיינע דרוזיאַנע.

וישא את קולו ויבך — מקברון האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פוס־בענקעלע און אָנגעהויבן צו וויינען.

— ווי צו מיר און ווי צו מיינע יאָר, — האָט ער געכליפּעט און זיך געריסן פאַר די האָר — איך האָב געמיינט, אָט בין בין איך אַריינגעקומען אין גן־עדן און באַקומען פאַר אַ כלה די שענסטע פון די מיידן. זי איז אַנט־לאָפן מיט אַן ארחי־פּרחי און זיך געטון פון מיר שיידן. זיץ איך דאָ ווי אַ שמענדריק אין פינצטערע ליידן.

מקברון האָט זיך אָנגעטון אַ שטריק אויפן האַלז און זיך געוואָלט אויפ־הענגען אויף אַ טשוואָק.

ויהי כראות — ווי די הויף־לייט האָבן געזען וואָס דער קיניג גייט טון, — האָט זיך דער משנה־למלך פּשא־יוכע אָנגערופן צום וויינענדיקן מלך:

— מיר האָבן ביי זיך אין תפיסה — האָט פּשא־יוכע געזאָגט — איינעם אַ פאַרשווינדל וואָס איז האַלב מענטש און האַלב הונט. ושמו פּלעקהונט. מיר האָבן אים דן געווען למיתה. אָט דאָס צאַצקעלע איז אַ זעלטענער רוצח. ער זיצט ביי אונז אין פינצטערן קערקער און וואַרט אויפן שטריקל. דער פּלעק־הונט הנ״ל קאָן לויפן ווי דער פייל פון בויגן. אויסצוהרגענען אַ וועלט מיט מענטשן איז ביי אים לייכט ווי אַ פּינטל מיט די אויגן. עס איז מיין עצה אדוני המלך — האָט פּשא־יוכע געזאָגט — מען זאָל דעם פּלעקהונט הנ״ל שענקען דאָס לעבן בתנאי ער זאָל לויפן און כאַפּן די אַנטרונענע און זיי צוריק־ברענגען געבונדענע ווי די שעפּסן.

וייטב הדבר בעיני המלך — ווי אַ דערטרונקענער אין אַ שטרוי האָט זיך מקברון אָנגעכאַפּט אין דער עצה פון זיין משנה פּשא־יוכע. ער האָט געהייסן הענדום־פּענדום צו זיך אַריינברענגען דעם רוצח פּלעקהונט.

ער איז געווען אַ פאַסקודנער נפש האַלב מענטש האַלב הונט. פּלעקהונט איז זיכער געווען, אַז מען פירט אים צום שטריקל. ער איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווידל. ווען ער האָט אָבער געזען, ווי מען פירט אים אויף גאָלדענע דילן אַריין. דער מלך מקברון אַליין רעדט צו אים מיט חסד און מיט חן. פּשא־יוכע דער משנה גיט אים אַ גלעט איבערן הינטישן קאָפּ גאָר צוקער־זיס. האָט פּלעקהונט ביי זיך געטראַכט כהאי לישנא: דאָס איז מיר עפּעס נישט אומישנע, —

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו די קיניגלעכע פיס, האָפּערדיק געדרייט מיטן עק און צו מקברונס שטיוול געטון אַ לעק. ער האָט צוגעשוואוירן צו ברענגען בבאן מיט דרוזיאַנען טויטע צי לעבעדיקע.

ויתנו — מען האָט אים געגעבן אין די לאַפּעס אַריין אַ שווערד און אַ פיילנבויגן, ויפתחו — מען האָט געעפנט די טיר און אים אַרויסגעלאָזט אין די אינדרויסנס ווי אַ יאָג־הונט פון דער שנור.

פלעקהונט האָט געוואָיעט ווי אַ הונט און געלאָפן ווי דער פייל פון בויגן. ער האָט געשמעקט מיט דער נאָז צו דער לופטן און צו דער ערד כדי אויס־צוגעפינען די שפורן פון די פאַרשוואונדענע. די אויגן אין זיין הינטישן קאָפ זענען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט. איבער זיין פיסק האָט גערונען דער שוים. פון זיין לויפן האָט זיך די ערד געטון מיט שטויב איינהילן. פלעקהונט האָט גענומען וואָיען און בילן. — מען האָט עס אַזש געהערט הונדערט מייל פון דער ווייטן.

אַזוי איז ער געלאָפן און זיך געטון איילן מיט בבאן צו קעמפן און צו שטרייטן.

קאַפּיטל פּערציק

איך וויל נישט שפּאָסן און גראַמען „סמען" מיט „מאַמען".
ליבשאַפט און האַסן קאָן מען נישט מישן.
הויך אין די הימלען פליען די אָדלערס —
טיף אין די ימען שווימען די פישן.
ליב שפּילן די פידלען, זיס פייפן די פלייטן.
די אָקסן זיי רעווען, די שלאַנגען זיי צישן.
אַ לייענער, איך קאָן אַזעלכע געמישן.
די שאָטנס זענען פאַרבונדן מיט ליכטער.
אויפן זעלביקן לשון רעדן פלוידערער און דיכטער.
האָבן נישט איין גורל דער פאַרברעכער און דער ריכטער?
צי זיצן נישט לצים ביי קיניגלעכע טישן?
פריידן און ליידן, שוויגן און ריידן, דאָס זיין און דאָס שיידן —
ווער קאָן זיי נישט ביידן?
טומאה און ריינשאַפט, מאוסקייט און שיינשאַפט,
זיי זענען אָן איינשאַפט.
פאַרבונדן מיט קייטן זענען די נאָענטן און ווייטן,
די דערנער און קווייטן,
דאָס אַלטע און נייע, טאַנץ און לוויה, דער מענטש און די חיה.
עס האָט אַ סך צו באַטייטן, איר וויבער און לייטן.

אין צווישן זענען בבא און דרוזיאַנע מיד געוואָרן פון דעם לאַנגן און פלינקן רייטן. זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ גרינעם שמעקנדיקן וואַלד. די פייגעלעך האָבן דאָרט געזונגען אויף אַלע ביימער.

בבא מיט דרוזיאַנען האָבן זיך אַוועקגעזעצט רוען אונטער דעם שאָטן

פון אַ בוים. זיי זענען געווען הונגעריק און געוואָלט עפּעס עסן. רענדיליהן האָט מען געלאָזט פּאַשען אויפן גרינעם גראָז.

דרוזיאַנע האָט נישט אויפגעהערט בבאן צו האַלזן און צו קושן. פאַר־מעלעכל האָט ער צוגעמאַכט די אויגן ווי עס שליסט אירע בלעטער אַ מידע רויז. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דרוזיאַנעס שויס. די יפת־תואר האָט אים געגלעט איבער די האָר און ס'איז איר אויסגעקומען, אַז זי זיצט צווישן חלום און וואָר.

פלוצעם האָט זי פון דער וויטנס דערהערט פלעקהונטס בילן און וואָיען. דרוזיאַנע האָט וואויל געוואוסט, אַז אַ יעדע ליבשאַפט מוזביישטיין אַ נסיון, — פונדעסטוועגן האָט איר הארץ געטון שרעקן. זי האָט גענומען בבאן וועקן.

בבא האָט באַלד געכאַפּט די שווערד „דיקער רוגל" און האָט זיך אַרויפּ־געזעצט אויף רענדיליהן. ער האָט גענומען אָפּוואַרטן דעם האַלב מענטש און האַלב הונט. דרוזיאַנען האָט ער געהייסן זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים, און צוקוקן מה ילד יום.

קאַפּיטל איין און פערציק

עס דונערן און בליצן די הימלישע רוימען.
עס בושעוועט געוויטער. די ימען זיי ברויזן און שוימען.
אויפן שלאַכט־פערד שטורעמט דער ריטער.
דער טויט איז דער שניטער.
קאָן ווער דאָס אַלצדינג באַזונפטיקן און צוימען,
און באַרואיקן די געמיטער וואָס זענען פינצטער ווי תהומען?
איז עס די ליכטיקייט אין מזרח? די זון וואָס גייט אויף?
איז עס פון מאָרגנשטערן דער ציטער?
וואו איז מנוחה און האָפן? ווער עס האָט די ליבשאַפט געטראָפן,
ער ווערט היימיש און אָפן. ער זעט די אין־סופן:
אַז אַלצדינג איז חלום אין שלאָפן. ער וויל מער ניט שטראָפן.
עס מעקען די לעמער און עס שווייגן די וואָפן.

פלעקהונט האָט דאָס פּאַרפאַלק דערשמעקט אין וואַלד. ער האָט זיך מוראדיק פונאַנדערגעבילט און געוואָלט אַ שפּרונג טון און זיי צעבייסן אויף שטיקער.

האָט ער אָבער דערזען ווי בבא זיצט גרייט אויף אַ פערד. דאָס פערד קוקט אויך נישט אויס ווי אַ חדר־יינגל. אין דער האַנט האַלט בבא אַ שווערד, וואָס זעט אויך אויס צו וויסן וואָס רש"י מאַכט. איז אים, דעם פלעקהונט, די הינטישע יוכע אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן. ויקח, ויחרץ הכלב את לשונו — ער האָט גאָר גענומען צו הילף דאָס מענטשלעכע לשון —

— איך בין טאַקע אַ רוצח און אַ שד — האָט ער אַריבערגעשריען צו בבאן — אָבער מקברון איז מיין מלך. קעגן אַ מלך וועל איך נישט דערלאָזן קיין חטא. על כן דערימעך וויל איך דיך מאַכן צו שאַנד און געשפּעט.

דרוזיאַנען וועל איך אָוועקטראָגן צו מקברונען אין בעט. זאָל ער איר דאָרט, מיינעטוועגן, געבן אַ קוש און אַ גלעט.

דער פלעקהונט האָט גענומען זיין פיילנבויגן און אָנגעהויבן פון דער וויטנס בבאַן צו באַהאָגלען מיט פיילן.

די פיילן האָבן געזשומעט אין דער לופטן ווי שניידיקע פייגל.

בבא האָט נישט לאַנג געבריעט און אַ הויב אויף געטון די שווערד „דיקער רוגל". ער האָט אַ פייף געטון צו רענדיליהן. רענדיליה האָט זיך אַ לאָז געטון צום פלעקהונט ווי אַ שטורעם־ווינט פאַרן געוויטער און ווי אַ לייב וואָס איז אים ביטער.

באין ברירה האָט פלעקהונט אויך געמוזט אַרויסציען זיין שווערד. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רעכטע געדיכטע. די שווערדן פון די צוויי שטרייטערס האָבן געשניטן די לופטן ווי צוויי בליצן און געקלאַפּט מיט אַנאַנדער. דער וואַלד אַרום און אַרום האָט אָפּגעהילכט ווי פון די האַמערס פון העקער און ווי פון דעם געבראַזג פון צעשאָטענע גלעקער. אַרום די קעמפער האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב ווי פון אַ קאַלך־אויוון. דאָס לעבן פון זיי ביידע האָט יעדע רגע געהאַנגען אויף אַ האָר. אָט־אָט פאַלט פלעקהונט. אָט־אָט פאַלט בבא. פלעקהונט האָט געקעמפט ווי אַ גיפטיקער לינדן־וואָרעם און ווי אַ צעוואָיעטער פיפערנאָטער. „דיקער רוגל" און רענדיליה האָבן זיך אָבער געזאָרגט פאַר בבאַן ווי קינדער פאַר אַ פאָטער. זיי האָבן אַלצדינג געטון, אַז פלעקהונט זאָל האָבן המנס מפּלה און אָוועקגיין פון דער שלאַכט ווי פון דער מילך אַ קאָטער.

ויהי כּראות — די שיינע דרוזיאַנע האָט געזען ווי עס האַלט אין שטעטל. אין אַ שווערד־שטרייט האָט זי זיך אויסגעקענט אין אַלע פּרטים. זי האָט געזען, אַז בבא קאָן נאָך חלילה דאָ אויסהויכן דעם אָטעם. איז זי אָפּער־געגאַנגען פון הינטערן בוים און זיך אָנגערופן צום פלעקהונט בזה הלשון:

— נאַרישער פלעקהונט, וואָס דו ביסט — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע — הנה זיי וויסן, איך די שיינע דרוזיאַנע האָב זיך פאַר דיר איינ־געשטעלט און דיך אָפּגעראָטעוועט פון מקברונס תליה. דו וואָלסט זיך שוין געווען געבאָמבלט ווי אַ געפּגרטע סטראַשידלע. איצט צאָלסטו עס מיר אָפּ מיט פאַלשע מאָסן און גייסט מיר קוילענען בבאַן מיין געטרייען חתן. מיינסט טאַקע, שמענדריק איינער, אַז מקברון וועט דיר דערפאַר עפּעס געבן? ער וועט דיך אויפהענגען ווי אַ האַנטשערקע און דיר אויסבלאָזן דאָס לעבן. שמעני פלעקהונט, זיי נישט קיין נאַר — האָט דרוזיאַנע ווייטער געזאָגט — און האָב מקברונען אין דער ערד. לייג אַוועק די שווערד. שליס מיט בבאַן ברודערשאַפט און קושט זיך ביי די בערד. פאַר אַזעלכע צוויי העלדישע פאַרשוינען טוט עס גיכער צו לוינען צו זיין חבר. עס איז קליגער און בראַוועור. אין אַ פריינטשאַפט אַ געטרייער וועט איך נישט פאַרברענען קיין שום פייער.

דרוזיאַנעס זיסע קול און איר שיינע געשטאַלט האָבן מיט אַ מאָל געלאָשן דעם פלעקהונטס רציחה. די עצה איז אים געווען ניחא. עס איז

געווען ווי אַ זון וואָלט געוואָרעמט זיינע הינטישע פינצטערנישן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם ווידל און געוואָרן ווייך און איידל ווי אַ קעצעלע. איך וועל טאַקע שלאָגן מיט מקברונען כּפּרה — האָט פּלעקהונט געפּישטשעט — און אַ וואָרף אַוועק געטון די שווערד ווי זי וואָלט געווען אַן עבודה־זרה. ער איז צוגעלאָפן צו בבאַ און אים אָנגעהויבן צו לעקן איבער די הענט.

בבאַ מיט דרוזיאַנען האָבן זיך צוריק אַרויפגעזעצט אויף רענדיליהן און אַוועקגעריטן אין די בלאָנדיקע ווינטן. פּלעקהונט מיט אַן אַרויסגע־שטרעקטע צונג איז זיי נאָכגעלאָפן פון הינטן.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

אין בורגן הינטער מויערן וואוינען גרויסע האַרן.
אויף די טורעמס שטייען וואַכן. אַהין פירן נישט קיין שליאַכן.
קומט וועמער צורייטן, פון נאָענטן צי פון וויטן —
שאַלן די פאַנפאַרן. בלאָזן די טראָמפּייטן:
ריטער־מאַן, אַ זאָג דיין נאָמען. איז פון ריטער־בלוט דיין זאָמען?
ווילסטו שטרייטן? וואַרט אויף דיר דאָס מעסער.
ווילסטו שלום און ביסט נאָר אַ טרינקער און אַ פרעסער —
אַלטע וויינען וואַרטן אין די פעסער.
שעפּסן וועלן מיר בראָטן אויפן פייער.

רופט דער פרעמדער: איך בין אַ ריטער־מאַן אַ פרייער.
מיין שווערד איז נישט שאַרף, דערפאַר איז זיס מיין קול.
איך שפּיל אויך אויף דער האַרף.
די הערצער וועל איך אייך דערקוויקן,
מיט מעשיות פון שלאַכטן און מיט ריטערלעכע גליקן,
מעשיות פון לצים און שפּאַסער. מעשיות פון היינט פון אַמאָל.
מעשיות פון ליבשאַפט — זיס צו אַנטציקן.
אין וועלדער ביי אַ פינצטער וואַסער האָב איך געטראָפן —
זאָגט דער ריטער — בלינדע בעטלערס. זיי זיצן און שווייגן
און לערנען קלוגשאַפט ביי די פייגל אויף די צווייגן.
זייער וויסעניש איז גענויער ווי די חקירות פון מאַנכע פילאָזאָפן.
איך האָב געזען שפּאַרבערס וואָס פליען פון דרום קיין צפון.
פון דער זון צו די קעלטן.פאַר זיי באַשטייען פון רגעס די וועלטן.

זאָגט דער בורג־האַר: לאָזט אַרונטער די בריקן!
פאַר אַזאַ ריטער־מאַן שטייען מיינע טויערן אָפן.

דער וועכטער האָט געבלאָזן אויפן האָרן.
אין האָלץ־שייטער האָט געפלאַקערט דאָס פייער.
ס'איז פריילעך געוואָרן.
די וויינען האָבן געשמעקט מיט די דופטן

פון הונדערט פאַרגאַנגענע יאָרן.
מען האָט געגעסן און געטרונקען און געזעסן אַרום פלאַמיקן שייטער.
דער האַר, די האַרינטע און דער פרעמדער רייטער

גוט איז געווען אויף די געמיטער און ליכטיק אין זכרון.
מעשיות האָט דערציילט דער ריטער
און צוגעשפּילט אויף דער האַרף.
מען איז געזעסן און געהערט און ערשט אַנטשלאָפן געוואָרן
ווען איינדרויסן האָבן געגרויט די קאַיאָרן.

ויהי ערב ויהי בוקר — זענען זיי געריטן און געלאָפן אין די ווינטן אַ פאַלנעם מעת־לעת.

פּלוצעם זענען זיי פון דער ווייטנס אַ בערגל. אויפן בערגל שטייט אַן אַלט גראָ ריטער־שלאָס, מיט מויערן, טורעמס און טורעמלעך און מיט הענג־בריקן און שוץ־גראָבנס.

— אָט דאָס ריטערלעכע שלאָס קאָן איך ווי די צען פינגער פון מיינע לאַפּעס — האָט פלעקהונט געזאָגט צו בבאן — דער האַר פון דעם שלאָס הייסט דער שטאַרקער אוריאַן. ער מיט מקברונען זענען זיך דם־שונאים. זיי האָבן אַמאָל צוזאַמען געפּאַכטן אַ ריטער־געפעכט און מקברון איז אַרויס מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ, ובשן ועין. מחמת מיר זענען אויך מקברונס שונאים און מיר האָבן אויך ביי זיך כלי־זיין, וועלן מיר אין אָט דעם שלאָס זיין זייער אַנגעלייגטע געסט.

דער וועכטער אויפן טורעם האָט געזען די פרעמדע מענטשן וואָס דער־נענטערן זיך. ער האָט באַלד אַ בלאָז געטון מיט זיין שאַלהאָרן.

דער שטאַרקער אוריאַן איז אַרויפגעקומען אויף די מויערן צוזאַמען מיט זיינע וואַכן. ער טוט אַ קוק אויף אַ שפּאַקטיוו — בבא און דרוזיאַנע רייטן אויף אַ פערד, פרייען זיך און לאַכן. הינטער זיי לויפט מיט אַן אַרויס־געשטעקטע צונג דער באַרימטער רוצח פלעקהונט.

עס איז ביי אוריאַנען נישט געווען דער מינדסטער ספק, — זיין דם־שונא מקברון האָט אַהער געשיקט דעם פלעקהונט, כדי דאָ אַלצדינג אין שלאָס צו צערייסן אויף קרעפּל־פלייש. האָט ער באַפוילן צו בלאָזן אויפן שאַל־האָרן און צוזאַמען צו רופן די שלאָס־קנעכט וכדומה חייל און זעלנער. זאָלן זיך אַלע אָנטון שטאָלענע פאַנצערס און שטאָלענע קעלנער, אַרויפזעצן אויפן קאָפּ שטיק־היט מיט הערנער און גרייטן זיך אויף אַ בלוטיקער מלחמה.

ותבוא ושתי — אין צווישן איז די האַרנטע ברונהילדע, אוריאַנס חלק־שני, אויך אַרויפגעקומען אויפן טורעם און אויך גענומען דעם שפּאַקטיוו און טשיקאַווע געווען צו וויסן מי ומי ההולכים.

— זיי נישט קיין שמענדריק און מאַך נישט קיין שוואַרץ־שבת — האָט ברונהילדע געזאָגט צו איר צעיאַכמערטן מאַן — עס האָבן זיך דיר געחלומט די עלטער־באָבע שפּרינצע צי אַנדערע ריטערלעכע באָבעס. עס איז ביי מיר

זיכער ווי דער טאָג: זיי זענען גאָר אַנטלאָפן פון מקברונען און זוכן ביי אונז וועטשערע און נאַכט־לעגער. הייס, גולם, נאָך אַמאָל בלאָזן מיטן האָרן. זאָג זיי אָן שלום און פרעג ביי זיי וואָס זיי ווילן.

ויתקעו בשופר — האָט מען טאַקע געבלאָזן מיטן האָרן אויף שלום. די דריי פרעמדע זענען צוגעקומען צו די פאַרהאַקטע שלאָס־טויערן. בבא האָט אַרויף געשריען צו אוריאַנען אויפן טורעם אַרויף און אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון אַלף ביז תיו.

ויפתחו את השער — מען האָט אַרונטערגעלאָזט די הענג־בריק. דאָס שווערע טויער האָט זיך געעפנט. דרוזיאַנע און בבא האָבן אָנגעהויבן אַריינ־צורייטן אין שלאָס־הויף. הינטער זיי איז נאָכגעלאָפן דער פלעקהונט.

דער שלאָס־ריטער אוריאַן האָט פלעקהונטן נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איך וויל נישט קיין רוצחים — האָט ער געזאָגט אַ פינצטערער און אַראָפּ־געלאָזט די וואָנצעס.

דרוזיאַנע האָט אָבער געזאָגט: באם מען וועט נישט אַריינלאָזן פלעק־הונטן, ווערט נישט פון שידוך. דרייען מיר צוריק אויס דאָס פערדל רענדיליה — האָט זי געזאָגט — און רייטן וויטער אַוועק צו זוכן אַ וואַרעמער פייער. פלעקהונט — האָט זי געזאָגט — איז אונז אַ פריינט אַ געטרייער. דו וועסט מיר אפילו אָנשיטן אַ באַרג מיט דוקאַטן וועל איך פלעקהונטן נישט פאַראַטן.

באין ברירה האָט מען אויך פלעקהונטן אַריינגעלאָזט אין שלאָס. מען האָט געגעסן די וואַזשנע וועטשערע. עולם איז טאַקע געווען הונגעריק. פאַר פלעקהונטן האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גרויס פאַמעשאַף מיט ביינער וכדומה קיך־אָפּפאַלעכצן. ער איז נישט געווען דער גרויסער איבערקלייבער און מפונק. ביי אים איז געווען אַ דרך און אַ מנהג אויסצוזשלאָקען אַ פול פאַמע־שאַף ביז צום דנאָ.

דערנאָך האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן. אין שלאָס איז געוואָרן שטיל. פלעקהונט האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן ווי אַ הונט אויפן דיל. ער האָט באַלד הויך געכראָפּעט. מען האָט אויסגעלאָשן אַלע ליכטער. געטון פינצטער מאַכן.

אויבן אויפן שלאָס־טורעם האָבן זיך מיט שפיזן און האַליבאַרדן געדרייט דעם שטאַרקן אוריאַנס וואַכן.

קאַפּיטל דריי און פערציק

קאַמפן צווישן מקברון און אוריאַן.

עס שוויגן נישט די פייגל אויף די דעכער. צו מקברונס אויערן איז דערגאַנגען וואו די דריי אַנטלאָפענע געפינען זיך. וייקץ משנתו — האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין זאַרג־בענקעלע. ויתקע בשופר — ער האָט צו־זאַמענגעטראָמפּייטערט צוועלף טויזנט לאַנד־קנעכט פון זיין חיל, אַלע שטאַרקע ווי די בערן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיי צום ריטער־שלאָס פון זיין דם־שונא אוריאַן און געוואָלט אָנהויבן אַ בלוטיקע מלחמה. פאַר אַלע

מיינע קריוודעס — האָט ער געזאָגט — וועל איך נעמען נקמה, ווען אפילו איך וועל דאָ מוזן אויסהויכן די נשמה.

אין אוריאַנס ריטער־שלאָס האָט מען אויך נישט געהאַט ליגן די הענט אין דער קימפּעט. די פּיילן און די וואַרף־שפּיזן זענען טאָג און נאַכט געפלויגן פון אַלע זייטן. דערפער זענען אַוועק מיטן רויך. ולא מצאו מנוח. — מען איז געפאַלן ווי די פליגן. קיין שום צד האָט נישט באַוויזן צו זיגן.

מקברון האָט נישט געגעסן און נישט געשלאָפן. ער האָט נייערט געטון האָפן צו כאַפּן די שיינע דרוזיאַנע וואָס איז פון אים אַנטלאָפן. ער האָט זיך דערמאָנט — הינטער די שלאָס־מויערן טוט זיך דרוזיאַנע מיט בבאַן, קושן און ליבן ווי צוויי ווייסע ראָבן — און מקברון? ער איז אויף דער פליישבאַנק געבליבן.

ווען ער האָט געזען אַז מיט בייזן וועט ער גאָרנישט מאַכן האָט ער זיך מיישב געווען —

אין אַ פינצטערער נאַכט איז ער צוגעגאַנגען צו אוריאַנס וואַכן, און זיי געהייסן זאָגן אוריאַנען, אַז אויב ער וועט אַרויסקומען צו אים אויפן טורעם, וועט ער אים זאָגן אַ סוד און מאַכן שלום, און אָפּשטעלן דעם בלוטיקן שטורעם.

ויבוא — אוריאַן איז אייגנס אַרויסגעקומען אין די פינצטערנישן. געפרעגט מקברונען וואָס עס איז זיין באַגער?

— איך בין גרייט צו פאַרגעסן דעם בזיון, וואָס דו האָסט מיר אָפּגעטון אויפן קאָמפּס־פעלד בפני קהל ועדה — האָט מקברון געזאָגט — איך בין גרייט — מיר ביידע זאָלן ווערן גוט־פריינט — וגם וועל איך דיר אַוועקשענקען דריי שטעט פון מיין לאַנד מיט צען טויזנט לייב־אייגענע פּויערים, מיט זייערע ווייבער און קינדער מיט אייניקל און זיידע, וכדומה בעבעכעס. נאָר מיט איין תנאי — האָט מקברון ווייטער געזאָגט — גיב מיר אַרויס די שיינע דרוזיאַנע מיט איר לובאָוניק בבאַ. דעם פלעקהונט קאָנסטו דיר האַלטן אין דיינע הינט־בודעס און דיר אים איינמאַכן אין זויערן.

האָט אוריאַן געענטפערט לא מיט אַן אלף. זאָלסט מיר אפילו געבן — האָט ער געזאָגט — אַ שטאָט פון גאָלדענע ברעטער און אַ תיפלה פול מיט גאָלדענע געטער וועט אַ ריטער נישט ווערן קיין פאַרעטער. אין אונזער ספר־פּראַלניק שטייט נישט אַזאַ היתר.

ויתקע בשופר — האָט מקברון געהייסן בלאָזן אויף אַלע שאַל־הערנער. פון דאָס ניי האָט ער באַפוילן אַ שטורעם־אַנפאַל אויפן שלאָס און צו מאַכן פון פיילן אַ רעגן. מעג עס מיך קאָסטן — האָט ער געשריען — מיין לעבן און מיין פאַרמעגן, וועל איך נישט אויפהערן צו שטרייטן צוליב דער שיינער דרוזיאַנעס וועגן.

קאַפּיטל פיר און פערציק

פון די העכסטע ביימער פאַלן טיף אַראָפּ די בלעטער.
די וואָס האַלטן זיך פאַר די העכסטע געטער,
ווערן אויך פחדנים און פאַררעטער.

וישמעו — בבא און דער פלעקהונט האָבן געהערט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן אין דער נאַכט. עס שאַלן די הערנער. עס הערן זיך די קולות פון די וואָס קוילענען און די געוויינען פון די וואָס ווערן געקוילעט. עס שטאַרקן זיך די געשרייען. עס קלאַפּן די כלי־זין. אַ יעדנס לעבן הענגט אויף אַ הרף־עין. די וועלט אין דרויסן גייט כאַדאַראַם.

האָבן זיי זיך מיישב געווען כהאי לישנא —

— וואָס זענען מיר עפּעס צעפּיעשטשעטע ווייבער וואָס זאָלן ליגן אין די פּערענעס און זיך וואַרעמען די לייבער?

ויקח — האָט בבא גענומען די „דיקע רוגל". פלעקהונט האָט גענומען אין די לאַפּעס אַריין עפּעס אַן אַנדער כלי־משחית. ווי צוויי שטורעם־ווינטן האָבן זיי זיך אַ לאָז אַרויס געטון אין די אינדרויסנס און אַריין אין מיטן צווישן מקבּרונס חייל.

דאָס רעדעלע פון דער מלחמה האָט זיך געטון אַ דריי. צווישן מקבּרונס זעלנער איז געוואָרן אַך און ווי. מען האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט ווי ער הייסט און ווער עס איז עלטער. קעפּ זענען געפלויגן ווי עפּל פון די עפּל־בוימער און ווי ווייַנטרויבן אין קעלטער. פון די פינצטערנישן זענען אָנגעקומען צוויי ריזן. זיי האָבן געהאַקט און געבראָקט און געשטאָכן מיט שפּיזן. מקבּרונס זעלנער האָבן געמאַכט אַ יללה. זענען נעבאַך אַנטלאָפן אין אַ ווילדער בהלה. בבא און פלעקהונט האָבן געאַרבעט מעשים און נישט גע־שוויגן. אין תכסיסי־מלחמה האָבן זיי נישט געהאַלטן פון קיין ליגן.

אין דער גרויסער גראַטשקע האָט דער ריטער אוריאַן — וואָס איז אויך נישט געווען קיין מלופום־קינד פון די וויגן — געפּראַצעוועט מיט דער שווערד און נישט געטון קיין לעקעכלעך באַקן. גייערט ממיתן און האַקן. ער האָט זיך אָבער פאַרקאָכט אין דער מלחמה און נישט געזען ווי מקבּרון רייט צו אים אָן פון הינטן, גיט אים אַ זעץ מיט דער שפּיז, וואַרפט אים אַראָפּ אויף דער ערד און שטעקט אים צו אַ חלף צום גאַרגל.

— רחמנות, אדוני קיניג — האָט דער שטאַרקער אוריאַן געפּישטשעט ווי אַ הינדעלע — שענק מיר דאָס לעבן, וועל איך דיר דרוזיאַנען מיט בבאַן אַרויסגעבן.

— האָסט ביי מיר דאָס נאמנות ווי דער הונט אין דרויסן — האָט מקבּרון געזאָגט און געפּאָכעט מיטן חלף איבער אוריאַנס גאַרגל — אויב דו ביסט טאָקע אויסן צו האַלטן וואָרט גיב מיר דיינע צוויי קינדער פאַר אַ משכון.

— מיינע צוויי קינדער וועל איך אַוועקשיקן צו דיר אין לאַנד, — האָט אוריאַן געכליפּעט. ער איז געלעגן ווי אַ זאַנג פאַרן שניטער. עס איז אים געווען פינצטער און ביטער. האָט ער דערימעך מקבּרונען אַ קוש געטון אין דער האַנט — גאָר נישט מעשה ריטער.

קאַפּיטל פינף און פערציק

צווישן טייטל־ביימער ביים טייך חידקל,
איז נישט געשטאַנען דעם שאַלק־נאַרס וויגעלע.

זיין טאַטע איז נישט אָוועקגעריטן אויף אַ גאָלדן ציגעלע
צו האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.
ווייט פון די טייכן פרת און חידקל,
איז זיין טאַטע געווען אַן אָרעמאַן, אַ גייער מיט אַ זעקל.
אַ שטעקל־דרייער, אַ יאָקל בן פלעקל.
נישט קלוג און נישט איידל.אין אַ ביידל פון צעריסענע טיכער
איז אונזער שאַלק־נאַר געבוירן געוואָרן
אַ ויהי ערב ויהי בוקר — האַלב מענטש. האַלב הויקער.
אָבער דאָס ווייס איך אויף זיכער:
זיין וויג־ליד האָבן געזונגען דער ווינט און דער וויכער.

האָט ער אַמאָל געחלומט פון אַ ליבשאַפט
וואָס טוט צערטלען און גלעטן?
פון אַ מיידל וואָס קוקט אַרויס פון פענצטער
אויף די אָוונטלעכע שפעטן?
פרעגט די טויב אויפן דאַך און דאָס וואָרימקייט אין די בעטן
פון גליקלעכע כלות! איז דאָס שוין אַלעס
וואָס איך האָב צו דערציילן פונעם שאַלק־נאַר
און פון זיין מענטשלעכן דלות?
ניין. עבערלין האָט האַלט געהאַט צו לייענען קלוגע ביכער
און צוהאָרכן דאָס פייפן פון די ווינטן און די לידער פון פּאָעטן.
שפּעטער האָט ער זיך געוואַלגערט אין די בורגן פון גרויסע האַרן,
און איז געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע נאַרן.

ויכתוב אגרת — דער ריטער, דער „שטאַרקער אוריאַן" האָט געשריבן אַ בריוול צו זיין ווייב, די שלאָס־האַרין ברונהילדע, זי זאָל אים למען השם תיכף ומיד אַרויסשיקן די צוויי קינדער. ער האָט איר דערביי צוגעשריבן עפּעס אַ לאַנגע בבא־מעשה נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. ער באַדאַרף די צוויי קינדער צו האָבן ווי דאָס ליכט פון זיינע אויגן.

ברונהילדע האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אוריאַן קען באַגיין אַזעלכע שאַלקהאַפטיקע מעשים און אַז די איידעלע ריטער קאָנען אויך האָבן הערצער ווי ברעטער און ווערן פאַרעטער קעגן זייער אייגן בלוט און פלייש. האָט זי די צוויי קינדער גענומען און זיי אַרויסגעשיקט במזומן דורך דעם נעמלעכן שליח מיוחד.

ויהי בחצי הלילה. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. — הערט מען קלאַפּן ביים טויער. אוריאַן רופט פון דרויסן: עפנט, איר וואַכן, אני הגבר — איך בין אוריאַן דער ריטער און קום צוריק פון אַ בלוטיקן מאַנעוור.

מען האָט געעפנט דאָס טויער. אוריאַן איז אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענער צו ברונהילדען אין חדר. ער האָט איר ווידער דערציילט עפּעס אַ לאַנגע בבא־מעשה ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון מקברונס תפיסה.

וואו האָסטו אַהין געטאָן די צוויי קינדערלעך די זיסע? — האָט ברונהילדע געפרעגט אַ בלאַסע ווי דער טויט.

— סיידן ווען איך וועל דרוזיאַנען מיט בבאַן אַרויסגעבן וועל איך די קינדער ראַטעווען דאָס לעבן — האָט אוריאַן גזאָגט אַ פינצטערער און אַראָפּגעלאָזט די וואָנצעס. ער האָט באריכות דערציילט וואו די קינדער זיינען.

ברונהילדע האָט זיך מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און אָנגעהויבן צו וויינען.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

עס וויינען ווערבעס ביי די טייכן.
עס וויינען שטערן אין די הייכן.
עס וויינט די גאָטהייט במסתרים.
עס וויינט דער ווינט און דער שטורעם.
עס וויינט דער קראַנקער פון יסורים.
עס וויינט דער חומר עס וויינט די פורעם.
מאַמעס וויינען אויף קינדער־קברים.
עס וויינען סאָוועס אין די נאַכטן.
עס וויינט דער גיבור, עס וויינט דער פּחדן.
עס וויינט די ליבשאַפט אין טיפן שמאַכטן.
צי וויינען אויך די וואָס טראַכטן?

דער שאַלק־נאַר ביי אוריאַנען אין ריטער־שלאָס האָט געהייסן עבערלין. ווי דאָס רוב פון די שאַלקס־נאַראָנים איז ער געווען האַלב פילאָזאָף און האַלב קאַליקע. ער האָט האָלט געהאַט אַריינצוקוקן אין שפּיגל און צו זען זיינע צוויי שפּיציקע הויקערס. די הויזן זיינע זענען געווען געטיילט ווי אויף צוויי וועלטן, אויף אַ געלער וועלט און אויף אַ רויטער וועלט.

אויפן קאָפּ האָט עבערלין תמיד געטראָגן אַ שפּיציקן נאַרן־מיצל מיט גלעקלעך. צוויי לאַנגע אייזל־אויערן האָבן אַראָפּגעהאַנגען פונעם נאַרן־מיצל און האָבן זיך געבאַמבלט אויף עבערלינס באַקן די בלאַסע. ער האָט אַריינגע־קוקט אין שפּיגל־גלאָז — זיינע אויגן זענען געוואָרן נאַסע. זיין האַרץ איז געוואָרן טרויעריק. פון טרויעריקייט ביז צו פילאָזאָפיע איז אַ קאַצן־שפּרונג. אַ פילאָזאָף פרעגט קשיות ביי גאָט.

— הלמאי — האָט עבערלין געפרעגט — האָט דער רבונו של עולם גענומען און אויך די וועלט איינגעטיילט אויף צוויי וועלטן, אויף רויט און געל, אויף אָרעם און רייך, אויף גליק און אומגליק, אויף געלעכטער און טרערן? צי איז די וועלט נישט אַמאָל, — האָט עבערלין געפרעגט דעם צווייטן עבערלין, וואָס איז אויך געשטאַנען ווי אַ שאַלק־נאַר אַקעגן איבער אים אין שפּיגל־גלאָז — צי איז די וועלט, עבערלין סערדצע, נישט אַמאָל די הויזן פון גאָטס אַ שאַלק־נאַר?

ביי גאָט איז לייכט צו פרעגן קשיות. מען געפינט ביי אים נישט קיין תירוצים.

האָט זיך עבערלין מיישב געווען און פאַמעלעכל, פאַמעלעכל געוואָרן אַ חקרן.

האָט ער ווידער אַריינגעקוקט אין שפּיגל־גלאָז און געזען אַ נאַר וואָס איז געוואָרן אַ חקרן. האָט זיך עבערלין שטאַרק צעלאַכט.

זיין לאַכן האָט קיינער נישט געהערט. אַ שאַלק־נאַר מעג נאָר לאַכן ווען ער גייט זיין האַר פריילעך מאַכן מיט אַלערליי נאַרישע שפּראַכן.

ביי אוריאַנען אין ריטער־שלאָס האָט זיך עבערלין אַרומגעוואַלגערט אונטער אַלע טישן. ווער עס האָט געהאַט גאַט אין האַרצן האָט אים געקאַפּעט אין די געל־רויטע הויזן אַריין, און אים געריסן ביי די אויערן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן הינטער די גרויסע אייזל־אויערן פון נאַרן־מיצל.

דער שאַלק־נאַר עבערלין האָט נישט געטאָרט וויינען. פאַר וויינען האָט מען אים געשלאָגן. ווער קאָן אָבער זאָגן, וואָס נאַראָנים מיינען?

קאַפּיטל זיבן און פערציק

צי שווייגן די תהומות ווען הימלען זענען אָפן?\
צי טראַכטן אויך די שטיינער מחשבות פון פילאָזאָפן?\
צי האָבן אויך ענדן די אומענדלעכע אין־סופן?\
דאָס וואָס גרייט זיך צו קומען — איז עס שוין אַמאָל פאַרלאָפן?\
די צייט איז אַן עיגול. יעדעמס פנים איז אַ שפּיגל —\
איך אַליין האָב מיר דאָרט געטראָפן.\
אויך די עלטער ליגט אין וויגל, און אויך יוגנט איז נישט־האָפן.

דער שאַלק־נאַר עבערלין און דער פלעקהונט האָבן זיך ביידע שטאַרק באַפריינדעט. עלנט און בזיונות זענען גורלות טיפע. זיי בינדן צוזאַמען הערצער און ווייסן נישט פון חניפה. דער שאַלק־נאַר האָט זיך געוואַלגערט אונטער די טישן און געקראָגן געקאַפּעט. דעם פלעקהונט האָט מען אינעם ריטער־שלאָס באַהאַנדלט ווי עפּעס דאָרט אַ מיאוסע חיה. אויך צו אים האָט מען אַלעמאָל אויפגעהויבן די בייטש. ער האָט געמוזט עסן אָפּפאַלעכצן וואָס מען האָט אים דערלאַנגט אין אַ פּראָסט פאַמעשאַף.

דער פלעקהונט איז נישט געווען קיין גרויסער בעל־דברן. זיין צונג איז געווען ווי געבונדן אין קייטן. זיין פּנים איז געווען שטאַרק און פינצטער ווי גאָט וואָלט נאָך דעריבער נישט געהאַט געזאָגט דעם „יהי אור". נייערט אין זיינע לאַפּעס האָט ער געשפּירט די כוחות פון דעם מעשי־בראשית. דער שאַלק־נאַר עבערלין איז געווען פונקט דער היפך. זיין גוף איז געווען שוואַך און צעברעכלעך ווי אַן איידעלע שאָל פון כינעזישן פאַרצעליין. ער האָט געהאַט צוויי שפּיציקע הויקערס. זיינע הענט זענען געווען דין און בלאַס ווי די הענט פון אַ קינד. נאָר די צונג אין מויל איז ביי אים געווען ווי אַ פרייער פויגל, וואָס וויגט זיך איבער די מרחקים. זיין קאָפּ אונטער דעם נאַרן־מיצל האָט גע־טראַכט די קלוגסטע מחשבות וואָס אַ בן־אדם קאָן נאָר טראַכטן וועגן דער וועלט.

אַ וועלט וואָס הענגט ווי אַ פּאַפּירענע פּאַיאַצן־לאַמטערנע אויף אַ שוואַכן פֿאָדעם און וואַרט דאָרט אויף גאָטס חסדים.

ווען עס איז געוואָרן בין־השמשות, די שלאָס־פֿענצטער האָבן געגליט רויט פֿון דער שקיעת־החמה. עס איז פּאַמעלעכל צוגעפֿאַלן די נאַכט. דעמאָלט פֿלעגט דער שאַלק־נאַר עבערלין און דער פֿלעקהונט זיך אַוועקזעצן אין אַ פֿינצטערער נישע לעבן אויוון. דער שאַלק־נאַר האָט דעם פֿלעקהונט דערציילט אַלערליי בבא־מעשיות. אין אָט די מעשיות פֿון נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, האָט דער שאַלק־נאַר באַהאַלטן זיינע מחשבות און דאָס וואָס ער האָט געזען מיט זיינע קלוגע אויגן. אויך זיינע באַטראַכטענישן האָט ער דאַמאָלט אַנגעטון די שאַלק־הויזן פֿון אַ ריטערלעכן נאַר. דער פֿלעקהונט האָט טאַקע נישט געהאַט די מינדסטע השגה אין אָט די מעשיות און זייער מיין. זיי זענען אים אָבער געווען וואוילטועדיק און שיין. עס האָט אים געטון זיס פֿאַרוויילן צו האָרכן ווי אַזוי דער שאַלק־נאַר טוט דערציילן. דעם שאַלק־נאַרס צונג איז געלאָפֿן ווי איבער טויזנט מיילן. דער פֿלעקהונט האָט בלויז אַרויסגעשטעקט די צונג וואָס איז געווען שטום ווי זי וואָלט געלעגן אין פֿינצטערע היילן. פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט האָט דער פֿלעקהונט מיט דער צונג געלעקט דעם שאַלק־נאַרס הענט.

אַזעלכע שמועסן צווישן עבערלין און דעם פֿלעקהונט האָט קיינער נישט געהערט און נישט דערקענט — אַ חוץ די שטומע ווענט.

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

אויבן אין די בורגן וואוינען די האַרן
און זענען וואַזשנע בגילופֿין.
אויף די טורעמס שטייען די וואַכן און שאַלן מיט פֿאַנפֿאַרן.
שאַלקס־נאַראָנים מאַכן פֿריילעך. זייערע מיילער לאַכן.
זייערע הערצער וויינען אָבער אין די טיפֿן.

צווישן לאַנד־קנעכט מיט האַליבאַרדן גייען די האַרן
אויף געיעגן אין וועלדער וואָס רוישן און ביים גאון־הירדן.

בלאַנדזשעט אַ גייער אין ווינט און אין רעגן.
ער וויל וויסן דעם אויסוועג צו אומבאַקאַנטע ברעגן.
ברעגן אָפּגעלעגן אין טיפֿן און וויטן, אין היינט און אין פֿאַרציטן.
פֿרעג נישט ביי די האַרן, אַ גייער. פֿרעג ביי די נאַרן.
נאַרן וויסן פֿון אַ קלוגשאַפֿט וואָס הייסט תמימות.
תמימות איז אַ לאַנד מיט בערג און טאָלן,
זיס אין געזאַנג און שיין ווי געמאָלן.
נאַרן פֿייפֿן דאָרט אויף פֿייפֿאַלן —
דערימעך זענען די לייבן דאָרט ווי לעמער.
די ווינטן בלאָזן אויף כלי־זמר.
אַ גוטער איז דער געבער און אַ גוטער איז דער נעמער.

אין דעם לאַנד תמימות זענען די טעג העלע און קלאָרע,
די מחשבות זענען וואָרע.
דער פריינט איז געטרייער.
די נעכט זענען באַפּלאַקערט מיט אַ גאָלדן פייער.
פרעג אַ גייער, ביי די אונטערשטע און שטילע,
וואָס טוען אין אָרעמקייט תפילה. פרעג ביי די שאָטנס די קילע.

דער שאַלק־נאַר עבערלין פלעגט אָפטמאָל צו שטיין הינטער די טירן און אויפצוהאָרכן וואָס עס רעדן צווישן זיך די גרויסע לייט. די גרויסע לייט גייען אין גאָלדענע פאַנטאָפּל איבערן עולם השפל. הינטער זיי גייט און שפּילט אויף אַ פידעלע דער טייוול מעפיסטאָפּל.

אַ שאַלק־נאַר הינטער דער טיר און אין שפּיגל קוקט אויס ווי אַן אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל. ווי די מרחקים וואָלטן זיך אַנגעטון אַ טאָרבע און זיך אַוועקגעזעצט אין אַן עיגול. צווישן דעם ריטער און דעם נאַר איז עס אין דער שטיל געווען אַ טאָמער־פּאַרקערט־שפּיל. אַ טאָמער־קאַפּויער־שפּיל.

דער ריטער דער „שטאַרקער אוריאַן", האָט עבערלינען געהאַלטן פאַר זיין נאַר און לץ. זה לעומת זה — האָט עבערלין דעם שלאָס־ריטער געהאַלטן פאַר זיין נאַר און לץ. זה לעומת זה — איז אין אַלע עולמות אַן אייביק געזעץ. נישט מער, וואָס דאָ איז דער שאַלק־נאַר געווען קליגער פאַרן ריטער און האָט בעסער געזען ווי אַזוי די וועגן צעגייען זיך אין דעם געוויטער פון די שיקזאַלן. ווי אַזוי די רעדלעך דרייען זיך ווי עס וואָלט מיט זיי געקירעוועט עמיצער אַ דריטער.

ויעמוד — איז דער שאַלק־נאַר עבערלין געשטאַנען הינטער אַ טיר און אויסגעהאָרכט ווי דער ריטער אוריאַן זאַמלט ביי אַ הונדערט שטיק פון זיינע שטאַרקסטע לאַנד־קנעכט און הייסט זיי זיך אָנטון אין שטאָל און אייזן פון קאָפּ ביז פיס, נעמען שווערדן און שפּיזן אין די הענט אַריין און באַפאַלן בבאַן מיט דרוזיאַנען, זיי בינדן ווי די שעפּסן און זיי תיכף־ומיד אַרויסטראָגן צו מקברונען אין געצעלט. דעם פאַרשיוון פלעקהונט — האָט אוריאַן געזאָגט צו זיינע לאַנד־קנעכט — קענט איר מיינעטוועגן איבערשניידן דעם גאָרגל.

דער שאַלק־נאַר האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און איז אַוועקגעלאָפן צום פלעקהונט און אים דערציילט וואָס עס גרייט זיך אין שטעטל. דער פלעק־הונט איז צוזאַמען מיטן שאַלק־נאַר אַוועקגעלאָפן צו בבאַן מיט דרוזיאַנען און זיי דערציילט את כל הנעשה.

— מיינע ליבע לייט — האָט דער שאַלק־נאַר עבערלין געזאָגט און גע־קלונגען מיט אַלע גלעקלעך פון זיין נאַרן־מיצל און געשאָקלט מיט די אייזל־אויערן וואָס זענען אים געהאַנגען איבער די באַקן — די וועלט איז געגליכן צו אַ קרעטשמע מיט אַ סך טירן. אין אַזאַ קרעטשמע קאָן מען אַריינגיין און אַרויסגיין פון אַלע זייטן. אומעטום איז אין איר פאַראַן אַן אַריינוועג און אַן אַרויסוועג. איך ווייס דאָ, מיינע ליבע לייט, פון אַן אונטערערדישער הייל. איך האָב זי געפונען ווען אוריאַן האָט זיך אַמאָל דערצערנט אויף מיר און מיך

אַריינגעוואָרפֿן אין די אונטערשטע מחשכים פֿון זייַן ריטער־שלאָס. קיין בן־אדם ווייס נישט פֿון אָט דער אונטערשטער הייל, אַ חוץ דעם שאַלק־נאַר עבערלין. מיט אָט דער הייל קאָן מען אַרויסקומען אין די גאָר ווייטע מרחקים.

דער שאַלק־נאַר עבערלין האָט געגומען בסוד און בבאן, דרוזיאַנען, דעם פלעקהונט און דאָס פערדל רענדיליה אַריינגעפירט אין דער אונטערשטער הייל. ער האָט זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט.

זיי זענען אַוועקגעריטן ווי די אָדלערס אויף די ווינטן. פלעקהונט איז נאָכגעלאָפֿן פֿון הינטן.

קאַפּיטל ניין און פֿערציק

די סעדער שטייען אין צוויטן.
אויף די רעלסן פּיפּן די באַנען.
בבא איז חלילה ניט פֿאַרשניטן —
די געבליטן רוישן אין דרוזיאַנען.
די זון איז אַ מילדע — די טעג זענען העלע.
אין די וואַסערלעך פּליוסקען זיך קאַטשקעלעך געלע.
וויס בליען די ביימער פֿון באַרנעס און קערשן.
אין די וועלדער יאָגן זיך אין ליבשאַפֿט די סאַרנעס און די הערשן.
די פֿייגל זינגען. עס שמעקן די קוויטן.
אויף די לאַנקעס טרילערן פּאַסטעכער אויף פֿלייטן.
די פּאָטען זאָגן פּיט און די פּערל ליגן פּאַרטייעט אין די מושלען.
פֿון די ווייטעניש קומען צו פֿליען היימישע בושלען.
עס איז באמת געווען דער שענסטער פֿרילינג
ווען דרוזיאַנע איז געלעגן געוואָרן מיט אַ צווילינג.

עס איז געוואָרן נאַכט. עס האָט גענומען טאָגן —

בעת אַני הגבר דער מחבר, האָט געטון אַזוי שיין זינגען און זאָגן, און בין געוואָרן האָפּערדיקער און זשוואַוער אויף מיין פּאָעטישן וואָגן. מיין פֿערדל פּעגאַזוס האָט זיך גענומען לויפֿן און יאָגן. איז דערווייל די שיינע דרוזיאַנע פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. אַז אַ ווייבל איז זוכה, דערגרייכט זי בשלום די חדשים די הויכע. אויך אונזער דרוזיאַנע האָט שוין געהאַלטן ביים האָבן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געטראָגן נייערט פֿון בבאן און נישט חלילה פֿון קיין אַנדערן פֿון די שוואַרצע ראָבן.

נאָך אַ לאַנגן רייטן אין די מחשכים פֿון דער הייל זענען זיי אַרויסגעקומען אין אַ שמעקנדיקן וואַלד אַריין. ביי דרוזיאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייען. זי האָט זיך גענומען קורטשען אין דרייען. געקרעכצט. געמאַכט די באַקאַנטע ווייבערישע געשרייען.

חיות זענען הייבאַמס געניטע. צו אָפּנעמען קינדער דאַרפֿן זיי ניט קיין שקאָלע און קיין דאָקטערישע שיטה. פלעקהונט האָט זיך באַלד גענומען צו דרוזיאַנען דער יולדת — איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך אַוועקלייגן אויפֿן גראָז.

ער וועט שוין זען, אַז אַלצדינג זאָל מירצעשעם זיין גימל. בבאן האָט ער געהייסן מנדר זיין ח״י גדולים און זאָגן אַ יום תהלים צום רבונו של עולם אין הימל. דערביי זאָל ער אָנהאַלטן דרוזיאַנעס רוקן. — ער אַליין, פלעקהונט הייסט עס, האָט מיט זיינע לאַפּעס אַרויסגעצויגן דעם רך־הנימול פון דרוזיאַנעס אינגעוויידן.

דער וואַלד האָט געשמעקט ווי דאָס אונטערשטע גן־עדן.

פלעקהונט האָט איבערגעביסן די נאַפּל־שנור מיט זיינע שאַרפע הינטישע ציין. דער רך־הנימול איז אַרויס מיטן ערשטן געוויין.

— עס איז אַ בן־זכר — האָט פלעקהונט געזאָגט צו בבאן מיט דרוזיאַנען און זיי געוואונטשן מזל־טוב און אַז זיי זאָלן דערציען דאָס יינגעלע לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

דרוזיאַנע האָט ווידער אָנגעהויבן צו קרעכצן.

אַ צווייט קעפּל האָט זיך אַרויסגעוויזן פון דרוזיאַנעס טראַכט.

ואחרי כן יצא אחיו — עס איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ יינגעלע, האָט פלעקהונט פריילעך געלאַכט — ער האָט ווידער באַטראַכט צי דרוזיאַנעס קוואַל האָט זיך שוין פאַרמאַכט. געוואונטשן מזל־טוב. —

קאַפּיטל פּופּציק

עס ברויזן די ווינטן עס וואָיעט דער שטורעם —\
אַ פּרינץ איז געקומען מיט גאָלדענע לאָקן.\
עס קלינגען די גלאָקן אויפן קלויסטעריש טורעם.\
שוואַרץ־שבת צי פּורים?\
עס עפענען זיך פּלוצעם פענצטער פאַרמאַכטע.\
עס פרעגן דערשראָקן קעפּ געגאָלטע און פאַרטראַכטע:\
צי קלינגען די שדים, צי קלינגען די געטער?\
צי ליאַרמען פאַרעטער? פאַלן די שטערן ווי בלעטער?\
קראַכן די ברעטער אויף ביידעם פאַרוויסטע?\
זענען עס קוימענקערערס מיט סאַזשע פאַריסטע?\
צי קלינגען די מתים אין קברים פאַרשמאַכטע?\
צי קלינגט שמחה פלאַכטע?

ויהי כנות — דרוזיאַנע איז מיט מזל געלעגן געוואָרן מיט אַ צווילינג. פלעקהונט האָט ווי אַ ניאַנקע אַ געטרייע און אַ הייסע מיט זיינע לאַפּעס צוגעטראָגן די צוויי קינדערלעך צו דרוזיאַנעס צוויי בריסטן די ווייסע. ביי די קינדערלעך האָבן זיך צוגעקלעפּט די אויגן. זיי האָבן גענומען זויגן.

אַלע דריי, די יולדת און דאָס צווילינג זענען איינגעשלאָפן אויפן גראָז. אין וואַלד איז געוועזן פרילינג. די פייגעלעך אויף די ביימער זענען געווען דער שומר.

ויבית — פלעקהונט האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אויף דער באַלעבאַטישקייט וירא כי אין איש. ס׳איז נישטאָ וואָס צו דערלאַנגען צום טיש.

די משפחה איז איצטער קיין עין־הרע גרויס. די צוויי קינדערלעך זענען נאַקעט און בלויז. דרוזיאַנע איז בלאַס ווי אַ פֿאַרשמאַכטע רויז. עבערלין דער שאַלק־נאַר האָט פֿאַרגעסן מיטצוגעבן אַ זאַק מיט עסן.

פלעקהונט האָט געשמעקט מיט זיין נאָז אין אַלע פיר זייטן פון וואַלד. אולי ירחם — טאָמער וועט ער דערשמעקן ערגעץ וואו אַ קרעטשמע צי כדומה אַ מענטשלעכן ישוב, אַ טאָטער צי אַ בישוף, צי סתם אַ פּאַסטעך פון שאָף און רינדער. ביי וועמען מען וועט קריגן לאָבונג פאַר דרוזיאַנען מיט די צוויי קינדער.

וירח ריח ניחוח — פלעקהונט האָט וויניק געטראַכט מיטן מוח. דערפאַר האָט ער געשמעקט און געשמעקט מיט דער נאָז ביז ער האָט דערשמעקט אַז ערגעץ וואו אויף מזרח־זייט שטייט אַ קלויסטער מיט מניכעס. ביי זיי געפינען זיך תמיד וויינען פון אַלטן יחוס. וויינען וואָס גערעדנקען נאָך די פאַרצייטישע לוחות. אויך עסן וכדומה מעדנים געפינען זיך אין אַ קלויסטער צו אַלדע רוחות.

וירץ — האָט פלעקהונט אַ הויב געטון דעם הינטישן ווידל אין דער הויך און איז ווי אַ פייל פון בויגן אַוועקגעשאָסן צווישן די בוימער.

ער איז געלאָפן מיט אַן אַרויסגעשטעקטע צונג. ענדלעך איז ער צוגעקומען צו אַ ליידיקן פּלאַץ אין וואַלד. דאָרט איז געשטאַנען אַ גראָ געמויערט בנין אין דער געשטאַלט פון אַ בשמים־ביקס. טירן און פענצטער זענען געווען פאַרשלאָסן. ס׳זענען געווען אַרונטערגעלאָזט אַלע לאָדנס. פלעקהונט האָט געבראָמט. עס האָט אים פאַרדראָסן, נישט צו וויסן וואו עס האָבן זיך דאָ אַהין געטון די בני־אדמס? ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזען — אויבן איבער דער גראָער געמויערטער בשמים־ביקס געפינט זיך אַ שפּיציקער טורעם. אין טורעם הענגט אַ גלאָק.

פלעקהונט האָט זיך נישט לאַנג מיישב געווען און זיך פלינק אַרויפגע־דראַפּעט אויף די ווענט. זיך אַריינגעכאַפּט אין טורעם. צוגעלאָפן צו דער שנור פון גלאָק. אָנגעהויבן צו קלינגען מיט אַלע כוחות.

דער אַלטער גלאָק האָט זיך צעוויגט מיט אַ געשאַל. דער וואַלד האָט מיט עכאָס געענטפערט פון אומעטום און פון איבעראַל — גלייך ווי עס וואָלטן געקלונגען טויזנט גלאָקן.

אינעווייניק אין דער בשמים־ביקס האָט מען, זעט אויס, זיך שטאַרק דערשראָקן. טירן און פענצטער וגם די לאָדנס האָבן זיך פלוצעם אויפגעטון. פון אומעטום האָבן זיך באַוויזן אויסגעגאָלטע קעפּ פון מניכישע בן־אדמס.

די געגאָלטע קעפּ האָבן געזען, — אויבן אויפן טורעם שטייט אַ באַ־שעפעניש, וואָס האָט די פורעם פון אַ האַלב־מענטש, האַלב־הונט. ער ציט ביים גלאָק. קלינגט און קלינגט. זיי האָבן געמיינט אַז צוליב זייערע זינד און חטאים איז געקומען פון גיהנם און פון אונטן אין שאול־תחתיה נאָך טיפער, דער סאַמעראָדנער לוציפער. ער זאָגט צו די מניכעס ברוכים־הבאים, איר זיסע רשעים. ער רופט צוזאַמען אַלע פינצטערע רוחות צו שוואַרץ־שבת, צו שלש־סעודות פון דער קליפה, צו לילית׳עס חופה, צי צו אַן אַנדער שליחות!

די מניכעס זענען העגדום־פּעגדום אַרויסגעלאָפן פון קלויסטער ווי דער־שראָקענע האָזן און האָבן געמאַכט ויברח צווישן דיביימער און די גראָזן.

קאַפּיטל איין און פופציק

אָן אַ צאָל זענען די שטערן אין די הימלישע טיפן.
לײדיק זענען די ימען — זעלטן די שיפן.
די שטערן, ווער קאָן זיי דערגרייכן?
שיפן אויף ימען, בלעטער געפאַלענע אין טייכן, זיי גיבן אַ צייכן
פון געגאַנגענע וועגן, פון באַשאָטנטע ברעגן.
די שטערן, זיי שווייגן ווי שטומע מזלות.
אין נעכט פינצטערע ווי גושן
פלאַקערן די שטערן ווי מוצאי־שבתדיקע הבדלות.
די ימען זיי שוימען און רוישן.
צי געדענקסטו די ליבשאַפט פון צפּורהן צו משהן?
די וואַסערן, — זיי פליסן מיט אַ שעפּטשען אַ זיסן.
זייערע ווינטן זענען צום געניסן.
אַ איר גוטע אָקעאַנען!
אייערע לופטן זענען ווי ווירוך אויף געטערישע פּאַנען.

אויף איינזאַמע שיפן, איר קאַפּיטאַנען געניטע,
איר קענט אַלע ערדן פון דער וועלט, איר קענט פוילן און ליטע.
גיט רו און מנוחה די ווייבער און מאַנען
וואָס ווײנען אין ליבשאַפט.
גיט רו און מנוחה בבאַן און דרוזיאַנען.

פלעקהונט איז טאַקע נישט געווען פון די גרויסע פילאָזאָפן, פאָרט האָט ער געזען אַז ער האָט געטראָפן מיטן גלאָק אין די ריכטיקע פּרים הנשרפים. די מניכעס זענען אַנטלאָפן. די טירן פון קלויסטער שטייען אָפן. ויקפוץ מן המגדול — ער איז אַ שפּרונג אַרונטער געגעבן פונעם טורעם און אַרייַנגעלאָפן אין דער אויפגעפּראַלטער בשמים־ביקס פון אַ קלויסטער. ער האָט זיך דאָרט נישט אַרומגעקוקט אויף די טייערע געמעלעכצן און אַנדערע זעלטענע שמאַכטעס און כלים. אַ מענטש אַ מבין וואָלט געשטאַנען און באַקוקט און באַוואונדערט. פלעקהונט האָט עס געהאַלטן פאַר דברים בטלים. ער האָט אין זינען געהאַט תכלית. קודם־כל איז ער אַרייַנגעלאָפן אין קיך.

זעט זיך אויס, — ביי די מניכעס האָט זיך געקאָכט וועטשערע. עס איז מיר איצט קלאָר ווי דער טאָג — האָט פלעקהונט ביי זיך געטראַכט — פאַרוואָס די אויסגעגאָלטע קעפּ האָבן פאַרהאַקט די טירן און אַרונטערגעלאָזט די לאָדנס. זיי זענען נזהר פאַר אַ בייז אויג און ווילן נישט אַז אַ פרעמדער וכדומה אַ הונגעריקער אורח זאָל חלילה זיך אויך וועלן מיטוואָשן צום געבראָטנס.

אין דער קיך האָט גאָר בשמחהדיק געפלאַקערט אַ פייער. אויף די פייער־קעס זענען געשטאַנען טעפּ ווי די שוואַרצע בערן. אין די טעפּ זענען געלעגן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן און געוואַרט אויף נסים, היגער, קאַטשקעס און גענז. נישט עפּעס דאָרט קיין עופהלעך, קיין שטותים, נייערט די ריכטיקע ברבורים אבוסים פון רעמסס און פון פיתום. פלעקהונט האָט געדרייט מיטן עק און אַריינגעשטעקט אַ פינגער און געטון אַ לעק. אַלצדינג האָט געהאַט טויזנט טעם און איז שוין געווען מוכן ומזומן צו ווערן געגעסן אויף וועטשערע. עס זענען אויך געשטאַנען טעפּ פולע מיט צימעס. אויף זיי צו קוקן איז גאָר געווען אַ זיסקייט און אַ נעימות.

פלעקהונט איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און ווידער אָנגעהויבן צו שמעקן מיט דער נאָז. ער האָט טאַקע דערשמעקט אַ שטאַל. אין שטאַל איז געשטאַנען אַ וואָגן. וגם אַ פערדל איז געשטאַנען ביי אַ קאַריטע און געשמאַק געקייט סעטשקע.

פלעקהונט האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און איינגעשפּאַנט דאָס פערדל אין וואָגן. אויפן וואָגן האָט ער אַרויפגעלייגט פון קלויסטער דעם גאַנצן גן־עדן־התחתון. דרוזיאַנע מיט די צוויי ווערימלעך וועלן מער נישט הונגערן און שמאַכטן — האָט פלעקהונט צו זיך געזאָגט. — ווי אַ געניטע באַלעבאָסטע האָט ער אויך מיטגענומען אַ מולטער וואו מען זאָל קאָנען אויס־באָדן די רך־הנימולס. והלך משה מרדכי — ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן, געזונגען אַ זמרל און צוריקגעפאָרן צו דער משפחה.

והעיר שושן צהלה ושמחה — מען האָט געפּראַוועט כמעט ווי אַ ברית־מילה אונטער די וואַלד־בוימער וואָס זענען געשטאַנען שמעקנדיקע און שטילע. דרוזיאַנעס באַקן זענען צוריק געוואָרן ווי זאַפטיקע עפּל. זי האָט זיך שטאַרק געפרייט און אַ יעדעס פון די צוויי קינדערלעך געקושט איבערן קעפּל. אירע ווייסע ליכטיקע בריסטן האָבן געפלאָסן מיט מילך און האָניק.

פלעקהונט האָט אָנגעלייגט אַ פייער און זיך אָוועקגעשטעלט באַקן אַ פורימדיקן סטאַניק.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

אַמאָל איז געווען אַ מלך, געהייסן האָט ער ר׳ לייבעלע.
געהאַט האָט ער אַ ווייבעלע זיס ווי אַ טייבעלע.
אַן אשת־חיל אין אַ גאָלדן הייבעלע.
זאָגט די מלכה צום מלך: דע מאַין באַת.
האָסט חתונה געהאַט שמענדריק, גיי און שאַף פּרנסה.
איז זיך געגאַנגען דער לייב און געזונגען אַ דייטשמעריש זמרל.
אין וואַלד האָט דער פּיקהאָלץ געקלאַפּט מיט אַ העמערל.
דאָס זומער־פייגעלע האָט געפלאַטערט אויפן גרעזעלע.
דער לייב האָט געשמעקט מיטן נעזעלע.

דערווייל מאַכט זיך שקיעת־החמה.
האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און געדאַוונט מנחה ביחידות,

און געזאָגט שלוש עשרה מידות.
דערזעט ער אונטער דיביימער דרוזיאַנען ליגן.
טראַכט ביי זיך דער לייב:
וואָס וועל איך דרייען מיטן וויידל און יאָגן פליגן?
האָט ער גאָט אין הימל פאַרגעסן,
געעפנט דאָס שיינע פיסקעלע און געוואָלט דרוזיאַנען אויפפרעסן.

אַמאָל איז געווען אַ מלך האָט ער געהייסן ר׳ לייבעלע.
איז זיין ווייבעלע געווען שטיל ווי אַ טייבעלע.
זי איז געווען אַן אשת־חיל מי ימצא אין אַ גאָלדן הייבעלע.

ויהי כחום היום — ווי אַלצדינג איז שוין געווען אָגיל ואשמח, האָט זיך בבא אָנגערופן צו דרוזיאַנען און צום פלעקהונט כהאי לישנא.

— עס איז נישט קיין תכלית דאָ צו זיצן אין וואַלד כסדר. קינדער וואַקסן אונטער און מען דאַרף זיי אָוועקגעבן אין חדר. אַזאַ שיינקייט ווי דרוזיאַנע קאָן נישט שטענדיק אַרומגיין אין אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער. איך וועל אָקערשט בלי־נדר אָוועקגיין אין וואַלד אַריין טיף. וועל אַזוי לאַנג גיין ביז איך וועל צוקומען צו אַ ים און דאָרטן טרעפן אַ שיף.

— דו פלעקהונט געטרייער — האָט זיך בבא געוואָנדן צום פלעקהונט — אונטער דיין השגחה לאָז איך איבער דרוזיאַנען, וואָס איז מיר טייער און מיינע צוויי קינדערלעך וואָס כ׳וואָלט פאַר זיי געשפּרונגען אין פייער. איך בין זיכער, אַז ביז איך וועל צוריקקומען מיט דער גוטער בשורה, וועט דאָ אַלצ־דינג צוגיין כשורה און קיינעם וועט נישט געקרימט ווערן קיין האָר.

פלעקהונט האָט געדרייט מיטן וויידל און בבאן געלעקט איבער די הענט. שפּעטער האָט בבא געהאַלזט און געקושט די יולדת און די צוויי קינדערלעך און איר געזאָגט אַז זי זאָל גאָרנישט זאָרגן. ער האָט בדעה צוריק צו קומען מירצעשעם מאָרגן. וילך למסעיו — ער איז אין וואַלד געגאַנגען זוכן אַ ים. אויף אים שווימען דאַך שיפן מן־הסתם.

קאַפּיטל דריי און פופציק

ווי קאָנען מיינע ווערטער זיין געגראַמטע,
און מיינע גראַמען באַחנטע און באַטעמטע,
ווען אויף די שפּיצן פון די ביימער הענגט די לבנה אַ בלאַסע?
אין די פינצטערנישן פליסטערט די סכנה,
ווי לילית ביי אשמדאין אויף דער טעראַסע.
פלעקהונט ליגט נעבאַך טויט אין אונזער סיפור־המעשה.
דרוזיאַנע אַן אלמנה וויינט אַזוי ביטער. אירע אויגן זענען נאַסע.

ויהי בחצי הלילה — דערווייל איז געוואָרן נאַכט. די לבנה האָט אויפגע־שיינט אויפן הימל ווי אַ גרויסער זלבערנער טעלער. די וואָלקנדלעך זענען געוואָרן העלער. די פייגעלעך זענען אַנשטומט געוואָרן אויף די בוימער. דער

וואַלד האָט אויסגעקוקט ווי אַ לבנה־שפּינער אַ טרוימער. דרוזיאַנע מיטן צווילינג זענען זאַטע איינגעשלאָפן אויפן גראָז. אויך פלעקהונט האָט זיך נאָך דער גרויסער פּראַצע אויסגעצויגן אונטערן לבנה־הימל ווי אַלע שוכני בתי־חומר און געכאַפּט אַ דרימל.

ויהי היום — מאַכט זיך אַ מעשה —

ווי דער שטייגער איז פון לייבן גייען זיי אַרויס בייִנאַכט פון זייערע נאָרעס און זוכן זאַק־רויב וכדומה צו מאַכן אַ לעבן און טראַכטן וועגן מפרנס זיין ווייב און קינדער.

גייט זיך אַזוי אַ לייב איבערן געדיכטן וואַלד, פינקלט מיט די אויגן און דרייט מיטן מלכותדיקן וויידל. שמעקט מיט דער נאָז און קוקט זיך אַרום, אפשר וועט זיך אים טרעפן עפּעס אַ הירשעלע, אַ ציגעלע־מיגעלע, וואָס ליגט ביי דער מאַמען אין וויגעלע צי עפּעס אַן אַנדער רויבעריש פּאַרדינסטל.

גייט ער זיך אַזוי פּאַמעלעכל, דער ירום הודו פון די חיות. קומט צו און זעט ווי אויף דער ערד ליגן און שלאָפן דרוזיאַנע מיט די צוויי קינדערלעך אַלע שיין און פריש ווי די עפּעלעך.

טראַכט ביי זיך דער לייב: האָב איך דאָך ממש געגומען און געטראָפן אויף די פינף און זיבעציק טויזנט.

— איך וועל האָבן שוין איינמאָל אַ סעודת־פּורים — זאָגט צו זיך דער לייב — פּאָר מיין פּלוניתטע און פּאָר מיינע לייבעלעך קיין עין־הרע ביי מיר אין דער היים אין דער נאָרע.

דער לייב גייט זיך שוין גרייטן צו דער שחיטה. טוט ער נאָכאַמאָל אַ שאַרפן קוק און זעט, אַז די שלאָפנדיקע זענען אַ פּרינצעסין און פּרינצן. הונדערט פּראָצענטיקע זרע־מלוכה זהב־טהור.

פון קדמונים פירט זיך ביי מלכים אַז אַ האַנט וואַשט אַ האַנט. דער לייב טראָגט די קרוין פון די חיות. ביי לייבן גילט אויך דער חוק ולא יעבור, אַז מיט קיין זרע־מלוכה טשעפּעט מען נישט. מעג מען אפילו זיין נאָך אַ תענית. זרע־מלוכה מוז מען שאַנעווען. זיי זענען נישט עפּעס דאָרט קיין עמך וכדומה אָפּגעדאַוונטע הושענות.

עס איז געווען זייער אַ האָנאָראַווער לייב און האָט שטאַרק געהאַלטן פון שטאַנד און יחוס. האָט ער צוריק פאַרמאַכט דעם פּיסק, אַראָפּגעלאָזט דעם וויידל און איינגעשטילט דעם בלוטיקן יצר־הרע. ער איז געוואָרן זייער פּאַטיש און באַקומען חשק צו זאָגן סליחות. ביים זילבערנעם שיין פון דער לבנה האָט ער באַטראַכט דרוזיאַנען, די שיינקייט וואָס קוקט איצט אויס ווי אַ הימלישע נאַנע. דער לייב האָט פאַרגעסן דאָס פרעסן און האָט זיך ממש געבאָדן אין גייסטיקער הנאה. ער האָט געקוקט און געקוקט. ענדלעך האָט ער הויך געזאָגט אויף דייטשמעריש:

— היער צו לאַנד וערט עס געגאַנט איינע געטלעכע רוע.

פון לייבס קול איז דרוזיאַנע אויפגעוואַכט. זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און געזען ווי לעבן איר מיט די צוויי קינדערלעך שטייט אַ לייבלעכער לייב.

האָט זי נישט לאַנג געטראַכט. אין שטילן בייִנאַכטיקן וואַלד האָט זי געמאַכט אַ ביטער געוואַלד.

הינט האָבן אַ לייכטן שלאָף. פלעקהונט, הגם ער איז געלעגן מיט אויס־געצויגענע הענט און פיס און געכראָפּעט, האָט ער פונדעסטוועגן באותו הרגע דערהערט את כל הנעשה און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן לייב און אים געוואָלט אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל.

פלעקהונט איז אָבער אפילו ביי די הינט נישט געווען פון די זרע־מלוכה. מחמת דערימעך האָט דער לייב נישט געהאַט די מינדסטע סיבה אים צו שאַנעווען.

האָט טאַקע דער לייב געטון אַ ברום און אויסגעשטשירעט די ציין. ער האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע קונצן און גענומען דעם גאַנצן פלעקהונט און אים צעריסן אויף צוויי גלייכע שטיקער.

איין האַלבן פלעקהונט האָט ער איבערגעלאָזן ביי דרוזיאַנען. די צווייטע העלפט האָט ער גענומען אין פיסק אַריין און געלאָפן מיט דער מציאה טיפער אין וואַלד אַריין.

דער מלך פון די חיות האָט אַ האַלבן פלעקהונט געבערענגט אויף וועטשערע פאַר זיין לייבישן בני־בית.

קאַפּיטל פיר און פופציק

אויף די לאַנקעס רוישן גראָזן.
אויף דעם ברונעם הענגט אַן עמער.
שטילע לינדע ווינטלעך בלאָזן.
ליבלעך מעקען שאָף און לעמער.
עס שיסט דער יעגער נישט אויף האָזן.
אויף יאַרידן פאָרן קרעמער.

מיט צוויי קינדער אויף דער פּלייצע,
גייט אַ ווייבל דורך וואַלד און טאָל.
זי קוקט און טראַכט און זוכט אַן עצה:
ווי קומט אַ ייד צו קבר־ישראל?
קוקט זיך גוט איין אין איר פּנים, יידן רחמנים בני רחמנים,
קוקט זיך גוט איין נאָכאַמאָל —
איר וועט זיך באַלד דערמאָנען אין דרוזיאַנען.

ויהי כראות — ווי דרוזיאַנע האָט געזען די חתונה און אַז זי איז געבליבן נישט מער ווי ביי אַ האַלבן פלעקהונט. אויך די דאָזיקע העלפט איז איצט נישט מער ווי אַ בידנער עליו־השלום, — איז ביי איר נישט געווען דער מינדסטער ספק, אַז דער לבנהדיקער וואַלד איז נישט קיין לעמעלע פון אַ פּאָעטישן חלום, נייערט אין אים ווימלט פון פיפּעגאָטערס, לינדן־ווערים וכדומה לייבן און עלעפאַנטן. אויך מיין בבא — האָט זי געכליפּעט — ליגט שוין ערגעץ אין אַ פיסק פון אַ לינדן־וואָרים און עסט דאָרט נישט קיין האָניק־לעקעך און טרינקט דאָרט נישט קיין שמאַנטן.

עס איז טאָקע פינצטער און ביטער צו זיין אַ שוואַכע און וויסטע אלמנה מיט צווײ שפּילטער־נאַקעטע יתומים אין אַזאַ ווילדן וואַלד אַליין.

וואָס טוט אַ יידענע? זעצט זי זיך נעבאַך אַוועק אונטער אַ בוים, טוט אַזוי לאַנג יאָמערן און וויינען ביז עס ווערט קאַיאָר און די זון הייבט אָן צו שיינען.

קאַפּיטל פינף און פופציק

עס פידלען די פידלער, עס פויקן די פויקער:
די בת־מלכה איז געקומען!
ויהי ערב ויהי בוקר —
דרוזיאַנע האָט געבערענגט אַ צווילינג במזומן.
לאָמיר פרעגן די שטערן און הערן און לוישן —
פון וואַנען האָט דרוזיאַנע די קינדער גענומען?
וואָס ווייסן די פידלער, די צימבלער, די פויקער?
דאָ האָבן צו זאָגן דער פילוסוף און דער חוקר —
און די פרימאָרגנס וואָס טאָגן.
מען ווייסט עס אין פוילן. מען ווייסט עס אין גושן.
פּאַליעס אויפן ים פליסטערן און רוישן:
מיר וויסן דעם סוד. מען דערציילט איס אין בראָד.
מען שמועסט אין די קלויזן און ביים ישן־נושן אין סוכה,
אין דער שטאָט ירושלים, אין פויזן און קראָקע.
אַ פּראָסט פשוטע מעשה, —
נישט צו פאַרטוישן מיט מעשיות וואָס פלוישן,
פון יאַרידן אין הימל.
דרוזיאַנע האָט געכאַפּט נאָכן טשאָלנט אַ דרימל.
זענען געקומען געפלויגן צווײ בושלען ווייסע, —
צווײ בושלען ווייסע מיט צווײ קינדער אין קוישן.
דאָס איז די מעשה —

וירא כי אין איש — האָט דרוזיאַנע געזען אַז ס'איז נישטאָ קיין עצה. ותיקח את החימת — האָט זי גענומען די צווײ יתומים אויף דער פּלייצע, וגם האָט זי גענומען אַ פּראָסטן וואַלד־שטעקן אין דער האַנט אַריין און האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבערן וואַלד נישט ווי אַ פּרינצעסין אַ באַרימטע יפת־תואר, נייערט ווי אַן אָרעמאַנטע אַ מדינה־גייערקע, וואָס איז איר ביטער און זויער.

גייט זי און וויינט און רעדט צו זיך כהאי לישנא:

אויב עס האָלט טאָקע מיט מיר אַזוי שמאָל. וגם כי אלך בגי צלמות — איך גיי מיט די צווײ קינדערלעך בבאַס צווישן לייבן און לינדן־ווערים אין אַ פינצטערן טאָל. לאָמיך כאָטש, גאָטעניו, קומען צו קבר־ישראל.

גייט אַזוי דרוזיאַנע און וויינט. אויך די צווײ קינדער אויף אירע פּלייצעס שרייען און וויינען.

פּלוצעם הערט זי צווישן די וואַלד־בוימער דאָס וואָרעמע מעקען פון שאָף און לעמער.

תחילת האָט דרוזיאַנע געטראַכט: וועלף! פּאָרט האָט זי זיך באַלד דער־מאָנט, אַז וועלף מעקען נישט אַזוי וואָרעם.

ותלך — האָט זי אָנגעהויבן צו לויפן אין דער זייט וואו עס האָט אַזוי ליבהאַרציק געמעקעט.

זי איז טאַקע באַלד אַריינגעקומען אין מיטן אַ סטאַדע פון שאָף און לעמער. אויף אַ שטיין אונטער אַ בוים איז געזעסן אַ פּאַסטעך און האָט זיס געפּיפן אויף אַ פּייפעלע. אַ פּייפעלע איז, ווי מיר ווייסן, דאָס וואָרעמסטע כלי־זמר.

וישא את עיניו — דער פּאַסטעך האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען אַן אשה וואָס טראָגט צוויי האַלב־נאַקעטע קינדער אויף דער פּלייצע. איז ער אויפגעשטאַנען פון אונטערן בוים, אַוועקגעלייגט דאָס פּייפעלע אויפן גראָז און פריינטלעך געפרעגט ביי דרוזיאַנען מאין באַת ולאָן אתה הולך?

דרוזיאַנע האָט אים דערציילט את כל הנעשה, די גאַנצע בבא־מעשה פון ר׳ אליהו בחור, אים געוויזן אויף די קינדערלעך וואָס זי האָט געהאַט פון איר געליבטן זכר. די קינדערלעך זענען טאַקע שיין ווי די רויזן, נאָר גייען נעבאַך אַן הויזן און וויינען אויף אירע פּלייצעס. דערביי האָט זי אים געפרעגט אויף אַ וועג אַרויסצוקומען אין אַ שטאָט אַריין וכדומה צו אַ ישוב.

קודם־כל האָט דער פּאַסטעך גענומען די צוויי קינדערלעך און זיי געגעבן צו טרינקען וואַרעמע מילך פון זיינע לעמער. זיי האָבן באַלד אויפגעהערט צו וויינען און ער האָט זיי אַוועקגעלייגט שלאָפן צווישן די שעפסן. דרוזיאַנען האָט ער געגעבן קעז און מילך און איר געזאָגט דברי־תנחומים. ער האָט איר געוויזן אַ וועג אין שטאָט אַריין. דאָרט שווימט דער ים אוקינוס און עס שטייען דאָרט שיפן מכל־קצוי ארץ.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגערוט האָט זי ווידער גענומען דאָס צווילינג אויף דער פּלייצע און וואַלד־שטעקן אין דער האַנט; ויצא — זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט שוין אויף אַ היימישער לאַנד.

ותלך דרוזיאַנע — איז טאַקע דרוזיאַנע געגאַנגען ווי אַ מדינה־גייערקע אַן אָרעמאַנטע. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען איבער קרעטשמעס און הקדשים. סוף כל סוף איז זי אַריינגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט. וכדברי הפּאַסטעך איז דאָרט געשוואומען דער ים אוקינוס און אויף אים זענען געשטאַנען שיפן פון אַלערליי מדינות.

גייט אַזוי די אָרעמאַנטע דרוזיאַנע צווישן דעם וואַלד פון זעגל־שיפן, וואָס וויגן זיך אויפן ים אוקינוס. גייט זי און בעט רחמנות ביים רבונו של עולם און זאָגט תחינות. —

פּלוצעם דערזעט זי אַ גרויסע שיף. אויף דעם שנאָבל פון דער שיף איז אויסגעמאָלט אַ גאָלדענער האָן. דאָס איז דער צייכן פון לאַנד אַרמוניה. אויף די זעגל־ביימער פלאַטערן פּורפּולנע פענער. זיי זענען אויך באַמאָלט מיט גאָלדענע הענער.

גייט נעבאַך דרוזיאַנע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אַרויף אויף דער שיף, טאָמער וועט זי אָנטרעפן אַ באַקענטן.

דרוזיאַנעס שיינקייט האָט אַרויסגעלויכטן פון אירע צעריסענע און צע־פליקטע מלבושים ווי דער מאָרגנשטערן פון די וואָלקנס.

באותו הרגע האָבן אַלע אויף דער שיף זיך געכאַפּט, אַז אָט די בעטלערקע איז בכבודה ובעצמה די בת־מלכה דרוזיאַנע די שיינע, און מיט אַ צוגאָב פון צוויי קינדערלעך קליינע. יעדעס קינד באַזונדער איז שיין ווי אַ פּופּע. עס האָבן אפילו ביי זיך געטראַכט די מאַטראָזן: אַזעלכע קינדער קויפט מען נישט אויפן יאַריד און נישט אין קרעמל ביים פיש חלזון. מען געפינט זיי אויך נישט ווי זומער־פייגעלעך אין די גראָזן. צי זענען עס כשרה קינדער מיט אַ רב און מיט אַ חופה? צי חלילה ממזרים פון עפּעס דאָרט אַ טריפהנער קופּע?

ותהום כל העיר — די גאַנצע שיף איז באַלד געגאַנגען כאַדאָראָם. לכבוד דער געפונענער פרינצעסין האָט מען אויפגעשפּילט אַ וויוואַט און מען האָט זי אָנגעטון אין בגדי־זהב. די צוויי קינדערלעך האָט מען אויך מלביש ומנעיל געווען.

דרוזיאַנע האָט נישט געקוקט דערויף, וואָס מען באַוואַכט זי מיט כלי־זיין, עס פייפן און קלאַפּן די פויקן און שאַלאַמאַיען. מען קאָרמעט זי מיט מאַרצע־פּאַנעס, מיט מילגרוימען און מיט פייגן. זי האָט אַרויסגענומען אירע צוויי ליכטיקע בריסטן, די מאַמעשע ברונימער דרוזיאַנעס, און געגעבן די קינדער־לעך צו זייגן.

אויף דער שיף האָט מען אויפגעלאָזט אַלע זעגל־טיכער און אויפגעהויבן דעם אַנקער. מען האָט געוואָלט קומען קיין אַרמוניה וואָס גיכער און צוריק־ברענגען דרוזיאַנען צו איר טאַטן דעם קיניג זיגמונדוס, וואָס זיצט אין זיין פּאַלאַץ אַ טרויעריקער און קראַנקער און לערנט „איוב" וכדומה אומעטיקע ביכער.

קאַפּיטל זעקס און פופציק

די בעז־ביימער דופטן אין געפלידער.
אין די גלאָז־שענק ליגן די געשמיידן.
דרוזיאַנע דאַווענט פון אַ סידור,
ווי די מוטער רחל אין גן־עדן. מיר קענען זיי ביידן.
דאָס טויער פונעם פּאַלאַץ איז פאַרשלאָסן.
דער קיניג — זיין קאָפּ איז שוין גרויער.
זיין באָרד איז צעפלאָשעט, זיין פּנים פאַרדראָסן.
אַ מויד פון די מיידן! —
זאָגט ער מיט טרויער —
די מעשה איז נישט פּשוט. עס איז מיר דערווידער.
קינדער זענען נישט קיין לידער,
וואָס די מוזעס ברענגען צו פּאָעטן.
קינדער זענען נישט קיין שטערן און פּלאַנעטן,
וואָס ווייזן זיך אויף די הימלען אין די בין־השמשותדיקע שפּעטן
פון קינדער אָן אַ רב איז צום לאַכן און צום שפּעטן.

וי קאָן מען נעמען און פאַרגלעטן
די חטאָן וואָס קומען פון פאַרזינדיקטע בעטן?

ותצא דינה — גאַנץ אַרמוניה האָט געהערט, אַז די שיינע דרוזיאַנע איז געקומען. איז מען צו פערד און צו שליטן איר אַקעגן געפאָרן און אַקעגן געריטן קינד און קייט. גרויס איז געווען די שמחה און די פרייד. אויך דער אַלטער קיניג זיגמונדוס איז איר אַקעגן געקומען אויף זיין גאָלדענער מרכבת־המשנה. די קיניגלעכע סוויטע האָט אים באַגלייט.

מען טוט אַ קוק: די שיינע דרוזיאַנע גייט אַראָפּ פון דער שיף מיט צוויי קליינע קינדער.

שטעטל האָט זיך שטאַרק געחדושט: ואלה מי גידל? ווער האָט עס איר אָפּגעשפּילט אויפן פידל? אַ ווייסער בושל האָט עס איר אַריינגעברענגט דורכן פענצטער אין אַ קיישל מיט וואַטע? און ווער איז דער טאַטע? לעת־עתה — מפני כבוד־המלכות האָט מען געשוויגן. דאָס פּראָסטע עמך האָט כלומרשט געכאַפּט פליגן. די סמעטענע פון שטעטל האָט געפּיפּן און געפּויקט מיט פייפיאַלן און פויקן — און אַלצדינג כדי צו פאַרשטעלן די אינערלעכע מחשבות.

דער קיניג זיגמונדוס האָט געשוויגן אַ פינצטערער ווען ער האָט געזען די צוויי אייניקלעך. ער האָט אויך נעבאַך ביי זיך געטראַכט: הזאת נעמי? און האָט אויך אַרויפגעקוקט צום הימל צי האָט ער נישט קיין טעות. צי פליט דאָרט דער בושל וכדומה נסים ונפלאות? שיינע מיידלעך און בתולות נאָות ווערן גאָר היינט צו־טאָג מעוברתע אמהות און ווערן שפּעטער געלעגן אויפן גרינעם גראָז?

ערשט אין פּאַלאַץ האָט ער אָװעקגערופן די טאָכטער אין אַ זייט און גע־פרעגט אַ פינצטערער:

— ביסט מיר צוריק געקומען, טאָכטערשי, ווי אַ מיידל מיט אַ כתב. מיר וויסן פון קדמונים: קינדער זענען נישט אַזעלכע חכמים ונבונים צו קומען אַליין. סיידן, אַ בראָך צו מיינע שונאים. מען פאַרקוקט אויף אַ לאוו און מען עסט מצה ערב פּסח. אָט די צוויי בנים האָבן גענומען אַ קיניג און אים געמאַכט פאַר אַ קוימענקערער, פאַר אַ נאַר צווישן נאַראָנים, און אים איינגעשמירט דאָס פּנים.

— נייערט גלאַט־כשרע קינדער האָב איך געטון האָבן — האָט דרוזיאַנע געזאָגט און אַריינגעכליפּעט אין איר פאַרטעך — איך האָב זיי באַקומען פון מיין מאַן בבאַן. איך האָב זיי געבוירן אין אַ וואַלד אונטער ביימער שטילע. פייגעלעך האָבן געזונגען אויפן ברית־מילה.

— וואו איז ער איצט דער תנא־ברא, דער שיינער טאַטע, וואָס האָט גענומען און דיך אַוועקגעוואָרפן ווי אַ שמאַטע? איז ער אַוועקגעפלויגן אין דער מדבר סאַהאַרע? אָדער געוואָרן אַ מלמד אין מצרים ביים אַלטן פּרעה? — האָט זיגמונדוס געפרעגט און בייז געקוקט אויף די צוויי אייניקלעך.

אין גרויסן געוויין האָט דרוזיאַנע דערציילט, אַז די לייבן צי די לינדן־ווערים האָבן בבאַן אויפגעפרעסן אין וואַלד.

— מילא — האָט זיגמונדוס געזאָגט און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס — איך מוז דאָך דיר גלייבן, אַז די קינדער זענען כשרע און זייער טאַטן האָבן אויפגעפרעסן די לייבן. וויש דיר אויס די אויגן, טאַכטערשי, און זיץ ביי מיר אויפן גרייטן. האַלט דיך ערלעך, מאַך נישט קיין נאַרישקייטן און זיי נישט אין מויל ביי לייטן.

איך וועל מיט דיר טון אַ שידוך הגון און וועסט נאָך מירצעשעם זיין אַ מלכה און פאָרן אויף אַ גאָלדענעם וואָגן.

קאַפּיטל זיבן און פופציק

דאָס קנייטל פלאַקערט אין קאַגאַניקל.
בבא גייט אַרויס אויפן גאַניקל
דאָס ימעלע צו באַקוקן.
די פאַליעס זיי שוימען און שטיפן. זיי זענען בגילופן.
די וועלדער — מיט בשמים זיי טריפן.
אַ, איר בוידן און שיפן,
היימישע אין די וויטענישן און אויפן אקינוס דעם טיפן —
צי ווייסט איר פון אַזאַ זעלטענע מדינה,
אַ מדינה פון ליבשאַפט, אַ מדינה אָן שנאה?
אַ שטייגער — ווי ארץ־ישראל און אַרגענטינע?

בבא באַקוקט די ימישע פליינען.
די פאַליעס זיי שוימען אין זוניקע שיינען.
די וועלדער — זיי דופטן ווי גן־עדנדיקע ווייגען.
בבא גייט צוריק צו זיין פריפעטשיק און הייבט אָן צו וויינען:
— איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן.
איז געקומען אַ לייב, ווילד און מסוכן.
ער האָט געגומען ברומען און מרוקן, און דרוזיאַנען פאַרצוקן.
צווישן אַלע מיידעלעך אויף די וועלטישע ליינען
איז דרוזיאַנע די שענסטע. שענער ווי פערל, געשמיידן און שמוקן.

אַ פייגעלע שטייט אויפן גאַניקל.
אַ קנייטל פלאַקערט אין קאַגאַניקל.

דערווייל וועלן מיר איבערלאָזן דרוזיאַנען ביי איר טאַטן הינטערן אויוון. זאָל זי דאָרט זיצן ביים קרבן־מנחה־סידור וכדומה מעשים־טובים. מיר וועלן אָקערשט פאַרקירעווען די מחברישע פעדער צום וואַלד דעם טיפן און צו בבאן, וואָס רייט צווישן די ביימער און זוכט דאָרט דעם ים און די שיפן.

איז ער געריטן און געריטן אויף רענדיליהן. אין קול ואין קשב פון דעם מינדסטן ים. וואַלד איין, וואַלד אויס און ביימער ווי ארזי־לבנון. עס קלאַפּן די פיק־פייגל און עס קרייען די ווילדע האָנען. פלוצעם איז בבאן געוואָרן אומעטיק

אויף דער נשמה. אין דרוזיאַנען האָט ער זיך געטון דערמאַנען. זי זיצט נעבעך אַליין מיט די קינדערלעך צווישן די בוימער און פלעקהונט איז זייער שומר.

ער האָט אויסגעדרייט רענדיליהן און צוריקגעריטן צו דער פאַרלאָזענער משפחה.

ער קומט אַהין און זעט: נישטאָ מער ווי אַ האַלבער פלעקהונט. פון דרו־זיאַנען מיט די קינדער — קיין פיצל סימן ברכה.

ביי בבאַן איז נישט געווען דער מינדסטער ספק, אַז עס זענען דאָ אַהער געקומען חיות רעות וואָס האָבן דרוזיאַנען מיט די קינדער אויפגעפרעסן ביזן פּאַדים. פון פלעקהונט האָבן זיי אויפגעפרעסן אַ העלפט. עס איז געבליבן אַ העלפט פון אַ טויטן הונט און אַ טויטן בן־אדם.

האָט זיך בבא אַוועקגעשטעלט אונטער אַ בוים, זיך געריסן פאַר די האָר און אָנגעהויבן צו יאָמערן און צו וויינען —

רענדיליה וואָס איז געשטאַנען לעבן אים האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און באַהאַלטן די מאָרדע צווישן די פיס ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו קוקן אויפן טאָג.

אין גרויסן געוויין האָט בבא גענומען אַ לאָפּעטע און אויסגעגראָבן אַ גרוב. גענומען דעם האַלבן פלעקהונט און אים געבערענגט צו קבורה.

נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט וויינען אויף אַ גאַנצע נאַכט. לעבן אים איז געשטאַנען רענדיליה מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

קאַיאָר ווען אין וואַלד איז געוואָרן ליכטיק, די פייגעלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען, האָט בבא צו זיך געזאָגט:

— אַ מענטש וואָס האָט דאָס טייערסטע פאַרלוירן איז בעסער — ער ווערט גאָרנישט געבוירן. דאָס ראָד פון מזל האָט זיך אַוועקגעשטעלט שטיל. דאָס לעבן האָט מער נישט קיין ציל. וואו אַהין איך וועל זיך ווענדן און וואו אַהין איך וועל גיין — איך וועל דאָרט בלייבן אַליין ווי אַ שטיין. רענדיליה מיין פערדל, מיין איינציקער פריינט, דיין צונג איז טאָקע אַ שטומע נאָר דיינע אויגן האָבן געוויינט. מיר זענען צוויי עלנטע שאָטנס, וואָס קיינער טוט נישט באַגלייטן, פאַר אונז רוישן בלויז די ביימער און עס שמעקן בלויז די קווייטן, — פאַר אונז שפּילן נישט די פידלען, פייפן נישט די פלייטן. לאָמיר דערימעך אין צווייטן אַוועקרייטן אין אומבאַקאַנטע ווייטן.

קאַפּיטל אַכט און פופציק

מען הוליעט אין שטעטל. מען טאַנצט אויף די דעכער.
אין קרעטשמע גיסט זיך וויין פון די בעכער.
עס טאַנצן שיקסעס פרעכער און פרעכער.
עס קלאַפּן מיט האַמערס די שמידן און בלעכער.
ניעך זשיע! —
דעם פּריץ וואָרעמט דער מעד די פּריצה קילט דער פעכער.
ניעך זשיע! —

שרייען די זעלנער נאָך העכער.
טייטן און זויפֿן! דאָס לעבן פֿאַרקויפֿן!
לאָמיר שטאַרבן ווי מייז אין די לעכער,
אָדער רויבן גאָלד פֿולע הויפֿן.
רייטן און לויפֿן, מיט ווייבער נואפֿן! —
קיינער ווייסט נישט די סופֿן.
וואָס קאָן זיין בעסער אויף ערדן, ווי ליבשאַפֿט און שווערדן!

ויהי ערב ויהי בוקר — עס איז געוואָרן נאַכט און עס האָט גענומען טאָגן. ווער קאָן זיך אַוועקשטעלן צו זינגען און צו זאָגן ווען די שיקזאַלן יאָגן? בבא איז געריטן וואו אַהין די אויגן וועלן אים טראָגן. ער איז געריטן און געריטן וואַלד אויס וואַלד איין.

ענדלעך האָט זיך פֿון די וויטעניש אַרויסגעשיילט אַ כרך פֿון אַ שטאָט מיט מויערן מיט טורעמס און טורעמלעך. רענדיליהן האָט זיך גענומען לויפֿן. זי איז צוגעלאָפֿן צו אַ קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי די שטאָט־טויערן. פֿאַר דער קרעטשמע זענען געשטאַנען אַ סך געזאָטלטע פֿערד. זעלנער גייען אַרויס און אַריין. פֿון אינעווייניק הערט מען שפּילן האַרמאָשקעס און אַ געזאַנג פֿון פֿריילעכע זעלנערישע לידער.

דער קרעטשמער באַווייזט זיך פֿאַר דער טיר. ער האַלט אין דער האַנט אַ פֿלאַש בראַנפֿן און אַ געבראָטענע גאַנז. ער זעט בבאן און פֿרעגט ביי אים, צי ער וויל אַליין עפּעס אָפּעסן וגם אָנפֿאַשען דאָס דערשוויצטע פֿערדל.

בבא איז מסכּים אַריינצוגיין אין קרעטשמע . דער עיקר האָט ער געוואָלט, אַז רענדיליה זאָל זיך אָנעסן מיט אָבריק.

— ואלה מי גידל? — פֿרעגט בבא ביים קרעטשמער און ווייזט אויף די זעלנער און אויף די געזאָטלטע פֿערד.

— עס זיצט דרינען ביי מיר אַ גרויסער שר — האָט דער קרעטשמער געזאָגט — און ער דינגט זעלנער. ער גייט מלחמה האַלטן מיט זיין שונא. די אַלע זעלנער און פֿערד וואָס דו זעסט, זענען געדונגענע אנשי־חיל.

בבא האָט ביי זיך געטראַכט, אפשר וועל איך גאָר נעמען און מיך פֿאַר־דינגען פֿאַר אַ זעלנער?

מיט אַזעלכע מחשבות אין קאָפּ האָט ער רענדיליהן אַריינגעפֿירט אין שטאַל אַריין און זי דאָרט אַוועקגעשטעלט צווישן אַנדערע פֿערד, וואָס זענען גע־שטאַנען ביי קאָריטעס און געשמאַק געקייט האָבער און אָבריק.

שפּעטער איז ער אַריינגעגאַנגען אין קרעטשמע.

זי איז געווען פֿול מיט זעלנער. טייל זענען געזעסן און געגעסן פֿון פֿולע שיסלען און געטרונקען קרוגן מיט פֿעטן שוימיקן ביר. טייל האָבן געשפּילט אויף האַרמאָשקעס, געפֿיפֿן אויף פּייפֿיאַלן און געזונגען אויף פֿולע העלזער. טייל האָבן שאַליק געלאַכט און געשריען.

וכאשר הביטו על בבא — ווען זיי האָבן אַ קוק געטון אויף בבאן, איז ער זיי באַלד שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. ווערליק זיין שיינקייט און זיין געשטאַלט — האָבן זיי געטראַכט — וויל ער זיך מן־הסתם פֿאַרדינגען פֿאַר אַ זעלנער.

עס איז באַלד צו אים צוגעגאַנגען אַ הויפּטמאַן — אַ הויכער גוי מיט לאַנגע רויטע וואָנצעס. ער האָט בבאַן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס און אים געפרעגט, צי ער וויל זיך פאַרדינגען פאַר אַ זעלנער.

— אונזער האַר — האָט ער געזאָגט — צאָלט גאָלד אין באַר. אַ מלחמה איז פאַר אַ זעלנער דאָס גרעסטע גליק־שפּיל. דאָס מזל דרייט זיך דאָרט ווי אַ ווינט־מיל. אַ זעלנער פרעגט נישט קיין עצה ביי רש״ין, נייערט ער רויבט זיך אָן פולע טאַשן. וויין זויפט ער פולע פלאַשן. מיט ווייבער־ליבע טוט ער זיך פּאַשען.

מען האָט בבאַן אַריינגעפירט צום שר — יענער איז געזעסן ביי אַ בוטלע וויין און ביי אַ פעטן געבראָטענעם אינדיק.

דער שר האָט בבאַן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס און געפרעגט צי ער קאָן פעכטן און שטרייטן צו פערד און צו לאַנד?

בבא האָט דערציילט פון אַלע זיינע קענטענישן אין תכסיסי־מלחמה.

דער שר האָט צו אים געזאָגט בזה הלשון:

— אינעם ריטער־שלאָס שנושומן זיצט אַ באַרימטער פעלדהאַר ושמו — און זיין נאָמען איז סיני־בלד. איך בין זיין בן־יחיד. איינער, אַ רשע פון אַ קיניג מיטן נאָמען ריצער האָט אָנגעזאַמלט חייל און וויל גיין איינעמען אונזער שלאָס און אומברענגען מיין פאָטער. איך בין אַהער געקומען דינגען זעלנער און גיין מיין פאָטער צו הילף.

בבא הערט די מעשה. ער פאַרשטייט באַלד, אַז נייערט צוליב אים, צוליב בבאַן הייסט עס, גייט דער שאַלקהאַפטיקער ריצער זיך נוקם זיין און רעכטפערטיקן סיני־בלד. ער האָט אויך אויפן אָרט דערקענט סיני־בלדס בן־יחיד. ער הייסט טריץ. צוזאַמען מיט אים, מיט בבאַן הייסט עס, האָט אין שנושומן טריץ זיך געלערנט פעכטן מיט דער שווערד, שטרייטן מיט דער שפיז וכדומה ריטערלעכע קענטענישן.

בבא מאַכט זיך נישט וויסנדיק און גיט זיך נישט צו דערקענען. — ער פאַרדינגט זיך פאַר אַ זעלנער.

טריץ הייסט אים געבן עסן.

בבא זעצט זיך אַוועק צווישן די זעלנער. ער איז געווען הונגעריק און האָט זיך גענומען צו טרינקען און צו עסן.

יין ישמח לבב אֱנוש — ביי אַ גלעזל ישן־נושן הייבט דאָס בלוט אָן צו רוישן און מען טוט די צרות פאַרגעסן.

קאַפּיטל ניין און פופציק

די מוצאי־שבתדיקע הבדלות האָבן גענומען שמעלצן.
ארץ־ישראל איז געלעגן אין שנייען.
זאָוויערוכעס האָבן געטון בלאָזן און ווייען.
צען יידן־שבטים אין טכוירענע פעלצן
זענען אויף באַלאַגאַלישע בוידן געפאָרן קיין מצרים.

זיי זענען געפאָרן קויפן ווייץ און קאָרן.
יעקב איז געבליבן אין מאה־שערים, ביי די הייליקע קברים
און ביי דער כותל־מערבי אין ירושלים.
ביי דער גמרא איז יעקב געוואָרן
רייכער און עלטער מיט שאָף און מיט יאָרן.
יוספן האָט ער ווי אַ נר־תמיד געהאַלטן אין זכרון.
די צען יידן אויף פרעהס יאַרידן, —
פאַר זיי האָט אַנומעלטן אַ גוי געשאָלט אויף אַ האָרן:
יוסף איז פאַרלאָרן!

עס האָבן די וועלדער געשטורעמט אין געוויטער.
עס האָבן געלויכטן די בליצן.
בבא איז ווי אַ טרויעריקער ריטער,
געקומען קיין שנושומן מיט טריצן.
אויפן אבל־בענקעלע האָט ער געטון זיצן.
כסדר האָט ער געזיפצט און געטראַכט פון דרוזיאַנען.
(אויך דער מחבר האָט נישט פאַרגעסן זיין וויב חנהן).
בבאן האָבן אָבער פאַרגעסן די וויבער און די מאַנען.

ערשט ווען ער איז אַרויסגעריטן אויף רענדיליהן, זיין פערדל,
האָט אַ פאַך געטון מיטן שווערדל,
און ביי טריצן צעשניטן די גענעראַלסקע קליידער,
האָט סיני־בלד ביי זיך געטראַכט:
אַזוי שאַרף און ביטער האָבן נאָר געשטריטן די ריטער
פון מיין חדר.

קאַיאָר, עס האָט אויפגעציטערט דער מאָרגנשטערן. אין די הימלען האָבן זיך געלאָשן די לעצטע שטערן. דער נאַכט־טוי איז נאָך געלעגן אויף גרעזער און קווייטן. עס האָבן גענומען אויפשאַלן די הערנער און טראָמפייטן. מען האָט אַלעמען געוועקט און געהייסן זיך גרייטן.

די פוסגייער און די רייטערס האָבן זיך באַפאַנצערט און באַוואָפנט צו ווייזן זייערע גבורות. די פוסגייערס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין שורות. די רייטערס האָבן זיך אויפגעזעצט אויף פערד. די פערד האָבן געהירזשעט צום פרימאָרגן און געקאָפּעט די ערד.

טריץ און בבא האָבן זיך אויך אָנגעטון אין שטאָל און אין אייזן. ויסעו ויחנו — מען האָט אָנגעהויבן צו פויקן און מען האָט גערירט אין וועג אַריין קיין שנושומן.

אַזוי איז מען געגאַנגען כמעט אַ מעת־לעת.

אויפן טורעם פון שלאָס שנושומן האָט דער וועכטער דערזען, אַז עס גייט חייל. וועדליק די פעלד־צייכנס און די פענער געמלעך, אָקסן, שעפּעלעך און הענער, האָט ער דערקענט, אַז עס גייט דער בן־יחיד טריץ מיט צוזאַמענ־געברענגטע זעלנער —

דער טורעם־וועכטער איז נישט געווען קיין פּעפּער און קיין זויפער, ווי אשכול־הכופר דער לויפער צווישן די עצי־גופר, האָט ער שאַרף געבלאָזן מיטן שופר.

סיני־בלד איז אויך אַרויפגעקומען אויפן טורעם. ווי באַלד ער האָט פון דער וויטנס דערזען טריצן מיט זיינע מחנות, האָט ער באַפוילן צו עפענען די טויערן פון שנושומן, אַרונטערצולאָזן די הענג־בריקן און אַקעגן צו גיין טריצן מיט קולות פון פלייטן און פייפיאַלן און מיטן זעמל־מעל און סולת פון בתופים ובמחולות —

כך הוה. פון שנושומן האָט זיך געהערט אַ פּויקן און טרומייטן, — אַ הילולאַ וחינגא פון זעלנער ערב־טייטן.

די צוויי זיך אַקעגנגייענדיקע מחנות האָבן זיך געטראָפן — און זיך באַגריסט מיט אויפגעהויבענע וואָפן.

טריץ און סיני־בלד האָבן זיך געטון קושן — און ס'איז געווען והעיר שושן.

זעט זיך אויס, אַז אפילו סיני־בלד אַליין האָט בבאַן נישט דערקענט. ליב־שאַפט און צרות פאַרענדערן ביים מענטש דאָס געשטאַלט. זיי מאַכן פון יונג אַלט און פון דיק דאַר. אַ ליידנדיקער חכם קוקט אויך טיילמאָל אויס ווי אַ נאַר. פונדעסטוועגן איז בבא סיני־בלדן אויפן ערשטן בליק געפעלן געוואָרן. עפּעס האָט אים פּאָרט געפּאַרקעט אין זכרון. ער האָט געפרעגט ביי טריצן, ווער עס איז אָט די שיינקייט פון אַ זעלנער?

— איך האָב מיך אויך פאַרקוקט אויפן שיינעם פנים און האָב אים געדונגען פאַר היפשע מזומנים — האָט טריץ געזאָגט — ער קוקט נישט, זאָגט ער אויף חוהס טעכטער און וויל בייערט זיין אַ פּעכטער.

— מיט הוילער פּיסק־מלאכה האָט מען ביי מיר נאָך נישט קיין זעלנערישע מערכה — האָט סיני־בלד געזאָגט מיט אַ שמייכעלע און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס. — פּאַפּירענע ריזן רעדן די הויכע ווערטער פון פּאָעטן. זיי האָבן מורא פאַר קאַמף און פאַר שפּיזן און ווילן בעסער אַז די מוזעס זאָלן זיי גלעטן.

סיני־בלד האָט געהייסן בבאַן קעמפן מיט זיין בן־יחיד.

זיי זענען ביידע אַרויסגעריטן פון דער מחנה. טריץ אויף זיין שטאָלצן סוס און בבא אויף רענדיליהן. זיי האָבן אַקעגן זיך אויפגעהויבן די שווערדן. טריץ זיין חרב־פיפיות און בבא זיין אַלטע בתולה, די „דיקער רוגל" פון די ברוכ־וואַרג. זיי זענען זיך אַקעגן געריטן ווי די שטורעם־ווינטן און אָנגעהויבן צו פעכטן.

לא אָרכו הימים, — די אַלטע „דיקער רוגל" האָט צעשפּאָלטן טריצס שווערד אויף צוויי שטיקער.

סיני־בלדן איז עפּעס געווען קענטלעך און ניכר. איך בין דאָך חלילה נישט שכור — האָט ער געזאָגט און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס און געהייסן בלאָזן די טראָמפּייטן. ער איז געווען דער גרויסער מבין, אַלטער ווייַן אויף גוטע הייוון, און געזען אַז בבא האָט געלערנט ביי אַ גוטן רבין און ער איז אַן

עילוי אין שטרייטן. ער האָט אַ זאָג געטון צו טריצן, וואָס האָט געהאַלטן די צעבראָכענע שווערד אין דער האַנט:

—גיט זיך די הענט און שווערט איך אייביקע פריינטשאַפט — האָט ער געזאָגט צו טריצן — אַזעלע צוויי העלדן, ווען זיי לאָזן זיך אַרויס פון די זעלנערישע געצעלטן, קענען זיי איינעמען וועלטן.

קאַפּיטל זעכציק

אין דאַנטעס גיהנם איז ליבשאַפט אַ חלום — אַ חלום איך קען אים.
בבא האָט ליב געהאַט דרוזיאַנען, געלעכצט נאָך אירע בליקן.
פאַר דאַנטען איז בעאַטריטשע געווען אַן אויסדוכטעניש
אויף פלאָרענטינער בריקן.
צי ליבן פּאָעטן?
ליבשאַפטן זענען די טרויעריק־ליכטיקע פּאָרטרעטן,
פון ראָמאַנען און סאָנעטן.
איז עס חסד, איז עס גנאָדע?
פאַר סערוואַנטעסן האָט די סערענאַדע,
געזונגען אַן אומעטיקער שטן.
געזונגען און געשמייכלט און צוגעפּיפן אויף אַ פלייטל פון יאַדע.

וואָס איז ליבשאַפט, איר מענער און פרויען?
אַ שאָטן פון טויען?
פון אַ ווינט־מיל אַ פליגל? — פון כישוף אַן עיגול? —
אַ שוים־בילד אין שפּיגל?
אַ כלומרשט גאָלדענע מטבע,
וואָס סערוואַנטעס האָט צוגעוואָרפן פאַר נאַראָנים און חסרי־דעה?
אַ בענקשאַפט אַ געטרייע? אַ שטערן אַ גענאַרניק?
דאָס פּנים פון דער לבנה אין אַן איינזאַם פינצטער וואַסער?
אַ ליבשאַפט, געהערסטו איך צו די געבאָטן פון די געטער?

מיין קאָפּ איז געבויגן.
מיינע אויגן ווערן פון טרערן נאַס און נאַסער,
ווען איך לייען די בלעטער
וואו עס שטייט באַשריבן, ווי עס טוט ליבן
אַזוי ביטער דער ריטער דער חסר־דעה,
זיין חלום — דולציניע.

עטלעכע טעג איז בבא געזעסן אין שלאָס שנושומן. עס איז דאָרט געווען הילולאָ והינגאָ. מען האָט געבאַלעוועט און געהוליעט בייטאָג און ביינאַכט.

בבא האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז עס דערקענט אים נישט אפילו קיין פליג אויף דער וואַנט. האָט ער זיך אויסגעגעבן פאַר אַ ריטער פון בבל דעם לאַנד, און אַז מיטן נאָמען אויגוסט, ווערט ער פון אַלעמען גענאַנט.

ויהי ביום השלישי לפנות הבוקר, נאָך אַ נאַכט הוליען ביי ברענענדיקע שטורקאַצן, האָט זיך בבא אָנגערופן צו זיין פריינט און וואָפן־ברודער טריץ:

— מיר זיצן דאָ ביים גלעזל — האָט בבא געזאָגט — און הינטער די מויערן פון ענטינע זיצט דערוויל דער קיניג פון רויב און גזל, ריצער דער רוצח נישט ליידיק; ער האָט עפּעס דערשמעקט מיטן נעזל און גרייט זיך אונז צו באַפאַלן. עס וואָלט געווען דאָס גלייכסטע פון גלייכן נישט צו זיצן ווי קאַטשקעס ביי טייכן און צו וואַרטן אויף יושר. לאָמיר די ערשטע אויסנוצן דעם שעת הכושר. לאָמיר די ערשטע זיין די שלעגער און די רוישער.

טריץ האָט זיך געדרייט ביי די וואָנצעס און געשוויגן.

אין אַ מלחמה גילט נישט בלויז די שטאַרקע האַנט — האָט בבא געזאָגט — נאָר דער קלוגער פאַרשטאַנד. מיר וואָלט זיך זייער וועלן ריצערן אָנטון דעם ספּאָדיק און שפּעטער אים דערלאַנגען איבערן זאָדיק.

טריץ האָט זיך געדרייט ביי די וואָנצעס און געשוויגן.

— עצתי, עס איז מיין עצה — האָט בבא געזאָגט — מאָרגן קאַיאָר ווען ריצערס פאַסטעכער טרייבן אַרויס די שאָף און די לעמער, די אָקסן און די רינדער אויף דער פּאַשע, זאָלן מיר אַרויסרייטן מיט עטלעכע הונדערט זעלנער טון אַ סטראַשע און צונעמען די טשערעדעס. ריצער וועט קלינגען אין אַלע גלאָקן און עפענען אַלע טויערן. עס וועט נישט לאַנג געדויערן און ער וועט אַרויסקומען מיט זיין חיל פון די מויערן. מיר וועלן די ערשטע אָנהייבן מיט אים די שלאַכט —

— ביסט גערעכט אויגוסט — האָט טריץ געזאָגט — איך האָב אויך אַזוי געטראַכט.

קאַפּיטל איין און זעכציק

אויפן מאַרק שפּילט אַ קאַטערינקע.
דער קרעמער טוישט אַ כף־הייער.
די כלה מעסט אָן אַ גאָלדן שיכל.
הינער זיצן אויף אייער.
ביי אליהו בחור אין ביכל
קעמפט אַן אָקס מיט אַ רויט טיכל.
די זאַנגען אין דרויסן אויף די פעלדער שניידן די שניטער.

צו שפּינען פון ליידן געזאַנגען און מאַכן לאַכן
דעם וואָס דאָס לעבן איז ביטער — קאָן נאָר אַ מחבר אַ געניטער.
ער שפּילט מיט דער פעדער און גיט נישט קיין ציטער.

באַלד בייט זיך די סצענע — עס קומט דאָס געוויטער.
נישטאָ מער דאָן־קיכאָטישע ריטער.
טראָמפּייטן געשמעטער. עס קעמפן די געטער.
עס בליצן און בלאַנקען די שווערדן און שפּיזן.
די פאַסטעכער אַנטלויפן — עס בלייבן די ריזן.

צווישן זיינע לאַנד־קנעכט רייט דער פאַרטעטער.
דאָס בלוט אין אים האָט געזאָטן:
איך וועל אים צוטראָטן, דעם שאָטן פון דאָן־קיכאָטן!
עס שאַלן טראָמפּייטן. מען טוט קעמפן און שטרייטן.
שטעכן און טייטן. עס פלאַקערן די שלאַכטן,
ווי שׂרפות אין דער נאַכטן.
אָ, לייענער, דאָרט צו זיין בין איך בנאמנות נישט קיין בעלן.
איך בין בלויז אַ פּאָעט, און אויפן פּעגאַזוס אַ רייטער,
ווי קומט צו מיר צו זיין אַ קעמפער און אַ שטרייטער?
איך וויס נאָר צו טרוימען און וויס נאָר צו טראַכטן
און פון ליבשאַפט צו שמאַכטן.
פון ווינט און פון וויכער לייען איך אין ביכער.
ס'איז בעסער און ניחא'ר.
איך טו מיר אויך שרייבן. און אַזוי וועל איך בלייבן.
איך גלייב נישט די ריטער און גלייב נישט די וואָפן.
איך גלייב נישט די רייטער און ענלעכע שׂרפים.
איך גלייב בלויז די פייגל.
זיי זענען די טרוימער אויף בוימער.
זיי טרילערן און זינגען צווישן צווייגן און בלעטער:
געפאַלן איז ריצער דער פאַרטעטער.

כלחוך השור — מענטשן זייַנען אויפגעשטאַנען פון ביינאַכטיקן שלאָף. — אין דער שטאָט ענטינע האָט זיך געעפנט דאָס טויער. ס'האָט זיך געהערט דאָס מעקען און בלעקען פון רינדער און שאָף. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך געעפנט די טויערן פון שלאָס שנושומן. אַ מחנה באַפּאַנצערטע און באַוואָפנטע רייטערס זענען אין שטויביקן גאַלאָפּ אַקעגן געריטן די צעמעקעטע טשערעדעס.

ס'האָט אין פלוג אויסגעקוקט ווי אַ מאָדנע פאַסט־נאַכט־שפּיל. באַוואָפנטע און באַפּאַנצערטע אנשי־חיל קעמפן מיט לעמער וכדומה שור ואיל.

בבא, טריץ מיט זייערע עטלעכע הונדערט רייטערס האָבן אַרומגענומען ריצערס טשערעדעס און זיי געטריבן צו שנושומן צו.

דער וועכטער אויפן טורעם פון ענטינע האָט געזען את כל הנעשה אין ר' אליהו בחורס בבא־מעשה. אַז מען שטעלט דאָרטן ריצערן בדלות און מען וועט אים איבערלאָזן אַ נאַקעטן אָרעמאַן אין בלויזן ציצה־כנפות און טלית. ויתקע בשופר — האָט דער וועכטער אַ בלאָז געטון אויפן שלאַכט־האָרן.

אין דער בבא־מעשה האָט מען אָנגעהויבן צו קלינגען אויף אַלע גלאָקן.

ריצער אַליין איז נאָך אפילו אַרומגעגאַנגען אין וואַטאָוון שפּאַנצער און אין זאָקן. ער האָט זיך אָבער באַלד אָנגעטון דעם שטאָלענעם פּאַנצער און די שטאָלענע שטיוול. וואָסער טייוול שרייבט מיר אַ בריוול? האָט ער געטון אַ געשריי ווי אַ לעמפּערט און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן — ער האָט

גענומען זיין פּאַלנע כלי־זיין, די שפּיז און די שווערד. צוליב קוראַזש האָט ער אויסגעטרונקען אַ בעכער מיט יין, — און איז אַ שפּרונג אַרויף געגעבן אויף זיין וואַזשנע פערדל.

— עך וועל זיי ווייזן ווער עס איז עלטער, האָט ער געריטשעט.

צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט רייטער איז ער אַרויסגעריטן אויפן פעלד און געפאָכעט מיט זיין חרב־פּיפיות. זיינע רייטערס האָבן אויך געמאַכט די נעמלעכע פירכטלעכע תנועות —

די מחנות האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן — עס איז געוואָרן פריילעך און לוסטיק אין דער בבא־מעשה ביי ר׳ אליהו בחור.

קודם־כל האָבן די שאָף און די רינדער גענומען און געמאַכט אַ ויברח. אויך די פאַסטעכער און די הינט זענען זיך צעלאָפן גיך און געשווינט. עס זענען בלויז געבליבן די ריטערס און די קעמפערס אויף זייערע צעהירזשעטע פערד.

ויקם רוח סערה — באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געקלאַפּער פון שפּיזן און שווערדן און דער קול ענות מלחמה.

איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט זענען שוין געלעגן הרוגים. בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

בבא און טריץ האָבן געאַרבעט מעשים. ווער עס איז זיי געקומען אונטער די הענט האָט געמעגט זיין פּעוונע, אַז אָט קומט ער אַריין אין גן־עדן און אָט עסט ער לויתן. אָט ווערט ער דעם מלאך־המותטעס אַן איידעם און אָט ווערט ער דער מלאך־המותטעס אַ חתן. די קעפּ זענען אַראָפּגעפלויגן פון דעם זינדיקן חומר ווי זומער־עפּל פון די בוימער. נישט דאָס איז בבא געווען אויסן. אַ רייטנדיקער אויף רענדיליהן און מיט דער „דיקער רוגל״ אין דער האַנט האָט ער צווישן די קעמפער געזוכט דעם שאַלקהאַפטיקן המן, ריצער מיטן נאָמען. אים האָט ער געוואָלט מקיים פּסק זיין און באַצאָלן פאַר אַלע צרות.

ריצער האָט דערווייל אויך נישט געזאָגט קיין מעמדות און נישט גע־שמעקט קיין טאַבאַק. ער האָט אויך אָוועקגעשיקט בבאס זעלנער צום מעביר־יבוק וכדומה צו מלאכים ווי דער מלאך־דומה. ער האָט אויך נישט געוואוסט, וואָס עס הייסט איינזעעניש און רחמנות — און געמאַכט יתומים און אלמנות.

לא אָרכו הימים — מען האָט באַדאַרפט צו שיקן נאָך דער חברה־קדישה און נאָך דער שוואַרצער מיטה. מענטשן זענען געלעגן, ווי עופות נאָך דער שחיטה.

לא אָרכו הימים — בבא האָט דערזען ריצערן ווי ער אַרבעט מעשים. ער האָט אַ קירעווע געטון רענדיליהן און איז צו אים צוגעריטן ווי אַ שטורעם־ווינט וואָס איז אָקערשט אַרויסגעקומען פון די פעסער פון גן־עדן התחתון. ריצער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט לאַנג צו טראַכטן. ער האָט איבערגעלאָזט אַלע פיינט בלוטיקן און שמאַכטן און זיך אַ נעם געטון צו בבאן און געוואָלט אים שחטן. שמים וארץ נשקו — מען האָט געמיינט, אַז די וועלט קערט זיך איבער אונטער דעם געקלאַפּער און געוויטער פון די צוויי ריטער. עס האָבן זיך אין שטרייט ווי געטראָפן, דער פינצטערער

טרויער און דאָס ליכטיקע האָפן. די נאַראָנים און די פילאָזאָפן. די זכותים און די שטראָפן. דאָס ליכט און דער שאָטן. דער מלאך און דער שטן.ביידע מחנות האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. און צוגעקוקט דעם באלהי מצרים אעשה שפטים און טשיקאַווע געווען צו וויסן מה ילד יום צווישן הימל און תהום.

אין דער לופטן האָט געבלאַנקט און געשניטן ריצערס חרב־פיפיות, מען האָט געמיינט, אַז עס איז געקומען אַ בליץ און וויל ביי בבאַן צונעמען דאָס חיות. די „דיקער רוגל" פון דעם ברוכוואַרג — וואָס בבא האָט געהאַלטן אין דער האַנט — האָט נישט גורס געווען דאָס שיינע פּנימל און דעם פּוסטן האַרמידער. זי האָט געאַרבעט בהצנע־לכת אין דער שטיל און אָן גערודער.

לאַ אָרכו הימים — ריצער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד מיט אַ צעשפּאָל־טענעם קאָפּ. בלוט איז אים גערונען פון די ליפּן. ער האָט געהאָט עטלעכע צעבראָכענע ריפּן. די „דיקער רוגל" איז אים טיף געהאָט אַריין אין די עצמות און אים געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, אַ נוטה למות.

ריצערס חיילות האָבן געזען די מפּלה. אויף זיי איז אָנגעפאַלן אַ שרעק און אַ בהלה. זיי האָבן גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און געפרעגט ביי גאָט דעם באַשעפער: וואו עס וואַקסט דער פעפער?

בבא, טריץ און זייער חיל זענען צוריקגעריטן קיין שנושומן. ותהום כל העיר — עס האָבן געשאַלט די טראָמפּייטן און געפויקט די פּויקן. ועיני סיני בלד לא כבדו מזוקן. ער האָט געהאָט דעם קוק פון אַ שפּאַרבער און איז זיי אָקעגן געקומען איבער דער אַראָפּגעלאָזטער הענג־בריק. ער האָט טריצן און בבאַן גענומען האַלזן און קושן.

עס איז געווען חי־געלעבט. שנושומן האָט אויסגעקוקט ווי פּורים ביי אחשורושן אין שושן.

כטוב לב המלך ביין — האָט טריץ סיני בלדן פּאַדריבנע דערציילט פון די קאַמפן און געשלעגן און ווי בלוט האָט זיך געגאָסן ווי אַ זומערדיקער רעגן, און ווי אַזוי אויגוסט האָט זיך געספּראַוועט מיט ריצערן און געמאַכט פון אים בלאָטע. ער ליגט שוין איצט מיטן פּופּיק אַרויף. אנשטאָט מיט בגדי־זהב איז ער צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע. סיני־בלד האָט זיך געדרייט ביי די לאַנגע וואָנצעס און נאָכאַמאָל גוט אָנגעקוקט בבאַן פון קאָפּ ביז פיס.

— בבא! — האָט פּלוצעם סיני־בלד אויסגעשריען — ענדלעך האָב איך דיך דערקענט, טייערער בן־מלך. דאָס האַרץ האָט מיר באַלד געזאָגט ווער דו ביסט עס, תלמיד מיינער.

בבא האָט געלאַכט און איז באותו הרגע געוואָרן אויס אויגוסט.

עס איז ווידער געוואָרן די גרויסע שמחה. מען האָט געשריען וויוואַט און בבאַן געטראָגן אויף די הענט. הונדערטער שטורקאַצן האָבן געפלאַקערט און געברענט אויף די דעכער און אויף די ווענט. די נאַכט האָט געציטערט ווי אין אַ גאָלדענעם שיין. פון די אַלטע פעסער האָט זיך געגאָסן דער שמעקנ־דיקער וויין. מען האָט געטאַנצט און געהוליעט ביז שפּעט. ערשט צומאָרגנס קאַיאָר איז מען געגאַנגען צו בעט.

מע — מעקעט דאָס ציגעלע.
קאָנסט מיך רופן „טשאָלנט־טאָפּ" נאָר בראָט מיך ניט אין טיגעלע.
זיס ווי אַן עפּעלע איז דאָס שיינע קעפּעלע פון מיין ווייבל עטעלע.
מיין קינד שלאָפט אין וויגעלע — די מאַמע שלאָפט אין בעטעלע.
דאָס צאַפּל־מענטשל וויגט זיך, טאַנצט אויף אַ דרעטעלע.
קומט צופליען אַ שוואַלב און ברענגט מיר אַ צעטעלע:
סקאַצל קומט, דיכטער, דאָס מזל קומט אויף אַ ברעטעלע.
עס קומט נישט דאָס מזל — עס קומט בלויז אַ שרעטעלע.
שטערנדל, שטערנדל, בלויער שטאָפּעטעלע,
זיי מיר קיין גנאַרניק נישט — נאָר נישט אָפּ מיין שטעטעלע.

נישט בלויז ביי יידן אין בראָד אויך ביי די פּייגל אויף די דעכער איז נישט פאַראַנען קיין סוד.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען געשמועסט אין שנושומן אַז די „דיקער רוגל" האָט נאָר געטון דריי פערטל אַרבעט. זי האָט טאַקע ריצערן צעהאַקט דעם קאָפּ און די ריפּן און אַלע האָבן געמיינט, אַז ער באַקט שוין בייגל — אַזוי האָבן אויף די דעכער דערציילט די פּייגל — אָבער די אַנטלאָפענע פּאַסטעכער זענען צוריק געקומען נאָך דער מהומה דערשראָקענע און לאָמע און געוואָלט זען וואָס עס איז געוואָרן פון די רינדער און שעפּסן. זיי האָבן ריצערן געפונען ליגן אויף דער ערד, אָבער ער האָט נאָך קוים געזשיפּעט.

אין צווייטן קאַיאָר איז ווידער געקומען אַ ידיעה, אַז ריצער זשיפּעט נאָך און ער ליגט אין געהאַקטע צרות. אַרום אים פּאַרען זיך די מלכה בראַנ־דאָניע און אירע שררותטעס און שררות. בראַנדאָניע לאָזט אויספּויקן איבערן גאַנצן שטעטל, אַז באַם ס'וועט זיך יאַוועז אַ דאָקטאָר און צוריקשטעלן ריצערן אויף די פיס, וועט מען אים, דעם דאָקטאָר הייסט עס, מאַכן דאָס לעבן צוקער־זיס, ווי אַ טאַטן וועט מען אים אָפּוועגן מיט גאָלדענע דוקאַטן, מען וועט אים חתונה מאַכן מיט אַ בת־מלכה און מאַכן פאַר אַ שני־למלך. ביי ריצערן וועט ער האָבן די אייגענע מערכה, וואָס ביי מקברונען דער משנה־למלך פּשאַ־יוכע.

בבא האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך אָנגעז־רופן צו סיני־בלדן:

— איך וועל מיך פאַרשטעלן פאַר אַ דאָקטער און אַריינקומען צו ריצערן אין שלאָף־חדר. דאָרט וועל איך גומר זיין מיט דער שווערד, דאָס וואָס איך האָב נישט פאַרטיק געמאַכט אויפן שלאַכט־פעלד.

סטייטש? — האָט סיני־בלד געזאָגט — מען וועט דאָך דיך דערקענען און מען וועט דיר אָפּשניידן דעם קאָפּ.

— נישט געדאַגהעט, טייערער סיני־בלד — האָט בבא געזאָגט — אין מיינע וואָגלענישן איבער די מרחקים האָב איך אַמאָל געטראָפן אַ דייטשישן בעטלער. ער האָט מיך אויסגעלערנט צוזאַמענצושטעלן אַ זאָלב. ווען מען שמירט זיך איין דאָס פּנים מיט אָט דער זאַלב וועט אפילו דער אייגענער

פֿאַטער נישט וויסן צי דאָס איז אַ לייבלעכער זון צי אַ סטאַמבולער טאַטער. איך וועל ווערן משונה־צורה און אויסקוקן ווי אַ דאָקטער וואָס האָט אין רפֿואות אַ גבורה. אין דער אמתן וועל איך זיין ריצערס מלאך־המות. איך וועל מיט אים נישט מאַכן קיין שפּאָס און קאַטאָוועס, נייערט אים משלח זיין אין גיהנם אַריין צו זיינע אבות.

— איך וועל מיט דיר צוזאַמען מיטגיין, מיין טייערער פּרינץ, — האָט טריץ געזאָגט צו בבאן — און מיר וועלן דאָרט גומר זיין דאָס שטיקל אַרבעט.

ויעשו כדבריו — בבא האָט געמאַכט די זאַלב, וואָס דער דייטשישער בעטלער האָט אים אויסגעלערנט און ער האָט זיך מיט איר איינגעשמירט דאָס פּנים. באותו הרגע איז ער געוואָרן משונה־צורה און האָט אויסגעקוקט ווי אַן אַלטער פּאָפּוגיי מיט גרינע שטעכעדיקע אויגן און מיט אַ לאַנגער שפּיציקער נאָז געקרימט און געבויגן. ער האָט אויך טריצן איינגעשמירט דאָס פּנים און יענער האָט אויך אָנגעהויבן אויסצוקוקן ווי אַ פּאַרזעעניש. זיי האָבן זיך אָנגעטון די הלבשה פֿון דאָקטוירים: היינו לאַנגע שוואַרצע מאַנטלען — און אויף די קעפּ שוואַרצע היט מיט שפּיצן. הינטער זייערע דאָקטערישע מלבושים, האָט בבא באַהאַלטן די „דיקער רוגל" און טריץ זיין חרב־פּיפיות. ויקחו, זיי האָבן זיך אַרויפֿגעזעצט אויף צוויי פֿגירות פֿון אייזעלעך. אין יענע פּאַר־צייטישע יאָרן זענען דאָקטוירים וכדומה געלערנטע לייט נייערט געריטן אויף האַלב געפּגרטע אייזעלעך. מען האָט אַזוי אַרום אויסגעקוקט ווי נישט קיין היגער און מחמת דערימעך, געבילדעטער און קליגער.

ויסעו — אין אַזאַ הולך האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט קיין ענטינע.

פּאַמעלעכל זענען זיי צוגעריטן צו די טויערן פֿון שטעטל און צוגעקומען צו אַ קרעטשמע. עולם האָט אָנגעקוקט די צוויי געלערנטע לייט מיט פּנימער — כמעט ווי פּאָפּוגייען — און ווי אַזוי זיי רייטן און ווי אַזוי זיי גייען. מען האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מוזן זיין גאָר וואַזשנע דאָקטוירים. נשמות אָן גופֿים, זענען קיינמאָל נישט באַשניאַשקעט און קיינמאָל נישט בגילופֿן. ערנסטע קעפּ. פֿילוסופֿים.

בבא און טריץ זענען אַריינגעקומען אין דער קרעטשמע און זיך געהייסן געבן צוויי טעפּלעך מיט וואַרעמע ציגן־מילך. בבא האָט באַלד אַרויסגע־נומען פֿון זיינע טיפֿע מאַנטל־קעשענעס אַ דיקן ספֿר־פּראַלניק וואָס איז געווען געשריבן אויף אַן אַלטן פּאַרמעט, — ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מעיין זיין.

בעת בבא איז געזעסן אַ כלומרשט־פֿאַרטיפֿטער אין דאָקטערישן ספֿר־פּראַלניק, האָט דערווייל טריץ געכאַפּט אַ שמועסל מיטן קרעטשמער —

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ גאָר אַן אָרנ־טלעכן גוי. דאָס האַרץ בלוטיקט מיר — האָט דער קרעטשמער געזאָגט — ווען איך זע ווער עס פֿירט די גראַנדע ביי אונז אין שטעטל. ווער עס האַלט דאָ אין דער האַנט דעם שרביט הזהב. ריצער — האָט דער קרעטשמער גע־רעדט צו טריצן — איז גלייך צו המן הרשע ווי צוויי טראָפּן וואַסער, בראַנדאָניע, איז די געבאַקענע זרש. מיר האָבן דאָ דריי מיניסטאָרן, איז איינער אַ קטן, דער צווייטער אַ שוטה און דער דריטער — אַ חרש — כ'בין אָסור נישט קיין

שפּאָסער. ווען בבא וואָלט זיך נאָר אַ ווייז געטון, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל אים געמאַכט פאַר אַ קיניג —

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. טריץ האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס פון די ליפּן און מגלה געווען פאַרן קרעטשמער ווער עס איז דער דאָקטער וואָס זיצט דאָרט און קנעלט דעם ספר־פּראַלניק — אַני הקטן, זיין מיקלאָמפּערשט־דאָקטערישער שאָטן — האָט טריץ געזאָגט צום קרעטשמער — בין דער באַרימטער טריץ פון שנושומן, מיר זענען אַהער געקומען צו טון דין ומשפּט —

— ווען דו וועסט הערן, קרעטשמער לעבן, — האָט טריץ געזאָגט — אַז ריצער און בראַנדאַניע זענען געהרגעט, לויף תיכף־ומיד אַרויס אויפן מאַרק און הייס קלינגען אין אַלע גלאָקן, בלאָזן אויף אַלע טראָמפּייטן און עפענען אַלע טויערן. יידן זאָלן זיך אָנטון בגדי־שבת און צומאַכן זייערע קלייטן. סיני־בלד מיט זיינע חיילות וועלן באַלד אַריינקומען קיין ענטינע צו פאָרן און צו רייטן. בבאן וועט מען אָנטון די קרוין אויפן קאָפּ און אים אַוועקזעצן אויפן גרייטן.

— דערווייל — האָט טריץ געזאָגט צום גוי — לויף אַהין צו דער מלכה בראַנדאַניע און דערצייל איר פון דעם גרויסן אויסלענדישן דאָקטער וואָס זיצט ביי דיר אין קרעטשמע, ער איז גרייט צו היילן יעדן נוטה־למות.

אין די חצרות המלכים ביי ריצערן האָט מען שוין געהאַלטן ביים אַנ־
יציאת־נשמות —

צינדן ליכט. מען האָט אויפגעמישט דעם „מעבר יבוק" און זיך געגרייט צו בראַנדאַניע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע הקדמות, — והרצים יצאו דחופים, דעם פרעמדן דאָקטער צו רופן.

קאַפּיטל דריי און זעכציק

האָט די וועלט אַ מעסטל — וואָס מעסט זיך מיט יושר?
ווייסט דאָס מזל פון שעת־הכושר?
אַן אָרעמאַן ווערט אַמאָל אַן עושר?
אַ שוסטער ווערט אַמאָל אַ מלך?
אַ מרה־שחורהניק האַפּערדיק און פריילעך?
אַ קלעזמער ווערט אַמאָל אַ שדכן?
אַ שדכן וואַרפט אַוועק דעם שידעם און זאָגט גראַמען ווי אַ בדחן?
אַן עקרה ווערט געלעגן מיט אַ בן־זכר?
אַ חתן באַקומט אַ כלה אין די מעשה־ביכלעך פון אליהו בחור?
די שאלות אַלע וועגן משפּט און צדק וכדומה חקירשע קיבעבע
האָב איך נישט געפרעגט ביי קיין טאַטער און קיין רבי,
נייערט ביים סאַמעראַדנעם דאַזשע פון װענעדיק.

פונקט האָט געשיינט די לבנה.
דער דאַזשע איז געזעסן מיט אַ װענעציאַנישער מאַטראָנע.
די טויבן אויפן סאַן־מאַרקאָ האָבן געוואָרקעט און געפלויגן.

די מאַטראָנע האָט שמאַכטנדיק צוגעהאַלטן די אויגן.
דער דאזשע האָט עוסק געווען אין נישוק וחיבוק.

דער דאזשע האָט אַ ווייז געטון מיטן טערקישן ליולקע־ציביק.
פרעגט עס נישט, האָט ער געזאָגט, ביי קיין שד און ביי קיין דיבוק.
פרעג אין פדן אַרם ביי תרח בן נחר.
ביי אונז אין שטעטל וועגעדיק, ווייסט עס אליהו בחור.

ויהי כבוא בבא — ווען בבא און טריץ זענען געקומען, איז זי די מלכה בראַנדאַניע באַלד אָקעגן געלאָפן, אָנגענומען בבאן פאַר די הענט און אים אַריינגעפירט צום חולה.

דער מכלומרשטער דאָקטער האָט זיך אָנגעטון אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולן און באַקוקט דעם נוטה־למות.

— איך מוז בלייבן אַליין מיט מיינע געדאַנקען, ווען איך גיי היילן אַ קראַנקן, האָט דער דאָקטער געזאָגט.

באין ברירה, עס זאָל דעם חולה נישט שאַטן, זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען. טריץ האָט זיך אָװעקגעשטעלט פון יענער זייט טיר צווישן אַ גאַנצן משא־ומתן פון וואַכן און סאָלדאַטן.

בבא איז געבליבן אַליין מיטן קראַנקן ריצער. ער האָט זיך געטון אַ שמיר דאָס פּנים מיטן וואַסערל פונעם דייטשישן בעטלער, וישוב לאיתנו, ער איז צוריק געוואָרן דער אַלטער בבא.

ריצער האָט קוים געעפנט אַ האַלב אויג און טוט אַ קוק — בבא זיצט אויף זיין בעט און האַלט אין דער האַנט אַ שווערד.

ער האָט געוואָלט אָנהויבן שרייען. באותו הרגע האָט ער שוין נישט געהאַט מיט וואָס צו שרייען. זיין אָפּגעשניטענער קאָפּ איז געלעגן צווישן בבאס הענט.

טריץ אין דרויסן האָט אויך נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד פון אונטער זיין דאָקטערישן מאַנטל און אָנגעהויבן צו שניידן די קעפּ פון די וואַכן. אין די פּאַלאַצן האָט זיך געמאַכט אַ געוואַלד. אויף די סטעליעס האָבן זיך געטרייסלט די גאָלדענע לאָמפּן און אויף די ווענט האָבן געציטערט די זילבערנע טאַצן. עס איז אָנגעלאָפן די מלכה בראַנדאַניע, וואָס קען איין יידענע מאַכן? — ס'איז איר אויך נישט געווען צום לאַכן —

זי טוט אַ קוק — אויף דער שוועל שטייט איר זון בבא. אין איין האַנט האַלט ער ריצערס קאָפּ און אין דער צווייטער — די שווערד „דיקער רוגל". טריץ שטייט מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד, די ביידע שווערדן זענען בלוטיק רויט. אַרום און אַרום איז מלאך־המות און טויט —

בראַנדאַניע האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז הגם זי איז אַ לייבלעכע מאַמע, וועט בבא זי נישט שוינען מסתמא.

איז זי בבאן געפאַלן צו די פיס און האָט צו אים גערעדט מיט חנדלעך לאַקריץ־זיס, אויך האָט זי געיאָמערט און אים געוויזן די ברוסטן ביי וועלכע ער האָט געזויגן. אים אָנגעקוקט מיט מאַמישע אויגן.

טריץ האָט אויפגעהויבן די שווערד. איר געוואָלט דערלאַנגען איבערן

קאָפּ. בבא האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געוויזן אויף דער מוטער.

— זי איז ווערט דעם האַרבסטן פּסק — האָט ער געזאָגט — און מען דאַרף זי צופּערטלען מיט אַ האַק. נייערט מאַמע־בלוט איז נישט קיין וואַסער. איך וועל זי לאָזן לעבן און זי איינשליסן אין אַ מפּולת פון אַ ווייבער־שול.

— איך בבא — האָט ער געזאָגט — וועל טראָגן אויפן קאָפּ די גאָלדענע קרוין און פאָרן אויף אַ קיניגלעכע מרכבה אַ געשפּאַנטע אין אַכט סוסים אש־להבה. בראַנדאַניע אין צעריסענע געווענדער וועט זיצן ביי אַ ווייבערישן שטענדער. ביז דעם לעתיד־לבוא וועט זי זיך ווישן די אויגן מיט אַ פאַטשיילע און טון תשובה.

אין דרויסן אין ענטינע האָבן געפּויקט די פּויקן. געשאַלט די פאַנפאַרן. געקלונגען די גלאָקן. עס האָבן זיך געפרייט די גוטע און די חכמים. די בלומען און דיביימער האָבן געשמעקט ווי בשמים. עס האָבן הויך געלאַכט די נאַרן. די שלעכטע לייט האָבן זיך געשראָקן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

ירושלים — אין דער לופטן אַ חלום.
ביי די טייכן פון בבל צווישן ביימער פון הושענות,
זענען געזעסן די לוויים און געוויינט אויפן חורבן.
דוד המלך האָט געפאַסט אַ תענית
און ביטער געוויינט ווען אבישלום איז געשטאָרבן.
אויך בבא האָט באַוויינט די שיינקייטן דרוזיאַנעס.
די וואַסערן זענען געלאָפן, די טעג האָבן זיך געביטן.
אַ סך האָט ער געזיפצט, אַ סך האָט ער געליטן.
בבא דער געטרייער.
די שטערן לעשן זיך אין הימל —
אין דער ליבשאַפט טונקלט דאָס פייער.

אַ, לייענערינס און לייענער,
האָט נישט קיין טענות צו מיין פעדער.
שטילער ווערט דער ווינער. פון מענטשן ווערן ביינער.
קברים ווערן באַדעקט מיט שטיינער.
די שענסטע גראַמען פירן נישט תמיד צווישן בלומען און סעדער.
אין דער דיכטונג ווי אין לעבן דרייען זיך די רעדער.
דער שכל באַזיגט די געבליטן —
ענדלעך האָט מען באַשלאָסן —
אַז בבא זאָל ווערן אַ חתן פאַר מאַרגאַריטען.

ויהי כשבת המלך בבא על כסא־מלכותו — ווען בבא האָט שוין געהאַלטן אין דער האַנט די גאָלדענע לייצעס פון דער מלוכה און סיני־בלד איז געווען זיין משנה, און אים געגעבן גוטע עצות, האָט ער זיך דערמאָנט אין דרוזיאַנען און אין די צוויי קינדער. די לייבן האָבן זיי מיר נעבעך אויפגעפרעסן

— האָט ער געזיפֿצט — און נישט מער איבערגעלאָזט ווי אַ האַלבן פּלעקהונט, וועלכן איך האָב געברענגט צו קבורה.

דער מלך בבא איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה. זיין פּנים איז געוואָרן פינצטער ווי אַ פּסולע ספר־תורה.

ווי האָבן אים געקאָנט משמח זיין די קאַפּעליעס מיט קלעזמאָרים ווען פּאָר זיינע אויגן זענען כסדר געשטאַנען קברים?

סיני־בלד האָט געוואוסט פון לאַנגער פּראַקטיק, אַז לא ידח ממנו נידח — נישטאָ דאָס ביטערע האַרץ, וואָס מען קאָן נישט היילן מיט אַ שידוך.

איז ער געגאַנגען צו בבאן וואָס איז געזעסן אַ פאַרטרויערטער —

— אדוני קיניג — האָט סיני־בלד געזאָגט — די טייערסטע טויטע זענען פּאָר אונז נייערט ווי די שטערן אין הימל. זיי זיצן און טראַכטן צווישן די מלאכים און האָבן דערימעך ווייניק זאָרגן. מיר אָבער אויפֿן עולם־התחתון, זענען ווי דער צל־עובר צווישן נאַכטן און מאָרגן, קיינער קאָן דאָ נישט זיין דער חכם. די טויטע אין די הימלישע שטחים זענען טאַקע די גרויסע איבער־קלייבער. מיר אָבער זענען זינדיקע לייבער און לעבן אויף אַן עולם־השפל. לייבער האָבן נישט קיין פליגל רק טאַפּטשען אין פּאַנטאָפל און לאָזן זיך פאַרקען פון יצר־הרע מעפּיסטאָפל און גלוסטן צו שיינע ווייבער. וואָרף אַוועק אדוני קיניג, אַלע פינצטערע פאַרדראָסן. ביי גאָט פרעגט מען נישט קיין פאַר־וואָסן. זאָל דיין האַרץ נישט זיין פאַרשלאָסן. ווער פון אויפֿסנייִ אַ חתן.

בבא האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אין לאַנד בבל איז געשטאָרבן דער קיניג סולדן — האָט סיני־בלד ווייטער געזאָגט — זיין טאָכטער מאַרגאַריטע איז קלוג ווי דער טאָג און שיין ווי די וועלט. זי האָט איצט די גאַנצע שליטה איבער בבל, אַרם־נהרים, מצרים, ארץ־ישראל, איבער דער עיר־הקודש ירושלים. וגם איבער דעם כותל מערבי. פרעג קיניג בבא ביי קיינעם נישט קיין שאלה, זיי דעם חסרון ממלא. נעם מאַרגאַריטען פאַר אַ כלה.

פּאַמעלעכל ווערט יעדער טרויער בלאָסער. שטילער ווערט דאָס אויפֿ־געשטורעמטע וואַסער. אַ יעדעס האַרץ באַקומט לעכער, אַ יעדע בענקשאַפֿט רופֿט העכער, ווען די פייגל זינגען אויף די דעכער.

סיני־בלד האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו ברעכן טעלער און זיך גרייטן צו די חתונה־בעלער וואָס וועלן זיין בקרוב און בשעה מוצלחת אין דעם חודש דעם דריטן ווען די סעדער וועלן זיך באַשיטן מיט צוויטן און בבא וועט גיין אונטער דער חופּה מיט מאַרגאַריטען.

קאַפּיטל פינף און זעכציק

עס ברויזן די ימען. עס פייפן די פלייטן.
עס שפּילן די פידלען. עס שיטן זיך קוויטן.
עס מוסרן גראַמען צו כלה־באַדעקן.
ווי ליכטיק דער זומער!

אויפֿן הויף שטייט אַ בעטלער מיט טאָרבע און שטעקן.
ער האַלט אַ באַנדורע. צי קענט איר זיין צורה
ווען די פּרימאָרגנס זיך וועקן?
אַ האָן טוט אַ קריי, אַ קו טוט אַ מורע.
ווייס שמעקן די בוימער. די וועלט ווערט אַ טרוימער.
גייסט ווערט דער חומר. זיס איז דאָס זינגען ווי יין־המשומר.
אַ פֿרייד און אַ קומער, וואו זענט איר פֿאַראַנען?

דער טראַכטער טוט טראַכטן, דער קרומער טוט שפּאַנען.
די לידער פֿאַרקלינגען, די בלעטער פֿאַרוויאַנען,
ווען עס טוט זיך דערמאַנען:
דער מחבר אין חנהן און בבא — אין דרוזיאַנען.

די טייערע לייענער און לייענערינס געדענקען מן־הסתם אַז די שיינע דרוזיאַנע מיט אירע צוויי יתומים זיצן דערווייל הינטערן פּריפּעטשיק פֿון איר טאַטן דעם קיניג זיגמונדוס און באַווײנען בבאן.

וישמע הדבר בבית המלך — נישטאָ אויף דער וועלט קיין סודות. אַלצדינג ווייסן די ווינטן. זיי האָבן לאַנגע צינגער. זייערע געמיטער זענען לייכטער און גרינגער. אַלערליי נייסן רינען זיי פֿון די פֿינגער.

צו דרוזיאַנען איז דערגאַנגען די שמועה, אַז די לייבן האָבן בבאן נישט אויפֿגעפֿרעסן חלילה, רק ער קיניגט אין ענטינע און גרייט זיך חתונה האָבן מיט דער שיינער דלילה, מאַרגאַריטע די בתולה.

ותקח — האָט דרוזיאַנע גענומען און צוזאַמענגעמישט די זאַלבן פֿון דייטשישן בעטלער. זי האָט זיך איינגעשמירט דאָס פּנים און די פּנימלעך פֿון די צוויי קינדער. זיי זענען געוואָרן משונה־צורה. די יפיפיה דרוזיאַנע האָט אויסגעקוקט ווי אַן ארחי־פּרחיטע, אַ זקנה מיט רויטע דערצינדענע אויגן און מיט אַ קרומער נאָז פֿון אַ פּאַפּוגיי. די קינדערלעך האָבן באַקומען אַ פּנים ווי בעטלערלעך צוויי, וואָס מען האָט אָקערשט אַרויסגענומען פֿון הקדש. זיך און די קינדערלעך האָט דרוזיאַנע אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס. און האָט אויסגעקוקט ווי אַן אָרעמאַנטע פֿון די אָרעמאַנטעס. אין איין האַנט האָט זי גענומען אַ שטעקן און אין דער צווייטער — אַ באַנדורע. ותלך פּדנה ארם — און זי איז צופֿוס געגאַנגען קיין ענטינע.

פּונקט ווי זי איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין איז געווען דער חופּה־טאָג פֿון קיניג בבא מיט דער קיניגן מאַרגאַריטע. אין אַלע גאַסן זענען געשטאַנען קלעזמאָרים און געשפּילט. אומעטום זענען געשטאַנען חנם אין כסף אָפֿענע פֿעסער מיט משקה און פֿולע טישן מיט געגנדס און מאַרצעפּאַנעס. עס איז נישט געווען קיין תענית, עס האָבן געהוליעט און געטאַנצט סיי די אָרעמעלייט, סיי די שרים און די יאַשנע פּאַנעס.

אין די חצרות־המלכים האָט מען זיך געגרייט צו כלה־באַדעקנס. אין ווייסן כלה־שלייער אין פּורפּול און אין בגדי־זהב איז מאַרגאַריטע געזעסן אויף די כלה־שטול — זי איז געווען שיין ווי די עפּל־ביימער ווענע־צייט.

די קלעזמאָרים האָבן שוין געשפּילט אַ ווייַנעדיקס. דער באַרימטער בדחן ר׳ נח נאַשעלסקער, וואָס מען האָט אים אָפּגעוואויגן מיט גאָלד און אייגנס אַראָפּגעבראַכט פון קרוין־פּוילן האָט זיך געגרייט צו זאָגן דברי־מוסר קודם החופּה.

אינעם צווייטן חדר איז געזעסן בבא דער חתן אין זיין פּאָלנעם הוד־מלכות, אין אייטל בגדי־זהב און אין פּורפּול, וכתר מלכות בראשו, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן די גאָלדענע קרוין פון זיינע אָבות. אַרום אים — בבאס קיניגלעכע סוויטע, וגם די סוויטע פון דער מלכה מאַרגאַריטע וכדומה גרויסע שרים. —

עס האָבן געשפּילט קלעזמאָרים אויף טייערע כלי־זמר. מען האָט גע־טרונקען אַלטע ווינען פון גאָלדענע בעכער. פּוילישן מי־דבש האָט מען געטרונקען פון עמער. דער שמש האָט אָװעקגעשטעלט די חופּה אויפן באַלעמער. אויף די לאָנקעס האָבן געמעקעט די לעמער און די ציגן. אויך די פייגל אויף די דעכער האָבן נישט געשוויגן און בגילופין געפּיפּן אַ חתונה־ניגון.

פּלוצעם הערט מען פון הויף ווי עס שפּילט אַ באַנדורע, גאָר עפּעס אַן אויסטערלישע כלי־יקר. עס זינגט אַ ווייבעריש קול, וואָס איז זיסער פון צוקער און האַרציק ווי אין די פאַרנאַכטן דאָס קול פון נאַכטיגאַלן. זי זינגט דאָס ליד, וואָס בבא האָט געזונגען צו דרוזיאַנען ביי די פערד אין די שטאַלן פון דעם קיניג זיגמונדוס. דאָס ליד איז געווען אַ סוד און אַ שמאַכטן פון ליבשאַפט ווי דער זאַמען אין די טראַכטן. ווי די מילך אין די ברוסטן פון יונגע מאַמעס. ווי דאָס געזאַנג פון שלמהן צו שולמית. ווי די ציטערן פון ליכטיקייט אין די קאַיאָרן פון תמוז. עס איז געווען אַ ליד, וואָס עס טראַכטן נייערט די אייגענע דלד־אמות.

אַ בעטלער כולו לאַטע
איז געווען מיין טאַטע.
מיין מאַמע — אַן אָרעמאַנטע אַ האָרבאַטע.
די ווינטן האָבן אים געטון יאָגן
איבער די וועגן
צו זוכן בעטל־ברויט.
דערווייל האָט אַ שד
שוואַרץ ווי דער טויט
מיין מאַמע געטון פּלאָגן
מיט ליבע. ער האָט איר צוגעזאָגט
אַ גרויס פאַרמעגן.
איך בין געווען שיין ווי אַ רויז,
נאָר נאַקעט און בלויז,
אין ווינט און אין רעגן.
ס׳איז געווען פּונקט ווי אין אַ ליד
צו זינגען און צו זאָגן.

קיינער האָט נישט באַמערקט ווי בבא האָט געהאַלטן ביי כלות און איז שיעור נישט אָוועקגעפאַלן אין חלשות. צווישן זיינע פלאַמיקע בגדי־זהב איז ער בלאַס געוואָרן ווי אַ פאַרשמאַכטע רויז אין פלאַמיקן בין־השמשות.

— גיי און קוק ווער עס זינגט אויפן הויף — האָט ער שטיל געזאָגט צו טריצן.

טריץ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַראָפּגעקוקט אויפן הויף. ער איז צוריקגעקומען צו בבאן און געזאָגט:

— עפּעס אַן אַלטע בעטלערקע מיט צוויי קליינע בעטלערלעך.

— רוף זיי אַרויף — האָט זיך בבא געבעטן ביי טריצן.

מען טאָר נישט זיין קיין מורד במלכות. נישט געקוקט דערויף, וואָס די פידעלעך ביי די קלעזמאָרים זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַ וויינעדיקס, די פלייטן צעגיסן זיך אין זיסע יללות און אָט־אָט צינדט מען אָן די הבדלות און מען גייט צו דער חופה האָט מען הענדום־פּענדום אַרויפגעבריינגט די אַלטע בעטלערקע, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטון אין שמאַטעס און אין טראַנטעס, וגם די צוויי אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ארחי־פרחילעך.

די בעטלערקע האָט כסדר געשפּילט אויף דער באַנדורע און געזונגען ווי אַ בשורה בבאס ליד.

— פון וואַנען קאָנסטו דאָס ליד? — האָט זי בבא געפרעגט מיט ציטערדיקע ליפּן.

דאָ האָט דרוזיאַנע זיך געטון אַ שמיר איבערן פּנים מיטן וואַסערל פון דייטשישן בעטלער, זי האָט אויך איינגעשמירט די פּנימלעך פון די צוויי קליינע ארחי־פרחילעך. באותו הרגע האָט איר שיינקייט אַ שיין־אויף געטון פון די טראַנטעס ווי פון די טונקעלע וואָלקנס די זון, אין ווייס־צעבליטן חודש מאַי — אויך די צוויי קינדער די מיקלאָמפּערשטע אָרעמאַנסקע שאַלאָמויזן, האָבן אויפגעבליט ווי צוויי רויזן. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

בבא איז געפאַלן דער בעטלערקע צו די פיס און געטון אַ געשריי:

— דרוזיאַנע!

זיי זענען זיך געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויף די העלזער און אָנגעהויבן צו וויינען און זיך צו קושן.

וישמע הדבר בית־המלך — אין דעם אַנדערן חדר וואו מאַרגאַריטע איז געזעסן אויף דער כלה־שטול, זענען דערווייל די פידעלעך זיך פאַרגאַנגען אין אַ וויינעדיקס. דער בדחן, וואָס מען האָט געבריינגט פון קרוין־פוילן, ר׳ נח נאַשעלסקער, האָט געוואָלט אָנהייבן דאָס כלה־באַזיינגעניש.

פּלוצעם איז געוואָרן אַ רעש און אַ האַרמידער. די פידעלעך זענען אַנטשטומט געוואָרן ווי פאַרלאָשענע לידער. די מחותנתטעס האָבן אויפגעהערט צו וויינען, צו מאַכן יעלות און זיך צוווישן די אויגן מיט טייערע שפּיצענע פאַטשיילעס. די כלה מאַרגאַריטע אין איר דעקטוך און חופה־שלייער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר שטול ווי אַ גאָלדענע פּאַווע פון גאָלדענע אייער. דערשראָקן און טשיקאַווע איז זי געלאָפן זען, וואָס עס טוט זיך דרינען ביי

בבאן דעם חתן. פאַרוואָס שווייגט ר׳ נח נאַשעלסקער? פאַרוואָס שווייגן די פידלען אין איר שמחה וששון?

מאַרגאַריטע איז געווען אָנגעטון אין פינקלדיקע בגדי־זהב, אין פורפל און אין ווייסע ליכטיקע חופה־שלייערן. מאַרגאַריטע איז דאָך אויך געווען אַ באַרימטע יפת־תואר. איצט איז זי געווען באַזונדער באַחנט אין איר טרויער, — פונדעסטוועגן האָט איר שיינקייט — אַקעגן דער שיינקייט פון דער בעטלערקע אין שמאַטעס און אין טראַנטעס — אויסגעקוקט ווי די בלאַסע לבנה קעגן דער קאַיאָרדיקער זון, ווי אַ בלום אין די שאָטנס פון טאָל קעגן אַ רויז, וואָס שטייט אויף אַ גאָלדענעם טיש אין אַ וואַזע פון זעלטענעם קרישטאָל.

בבאס אויגן האָבן געלויכטן פון טרערן און פרייד. ער האָט מאַרגאַריטען דערציילט דעם גאַנצן באַשייד. ער האָט איר געוויזן אויף דרוזיאַנען, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט כדת משה וישראל, און אַז דרוזיאַנע איז זיין ליבשאַפט אין וואָר און אין טרוים און זי איז אויך די מאַמע פון זיינע צוויי קינדער. זי האָט זיי געהאַט אין וואַלד אונטער אַ בוים. פלעקהונט איז געווען זייער אַם. ער, בבא, האָט זיי פאַרלוירן, בעת ער איז געגאַנגען זוכן די שיפן און דעם ים.

פּאַמעלעכל האָט זיך מאַרגאַריטע אויסגעטון די חופה־שלייערן. אויס כלה — ווידער מויד. שפּאַנט מיר איין די קיניגלעכע בויד! — האָט זי געגעבן אַ באַפעל — איך וועל צוריקפאָרן אין מיין לאַנד בבל און ארם־נהרים, קיין מצרים, קיין ארץ־ישראל און ירושלים. אויב מיין באַשערטער איז נישט בבא — האָט זי געזאָגט — איז ווי נאַכט מיין מיידלשע מחשבה. מיט וואָס בין איך רייכער — האָט זי געזאָגט — ווי די אָרעמע ווייבער, וואָס זיצן מיט פושקעס ביי דעם כותל־מערבי?

בבא האָט זיך געוואָנדן צו דער בלאַסער, פאַרשעמטער מאַרגאַריטע. האָט זי צערטלעך אָנגענומען פאַר דער האַנט —

— אויף דער וועלט איז נישטאָ דער חסרון וואָס קאָן נישט ווערן ממלא. נישטאָ די בתולה, וואָס זאָל דאַרפן פאַרזיצן — האָט ער געזאָגט צו דער מלכה מאַרגאַריטע — אין דער פינצטערסטע נאַכט לייכטן ליכטיקע בליצן, פאָלג מיך, ווער אַ כלה פאַר טריצן.

טריץ איז געשטאַנען דערביי, אויך ער האָט געפינקלט אין די בגדי־זהב פון אַ גרויסן שר. ער איז גאָר נישט געווען קיין נאַר, און איז געווען זייער צופרידן פון דעם זיסן גזר, ער האָט זיך בחוריש געדרייט ביי די וואָנצעס.

מאַרגאַריטע האָט פּאַמעלעכל צו אים אויפגעהויבן די אויגן. עס האָט זיך איר געלייגט אויפן שכל. אויף אירע ליפּן האָט אַ שוועב געטון דער שמייכל פון דעם שענסטן מיידלישן היכל.

מער האָט בבא נישט באַדאַרפט. ער האָט געהייסן ברעכן טעלער און שרייבן תנאים. ברוכים הבאים! האָט ר׳ נח נאַשעלסקער אַ געשריי געטון צו די קלעזמאָרים און געהייסן שפּילן וויוואַטן. טריץ האָט זיך צעקושט מיט סיני־בלדן זיין טאַטן. מאַרגאַריטע האָט זיך אָנגעטון דעם חופה־שלייער. זי האָט

ויך אַרויפגעזעצט אויף דער כלה־שטול ווי אַ גילדענע פּאַווע אויף גילדענע אייער, זי האָט אויפגעהערט צו זיין בלאַס און האָט אויסגעקוקט ווי די מוטער חוה אונטערן עפּל־בוים פון עץ־הדעת. די פידלען זענען פון דאָס ניי פאַרגאַנגען אין אַ וויינעדיקס. ר׳ נח נאַשעלסקער האָט אָנגעהויבן צו זינגען און צו זאָגן. די ווייבער אַרום דער כלה האָבן אָנגעהויבן צו יאָמערן און צו קלאָגן. זיי האָבן געמאַכט האַרץ־רייסנדיקע יעלות און זיך געווישט די אויגן מיט ווייסע שפּיצענע פאַטשיילעס.

הלוואי זאָל זיך אַזוי ענדיקן דאָס יידישע גלות. מען האָט אָנגעצונדן הבדלות און זיך געגרייט צו חופּה וקידושין.

אין שטעטל ענטינע האָבן זיך אַלע געטון האַלזן און קושן. עולם האָט געטאַנצט אויף די בענק און אויף די טישן —

דרוזיאַנע האָט אַקעגן געטאַנצט מיט אַ קוילעטש. עס איז געווען שמחת־פּורים. מען האָט בחוש געשפּירט דעם ריח־ניחוח פון שיר־השירים, ווען מאַרגאַריטע מיט טריצן זענען ווי צוויי טייבעלעך געטון זיצן און האָבן געגעסן די גילדענע יויך.

***

אין אונזער סיפּור־המעשה זענען מיר, דער מחבר, העט ווייט פאַרקראָכן. פאַר מאַנסבילן און פאַר וואַבער האָבן מיר געוואָלט ווייזן דעם כוח פון בטחון. פאַר אַ בשר־ודם איז גאָר און גאַנץ פאַרהוילן וואו עס וואַרט אים אָפּ דאָס מזל — אויף די שיפן פון ים, אין ארץ־ישראל, אין פוילן צי אין דער שטאָט באַזל? נייערט אויף השם יתברך דאַרפן מיר זיך פאַרלאָזן. לאָמיר לעבן אין אמונה ווי די בלימלעך אויפן פעלד און ווי די שטילע גראָזן. לאָמיר נישט שפּרינגען ווי די ציגן און ווי די האָזן. לאָמיר בעסער וואַרטן אויפן בלאָזן פון דעם שופר של משיח. אַ יעדער מענטש האָט זיין בלעטל אין דעם לוח פון דער וועלט. ווען מען טוט האָפן צו גאָט אין הימל, — דעמאָלט קאָן מען זיין זיכער, אַז עס וועט מירצעשעם זיין ג י מ ל. —

צווייטער טייל

עסייס

ח ש ב ו ן

מען וועט מיך אַריינלייגן אין קבר
ווי אַ צעבראָכענעם שאַרבן.
די ביימער וועלן רוישן:
וועמען האָט מען דאָ באַגראָבן?
דעם קלענסטן ייִד אין גושן,
צי דעם נביא משהן?
ווער וועט דאָס לאַנד אַרבן
ווען אַלע מוזן שטאַרבן?

געדאַנקען זענען ווי שפּילצייג
אויף די ראַנדן פון דער אייביקייט.
קינדער שפּילן זיך מיט מושלען
אויף די ברעגעס פון אַטלאַנטיק.
מיר הערן ווי אַ רוישן
אין די ווייטענישן.
וואַסערן ברויזן און שוימען
אין די האָריזאָנטישע רוימען.
וואָס ווייסן מיר פון תהומען?
מיר מיינען:
אַרום דעם מענטש טוישן
זיך די ז ײ נ ע ן
ווי אַקטן פון שוישפּילערישער ראָמאַנטיק.
עס ש ײ נ ע ן
די צייטן ווי ליכטלעך וואָס צאַנקען.
דאָס אייביקע ציטערט אין אונז
ווי דער שאָטן פון שלאָף
אַרום אַ קראַנקן.

אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן —
אויך זיין שאָטן איז אַנטלאָפן.
איך האָב געטראָפן
דאָס גליק אין דעם געשטאַלט
פון אַ קונצנמאַכער.
ער האָט זשאָנגלירט מיט הרף־עינס
ווי מיט אין־סופן.
פון די וואָלקנס האָט אַראָפּגעקוקט די זון —
ווי אַן אויג פון אַ מת וואָס איז אָפן.

„א י ו ב"

חנהן לזכרון.

„ווי פליגן פאַר שלעכטע קינדער
זענען מיר ביי די געטער.
זיי טייטן אונז צום שפּאַס".
(שעקספּיר: „קעניג ליר")

— 1 —

„קהלת" האָט זיך אויסגעגעבן ווי אַן אייגנהעגטיק עלטער־ווערק פון שלמה המלך — פונדעסטוועגן איז ביי די ערשטע זאַצן לייכט געווען צו דער־קענען דעם שפּעטערן העלעניסטישן שריפטשטעלער: דעם יידישן עפּיקורעער וואָס איז זאַט געוואָרן מיט לעבן און מיט חכמה. ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן אין אַלצדינג צו צווייפלען און האָט פאַר מענטשן נישט געהאַט צו געבן די מינדסטע האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט און אויף אַ גליקלעכן און גערעכטן וועג אין לעבן. אַלצדינג איז אייטל און נאַריש. מען דאַרף נישט מער צו טאָן סיידן ווי צו געניסן די פאַרגענגלעכע גלוסטיקייטן פונם טאָג און פון מאָמענט. עס איז קיין וואונדער נישט וואָס די רעדאַקטאָרן פון תנ"ך האָבן זיך היפּש לאַנג געקווייקלט אַריינצונעמען אַט אַ דאָס עפּיקורעאישע און נישט־רעליגיעזע ספר אין אַ קאַנאָן פון אַ וועלט־רעליגיע וואָס פּריידיקט פאַר אַלע מענטשן די גרעסטע האָפענונג און די ליכטיקסטע צוקונפט. „די רייד פון קהלת זענען סותר די רייד פון דער תורה" — האָבן אָפן געזאָגט די פרומע רעדאַקטאָרן, און זיי האָבן עס געוואָלט „דן זיין לגניזה". זיי זענען געווען דורכאויס גערעכט. ווי קומט אַן איראָנישער ראַציאָנעלער עפּיקורעער אַריין אין דעם עקסטאַטישן גן־עדן פון די גלויביקסטע פון אַלע גלויביקע? מעגלעך, דער נאָמען פון דעם קליגסטן יידישן קיניג — וועלכן דער טרויעריקער העלעניסטישער עפּיקורעער האָט אַזוי אומברחמנותדיק פאַלסיפיצירט — האָט אָפּגעשראָקן דאָס פרומע געמיט פון די קאַנאָן־רעדאַקטאָרן און זיי האָבן מיט אַ שווער האַרץ באַשלאָסן אים אַריינצונעמען אין דער תנ"כישער זאַמלונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן זיי דעם סוף פון דער אַפּיקורסישער שריפט „צוגעפּוצט" לויט דעם געשמאַק פון די טעאָלאָגן (סוף דבר הכל נשמע את אלהים ירא ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם", „דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און היט זיין

געבאָט, וואָרעם דאָס איז דער גאַנצער מענטש *) — און מ׳האָט עס ווי עס איז געכשרט. כ׳שטעל מיר פאָר, אַז דער איראָנישער העלעניסט וואָלט אויפן שאַרפסטן אופן פּראָטעסטירט ווען ער וואָלט געלייענט וואָס די שפּעטערע „פרומאַקעס״ האָבן אים געלייגט אין דער פעדער אַריין. זיי האָבן אים צוגעשריבן אַ סוף־זאַץ וואָס שטייט אין שרייענדיקסטן היפּוך צו זיין גאַנצער וועלט אנשויאונג און צו דעם ביטערן געפיל פון מחבר צו דער וועלט און צו די גאָטהייטן.

דער פּאַרפאַסער פון „איוב״ איז געווען גאָר אַ פּאָרזיכטיקער ייד. ער איז ווייט געווען פון דער שריפטשטעלערישער באָהעמיע פון אַ באַרופס־ליטעראַט וואָס האָט דווקא ליב צו פּאַרפעפערן זיינע אמתן און צו מאַכן מענטשן בייז בלוט.

דער באַרופס־ליטעראַט מיינט נעמלעך, אַז די גאַנצע וועלט הענגט אויף דער שפּיץ פון דער פעדער און אויף דעם קליינעם שטח פון דעם שרייב־טיש. ליטעראַטן פון פאַך גלויבן תמיד, אַז מ׳קאָן אַרויסקוקן צו דער וועלט דורך אַ פענצטער און דערמיט שוין זען דעם גאַנצן טרויער און די גאַנצע האָפנונגס־לאָזיקייט וואָס הייסט וועלט. דער איוב־מחבר — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — איז געווען אַ מענטש פון דער פּראַקטיק און פון פּשוטן עולם־המעשה. זיינע ביטערע וועלט־דערקענטענישן האָט ער גענומען פון אַ שווערן לעבנס־קאַמף און פון טיפע אַנטוישונגען אין דער פּראַקטיק פון סדר־העולם. דאָס לעבן האָט אים געלערנט ערשטנס: פּאָרזיכטיקייט. און צווייטנס: אַז אַ מחבר דאַרף האָבן קנאַפּ פאַרטרויען אין דעם גוטן געשמאַק פון דעם לייענער. דער אויטאָר פון „איוב״ האָט געפּרואווט אַלע זיינע דערפאַרונגען אויסצונוצן אַלס שרייבערישן מעטאָד אין אַ בוך. דער קהלת־מחבר האָט מן־הסתם געשריבן ביכער אַלס באַרוף. ער אַליין דערציילט פון דער לאַנגווייליקייט פון אַ סך ביכער מאַכן. („ויותר מהמה בני הזהר, עשות ספרים הרבה אין קץ״. „און ווייטער מיין זון, זיי געוואָרנט: צו מאַכן פיל ספרים איז נישטאָ קיין ענד״), ער האָט גריילעך אָנגעשריבן „קהלת״ ווי אַ סאַטירע אויף זיין אייגענער שרייבעריי. דער מחבר פון „איוב״ האָט, זעט אויס, נישט געהאַט געשריבן קיין סך ביכער. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט דערצו. זיין באַרוף זיינען גאָר געווען די טויזנטער סטאַדעס שעפּסן און די גרויסע קאַראַוואַנען פון גמלים, וואָס האָבן געטראָגן זיינע רייכטימער איבערן גאַנצן מזרח. דער איוב־מחבר איז באַשיינפּערלעך געווען אַ גביר און אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן. אַ מענטש פון דער טאָג־טעגלעכער לעבנס־פּראַקטיק. אויב ער האָט ענדלעך גענומען די פּען אין דער האַנט און געוואָלט דערציילן די טראַגעדיע פון זיין לעבן און די טראַגעדיע פון זיין טראַכטן, — נו, האָט ער עס געטון נאָכדעם ווי ער איז אַדורכגעגאַנגען די שבעה מדורי־גיהנם פון לעבן, האָט זיך גענוג און גענוג אָנגעליטן, און ער האָט זיך געהאַט ביטער און בלוטיק אַנטוישט אין אַלעמען און אין אַלצדינג. דאָס האַרץ איז אים פול געוואָרן. ער האָט שוין נישט געקאָנט

*) די איבערזעצונג פון העברעאישן טעקסט גענומען ביי יהואשן.

מער רואיק איבערטראָגן זײַנע טענות צום װעלט־באַשאַפער און זײַנע בלוטיקע ספקות װעגן דעם זין צי װעגן דער זינלאָזיקייט פון דעם סדר־עולם. ער האָט געשריבן, נישט דאָס איראָנישע שפּיל פון אַ פאַרצװײפלטן שײן־גײסט. ניין, אים איז געגאַנגען אין דער בלוטיקער טראַגעדיע פון אַ געװיסן.

דער מחבר פון „איוב" האָט קײנמאָל נישט געװאָלט װײַזן די גײַסטרײַכע עלאָקװענץ פון דער שריפטשטעלערישער פעדער װי עס האָט געטון דער ליטעראַט פון „קהלת". יענער פון „קהלת" — אַפילו אין דער מכלומרשטער שריפט פון שלמה המלך האָט ער אויף דאָס מינדסטע נישט געפּרואװט פאַרטושן דעם העלעניסטישן סטיל און דאָס ציניש געמיט פון אַ גריכישן עפּיקורעער. פון זײַן אַנטיקער פאַלסיפיקאַציע קוקט געגנוג בולט אַרויס די לאַכנדיקע מאַסקע פון אַ מאָדערנעם שפּאָטער. דער איוב־מחבר האָט געשריבן דאָס בוך פון אַ ביטערן און פערזענלעכן חשבון־הנפש. אַ חשבון פון אַ מענטש מיטן געװיסן פון דער װעלט. פערזענלעך — האָט ער גאָר געװאָלט זײַן אין שאָטן.

כדי צו בלײַבן אין די טונקלסטע באַהעלטענישן פון אַן אַנאָנים האָט ער אומישנע אויסגעקליבן דעם פּאַטעטישן און פּרימיטיװ־פאַרנעפּלטן סטיל פון דער אַנטיקער העברעאישער שפּראַך. ער װיל רעדן חומש־לשון — די שפּראַך אויף װעלכער עס זענען דערציילט געװאָרן די טאַטן פון װעלט־באַשאַפער אין אור־כאָאָס פון דער װעלט. בכװנה איז דער מחבר צוריקגעגאַנגען צו דער חומש־שפּראַך און חומש־סטיל פון מעשה־בראשית. אויף דעם זעלבן אופן און אין דעם שפּראַך־בילד און שפּראַך־ריטם װואו גאָט האָט דערציילט פון זײַן גרויסן און קלוגן װעלט־אָנהייב, — אויף די זעלביקע שפּראַך־פליִיִנען פאָדערט איוב אַרויס דעם יוצר־העולם צו געבן חשבון פאַר די געטלעכע מעשים. צי זײַנען טאַקע די װעלט־מעשים באַהויכט מיט הויכער גערעכטיקייט? דער באַשאַפענער מענטש פּרואװט ענדלעך — װי אַן אָפּגענאַרטער געשעפטס־מאַן — צו קומען מיט אַ היפּש טרויעריקן סך־הכל פון דער שאַפונג.

איך װעל מיך דערדרייסטן אַרויסצוזאָגן די אפשר זייער ריכטיקע השערה: „איוב" איז אויך געװען פון די יידישע העלעניסטן. מעגלעך, אַ בן־דור פון דעם קלוגן קהלתן. מיר באַדאַרפן זיך אַבסאָלוט נישט לאָזן פאַרבלענדן פון דער אַנטיקער העברעאישער פּאַטינע מיט װעלכער ער באַלייגט זײַן שפּראַך. אויב אפילו ער פּרואװט מיט אַלע מיטלען אונז צו האַלטן פונדערװײַטנס, און לאָזט אונז נישט צו צו זיך כדי צו זײַן אינטימער מיט דער טראַגעדיע פון זײַנע מעדיטאַציעס. נישט תמיד געראָט עס אים זיך צו פאַרהילן אין די נעפּלען פון אַ פּרימיטיװער אַנטיקע. אָפט פאַלט ער אַרויס פון דעם חומשדיקן פּאַטאָס, און מיר דערקענען אין זײַן טאָן די רײַפע עפּיגראַנישע סענטענצן פון אַ משלי און אַ בן־סירה.

אויך זײַן פּאַניגיריק פאַר דער חכמה דערמאָנט אין די אַלעקסאַנדריניִשע לויבענישן אין שייכות דער „סאָפיאַ". זי שמעקט אויך היפּשלעך מיט די רייד װעגן דער „חכמה" װאָס מיר קענען פון „קהלת". ניין. אַ שריפטשטעלער, װי פאַרזיכטיק ער זאָל נישט זײַן, װי אַרכאַאיש און אַבסטראַקט ער זאָל נישט װעלן זײַן אין זײַן מאַניער, מיר װעלן אים סוף כל סוף כאַפּן ביי דער האַנט

און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער גרינער שימל־פאַרב פון מכלומרשט אָפּגערוקטע צייטן. הינטער אַלע שלייערן און דראַפּעריעס דערקענען מיר פאַרט — דעם לעבעדיקן מענטש. דעם מענטש אין די בלוטיקע פּראָבלעמען פון זיינע חשבונות מיט דער קעגנוואַרט און מיט דער עקזיסטענץ. מענטש־לעכער גורל! דער וואָס גייט זיך פאַרנעמען מיט אַן איוב־בוך, ווי קאָן ער זיך גאָר פאַר אונז אויסבאַהאַלטן?! זענען דאָך די איוב־פּראָבלעמען פון יענע פראַגן וואָס ווייטיקן אונז צום מיינסטן. מיר פרעגן זיי תמיד און מיר וויסן תמיד נישט קיין ענטפער. מיר וועלן אויך קיינמאָל נישט וויסן קיין ענטפער. פון איבער דער לעצטער וואַנט — צו וועלכער מיר קומען צו אין אונזער לעבן — וועלן מיר קיינמאָל נישט באַווייזן אַריבערצוקוקן.

אַזוי דערקענען מיר אין חומשדיקן „איוב" דעם העלעניסטישן יידישן אַפּאָלאָגעט. פונקט ווי מיר דערקענען דעם טראַגישן רענעסאַנס־מענטש אין שעקספּירס „האַמלעט". ווי מיר דערקענען דעם טראַגישן מענטש פון די צייטן פון לודוויק דעם פופצענטן אין וואָלטערס „קאַנדיד". אויך „איוב" איז געשריבן לויטן שטאַנדפּונקט פון אַ דור און אינעם ליכט־שפּיל פון דער זיך וואַנדל־ריקער צייט.

„איוב", „האַמלעט" און „קאַנדיד" — דריי ביכער וואָס דערציילן אונז פון דעם טראַכטנדיקן מענטש אין דער קאָנטינואיטעט פון די צייטן. דריי טרויעריקע און האָפענונגסלאָזע ביכער. חשבונות־הנפש פון אַ בן־אדם מיט גאָט און מיטן שיקזאַל. דריי טראַקטאַטן פונעם מענטשלעכן דערקענטעניש־וועג. דריי נשמה־שוישפּילן געשפּילט פון דעם אָרעמען וועלט־קאָמעדיאַנט וואָס הייסט מענטש.

— 2 —

שוין דער ערשטער זאַץ פון בוך „איוב" וואו עס ווערט אָנגעגעבן דאָס וואוין־אָרט פון אונזער העלד, נעמלעך, דאָס לאַנד עוץ, דעקט אויף די אימאַ־גינאַציע פון מחבר. דאָס שפּיל זיינס אין באַהעלטעניש. עוץ איז אַן „ערגעץ־לאַנד", וואָס האָט נישט קיין שום געאָגראַפישן שורש. בלויז אַ מיטישער קלאַנג פון די אַלטע חומש־טעקסטן. עס איז גוט דערמיט דעם לייענער צו האַלטן אין דער פאַרבלענדעניש פון די ווייטקייטן... וועגן דעם לאַנד עוץ זאָגט אַזאַ ביבל־קאַפּאַציטעט ווי קאַרל בודע דאָס פאָלגנדיקע:

„דאָס לאַנד עוץ איז נישט קיין נאָמען פון אַ לאַנד אָדער אַ שטאַם מיט אַ באַשטימטער ענגער באַגרענעצטקייט, נייערט אַן אור־אַלטער האַלב פאַר־קלינגענער נאָמען, אַ נאָמען וואָס וועקט בלויז אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג".

דאָס לעגענדאַרישע געשעעניש־אָרט ווייזט אונז באַשיינפּערלעך דעם מחברס ווילן צו אַנאָנימיטעט. ער וויל זיך האַלטן אַנאָנים סיי וואָס שייך דער שפּראַך, סיי וואָס שייך די פערסאָנאַזשן, און סיי וואָס שייך דעם גאַנצן דרך זיינעם צו מעדיטירן. (אגב — שרייבן אַנאָנים איז געווען דער נוסח פון די העלעניסטישע אַפּאָלאָגעטן). דורך דעם פערזאָנען־צעטל — וואָס ער פירט אַריין אין דעם מאַניער פון אַ פּלאַטאָנישן דיאַלאָג — איז ער אין דעם מיין

אונז איבערצוצייגן אַז די פּריינט וואָס קומען מיט איובן דיספּוטירן וועגן זיינע טענות און פּראָבלעמען־שטעלונגען — זיינען סך־הכל אַנטיקע פּערזאָנען. חכמים פון תימן און פון אַנדערע מזרחישע מקומות. זייערע נעמען דאַרפן אין אונזערע אויערן קלינגען פּונקט אַזוי אַרכאַאיש און אַלט ווי דאָס לאַנד עוץ. עס איז מיר נאָר אַ וואונדער: אַ סך ביבל־פאָרשער וואָס האָבן געזען די פּאָעטישע אימאַגינאַציע פון דעם פּלאַץ, האָבן פונדעסטוועגן געגלויבט אין דער היסטאָרישער אידענטישקייט פון די דיאַלאָג־שפּרעכער. דערפון האָבן זיי געדרונגען, אַז אין דער תנ״כישער ליטעראַטור איז דאָס בוך „איוב״ אַן אויסלענדישער פּראָדוקט. אפשר גאָר אַן איבערזעצונג צי אַן אָריגינאַל פון אַן אדומישן מקור. ניין. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָס בוך איז אָריגינעל געשריבן אין אַ קלאַסישן העברעאיש. דער העלד איוב איז דורכאויס אַ יידישער מענטש. אַ העלעניסטישער ייד. און די פּראָבלעמען פון דעם בוך זענען דורכ־אויס יידישע.

— 3 —

דוהם אין דעם אַריינפיר צו זיין איוב־קאָמענטאַר שילדערט דעם מחבר ווי אַ וועלט־מענטש וואָס האָט אַ סך אַרומגערייזט צוליב זיינע גרויסע מסחרים. האָט געקאָנט לענדער און פעלקער, און האָט מיט גרויס קענטשאַפט געשיל־דערט די לאַנדשאַפטן פון מצרים. ער איז געווען באַהאַוונט אין דעם לעבנס־שטייגער פון קאַראַוואַנען. ער ווייזט געניטקייט אין איידל־מעטאַלן און ווייסט ווי אַזוי מען באַקומט זיי אַרויס פון די איינגעווייידן פון דער ערד. דאָס וואָס איז אַנגעגעבן געוואָרן אין אָנהייב בוך וועגן זיינע שאָף, זיינע רינדער, זיינע אייזלען און קעמלען, זיינע קנעכט, זיינע זין און טעכטער, שטימען העכסט וואַרשיינלעך מיט דערווירקלעכקייט. איך וויל ציטירן דאָס בילד פון איובס גליקלעכן לעבנס־באַשטאַנד לויט ווי עס ווערט געשילדערט אין דעם אַריינפיר פונעם פילאָזאָפישן בוך:

„עס איז געווען אַ מאַן אין לאַנד עוץ וואָס זיין נאָמען איז געווען איוב. און דער דאָזיקער מאַן איז געווען ערלעך און רעכטפערטיק, און גאָטספאָרכטיק, און אָפּגעקערט פון שלעכטס. און עס זענען געבאָרן געוואָרן ביי אים זיבן זין און דריי טעכטער. און זיין אייגנס איז געווען זיבן טויזנט שאָף, און דריי טויזנט קעמלען, און פינף הונדערט געשפּאַן־רינדער, און פינף הונדערט אייזעלינס, און זייער אַ סך קנעכט. און דער דאָזיקער מאַן איז געווען גרעסער פון אַלע קינדער אין מזרח.

און זיינע זין פלעגן גיין און מאַכן אַ מאָלצייט ביי איטלעכן אין הויז אין זיין טאָג און זיי פלעגן שיקן און רופן זייערע דריי שוועסטער, צו עסן און צו טרינקען מיט זיי. און עס איז געווען, אַז ווי די טעג פון דעם מאָלצייט האָבן זיך אַרומגעדרייט, אַזוי האָט איוב געשיקט און האָט זיי געהייליקט, און ער פלעגט זיך פעדערן אין דער פרי, און אויפברענגען בראַנד־אָפּפער לויט דער צאָל פון זיי אַלעמען, וואָרעם איוב האָט געזאָגט: אפשר האָבן מיינע קינדער געזינדיקט, און זיי האָבן געלעסטערט גאָט אין זייער האַרצן. אַזוי פלעגט איוב טאָן אַלע מאָל.

און עס איז געווען אײן טאָג, ווי זײַנע זין און זײַנע טעכטער עסן און טרינקען ווײַן אין הויז פון זייער עלטצטן ברודער, אַזוי איז אַ שליח געקומען צו איובן, און האָט געזאָגט: די רינדער האָבן געאַקערט, און די אײזעלינס האָבן זיך געפּיטערט לעבן זיי, זענען באַפאַלן שבאער און האָבן זיי צוגענומען. און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און נאָר איך אַלײן בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: אַ פײַער פון גאָט איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, און האָט אָנגעצונדן די שאָף און די יונגען, און האָט זיי פאַרצערט, און נאָר איך אַלײן בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער און האָט געזאָגט: כשדים האָבן געמאַכט דרײַ מחנות, און זענען אָנגעפאַלן אויף די קעמלען, און האָבן זיי צוגענומען, און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד און נאָר איך אַלײן בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: דײַנע זין און דײַנע טעכטער האָבן געגעסן און געטרונקען ווײַן אין הויז פון זייער עלצטן ברודער, ערשט אַ גרויסער ווינט איז אָנגעקומען פון דער זייט פון מדבר, און האָט אָנגעכאַפּט די פיר ווינקלען פון הויז, און עס איז אײַנגעפאַלן אויף די יונגעלייט, און זיי זענען געשטאָרבן, און נאָר איך אַלײן בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן".

אַ סך ביבל־פאָרשער זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע בילד איז גענומען געוואָרן פון אַן אַלט פאָלקס־בוך. דער דיכטער האָט עס אויסגענוצט ווי אַ קאַנווע פאַר זײַנע פילאָזאָפישע דיאַלאָגן. איך בין גרייט צו מיינען, אַז די מעשה האָט זיך אומגעפער געטראָפן מיטן מחבר. צו פילן די אומברחמנותדיקע קלעפּ פון שיקזאַל אינמיטן די הויכענישן פון מענטשלעכן גליק — דאָס געהער טאַקע צום סדר־העולם ווען דער מחבר האָט אָנגעהויבן צו שטעלן זײַנע טראַגישע פראַגעס. בלויז דעם נאָמען פון אַ גערעכטן מאַן, איוב, האָט דער מחבר גענומען פונעם פאָלקס־בוך. אַ גערעכטער מאַן, איוב, ווערט אויך דערמאָנט אין „יחזקאל". דאָס איז אַלץ. דאָס בילד אָבער פון דעם אומגליק וואָס וואַרט מיט אַ האַרטנעקיקער אומפאַרשטענדלעכקייט ביי יעדער טיר פון אַ מענטש — דאָס האָט דער מחבר גענומען פון זײַן אייגענעם לעבן. עס איז אַ געשעעניש פון זײַנע ביטערע דערפאַרונגען. די שליחים, די טרויעריקע בשורה־אָנזאָגער און זייערע אומהיימלעכע רעפריינען — וואָס חזרן זיך איבער ווי די ריטמישע טריט פון שיקזאַל, — האָט ער וואַרשיינלעך גענומען פון דער גריכישער טראַגעדיע. אויך די גריכישע טראַגעדיע וויל אויף איר שטייגער געבן דעם דרך פון וועלט־שיקזאַל. זי טוט עס מיט דער הילף פון טונקעלע בשורה־אָנזאָגער. דער ייִדישער מחבר — געוואוינט אין דעם גלויבן אין אַ גערעכטן און גערעכטן גאָט — האָט זיך מיט אַמאָל געפונען אין ווידערשפּרוך מיט דעם וועלט־געוויסן און מיט דער וועלט־גערעכטיקייט. צי הערשט טאַקע אין וועלט־אַל, נישט דאָס פרייע געוויסן פון גערעכטיקייט, נייערט דאָס בלינדע געזעץ פון שיקזאַל?

די בלינדע נויטוועגדיקייט — די אַנאַנקע — צי איז זי דאָס העכסטע געבאָט פון אַלע געבאָטן?

— 4 —

די גריכן האָבן געקוקט אויף דער וועלט פונעם שטאַנדפּונקט פון שיקזאַל, ד״ה פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ בלינדער און אומדערבאַרעמדיקער גזעצ־מעסיקייט. זי איז די סיבה פון אַלע סיבות. ס׳איז נישטאָ פון איר קיין אַנטרינען. די אייביקייט אין קוק־ווינקל פון די גריכן איז געווען די אייביקייט פון אַ געזעצמעסיקייט. דער געדאַנק אַז די וועלט האָט געקאָנט באַשאַפן ווערן דורך דעם פרייען ווילן פון אַ גאָטהייט איז דעריבער פאַר די גריכן געווען ווילד און אויסטערליש. קדמות־העולם איז ביי זיי געווען אימאַנענט מיט דער קדמות־דיקייט פון שיקזאַל ד״ה מיט דער קדמותדיקייט פון דער אַבסאָלוטער בלינדער געזעצמעסיקייט. אין דעם דאָזיקן וועלט־בילד האָט זיך נישט געקאָנט אַרייַנפּאַסן דער מינדסטער געדאַנק אַז אין דער וועלט הערשט עפּעס אַזוינס ווי אַן עלעמענט פון גערעכטיקייט. עס הערשט אַבסאָלוט בלויז איין מעטאַפיזיש געזעץ: דאָס שיקזאַל. אין די העכסטע ספערעס פון דער עקזיסטענץ איז נישטאָ די מינדסטע שפור פון פרייהייט. ממילא איז דאָרט נישטאָ קיין שפור פון געוויסן. וואָרעם געוויסן איז די העכסטע פאָרם פון פרייהייט. ווען די גריכישע פילאָזאָפן האָבן גערעדט וועגן די פליכטן פון מענטש צו זיין גערעכט, האָבן זיי עס נישט באַטראַכט אַלס אַ מעטאַפיזיש־עטישן אימפּעראַטיוו, נייערט ווי אַ גוטן סאָציאַלן מנהג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. העכסטנס ווי אַ ווילן פון די געטער. אָבער די געטער אַליין זענען פאַר די גריכן נישט געווען די באַשעפער פון דער וועלט. זיי זענען בלויז געווען העכערע וועלט־וועזנס. קרעאַטורן פון וועלט־שיקזאַל פונקט ווי דער מענטש. דער מענטש איז געשטאַנען אינמיטן. אין מיטן צווישן די געטער איבער אים און דער קרעאַטור אונטער אים. אַלע זענען געווען די מיראַזשן אין די בלינדע שפּילן פון שיקזאַל איבער אַלעמען האָט געהערשט דאָס אייביקע געזעץ. פון די העכסטע שפּיצן פון דער עקזיסטענץ האָט אויף אַלעמען אומהיימלעך אַראָפּגעקוקט דער וועלט־ספינקס. — דאָס שיקזאַל.

גערעכטיקייט? פרייהייט? אין דעם דאָזיקן געפּענגעניש פון געזעץ וואָס הייסט אייביקע וועלט?

— 5 —

עס וועט אין פלוג אויסקומען אויסטערליש צו באַהויפּטן: דאָס יידישע פאָלק וואָס האָט זיך בסדר שווער געמאַכט דאָס לעבן מיט די רעליגיעזע געזעצן פון דער „הלכה״, האָט כמעט גאָרנישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אַ מעטאַפיזישער געזעצמעסיקייט פון דער וועלט. די געזעצן פון דער יידישער רעליגיע האָבן געגלויבט צו זיין דער בעסטער וועג צו דער פרייהייט איבער אַלע געזעצן, — ד״ה צום געוויסן און צו דער גערעכטיקייט. גערעכטיקייט, נעמלעך, איז דער ווידערשפּרוך צו אַ יעדער קרעאַטורלעכער געזעצמעסיקייט. אַ ווידערשפּרוך צו דער אַבסאָלוטקייט פון אַן אייביקן וועלט־געזעץ. אַ ווידער־

שפרוך צום שיקזאַל. דעריבער — איז ביי יידן געווען די פשוטסטע זאַך אויפ־צושטעלן דאָס גאַנצע גענעטישע בילד פון דעם וועלט־אַל אַלס אַ פרייען רצון פון אַ גאָטהייט. גאָטהייט איז די קאַפּויערדיקע פאַרשטעלונג פון דעם אַבסאָלוט ווי דאָס אַבסאָלוטע וועלט־בילד פונעם שיקזאַל. גאָטהייט הייסט: אַז די ערשטע סיבה פון דער שאַפונג איז די פרייהייט. נישט די נויטווענדיקייט. אויב פריי־הייט — איז ממילא דאָס גערעכטע דער איינציקער זין פון דעם פרייען.

ווען מ׳קאָן נאָך פאַרשטיין דאָס אומגערעכטע געזעץ, קאָן מען אָבער נישט פאַרשטיין די אומגערעכטע פרייהייט. אומגערעכטע פרייהייט וואָלט געהייסן: שטעלן דעם יסוד פון דער וועלט אויף אַ בייזוויליק פאַרברעכן. ניין. דאָס קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן צו באַהויפּטן.

— 6 —

עס איז העכסט וואַרשיינלעך: דער יידישער זין פאַרן גערעכטן — און ממילא דער יידישער זין פאַרן אַבסאָלוטן אַלס אימאַנענטן אַטריבוט מיט דעם פרייען — נעמט זיך פונעם גאַנצן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און היסטאָרישן געביי פון יידישער געשיכטע. אייביק צווישן שטאַרקערע שונאים און אייביק אַ טריט פאַרן אונטערגאַנג, האָט אין יידן געמוזט געבוירן ווערן די האָפענונג אַז עס איז זייער מעגלעך, — דאָס געזעץ און דאָס שיקזאַל געהערן גאַרנישט צו די אַבסאָלוטע לענקער פון דער עקזיסטענץ, און אַז אויבן אויפן סאַמע לעצטן שטאַפּל פון דעם וועלט־אַל הערשט אַ פרייער געטלעכער ווילן וואָס פירט די וועלט ווערדליק אָן אייגן פרייהייטלעך איינזען. דער פרייער גאָט קאָן תמיד קומען צו הילף דעם שוואַכן קעגן זיינע שטאַרקערע באַדריקער. פאַרקערט: נישט געקוקט אויף די באַשיינפּערלעכע דערפאָלגן פון דעם אומגערעכטן, איז די אומגערעכטיקייט נישט מער ווי אַ גרייז צי אַ צופאַל אין דעם סדר פון דעם קאָסמאָס. די גאָטהייט מישט זיך תמיד אַריין און קאָרעגירט דעם טעות כדי די וועלט־שאַפונג זאָל בלייבן גערעכט.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס, פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ וועלט־געוויסן, האָבן יידן וואונדערלעך איבערגעטראָגן די שווערע קלעפּ פון זייער היסטאָרישן גורל. זיי זענען שוואַך געווען צו שטיין אויף אייגענע פיס דערימעך האָבן זיי גאָר געגלויבט געטראָגן צו ווערן פונעם חסד פון אַ גאָטהייט. געהער עס דאָך צום וועזן פון דער גערעכטיקייט צו שיצן דעם שוואַכן און הילפלאָזן. אין זייער היסטאָרישער אונמעכטיקייט האָבן יידן זיך געזען ווי דעם ליבלינג פון דעם וועלט־באַשאַפער און ווי דאָס ציטערדיקע מיזיניקל פון קאָסמאָס. פילאָן פון אַלעקסאַנדריע זאָגט עס מיט דער גרעסטער פשוטקייט: „אַזוי ווי משה האָט פאָראויסגעזאָגט, וועט זיך גאָט תמיד אָננעמען פאַר די פאַרלאָזענע, מחמת זיי זענען זיין אייגנטום. פון דעם גאַנצן מענטשן־געשלעכט זענען די פאַרלאָזענע אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער בכור און דער ליבלינג פון דער גאָטהייט״. *) אויב אַזוי — געהער עס באמת צו די קלייניקייטן אין דער געט־לעכער האַנט צו ענדערן פאַר יידנס וואויל אַלע געזעצן פון סדר העולם. די

*) Philo "De Creat."

אומדערשיטערלעכע אמונה אין אַ משיח און אין ענדגילטיקן וועלט־דערלייזער געהער טאַקע נישט צו דער מעכאַנישער גזעצמעסיקייט פון שיקזאַל. זי איז אָבער, דורכאויס, — דאָס געבאָט פון דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו פון יענער פרייהייט וואָס איז דורך יידן דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון דער העכסטער גאָטהייט. צום געבאָט פון אַן עטיש געוויסן אינעווייניק אינעם וועלט־אַל. די אמונה אין אַ בעסערער וועלט געהער צו דער גאַנצער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער היסטאָרישער עקזיסטענץ. סאָציאַלע גערעכטיקייט איז עפּעס ווי אַן אופן וועדליק וועלכן יידן האָבן זיך געשיכטלעך פונאַנדערגעבויט אויף די פליינען פון דער צייט.

— 7 —

יידן האָבן געלעבט פיל פיל טראַגישער ווי די גריכן, פונדעסטוועגן האָבן זיי קיינמאָל נישט באַוויזן אָנצושרייבן אין זייער ליטעראַטור קיין גרויסע טראַגישע דיכטונג, ווי עס האָבן צ״ב געטון די גריכן. די תנ״כישע פאָרם פון שאַפן איז פון איין זייט דער גרויסער פּאַטעטישער רוף צו דעם וועלט־אַל כדי אים צו דערמאָנען אין דער פליכט צו זיין גערעכט. די ברוייזנדיקע ליידנשאַפט צום געוויסן פון דער וועלט. פון דער אַנדער זייט: דאָס גליקזעליקע און עקסטאַטישע דערציילן ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן אין לעבן און אין די לאַנדשאַפטן פון אַן עטישן וועלט־אַל. די גריכן האָבן עס געטון פונקט קאַפּויער. זיי האָבן געשילדערט אין זייערע דיכטונגען די מעכטיקע גזעצן פון שיקזאַל און די אומעכטיקייט פון מענטש קעגן דעם גזעץ. ווען אַ גריכישער טראַגישער העלד וואָלט ווי אַ יידישער נביא געמאָנט דעם גערעכטיקייטס־חוב וואָס די וועלט איז אים שולדיק, וואָלט ער געפונען טויבע אויערן ביי די אייגענע צוהערער.

דאָס בלינדע גזעצמעסיקע שיקזאַל האָט צונישט געמאַכט אַלע טראַגישע טענות. דער מענטש איז צעריבן געוואָרן אונטערן גאַנג פון אייביקן גזעץ. אין דער טראַגעדיע האָבן די גריכן נעמלעך געגעבן אָט אָ די אַלע אויסזיכטסלאָזע רופן פונעם ליידנדיקן מענטש צום וועלט־געוויסן. דעם מענטשנס אָנמעכטיקייט קעגן קאָסמישן גזעץ. די פּאַרצן וואָס זיצן ביים ראָד פון שיקזאַל שפּינען און שפּינען. זיי הערן קיינעם נישט. די פרייהייט און די גערעכטיקייט איז פאַר די גריכן געווען נישט מער סיידן ווי אַ בונטאַרישע אילוזיע פונעם מענטש אויף די פליינען פון אַן אייביקער גזעצמעסיקייט. אַן אילוזיע וואָס האָט נישט קיין שום רעאַלן יסוד אין דער עקזיסטענץ פון דער וועלט. די דאָזיקע אילוזיע קומט כסדר אין קאָנפליקט מיט דער אינערטיש־בלינדער וועלט־וואָרהייט. דאָס נעמלעך איז דער טראַגישער קאָנפליקט אין וועלכן דער מענטש מוז ענטגילטיק גיין צו גרונט. אַן אייגענער וועג להיפך די וועלט־וועגן איז אַ זיכערער מוראדיקער דורכפאַל, אַ דורכפאַל פאַר וועלכן די העכערע וועזנס אפילו, ווי די געטער, קאָנען נישט זיין אויסגעהיט. יעדער אילוזאָרישער טעות איז זיך נוקם. יעדער רוף צו וואָסער עס איז וועלט־

געוויסן ווערט שווער באַשטראָפט פון דער געוויסנלאָזיקייט פון דער וועלט. דער איינציקער גאָט וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון די מענטשלעכע גערעכטיקייטס־אילוזיעס, פּראָמעטעאוס, האָט געמוזט אָפּקומען זיין זינד קעגן שיקזאַל.

פאַר יידן האָבן גראָד זייערע פאַרשטעלונגען וועגן וועזן פון דער וועלט געזאָלט זיין די אָפּשפּיגלונג פון די אינערלעכע וואַרהייטן פון קאָסמאָס. יידן האָבן געמיינט, אַז אינעווייניק אין קאָסמאָס טוט זיך פונקט אויף דער האָר, ווי יידן ווילן עס זאָל זיך טון. ווי נאַאיוו און ווי געפערלעך אַזוי צו מיינען! פאַר יידן איז דער פרייער גערעכטער גאָט געוועזן דער ערשטער באַשעפער און דער איינציקער לענקער פון אַלעם און אַלצדינג. דעריבער האָבן יידן וואונדערלעך געטרויט זייערע מחשבות וועגן אים, אים געשענקט אַלע זייערע האָפענונגען, און איבערגעשפּרייזט אַלע נויטן מיטן בליק צו דער פרייער געוויסנפולער גאָטהייט. זיי האָבן גערופן דעם פרייען גאָט ווען עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. טאָמער איז זיי געשען אַן אומרעכט, האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן צו באַשולדיקן זיך אַליין אין זייער זינדהאַפטיקייט, איידער צוצוגעבן די אָביעקטיווע אייביקע אומגערעכטיקייט פון דער געטלעכער שאַפונג.

— 8 —

אַלעקסאַנדריען איז געוועזן דער וועלט־שוים־פּלאַץ וואו עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אָט די צוויי מערקווירדיקע און ווידערשפּרוכפולע אָנשויאונגען פון מענטשן וועגן דער וועלט און וועגן זייער באַשטאַנד אין איר. די גריכישע און די יידישע. דאָס אייביקע באַשטימענדיקע געזעץ פון שיקזאַל און די לויבנהאַפטיקע פרייהייט פון אַ גאָטהייט. צוויי וועלטן. צוויי קעגנזעצלעכע געמיט־צושטאַנדן. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס עס האָט ענדלעך געמוזט קומען צום קאָנפליקט. פאַר די גריכן זיינען יידן אויסגעקומען ווי אַ פאָלק פון הימלאָזע וועלט־וואַגאַבונדן *), פון אויסזיכטלאָזע בעלי־חלומות, אַ פאָלק וואָס שפּעט אָפּ פון אַלע וועלט־וואַרהייטן און פון אַלע וועלט־אָרדענונגען. אַ פאָלק וואָס גלויבט נישט אין שיקזאַל. ווי לעסטעריש, ווי אָבערגלויבעריש, ווי געפערלעך! עס איז גענוג צו לייענען די גאַנצע אַנטי־יידישע ליטעראַטור פון דער אַנטיקער וועלט, פון מאַנעטאָ און אַפּיאָן, אַריינגערעכנט אַזעלכע קלאַסישע שריפטשטעלער ווי ציצעראָ, טאַציטוס, יובענאַל און סענעקאָ, אפילו פּלוטאַרך — גענוג איז, זאָג איך, צו לייענען אָט־אָ די אַנטיקע שריפטשטעלער כדי צו זען דעם אינטעלעקטועלן און גייסטיקן ווידערווילן פון דער גריכישער קולטור־וועלט צו דעם וועלט־בילד פון יידן. דער יידישער וועלט־קוק איז געשטאַנען אין טיפער סתירה צו דעם וועלט־קוק

*) סטאַראָבאָ שרייבט: „די יידן זיינען פאַרשפּרייט אין אַלע שטעט, און מען קאָן נישט לייכט געפינען קיין אָרט אויף דער וועלט אין וועלכן דאָס דאָזיקע פאָלק זאָל נישט זיין!“

פון די גריכן. און די גייסטיקע סתירה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זאָאָלאָגישער שנאה. דאָס גריכישע וועזן האָט זיך געפילט פון יידן אָנגערירט אין אירע טיפסטע עלעמענטן, אין איר אָרגאַנישן לעבנס־אופן. און זי האָט אויף דער יידישער אַנדערשקייט געקוקט ווי אויף אַ געשוואָרענער שנאה צו די מענטשן און צו די גאָטהייטן. יידישקייט און יידן זיינען אויסגעקומען ווי די אָפּשוימען פון מענטשן־געשלעכט וואָס פילט מיט זיך אָן די גאַנצע ערד. "Odium Generis Humani" ניט קיין קלענערער ווי דער פילאָזאָף סענעקאַ שרייבט: „די לערעס פון דעם פאַרשאָלטענעם יידנטום זיינען איצט שוין פאַרשפּרייט אויף אַזאַ אופן, אַז אין אַלע לענדער האָבן זיי שוין אָנהענגער". און ער גיט צו מיט ביטערקייט: „ אַזוי האָבן די באַזיגטע געגעבן געזעצן פאַר די זיגער".

ווי קעגנזעצלעך צו די גריכן האָבן זיך יידן באַצויגן צו דער וועלט. ס'האָט געמוזט קומען צו שנאה און צו בלוטיקע קאָנפליקטן.

אין אַלעקסאַנדריען האָבן זיך די ביידע וועלט־אָנשויאונגען צוזאַמענגעשטויסן. יידן האָבן זיך באַקאַנט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע. יידן האָבן אָבער אויף דער גריכישער „אַנדערשקייט" רעאַגירט מיט אַן אַנדער באַציאונג ווי די גריכן אויף דער יידישער „אַנדערשקייט". יידן האָבן נישט געמאַכט קיין פּאָגראָמען. דערפאַר — קול קול יעקב — האָבן זיי אין זייערע אַפּאָלאָגעטישע ביכער, דאָס יעניקע וואָס האָט זיי אַזוי טיף אימפּאָנירט אין דער גריכישער חכמה — נישט מער און נישט ווייניקער — אויסגעגעבן אַלס פּשוטן פּלאַגיאַט פון יידנטום, און אַז די גריכישע דיכטער און פילאָזאָפן האָבן אַלץ צו פאַרדאַנקען יידן. אַריסטובל שעמט זיך גאָרנישט צו זאָגן, אַז האָמער און העסיאָד האָבן פשוט באַגנבעט תורת־משה. האָמער איז סך־הכל אַ העברעאישער נאָמען, די איליאַדע איז אַ משל אויף דער דעראָבערונג פון כנען און די אָדיסעע איז די אַלעגאָריע אויף דעם וואַנדערן פון יידן אין דער מדבר. דער גרויסער אַריסטאָטעלעס זייענדיק אין ירושלים האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שלמה המלכס ביבליאָטעק און פון דאָרט אָפּגעשריבן זיין גאַנצע פילאָזאָפיע. אַנדערע אַפּאָלאָגעטן האָבן געזאָגט, אַז די בבלים האָבן זיך ביי אברהם אָבינו געלערנט אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע. אפילו די שריפט האָבן די פעניציער גענומען ביי יידן. און העברעאיש איז די ערשטע און אורשפּרינגלעכע מענטשלעכע שפּראַך. ווען די גריכן האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף דעם „אָפּשוים פון דעם מענטשן־געשלעכט", האָבן יידן זעלבער אויף זיך גראָד געקוקט ווי אויף דאָס אויסדערוויילטע און געליבטע פאָלק פון דער גאָטהייט. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע צווישן די מענטשן. נאָר מען איז אויף זיי קיין מבין נישט. פילאָן זאָגט: „די גויים האַסן אונדז ווייל זיי זיינען נישט קיין מבינים אויף אונדזערע מידות טובות".

דער עיקר: די גאָרע וועלט איז נאָר באַשאַפן געוואָרן צוליב אָט דעם ווינציקן און גערודפטן פאָלק. אָ, שפּאָט און איראָניע אויף אַלע געזעצמעסיקייטן ווען דער שוואַכער גייט זיך פאַרנעמען צו באַהערשן די וועלט. ווי אַנטי־גריכיש! ווי אַנטי־געזעצלעך! ווי אַנטי־שיקזאַל! אין אָט די קאַפּויער־

דיקייטן אַקעגן דעם געזעצמעסיקן סדר־העולם זיינען יידן געווען אַזוי זיכער, אַז דער אַפּאָלאָגעטישער מחבר פון „פּסיידאָ־עזרא״ פרעגט מיט דער האָפער־דיקסטער תמימות: „ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אונזערטוועגן, פאַרוואָס האָבן מיר נישט אונזער וועלט אין באַזיץ? און ווי לאַנג זאָל עס אַזוי בלייבן?״

עס זיינען געווען צוויי וועלט־אַנשוואונגען וואָס האָבן געמוזט שטיין אין אייביקן קאָנפליקט. זיי שטייען נאָך היינט אין קאָנפליקט. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז נישט געקוקט אויף זייער האָפערדיקער האָפענונגס־פולקייט זיינען יידן פון דעם דאָזיקן וועלט־קאַמף תמיד אַרויסגעגאַנגען מיט צעבלוטיקטע קעפּ. ווי צו דעם, וואָס וויל דווקא איינשפּאַנען די געזעצן פון דער וועלט אין דעם יאָך פון זיינע אייגענע אילוזיעס און וויל אויף אַ רגע נישט אַ צווייפל טון אפשר — ווער ווייסט — האָט ער אַ ביטערן טעות.

— 9 —

דער מחבר פון „איוב״ איז נישט געווען קיין ביכער־פאַנטאַזיאָר ווי די אַפּאָלאָגעטן פון אַלעקסאַנדריען. ער האָט נישט געלעבט אין די ליכטיקע קריטיקלאָזע הינערפּלעט פון אַ וועלט־גערעכטיקייט און פון אַ לייטזעליקער משיחישער צוקונפט. דעם מחברס גרויסע עשירותן, זיינע טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע עסקים מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט האָבן אים געמוזט געבן אַ מער ניכטערן בליק אויף אַ סך פּראָבלעמען ווי עס האָבן געהאַט די אַלעק־סאַנדרינישע בעלי־חלומות. אַז אונזער מחבר איז געווען אַ מענטש פון גרויסן וויסן און פון גרויסן סטיל, דאָס זעט מען סיי ווי ער באַהאַנדלט די פילאָ־זאָפישע טעמאַטיק סיי אין דעם טאָן און דער פּאַטינאַ פון זיין שפּראַך.

נישט געקוקט אויף זיין מענטשן־קענטשאַפט, אויף זיינע סוחרישע וועלט־באַציאונגען, און אויף זיינע רייכטימער. נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן אַריסטאָקראַטישן זשעסט און ניוואָ פון מחבר („און אַצינד לאַכן פון מיר יינגערע פון מיר אין טעג, וואָס איך האָב מיך געמיאוסט צו שטעלן זייערע פאָטערס מיט די הינט פון מיינע שאָף״ —) איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ גערעכטער מענטש. אַ יידישער גערעכטער מענטש. ער איז געווען גערעכט פון זיין יידיש־פילאָזאָפישן קוק. לאָמיר צוגעבן: ער איז געווען גערעכט אויך צוליב פּראַקטישע טעמים. גערעכט — כדי וואויל צו געפעלן דער גערעכטער גאָטהייט און נישט אַרויסצורופן קעגן זיך איר ווידערווילן. אין אַ ווידערשפּעניקער האַנדלונג קעגן דער גאָטהייט האָט דער מחבר געהאַט אַ סך צו פאַרלירן. דאָס זעען מיר פון דעם גאַנצן רעמאַנענט פון זיין עשירות וועלכעס איז באַשריבן אין ערשטן קאַפּיטל פונעם בוך. איוב גיט אויך אַ בילד פון זיין גערעכטער לעבנס־פירונג: „ווייל איך פלעג ראַטעווען דעם אָרעמאַן וואָס האָט געשריען און דעם יתום וואָס האָט ניט קיין העלפער. די ברכה פון דעם אומגליקלעכן פלעגט קומען אויף מיר, און דאָס האַרץ פון דער אלמנה פלעג איך דערפרייען. איך האָב אָנגעטון רעכטפערטיקייט און

זי האָט מיך אָנגעטון ווי אַ מאַנטל און אַ הויב איז געווען מיין גערעכטיקייט. אויגן בין איך געווען פאַרן בלינדן, און פיס פאַרן הינקעדיקן בין איך געווען. איך בין געווען אַ פאָטער פאַר די באַדערפטיקע, און דעם משפט פון דעם וואָס איך האָב ניט געקענט פלעג איך אויספאָרשן. און איך האָב צעבראָכן די באַק־ציין פון דעם פאַרברעכער, און פון זיינע ציינער אַרויסגעוואָרפן דעם רויב". מיר מעגן אים גלויבן אַז ער גיט דאָס ריכטיקע בילד זיינס, מחמת די ריכטיקייט פון איובס זעלבסט־פאַרטרעט דעקט אויף די גאַנצע אומברחמנותדיקע טראַגיק פון דער אַנטוישונג. דער מחבר איז פאַרזיכטיק און איז געהיט פאַר אַן איבעריק וואָרט. ער איז קיינמאָל נישט מגזם. ער שרייבט פון טיפער לעבנס־דערפאַרונג און לאָזט נישט לויפן זיין פאַנטאַזיע אונטער דעם עקס־טאַטישן שטראָם פון דער פעדער ווי עס איז געווען דער דרך פון די אַלעק־סאַנדרינער יידישע ליטעראַטן.

— 10 —

אָבער דאָך —

דער פראַקטישער לעבנס־קענערישער ייד, ביי זיין גאַנצן רעאַלן לעבנס־חוש, האָט אַ סך געטרויט דער גערעכטיקייט. פאָרט אַ ייד! ער האָט געהאַלטן דאָס גריכישע בלינדע שיקזאַל פאַר אַ וועלט־סדר פון די היידן. גויים זיינען נאָך נישט צוגעקומען צו דער אמתער וועלט־דערקענטעניש. די דערקענטע־ניש פון אַ פרייער געוויסנפולער גאָטהייט. גויים בלאָנדזשען נאָך אין דער פינצטערניש.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט ווי ביי זיין יידישער טיר קלאַפט אָן דאָס שיקזאַל פון דער וועלט מיט דער גאַנצער מוראדיקער גרויזאַמקייט פון בלינדן געזעץ. דאָס אָנקומען פון שיקזאַל שילדערט איוב אויף אַן אופן ווי עס האָבן געטון די גרויסע גריכישע טראַגיקער. דער גלויביקער ייד בלייבט שטיין אַ צעמישטער. אַלע ליכטיקע הימלען איבער זיין קאָפּ האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעצונדן מיט שוואַרצע פרעג־צייכנס: צי זיינען גאָר גערעכט די גריכישע פעלקער? צי האָט ער געהאַט אַ טעות אין דער פרייער סיבה פון דער וועלט? צי איז טאַקע אַלץ נישט מער ווי בלינדער מוז און אַלע אייביקייטן זיינען טויב פאַרן רוף פון דער גערעכטיקייט? צי איז אַלצדינג נישט מער ווי אַ בייזוויליקע מעכאַנישע געזעצמעסיקייט וואָס צערייבט אַלעמען אויפן וועג? איין גורל וואָרט סיי אויפן שלעכטן סיי אויפן גערעכטן? „אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה". „עס איז אַלץ איינס, דערום זאָג איך: דעם אומשולדיקן אַזוי ווי דעם רשע פאַרלענדט ער". צי לעבן טאַקע אַלע יידישע מענטשן אין אַ פאַטאַלן טעות?

— 11 —

עס געהער דורכאויס צו דעם המשכדיקן גאַנג פון אַ געשיכטע און צו דער פסיכישער קאָנסטרוקציע פון אַ היסטאָרישן קאָלעקטיוו — און קיין שום יחיד קאָן עס סוף כל סוף נישט איבערריסן — נעמלעך: — דער געשלאָגנ־

סטער און טראַגיש־אַנטוישטער ייד קאָן ביי זיך נישט פועלן צו גלויבן: אַז ער לעבט אינמיטן פון אַ מעכאַנישער גרעזעצמעסיקייט: אַז אַלע שיינע מענטש־לעכע אילוזיעס וועגן דער וועלט זיינען נישט מער ווי אייטל איינרעדעניש און פאַרן בן־אדם איז נישטאָ וואָס צו טון סיידן צו וואַרטן אויפן שיקזאַל. אַזוי ענטגילטיק צו טראַכטן איז דערווידער דעם גאַנצן יידישן וועלט־באַנעם וועגן אַ פרייען גאָט און אַ געווויסנפולן קאָסמאָס. עס איז פשוט קעגן דער לעבנס־ליניע פון דער יידישער נאַציע. דער מחבר פון „איוב" איז אין דעם דאָזיקן פרט אויף אַ האָר נישט ווייטער געווען ווי טביה דער מילכיקער און ווי מנחם מענדל. הגם ער איז געווען אינטעלעקטועלער און פראַקטישער פון אָט די שלום עליכמשע יידן. דער געדאַנק אַז מיר געפינען זיך אינמיטן אַ שפיל פון ווינט־מילן וועלכע מיר ווילן אומזיסט צוגעבן אַ מיין און אַן עטישע אידייע — דאָס איז שווער מודה צו זיין פאַר אַזאַ וועזן ווי אַ ייד אויף די פליינען פון דער וועלט־געשיכטע. איוב פרואווט אפילו אָנהייבן טענהן ווי יענער מיינצער צדיק פון וועלכן רענאַן דערציילט אַז בעת מען האָט אים געפירט צום שייטער־הויפן האָט ער זיך גאָר פאַרנומען צו געבן די פולסטע רעכט דעם דרך פון דער גאָטהייט און אויסגערעכנט אויף זיך אַ פעקל חטאים פון וועלכע די האָר האָבן זיך געקאָנט שטעלן קאַפויער. דער מחבר פון „איוב" קאָן אָבער — ביי זיין גאַנצן און גוטן יידישן מיין — נישט אויסגעפינען אויף זיך יענע באַרעכטיקונג פאַר וועלכער די גאָטהייט זאָל זיין גערעכט אין איר וועג קעגן אים. דער מחבר האָט זיך צופיל אָנגע־שמעקט מיט דעם העלעניסטישן עפיקורעאיזם, האָט צופיל געהאַט וועלט און מענטשן קענטשאַפט, כדי סתם אויף זיך אויסצורעכענען אַלערליי ממזר־בלבולים, אַבי גאָט אין די הימלען זאָל זיין דער שופט צדק און אַלצדינג בלייבט — טראָץ אַלעם — ביי דער אַלטער גוטער וועלט־גערעכטיקייט. איוב גייט אַדורך דעם גאַנצן חשבון פון זיין לעבן. ניין. ער געפינט דאָרט נישט דעם שוואַרצן פלעק וואָס זאָל ריינוואַשן די גאָטהייט. איוב קאָן ביי זיך נישט פועלן אויסצולעשן אין זיין געמיט אַלע ביטערע ספקות און צו בלייבן דער אַלטער מאמין.

וואָס הייסט? איז טאַקע אַלץ נישט מער ווי שיקזאַל, און יידן טראָגן זיך איבער דער גאַנצער געשיכטע אַרום מיט אַ פאַטאַלן טעות וועגן אַ וועלט־געוויסן?

דאָ פרואווט דער מחבר צו מאַכן די פשרה אין דער התנהגות פון דער וועלט. ער פירט אַריין דעם פינצטערן ווידערשפרוך צו דער ליכטיקער געטלעכער גערעכטיקייט, און עס איז ווידער העלעניסטיש. די אַנטיקע יידן, איידער זיי האָבן זיך באַקאַנט מיטן גריכישן שיקזאַל, האָבן אין וועזן פון זייער איינציקן פרייען גאָט גאָר נישט אַריינגעפירט קיין שום אינערלעכע ווידער־שפרוכן.

כ'מיין דעם שטן־מאָטיוו. אין תנ"ך געפינען מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט

די פערזאָן פון אַן ענלעכן שטן *) נעמלעך, אין „זכריה״. אַז דאָרט זיינען עס שפּעטערע אַפּאָקריפישע איינפלוסן, דאָס ליגט ממש אויף דער האַנט. דאָס איז אויך דער מיין פון אַלע ביבל־פאָרשער. דערפאַר האָט עס אין דער אַפּאָ־קריפישער ליטעראַטור געווימלט מיט מלכות פון שטן. נעבן דער הערשאַפט פון דער גאָטהייט איז זיי דער ווידערשפעניקער „בליאַר״ נישט אַראָפּ פון דער פעדער. עס איז בשום אופן נישט נויטיק די שטן־פאָרשטעלונגען אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור אויסצוטייטשן אַלס דאָס זעלביקע וואָס די פּערסישע לערע פון הורמוז און אַחרימון, די צוויי געטער פון ליכט און פינצטערניש. די פּערסיער האָבן געהאַט דעם צוויי־געטער־פּרינציפּ כדי פּטור צו ווערן פון אַלע ספיקות און קאָנפליקטן אין סדר־העולם. דאָס גוטע און דאָס ליכטיקע קומט פון איין גאָט און דאָס בייזע און פינצטערע פון אַ צווייטן. צוויי עקזיסטענץ־ספערעס טיילן פונאַנדער דעם קאָסמאָס און די אייביקייטן. צוויי וועלטן ליגן אויף אַן אייביקער וואָג־שאָל און דעצידירן דעם מהות און דאָס וועזן פון יעדן טראַכטן און פון יעדן געשען. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ווייסן מיר פּאַרוואָס עס גייט אין דער וועלט צו טייל מאָל אַזוי ליכטיק און גערעכט און טייל מאָל אַזוי פינצטער און אומגערעכט. עס ווענדט זיך אין דעם גאָט וואָס איז גראָד אַרויפגעקומען אויף דער אויבער־פלאַך. דער מחבר פון „איוב״, ווי אַלע אַפּאָלאָגעטן, זיינען געווען פעסטע און איבערצייגטע יידישע מאָנאָטעאיסטן, אָנהענגער פון איין און איינציקער פרייער און גערעכטער גאָטהייט. — ווי אַזוי זשע קומט דאָס שלעכטע און בייזע אַרויס פון דער ליכטיקער און גערעכטער גאָטהייט?

כדי זיך ווי עס איז אַן עצה צו געבן מיט דעם דאָזיקן ביטערן ווידער־שפּרוך אין דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט פון דעם וועלט־באַשעפער, האָבן די אַלעקסאַנדרינישע אַפּאָלאָגעטן אַריינגעפירט אין וועזן פון דער גאָטהייט עפּעס אַזוינס ווי אַן אינערלעכן ווידערשפּרוך. העגעל האָט דאָס אייגענע געטאָן מיט דעם כלומרשט שלימותדיקן גאַנג פון דעם וועלט־גייסט. נאָר העגעל האָט דעם ווידערשפּרוך אין דער פאַרנונפט פון דער וועלט אָנגערופן אַנטיטעזע. די יידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן געטראַכט מיטאָלאָגישער און האָבן די דאָזיקע אַנטיטעזע אָנגערופן שטן. די גערעכטע פרייע גאָטהייט האָט אין איר שויס אויסגעהאָדעוועט די שוואַרצע שלאַנג וואָס טוט איר אַן

*) דער שטן וואָס ווערט דערמאָנט אין „דברי הימים״ א׳ כ״א „ויעמוד שטן על ישראל ויסת את דוד למנות את ישראל״ ווי אויך אין „במדבר״ כ״ב „ויתיצב מלאך ה׳ לשטן לו והוא רוכב על אתונו... ושני נעריו עמו״ — האָבן באַשיינפּערלעך נישט דעם זעלבן מעטאַפיזיש־קאָסמישן זין פון אַ געטלעכער קעגן־קראַפט ווי אין „איוב״ און אין „זכריה״ ב׳. די שפּעטערע תנ״ך־שריפטשטעלער האָבן דעם דאָזיקן שטן פאַרטיפערט אין זיינע קאָסמישע פונקציעס, נעמלעך, אַלס די שוואַרצע פיגור אין קעגן־שפּיל צו דער גאָט־הייט. מען זעט בפירוש ווי דער שטן אין „במדבר״ האָט נאָך גאָר אַ ווינציקע און אַן אומשולדיקע ראָל.

כסדר די גרעסטע צרות. קאָמפּראָמענטירט זי אויף שריט און טריט און פּרואווט צו מאַכן דער געטלעכער גערעכטיקייט אַ שטריך אונטערן חשבון. צו וואָס האָט די פרייע גאָטהייט באַדאַרפט צו האָדעווען אַ שונא אין דער אייגענער שטוב און לאָזן אָנטון אין דער געטלעכער שאַפונג אַזוי פיל לייד און אַזוי פיל צרות? ס'איז שווער דערויף צו געפינען דעם ריכטיקן תירוץ. הגם אַלע אַלעקסאַנדרינישע אַפּאָלאָגעטן און שפּעטער די מקובלים האָבן דאָ געוואָלט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. ניין. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל און ס'נעמט אויף אַ האָר נישט אַראָפּ פון גאָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים־תעתועים און פאַר דעם ביטערן סדר־העולם וואָס דער שטן האָט אויפגעשטעלט אינמיטן דער מכלומרשט אַבסאָלוטער קאָסמישער גע־רעכטיקייט.

יעדנפאַלס אָט די שוואַרצע געשטאַלט אויף די פּליינען פון דער וועלט — ווי וויניק זי זאָל זיין מאָטיווירט פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ פרייִ און אַבסאָלוט וועלט־געוויסן — וויניקסטנס באַמיט זי זיך אַראָפּצונעמען פון דער גאָטהייט אַ ביסעלע פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער וועלט. אויב אין מענטשלעכן לעבן טוט דער שטן אָן אומבאַשרייבלעכע צרות און שטעלט די גאַנצע גערעכטיקייט אויפן קאָפּ, — נו, פאַרן פילאָזאָפישן ספּעקולירן איז דער שטן אַ היפשער שעיר לעזאזל. אויף זיין קאָפּ איז גוט אויסצולאָזן די אַלע ביטערע געדאַנקען וואָס מען וואָלט באַשיינפּערלעך געקאָנט טראַכטן וועגן דער גערעכטער גאָטהייט.

— 12 —

דער פּראַקטישער מחבר פון „איוב" האָט אויך געגלויבט צו מיינען אַז מיט דער געשטאַלט פון שטן וועט ער פאַרשטופּן אַלע פינצטערע לעכער אין דעם סדר־העולם. אין דער ערשטער סצענע אין הימל פּרואווט ער טאַקע דעם שטן צו מאַכן שולדיק פאַר דעם גאַנצן אומגליק וואָס האָט דעם מחבר פּערזענלעך צעבראָכן דאָס לעבן. די אַבסאָלוטע וועלט־גערעכטיקייט איז גאָט די נשמה שולדיק. גרייַלעך ווייסט זי אָפּצוואַשן די גערעכטיקייט פון מענטש איוב. זי וואָלט אים מיטן בעסטן געוויסן געלאָזט ביי זיינע טויזנטער שאָף, קעמלען און אייזלען, ביי זיינע קנעכט און ביי זיינע דינסט־מיידן, ביי זיינע אַלע עשירותן און ביי זיין לעבנס־גליק. עס איז דער שטן — מיר וואָלטן עס היינט גערופן: דער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך אין דער אַבסאָלוטער גערעכטער גאָטהייט — וואָס האָט געהעצט קעגן איובן אינ־מיטן דער פאַרזאַמלונג פון די ליכטיקע בני־אלהים. דער שטן האָט פּראָ־וואָצירט די וועלט־גערעכטיקייט צו שטעלן דעם גערעכטן מענטש אויף דער פּרואוו. „האָט דער שטן געענטפערט גאָט און האָט געזאָגט: הויט פאַר הויט, און אַלץ וואָס אַ מענטש האָט, וועט ער אָוועקגעבן פאַר זיין נפש. אָבער שטרעק אָקאָרשט אויס דיין האַנט, און ריר אָן זיין ביין און זיין פלייש, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן". עס איז לײדער דווקא דאָ געווען דער שטן וואָס האָט געהאַט די בעסערע מענטשן־קענטשאַפט, און געוואוסט אַז

אפילו דעם גערעכטסטן מענטש טאָר מען נישט צופיל אויסשטעלן אויף נסיונות. די מענטשלעכע שוואַכקייטן זיינען גראַד שטאַרקער פון אַלע מענטשלעכע גבורות.

אין דער דאָזיקער עפּישער סצענע וויל דער מחבר נאָך נישט ווייזן זיין „געפאַלענעם" העלד און באמת זיך אים צו האַלטן אין דער ידיש־אַפּטי־מיסטישער וועלט־אַנשויאונג וועגן אַ גערעכטן וועלט־גאָט. — שפּעטער קומען די דיאַלאָגן. עס איז העכסט וואַרשיינלעך: דער מחבר האָט זיך גענומען פאַר אַ מוסטער די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן. הגם, — דורך דעם אַרכאַאיזירנ־דיקן טאָן פונעם אַלטן חומש־העברעאיש זיינען די דיאַלאָגן אַרויסגעקומען אין דער ראַפינירטער איראָנישער עלאָקווענץ און אין דער שניידיקער קלאָרקייט פון אַ פּלאַטאָ.

אָבער ווי באַלד דער מחבר פאַרלאָזט די רואיקע גלויבערישע עפּיק און לאָזט זיך אַריין אין די וועגן פון אַ שאַרפער דיאַלעקטישער אַנאַליז — ביי אַלע יידישע פאַרזיכטיקייטן — קומט היפּש טראַגיש אַרויס דאָס צוריסענע און צעוויטיקטע געמיט פון דעם עפּיקורעאישן ייד. ער דעקט טיילמאָל אויף זיין נשמה. מיר זעען דאָרט די טיפסטע וואונדן פון מענטשלעכער ספקות. ער פאַרגעסט זיך צו האַלטן אין טונקעלער אַנאָנימקייט. ער פאַרגעסט אפילו צו באַשולדיקן דעם שטן — און כאַפּט זיך אַרויס מיט ביטערע טענות קעגן דער גאָטהייט און אירע התנהגותן אין דער וועלט. טענות וואָס ביי אַ פרומען גלויביקן ייד באַדאַרפן זיך — לייענענדיק אָט די איוב־פּראָזע — אַלע האָר שטעלן אויפן קאָפּ.

— 13 —

ווען איך קאָן מיך דערמאָנען האָב איך עס נישט געפונען ביי קיין שום ביבל־פאַרשער, דאָך — שלאָגט עס ממש אין די אויגן. דער מחבר באַנוצט זיך מיט אַ ראַפינירטן קאָמפּאָזיציאָנעלן טריק וואָס וואָלט אים אייגנטלעך באַדאַרפט שטעלן אויבאָן צווישן די גרעסטע וועלט־דראַמאַטיקער, נעמלעך: אין דעם עפּישן אַריינפיר־בילד וואו עס ווערט דערציילט פון איובס לעבן און פון די טראַגישע געשעענישן פון זיין שיקזאַל, האָבן מיר פיר אויפטרעטנדיקע שיקזאַל־שליחים. זיי קומען איינער נאָך דעם אַנדערן. זיי קומען ווי אַרויס פון הינטער די טונקעלע פאַרהאַנגען פון דעם אומהיימלעכן וועלט־געהיימניש. זיי שטייגערן — דראַמאַטיש — די האַנדלונג, און לאָדענען אויס איבער דער דיכטונג דאָס פינצטערע געוויטער פון שיקזאַל. זיי אַקעגן איבער — ווי די שליחים פון דער וועלט־פאַרנונפט און פון דעם געטלעכן געוויסן פון קאָסמאָס — טרעטן אויף פיר יידן. פיר קעגן פיר. מיר דאַרפן זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן פון מחבר, וואָס די פיר שפּרעכער וועלכע טרעטן אויף אין די דיאַלאָגן טראָגן אַנטיקע אדומישע נעמען, אליפז התימני, בלדד השוחי, צופר הנעמתי. ניין. עס זיינען יידן פון יידנלאַנד. ביים לאַנד עוץ האָבן מיר שוין געזען ווי דער מחבר שפּילט אַנאָנים און גיט דעם אָרט פון די געשעענישן אַן אַרכאַאיש־עקזאָטישן נאָמען. אויך די פיר יידן — הגם

זיי קומען אַרויף אויף דער בינע אין אדומישע אַנטיקע מאַסקעס — געגנוג איז צו הערן זייערע רייד, און מיר דערקענען באַלד דעם היסטאָרישן־יידישן וועלט־קוק וועגן דעם סדר־העולם.

אויך דאָס קול פון הינטער דער סצענע, — גאָטס ענטפער פון שטורעם־ווינט, דער „מן הסערה" — דעקט אויף זיין העלעניסטיש־אַפּאָקריפישן שורש. אין די אַפּאָקריפן — ווען דער געקריוודעטער און אומגעדולדיקער ייד זעט ווי פון אַלע זיינע דערוואַרטונגען לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. די וועלט וואָס ער דאַרף צו באַהערשן אין גערעכטיקייט שטעלט זיך אים גאָר קאַפּויער, און ער הייבט אָן גאָט פאַרצוואַרפן ביטערע נישט־קאָנסעקווענטקייט — דאַן קומט אַ מלאך אָדער אַן אַנדער שליח פון דער גאָטהייט און טייטשט אויס דאָס פינצטערע אומגליק אַלס די צייכנס פון דעם ליכטיקן גליק וואָס גרייט זיך צו קומען אויף דער ליידנדיקער וועלט. די וויזיאָנערישע אומבאַקאַנטע שטימע פון הינטער די קוליסן פון דער וועלט איז סך־הכל מבשר, אַז די גרויסע קלעפּ זיינען נישט מער ווי די האַפּערדיקע אָנזאָגן פון די קומענדיקע צייטן פון גערעכטיקייט.

— 14 —

אין הונדערטער ספרים און פירושים באַמיען זיך ביבל־פאָרשער און טעאָלאָגן אויפצושטעלן די באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען און פילאָזאָפיעס וואָס יעדער איינער פון די „שפּרעכער" ברענגט מיט זיך כדי צו „טרייסטן" איובן. סיי יידישע חוקרים, סיי גויאישע טעאָלאָגן פאַרקאַטשען דאָ די פּאָלעס און ווייזן וואָס זיי קענען. פרייערע ביבל־פאָרשער זיינען קאַפּאַבל מקריב צו זיין דעם פערטן שפּרעכער, אליהו בן ברכיה, און גיבן צו, אַז דעם „פערטן" האָט אַריינגעשריבן אַ שפּעטערער קאָמפּילאַטאָר פאַר וועלכן דער מחבר פון „איוב" איז אַבסאָלוט נישט פאַראַנטוואָרטלעך. אין דעם דיאַלאָג פון אליהון האָט זיך שווער געלאָזט אַריינפּאַסן אַ נייע וועלט־אַנשויאונג. ער חזרט סך־הכל איבער דאָס נעמלעכע וואָס די פריערדיקע שפּרעכער האָבן שוין געזאָגט.

אויב אליהו רעדט אפילו פּאַטעטיש און פאַרנעפּלט, — מיט די דאָזיקע חסרונות צי מעלות צייכענען זיך היפש אויס די ערשטע שפּרעכער. דער מחבר וויל גאָרנישט אָפּטרעטן פון דעם עקסטאַטישן מליצה־סטיל פון אַנטיקן העברעאיש. עס געהער צו זיין גאַנצן נוסח. און איך וויים נישט פאַרוואָס דאַרף גראַד אליהו צו זיין דער קרבן און דאָס צוטשעפּעניש פון אַ מכלומרשטן קאָמפּילאַטאָר? אַלע קעגן־„שפּרעכער" זאָגן דאָס אייגענע. דאָס אייגענע מיט קנאַפּע שאַטירונגען און חילוקים. אַבסאָלוט דער אייגענער יידישער וועלט־קוק. אין אידעאָלאָגישן זין וואָלט דער מחבר גאַנץ גוט געקאָנט אויסקומען מיט איין קעגן־שפּרעכער.

כ׳וויל נאָך אַמאָל צוגעבן: דער מחבר האָט אַריינגעפירט פיר קעגן־שפּרעכער אין דיאַלאָג, נישט כדי צו זאָגן פיר מיינונגען. דער מחבר איז

גאַרנישט אויסן געוועזן צו געבן פיר אידעאָלאָגיעס. ער האָט, זעט זיך אויס, געוואוסט אַז אַ גוטע קאָמפּאָזיציע אין אַ דיכטונג דעקט טיילמאָל אויף טיפערע אמתן און דערגרייכט צו אַזעלכע אָפּגרונטן פון געדאַנק וואָס קיין שום פילאָזאָפישע דעפעניציעס זיינען גאָרנישט אין שטאַנד צו דערגרייכן. נאָר די דאָזיקע דיכטערישע אינטואיציע האָט אים אַריינגעפירט די פיר שפּרעכער. פיר קעגן פיר. ס'איז דעם סוחרישן פאָעט געגאַנגען אינעם דראַמאַטישן קעגן־שפּיל פון די כוחות וואָס שטייען אין היסטאָרישן וועלט־קאַמף און באַוועגן די דינאַמיק פון דער וועלט־געשיכטע: שיקזאַל אָדער פרייהייט? בלינדע געזעצהאַפטיקייט אָדער גערעכטיקייט? גויאישקייט צי יידישקייט? פיר שליחים — די פאָרשטייער פון גריכישן שיקזאַל. פיר יידן די פאָר־שטייער פון דער אַבסאָלוטער פרייער גערעכטיקייט.

די וואָג־שאָלן פון דער וועלט שטייען גרייט זיך צו באַוועגן —
דאָס שיקזאַל האָט זיך געשטעלט אויף איין וואָג־שאָל —
די גערעכטיקייט — אויף דער אַנדערער.
דער משפט איבער דער וועלט־הנהגה הייבט זיך אָן —

— 15 —

וואָס זאָגן די פיר יידן איובן?

כ'וויל נאָך אַמאָל דערמאָנען דעם יידישן צדיק פון מאַינץ וואָס גייענדיק צום שייטער־הויפן האָט ער נישט אויפגעהערט אויף זיך אויסצוטראַכטן אַלערליי נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע חטאים — און אַלצדינג כדי ריין צו וואַשן די גאָטהייט. זי זאָל חלילה נישט זיין די אומגערעכטע. אַן אומגערעכטע גאָטהייט וואָלט געמאַכט אַ שטריך אונטערן חשבון פון אַלע יידישע אויסבליקן אויף דער מענטשלעכער געשיכטע. זי וואָלט פאָר יידן די גאַנצע מענטשלעכע צוקונפט געשטעלט אונטער אַ שוואַרצן פרעג־צייכן. מענטשלעכע צוקונפט, לעתיד־לבוא, אַן אויסגעלייזטע וועלט פון סאַמע גע־רעכטיקייט — דאָס איז דער געפערלעכער דראָט איבערן אָפּגרונט איבער וועלכן דאָס יידישע פאָלק גייט שוין זינט טויזנטער יאָרן. גייט — און גלויבט ענדלעך אַריבערצוקומען אינעם גליקלעכן ערגעץ־לאַנד. אַן אומגערעכטע גאָטהייט וואָלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויסגעשטעלט אויף אַ ביטערן חוזק. דאָס איז פאַר יידן נישט מעגלעך מודה צו זיין.

אין אַבסטראַקטע און אַפּאָלאָגעטישע ווערטער הייבן די שפּרעכער קודם־כל פאַר איובן אַן אויסצומאָלן די וואונדערפולע בילדער פון דער גערעכטער געטלעכער פירונג: „דער וואָס טוט גרויסע זאַכן ניט צו דער־פאָרשן וואונדער אַזש אָן צאָל. דער וואָס גיט רעגן אויפן געזיכט פון דער ערד און שיקט וואַסער אויפן געזיכט פון די פעלדער: ער שטעלט די נידע־ריקע אין דער הויך, און די פינצטערע ווערן דערהויבן דורך הילף". איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַזעלכע ציטאַטן, וואָס דער מחבר לייגט אַריין אין דעם מויל פון די פיר יידן. דאָס בוך „איוב" ווימלט פון ענלעכע ציטאַטן.

הגם דער געשלאָגענער איוב באַמיט זיך — היפּש פּאַרזיכטיק — צו ברענגען שרייענדיקע קעגן־פאַקטן וואָס גיבן אַן אַנדער בילד פון דער געטלעכער וועלט־גערעכטיקייט. „ארץ נתנה ביד רשע, פּני שופטיה יכסה אם לא אפו מי הוא". „די ערד איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פון רשע. דאָס פּנים פון אירע ריכטער פאַרדעקט ער. אויב ניט, ווער דען איז דאָס?" דערצו טענהט איוב: אַז ער פאַרשטייט כלל נישט דאָס קידער־ווידער־שפּיל וואָס די אַל־מעכטיקע גאָטהייט פירט מיט דעם שטויבעלע מענטש. איז וואָס זשע? ניין. די פיר יידן ווילן דערפון נישט הערן.

ניט געקוקט דערויף וואָס איוב, דער גערעכטער מאַן פון לאַנד עוץ, זיצט מיט אַ זאַק אויפן צעשוונדענעם לייב און די טייכן פליסן אין זייערע געלעגערס, אויף די בוימער זינגען די פייגל און אין די הימלען שיינט די זון, ווי אַלצדינג וואָלט געווען אין דער סאַמע בעסטער אָרדענונג, — פונדעסט־וועגן האָבן די טרייסטנדיקע פיר יידן פאַרן אַנטוישטן יידישן צדיק נישט קיין אַנדערע ווערטער סיידן ווי אויסצומאָלן זיין גרויסע זינדהאַפטיקייט און זיינע נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע חטאים. עס קומט נאָך דער גאָטהייט אַרויס די גרויסע רעשט. ווערליק דעם יושר פון די פיר יידישע שפּרעכערס קומט איובן נאָך אַ גרעסערע שטראָף. בלויז דער חסד פון דער גאָטהייט גייט זיך מיט אים אום אין באַרימהאַרציקייט. פאַקטן? אַ איראָניע פון אַ וועלט־גערעכטיקייט! די פיר יידן באַדאַרפן גאָרנישט קיין פאַקטן. דער גרעסטער פאַקט איז די יידישע היסטאָרישע אידייע אַפּריאָרי. די אַבסטראַקטע וועלט־פאַרשטעלונג זייערע נויטיקט זיך נישט אין קיין שום רעאַלע באַשטעטיקונג. אויב די פאַקטן שטימען נישט מיט דער יידישער אילוזיע — ווײ צו די פאַקטן. פיר ביבלישע מנחם מענדלס אין דעם ליכ־טיקן יעהופּעץ פון קאָסמאָס. אייביק מוזן גערעכט זיין סיי די גאָטהייט אין די הימלען און סיי די אילוזיע פון יידן וועגן סדר פון דער וועלט. און דער מענטש? „חטאתי מה אפעל לך נוצר האדם?". „אַז איך זינדיק, וואָס טו איך דיר, היטער פון דעם מענטשן?" קיי און שפּיי. דער מענטש מוז תמיד זיין דער קרבן פון די ווינט־מילן וואָס מאָלן די אידייע פון אַן אַבסאָלוטער וועלט־גערעכטיקייט.

ניו־יאָרק, יולי, 1944.

דאָס בוך „אסתר"

— 1 —

פון אַלע ספרים פון תנ"ך קוקן אונז אויס די ספרים „אסתר" און „קהלת" צו זיין די מאָדערנסטע. כמעט ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן היינט צו טאָג. ס'פעלט זיי דער וואולקאַנישער טעמפּעראַמענט פון די נביאים. זייער שפּראַך פאַרמאָגט די לאַטיינישע קלאָרקייט ווי די שפּראַך פון דער „משנה".

קהלת האָט גרייליך גוט געקאָנט זיין אַ צייט־חבר פון רענאַן און אַנאַטאָל פראַנס. אין מיטן די עקזאַלטירטע תנכישע פיגורן איז קהלת אַ רואיקער אינטעלעקטועלער פעסימיסט. ער איז צוגעקומען צום גרענעץ פון אַלע דערקענטעניש. ווי יעדער קולטור־עפּיגאָן האָט ער דערגרייכט די ביטערע איבערצייגונג אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום וועג, וואָס פירט דעם מענטש ווייטער פון זיינע גופישע תאוות. דאָס מענטשלעכע לעבן איז סך־הכל אַ טרויעריק און לאַנגווייליק שפּיל פון אַן אייביקן ווידערקער, זאָגט קהלת. פאַרן מענטש איז אַלצדינג האָפענונגסלאָז און אויסוועגלאָז. אַלע מענטשלעכע מעשים קומען אים אויס, קהלתן, אייטל און נאַריש. ניין, מיר האָבן נישט קיין אַנדערע מאָס פאַר וועלט און מענטש אַ חוץ דער מאָס פון מענטשלעכע שוואַכקייטן. לאָמיר זיך נישט גרויסן. לאָמיר רעזיגנירן. דעם מענטשנס הענט זיינען צו קורץ צו דערגרייכן צו הימלען. זיינע געבליטן וועלן אים קיינמאָל נישט לאָזן זיין גוט און פאַרנונפטיק. מיר וועלן קיינמאָל נישט באַווייזן אַראָפּ צו קומען פון דער קאַרוסעלע, וואָס דרייט זיך מיטן מענטש אונטער דער זון... הכל הבל, זאָגט קהלת.

דער מחבר פון „קהלת" איז ווייט פון צו זיין יידיש־נאַציאָנאַל. — ווי מערקווירדיק! — זיין ביכל איז פול מיט אַ טרויעריקן און אינטעלעקטועלן עפּיקורעאיזם. פאַרט איז עס אַריינגענומען געוואָרן אין דער זאַמלונג פון דעם אייביקייטס־עפּאָס פון דער יידישער נאַציע, אין דעם עפּאָס פון אַ בלינדן אָפּטימיסטישן און אומברחמנותדיקן דראַנג צו אַ גערעכטער וועלט. קהלת שפּילט אין תנך די זעלביקע ראָל ווי די פיגור פון אַ לץ אין אַ שעקספּירישער טראַגעדיע. זי איראָניזירט אַלע האָפענונגען און שפּעט־אָפּ פון אַלע געשעענישן. קהלת רעדט נישט וועגן דעם מהות פון יידישן קיום און וועגן די אַלע אידעאַלן און אידייען, וואָס האָבן אין זיין צייט פול געמאַכט דאָס וועזן פון דער יידישער נאַציע. ער דערמאָנט בלויז, אַז די געדאַנקען אין דעם בוך זענען די באַטראַכטונגען פון אַ יידישן קעניג אין ירושלים און דאָס אַל. די אַלע קלוגע און טרויעריקע באַטראַכטונגען האָבן אויך געקאָנט געשריבן ווערן פון אַ מאַרקוס אַורעליוס אין רוים.

קיין שום יידיש — און בכלל קיין שום נאַציאָנאַל געמיט ווייעט נישט פון דעם תנ״ך־בוך „קהלת". אַ נאַציע צי אַ קאָלעקטיוו סימבאָליזירט מיט זיך אַ גאַנג צו אַ צוקונפט און אַ ווילן צו דער קאָנטינואיטעט פון אַ היסטאָרישער מדרגה. דער תנ״ך איז קודם־כל אַ בוך מיט שאַרפע ליניעס. אַ בוך געווענדט צו די פּליינען פון דער צוקונפט.

דער תנ״ך איז אַ גליקזעליקער און טרייסטנדיקער חלום אין דער נאַכט פון דער מענטשהייט. אפילו די תנכישע שטראָף־רייד גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו גרויסע זאַכן. צו גרויסע וועלט־זאַכן. אין הכל הבל איז נישטאָ קיין אָרט, נישט פאַר קיין שעפערישער פּערזענלעכקייט און נישט פאַר קיין שעפערישן קאָלעקטיוו. אין דעם אויסוועגלאָזן וועלט־קוק, דער וועלט־קוק פון אַן אייביקן ווידערקער, גילט דער אומבאַהאָלפענער מענטש און די אומבאַהאָלפענע מענטשהייט. זיי קאָנען בלויז צוקוקן און אויף דאָס מינדסטע נישט דעצידירן.

דער פּעסימיזם איז אין תוך זיינעם אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט.

אויף גאָר אַנדערע פלאַכן שפּילט זיך אָפּ דאָס בוך „אסתר".

וואָס שייך דעם תנכישן גייסט איז דאָס בוך „אסתר" כמעט פּונקט אַזוי פרעמד אים ווי דאָס בוך „קהלת". קודם־כל פעלן אין „אסתר" אַלע מעטאַפיזישע אויסבליקן פון תנ״ך, נעמלעך, די דעצידירנדיקע איינפלוסן פון דער יידישער גאָטהייט אויפן וועזן און אויפן שיקזאַל פון יידן. עס האָט שוין די חכמי התלמוד געחידושט, וואָס אין אַ בוך, וואו עס רעדט זיך אַזוי פיל וועגן יידישן נאַציאָנאַלן גורל און וועגן די אייביקע צרות פון יידן, ווערט קיינמאָל נישט דערמאָנט דער נאָמען פון דער יידישער גאָטהייט, דער „שם שמים". דער מחבר — וואָס איז טיילמאָל אַזוי האָפערדיק אין זיין גלויבן, אַז סוף־כל־סוף וועלן יידן בייקומען אַלע זייערע צרות — פאַרבינדט נישט די דאָזיקע האָפענונגען מיטן בטחון אין דער געטלעכער ישועה. האָבן דאָך אַלע תנכישע ספרים אויסגעקליבן גאָט ווי דעם שופט און דעם לענקער פון דער יידישער געשיכטע. „נחמו, נחמו עמי" איז די טרייסטנדיקע שטימע פון דער יידישער גאָטהייט. וואָס שייך זיין ווידערווילן צו יעדער טעאָלאָגישער אויסטייטשונג פון געשעענישן, איז דער מחבר פון „אסתר" פיל וועלטלעכער ווי דער עפּיקורעער פון „קהלת". קהלת, אין מיטן זיינע טיפסטע יאושן, מאַכט טיילמאָל קאָנצעסיעס פאַר דער איבערנאַטירלעכער מאַכט. אויב דער מענטש אויף דער ערד איז גאָרנישט, אפשר איז דאָ עפּעס אין די הימלען? דער מחבר פון „אסתר" מאַכט דער געטלעכער מאַכט קיינמאָל נישט די מינדסטע קאָנצעסיעס. עס ווייעט פון אים מיט אַ פאַרעקשנטן אַטעאיזם אפילו דעמאָלט, ווען דער גורל פון יידן שיינט צו זיין אַ געחתמעטער. שושן הילט זיך איין אין טרויער און מרדכי הילט זיך איין אין אַ זאַק. ניין, דער מחבר פון „אסתר" ווענדט זיך קיינמאָל נישט צו די הימלען.

אויב „קהלת" איז דאָס בוך פון געדאַנקלעכע באַטראַכטונגען, מיידט דער מחבר פון „אסתר" אינגאַנצן אויס אַלע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע עקספּאָזיציעס. ער איז דורכאויס אַ רעאַליסט. אויב ער טרעט אַמאָל אָפּ

פון אַ ריינעם ערדישן רעאַליזם, טוט ער דאָס אין דער זייט פון דער ריין מענטשלעכער פסיכיק. די מענטשלעכע פסיכיק באַטראַכט ער אָבער אויך אַלס אַ רעאַלן פענאָמען און וויל נישט זען אין איר קיין שום איבערערדישע מעטאַפיזיק. דער מחבר וויל אונז דערציילן פון מענטשן, פון גויאישע און יידישע מענטשן און פון זייערע שטאַנדפונקטן וועגן זיי — שטאַנדפונקטן וואָס קומען פון אַ קלוגער און ניכטערער לעבנס־דערפאַרונג. אַלע געשעענישן אין „אסתר" געשעען אויף דער זינדיקער ערד און אויפן שטח און אין די באַדינגונגען פון דער רעאַלער פסיכיק פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפטלעכקייט. אפילו דעם שווערסטן און אומהיימלעכסטן מענטשלעכן שיקזאַל באַמיט זיך דער מחבר פון „אסתר" צו דערקלערן מיט פסיכאָלאָגישע מאָטיוון. פאַר אים איז שיקזאַל דורכאויס דער פראָדוקט פון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער און בשום אופן נישט דער שפּרוך פון אַ געטערישן פאַטום. זיין טראַנסצענדענטאַליזם שמעקט מיט דעם טראַנסצענדענטאַליזם פון אַ מאַקס אַדלער, וואָס וויל אפילו ביי די מעטאַפיזישסטע און קאָמפּליצירטסטע פילאָ־זאָפישע פּראָבלעמען נישט אָפּטרעטן פון די מאַטעריאַליסטישע דרכים פון קאַרל מאַרקס. הגם מאַקס אַדלער מוז טייל מאָל מודה זיין, אַז ס׳איז דאָ אַ טראַנסצענדענטע נשמה, קאָן מען אָבער ביי אים בשום אופן נישט פועלן, אַז ס׳איז דאָ אַ טראַנסצענדענטע געטלעכקייט. אויך דער מחבר פון „אסתר" איז אַזאַ פאַרביסענער מאַטעריאַליסט און וויל דווקא די געהיימנישפולקייטן פון שיקזאַל דערקלערן דורך די געהיימנישפולקייטן פון כאַראַקטער.

דערפאַר נוצט ער אויס זיינע קלוגע לעבנס־דערקענטענישן וואָס שייך יידן און גויים, איבערהויפּט בנוגע יענע איבערשטע פון שטייסל פון גויאישע מענטשן, וואָס זיצן ביים ראָד פון דער וועלט און לענקען אַזוי צו זאָגן די וועלט־שיף.

אין דעם דאָזיקן פּרט — ד"ה, ווי זיי, די יידן און גויים קומען אַרויס אין דעם שפּיגל פון זיין וועלט־געפיל — איז דער מחבר אַ פולער איבער־צייגטער וועלט־ייד. אַן אַ. ג. ג ל ו ת ־ י י ד. הגם ער איז אַ ראַפינירטער קולטור־מענטש און קאָן אויסגעבונדן אַלע הייפישע עטיקעטעס און אַלע הייפישע מנהגים און די מחשבות פון די „קאַרפּן־קעפּ" צווישן די וועלט־פירער. דער מחבר וויזט אַרויס גרויסע באַהאַוונטקייט אין דעם לעבן פון פּערסישן הויף. אַלע אַרכעאָלאָגן זיינען מודה, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ היימישן מענטש אין פּערסישן מלכות. דערביי — און דער דערביי איז דאָס וויכטיקסטע — איז אונזער ראַפינירטער הויף־מאַן דורכויס און דורכויס מיט לייב און לעבן אַ וועזנהאַפטיקער ייד. ער אידענטיפיצירט זיך מיט די יידישע מאַסן פון דעם עם מפוזר ומפורד און מיט זייער גורל ווי שווער און ווי סכנהפול ער זאָל ניט זיין. איך וועל מיך נישט אָפּשרעקן אַרויסצוזאָגן די געוואַגטע השערה, אַז דער מחבר שילדערט זייער דיסקרעט זיך אַליין און זיין וועזן אין דער פּערזענלעכקייט פון מרדכין. אַז דער מחבר איז אַן ערשט־קלאַסיקער שריפטשטעלער, דאָס זעט מען אין דער אידעלער קנאַפּ־קייט פון זיינע שפּראַך־מיטלען. ער ווייס צו באַהערשן זיין פעדער און ווייס

וואונדערלעך פונאַנדערצוטיילן די קאָמפּאָזיציעס פון די מאָטיוון. וואָס שייך שריפטשטעלערישער דערגרייכונג שטייט זיכער דאָס בוך „אסתר" נישט אָפּ פונעם בוך "רות". עס איז אפשר נאָך ראַפינירטער און רייפער אין שריי־בערישן קענען. דעריבער טאָקע — ווייל ער איז אַזאַ גוטער שריפטשטעלער קאָן ער — ווי יעדער גוטער שריפטשטעלער — זיך נישט אויסהיטן צו דערציילן אין די געשטאַלטן פון זיינע פּערסאָנאַזשן — פון דעם לעבן און וועבן פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט. יאָ, עס איז מ ר ד כ י, הינטער וועלכן עס באַהאַלט זיך דער אַנאָנימער מחבר פון „אסתר".

מיר קאָנען וויסן ווער ער איז, אָט דער י י ד אין פּערסישן הויף, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס טיפּסטע און מאָדערנסטע גלות־בוך פון יידן. ער איז אַ ייד פון גרויסער ראַפינירטער וועלטלעכער קולטור. דערצו געהער ער צו די „הויכע פענצטער" אין דער הערשנדיקער געזעלשאַפט. ער באַלאַנגט צו דער הויף־קאַמאַרילע און איז אַ „יושב בשער המלך". איך וויל נאָך אַמאָל צוגעבן, אַז וועדליק די לעצטע אויסגראָבונגען אין שושן פון פראַנצויזישע אַרכעאָלאָגן (האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) שטימען די געפונענע חורבות פון אחשורושעס פּאַלאַצן מיט דעם, ווי זיי זיינען באַשריבן אין דער מגילה. ווייזט אויס, אַז דער מחבר פון „אסתר" האָט די דאָזיקע אַלטע פּראַכטן פון פּערסישן הויף געזען מיט די אייגענע אויגן ווי אַן אינעווייניקסטער מענטש, און ער האָט זיי באַשריבן מיט אַלע פּרטים און מיט דעם גרויסן געשמאַק פון אַ קענער. אָבער — דאָ וויל איך באַטאָנען דאָס היסטאָרישע אייגנאַרטיקע אין דעם דאָזיקן וועלטלעכן און פריי־דענקערישן הויף־מאַן — וואָס שייך זיין וועלט־קוק איז ער אַ טיפער ייד. זיין פריי־דענקערישער רעאַליזם שטייט אַבסאָלוט נישט אין ווידערשפּרוך צו זיין יידישן איראַציאָ־נאַליזם. איך וועל נאָך מער זאָגן: צו זיין יידישן מיסטיציזם. אונזער מחבר איז גאָר היפּשלעך אַ מיסטיקער, הגם ער מיידט אויס עקשנותדיק יעדע מעטאַפיזישע אינטערפּרעטאַציע. יעדער טיף־באַנומענער רעאַליזם מוז סוף־כל־סוף זיך ווענדן צו מיסטישע אויסבליקן. נאָך דערצו יידישער רעאַליזם — דאָס איז אוודאי, דאָס איראַציאָנאַלע פון דעם ראַציאָנאַלן. אַזוי צו זאָגן, דער טראַגיש־איראָנישער וועלט־סוד פון דער מאַטעריאַליסטישער מענטשלעכער געשיכטע. מוז מען דערצו זיין אַ טעאָלאָג און אַ מעטאַפיזיקער? די מיסטיק זוכט אפשר גיכער אירע פּראָבלעמען אין דער ערדישקייט ווי אין דער איבערערדישקייט; זי איז פּאַנטעאיסטיש, און דעריבער זוכט זי דאָס אַבסאָלוטע אין דעם מכלומרשט נישט־אַבסאָלוטן. פאַר איר איז אַלצ־דינג אַבסאָלוט.

דעריבער זעט זי, די פּאַנטעאיסטישע מיסטיק, אין דער דיאַלעקטיק פון דער מענטשלעכער פּסיכיק די דיאַלעקטיק פון דעם אַבסאָלוטן וועלט־געהיימניש. אונזער קלוגער מחבר פון „אסתר" האָט טאָקע צו דער וועלט די איראָנישע, און צוגלייך מיסטעריעזע, באַציאונג פון זיין יידישער ראַסע. ער קוקט אויף דער וועלט אי ווי אויף אַ גרויסער חכמה, אי ווי אויף אַ גרויס נאַרישקייט. עס ווענדט זיך נאָר אין שטאַנדפּונקט און אין דער סוביעק־

טיווער באַלייכטונג. וועלט־מאכט ווי אָביעקטיווע וועלט־וואָרהייט? ניין, דאָ גראָד קוקט אונזער מחבר מיטן גרעסטן ביטול אויף די אַלע, וואָס גלויבן צו שטיין ביים ראָד פון דער וועלט. ער באַציט זיך צו אַלע מאַכט־האָבער מיט דער טיפער פאַראַכטונג פון אַן אַנאַרכיסט.

— 2 —

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלערישער פעדער, וואָס קאָן באַהערשן איר שטאָף און צוטיילן די געשעענישן ווערדליק אַ רייפן און פאַראויסגעזעענעם פלאַן. איך ווייס נישט צי אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז פאַראַן אַזאַ מייסטערהאַפטיק שפּאָט־בילד אויף די אויבערשטע צען טויזנט פון דער מענטשהייט, ווי עס איז צ״ב דאָס אַריינפיר־בילד פון „אסתר״. אין עטלעכע קנאַפּע זאַצן האָבן מיר פאַר די אויגן די גאַנצע פּאָמפּהאַפטיקע פוסטקייט פון אַ קעניגלעכן הויף. און אחשורוש איז נישט קיין ליאַדע מלכל.

דער הויף פון שושן איז סך־הכל דער צענטער פון אַ וועלט־מלוכה, פון הודו ביז כוש, הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות און אַ ים פון פעלקער־שאַפטן. דעם דאָזיקן וועלט־צענטער, וואו עס ווערט געפירט און געטריבן דער גורל פון פעלקער, שילדערט אונזער הויף־מאַן — וואָס איז צוגלייך דער יידיש־נאַציאָנאַלער מחבר פון דעם גרעסטן יידישן שיקזאַל־בוך — ווי אַ פּראַכטפולע נעסט פון לייכטזיניקסטן הוללות, פון שיכרות. די וואַק־כאַנאַליע פון די היהשע טריבן אין מענטש. דער מענטש ווערט בוכשטעבלעך אידיאָטיש אין דעם הפקרדיקן געטומל פון זיינע גופישע טריבן. אָט אַ דאָס אידיאָטישע באַמיט זיך דער מחבר אונטערצוצייכענען אין דער געשטאַלט פון דעם גרויסן וועלט־קעניג און אין דער געשטאַלט פון די זיבן מיניסטאָרן, די שרים פון פרס און מדי, וואָס זיצן די ערשטע ביים מלכות און זיינען די „אַנקוקער״ פון קעניגלעכן פּנים. אָט דאָס זיינען — געטלעכע איראָניע! — די לענקער פון דער גרעסטער וועלט־מאַכט. אויך דאָ האָט דער מחבר מך־הסתם אויסגעקליבן גוט־באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון דער דעמאָלטיקער פּערסישער רעגירונג און האָט אויף טשעקאַוועס צעדרייט זייערע נעמען און זיי צוגעגעבן קאַריקאַטורעלע קלאַנגען, מחמת די היסטאָריקער קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער פאַלשקייט פון די פּערסישע נעמען וואָס זיינען דערמאָנט אין דער „מגילה״. אויך אין דעם דאָזיקן טריק דערקענען מיר דעם אויסגעצייכנטן שריפטשטעלער. די היסטאָריקער זוכן אַ היסטאָרישן אמת דאָרט, וואו אַ מייסטער האָט גראָד געוואָלט געבן די היסטאָרישע קאַריקאַטור.

עס ווערט געשילדערט די רייכע און פאַנטאַסטישע אַרכיטעקטאָניק פון די קעניגלעכע פּאַלאַצן. די מאַרמאַרנע זיילן־גענג. די גאָלדענע און זיל־בערנע געלעגערס, און די וואונדערלעכע מאָזאיק פון די דילן. דער לוקסוס פון די געפעסן און די שפע פון די געטראַנקען און די ווייַנען. דער צענטער

פון דער וועלט־מאַכט טונקט זיך אין הוללות. און פון וואָס ריידן אַט די אַלע הערן פון דער וועלט? פון ווייבער. דער קעניג דערגייט אַזוי ווייט, צו וועלן ווייזן די שיינקייט פון זיין מלכה עפנטלעך פאַר זיינע געסט. ער גיט איר דעם קעניגלעכן באַפעל — בושהלאַזער און חיהשער טריב — צו דערשיינען פאַר די פערסישע שרים אין אַלע אירע ווייבערישע רייצן און מיט דער גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ. די מלכה וויל עס נישט טון, און דער וועלט־מלך ברענט פון צאָרן. דאָ קומען אים צו הילף די זיבן מיניסטאָרן און מאַכן פון דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער סצענע זייער אַ וויכטיקן מלוכה־ענין. נעמלעך, ושתי די מלכה האָט מיט איר טאַט צעדרייט אַלע מלוכה־רעדלעך. אַלע ווייבער אין די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות וועלן גרייליך נאָכטון איר ביישפּיל, זיך אָנטון אין אַ פּראָסטן מיטוואָך מאַנסבילישע פּלודערן און ווייזן זייערע מענער אַ פייג. אַלע למכס וועלן נעבעך אַרונטער־קומען אונטערן ווייבערישן פּאַנטאָפל. כדי בזיון וקצף. מיר גלייבן צו זיין אינמיטן דער אַריסטאָפאַנישער קאָמעדיע „ליזיסטראַטע”. צי האָבן אונזערע מחברים, דער גריכישער און דער יידישער, נישט געשעפּט זייערע טעמעס פון איין און דעם זעלביקן מאָטיוו? ושתי באַקומט די גערעכטע טויט־שטראָף און דער גאַנצער קאָנפליקט, וואָס איז געשען צווישן אַ חברה הייפּישע שיכורים, באַקומט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצלעכקייט אין די ביכער פון פרס ומדי. עס ווערן געשריבן קעניגלעכע בריוו און פונאַנדערגעשיקט דורך שטאַפעטן צווישן די הונדערטער פעלקערשאַפטן, אַז ס'בלייבט צוריק ביים אַלטן: די ווייבער מוזן ווייטער זיצן אין קיך ביים פּריפּעטשיק און האָרכן די מאַנסבילישע באַפעלן. די גרויסע פערסישע מלוכה באַרואיקט זיך. דער צאָרן פונעם באַליידיקטן מלך ווערט געשטילט.

עס שרייט ממש אַראָפּ פון דער מייסטערהאַפט־געשריבענער פּראָזע, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טון מיט היסטאָרישע פאַקטן. אַ גרויסער פערסישער קעניג און זיינע מיניסטאָרן האָבן געמאַכט פאַר אַ מלוכה־געשעעניש דעם פאַקט, וואָס די מלכה האָט זיך נישט געוואָלט באַווייזן אין איר ווייבערישער שיינקייט אין אַנגעזיכט פון שיכורע הויף־לייט, און דערצו האָבן זיי מורא געהאַט פאַר אַ וועלט־רעוואָלוציע פון די ווייבער, און ערשט דאָס קאָנסטי־טוציאָנעלע געזעץ אין די ביכער פון פרס און מדי איז געווען בכוח איינצו־האַלטן די ווייבערישע זשעדנעקייט — ווי קאָמיש און פּראָווינציעל! ניין. עס קאָן זיך — פאַקטיש — נישט לייגן אויפן שכל. סך־הכל האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט דער בלי־צייט פון פערסישן קעניגרייך. דער שיכורער ווייבער־ניק אחשורוש איז נישט קיין אַנדערער ווי קסערקסעס (אַלטפּערסיש: כשאַ־יאַרשאַ. בבליש: אַשכייאַרשן, 465 ־ 486 פ. ק.). אין די מצרישע קעניג־ליסטעס הייסט אפילו דער דאָזיקער קסערקסעס דער „גרויסער”. העראָ־דאָטעס רעדט פון אים ווי פון איינעם פון די מעכטיקסטע פערסישע מלכים. וואָסער אידיאָטיש און טעמפּ פּנים באַקומט ער אין דעם בוך „אסתר”, וואָס איז געשריבן פון איינעם פון זיינע יידישע הויף־לייט, אַ דיכטער מיט אַזוי פיל הומאָר און קולטור. אין דעם גייט עס טאַקע. דער מחבר — וואו

ער באַדאַרף צו זיין וועלט־געמיט — מיידט ער אויס די געגעבנקייט פון די פאַקטן, און ער שטעלט אויס די פאַקטן אין דעם פסיכישן ליכט פון זיין וועלט־קוק. אַ ייד — קוקט ער אויף אַלע וועלט־מאַכטן ווי אויף אַ שפּיל פון אייטל אילוזיע. ער באַמיט זיך אויפצודעקן די חיהשע טריבהאַפּטיקייט הינטער דער דאָזיקער אילוזיע. טיילט ער בכוון פונאַנדער זיין בוך אין צוויי פלאַכן: אין דעם טריבהאַפּטיקן שפּיל פון מאַכט און פאַטערלענדישקייט און אין דער פאַטערלאַנדלאָזער עקסיסטענץ פון אַ וועלט־פאָלק. גויים און גלות־יידן. צוויי עקסיסטענץ־דימענסיעס אין דער געשיכטע. די אַקטיווע עקסיסטענץ פון דער טריבהאַפּטיקייט און דער פּאַסיווער באַשטאַנד פון אַ ליידנדיקן שיקזאַל. די געשעענישן אין „אסתר״, אויב זיי זיינען נישט פאַקטיש געשען, ליגן זיי אָבער פאַרן מחבר, ווי אַ טיפער אמת אין דער פסיכיק פון די מאַכט־פּולע וועלט־באַהערשער, און זיי זיינען פאַר אונזער דיכטער, אמתער אין דער פסיכישער וואָרהייט ווי אַלע מיקלאָמפּערשטע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס ליגן אויף דער אויבנאויפיקסטער אויבערפלאַך פון די געשעענישן. אין דעם גייט עס דורכאויס אונזער מחבר. נאָר די גאָקעטע גויאישע פסיכיק וויל ער אונז וויזן אין איראָנישן ליכט. דער מאַכט־מענטש האָט זיך נאָך מיט גאָר־נישט דערוויטערט פון דעם טריבהאַפּטיקן היילן־מענטשן, ער זעט זיך ווי דער פיינט פון אַלעמען און זעט זיך אַרומגערינגלט מיט פיינט. פונקט ווי די חיה. דאָס מלוכהשע געזעץ איז נישט געוויסן, נאָר מאַכט. נייערט ביים געוויסן הייבט זיך דער מענטש אָן פונאַנדערצוגיין מיט דער חיה. דער מחבר פון „אסתר״ וויל אונז געבן דאָס איראָנישע בילד פון זיין מענטשן־קענטשאַפט, דערמיט וואָס ער שילדערט דאָס קלעגלעכע בילד פון דעם „גרויסן״ קסערקסעס און זיינע מיניסטאָרן„ דאָס בילד ווי זיי קוקן אויס, אַזוי צו זאָגן, אין די „הינטער־קוליסן״ פון זייער חיהשער מענטשלעכקייט. די וועלט־מעכטיקע אין זייערע אינטימסטע געדאַנקען. מיר האָבן דאָ צו טון מיט דעם זיטן־בילד און מיט דער מענטשן־געשטאַלט אין דער צייטלאָזער געשיכטע, אַזוי ווי עס ווערט געוויזן אין דעם ליכט פון אַ גרויסן יידישן גלות־דיכטער.

— 3 —

ווי איך האָב געזאָגט, איז מרדכי די געשטאַלט פון דעם ייד, וואָס לעבט צווישן די צוויי עקסיסטענץ־דימענסיעס, דער גויאישער און דער יידישער. מיר האָבן אין „אסתר״ דעם באַשיינפּערלעכן איינדרוק, אַז די יידישע עקסיסטענץ לעבט דאָ מחוץ דעם גאַנצן לעבנס־אופן, וואָס זיין קולמינאַציע־פּונקט ווערט געשילדערט אין די מנהגים פון די אויבערשטע צען־טויזנט פון די גויים. אין דעם אופן ווי המן שילדערט פאַרן מלך דעם כאַראַקטער פון יידן און זייער אַנדערשקייט אינמיטן די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות — אין דעם דערקענען מיר אויך דעם סוביעקטיוון היסטאָריאָ־זאָפישן קוק פון מחבר. ער פּרוּווט המנס פעסטשטעלונגען לגמרי נישט צו ווידערשפּרעכן. הגם עס איז ערשט נישט לאַנג נאָכן חורבן פון יידישער

מלוכהשאַפט און ער וואָלט געקאָנט פון פּאַלעסטינע ברענגען ווידער־שפּרעכנדיקע ראיות צו המנס באַהויפּטונגען וועגן יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — ער טוט עס נישט, דער מחבר פון „אסתר". דאָס וואָס צווישן דער גאַנצער יידישער דיאַספּאָרע ברענגט נישט דער מחבר באַזונדער דעם ישוב פון ארץ־ישראל, קוקט אויך אויס צו זיין מיט היסטאָריאָזאָפישער כוונה. דער מחבר וויל בכוון אונטערשטרייכן דאָס גלות־וועזן פון יידן — דעם יידישן שיקזאַל אין דעם יידישן וועלט־כאַראַקטער. דערמיט ערשט דאָס יידישע עלעמענט צופירן צום קאָנפליקט אין דעם גרויסאַרטיק־דראַמאַטישן וועלט־בילד, וואָס ער שילדערט. אין דעם בוך „אסתר" הענגט אַ טיף־וועזנטלעכער און אייביקער קאָנפליקט צווישן גויאישער און יידישער וועלט־עקסיסטענץ. שטענדיק וויגן זיך די וואָג־שאָלן. די קאַטאַסטראָפע ליגט עפּעס ווי אין די לופטן. אייביק זיצט מרדכי שטיל און אומהיימלעך אין דרויסן אין שער־המלך. עפּעס ווי ער וואָלט תמיד אויפגעהאָרכט אויף דעם וואָס קומט אָן. תמיד אָפּגעוואָרט דעם טראַגישן פונאַנדערשפּיל פון די קאָנפליקטן. די קאָנפליקטן צווישן צוויי קעגנזעצלעכע וועלט־עקסיסטענצן. מיר האָבן דעם איינדרוק, דעמאָלט ווען דער „גרויסער" קסערקסעס האָט אויפגעעפנט די טירן פון זיינע פּאַלאַצן פאַר אַלע זיינע פעלקערשאַפטן, זיי געוויזן די פּראַכט און דאָס רייכקייט פון זיין מאַכט, און אפילו די נאַקעטע שיינקייט פון זיין מלכה, האָט דאָס יידישע פאָלק, דער עם־מפוזר ומפורד געפעלט צווישן די צעהוליעטע פעלקערשאַפטן. יידן זענען געשטאַנען ערגעץ פון דרויסן ווי דער שאָטן פון אַן אַנדערן וועלט־שיקזאַל איבער דער ערד. עס איז אַ פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו, וואָס דער מחבר וויל אונטערשטרייכן, נעמלעך אַז דער גרויסער קסערקסעס קאָן גאָר נישט זיינע יידישע אונטערטאַנען. ער האָט נישט קיין חוש פאַר אַזעלכע נאַציאָנאַלע עקסיסטענצן ווי די יידישע. ערשט המן דערציילט אחשורושן וועגן יידן ווי וועגן אַ פּרעמד־אַרטיקן אומהיימלעכן מיטאָס און פאַרלאַנגט זייער פאַרלענדונג. דער גרויסער קסערקסעס גיט זיי, די אומבאַקאַנטע יידן, לייכטזיניק איבער צום טויט און פאַרגעסט — צווישן ווייַן־בעכער און ווייַן־בעכער — פון דאָס ניי זייער עקסיסטענץ.

און מרדכי? — ער שטרעקט זיין קאָפּ אַרויס פון דער גרויסער יידישער טונקלקייט. האָרכט אויף. וואַרט אויף דעם, וואָס דאַרף קומען.

— 4 —

אויך די גרויסע קאַטאַסטראָפע מאָלט דער מחבר אויף זיין איראָניש־יידישן שטייגער. די מאָטיוון, פאַרוואָס המן פאַרנעמט זיך צו פאַרלענדן יידן, שטאַמען אויך פון דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן לעבנס־בילד, מיט וועלכן דער מחבר הייבט אָן זיין ווערק. די וועלט פון גיריקער — קאָסמישער — טריבהאַפטיקייט אַקעגן אַ וועלט פון מענטשלעך — קאָסמישער — אָנמאַכט. די סיבה פון דער אַקטיוויטעט פון דעם גויאישן קעגנשפּילער מאָטיווירט דער מחבר מיט טיפער מענטשן־קענטשאַפט, פון זיין שטאַנדפּונקט און פון זיין היסטאָריאָזאָפישן וועלט־בליק. דער גוי המן איז געטראָפן געוואָרן אין זיין עגאָאיסטישער אַמביציע דורך דעם, וואָס דער ייד מרדכי גיט זיך נישט

אונטער דעם געבאָט פון טריבהאַפטיקן קיניג און בוקט זיך נישט צו אים, צו אחשורושס טריבהאַפטיקן ליבלינג. עס קאָן נישט זיין קיין פשרה צווישן די דאָזיקע צווי וועלט־ווענס, אין וועלכע דער מחבר אַנטוויקלט זיין טראַגיש וועלט־שפּיל. מרדכי איז שטאַנדהאַפטיק אין זיין יידישן וועלט־ווען. ער איז און מוז — וועדליק זיין ראָל אין דעם דאָזיקן בוך — זיין דער ייד, וואָס שטייט מיט זיין גאַנץ לעבן צווישן יידן: בלויז מיט זיינע שטומע בליקן, ווי דער וועכטער פון זיין יידישן שיקזאַל, איז ער צווישן די גויים. ווייל דער מחבר פון „אסתר״ האָט נישט פּרעטענדירט אויף אַ היסטאָרישער כראָניק, נייערט אויף אַ געשיכטלעכער און טענדענציעזער וועלט־דיכטונג, דעריבער נעמט ער אויך זיינע דראַמאַטישע מאָטיוון פון די אַרסענאַלן פון דער דיכטונג. ער טוט עס פונקט ווי עס האָבן געטון די אַנטיקע טראַגיקער. אויך זיי האָבן די וועלט־געשעענישן געלאָזט אין גאַנג מיט די פּאָעטישע רעקוויזיטן פון אַ פּאַטום. נאָר אַלס דיכטונג איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער מחבר מאַכט זיין יידישן העלד נישט דעם מינסטן פאַרוואורף, וואָס צוליב אַזאַ קלייניקייט ווי אָראָפּ־נעמען דאָס היטל פאַר המנען, האָט ער געבראַכט אויף יידן אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפע. מרדכיס טאַט האָט געהערט צו דער פּסיכאָלאָגישער גערעכ־טיקייט פון דער יידישער געשיכטע. דאָס איז פאַרן מחבר פולקום געגוג און פולקום באַרעכטיקט. אין דעם שיקזאַל־שפּיל פון אַן אימאַגינירטער דיכטונג טוט דער מחבר אַלצדינג כדי צו אַנטפּלעקן די פּסיכישע אמתן פון זיינע כאַראַקטערן. דורכאויס דורך די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע אמתן וויל ער קאָנס־טרואירן די קאָנפליקטן פון שיקזאַל. אין המנען וויל ער אונז וויזן די נידער־טרעכטיקע גיריקייט פון אַ טריבהאַפטיקער עגאָאיסטישער אַמביציע. חיהשע תאווה־האַפטיקייט, וואָס ביים ערשטן דורכפאַל פאַרוואַנדלט זי זיך אין חיה־שער פּחדנות. ווי האַלט זיך המן אין זיין מפּלה? אויך דער גיריקער מלך פאַר־געסט לייכט זיין ליבלינג און איז אים חושד אין פאַראַט. „הגם לכבוש את המלכה עמי בבית?״ אַזוי גייט עס צו ביי די מענטשן, וואָס לעבן נאָך מיט די חיהשע אינסטינקטן. אין אָט־אָ דעם שפּיגל זאָלן מיר ענדלעך באַקומען צום אָנבליק די „הינטער־קוליסן״ פון אַיעדער וועלט־מאַכט. ערשט ווען דער צווייטער קעגנשפּילער, דער ייד מרדכי, וויזט פון זיין זייט אַרויס זיין יידישע שטאַנדהאַפטיקייט אין דעם שפּיל פון זיין כאַראַקטער און זיין שיקזאַל, וויקלט זיך פונאַנדער דער קאָנפליקט אין דער וויטערער שטייגערונג.

אין קעגנשפּיל צו דער סצענע אין אחשורושעס פּאַלאַצן באַקומען מיר צום אָנגעזיכט אַן אַנדער בילד. דאָס בילד פון יידישער וועלט־עקסיסטענץ אַלס מיסטעריום פון גלות: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים בכל מדינות מלכותך ודתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים ולמלך אין שוה להניחם״. (יהואשעס איבערזעצונג: „פאַראַן איין פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצן זענען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך טוען זיי ניט, און דעם מלך לוינט זיך ניט זיי צו לאָזן בלייבן״). „ישנו״ „פאַראַן״. אַן אומבאַקאַנטס. יעדער יידער־פיינט רעדט פון יידן ווי פון אַ מיטישער עקסיסטענץ, אַן עקסיסטענץ, וואָס קאָן זיך עפּעס קיינמאָל נישט רעכט צונויפרעדן מיט

דער אַרומיקער וועלט. דער מחבר פון „אסתר" באַמיט זיך אַבסאָלוט אונטער־צושטרייכן די דאָזיקע מיטישע עקסיסטענץ פון יידן. די מיטישע וועלט־עקסיסטענץ פון יידן — איז זי נישט דער אָפּשיין פון דער מיטישער עקסיסטענץ פון דער וועלט בכלל? אָט־אָ די מיטישע אַנדערשקייט איז אפשר דער גאַנצער שיקזאַלפולער כאַראַקטער פון דער יידישער געשיכטע און איר תוך אין דעם וועלט־בילד. המן גלייבט די עקסיסטענץ פון יידן — וואָס ליגט ווי אַן אומהיימלעכער שאָטן איבער זיין טריבהאַפּטיקער וועלט — צו קאָנען פאַרטיליקן פאַר דעם פּרייז פון צען טויזנט ככר זילבער. דער לייכטזיניקער וועלט־הערשער אחשורוש גלייבט אויך צו קאָנען אונטערחתמענען דעם יידישן גורל. דער גרויסער קסערקסעס שפּילט אין דעם בוך „אסתר" די ראָל פון אַן אומבאַהאָלפענעם מאַניקין. עס איז אויך אַ דיכטערישער טריק פון מחבר. דאָס שיקזאַל איז שטאַרקער ווי די מאַכט. יעדע מאַכט קוקט אויס מאַניקינ־האַפטיק אין אָנגעזיכט פון שיקזאַל.

ווען די טאַט פון יידישער פאַרלענדונג איז שוין כלומרשט אַ באַשטימטע, גייען זיי ווידער, די גויים, צום בעכער וויין. „הרצים יצאו דחופים בדבר המלך, והמלך והמן ישבו לשתות". (יהואשעס איבערזעצונג: „זיינען די לויפערס אַרויס אין געאייל מיט דעם מלכס אָנזאָג, און דער מלך און המן האָבן זיך געזעצט טרינקען".)

— 5 —

ווי מיר האָבן געזען, איז דער מחבר פון „אסתר" אַן אויסגעבונדענער הויף־מאַן. ער ווייס נישט בלויז אויסגעצייכנט, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן און ווי עס גייט צו ביי די קעניגלעכע מאָלצייטן, נאָך מער: ער איז אפילו אין די פּערסישע קעניגלעכע האַרעמס באַהאַוונט ווי אַן אייגענער מענטש. ער קאָן די אויבער־סריסים און די הויפּט־אויפזעער און קאָן די אַלע שמעקנדיקע איילן און בשמים, מיט וועלכע די קעניגלעכע פרויען ווערן געזאַלבט. וויפל חדשים מען זאַלבט זיי מיט שמן המר און וויפל חדשים מיט בשמים. ער ווייס אויך, ווען די יונגפרויען דערשיינען פאַרן קעניג — וועדליק די אָנגענומענע הויף־עטיקעטעס און ווי דער קעניג פירט זיך מיט זיי אויף. מיט איין וואָרט — אַן אייגענער מענטש.

אָט־אָ דער הויף־מאַן האָט זיכער געוואוסט, אַז לויט די פּערסישע געזעצן זיינען נאָר פאַראַן זיבן משפחות אין פּערסישן פאָלק, פון וואַנען אַ פּערסישער מלך מעג נעמען אַ מלכה. בוודאי קאָן ער נישט אָנטון די פּערסישע קעניג־לעכע קרוין אויפן קאָפּ פון אַן אומבאַקאַנטער יונגפרוי, וואָס וויל אפילו נישט זאָגן פון וואַנען זי שטאַמט און ווער ס'איז איר פאָלק. זאָל אָט־אָ דער גרויסער קענער פון די עטיקעטעס און מנהגים פון פּערסישן הויף מאַכן אַזאַ גראָבן טעות?

מיר וועלן נישט ווייט אַוועקגיין פון אמת, ווען מיר וועלן באַהויפּטן, אַז דער ראַפינירטער און היסטאָריאָזאָפישער מחבר האָט אומישנע אַריינגעפירט אַ ווייבלעכע פּערזאָן אין זיין בוך, וואָס הגם די פּערזאָן איז נישט מעגלעך לויט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, פּאַסט זי אָבער דורכאויס צו דער

קאָנסטרוקציע פֿון דער דיכטונג. אין דער וועלט פֿון דער דיכטונג מעג מען זיך דערלויבן אויף אַלע טריקן, וואָס פֿאַרטיפֿערן די קאָנסטרוקציע און ברענגען אַרויף אויף דער אויבערפֿלאַך דעם אייביקן און טראַגישן גאַנג פֿון דער וועלט. אויך אונזער מחבר באַנוצט זיך מיט די אינטריגעס פֿון אַ הויף־ראָמאַן כּדי אַריינצופֿירן — ווערדליק זיין היסטאָריאָזאָפֿישער טענדענץ — אַ יידישע פּערזאָן טיפֿער אויף די פּלאַכן פֿון דער גויאישער וועלט. דערמיט שטייגערט ער די דראַמאַטישע שפּאַנונג און רוקט אַפֿער דעם וועלט־קאָנפֿליקט צווישן יידן און גויים אין אַ שאַרפֿער און טראַגישער ליכט.

די אַנאָנימע יידישע פּערזאָן — נאָר פֿון דיכטערישן שטאַנדפּונקט האָט אסתרס אַנאָנימקייט אַ טראַגישן זין — ווערט אין אָנהייב פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע אַריינגעשטעלט צווישן די שפּילנדיקע פֿיגורן. זי גייט אַריבער אין דער טריבהאַפּטיקער גויאישער וועלט מיט דעם שיקזאַל פֿון יידישן פֿאָלק טיף אין איר האַרצן. זי ווערט די געליבטע מלכּה פֿון גרויסן קיניג, און דער צענטער פֿון הויף־לעבן. ווען פֿון די גויים זי שענקט איר לייטזעליקייט אָדער רופֿט אים גאָר צו אַ וויין־מאָלצייט, דער זעט זיין גליק אַ געמאַכטן. אָט־אַ די אַנאָנימע יידישקע זיצט אויבנאָן צווישן די גויים. עס איז ממש אַ שפּיל אין אַ פֿאַרבלענדעניש ווי די גופֿא וועלט. אָבער דאָ טוט דער מחבר זיין ווייטסטן שריט: צי קאָן אַ יידישער מענטש זיך באַפֿרייען פֿון יידישן כאַראַקטער און שיקזאַל? צי איז פֿאַראַן די בריק, וועלכע אַ יידישער מענטש קאָן פֿאַרברענען הינטער זיך? צי איז פֿאַראַן די וועלט־פּלאַך, וואו אַ יידישער מענטש קאָן אויפֿהערן צו זיין אַ ייד און זיך ענדגילטיק ראַטעווען פֿון יענער מיטישער וואַנדער־שיף, וואָס הייסט יידיש־וועלט־דאָזיין?

צי איז יידישקייט מער ווי אַ קאָלעקטיווער נאָמען און וועלכן מען קאָן פֿאַרלייקענען? צי איז יידישקייט גאָר אַ קאָסמישע וועזנהאַפֿטיקייט וואָס קיינער קאָן זי נישט אָפּווישן, אַפֿילו אַ ייד נישט? צי איז יידישקייט אַן אַקטיווער גורל אין דער וועלט־געשיכטע? און ווייל יידישקייט איז גורל — דעריבער איז יידישקייט אייביק?

— 6 —

אין די פֿריערדיקע סצענעס הערן מיר מרדכין קיינמאָל נישט זיין מויל אויפֿטאָן. ער זיצט אַ שווייגנדיקער אין קעניגלעכן טויער און האָרכט אויף. ווען מיר הערן אים רעדן איז עס נאָר דעמאָלט ווען ער וואָרנט אסתרן נישט אויסצוזאָגן איר שטאַם. מיט אַמאָל אָבער, ווען דער גורל איז געוואָרפֿן געוואָרן און דער פֿאַרלענדונגס־באַפֿעל קעגן יידן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַלע הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, ווען דער סוף רוקט זיך באַשיינפּערלעך אָן אויפֿן יידישן קיום, זעען מיר ווי מרדכי טרעט אַרויס אַקטיוו אויף די פֿליינען פֿון די געשעעענישן. עס איז מעגלעך, אַז דער מחבר האָט דאָ גענומען פֿאַר אַ פֿאָרבילד דעם גרעסטן קלאָג־ייד, דעם נביא ירמיהו. דווקא דעם ראַפֿינירטן און שווייגנדיקן הויף־מאַן מרדכי וויל דער מחבר ווייזן אַלס דעם יאָמערלעכסטן קלאָג־ייד. אפֿשר וויל דער מחבר ווידער מאַכן אַן אַלוזיע צו זיין אייגענער פּערזאָן. מיר זעען מרדכין אָנגעטון אין אַ זאַק און מיט אַש

אויפן קאָפּ און ער שרייט דאָס גרויסע און ביטערע געשריי. אינמיטן די מענטשן שרייט ער עס און אינמיטן דער קעניגלעכער שטאָט שושן. דאָס דאָזיקע געשריי שטייגט איבער אין טראַגישקייט אַלע כאָר־געוויינען פון די גריכישע טראַ־געדיעס. עס שרייט דער געיאָגטער ייִד. איז עס נישט דאָס געשריי פון דעם אייביק־געקריוודעטן מענטש, דער אָנמעכטיקער מענטש, וואָס ווערט פאַר־פייניקט פון דעם מאַכט־שפּיל פון דער טריבהאַפטיקייט?

די פאַלגנדיקע סצענע — און מיט דעם וויל איך שליסן דעם עסיי — האַלט איך פאַר די וואונדערלעכסטע און גראַנדיעזסטע קאַפּיטלען אין דעם גאַנצן ייִדישן שריפטום. קאַפּיטלען, אין וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די געשטאַלט פון ייִדישן גורל. אין דעם גרויסן וועלט־ליידן זיינעם אַנטפּלעקט מרדכי זיין ייִדישע געהיימניש. עס איז געקומען די צייט אויסצוזאָגן דעם ייִדישן סוד. עס איז די צייט פון דער ייִדישער זאַמלונג. עס שטייט דער ייִד אין זאַק פאַרן קעניגלעכן טויער און רופט צוריק אַהיים צום נאַציאָנאַלן גורל אַלע ייִדישע מענטשן — אויך דעם ייִדישן מענטש, וואָס שטייט אָנאָנים אויף די פליינען פון דער גויאישער וועלט. פאַר אַלעמען איין ציל און פאַר אַלעמען איין שיקזאַל. די ייִדישקע אסתר מיט דער גאָלדענער מאַכט־קרוין אויפן קאָפּ דערשרעקט זיך אַ ווייל, ווען זי הערט הינטער די ווענט פון אירע מאַרמאָרנע פּאַלאַצן דאָס יאָמערלעכע רופן פון ייִד מיטן זאַק. ער רופט זי זיך צו באַזינען און צוריק צו קומען אין דער שעה פון אַנטשיידונג. די מלכה אסתר אַ דערשראָקענע, ענטפערט אים, אַז עס איז איר נישט מעגלעך לויט די אומ־שטענדן, אַז זי קאָן אים נישט פאָלגן ווערדליק די קעניגלעכע געזעצן.

און אָט וואָס דער ייִד מיטן זאַק ענטפערט דעם ייִד, וואָס גלייבט צו האָבן זיך געראַטעוועט אויף יענער זייט בריק — דעם ייִד אין מכלומרשטן שאָטן פון דער מאַכט:

— גלייב נישט אסתר, אַז אין קעניגלעכן הויז וועסטו דיך אויסבאַהאַלטן פון גורל פון די ייִדן. אויב דו וועסט שוויגן, מלכה אסתר — אין מיסטעריום פון די וועלט־עקסיסטענצן ליגט תמיד אַ נאָמענלאָזע רעטונג פאַרן ייִדישן וועלט־קיום. ייִד זיין — הייסט כסדר בלייבן אויף דער אויבערפלאַך. ייִד זיין — הייסט אַלצדינג בייקומען. ייִד זיין — הייסט כסדר גיין און כסדר בלייבן. די ייִדן וואָס האָבן דעם כוח זיך צו געפינען אינמיטן די פינצטערסטע ייִדישע שעהן — זיי האַלטן דורך. זיי האַלטן אייביק דורך.

נאָר די יעניקע ייִדן, וואָס גלייבן זיך צו קאָנען ראַטעווען פון ייִדישן גורל, די אַנטרינענע ייִדן פון דער וואָגל־שיף — זייער רואיקער וועג פירט צום אומקום.

ויאמר מרדכי להשיב אל אסתר, אל תדמי בנפשך להמלט בית המלך מכל היהודים. כי אם החרש תחרישי בעת הזאת, רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר ואת ובית־אביך תאבדו ,ומי יודע אם לעת הזאת הגעת למלכות".

(אין יהואשעס איבערזעצונג: „און מרדכי האָט געהייסן ענטפערן אסתרן: „זאָלסט ניט מיינען ביי זיך, אַז דו פון אַלע ייִדן וועסט אַנטרונען ווערן אין מלכס הויז. וואָרעם אויב שווייגן וועסטו שוויגן אין דער צייט, וועט אַ דער־

לייכטערונג און אַ רעטונג אויפשטייען פאַר יידן פון אַן אַנדער אָרט, און דו און דיין פאָטערס הויז וועלן אונטערגיין. און ווער ווייס אויב דו האָסט ניט דער־גרייכט די מלוכה פאַר אַזאַ צייט ווי די״).

— 7 —

נאָר אויף אַזוי פיל האָט יעדע געשיכטע אַ זין, אויף וויפל זי איז אַ גליי־כעניש צו דער קעגנוואַרט.

געשיכטע איז די לערערין פון לעבן. אויף יעדע באַדייטנדיקע קונסט־שאַפונג איז נאָר אַ משל צו דעם גאַנג פונעם וועלט־וועזן. אַז דאָס בוך „אסתר״ איז דער טיפסטער משל צו אונזער היינטיקער יידישער קעגנוואַרט, דאַרף געווגוג קלאָר זיין פאַר יעדן פאַרשטענדיקן לייענער. עס איז, גלייב איך, נישט פאַראַן כמעט קיין איין פּראָבלעם, סיי וואָס שייך יידישער קיומהאַפטיקייט סיי וואָס שייך די באַציאונגען פון דער נישט־יידישער וועלט צו יידן, וואָס דער מחבר פון „אסתר״ האָט עס נישט באַרירט אין זיין דיכטונג. ווייל ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער פאַקטישער וואָרקייט פון די געשעעניש נאָר — דורכאויס — מיט זייער פּסיכאָלאָגישער און שיקזאַלהאַפטיקער וואָרהאַפטיקייט, דעריבער איז אים געלונגען אָט דאָס אויסטערלישע און קלוגע בוך אַרויסצו־נעמען פון דער צייט און עס צו מאַכן צייטלאָז. נישט בלויז די יידן קומען דאָרט אַרויס אין זייער אייביקער נאַציאָנאַלער געשטאַלט, ד״ה, אין זייער אייביקער טראַגיק און אין זייער טראַגישן אָפּטימיזם, נאָר אויך די טענות פון די היסטאָרישע יידן־קעגנער זענען אין „אסתר״ פונקט אַזוי פריש ווי אין אונזער טראַגישער קעגנוואַרטיקייט. דער היטלעריזם איז פונקט אַזוי המנדיק, פונקט ווי המן האָט איבערגעחזרט דעם וועלט־קוק פון די אַנטי־סעמיטן וואָס זענען געווען פאַר אים. עס דאַכט זיך, אַז דער ערשטער יידן־פיינט איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיטן ערשטן ייד. עס איז אַ וועלט־קאַמף און אַ וועלט־דיאַלאָג צווישן אָט די צוויי מענטשלעכע וועזנהאַפטיקייטן.

— לאָמיר זיך נישט נאַרן, — נאָך היינט צו טאָג גייט אָן דער זעלביקער בלוטיקער שמועס צווישן דער טריבהאַפטיקער חיה און דעם מענטש, וואָס גייט צו דער צוקונפט פון זיין געוויסן. אויך דער מחבר פון „אסתר״ האָט ווי קהלת געזען דעם אייביקן ווידערקער אויפן וועג פון די מענטשן, נאָר ער האָט אים, דעם ווידערקער, גענומען פיל טראַגישער, פיל טיפער, פיל מיסטער־יעזער, פיל אָפּטימיסטישער.

דער „אסתר״־מחבר איז געווען אַ קעמפער, אַ רופער, אַ מאָנער. ביי דער לעצטער דערקענטעניש האָט ער נישט געזען דעם הכל־הבל, נאָר דאָס אַנונגס־פולע מיסטעריום פון אַ מענטשלעכער דערלייזונג.

די דיכטער פון „קהלת״ און „אסתר״ האָבן זיך געשטעלט אויף אַ שייד־וועג. מיט דער ראַפינירטער האָפענונגסלאָזיקייט פון אַ קולטור־עפּיגאָן האָט זיך דער קהלת־דיכטער געזעגנט מיט דער וועלט. דער דיכטער פון „אסתר״ איז ווייטער אַוועקגעגאַנגען צום לעבן. ער איז געווען האָפענונגספול אין דעם ענדגילטיקן געוויסן פון דעם וועלט־שיקזאַל.

יעקב און עשו

— 1 —

ווען גרויסע היסטאָריקער באַשרייבן די פאַקטן פון אַ פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי תמיד פאַר די אויגן דעם שיקזאַל פון דער צוקונפט. פון די היסטאָרישע מעשים ווילן זיי אַרויסצייכענען דעם כאַראַקטער פון די פיגורן וואָס האָבן די מעשים געטון. יעדער כאַראַקטער ווייזט באַלד אַרויס זיין שיקזאַל, ד״ה די ליניע פון דער געשיכטע וואָס איז פאַר אים אָנגעצייכנט אין דער צוקונפט. דער שיקזאַל וועט נאָר פולענדיקן און משלים זיין דאָס בילד וואָס ליגט אינעווייניק אין דעם טעטיקן כאַראַקטער. געשיכטלעכע פאַקטן? איז גרויסע קונסט נישט דאָס געמעל פון מענטשלעכן כאַראַקטער און שיקזאַל? זענען נישט די ווערק פון מענטשלעכער געשטאַלטונג אויך צוגלייך די פענצטער דורך וועלכער מיר קוקן אַריין צום טון און ווערן פון מענטשן, ד״ה צום גאַנג פון דעם היסטאָרישן געשעען? זענען די גריכישע טראַגיקער נישט געשיכטע? איז שעקספּיר נישט געשיכטע? אַנאַטאָל פראַנס אין זיינס אַ נאָוועלע כאַראַקטע־ריזירט די מענטשלעכע געשיכטע מיט עטלעכע ווערטער: מענטשן ווערן געבוירן, ליידן און שטאַרבן — און דאָס איז דער אַלצדינג אויף וועלכן עס איז געבויט דאָס גרויסע שוישפּיל וואָס מיר רופן געשיכטע. וויפל אמת און וויפל חכמה.

אין דעם דאָזיקן פּרט איז די תנ״ך־נאָוועלע וועגן יעקב און עשו איינע פון די מערקווירדיקסטע היסטאָרישע דאָקומענטן. אין מכלומרשטע פאַמיליע־אויפצייכענונגען פון די ערשטע אבות פון יידן האָט אַ מחבר שוין באַוויזן צו געבן דאָס גאַנצע און פולע פּסיכישע געמעל פון דער יידישער געשיכטע אויף דער ליניע פון דער צוקונפט. ווי אויך די צווישן־באַציאונגען — אויך אין דער צוקונפטיקער געשיכטע — צווישן יידן און אַנדערע פעלקער. אויף פּראָסט יידיש וועט הייסן, די שייכותן צווישן יידן און גויים. דער מחבר פון דער ביבלישער יעקב־און עשו־נאָוועלע איז זייער אַ ראַפינירטער מייסטער. ער איז אויך דורכאויס אַ היסטאָריאָזאָפישער שריפטשטעלער. מיר וועלן דאָס שפּעטער זען סיי אין די מאָטיוון ווי אַזוי די נאָוועלע איז אויסגעבויט, סיי אין דעם ראַפינירטן אופן פון איר קאָמפּאָזיציע. גריילעך וואָלט מען געקאָנט גלייבן, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ שפּעטערן מחבר, וואָס האָט שוין געהאָט געזען און געהאַט דערפאַרונג אין דעם כמעט פולן און אויסגעשטאַלטיקטן געמעל פון יידישער געשיכטע. לאָמיר זאָגן, מיט אַ מחבר פון דער צייט פאַר צי נאָכן צווייטן חורבן. אַזאַ השערה וואָלט געווען צו געוואַגט און אַבסאָלוט

נישט ריכטיק. דער מחבר איז זיכער אַן אַנטיקער ייִד. ער לעבט נאָך אין די ערשטע אָנהייבן פון ייִדישער געשיכטע. מען זעט עס אין זיין סטיל, אין זיין שפּראַך, און אין דעם גאַנצן כנעניִשן לעבנסשטייגער אין וועלכן ער לעבט און וועלכן ער שילדערט. עס איז באַשיינפּערלעך: אין זיינע צייטן האָבן ייִדן נאָך נישט דערגרייכט צו איינגעזעסנקייט. זיי זענען געווען שבטים פון פּאַסטעכער און נאָמאַדן. זיינע מאָטיוון זענען נאָמאַדן־מאָטיוון. ער קאָמפּאָנירט דעם פּאָלקלאָר, די מעשיות, די וויצן און שקאָצישקייטן פון פּאַסטעכער און יעגער. די דאָזיקע מייסטערהאַפטע נאָוועלע איז צו רייף און קלוג קאָמפּאָנירט אַז מען זאָל קאָנען זאָגן: דעם מחברס היסטאָריאָזאָפישע טענדענץ איז נאָר צופעליק אַרויס פון זיין פּעדער. ניין. ער האָט עס אָנגעשריבן מיט דער קלאָרסטער כוונה און מיט דעם טיפסטן בליק אין דעם וועזן פון זיין ייִדישן שטאַם. ער וויל פּאָראויסזען — סיי ווערליק איינזעעניש און סיי ווערליק אינ־טואיציע — דעם ייִדישן שיקזאַל, ד״ה די לעבנס־ליניע פון דער שפּעטערדיקער ייִדישער געשיכטע.

— 2 —

העכסט וואַרשיינלעך איז די יוסף־נאָוועלע — וואָס איז ווי אַ פאָרזעצונג פון דער נאָוועלע יעקב און עשו — געשריבן געוואָרן פון דער זעלביקער פּעדער. די אייגענע היסטאָריאָזאָפישע טענדענץ. די דערציילערישע מאָטיוון אין דעם וואונדערלעך עפּישן יוסף־ראָמאַן זענען נישט מער ווי אַ צווייטער טייל. אַז אין דער יוסף־נאָוועלע שפּיגלט זיך אָפּ די מיסטעריע פון דער ייִדישער געשיכטע אין דער וועלט — האָט שוין באַמערקט טאָמאַס מאַן. אויף דער דאָזיקער נאָוועלע האָט ער אויסגעבויט זיין פיר־בענדיקן עפּאָס. טאָמאַס מאַן איז זייער שטאַרק באַאיינפלוסט פון פרוידס טיפן־פּסיכאָלאָגיע, ווי אויך פון דעם טונקעלן מיסטעריעזן לאַנד מצרים. די יעקב־און עשו־נאָוועלע האָט טאָמאַס מאַן אויסגענוצט אין זיין ראָמאַן בלויז ווי דעם פּאָן פון ייִדישן היסטאָ־רישן אונטערבאַוואוסטזיין. פּאָרט אַ גוי — האָט מאַן אין דעם דאָזיקן אונטער־באַוואוסטזיין אַריינקאָמפּאָנירט די רעקאָנסטרוקציע פון פרוידס מיטאָס וועגן טאָטעם. ד״ה: די מענטשלעכע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ בלוטיקן קאָנפליקט צווישן דעם פּאָטער פון דער מענטשלעכער אור־סטאַדע מיט זיינע זין. די זין האָבן דערהרגעט דעם טאַטן און אים אויפגעגעסן. דער דאָזיקער חטא־קדמון ליגט נאָך אינעם געוויסן פון דער מענטשהייט ווי אַ נישט־אויס־געלאָשענער זכרון און ווי אַ שולד־געפיל. ער איז דער יסוד פון אונזער מאָראַל און רעליגיע. ער איז דער אייביקער קאָנפליקט אין אונזער געוויסן. אָט־אָ דעם קאָנפליקט האָט טאָמאַס מאַן דעקאָרירט מיט אַלע געטער און קולטור־בילדער פון די אַלטע עגיפּטער און דעם ייִד יוסף דאָרט אַריינגעפּירט ווי אַנייעם שיקזאַל־מאָטיוו פון דער מענטשהייט, נעמלעך: דעם שיקזאַל־מאָטיוו פון ייִדן אינעם גאַנג פון די פעלקער. איך בין דורכאויס נישט מסכים מיט טאָמאַס מאַנען אַז די יעקב־נאָוועלע איז דער אונטערבאַוואוסטזיניקער פרוידיאַנישער הינטערגרונט פון דער נאָוועלע יוסף, און אַז זי שפּילט בלויז די ראָלע פון דעם מיסטישן שיקזאַל — אַזוי צו זאָגן, די דראַמע אין די פּסיכאָלאָגישע טיפע־

נישן — אַרום דער פּערזאָן פון יוסף. ניין. זי איז פון דעם מחבר באַהאַנדלט געוואָרן מיט דער אייגענער טעכניק פון אַ רעאַליטעט. אפשר נאָך מיט מער רעאַליטעט. דאָס לעבן פון די פּאַסטעכער און יעגער אין כנען איז דעם מחבר געווען נענטער ווי די הויפישע צערעמאָניעס אין די הויכע פּענצטער אין מצרים, הגם אַלע עגיפּטאָלאָגן באַוואונדערן אויך אין דעם דאָזיקן פּרט דעם מחברס באַהאַוונטקייט. אויב מען וויל זוכן דעם יידישן שיקזאַל און די כאַראַקטער־צייכענונגען פון אונזער ווייט־קוקנדיקן געניאַלן אויטאָר, געפינען מיר אים, דעם שיקזאַל — לויט מיין מיינונג — אַ סך בולטער און באַשיינ־פּערלעכער אין דעם פּסיכאָלאָגישן שפּיל צווישן יעקב און עשו, איידער ווי אין דער דיכטונג פון יוסף. ביי יוספן האָבן מיר מער פאַנטאַזיע און וואונטש־פאַרשטעלונג (איבערהויפּט וואָס שייך די מאָטיוון פון יוספס חלומות) און דאָ מער רעאַליטעט און לעבנס־שטייגער. דאָרט מער פּאָעזיע און דאָ מער כאַראַק־טער. דער שיקזאַל וועלכן דער מחבר וויל אַרויסשיילן פון די געשעענישן איז אויך אין דער יעקב־נאָוועלע מער אַנגעבונדן אין די מעשים און געשטאַלטן פון כאַראַקטער.

— 3 —

אַ מאָדערנער ראָמאַניסט וואָלט פון די יעקב־מאָטיוון אויסגעבויט אַן עפּאָס אין אַ סך בענדער. דער פעדער פון אַן אַנטיקן יידישן שריפטשטעלער האָט געפעלט די ברייטקייט פון דעם גרויסן דערציילן און ער האָט זיך מצמצם געווען אויף דעם נויטיקסטן און דעם ווינציקסטן. אַ וואָרט איז ביי אים טאַקע אַ רענדל. די גרעסטע סצענע וויל ער געבן ממש אין דריי ווערטער. נישט געקוקט אויף דער ווינציקייט פון דעם רוים האָט זיך דער מחבר פאַרנומען צו שרייבן אַ ווערק, — לאָמיר זאָגן, ווי זשאַן קריסטאָף פון ראָמען ראָלאַן. — ער וויל געבן די געשיכטע פון זיינע העלדן אָנגעהויבן אין דער מאַמעס בויך. אין דעם דאָזיקן בויך וויל ער געשטאַלטיקן דאָס פולשטענדיקע בילד פון זייערע כאַראַקטערן. די צוויי ברידער יעקב און עשו, זענען אַ לייבלעכער צווילינג. „שני גויים בבטנך" („צוויי אומות זענען אין דיין לייב"). אָבער זיי זענען אויך פיל מער. זיי זענען צוויי וועגן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. צוויי באַשטימונגען. צוויי וועלט־באַציאונגען. שוין אין דעם פריען אָרט פון דעם געבורט־קוואַל הויבט זיך אָן דער גרויסער און אייביקער קאַמף צווישן די צוויי. אַ קאַמף וואָס איז אייגנטלעך אי דער אָנהייב אי דער לעצטער פינאַל פון דעם מענטשנס וועג אין דער קאָסמישער עקזיסטענץ. די שפּעטערע יידישע לעגענדעס און די מדרשים האָבן דעם היסטאָרישן זין פון אָט דעם קאַמף צווישן די צוויי ברידער אין דער מאַמעס בויך, נאָך טיפער און נאָך באַשיינפּערלעכער אונטערגעשטראָכן. נעמלעך: עס זענען געווען צוויי קולטור־באַציאונגען. קולטור־באַציאונגען מיינט: דער זין און די באַשטימונגען פון די מענטשלעכע שייכותן צו דער עקזיסטענץ. ויתרוצצו. „די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר". איז רבקה אַדורכגעגאַנגען נעבן אַ בית־המדרש האָט זיך יעקב געשטויסן אַרויסצוגיין. אין דער נאָענטקייט פון אַן עבודה־זרה האָט עשו דערשפּירט זיין וועלט־עלעמענט און ער האָט זיך געשטויסן אַרויסצוגיין.

אויך ביי דער געבורט באַמיט זיך דער מחבר צו שילדערן דעם קאַמף צו זיין דער ערשטער אויף דער וועלט. וועז עס קומט צו פיזישן כוח געווינט עשו און יעקב בלייבט דער שלימזל און מוז זיך אָנהאַלטן אין דער פּיאַטע פונעם שטאַרקערן ברודער. יעקב מוז זיין בכורה אין דער וועלט אויסקעמפן מיט גאָר אַנדערע מיטלען. מיט די מיטלען פון שכל און גייסט. דער מחבר קווענקלט זיך גאָרנישט אָט דעם יעקבישן גייסט צו שילדערן אין די מאָטיוון פון אָפטער און שפּיציקער כיטרעקייט.

— 4 —

דעם מחברס סימפּאַטיע פאַר יעקבן איז אַ בולטע און באַשיינפּערלעכע. אין דער קאָמפּאָזיציע — וויפל היסטאָרישע פאַראַנונג — בלייבט ביי אַלע זיינע הילפלאָזיקייטן, פּאַרט יעקב דער ענדגילטיקער זיגער. פונדעסטוועגן — וויל זיך דער מחבר האַלטן אין דער קאַלטסטער אָביעקטיווקייט. אין דעם גרויסן קאַמף צווישן גויים מיט יידן טרעפט גראַד די אָביעקטיווע אָנשויאונג אין טיפסטן פינטל. דעם מחבר גייט עס צו שילדערן וויפל דער שיקזאַל פון דער געשיכטע איז דורכאויס אָפּהענגיק פון דעם כאַראַקטער פון די באַ־טייליקטע אינעם היסטאָרישן פּראַצעס. ער וויל דעריבער געבן זיינע העלדן אין דעם פולסטן ליכט פון די רעאַלע היסטאָרישע געשעענישן און אין דעם פּסיכישן בילד פון דער מענטשלעכער פאַרשטעלונג וועגן דער כאַראַקטער־געשטאַלט פון די העלדן. ער וויל זיינע העלדן נישט אויספּוצן אין ראָמאַנטיק און אין סענטימענט. עס האַלט אים גאָרנישט אָפּ צו געבן יעקבן, דעם אור־פּאַטער פון יידן אין דער באַלייכטונג ווי יידישע מענטשן טרעטן אויף אין דער געשיכטע. נאָך מער: אין זיין גרויסער אָביעקטיווקייט גיט ער דאָס יידן־פּנים אפילו אַזוי ווי זייערע קעגנער שטעלן זיך עס פאָר. יעקב איז אַ שטיל כיטרע יידל. עפּעס אַזוינס ווי אַ קרעמערל מיט ווייניק פיזישן מוט און לעבן. דערפאַר טראַכט ער שוין אויס שטיקלעך ווי אַזוי זיך צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך. אויף יידיש הייסט עס: אַ ייד איז קליגער פון אַ גוי. דער מחבר דערציילט, אַז אין קעגנזאַץ צו זיין רויטן און האָריקן ברודער עשו איז דער שטילער גלאַטיקער יעקב געווען אַ „תם יושב אוהלים״. אַ תם וואָס זיצט אין די געצעלטן. די יידישע לעגענדעס און די מדרשים וואָס ווילן כסדר אונטערשטרייכן די היסטאָריאָזאָפישע טענדענץ פון אַנטיקן ביבלישן מחבר דערציילן, אַז „אוהלים״ מיינט: יעקב איז געווען אַ באַנק־קוועטשער, אַ בית־המדרשניק וואָס האָט בהתמדה געלערנט גמרא ביים שם ועבר אין ישיבה. אונזער מחבר האָט נאָך נישט געוואוסט פון דעם שפּעטערן יידישן לעבנס־שטייגער. ער איז אויסן מיטן „אוהלים״ פּשוט כמשמעו: יעקב איז געזעסן אין די פּאַסטעך־געצעלטן און געהיט יצחקס שעפעלעך. קיין עין־הרע איז יצחק געווען אַ ייד אַ גביר און אַ מטופל מיט שאָף און רינדער. אין דער אַנטיקער ביבלישער וועלט, וואו אונזער אויטאָר האָט געלעבט, האָט מן־הסתם דער באַרוף פון אַ פּאַסטעך נישט באַדאַרפט קיין גרויסע גבורה. ביי אַלע זיינע שעפעלעך האָט יעקב געקאָנט פאַרבלייבן דער פאַרשויץ, צי דאָס סוחרישע פּיפּיקע יידל ווי דער מחבר וויל אים געבן.

עשו, דאַקעגן, איז געווען אַ יעגער. אַ מענטש פון פייל און בויגן. ער מאַכט אַ לעבן פון דער שווערד. ער היט נישט קיין פרידלעכע שאָף, נייערט האַלט זיך אויף צווישן ווילדן געטיער אויפן פעלד, טויט וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט און האָט זיין חיונה פון פאַרגאָסענעם בלוט. יעקב אין די געצעלטן איז אַ רואיקער, געוואוינט אינמיטן די וואַרימקייטן פון שאָף און פעלדער. זיינע אויערן זענען געוואוינט נאָר צו דעם רוישן פון ווינט צווישן די גרעזער און צו דעם מעקען פון די לעמער. ווען ער איז הונגעריק קאָכט ער זיך אָפּ אַ טאָפּ לינדזן כדי צו עסן. עשו קומט אַ צעיאָכמערטער פון געיעג. זיינע הענט און זיינע געווענדער זענען באַפלעקט מיט בלוט. ווי דער ספר־הישר דערציילט, האָט עשו, ביי אונזער איצטיקער סצענע, געהאָט אַ קאַפּעטשקע צעהרגעט נמרדן, און ער קומט פון דער בלוטיקער שלאַכט אַ צעהיצטער און אַ טויט־הונגעריקער. ער זעט ווי אין יעקבס געצעלט קאָכן זיך לינדזן און ער באַגערט זיי. ווען עס באַפאַלט אים דער פרעס איז עשו קאַפּאַבל אַוועקצוגעבן אַ וועלט. דער גלאַטיקער תם, יעקב פון די געצעלטן, פאַרלאַנגט דערפאַר נאָר איין קליניקייט. נישט מער ווי איין קליניקייט. אַן אַבסטראַקטן באַגריף. די בכורה.

גוט. אַבסטראַקציע איז אַ טעמפּער באַגריף פאַר עשון און ער פאַרקויפט די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. עשו וואַשט זיך נישט צום עסן, דערציילן די מדרשים. ער מאַכט נישט קיין ברכה. ער בענטשט נישט. ער פרעסט ווי די חיות וועלכע ער יאָגט אויפן פעלד צו פאַרגיסן זייער בלוט.

דער גלאַטיקער יעקב, דער יושב־אוהלים, דער באַנק־קוועטשער ביי שם ועבר, ער ווייסט פון דער גמרא, אַז אין אַ באַגריף, אין אַ וואָרט, אין אַן אַבסטראַקציע האָט דער מענטש באַהאַלטן די עשירותן און די געבענטשט־קייטן פון אַלע וועלטן. און ער נאַרט ביי עשון אויס די בכורה.

— 5 —

כדי צו שפּאַנען דעם קאַמף צווישן די צוויי ברידער, אַ קאַמף וואָס דאַרף — לויט אונזער מחברס טענדענצן — אויסצוטראָגן אויף זיך דעם אייביקן דראַמאַטישן קאָנפליקט אין דער מענטשלעכער געשיכטע — האָט אונזער קלוגער און ביז גאָר ראַפינירטער אויטאָר אַריינגעפירט נעבן־פערזאָנען. די ערשטע זענען מיר די עלטערן פון די צוויי ברידער. יצחק און רבקהן. דער מחבר איז אָן איינזעעניש ווען ער באַדאַרף צו צייכענען כאַראַקטערן און אַרויס־פירן מיטשפּילער. ער באַדאַרף דאָ צו דער קאָמפּאָזיציע אַ קאָמישע פערזאָן. נישט געקוקט וואָס יצחק איז דער מיטלסטער פון די אָבות, פאַרגעסט דער אויטאָר אַ יעדע טראַדיציאָנעלע פיעטעט און קוים באַדאַרף ער יצחקן ווי די קאָמישע פערזאָן טוט ער עס מיט דער פולער שרייבערישער פרייהייט און רעכנט זיך נישט מיט קיין אויטאָריטעט. הלמאי זאָל איך לייקענען, אין דער קאָמפּאָזיציע קומט יצחק אַרויס ווי די אמתע לעמעשקע. ער איז גאָרנישט קיין פּיפּיקער ייד, אונזער עלטער־זיידע יצחק. גיכער איז ער היפש תמעוואַטע. האָט זיך ליב צו שפּילן מיטן ווייב ביים פענצטער, אַז אַלע זאָלן זען און

מענטשן זאָלן לאַכן און דערציילן דערפֿון בייטאָג אויפֿן מאַרק און ביינאַכט אונטער די פּערינעס. ווען עס קומט אים אויס אין גרר אָפּצוטאָקן אַ ליגן, מאַכט ער עס כלומרשט מיט דער זעלבער טעכניק ווי זיין טאַטע אברהם. אָבער אַ ליגנער מוז האָבן שכל און נישט סתם מעכאַניש נאָכקאָפּירן ווי אַזוי יענער האָט געטון. דער גררער ליגן קומט טאַקע אַרויס אָן הענט און אָן פיס. דערצו האָט זיך יצחק חלילה נישט צו באַקלאָגן אויף קיין שלעכטן אַפּעטיט. ער זיצט אַ בלינדער אין זיין געצעלט און טראַכט נאָר וועגן אַ גוטן ביסן. דאָס זעט מען באַשיינפּערלעך אין זיין גאַנצן טאָן און לאָסן. ער איז אַ מין יידישער פֿאַלסטאַף, נאָר פיל אומגעלומפּערטער און מער אַלטער בטלן. דער מחבר וויל אים אויף אַ האָר נישט שוינען אין דער צייכענונג. ער פירט יצחקן אַריין אין שפּיל מיט זיין גאַנצער קאָמישקייט — ווען ער באַדאַרף אים האָבן צו מאָטיווירן דאָס דראַמאַטישע געשען.

קיין גרויסער אינטעלעקט מוז יצחק אויך נישט זיין, — וואָרעם אַזיסט זיצט נישט קיין בלינדער זקן כסדר אויף דער שטול און טראַכט נאָר וועגן דער אכילה. ער ווייסט, אַז עשו קאָן מיטן פיילנבויגן ברענגען פון פעלד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. יצחק טראַכט וועגן מטעמים און וועגן אָפּגעפּרעגלטע ציגעלעך. די אַפּעטיטן צעשפּילן זיך ביי אים מיט אַלע ליכטיקייטן פון עולם הזה. ווי קאָמיש! ווען יצחק דערפילט אַז עס זענען זיינע לעצטע טעג און ער האָט צו פאַרגעבן אַ גרויסע ברכה, — טראַכט ער פון־דאָס־ניי וועגן גוטן עסן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, ווער עס וועט אים ברענגען דעם גוטן מיטאָג — דערמאָנט ער זיך אין עשון. ווי פריי און ווי גראָטעסק מאָטיווירט דער אויטאָר די גרעסטע געשעענישן.

רבקה — מעשה נייגעריקע יידענע — הערט הינטער דער טיר יצחקס געשפּרעך מיט עשון. זי וויל דווקא, אַז יעקב זאָל באַקומען די צוזאָגנדיקע ברכה. פאַרוואָס גראָד רבקה סימפּאַטיזירט מיט יעקבן באמת זיך דער מחבר נישט שטאַרק צו מאָטיווירן. דער עיקר גייט אים אין די וועלט־טרעגער, יעקב און עשו, און אין דעם גרויסן דראַמאַטישן שפּיל פון די שיקזאַלן. ער טיילט טאַקע פונאַנדער די ראָלעס, אָבער די נעבן־פיגורן באַהאַנדלט ער מיט אַ לייכטערער האַנט. אפשר שטאַמט רבקהס ליבשאַפט דערפון, ווייל דעם פרויען־ווען זענען נענטער די שטילע אידיליעס פון שאָף־סטאַדעס, איידער דאָס היציקע געלויף פון דעם יעגער און דאָס פייפן פון פיילן אין דער לופטן.

— 6 —

ווידער אַ סצענע־פאַרוואַנדלונג און אין שטאַרקסטער אויסגעהאַלטנקייט פון די כאַראַקטערן.

עשו גייט אַרויס אויפן געיעג צו ברענגען פאַר יצחקן דעם רויב. יעקב באַנוצט זיך פון־דאָס־ניי מיט גייסטיקער כיטרעקייט אויסצונאַרן ביים פאָטער די הערשאַפט איבער די וועלטן.

דער אופן ווי יעקב פאַרשטעלט זיך און טוט זיך אָן אויף די הענט די פעלן פון אַ ציגעלע, האָט דער מחבר זיכער געמוזט נעמען פון דעם פאָלקלאָר פון

אַנטיקע כנענישע שאָף־פּאַסטעכער. איבעריקנס איז עס אויך די מיינונג פון כמעט אַלע ביבל־פֿאָרשער. די מאָטיוון זענען צו דראַסטיש און צו אָריגינעל, כּדי זיי זאָלן איינפֿאַלן אין דעם קאָפּ אפילו פון דעם גרעסטן דיכטער. דאָס פּראָסטע פֿאָלק האָט מער פֿאַנטאַזיע ווי די פֿאַנטאַזיע־פולסטע פּערזענלעכקייט. קיין שום יחיד האָט נאָך נישט דערגרייכט די וואונדערלעכקייטן פון אַ מיטאָס. אַזעלכע גראַטעסקע מעשׂיות און וויצן פון קלוגע פּאַסטעכער האָט מען זיך מן־הסתם דערציילט אין די קאַלטע נעכט אין דרויסן ביים פייערל. די שאָף זענען שוין געשלאָפן הינטער די צוימען. אין די טונקעלע הימלען האָבן געפינקלט די שטערן. די ערד איז פייכט געווען פון טוי — עס איז די בעסטע צייט צו דערציילן מעשׂיות. אגב זענען אין די דאָזיקע מעשׂיות מן־הסתם תּמיד געווען די קלוגע די פּאַסטעכער, און די אָפּגעשווינדלטע נאַראָנים זענען אַרויסגעקומען די יעגער. ס׳איז פּאַך־פּאַטריאָטיזם. אויך די שפּעטערדיקע מעשׂה ווי אַזוי יעקב נאַרט אָפּ לבנען און נעמט ביי אים צו די ביי־געבוירענע שעפּעלעך, מוז אויך גרייךלעך זיין פון באַקאַנטע פֿאָלקלאָרישע שטיקלעך. עס ווייזט נאָר, אַז דער מחבר איז אַ בן־דור פון יענע צייטן און קאָן גוט דאָס כנענישע פֿאָלקס־לעבן. דווקא מיט דעם מאַטעריאַל פון פּשוטע פֿאָלקס־מעשׂיות און פֿאָלקס־וויצן פֿאַרנעמט ער זיך אויסצובויען דאָס גרעסטע און טיפסטע דראַמאַטישע שוישפּיל אין דער אייביקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

נאָר לאָמיר נישט פֿאַראויסלויפן די געשעענישן.

רבקה קאָכט אָפּ פּאָר יצחקן אַ ציגעלע, טוט יעקבן אָן אויף די הענט די פֿעלן. אַזוי גייט יעקב אין דער הויט פון אַן עשׂו אויסנאַרן ביי יצחקן די ברכה. מען מוז צוגעבן: יעקב — מיר קענען אים ביז אַהער פֿאַר אַ פּיפּיקן פּאַסטעך וואָס נאַרט אויס ביים יעגער די בכורה, און שטופּט זיך דער ערשטער אַרויסצוגיין פון דער מאַמעס בויך אויף דער ליכטיקער וועלט — יעקב, זאָג איך, פילט זיך עפּעס אין דער ראָלע פון אַ פֿאַרשטעלטן עשׂו נישט באַקוועם. מיר האָבן דעם איינדרוק אַז ער האָט מורא, און הייבט אָן צו שפּילן זיין ראָלע זייער נישט זיכער. ער קומט אַריין אין יצחקס געצעלט. יצחק וואַרט אויף עשׂוס מטעמים און פרעגט ווער עס איז. „עשׂו דיין זון״ — ענטפֿערט יעקב גאָרנישט קיין פֿויגלדיקער. יצחק וואונדערט זיך וואָס עשׂו קומט אַזוי שנעל צוריק פון געיעג. די נאָדל קריכט דאָ אַרויס פון זאַק און יעקב הייבט אָן אַרויסצופֿאַלן פון זיין ראָלע. ער דערמאָנט — ווי אַלע שפּעטערדיקע יידן — דעם רבונו של עולם, און זאָגט, אַז בעזרת השם יתברך האָט ער געמאַכט אַן מי און מאַטערניש דעם גוטן פֿאַנג. בטחון. אַ קליגערער ווי יצחק וואָלט זיך באַלד געכאַפּט אַז מע פֿירט אים אין באָד. יצחק איז ווייניק מענטשן־קענער. דערצו שמעקט דער בראָטן אַראָפּ פון יעקבס טעלער, און דאָס שפּייעכץ איז דעם הונגעריקן בלינדן מן־הסתם געקומען אין מויל אַריין. דאָס קול איז אים, יצחקן, היפּש פֿאַרדעכטיק. דאָ גיבן אויך די יידישע מדרשים צו, אַז דער נאָמען פון דעם רבונו של עולם וואָס האָט זיך אַזוי נאַטירלעך אַרויסגעגליטשט פון יעקבס מויל, האָט דערוועקט ביי יצחקן אַ חשד. ס׳איז עפּעס נישט עשׂוס

לשון, — און ער באַטאַפּט יעקבן די הענט. עשוס הענט. האָריקע חיה־הענט. ער שמעקט צו אים. דער בלינדער וויל דערשמעקן דאָס פעלד אין וועלכן עשו יאָגט דאָס געטיער. אויך דאָ נאַרט אים יעקב אָפּ. פון יעקבן שמעקט אויך דער ריח פון פעלד. נאָר אַן אַנדער פעלד. „דער ריח פון אַ פעלד וואָס גאָט האָט עס געבענטשט". אַ מין פעלד של מעלה. יצחק דערשפּירט דעם שיק־זאַל נאָר ער קלייבט זיך נישט פונאַנדער. ער עסט יעקבס מטעמים און מאַכט אים פאַרן האַר פון דער וועלט.

— 7 —

עס ליגט נישט אין דער כוונה פון דעם דאָזיקן עסיי צו דערציילן פון די וויסטע סקאַנדאַלן וואָס עשו האָט געמאַכט בעת ער האָט דערהערט אַז יעקב האָט אים פון־דאָס־ניי באַשווינדלט און זיך אַריינגעריסן אַלס אויבערשטער אין דעם ווייטערדיקן וועזן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דער לייענער קאָן עס נאָכקוקן אין חומש און אין ספר־הישר. עשו טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק יעקבן צו דערהרגענען. יעקב מוז אַנטלויפן.

די יידישע מדרשים וואָס ווילן כסדר דערגאַנצן צו דער היסטאָריאָזאָפיע פון תנ"ך דערציילן דאָ אַ מעשה, און זייער אַ כאַראַקטעריסטישע מעשה:

עשוס זון אליפז, אַ גרויסער פעכטער און אַ קריגערישער ריטער, פאַר־נעמט זיך יעקבן נאָכצויאָגן און אים צו פאַרניכטן מיט דער שאַרף פון דער שווערד. יעקב האָט זיך אינצווישן אַרומגעוואַלגערט און אויסבאַהאַלטן אין בית־המדרש פון שם ועבר און דערווייל געכאַפּט אַ קוק אין אַ ספר. דאָ איז ער געוואָרן נאָך גלאַטיקער און בלאַסער, נאָך יידישער און מאָגערער. שפּעטער לאָזט זיך יעקב, אַ הוילער אָרימאַן מיטן בלויזן שטעקעלע, אויף די וועגן קיין פדן־ארם. דאָ דעריאָגט אים אליפז. אליפז און זיינע לייט זענען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. אליפז קוקט אָן דעם אָרימאַן מיטן שטעקעלע און רייבט זיך די אויגן: איז דאָס דער האַר פון דער וועלט? דער קעגנשפּילער? און עס איז קעגן זיין ריטערלעכע ווירדע אַנצורירן מיט זיין שווערד אַזאַ נעבעכדיקן פאַרטנער. יעקב מאַכט זיך נאָך נעבעכדיקער און הילפלאָזער, בויגט זיך פאַר אליפזן אין דרייען און שטייט פאַר אים מיטן צעריסענעם היטל אין דער האַנט, ווייזט אים זיינע שמאַטעוואַטע און פאַרשטויבטע בגדים און רופט אים האַר און פריץ־לעבן. — זע, וואָס האָסטו מורא פאַר אַן אָרימען ייד? קען דען אַזוי אויסקוקן דער האַר פון דער וועלט?

אליפזן נעמט אַרום דאָס גרויסע חלשות קוקנדיק אויף דעם זיך־בוקנדיקן יידישן אָרימאַן, שפּייט פאַר אים אויס, און רייט צוריק אַוועק, דער גויאישער ריטער, מיט זיין באַוואָפנטן חיל. יעקב נעמט דאָס שטעקעלע אין דער האַנט און גייט ווייטער. אין לוז טרעפט אים די נאַכט און ער לייגט זיך שלאָפן מיט אַ שטיין אונטערן קאָפּ. דעם אָרימען היימלאָזן ייד אויפן נאַקעטן שטיין חלומט זיך, אַז ער ליגט אונטער דעם טויער פון הימל. אַ לייטער לאָזט זיך אַרונטער און מלאכים ברענגען אים אַראָפּ די בשורה, אַז גאָט וועט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן און אין אַלע הימלען ליגט פאַר אים אָנגעגרייט די וועלט־הערשאַפט פון גייסט.

כדי צו שפּאַנען די דראַמאַטישע שטייגערונג פון די געשעענישן באַנוצט זיך אונזער מחבר מיט דער טעכניק פון אַלע גרויסע דערציילער, נעמלעך: אין מיטן דעם שטאַרקסטן מאָמענט פון שיקזאַלהאַפטער טראַגיק לענקט ער אָפּ אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף אַנדערע לייכטערע אידיליש צי גראָטעסקע מאָטיוון. אונזער מחבר גיט אונז איצט סיי אַן אידיליע און סיי אַ גראָטעסק. אין ביידע מאָטיוון דערגרייכט ער דעם מאַקסימום פון מייסטערשאַפט. מיר קומען אַריין אין אַ פּאַסטאָראַלע. יעקב קומט אָן קיין פּדן־ארם. ער טרעפט שאָף־סטאַדעס ביים ברונעם און שמועסט מיט די פּאַסטעכער. רחל קומט אָן מיט די שאָף. די ערשטע אויפציטערן פון ליבשאַפט צווישן דער פּאַסטושקע און דעם פרעמדן וואַנדערער. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער קנאַפּקייט פון דעם דערציילן, פּאַרכאַפּט עס אונזער געמיט מיט אַ וואונדערלעכן כישוף. און עס געהערט זיכער צו די שענסטע פּאַסטאָראַל־סצענעס אין דער וועלט־ליטעראַטור. אגב זעען מיר, אַז דער מחבר איז אַ היימישער מענטש אין דעם דעמאָלטיקן פּאַסטעך־לעבן. עס איז זיכער אַבסאָלוט פּאַלש אים אַוועקצורוקן אין אַ שפּעטערער צייט, ווי עס טוען אַ טייל פון די ביבל־קריטיקער.

אין דער דאָזיקער זוניקער און ראָמאַנטישער פּאַסטאָראַלע טרעט אויף אַ נייער קעגנשפּילער קעגן יעקבן. אויך אַ פּיפּיקער כיטרער פּאַסטעך. לבן הארמי. דעם דאָזיקן פּאַרשוין קענען מיר פון אַ פריערדיקער חומש־נאָוועלע. מיר האָבן אים געטראָפן ביים ברונעם, וואו אליעזר שטייט מיט אברהם אָבינוס קעמלען. מיר קענען פון דאָרט זיין גייציקייט און זיין תאווה צו גאָלד. אין די סצענעס פון יעקב און לבן באַנוצט זיך דער מחבר, ווי עס זעט אויס מיט זיין רייכער קענטעניש אין כנענישן פּאָלקלאָר. פון די דאָזיקע קענטענישן בויט ער אויס די לוסטיקסטע און גראָטעסקעסטע סצענעס. עס איז איין קייט פון אָפּנאַרענישן און פון שפּיצלעך, וואָס אָט די ביידע פּאַסטעכער טוען אָפּ איינער דעם אַנדערן. לבן גלויבט, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ „פרייען" און שפּילט מיט יעקבן זומער און ווינטער. ער נוצט אויס יעקבן פאַר זיינע סטאַדעס. ווען עס קומט צו די טעכטער שפּילט ער אויף דעם אמתן קווי פּראָ קוואָ. ער טוישט אים אויס די ווייבער און מאַכט אים צו לייטישן געלעכטער. יעקב שווייגט, — אָבער לבן האָט נישט דערקענט זיין פּאַרטנער. אויך דאָ ווייזט זיך צום סוף אַרויס, אַז דער ייד איז דער קליגערער. ווען עס קומט צום ענד האָט יעקב צוגענומען ביי לבנען די יינגסטע און בעסטע סטאַדעס, ער האָט ביי אים צוגענומען די טעכטער, די דינסטמיידן, די קעמלען און די ציגעלעך. ווען דער כלומרשטער שלימזל, יעקב, האָט שוין אָנגעזאַמלט אַ היפּש פּאַרמעגן, ווייזט ער דעם כיטרען אַראַמישן לבן די גרויסע פייג און נעמט זיין וועג אָן אַ זיי־געזונט.

דער מחבר נעמט פון דאָס ניי אויף דעם פאָדעם פון זיין גרויסער היס־טאָרישער דראַמע.

יעקב גייט אויף אַ נייעם טרעף מיט עשון. עשו דערהערט אַז דער גלאַטיקער ברודער דערנענטערט זיך ווידער צו זיינע גרענעצן. עשו נעמט צונויף זיינע חיילות און גייט יעקבן אַנטקעגן. דער וועלט־חשבון צווישן די צוויי ברידער ווערט אויפגעמישט.

יעקב באַנוצט זיך דאָ מיט צוויי מיטלען וועלכע יידן האָבן שפעטער — און ביז היינט צו טאָג — אויסגענוצט אין זייער געשיכטע מיטן גרעסטן דערפאָלג. יעקב קאָן גוט עשון — ער געדענקט אים נאָך פון טאָפּ לינדזן — און ווייסט אַז צו שוחד האָט עשו אַ געוואַלדיקע שוואַכקייט. ווען מען גיט אים אין „דער יד אַריין" קאָן מען אים שטילן דעם כעס. יעקב קלייבט אויס ציגעלעך און בעקעלעך פון זיינע סטאַדעס און שיקט זיי אַנטקעגן אַלס מתנה צו זיין ברודער עשו. „אולי אכפרה פניו במנחה?" אפשר וועל איך אים איבער־בעטן מיט אַ געשאַנק. צווייטנס: יעקב צעטיילט זיינע מחנות. מיט דעם געניאַל־סטראַטעגישן פּלאַן פון אַן עקזיסטענץ, וואָס וויל זיך אויפן האַרטנעקיקסטן אופן האַלטן אויף דער אויבערפלאַך, צעטיילט יעקב זיינע מחנות. ער האָט זייער אַ קלוגע און זייער אַ טיפע אויסרעכענונג: „אויב עשו וועט קומען אויף איין מחנה און וועט זי שלאָגן, וועט די איבעריקע מחנה אַנטרונען ווערן". מען מוז איינטיילן די כוחות. נאָר פּאַמעלעכל און איינציקווייז. אין דעם וועלט־שפּיל מיט עשון טאָר מען נישט אַלץ שטעלן אויף א י י ן קאָן.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די דאָזיקע סטראַטעגיע פון יידישן קיום — וואָס איר אָנהויבער איז געווען יעקב — איז געווען איינע פון די געני־אַלסטע טריקן פון אַ היסטאָרישן פירער. מיר יידן האָבן זי געפאָלגט און מיר האָבן דערמיט געהאַט די בעסטע דערפאַרונגען. אַ סך מאָל האָבן מיר אויך געפּרואווט מיט מתנות — נאָר דער עיקר האָבן מיר זיך צעטיילט און צעטיילטע זיך געהאַלטן אויף אַלע פּליינען פון דער וועלט. ווען מיר וואָלטן געווען קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע אין אונדזער קאַמף מיט דער רוימישער מאַכט און אין אַלע טויזנטער יאָרן פון אונזער געשיכטע — און ווי עס ווילן היינט די ציוניסטן — אַ, עשו וואָלט מיט איין קלאַפּ און מיט איין מאָל באַוויזן אונז צו פאַרניכטן. ער וואָלט אונז געטראָפן איינגעוואָרצלט אויף אַ לאַנד. מער באַדאַרף ער נישט. עשו האָט אַ געוואַלדיקן חוש פאַר ערדישער רעאַליטעט. ווען מיר שטעלן אים אַקעגן אין אונזער יידישן קיום־קאַמף — וואָס איז אייגנטלעך אַן אידעאָלאָגישער וועלט־קאַמף — אַן אַנדערע אַן ענלעכע רעאַליטעט צו זיינער — וואָס איז דאָ אַ סך צו טראַכטן? — מיר קענען פון פאָרויס זיין זיכער אין אונזער פולשטענדיקער מפּלה. וואָס האָט דער שוואַכער יעקב מיט זיינע ווייבער און שעפעלעך געקאָנט טון קעגן די פיר הונדערט באַוואָפנטע קריגער פון זיין ברודער עשו? אַ פאַרשפּילטער קאַמף. מיר וואָלטן שטענדיק פאַרשפּילט דעם קאַמף ווען מיר וואָלטן געווען

קאָנצענטרירט. נאָר אין דער אַבסטראַקטקייט פון די וועלט־שטחים קאָן עשו אונז נישט כאַפּן.

כדי אונז צו ווייזן די קלוגע לעבנס־לאָגיק פון דער יידישער געשיכטע באַמיט זיך דאָ דער ביבלישער נאָוועליסט צו שילדערן די גאַנצע נעבעכדיקע אָנמאַכט פון יעקבן. ער איז אַ שוואַכער פּחדנותדיקער ייד, יעקב, אין דעם טאָג ווען ער באַדאַרף זיך צוזאַמענטרעפן מיט דעם מעכטיקן האַר פון דער שווערד — דעם ברודער עשו.

— 10 —

ווען דער לייענער הייבט אָן צו ווערן אומרואיק און צו טראַכטן אַז אייגנטלעך קומט איצט יעקבס ביטערער סוף, וואָרעם אָט הערן זיך שוין די שווערדן פון עשון מיט זיינע חיילות — פירט אונז דער מחבר פּלוצעם אַריבער אויפן אַנדער דימענסיע פון דעם וועלט־שוישפּיל. יעקב איז אַליין ביים טייך יבוק און עס פאַלט צו די נאַכט. די נאַכט איז די וועלט־צייט פון חלומות און וויזיעס. אַ נייער קעגנשפּילער טרעט אים אַקעגן. נישט עשו, נאָר אַ גאָט טרעט אַקעגן יעקבן אין היסטאָרישן געראַנגל. אַ גאָט? דאָ איז יעקב אין זיין היסטאָרישן עלעמענט. יעקב — מיר האָבן אים אַקערשט געזען אַן אָנמעכטיקן און אַ ציטערדיקן פאַר עשון. — אויף די פּליינען פון דער וויזיע פאַרוואַנדלט ער זיך מיט אַמאָל אין אַ קעמפנדיקן העראָס. ער נעמט אויף דעם געראַנגל מיטן גאָט און געווינט. ער קעמפט אַ גאַנצע נאַכט ביז דער מאָרגנשטערן הייבט אָן אויפצובליען. דער גאָט בעט זיך ביי אים: אָט ווערט טאָג איבער דער וועלט, לאָז מיך אָפּ. יעקב זאָגט: ניין. איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז דו וועסט מיר געבן די וועלט־הערשאַפט פון גייסט. — און דער גאָט רופט אים ישראל און גיט אים אַוועק די וועלט־הערשאַפט פון גייסט.

— 11 —

סיי דער חומש אַליין, סיי די יידישע מדרשים באַמיען זיך צו מאָטיווירן פאַרוואָס עשוס האַרץ איז פּלוצעם ווייך געוואָרן ביים אָנבליק פון שוואַכן אָנמעכטיקן ברודער און אַנשטאָט צו דערהרגענען אים איז ער גאָר געוואָרן אַזוי פריינטלעך. אַ טייל ווילן דאָ זען אַ גרויסע נישט־אויפריכטיקייט. און אַ טייל — אַן אומהיימלעכן פּחד פאַר דעם שוואַכן יעקבן. לאָמיר נישט פאַרגעסן: יעקב שפּילט ווידער די ראָלע פון דעם נעבעכדיקן יידל און בוקט זיך זיבן מאָל אין דרייען פאַרן האַריקן האַר פון שעיר. עשו האָט דאָ אונטער־באַוואוסטזיניק דערפילט, אַז אָט־אָ דאָס יידעלע יעקב איז גאָר אַ מיטישער העראָס, וואָס איז אַקערשט אַרויס אַ זיגער אין קאַמף מיט אַ גאָטהייט. איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים. געננוג, אַז עשו ווייזט גרויסמוטיקייט, ווערט פּלוצעם אַ גוטער ברודער און שלאָגט פאַר יעקבן מיטצוקומען מיט

אים קיין שעיר. יעקב ווייזט אַרויס נאָך אַ גרעסערע נעבעכדיקייט און באַקלאָגט זיך אויף זיין שוואַכקייט, אויף דער שוואַכקייט פון זיין הויז־געזינט און אפילו אויף דער שוואַכקייט פון זיינע שאָף. ער איילט זיך בישט, יעקב, מיטצוגיין מיט עשון. אַ ייד איז קליגער פון אַ גוי. ער האָט צייט, יעקב. פּאַמעלעכל פּאַמעלעכל האַר לעבן, וועל איך דיר נאָכגיין, איך שוואַכער יידישער מאַן, — זאָגט יעקב — אין טיפסטער הכנעה וועל איך נאָכקומען דיינע פוס־טריט — און איך וועל דיך שוין דערגרייכן צום חשבון אין לעצטן טאָג פון דער וועלט.

שפּאַציר־וועגן איבערן תנ״ך*)

— 1 —

דער תנ״ך איז ווי אַן אַלטער אומענדלעכער וואַלד. זיינע געדיכטע־נישן זענען אַרומגענומען מיט העלע ליכטיקייטן און מיט טיף־טונקעלע שאָטנס. אָט דוכט זיך אונז, — עס איז נישט מער ווי אַ קליין אָפּן בוך און מיר ווייסן אין אים אַלץ און אַלצדינג. מיר קאָנען איבערציילן אין אים יעדעס וואָרט און זיין שפּראַך שמעקט מיט זעלטענער פּשטות. און אָט קומט אונז גאָר אויס, — מיר שטייען פאַרן תנ״ך ווי פאַר אַ גרויס רעטעניש. זיינע קלאָרקייטן פאַרציען זיך מיט נעפּל. מיר בלאָנדזשען אין זיינע געשעענישן ווי אין די טונקלסטע לאַבירינטן.

אונזערע חכמים האָבן דעם תנ״ך אַ נאָמען געגעבן פּרדס. ער איז פּשוט און ער איז רמזדיק. עס ליגט אין אים אַלצדינג סיי אין העלסטער אַנטפּלעקונג און סיי אין טיפסטן סוד. קינדער האָבן אים געלערנט אין חדר ווי אַ ליבהאַרציקע מעשה. די גרעסטע מקובלים זענען אָבער מיט ליכטער אַרומגעגאַנגען אין זיינע היילן און געזוכט זיינע באַטייטן און זיינע מחשבות.

הרבה פּנים לתורה. אָט איז דער תנ״ך פּרימיטיוו און אָפנהאַרציק ווי אַן אור־מענטש. אָט איז ער פאַרזונקען אין טיפער פאַרטראַכטונג ווי ער וואָלט אין זיך געטראָגן דעם סוד פון דער וועלט.

פאַר דער יידישע אומה איז דאָס תנ״ך־בוך כסדר געוואָרן וואָס אַמאָל מער איראַציאָנעלער אין זיין פּשטות. במשך זייער גאַנצער געשיכטע האָבן יידן געזוכט די כוונות און טייטשן פון אָט דעם קליינעם ספר. יידן האָבן געלעבט און געליטן דורות איבער דורות — אָבער ווי אומדערמידלעכע מוראַשקעס האָבן זיי איבערן תנ״ך אויפגעשטעלט אַ פּיראַמידע פון זאָגע־נישן, רעיונות און מעשיות. אַ דענקמאָל? ניין. אַ צווייטן איד. דער תנ״ך איז אויך געוואָרן אַן אומענדלעכער אַקטיווער יידישער קיום. ער האָט אויף דער האָר געגליכן צו דעם אומענדלעכן אַקטיוון קיום פון יידן. די שפּיצן פון אָט דער תנ״ך פּיראַמידע ציען זיך און ציען זיך אין דער הויך באַגלייך דעם אייביקן שאָטן פון דער יידישער אומה איבער דער וועלט.

דער תנ״ך איז געוואָרן ווי אַ לעבעדיקער קוואַל. יידן האָבן פון אים געטרונקען און אין אים געגראָבן טיפער און טיפער. און אין אים געזוכט.

---

*) די איבערזעצונגען פון די תנ״ך־ציטאַטן האָב איך גענומען ביי יהואשן.

מען האָט זיך נאָך אַלץ נישט דערגראָבן וואָס ער איז אויסן. זיינע מחשבות, מעשיות און זאָגענישן האָט מען פאַרבונדן מיטן העכסטן און מיטן נידע־ריקסטן. מיט דעם וואָס איז אייביק און אומדערפאַרשט און מיט דעם וואָס איז פאַרגענגלעך און פויזעט איבער דער ערד. וועגן אַ פשוט אידיליש ליבע־ליד וואָס שטייט באַשריבן אין זיינע בלעטער, האָט דער גרויסער ר' עקיבא געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט אין איר עקזיסטענץ איז נישט געווען כדאי אין איר ווערט ווי דער טאָג ווען דאָס געזאַנג „שיר־השירים" איז געגעבן געוואָרן צו יידן.

די אונטערשטע ליבע פון אַ פּאַסטושקע שולמית מיט אַ מלך שלמה האָט דער גרויסער ר' עקיבא אויפגעהויבן צו די העכסטע הויכענישן פון אַ קאָסמישער ליבשאַפט. וואָס איז קאָסמישע ליבשאַפט אויב נישט דאָס אור־געהיימניש פון אַלצדינג וואָס איז געוואָרן באַשאַפן?

פאַמעלעך איז אָט דאָס קליינע יידישע ספרל געוואָרן דאָס גרויסע בוך פון דער וועלט. פעלקער זענען געקומען מיט זייערע געטער. זיי האָבן אויך געזוכט די שפּיגל־בילדער פון זייערע גאָטהייטן אין די קלאָרע — אָבער זייער טונקעלע וואַסערן פון תנ"ך.

— 2 —

זה לעומת זה — אַקעגן די איראַציאָנעלע פּערל־זוכער אין תנ"ך זענען אין די לעצטע יאָרהונדערטער אויפגעשטאַנען די ראַציאָנעלע ביבל־קרי־טיקער. זיי האָבן אָנגעהויבן פונאַנדעררייסן אָט די וואונדערלעכע בלום און געוואָלט אַריינקוקן מיט שפּאַקטיוון און מיקראָסקאָפּן אין אירע אינע־ווייניקייטן. מען האָט אינעם תנ"ך געפּראָוווט צו אַנטפּלעקן עפּעס אַן אַלט צונויפגעלאָטעוועט יידיש בגד וואָס איז צונויפגעשטוקעוועט און צונויפגעז־שלעפּט פון אַלערליי טעקסטן, אַלערליי נוסחאות און אַלערליי לעבנס־שטייגערס. און — ווי וואונדערלעך זענען מענטשלעכע ליידנשאַפטן! טייל גוי־אישע ביבל־פאָרשער האָבן זייער שנאה צו יידן אַריבערגעטראָגן אויף אָט דעם ווינציקן יידישן בוך. דער תנ"ך איז אויף דער האָר דער אייגענער ווי יידן — האָבן זיי געזאָגט — און ער גלייכט צו יידן אין זיין טבע און אין זיין שטעלונג צו דער וועלט. דער תנ"ך איז אַ וועלט־וואָגאַבונד באַגלייך דער יידישער נאַציע. ער האָט אויך נישט קיין אייגענע פאָטערלענדישע ערד אונטער די פיס. ער נעמט און לקחנט ווי אַ ציגיינער פון אַלע טעפּ. יידן האָבן באַשווינדלט גאָר די וועלט מיט אָט דעם יידישן בוך און אויסגעגעבן פרעמדע פּראַצע ווי עפּעס אייגנס. קיין איין מחשבה, קיין איין מיטאָס און קיין איין וואָרט וואַקסט דאָרט נישט אויף היימישער יידישער ערד. אַלצדינג איז גענומען ביי בבל, ביי אשור, ביי אוגארית און ביי צידון.

די יידישע טבע — אַזוי האָבן געזאָגט די פיינטלעכע ביבל־פאָרשער — גלייכט זיך ווי צווי טראָפּן וואַסער אין די צוויי וועלטן — אין דער וועלט פון ווירקלעכער טאַט און אין דער וועלט פון אומווירקלעכער פאַנטאַזיע.

אין דער דיאַלעקטיק פון דעם זה־לעומת־זה טאָר מען אויך אויפן קעגנער נישט קוקן עפּעס ווי אויף אַ פּוסטער ווינטמיל. די טיפע שנאה איז מן־הסתם אַ קרומער שפּיגל פון אַ טיפער ליבשאַפט. דער ליגן דערציילט אויף אַ פּאַר־דרייטן אופן עפּעס פון אַ גרויסן אמת. יעדע השערה בלאָנדזשעט זיכער אַרום לעבן אַ ריכטיקן פּינטל. די קבלה זאָגט, אַז דער אָדם־בליעל שטייט ווי אַ שאָטן הינטער דעם אָדם־קדמון. און דער אָדם־קדמון? ער איז דאָס אָפּבילד, דער שאָטן, צי דער צלם פון העכסטן אַבסאָלוט.

יידן האָבן גענומען פון אומעטום און האָבן זיך אַנטוויקלט פון אַן אומעטום. נעמען אַליין איז נאָך גאָרנישט. יידן האָבן פון דעם אומעטומעדיקן געמאַכט די סינטעזע פון אַ וועלט־איינס, פון אַן א ח ד. אַ דאַנק דעם דאָזיקן אחד וואָס איז אַ מקומו של עולם, אַן אייביקער אומעטום — האָבן יידן באַוויזן אין זייער געשיכטע צו סינטעזירן די קעגנזאַצן פון וועלכע עס באַשטייט די עקסיסטענץ. דערמיט האָבן יידן באַשאַפן די עטיק פונם מענטש.

עטיק איז די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דעם טעאָרעטישן אחד.

דער תנ״ך איז קודם־כל דאָס בוך פון דער עטיק.

יידן האָבן געלעבט אין מיטן אַ וועלט־צעשפּרייטקייט פון פעלקער און פעלקער־מחשבות. פון אָט די צעשפּרייטקייטן איבער די וועלטן פון מאַטעריע און גייסט, האָבן זיי געוואָלט אויסבויען די וועלט וואו דער מענטש זאָל זיין רעכטפאַרטיק. דער מענטש לעבט דאָך אויף אַ וועלט וואָס שטייט אין שייכות פון אַן איינס.

אָדם הראשון, דער אידעאַל פון אַ מענטש, דער נברא־צלם איז אין קעגנזאַץ צו אַלע באַשעפענישן גענומען געוואָרן — ווערליק דעם מדרש — פון אַלע ערדן פון דער וועלט.

די ראַציאָנעלע השערות אין שייכות דעם תנ״ך און דאָס טעקסט־זוכעריי פון אַלערליי ביבל־פאָרשער האָבן אויך געהערט צו דער דיאַלעקטישער גאַנצקייט פון דעם זה־לעומת־זה פון וועלכן עס באַשטייט יעדעס גרויסע און אייביקע. די ראַציאָנאַליסטישע ביבל־פאָרשער און טעקסט־זוכער, סיי די וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן ווילן און סיי די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גוט האַרץ צו יידן און צו זייער וועלט־בוך — אַלע האָבן זיי פונאַנדערגעטרייסלט דעם אַלטן געטלעכן און מענטשלעכן וואַלד פון תנ״ך. זיי האָבן טאַקע נישט באַוויזן אויסצורייסן זיינעביימער. אָבער זייער האַק האָט פאָרט באַוויזן דאָרט אַריינצולאָזן נייע ליכטיקייטן. זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו באַלויכטן אַ סך טונקל־קייטן פון דער געבורט און אַנטשטייאונג פון דעם וועלט־פאָלק י י ד ן. וואָס מער ליכטער עס זענען פון אַלע זייטן און פון פאָרשיידענע אַספּעקטן געוואָרפן געוואָרן אויפן תנ״ך, אַלץ בולטער האָט מען זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז יידן זענען אַ קאָנסעקווענטע היסטאָרישע איינס, אַז יידן זענען אין זייער שורש פונקט די אייגענע וואָס אין זייערע שפּיצן.

איך האָב אומישנע אָנגעהויבן מיט אַזאַ לאַנגע הקדמה מחמת די קאַפּיטלען וואָס וועלן נאָך קומען וועלן אויך געבויט זיין כמעט אויף בלויזע השערות. השערות וואָס שטייען אָפּט אין ווידערשפּרוך מיט אַ סך טראַדיציאָנעלע מסורות וואָס שייך די אָנהויבן פון דער יידישער געשיכטע. אָט יענע אָנהויבן ליגן ווי אין אַ געדיכטן נעפּל. איך וועל פּרואוון אים אַ ביסל פונאַנדערצו־פּלאָנטערן.

וועגן דער פונאַנדערטיילונג פון יהודה און ישראל אין צוויי באַזונדערע מלוכות האָבן מיר אין תנ״ך אַ גאַנץ פּשוטע סכעמע: נאָך שלמהס טויט איז פאַר די צען ישראלישע שבטים געווען שווער ווייטער צו טראָגן דעם עול פון די דודאישע „שטייערן״. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער נייער קיניג רחבעם זאָל זיי לייכטער מאַכן דעם שווערן עול. דערצו האָט זיי אויך געבונטעוועט ירבעם בן נבט וואָס איז געווען אַן אַלטער שונא פון קיניג שלמה. דער לייכט־זיניקער רחבעם איז אָבער געווען אַ האָפּערדיקער מלך. אַנשטאָט צו פאַר־האַנדלען מיט די נישט־צופרידענע שבטים האָט ער זיי געסטראַשעט מיט נייע און נאָך שווערערע שטראָפן. דער פּאַדים וואָס האָט צוגעבונדן ישראל צו יהודה און צום בית־דוד האָט געגומען און געפּלאַצט.

מיר ווייסן אָבער פון היסטאָרישער דערפאַרונג, אַז גרויסע רעוואָלו־ציעס מאַכן זיך נישט אַזוי פּראָסט־פּשוט ווי עס ווערט דערציילט אין תנ״ך. תמיד זענען פאַראַן טיפערע סיבות וואָס רופן אַרויס היסטאָרישע אויפ־טרייסלונגען. פאַרוואָס האָט עפּעס דער שבט יהודה יאָ געוואָלט טראָגן דעם שווערן קיניגלעכן עול? עס איז פונקט אַזוי נאַאיוו דערציילט ווי די מעשה, אַז די אַנטשטייאונג פון די קראָים איז נישט מער ווי אַ קאָנסעקווענץ פון אַן אַמביציע־מחלוקה צווישן די צוויי ברידער ענן און חנניה.

מיר ווייסן פון תנ״ך, אַז די ישראלישע אויפשטאַנדן קעגן מלכות בית דוד זענען נאָך געווען אַ סך פריער פאַרן בונט פון ירבעם בן נבט. עס זענען געווען אַ קייט פון אויפשטאַנדן וואָס האָבן זיך געצויגן און געצויגן. אפילו שפּעטער אין די צייטן פון די חשמונאים געפינען מיר צדוקישע באַמיאונגען אַרונטערצורייסן די חשיבות און לעגאַליטעט פון דער דודישער דינאַסטיע (זע אָפּטאָוויצער: „פּאָליטישע פּאַרטייען אין די צייטן פון די חשמונאים״, אין דייטשער שפּראַך). אויך אין די חשמונאישע תקופות האָבן אַנטי־דודישע טענדענצן געהאַט אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט אין אַלערליי יידישע פאָלקס־שיכטן. ניין. אַזאַ איינגעוואָרצלטע קעגנערשאַפט מאַכט זיך נישט פּשוט. מן־הסתם האָבן די אָפּנייגונגען קעגן בית דוד געהאַט טיפע היסטאָרישע שורשים אין די יידישע מאַסן.

וועלכע איז געווען די סיבה וואָס האָט אַזוי לייכט די ישראלישע שבטים אָפּגעשטויסן פון דער העגעמאָניע פון יהודה? פאַרוואָס האָבן די צפון־שבטים, די ישראלים, נישט געוואָלט איבער זיך האָבן קיין יהודהשן מלך? פאַרוואָס האָט אַיעדער רוף קעגן מלכות בית־דוד אַזוי לייכט געפונען אָנהענגער

צווישן די מאַסן פון די שבטים אין ישראל? האָבן דען די שפּעטערע מלכי־ישראל געלעבט אין אַ קלענערן לוקסוס און ווייניקער באַדריקט די מאַסן ווי די מלכים אין ירושלים? האָט דען אחאָב למשל, געלעבט ווייניקער פאַר־שווענדעריש אין זיינע עלפאַנטביינערנע פּאַלאַצן אין שומרון, ווי דער קיניג שלמה אין זיין גאָלדן הויז אין ירושלים?

— 5 —

עס איז אָנגענומען ביי דער ביבל־וויסנשאַפט, אַז די „שירת דבורה" איז פון די עלטסטע דאָקומענטן אין תנ"ך. דאָס ליד איז געדיכטעט נאָך אַ נצחון וואָס די יידישע שבטים האָבן געהאַט איבער זייערע באַדריקער די כנענים פון חצור און איבער זייער פעלדהאַר סיסראָ. עס ווערן אינעם ליד אויסגערעכנט אַלע צען שבטים וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם זיגרייכן אויפשטאַנד. דער שבט ראובן האָט זיך נישט באַטייליקט. די נביאה דבורה און דער יידישער פעלדהאַר ברק בן אבינועם מוסרן אויס דאָס יידישע שבט וואָס איז נישט געקומען צו הילף „לעזרת ה' בגיבורים". „לפלגות ראובן גדולים חקרי־לב". „וואָס ביסטו געזעסן צווישן די שאָף־געהעפטן צו הערן דאָס מעקען פון סטאַדעס?"

אָבער נאָר שבט ראובן ווערט געמוסרט. אינעם גאַנצן ליד וואו עס ווערן פאַדריבנע אויסגערעכנט די שבטים וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם נאַציאָנאַלן קאַמף געפינען מיר אָבער נישט דאָס שבט יהודה. דאָס וואָלט נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. מילא, וואָלט יהודה געווען אָפּגעקומען מיט אַ פאַרוואורף ווי ראובן. ניין! עס איז נאָך ערגער. יהודה באַקומט נישט דעם מינדסטן פאַרוואורף און ווערט גאָרנישט אַריינגענומען אין חשבון פון די וואָס האָבן געהאַט וואָסער עס איז פליכט צו קומען צו הילף אין דער נאַציאָנאַלער מלחמה. עס קוקט עפּעס ווי אויס: אין יענע פריע צייטן פון דער יידישער געשיכטע האָט מען דאָס שבט יהודה גאָר נישט צוגערעכנט צום באַשטאַנד פון די שבטי־ישראל. קענטיק איז יהודה דעמאָלט געווען אַ פרעמדער צי אַ האַלב־פרעמדער שטאַם. וואו איז יהודה געווען אין די צייטן ווען עס איז געזונגען געוואָרן דאָס הערלעכע נצחון־ליד פון דער נביאה דבורה?

ווערליק אַלע וואַרשיינלעכקייטן און ווערליק זיכערע שפּורן וואָס מיר גע־פינען אין תנ"ך זענען די פיזישע און גייסטיקע גרענעצן צווישן דעם דרום־טייל פון יהודה און די אדומישע שבטים וואָס האָבן געוואוינט אין נגב געווען גאָר, גאָר לויזע. עס איז נישט קיין וואונדער. סיי לויט זייער אָפּשטאַם און סיי לויט זייער שפּראַך, זענען זיי זיך געווען ברודערלעך נאָענט. אָחיך — „דיין ברודער" ווערט אין תנ"ך אָפט געזאָגט וועגן אדום. די שפּראַך פון די אדומים האָט זיך מיט ווייניקע ניואַנסן אָפּגעשיידט פון העברעאיש. אין די שפּרוכן פון קיניג למואל אין „משלי" ל"א וויל אַזאַ העברעאיש־פאָרשער ווי בן־יהודה זען ווערטלעכע ציטאַטן פון אַן אדומיש מוסר־ספר.

אדום איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ פון קולטור. תימן האָט געהאַט אַ שם מיט אירע גרויסע חכמים. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס בוך „איוב" איז אַן אדומישער פילאָזאָפישער טראַקטאַט. „איוב" איז אַ בוך וואָס איז פיל געלייענט געוואָרן פון דער יהודהשער אינטעליגענץ. ווי אַנדערע אדומישע דאָקומענטן, — פון וועלכע מיר וועלן נאָך רעדן, — איז אויך דאָס בוך „איוב" שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון יידישן תנ"ך. עס קאָן דאָך נישט זיין קיין צופעליקייט, וואָס אַלע הויפּט־שפּרעכער אין דעם דאָזיקן בוך זענען גראַד אדומים. בלדד, אליפז און צופר. ווערליק אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז איוב אַליין אַן אדומי און ער וואוינט אין דער אדומישער פּראָווינץ עוץ. בת אדום היושבת בארץ עוץ („איכה"). אויך די נעמען פון זיינע טעכטער קציעה, ימימה און קרן־הפוך זענען העכסט וואַרשיינלעך אדומישע פּרויען־נעמען. *)

עס איז נישט קיין חידוש וואָס ביי אַזעלכע גייסטיקע און פיזישע קרובה־שאַפטן האָט מען זיך געמישט. על־כל־פנים האָט מען זיך געמישט ביי די גרענעצן. אין „יהושע" און אין „שופטים" געפינען מיר טאַקע ווי די אדומישע משפחות קנז, כלב, ירחמיאלי און אַנדערע זענען „מיטגעגאַנגען" — בעסער געזאָגט „אויפגעגאַנגען" — אין יהודה. מן־הסתם זענען דאָס נישט געווען די איינציקע משפחות וואָס האָבן זיך פּאַמעלעכל אַסימילירט מיטן שבט יהודה.

צוליב אָט דער קרובהשאַפט האָט זיך די אדומישע אַסימילאַציע מיט יידן געצויגן דורות אויף דורות. זי האָט דערגרייכט איר קולימינאַציע־פּונקט אין די צייטן פון דעם חשמונאישן קיניג הורקנוס. דעמאָלט איז גאַנץ אדום געוואָרן יידיש. אין דעם לעצטן יידישן קריג קעגן די רוימער האָבן שוין די אדומים געקעמפט ווי פייערדיקע יידישע פּאַטריאָטן.

— 6 —

מיר ווייסן פון דעם גאַנג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג: אַן אונטער־גייענדיק פאָלק וואָס אַסימילירט זיך מיט אַ שטאַרקערן, ברענגט מיט זיך מיט נכסים און ירושות וואָס פאַרבלייבן אין די היסטאָרישע חשבון־ביכער פון דעם זיגער. אונטערגייענדיקע קולטור־פעלקער עסן ביים טויט אויף די פעלקער וואָס האָבן זיי איינגעשלונגען. אדום איז געווען, ווי מיר ווייסן, אַ פאָלק פון הויכן קולטור־ניוואָ. ס'איז לא ימלט, אַז זיי האָבן צום זיגער אַריינ־

*) די ווערטער „שהדי" און „כתר" זענען נישט העברעאישע נייערט אַלטע אַראַמעאישע שפּראַך־פאָרמען. אויך אין די למואל־פסוקים וועלכע בן־יהודה רעכנט פאַר אדומישע ציטאַטן געפינען מיר „ברי" און „בר־בטני" — אַראַ־מעאישע שפּראַך־פאָרמען. דאָס „מואביש" וואָס אויפן שטיין פון מלך מישע האָט אויך אין זיך אַראַמעאישע שפּראַך־פאָרמען. עס בעט זיך ממש צו מאַכן אַן אַנאַלאָגיע צווישן אָט די צוויי דורכאויס נישט־עברישע שפּראַכן. ד"ה צווישן אדומיש און מואביש.

געברענגט אַלטע קולטור־ירושות ווי אויך געשטאַלטן פון אדומישע מיטאָסן און אַנדערע נאַציאָנאַלע דאָקומענטן.

עס לייגט זיך שטאַרק אויפן שכל צו באַהויפּטן, אַז דער מיטאָס פון יעקב און עשו — אין דער פאָרם ווי מיר געפינען אים אין חומש — געהער אויך צו די אדומישע קולטור־פאַרמעגנס. אין אדום צווישן די חכמים פון תימן האָט מען זיך מן־הסתם געהאַלטן אין שייכות דעם ייִנגערן ברודער ישראל עפּעס אַזוינס ווי דאָס אויבערשטע פון שטייסל. איי דעם ייִנגערן ברודער ישראל האָט אָנגעהויבן גיין מיט דער פוטער אַרויף, דער הלוך האָט אים אָנגעהויבן צו ילכן און ער האָט פּאַמעלעכל צוגענומען ביי אדומען די סמעטענע? איז וואָס איז דאָס וואונדער? דער ישראלישער שטאַם־פאָטער יעקב — וואָס איז סך־הכל געווען דער ייִנגערער אין דער מאַמעס בויך — איז אָבער געווען אַ כיטרע פּאַסטעכל. ער האָט נישט מער געטון נאָר אָפּ־גענאַרט דעם עלטערן ברודער עשו. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קנעכל ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אַרויסגיין אויף דער ליכטיקער וועלט — און דווקא געוואָלט זיין דער ערשטער. שפּעטער האָט ער ביי עשון אויסגענאַרט די בכורה. נאָך שפּעטער האָט ער זיך אויף אַ כיטרע אופן אָנגעטון ציגענע פעל אויף די הענט און אויסגענאַרט יצחקס ברכות.

עס קאָן עפּעס נישט געמאָלט זיין, אַז אָט דער מיטאָס איז אורשפּרינגלעך געוואקסן אין דער ייִדישער פאָלקס־פאַנטאַזיע און אַז יידן האָבן זיך בכוון איינגעשמירט דאָס פּנים מיט סאַזשע און זיך אויסגעשטעלט פאַר גענאַרניקעס. אַזאַ „יחוס" טראַכט אויף זיך נישט אויס קיין שום אומה ולשון אין דער וועלט.

דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער אדומישער קיניג־ליסטע וואָס איז אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן אַריינגענומען געוואָרן אין חומש און שפּעטער אפילו אין ספר „דברי־הימים". אין אָט דער ליסטע זענען אויס־גערעכנט אַ רייע אדומישע מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין אדום „לפני מלוך מלך בישראל", „איידער עס האָט געקיניגט אַ קיניג אין ישראל". די שפּעטער־דיקע מקובלים האָבן אפילו אָט די פרעמדע קיניג־ליסטע זייער הויך סימבאָ־ליזירט. זי איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ קאָסמיש־דיאַלעקטישע טריאַדע. „מיתת־המלכים" מיינט: „שבירת־הכלים". סימבאָליק איז טאַקע סימבאָליק אָבער פאַקט בלייבט פאַרט פאַקט. עס איז אַן אדומישע ליסטע. זי וויל דערציילן דעם ייִנגערן ברודער ישראל ווער עס איז עלטער. עס איז אַ היפּשער קאַפּולער אָנצוהערעניש. ווען איר טייערע ברידער ישראל — זאָגט די ליסטע — זענט נאָך געווען שקלאַפן אין מצרים צי זיך גאָר אַרומ־געוואַלגערט אין דער מדבר ווי נאַקעטע בעדואינער האָבן מיר, עשוס אייניק־לעך, שוין געהאַט חכמים און קיניגן מיט וועלכע עס האָט געקלונגען אַ וועלט.

און אַלס צוגאָב: דער באַמען „יהודה" גופא האָט עפּעס ווי אַן אדומישן בייקלאַנג. ער דערמאָנט אין עשוס וויב י ה ו ד י ת.

איז עס נאָר ריינער צופאַל?

ביי די עלף שבטים ישראל, ווייטער פון די אדומישע איינפלוסן, האָט מען ווערליק אַלע וואַרשיינלעכקייטן געהאַט אַן אַנדערן מיטאָס וועגן יעקב און עשו. מן־הסתם אַ מיטאָס וואָס האָט פאַרשאַפט יידן אַ ביסעלע מער כבוד. מן־הסתם האָבן די ישראלים דערציילט די מעשה פונקט קאַפּויער. דער עלטע־רער ברודער — נאָך פון דער מאַמעס בויך — איז געווען יעקב און נישט עשו. יעקב איז געווען דאָס ליבלינגס־קינד פון דעם פּאַטריאַרך יצחק און ער האָט נישט באַדאַרפט ערשט זיך אָנטון אין ציגענע פעל כדי אויסצונאַרן ביים טאַטן אַלע ברכות פון דער וועלט. *) יצחק האָט זיי אים געגעבן מיטן בעסטן ווילן. עשו איז גראַד געווען דער יינגערער און דער נאָכשלעפּער, דער אדמוני (אדום באַטייט רויט. „הוא אדום, תבשילו אדום וארצו אדומה". „בראשית רבה"), און דער האַריקער. אפשר שטאַמט עשוס „האַריקייט" דערפון, וואָס די ישראלים האָבן דערציילט אַז אָט דאָס גרעסטענע מוזיניקל עשו, — און נישט יעקב — האָט געוואָלט פאַרטוישן די יוצרות און עפּעס אויסנאַרן ביי יצחקן. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער — האָבן מן־הסתם די ישראלים דערציילט — וואָס ביי יעקבן רינט ברוך־השם אַלצדינג איבערן שעפל און דער געגנאַרניק עשו מוז זיצן אויבן אויפן רויטן און פעליקן שעיר און אַראָפּ־נעמען פאַר יעקבן דאָס היטל.

אויפן שבט יהודה — וואָס אין זיינע נגב־גרענעצן האָט ער זיך געמישט מיט אדומען — האָט מען, זעט זיך אויס, אין די עלף שבטי־ישראל געקוקט פון אויבן אַראָפּ. ווי מיר ווייסן פון תנ"ך האָט מען געפירט שטרענגע ליסטעס וואָס שייך טהרת־המשפּחה. מען האָט געוואָלט וויסן פונוואַנען איינער וואַקסט. עס איז נישט קיין חידוש וואָס מען האָט יהודהן נישט געהאַלטן פאַר קיין פּאָלנעם ישראלי. מען האָט אפילו מוחל געווען אויף זיין הילף ווען עס האָט געהאַלטן ביי אַ נאַציאָנאַלער ישראלישער מלחמה, לעזרת ה' בגיבורים, ווי עס איז געווען די מלחמה פון דבורה און ברק בן אבינועם.

ווען יהודה האָט אָבער אָנגעהויבן צו וואַקסן און פאַמעלעכל באַקומען די העגעמאָניע ביי יידן, האָבן די אַלטע ישראלישע מיוחסים, די ריינע און די נישט־געמישטע, נישט אויפגעהערט צו זיין אומצופרידן. בייזע צינגער האָבן דערציילט, אַז דער שטאַם־פּאָטער פון יהודה האָט אייגנס חתונה געהאַט מיט דער כנענית בת־שוע. דאָ האָט מען געוואָלט וועקן דעם אַלטן ישראלישן ווידערווילן קעגן די „בנות חת" און ווידער געוואָלט דערמאָנען דעם שבט יהודה ווער עס איז געווען זיין עלטער־באָבע. מען איז געגאַנגען נאָך ווייטער און דערציילט, אַז דער שטאַם־פּאָטער פון יהודה האָט געהאַט פרייע געשלעכט־לעכע באַציאונגען מיט זיין לייבלעכער שנור דער כנענית תמר. געשלעכט־לעכע באַציאונגען מיט נאָענטע האָט מען אומעטום אין סעמיטישן אַלטערטום

*) וואָס עובדיה זאָגט וועגן „אדום" הנה קטן נתתיך בגוים" שטאַמט אפשר פון דעם ישראלישן מיטאָס, אַז עשו איז געווען דער קלענערער.

געהאַלטן פאַר אַ געוואַלדיקן חטא. פון דער דאָזיקער זינד זענען אפילו געבוירן געוואָרן אַ ברודער־צווילינג. איינער האָט געהייסן פרץ און איינער זרח. אַז זרח איז אַן אדומישער נאָמען איז קלאָר ווי אויפן טעלער. מיר געפינען אים אין אַן אדומישער משפחה־ליסטע: „בני רעואל נחת, זרח שמה ומזה" (אין „בראשית" ווי אויך אין „דברי־הימים" א"א).

זענען אַמאָל נישט אָט די אַלע מעשיות פּשוטע רכילות פון ישראל אויפן חשבון פון שבט יהודה?

— 8 —

די צייטן זענען געלאָפן. יהודה איז ווייטער געוואַקסן אין אָנזען און אין העגעמאָניע. עס האָבן זיך געמאַכט באַדינגונגען — און די צפון־שבטים זענען געווען געצוואונגען צו אָנערקענען איבער זיך אַ יהודהשע דינאַסטיע. דאָס מלכות־בית־דוד.

אומשטענדן און באַדינגונגען זענען טאַקע אַמאָל שטאַרקער ווי אַלע פּאַראורטיילן און געפילן. ווען מען מוז — מוזן זיך בייגן די קעפּ. די הערצער אָבער בויגן זיך קיינמאָל נישט. במסתרים, אין זייער באַהאַלטענע אינע־ווייניקייטן האָט זיך נאָך קיינער נישט אונטערגעגעבן.

אַזוי איז עס געווען אין די עלטסטע צייטן פון פעלקער און מענטשן. אַזוי וועט עס שוין מן־הסתם בלייבן ביז דעם סוף פון כל הדורות.

די ביטערע פּיל, — דאָס הייסט: אַ יהודהשן מלך — האָט מען אין צפון נישט געקאָנט אַזוי לייכט אַראָפּשלינגען. דער רוף: „מיר האָבן נישט קיין חלק אין דודן און מיר האָבן נישט קיין ירושה אין דעם זון פון ישין. איטלעכער צו זיינע געצעלטן, ישראלי!" — איז דאָרט אַלעמען מן־הסתם טיף געלעגן אויף דער לונג. אַזיסט וואָלט ער אַזוי לייכט נישט אַרויסגעקומען אויף דער צונג ווען די באַדינגונגען האָבן זיך נאָר אַ קאַפּעטשקע געביטן און מען האָט ווידער יהודהן געקאָנט ווייזן ווער עס איז עלטער.

פּאַרצייטישע שבטים און פעלקער זענען געווען שטאַרק איינגעגלויבט אין אייגענעם בלוט־יחוס. יעדער האָט געהאַלטן, אַז ער איז דאָס אויבערשטע פון שטייסל ביי זיין גאָטהייט.

קודם־כל — און דאָס געהער אויך צו דער טבע פון נישט־צופרידענע מענטשן און פעלקער — האָט מען זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז אַלע עליור־השלומס זענען גוט. דע מאַרטיבוס ניהיל ניסי באָנום. מען האָט אָנגעהויבן צו לויבן דעם בנימינישן מלך שאול ביי וועמען דוד האָט כלומרשט אויף אַ כיטרע אופן צוגענומען די מלוכה. מען האָט דערציילט חידושים פון שאָולס שיינקייט. ער איז געווען דער העכסטער פון גאַנצן פאָלק. „און ער איז געווען העכער פון גאַנצן פאָלק פון זיין אַקסל און אַרויף". און אַ גוטער איז ער אויך געווען צו גאָט און צו לייט. בלויז צוליב זיין גוטסקייט, — וואָס ער האָט רחמנות געהאַט אויף אַגגן — האָט ער פאַרלוירן זיין טראָן. פאַקטיש איז גאָר שאול נישט געווען אַזאַ מיאַכקע־לבבות. עס זענען געגוג איבערצולייענען „שמואל" א' קאַפּיטל כ"ב. מיר זעען דאָ ווי צוליב אייפערזוכט אויף דודן האָט

דער „גוטער" שאָול אויסגעקוילעט אַ שטאָט מיט כהנים און דאָרט נישט איבערגעלאָזט פון אַ מענטש ביז אַ פליג. „און נוב די שטאָט פון די כהנים האָט ער געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, פון אַ קינד און ביז אַ זויגנדיקן, און אַן אָקס און אַן אייזל און אַ שעפּס מיטן שאַרף פון דער שווערד".

—און דער יהודישער אוזורפּאַטאָר, דער פּרעמדער? — האָבן די ישראלים געשמועסט אין זייערע געצעלטן.

שוין די ערשטע באַקאַנטשאַפט וואָס מיר האָבן מיט דודן — און מן־הסתם שטאַמט דאָס בילד פון אָט דער באַקאַנטשאַפט פון די שטימונגען אין צפון — איז דער יהודהשער קיניג אַ קליינער און אַ ווינציקער. אַ פּאַסטעכל, אַן אדמוני. און דאָ איז ווידער מערקווירדיק: די באַצייכענונג אדמוני אין שייכות דודן קלינגט ווי אַן אָנצוהערעניש צו דעם אדמוני ביי דעם שטאַם־פאָטער פון אדום, ביי עשון. נאָר עשו ווערט אין חומש אָנגערופן אדמוני. שפּעטער האָט מען, עס אין יהודה געוואָלט קאָרעגירן. מען האָט געזאָגט, אַז דודס ווינציקייט איז גאָר געווען אַ גייסטיקע מעלה. „דער מענטש זעט נאָכן אָנבליק, אָבער גאָט זעט נאָכן האַרצן". ווייל דוד איז געווען אַזוי ווינציק, דערימעך טאַקע איז ער געווען דער בעסטער קאַנדידאַט פאַר אַ יידישן מלך. עס לייגט זיך עפּעס נישט אויפן שכל, אַז די וואָס האָבן די ערשטע דערציילט אָט די מעשה — און מיר דערקאָנען דאָ די ישראללישע „באַגייסטערונג" פאַרן מלכות בית־דוד — האָבן עס טאַקע געמיינט צו דודס לויב.

די מעשיות אַרונטערצורייסן דודן האָבן נישט אויפגעהערט צווישן די צפונדיקע שבטים. די גרויליקע געשיכטע פון בת־שבע און אוריה־החתי, ד"ה אַז דוד האָט אויף אַ פאַרברעכערישן אופן צוגענומען יענעמס ווייב און דערצו נאָך מיט כיטרע שפּיצלעך אומגעברענגט דעם מאַן — עס איז זייער מעגלעך, אַז עס איז נישט קיין פאַקט, נייערט אַ ישראלישע „פּליאָטקע" צו וואַרפן בלאָטע אויפן קיניגלעכן הויז אין ירושלים. דער ספר „דברי־הימים" ברענגט נישט די גאַנצע אַוואַנטורע. „דברי־הימים" איז טאַקע דורכאויס אַ דודיש בוך און איז שטאַרק איינגענומען פאַרן הויף אין ירושלים — פונדעסטוועגן געפינען מיר ביי אים קיינמאָל נישט די טענדענץ צו באַ־האַלטן פאַקטן וואָס זענען טאַקע געשען. הגם די פאַקטן זענען נישט גינסטיק פאַר דודן. למשל, דער פאַקט פון דער גרויסער מגיפה וואָס איז אויסגעבראָכן נאָכדעם ווי דודן האָט זיך פאַרגלוסט צו וויסן וויפל „פּריזיוווניקעס" ער פאַרמאָגט אין זיין מלוכה. דער חילוק איז נאָר, וואָס דער מחבר פון „דברי־הימים" באַמיט זיך צו מילדערן דאָס פאַרברעכן. ער אינטערפּרעטירט עס, אַז מכלומרשט האָט עס דוד נישט געטון פון בייזן ווילן. עס איז געווען דער בעל־דבר, דער שטן, וואָס האָט אים דערצו געפאַרקעט. אין ספר „מלכים" — וואו עס זענען פאַרבליבן אַ סך ישראלישע איינפלוסן — דערציילט מען עס פשוט ווי אַ בייזוויליקייט פון דודן. דער מחבר פון „מלכים" שעמט זיך נישט צו דערציילן וואָס עס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן וועגן דודן. ניט תמיד, זעט זיך אויס, מאַכט ער דעם חילוק צווישן געשעענע פאַקטן און

צווישן זאַכן וואָס זענען אפשר נישט מער ווי אויסגעטראַכטע „פליאַטקעס“ און שטאַמען נייערט פון די קעגנער פון אַ יהודהשן מלך.

ווי עס קוקט אויס, האָט אויך דער נאָמען „שלמה“ נישט שטאַרק אויסגענומען ביי די צפון־שבטים. אויף שלמהן האָט מען מן־הסתם דאָרט נישט ווייניקער אויסגערעדט ווי אויף דודן. קודם־כל האָט מען דערציילט, אַז ער איז דער לייבלעכער זון פון דעם פאַרברעכערישן ווייב בת־שבע. דערצו איז זי געווען אַ ווייב פון אַ חתי און אפשר אַליין אַ חתית. בת־שבע און בת־שוע (יהודהס כנענישע ווייב) קלינגען עפּעס ווי נאָענטע שמעלקעס. (אין „דברי־הימים“ הייסט זי טאַקע בת־שוע). שלמה איז אַ כנענישער נאָמען צי עפּעס ענלעכס. שלמה קלינגט ווי ירושלים. אין די בריוו פון טעל־על־אַמאַרנע הערן מיר שוין פון דער שטאָט ירושלים. אויך אין חומש געפינען מיר „מלכי־צדק מלך שלם“. אפשר טאַקע דעריבער, זענען דודס אָנהענגער שפּעטער געצוואונגען געווען צו קאָרעגירן און צו דערציילן, אַז יאַהווע האָט שלמהן געגעבן אַן אייגענעם נאָמען, אַ כשרן יידישן נאָמען, נעמלעך „ידידיה“.

אויך אַנדערע מעשיות האָט מען דערציילט פון די אָנהייבן פון שלמהן. און נישט ווייניקער גרויליקע ווי פון די אָנהייבן פון דודן. שוין אין ערשטן טאָג פון זיין באַשטייגן דעם טראָן פון ירושלים פאַרגיסט שלמה בלוט און לאָזט דערהרגענען דעם געטרייען פעלדהאַר יואָב. אויך אַן אייגענעם ברודער באַפעלט ער אומצוברענגען. און פאַר וואָס? איבער אַ קלייניקייט. אדוניה בן חגית, דער קיניגלעכער ברודער, איז זיך אונטערגעשטאַנען צו בעטן ביי שלמהן די אבישג השונמית פאַר אַ ווייב — און ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן קאָפּ.

און ווידער איז עס אַ וואונדער. אין ספר „דברי־הימים“ געפינען מיר מיר נישט קיין שמץ פון אָט די אַלע בלוטיקע הויף־אַפּערעס.

— 9 —

איך וועל מיר דערלויבן אַ השערה — און זי ליגט אין די גרענעצן פון אַ מעגלעכקייט.

אין תנ״ך האָבן מיר אַ וואונדערלעך בוך — „רות“. אייגנטלעך איז עס עפּעס אַזוינס ווי אַ יחוס־בריוו פון שטאַם דוד. דאָרט איז אויסגערעכנט זון־נאָך־זון פון דודן ביז יהודהן. פאַראַן דאָרט די גרויסאַרטיקע געשטאַלט פון דודס באָבע, די מואבית רות. רות פאַרלאָזט איר לאַנד און איר היים און וויל זיך אַזוי הערצאיש באַהעפטן אין גאָט יאַהווע און אין זיין פאָלק. שפּעטער געפינען מיר ווי זי גייט אַ באַשיידענע אָרעמאַנטע קלייבן זאַנגען אין בועזס פעלד. שפּעטער — די סצענע מיט בועזן ביינאַכט אין שייער. שפּעטער — די חתונה מיט בועזן ביז צו דעם פאַטריאַטישן „העפּי־ענד“.

— 10 —

עס איז באמת אַ רירנדיק און אידיליש בוך. עס איז געשריבן נישט בלויז מיט זעלטענער מייסטערשאַפט נייערט אויך מיט גרויס ליבשאַפט צום

קיניגלעכן הויז אין ירושלים. וועגן דעם בוך „רות" טוט זיך אָפּולע אין דער ביבל־וויסנשאַפט. מען קומט דאָרט נישט צו קיין טאָלק וואָסער מין בוך עס איז און ווען עס איז געשריבן געוואָרן.

איז עס אָבער נישט מעגלעך, אַז אָט דאָס בוך איז אַ געשיקטע און מייסטערהאַפטיקע איבעראַרבעטונג פון אַן אַלטן, אַנטי־דודישן פּאַמפלעט, וואָס האָט קורסירט פון האַנט צו האַנט צווישן די עלף שבטים ישראל? פאַרשטייט זיך, אַז אין יענעם בייזוויליקן פּאַמפלעט האָט די מעשה געהאַט אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדערע טענדענץ. מן־הסתם האָבן דאָרט געפעלט די וואונדערלעכע דיאַלאָגן צווישן רותן און נעמין און צווישן רותן און בועזן. דיאַלאָגן וואָס דערהויבן דאָס בוך צו די העכסטע הייכענישן פון פרום יידיש געמיט. מן־הסתם איז דאָרט — אין יענעם אורשפּרינגלעכן פּאַמפלעט, הייסט עס, — אויף אַ פּשוטן עברי־טייטש געוואָרן דערציילט ווער עס איז אַזעלכער דער יהודישער קיניג אין ירושלים. נישט גענוג וואָס ער קומט אַרויס פון אדום. ניין. ער האָט נאָך אַ גרעסערן יחוס. ער קומט אַרויס פון מואב. עס איז איבעריק צו דערמאָנען וואָסערע מעשיות מען האָט אין ישראל דערציילט פון מואבס געבורט. עס איז אַ מעשה מיט בלוט־שאַנד. אין סעמיטישן אַלטער־טום האָט בלוט־שאַנד געקלונגען באַזונדערס גרויליק. מואב איז אַ זון וואָס אַ טאָכטער האָט געהאַט פון איר אייגענעם פּאָטער. דערצו איז מואב אַ סדומי. לוט האָט געוואוינט אין סדום. „פון וויינשטאָק פון סדום איז זייער וויינשטאָק און פון די פעלדער פון עמורה".

דאָס נעמלעכע איז אויך וועגן דער סצענע אין שייער, וואו רות שמועסט אַזוי צניעותדיק מיט בועזן און שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט אים צופוסנס. אין יענעם פּאַמפלעט איז זי וואָרשיינלעך געשטאַנען באַשריבן מיט אַן אַנדערן וויניקער פּאָעטישן נוסח. פאַרוואָס זאָל זיך אונז נישט לייגן אויפן שכל אַז אין דער אַנטי־דודישער שריפט איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז די מואבית רות האָט פאַרגוואַלטיקט בועזן, פונקט ווי איר באָבע האָט פאַר־גוואַלטיקט לוטן און פונקט ווי יהודה האָט באַשלאָפן אַ לייבלעכע שנור? אין אַלטערטום האָט מען ליב געהאַט צו קוקן אין די דברי־הימימס פון אַ משפחה און צו מאַכן אַנאַלאָגיעס. אין תנ"ך האָבן מיר דאָך אַ סך משפחה־אויפצייכענונגען.

מיר האָבן קאַפּיטלעך תהילים וואו דער דיכטער באַקלאָגט זיך אויף שונאים. דוד איז זיכער געווען דער דער מחבר פון אָט די קאַפּיטלעך. אין ספר „שמואל" א' כ"ו זשאַלעוועט זיך דוד פאַר שאָולן „זיי (די שונאים הייסט עס) האָבן מיך פאַרטריבן היינט פון זיין באַהעפט אַן דער נחלה פון יאהווע". זענען עס נישט אַמאָל די ריינע ראַסיסטישע ישראל־פּאַטריאָטן וואָס הערן נישט אויף צו דערגיין די יאָרן דעם קיניג פון ירושלים?

אַזוי ציען זיך ישראלישע בונטן קעגן בית־דוד. זיי הייבן זיך אָן —

ווי מיר לייענען — ביי אבישלומען, *) דאַן קומט דער בונט פון שבע בן בכרי. ביי רחבעמען קומט די שפּאַלטונג.

אָבער די העצעס קעגן בית־דוד הערן נישט אויף. מיר געפינען זיי נאָך אין די צייטן פון די חשמונאים. דאָס וואָרט אדומי **) איז געלעגן ווי אַ בי־טערער זלזול אינם בלוט פון די ראַסיסטישע יידישע פּאַטריאָטן. צום לעצטן מאָל זעען מיר עס אויפפּלאַקערן אין שייכות צום קיניג הורדוס. אין זיינע קי־ניגלעכע פּעאיקייטן האָט הורדוס אַ סך געהאַט פון דעם אַלטן דוד בית־הלחמי. און אויך אים רופט מען עבד אדומי — אדומישער קנעכט.

און עס איז זייער מעגלעך: אַט די דורות־לאַנגע קעגנערשאַפט צו דודן האָט — ווי דיאַלעקטיש! — גראַד ביי דער דורות־לאַנגער אָנהענגערשאַפט פון זיינע געטרייע — דודס געשטאַלט געהויבן העכער און העכער. ביז ער איז אין זייער פאַנטאַזיע אויסגעוואַקסן צום מלך־המשיח און צו דעם אור־פאַטער פון דעם צוקונפטיקן יידישן וועלט־דערלייזער. די פאַמפלעטן וואָס זענען געשריבן געוואָרן צו זיין שאַנד ווי אַ שטייגער דער פאַמפלעט „רות" — צו אַט דער בזיון־שריפט האָט מען צוגעשריבן דיאַלאָגן און זי געמאַכט פאַר דעם מאָרגנשטערן־געזאַנג פון הויז דוד. עס איז אויך געוועזן אין הסכם מיט אַ פאַרצייטישן נוסח. אויך בלעמס קללות האָבן די גרויסע מייסטער פון יידישער היסטאָריאָזאָפיע פאַרוואַנדלט אין דער דערהויבנסטער פאַנעגיריק.

— 11 —

די יידישע געשיכטע איז דער עפּאָס פון דעם מאָנאָטעאיסטישן אחד. דער עפּאָס פון אַ סינטעטישער וועלט־איינס. צו דעם דיאַלעקטישן גאַנג פון אַט דעם וועלט־איינס געהער די כסדרדיקע אַקטיווע סינטעזע פון ווידער־שפּרוכן און קעגנזאַצן. אין דער קבלה ווערט עס פאָרמולירט ווי אַ בירור־הניצוצות. מעגלעך, אַז יידישע קולטור און יידישער קיום איז נייערט די סינטעזע פון אַלערליי קולטורן און עקזיסטענצן. אַ סך פון אונזערע שונאים מיינען דערמיט צו מינערן אונזער־ ווערט. זיי ווייסן אָבער אַליין נישט ווי הויך זיי הייבן דערמיט אויף דעם וועלט־ווערט פון דער יידישער נאַציע.

פון דער נאָענט, — און ווען מען זעט נישט די פּערספּעקטיוון פון אַט דער סינטעזע, — קוקט אַזאַ נאַציאָנאַלער קיום אויס נישט־אייגנס און באַרבאַריש. עס קוקט עפּעס אויס ווי דער שרייענדיקער היפוך צו אַלע קולטורן און פעלקער. אויך דער איינציקער גאָט איז אַ קעגנזאַץ צו דער אַלערלייאיקער געטער־וועלט.

---

*) ישראל איז טאַקע צוגעשטאַנען צו אבישלומס אויפשטאַנד. אפשר האָבן די עלף שבטים געטראַכט אַז אבישלומען וועט זיי שפּעטער לייכטער זיין צו ליקווידירן איידער דעם אַלטן אויסגעפּרואווטן קעמפער דוד.

**) נאָך דער שלאַכט ביי ציקלג שיקט דוד טיילן פון זאַק־רויב גראַד צו אדומישע און האַלב־אדומישע משפחות. (זע שמואל א׳ קאַפּיטל ל׳).

אין די אָנהייבן פון דער יידישער געשיכטע האָבן נאָר ווייניקע אין יידישן פאָלק פאַרשטאַנען די טענדענצן פון איר דיאַלעקטיק. אויף דודס נישט ריינע ראַסישקייט, האָט דער רוב, די עלף שבטים ישראל, געקוקט ווי אויף אַ נאַציאָנאַלע פּחיתות. די שפּעטערע דורות זענען העכער געשטיגן אין דער אַנטוויקלונג. ווי אין יעדער שעפערישער דיאַלעקטיק זענען די יידישע דורות כסדר געשטיגן העכער און געשטיגן העכער. הגם — פאַר אַ סך האָט אויסגעקוקט, אַז די יידישע דורות ווערן גאָר יורדים.

די שפּעטערע דורות יידן האָבן געהאַט מער דערפאַרונג און פאַרשטענדעניש פאַר דער מחשבה פון יידישן קיום. זיי האָבן מוטיקער באַנומען די סינטעזע וואָס רופט זיך יידישע געשיכטע.

די שפּעטערע יידן האָבן געזען דעם כסדרדיקן באַרג־אַרויף פון דער מחשבה פון יידישן קיום. דער באַרג־אַרויף וואָס פירט דורכאויס צו אַ סינטעזע פון קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן. יידן זענען געוואַקסן ווי אַן אַלטער בוים. און זיי זענען געוואַקסן מער אין זייער שאָטן ווי אין זייער שטאַם. יידן זענען געווען ווי דער שאָטן פון אַ קאָסמישער אידייע — און אָט דער שאָטן איז געפאַלן איבער גאָר דער וועלט.

עס איז געווען דער שאָטן פון אַ וועלט־איינס — און ער רופט זיך מענטשהייט — וואָס וויל אַלצדינג צוזאַמענגעמען און אַלצדינג צוזאַמענ־בינדן.

דער איינס, דער אחד, די חטיבה אחת בעולם, איז די איינס אין אַלע ווידערשפּרוכן, דער בירור־הניצוצות פון אַלע צווייאיקייטן. יידן — וואָס אין זיי איז געוואַקסן דאָס זעלבסט־דערקענטעניש פון דער יידישער מחשבה — האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין דעם תיקון פון דער וועלט קאָן גאָרנישט בלייבן הינטערשטעליק אין די אונטערשטקייטן. אַלע טיילן און אַלע קעגנזאַצן זענען נייערט די שפּיגל־בילדער פון אַ וועלט־איינס. אַלצדינג מוז זיך לייטערן. אַלצדינג מוז אַרויפגיין העכער אַרויף אין דער לייטער פון דער אַנטוויקלונג — און אַז אַן דעם תיקון פון דער וועלט איז דער תיקון פון דער יידישער נאַציע נישט מער ווי אַ זעלבסט־גענאַרעריי און אַ זייפנבלאָז.

אין די ערשטע יידישע דורות האָט מען דודן געזידלט ווייל ער איז געווען אַ האַלבער אדומי. ווי אַזוי קאָן דער יידישער קיניג זיין אַ קינד פון דעם ווידערשפּרוך? האָט מען זיך געפרעגט. שפּעטער, אין דער גמרא, רעדט מען שוין מיט גרויס פּיעטעט פון די ווידערשפּרוכן וואָס פאַראייניקן זיך אין דעם דיאַלעקטישן גאַנג פון יידישן קיום. די חכמי־התלמוד דערציילן ווי די יידישע מחשבה לייטערט זיך און וואַקסט אויס אינעם שפּיל פון די ווידערשפּרוכן, ווידערשפּרוכן, וואָס דערנענטערן זיך פאַמעלעכל צו דער סינטעזע פון דעם וועלט־איינס. ווידערשפּרוכן וואָס פליסן צוריק צום מקור.

איך וויל ברענגען אַ קליינעם ביישפּיל.

„פון די קינדס־קינדער פון המנען" — זאָגט די גמרא אין גיטין נ"ז — „האָבן געלערנט תורה אין בני־ברק. פון די קינדס־קינדער פון סיסראָן האָבן געלערנט מיט קינדער אין ירושלים. פון די קינדס־קינדער פון סנחריבן

האָבן געלערנט תורה ברבים — און דאָס זענען שמעיה און אבטליון״.

דאָס דאָזיקע שאַרפֿע מעשהלע האָט זיכער הינטער זיך נישט קיין שום פֿאַקטישן יסוד. עס איז בלויז דערציילט געוואָרן מיט דער טיפֿסטער היסטאָ־ריאָזאָפֿישער כּוונה.

די העכסטע אויסדרוקן פֿון יידישן וועג אין דער וועלט, דאָס וואונדער־לעכסטע געזאַנג פֿון יידישער היסטאָריאָזאָפֿיע האָט מען גענומען און אַרייַנ־געלייגט אינעם מויל פֿון קעגנשפּילער, פֿונעם שעלטער בלעם — „וואָס די זעאונג פֿון שדי טוט ער זען, געפֿאַלן, מיט אויגן אַנטפּלעקטע״. גראָד ער זעט די מחשבה פֿון דעם וועלט־איינס און די שליחות וואָס יידן דאַרפֿן טראָגן אין די פּערספּעקטיוון פֿון דער מענטשהייט. ער זאָגט וועגן יידן סענטענצן וואָס זענען אפֿשר די שענסטע און דערהויבנסטע אינעם גאַנצן תנ״ך.

„זאָל שטאַרבן מיין זעל מיט דעם טויט פֿון רעכטפֿערטיקע און זאָל מיין סוף זיין ווי זייִנער!״ זאָגט בלעם אין עקסטאַז.

אויף דעם שפּיץ פֿון באַרג פּסגה צווישן זיבן מואבישע מזבחות שטייט ער, דער שעלטער. ער זעט די אהלי־יעקב, די געצעלטן פֿון יעקב אין גאַר דער נידעריגג. פּלוצעם קוקן זיי בײַ אים אויס כּנחלים נטיו, „ווי טײַטל־ביימער זענען זיי אויסגעשטרעקט, ווי גערטנער ביים טייך, ווי אַלאָען וואָס גאָט האָט געפּלאַנצט, ווי צעדערן ביים וואַסער״. ער קוקט און קוקט ווי יידן גייען אין די ווייטעניש און זאָגט: „איך זע אים, אָבער ניט אַצינד, איך קוק אים אָן, אָבער ניט נאָענט״.

— 12 —

היסטאָריאַ מאַגיסטראַ וויטע — די געשיכטע איז די לערערין פֿון דער קעגנוואַרט. אָבער מען דאַרף אין דער געשיכטע נישט לערנען קיין פֿאַלשן פּשט און אויסטוישן די קערנער מיט די פּלעווע.

כּדי צו פֿאַרשטיין די יידישע געשיכטע מוז מען דורכאויס זען איר אייגנאַרטיקייט און איר מחשבה. — זי גייט שווער און שווער אָבער זי באַוועגט זיך באַרג־אַרויף.

פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען אויך באַטראַכטן די לעצטע תּקופֿות ווי אַ באַרג־אַרויף פֿון דער יידישער מחשבה. אירע מעשים אין אירע גע־שטאַלטונגען לערנען אונז וואָס זי וויל און ווי זי גייט פֿון סינטעזע צו סינטעזע. דאָס איז אייגנטלעך איר גאַנג אין דער וועלט.

דער יידישער סאָציאַליזם איז איינער פֿון די העכסטע שפּיצן צו וועלכן די יידישע מחשבה האָט זיך דערקלעטערט. זי האָט אַן אילוזיע: די קלאַסן און די פֿעלקער פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ מענטשהייט און אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט. די יידישע געשיכטע האָט די אַמביציע צו זיין דער פּיאָנער צו דעם דאָזיקן מאַרגנשטערן פֿון אַ וועלט־איינס.

— 13 —

צום סוף עטלעכע ווערטער צו דער שפּראַך יידיש אין שייכות מיט דעם געשטאַלט פֿון דער יידישער געשיכטע און ווי מיר זעען יידיש אין דעם שפּיגל־בילד פֿון איר וועלט־מחשבה.

עס איז אַ גרויסער טעות פון די יעניקע יידישע פּאַטריאָטן וואָס זאָגן, אַז העברעאיש האָט אַ נאַציאָנאַלע פּריאָריטעט לגבי דעם לשון־יידיש.

העברעאיש איז געווען די שפּראַך פון דער פריערדיקער יידישער דער־פאַרונג. שפּראַך איז דער סך־הכל פון היסטאָרישער דערפאַרונג. די פריערע יידן האָבן געהאַט אַ יינגערע היסטאָרישע דערפאַרונג ווי די שפּעטערע יידן. העברעאיש איז אַ ריין סעמיטישע שפּראַך. די פריערדיקע יידן די „עברים" זענען געווען מער סעמיטן ווי יידן.

יידיש איז די שפּראַך פון די שפּעטערע יידן און ביז צו אונזער היינטיקן דור. אירע ריטמען און שפּראַך־בילדער האָבן זיך אויסגעבויט און גע־שטאַלטיקט אין דעם געמיט פון אַ סך מער יידישער היסטאָרישער דערפאַרונג ווי העברעאיש. יידיש האָט זיך אַנטוויקלט וועדליק די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער מחשבה אויף דעם וועג פון אַ ווייטערער אַנטוויקלונג. אויך דאָס לשון־יידיש איז די סינטעזע פון ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן. סעמיטיש, סלאַוויש און גערמאַניש. אָט די אַלע קעגנזאַצן זענען געוואָרן אַן איינס אין דער יידישער שפּראַך. מחמת דעריבער האָט יידיש אַזוי וואונ־דערלעך באַוויזן אויסצודריקן דאָס יידישע געמיט פון די שאַפערישע דורות אין די לעצטע הונדערטער יאָרן. יידיש איז אַ לעבעדיקער באַוויז, אַז יידן וויסן זייער וועג.

אויב יידיש גייט אונטער איז נישטאָ וואָס זיך צו פריידן. עס איז אַ סימן, אַז יידן האָבן פאַרלוירן די געשטאַלטערישע כוחות פון זייער געשיכטע און זיי זענען שוואַך געוואָרן צו דערפילן זייער שליחות אין דער וועלט.

— 14 —

צוויי גרויסע היסטאָרישע פעלקער, גריכן און יידן, זענען געשטאַנען ווי קעגנזאַצן אויף די שפּיצן פון דער געשיכטע. ביידע האָבן געזוכט די איינס, — און דאָס מיינט: די האַרמאָניע פון די עקזיסטענצן. די גריכן האָבן זי געזוכט אין דער עסטעטיק, ד"ה אין דער סינטעזע פון אַלצדינג וואָס איז קערפּערלעך און האָט קערפּערלעכע פאָרמען. יידן האָבן אָט די האַרמאָניע געזוכט אין דער עטיק, ד"ה אין דער סינטעזע פון אַלצדינג וואָס איז גייסטיק און האָט גייסטיקע פאָרמען. דעם קערפּער לאָזט זיך לייכטער געפינען. די גריכן האָבן געפונען די סינטעטישע האַרמאָניע פון די גופים. זיי זענען אונטערגעגאַנגען ווי די גרויסע געפינער. די האַרמאָניע פון דעם גייסטיקן לאָזט זיך שווערער געפינען. יידן זוכן נאָך די סינטעזע פון גייסטיקן. דאָס איז דער סוד פון זייער קיום.

דער יידישער סאָציאַליזם און די מאָדערנע יידישע קולטור האָבן גע־וואָלט מאַכן אַ סינטעזע צווישן גריכישקייט און יידישקייט. דאָס איז דער לעצטער זעלטענער אויפטו פון דער אַקטיווער געשיכטע פון יידישן קיום. אָט דער אויפטו עפנט פאַר אונז נייע פּערספּעקטיוון צום וועלט־איינס.

נאָר צי וועלן מיר וועלן אַהין גיין?

מ י נ י אַ ט ו ר ן

• • •

אויפן ראָד פון גלגולים

איך בין אַ ביטערער אָרעמאַן. אַ טירן־גייער. אַ גאַנצער טאָג לעב איך אַ הינטיש לעבן און בעטל ביי די ראָגעס פון די גאַסן. ביינאַכט ליג איך אין הקדש און שלאָף. אין שלאָף האָב איך די שענסטע חלומות און דערמאָן מיך ווער איך בין געווען אין דער קייט פון מיינע גלגולים.

עס איז מיר קלאָר ווי דער טאָג, אַז איך האָב נאָך עקזיסטירט בעת דער פלאַנעט פון דער ערד איז גאָרנישט געווען בנימצא אין קאָסמאָס. דעמאָלט בין איך געווען אַ פונק אין דער זון. איך רעד פון שלאָף און דערצייל פון קאָסמישע געשעענישן פון וועלכע עס ווייסט נישט קיין שום אַסטראָנאָם. איך אַנטפלעק פאַקטן וואָס שטעלן די פיזיק אַוועק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. איך באַווייז מיט מאַטעמאַטישער פרעציזקייט, אַז די דריי דימענסיעס פון אונזערע השגות זענען נישט מער ווי דריי הרף־עינס אין די אומצייליקע דימענסיעס פון דער עקזיסטענץ. איז אָבער די מעשה, וואָס אַט די אַלע פאַקטן דערצייל איך מיט אַ לשון וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. עס איז נישט מער ווי אַ געקלאַפּ מיט דער צונג און אַ שנויפלען מיט דער נאָז. די וואָס הערן מיך ווייסן נישט, אַז איך אַנטפלעק געוואַלדיקע סודות פון דעם גאַנצן באַשאַף.

מען הייבט מיך ערשט אָן צו פאַרשטיין ווען די סצענעס רוקן זיך איבער אין מיין שלאָף און איך דערצייל פון אַ שפעטערן גלגול, ד״ה ווען איך בין געווען אַ פרעה אין מצרים און געהייסן עכנאַטאָן. עס איז מיר דעמאָלט איינגעפאַלן אַ מאָדנע משוגעת, נעמלעך, אַז דאָס אומגליק פון דער וועלט זענען נישט די פאַלשע מענטשן נייערט די פאַלשע געטער. עס וואָלטן נישט געווען קיין שלעכטע מעשים ווען עס זאָלן נישט זיין קיין פאַלשע מחשבות. היינט בין איך שטאַרק מסופק צי מיינע טעאָריעס זענען געווען ריכטיק. דעמאָלט האָב איך אָבער געפירט קאַמפן אויף טויט און לעבן מיטן אַלטן גאָט אַמאָן און מיט זיינע כהנים. איך האָב געדינט צום אייביקן ליכט פון דער זון און צום איינציקן גאָט אטאָן.

ווען איך בין געלעגן אויפן צעפוילטן שטרוי אין הקדש — און אין חלום האָט אין מיר אויפגעטויכט די צייט ווען איך בין געווען דער פרעה עכנאַטאָן אין מצרים — זענען די באַרימטסטע עגיפּטאָלאָגן פון דער וועלט געקומען אין הקדש אַריין און זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר און געהערט ווי איך רעד פון שלאָף. איך האָב גערעדט אויף אַ קלאַסישן עגיפּטיש וואָס נאָר

זעלטענע קענער קאָנען עס פאַרשטיין. איך האָב געזונגען הימנען צו דער זון און אויסגעטייטשט טונקעלע שטעלן אין דעם מיטאָס פון איזיס און אָזיריס. איך האָב ציטירט מצרישע טויטן־ביכער וואָס מען האָט זיי ערשט שפּעטער געפונען אין קיניגלעכע סאַקראָפאַגן און האָב דערקלערט אומ־פאַרשטענדלעכע פּיראַמידן־טעקסטן און זיי געמאַכט פאַרשטענדלעך. אַלע האָבן באַשיינפּערלעך געזען — נישט בלויז וואָס איך בין געווען אַ קיניג און אַ פּאָעט נייערט אויך אַ גוטער מאַן צו מיין ווייב נעפערטעטע און אַ גוטער פאָטער צו מיינע פיר טעכטער. איך האָב געגעבן נישט בלויז פון דער זון — דעם איינציקן וועלט־גאָט — נייערט אויך פון דער ליבשאַפט, פון די פייגל, פון די בלומען און פון די גרעזער וואָס וועקן זיך אין די קאַיאָרן פון מצרים. מיינע דערקלערונגען אין דער עגיפּטאָלאָגיע זענען געווען ניי און איבעראַשנדיק. מען האָט זיי אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער בוך אונטערן נאָמען „דאָס קול פון אַלטן מצרים”. דאָס בוך האָט געהאַט אַ גע־וואַלדיקן דערפאָלג, אָבער איך האָב דערפון נישט געוואוסט. ווען איך האָב אויפגעוואַכט בין איך געווען אַ פּשוטער אַנאַלפאַבעט און אַן אָרעמער טירן־גייער.

אין אַ שפּעטערן גלגול בין איך געווען אַ מויז און האָב געלעבט אין די טונקלענישן פון דער באַרימטער ביבליאָטעק פון אַסירישן קיניג אַסיר־באַנאַפּאַל. אַזוי ווי איך בין אַמאָל געווען אַ קיניג, אַ דענקער און אַ פּאָעט, בין איך אַרומגעשפּרונגען צווישן די טויזנטער ליים־טאָוולען און האָב דאָרט איבערגעלייענט פון אַלף ביז תיו. איך האָב אָט די גרויסע ביבליאָטעק געהאַלטן אין מיין קליינעם מייזן־מוח און האָב זי געקאָנט אויף אויסנווייניק.

ווען נאָך אַ טאָג בעטלען אויף די ראָגעס ליג איך ביינאַכט אין הקדש, שלאָף און חלום, רעד איך פון שלאָף דאָס קלאַסישסטע סומעריש, אַקאַדיש, און אַסיריש. כ׳זאָג אויף אויסנווייניק אַלטע זעלטענע טעקסטן ווי אויך הימנען צו די געטער און גיב וועגן זיי אויפשליסנדיקע דערקלערונגען. די באַרימ־טסטע אַסיראָלאָגן קומען מיך הערן. זיי האָבן קעגן מיר אַ פּנים ווי חדר־יינגלעך. מען האָט מיינע רייד אין שלאָף אַרויסגעגעבן אין ביכער און מען לערנט זיי אין די אוניווערסיטעטן. איך אַליין אָבער — ווען איך וואַך אויף — האָב נישט קיין שמץ פון אַנונג וואָס אַזוינס איך בין אין שלאָף און אין חלום. וואַכעדיקערהייד בין איך אַן אַנאַלפאַבעט און שטיי אויף די ראָגעס פון די גאַסן און בעטל.

שפּעטער בין איך געווען אַ זינג־פייגעלע און געשטאַנען אין אַ גאָלדן שטייגל אינעם שלאָף־חדר פון דער קיניגן קלעאָפּאַטרע. וואָס איך האָב פון דאָרט דערציילט וואָלטן אָנשטענדיקע מענטשן רויט געוואָרן פון בושה. אַ סך שריפטשטעלער זענען אָבער טשעקאַווע געווען אויף מיינע מעשיות. זיי האָבן זיי אָפּגעדרוקט אין ביכער און געהאַט דערמיט אַ געוואַלדיקן דער־פאָלג.

שפּעטער בין איך ווידער געוואָרן אַ קיניג אויף גאָר אַ שפּלער מדריגה. איך האָב געקיניגט ערגעץ־וואו אין אַן אַפריקאַנישן דזשונגל. מיינע אונטער־

טאָגן זענען געווען שוואַרצע נאַקעטע מענטשן־פרעסער. עס איז דאָרט געווען אַ מנהג פון קדמונים, אַז ביי יעדער קליינינקייט האָט מען אַרויס־געפירט אין וואַלד אַריין דעם קיניג און די געטער פון שבט און זיי געשמיסן אויפן לייב מכות־רצח. פון אַ קיניג עכנאַטאָן אין מצרים ביז צו עפּעס דאָרט אַן אומגליקלעך מלכל אַ שעיר־לעזעזאל אין אַן אַפריקאַנער אור־וואַלד איז געווען אַ געוואַלדיקע ירידה. איך האָב געהאַט פיר הונדערט ווייבער. אַלע מיאוסע און שלעכטע ווי די קליפות פון שאול־תחתיה. די ווייבער זענען מיר סתם דערגאַנגען די יאָרן. צום סוף האָבן זיי מיך געקוילעט צום לויב פון עפּעס אַ וואונדער־טוענדיקע געטיכע און ביי פּויקן און טענץ האָבן זיי מיך אויפגעפרעסן רויערהייט. פון יענעם גלגול זיפץ איך נעבאַך אין די נאַכט־חלומות און רעד דעם קוידער־וועלש פון די ווילדע. אָבער עס זענען אויך הימנען און געזאַנגען צו די געטער. איך דערציייל אין לשון קוידערוועלש ווי אַזוי עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט און ווי אַזוי זי איז ווי אַ קליין אומשולדיק עופלע אַרויסגעקראָכן פון דעם יצירה־איי. איך דערציייל אויך ווי דאָס דאָזיקע אומשולדיקע עופעלע האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ בייזווויליקן טייוול — נאָר קיינער פאַרשטייט מיך נישט.

אין אַ שפּעטערדיקן גלגול בין איך געווען אַ מקובל און געשריבן אַ ספר וועגן די סתרי־תורה. איך האָב אַלע פילֹיסופים אויסגעשטעלט פאַר מלופום־קינדער.

שפּעטער בין איך געווען אַ פילוסוף און געשריבן ספרי־חקירה אויף לשון־קודש און לאַטיין. כ'האָב געמאַכט פון אַלע מקובלים און בעלי־סוד אַש און בלאָטע. דער עיקר האָב איך געמאַכט אַ תל פון מיין אייגן ספר, וואָס איך האָב געשריבן בעת איך בין געווען אַ מקובל.

שפּעטער בין איך געוואָרן אַ גביר און געבערענט אַ וועלט. דער האָבער האָט מיך געשטאָכן און אַלצדינג איז מיר געווען צו ווייניק. האָב איך מיך מיישב געווען און אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע לענדער. מענטשן האָבן געזאָגט אַז דאָרטן שאַרט מען גאָלד מיט לאָפּעטעס. איך האָב מיך אויך גע־וואָלט אַוועקשטעלן מיט אַ לאָפּעטע און שאַרן גאָלד און ווערן אַ נייער גביר אין שטעטל.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַ שטורעם־ווינט אויפן ים. די שיף אויף וועלכער איך בין געפאָרן צו די גליקן איז צעקלאַפּט געוואָרן אויף שפּענ־דלעך. איך בין דערטרונקען געוואָרן אין די צעבושעוועטע פּאַליעס פון אוקינוס. דער לויתן האָט מיך איינגעשלונגען.

שפּעטער בין איך געווען אַ קעצל און געשלאָפן ביי אַ וואַרימען פּרי־פּעטשיק. עס איז מיר געווען גוט ווי די וועלט, דערביי האָב איך געטראַכט אַלערליי פאַלשקייטן און געקוקט אויף מיינע באַלעבאַטים ווי אויף אויס־וואורפן פון דער נאַטור. שפּעטער בין איך געווען אַ הינטל ביי קאַרגע באַלע־באַטים. איך האָב נישקשהדיק צוגעהונגערט. פון דעסט וועגן איז ביי מיר געווען זיכער ווי דער טאָג, אַז מענטשן זענען די ליכטיקסטע און די בעסטע פון די געטער.

אַזוי האָב איך מיך געהאַצקעט איבער דער וועלט אין אַ וואָגן פון גלגולים. אויף דער וואַך האָב איך תמיד פאַרגעסן אַלע נעכטנס און געמיינט, אַז איך בין דער גאַנצער אָנהייב און דער גאַנצער סוף. אין די חלומות און אין שלאָף ביינאַכט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז איך בין נישט מער ווי אַ פּיצעלע רינגעלע פון אַ לאַנגער קייט וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין סוף און הוידעט זיך איבער די אָפּגרונטן פון דער יצירה.

וואָס בין איך היינט וואָכעדיקערהייט? נישט מער ווי אַ פּשוטער ארחי־פרחי וואָס שטייט אין די ראַגעס און בעטלט. וועגן דעם וואָס איך דערצייל אין די נעכט שרייבט מען אָבער גאַנצע ביכער און געלערנטע האָבן דער־פון פּרנסה בריות.

איידער איך בין געקומען אויף מיין היינטיקער מדריגה אויף דער וועלט־קאַרוסעל פון ווידערקערן — און ווייס נישט ווער עס האָט מיך געשלייערט — בין איך געווען אַ שריפטשטעלער און געשריבן דערציילונגען.

דאָס איז געווען דער איינציקער פון מיינע גלגולים אין די שאָטנס פון דער וועלט ווען מיינע פריערדיקע עקזיסטענצן זענען נישט אינגאַנצן פאַר־שוואונדן געוואָרן אין די תהומות פון פאַרגעסן. די פּען איז געווען דער שליסל צו אַלע טירן וואָס האָבן זיך הינטער מיר פאַרהאַקט אין דעם שטיל־שטיין פון דער אייביקייט. ווען איך האָב געהאַלטן די פּען אין דער האַנט און געשריבן מיינע מעשיות, האָבן זיך — אפילו וואָכעדיקערהייט און אפילו בייטאָג — געעפנט ברייטע שפּאַרונעס אין די פאַרשלאָסנקייטן פון מיין נשמה. איך בין געווען דער זעער און דער ווייסער נישט בלויז ביינאַכט און נישט בלויז אין שלאָף און אין חלום. אויך בייטאָג און אויך אויף דער וואַך ווען איך בין געזעסן ביים טיש און געשריבן די פּשוטסטע אויסטראַכטענישן האָב איך אין זיי דערציילט אַ סך פון די געבורטן און וועלטן דורך וועלכע איך האָב מיך געקאַלערט אין די אַלערליי עקזיסטענצן פון גלגול.

• • •

ווען איך בין געוואָרן אַ פילאָזאָף?

— 1 —

— אַנומלטן האָב איך געהאַט דערציילט

בייטאָג בין איך נישט מער ווי אַ גאַסן־בעטלער און אַנאַלפאַבעט. ביינאַכט אין שלאָף זע איך אָבער די גאַנצע קייט פון גלגולים דורך וועלכער איך האָב מיך אַדורכגעקאַלערט. בייטאָג קאָן מיך קיינער נישט. ביינאַכט, ווען איך ליג אין הקדש און שלאָף שטייען אַרום מיר די גרעסטע געלערנטע פון דער וועלט ווי חדר־יינגלעך אַרום אַ רבין. מפּי הם חיים — פון מיין מויל לערנען זיי חכמה און וויסעניש, באַשרייבן עס שפּעטער אין אַלערליי ביכער, ווערן באַרימט און האָבן אפילו דערפון פּרנסה בריות.

איך האָב אָבער נישט דערציילט ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ פילאָזאָף און ווי אַזוי איך האָב מיך דערטראַכט דערצו, אַז מען דאַרף בכלל טראַכטן.

נישט אמת, אַז עס טראַכטן בלויז די מענטשן. ווען איך בין געווען אַ פּיצעלע מיק און אַרומגעשמייעט אין דער לופטן און געזשומעט, האָב איך דעמאָלט געטראַכט געדאַנקען, וואָס זענען דעם גאַנצן אַריסטאָטלעס צומאָל נישט געקומען אויפן רעיון. אין אַן אַנדער גלגול בין איך געווען אַ קליין פעלד־בלימל צווישן קאָרן. דעמאָלט האָב איך געטראַכט זייער טיפע מחשבות. איך האָב זיי אפילו אַלעמען דערציילט. אָבער מען האָט מיך נישט פאַרשטאַנען ווייל איך האָב גערעדט נייערט אין דער קאָלירן־שפּראַך פון מיין בלאָסער בלויקייט.

נישט דאָס בין איך אויסן. איך וואָלט געקאָנט ברענגען טויזנט משלים וואָס שייך די טויזנטער פאָרמען פון דער מחשבה. איצט וויל איך דערציילן ווי אַזוי איך בין בכלל געוואָרן אַ פילאָזאָף און אַ טראַכטער. געוויס דערמאָן איך מיך עס נייערט אין זייער אַ טיפן שלאָף —

— 2 —

אין די גאָר פריע קדמונים ווען דער ערד־פּלאַנעט האָט זיך אָקערשט געהאַט אָפּגעריסן פון דער זון, דעמאָלט זענען אויף דער וועלט נאָך נישט געווען קיין לוחות און קאַלענדאַרן. מען האָט די צייט נאָך נישט געהאַט איינגעטיילט אויף יאָרן, חדשים און טעג.

ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער ערשטער ציטער פון לעבן אויפן פּלאַנעט האָט מען אויך דעמאָלט נישט געוואוסט.

איז דאָס לעבן געווען נישט מער ווי אַ ווידערשפּרוכפולער זעלטענער צופאַל אין דער אייביקער דוממדיקייט פון דער וועלט־מאַטעריע? איז דאָס לעבן פונקט אַזוי אייביק ווי דער טויט און זיי גייען תמיד און אומעטום האַנט ביי האַנט אין די אומענדלעכקייטן פון וועלט־אַל? מען האָט דעמאָלט וועגן דעם נישט געטראַכט און אויך נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן. וואָס שייך די געטער האָט מען דעמאָלט פונקט אַזוי ווייניק געוואוסט ווי מיר ווייסן וועגן זיי היינט צו טאָג.

דער יונגער ערד־פּלאַנעט איז געלעגן ווי אין אַ זאַק פון הייסע נעבלען און דאַמפן. עס איז געווען אין דער וועלט ווי אויף דער אויבערשטער באַנק פון אַ גוט־אונטערגעהייצטן מרחץ. מיר, די באַשעפענישן ובתוכם דער מענטש, ובתוכם דער אַני הקטן דער מחבר, זענען געלעגן אין אַ הייסער טונקלעניש. מיר האָבן פשוט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אונז אונטער דער נאָז. אויגן, אפילו מיט די שאַרפסטע שפּאַקולן, וואָלטן נישט געווען בכוח דאָס מינדסטע צו זען אין אָט דעם קאָכעדיקן טאָפּ פון דער וועלט. מחמת מיר האָבן נישט געוואוסט וואוהין צו גיין און בכלל נישט געהאַט קיין פּיצל השגה וועגן מרחקים, האָבן מיר זיך מיישב געווען זיך נישט צו רירן פון אָרט. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער דעה צו שטיין און וואַרטן אַזוי לאַנג ביז מען וועט אונז רופן צו וועטשערע.

פון קיין דאגת־פרנסה האָב איך נישט געוואוסט. די ערד האָט זיך גע־וויקט אין פעטע וואַסערן און דיביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט פון זיסע גלוסטיקע פּירות. די ערד האָט מיר געשטופּט אירע פּרוכטן אין מויל אַריין און מיך געקאָרמעט ווי אַ מאַמע.

די מעשה פון אדם־הראשונען אין גן־עדן וואָס שטייט באַשריבן אין חומש איז ערשט אַ וויטער און שפּעטער אָפּקלאַנג פון דעם גן־עדן און פון דעם מענטש וואָס איז געווען בלינד ווי אַ פלעדערמויז אינמיטן די הייסע נעפּלען פון דער וועלט. ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין שמץ פון אַ השגה וואָס עס טוט זיך אַרום אים, האָט ער אויך נישט געהאַט אין זיין מוח קיין שמץ פון אַ שמץ פון אַ מחשבה.

ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט און ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען אויף איין אָרט אינמיטן די הייסע פאַרנעפּלטע ערדן פון דער וועלט און נישט מער געטון נייערט געגעסן און נייערט געווען זאַט, קאָן איך נישט וויסן. דעמאָלט האָבן מיר נישט געלעבט ווערדליק דער מאָס פון לוחות און קאַלענ־דאַרן. מן־הסתם האָט עס געדויערט ביליאָנען און ביליאָנען מיט יאָרן.

— 3 —

דער מענטש טראַכט וועגן דער אייביקייט ווערדליק דער השגה פון אַ הרף־עין. ווי דער שטייגער, האָט ער וועגן דעם גרעסטן נישט ווייניקער טעות ווי וועגן דעם קלענסטן. אויב דער מענטש וויל טרעפן די מחשבות פון די געטער — דעמאָלט מאַכט ער דעם גרעסטן טעות.

איך בין אַזוי געשטאַנען ביליאָנען מיט יאָרן. מיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. מיינע איבעריקע חושים זענען געווען פאַרשלאָסן. איך האָב געהאַט אָפן נישט מער ווי דאָס עסנדיקע מויל. די שפּעדיקע ביימער האָבן דאָרט אַליין אַריינגעשטופּט זייערע פעטע זיסע פּירות.

דערווייל האָט זיך עפּעס געענדערט אין די מרחקים וועגן וועלכע איך האָב נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג.

אין די אייביקייטן גייען די שינוים פּאַמעלעכער ווי אין דעם הרף־עין פון אַ מענטשלעך לעבן. מעג דער דאָזיקער הרף־עין געדויערן ביליאָנען יאָרן. דערפאַר זענען דאָרט אין די אייביקייטן, די שינוים גרונטלעכער. די געטער איילן זיך נישט. זיי האָבן פלענטי צייט.

פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל האָט זיך דער ערד־פּלאַנעט אַרויסגעשיילט פון די נעפּלען ווי אַ יאָדרע פון די שאָלן אָדער ווי אַן עופעלע פון איר מוטער־איי. די ערד האָט זיך גענומען אָפּקילן. פאַרשטייט זיך אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט נישט דאָס מינדסטע געטראַכט האָב איך נישט געוואוסט פון קיין שום וויסן —

דער זייגער פון דער וועלט האָט געשלאָגן אַ נייע שעה.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן — איך שטיי מיר אַזוי כמקדם אויף מיין אָרט, ווערדליק ווי עס איז מיין שטייגער זינט ביליאָנען יאָרן. איך עפן דאָס מויל. איך בין זיכער — אָט בויגט זיך צו צו מיר אַ בוים און דערלאַנגט מיר זיינע

פירות. אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום וויסן, קען איך נישט זאָגן אַקוראַט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און געוואַרט.

קיינער קומט נישט —

דאָס ערשטע מאָל זינט בילי‏אָנען יאָרן שפּיר איך אין מיינע אינגעווייידן עפּעס אַזוינס ווי אַ ציטער פון הונגער.

באַלד נאָך דעם הונגער־ציטער אין מיינע אינגעווייידן איז געקומען דער צווייטער ציטער אין מיין מוח. דער ציטער פון טראַכטעניש. דער ציטער, אַזוי צו זאָגן, פון אַ וועלט־חשבון.

פאַמעלעכל האָבן זיך מיר די אויגן געעפנט ווי צוויי פאַרמאַכטע קנאָספּן אין קאַיאַר. איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען, אַז איך בין נישט אַליין אין דער עקסיסטענץ און אַז עס עקסיסטירן אַ סך, אַ סך עקסיסטענצן.

די הייסע נעפּלען וואָס האָבן געהאַט אַרומגעוויקלט די ערד האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פונאַנדערצורייסן. דורך זייערע שפּאַלטן האָט אַריינגעשיינט ליכט. ויהי אור! מען האָט זיך געקענט אַרומקוקן איבער די אור־טונקלענישן פון דער וועלט און אפילו זען אירע ווייטענישן און פליינען. עס איז נאָך אַלצדינג געווען שוואַך באַלויכטן. אָבער איך האָב געזען, אַז אין אַלע מרחקים אַרום מיר שטייען מענטשן מיט אָפענע מיילער און וואַרטן אויך, אַז די ביימער זאָלן זיי אָנקאָרמענען. אַ סך מענטשן — דאָס איז געווען מיין ערשטע מחשבה — אַ סך געשטאַלטן און צורות וואָס זענען זיך ענלעך. שפּירן זיי איצט אויך אין זייערע אינגעווייידן דעם ערשטן ציטער פון הונגער? ווערט איצט אין זייער מוח אויך געבוירן דער ערשטער ציטער פון טראַכטן?

עס איז פאַר מיר געווען אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג זיך צו דערוויסן אַז איך בין נישט מער ווי איינער צווישן אַ סך און אַז די וועלט האָט גאָר אַן אַנדער געשטאַלט. נישט דאָס געשטאַלט וואָס איך האָב מיר פאַרגעשטעלט בעת איך בין געווען בלינד ווי אַ פלעדערמויז און האָב נישט געוואוסט פון קיין אַנדער געפיל אַ חוץ דעם געפיל פון אייביקער זאַטקייט.

מן־הסתם האָבן מיר אַלע, מענטשן און באַשעפענישן, זיך איצטער מיט־אַנאַנדער דערזען אין דעם יונגן, שוואַכן און בראשיתדיקן ליכט פון דער וועלט.

אין דעם געפיל אַז מיר זענען נישט קיין איינצלנע מתבודדים, נייערט אַ געמיינשאַפט אין די געמיינשאַפטן פון דער עקסיסטענץ, האָבן מיר זיך געוואָלט פונאַנדערשמועסן. אַ יעדער איינער פון אונז איז געווען טשיקאַווע צו וויסן ווי אַזוי דער אַנדערער טראַכט. די צונגען אין אונזערע מיילער — וואָס זענען בילי‏אָנען יאָרן געשלאָפן אין אַ נעפל פון זיסע טעמים — האָבן זיך געוועקט ווי זינג־פייגל אין די פרימאָרגנס. מיר האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן לייכטע און שטילע קלאַנגען. קלאַנגען פון דער נשמה. עס איז געווען אַ געמיש פון געזאַנג און ווערטער. איך קאָן מיך גוט דערמאָנען, אַז אין יענע אָנהויבן זענען שפּראַך און מוזיק געווען איינס און דאָס זעלביקע. שפּראַך און מוזיק זענען געווען פונקט ווי די וועלט — באַוועגונג און געשטאַלט. ריטם און רעיון.

שפּעטער ווען עס איז געקומען דער דור־הפלגה און די מענטשלעכע

געמיינזאַמקייטן האָבן זיך פונאַנדערגעריסן אין די פייערן פון האַס און שנאה. דעמאָלט האָט זיך אויך די שפּראַך און די מוזיק פונאַנדערגעריסן. שוואַכע שפּורן פון יענער פריער צוזאַמענקייט זענען בלויז פאַרבליבן אין די לידער פון די גרויסע דיכטער.

— 4 —

אינעם ליכט און אין דער ווייטעניש זענען געבוירן געוואָרן די שפּראַך, די מוזיק און די דערקענטעניש.

די ביימער האָבן אויפגעהערט אונז צו צוטראָגן זייערע פּירות אין מויל אַריין.

דער הונגער אין אונזערע איינגעווייד ן האָט זיך געשטאַרקט מיט אַ מוראדיקער שטאַרקייט. מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַרן הונגער. אויך פאַר דער דערקענטעניש האָבן מיר זיך דערשראָקן —

ווען מיר האָבן געגעסן צו דער זעט, האָבן מיר נישט געטראַכט און נישט גערעדט. ווען מיר טראַכטן און רעדן — הונגערט אונז. ווי אַזוי פאַרט מען צוזאַמען דאָס עסן מיט דער מחשבה?

אָט דאָס פּראָבלעם וואָס מיר האָבן געשטעלט דעמאָלט אין דעם בראשית פון דער דערקענטעניש האָט דערוויל נאָך קיינער נישט פאַרענטפערט ביז היינט צו טאָג.

עס איז געוואָרן נאַכט. דורך די צעריסענע נעפּלען האָבן זיך אַנט־פּלעקט די פינקלדיקע שטערן.

מיר האָבן געזען, אַז אפילו אונזער ערד־פּלאַנעט איז נישט דער איינציקער אין דער עקסיסטענץ. עס זענען פאַראַן נאָך אַ סך אַ סך אומ־ציילי קע פּלאַנעטן.

טשאַרלי טשאַפּלין

— 1 —

בערנאַרד שאָו האָט געזאָגט, אַז טשאַפּלין איז דער שעפערישסטער מענטש אין אונזער יאָרהונדערט. עס איז מיר שווער עפּעס דערפון צו מינערן. אַנדערע, האָבן די מדרגות פון טשאַפּלינס קונסט פאַרגליכן צו די העכסטע שפּיצן פון אַ שעקספּיר. ס'איז מיר שווער עפּעס דערפון צו מינערן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז טשאַרלי טשאַפּלין איז איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן פון דעם מענטשן־געשלעכט. און עס איז מיר אויך שווער עפּעס דערפון צו מינערן.

ווייל טשאַפּלין איז באמת אַ געניאַלער שאַפער, און דער עיקר אַ געני־אַלער חכם — קאָן מען וועגן אים אַ סך זאָגן. און זאָגן פון פאַרשיידענע אַספּעקטן. און אַלצדינג איז אמת.

אויב נישט נאָך מער. אַלצדינג איז קרוב לאמת.

— 2 —

צו די קינסטלער, וואָס האָבן אויף מיר פון תמיד געהאַט אַ טיפע השפעה, האָט אויך געהערט טשאַרלי טשאַפּלין. אויך ער האָט מיר געעפנט די אויגן. זייער אָפט איז מיר אויסגעקומען צו קוקן אויף דער וועלט דורך די קאָמע־דיאַנטישע אויגן־לעכער פון זיין מאַסקע. אויף די עלטערע יאָרן האָב איך מיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין די גראָטעסקע נאַאיוויטעטן פון די יידישע פאָלקס־שאַפונגען, איך האָב עס — ווערדליק אַלע וואַרשיינלעכקייטן, — אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די השפעות פון טשאַרלי טשאַפּלין.

— 3 —

אין די יאָרהונדערטער נאָך שעקספּירן האָבן מיר אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער וועלט ווי אויף עפּעס אַ האָקוס־פּאָקוס פון רעלאַטיוויטעטן. דער זיכערער אמת האָט באַקומען אַ פּנים ווי דער אַנטרוינטער קיניג ליר אין געוויטער. די דערשיינונגען האָבן אָנגעהויבן אויסצוקוקן ווי אַ נאַראָנים־שפּיל פון קאָמעדיאַנטן, אָדער ווי עפּעס אַ חלום אינמיטן אַ גרויסן וועלט־שלאָף.

שעקספּיר האָט אַ בלענד געטון פאַר אונזערע אויגן מיט אָט דעם לאָמטערנע־ליכט פון אַן אילוזיע. אויף דעם נעמלעכן וועג האָבן זיך פאַר־

קירעווועט אַ סך דערקענטעניש־וויסנשאַפטן. די פילאָזאָפיע און די פיזיק האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שוואַרצע טאַלאַרן פון פעסטע אמתן. די מענטשלעכע מחשבה האָט זיך פלוצעם אָנגעטון די קלאָון־מאַסקע פון אַ מכלומרשט.

די באַקאַנטע וועלט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער־בינע פון אַן אומבאַקאַנטן איקס.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ דערקענטעניש, אַז מיר זענען אפשר נישט מער ווי שאָטנס וואָס יאָגן זיך נאָך שאָטנס.

— 4 —

עס איז זייער מעגלעך, אַז אין אַלע דערגרייכונגען פון אונזער קולטור — סיי וואָס שייך צום דערקענען אונזער מצב אין דער וועלט און סיי וואָס שייך אונזער פּאָזיטיווער ציוויליזאַציע — דערנעענטערן מיר זיך צו דעם מאָמענט ווען אונזער ווירקלעכקייט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אילוזיע פון איקסן און האָקוס־פּאָקוס. עס איז ממש אַ גראָטעסק צו זען ווי פּאַמעלעכל ווערן מיר אַרויסגעשטופּט פון דעם קרייז פון אַלע אונזערע טועכצן. אונזערע מעשים הייבן אָן צו ווערן געטון דורך אויסטערלישע מאַ־נעקענען וואָס מיר רופן מאַשינען. אָט די פאַרזעעניש שניידן אונזער תבואה, באַקן אונזער ברויט, לויפן מיט אונז העגדום־פּעגדום איבער די מרחקים און פליען מיט אונז הויך איבער די וואָלקנס. פּראָספּעראָ האָט אַריינגעוואָרפן זיין כּישוף־בוך אין די טיפענישן — און ער איז געוואָרן אָנמעכטיק. קאַליבאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו נעמען צו דער וועלט.

מעגלעך — אין אַ וועלט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ רעלאַטיווער אומגעפער איז דער פילם געקומען ווי אַ טראַגי־קאָמישער שמייכל פון שיקזאַל. שעקספּיר האָט געמיינט, אַז דער בעסטער אופן צו זען די וועלט ווי אַ נאַראָנים־שפּיל, איז זי צו זען אויף די ברעטער פון דער טעאַטער־בינע. ניין! ווערדליק אונזערע היינטיקע סקעפּטישע השגות איז די טעאַטער־בינע נאָך צו אַ רעאַלע ווירקלעכקייט. עס איז פאַראַן אַ טעאַטער־בינע צי אַן אימאַגינירטע אילוזיע־וועלט וואָס איז טאַקע אַ גאָרנישט וואָס גאָרנישט הייסט. טאַקע נישט מער ווי דער שוים און די אָפּנאַרעריי פון אַ הרף־עין — און דאָס איז די וועלט ווי זי ווייזט זיך אונז אויף דער לייוונט פון דעם פילם.

מעגלעך — אַז אָט די וועלט אין די אַספּעקטן פון אַ גאָרנישט שבגאָר־נישט איז צום נאָענטסטן נאָענט צום אמת. ווי מיר ווייסן, האַלט שוין אויך די פיזיק דערביי צו פאַרוואַנדלען די מאַטעריע אין אַ שפּיל פון באַוועגונגען. בעסער געזאָגט: צו עפּעס אַ קאָסמישן פילם אַזעלכן.

מעגלעך — אַז אָט די קרוב־לאמתע וועלט פונעם פילם האָט אויך געמוזט האָבן איר שעקספּיר, איר פּלאַטאָ און איר רעמבראַנד. דאָס מיינט: די דריי שפּיצן פון דערקענטעניש: — דאָס נאַראָנים־שפּיל פון אַלע טועכצן, דאָס אידייען־שפּיל פון אַלע טראַכטענישן, און דאָס ליכט און שאָטן־שפּיל פון אַלע זעענישן.

— 5 —

אין דער וועלט־עקזיסטענץ פון פילם טרעט אויף טשאַרלי טשאַפּלין ווי אַ סינטעז פון נאַראָנים־שפּיל, אידייען־שפּיל — און דאָס שפּיל פון אָפנקייט און באַהעלטעניש — אָדער ליכט און שאָטן.

ווערדליק דער אויפפאַסונג פון דער מאָדערנער טראַכטנדיקער מחשבה קאָן דער שאַפערישער מענטש מער נישט קומען — ווי אין די אַמאָליקע ציַיטן — אין דעם שוואַרצן מאַנטל פון אַן אַקאַדעמיקער צי אין די גאָלדענע פעדערן פון אַ פּאָעט. אויב די וועלט איז אַ צירק פון אילוזיעס און אומגעפּערן — דעמאָלט איז דער מענטש נישט מער ווי דער שפּאַס־טרייבער, דער קלאָון און דער לץ אין דעם דאָזיקן הוילן חלל פון אַ ספק. די פּאַפּירענע קרוין פון אַ מיקלאָמפּערשטן וועלט־קיניג — ווי מיר האָבן זי געזען אויף דער אַמאָליקער טעאַטער־בינע — איז שוין אַ צו גרויסע רעאַליטעט פאַרן היינטיקן מענטש וואָס ווערט באַהערשט פון צוויי כוחות פון אַ כף־הקל. אינעווייניק אין אים לאַכט דער ספק וועגן זיך אַליין — אויסנווייניק האָט זיך דער שאָטן פון זיין מחשבה פאַרוואַנדלט אין אַ קאַליבאַן פון אַ מאַשין וואָס טרייבט מיט אים די געפערלעכסטע קאַטאַוועסן.

עס האָט זיך נעמלעך אַרויסגעוויזן, אַז די וועלט איז נאָך גאָרנישט באַשאַפן געוואָרן. זי איז נאָך כסדר דער תוהו־ובוהו פון פאַר דעם מעשי־בראשית. נייערט עס בלאָנקעט זיך אין איר אַרום עפּעס אַזוינס ווי אַ געשטאַלט פון אַ מענטשעלע וואָס איז אַ געמיש פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, פון אייביקייט און הרף־עין. אָט דאָס מענטשעלע האָט נישט מער אויפן לייב ווי אַ פּאָר צעריסענע הויזן. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ האַרט וואַגאַבונדיש קאַפּעליושל. אין דער האַנט האַלט ער אַ ווינציק שטעקעלע וואָס איז זיין אָנלען און זיין וואָפן אין דער וועלט. מיטן שטעקעלע מיינט טשאַפּלין זיכער די מענטשלעכע ציוויליזאַציע. אָבער אויף די פּלייצעס טראָגט ער זיין שיקזאַל ווי אַן אַרעמאַנסקע זעקל. — פּאַמעלעכל שיט ער פאַר אונז אויס דאָס זעקעלע מיט וועלט־מזל.

אַזוי פריילעך און אַזוי אומעטיק איז טשאַרלי טשאַפּלין אין זיין וועלט.

אַ יעדע ווירקלעך גרויסע קונסט איז זעלבסט־ביאָגראַפיע. שעקספּירס וועלט־געשעענישן זענען זעלבסט־ביאָגראַפיע. פּלאַטאָס וועלט־אידייען זענען זעלבסט־ביאָגראַפיע. רעמבראַנדס מאָלעריען זענען זעלבסט־ביאָגראַפיע. בעטהאָווענס סימפאָניעס זענען זעלבסט־ביאָגראַפיע. אויך טשאַרלי טשאַפּלינס שאָטן־שפּיל אויפן לייוונט זענען די זעלבסט־ביאָגראַפיע פון אַ חכם וואָס איז געוואָרן אַ נאַר — און אין דער דאָזיקער נאַרישקייט זיינער האָט ער דערגרייכט דעם סך־הכל פון דערפאַרונג און קלוגשאַפט.

— 6 —

עס וואָלט מיר אויסגעקומען טריט ביי טריט נאָכצוגיין טשאַרלי טשאַפּלינען אין זיינע פילמען.

טשאַרלי טשאַפּלין היט זיך אויס אונז צו ווייזן זיין פנים וואָס באַהאַלט

זיך הינטער דער וואַגאַבונדישער מאַסקע. ער וויל אונז אויך נישט לאָזן הערן זיין קול. ווי קאָן טאַקע אַ מענטש רעדן אין דעם אומגעפּער און אין דעם שאָטן? ער ווייזט אונז בלויז זיינע באַוועגונגען אין אַן אילוזיע פון געשעעניש. דער עיקר: ער ווייזט אונז ווי קאָמיש און לעכערלעך עס קוקט אויס דער בן־אדם ווען ער וויל צופּאַסן זיין פּערזענלעכן חשבון צום חשבון פון דער וועלט. דער מענטש איז טאַקע נישט מער ווי אַן אומבאַהאָלפענער חוזק, אויב ער וויל זיין עפּעס אַזוינס ווי אַ רעאַלער יש אין די שאָטנהאַפטיקייטן וואָס מיר רופן וועלט.

טשאַפּלינס זעלבסט־ביאָגראַפיע — ווי מיר זעען זי אין אַ קייט פון פילמען — איז נישט נאָר אַ לאַנגע מעשה פון אַן אַנטוישונג. וואָס האָט זיך צו אַנטוישן דער וועלט־אָרעמאַן וואָס וואַגאַבונדירט איבער די עקזיסטענצן מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט? עס איז אַ סך מער ווי אַן אַנטוישונג. עס איז אַ נאַקעטער אמת. און עס איז שווער צו זאָגן, צי טשאַרלי טשאַפּלין שפּילט טראַגעדיע צי קאָמעדיע. ווען ער קריגט געשלאָגן איבער די פינגער, ווייזט נישט טשאַפּלין דעם מינדסטן צער. ער פאַרלאַנגט פון אונז נישט דאָס מינדסטע מיטגעפיל. ער שפּרינגט אַריבער אַלע מכשולים ווי אַ גומי־מענטשעלע. אַלע מאָל ווען ער עפנט זיין זעקל און קוקט אַריין צום שיקזאַל, שמייכלט ער ווי אַ חכם וואָס ווייסט, אַז אַנדערש איז נישט מעגלעך. עס איז טאַקע נישט מעגלעך עפּעס צו דערגרייכן.

אָבער — דאָ לערנט אים ווידער זיין שיקזאַל, דער שיקזאַל פון אַ חכם — דער מענטש מוז פונדעסטוועגן פּרוּוון צו זיין אומעטום. אַלצדינג מוז ער, דער בן־אדם, פּרוּוון צו דערגרייכן — הגם אַלע דערגרייכענישן זענען נישט מער ווי זייפן־בלאָזן וואָס פּלאַצן אין דער פּוסטקייט.

אַזוי דערציילט אונז טשאַפּלין ווי ער האָט צו אַלצדינג געפּרוּווט צו דערלאַנגען און אומעטום האָט ער זיך דערביי אָפּגעבריט די פינגער. ער האָט געוואָלט געפינען גאָלד אין גאָלד־רויש און דעראָבערן די הערצער פון פרויען. מען האָט אים איבערגעלאָזט מיט גאָרנישט. ער איז געוואָרן אַ קלאָון און מיטגעפאָרן מיט אַ וואַנדער־צירק. דאָרט האָט ער געוואָלט פאַר־שאַפן מענטשן פרייד מיט זיינע שפּאַסן. די מענטשן האָבן זיך אפשר געפרייט און געלאַכט — אָבער דער צירק איז אַוועקגעפאָרן און אים, טשאַפּלינען, איבערגעלאָזט אין דער ליידיקייט. ער האָט געוואָלט באַהערשן די מאַשינען — די מאַשינען האָבן אים איינגעשלונגען ווי אַ שטויבעלע אין די ווינטן. ער האָט געוואָלט טון גוטס און ראַטעווען מענטשן פון טויט און פון עלנט. ער האָט טאַקע געטון גוטס און געהאָלפן מענטשן אין זייער עלנט. אָבער פאָרט איז ער פאַרבליבן מיט זיין שטעקעלע אין דער האַנט ווי דער אייביקער וועלט־חוזק.

טשאַרלי טשאַפּלין וויינט נישט דערפון און מאַכט זיך נישט פאַר קיין טראַגישער פיגור. אפשר וויינט ער יאָ — נאָר ער נעמט קיינמאָל נישט אַרונטער די מאַסקע פון זיין פנים. ער וויל נישט, אַז מיר זאָלן זען ווי עס קוקט אויס דער מענטש ווי דער אומבאַהאָלפענער נאַר פון די עקסיסטענצן.

זיין לעצטער פילם הייסט „אין ראַמפּן־ליכט״. עס איז אויך אַ נאָמען וואָס זאָגט אַ סך. ווערליק אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז עס טשאַרלי טשאַפּלינס שוואַנען־ליד און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון די שאָטנס. צום ערשטן מאָל זעען מיר אים נישט מער אין דער מאַסקע פון אַ קלאָון. ער ווייזט זיך אונז נישט ווי דער ארחי־פרחי־דיקער וואַגאַבונד מיטן אָרעמאַנסקן שיקזאַל־זעקל אויף די פּלייצעס, מיט דעם דינעם שטעקעלע אין דער האַנט און אין די אומגעלומפּערטע צעריסענע שיך אין וועלכע ער איז אַדורכגעגאַנגען די וועלט.

אגב וויל איך באַמערקן: די באַרימטע טשאַפּלינישע שיך זענען בלי־ספק גענומען ביי וואַן־גאָגן. וואַן־גאָג וואָס האָט כלומרשט געזען די וועלט אַן איינגעוויקלטע אין ליכט און אין רויזן־בלעטער, — האָט געמאָלט אַ שטיל־לעבן פון ענלעכע צעריסענע שיך. און זיי דערציילן אויך אַ סך פון דעם מענטשנס וועג אין דער וועלט.

טשאַרלי טשאַפּלין איז עלטער געוואָרן. עלטער און מידער. מחמת ער האָט שוין אַ סך דערפאַרונג הינטער זיך איז ער געקומען צום קלוגן געדאַנק, אַז סטאָפּ! נישט כדאי מער צו שפּילן אין בלינדער קו. אויס קינדער־מעשהלע! עס איז די העכסטע צייט צו זאָגן פּאַס און צו ווייזן די קאָרטן.

און ער ווייזט די קאָרטן.

עס איז ער, טשאַרלי טשאַפּלין, נישט בלויז ווי ער קוקט אויס אינעם ראַמפּן־ליכט פון דער בינע, נייערט ווי ער קוקט אויס אין די ששת־ימי־המעשה פונעם פּראָסטן מיטוואָך פון דער וועלט. ער שפּילט מיט אונז נישט מער אין שטומעניש. וואָרעם, — עס האָט עפּעס ווי אויסגעקוקט, אַז נייערט דער אַמאָליקער שטומער פילם איז געווען אָרגאַניש צוגעפּאַסט צו טשאַרלי טשאַפּלין. שטומעניש, וועלט־שווייגן און טשאַפּלין — עס איז דאָך אין פלוג געווען איינס און דאָס זעלביקע. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווען פון טשאַפּלינס ליפּן וועט אַרויסקומען דאָס מינדסטע קול — דעמאָלט וועט אָט דאָס גאַנצע מענטשעלע פּלאַצן ווי אַ זייפנבלאָז.

מעגלעך, עס איז געווען אמת אין די פריערדיקע טשאַפּלינישע פילמען. אַ שאָטן צווישן שאָטנס רעדט נישט. צווישן שווייגענישן שווייגט מען.

אין „ראַמפּנליכט״ איז די אַמאָליקע שאָטנוועלט פון טשאַרלי טשאַפּלין געגליכן ווי אַ רעקוויזיט פון הינטער די קוליסן. דאָ און דאָרט ווייזט ער אונז נאָך אַמאָל זיין שטומעניש, זיין וואַגאַבונדישקייט און זיין שטעקעלע — אָבער עס זענען נישט מער ווי רעמיניסצענצן פון דעם אַמאָל. דאָס שפּיל האָט זיך געענדיקט פאַרן קלאָון.

און דער גאַנצער מענטש? ער איז אויך נישט מער ווי אַ כלי אויף וועלכער די וועלט שפּילט אירס אַ געוויסן ניגון — און ער שפּילט זיך ענדלעך אויס און ווערט אַ שברי־כלי.

טשאַרלי טשאַפּלין איז לויט זיינע וועלט־אַנשויאונגען אַ פּאַנטעאיסט.

ער האַלט, אַז די אַלע אַלערלייען פון דער וועלט זענען נישט מער ווי די פּילע משלים צו איין און איינציקן נמשל. טויזנטער וואונקען און טויזנטער גלייכענישן גיט אונז די וועלט, כדי מיר זאָלן ענדלעך פאַרשטיין איר נמשל. אפשר דעריבער טאַקע, ווייזט אונז טשאַפּלין צום סוף פון זיין פילם אַזאַ מין צעבראָכענעם קלאַוויר אין וועלכן די דראָטן זענען אַלט געוואָרן און ער שפּילט נישט מער. ומותר אדם מן הכלי אין. אַלצדינג אין דער וועלט האָט נישט מער ווי איין און דעם זעלבן שיקזאַל — מחמת אַלצדינג אין דער וועלט איז איינס און דאָס זעלבע גלייכעניש.

טשאַרלי טשאַפּלין האָט אויסגעשפּילט, און ער ווייס עס. ער איז אַ געוועזענער. ווי יעדער געוועזענער וויל ער זיך פאַרגעסן אין ביטערן טראָפּן. דער אַמאָליקער וועלט־טענצער קאָן זיך איצט נישט מער האַלטן אויף די פיס. ווען ער קומט צו זיך אַהיים ציטערן אים די הענט. ער קאָן צומאָל נישט אַריינטרעפן מיטן שליסל אין זיין אייגענער טיר.

אַלצדינג אויף דער וועלט פאַרגייט. אַלצדינג אין דער וועלט מוז אַראָפּגיין אויף די מדרגות פון אַ ירידה. סיי לעבעדיקע מענטשן און סיי טויטע כלים. נאָר איין מדרגה איז נאָך פאַרבליבן אין יעדער לעבעדיקער קרעאַטור. אויף דער דאָזיקער מדרגה קאָן זי צוריק גיין אויבן אַרויף אויפן גלגל־החוזר.

דאָס איז די פּשוטע מענטשלעכע גוטסקייט צי די פּשוטע מענטשלעכע ליבשאַפט. פּשטות, גוטסקייט און ליבשאַפט זענען די איינציקע ליכטיקע נקודה וואָס לעשט זיך קיינמאָל נישט אויס אין אַלע פינצטערנישן.

ווען דער אַלטער טשאַרלי טשאַפּלין, — דער געוועזענער — וואַקלט זיך אויף די טרעפּ צו זיך אַהיים, שפּירט ער גאַז אין דער נאָז. ער האַקט אויף אַ טיר און געפינט אַ האַלב־טויט מיידל. זי איז אויך מיד געוואָרן פון לעבן און האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. טשאַפּלין ראַטעוועט זי — און ער ראַטעוועט זי מיט אַלע טיפעניש פון זיין האַרץ.

דאָ הייבט זיך ווידער פאַר אים אָן אַן עליה. נאָר אַן עליה ניט אויף די אילוזיעס פון אַ שאָטן, נייערט אַן אויפגאַנג אויף דער איין און איינציקערווירקלעכקייט וואָס איז טאַקע אפשר ווירקלעך, און דאָס איז: די ליבשאַפט און די גוטסקייט: די טיפע וועלט־אהבה וואָס איז שטאַרקער ווי טויט און פאַרגענגלעכקייט.

— 8 —

אין זיינע פריערדיקע פילמען איז טשאַפּלין געגאַנגען זיין וועג אין די ליכט און פינצטערנישן פון עולם־התוהו. אין יענע בין־השמשותן האָבן מיר נישט געקאָנט זען דעם גלגל־החוזר וואָס דרייט זיך צווישן טראַכטעניש און עקזיסטענץ, אָדער — צווישן דער אילוזאָרישער ווירקלעכקייט און דער העכערער ווירקלעכקייט. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט געזען דעם איינציקן וועג וואָס פירט דעם בן־אדם אַרויס פון די שאָטנס —

מיר האָבן נאָך נישט געהאַט געזען ביי טשאַפּלינען די אידייע פון ווידערקער.

אין די אַספּעקטן פון גוטסקייט און ליבשאַפט באַווייזט זיך אונז דער מייסטער אין דער אידייע פון ווידערקער, — דאָס הייסט, אין די אַספּעקטן פון דער מחשבה פון דער וועלט.

— 9 —

„אין ראַמפּנליכט״ איז אַ סענטימענטאַלער מעלאָדראַמאַטישער ראָמאַן. עס איז אינטערעסאַנט — דווקא די גרעסטע מייסטער האָבן אויף דער מדרגה פון זייער רייפקייט זיך ליב צו באַנוצן מיט די פּרימיטיווע פאָרמען פון פאָלקס־שאַפונגען. און עס האָט אויך אַ שייכות צו דעם ווידערקער וואָס חזרט זיך אין דער וועלט פון דער קונסט פונקט אַזוי איבער ווי אין דער וועלט פון די עקזיסטענצן. די קונסט לייטערט זיך, און לייטערט זיך אין דער ראַפינירטקייט פון דערקענטעניש. זי לייטערט זיך אַזוי לאַנג ביז זי הייבט אָן צו דערקענען, אַז דער סוף איז דאָס נעמלעכע וואָס דער בראשית. נייערט ער איז דער בראשית אין העכערע אַספּעקטן פון מדרגות און אַז דאָס פאָלקס־פּשטות האָט אין אירע אָנוגגען געוואוסט דאָס אייגענע וואָס דער קינסטלער זעט אין די לעצטע קלאָרקייטן.

יעדער גרויסער וועג פירט אויף צוריק. — דער דאָזיקער לעצטער אויף צוריק אויף דעם גלגל־החוזר פון דער וועלט איז נאָך אַ גרעסערער וועג פון דערגרייכונג.

— 10 —

אין אָט דעם ראָמאַן פון טשאַרלי טשאַפּלין ווערט נישט דערציילט פון דער ליבע. ניין. עס ווערט דערציילט פון דער ליבשאַפט. ליבע איז עראָס. ליבשאַפט איז אַ סינטעזע פון אַלערליי ליבשאַפטן. ליבע איז געשלעכטלעך — ליבשאַפט איז מענטשהייטלעך. נאָך מער: ליבשאַפט איז וועלטהייטלעך. דעריבער איז די ליבשאַפט פון דעם אַלטן קלאָון מיט דער יונגער טענצערין נישט אָפּהענגיק פון די אונטערשיידן פון דעם עלטער און זי שפּילט זיך גאָר נישט אָפּ אויף די דימענסיעס פון דעם עראָס. עס איז די ליבשאַפט וואָס מאַכט די מדרגות פון עולם־החוזר צו אַן אייביקן איצט. אַן איצט וואָס פאַר־יונגערט זיך נאָר אַלע מאָל אין אַנדערע לבושים און טוישט די פעדערן ווי דער פויגל פעניקס וואָס לעבט אייביק. אין דעם ליכט פון אָט דער ליבשאַפט, אָדער גוטסקייט, אָדער טיפסטע עקזיסטענץ־דערקענטעניש, שטייט שטיל דער ראָד פון דער וועלט, הגם אויבנאויפיק טוט עס נישט מער נייערט עס דרייט זיך.

צי איז די יונגע טענצערין נישט מער ווי דער סימבאָל פון דעם אַלטן קלאָון טשאַפּלין וואָס פאַריונגערט זיך ווייל ער פאַרטיפערט זיך? כ׳וויל נישט פּרואוון צו טרעפן. הגם די סצענעס מיט דער צעטראָטענער פידל וואָס ווערט פאַרביטן מיט אַ נייער, ווי אויך דער קלאַוויר וואָס הייבט פון אויפסניי אָן צו שפּילן ווען מען רייסט פון אים אַרויס די אַלטע דראָטן — אָט די אַלע

סימבאָלישע רעקוויזיטן פון טשאַרלי טשאַפּלינס שוואַנענ־געזאַנג גיבן געגוג אָנצוהערעניש אַזוי צו טראַכטן.

— 11 —

דער אַלטער טשאַפּלין ווערט חרוב, אָבער אַ נײַ לעבן שפּראָצט אויף פון זײַן ליבשאַפט. און עס איז ווידער אַ שעפעריש לעבן וואָס גיט מענטשן גליק און פרייד. די פּויק אין וועלכער טשאַפּלין שטאַרבט איז דער סימבאָל פון זײַן רום — אָבער אויך רום דאַרף אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַ נײַעם רום, וואָרעם אַלצדינג פאַרגייט און אַלצדינג באַנײַט זיך. און טשאַפּלין טרעט אָפּ מיט סטאָאישער רואיקייט פּונקט ווי ער איז אָנגעקומען מיט שקאָצישער פרייד. צום ערשטן מאָל זינט מיר קענען זײַנע פילמען זעען מיר אים, טשאַרלי טשאַפּלינען, ווי ער שטאַרבט. ער שטאַרבט אויף זײַן וועלט — די טעאַטער־בינע. מען דעקט אים צו מיט אַ טוך און מע טראָגט אים אַרויס אויף דער בינע וואו די יונגע טענצערין פײַערט אירע טריאומפן.

די טענצערין טאַנצט, און דער טויטער טשאַרלי טשאַפּלין ליגט אויף זײַן מיטה אין הינטערגרונט צווישן די קוליסן און דעם שפּיל. ווען עס זאָלן בלאָזן די פאַנפאַרן וואָלטן מיר זיכער געווען געמיינט, אַז מיר געפינען זיך אין דעם שלוס־אַקט פון אַ האַמלעט אָדער יוליוס צעזאַר.

ניו־יאָרק, 12טער דעצעמבער, 1952.

דער מענטש

— 1 —

די אָנהויבן פון מענטש אויף אונזער פּלאַנעט ליגן אין טיפסטן נעפּל. מיר זענען געוואוינט אָנצוהויבן די געשיכטע פון די מענטשן מיט דער געשיכטע פון דער שריפט. אין די ערשטע דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געפונען — זיי זענען אַלט סך־הכל נישט מער ווי עטלעכע טויזנט יאָר — האָבן מיר געפּרוּווט צו זען די התחלות פונעם מענטש אין דער געשיכטע. אין די דאָזיקע אויפגעשריבענע צייכנס האָט דער מענטש אונז געגעבן צו וויסן פון זיין טראַכטן און פון זיינע מעשים. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די שריפט איז נישט די התחלה, נייערט די העכסטע אַנטוויקלונג פון אַ לאַנגן היסטאָרישן וועג. אין די געדאַנקען און ווערטער פון דער שריפט זענען אויפגעצייכנט געוואָרן טעקסטן, וואָס דער מענטש האָט זיי אַרומגעטראָגן אין זכרון במשך צענדליקער טויזנטער יאָרן. ער האָט זיי איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין פאַרלויף פון לאַנגע הונדערטער און אפשר טויזנטער דורות. די דאָזיקע טעקסטן איבערראַשן אונז נישט איינמאָל מיט דער טיפ־קייט און קלאָרקייט פון זייערע אויסדרוקן און השגות, און שטעלן גאָר אָפּט אין שאָטן אונזערע גרעסטע מאָדערנע באַנעמונגען.

אַזוי רוקט זיך די מענטשלעכע געשיכטע ווייטער און ווייטער צוריק אויף די פּליינען פון די צייטן און פאַרלירט זיך אין נעפּל. אויב עס גערעט אונז אַמאָל אויפצוהעלן אַ זוים פון דעם דאָזיקן נעפּל — און מיר גלויבן, אַז אָט האָבן מיר דערגרייכט צו דעם מאָמענט, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן זיין געשיכטע אויפן פּלאַנעט — דאָרט גראָד ווערן מיר גאָר פּלוצעם איבערראַשט צו טרעפן דעם מענטש אין שוין גאָר אַן אַלטער חכמה און אין שוין גאָר אַ רייף דערקענטעניש, — און מיר וויסן פון איבערסנײַי נישט, ווען ס'הייבט אָן צו רעדן צו אונז דער ערשטער, דער יונגער מענטש.

— 2 —

די עטלעכע טויזנט יאָר פון אויפגעשריבענער געשיכטע זענען נישט מער ווי אַ קליינער, קליינער מאָמענט אין דעם פלוס פון די צייטן פון מענטש אויפן פּלאַנעט. מיר גרויסן זיך גריילעך מיט די ווערק פון אויפגעשריבענער ליטעראַטור, מיט די אויפגעשריבענע סיסטעמען פון וויסנשאַפט און פילאָ־זאָפיע, און אַנדערע פיקסירטע שאַפונגען פון אונזער געמיט און געדאַנק.

מיר פֿאַרגעסן אָבער, אַז די גרעסטע און מאָנומענטאַלסטע שאַפֿונג פֿון מענטש, נעמלעך די בילדהאַפּטיקייטן פֿון דער שפּראַך זענען געשאַפֿן געוואָרן אַ סך, אַ סך פֿריער. אירע קוואַלן פֿאַרלויפֿן אין יענע נעפּלען, וואו ס׳פֿאַרלויפֿט די געשיכטע פֿונעם מענטש בכלל. אין די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר, וועלכע מיר באַטראַכטן ווי די קרוין פֿון אונזער מין, זענען מיר אפשר נישט מער סיידן עפּיגאָנען. מיר קאָמבינירן נייערט מיט די וואונדערלעכע וואָרט־בילדער וואָס די א. ג. פּרע־היסטאָרישע דורות האָבן געשאַפֿן. אויב עס איז מעגלעך צו באַנעמען דאָס העכסטע געפֿיל פֿון דיכטונג און דעם העכסטן שוואונג פֿון געדאַנק; אויב מיר פֿילן אין זיך דעם סוד פֿון שאַפֿונג און מיר פּרוּוון צו געשטאַלטיקן אַ צווייטן מענטשלעכן קאָסמאָס, — אַ קאָסמאָס פֿון דעם ריטם פֿון אונזערע וועלט־פֿאַרשטעלונגען נעבן דעם קאָסמאָס פֿון דער עקסיסטענץ, וואָס מיר רופֿן וועלט — טוען מיר עס מיט דער הילף פֿון יענע מענטשלעכע וועלטן, וואָס זיי הייסן ווערטער. און זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן אין די צייטן וואָס ליגן פֿאַר אונז אין פֿולקומענער פֿינצטערניש. יענע ווערטער זענען די יסודות פֿון אונזערע דיכטונגען און פֿון אונזערע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען. מיר דערקענען די וועלט נאָר אין דער דערקענטעניש פֿון די פּרעהיסטאָרישע מענטשן. די אמתע באַזיגער פֿון דער ווירקלעכקייט דורך דער פֿאַרשטעלונג זענען גראָד געווען די אומבאַקאַנטע דורות פֿון דער געשיכטע. זיי האָבן איבערגעשטאַלטיקט די וועלט, דעם ריטם פֿון דער וועלט, דעם קלאַריט פֿון דער וועלט, דעם סוד און דעם תהום פֿון דער וועלט אין וואונדערלעכע, פֿאַר אונז כמעט ווי נישט פֿאַרשטענדלעכע בילד־קלאַנגען, וואָס הייסן וואָרט און שפּראַך.

— 3 —

ווען איז פּאַרט געשען דאָס גרויסע וואונדער אויפֿן פּלאַנעט און אין דער קייט פֿון דער אַנטוויקלונג האָט זיך באַוויזן דער מענטש?

דאָס ערשטע וואונדער איז געווען, ווען אײנמיטן דעם חומר פֿון דער וועלט האָט אָנגעהויבן צו לעבן דאָס אור־קעמערל. פֿון וואַנען דאָס אור־קעמערל איז געקומען און ווי עס האָט אויסגעזען — ליגט נישט ווייניקער אין די פֿינצטערנישן פֿון אונזער וויסן ווי דער סוד פֿון ערשטן מענטשן. איז עס געקומען פֿון אַנדערע הימל־קערפּער? עקסיסטירט עס פֿון אַלע אייביקייטן ווי אַ לעבנס־שטויב אין די רוימען פֿון קאָסמאָס? צי האָט זיך עס געוועקט ווי דער ערשטער שימער פֿון באַוואוסטזיין אין דעם וועלט־חומר גופא? צי איז עס געווען דער ערשטער שטאַפּל אויף וועלכן די מאַטעריע פֿון דער וועלט האָט זיך גענומען צוריקצוגיין צו איר העכסטן ווידערשפּרוך — צום גייסט? מיר וויסן עס נישט. די טעאָריעס וועגן דעם דאָזיקן סוד זענען אומצייליקע. זיי ווידערשפּרעכן זיך מיטאַנאַנדער. ווי גרויס איז געווען, ווי איז געווען דאָס געשטאַלט פֿון דעם אור־קעמערל און דער אופֿן פֿון איר לעבן? אויך דאָס וויסן מיר ניט. דאָס אור־קעמערל עקסיסטירט שוין מן־הסתם ניט פּונקט ווי עס עקסיסטירט שוין ניט דער אור־מענטש. דאָס היינטיקע פּרי־

מיטיוווסטע קעמערל (דער פּראָטעאַין) פון וועלכן עס ווייסן — בלויז טעאָרעטיש — אונזערע זאָאָלאָגן און באָטאַניקער — מחמת עס באַהאַלט זיך אויס אין אַ קליינקייט אַפילו פאַרן אויג פונעם שאַרפסטן מיקראָסקאָפּ — איז שוין אַ הויך־קאָמפּליצירט באַשעפעניש און צונויפגענאָמען פון אַ שלל פון אור־קעמערלעך. דאָס ערשטע אור־קעמערל איז מן־הסתם נישט געווען ווייט פון אַ ציטער פון אַ באַוועגונג. עס האָט מן־הסתם געגליכן סך־הכל צו אַ לייב־ניציאַנישע מאָנאַדע.

אָבער פאַמעלעכל, פאַמעלעכל, האָט עס באַדעקט דעם פּלאַנעט מיט טיפע און פּינצטער־רוישנדיקע אורוועלדער, מיט גראָז און מיט בלומען און מיט אַלערליי באַשעפענישן ביז צו די גראַנדיעזע פאָרמען פון דעם איכטיאָזאָרוס און מאַמוט. דאַן איז געשען דאָס צווייטע וואונדער: צום סוף פון אַ קייט פון אַ לאַנגער זאָאָלאָגישער אַנטוויקלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מענטש. ער האָט ווי רעוואָלטירט אינמיטן דעם שווערן און טעמפּן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער זאָאָלאָגישער וועלט.

ווער איז געווען די חיה, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש און אָפּגעריסן איר בליק פון דער ערד צו די הימלען? מיר ווייסן נישט. מיר ווייסן אפילו נישט צי עס איז געווען עמיצער פון די מאַלפּע־משפּחות, וואָס האָט אויפגעהערט צו גיין אויף פיר פיס און אויפגעריסן זיין קאָפּ אין דער הויך.

דער סוד פון יענעם גרויסן וואונדער ליגט פאַר אונז אין נעפּל און אין טונקלקייט. מיר ווייסן נאָר, אַז יענער מענטש, — צי יענע חיה — האָט אַוועק־געוואָרפן פון זיך דאָס איבערקע פאַרגעסן, ד״ה דאָס לעבן נאָר מיטן מאָמענט. פאַרגעסן הייסט: נישט צוריקקוקן אויף דעם, וואָס איז פאַרגאַנגען און נישט דערוואַרטן דאָס, וואָס דאַרף קומען. אין ליכט צי אין שאָטן פון אַזאַ מאָנומענטאַל פאַרגעסן האָבן זיך געצויגן די לאַנגע לאַנגע קייטן־דורות פון דער חיה. זיי האָבן דעריבער ניט געקאָנט משיג זיין קיין שום קאָנסטרוקטיוו בילד פון דער וועלט. דער מענטש האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן צו דערמאָנען דאָס וואָס איז פאַרשוואונדן הינטער אים — און ממילא האָט אין אים אויפ־געדעמערט דער ערשטער ליכט־שטראַל פון אַ דערוואַרטונג, פון אַ צוקונפט. פאַר דעם מענטש איז די וועלט אַרויסגעגאַנגען פון דעם רעפלעקס פונעם מאָמענט און פאַמעלעך אָנגעהויבן אָנצונעמען דאָס געשטאַלט פון אַ גרויסן קאָנסטרוקטיוון געמעל אויף די פליגלען פון די צייטן. דער מענטש האָט אויפגעהערט צו זיין נאָר אַן אויפבליץ אויף דעם וועג פון דער צייט. פאַר־קערט: די וועלט האָט אָנגעהויבן צו ווערן זיין פאָרשטעלונג. זי איז געוואָרן דאָס ליכט־בילד פון זיין באַנעמונג. ער איז געוואָרן — אַזוי צו זאָגן, — דער צווייטער באַשאַפער אירער. אין דער דאָזיקער מענטשלעכער איבערשאַפונג פון דער וועלט האָט דער מענטש באַצאָלט דאָס חיהשע גליקזעליקייט פון מאָמענט. די וועלט איז געוואָרן פאַר אים אַ פרעג־צייכן. אָט־אָ דער פרעג־צייכן האָט זיך פאַר אים פאַרוואַנדלט אין דער אייביקער טראַגעדיע פון דער געשיכטע.

— 4 —

אַזוי איז דער מענטש געוואָרן די גרענעץ צווישן דעם תהום, — וואָס ציט זיך אַראָפּ אונטן אין די פינצטערנישן פון דער קרעאַטור — און דעם אויבן, וואָס וויל די קרעאַטור צוריקפירן צו אַ מקור אין דעם אַבסאָלוטן. אויף דער דאָזיקער גרענעץ איז דער מענטש געגליכן געוואָרן צו דעם ליכטיקסטן גאָט און צו דעם פינצטערסטן טייוול. ער איז געשטאַנען אינמיטן אויפן ראַנד פון אַ שיידוועג, וואָס פירט צום העכסטן אויבן און צו דעם טיפסטן אונטן. דערמיט האָט זיך זיין טראַגעדיע און דאָס פּראָבלעם פון זיין מהות נאָך מער צוגעשפּיצט. דער מענטש איז געוואָרן דער זינדיקסטער צווישן אַלע חיות — וואָרעם ער האָט זיין זינד צונויפגעמישט מיט דער דערקענטעניש. דאָס איז די זינדיקסטע זינד. ער איז אָבער אויך געוואָרן דער דערהויבנסטער פון דער קרעאַטור. ער האָט געקאָנט זיין איר אויסלייזער און זי צוריקפירן צו דעם איידלסטן מקור. אין אָט דער גרענעץ זיינער האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט ענדגילטיק אַנטשיידן, נישט אינגאַנצן צו גיין אַראָפּ און נישט אינגאַנצן צו גיין אַרויף. ער האָט געטון דאָס ערגסטע און געטון דאָס בעסטע.

ווייל דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו זען אין זיינע אייגענע מעשים דעם שיקזאַל פון דער וועלט — האָט ער וועגן דער וועלט און איר גורל געהאַט די קעגנזעצלעכסטע מיינונגען. ער האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַ וועג, וואָס פירט אים צום העכסטן גליק און צו דעם טיפסטן אומגליק. ער האָט זיך באַטראַכט ווי די מאָס און דעם תוכן פון דער וועלט. ער האָט זי, די וועלט, דעריבער פאַרגליכן צום מענטש. ער האָט די וועלט געשטעלט אויף דער גרענעץ, וואו ער, דער מענטש, איז אַליין געשטאַנען: אויף דער גרענעץ צווישן גאָט און טייוול.

— 5 —

די גאַנצע דיאַלעקטיק פון דער מענטשלעכער וועלט־דערקענטעניש, בעסער געזאָגט, מענטש־דערקענטעניש — מיר רופן זי די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע — גייט דערויף זיך אָפּצושיידן פון דעם אָביעקטיוון בילד פון דער וועלט און די וועלט שטעלן בלויז אין דעם ליכט ווי עס באַנעמט זי דער מענטש. אין ליכט פון זיינע באַציאונגען צו איר. דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז זיין גוטע, צי בייזע טאַט וועגט איבער אויף די וואָגשאָלן, וואו עס וויגן זיך די עקסיסטענצן פון דער וועלט, און אַז די וועלט באַקומט אפילו איר ווערט וועדליק דעם ווערט פון די מענטשלעכע מעשים. וואָס ווייטער און טיפער דער מענטש האָט דערלאַנגט אויף זיינע וועגן צו דער זעלבסט־דערקענטעניש — ד״ה אויף די וועגן צו זיך אַריין, — האָט ער אָנגעהויבן מסופק צו זיין צי די וועלט האָט גאָר אַ באַשטאַנד מחוץ פון זיין באַנעמען? אויב זי עקסיסטירט גאָר אין אירע עקסיסטענצן? צי איז זי גרייַלעך נישט מער ווי אַ כאַאָס פון איקסן, וואָס נעמען אָן אַ געשטאַלט ערשט אין מענטשנס חלומות און זעאונגען וועגן דער וועלט? די וועלט איז נישט מער

סיידן דער גרויסער חלום, וואָס דער מענטש חלומט אין זיינע אייגענע אָפּגרונטן? זענען די געזעצן פון דער וועלט אין סך־הכל נייערט די געזעצן פון דעם מענטשנס באַנעמונגס־מעגלעכקייטן? די וועלט איז איינגעשרומפּן הינטער דעם ליכט פון דעם דאָזיקן טראַכטעניש ווי אַ קליין פּינטעלע אין אַ גרויסקייט, וואָס איז מער נישט ווי אַ גאָרנישט.

— 6 —

די ראַציאָ פון דעם מענטשנס שכל האָט פון תמיד געגלויבט מיט אירע פרייהייטן צו האָבן קאָנסטרואירט דאָס געוואָגסטע וועלט־בילד — און צו האָבן געזאָגט וועגן דער וועלט דאָס אַלצדינג, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן נאָר זאָגן. פונדעסטוועגן — אַזוי גלויב איך — איז די מענטש־לעכע אַנונגספולע פאַנטאַזיע טיפער אַריינגעדרונגען אין וועזן פון מענטש, דאָס הייסט אין וועזן פון דער וועלט, ווי דער ראַציאָנאַליזם פון באַגריף. אויב רעאַליטעט הייסט: דאָס געשטאַלט פון דער וועלט אין דער באַנעמונג פונעם מענטש, דאַן איז אפשר די מיסטיק די טיפסטע רעאַליטעט. זי איז רעאַליטעט שוין דערמיט, וואָס זי האָט איר וויסן נישט פאַרוואַנדלט אין אַ באַגריף נייערט אין אַ געשטאַלט. באַגריף איז נאָר אַ נאָמען און אַ שאָטן פון אַן עקזיסטענץ, בעת דאָס געשטאַלט איז אַן עקזיסטענץ גופא. נאָר אַ קאָנ־סטרואירטע עקזיסטענץ קאָן אונז געבן דעם משל פון דער עקזיסטענץ וואָס מיר רופן וועלט, קאָסמאָס, צי גאָר גאָט.

— 7 —

איך מיין: די טיפסטע און געוואָגסטע געשטאַלטונג פון קאָסמאָס אין דער מענטשלעכער פאַרשטעלונג — אַ פאַרשטעלונג וואָס איז קאָנסעקווענט ביז גאָר אין דעם אויסבוי פון אירע אויספירונגען — איז די יידישע קבלה. עס איז נאָר אַ וואונדער, וואָס אין דער גאַנצער געשיכטע פון מענטשלעכער דערקענטעניש האָט מען איר געשענקט אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

ביי איר פולן ויסן — ד״ה ביי דער בפרטיותדיקער געשטאַלטונג דאָס בילד און די דיאַלעקטיק פון קאָסמאָס — איז די קבלה די עקסטרעמסטע רעזיגנאַציע צו וויסן עפּעס פון דעם עצם פון דער וועלט מחוץ ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אינעם משל פון דעם עצם פון מענטש. אַוואו דער קאָסמאָס גייט אויף אַ האָר אַרויס פון דעם ווי אַזוי ער קאָן אויסגעטייטשט און אויסגעפונען ווערן אינעם געשטאַלט פונעם מענטש, — דאָרט לאָזן זיך אויך אויס די ווייטערע וועגן אויף וועלכע עס וואָגט זיך די קבלה. פון עצם פון דער אַבסאָ־לוטער גאָטהייט רעדט די קבלה מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט. זי היט זיך אויס צו זאָגן עפּעס פון דעם לעצטן סוד. פון יענער לעצטער עקסיסטענץ רעדט זי מיט דעם עקסטרעמסטן נישט־וויסן. זי רופט עס „דאָס פאַרהוילענע פון פאַרהוילנסטן״ („סתימא דכל סתימין״) און „דער אַלטער אין די טעג״ („עתיק יומין״). עס איז דאָס „הייליקע ליכט״ („בוצינא קדישא״), דאָס ליכט

פון דער וועלט אין וועלכן מיר קאָנען נישט אַריינקוקן אפילו מיט דעם געוואַגסטן שוואונג פון אונזערע אַנונגען. אונזער שפּראַך האָט גאָרנישט פאַר אים קיין נאָמען. מחמת שפּראַך איז די געשטאַלטונג פון אונזערע גע־שטאַלטונגען. די העכסטע ווערטער, וואָס מיר קאָנען אַרויסבאַקומען פון אונזער שפּראַך בנוגע דעם אַבסאָלוטן, זיי קאָנען קוים באַווייזן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם ערשטן שטאַפּל פון דער וועלט־געשטאַלטונג. די מקובלים רופן אים „כתר", די „קרוין". אַ סך מקובלים זאָגן, אַז אפילו דאָס העכסטע און געהיימנישפולסטע וואָרט וואָס דער מענטש האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין שפּראַך־בילד פון דער וועלט, נעמלעך דער „שם המפורש", איז נישט מער סיידן אַ נאָמען פאַר דעם „כתר". נאָכן „כתר" לאָזן זיך אויס אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען. דאָרט לאָזט זיך אויס די העכסטע לייטער וואָס מיר האָבן צו דעם העכסטן, — נעמלעך די מענטשלעכע שפּראַך.

דערפאַר האָבן די מקובלים פול און ברייט באַשריבן יעדן מינדסטן דעטייל פון דער מענטשלעכער געשטאַלט, פון דעם געטלעכן דמות — דער אָדם־קדמון — וואָס עס איז דער מענטש. פון דער „מרכבה", פון דעם וואונדערלעכן „רייטוואָגן"־מענטש. ער טראָגט אויף זיך די גאַנצע סימבאָליק פון דעם קאָסמאָס. די מקובלים האָבן דעם קאָסמאָס געוויזן אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט, אין אַן „אָדם־קדמון". דער לעבעדיקער מענטש — וועלכן מיר קענען — איז נישט מער ווי דעם אָדם־קדמונס אָפּ־בילד אין מיניאַטור. די מאָדערנע פיזיק ווייסט אויך צו דערציילן פון אַזאַ מיניאַטור־בילד פון דער קאָסמישער וועלט, נעמלעך, דעם אַטאָם. די עלעק־טראָנען דרייען זיך אַרום אַרום דעם אַטאָם־קערן מיטן זעלבן געזעצמעסיקן חשבון ווי די פּלאַנעטן אַרום דער זון. די אייביקייט אינעם קלענסטן איז דאָס משל און די גלייכעניש פון דער אייביקייט אינעם גרעסטן.

די מקובלים האָבן גענומען צוגלידערן און אויסצוטייטשן די אייביקייט אינעם מיקראָקאָסמאָס — דעם מענטש — וועדליק ווי ער שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע „דמות" פון דעם „אָדם קדמון". אין אַ יעדן אבר פונעם מענטש, אין די האָר, אין דער הויט זיינער, אין זיינע אַנאַטאָמישע וועגן, אין די געזעצן פון דער פיזיאָלאָגיע — דאָרט האָבן די מקובלים אַרויסגעלייענט ווי פון אַ בוך דעם עפּאָס פון דעם פיזישן און גייסטיקן וועלט־אַל. דעם וועלט־אַל אין דעם ערשטן דעמער זיינעם, ווי ער קומט אַרויס פון דער שויס פון דעם אַבסאָלוטן — ביז צו זיין לעצטער מדריגה אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון דער מאַטעריע. אַלצדינג אין דעם מענטש איז נאָר אַ גלייכעניש. דאָס פליסן פון זיין בלוט אין דעם קרייז־לויף פון זיינע געפעסן איז אויך נאָר דאָס גלייכעניש פון דעם פליסן פון דער גאָטהייט אין די געפעסן פון דער מאַטעריע. די העכסטע געדאַנקען פונעם מענטש ווי אויך זיינע נידעריקסטע תאוות זענען דער דיאַ־לעקטישער משל פון דער קאָסמישער שעפערישער געשטאַלטונג. די פאַרבן און די קאָלירן, וואָס זיינע אויגן זעען אויף די פליינען פון דער וועלט, זענען נאָר די גלייכענישן צו די באַהאַלטנסטע ליכטער.

אַזוי שטייט דער מענטש אינמיטן פון דעם וועלט־אַל ווי די מיניאַטורישע איבערחזרונג פון דעם וועלט־אַל.

וואָס איז די צוקונפט פון מענטש, און וואו אַהין פירט זיין וועג?

דער מענטש איז די לעצטע גרענעץ צווישן דעם אויבן און דעם אונטן, זאָגט די קבלה. די געשטאַלטנדיקע אַבסאָלוטע גאָטהייט — וואָס זי לעבט אין יעדער געשטאַלטונג און צוגלייך שטייט זי איבער יעדער געשטאַלטונג — האָט אין אים, אין דעם גייסטיקן און פיזישן דמות פון מענטש, צוגעפירט איר עמאַנאַציע צום לעצטן פונקט. פון „כתר״ אָן, האָט זי אָנגעהויבן אָוועקצוגיין פון זיך. אין דעם מענטש, אין זיין געשטאַלט, אין זיין געדאַנק און אין זיין טאָט הייבט זי אָן — די גאָטהייט — צוריק אויסצובויגן דעם קרייז פון דער שאַפונג און הייבט אָן צו נעמען דעם וועג אויף צוריק צו זיך. דער מענטש איז געוואָרן דער שיקזאַל פון דער העכסטער גאָטהייט. ער קאָן איר שאַפונג צוריקפירן צו איר. קאָן זי אויך טיפער און נידעריקער אָוועקפירן אין דעם פינצטערסטן תהום פון דער מאַטעריע און מיטשלעפּן דאָס העכסטע אַבסאָלוטע צו דער וועלטישער נידעריקייט. דער מענטש קאָן זיין דער אויסלייזער פון דער גאָטהייט אין די געפעסן פון דער געשטאַלטונג. ער קאָן אָבער אויך צונישט מאַכן אַלע אירע האָפענונגען אויף צוריקצוקומען צו זיך. די ליב־שאַפט, די תשוקה, און דאָס וואַרטן פון דער גאָטהייט אויף דער אויסלייז־טאָט פונעם מענטש, פאַרוואַנדלט זיך אין דער קבלה צו דער העכסטער טראַגיק און צו דער העכסטער בענקשאַפט פון דעם אַבסאָלוט. „הקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתם של צדיקים״. די מענטשלעכע טאָט קאָן די טאָטאַלע עקסיס־טענץ צופירן צו דער לעצטער עליה און צו דער לעצטער ירידה.

אַזוי האָט די קבלה אָרגאַניש פאַרבונדן די עטיק מיט דער מעטאַפיזיק און די געהיימניש פון אונזער פאַרגאַנגענהייט מיט דעם סוד פון אונזער צוקונפט.

סאָציאַליסטישע מחשבות*)

• • •

דער סאָציאַליזם — אַן אַפּריאָרי

— 1 —

די גרויסע אידייען, וואָס זענען געקומען צו דער מענטשהייט ווי וויכטיקע דיאַלעקטישע באַנייאונגען, האָבן געהאַט די אַמביציע אָנוועקצושטעלן דעם גאַנצן מין מענטש אויף אַ העכערן וועלט־מצב. מען קאָן נישט זאָגן, אַז גרויסע אידייען קומען ווי זעלטענע סענסאַציאָנעלע נייסן וואָס קיינער האָט ביז אַהער נישט געהערט. פאַרקערט: אַלע גרויסע געדאַנקען קומען ווי די סאַמע פּשוטסטע זאַכן. זיי זענען געווען וויכטיק נייערט דערמיט, וואָס זיי זענען געקומען ווי נייע היסטאָרישע סינטעזעס. דווקא ווי סינטעזעס האָבן זיי געוואָלט פאַראייניטלעכן אין זייער אַספּעקט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און פראַגן, פון וועלכע עס באַשטייען די מענטשלעכע באַציאונגען צו דער געזעלשאַפט און צו דער וועלט.

אויפהויבן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף אַ העכערער מדריגה פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, מיינט: באַשאַפן אַ נייע אַפּריאָרישע איינהייט פאַר אַלע צוויאיקייטן. אַ נייע איינהייט מיינט: אַ נייעם לעבנס־סטיל און נייע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון.

מאַקס אַדלער האָט פאָרמולירט דעם אַספּעקט פון אונזערע דערקענטענישן און באַציאונגען — ווי אַ סאָציאַלן אַפּריאָרי. דערמיט האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ קאַנטיאַנישן טערמין ווי אַ באַזע פון אונזער וועלט־מצב. ער האָט געוויזן דעם פּסיכישן פּונקט ווי אַזוי מיר רעאַגירן אויף דער וועלט און אויף דער געזעלשאַפט — הן וואָס שייך פאַרגאַנגענהייט, הן וואָס שייך קעגנוואַרט, און הן וואָס שייך דער צוקונפט.

— 2 —

דער סאָציאַליזם איז אויך אין תוך אַ נייע דיאַלעקטישע סינטעזע. דעריבער איז ער במשך זיין אַנטוויקלונג געקומען צום דערקענטעניש, אַז זיין אויפגאַבע

---

*) די דאָזיקע דריי עסייען זענען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין הפסקות פון אַ לענגערער צייט. אַ סך מאָטיוון און געדאַנקען חזרן זיך אין זיי איבער. איך האָב אומישנע איבערגעלאָזט די איבערחזרונגען כדי דעם לייענער צו באַקענען מיט די פּראָצעסן פון מיין טראַכטן.

י. י. טרונק.

איז נישט בלויז צו פאַרענטפערן איין פּראָבלעם פון דער מענטשהייט, לאָמיר זאָגן דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם. אינעם אַספּעקט פון סאָציאַליזם ליגט ווידער די איינהייט פון אַ סאָציאַלן אַפּריאָרי. ער באַדאַרף זיין אַ נייע דיאַלעקטישע איינס פאַר אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען אין זייער טאָטאַליטעט.

נאָר אויף אָט דער ליניע ליגט דער היסטאָרישער פּראָגרעס פון סאָציאַליזם.

טיפערע סאָציאַליסטישע דענקער, ווי מאַקס אַדלער למשל, האָבן געוואָלט זען פון אַ סאָציאַליסטישן אַספּעקט אפילו די מעטאַפיזישע וויסנשאַפטן און אויך אַזעלכע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, וואָס ווערן אַרומגענומען דורך די באַגריפן פון גאָט און אייביקייט. נאָר אויבאויפיקע מענטשן האָבן דערין געזען אַבסטראַקטע „פּאָעזיע". ניין! אַנדערש איז גאָר נישט מעגלעך צו טראַכטן סאָציאַליסטיש. סאָציאַליזם איז אַן אַלגעמיינע מענטשלעכע סינטעזע אינעם ליכט פון אַ סאָציאַלן אַפּריאָרי.

— 3 —

די קאָמוניסטן האָבן אויך געפּרואווט אַריינצונעמען אַלע געביטן פון מענטשלעכער דערקענטעניש אין דעם באַנעמונגס־קרייז פון זייער שיטה. די קאָמוניסטן האָבן עס אָבער געטון ווי לויט אַ פּאָליציייאישן באַפעל. אין דעם האָט געשטעקט דאָס פאַלשע און דאָס טראַגישע. די קאָמוניסטן האָבן גענומען אַ קצבישע האַק און מיט איר געוואָלט מאַכן — אַן איידעלע און קאָמפּליצירטע געהירן־אָפּעראַציע. דער העכסטער גייסטיקער ווערט פון דעם מענטש איז זיין פרייהייט און זיין בחירה. מען קאָן נישט דעם אינדיווידועלן מענטש צעטרעטן ווי אַ וואָרעם און דערמיט מאַכן די סינטעזע פון אַ העכערער געזעלשאַפט. יעדע שעפערישע דיאַלעקטיק איז אַן אַנטוויקלונגס־קייט פון מדריגות פון פרייהייטן און בחירות.

די העכערע מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אַ סינטעזע פון אינדיווידועלע פרייהייטן, פרייע און סינטעטישע מענטשלעכע איינהייט — דאָס איז סאָציאַליזם.

— 4 —

די יעניקע וואָס ווילן זען דעם סאָציאַליזם נאָר אויף אַ ספּעציעלער אַנטוויקלונגס־מדרגה, לאָמיר זאָגן אויף דער ליניע פון דער עקאָנאָמיק — די האָבן שוין דערלעבט און וועלן נאָך דערלעבן אַ סך אַנטוישונגען. פאַר יעדן איינצלנעם פּראָבלעם פון דער געזעלשאַפט זענען פאַראַן באַוועגונגען וואָס וועלן עס אפשר מאַכן אַזוי גוט ווי דער סאָציאַליזם. ווערליק ווי מיר זעען אין אַמעריקע, איז עס גרייכער מעגלעך אַז די טרייד־יוניאַן־באַוועגונג, ציי גאָר דער קאַפּיטאַליסטישער „וועלפעיר־סטעיט" זענען אויך בכוח ראַדיקאַל צו לינדערן די עקאָנאָמישע נויטן פון דער געזעלשאַפט. דאָס זעלביקע קאָן מען אפשר אויך באַווייזן אויף אַנדערע געביטן. אויב דער סאָציאַליזם האָט נישט קיין אַנדערע אידעאָלאָגישע אַמביציע סיידן ווי צו זיין טעטיק אויף באַזונדערע געביטן האָט ער אפשר קאָנקורענטן וואָס וועלן זיך וואויל אַן עצה געבן אָן אים —

אַלצדינג צו טון אין ליכט פון אַ העכערער דיאַלעקטישער סינטעזע, — דאָס הייסט, צו זיין אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון אַ העכערן סאָציאַלן אַפּריאָרי — דאָס קאָן נאָר טון דער סאָציאַליזם.

ער איז אַ נייע היסטאָרישע איינס. אין דעם ליגט זיין גוזעלשאַפט־לעכער פּראָגרעס.

— 5 —

די נעמלעכע ראָל שפּילט דער „בונד" אין דער באַוועגונג פון דער יידישער געשיכטע.

אויך דאָ טוט מען אַ גרויסן פעלער, אויב מען וויל באַגרענעצן זיין ראָל נאָר אויף טיילווייזע געביטן פון יידישן לעבן. אויף די טיילווייזע געביטן זענען אפשר פאַראַן באַוועגונגען וואָס וועלן עס מאַכן פונקט אַזוי גוט ווי דער „בונד". די וואָס פאַרשטייען פאַלש די דערשיינונג „בונד" אין דער יידישער געשיכטע, באַגרענעצן זיין פּראָגרעסיווע ראָל נאָר אויף באַשטימטע תקופות און געביטן. אַזוי ווי אין דער יידישער געשיכטע — איבערהויפּט אין די לעצטע טראַגישע צייטן — האָבן זיך די תקופות און באַדינגונגען זייער ראַש געביטן, קאָן עס לויט אַט־דעם געדאַנקען־גאַנג אויסקומען, אַז דער „בונד" האָט שוין דאָס זייניקע אָפּגעטון און ער האָט מער נישט קיין באַטייט פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע.

די וואָס ווילן צעפּיצלען דעם „בונד" — און אַזעלכע געפינען זיך אויך אין אונזערע אייגענע רייען — די, וואָס ווילן אים צושרייבן נאָר געוויסע פונקציעס, און זעען אים נישט דעם „בונד" ווי אַן אויפבויערישע איינס פון אַ היסטאָרישן אַפּריאָרי — די האָבן ווירקלעך נישט מער וואָס צו זאָגן.

— 6 —

דיאַלעקטיש — ווערדליק ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט אין זיינע טיפענישן — איז דער „בונד" געוועזן דאָס דינאַמישע געשטאַלט פון דער יידישער געשיכטע. זיין רעוואָלוציאָנערישקייט איז געלעגן אין דעם, וואָס ער האָט די יידישע געשיכטע געוואָלט אַריבערטראַנספאָרמירן אויף די וועגן פון דעם נייעם סאָציאַלן אַפּריאָרי פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — און דאָס מיינט דעם סאָציאַליזם.

די יידישע געשיכטע אין איר עצם האָט זיך — פון אירע אָנהויבן זינט די נביאים — אַנטוויקלט ווי אַ היסטאָרישער סאָציאַלער אַפּריאָרי. זי איז געווען די געשיכטע פון אַ געוויסן אידעאָלאָגישן וועלט־צושטאַנד פון אַ נאַציע. מחמת דער באַזע פון איר סאָציאַלן אַפּריאָרי איז זי געוואָרן די געשיכטע פון אַ מענטשלעכער גייסטיקייט. די געשיכטע פון אַ וועלט־סינטעזע צי פון אַן אחד. דאָס „לאַנד" איז קיינמאָל נישט געווען די באַזע פון נאַציאָנאַל־יידישן געשטאַלט. ווערדליק דעם תנ"ך האָבן יידן באַקומען דאָס „לאַנד" נאָר ווי אַ „פּרעמיע" פון יידישן גאָט — און נאָר בתנאי אַז זיי וועלן גיין אויף דער ליניע פון אַ פאַרגעשריבענער וועלט־אידייע. טאָמער

איז די יידישע נאַציע געוואָרן אַפּטריניק צו איר וועלט־אידייע האָט מען איר די געשענקטע „פּרעמיע“ צוריק גענומען.

ווערליק ווי עס איז געבויט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע געשטאַלט האָט עס נישט קיין שום היסטאָרישן ווערט, ווען עס באַזירט זיך נישט אויף דעם המשך פון אַן אידעאָלאָגישער ליניע.

די ציוניסטן ווילן אָוועקשטעלן דאָס נאַציאָנאַלע געשטאַלט פון יידן דווקא אויף דער באַזע פון אַ לאַנד. דערמיט גייען זיי קעגן אַלע היסטאָרישע טענדענצן פון דער יידישער נאַציע.

— 7 —

דער סאָציאַליזם איז אַ נייער אַפּריאָרי פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דער „בונד“ איז דער נייער אַפּריאָרי פון דער געשיכטע פון יידן. אָבער דער „בונד“ איז אַן אַפּריאָרי פון אַ יידישן סאָציאַליזם. דאָס מיינט: די דינאַמישע יידישע נאַציע אינעם ליכט פון סאָציאַליזם. ווי אַן אַפּריאָרי דאַרף דער „בונד“ אין זיך אַריינגעמען אַלע דיאַלעקטיש־אויפבויערישע עלעמענטן פון דער יידישער געשיכטע. ווי אַן אַפּריאָרי דאַרף דער „בונד“ זיין טאָטאַל וואָס שייך אַלע פּראָבלעמען פון דער היסטאָרישער יידישער נאַציע. אין דערין ליגט זיין עצם עקסיסטענץ.

די סינטעזע פון רעוואָלוציע און המשך איז די איינס פון יעדער פּראָגרעסיוו זיך־אויפבויענדיקער טעזע.

נאָר ווען דער „בונד“ וועט באַנעמען אָט די היסטאָרישע שליחות זיינע, קאָן ער באמת ווערן די באַזע פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן קיום אין דער געשטאַלט פון אַ רעוואָלוציאָנער־שעפערישער קאָנטינואיטעט.

— 8 —

דער „בונד“ שטייט איצט אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה פון זיין באַוועגטקייט. די ערשטע האַמעטנע תקופה פון אַנטוויקלען זיך אין רעוואָלוציאָנערע טאָטן — און אין אָט די טאָטן לייטערן זיין זעלבסט־דערקענטעניש — די דאָזיקע תקופה איז פאַרענדיקט. און טראַגיש פאַרענדיקט.

דער „בונד“ ווי אַ רעוואָלוציאָנערער און סינטעטיש־אויפבויערישער אַפּריאָרי פון אַ יידישער נאַציע אין דעם אַפּריאָרי פון סאָציאַליזם — האָט נאָך גרויסע אויפגאַבן. ער קאָן ווירקלעך צופירן די יידישע געשיכטע צו אַ נייעם סינטעז. מען דאַרף זיך דורכאויס קלאָר ווערן וואָס עס מיינט היסטאָריש „בונד“. קלאָר ווערן קאָן מען זיך נאָר דאַן, ווען מען באַפרייט זיך פון פון אַ סך פאָראורטיילן וואָס האָבן רק געהאַט אַ שייכות צו דעם ערשטן עטאַפּ פון דער פאַרגאַנגענער בונדישער תקופה. פאָראורטיילן זענען העמונגען פאַר אַ פרייער און שעפערישער אַנטוויקלונג פון אַ באַוועגונג. מיר דאַרפן האָבן דעם מוט זיך צו פאַרטיפערן אין אונזער בונדישן פּראָגראַם. מיר דאַרפן בעסער פאַרשטיין דעם באַטייט פון אונזערע בונדישע לאָזונגען.

אַ קליינער ביישפּיל:

וועלט־פֿאָלק איז אַ גוטער בונדישער טערמין. אָבער עס מיינט נישט, אַז ווייל יידן זענען פֿאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט טאָרן זיי זיך נישט זאַמלען אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. אַזאַ פֿילאָזאָפֿישע אינערציע וואָלט אין תוך געווען היפּש ציוניסטיש. עס וואָלט געהייסן — ווי פּלעכאַנאָוו האָט אַמאָל געזאָגט — אַז די בונדיסטן זענען ציוניסטן וואָס האָבן מורא זיך אַריבערצושיפֿן איבערן וואַסער. דער „בונד" שטייט אין סתירה צום ציוניזם נייערט דערפֿאַר, ווייל ער איז אַן אַנדערער אַפּריאָרי פֿון דער יידישער געשיכטע.

ווען דער „בונד" זאָגט וועלט־פֿאָלק, מיינט עס די נאַציאָנאַלע סינטעזע פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק מיט דער וועלט און מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער מענטשהייט. און דאָס מיינט די המשכדיקע אידייע פֿון יידישן קיום ווי אַ נאַציע.

יידיש וועלט־פֿאָלק מיינט — אַ פֿיאָנערישע אידייע פֿאַר דער צוקונפֿטיקער סאָציאַליסטישער מענטשהייט. דאָס איז דער סאָציאַליסטישער אַפּריאָרי פֿון „בונד" אין דער דינאַמיק פֿון דער יידישער געשיכטע.

• • •

נ י י ע ע ט י ק

— 1 —

די גרענעצן פֿון אונזערע עטישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן דערלאַנגען נישט ווייטער ווי עס דערגרייכן די שטחים פֿון אונזער באַוואוסטזיין. וואָס מיר ווייסן נישט פֿון זיך אַליין און אין זיך אַליין — פֿאַר דעם קאָנען מיר נישט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך.

עס איז העכסט וואַרשיינלעך: האַרט הינטערן גן־עדן פֿון אונזערע העכסטע מחשבות און בעסטע מעשים געפֿינט זיך אַ תהום וואָס איז פֿינצטער און טיף ווי דאָס אומענדלעכע גיהנם. אויב אונזער קאָפּ שטעקט אין אַ געוויס ליכטיקייט, איז אונזער אונטערלייב דאָס לייב פֿון דעם נחש הקדמוני. דער מענטש — אויף די פּליינען פֿון זיין נפש וואו עס הערשט נאָך די טונקלעניש„ דאָרט איז ער — וועדליק אונזער לעצטער, פּראַקטישער דערפֿאַרונג — די ביטערסטע און גרויזאַמסטע קרעאַטור פֿון אַלע ביטערע און גרויזאַמע קרעאַטורן.

די גנאָסטישע וויסנשאַפֿטן האָבן געשיינט עפּעס דערפֿון צו וויסן. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אָט־אָ די אמתן. דערימעך האָבן זיי נאָך טונקעלער געמאַכט די אור־וועלדער אַרום אונזערע מחשבות.

ערשט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן האָבן מיט ראַציאָנעלערע מעטאָדן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די תהומות פֿון דעם איראַציאָנעלן

און אין די אָפּגרונטן פון דעם צייטלאָזן און אייביקן וואָס מיר טראָגן אַרום אין די הרף־עינס פון אונזער פאַרגענגלעכקייט.

דאָס איראַציאָנעלע — און דאָס וואָס עס איז טונקלעניש אין אונז — איז געוואָרן ווי־עס־איז ראַציאָנאַליזירט און ווי־עס־איז באַלויכטן מיט אונזער באַוואוסטער דערקענטעניש. דורך דעם, זענען ממילא די גרענעצן פון אונזער באַוואוסטקייט געוואָרן אויסגעשפרייטער. אַלערליי פון אונזערע אומבאַוואוסטקייטן זענען צייטיק געוואָרן אַריינגענומען צו ווערן אין די שטחים פון דער פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אונזער לעבן — ד״ה אין די שטחים פון אונזערע עטישע פליכטן.

— 2 —

די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם ד״ה פון דער קומענדיקער קלאַסנ־לאָזער געזעלשאַפט, האָט קאַרל מאַרקס פאַרבונדן מיט דער דיאַלעקטיק פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די גאַנצע אַנטוויקלונגס־פּיראַמידע פון דער געשיכטע, — אויב ס׳איז איר באַשערט אַ פּראָגרעסיווע צוקונפט און עס שטייט איר נישט פאָר צוריק צעפאַלן צו ווערן אין תוהו־ובוהו און דע־גענעראַציע — האָט מאַרקס פאַרבונדן מיט דער דיאַלעקטיק פון די עקאָ־נאָמישע פּראָצעסן. געוויס איז דאָס זייער לאָגיש. געוויס איז דאָס הונדערט פּראָצענט ריכטיק.

אָבער די אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע געשעט נישט בלויז אין די פּראָצעסן פון איין ספערע און נייערט דורך איין דיאַלעקטישן גאַנג.

אַז איין געשעעניש געשעט צוגלייך אין פאַרשיידענע עולמות און אין פאַרשיידענע ספערעס — דעם דאָזיקן פאַקט האָבן די קבלה און אַנדערע גנאָסטישע וויסנשאַפטן מן־הסתם גענומען פון אַן אַלטער דערפאַרונג. זיי האָבן זיך דערפון דערוואוסט סיי אין די וועגן פון דער קאָלעקטיווער געשיכטע און סיי אין די דרכים פון אונזער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג. אַט די דערפאַרונג ווערט אויף הונדערט פּראָצענט באַשטעטיקט פון די לעצטע תקופות, וואָס אין זייער שטורעמדיקייט האָבן זיי אויפגעטרייסלט אַ סך פון די הויפּט־יסודות פון דער מענטשלעכער געשיכטע. הויפּט־יסודות, — ווייל זיי זענען געלעגן אין די טונקלענישן פון אונזער אומבאַוואוסטן, האָבן מיר זיי נישט געזען און האָבן זיי באַטראַכט ווי בבא־מעשיות פון פּאָעטן און מיסטיקער.

איך בין זיכער, — ווען דער סאָציאַליזם וואָלט זיך נישט געווען בלויז באַזירט אויף דער דיאַלעקטיק פון דער עקאָנאָמישער ספערע און וואָלט אויך אַריינגענומען אין זיין חשבון די אַנדערע, נאָך טיפערע מאָטאָרן וואָס טרייבן אונזערע מחשבות, אונזערע ליידנשאַפטן און אונזערע מעשים, — דעמאָלט וואָלטן מיר, סאָציאַליסטן, אפשר געווען פאַרשפּאָרט אַ סך ביטערע און אַנטמוטיקנדיקע אַנטוישונגען.

— 3 —

מן־הסתם געהער עס צו די חשבונות פון דער מחשבה פון דער געשיכטע, נעמלעך —

גראַד אין די לעצטע תקופות זענען אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך אַ סך אונטערשטקייטן, אַ סך איראַציאָנעלעס; אַ סך וואָס מיר האָבן ניט געוואוסט דערפון. אפילו נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז מיר טראָגן עס אַרום אין אונזערע אינסטינקטן און געבלוטן.

עס איז, זעט זיך אויס, געלעגן אין דער ראַציאָ פון דער תקופה וואָס טראַכטנדיקע מענטשן האָבן זיך באַפרייט פון אַפולע אָבערגלויבערישקייטן און זאַבאַבאָנעס פון דעם מאַטעריאַליזם און האָבן אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער צו ווערן אויף די שטחים וואָס נעמען אַרום דעם שטח פון אונזער באַוואוסטזיין.

— 4 —

נחזור לענינו —

מיר זענען טאַקע עטיש נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אומבאַוואוסטע און טונקעלע מרחקים פון אונזער אינערלעך לעבן.

קוים אָבער עפענען מיר אויף עטלעכע פון אָט די קעלערן און ברענגען דאָרט אַריין ליכט און צוזאַמענהאַנג, — ווערן מיר ממילא עטיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומבאַוואוסטן וואָס ווערט אונז באַוואוסט.

מיר טראָגן טאַקע נישט קיין אחריות פאַר דעם וואָס מיר ווייסן נישט. מיר טראָגן אָבער די פולע אחריות פאַר דעם וואָס מיר ווייסן יאָ. קעגן קינדער, קעגן שוואַכזיניקע צי קעגן שלאָפנדיקע מענטשן, האָבן מיר נישט קיין רעכט אָנצואווענדן אונזערע מאָראַלישע מאָסן. מיר האָבן דאָס פולע רעכט זיי אָנצואווענדן קעגן עמיצן וואָס ווייסט דעם דין און דעם חשבון.

אויב מיר האָבן אַ סך דערגרייכט אין די וויסנשאַפטן פון דעם אומבאַוואוסטן, ווערן מיר דערמיט גענויטיקט אָנצואווענדן אַ געזעצמעסיקע קאָנסעקווענץ. — ד"ה מיר דאַרפן צוצופאַסן דערצו דעם גאַנצן סך־הכל פון אונזערע עטישע פליכטן און באַציאונגען.

מיר הייבן אָן צו ווערן עטיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, פאַר וועלכן מיר זענען ביז אַהער נישט געווען עטיש פאַראַנטוואָרטלעך.

אויב מיר האָבן באַוויזן צו ראַציאָנאַליזירן טיילן פון דעם איראַציאָנעלן, האָבן מיר ממילא אָט־אָ די טיילן אַריינגענומען אין דעם חשבון פון אונזער עטיק.

— 5 —

די עטישע פליכטן פון איין אינדיווידועלן מענטש צום צווייטן אינדיווידועלן מענטש פאַסן שוין מער נישט צו צו די שטאַנדן וואו אַהין עס האָט דערגרייכט אונזער דערקענטעניש —

ווערדליך ווי מיר ווייסן היינט צו טאָג איז דער אינדיווידועלער מענטש, דער יחיד הייסט עס, נישט קיין שום זעלבסטשטענדיק־אָפגעגרענעצטער

פענאָמען. ער איז גייערט ווי אַ פונקט אינמיטן אַ געשעען פון קאָלעקטיוועאון היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען. צוזאַמענהאַנגען וואָס זענען צוגלייך סיידינאַמישע צייט און סיי סטאַטישע צייטלאָזיקייט. דאָס דאָזיקע נאָוואָטאָרישע דערקענטעניש וועגן דער יחידישקייט, האָט נישט קיין שייכות בלויז צו דעם מענטש און צו זיינע ביאָלאָגישע מיט־עקזיסטענצן. אויך אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַט דער זייער רעוואָלוציאָניזירנדיקער השגה. דער אַטאָם, דער עלעקטראָן, דער קוואַנט ציַ נאָך אַ קלענערע פיזיקאַלישע איינס זענען אויך נישט מער ווי אינדיווי־דואַליזירטע פונקטן אינמיטן פון דינאַמיש־קאָסמישע שייכותן פון „קראַפט־פעלדער". די נאָענטע „קראַפט־פעלדער" אַרום דעם פיזיקאַלישן קערן קאָנען מיר מעסטן פונקט אַזוי ווי מיר קאָנען אַנאַליזירן און באַחשבונען די נאָענטע „אומבאַוואוסטקייט־פעלדער" אַרום דעם באַוואוסטן קערן פון אונזער פסיכיק. הינטער די „קראַפט־פעלדער" ציען זיך אָבער אומענד־לעכע און אומבאַקאַנטע פיזיקאַלישע מרחקים. אין דער וועלט איז נישטאָ קיין וואַקוואום. ס'איז אין דער עקסיסטענץ נישט פאַראַן קיין עקסיסטענצ־לאָזיקייט.

דאָס וואָס מיר ווייסן נישט — בעסער געזאָגט: דאָס וואָס מיר ווייסן אומבאַוואוסט אַרום דעם פונקט פון אונזער וויסן, איז מן־הסתם טיף און אומענדלעך און נישט־דערגרייכבאַר אין איר אין־סופישקייט — פונקט ווי די גאָטהייט.

— 6 —

היינט צו טאָג — און ווערליק אונזערע נייע השגות — מוזן מיר איבער־בויען די קאָנסטרוקציע פון אונזערע עטישע פליכטן כדי געגוג צו טון דעם קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו פון אונזער אינערלעך פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל. מען קאָן עס נאָר טון אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכע קאָנסטרוקציע וואו די צווישן־באַציאונגען פון מענטש צו מענטש זענען ענגער און אָרגאַנישער פאַרבונדן אין זייערע שייכותן. ווערליק דעם מצב פון אונזערע היינטיקע דערקענטעניש איז גאָר נישט מעגלעך קיין אַנדערער עטישער באַשטאַנד סיידן אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט און אין אַ בשותפותדיקער עקאָנאָמי־שער פראָדוקציע. אויב דאָס באַוואוסטזיין האָט פונאַנדערגעשפרייט אירע גרענעצן צו די פליינען פונעם קאָלעקטיוון, מוז אָט דער איבערגאַנג — אויב ער וויל זיין דיאַלעקטיש־פּראָגרעסיוו — אויך ווערן דאָס געשעעניש אין די אַנדערע ספערעס פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. מוז עס זיין דאָס דיאַלעקטישע געשעעניש סיי אין די גייסטיקע און סיי אין די עקאָנאָמישע ספערעס.

אין אונזער גייסטיקייט און אין אונזער עטיק — זי איז דער קאַטעגאָרי־שער אימפעראַטיוו פון אַלצדינג וואָס האָט אַ שייכות צו אונזער געוויסן — מוזן מיר אויך ווערן עפּעס אַזוינס ווי אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. אונזערע פליכטן און אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט מוזן זיך צופּאַסן צו אָט דער

קאָלעקטיווער איינס פונקט אַזוי ווי זיי האָבן — אין די פריערדיקע תקופות — זיך געהאַט צוגעפּאַסט צו דער יחידישער איינס.

— 7 —

דער סאָציאַליזם איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן עס קאָן פּראָגרעסיוו גיין די נייע עטיק. די עטיק וואָס איז דער פּועל־יוצא פון אונזער פּסיכאָלאָגישער דערקענטעניש. דאָס איז וואָר אַזוי ווי קיינמאָל נישט.

אַ נישט סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, צי אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פון יחידים און יחידישקייט, מעג זי אפילו זיין אַ „וועלפער סטעיט" — שטייט זי אָבער — דיאַלעקטיש — אין פולשטענדיקסטן ווידערשפּרוך צו דער נייער עטיק, צו דער קאָלעקטיווער עטיק. יעדער ווידערשפּרוך — אויב ער איז נישט אויפבויעריש אין זיין היסטאָרישער דינאַמיק — מוז סוף כל סוף דעגענערירט ווערן.

סאָציאַליזם מיינט נישט בלויז די דיאַלעקטיק פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די פּראָגרעסיווע קאָלעקטיווע פאַרבונדנקייט איז דורכאויס אַ פּראָצעס וואָס געשעט אין אַלע ספערעס פון אונדזער עקסיסטענץ. אין די אונטערשטע ווי אין די אויבערשטע עולמות פון אונזער לעבן אויף דער וועלט. אומעטום וואו מיר ווילן דערגרייכן אַ העכערע מדרגה, קאָן זי נישט מער דערגרייכט ווערן בלויז אין די גרענעצן פון אונזער יחידישקייט. אומעטום ווייזט זיך היינט צו טאָג אַרויס אַז דער יחיד, דער פּריוואַט־מאַן צי די פּריוואַט־איניציאַטיוו, איז נישט מער ווי אַ פּונקט אינמיטן פון אַן אַלערליי פון קאָלעקטיווע און היסטאָרישע שייכותן. אומעטום איז די קלאַסנלאָזיקייט דער דורכאויסיקער וועג וואָס פירט צום שפּיץ פון דער לייטער פון דער געשיכטע.

נישט נאָר עקאָנאָמיש — אויך גייסטיק, און אויך עטיש איז פאַר אונז נישט מעגלעך קיין אַנדער וועג ווי דער סאָציאַליזם.

אָבער — בלויז — ווען מיר זעען דעם סאָציאַליזם אין דעם אַספּעקט פון אַן „אויב נישט נאָך העכער".

ניו־יאָרק, 25 נאָוו. 1954.

• • •

דער מענטש אין קאָסמאָס

— 1 —

ס'איז אַן אַלטער היסטאָרישער פאַקט: מיט יעדן טריט ווייטער וואָס מיר טוען סיי פאַר דער אַנטוויקלונג און סיי פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער לעבן און טראַכטן — רופן מיר צוגלייך אַרויס אַ גאַנצע מחנה פון איינערלעבע פּסיכישע שאָטנס. על פּי רוב זענען זיי פיינטלעך צו דעם דרך־הישר

פון אונזער ראַציאָ. אָט די טראַגישע קעגנשפּילער האָט די מענטשהייט באַמערקט באַלד ביי די ערשטע טריט — און שפּעטער אויך — אין דער אַנטוויקלונג פון איר היסטאָרישן וועג. די אָדם־הראשונס, די שפּראַךשאַפער — וואָס האָבן אַ יעדער פון זייערע דערפאַרונגען אויסגעדריקט געשטאַלטעריש און מיטיש — האָבן די דאָזיקע טראַגישע קאָנפליקטן געשילדערט מיט מיטישע בילדער. די דראַמאַטישע געשעענישן אין דער קאָלעקטיווער און אינדיווידועלער פּסיכיק האָבן יענע מענטשן דערציילט ווי פון אַן אייביקן קאַמף אין אַ געטער־הימל.

שפּעטער איז די מיטישע מענטשהייט פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַ קליין הייפל קינסטלער און געשטאַלטער. תמיד אָבער איז פון דאָס ניי אַרויסגעקומען דער דראַמאַטישער קאַמף פון דעם ראַציאָנעלן איך מיט אַ תהום פון קאָלעקטיווע איקסן און שאַטנס. אָט דער קאַמף האָט זיך כמעט תמיד אויסגעלאָזט מיט דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דעם ראַציאָנאַלן מענטש.

כ׳זאָל וועלן ברענגען ביישפּילן וואָלט איך דאָ געמוזט אויפמישן די מיטאָלאָגיעס און דיכטונגען פון אַלע פעלקער און קולטורן פון אונזער פּלאַנעט. איך וועל מיך דערפאַר באַגניגענען מיט צוויי ביישפּילן פון דער אַלטער און נייער צייט. ביישפּילן וואָס וועלן גענוג אויסדריקן דאָס געזאָגטע.

אין חומש „בראשית" האָבן מיר אַ מעשהלע מיט אַ דור־הפלגה. מענטשן האָבן געבויט אַ טורעם צו דערגרייכן די העכסטע גאָטהייט און צו ווערן גאָט־גלייך. מען דאַרף נישט צו זיין קיין גרויסער סימבאָליסט כדי צו זען, אַז מיר האָבן דאָ אַ מיטיש משל פון דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. פון די דערגרייכערישע אַמביציעס פון דער דאָזיקער דערקענטעניש. די חומש־מעשה פון „דור־הפלגה" האָט אירע ענלעכע וואַריאַנטן כמעט אין אַלע מיטאָסן פון פאַרשיידענע פעלקער. עס באַווייזט דאָס בילד פון אַן אַלטער ביטערער דערפאַרונג וואָס די מענטשהייט — אויפן גאַנצן פּלאַנעט — האָט שוין אין יענע פריע צייטן געהאַט געמאַכט מיט די אַמביציעס פון איר ראַציאָ. אויך דער סוף פון אָט דער געשיכטע איז געווען באַקאַנט דער גאַנצער מענטשהייט. די גאָטהייט צי די גאָטהייטן — זיי סימבאָליזירן פאַר אונז דעם לעצטן סוד פון דער עקזיסטענץ — זענען געקומען פון זייערע הימלישע הויכענישן צי פון זייערע טונקלסטע תהומען און האָבן צו־נישט געמאַכט די אַלע טורעמס. די מענטשן זענען שווער באַשטראָפט געוואָרן. אויפן בעסטן פאַל זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אייביקן חוזק.

דעם צווייטן ביישפּיל וויל איך ברענגען פון שעקספּירס „שטורעם". עס איז נישט דער מיטאָס פון אַ פאָלק, רק אַ טיף באַטראַכטעניש פון אַ גרויסן שאַפערישן יחיד. ער קומט אויך צו דער זעלביקער מסקנה. שעקספּיר דערציילט אונז אַ דראַמאַטישע מעשה — אָבער ער דערציילט זי ווי אַ יחיד און וועדליק דער פאָרם פון דעם מאָדערנעם מיטאָס וואָס מיר רופן קונסט. שעקספּיר שילדערט אויך די דיאַלעקטיק פון דער פּסיכיק און די צוויי

אַמביוואַלענטע כוחות פון וועלכע זי ווערט כסדר באַשטימט. זענען פּראָס־פּעראָ און קאַליבאַן די כוחות פון דעם גוטן און דעם שלעכטן? איז פּראָספּעראָ דער גייסטיקער מענטש פון דער ראַציאָ און קאַליבאַן — דער מענטש וואָס איז נאָך אונטן ביי דער חיה און אין דער נאַטורהאַפטיקייט? גוטס און שלעכטס, מענטש און חיה זענען בלויז גאַנץ אויבנאויפיקע באַגריפן פאַר דעם אייביקן געראַנגל וואָס מיר רופן מענטשלעכע פּסיכיק. געטלעך און טייוולאָניש וואַלטן געווען בעסערע און פּאַסיקערע אויסדרוקן. וואָס איז געטלעך? איז עס דאָס ראַציאָנעלע שטרעבן צו אַ דערקענטער האַרמאָניע און צו עפּעס אַ פּאַרנונפטיקן סדר אין און אַרום דעם מענטש? וואָס איז טייוולאָניש? דאָס איז גאָר שווער אויסצודריקן. כאָאָס? רשעות? שלעכטס און בייזקייט? ווייל דאָס געטלעכע מאַכט אונז צופרידענער, גליקלעכער און פּאַרנונפטיקער ווי דאָס טייוולאָנישע, — מחמת דערימעך האָבן מיר דער־פאַר מער אויסדרוקן ווי פאַר דעם כוח וואָס קומט פון טיפסטער פינצטערניש און רופט אונז צוריק צו דער פינצטערניש.

אין „שטורעם״ שילדערט שעקספּיר אַזאַ אינזל פון גליקזעליקייט. דאָרט הערשט פולשטענדיק די פאַרנונפטיקע מענטשלעכע מחשבה. עס איז אַ כישוף־לאַנד פון סאַמע גוטס. אַלצדינג איז אונטערטעניק צו אָט דאָס אַלדאָס־גוטע און שטייט איר צו דינסטן. אָבער איינער אַ פרעמדער געפינט זיך פאָרט אויף דעם גליקלעכן אינזל. קאַליבאַן. אין פלוג איז ער דער אונטער־שטער משרת פון דעם גוטן קיניג פּראָספּעראָ. קאַליבאַן קומט פון יענער אומבאַקאַנטער פינצטערער וועלט וואָס מיר רופן זי: טייוול. אויב פּראָספּעראָ פאַרגעסט זיך קאָן יעדע רגע קאַליבאַן מאַכן אַ תל פון דעם אַלדאָס גוטן. אויב פּראָספּעראָ פאַרגעסט זיך קאָן יעדע רגע קאַליבאַן איבערגעבן די וועלט אין די הענט פון שטן.

וואָס איז דער מיין? עס איז נישט שווער צו דעפינירן. איבעראַל און אומעטום געפינען מיר דעם טייוולאָנישן קעגנשפּילער פון דעם געטלעכן. וואָס די געטלעכקייט וויל ווייסן מיר. איר ווילן איז דער העכסטער פּונקט פון אונזער ווילן צום גוטן. וואָס וויל דער טייוול? וואָס זענען זיינע מחשבות וועגן די עקסיסטענצן? דאָס איז פאַר אַלע מענטשלעכע דורות און קולטורן געווען אַ בוך וואָס איז צוגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

— 2 —

די תקופה אין וועלכע מיר לעבן קאָנען מיר דרייסט אָנרופן אַפּאָקאַ־ליפּטיש. ריכטיקער וועט עס זיין ווען מיר וועלן זי אָנרופן תוהו־ובוהו. אַלע תקופות וואָס מיר קאָנען ביז איצט זענען געווען אָדער תקופות פון ראַציאָ אָדער תקופות פון איראַציאָ, אָדער תקופות פון גאָט אָדער תקופות פון טייוול. די בינע פון דער וועלט איז תמיד געווען צו קליין, אַז אָט די ביידע קעגנשפּילער זאָלן אויפטרעטן צוזאַמען.

אין אונזער תקופה האָט זיך די וועלט־בינע אויסגעשפּרייט אויף כמעט

אומענדלעכע דימענסיעס. אויף אונזער קליינעם פּלאַנעט איז איצט פאַראַן געגנוג אָרט פאַר די הימלען און פאַר די תהומות. פאַר די געטער און פאַר זייערע טייוולאַנישע קעגנשפּילער. דער קאָסמאָס האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ יאַריד פון בחירות. דער מענטש איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שייד־וועג ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין געשיכטע. אַלצדינג איז פאַר אים אויסגעלייגט געוואָרן ווי אויף אַ טעלער. אַלצדינג ווערט אים אָנגעבאָטן ווי אַ „זע און נעם". ער קאָן זיין גליקלעכער ווי אָדם־הראשון אין גן־עדן. ער קאָן אָבער זיין אומגליקלעכער ווי די וויינענדיקע ניאָבע. ער קאָן זיין דער דערלייזנדיקער גאָט. ער קאָן אָבער אויך זיין דער פאַרניכטנדיקער טייוול. די געטער און די טייוולאָנים — פון דעם קאָסמאָס אינעווייניק אינעם מענטש, און פון דעם קאָסמאָס איבער זיין קאָפּ — זיי שטייען פאַר אים מיט אָפענע הענט און זענען גרייט אים אַלצדינג צו געבן. ער דאַרף נאָר בלויז פאַרלאַנגען. עס דוכט זיך אויס: אויף די ביכער מיט אַלע וועלט־געהיימענישן ליגן אויפגעבלעטערט פאַרן בן־אָדם. לעבן זיי שטייען פּראָספּעראָ און קאַליבאַן. איטלעכער פון זיי רופט דעם מענטש און וויל אים אַראָפפירן צו די לעצטע געהיימענישן און צו די געזעצן פון דער העכסטער און אונטער־שטער געזעצלאָזיקייט. און דער מענטש?

ער שטייט מיט איין פוס אין דער ליכטיקייט און מיטן צווייטן פוס אין דער פינצטערניש — און קאָן זיך נישט דעצידירן.

— 3 —

די דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן זענען די בוי־שטיינער פון דער מענטש־לעכער פּסיכיק און געשיכטע. ווערליק דעם היינטיקן וועלט־בילד האָבן זייערע אַמאָליקע קאַמפן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון קאַמפן פון הענער און לעמעלעך. היינט זענען זיי וועלט־קאַטאַסטראָפעס. אַמאָל זענען די ווידערשפּרוכן געווען נייערט אַבסטראַקטע כוחות. היינט האָבן זיי זיך פאַר־וואַנדלט אין פאַקטישע טאַטן אין די הענט פון טייוולאָנים און געטער. די וועלט־האַרן האָבן איצט נישט בדעה זיך צו שפּילן מיטן מענטש וואָס איז בטבע אַ וואַקלדיקער און אַ פּוסח על שתי הסעיפים. די פראַגע: קאָפּ צי שלאַק? גליק צי אומגליק? אויפבוי צי אומקום? זענען סיי פון די געטער סיי פון די טייוולאָנים געשטעלט געוואָרן אויפן שפּיץ מעסער.

כדי דער בן־אָדם זאָל זען דעם ביטערן ערנסט פון די היינטיקע פּראָב־לעמען האָט מען אים געוויזן זיינע טעותים וועגן דער עקסיסטענץ און ווי פאַלש ער האָט זיך אין זיינע הנחות אָריענטירט. דער מענטש האָט תמיד געמיינט, אַז אין די שפּאַרונעס צווישן מאַטעריע און גייסט וועט ער זיך ווי עס איז אַדורכשטופּן. איך וועל לאַווירן — האָט דער מענטש געטראַכט — צווישן דעם אויבערשטן און דעם אונטערשטן אַהין און אַהער און וועל זיין — האָט דער מענטש געטראַכט — אַ קליינער גאָט און אַ קליינער טייוול.

אין דעם דאָזיקן פּרט האָט דער מענטש געמאַכט אַ חשבון אָן דעם

באַלעבאָס. ער האָט באַטראַכט די אינערטישע מאַטעריע ווי אַ פּאַסיוון דומם. מען קאָן מיט איר טון וואָס מען וויל — און זי בלייבט אין אייביקן שווייגעניש. ווי טראַגיש פאַלש! דאָס דוממדיקע שווייגעניש פון דער מאַטעריע איז נישט ווייניקער ווי געפּענטעטע ענערגיע. איין דעם קלענסטן טייל פון איר ליגט אַ כוח וואָס קאָן צוריק אַלצדינג אויפרייסן און צוריקפירן די טאַט פון מעשי־בראשית צו דעם אורשפּרונגלעכן תוהו־ובוהו. די שטומע מאַטעריע איז נישט ווייניקער ווי אַ פאַרשלאָסענע טיר צום כאַאָס. דאָרט וואַרטן די געטער און די טייוולאָנים, אַז עמעצער זאָל נאָר אָנקלאַפּן און נאָר אָנרופן זייער ריכטיקן נאָמען — און זיי וועלן אָנהויבן דאָס וועלט־שפּיל פון שאַפן און חורבן פון גאָר אַ נייעם אויפסניי.

— 4 —

זינט דער מענטש איז געוואָרן אַ ציוויליזאַטאָרישע חיה און האָט טועם געווען דאָס עפּעלע פון עץ־הדעת טוט ער נישט מער נאָר זוכט די טיר הינטער וועלכער עס וואַרטן די געטער און די טייוולאָנים. היות דער מענטש אַליין איז אַ געמיש פון חורבן און שאַפונג האָט ער אַ מאָדנע גלוסטונג צו שפּילן וואַ־באַנק מיט זיין אייגענער עקסיסטענץ. ער וויל דווקא תמיד שטיין אינמיטן צווישן גליק און אומגליק און צווישן לעבן און טויט. כסדר וויל ער זען דעם דמות פון דעם גאָט און פון דעם טייוול פון וועלכן ער אַליין באַשטייט — און וואָס זענען די צוויי חלקים פון זיין נשמה. זינט פּראָמעטעאוס האָט דעם מענטש געלערנט מאַכן פייער ביז צו די אַטאָם און העידרידזשן־באָמבעס, — שטייען די מענטשן און קלאַפּן אָן מיט זייער וויסן ביי דער שטומער טיר פון די עקסיסטענצן. זיי ווילן דווקא זיך דערוויסן וואָס די וועלט האָט בדעה מיט זיי צו טון: טויט אָדער ברויט? גן־עדן צי גיהנום? אויפבוי צי חורבן? איינציק אַליין די פאַרצייטישע גריכישע חכמים האָבן דאָס וויסן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די שטחים פון אַבסטראַקטער דער־קענטעניש און זיך געהיטן עס אויסצונוצן אין דער פּראַקטיק. אויך די כינעזישע חכמים האָבן געוואוסט, אַז צו פאַרוואַנדלען די גייסטיקע השגה אין ווירקלעכער טאַט — איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. זיי האָבן געוואָרנט צו זיין פאַרזיכטיק מיט די רעדלעך פון דער וועלט. ערשט דער שפּעטערער מערב־מענטש האָט געהאַט דאָס געוואַלדיקע גלוסטעניש, נישט בלויז אַרונ־טער צו קוקן הינטער די פאָרהאַנגען נייערט אויך איינצושפּאַנען דאָס געהיימנישפולע אונטער זיין יאָך. עס האָט אים געפּאַרקעט צו זיין דער האַר פון דער וועלט. היינט צו טאָג איז ער טאַקע צוגעקומען צום פּונקט וואו עס שיידן זיך די וועגן צווישן עקסיסטענץ און עקסיסטענצלאָזיקייט.

— 5 —

ווען דער מענטש האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערקענען וואָס עס דראָט אים פון זיינע אייגענע אינערלעכקייטן האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן אַן אויסוועג.

די מערב־רעליגיעס — אין קעגנזאַץ צו די רעליגיעס פון אינדיע און כינע — זענען פול געווען מיט זאָרג פאַרן גורל פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ און פאַר איר מאָרגן אין דער וועלט. זיי האָבן געזוכט וועגן צו ברענגען וואָסער עס איז אָרדענונג אין דעם תהום פון קאָנפליקטן וואָס הייסט מענטש.

כדי אויסצוגלייכן די אינערלעכע און אויסערלעכע ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן פון דער מענטשלעכער טבע האָבן די מערב־רעליגיעס איינגע־פירט די טערמינען פון רחמנות־האָבן און זיך מוחל־זיין. זיי זענען אַרויס־געגאַנגען פון דער פאַלגנדיקער הנחה. אויב דער מענטש זאָל דווקא וועלן באַשטיין אויף דאָס זייניקע און דווקא וועלן באַקומען וואָס עס קומט אים וועדליק זיינע אַמביציעס — מוז עס אים דערפירן צו חורבן. די קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן וועלן זיך זאַמלען אין און אַרום דעם מענטש ווי אַ באַרג פון גיהנם. צוגלייך מיט זיינע דערקענטענישן וועלן זיך אויך מערן די מעגלעכקייטן מיט וועלכע דער מענטש וועט קענען פונאַנדערבלאָזן די פייערן פון תהום. סוף כל סוף וועט ער אַליין אין זיי פאַרברענט ווערן. רעזיגנירט פון אייער מאַכט, האָט ליב איינער דעם אַנדערן — און זייט זיך מוחל — האָבן די מערב־רעליגיעס געוואָרנט דעם מענטש — און איר וועט קענען לעבן.

פאַמעלעכל האָט מען געפּרואווט מיט אַ נייעם אויסגלייכערישן מענטש־לעכן כוח — און דאָס איז די ראַציאָ. דער מענטש האָט כלומרשט אָנגעהויבן צו זיין פאַרנונפטיק און צו ווערן אַ בעל־חשבון. מכלומרשט האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצוקוקן אין אַלע רעדלעך און שרייפעלעך פון דער געשיכטע. ער האָט אָנגעהויבן צו טענהן, אַז די מעשה מיט די געטער און טייוולאָנים איז נישט מער ווי דער פאַראורטייל וואָס דער מענטש האָט געהאַט בעת ער איז נאָך געלעגן אין וויגל פון דער קולטור. וועדליק דעם שכל און דער ראַציאָ זעען מיר אַלצדינג קלאָר ווי אויפן טעלער. מיר וועלן מאַכן אַ פּשוטן שניידערישן חשבון אין די שייכותן צווישן מענטש און וועלט — און אַלצדינג וועט אַרויסקומען אָגיל ואשמח.

דער שניידערישער חשבון האָט אין פלוג אויסגעקוקט זיך צו לייגן אויפן שכל. ס׳זענען נישט מער ווי עקאָנאָמישע באַדינגונגען — האָבן געזאָגט די סאָציאַליסטישע סאָציאָלאָגן. זענען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען שלעכט — דעמאָלט ווערט די וועלט אַ יאָמער־טאָל. זענען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען גוט — דעמאָלט איז די וועלט אַ גן־עדן. מענטשן לעבן דעמאָלט אין גוטפריינטשאַפט און ווינטשן איינער דעם אַנדערן דאָס שענסטע און בעסטע. די גאַנצע מענטשהייט איז נישט מער ווי אַ שפּיל פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

— 6 —

פון קוק־ווינקל פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז עס אין פלוג געווען לייכט ווי אַ פעדער צו זען דעם גאַנצן טאָלק פון דער וועלט. די וועלט טיילט זיך נישט אויף אַ צווישנאַנאַדער פון געטער און טייוולאָנים וואָס

זענען צווישן זיך געקייטלט און געבונדן און ליגן זיך אין די האָר. ניין! זי איז אַ שוואַרץ און ווייס פון סאָציאַלע קלאַסן.

דער פעלער איז נישט געווען וואָס מען האָט אויף דער געזעלשאַפט געקוקט ווי אויף אַ שפּיל־ברעט פון סאָציאַלע קלאַסן. דאָס איז זייער ריכטיק. דער טעות איז באַשטאַנען אין דעם אָפּגעמאָסטענעם שטח. עס איז אַ פאַטאַלער טעות צו מיינען, אַז אַלצדינג וואָס מיר זעען אין דער געשיכטע איז נישט מער ווי אַ סך־הכל פון דער דיאַלעקטיק פון סאָציאַלע קלאַסן — און אַז מחוץ און הינטער פון אָט דעם קלאַסן־שטח איז שוין מער נישט דאָ. עס איז געווען אַ פאַטאַלער טעות צו זאָגן, אַז אַלע די יעניקע וואָס רעדן פון נאָך כוחות, און שטאַרקע כוחות, וואָס דעצידירן אין דער דיאַלעקטיק פון דער געזעלשאַפט — זיי זענען נייערט מיסטישע פאַנטאַזיאָרן אָדער גאָר בייזוויליקע פאַרפינצטערער פון די ברייטע מאַסן.

— 7 —

צוויי וויכטיקע פאַקטן האָבן געגוויטיקט די אויפריכטיקע און דרייסטע סאָציאַליסטישע דענקער צו מאַכן אַ רעוויזיע אין דעם שניידערישן וועלט־חשבון פונעם סאָציאַליזם.

סיי די מאָדערנע טיפן־פּסיכאָלאָגיע און סיי די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן פון אונזער תקופה האָבן מיט שאַרפע ליכטער אויפגעדעקט תהומות און אָפּגרונטן אַרום אונז און אין אונז גופא. אויף די אַלע שטחים — וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז עס איז פּשוט פלאַך־לאַנד און ס'איז דאָרט נישטאָ וואָס צו זוכן — האָבן זיך אַנטפּלעקט טונקלענישן און טונקלענישן — און מען קאָן זיי גאָרנישט דערגרונטעווען. דאָס מאָדערנע וויסן און די מאָדערנע טאַטן און מעשים האָבן אויפגעטרייסלט סיי דעם ערד־פּלאַנעט און סיי די נשמה פון מענטשן. די געטער און טייוולאָנים זענען אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך מיט בלוטיקן אימפּעט. מען האָט פּשוט געמוזט זיין טעמפּ און בלינד כדי זיי צו האַלטן פאַר בלויזע שוים־בילדער פון מיסטיקער און פּאָעטן. די הימלען און די גיהנמס זענען אַראָפּגעקומען פון אויבן און פון אונטן און געמאַכט מיט אונז שוואַרץ־שבת. אַ סך פון אונזערע מאַטעריאַליסטישע הנחות זענען צעפאַלן ווי קאָרטן־שטיבלעך. מען האָט ווידער געמוזט זוכן עפּעס אַן אויסוועג אינמיטן די מבולדיקע געוויטערן פון דעם איראַציאָנעלן. דאָס איראַציאָנעלע איז געוואָרן אַ פאַקט איבער אַלע פאַקטן.

ווען קאַליבאַן האָט אַרויסגערופן די שדים און געשפּענצטער, האָט פּראָספּעראָ פון דאָס ניי אַריינגעקוקט אין זיין כשוף־בוך פון וויסענישן. ער האָט גריילעך געוואוסט וואָסער שפע פון מעגלעכקייטן עס טראָגט אין זיך די מאַטעריע פון דער וועלט ווען מען וועקט זי פון איר שלאָף. זי קאָן זיין אַ בייזע מכשפה וועדליק ווי עס וויל קאַליבאַן. זי קאָן אָבער אויך זיין די בעסטע מאַמע און עס זאָל אויפהערן אויף דער וועלט יעדע עלנט און יעדע נויט. עס איז טאַקע מעגלעך, אַז אויף דיביימער זאָלן וואַקסן ציבעכעס מיט בולקעס און מענטשן זאָלן קיינמאָל נישט זיין הונגעריק.

פּאַמעלעכל האָט זיך אָבער אויך אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן, אַז כדי בעסער צו מאַכן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער געזעלשאַפט און אָפּצושאַפן הונגער און נאַקעטקייט, באַדאַרף מען ערשט נישט איבערצובויען דעם געזעל־שאַפטלעכן סדר לויט די אָנווייזונגען פון סאָציאַליזם. דער נעאָ־קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אַ „וועלפער־סטעיט״ וואָס טוט אויך כמעט אַלצ־דינג דאָס וואָס דער סאָציאַליזם פאַרנעמט זיך צו טון. מיטן אויפדעקן די אַטאָמישע ענערגיע האָט דער נעאָ־קאַפּיטאַליזם געוויזן פּערספּעקטיוון וואָס מאַכן פּשוט איבעריק אַ סך סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

— 8 —

ווערדליק דעם בלויזן מאַטעריאַליסטישן מאַרקסיזם קוקט עפּעס ווי באַשיימפּערלעך אויס, אַז דער „וועלפער־סטעיט״ פון נעאָ־קאַפּיטאַליזם האָט טאַקע געפונען דאָס „טירעלע, טירעלע עפן זיך״. צי האָט ער ביים פּראָלע־טאַרישן סאָציאַליזם אויסגעכאַפּט די סמעטענע וואָס שייך בעסער צו מאַכן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לעבן?

אמת — לויט זיינע ווייטערע פּערספּעקטיוון האָט דער סאָציאַליזם געזאָגט, אַז זיין אידעאַל איז נישט בלויז בעסער צו מאַכן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, — נייערט בעסער און העכער צו מאַכן די היסטאָרישע מדריגה פון דער געזעלשאַפט. וועגן דער העכערער געזעלשאַפט האָט דער מאַטעריאַ־ליסטישער סאָציאַליזם גערעדט מיט אַ זעלטענער אַבסטראַקציע. מען האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט קלאָר פאָרשטעלן וואָס ער איז אויסן מיט אָט דער העכערקייט. עס איז געווען אַן עפּעלע אויפן בוים פון אַ לעתיד־לבוא.

אין די פריערדיקע תקופות האָט מען נישט געקאָנט האָבן קיין טענות צום סאָציאַליזם און ביי אים מאָנען, אַז אָט זאָל ער נעמען און צאָלן די וועקסלען פון זיינע צוגעזאָגטע „מדריגות״. די הענט זענען ביי אים געווען פולע מיט די ביטערע זאָרגן פונעם בידנעם עולם־הזה. דער עולם־הבא קאָן נישקשה אַ ביסל אונטערוואַרטן. מירצעשעם! אַ יעדער מירצעשעם וואָס האָט נישט צו טון מיט די צילן פון האַרעפּאַשנער פּראַקטיק לאָזט מען איבער פאַר בטלנים און פאַנטאַזיאָרן.

די צייטן האָבן זיך געביטן. אויפן שטח פון ריינעם מאַטעריאַליזם האָט דער סאָציאַליזם באַקומען קאָנקורענטן אין דער געשטאַלט פון נעאָ־קאַפּיטאַ־ליזם און „וועלפער־סטעיט״. מיט דער הילף פון די נייע פּערספּעקטיוון פון דער טעכניק קלייבט זיך דער „וועלפער־סטעיט״ צו פאַרענטפערן אַלערליי אַקטועלע פּראָבלעמען. אויב די טייוולאָנים וועלן נישט גובר זיין די געטער און די נייע טעכנישע מעגלעכקייטן וועלן נישט אויסגענוצט ווערן אויף חורבן און אומקום — שטייען מיר אפשר פאַר אַ תקופה וואו די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וועלן געלייזט ווערן אָן דער הילף פון די סאָציאַליסטישע פּלענער.

פאַרן סאָציאַליזם האָט זיך שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע — אַקטועל

צו מאַכן זיין וויטסטן חלום, נעמלעך, דער חלום פון דעם מענטש אין זיין גייסטיקייט.

— 9 —

עס וועט מיך ווייט פירן אויב איך וועל מיך אויספירלעכער אָפּשטעלן אויף אַלע גייסטיקע פּראָבלעמען וואָס זענען איצט געוואָרן אַקטועל פאַרן סאָציאַליזם. די שטחים פון אונזערע גייסטיקע באַגריפן זענען לפי־ערך ברייטער און רייכער אין זייערע אויסבליקן ווי עס זענען די שטחים פון די פּראָבלעמען פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק.

די עלטסטע און טיפסטע פאַרשטעלונגען וועגן דעם מהות און תוך פון גייסטיקייט געפינען מיר אין די מענטשלעכע רעליגיעס. די סימבאָליק דרינגט טיף אַריין אין די אומדערשעפלעכע קוואַלן וואָס דער מענטש ווייסט אין זיינע אומבאַוואוסטקייטן. די השגות פון דער ראַציאָ גרייכן נישט אַזוי טיף. די ראַציאָ איז געבונדן אין געוויסע קאַטעגאָריעס פון פאַרשטאַנד. דער פאַרשטאַנד קאָן זיך נאָר אויסגעפינען אין עטלעכע ווינציקע דימענסיעס צווישן די אומצייליקע דימענסיעס פון אונזער עקסיסטענץ אינעם קאָסמאָס. דימענסיעס מחוץ פון אונזער פאַרשטאַנד קאָנען מיר נאָר באַנעמען סיידן מיט די עקזיסטענצן פון אונזער אינערלעכקייט.

וואָס מיינט, — די עקזיסטענצן פון אונזער אינערלעכקייט?

סיי ווערליק עס לערנען אונז די רעליגיעס, סיי ווערליק דער שאַפערישער קונסט — און סיי ווערליק אַ סך געניאַלע אַנונגען פון מענטשלעכן וויסן טראָגן מיר אין זיך אַרום אַלע עקסיסטענצן, אַלע גאָטהייטן — אָבער אויך אַלע טייוולאָנים — פון וועלכע עס באַשטייען די קאָסמישע עקסיסטענצן. דער מענטש איז אַ מיקראָקאָסמאָס און אַן עולם־קטן. די רעליגיעס און די קונסטן האָבן צו די עקסיסטענצן געהאַט געשטאַלטערישע באַציאונגען. מחמת דערימעך האָבן זיי גיכער געקאָנט דערגרייכן די סינטעטישע שייכותן פון דעם מענטש מיט דעם וואָס עס איז מחוץ אים און מיט דעם וואָס עס איז קאָסמיש אין אים. מיט דער הילף פון אַ געשטאַלטערישער סימבאָליק האָבן זיי אַרויפגעבערענגט אויף דער אויבערפלאַך מער פון די טיפע טונקלענישן ווי עס האָט באַוויזן צו טון די ריינע פאַרנונפט פון דער ראַציאָ.

דער יידישער מאָנאָטעאיזם האָט געפּרוווט צו ראַציאָנאַליזירן דעם אור־שפּרונגלעכן מיטאָס פון דעם אומבאַוואוסטן אין מענטש. ער האָט געוואָלט באַשאַפן אַ פאַרנונפטיקע השגה פאַר דעם וואָס לאָזט זיך פאַרנונפטיק נישט משיג זיין. ער האָט אַריינגעבערענגט אויפן פאָדערגרונט פון אונזער דערקענטעניש אַן אַבסאָלוטע אַגנאָסטישע איינס. מיט אָט דער איינס שטייט אַלצ־דינג אין שייכות. דער יידישער מאָנאָטעאיזם האָט שאַרף אונטערגעשטראָכן דאָס איינע, דעם אַגנאָסטישן „אחד" ווי דעם יסוד פון דעם טאָטאַלן שפּיל פון די עקסיסטענצן. דערביי האָט ער אָנגעהויבן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן דער פילהייט פון די גנאָסטישע געשטאַלטונגען. ווערליק זיין אידעאָ־לאָגישער קאָנסעקווענץ האָט דער יידישער מאָנאָטעאיזם אַוועקגעשטעלט דאָס געדעכטע און דאָס עטישע ווי אַ רעליגיעזן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו.

די עטיק איז די ראַציאָנאַליזירטע האַרמאָניע צווישן אַלע געשפּאָלטנקייטן פונעם אומבאַוואוסטזיין. די הנחה, אַז די געשטאַלטהאַפּטיקייט איז דער סימבאָלישער יסוד פון דער דערקענטעניש — דאָס האָט דער יידישער מאָנאָטעאיזם באַטראַכט ווי דאָס שאָטנשפּיל פון פאַלשע געטער און ווי דער האָקוס־פּאָקוס פון דער עבודה־זרה.

די דערקענטעניש פון אַן אַגנאָסטישער איינהייט אין דעם אַלצדינג וואָס איז איראַציאָנעל, — איז די דערקענטעניש פון אַ פאַרנונפטיקער ראַציאָ אין דעם איראַציאָנעלן. און דאָס איז מאָנאָטעאיסטיש.

דער דאָזיקער ראַציאָנאַליזירנדיקער פּרואוו האָט געטראָפן אויף אַ סך טיפע פסיכישע ווידערשפּרוכן צווישן די פעלקער פון דער וועלט און — אין די ביבלישע צייטן — אויך צווישן גרויסע מאַסן פון יידן. דאָס איראַציאָנאַלע האָט דורכויס געוואָלט בלייבן אין דער גנאָסטישער טונקלעניש.

ווערליק מיין מיינונג מוז מען דאָ זוכן די פסיכישע קוואַלן פונעם אַנטיסעמיטיזם.

— 10 —

דאָס ווידערשפּרוכפולע טאָפּל־שפּיל פון ראַציאָנאַליזם און איראַציאָנאַליזם געהער צו דער טיפער געשפּאָלטנקייט פון דער מענטשלעכער פסיכיק. בלי־ספק ליגט עס אין די עלעמענטן פון אונזער וועלט־באַציאונגען. כסדר ווילן מיר ראַציאָנאַליזירן דאָס איראַציאָנעלע און איראַציאָנאַליזירן די ראַציאָ. די שייכותן צווישן אַן אַבסאָלוטער איינס אינמיטן פון דעם פאַרביקן און דראַמאַטישן שפּיל פון אַלערליי צווייאיקייטן — דאָס געהער צו דער דיאַלעקטיק פון דעם סך־הכל פון אונזערע וועלט־באַנעמונגען. מיר געפינען אָפט די מחשבה און דאָס געפיל אויף דער וואָגשאָל פון אַ סך־הכלדיקער איינס אויף איין זייט — און אויף דער צווייטער — רעלאַטיווע זיך־באַוועגנדיקע פילקייטן. אין דער געשיכטע פון רעליגיעס געפינען מיר זייער בולט די דראַמע פון אָט דער געשפּאָלטנקייט.

דער יידישער מאָנאָטעאיזם האָט זיך דורכויס געוואָלט פעסט אָנקייטלען אַן דער היסטאָרישער געשטאַלט פון אַ קאָלעקטיוו און בלייבן אויף דער אויבערפלאַך ווי דער איינציקער דינאַמישער כוח פון אַ נאַציאָנאַלער געשיכטע. איך מיין זיין שייכות צו יידן און צו יידישער געשיכטע. דאָס האָט אים געפירט צו אַ סך אויסערלעכע און אינערלעכע ווידערשפּרוכן. ווידערשפּרוכן אין פּראַקטישן לעבן און ווידערשפּרוכן אין מעטאַפיזישן דענקען. איך וועל נעמען פאַר אַ ביישפּיל די יידיש־מאָנאָטעאיסטישע מעטאַפיזיק אינעם ליכט פון דער קבלה. און ווי אַזוי די קבלה באַמיט זיך כסדר צו מאַכן אַ סינטעזע צווישן דעם גנאָסטישן און דעם אַגנאָסטישן. צווישן דעם באַגריף און דעם דמות. די דראַמע פון דער מאָנאָטעאיסטישער דיאַלעקטיק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער וועלט־טראַגעדיע, זי הערט נישט אויף צו זיין טראַגיש ביז אויף אונזערע טעג.

דער מאַגנאַטעאיזם באַוועגט זיך פאָרט. —

סיי אין זיין אַבסטראַקטער דערקענטעניש און סיי אין זיין פאַקטישער וועלט־עקסיסטענץ האָט זיך דער מאַגנאַטעאיזם פאָרויס גערוקט, הגם מיט פאַמעלעכע אָבער מיט שטאַרקע טריט.

יידן האָבן דעם איינס געזוכט אין גאָר די הימלען. זיין מלכות־שמים — אין דער געשטאַלט פון עטיק און גערעכטיקייט — האָבן זיי פּראָקלאַמירט ווי אַ וויזיע פון אַ האַרמאָנישער צוקונפט. די נאַטור־וויסנשאַפטן און די ראַציאָנעלע דערקענטעניש אין דער קייט פון שייכותן — זיי האָבן דעם מאַגנאַטעאיזם געזוכט אין די געזעצן פון דער ערד. מען האָט די איינס געזוכט גראָד אין דעם פאַרביקן שפּיל פון די פילהייטן.

שוין אין אַלטן מצרים געפינען מיר אַ קיניג עכנאַטאָן וואָס האָט געפּרײדיקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ צענטראַלע איינס. זי איז דער סך־הכל פון אַלע שייכותן. דעמאָקריט האָט געלערנט דעם אַטאָמיזם ד"ה אַז אַלע פילהייטן זענען נישט מער ווי אַ שפּיל פון אַן איינס־עלעמענט. דאָס איז אַ מאַטעריאַליסטישער מאַגנאַטעאיזם אָנגעווואַנדן צום מהות פון דער עקזיסטענץ. לייבניצעס „מאָנאַדן" הגם זיי זענען גייסטיקער ווי די „אַטאָמען" זענען זיי אָבער אין תוך פּאָליטעאיסטיש. היינט צו טאָג דערנענטערט זיך די נאַטור־וויסנשאַפט צו אָט דער גרויסער דערפאַרונג. ווערדליק מענדעלעיעוו זענען אַלע כעמישע עלעמענטן נישט מער ווי די עמענאַציעס פון איין און איינציקן אור־עלעמענט. ווידער איז עס די מאַגנאַטעאיסטישע דערפאַרונג אָנגעוואָנדן אויף דער מאַטעריע.

פאַמעלעכל קומען מיר צום איינזעעניש, אַז די טיפסטע אומענדלעכקייטן ליגן נישט גראָד אין די מרחקים פון קאָסמאָס און אין די הימלען איבער אונזערע קעפּ. די מיקראָקאָסמישע אומענדלעכקייטן פון דעם קלענסטן זענען פיל אומענדלעכער. אויב מיר וויסן נישט ווי גרויס עס איז דאָס גרעסטע, פונקט אַזוי וויסן מיר נישט ווי קליין עס איז דאָס קלענסטע. אין שייכות צו די דאָזיקע אייביקע פּראָבלעמען וואָס דער מענטש טרעפט אויף די שטחים פון זיין נישט וויסן — זענען די אַסטראָנאָמען געבליבן ווייט הינטערשטעליק הינטער די פיזיקער. די אַסטראָנאָמען האַלטן נאָך ביים מעסטן די עקסיסטענצן פון דער מאַטעריע. די פיזיקער שיינען צו האָבן צוגעקומען צו די גרענעצן וואו די מאַטעריע און אַלע אירע קויזאַלע דערשיינונגען לאָזן זיך אויס. דאָס עקסיסטירנדיקע הייבט אָן אַריבערצוגיין צו עפּעס אַזוינס וואָס עקזיסטירט גאָר נישט מאַטעריעל. ווערדליק דער מאָדערנער פיזיק געהער אַלצדינג צו אַ קאָסמישער צי צו אַ געטלעכער פרייהייט פון ווילן — צו אַ „רצון־הרצונות" לויט אַ דעפיניציע פון דער קבלה. עס איז אַלצדינג גייערט אַן עקסיסטענץ וואָס איז שוין כמעט נישט מער ווי אַ שפּיל פון פרייע און אַבסטראַקטע שייכותן. דערוויל רופט מען עס ענערגיע. ווען מען נאָך טיפער אַראָפּ נידערן אין די תהומות פון דער ענערגיע, — דעמאָלט וועט מען מן־הסתם דאָרט אָנטרעפן אויף אַזעלכע אַבסטראַקטע עקסיסטענצן וואָס מען קאָן זיי מער נישט אונטערשיידן פון גייסטיקייט.

— 12 —

איז די פראַגע, וואָס איז גייסטיקייט?

זייט ביי זייט מיט די פיזיקער — וואָס ווייסן אפשר אַליין נאָך נישט ווי זיי דערנענטערן זיך פאַמעלעכל צו דער גייסטיקייט פון דער מאַטעריע — האָבן זיך די פסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטן שאַרף אָנגעהויבן אַרום צו קוקן איבער די שטחים פון מענטשלעכן גייסט. איז דער מענטשלעכער גייסט נישט מער ווי אַן אָפּגעשפּריצטער פונק פון עפּעס אַ וועלט־שׂכל? לעבט דער גייסט אין זיין איינזאַמקייט נייערט אין די גרענעצן פון אונזער געשטאַלט? קאָנען מיר דעם גייסט אָפּמעסטן און אויסמעסטן אין זיינע עמקותן און אין זיינע וויסענישן? איז דער מענטשלעכער גייסט אַ געוויסע איינס וואָס מיר קאָנען קלאָר אויסחשבונען די דימענסיעס פון איר אויבן און אונטן?

קופּערניק האָט אַנדעקט, אַז די ערד איז נישט קיין שום מיטל־פּונקט פון דער וועלט. זי שטייט ווי אַ חלק אינמיטן צווישן די אומענדלעכע שייכותן פון דער אומענדלעכקייט. אויך די מאָדערנע פּסיכאָלאָגן האָבן אויסגעפונען, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז נישט קיין שום איינזאַמער און אָפּגעזונ־דערטער צענטער. ער שטייט נייערט אינמיטן פון די אומענדלעכע שייכותן פון דער אומענדלעכקייט.

פרויד, — דער עיקר יונג און זיינע תלמידים — האָבן אָנגעהויבן פונאַנדער צו לייכטן און ווי ווייט ס'איז מעגלעך אויסצוגראָבן די פּסיכישע תהומות אין וועלכע דאָס מענטשלעכע באַוואוסטזיין איז נישט מער ווי אַ מאָמענטאַלער אויפבליץ. דער מענטש איז פאַרגענגלעך וואָס שייך די שטחים פון זיין באַוואוסטן איך. ער איז אייביק און אומפאַרגענגלעך אינעם תוך פון זיינע שייכותן צו דעם וואָס איז פאַרגאַנגען אין דער צייט און עקסיסטירט כסדר אין אַ היסטאָרישער צייטלאָזיקייט. צווישן אַלע געוועזנקייטן פון זיין מין — און אפשר צווישן די געוועזנקייטן פון דער וועלט בכלל, — געפינט זיך דער זיך־זעלבסטבאַוואוסטער מענטש ווי אַן אינזעלע צווישן באַוועגטע אָקעאַנען. ווען מיר וועלן אפילו אויסמעסטן דאָס אינזל — זענען אָבער די אָקעאַנען ווייטע און אויסגעשפּרייטע אין זייערע דימענסיעס. מיר זעען נישט זייערע ברעגעס. דער אינדיווידועלער מענטש איז דער מיקראָקאָסמאָס אין דעם מאַקראָקאָסמאָס פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אפשר גרייכן זיינע פּסיכישע שטחים נאָך ווייטער און נאָך טיפער? אפשר זענען זיי געקייטלט און געבונדן מיט די שטחים פון דעם אַלצדינג וואָס עקסיסטירט?

דער מענטש איז אַן עולם־קטן, אַן אָפּבילד סיי פון די גאָטהייטן און סיי פון די טייוולאָנים. ער איז נאָר אַן אות אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע וואָס הייסט וועלט.

— 13 —

אין דעם דאָזיקן פּרט זענען די סאָציאַלע וויסנשאַפטן געבליבן ווייט הינטערשטעליק סיי דער נאַטור־וויסנשאַפט און סיי דער פּסיכאָלאָגיע. זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די עקסיסטענצן מחוץ דעם געביט פון

דער סאָציאַלער עקאָנאָמיק. די סאָציאַלע שייכותן פון מענטש און געזעלשאַפט האָבן זיי נישט אַוועקגעשטעלט אינמיטן אַ באַוועגונג פון אַל־שייכותן — ווי עס האָבן עס געטון די נאַטור־וויסנשאַפט און די פּסיכאָלאָגיע. מאַרקס האָט אפילו זיין דיאַלעקטישן מעטאָד גענומען פון העגעלס מעטאַפיזיק. אפשר האָט מאַרקס אַליין געטראַכט דעם דראַמאַטישן גאַנג פון דער סאָציאַ־לער וויסנשאַפט אַריינצושטעלן אינעם דראַמאַטישן גאַנג פון דער דיאַלעקטיק פון דער דימענסיעס־פולער וועלט. צום באַדויערן האָבן מאַרקס נאָכגייער אים האַפּערדיק געריסמט, אַז ער האָט „העגלען געשטעלט אויף די פיס" און באַפרייט די סאָציאָלאָגיע פון יעדער מעטאַפיזיק. איך בין מסופק צי איז עס טאַקע אַזאַ וואַזשנע שבח.

שפּעטער האָט מאַקס אַדלער געפּרוּווט אַנצובינדן דעם מאַרקסיזם אין די קאַטעגאָריעס פון קאַנטישן טראַכטן. קאַנט האָט געהאַט דעם חסרון וואָס ער האָט דאָס גאַנצע מענטשלעכע וועלט־באַנעמען געוואָלט אַריינפּאַסן אין די קאַטעגאָריעס פון דער ראַציאָנאַליזירנדיקער פאַרנונפט. היינט צו טאָג זענען די אַסטראָ־פיזיקער שטאַרק מסופק צי דער רוים איז טאַקע נישט מער ווי אַ פאָרם פון דער מענטשלעכער פאַרנונפט.

יעדנפאַלס — די סאָציאַלע וויסנשאַפטן זענען געבליבן שטיין אויף אַ וועג פון וועלכן אַלע דערקענטעניש האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין. דאָס מענטשלעכע טראַכטן אָריענטירט זיך היינט אויף אַזעלכע עקסיסטענצן וואָס די אָפיציעלע סאָציאָלאָגיע האָט זיי געהאַלטן פאַר הוילן אַבערגלויבן און מעטאַפיזישע ווינט־מילן. צוליב איר אייגענער ענגשאַפט האָט די סאָציאָ־לאָגיע אָנגעהויבן צו ליידן אויף ווידערשפּרוכן און סתירות. אָט די סתירות האָט זי נישט געקאָנט דערקלערן. זי האָט אויך נישט באַוויזן זיך מיט זיי אַן עצה צו געבן. די סאָציאָלאָגיע איז אַ לערע פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָ פאַרוואַנדלען זיך אינערלעכע סתירות אין פּאָקטישע קאַטאַסטראָפעס.

מער ווי אַנדערע סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפטן האָט זיך דער פּראָלע־טאַרישער סאָציאַליזם געבויט אויף דער אידייע פון גערעכטיקייט און אויף דער עטישער האַרמאָניע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין עצם אירן רירט די גערעכטיקייט אָן אין אַ סך פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ. פּראָבלעמען וואָס גייען ווייט אַרויס פון די שטחים פון דער עקאָנאָמיק. דער סאָציאַליזם קאָן ווירקלעך די מענטשהייט אַרויפפירן אויף העכערע היסטאָרישע מדריגות ווען ער וועט די דאָזיקע פּראָבלעמען אַריינ־נעמען אין זיין חשבון. ער קאָן אָבער אונטערגיין פון סתירות און וועגלאָזי־קייטן ווען ער וועט נישט אויסשפּרייטן זיינע בליקן אויף די נייע דימענ־סיעס וואָס הן די נאַטור־וויסנשאַפטן, הן די מאָדערנע פילאָזאָפיע און הן די מאָדערנע טיפן־פּסיכאָלאָגיע האָבן אויסגעפונען אַרום דעם פונקט פון אונזער רעאַליטעט.

ניו־יאָרק, 11 נאָוועמבער 1955.

פּסיכאָלאָגיע פון יידישן סטיל

— 1 —

זינט מ׳יר יידן האָבן אַ נאַציאָנאַלע וועלטלעכע ליטעראַטור, האָט מען אויך אויף די אַנדערע געביטן פון קינסטלערישן שאַפן, אויף די געביטן פון קינסטלערישער פּלאַסטיק, — מאַלעריי און סקולפּטור, — אָנגעהויבן צו זוכן ענלעכע וועגן. מ׳האָט געוואָלט אויסברייטערן און פולער מאַכן דאָס בילד פון יידישער געשטאַלטלעכקייט. צוזאַמען מיט די בולטע סטיל־דערגרייכונגען פון יידישער ליטעראַטור, האָט מען אָנגעהויבן פּרואוון פון יידישער סטיל־שאַפונג אויך אין די שטחים פון קינסטלערישער פּלאַסטיק. עס האָט אין אַלגעמיין געגאָלטן ווי אַן אָנגענומענע מיינונג: דאָס וואָס ביז אַהער זענען פון יידישע קינסטלער אַזוי פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן די געביטן פון ספּעציפישער יידישער פּלאַסטיק, איז נאָר צוצושרייבן אין הויפּט־סיבה, — נעמלעך, — די שווערע העמונגען פון יידישער רעליגיעזער דאָגמאַטיק, דער פאַרבאָט פון „פּסל ומסכה”, ווי באַלד דאָס יידישע שאַפן האָט אָנגעהויבן אין כלל פאַרוועלטלעכט צו ווערן, איז ממילא געוואָרן פריי דער וועג פאַר אַ נאַציאָנאַלער יידישער פּלאַסטיק.

אין דער אַנטוויקלונג פון וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור זעט מען באַשיימפּערלעך ווי במשך לאַנגע, לאַנגע דורות איז געהעמט געוואָרן אַ גרויסע ענערגיע פון שאַפן. ביי די ערשטע טריט פון יידישער ליטעראַטור זענען די דערגרייכונגען געווען באַדייטונגספול. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען בלויז שלום עליכמען, כדי צו ווייזן ווי שוין ביים באַגינען פון דער ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך — כמעט — ספּאָנטאַן באַוויזן דאָס קלאַסישע מוסטער פון יידישער פאָרם. רייפע מוסטערן פון יידישן סטיל. אין דער יידישער שפּראַך איז געלעגן אַן אוצר פונעם נאַציאָנאַלן סטיל־געפיל. די סינטעזע צווישן דעם יידישן אינדיווידועלן קינסטלער און דעם אָביעקטיוון מאַטעריאַל, אין וועלכן ער האָט קאָנסטרואירט זיינע שאַפונגען — די יידישע שפּראַך — איז געווען אויסערגעוויינלעך געראָטן. די שפּראַך און דער קינסטלער האָבן זיך גליקלעך דערגאַנצט. מיטן ערשטן באַריר פון אַ קינסטלער־האַנט האָט זיך די פולע בלום פון דער יידישער שפּראַך פונאַנדערגעוויקלט. אין דעם סטיל פון דער יידישער שפּראַך איז געלעגן דער פולער חן פון אַ יידישן סטיל. דאָס שפּראַך־מאַטעריאַל פון יידן איז געווען טאָטאַל אַדורכגענומען מיט דעם נשמה־ריטם און מיט דער געמיטס־באַוועגונג פון יידן. אין דעם יידישן שפּראַך־בילד האָט זיך אָרגאַניש קאָנסטרואירט דאָס יידישע

וועלט־געפיל. דאָס יידישע וועלט־געפיל ווי יידישער סטיל. ווי אַזוי עס האָבן זיך אין אַ סטילפולער סינטעטישקייט געפּאָרט יידיש שאַפן און יידישע שפּראַכלעכקייט — וויל איך אַחוץ אויף שלום עליכמען אויך אָנ־ ווייזן אויף פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און אויף אַ סך נאָוועלן פון שלום אַש. פון די ייִנגערע יידישע שרייבער וויל איך באַזונדער דערמאָנען יצחק באַשעוויסן, זיין ווערק „דער שטן פון גאָריי" איז אַ מוסטער פון שפּראַכלעך־יידישן סטיל־זשאַנר.

אין דער יידישער פּלאַסטיק האָבן מיר נישט געהאַט די זעלביקע דער־ פאָלגן. לאָמיר זיך נישט נאַרן, מיר הערן אויפן געביט פון דער פּלאַסטיק אַ סך רעדן וועגן אַ מכלומרשטן יידישן סטיל. מען גריבלט זיך און מען זוכט פרום אַרום דעם יידישן סטיל מיט גרויסע וועקסענע יום־כּפּור־ליכט. אין וויפל סטיל־פרומקייט געדייעט מכלומרשט די יידישע פּלאַסטיק! אויך אין דער קונסט איז קונסט־פרומקייט נישט קיין גוטער סימן. עס באַווייזט נאָר, אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג אין קיניגרייך דענעמאַרק. אין דער פּלאַסטיק האָבן מיר קוים דערגרייכט די שיינע דעקאָראַציעס פאַר דעם גוטן ווילן. מיט אַ וועזנהאַפטיקן יידישן סטיל אין דער פּלאַסטישער קונסט האַלטן מיר נאָך גאָר פון פאָרנט. דאָ וועט נישט פועלן קיין שום אויגן־פאַר־ גלאָצעריי. געוויס זענען שוין כמעט אַלע היינט־צו־טאָג מודה, אַז באַנוצן זיך מיט יידישע מאָטיוון הייסט נאָך לגמרי נישט קיין יידישער סטיל. מיט יידישע מאָטיוון האָבן זיך באַנוצט קינסטלער, וואָס האָבן אפילו נישט געהאַט אין זינען קיין שום יידישע סטילהאַפטיקייט, למשל רעמבראַנד. וואָס מיר פאַרשטייען אונטער יידישן סטיל, הייסט: די אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען פון יידישן וועלט־געפיל. די פּלאַסטישע געשטאַלטלעכקייטן פון היסטאָרישן יידישן וועזן. נישט יידישע מאָטיוון דעצידירן — נייערט ווי אַזוי דער קינסטלער באַנעמט אינטואיטיוו דאָס יידישע וועזן אַלס אַ היסטאָרישע באַוועגונג. אין דער אינערלעכער באַשויאונג פון דער היסטאָריע בויט־זיך־ אויף דאָס היסטאָריש־סטילהאַפטיקע פון יידישן וועזן.

דאָס היסטאָרישע יידישע וועזן ווי סטיל־פאָרם — וואָס האָט זיך אַזוי געראָטן אַריינגעפּאַסט אין דעם יידישן שפּראַך־מאַטעריאַל, — וויל זיך עפּעס נישט אַריינגיסן אין אַנדערע פּלאַסטישע מאַטעריעס. אויף די פליינען פון די דאָזיקע מאַטעריעס האָבן מיר ביז איצט נישט מער ווי בלאָנדזשעניש. אָדער מען גייט אויפן לייכטסטן וועג און מען באַגניגנט זיך מיט בלויזע יידישע מאָטיוון און מען באַשאַפט אַ היפּש אויבערפלעכלעכן נאַציאָנאַל־ סענטימענטאַלן — על־פּי־רוב גאָר ביליקן — יידישן רעאַליזם. פון הירשנ־ בערג ביז פּיליכאָווסקי. אָדער, — טיפערע יידישע קינסטלער גראָבן אַזוי לאַנג און אַזוי טיף, כדי צו געפינען די קוואַלן פון יידישן פּלאַסטישן סטיל, ביז זיי ווערן פאַרבלענדט פון זייער אייגענעם ווילן — און גלויבן, אַז זיי האָבן געפונען דעם יידישן סטיל אין דעם סימבאָליש־גראָטעסקן. מאַרק שאַגאַל און יאַנקל אַדלער.

דאָס גראָטעסקע איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. ביי אַלע זשעסטן פון

פאַרטיפונג, מיט וועלכע דאָס גראָטעסקע טרעט־אויף, קאָן עס פונדעסטוועגן פאַרבלייבן גאַנץ נישקשה אויף דער אויבערפלאַך.

פראַגע: דאָס טיפע און ראַפינירטע קונסט־געפיל, ביי וואָסערע באַדינגונגען טרעט עס אויף אין דעם מאַנטל פון דעם קינדיש־פרימיטיוון, אין דעם אומבאַהאָלפענעם, ד״ה, אין דעם גראָטעסקן?

ענטפער: וואו עס איז שוין פאַראַן אַ רייפע קינסטלערישע קולטור, אַ פולקום סטיל־וועזן, אַ געפאָרעמט וועלט־בילד אין דער קינסטלערישער קולטור, דאָרט דעקט דאָס גראָטעסקע אויף אַן אור־וועלטלעכע באַרבאַרישע און ווילדע עקזאָטיק. אַ מיטישע עקזאָטיק וואָס רוישט נאָך באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. אפילו פון אַ קולטור־ראַפינירטער נשמה. פון דער קלאָרסטער קולטור־באַשויאונג שטשירעט אַרויס דער פחדים־פולער שמייכל פון דעם וועלט־געהיימניש, דאָס גראָטעסקע. אין דעם גראָטעסקן טוען אַ שפּיל־אויף אַלע געשפּענצטער און אַלע ספינקסן וואָס הויזן אין די פינצטערע קעלערן פון אונזער אונטער־באַוואוסטזיין. די טראַגישע איראָניע פון דעם גראָטעסקן ליגט נעמלעך אין דעם טראַגיש־איראָנישן רעלאַטיווּר מאַכן די פולקומענע פאָרמען פון סטיל. עס איז די רעלאַטיווע וועלט־מאַסקע איבער אַלע אינדיווידועלע געשעענישן. אויבערפלעכלעך איז, ווען מ׳הייבט אָן מיטן גראָטעסקן דאָרט, וואו מ׳האָט נאָך נישט אויסגעפונען דאָס אויסגעשפּראָכענע און דאָס פולקומענע. אויב דאָס גראָטעסקע איז נישט די אַנטיטעזע פון אַ קונסט־טעזע, — דאַן האָט עס אויך נישט קיין שום קינסטלערישע לאָגיק. און עס איז פשוט אַ בלינדער באַרבאַרישער פרימיטיוויזם. דאָס גראָטעסקע ווערט געבוירן פונעם סטיל־ווידערשפּרוך. נאָר אינעם סטיל־ווידערשפּרוך ליגט דאָס טראַגיש־דראַמאַטישע פונעם גראָטעסקן. דאָס גראָטעסקע קוקט טאַקע אויס צו זיין עקזאָטיש דורך זיין אַנטיטעטישקייט. ביטע צו געדענקען! — דאָס עקזאָטישע איז בלויז די פּאַיאַצן־מאַסקע פון גראָטעסקן, זיין פאַרבן־גרעלער קאָסטיום. זיין קלאָונישע שמינקע. בשום אופן שעפּט זיך אין עקזאָטישן נישט אויס דאָס גאַנצע וועזנהאַפטע פונעם גראָטעסקן.

קודם־כל — און דאָס איז דער עיקר — עס מוז שוין פאַראַן־זיין אַ פולער קינסטלערישער סטיל, צו וועלכן דאָס גראָטעסקע זאָל זיין דער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך. דאָס גראָטעסקע מוז עטוואָס ווידערשפּרעכן. עס איז זייער לייכט מיט דער הוילער אַנטיטעזע — אַן דראַמאַטיש־דיאַלעקטישן קעגנשפּיל צו דער טעזע — צו מאַכן כלערליי פּייערווערק, ס׳קוקט באמת אויס זייער טיף. מ׳קאָן אויך אויפן אויבערפלאַכלעכסטן שטח זיך שפּילן מיט די זשעסטן פון דער טיפקייט, כדי אויסצוקוקן טיף. דאָס טיפע איז נאָר טיף אין דער טיפקייט.

אַזוי ווייזט דערוויל נישט דאָס גראָטעסקע קיין שום וועגן און אויס־בליקן צו אַ יידישן פּלאַסטישן סטיל. ווי מיזאַם און אָריגינעל האָט דאָ געאַרבעט מאַרק שאַגאַל! אויך ער האָט נישט דעם שווערן וואָגן אַ ריר געטון פון אָרט. דאָס גראָטעסקע פון מאַרק שאַגאַלס יידישע פּלאַסטיק וויל זיך באַגניגענען בלויז צו זיין דער ווידערשפּרוך צום יידישן סטיל אין דער

יידישער ליטעראַטור. ביי זייןווירקלעך גרויסע פאַנטאַזיע האָט שאַגאַל נישט קיין אייגענעם קאָלאָריט און ער מאָלט ליטעראַטור. ווער, ווער, אַ פלאַסטיקער דאַרף זיך אוודאי אויסהיטן פון אַזעלכע לייכטע וועגן. (לייכטע דרכים פירן תמיד אַראָפּ פונעם ריכטיקן וועג).

די פּראָבלעמען פון יידישן פלאַסטישן סטיל ליגן גאָר אויף אַנדערע פאָרם־פלאַכן. אין זייער וועזן האָבן זיי געמיינזאַמע שייכותן מיט דער יידישער ליטעראַטור. אָבער זיי בינדן זיך נישט צוזאַמען אין זייער פאָרם. אין דער קונסט געשטאַלטיקט און בויט זיך דאָס וועזנהאַפטיקע נאָר אין דעם פאָרמהאַפטיקן. די צורה אין דעם חומר. אויב נישט, בלייבט יעדע יצירה סוף־כל־סוף נישט מער ווי געשטאַלטלאָזער כאַאָס. קונסט איז געשטאַלט. ווי אין דער ליטעראַטור, מוז אויך אין דער פלאַסטיק די טאָטאַלע גענעזיס פון איר סטיל און איר פאָרם געשען נייערט אין איר ספּעציפישער מאַטעריע. מאַטעריע איז דער וועלט־שטאָף פאַרן קינסטלערישן וועלט־געפיל. אין דער קונסט זענען מאַטעריע און אינהאַלט די אידענטישע אַטריבוטן פון איין קינסטלערישער גאַנצקייט. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט די קונסט אַלע אייגנשאַפטן פונעם קאָסמאָס. די ליטעראַטור געשטאַלטיקט זיך אין דעם מאַטעריאַל פון דער שפּראַך. די פלאַסטיק געשטאַלטיקט זיך אין דער פאָרם פון איר אייגענער מאַטעריע. אינעווייניק אינעם ספּעציפישן שטאָף ליגט דאָס דראַמאַטישע פונאַנדערשפּיל פון דער קינסטלערישער שאַפונג. שטאָף און וועזן, — מ׳קאָן זיי אַבסאָלוט נישט פונאַנדערטיילן. — שטאָף איז וועזן, וועזן איז שטאָף. אין דעם פּראָבלעם פון דעם שטאָף מוז אַנטשיידן ווערן דאָס פּראָבלעם פון דעם וועזן. שאַגאַלס יידיש־גראָטעסקע פיגורן זענען די גרימירטע אַקטיאָרן, זיינע לייוונטן זענען די צונויפגעקלאַפּטע בינעס, אַוואו עס דאַרף געשפּילט ווערן דאָס גרויסע פלאַסטישע שוישפּיל פון יידישן היסטאָרישן געשטאַלט. עס איז אַלץ צוגעגרייט מיט אַ שפע פון פאַנטאַזיע, עס פעלט אין הויפּט־זאַך, — נעמלעך, — דאָס פלאַסטישע שוישפּיל פון יידישער געשטאַלט. די דראַמאַטישע פונאַנדערוויקלונג פון יידישן סטיל אין שטאָף און אין מאַטעריע. די שאַגאַלישע קונסט בלייבט הענגען ווי אַ בלויזע עקזאָטישע דראַפּעריע אויפן שטאָף. דער שאַגאַלישער סטיל גייט נישט אין דער טיף. דער יידישער סטיל שאַגאַלס וועקט זיך נישט אַלס אינערלעך לעבן אינעם שטאָף. דער שטאָף באַטייליקט זיך דראַמאַטיש נישט מיט. ער שפּילט שאַגאַלן נישט אַקעגן. נאָר אינעם אַקטיוון קעגנשפּיל פונעם שטאָף צו דער קינסטלערישער אידייע ליגט די גרויסע און ענדגילטיקע סינטעזע פון דער קונסט.

יאַנקל אַדלער האָט אויך די אַמביציע צו זיין דער זוכער פון אַ פלאַסטישן יידישן סטיל. פונקט ווי מאַרק שאַגאַל, זעט אַדלער די אייגנשאַפטן פונעם יידישן סטיל אין גראָטעסקן. יאַנקל אַדלער איז אין תוך זיינעם אַ פרעסקן־מאָלער. ער געהערט צו דער אַרכיטעקטור. כדי פול צו באַנעמען יאַנקל אַדלערס פרעסקן־בילדער דאַרפן מיר זיך זיי פאָרשטעלן ווי סטיל־פּראָגמענטן פון אַ ספּעציפישער „יידישער גאָטיק”. יאַנקל אַדלער מאָלט פאַרביקע

זעאונגען פאַר נישט־געזעענע „יידיש־גאָטישע" מויערן. יידיש און גאָטיק? דער לייענער וועט זיכער דאָ טון אַ שמייכל: וואָסער ווילדער דיסאָנאַנס! עס איז אפשר טאַקע נישט דער ריכטיקער באַגריף. גאָטיש באַנוץ איך אין דעם זין פון גראָטעסקן און פחדים־פולן. יאַנקל אַדלער וויל אין דעם גראָטעסקן און פחדים־פולן זען דעם פּלאַסטישן סטיל פון יידישער וועזנטלעכער גע־שטאַלטלעכקייט. אַ טרעפלעכער געדאַנק. עס איז נישט גענוג. הינטער אַדלערס פּרעסקן — און אַדלער איז דורכויס אַרכיטעקטאַניש, — פילט זיך נישט דאָס יידיש־גאָטישע מאַסן־שפּיל פון געמויער, ד"ה, דאָס גיגאַנטישע געראַנגל אין דער לופטן פון דער יידישער וועלט־אידייע מיט דער שווערער וועלט־מאַטעריע פון געשטיין. נאָר אין די פאָרמען פון אָט דעם געראַנגל וואָלט מען אויף זיכער געקאָנט רעדן פון אַ יידישן פּלאַסטישן סטיל ביי אַדלערן. די היסטאָריש־פּסיכישע מאָנומענטאַליטעט פון יידישער פּלאַסטיק — און דאָס איז דער עיקר — האָט אַדלער נישט באַוויזן אויסצוגעפינען. זיינע יידישע פּרעסקן זענען ווי סטיליזירטע פּאַליעס־שוים אָן דעם עלעמענטאַרן מאַסן שפּיל פון די וואָסערן. גאַנץ נעט, נאָר עס זאָגט גאָרנישט. סטיליזאַציע איז נאָך נישט קיין סטיל. עס פעלט אַדלערן די הויפּט־זאַך: דער אַרכי־טעקטאָנישער יידיש־גאָטישער הינטערגרונט פאַר זיינע יידישע פּרעסקן. דעם דאָזיקן וועזנהאַפטיקן הינטערגרונט זעט אַדלער אפשר אַלס נעפּל־האַפטע וויזיע אין זיינע קינסטלערישע וואונטשן. דאָס איז זיכער ווייניק. אויך אַדלער רופט אומזיסט. אויך פאַר אים פאַרשליסט די מאַטעריע אירע אינעווייניקייטן. אין דער קונסט איז דאָ איין כלל: דאָס וואָס עס געשטאַלטיקט זיך נישט, עקסיסטירט נישט. סוף־כל־סוף מאָלט יאַנקל אַדלער זיינע שיינע יידישע פּרעסקן אויף אַ קינסטלערישער באַדנלאָזיקייט.

— 2 —

שווער איז דער וועג צו די פּראָבלעמען פון יידישער פּלאַסטיק. נישט מעכאַנישע העמונגען פון אינדיווידועלע פּסיכישע פאָראורטיילן האָבן אָפּ־געהאַלטן די יידישע קינסטלער צו געשטאַלטיקן דעם יידישן סטיל אין פּלאַסטישע פאָרמען. די זעלביקע העמענדיקע פאָראורטיילן האָבן געהערשט בנוגע יעדעס וועלטלעכע שאַפן ביי יידן. פונדעסטוועגן זעען מיר, ווי דאָס יידישע שפּראַך־מאַטעריאַל האָט זיך באַלד געלאָזט אַדורכנעמען מיט די פּראָפאַנע קולטור־פאָרמען פון יידישן סטיל. נישט געקוקט אויף אַלע טעאָ־לאָגישע העמונגען האָט גראָד די וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור — די ליטעראַטור אויף דער שפּראַך פון יידישן פּשוט־מענטשלעכן מאַסן־לעבן — גלייך אויסגעפונען איר סטילפול היסטאָריש־יידיש געשטאַלט.

איך וויל אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַן אינטערעסאַנטן פאַל: אין דער פּיליגראַנישער קליין־קונסט געפינען מיר גאָר אַן אַלטע טראַדיציע פון אַן עכטן יידישן סטיל. ד"ה, אַ פולקאָמענע סינטעזע צווישן דעם אידייאישן יידישן סטיל־געפיל און דער אָביעקטיווער מאַטעריע פון די איידל־מעטאַלן. די יידיש־סטילהאַפטע קליין־קונסט איז אפילו על־פּי־רוב אַ כלי־קודשדיקע.

זי איז כמעט ווי אַנטשטאַנען אויף אַ סאַקראַלן און סינאַגאָגאַלן באָדן. למשל, די כלערליי זילבער־פאַרצירונגען אויף ספרי־תורות, שבת־לייכטער, מנורות, חנוכה־לעמפּלעך, קידוש־בעכערס, בשם־ביקסן, חלה־טישטעכער, פּרוכתן, א.ד.גל. הגם זי איז כלי־קודשדיק איז די דאָזיקע קליין־קונסט בשום־אופן נישט טעאָלאָגיש, ווי למשל די סאַקראַלע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער גלייכער צייט. שוין לויט אירע מאָטיוון און טענדענצן — קודם־כל דורך דער לעבנס־פרעמדקייט פון דער שפּראַך — לשון־קודש — איז די סאַקראַלע ליטעראַטור געווען נאָר אַ ספּעציפישער ענין פון טעאָלאָגישער אַקאַדעמיע. דאָס געלערנטקייט פון דער אינטעלעקטועלער סמעטענע. שאַפונג פון תלמודיש־רבנישן אינטעלעקט. צוליב אָט־אָ די הויכע מאָטיוון אירע און צוליב דער לשון־קודשדיקער שפּראַך איז די יידיש־טעאָלאָגישע ליטעראַטור פאַרן עלעמענטאַרן יידישן פאָלקס־געמיט געווען טאַבו. פאַר־שלאָסן אויף זיבן שלעסער. דאָס ווענהאַפטע געפיל פון לעבעדיקן יידישן לעבנס־אופן האָט דאָרט נישט געהאַט וואָס צו טון.

אין דער „כלי־קודשדיקער" קליין־קונסט זענען די באַדינגונגען געווען פונקט קאַפויער. די יידישע קליין־קונסטן זענען נישט געווען קיין סאַקראַלע וועזנטלעכקייטן פאַרן „יידנטום", קיין אַקאַדעמיש־רעליגיעזע טראַקטאַטן. זיי זענען געווען נייערט אָרנאַמענטיק. נייערט געמיט־שפּילעוודיקייט. נייערט באַדינענדיקע קונסט. פאַר די אויבערשטע פון דעם טעאָלאָגישן שטייסל ביי יידן איז עס געווען אונטערן כבוד צו פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע צוויית־ראַנגיקע צי גאָר מינדערווערטיקע פאַכן. פאַכן, וואָס האָבן קנאַפּוואָס צו טון מיט די שווערע קאָפּ־ברעכערישע שטריק־לייטער פון אינטעלעקטועלע סאַקראַלע געזעצן, — צי טיפזיניקע טעאָלאָגישע חקירה. האָרעוואַניע און מלאכה, אפילו קינסטלערישע מלאכות, זענען בכלל געווען מבוזהדיקע זאַכן אין די אויגן פון דער יידיש־טעאָלאָגישער צען־טויזנט. מ׳האָט גרויסמוטיק געלאָזט די עם־הארצישע מאַסע זיך שפּילן אויף די מאַרגינעסן און גליונות פון די שווערע טראַקטאַטן און ספרים און אויף די אידל־מעטאַלן פון די כלי־קודש, וואָס די חשובע לייט האָבן באַדאַרפט צו די רעליגיעזע מצוות־ומעשיות. דורך דעם דאָזיקן איינציקן טירל, — וואָס די הערשנדיקע יידישע טעאָלאָגיע האָט אויפגעלאָזן פריי פאַרן געפיל פונעם קאָלעקטיוון יידישן לעבן — האָט זיך טאַקע דאָס נאַציאָנאַלע יידישע געשטאַלט — הגם אונטערן סאַמעטענעם מענטעלע פון כלי־קודשדיקייט — פונאַנדערגעוויקלט אויף דעם ווינציקן פלאַץ פון סאַקראַלער קליין־קונסט. די סאַקראַלע טענדענצן זענען נאָר געווען דער גוטער אויסרייד פאַרן פראַפאַנעם וועלט־געפיל פון יענע אַנאָנימע יידישע קינסטלער. ס׳האָבן זיך דאָ שטיל און זיכער פונאַנדערגעבליט די בליעכצן און צוויטן פון אַ יידישן סטיל. אַלע לעבנס־אייגנשאַפטן, אַלע בענק־שאַפטן פון דער יידישער קאָלעקטיווער נשמה, אַלע חנען פון יידישן געמיט, אַלע חלומות און פאַרשטעלונגען וועגן דער שיינער וועלט, זענען יידיש־סטילהאַפטיק אַריינגעהאַמערט געוואָרן אין די אידל־מעטאַלן, אַריינגע־שפּונען און אַריינגעהאַפטן געוואָרן אין די שווערע פּרוכתן, אין די תפילין־

בייטעלעך און אין די חלה־טישטעכער. גראַד אין יענער קליין־קונסט האָט מען נאָך געקאָנט פאַרנעמען דעם וואַרימען האַרציקן אימפּולס פון יידישן מאַסן־געפיל. דאָס וואָס מ׳האָט די יידישע מאַסע נישט געלאָזט אויסרעדן אין איר יידישער שפּראַך, האָט זי אַרויסגערעדט אין די איידל־מעטאַלן, אין די שטילע געוועבן פון זייד, אינעם טייערן בראָקאַט: איר וועלט־געפיל. איר סטיל. עס איז געווען זייער באַשיידן אָבער טיף אין דעם חן און אין דער בענקשאַפט. טיף אין דער שטילער צניעותדיקער באַשיידנקייט פון דער הינטערשטעליקער יידישער מאַסע.

איך גלויב, אַז די סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן נישט היינט־צו־טאָג קיין גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער קליין־קונסט איז פשוט דערפאַר — ערשטנס איז די יידישע ליטעראַטור אַ באַקוועמערער און פיל ברייטערער פלאַץ פאַר יידישער סטיל־שאַפונג, צווייטנס, — די היינטיקע צייט האָט בכלל נישט קיין געפיל פאַר קליין־קונסט. די היינטיקע צייט איז אַ מאָנומענטאַלע און זי געשטאַלטיקט זיך נאָר אינעם מאָנומענטאַלן. נייערט די יידישע ליטעראַטור איז דער וועג, וואו יידיש וועלט־געפיל — אַלס סטיל — זאָל זיך געשטאַלטיקן אינעם מאָנומענטאַלן. פּרואוון פון יידישער פּלאַסטיק ווי מאָנומענטאַלע יידישע סטיל־שאַפונג פירן אונז דערווייל נישט אַרויס אויף אַ ווייטערן וועג. עס געלינגט אונז דערווייל נישט סינטעטיש צו באַהערשן דאָס מאַטעריאַל. מיר טרעפן דאָ אָן אויף אַ פאַרעקשנטן ווידער־שטאַנד.

— 3 —

דער אָרטאָדאָקסישער עסטעט שרעקט זיך פאַר געוויסע מאַרקסיסטישע דערקלערונגען אין קונסט־ענינים, ווי אַ שד פאַר ווירויך. ערדישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערקלערונגען אין די הויכע ספערעס פון קונסט און שיינקייט — עס גרילצט אין די פיין־הערערישע אויערן. איך וועל עס נישט פאַר־לייקענען: אין דער קונסט־קריטיק דאַרף מען זיך אומגיין מיט די מאַרק־סיסטישע מעטאָדן פאַרזיכטיק און מיט זייער פיל מאָס און טאַקט. דער עיקר: מיט פאַרשטענדעניש נישט בלויז פאַרן מאַרקסיזם, נאָר טאַקע מיט זייער פיל פאַרשטענדעניש פאַר דער קונסט. דער מאַרקסיזם איז אַ גרויסע וואַר־הייט. מען מוז וויסן ווי זיך אומצוגיין מיט גרויסע וואַרהייטן. גרויסע וואַר־הייטן זענען אין וועזן זייערן פיל רעלאַטיווער, ווי די קליינע אמתן. גרויסע וואַרהייטן שפּיגלען טיפער און ברייטער אָפּ דעם מהות פון די עקסיסטענצן. אין זייערע לעצטע טיפקייטן הייבן אַלע עקזיסטענצן אָן זיך צו נויגן צום רעלאַטיוון און צו דעם וואָס איז נייערט אומגעפער. וואָר ווי דאָס לעבן זענען די גרויסע וואַרהייטן. זיי האָבן אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון לעבן. אויך דאָס רעלאַטיווע געהער צו די אייגנשאַפטן פון לעבן. קליינע וואַרהייטן זענען די ווינציקע פּראַקטישע אמתלעך פונעם שאַבלאָן. דאָס רעלאַטיווע אינעם לעבן איז דער פרייער שפּיל־פּלאַץ פאַר דער פאַנטאַזיע. דער לעבעדיקער מענטשלעכער געדאַנק נויטיקט זיך אין דער פאַנטאַזיע. דער פאַנטאַזיע אימפּאָנירט גראַד דער רעלאַטיווער נעבן־טאָן פון דער גרויסער

װאַרהײט. פֿאַר דעם אַקאַדעמישן עפּיגאָן מוז מען ערשט די גרױסע װאַרהײט קאָנסערװירן אין דעם פּראַקטישן געקעכץ פֿונעם שאַבלאָן, כּדי ער זאָל זי קאָנען געניסן. „אױב דער גרױסער אמת האָט אין זיך די עלעמענטן פֿון רעלאַטיװן״, — זאָגט דער עפּיגאָן און ציטערט דערבײַ פֿון אַקאַדעמישער פֿרומקײט, — „דעמאָלט איז דאָך דערגרױסער אמת אַ ליגנט״. — ער איז אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג, דער עפּיגאָן. אױך דער מאַרקסיסטישער עפּיגאָן איז אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג. װען מאַרקס האָט אַזױ ליב געהאַט פֿײערבאַכן און זײַן (דאָס מאַרקסיסטישע) װעלט־בילד אַזױ לײַכט געקאָנט צופּאַסן צו דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק, איז עס נאָר דעריבער, װײַל די דיאַלעקטיק פֿון די עקאָנאָמישע געזעצן איז סוף־כּל־סוף נישט מער װי די דיאַלעקטיק פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער מענטש איז די מאָס פֿון די זאַכן. נײַערט דער גוטער פּסיכאָלאָג קאָן זײַן דער גוטער מאַרקסיסט. דער מענטשלעכער אמת איז אַ פּסיכישער פּראָדוקט. דער מענטשלעכער אמת איז דאָס געשטאַלט פֿון אינערלעכן מענטש. מען דאַרף צוצוגײן צו די גרױסע װאַרהײטן װי צו סובלימירטע נשמה־בילדער פֿון דער מענטשהײט. װער עס קוקט אױף זײ װי אױף אַקאַדעמישע פֿאָרמולקעס — אָ, ער אַנטױשט זיך ביטער אין די גרױסע װאַרהײטן! צו די ענינים פֿון דעם מענטשלעכן מאַטעריעלן לעבן קאָן מען נישט צוגײן אָן פֿיל קענטעניש פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק. די פֿלײַנען פֿון מענטשלעכן גײַסט, — איבערהױפּט די רעגיאָנען, װאו דער מענטשלעכער גײַסט געשטאַלטיקט זיך אין ספּעציפֿיש־סובלימירטע פֿאָרמען — װי צ״ב, די קונסט, — זײַ זענען אודאי צונױפֿגעבונדן מיט אַלע קאָמפּ־לעקסן פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק. כּדי גוט צו פֿאַרשטײן די קונסט מוז מען באַזונדערס גוט פֿאַרשטײן דעם מענטש. כּדי גוט צו פֿאַרשטײן דעם מענטש מוז מען אים קענען אינעם דיאַלעקטישן שפּיל פֿון די באַדינגונגען. אין דער באַװעגונג פֿון די באַדינגונגען װיקלען זיך פֿול פֿונאַנדער אַלע אײגנשאַפֿטן און אַלע ניואַנסן פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק. אין דער סינטעזע פֿון פּסיכיק און באַדינגונגען האָבן מיר די סינטעזע פֿון גײַסט און מאַטעריע. נײַערט מיט דער הילף פֿון דער סינטעזע דעראָבערט דער מענטש די דערקענטעניש.

— 4 —

אונטער היסטאָריש לעבן פֿאַרשטײען מיר דאָס לעבן פֿון מין. נאָר דאָס מין האָט געשיכטע. געשיכטע איז דאָס גענעטישע לעבנס־בילד פֿונעם מין. אין דעם באַדײַטנדיקן מענטש — אין דער אינדיװידואַליטעט — קומט אינעם פּערזענלעכן מענטש צום באַװאוסטזײַן דאָס לעבן פֿון מין. די אינדיװידו־אַליטעט לײגט אירע װערט־אַקצענטן אױף די סובלימירטע מין־עלעמענטן אין איר פּערזענלעכקײט. אױך װעלט־געפֿיל איז מין־געפֿיל. אין די באַצי־אונגען זײַנע צום מין איז דער מענטש שעפֿעריש. אױך קונסט איז דאָס זיך־געשטאַלטנדיקע מין־געפֿיל.

דעפֿיניציע פֿון אינדיװידואַליטעט און אינדיװיד: דאָס אינדיװיד האָט

נישט אין זיך קיין שום באַוואוסטזיין פון זיין מין־געפיל. ביים אינדיוויד קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע לעבן אין די ד׳אמות פון דער פּערזענלעכער עגאָטישקייט. (נישט אין דער פּערזענלעכקייט. אינדיוויד איז נישט קיין פּערזענלעכקייט). אין דער עגאָטישער לעבנס־עקזיסטענץ. אין דעם קורצן צייטשפּאַן פון דעם אינדיווידועלן דאָזיין. „נאָך מיר מעג קומען דער מבול״ — דאָס איז דער טיפּישער דעוויז פון דעם אינדיוויד. צו דעם „נאָך מיר״, ד״ה צו דעם לעבנס־דאָזיין פון מין , האָט דאָס אינדיוויד נישט קיין שום באַציאונג. אין דער באַציאונגסלאָזיקייט זיינער האָט דאָס אינדיוויד אויך נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וואָסער עס איז נאָכוועלט. נאָכוועלט איז פאַרן אינדיוויד אַ פּוסטע פראַזע. דאָ פעלט אים יעדע פאַרשטענדעניש. דאָס אינדיוויד האָט אויך נישט קיין ביאָגראַפיע. ביאָגראַפיע רופן מיר די געשיכטע פונעם טעטיקן מין־עלעמענט אין דעם פּערזענלעכן לעבן פון דער אינדיווידואַליטעט. דאָס באַציאונגס־שפּיל צווישן דער אינדיווידואַליטעט און דעם מין רופן מיר ביאָגראַפיע. אַזוי ווייט דאָס אינדיוויד. ביי דער אינדיווידואַליטעט זענען די באַדינגונגען פונקט קאַפּויער: די עגאָטישע פיר איילן פון פּראַקטישן פּערזענלעכן לעבן שטייען דאָרט נישט אויפן פראָנט פון דער לעבנס־ליניע. זיי זענען עקזיסטענץ־מיטלען, — אָבער נישט קיין עקזיסטענץ־צילן. דאָס וואָס עס דאָמינירט יאָ אויף דער לעבנס־ליניע פון דער אינדיווידואַליטעט, איז דאָס שטאַרק מין־באַוואוסטזיין. אין דעם מין־באַוואוסטזיין זענען ממילא אָנגעבונדן אַלע אַטריבוטן, וואָס געהערן צום מין. קודם־כל: דאָס באַוואוסטזיין פון געשיכטע, ד״ה, די דימענסיע פון לעבן נישט בלויז אויף דעם קליינעם שטח פון דער פּערזענלעכער עקזיסטענץ, נאָר אויף די דימענסיעס פון דעם מין־עקזיסטענץ. אויף אָט־אָ דעם זע־פעלד פונעם היסטאָרישן באַוואוסטזיין ווערן אַלע ווערט־אַמביציעס פון דער פּערזענלעכקייט צוגעשניטן וועדליק די ווערט־אַמביציעס פון דעם מין. דאָס גענעטישע לעבנס־בילד פון דער פּערזענלעכקייט שטעלט זיך אין שייכות צו דעם גענעטישן לעבנס־בילד פון מין. די נאָכוועלט, — ד״ה, דאָס מין, — איז דאָס איינגנטלעכע קריטעריום פאַר אַלע ווערט־טעטיקייטן פון דער פּערזענלעכקייט. לויט דעם דאָזיקן קריטעריום שטעלט איין די פּערזענלעכקייט איר לעבנס־ליניע. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער נאָכוועלט — דאָס איז דאָס עטישע געוויסן פון דער אינדיווידואַליטעט. דאָס פאַרבלייבן אין דער נאָכוועלט — דאָס איז דער עגאָטישער עקזיסטענץ־אינסטינקט פון דער אינדיווידואַליטעט. די אינדיווידואַליטעט רעדט כסדר פון דער אייביקייט — אָבער דאָס אייביקייטס־געפיל איז נאָר די מעטאַפיזישע סובלימאַציע פאַרן מין־געפיל. אינדיווידואַליטעט זאָגט אייביקייט — און מיינט: מין. מיטן לעצטן מענטש ענדיקט זיך די גרענעץ פון דער אייביקייט. איך גלויב נישט, אַז אַ מענטש מיטן טיפסטן אייביקייטס־געפיל זאָל זיך וועלן פאַראייביקן פאַר אַ תקופה אין וועלכער עס וועט שוין נישט עקזיסטירן דאָס מענטשלעכע מין. די אינדיווידואַליטעט וויל היסטאָריש עקזיסטירן אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. מיר האָבן נישט קיין שום עקזיסטענץ־אַמביציעס

פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענצלאָזיקייט. די אינדיווידואַליטעט וויל זיין אייביק אין דער וועלט. אויך אינעם באַגריף וועלט לייגן מיר אַריין די וועלט אַלס פאָרשטעלונגס־אָביעקט פון דעם מענטשלעכן סוביעקט.

איר אייביקייטס־געפיל אין מין רופט די אינדיווידואַליטעט אָן „וועלט“.

זאָל פאַרשווינדן דאָס מענטשלעכע מין, — אויב עס וועט דערנאָך קומען דער קאַטאַסטראָפאַלער אונטערגאַנג פון דער וועלט — אַזאַ גרויזאַם בילד פון אַ וועלט־אונטערגאַנג רייצט שטאַרק אונזער נייגעריקייט, עס לאָזט פולשטענדיק קאַלט אונזער אייביקייטס־געפיל.

אין דער קונסט קומט דאָס מין־געפיל צום העכסטן אויסדרוק. הגם אין פלוג טרעפן מיר אין די מאָטיוון פון דער קונסט מער אינדיווידן ווי אינדיוודואַליטעטן, ווערט אָבער אין יעדער באַוועגונג, אין יעדער ניואַנסירונג און אין יעדער געשטאַלטונג פון דער קונסט סובלימירט און אויסגעשפּראָכן נאָר דאָס געפיל פון מין. יעדעס פּערזענלעכע און יעדע אייגנשאַפט, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום מין ווערט פון דער קונסט עלימינירט ווי אַ פרעמד־קערפּער. איז פאַר דער קונסט נישט אינטערעסאַנט. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די קליינע טאָג־טעגלעכע לעבנס־פּאַסירונגען. אין ווירקלעכן לעבן גייען מיר פאַר זיי פאַרביי. מיר רעאַגירן נישט אויף זיי. אין דער קונסט ווערן גראָד אין אָט די ווינציקע טאָג־טעגלעכקייטן פון לעבן אַריינגעבויט די טיפסטע מענטשלעכע שיקזאַלן, שיקזאַלן, וואָס דערשיטערן נישט בלויז די צייט־מעסיקע מענטשן, נאָר באַרירן טיף אויך די שפּעטערע מענטשלעכע דורות. מאַכן זיי מיטליידן מיט די דאָזיקעליידן פון די ווינציקע טאָג־טעג־לעכקייטן. מיר זעען עס אין די גרויסע קינסטלערישע טראַגעדיעס. פאַרוואָס? דאָס ליידן פון דעם אינדיוויד דערגרייכט אין דער קונסט דאָס טאָטאַלע ליידן פון מענטשלעכן מין. דאָס ליידן פון אַן איינצלנעם מענטש קאָנטינוירט זיך היסטאָריש אין מין. אין דער טראַגעדיע ליידן מיר אָביעקטיוו — מחוץ די גרענעצן פון אונזער אינדיוויד — דאָס ליידן פון מין. דער כאַראַקטער פון מין ווירקט דאָרט ווי שיקזאַל צי ווי דעאוס עקס מאַקינאַ.

דעריבער איז דאָס קונסט־געפיל אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אייבי־קייטס־געפיל. סובלימירנדיק די ריינע מין־מהותן אין דער באַוועגונג פון דער קינסטלערישער געשטאַלטונג — אַבסטראַהירט דער קינסטלער די עקסיסטענץ־פאָרשטעלונג פון זיין טאָט צו דער עקסיסטענץ־פאָרשטעלונג פון מין. די עקסיסטענץ־מאָס פון דעם מין, — דאָס איז די עקסיסטענץ־מאָס פון דער קונסט. נישט די פּערספּעקטיוו פון אינדיווידועלן לעבן, נייערט די פּערספּעקטיוון פון דער נאָכוועלט, די ווייטערע מענטשלעכע דורות, די פּערספּעקטיוון פון מין, זיי זענען דער פאָן און דער הינטערגרונט פאַרן קונסט־ווערק. וואָס ריינער דער מין־מאָמענט — דער כאַראַקטער און דער שיקזאַל פון מין — ווערט בולט און אַפּערגעהויבן אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג, אַלץ גרעסער איז די מייסטערשאַפט פון קינסטלער. וואָס גרעסער די מייסטערשאַפט, — טיפער און מעכטיקער דאָס אייביקייטס־

געפיל. קונסט און געפיל פאַר אייביקייט איז איין־און־די זעלביקע אייגנ־שאַפט: מין־געפיל.

דער עכטער קינסטלער קאָן נאָר טון זיין טאַט אונטער די בליקן פון דער נאַכוועלט.

— 5 —

קינסטלער וואָס האָבן קאָנצענטרירט זייער שאַפן אויף יידישן סטיל האָבן אייגנטלעך געוואָלט געשטאַלטיקן דאָס ספּעציפישע מין־געפיל פון יידיש־היסטאָרישן קאָלעקטיוו. אויך סטיל איז דער כאַראַקטער און דאָס שיקזאַל־געשטאַלט פון מין. אויך סטיל איז נישט די אייגנשאַפט פון אינדיווידוּ. סטיל איז אַ קאָלעקטיווע אייגנשאַפט. סטיל איז דער סובלימירטער וועלט־באַנעם פון קאָלעקטיוו. די קאָלעקטיווע לעבנס־ליניע. סטיל איז געשיכטע. די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אין איר שאַפן באַזונדערע נייגונגען צו ספּעציפישע סטיל־געשטאַלטונגען — אינטערפּרעטירט נאָר — לויט דער אייגנאַרטיקייט פון אירע באַציאונגען צום קאָלעקטיוו, — די אייגנ־אַרטיקייט פון קאָלעקטיוו. תמיד ליגט דער קינסטלערישער הויפּט־אַקצענט אויף אַ קאָלעקטיווער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, ד״ה, אויף דער אַרט און אופן אויף וועלכער דער קאָלעקטיוו געשטאַלטיקט די פּראָבלעמען פון זיין מין־מהות. ווען מען האָט געזוכט אַ יידישן סטיל האָט מען געזוכט די פאָרם פון יידישן וועלט־געפיל.

דער יידישער סטיל איז אין זיין גאַנצן פאַרנעם פאַרבונדן מיט אַלע אַטריבוטן פון אַן אַקטיוון היסטאָרישן קאָלעקטיוו. קודם־כל, איז די גענעזיס פון סטיל, זיין אַנטוויקלונג, זיין וועלט־באַציאונג און זיין עקסיסטענץ־ליניע צוגעמאָסטן צו דער צייט־מאָס פונעם קאָלעקטיוון לעבן. דער סטיל איז דער מענטש. אָבער דער סטיל איז דער מענטש אינעם שפּיגל פון די דורות. דער סטיל איז דער מענטש אין זיין מינהאַפטיקייט. נאָר אויף דער לעבנס־ליניע פון די דורות, דער עיקר, אין דער פולסטער אינערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר די דורות, קאָן זיך אויסגעשטאַלטיקן דער מהות פון אַ סטיל. אַ יעדע וויכטיקע קינסטלערישע טאַט זעט איר מאָנומענטאַליטעט אין די פּערספּעקטיוון פון דער נאַכוועלט. קינסטלערישע פאַרמעסטונגען אויף אַ ספּעציפישן סטיל פון אַ נאַציאָנאַלן מין — נאַציאָנאַלער סטיל — זענען באַזונדערס אַקצענטירט אויף דער נאַכוועלט פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן מין.

אינטערנאַציאָנאַלער — אַזוי צו זאָגן — ריין־מענטשלעכער סטיל, קאָן גריילעך רעזיגנירן פון דער נאַכוועלט פון דעם אָדער יענעם נאַציאָנאַלן אָפּשניט. דער פּראָנט פון די דורות איז דאָ אויסגעצויגן אויף אַ גרעסערן שטח פון דער צוקונפט. נאַציאָנאַלער מין־סטיל — ווי ריכטיק עס זאָל נישט זיין, אַז נאַציאָנאַלער סטיל איז נישט מער ווי אַ ספּעציפישע פאָרם פון אינטערמענטשלעכן סטיל: אַז אויף אַזוי פיל האָט דער נאַציאָנאַלער סטיל וואָג און באַטייט, אויף וויפל ער דריקט אויס אין זיין נאַציאָנאַלער ספּעצי־

פישקייט די אייגנאַרטיקע פאָרם פון זיין מענטשלעכקייט — דאָך אָבער, דער נאַציאָנאַלער סטיל באַמיט זיך באַזונדער איבערצוגעבן די פסיכישע שאַטי־רונגען, די סובטעלע אײנצלהייטן, די ליכט־און־שאָטן־ניואַנסן פונעם וועלט־געפיל אינעם נאַציאָנאַלן סטיל. וועלט־געפיל ווי לעבנס־געפיל. דער נאַציאָ־נאַלער סטיל פאַרבינדט זיך באַזונדער מיט דעם היסטאָרישן לעבנס־אופן פון דעם נאַציאָנאַלן מין. די ליניע פונעם נאַציאָנאַלן סטיל — אַלגעמיין־מענטשלעך אין אירע לעצטע קאָנסעקווענצן — זי ציט זיך האַרט נעבן די צוקונפט־פּערספּעקטיוון פון דער געגעבענער נאַציע. ווייל נאַציאָנאַלער סטיל באַלאַנגט צום כאַראַקטער פון דער נאַציע, צום שיקזאַל פון דער נאַציע.

דער כאַראַקטער און דער שיקזאַל פון דער נאַציע אַנטוויקלען, פאַרמירן און געשטאַלטן זיך אין אַ קאָמפּלעקס פון היסטאָרישע באַדינגונגען. דעריבער איז אויך די די לעבנס־ליניע פונעם נאַציאָנאַלן סטיל אָפּהענגיק פון די דאָזיקע היסטאָרישע באַדינגונגען.

— 6 —

ווי מיר זאָלן נישט וועלן אַריינטייטשן און אויסטייטשן די סאָציאַל־היסטאָרישע קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציע, — וואָסערע ראַדיקאַלע פּראָגנאָזן מיר זאָלן נישט שטעלן וועגן דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע, לאָמיר זאָגן אָפן: יידישער קיום אין שייכות מיט די פּערספּעקטיוון פון סאָציאַליזם, — האָט עס גאָרנישט צו טון מיט דער פּסיכישער גענעזיס און מיט דעם געשיכטלעך־פּסיכישן בילד פון דער יידישער נאַציע. אַ כאַראַקטער אַנט־וויקלט זיך נישט לויט די פּערספּעקטיוון. אפילו נישט ווערדליק די נאָרמאַלסטע און שענסטע פּערספּעקטיוון פון דער צוקונפט. דער כאַראַקטער אַנטשטייט לויט די פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַ כאַראַקטער איז אַ גענעטישער סך־הכל. נישט בלויז איז דער כאַראַקטער דער סך־הכל פונעם אינדיווידועלן פּערזענלעכן לעבן. ער איז דער סך־הכל פון דורות.

די וויכטיקסטע עלעמענטן פון כאַראַקטער, איבערהויפּט די עלעמענטן, וואָס זענען אַמשעפערישסטן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, זענען עלעמענטן פון היסטאָרישע רעזולטאַטן און פון לאַנגע היסטאָרישע פּראָצעסן.

אויך אין אינדיווידועלן כאַראַקטער שפּילן אַ עיקרדיקע ראָל די היסטאָ־רישע כוחות. אין אונזער אונטערבאַוואוסטזיין ליגן געאָלאָגישע שיכטן פון קאָלעקטיווע דורות פּסיכיק. אינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער גילטן היסטאָרישע כוחות נאָך שטאַרקער און נאָך אָפּענער. אינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער זענען גראַד די היסטאָרישע כוחות די שטאַרקסטע און לעבעדיקסטע קעגנוואַרטיקייט. אין נאַציאָנאַלן סטיל דערצידירן זיי אַמפּולסטן. די היסטאָרישע כוחות אין דעם געשטאַלט פון סטיל זענען דאָס קאָלעקטיווע באַוואוסטזייך. נאַציע איז אַ פּסיכישער סך־הכל פון אַ געמיינזאַמער געשיכטע — און געשיכטע איז אַ סך־הכל — פון באַדינגונגען .

דאָס כאַראַקטער־בילד פון דער יידישער נאַציע האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אין ספּעציפישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דורך זיי האָט אין דער

יידישער פסיכיק זייער שטאַרק דאָמינירט דאָס עלעמענט פון אַ וואַנדער־פאָלק.
ניִשט בלויז דאָס וואָס יידן זענען געווען אַ שטאָטיש עלעמענט. אפילו ווי אַ
שטאָטיש עלעמענט זענען יידן ניִשט זיכער געווען אין זייער סטאַביליטעט.
טיבות, וואָס דערקלערן דאָס, זענען פאַראַן גענוג. פאַקטן זענען גיכער די
בוי־שטיינער פון דער פסיכיק, ווי די סיבות.

דער היסטאָרישער פאַטום, וואָס האָט זינט טויזנטער יאָרן געהאַנגען
איבער דער יידישער געשיכטע, האָט קיינמאָל יידן ניִשט געלאָזט פעסט זיך
איינוואָרצלען אין זייערע בעסטע וואוין־ערטער. די זיכערקייט האָט געהערט
צו די ליכטיקע צופאַלן פון דער יידישער געשיכטע, די ניִשט־זיכערקייט איז
געווען דאָרט דער כלל. אין די יידישע משפחות זענען איבערגעגאַנגען פון
דור צו דור שיינע געשניצטע קופערטס. די דאָזיקע קופערטס האָבן אונטערן
דנאָ זייערן געהאַט רעדלעך. אויב עס וועט אויסשלאָגן די שווערע שיקזאַל־
שעה זאָל מען תמיד קאָנען די יידישע כאָדאָבע מיט זיך מיטפירן אויף דער
אויסוואַנדערונג. אָט־אָ די רעדלעך אונטער יידישע קופערטס זענען סימבאָליש
אויך פאַר דער פסיכיק פון יידן. די יידישע ישובים און די יידישע געטאָס
האָבן תמיד געמאַכט דעם איינדרוק ווי אויפגעשלאָגענע געצעלטן. אויפגע־
שלאָגענע געצעלטן איבער אַלע מענטשלעכע לענדער. אין זייערע טענדענצן
און מאָטיוון האָבן שאַגאַל און אַדלער געוואָלט אונטערשטרייכן דאָס מיסטיש־
גראָטעסקע, דאָס פורים־שפּילערישע און קאָמעדיאַנטישע, דאָס מאַסקנהאַפ־
טיקע ווי אַ סטיל־וועזן אינעם יידישן היסטאָרישן לעבן. עס זענען געווען די
קינסטלערישע השפעות און אָנרעגונגען פון דעם וואַנדעריש־געצעלטישן אין
יידישן לעבנס־אופן. דעם שיקזאַל־שטערן פון דער יידישער געשיכטע האָבן
זיי אויפגעהאַנגען נידעריק און גראָטעסק, ווי אַ גייסטערהאַפטע קאָמעדיאַנטן־
לאַמטערן איבער די וואַנדער־געצעלטן פון יידן. וואָס זענען יידן ווי אַ סטיל?
דעם יידישן סטיל און דעם יידישן וועג אין דער מענטשלעכער געשיכטע
האָבן שאַגאַל און אַדלער געוואָלט מאָטיוויסטיש אינטערפּרעטירן ווי דעם וועג
פון אַ גרויסער און געהיימנישפולער קאָמעדיאַנטן־טרופּע. אָט־אָט די קאָמע־
דיאַנטן־טרופּע — יידן — שפּילן אין יעדן לאַנד אָפּ אַ סצענע פון זייער
מערקווירדיקער געשיכטע. פּאַקן איין די דעקאָראַציעס. לאָזן זיך פון דאָס ביי
אין ווייטן וועג אַריין. אַזוי דרייט זיך דאָס אייביקע יידישע רעדעלע און אַזוי
שפּילט צו די וועלט־קאַטערינקע. שאַגאַלס יידן שפּרייזן איבער דעכער. זיי
שפּרייזן כסדר איבער עפּעס אויסטערלישע רוימען. די דאָזיקע דינאַמישע
רוימען, וואָס צעשיטן זיך ווי פּאַפּירענע שאַכטלען, זיי זעט שאַגאַל ווי די
דימענסיעס פון דער וועלט אין דער יידישער וועלט־פאָרשטעלונג. אַלע יידישע
מאָטיוון ביי אים זענען אויפגעלייזט אין אַ דעסטרוקטיווער דינאַמיק. אין אָט־אָ
דער ווילדער וועלט־דעסטרוקציע שפּרייזן די יידן אין מאַסקן־צוג. עס איז
דיאָניזיש און עס דערמאָנט שטאַרק אין שלום־עליכמען. יידן אין מאַסקעס? כדי
צו ווייזן דאָס עצמדיקסטע פון יידישן פּנים, — מוז מען דאָס יידישע פּנים
ווייזן אין אַ מאַסקע.

דאָס וואַנדערהאַפטיקע וויל מען אַריינעמען ווי אַ וויכטיק עלעמענט אין

יידישן סטיל. דאָס שטאַמט דורכויס פון טיפערן באַנעמען דאָס יידישע וועזן. דער קינסטלער, וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט יידישן סטיל — זיינע פּערזענלעכע פּערספּעקטיוון זענען אויך פאַרבונדן מיטן יידישן וואַנדער־שיקזאַל. אינעם יידישן סטיל קאָנצענטרירט זיך — ווי אַ געשטאַלטונגס־באַוועגונג — אַלע אייגנשאַפטן און אַלע ניואַנסן פון יידישער פּסיכיק. סוב־לימירטע נאַציאָנאַלע פּסיכיק — אפילו אויף איר העכסטער קינסטלערישער מדרגה, קאָן מען זי נישט אָפּרייסן פון איר נאַציאָנאַלן שטאַם. פּסיכיק און כאַראַקטער זענען געגעטישע אייגנשאַפטן פון אַ קאָלעקטיוון היסטאָרישן שיקזאַל. אין זייערע איידלסטע און פאַראייביקסטע פאָרמען — אין די פאָרמען פון נאַציאָנאַלן סטיל — זענען זיי פולקום אידענטיש מיטן שיקזאַל פון דער נאַציע.

סטיל איז די פאָרם פון שיקזאַל.

דאָס היסטאָרישע וואַנדער־געפיל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק ליגט נישט בלויז ווי אַן עצם אין די פאָרמען פון יידישן סטיל. וואַנדער־געפיל איז אויך דאָס שיקזאַל־געפיל אין דער נשמה פון יידישן סטיל־געשטאַלטער. שאַפנדיק הויבט ער אויף זיינע אויגן צו די קומענדיקע יידישע דורות. אין סטיל הערט דער קינסטלער די באַוועגונג פון דער נאָכוועלט. די יידישע נאָכוועלט, צו וועלכער דער יידישער סטיל־קינסטלער אַפּעלירט אין זיינע געשטאַלטונגען — ער מעסט איר עצם וועדליק דעם עצם פון דער יידישער פּסיכיק, ד"ה, וועדליק דעם היסטאָרישן וואַנדער־געפיל פון דער יידישער פּסיכיק. די סטיל־פאָרמען, — דער עיקר די מאַטעריע, וואָס אַנטשפּרעכט פּסיכיש די דאָזיקע סטיל־פאָרמען, — אַנטשפּרעכט אויך דער קאָנסטרוקציע פון היסטאָרישן יידישן וועלט־געפיל. דעם וואַנדער־געפיל. פאַר דער פאָרם פונעם יידישן סטיל זוכט דער קינסטלער אין זיין אינסטינקטיוון אויסבליק צו די יידישע דורות — יענע קונסט־דימענסיעס און יענעם מאַטעריעלן שטאָף, וואָס זאָל אין גאַנצן היסטאָרישן וועג פונעם יידישן מין תמיד זיין צוגעפּאַסט צום לעבנס־אופן פון יידן. נישט נאָר ווי עצם און כאַראַקטער, אויך אין זיין עקסיסטענץ־שטייגער — אין זיין שטאָף און מאַטעריע — אַנטשפּרעכט יידישער סטיל דעם יידישן וואַנדער־געפיל. די קומענדיקע יידישע דורות, וואָס קוקן אַראָפּ אויף דער טאַט פון יידישן סטיל־קינסטלער — ער זעט זיי ווי אומרואיקע נאָמאַדן וואָס רוען אָפּ אין זייערע געצעלטן. אין שווערע שיקזאַל־טעג לייגן זיי פונאַנדער די דאָזיקע געצעלטן. לאָזן זיך פון דאָס ניי אויף די ווייטע וועלטישע וועגן. אין זיין פולער געשטאַלט וויל דער יידישער סטיל זיין פאַרבונדן מיט דער יידישער נאָכוועלט. ער פּאַסט זיך פּסיכיש צו נאָר צו אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס זאָל זיין וואַנדערפעאיק. די יידישע נאָכוועלט זאָל אים תמיד קאָנען מיטנעמען מיט זיך, וואוהין עס וועט זי פירן דער שטערן פון איר שיקזאַל. צום וואַנדער־פעאיקסטן איז דאָס בוך. דעריבער קאָן זיך צום יידישסטן פילן דער יידישער שריפטשטעלער. בישט דער טעאָלאָגיש־מעכאַנישער פאַרבאָט פון „פסל ומסכה". ניין. עס איז אַ טיפערע היסטאָריש־פּסיכישע סיבה, פאַרוואָס דער יידישער געניוס האָט אינעם שפּראַך־מאַטעריאַל

— אינעם בוך — געזען די בעסטע און פּאַסיקסטע פאָרם, וואו זיך שעפערישע פונאַנדערצובויען. אַ פאָרם, וואו אַלע אַטריבוטן פון פערזענלעכקייט און מין, קעגנוואַרט און נאָכוועלט זאָלן צוזאַמענשפּילן אין דער קינסטלערישער טאַט. דאָס בוך איז געווען ווי אַ סינטעזע צווישן גייסט און באַדינגונגען. די יידישע דורות האָבן אומעטום געקאָנט מיטנעמען מיט זיך דאָס יידישע בוך. עס איז אומעטום, דאָס יידישע בוך, געווען מיט זיי דער נע־ונדניק. דאָס יידישע בוך איז פון די איידלסטע רעקוויזיטן אין דעם שוישפּיל פון דער יידישער געשיכטע. אַלע שעפערישע אַמביציעס פונעם יידישן קינסטלער זענען דאָ געווען אין פולן הסכם און איינקלאַנג מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען פון יידישן מין, נע־ונד. אויך די קליין־קונסט און די געוועבן זענען וואַנדער־פּעאיק, מיר האָבן טאַקע דאָרט יידישן סטיל.

וואָס שייך מאָנומענטאַלער פּלאַסטיק, איז זי ווערדליק דער גאַנצער פאָרם אירער אויסגערעכנט אויף אָרט־איינגעוואָרצלטקייט. אויף געשיכטלעכער סטאַביליטעט. פאַר דער מאָנומענטאַלער פּלאַסטיק זענען גראָד אָרט און נאָכוועלט די באַגריפן פון דער סינטעזע. נישט אין דער אָרטלאָזיקייט, אין דעם אָרט זעט זי דעם רוים פון דער נאָכוועלט. אין דער סטאַביליטעט פון איר אייגענער מאָנומענטאַלישקייט זעט די דאָזיקע פּלאַסטיק דאָס אָרט־מאָנומענטאַלישקייט פון די שפּעטערע דורות. פאַר דער יידישער פּסיכיק איז אָרט־מאָנומענטאַליטעט אַ קעגנזעצלעכער, אַן אָרגאַנישער ווידערשפּרוך. עס ליגט נישט אויף איר לעבנס־ליניע. די רוים־באַוועגונג פון דער יידישער פּסיכיק איז דאָס וואַנדערן. די היסטאָרישע דינאַמיק. ווידערשפּרוך צו דער פּסיכיק איז ווידערשפּרוך צום סטיל־געפיל. נאָר ווי אַ סינטעזע מיט דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק קריסטאַליזירט זיך דאָס נאַציאָנאַלע סטיל־געפיל.

פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור

— 1 —

דער סוף פון פּערזענלעכן מענטשלעכן לעבן פילט אונז אָן מיט טיפער אומהיימלעכקייט, — פּונקט אַזוי פילט אונז אָן מיט טיפער אומהיימלעכקייט דער סוף פון אַ היסטאָרישער תקופה. וואָס גרויסאַרטיקער און שעפערישער זי דערשיינט אונז אין די פּערספּעקטיוון און ליכטער פון איר בין־השמשות — אַלץ קלענער און אוממעכטיקער קוקן אויס די לעצטע פון אַ תקופה, די מאָהיקאַנער און די וואָס עס איז באַשערט דער אונטערגאַנג. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס גאָר אָפּט פאַלט אונז אָן דער געדאַנק, נעמלעך, — צי איז טאַקע דאָס גרויסאַרטיקע היסטאָרישע געשטאַלט וואָס מיר מוזן פאַרלאָזן — דער פּראָדוקט פון אונזערע הענט? צי האָבן מיר דאָס טאַקע באַשאַפן? האָבן מיר טאַקע אויפגעטורעמט איבער אונזערע אייגענע קעפּ אַזאַ גראַנדיעזע סימפאָניע פון פאָרמען און אינהאַלטן? ווי אַזוי האָבן מיר עס געמאַכט? אין דער שפע פון געשטאַלטלעכקייט, אין די פּערספּעקטיוון הינטער אונז — ווי זיי קוקן אויס צום סוף פון אַ שעפערישער תקופה — פילן מיר ערשט דאָס גרויסע געהיימניש פון היסטאָרישער שאַפונג וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פון אונזער אייגן געמיט. וואָרעם שאַפונג איז די שפּראַך פון דעם סוד פון וועלט און געשיכטע. אין אָט־אָ דער אַדורכגעגאַנגענער שפע וואָס האָט דערגרייכט צו די ברעגעס פון פאַרגאַנגלעכקייט ווערט אונז אומעטיק און אומהיימלעך: ווי אַזוי וועלן מיר עס ווייטער מאַכן? צי האָבן מיר כוח דערצו? צי איז עס נישט אונזער גורל צו פאַרבלייבן עפּיגאָנען? וועלן מיר גאָר איינשרומפּן און קלענער ווערן אין די שאָטנס פון דעם גרויסן וואָס איז פאַרגאַנגען? זענען מיר נישט ווי די לעצטע יידישע זינגער ביי די טייכן פון בבל — און אויך מיר דאַרפן אויפהענגען אונזערע האַרפעס אויף די טרויערנדיקע ווערבעס? אונזער אייגן הערלעכקייט האָט אונז צוגעפירט צו אַ תהום. ווי אַזוי וועלן מיר דעם תהום אַריבערגיין? צי וועט אייביק שוין זיין אַרום אונז בן־השמשות און טונקלקייט?

— 2 —

תקופות וואָס ווערן רייף און פאַלן אַראָפּ פון בוים פון דער געשיכטע אין דערפולער גאָלדיקייט פון אַ האַרבסט, — אויך זיי וועקן אין אונז אומעט און יאוש, מאַכן אונז שווער אויפן האַרצן. פילן אונז אָן מיט ספק וועגן די ווייטערע מעגלעכקייטן פון אונזערע כוחות און וועגן אונזערע פּערספּעקטיוון

אין דער צוקונפט — מכל ־שכן ווי ביטער אין זייער אומעט זענען תקופות, וואָס פאַרענדיקן זיך אין שטורעם און אין היסטאָרישן געוויטער. תקופות, וואָס גרויסע קאַטאַסטראָפעס פאַרשניידן זיי אינמיטן פון זייער פולסטער בליאונג. מיר, די שוואַכע און די איבערגעבליבענע אויף אַ וואולקאַנישן באָדן, ווי אַזוי קאָנען מיר גאָר גלייכן זיך צו די באַדייטנדיקע פערזענלעכ־קייטן וואָס האָבן די פאַרשוואונדענע תקופות אויסגעבויט אין העלסטן ליכט און אין טיפסטן גלויבן? האָבן דאָך יענע בויער נישט געהערט דאָס טייוו־לאָנישע געלעכטער פון דער קרעאַטור, וואָס מאַכט צונישט די שענסטע מענטשלעכע מעשים. מיר, — די שוואַכע און די געטראָפענע פון דער קאַטאַסטראָפע, צי קענען מיר אפילו האָבן די אַמביציע ממשיך צו זיין זייער אַרבעט, צי גאָר אָנהויבן פון אויפסניי די גרויסאַרטיקע היסטאָרישע גע־שטאַלטונגען? ווער זענען מיר און וואָס זענען מיר, אויב נישט אַש און שטויב?

ליידער האָבן זיך אַלע גרויסע תקופות פון דער יידישער געשיכטע נישט געענדיקט אין דער גאָלדיקייט פון אַ האַרבסט, נייערט אין דעם גע־וויטער און אין די חורבן־פייערן פון מאוימדיקע צייטן. זיכער זענען מיר נישט די ערשטע. איך בין מסופק צי מיר זענען די לעצטע יידן וואָס לעבן איבער אַ חורבן. מיר קאָנען ווייניק דעם דראַמאַטישן זין פון דער געשיכטע כדי מיר זאָלן עפּעס וויסן פון אַ באַשייד. מיר זענען נישט מער סיידן די פיגורלעך פון אַ גרויס קאָסמיש שאָך־שפּיל. מיר מוזן כמעט ווי זיכער זיין אַז דאָס געשען פון דער געשיכטע האָט אַ זין. אַ זין און אַ מחשבה אויף די פליינען פון צייטן. אויב מיר זאָלן זיך דערטראַכטן צו דער מסקנה, אַז געשיכטע איז נישט מער ווי איין גרויסע זינלאָזיקייט, — דאַן זענען מיר מיט אַלע אונזערע געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע אידעאָלאָגיעס טאַקע נישט מער ווי לעכערלעכע דאָן־קיכאָטן צווישן פוסטע ווינט־מילן. ווי פאַלט אונז גאָר איין מיט אונזערע שוואַכע מענטשלעכע הענט צו וועלן קאָרעגירן אַן אייביקן אומזין פון אַן אייביקן קאָסמאָס?

— 3 —

יעדע גרויסע תקופה פון דער יידישער געשיכטע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ חורבן. פונדעסטוועגן — דאָס איז די גרויסקייט פון יידן — זיי האָבן געהאַט אַ האַרטנעקיקן און אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דעם זין פון דער וועלט־געשיכטע אין וועלכער די יידישע געשיכטע האָט געהאַט די אַמביציע צו זיין אַ גייסטיקער פּיאָנער. די יידישע דורות פון חורבן האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט באַטראַכטן ווי עפּיגאָנען, ווי די קליינע לעצטע יידן וואָס האָבן שוין מער קיין כוח נישט ממשיך צו זיין דאָס זינפולע שוי־שפּיל פון דער וועלט־געשיכטע אין דעם געשטאַלט פון יידישער געשיכטע. זיי האָבן תמיד געטראַכט אַז דאָס בנין וואָס יידן בויען־אויס אין דער וועלט האָט זיך נאָר וואָס אָקאָרשט אָנגעהויבן: אַז דאָס יידישע ווען האָט זיך נאָך

נישט פונאַנדערגעבליט אין איר פולער געשטאַלטונג איבער אַלע יידישע דורות. אויף די דורות פון חורבן ליגט נאָך גיכער דער חוב ווייטער צו טון די יידישע טאָט.

דער חורבן פון דער לעצטער תקופה איז דער גרעסטער פון אַלע יידישע חורבנות. אָבער דער בנין וואָס האָט זיך הינטער אונז פונאַנדער־געוואַקלט אין דער קאַטאַסטראָפע, איז אויך אפשר דער גרעסטער און הערלעכסטער פראַגמענט אין דער געשיכטע פון יידישער געשטאַלטלעכקייט.

— 4 —

איך גלויב, אַז מיר האָבן נאָך נישט גענוג אָפּגעשאַצט דאָס געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור אין איר פולער שייכות מיט דעם גאַנצן בילד פון יידישער געשיכטע. איידער כ׳וועל פּרוּווּן ווייטער צו אַנאַליזירן דעם אומגעווייינטלעכן ווערט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שייך דעם באַנעם און באַוואוסטזיין פון דעם וועזן פון יידישער געשיכטע — וויל איך קודם־כל דערמאָנען די שייכות פון יידישער ליטעראַטור מיטן בילד פון נאַציאָ־נאַלער יידישער שפּראַכלעכקייט. אויך אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן מיר נישט גענוג אָפּגעשאַצט דעם באַטייט פון יידישער שפּראַכלעכקייט — און טאַקע פון יידיש — אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. ערשט אין דעם שפּראַך־בילד קומט דאָס בילד פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע אַרויס אין דער פולסטער שפע. שפּראַך איז די בילדערהאַפטיקסטע סובלימירטקייט פון דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס פון באַציאונגען, וואָס די נאַציע האָט צו דער וועלט. נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט הייסט — דאָס היסטאָרישע גע־שטאַלט פון וועלט־באַציאונגען וואָס אַ געוויסער מענטשלעכער קאָלעקטיוו דריקט אויס אין דער לעבנס־ליניע פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע. אַ נאַציע, וואָס פון אירע וועלט־באַציאונגען געשטאַלטיקט זי נישט קיין שפּראַכלעך וועלט־בילד, איז בכלל אַן אימפּאָטענטע נאַציע. זי איז נישט מער ווי אַ צופאַל אין דער געשיכטע און האָט נישט קיין באַטייט. נאָר די, וואָס קענען זיך דער־הויבן צו דער מדרגה פון שפּראַך־געשטאַלטונג, די יעניקע גיבן מיט זייער וועזן אַ נאַציאָנאַל בילד אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און ווערן שותפים צו דער מעשה־בראשית פון דער מענטשהייט.

די ליטעראַטור איז נישט מער נייערט ווי דער נאָך מער סובלימירטער, נאָך מער באַוואוסטזיניקער, נאָך מער געשטאַלטהאַפטיקער המשך פון דער שפּראַך. מען קאָן ליטעראַטור און שפּראַך גאָר נישט פונאַנדערטיילן. מען קאָן די גרויסע שעפער פון אַ ליטעראַטור גאָר נישט פונאַנדערטיילן פון די שפּראַך־קוואַלן פון דער נאַציע. ליטעראַטור הייסט — פיגורן־און געשעענישן־געשטאַלטונג אין דער מאַטעריע פון דער שפּראַך. ליטעראַטור איז נישט מער סיידן ווי אַ העכערע און סובלימירטע פאָרם פון דער שפּראַך. רק שפּראַכן, וואָס ווערן רייף אין דער עשירות פון זייער בליאונג, גיבן אַרויס פון זיך ווערק פון ליטעראַטור. דער וואָס פאַרשטייט נישט די אינטימסטע שייכות

צווישן שפּראַך און ליטעראַטור — פאַרשטייט אַבסאָלוט נישט וואָס עס איז אַזוינס ליטעראַטור. געטע האָט געזאָגט אַז שעקספּיר איז נישט מער ווי שפּראַך. ד״ה אין שעקספּירן איז געקומען צום אויסדרוק די העכסטע און רייפסטע פאָרם פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער ענגלישער נאַציע אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער ענגלישער שפּראַך.

— 5 —

במשך זייער געשיכטע האָבן יידן גערעדט אויף אַלערליי שפּראַכן. אָבער נאָר דריי היסטאָרישע שפּראַכן פון יידן האָבן אין זייער בילד אַנטשפּראָכן צו די דריי גרעסטע עקספּאַנסיווע תקופות פון יידישער וועזנהאַפטיקייט.

איך וויל זיך דאָ אַרויסרעדן דייטלעכער:

אין דער יידישער געשיכטע קאָנען מיר אַנצייכענען מערקווירדיקע היסטאָרישע פּראָצעסן. נעמלעך: לאַנגע פּראָצעסן פון אינערלעכער זאַמלונג. עס וואָלט דעמאָלט אויסגעקוקט ווי דאָס געשען פון דער יידישער געשיכטע גייט אינעווייניק אין די טונקלסטע באַהעלטענישן פון דער יידישער נאַציע. אויף דעם אָפענעם פאָרום פון דער וועלט־געשיכטע שפּילן דאָן יידן — גייסטיק נישט קיין גרויסע ראָל. מען דערקענט אַבסאָלוט נישט זייער גייסטיקן באַטייט אין דעם מצב פון דער מענטשהייט. פאַרקערט: מיט וואָס יידן ווייזן זיך דעמאָלט געשטאַלטעריש האָט נישט מער סיידן ווי דעם כאַראַקטער פון עקלעקטיק און עפּיגאָנענטום. צווישן די דאָזיקע זאַמלונג־תקופות רעכן איך אַריין אפילו די גאָלדענע תקופה פון יידישער קולטור־טעטיקייט אין שפּאַניע. אָט־אָ די זאַמל־תקופות האָבן געהאַט זייערע יידישע שפּראַכן, ווי דאָס יידישע אַראַביש, דאָס יידישע פּערסיש, און די „לאַדינאָ" — דער קאַסטיליאַניש־שפּאַנישער יידישער דיאַלעקט. קוים האָט זיך אָבער די יידישע נאַציע נישט געשטאַלטיקט אויפן אויסן אַרויס, האָבן זיך ממילא אויך די יידישע שפּראַכן נישט געשטאַלטיקט. זיי האָבן נישט געהאַט די גרויסע פאָרם פון יידישע שפּראַכן, פּונקט ווי די יידישע נאַציע האָט נישט געהאַט די גרויסע פאָרם פון יידישער געשיכטע. אויך די יידישע שפּראַכן זענען דעמאָלט געווען עקלעקטישע און עפּיגאָנישע.

אָבער אין געוויסע שייד־תקופות, ווען די זאַמלענישן אין די נאַציאָנאַלע באַהעלטענישן ווערן צייטיק אין זייער תוך און זענען שוין גרייט צו דער יידישער היסטאָרישער וועלט־שליחות — ברעכן זיי מיט אַמאָל אַרויס אין דרויסן ווי אַ גרויסער עקספּאַנסיווער שטראָם. עס הייבט זיך אָן די יידישע וועלט־עקספּאַנסיע איבער דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזעלכע יידישע עקספּאַנסיע־תקופות, וואָס האָבן אין בלוט און אין שטורעם איבערגעלאָזט זייערע מעכטיקע השפּעות אויף דער מענטשהייט, זענען געווען דריי.

נעמלעך: די תקופה פון תנ״ך, די תקופה פון פאַרן און נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש, און די לעצטע הונדערט פופציק יאָר פון יידישער געשיכטע.

די דאָזיקע דריי תקופות האָבן געשטאַלטיקט דריי יידישע שפּראַכן: העברעאיש, אַראַמעאיש, און יידיש.

די ערשטע יידישע תקופה, די תקופה פון די נביאים, איז נאָך פאַר־געקומען כמעט אינגאַנצן אויף דער טעריטאָריע פון ארץ־ישראל. הגם זי האָט שוין געגנוג בולט אַנגענומען אַן אַל־מענטשלעכן באַטייט, האָט זי אָבער נאָך געטראָגן איר כאַראַקטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן לאַנד, מיט דער פּאָלי־טישער לאַגע פונעם לאַנד, און מיט די מנהגים און גאָטהייטן פונעם לאַנד. דאָס אויג פון דער יידישער געשיכטע האָט שוין עקספּאַנסיוו אַרויסגעקוקט איבער די לאַנד־גרענעצן. די יידישע גאָטהייט האָט שוין געהאַט די אַמביציע צו ווערן די גאָטהייט פון דער וועלט. פונדעסטוועגן איז אַלצדינג נאָך געשען אויפן היימישן פּאָטערלענדישן באָדן. אַלצדינג איז נאָך געווען באַאַרבעט מיט לאָקאַלן קאָלאָריט פון אַ קליין סעמיטיש פאָלק אין די גרענעצן פון זיין לאַנד. אויך די שפּראַך — העברעאיש — אין וועלכער עס האָט זיך געשטאַלטיקט די יידיש־נביאישע קולטור פון תנ"ך — איז נאָך געווען די שפּראַך פון יידישן איינגעוואָרצלטן פאָלק אויף דער פּאָטערלענדישער ערד. זי איז געווען די סעמיטישע שפּראַך פון ארץ־ישראל. דאָס סובלימירטע נאַציאָנאַלע געשטאַלטלעכקייט פון דער יידישער נאַציע וואָס איז נאָך געווען אין דער פולשטענדיקער סינטעזע מיט דער יידישער טעריטאָריע.

אין די צייטן פאַרן און נאָכן צווייטן חורבן האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע גייסטיקע עקספּאַנסיע־תקופה פון דער יידישער נאַציע. די יידישע נאַציע האָט זיך שוין פיזיש געהאַט אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער דעמאָלטיקער קולטור־וועלט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער רעוואָלוציאָנערער וועלט־גאַנג פון יידן צווישן די פעלקער. די יידישע משיחישע וועלט־דער־לייזערישע אידייען האָבן זיך אין פאַרשיידענע פאָרמען אָנגעהויבן צו פאַר־שפּרייטן צווישן דער דעמאָלטיקער מענטשהייט אַרום דעם מיטללענדישן ים. סיי אין די רעכט פון דעם שוואַכן און אונטערדריקטן, סיי אין קאַמף קעגן פיל־געטעריי, סיי אין דער בשורה פון אַ מלכות שמים, און סיי אין אַ יידישער וועלט־קאָסמאָגאָניע ווי עס איז די קבלה. איבער דער דעמאָלטיקער וועלט האָט זיך די יידישע נאַציע אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן מיט אַן עקס־פּאַנסיוון אימפּעט וואָס האָט סוף־כל־סוף איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך — דאָס יידישע אַראַמעאיש — איז שוין אויך נישט געווען פאַרבונדן מיט יידישער טעריטאָריע. פונקט ווי די נאַציע פון יידן איז זי — די יידישע שפּראַך — געווען דער סובלימירטער פּראָדוקט פון יידישע מענטשן מיט אַ דאַ זיין אין דער וועלט.

די לעצטע הונדערט צי הונדערט פופציק יאָר יידישע געשיכטע זענען נישט בלויז די טראַגישסטע און בלוטיקסטע אין זייער חורבן־געשטאַלט. פאַרוואָר, — זיי זענען אויך די גרעסטע וואָס שייך יידישער עקספּאַנסיע אויפן גאַנצן פּלאַנעט וואו עס וואוינען מענטשן. די יידישע געשיכטע איז דורכויס געווען אַ וועלט־געשיכטע. אַ געשיכטע פון דער גייסטיקער עקס־

פּאַנסיע פון אַ נאַציע. אַ געשיכטע פון דעם פּלאַנעט פון דער ערד. די בלוטיקע רעאַקציע פון די פעלקער אויף דער דאָזיקער עקספּאַנסיע, באַווייזט נאָר ווי אומגעהויער מעכטיק דאָס געשטאַלט פון יידישער וועלט־באַשויאונג האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם פּסיכישן לעבן פון אַלע פעלקער אויפן פּלאַנעט. עס קוקט באַשיינפּערלעך אויס: יאהווע, דער גאָט פון ישראל, דער וועלט־גאָט פון צדק ומשפּט, האָט צום לעצטן מאָל אויפגעהויבן זיין האַנט קעגן די געטער. די וועלט איז בלוטיק דערציטערט געוואָרן פון דער בשורה פון אַ גערעכטער וועלט וואָס יידן האָבן אין אַ מאָדערנער פאָרם — אונטערן נאָמען פון סאָציאַליזם — צעטראָגן איבער דער וועלט.

אין דעם בלוטיקן געראַנגל צווישן דער טריבהאַפטיקער חיה מיטן גערעכטן פּאַרנונפטיקן מענטש, שטייט דאָס פאָלק פון די יידן ווי אַ דערשראָקענער נאַציאָנאַלער קיבוץ מיט באָרוויסע פיס איבערן גאַנצן פּלאַנעט פון דער ערד. תמיד איז דער שוואַכער אָרעמער ייד געווען דער עקספּאַנסיווער מענטש אויפן וועג פון זיין געשיכטע אין דער וועלט. אין דער גרעסטער תקופה פון יידישער געשיכטע אין וועלכער מיר לעבן איז אויך די דריטע נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך — יידיש — געווען דאָס סובלימירטע געשטאַלטערישע בילד פון דעם גאַנצן וועלט־געשטאַלט פון דער יידישער נאַציע. פּונקט ווי יידן האָט אויך יידיש אָנגענומען אַ פּלאַנעטאַרישע פאָרם. די שפּראַך־סינטעזע פון אַ סעמיטיש פאָלק מיט אַ נאָרדישער שפּראַך איז דאָס בילד פון דער גרויסער מענטשלעכער סינטעזע פון נאַציאָנאַלן יידישן וועלט־מהות. אַ סינטעזע איבער אַלע קעגנזאַצן און היפּוכים. נאָר אין דער סינטעזע פון אַזאַ שפּראַך־געשטאַלט האָט זיך דאָס יידישע נאַציאָנאַלע געמיט געקאָנט אויסדריקן אין איר פולער ניואַנסירטקייט. פּונקט ווי יידן זענען געווען אַ קיבוץ פון אָרעמע און שוואַכע איבערן גאַנצן ערדישן פּלאַנעט, — אָרעמע מיט אויפגעהויבענע הענט צו עפּענען פאַר דער מענטשהייט די רחבותדיקע און גאָלדענע טויערן פון אַ גערעכטער צוקונפט, — אַזוי האָט אויך די יידישע שפּראַך געהאַט אין זיך אַלע אָרעמקייטן פון אַ שוואַכן מענטש און אַלע עשרותן פון דעם גרעסטן וועלט־טרוימער. אין יידיש געשטאַלטיקט זיך דאָס געמיט פון דער יידישער נאַציע ווי זי עקזיסטירט אין איר היסטאָריש פּנים איבערן פּלאַנעט פון דער ערד.

— 6 —

די יידישע ליטעראַטור איז געווען די וואונדער שיינע בלום אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון דער געשיכטע פון דער יידישער נאַציע אין דער געשיכטע פון אירע שפּראַכן. אין דער מאַטעריע פון דער שפּראַך יידיש האָט זיך — צום ערשטן מאָל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע — געשטאַלטיקט דער יידישער מענטש גופא אין אַלע זיינע באַוועגונגען, אין זיין לעבן און אין דעם גאַנצן געשען פון זיין פּסיכיק. און — וויפל טיפער מהות! — יידיש האָט זיך וואונדערלעך סינטעטיזירט מיטן געשטאַלט פונעם יידישן מענטש אויפן פּלאַנעט. יידיש האָט אָפּגעגעבן אַלע ניואַנסן, אַלע טיפענישן

און אַלע נשמה־ציטערן פון דעם יידישן מענטש. יידיש איז געוואָרן דאָס געשטאַלט פון יידישן מענטש — ווייל די שפּראַך יידיש איז די העכסטע סובלימאַציע פון יידישן מענטש. זי איז דאָס היסטאָרישע נשמה־בילד פון יידישן מענטש ווי אַזוי ער גייט זיין וועג אויפן פּלאַנעט פון דער ערד.

— 7 —

הינטער די פייערן פון חורבן — זעען מיר ערשט די לעצטע יידישע תקופה וואָס איז וואונדערלעך אין איר וועלט־פאַרנעם. די טראַגישע געפילן פון אונזער צעריסן געמיט נעמען זי אַרום מיט ראָמאַנטישער בענקשאַפט. זי שטייט הינטער אונז ווי אַ גרויס געביי פון יידישער געשטאַלטלעכקייט. אויך יידישע שפּראַך־געשטאַלטלעכקייט. אירע אָפּגרונטן גרייכן טיף אין די קוואַלן פון יידישן וועזן. אירע שפּיצן ווייזן אויף אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט.

צי זענען מיר יענע נייע יידן וואָס זענען פאַרבליבן מיט די מויערער־קעלניעס אין די הענט פאַר דער ווייטערער אַרבעט פון דעם דאָזיקן געביי? צי שטייען מיר שוין ענדגילטיק מיט די פיס אין אַלע פינצטערנישן און די יידישע וויזיע דערווייטערט זיך פון אונז און ווערט צעשוואומען הינטער אונז ווי שוים און חלום? יעדער חורבן קאָן טאַקע זיין דער סוף. אָבער ער קאָן אויך זיין דער אָנהייב. די יעניקע וואָס פילן נישט אין זיך די אָנהויבן וואָס ליגן ווי זאָמען אין אַלע סופן — זיי זענען נישט ווערט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייער תקופה. אַלע חורבנות אין דער יידישער געשיכטע זענען געווען די פּראָדוקטן פון אַ טראַגישער דיאַלעקטיק און האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי די אָנהויבן פון גרעסערע און פאַרנעמפולערע תקופות. נאָכן ערשטן חורבן איז געקומען די תקופה פון גלות־בבל. זי ליגט נאָך היינט ווי דאָס טיפסטע ליכט אין דער געשיכטע פון יידישער גייסטי־קייט. נאָכן צווייטן חורבן — די גייסטיקע עקספּאַנסיע פון יידן צווישן די פעלקער. מיר קאָנען קיינמאָל נישט פאָראויסזאָגן צי זענען מיר די שעפע־רישע יידן און די אָנהייבער, צי די לעצטע יידן מיט פאַרשניטענע הענט צו ווייטערער טאַט.

— 8 —

די דאָזיקע קאַפּיטלען זענען נאָר פראַגמענטאַריש אָנגעוואָרפענע סקי־צעס צו אַ גרעסערער אַרבעט. דעריבער וועל איך מיך נישט אָפּשטעלן באריכות צו צייכענען דאָס געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור אויפן פאָן פון דער לעצטער תקופה פון יידישער געשיכטע. איך האָב מיך באמת עס צו טון אין עטלעכע פון מיינע גרעסערע ווערק און אין פאַרשיידענע קלענערע אַרבעטן. וואָס מיר גייט איצטער, איז נאָר צו צוגעבן עטלעכע ווערטער וועגן דער יידישער קריטיק און אירע אויפגאַבן אין שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור.

אין אַלע ליטעראַטורן פאַרנעמט דאָס געביט פון דער קריטיק זייער אַ

באַדייטנדיק אָרט. די ראָל און דער ניוואָ פון איר שעפערישקייט הענגט צוזאַמען מיט דעם אינדיווידועלן מהות און מיט דעם שריפטשטעלערישן ווערט פונעם ליטעראַטור־קריטיקער אַלס אַזעלכן. די אויפגאַבן פון דער קריטיק איז: צו פאַרטיפערן אינעם ליכט פון אַנאַליז און סינטעז די געשטאַלט פונעם שעפערישן יחיד און דעם וועג פון זיינע קינסטלערישע מעשים. ווי אויך דעם שייכות פון דער דאָזיקער אינדיווידועלער געשטאַלט מיט דער גאַנצער היסטאָרישער געשטאַלט פון דער ליטעראַטור. דעם צוזאַמענשפּיל פון שאַפערישן שריפטשטעלער מיט דער שאַפערישער נאַציע. ליטעראַטור — איז די סובלימירטע געשיכטע פון דער נאַציע אינעם געשטאַלט פון איר געשיכטע אין דער שפּראַך.

די ראָל פון דער קריטיק איז די ראָל פון דעם היסטאָרישן באַוואוסטזיין פון דער ליטעראַטור. דאָס זעלבסט־דערקענטעניש פון דער ליטעראַטור. דאָס זעלבסט־דערקענטעניש פון איר היסטאָרישן מהות.

אין דעם פּרט פון אַנאַליטישן און סינטעטישן זעלבסט־באַוואוסטזיין פון דער ליטעראַטור האָט די יידישע קריטיק — אין גרויסן און גאַנצן — כמעט ווי נישט געהאַלטן פוס־טריט מיט די קינסטלערישע און שעפערישע דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. אין אירע דערגרייכונגען ווי אַ היסטאָרישער געשטאַלט. די יידישע קריטיק האָט זיך כמעט בלויז באַמיט נאָך צו ווייזן די קינסטלערישע וואַלאָרן פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער. זי האָט זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט צייכענען דאָס געשטאַלט פון זיין פולער קינסטלערישער טאַט — און דערמיט צו צייכענען דאָס שייכות און דאָס אָרט פון דעם אינדיווידועלן שריפטשטעלער אין דעם טאָטאַלן בילד פון דער ליטעראַטור.

אָט דער אופן פון דער ביז־אַהעריקער יידישער קריטיק איז פאַרשטענדלעך. די יידישע ליטעראַטור איז אָקאָרשט נישט לאַנג געהאַט אַרויסגעוואַקסן פון די קוואַלן פון דער יידישער שפּראַך. זי איז אָקאָרשט געווען דער אָנהייב־פּראָצעס פון אַ טיף־באַוואוסטזיין פאַר די וועגן פון דער יידישער געשיכטע. אַ באַוואוסטזיין וואָס איז מיט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט אַרויסגעבראָכן פון דעם היסטאָרישן וועזן פון דער יידישער מאַסע. די שעפערישקייטן פון דער יידישער שפּראַך אין די סובלימירטע געשטאַלטונגען פון די יידישע שריפטשטעלער האָבן — אין זייער ווערט — ערשט געמוזט איינצלווייז אַרויסגעזוכט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס.

די יידישע קריטיק האָט אָפּגעשאַצט די צוגעקומענע טאַלאַנטן. זי האָט געמונטערט, געמאַכט אַן אויסקלייב, געוואָלט אויסרייסן דאָס נישט געבעטענע ווילד־גראָז וואָס האָט, צוזאַמען מיט דער שפע, אויך אָנגעהויבן צו וואַקסן אויף די בייטן פון דער ליטעראַטור. מיט סך־הכלען האָט מען זיך דערווייל נישט צוגעאיילט. מען האָט קודם־כל געוואָלט וויסן מיט וועמען מען גייט צום טיש.

אין אָט־אָ די באַדינגונגען פון אָנהייבן און אָפּוואַרטעניש, איז אַזאַ אופן פון קריטיק געווען פולקום באַרעכטיקט. אויב די יידישע קריטיק האָט

אפילו ווען נישט ווען געמאַכט אַ טעות אין אירע אָפּשאַצונגען און אַפּער־געהויבן דאָס פאַלשע און נישט דערזען דאָס רעכטע. עס איז נישט קיין בייז. אין קיין שום אַנהייבערישע אַרבעט קאָן מען נישט אָפּגעהיט זיין פון צייט־ווייליקע טעותים.

אָבער אַרום דער יידישער קריטיק איז דערוויל די יידישע ליטעראַטור אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויס אידייאיש און קינסטלעריש בנין. זי איז געוואָרן דאָס געשטאַלט פון אַ פּאַרטיפּטער יידישער געשיכטע. די יידישע קריטיק האָט צומאָל עס נישט געזען. די יידישע קריטיק איז כסדר געווען פאַר־נומען צו סעגרעגירן און צו זוכן טאַלאַנטן.

די שפּעדיקע אויסגעוואַקסנקייט פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אפשר געגומען דערפון, — וואָס אין די הימלען האָט זיך שוין ראַש געגרייט דער חורבן. די געטער ליבן די יעניקע וואָס שטאַרבן יונג. עס איז קיין צייט נישט געווען אַלט צו ווערן. — די יידישע ליטעראַטור האָט במשך עטלעכע צענדליק יאָר געשטאַלטיקט און אַרויסגעזאָגט דאָס אַלצדינג וואָס איז געווען צו זאָגן וואָס שייך דעם מהות פון יידישן מענטש און וואָס שייך זיין היסטאָרישן מצב אויפן פּלאַנעט פון דער ערד.

— 9 —

איז עס דער סוף? איך וויל נישט זיין אַזאַ האָפּערדיקער אָפּטימיסט און זאָגן, אַז אויפן וועג נאָכן חורבן בליען שוין די עפּל־ביימער פון פרילינג. אפשר איז עס דער סוף. און אפשר... איך וואָלט גערן געוואָלט זיין אַ צווייטער ישעיה. איך וויל נישט זיין קיין ירמיה. וואו עס נעמען זיך פונאַנדער די וועגן פון דער געשיכטע קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן. די וועגן פון דער געשיכטע — און דאָס זאָל פאַר אונז זיין אַ טרייסט, — נעמען זיך פונאַנדער אין די טונקלקייטן. בוודאי קאָן מען נישט וויסן — און דאָס איז אויך אַ טרייסט — וואו עס נעמען זיך פונאַנדער די וועגן פון דער יידישער געשיכטע. זיי נעמען זיך אוודאי פונאַנדער אין די טונקלענישן.

ווי עס זאָל נישט זיין, — די ערשטע תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך פאַרענדיקט. אויב זי האָט זיך פאַרענדיקט אינעם אָפּשיין פון דער גרעסטער יידישער טראַגעדיע, דאָס האָט נישט צו טון מיט דער זאַך. דאָס בנין פון דער יידישער ליטעראַטור שטייט ווי אַ וואונדערלעך געשטאַלט הינטער אונז. עס שטייט, אי ווי אַ מאָנומענט פון דער פאַרגאַנגענהייט, אי ווי אַ וועגווייזער. ווי אַ האַנט וואָס ווייזט אין דער צוקונפט. זי ווייזט אויף אַ יידישן וועג און אויף אַ יידישן מענטש אויפן פּלאַנעט פון דער ערד.

אין דעם ענד פון אַ תקופה האָט די יידישע קריטיק נישט מער קיין אויפגאַבע אָנצואווייזן אויף טאַלאַנטן און אָפּצושאַצן זייערע מעגלעכקייטן און זייערע פעאיקייטן. איך ווייס ניט צי נייע טאַלאַנטן האָבן נאָך עפּעס אַ באַדייט פאַר דעם פאַרענדיקטן געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור. אויב זיי, די נייע טאַלאַנטן הייסט עס, וועלן קומען, האָבן זיי נאָר אַ באַדייט פאַר דער נייער תקופה וואָס דאַרף קומען. און פאַר דעם נייעם יידישן

געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ יידיש געשטאַלט וואָס וועט אפשר האָבן אַ קנאַפּע ענלעכקייט מיט דער טאַט וואָס מיר, די פריערדיקע דורות פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן געטון. דאָס יידישע לעבן אויפן פּלאַנעט גרייט זיך אפשר אָנצונעמען גאָר אַנדערע פאָרמען און אפשר גאָר אַן אַנדערע קיום־קאָנסטרוקציע. די נייע יידישע ליטעראַטור וועט מן־הסתם זיין דער אויסדרוק פון דעם נייעם יידישן לעבנס־אופן.

ווערדליק אַלערליי וואַרשיינלעכקייטן דוכט זיך אונז אויס, אַז די קוואַלן פון שאַפן אויף יידיש האָבן זיך אויסגעלאָזט. מיר זעען דערווייל נישט דאָס נייע דור פון יידישע שריפטשטעלער וואָס וועט קומען נאָך אונז. איך וויל נישט זיין צו אָפּטימיסטיש און זאָגן אַז זיי וועלן זיכער יאָ קומען. אין געשיכטלעכע פּראָצעסן קאָן מען קיינמאָל נישט פּאָראויסזאָגן אויף זיכער. איך וויל אויך נישט זיין צו פּעסימיסטיש און זאָגן, אַז זיי וועלן זיכער נישט קומען. ווער קאָן ווייזן אויף די באַהעלטענישן פון היסטאָרישע פּראָצעסן? עס איז אונז מער נישט געבליבן סיידן ווי צו טון אונזער טאַט און אונזער חוב לגבי די שעפערישקייטן פון דער — לאָמיר גלויבן — הממשכדיקער יידישער געשיכטע.

גראַד צום סוף פון אונזער ליטעראַטור־תקופה איז די אויפגאַבע פון דער יידישער קריטיק גאָר אַ וויכטיקע. אַ גוטע און באַוואוסטזיניקע קריטיק קאָן נאָר זיין אין אַ באַדייטנדיקער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור איז גענוג באַדייטנדיק כדי זי זאָל דורכאויס האָבן אַ גוטע ווערטפולע קריטיק. די אויפגאַבע פון דער יידישער קריטיק ליגט היינט צו טאָג נישט אַזוי פיל דערין אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם אָדער יענעם טאַלאַנט, — נייערט צו מאַכן די גרויסע סינטעזע פון דעם גאַנצן היסטאָרישן בילד פון דער יידישער ליטעראַטור. נייערט די קריטיק איז באַרופן און בכוח צו טון די דאָזיקע וויכטיקע און שעפערישע אַרבעט. זי באַדאַרף צוזאַמענעמען, אַנאַ־ליזירן און סינטעטיזירן — אין דער טיפסטער באַלייכטונג פון אַ היסטאָ־רישער דערקענטעניש — דאָס געשטאַלט פונעם איינצלנעם יידישן שריפט־שטעלער, אָבער אין זיין שייכות מיטן געשטאַלט פון דער ליטעראַטור בכלל און דערמיט אין זיין שייכות מיטן געשטאַלט פון דעם אידייאישן המשך פון דער יידישער געשיכטע און איר וועג אויפן פּלאַנעט פון דער ערד. אָט די זעלבסט־דערקענטעניש פון דער יידישער ליטעראַטור איז די איינציקע אויפגאַבע פון דער יידישער קריטיק היינט צו טאָג. זי וואָלט אויך דערמיט געווען אַ סטימול און אַ וועגווייזער פאַר די נייע שעפערישע כוחות פון דער צווייטער תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור. אַ תקופה וואָס קאָן נאָר אַנטשטיין ווערדליק די באַדינגונגען פון דער נייער קאָנסטרוקציע פון יידישן לעבן אויפן פּלאַנעט. די קומענדיקע יידישע שריפטשטעלער — אויב זיי וועלן געבוירן ערגעץ אין די טונקלקייטן פון שיקזאַל — וואָלטן דורך דעם בעסער געוואוסט וואו אַהין זיי האָבן צו גיין און בעסער געוואוסט ווי אַזוי זיי באַדאַרפן אָנצוהייבן זייער טאַט.

אין אָט דער שעפערישער אַרבעט פון דער יידישער קריטיק — וואָס

וואָלט אייגנטלעך געווען די לעצטע פּול־ענדונג פון דער גרויסער תקופה הינטער אונז — האָבן אַן אָרט נישט דווקא בלויז די קאַריפייען פון דער ליטעראַטור. נישט דווקא די יעניקע וואָס האָבן אין איר געטון די וויכטיקסטע אַרבעטן. אין די ליכט־פלאַכן פון דער דאָזיקער סינטעזע האָבן אויך אַן אָרט די מינדער־זעלבסטשטענדיקע פון די יידישע שריפטשטעלער. די נאָכגייער. די עפּיגאָנען. זיי געהערן אויך צו דעם געשטאַלטערישן אויפטו פון אַ באַדייטנדיק יידיש דור. דאָס ליכט פון די גרויסע יידישע שריפטשטעלער איז געפאַלן אויף די טאַטן פון די נאָכגייער ווי דאָס ליכט פון די זונען אויף זייער טראַבאַנטן. זיי זענען אַלע צוזאַמען געגאַנגען אַ גרויסן יידישן וועג. צוזאַמען, דער גאַנצער כלל פון יידישע שריפטשטעלער, האָבן זיי פאַר־ענדיקט איינע פון די גרעסטע און שענסטע תקופות זינט עס גייען יידישע מענטשן אויפן פנים פון דער ערד.

אַנטיסעמיטיזם

— 1 —

אין די בלוטיקע תקופות פון אונזער יידישער געשיכטע — תקופות וואָס טרעטן ליידער אויף פּעריאָדיש ווי קאַטאַסטראָפאַלע ערד־ציטערנישן — הייבן מיר תמיד אָן פּרואוון צו וועלן לעשן דאָס פייער וואָס דראָט אונז צו פאַרניכטן. אונזערע עלטערן האָבן עס געטון מיט תפילות און תעניתים, מיט זעק אויף די לענדן און מיט אַש אויף די קעפּ. מען האָט געוואָלט אַז די יידישע נויט זאָל אויפרייסן די הימלען און אַראָפּברענגען רחמים. מ׳מוז מודה זיין: די דאָזיקע איראַציאָנעלע מיטלען אָפּצושטעלן די גיריקייט פון דער מענטשלעכער שנאה צו אונז — אייגנטלעך איז עס געווען אַן איראַציאָנעלער אָפּוועט פון דער געוואַלטיקער אַפעקטירטקייט צו יידן מצד דער גאַנצער מענטשהייט. אַן אַפעקטירטקייט וואָס האָט באַגלייט דעם גאַנצן היסטאָרישן וועג פון יידן. אונזערע עלטערן האָבן די יידן־שנאה ניט געקאָנט באַנעמען מיטן שכל. זיי האָבן זי אָנגעהאַנגען אין דעם אומבאַקאַנטן אַבסאָלוט פון דער גאָטהייט. ד״ה אין דעם לעצטן אמת פון דער געשיכטע. די אייביקע קעגנערשאַפט צו יידן פון דער גאַנצער דיאַלעקטישער דראַמע וואָס מיר רופן מענטשהייט איז פאַר זיי געווען אַן אומפאַרשטענדלעכער סוד. אונזערע עלטערן האָבן אים געזען אין די קוואַלן פון אַ לעצטן אמת.

מיר, די מאָדערנע יידן, האָבן אין דער אומאויפהערלעכער יידן־שנאה געזען ניט מער ווי דעם פּראָדוקט פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ניט מער ווי אַ בייז פאַרבלענדעניש וואָס שאַלקהאַפטיקע און שלעכטע מענטשן האָבן צוליב פּשוטע פּאָליטישע און רעאַקציאָנערע סיבות פאַרשפּרייט ווי גיפטיקע נעצן אונטער אונזערע פיס. מיר דאַרפן נאָר אויפקלערן דעם טעות און מענטשן וועלן זיך באַלד כאַפּן דערויף ווי אומגערעכט זיי האָבן געטון אַנטקעגן אונז. מיר דאַרפן נאָר גרינדן געזעלשאַפטן קעגן אַנטיסעמיטיזם, און מענטשן וועלן באַשיימפּערלעך קליגער ווערן. זאָל נאָר פאַרבייגיין דער שטורעם וואָס האָט אַלע לעבנס־וואַסערן געמאַכט מוטנע, און מיר וועלן ענדלעך קאָנען פריי אָפּאָטעמען. ניט איינמאָל איז פאַרבייגעגאַנגען דער שטורעם, די הימלען האָבן זיך אויסגעלייטערט. נאָר דער גרויסער טראַגישער קאָנפליקט צווישן דער וועלט מיט יידן האָט ווידער אונטערערדיש געדונערט. ניט איינמאָל זענען מיר אַנטוישט געוואָרן אין דער קלוגער פאַרנונפט פון דער וועלט. מיר האָבן כסדר געזוכט דעם שכלדיקן פאַרוואָס אין דער טונקלסטער דראַמע פון דער געשיכטע.

נייערט אויף די לאַנגע פּליינען פון דער געשיכטע קאָנען מיר ערשט דערקענען דאָס דראַמאַטישע שוישפּיל פון דער מענטשהייט. דער טיף־טראַגישער קאָנפליקט צווישן דער יידישער געשיכטע מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פון די געהיימנישפולסטע, ממש מיסטישע מאָטיוון פון דער דאָזיקער דראַמע. וויפל מיר זאָלן אים נישט וועלן דערקלערן, ווייזט זיך סוף־כל־סוף אַרויס אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ רעטעניש וואָס איז אַלט ווי די וועלט און וואָס שפּאָט פון אַלע דערקלערונגען. באַלד נאָר ווי דער יידישער מענטש האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון דעם שטראָם פון די צייטן, זענען אים די מיט־מענטשן באַפאַלן מיטן שרעקלעכסטן האַס. דער קאַמף איז במשך טויזנטער יאָרן ניט שוואַכער געוואָרן אויף אַ האָר. אַלצדינג פליסט אין דער קאַרעטע פון דער צייט. פליסט און פאַרענדערט זיך. די שנאה צו יידן האָט זיך ניט געביטן. זי איז פאַרבליבן סטאַביל ווי אַן אור־עלעמענט פון דער וועלט. פאַרוואָס? איך וועל שפּעטער פּרוואוון צו רעדן דערפון. איך וויל דערמאָנען, אַז אין די עלטסטע דאָקומענטן וואָס מיר האָבן פון יידישער געשיכטע ,אין חומש, איז שוין דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעדריקט כמעט מיט דער זעלביקער פאָרם ווי עס דריקן אים אויס די מאָדערנסטע אַנטיסעמיטן. כ׳וויל דערמאָנען ווי דער מחבר פון „שמות״ ציטירט וואָס די אַלטע עגיפּטער האָבן געזאָגט וועגן יידן. ער ציטירט נאָר עטלעכע זאַצן. איך גלויב, אַז ער שעפּט ניט אַלצדינג אויס און דערציילט אונז ניט פון דער אַנטי־סעמיטישער שנאה מיט אַלע פרטים. די דאָזיקע רייד זענען אים מן־הסתם געווען זייער פיינלעך און ער דערציילט נאָר דאָס סאַמע נויטיקסטע מיט וואָס ער באַדאַרף צו מאָטיווירן די געשעענישן. איך בין זיכער: אַ סך פון די בלבולים אויף יידן פון וועלכע עס דערציילט דער עגיפּטער מאַנעטאָ — און ער פאַרזיכערט אַז עס זענען ציטאַטן פון אַלטע מצרישע שריפטן — שטימען מיטן אמת. עס איז טאַקע דאַרט אַזוי געווען געשריבן. מאַנעטאָ האָט ניט אויסגעטראַכט פון קאָפּ, רק בוכשטעבלעך ציטירט פון אַלטע פּאַפּירוסן און הערגליפן. אָן אַן אַלגעמיינער טיפער שנאה פון די עגיפּטישע מאַסן צו דעם ישראלישן שטאַם, וואָלט גאָר ניט מעגלעך געווען יידן אַזוי צו פּייניקן און צו פאַרביטערן זייער לעבן. דאָס זעלביקע, גלייב איך, איז געשען מיט די אַנטי־סעמיטישע ציטאַטן וועלכע דער מחבר פון „אסתר״ לייגט אַריין המנען אין מויל. אויך דאָ האָט דער יידישער מחבר געמוזט נעמען פון דער גויאישער ליטעראַטור אָדער פון די אַלגעמיינע מיינונגען וועגן יידן וואָס האָבן קורסירט אין דער גויאישערווירקלעכקייט. אויך דאָ האָט דער מחבר געוואָלט עס דערציילן בתכלית־הקיצור, און נאָר נעמען דאָס וויכטיקע וואָס איז אים דורכאויס נויטיק געווען צו מאָטיווירן און צו שפּאַנען די געשעענישן.

דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט נאָר דער פּראָדוקט פון גלות, ווי עס ווילן אונז איינשמועסן די ציוניסטן. אַז נאָר דערפאַר ווייל מיר האָבן ניט קיין אייגן לאַנד און קיין אייגענע מלוכה, האָבן מיר זיך אַזוי ביטער פאַרפיינדט

בײַ דער מענטשהייט. די דאָזיקע היסטאָרישע דיאַגנאָזע וועגן אַנטיסעמיטיזם איז אַבסאָלוט פאַלש. דער שאַרפסטער אַנטיסעמיטיזם פון דער גריכישער און רוימישער וועלט האָט גראָד דערגרייכט זײַנע העכסטע מדרגות אין די צײַטן פון הורדוסן און זײַן דינאַסטיע. בימי הורדוס איז די יידישע מלוכה־שאַפט געשטאַנען אין איר פולסטן בלי. די יידישע „קאָמענוועלט" איז געווען אַ באַדײַטנדיקער פאַקט. ארץ־ישראל האָט געהאַט די גרעסטע יידישע באַפעלקערונג ווי ווען עס איז. גראָד אין יענער צײַט האָט עס געשוויבלט מיט פּאָגראָמען. אַלעקסאַנדריע איז געווען פאַר יידן אַן אַנטיסעמיטישער גיהנם. די פּעדער פון אַן אָפּיאָן האָט געדונערט קעגן יידן מיט ניט ווייניקער גיפט ווי שטרײַכער און היטלער. אַזעלכע יידישע אַפּאָלאָגעטן ווי פילאָן און יאָזעפוס האָבן זיך אָנגעגורט מיט די שאַרפסטע אַרגומענטן כדי זיך אָפּצו־ווערן. די רעזולטאַטן פון די אַלע אָפּווערענישן זענען געווען די נעמלעכע ווי די רעזולטאַטן פון די אָפּווערענישן פון מאָדערנע יידישע קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם. אַלע קלוגע און איבערצײַגנדיקע ווערטער פאַר יידישער שוץ זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן. דער יידנהאַס האָט זיך ניט געלאָשן. עס האָט ניט איינמאָל גרײַלעך אויסגעקוקט אַז דער גאַנצער פּלאַנעט הייבט אָן צו ברענען אונטער אונזערע פיס, און עס איז נישטאָ פאַר אונז קיין אַנטרינען פון דעם דאָזיקן טראַגיש־געהיימנישפולן און אַזוי אור־בלוטיקן ווידערשפּרוך.

— 3 —

איך האָב תמיד באַטראַכט דעם יידישן עלעמענט אַלס איינעם פון די אורשפּרונגלעכסטע און שפּאַנענדיקסטע מאָטיוון אין דער דיאַלעקטישער דראַמע פון דער מענטשהייט. מאָטיוון וואָס שפּילן אין דער דאָזיקער דראַמע ווי די ווידערשפּרוכן וואָס טרײַבן זי פאָראויס צו וואָס אַמאָל העכערע סינטעזעס: און אַז די ביטערע קעגנזאַצן פון די מענטשן צו יידן געהערן צו די געהיימנישפולסטע מאָטאָרן פון קאָסמישן שוישפּיל פון די מענטשן אויפן פּלאַנעט פון דער ערד. איך האָב געוואוסט: מען דאַרף די יידן־שנאה נישט באַטראַכטן בלויז מיט אויבנאויפיקע געזעלשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס. מען מוז זי תמיד זוכן טיפער אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון דער דיאַ־לעקטישער פּסיכיק פון דער געשיכטע. מען מוז זוכן אירע קוואַלן גאָר טיף טיף אין דעם וועזן פון דער מענטשהייט. איך האָב אַ סך דעריבער געלייענט סײַ אַנטיסעמיטישע און סײַ אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור. איך האָב געוואָלט כאָטש עפּעס אַנען פון דעם טראַגישסטן היסטאָרישן סוד. איך מוז מודה זײַן: סײַ די אַנטיסעמיטישע, סײַ די אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור, האָט מיך אויף אַ האָר נישט באַפרידיקט. אַלע האָבן זיי געמיטן די טיפענישן פון דער היסטאָרישער פּסיכיק. זיי האָבן אָנגענומען די סימפּטאָמען פון אַנטיסעמי־טיזם פאַר דעם וועזן זײַנעם. די סימפּטאָמען — ד"ה די געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון אין וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם איז געקומען צו געשטאַלט — האָבן זיך טאַקע געביטן וועדליק די באַדינגונגען פון דער צײַט. דאָס אַנטי־סעמיטישע וועזן איז געבליבן סטאַביל אינעם אונטערבאַוואוסטזיין פון

דער געשיכטע. דאָס וועזן פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נישט געביטן אויף אַ האָר. עס איז פאַרבליבן אומבאַרירט ווי אַ געוואַלדיקער פּסיכישער מאָטאָר. דער בעסטער סימן, אַז מיט דעם קאָרעגירן די סימפּטאָמאַטישע מאָטיוון האָט מען גאָרנישט געטון קעגן אַנטיסעמיטיזם. מען האָט אים דערמיט ניט אַפּירגעהויבן פון זיין פּסיכישן תהום.

צוויי ביכער האָב איך געלייענט וואָס האָבן געפּרואווט אַריינצוטרעפן אין פּינטל. ביכער וואָס האָבן געפּרואווט צו דערציילן פון היסטאָרישן סוד פון אַנטיסעמיטיזם און ניט נאָר פון זיינע געשטאַלטלעכע דערשיינונגען. און דאָס זענען נעמלעך דאָס ספר „בראשית" אין חומש און דאָס בוך „משה" פון זיגמונד פרויד.

הגם דאָס בוך פון פרוידן איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך טויזנטער יאָרן שפּעטער פון ספר „בראשית", פונדעסטוועגן וועל איך פּרוּוון אָנצוהויבן גראָד מיט דעם דאָזיקן בוך. אין דער פּלאַנעטן־וועלט קאָנען מיר אַריינקוקן נאָר מיט דער הילף פון קאָנסטרואירטע טעלעסקאָפּן אין ספּעקטרומס און זי משיג זיין נאָר מיט דער הילף פון מאַטעמאַטישע קאָנסטרוקציעס. הגם — ווי איינשטיין האָט באַוויזן — קאָנען די אַלע קאָנסטרוקציעס אונז ניט געבן קיין אָביעקטיווע זיכערקייט וועגן דעם גאַנג פון די קאָסמישע געזעצן. מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט דעם רעלאַטיוון אומגעפער פון דעם מענטשלעכן וואָר־נעמען. בלויז מיט דער הילף פון אויסגעבויטע מענטשלעכע באַגריף־קאָנסטרוקציעס קאָנען מיר זיך ווי עס איז אויסגעפינען אין אונזער מצב אין דער וועלט. זיי זענען די איינציקע, און אפשר גאָר שוואַכע לייטערס אויף וועלכע מיר קומען ווייטער אין אונזער באַנעמען פון דער וועלט. די יעניקע דענקער וואָס בויען די קאָנסטרוקציעס פון אונזער וועלט־טראַכטן זענען דיווירקלעכע גאונים פון דער מענטשהייט. אין דער לעצטער עפּאָכע פון מענטשלעכן געדאַנק האָבן מיר געהאַט אַזעלכע דריי גאונים וואָס האָבן אונז געגעבן געשטאַלטונגען פון אַ פאַרטיפט קאָנסטרוקטיוו דענקען. דאָס זענען נעמלעך, העגעל, דאַרווין און פרויד.

די דאָזיקע דריי גאונים האָבן מיט דער דראַמאַטישער קאָנסטרוקציע פון דיאַלעקטיק געפּרואווט אויסצובויען דעם ספּעקולאַטיוון סיסטעם, וואָס זאָל אונז ווי עס איז דערלויבן צו געפינען דעם איינהייטלעכן געדאַנקען־גאַנג אויף וועלכן עס באַוועגט זיך די וועלט. נאָר אויבנאויפיקע מענטשן האָבן באַטראַכט די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק ווי אַן אמת וואָס העגעל האָט אים אונז געוואָלט פאָרשלאָגן ווי דעם אָביעקטיוון פאַקט אין דעם וועלט־בילד. ניין. די דיאַלעקטיק איז נישט מער ווי אַ קאָנסטרואירטער אינסטרומענט מיט וועלכן מיר זאָלן זיך צום בעסטן קאָנען אָריענטירן. און זי איז טאַקע דער בעסטער אינסטרומענט ווי אַזוי מיר קאָנען זיך אָריענטירן. זי איז געבויט צוגלייך אויף דער דראַמאַטישער געשטאַלט פון דער מענטשלעכער געשיכטע און אויף דער דראַמאַטישער געשטאַלט פון אונזער פּסיכיק. העגעל האָט באַטראַכט די מענטשלעכע געשיכטע פאַר אַ פּראָדוקט פון דעם קאָסמישן געשען. וועדליק די געזעצן פון דער געשיכטע וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן,

אַם נאָענטסטן צו אונזער דערקענטעניש, האָט ער געפּרואווט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון דעם קאָסמאָס. אין דעם משל פון דער מענטשלעכער געשיכטע האָט ער געוואָלט פּותר־זיין דעם נמשל פון דער וועלט. דאָס דאָזיקע דיאַלעקטישע וועלט־בילד האָט דאַרווין געפּרואווט אויסצושפּרייטן אויף דער זאָאָלאָגישער געשיכטע פון דער וועלט. דאַרווין האָט געוואָלט די מערקווירדיקע און איינהייטלעכע דראַמע פון דער וועלט באָכוויזן אין דער לאַנגער קייט פון זאָאָלאָגישער אַנטוויקלונג. זיגמונד פרויד האָט די דראַמע פון דער וועלט־געשיכטע געוואָלט אויסגעפינען אין די דרכים פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. ממילא — אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור. סיי העגעל, סיי דאַרווין און סיי פרויד האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם אינדיווידו ווי דעם שוישפּילער פון דער פולער וועלט־דיאַלעקטיק. ווי אַ רינגעלע וואָס געהער צו דער גאַנצער קייט, און ער, דער יחיד, טראָגט אין זיין יחידישקייט דעם עפּאָס פון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע. אין דער דראַמע סיי פונעם פיזישן סיי פונעם גייסטיקן אינדי־ווידועלן לעבן חזרט זיך איבער און חזרט זיך איבער אָן אויפהער און אָן אויפהער די טראַגישע דראַמע פון דער וועלט.

אין זיין ווערק „טאָטעם און טאַבו" ווי אויך אין שפּעטערע אַרבעטן פּרואווט זיגמונד פרויד ווי אַן אמתער גאון צו רעקאָנסטרואירן דעם אינסטרו־מענט מיט וועלכן מען זאָל קלאָרער און זיכערער קאָנען אַריינקוקן אין דעם טונקלן תהום פון דער היסטאָרישער פּסיכיק פונעם יחיד. ממילא אין דער היסטאָרישער פּסיכיק פון דער מענטשהייט. אויך פרויד זעט אין דיאַלעקטישע קאָנפליקטן דעם מאָטאָר פון דער געשיכטע פון דער פּסיכיק. אין „טאָטעם און טאַבו" וויל פרויד שילדערן די גאָר ערשטע קאָנפליקטן, ווען די מענטש־הייט איז נאָך כמעט געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער חיה, און דער דיסטאַנץ צווישן מענטש און גאָרילאַ איז נאָך געווען כמעט גאָר אַ קנאַפּער. איך שרייב איצט פאַר דעם לייענער וואָס איז באַקאַנט מיט דעם פרוידיאַנישן ווערק, וואָרעם עס וואָלט מיך ווייט דערפירט איבערצוגעבן זיין אינהאַלט. אָבער איך מוז דורכאויס אויפמערקזאַם מאַכן: דער וואָס נעמט אָט־אָ די וואונדערלעכע פרוידיאַנישע קאָנסטרוקציע ווי אַ געוועזענעם רעאַלן היסטאָ־רישן פאַקט, יענער באַנעמט ניט דעם גאַנצן געבוי פון דער פרוידיאַנישער טעאָריע. אויך די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק איז נישט געמיינט ווי אַ פּשוטער רעאַלער פאַקט פון דער גענעזיס פון דער וועלט. קיין שום ערנסטער דענקער האָט נאָך נישט געהאַט די אַמביציע צו האָבן געקוקט דעם רבונו של עולם אויף די פינגער, און צו האָבן געכאַפּט די רעדעלעך און שרייפעלעך פונעם קאָסמאָס. פּונקט ווי די אַגנאָסטיקער ווייסן אויך די גנאָסטיקער אַז אין סך־הכל ווייסן מיר גאָר נישט און מיר קאָנען גאָר נישט וויסן. נישט מער, וואָס ווען די אַגנאָסטיקער האָבן פון דעם דאָזיקן „נישט וויסן" געמאַכט די העכסטע טוגנט פון דער מחשבה — האָבן זיך די גנאָסטיקער באַמיט צו באַ־גרייפן כאָטש די גרענעצן פון אונזער דערקענטעניש כדי אין זייער שפּיגל צו האָבן אַ ווייטע אַנונג וועגן די דרכים אין דעם וועלט־אַל. זיי

האָבן עס געפּרואווט צו טאָן מיט דער הילף פון קאָנסטרוקציעס. און זיי וואָלטן עס נישט געקאָנט דערגרייכן אָן די וויזיאָנערישע בילדער פון דער פאַנטאַזיע. אין זיין ווערק „טאָטעם און טאַבו" האָט זיגמונד פרויד געפּרואווט צו רעקאָנסטרואירן די ערשטע טראַגישע דראַמע פון דער מענטשהייט כדי אין איר ליכט ווי עס איז משיג צו זיין די דראַמע פון דער מענטשהייט וואָס האָט נאָך נישט אויפגעהערט, און זי געשעט און געשעט כסדר אויף דער בינע פון דער צייט. און זי רופט זיך געשיכטע.

— 4 —

דער אַנטיסעמיטיזם ליגט טיף און סטאַביל אין דער פּסיכיק פון די נישט־יידישע פעלקער, און אַנטפּלעקט זיך כסדר אין אַלע פאָרמען און באַדינגונגען פון איעדער קעגנוואַרט. דעריבער האָט פרויד אויך דעם אַנטיסעמיטיזם אָנגעהויבן צו באַטראַכטן ווי איינעם פון יענע ערשטע קאָנפליקטן אין דער אור־געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין די אורשפּרונגלעכסטע מאַטאַרן פון דער פּסיכיק. און ממילא פון אַלע געשטאַלטונגען פון דער קולטור. אפשר איז די יידישע סובסטאַנץ אין דער געשיכטע נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון איינעם פון יענע ערשטע גרויסע קאָנפליקטן. איבער גאַנץ אורשפּרונגלעכע סיבות האָט זי אָנגעהויבן איר מענטשלעכן גאַנג אין דער וועלט, אין דער זייט, אין פאָראויס, אָדער אין קעגנזאַץ פון די פעלקער. יידן האָבן נישט באַשאַפן דעם קאָנפליקט מיט די פעלקער, — נייערט דער היסטאָרישער קאָנפליקט אין דער ערשטער מענטשלעכער משפחה האָט אַזוי געווירקט, אַז דער אַרויסגעשטויסענער זון פון דער אור־האָרדע איז פאַמעלעך, פאַמעלעך געוואָרן אַ ייד. זיין ערשטע טראַגעדיע האָט באַשאַפן זיין ספּעציפיש וועלט־געפיל און זיין וועלט־אַנשויאונג וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן דער באַשטימונג פון דער וועלט און וועגן מענטשן און געטער.

וואָס איז געוועזן יענער ערשטער קאָנפליקט מיטן ערשטן ייד, דער קאָנפליקט וואָס האָט זיך נאָך עד־היום נישט אויסגעלאָשן אין דער פּסיכיק פון אַלע נישט־יידישע מענטשן און נעמט נאָך אָן עד־היום אַזעלכע בלוטיקע און חיהשע פאָרמען?

אויף צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם גייט פרויד צו מיט זיין רעקאָנסטרוקציע פון „טאָטעם און טאַבו". איידער איך וועל ווייטער רעדן דערפון וויל איך נאָך מאַכן אַ וועזנטלעכע פאָר־באַמערקונג:

אַלע וואָס האָבן אויבאויפיק באַנומען די גאַנצע פרוידיאַנישע קאָנסטרוקציע פון באַטראַכטונג, האָבן אים פאָרגעוואָרפן אַז ער האָט צו לייכט און צו מעכאַניש געגומען די אַנטשטייאונג פון דעם רעליגיעזן געפיל אין דער אור־געשיכטע. עס זאָל וועדליק פרוידן נישט זיין מער ווי דער אור־שפּרונגלעכסטער פּראָדוקט פון דעם „פאָטער־קאָמפּלעקס". הגם פרויד אַליין האָט עס געלייקנט און געזאָגט אַז דער „פאָטער־קאָמפּלעקס" איז נאָר איינער פון די מאָטיוון פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג. און אַז טויזנט מאָטיוון

שפּילן מיט אין דעם שווישפּיל פֿון דער פּסיכיק אויף די פּליינען פֿון דער צייט. עס האָט פֿרוידן גאָר נישט געפֿועלט. דער „פֿאָטער־קאָמפּלעקס״ — וועלכן פֿרויד האָט אַריינגעפֿירט ווי אַ מאָטיוו אין דער געשיכטע פֿונעם רעליגיעזן געפֿיל — האָט געווירקט אויף זיינע אויבנאויפֿיקע קעגנער ווי אַ רויטער טוך. זיי האָבן געוואַגט צו לאַכן אין די פּויסטן און געוויזן: זעט, אויף וואָסערע פּשוטע מעכאַנישע וועגן די פּסיכאָאַנאַליזע פּרוּווט זיך צו מאַכן אַ לייכט לעבן!

אָבער — צי אַנטשטייען די קאָמפּליצירטע פּראָצעסן פֿון דער געשיכטע בלויז פֿון איין מאָטיוו, מעג ער זיין דער דערהויבנסטער און דער געלייטערטסטער? די פּראָצעסן פֿון דער פּסיכיק און פֿון דער געשיכטע זענען די פּראָדוקטן פֿון דעם גאַנצן וועלט־געשען. זיי אַנטשטייען — פּונקט ווי די וועלט — פֿון אַ שלל פֿון קאָמפּליצירטע מאַטעריעס וואָס צעפֿאַלן און פֿאַרבינדן זיך אין אַלערליי סינטעזעס און געשטאַלטונגען. די גייסטיקע פּראָצעסן געשען מן־הסתם נישט אַנדערש ווי די פּראָצעסן אין דער כעמיע. אַזוי האָבן טאַקע די אַמאָליקע אַלכעמיקער געקוקט אויף די אַנטיטעזעס און סינטעזעס פֿון די עלעמענטן. אין דעם גראַד שטעקט דער ווערט און די וואָרהאַפֿטיקייט פֿונעם גייסט. גייסטיקע פּראָצעסן וואָס אַנטהאַלטן נישט אין זיך — פּונקט ווי די וועלט — אַלערליי עלעמענטן, זענען נישט מער ווי שיינע גלאַנציקע רעפֿלעקסן וואָס קומען נישט פֿון מקור פֿון דער עקסיסטענץ. זיי זענען נייערט ווי סכעמעס וואָס פֿאַרבלענדן אונדז אפֿשר — אָבער עס שטעקט נישט אין זיי דאָס מינדסטע פֿון דער תּהומישער טראַגיק פֿון דעם וועלט־געשען. מען טוט דעם רעליגיעזן געפֿיל פֿון דער מענטשהייט נישט די מינדסטע טובֿה ווען מען נעמט עס פּשוט ווי אַ ליבע מתּנה פֿון די הימלען און נישט ווי אַ טראַגישן וועלט־פּראָצעס וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַלע תּהומות און פֿון אַלע הימלען. אַ פּראָצעס וואָס אין איר געשטאַלטונג האָבן זיך באַטייליקט אַלדאָס חיהשע און אַלדאָס געטלעכע אין אונדזער פּסיכיק און אין אונדזער געשיכטע. אין דעם ליגט טאַקע דאָס טיפֿסטע און דאָס וואָרסטע און דאָס געהיימנישפֿולסטע פֿון אונדזער רעליגיעז וועלט־געפֿיל. די גאַנצע וועלט פֿון אירע נידעריקסטע ביז צו אירע דערהויבנסטע עלעמענטן האָבן זיך סובלימירט אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן וועלט־בילד וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס גאַנצע אומגעהייערע און דאָס גאַנצע איידלסטע אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין. דאָס רעליגיעזע איז אַ לייטער וואָס אירע פּיס שטייען נאָך אין די אור־געבליטן פֿון אונדזער היסטאָרישער עקסיסטענץ — רגליה יורדות מות — און איר שפּיץ דערגרייכט צו דער העכסטער גאָטהייט אין די הימלען פֿון אונדזערע השגות. פֿון וואָס מער עלעמענטן עס באַשטייט דער סינטעז פֿון דער רעליגיע אַלץ וועלט־וואָרער, אַלץ וועלט־געהיימנישפֿולער איז זי.

— 5 —

פרויד האָט די געשיכטע פון דער יידישער וועלט־טראַגיק און דעם קאָנפליקט פון יידן מיט די פעלקער אַוועקגעשטעלט ווי אַ טייל פון דעם געשעעניש אין דער אור־דראַמע פון מענטש און וועלט. די דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם אַנטשיידונגס־מאָמענט צווישן פאָטער מיט די זין אין דער אור־האָרדע. דער מאָמענט פון וועלכן עס הייבט זיך אָן דער דיאַלעקטישער גאַנג פון דער געשיכטע און פון דער קולטור. די זין האָבן דערהרגעט דעם פאָטער און אים אויפגעגעסן. פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן דאָס שפּיל פון געוויסן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. געשיכטע און קולטור זענען אפשר נישט מער ווי די געשטאַלטונגען פון דעם שולד־באַלאָדענעם געוויסן וואָס ראַנגלט זיך אינעווייניק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער קאַמף צווישן דער חרטה אויף דעם „חטא־קדמון" פון דער מענטשהייט און צווישן דער צופרידנקייט מיט דער געוואונענער פרייהייט פון אונטער דעם יאָך פון דעם אור־פאָטער. דאָס אַמביוואַלענטע געפיל — ווי פרויד רופט עס אָן — וואָס יעדער מענטש בפרט, און די מענטשהייט בכלל האָט צו יעדער טאַט פון איר לעבן און צו יעדער רעאַליטעט אין איר סביבה. דאָס דאָזיקע צווײ־פּאַכיקע געפיל — ליבע און האַס — צו יעדער זאַך, איז געוואָרן דער דראַמאַטישער מאָטאָר פון מענטשלעכן לעבן. פון נידעריקסטן פערזענלעכן געפיל ביז צו די העכסטע פאָרמען פון דער קינסטלערישער שאַפונג — אַלץ באַוועגט און געשטאַלטיקט זיך אויף דער ליניע פון אָט די צוויי — סיי אַנטיטעטישע און סיי סינטעטישע — עלעמענטן.

דער ייד, יענער איינציקער זון אין דעם דראַמאַטישן מאָמענט פון דער אור־געשיכטע האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם פאַקט וואָס מען האָט געטויט דעם איינס אין דער מענטשלעכער משפחה, — דעם פאָטער, — און אַנשטאָט די איינס, דעם פאָטער, פּראָקלאַמירט די הערשאַפט פון די זין. די הערשאַפט פון דער פילהייט, און צוגלייך די אַמביוואַלענטע באַציאונג צו דער וועלט. די באַציאונג פון ליבע און האַס. דער ייד האָט נישט געוואָלט דעם צווישפּאַלט וואָס צעררייסט די וועלט און די מענטשהייט אויף עלעמענטן וואָס קעמפן צווישן זיך אייביק דעם קאַמף פון ליבע און האַס. נייערט אין דער איינהייט פון דער וועלט־באַציאונג האָט דער ייד געזען די איינהייט פון דער ליבע און אין איר — דעם איינציקן ריכטיקן וועג פון דער מענטשהייט צו אַ צוקונפט.

אויף אָט־אָ דעם באָדן האָט זיך אָנגעהויבן דער ביטערער קאַמף צווישן יידן און נישט־יידן.

— 6 —

אַלע אַנטיסעמיטן האָבן שטענדיק געוואָלט געבן דעם יידנהאַס אַ רעליגיעזן לבוש. הגם די סיבות זענען על פּי רוב געווען אַנדערע, און האָבן גאָר אָפט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. דאָס אור־געפיל אָבער פונעם אַנטיסעמיטיזם סיי אין אַלטערטום און סיי אין

דער קעגנוואַרט האָט געהאַט טיפע אויסשטראַלונגען אויפן רעליגיעזן באָדן. דער אַנטיקער אַנטיסעמיטיזם האָט געקוקט אויף יידן ווי אויף גאָט־לעס־טערער. דאָס קריסטנטום האָט דערציילט די מעשה ווי אַזוי יידן האָבן גע־טויט גאָט, און ניט אויפגעהערט צו פאָדערן דערפאַר נקמה. און טאַקע גענומען נקמה. דער איסלאַם האָט מאָטיווירט די יידן־שנאה אין נאָמען פון דער רעליגיע. איך שטעל מיר פאָר, אַז ווען ס׳זאָל זיך אָנהויבן דער אַנטי־סעמיטיזם צווישן די שוואַרצע אין די אַפריקאַנישע אור־וועלדער, צווישן די כינעזער און אַנדערע מאָנגאָלישע פעלקער, וועט אויך דער מאָטיוו אַז יידן זענען באַגאַנגען אַ חטא־קדמון קעגן זייערע רעליגיעס, שפּילן די הויפּט־ראָל אין זייער אַנטיסעמיטיזם. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן זיין בלויז לאָגישע אויסריידן פאַר דעם טיפן איראַציאָנעלן געפיל. תמיד איז די רעליגיע דער הויפּט־מאָטיוו. רעליגיע מיינט דאָ: דאָס טונקעלע און מיטיש־קאָלעקטיווע געפיל אינעם מענטשלעכן אונטערבאַוואוסטזיין וואָס שטייט אין אייביקן קאָנפליקט מיטן יידישן עלעמענט.

— 7 —

סיי יידישע און סיי נישט־יידישע טעאָלאָגן האָבן טאַקע פון תמיד־אָן אַרויסגעהויבן דעם רעליגיעזן קאָנפליקט צווישן יידן און נישט־יידן. אָבער אונטער רעליגיע האָבן זיי פאַרשטאַנען די טעאָלאָגישע פאָרמען פון דער רעליגיע און ניט אירע טיפסטע מקורים אינעם מענטשלעכן אונטערבאַ־וואוסטזיין. עס איז פאַר אַלע וועלטלעכע דענקער דעריבער לייכט געווען אויפצואווייזן דעם ניט־לאָגישן מאָטיוו פון רעליגיע אין אַנטיסעמיטיזם. ווען די קריסטן האָבן פיינט געהאַט יידן דערפאַר וואָס יידן האָבן כלומרשט גע־קרייציקט דעם קריסטלעכן גאָט, ווי שיקט זיך עס צו דער ווילדער און בלוטיקער שנאה צו יידן מצד די איסלאַמישע פעלקער און מצד די אַלטע פערסיער, למשל, ווען זיי האָבן נאָך געדינט צום פייער־קולט פון צאַראַאָסטער? ווי שיקט זיך עס צו אַנדערע נישט־קריסטלעכע פעלקער? דער בלויזער אונטערשייד פון רעליגיע צווישן יידן און נישט־יידן איז נישט גענוג כדי צו מאָטיווירן דעם אַנטיסעמיטיזם. אָט האָבן געלעבט צווישן זיך פעלקער פון אַלערליי רעליגיעס, און די רעליגיעזע דיפערענצן צווישן זיי האָבן נישט אָנגענומען אַזעלכע מוראדיקע און סטאַבילע פאָרמען ווי די שנאה צו יידן *). פאַר די וועלטלעכע דענקער איז דעריבער לייכט געווען אַרויסצואילומינירן

*) מען קאָן נישט פאַרגלייכן די רעליגיעזע קאַמפן צווישן אַנדערע פעלקער מיט דעם קאַמף מיט יידן. די רעליגיעזע מלחמות אין דער געשיכטע פון די פעלקער האָבן געהאַט נאָר אַ פ אַ ר ב י י ג י י ע נ ד י ק ן כאַראַקטער. מען קאָן זיי תמיד מאָטיווירן און די מאָטיוון שעפּן אויס אַלע דערקלערונגען. ווען די קאַמפן האָבן זיך געשטילט האָבן זיי כמעט נישט איבערגעלאָזט קיין טיפערע שפּורן אין דער פסיכיק. אַנטקעגן יידן האָט דאָמינירט אַ טיפע אורשפּרונגלעכע שנאה וואָס איז געשטאַנען איבער אַלע מאָטיוון.

דעם רעליגיעזן מאָמענט פון אַנטיסעמיטיזם און אים צו פּאַרטוישן מיט אַ ריין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן. הגם אַנרופנדיק דעם מאָדוס מיטן נאָמען פון אַן אַטריבוט און די דערשיינונגען מיטן נאָמען פון וועזן, האָבן דאָ די וועלטלעכע אינטערפּרעטאַטאָרן פון אַנטיסעמיטיזם נישט איינמאָל דער־זען דעם ווינט צווישן זייערע פינגער, און דערלעבט נישט איין ביטערע אַנטוישונג.

פרויד האָט פון דאָס ניי מאָטיווירט דעם אַנטיסעמיטיזם מיט אַ רעלי־גיעזן עלעמענט. נאָר ער איז צוגעגאַנגען צו דער רעליגיע פון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט. נישט פון טעאָלאָגיש־ראַציאָנעלן וועלט־סיסטעם נייערט פון אַ טיף געפיל פון אַ היסטאָרישן אונטערבאַוואוסטזיין. מער ווי אַלע מענטש־לעכע וועלט־אָנשויאונגען איז די רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג אַדורכגע־נומען מיט אַלע די יעניקע עלעמענטן און סובסטאַנצן פון וועלכע עס איז אַנטשטאַנען די פּסיכישע סובסטאַנץ בכלל. גראָד ווייל די רעליגיע איז אַן איראַציאָנעלער פענאָמען, דעריבער האָבן זיך אין אירע אָפּגרונטן סינטעזירט און סובלימירט אַלע עלעמענטן פון דעם געשיכטלעכן אונטערבאַוואוסטזיין. די רעליגיע און די שפּראַכן זענען די געשיכטע אין וועלכער עס לעבן נאָך אַלע פאַרגאַנגענהייטן אונזערע. אַלע תהומישע וועלט־קוואַלן פון וועלכע מיר זענען אַרויסגעשטיגן. פון דער רעליגיע רעדן אַרויס דאָס טונקעלע בלוט און די אויפגעלויכטענע מחשבה. די חיה מיט וועלכער מיר האָבן זיך אין אַ געוויסן צייט־פּונקט פונאַנדערגעשיידט און די צוקונפט צו וועלכער מיר באַמיען זיך מיזאַם צו דערלאַנגען. די דאָזיקע צוקונפט רופן מיר: דער העכסטער גאָט און די העכסטע גערעכטיקייט.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס באַטראַכט פרויד דעם רעליגיעזן מאָמענט ווי דעם אייגנטלעכן טראַגישן מאָמענט אינעם קאַמף צווישן יידן און נישט־יידן. די זין האָבן דערהרגעט דעם אור־פאָטער און צום ערשטן מאָל צעריסן דאָס מאָניסטישע וועלט־בילד אויף אַ סך פּילהייטן. אין יענעם מאָמענט האָט דער זון, דער ייד (אפשר איז דער ידישער זון געווען דאָס איינציקע ליבלינג־קינד *) פונעם אור־פאָטער און ער האָט זיך דעריבער

---

*) אין חומש איז נישטאָ קיין שפּור פון אַ קאַמף צווישן זין מיטן פאָטער ווי אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע למשל. תמיד קעמפן אין חומש צווישן זיך די ברידער. קין און הבל, יצחק און ישמעאל, יעקב און עשו. דער מאָטיוו פון אַ ליבלינגס־זון איז שטאַרק פאַרטראָטן אין חומש. יצחק אַנטקעגן ישמעאלן. דער ליבלינגס־זון יוסף צווישן די פיינטלעכע ברידער איז אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דער קאַרעקטור ווענן פרוידס אור־האָרדע, און אַז אויך דאָרט האָט זיך געפונען אַ ליבלינג־זון און די ברידער האָבן אים דערפאַר פיינט געהאַט. די דאָזיקע דעראינערונג האָט אַנטשיידט די היס־טאָרישע קאָמפּלעקסן פון דער יידישער פּסיכיק. ליבלינג־זין געפינען מיר אָפּט אין דער קאָנסטרוקציע פון דער מענטשלעכער משפּחה, און מיר קאָנען עס — פרוידיאַניש — צוריקפירן צו דער אור־געשטאַלט.

נישט געוואַלט באַטייליקן אינעם מאָרד און נישט אין די שפּעטערע דיאַ־לעקטיש־טראַגישע קאָנסעקווענצן פון אָט דעם מאָרד. די — פּרווידיאַנישע — מאַטיוון פון דער יידישער אויסדערווילטקייט. „בני בכורי ישראל״). דער ייד — זאָג איך — האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דעם וועלט־איינס. ער האָט כסדר ווייטער געגלויבט אין דער לעבעדיקער ווערטיקייט פון דעם אור־פאָטער. ער איז זיך נישט מודה געווען אינעם טראַגישן אַקט פונעם „חטא־קדמון״. די זין זענען זיך צעגאַנגען איבער דער וועלט. זיי זענען זיך צעגאַנגען מיט די באַזונדערקייטן, מיט די געטער, מיט די וועלט־אַנשויאונגען פון דער פילהייט, מיט די פאָטערלענדער. זיי האָבן זיך געוואָלט דערווייטערן פון דעם וועלט־איינס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די פילהייטן פון די זין דער קאַמף צווישן די געטער, די קולטורן און די פאָטערלענדער. דער אַרויס־געשטויסענער זון, דער ייד, האָט אויך אָנגעהויבן זיין גאַנג איבער דער וועלט. ער איז געגאַנגען און געלייקנט אַז דער אור־פאָטער איז געטויט געוואָרן. ער האָט געזאָגט אַז נאָר די איינס איז דאָס דאָמינירנדיקע וועזן פון דער וועלט. דער יידישער מאָנאָטעאיזם האָט נישט בלויז אַ שייכות צו דער גאָט־פאָרשטעלונג. ער האָט אַ שייכות צו דער גאַנצער וועלט־פאָרשטע־לונג פונעם יידישן זון. ער האָט אַ שייכות צו דער איינס אַנטקעגן דער פילהייט. יידן האָבן געפריידיקט נישט נאָר דעם איינציקן גאָט. זיי האָבן זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן אויף אַן איינציקער ערד״, אויף אַ פאָטער־לאַנד. די ירושלימער קעמפער האָבן אויף טיטוסעס וואָרענונג זיך אונטער־צוגעבן־געענטפערט, ווי עס דערציילט יאָזעפוס פלאַוויוס: „אין דער פאָטער־שטאָט ליגט אונז דאָס מינדסטע. זי מוז אונטערגיין. און גאָט האָט נאָך אַ בעסערן טעמפּל ווי דער אין ירושלים, נעמלעך, די וועלט״. פאָטערלאַנד שטייט אין פולשטענדיק פּסיכישן קעגנזאַץ צום יידישן וועזן. יידן האָבן פּראָקלאַמירט נישט בלויז דעם איינציקן גאָט אין די הימלען, נייערט אויך די איינציקע ערד פאַר די מענטשן. דאָס וועלט־פאָלקישקייט פון יידן שטימט דורכאויס מיט זייער גאַנצער וועלט־באַנעמונג. די וועלט־באַנעמונג וואָס איז באַשטאַנען אין דעם ערשטן קאָנפליקט אין דער אור־משפּחה.

דער דאָזיקער קאָנפליקט לעבט נאָך ווי אַן אומגעשטילטער פלאַם אין דער פּסיכיק פון דער מענטשהייט.

דורך דעם וואָס יידן האָבן געוואָלט אויסלעשן די טראַגעדיע פון דער וועלט האָבן זיי באַשאַפן זייער אייגענע טראַגעדיע.

— 8 —

די פּסיכאָ־אַנאַליזע האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן אויפצודעקן די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין דער פּסיכישער געגעזיס פונעם יחיד. מיט דעם זעלביקן מעטאָד האָט זי אָנגעהויבן צו פאָרשן די געשיכטע, די שפּראַכן, די מיטאָסן און רעליגיעס פון די פעלקער. זי האָט דאָרט אויסגעפונען די זעלביקע געגעזיס פון די געשעענישן פונקט ווי זי געשעט אין דער פּסיכיק

פון דעם יחיד. לעצטנס האָבן באַדייטנדיקע פּסיכאָאַנאַליטישע פאָרשער גענומען פאַר זייער אָביעקט די יידישע רעליגיע, דעם יידישן מיטאָס און די ביבל־קריטיק. טעאָדאָר רייך האָט אין זיינע אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט געהאַט אומגעוויינטלעכן פאָרשערישן דערפאָלג.

צוריקגייענדיק צו די געדאַנקען וואָס זענען אַרויסגעזאָגט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם פאָלגנדיקן פאַקט: אין ספר „בראשית" ווערט טאַקע דער אַנטיסעמיטיזם — ד"ה דער קאָנפליקט צווישן יידן און נישטיידן — צוריקגעפירט צו טיפע אור־קוואַלן פונעם געשיכטלעכן אונטערבאַוואוסטזיין. מיר געפינען דאָרט, נעמלעך, ווי דער היסטאָרישער קאָנפליקט צווישן יעקבן און עשון הויבט זיך אָן אין דעם מוטער־לייב.

אָטאָ ראַנק אין זיין געניאַלער אַרבעט „די טרוימאַ פון דער געבורט" מאַכט נאָך אַ ווייטערן און קאָנסעקווענטערן שריט ווי פרויד. *) ראַנק פאַרלייגט נישט אַריין די גענעזיס פון די מענטשלעכע קאָנפליקטן און קאָמפּלעקסן אין דער קינדהייט, נייערט נאָך אין אַ סך פריער. ער מאַכט דאָס מוטער־לייב פאַר דעם שווי־פּלאַץ וואו עס אַנטשטייט נישט בלויז דאָס צוקונפטיקע פיזישע געשטאַלט פונעם אינדיווידו, נאָר אויך דאָס צוקונפטיקע געשטאַלט פון זיין פּסיכיק. פון דעם מוטער־לייב און שפּעטער פון דעם גרויסן אַנטשיידנדיקן „שאָק" פון דער געבורט — ווען מיר טרעטן אַריבער די גרענעץ פון צוויי וועלטן — פון דאָרט נעמען מיר מיט אויף אונזער לעבנס־וועג אַלע רעגונגען, געשטאַלטונגען און קאָמפּלעקסן פון אונזער גייסטיקן לעבן. אויף אונזער וועג אין דער וועלט אַנטוויקלען מיר נאָר דעם פאָרגעשריבענעם וועג אין דער מוטער־לייב און ביי דעם „געבורט־שאָק". אויך די בענקשאַפטן צו רו, צו ליבע און צו טויט אידענטיפיצירט ראַנק מיט דער אומגעשטילטער בענקשאַפט אין אונז צו דעם אור־צושטאַנד אין מוטער־לייב.

פון אָט־אָ דעם שטאַנדפּונקט איז יענע מערקווירדיקע סצענע אין חומש „בראשית" וועגן דעם קאַמף צווישן די „שני גויים בבטנך" ממש אַ לעבעדיקע און טיף־אַנענדיקע אילוסטראַציע צו דער ראַנקישער קאָנסטרוקציע וועגן דעם גענעטישן בילד פון דער פּסיכיק. דער מחבר פון חומש פירט דעם אַנטיסעמיטיזם צוריק צו גאָר אָן אור־צושטאַנד פון דער געשיכטע. אין יענעם אור־צושטאַנד איז אַנטשטאַנען דער קאָנפליקט מיט יידן כמעט פונקט אויף אַזאַ אופן ווי עס שילדערט אים פרויד אין זיין בוך „משה". ווי אָטאָ ראַנק וואָלט דעם טאָטעם־און־טאַבו־קאָנפליקט צוריקגעפירט נאָך צו אַ פריערן און נאָך צו אַ געהיימנישפולערן צושטאַנד אין דעם וועג פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

עס וואָלט נאָך כדאַי געווען דעם אַנטיסעמיטישן קאָנפליקט צו דערקלערן לויט דער „יונגישער" שול. נאָר דאָס דאַרף מען טון אין אַ באַזונדערער אַרבעט.

---

*) אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן יונג און זיינע תלמידים געעפנט נאָך ווייטערע און נאָך טיפערע אויסבליקן.

פון דעם ביז אַהער געזאָגטן קאָן דער לייענער שטעלן די פראַגע: אויב דער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי טיף און אַזוי אורשפּרונגלעך פאַרוואָרצלט אין די אור־קוואַלן פון דער געשיכטע, — ווי קאָנען מיר האָבן די מינדסטע האָפענונגען אים צו באַקעמפן? געהער דאָך דער אַנטיסעמיטיזם צו די ערשטע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. ווי איז עס גאָר מעגלעך אים בייצוקומען?

די זעלביקע פראַגע וואָלט יעדער קראַנקער געקאָנט שטעלן דעם פּסיכאָ־אַנאַליטיקער וואָס פאַרנעמט זיך אים צו היילן. נעמלעך: אויב די קאָמפּלעקסן און סימפּטאָמען פון מיין ליידן זענען טיף פאַרוואָרצלט אין דער געגעזיס פון מיין פּסיכיק און זיי זענען כמעט ווי עלעמענטן פון מיין וועלט־בילד — ווי אַזוי וועט איר זיך מיט זיי אַן עצה טון? וואָסער כוח האָט איר צו פאַרענדערן דאָס געשטאַלט פון מיין פּסיכיש לעבן?

דער קראַנקער וועט זיכער ניט זיין גערעכט. גערעכט וועט זיין דער אַנאַליטיקער. דורך דער גוטער און קלאָרער אַנאַליזע וועט ער די „פאַר־דרענגטע" אַפעקטן אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין אַרויפברענגען אויף די פלאַכן פון באַוואוסטזיין. ער וועט די בלינדע ליידנשאַפט פאַרוואַנדלען אין באַוואוסטזיניקער דערקענטעניש. קוים וועט דער אַנאַליטיקער דאָס דער־גרייכן, איז דער וועג צו דער היילונג ד"ה צו דער געזונטמאַכנדיקער דער־קענטעניש אַבסאָלוט נישט קיין אויסזיכטלאָזער.

וויסן איז נישט בלויז מאַכט. וויסן איז געזונט. געוויס איז אַזאַ היילונג־פּראָצעס אין די גרענעצן פון אַ יחידישער פּסיכיק פיל לייכטער און ווייניקער קאָמפּליצירט ווי אין די גרענעצן פון אַ לאַנגער פּסיכישער גענעזע אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון דער געשיכטע. אָבער אויך דאָ קאָן דאָס טיפע באַוואוסטע דערקענטעניש פון דעם אומבאַוואוסטן געבן גוטע רעזולטאַטן.

די נישט יידישע פעלקער האָבן אין זייער אונטערבאַוואוסטזיין אַרומ־געטראָגן דעם טראַגישן אור־קאָנפליקט, די צעריסנקייט פון דער וועלט, ד"ה דעם חטא־קדמון. יידן — אין קעגנזאַץ — האָבן אַרומגעטראָגן דעם מאָנאָ־טעאיזם, די וועלט־איינהייט. די קאָנפליקטלאָזיקייט פון אַן אורשפּרונגלעכער וועלט־האַרמאָניע. יידן האָבן געוואָלט פאַרלייקענען די וועלט־שולד, — ממילא האָבן זיי אין זייער ליטעראַטור קיינמאָל נישט געקאָנט שאַפן די גרויסע טראַגעדיע ווי די גריכן למשל. דורך דער טראַגעדיעלאָזיקייט פונעם יידישן וועלט־געפיל האָבן יידן זיך פאַרוויקלט אין בלוטיקסטן קאָנפליקט מיט זייערע מיט־מענטשן. זייער אייגענע — יידישע — וועלט־עקסיסטענץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער גרעסטער טראַגעדיע. אָבער זייער לעבנס־אָנשויאונג, זייער יידיש וועלט־געפיל איז מחמת דעם איינהייט־געפיל בשום אופן נישט געוועזן טראַגיש. יידן לעבן אַ טראַגיש לעבן אָבער אין תוך זייערן זענען זיי נישט קיין טראַגישע מענטשן (זע שלום עליכם). ניטשע האָט וואויל באַמערקט אַז די גריכן, הגם זיי האָבן געלעבט דאָס גליקלעכסטע לעבן, זענען

זיי געווען די טראַגישסטע מענטשן. דאָס גילט אפשר פאַר אַלע נישט־יידישע מענטשן. די זין וואָס האָבן דערהרגעט דעם פאָטער האָבן דאָס טראַגישע אַריינגענומען אין די טיפענישן פון זייער וועלט־עלעמענט. בלויז די „זינדיקע זין" האָבן געקענט שאַפן דאָס קינסטלערישע געשטאַלט פון אַ טראַגישער וועלט. קונסט איז די סובלימאַציע פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס וואָס הייסט ווירקלעכקייט. די נישט־יידן האָבן זיך אין דער גייסטיקייט סובלימירט טראַגיש. אפילו זייער רעליגיע איז אַ טראַגישע, ווי דער קרייציקונג־מאָטיוו אין קריסטנטום. בכלל אין אַלע נישט־יידישע רעליגיעס איז דאָס טראַגישע אַן עלעמענט פון דער געטער־וועלט. די געטער פון די נישט־יידן ליידן און גייען אונטער אין קאַמף פון אַ וועלט־צעריסנקייט. דער בבלישער שאַפונג־מיטאָס איז אַ בלוטיקער קאַמף פון די געטער ביי דער שוועל פון דער וועלט־שאַפונג. די פרויען וואָס באַוויינען דעם תמוז זענען נאָר אַ טייל פון דעם קלאָג־געזאַנג וואָס גייט איבער אַלע געטער.

אין דעם הימל וואָס יידן האָבן אויסגעבויט פאַר זייער גאָט־פאָרשטעלונג איז ניטאָ קיין קאַמף. דעם יידישן גאָט קאָן קיינער נישט טויטן. קיין שום קלאָג־ווייב באַדאַרף אים נישט צו באַוויינען. ער איז די העכסטע סובסטאַנץ פון דעם וועלט־איינס. די העכסטע קאָנפליקטלאָזיקייט. די העכסטע נישט־טראַגישער עקסיסטענץ.

מיט דעם דאָזיקן געפיל פאַר איינס, מיט דעם מאָנאָטעאיזם, האָבן יידן גענומען זייער גאַנג צווישן די פעלקער. דאָס מאָנאָטעאיסטישע וועלט־געפיל וואָלט געקאָנט אין דער מענטשלעכער פסיכיק צוריק אַריינברענגען דעם צושטאַנד פון פאַר דעם טראַגישן פאַרברעך. דעם צושטאַנד פון פאַר דער רציחה פון דעם אור־פאָטער פון „טאָטעם און טאַבו". דער יידישער מאָנאָטעאיזם האָט זיך כסדר פאַרנומען צו באַפרייען די וועלט פון אירע טראַגישע קאָמפּלעקסן און אַפעקטן. דער נישט־יידישער האַרטנעקיקער און בלוטיקער ווידערשטאַנד קעגן דעם יידישן וועלט־פאַרמעסט צו באַפרייען די מענטשהייט פון איר שולד־געפיל — ער געפינט אויך זיין אַנאַלאָגיע אין דער געשיכטע פון דער אינדיווידועלער פסיכיק. דער ליידנדיקער נעוראָטיקער שטעלט — בעת דער באַהאַנדלונג — דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד אַנטקעגן די אַנאַליטישע באַפרייאונגס־מעטאָדן פונעם היילנדיקן דאָקטאָר. דער קראַנקער אידענטיפיצירט מיט דער פערזאָן פונעם אַנאַליטיקער אַלע טראַגישע קאָנפליקטן פון זיינע (דעם קראַנקנס) קאָמפּלעקסן. דער מיטאָס, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ גאָט, צי דער בלוט־בלבול, אַז גראָד יידן באַגייען מאָרדן צוליב זייערע רעליגיעזע צוועקן — עס איז נישט מער ווי דאָס אָפּרעאַגירן דאָס געפיל פון געטער־מאָרד — מיט וועלכן אַלע נישט־יידישע מיטאָסן זענען פול — אינדרויסן אַרויס אויף יענער נאַציע וואָס האָט דווקא די מאָרד־שולד אַרויסגענומען פון איר גאַנצן היסטאָרישן אונטערבאַוואוסטזיין.

עס איז העכסט וואַרשיינלעך: גראָד ווייל יידן האָבן זייער פסיכישע קאָרעקטור פון דער געשיכטע געגעבן אין דער פאָרם פון אַ רעליגיע, דעריבער

האָבן זיי געהאַט אַזאַ אומגליקלעכן מיסדערפאָלג אין זייערע באַמיאונגען. זיי האָבן זיך נישט באַמיט — ווי עס וואָלט געטון דער פּסיכאָאַנאַליטיקער — די קאָמפּלעקסן פון דעם פּסיכישן אַפּעקט אַרויסצוברענגען אויף די שטחים פון באַוואוסטזיין און דאָרט זיי דערפאָלגרייך צו קאָרעגירן. נאָר אינעם באַוואוסטן קאָן מען קאָרעגירן דעם פאַרדרענגטן קאָמפּלעקס. דאָס געגנע־טישע געשען פון רעליגיעס געשעט דורכאויס אין היסטאָרישן אונטערבאַ־וואוסטזיין. עס געשעט אינמיטן דער בלינדקייט פון די קאָנפליקטן און צווישן די טריבן פון דער היסטאָרישער פּסיכיק. די רעליגיע אַליין באַטייליקט זיך מיט אין די טונקלענישן פון דעם תהום פון דער פּסיכיק. אַלע אירע קוואַלן פליסן אין אומבאַוואוסטן. ווי אַזוי קאָן זי באַוואוסט קאָרעגירן?

די יידישע — מאָנאָטעאיסטישע — רעליגיע איז דעריבער נישט בכוח געווען צו האָבן דעם היילנדיקן דערפאָלג.

די אידייע פון סאָציאַליזם האָט יידן גאָר שטאַרק פאַרכאַפּט. אינעם סאָציאַליזם האָבן יידן דערפילט די אויסשטראַלונגען פון דעם וועלט־געפיל פון אַן איינהייט אויף די שטחים פון דער ראַציאָנעלער ספערע פון מענטש־לעכער עקסיסטענץ. אויב דער סאָציאַליזם וועט נישט באַנומען ווערן ווי אַ מעכאַנישע ווירטשאַפטלעכע ענדערונג, נייערט ווי אַ מאָניסטישע וועלט־האַרמאָניע, און ווי אַ העכערע קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט פון מענטשן — קאָן ער האָבן די מעגלעכע שאַנסן ענדגילטיק צו ליקווידירן דעם אַלטן היסטאָ־רישן קאָמפּלעקס פון אַנטיסעמיטיזם. מען קאָן נישט האָפן אַז דאָס וועט געשען פון היינט אויף מאָרגן. אויך דאָ וויל איך נעמען ווי אַ ביישפּיל די דערפאָלגן פונעם פּסיכאָאַנאַליטיקער. זיי באַווייזן זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, וואָס מער עס געלינגט דעם דאָקטאָר אַרויסצוברענגען אויף דער באַוווסט־זיניקער אויבערפלאַך די פאַרדרענגטע עפעקטן אין אומבאַוואוסטזיניקן. אויך מוז מען אין זינען האָבן דורכאויס דעם עטישן סאָציאַליזם, ד״ה נישט בלויז די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון דער עקאָנאָמיק, נייערט די טאָטאַלע אומוואַנדלונג פון אַלע צעריסנקייטן פון אונזער פיזישן און גייסטיקן לעבן. אַן אומוואַנדלונג אין אַ מאָניסטישער איינס. דאָס קאָנסטרוקטיווע בילד פון אַן איינהייטלעכער קאָנפליקטלאָזער מענטשהייט אין אונזער היסטאָרישן באַוואוסטזיין האָט די מעגלעכע שאַנסן צו ליקווידירן די טיפע אַפעקטן אין דער מענטשהייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן חטא־קדמון פון „טאָטעם און טאַבו״. דער אַנטיסעמיטיזם באַלאַנגט — פּרווידיאַניש — צו די טיפסטע און גריגנט־לעכסטע אַפעקטן פון דער דאָזיקער מענטשלעכער טראַגעדיע.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1946

ווערק פון י. י. טרונק

• • •

פון דער נאַטור — נאָוועלן (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע).

פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען (פאַרלאַג „אונזער צייט״, וואַרשע).

מידע — נאָוועלן (פאַרלאַג פנחס גראַבאַרד, וואַרשע).

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט — ה. ד. נאָמבערג (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

היסטאָרישע נאָוועלן (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

נאָענט און פרעמד — עסייס (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

שלום־עליכם—זיין וועזן און זיינע ווערק (פאַרלאַג קולטור־ליגע (וואַרשע).

וועלט־חשבון — פראָזע און לידער וועגן דער וועלט.

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע).

טביה און מנחם מענדל אין יידישן וועלט־גורל (פאַרלאַג „ציקאָ, ניו־יאָרק).

פוילן — זיבן בענד (פאַרלאַג „אונזער צייט״, ניו־יאָרק).

בלעטער אויפן ווינט — לידער. ניו־יאָרק.

די יידישע פּראָזע אין פוילן אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות (צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס).

סימבּע פלאַכטע פון נאַרקאָווע אָדער דער יידישער דאָן־קיכאָט (צענט־ראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס).

כעלעמער חכמים אָדער יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט (פאַרלאַג „יידבוך״, בוענאָס איירעס).

דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט — הערשעלע אָסטראָפּאָליער (פאַרלאַג „יידבוך״, בוענאָס איירעס).

די וועלט איז פול מיט ניסים — פאָלקסטימלעכער ראָמאַן (צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס).

פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן ב' I, 252 זייטן — — — — — — — — — — $ 2.00
י. י. טרונק — פוילן ב' II, 318 זייטן — — — — — — — — — 2.50
י. י. טרונק — פוילן ב' III, 288 זייטן — — — — — — — — — 2.50
י. י. טרונק — פוילן ב' IV, 304 זייטן טעקסט,
8 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.00
י. י. טרונק — פוילן ב' V, 308 זייטן — — — — — — — — — 3.00
י. י. טרונק — פוילן ב' VI, 244 זייטן טעקסט,
4 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.00
י. י. טרונק — פוילן ב' VII, 280 זייטן טעקסט,
5 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.00
י. י. טרונק — קוואַלן און ביימער, 472 זייטן — — — — — — 4.00
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט,
48 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.50
י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן — — — — 3.00
י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 ז' טעקסט, 8 ז' בילדער — 1.50
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, 504 ז' טעקסט
32 ז' בילדער — — — — — — — — — — — — 4.00
לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 ז' טעקסט
38 בילדער — — — — — — — — — — — — — 2.50
זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — 2.50
בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ,
500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער — — 3.50
די יידן אין פוילן (אַ. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי,
וו. שולמאַן) 920 שפאַלטן פון גרויס פאָרמאַט 5.00
אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — — — — 3.00
אין די יאָרן פון יידישן חורבן — די שטים פון אונטערערדישן
בונד, 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — — — 3.00
וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — 2.00
שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער — 3.50
ערליך־אַלטער־בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — 4.00
מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן — — — — — — — — 3.00
דורות בונדיסטן — ערשטער באַנד 480 זייטן טעקסט, 79 בילדער;
צווייטער באַנד 528 זייטן טעקסט, 177 בילדער — צוזאַמען—10.00
כמורנער־בוך — 232 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — 3.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן

FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y., U. S. A.